STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01038

BATSIUNG TSU ARBET UN ARBETER

N. Shemen

Permanent preservation of this book was made possible
by Faye & Victor Morgenstern
in honor of
the marriage of Jennifer Morgenstern & Burgess Wilson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

310 (1.)

נ. שמן

באַציאונג צו אַרבעט און אַרבעטער

סאָציאַלער יושר, לויט תנ״ך, תלמוד און יהדות

באַנד 1

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
התשכ״ג - - 1963

N. SHEMEN

BATZIUNG TZU ARBET UN ARBETER

Sotzialer Yoisher Loi't Tanach, Talmud un Yahaduth

JEWISH ATTITUDE TOWARD LABOUR

Social Justice Based on Biblical, Talmudic and Rabbinic Studies

Volume I

Copyright by N. Shemen,

1 9 6 3.

Printed in Canada
by
Morris Printing Company,
345 Adelaide St. West,
Toronto, Ontario.

אינהאַלט:

זייט

במקום הקדמה — — — — — — — — — — — — — — IX

ערשטער טייל
עטיק און סאָציאַלער יושר

קאַפּיטל איינס:
די אבות פון יידישן פאָלק

א. אברהם אבינו. — דער פאַטריאַרך מיט זיין נייעם סאָציאַלן סדר. — די מידה פון חסד. — הכנסת אורחים און פדיון שבויים — — — 19

ב. יצחק אבינו. — דער בן יחיד אלס גייסטיקער יורש פון אונזער אור־פאָטער. — געבורט פון איש העקידה. — די מידה פון דין און גבורה.— די וועלט ווערט געבויט אויף חסד — — — — — — — — — — 33

ג. עקידת יצחק. — הויפט מאָטיוו אין אונזערע תפלות. — דין און רחמים. — יראה און אהבה — — — — — — — — — — 37

ד. יעקב אבינו. — דער „איש תם". — די מדה פון תפארת. — א געלויטערט לעבן פול מיט פיין און קאַמף פאַר גערעכטיקייט — — — 43

ה. מדה פון רחמנות. — אן איינגנשאַפט ביי די אבות. — אברהם אבינו וואָרצלט איין די דאָזיקע איינגנשאַפטן ביי זיינע קינדער. — דריי אַטריבוטן. — סומירונג — — — — — — — — — — — 48

קאַפּיטל צוויי:
בראשית

א. גריכישע גנאָסטיקער און יידישע מיסטיקער. — די פיר אין „פּרדס". — מה לפנים ומה לאחור. — האס און ליבע אין וועלט־עקזיסטענץ. — אָפּטימיזם. — — — — — — — — — — — — — 54

ב. קדושה אינעם מענטשנס לעבן. — גייסט־מענטשן ווי סאָציאַלע פירער.— געזעלשאַפטלעכע דבקות. — די תורה רעגולירט מענטשלעך לעבן. — יחיד און צבור — — — — — — — — — — — — 60

ג. די לערע פון „בראשית". — די מלאכים און זייער מיינונג וועגן מענטש. — דערהויבונג פון מענטש. — — — — — — — — — — — 69

ד. אדם און זיין ספר. — דער ספר „רזיאל המלאך". — עטישע ווערטן אין א באנקראָטירטער תקופה. — מקור פאַר עטיק און מאָראַל — — — 72

ה. וואָס הייסט פרום זיין. — ווער איז א „חסיד". — דער יחיד פאַר'ן צבור און דער צבור פאַר'ן יחיד. — דער אָנהויב פון יידישן פאָלק. — די אייביקע מאָראַלישע ווערטן — — — — — — — — — 74

זייט

קאפיטל דריי:

די חשיבות פונעם מענטש

א. ווי צו דערהויבן דעם מענטשן. — דורך אים די גאָזעלשאַפט. — חשיבות פון מענטשלעכן לעבן. — די אידייע פון חשיבות קאָנטרא גאָפּאַלנקייט. 79

ב. יחיד אין דער געזעלשאַפט אידייע. — מענטש ווי יצירה־קרוין. — צבורדיקע איינהייט. — — — — — — — — — — — — — 90

ג. שעפערישע פרייהייט. — מענטשלעכע פערזענלעכקייט. — עם סגולה. — קדושה ביחידות און צבורדיק. — יחיד און כלל. — — — — — — 98

ד. מענטש און שפּראַך. — לשון. — דירעקט פון גאָט. — געוואקסן און אנטוויקלט מיט דער אנטוויקלונג פונעם מענטשן־קינד. — שפּראַך און שריפט דורך עוואָלוציע. — — — — — — — — — 102

ה. זאָרג פונעם היינטיקן מענטשן. — מורא פאַר דער מאַשין. — זאָרג פאַר׳ן „מה נאכל״. — א פלאַנלאָזע ווירטשאַפט. — — — — — — — — — — 105

קאפיטל פיר:

מיסיע פון א פאָלק

א. דאָס פאָלק פון דער ביבל. — מזרח און מערב. — השפעה פון יידנטום. — רוים. — גריכנלאַנד און דער יידישער גייסט. — — — — — — — 113

ב. אמת וואָס שפּראָצט פון דער ערד. — „גדלות המוחין״ און „פרדס״ פון וויסן. — אַלמענטשלעכקייט און תכלית׳דיקייט. — — — — — — — 123

ג. ערדישע גליק דורך הימלישע געזעצן. — איין תורה פאַר אַלעמען. — רעליגיאָזיטעט וואָס באַווירקט. — — — — — — — — — — — 126

ד. דיין לעבן און יענעמ׳ס. — יחיד פאַר זיך און פאַר דעם צבור. — ניט אריינרוקן זיך אין פרעמדע גרעניצן. — — — — — — — — — — 129

ה. ווי צו דערציען דעם מענטשן. — בליק פון די מאָדערנע סאָציאַלע דענקער. — זייערע הנחות. — — — — — — — — — — 133

קאפיטל פינף:

סאָציאַלער יושר ביים נביא

א. אליהו הנביא. — אָנזאָגער פון גוטס. — קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר. — אחאב׳ס זינד. — גייסטיקע דינאַמישקייט. — פאַרוועבט אין דער אגדה. —ערשטער פון די סאָציאַלע נביאים. — — — — — — 136

ב. דאָס וואָרט פונעם נביא. — די ווירקונג. — די אידייע פון סאָציאַלער עטיק. — אוניווערסאַליזם. — קרבנות פון געזעלשאַפט־ליטערונג. — 142

ג. נביאים פאַר׳ן סאָציאַלן יושר. — פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו״. — שטימען פון פּראָטעסט און וויזיע פון פאַרמעסט. — סאָציאַלער כאַאָס און אומצופרידנקייט. — אוטאָפּיע און רעאַליטעט. — 148

ד. די הויכע אידעאַלן פון די נביאים. — וויאַזוי זיי האָבן גערעדט צום פאָלק. — „די עלטערן עסן אומצייטיקן פּרוכט״. — די שטראָף אויף די קינדער. — — — — — — — — — — — — 158

ה. די סאָציאַלע אידייע און די אוניווערסאַלע. — נבואה פון אחרית הימים. — די תורת חיים. — טרייסט אויס ליבשאַפט. — אויסדערוויילטקייט אויף תנאי. — — — — — — — — — — — — 164

זייט

קאפיטל זעקס:
די סאָציאַלע לערעס אין תלמוד

א. די נאָכפאָלגער פון נביאים. — הלכה און אגדה. — עטיש־רעליגיעזע דיסציפּלין. — דאָס זיטלעכע אין דעם לעבן פונעם יחיד און פון צבור. 172
ב. מדת הדין און מדת הרחמים. — אנטי־טעזע ווערט טעזע. — צוויי אין איינס. — אפּטימיזם. — מצוות לייטערן דעם מענטשן. — — — — 178
ג. די חכמי התלמוד און זייער באַציאונג צו ארבעט און ארבעטער. — וועג פון לעבן. — תלמידים פון רבי עקיבא. — — — — — — 185

קאפיטל זיבן:
מלכות שמים אויף דער ערד

א. ממלכת כהנים וגוי קדוש. — יסודותדיקע איינשטעלונג. — באהאנדלונג פון ארבעטער. — יושר און תיקון העולם. — — — — — — 194
ב. רייכע פונקט ווי אָרעמע דערגרייכן „מלכות שמים”. — תנאים און אמוראים וועגן ארבעט. — יגיעי כפּים. — גוט אויף דער וועלט און אויף דער קומענדיקער וועלט. — — — — — — — — — — — — 201
ג. לוקסוס און צוריקהאַלט. — שעפער פון יידישן לעבנספאָרם. — „קדש עצמך במותר לך”. — געגנום אָבער ניט קיין תאווה. — — — — — 206

קאפיטל אכט:
רבי עקיבא און די קוואַלן פון תורה

א. גרויסקייט אין תורה און אלס מנהיג. — קאמף פאר יידישקייט און פרייהייט. — זיינע וויכוחים. — לעצטער אקט פון קדוש השם. — זיינע נאָכפאָלגער אין נגלה און נסתר. — — — — — — — — — 217
ב. צו פערציק יאָר ניט געקענט לערנען. — ווערט דער „גרעסטער תנא”. — זיין פרוי יאָגט אים צו תורה. — עקיבא מיט אן „א” אָדער מיט א „ה” צום סוף. — ווערט דערמאָנט ביי „כל נדרי”. — — — — — — — — 222
ג. ר' עקיבא'ס איינפלוס. — תנאים וואָס האָבן מכבד געווען עשירים. — כשרע פרנסה. — בן עזאי און בן זומא. — לעבנס־תורה. — — — — 229

קאפיטל ניין:
שקלאפעריי און פרייהייט

א. אָנהויב פון שקלאפעריי. — די אלטע געזעצן. — פרימיטיווע פעלקער. — תורה באקעמפט שקלאפעריי און קנעכטשאפט. — — — — — — 241
ב. די פראקטיק פון שקלאפעריי. — ביי פעלקער און ביי יידן. — יסודות פון יידישער מלוכהשאפט. — — — — — — — — — — — 255
ג. דאָס אָפּשאפן שקלאפעריי. — ארבעטער אָבער ניט שקלאף. — באַציאונג צום יידישן קנעכט. — — — — — — — — — — — 260

קאפיטל צען:
הלכות פועלים און דיני עבודה

א. די דינים אין שייכות מיט ארבעט. — ארבעטסגעבער און ארבעטס־נעמער. — מאָראלישער הינטערגרונט. — — — — — — — 274
ב. צי מעג מען סטרייקן? — מיינונג פון הרב קוק. — אָרגאניזירטע ארבעטערשאפט. — — — — — — — — — — — — — 277
ג. די וויכטיקייט צו געפינען באשעפטיקונג פאר יידן. — מ'טאָר ניט נארן דעם ארבעטער. — וועגן שכירות. — ווי אים צו באהאנדלען. — — — 280

קאפיטל עלף:
עבודה און מסחר

א. קאפיטאל און ארבעט. — לויב פאר ארבעט. — תורהדיקע אויפפאסונג. 286

ב. דערהויבענע מיינונג וועגן עשירות. — פארביטערטקייט אויף קמצנישע געלט־איינזאמלער. — קאנטראסטן אין ספר איוב. — רעגולאציעס וועגן פרייזן. — תנאים סוחרים און בעלי מלאכה. — — — — — — 293

ג. תנאים און אמוראים בעלי מלאכה. — באציאונג צום יגיע כפימניק. — פאעמע וועגן ר׳ יוחנן הסנדלר. — — — — — — — — — — 296

קאפיטל צוועלף:
יידן אין אגריקולטור און אין מסחר

א. יידן בעלי מסחר. — געלט־מענטשן. — דינים וועגן הלוואות. — שטאַטישע און דאָרפישע איינוואוינער. — „יידישע געלט" — און ענטפער צו בלבול־מאכער. — — — — — — — — — — — — — 304

ב. סאָציאלע מאָטיוון אין רבנות־ליטעראטור און אין חסידות. — מצב פון יידן אין נייער צייט. — לערנען און מעשה. — — — — — — — 313

ג. תקנות בנוגע מסחר. — פון די גאונים ביז׳ן ועד ארבע ארצות. — משא ומתן מיט נים־יידן. — — — — — — — — — — — — 322

ד. דאָס פראָבלעם פרנסה אין אלע צייטן. — גורל פונעם מענטשן. — די נייע צייט. — יידן ווערן ארבעטער. — אין ארץ ישראל און אין תפוצות ישראל. — — — — — — — — — — — — 327

ה. „עם הארץ" אין דער הלכה און אין דער געזעלשאפט. — „בור" און „עם הארץ". — חילוק צווישן זיי. — — — — — — — — 333

קאפיטל דרייצן
די מוסר באוועגונג

א. תורה און מוסר. — ווילנער גאון און דובנער מגיד. — רבי חיים וואָלאָזשינער. — — — — — — — — — — — — — 343

ב. יסודות פון אמונה. — מוסר לערע. — ר׳ ישראל סאלאנטער און דער חפץ חיים. — ניט רייד נאָר מעשים. — — — — — — — — 347

קאפיטל פערצן:
שבת און שמיטה

א. פארבאָט צו טאָן מלאכה. — 39 הויפט־מלאכות. — קדושה פון שבת. — גייסטיקע און פיזישע רו. — געזאנג פון שבת. — סאָציאלער באדייט. 354

ב. וואָס די חז"ל זאָגן וועגן שמיטה. — קדושה פון שמיטה. — דינים אין שייכות מיט שמיטה־אָפּגעהיטנקייט. — — — — — — — — 363

ג. טעמים פון שמיטה און יובל. — שמיטת כספים. — געבאָט ניט אויפצומאָנען חובות. — תקנה פון הלל הנשיא. — שמיטה אין אונזער צייט. — — — — — — — — — — — — — 367

זייט

קאפיטל פופצן:
מלחמה און שלום

א. פארבאָט צו נעמען נקמה. — גאָט איז דער „איש מלחמה" און „אל נקמות". — דראנג נאָך שלום. 376

ב. דעם נביא'ס אידעאל פון שלום. — אמת און שלום אלס וועלט־באַנעם. — גייסטיקע שלימות. 381

ג. „זעל פאר זעל". — פרייד פון צדיק ווען ער זעט נקמה אינעם רשע. — נקמה אין מאסן־מערדער. — בלוט־מאַנער און גואל הדם. — יידן און ניט־יידן פריידיקער פון שלום. 386

קאפיטל זעכצן:
בענקשאַפט דורך דורות

א. אידעאל און קאָנצעפּציע. — נביאישער אחרית הימים. — גאולה פאר יחיד און וועלט. — פאר ייד און מענטשהייט. 408

ב. אמונה אויף משיח'ס קומען. — משיח תקופה. — ווי פייטנים האָבן באזונגען משיח תקופה. — גייסטיקע פערספעקטיוון דורך משיחישע אויסשטראַלונגען. 409

ג. משיח מאָטיוון. — די שטרעבונג צו באנייאונג און דערלייזונג. — גאולה טרוימען אין דער אגדה און אינעם קינסטלערישן שאפן. 414

ד. די צוויי אופנים פון משיח'ס קומען. — „קץ" און תשובה. — פלוצלונג און אין צייט. 420

ה. משיחיזם און אָפּטימיזם. — באדינגונגען פאר זיין קומען. — דרייצן עיקרים. — אויסגעבענקטע שעה. — סומירנדיקע אויספירן. 427

קאפיטל זיבעצן:
גאולה און שיבת ציון

א. בענקשאפט פון נאציאָנאלער גאולה. — טרוים פון סאָציאלן יושר. — באפרייאונג פון פאָלק, קלאס און לאנד 433

ב. חלוקי דעות וועגן מצוה פון ישוב ארץ ישראל. — וואָס הייסט דוחק זיין דעם „קץ". — רמב"ן אלס ערשטער חלוץ 434

ג. ר' צבי הירש קאלישער. — אהבה ביי חובבי ציון. — ר' עקיבא איגר און איידעם ר' משה סופר. — ראטעווען דעם תלמיד פון „חרם"־געפאר 442

ד. תלמוד בבלי און ירושלמי. — מצוות התלויות בארץ. — סנהדרין. — ווער איז בארעכטיקט צו מאכן עיבור־יאָר. 449

ה. אין אונזער תקופה. — קדושה פון א"י. — אין הלכה און אין חסידות. 454

קאפיטל אכצן
חיבת ציון און די רעליגיעז־סאָציאלע באוועגונגען

קדושה דורך תורה. — טהרה דורך עבודה. — השפעה פון הרב קוק. 465

זוכצעטל (נעמען־רעגיסטער) 475

באמערקטע דרוק־פעלערן

במקום הקדמה...

די גמרא לערנט אונז:

„בכניסתו מהו אומר: יהי רצון . . . שלא יארע דבר תקלה על ידי . . .״[1].
ווען מ׳גייט אריין אין בית מדרש לערנען תורה, דארף מען בעטן, אז עס זאל חלילה ניט טרעפן קיין שטרויכלונגען אין לערנען . . .

אין ירושלמי[2], ווערט די תפלה אויסגעברייטערט: ס׳זאל זיין דער ווילן פון השי״ת, איך זאל ניט בייזערן זיך אויף מיינע חברים און מיינע חברים זאלן זיך ניט בייזערן אויף מיר; כ׳זאל ניט פאראומרייניקן דאס ריינע און ניט ריין מאכן דאס אומריינע; כ׳זאל ניט מאכן אסור, דאס וואס איז מותר (דערלויבט) און ניט דערלויבן דאס וואס מ׳טאר ניט און זיך געפינען פארשעמט אויף דער וועלט און אויף דער קומענדיקער וועלט . . .[3]

ווען מען טרעט צו, צו אזא קאלאסאלער ארבעט, ווען די עטיש־סאציאלע לערעס און פרינציפן אין יהדות, מוז מען שטארק מתפלל זיין, ניט נכשל צו ווערן אין א שלעכטן טייטש, אין א שלעכטער אויפפאסונג; נזהר צו זיין אין ווערטער וואס מען ברענגט ארויס בכתב . . . ווייל ווי דער ירושלמי[4] לערנט אונז, קאן מען די תורה דרש׳ענען מ״ט פנים טמא און מ״ט פנים טהור און אז ר׳ מאיר האט געהאט א תלמיד ותיק, וועלכער האט געקענט באווייזן מטמא מאכן און מטהר מאכן דעם שרץ אויף הונדערט און פופציק וועגן. פלפול קאן זיין פארפירעריש[5], אבער חריפות איז געזונט! מוז מען מתפלל זיין ניט ווערן פארפירט דורך הבל׳דיקער שארפזיניקייט[6], נאר אריינדרינגען און דערגיין לעומקה של הלכה, צו דער גרינטלעכקייט פון געדאנק לויט דער גלייכער סברא און תורה אמת׳דיקייט, ווייל „אמרות ד׳ מזוקקות שבעתיים״, גאט׳ס ווארט איז לויטער לויטערקייט און מען דארף האבן טיפע יגיעה, צו דערגיין און פארשטיין די געזעצן פון דער תורה.

ס׳ווערט דערציילט אין תלמוד[7], אז ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש, זיינען אמאל געווען פארטאן אין איין פרק דריי־און־א־האלב יאר, בכדי גרינטלעך צו פארשטיין אט דעם פרק אדער סוגיא. בפרט נאך מיר, וואס גרייכן ניט אפילו צו די קרסולי־קרסוליים פון די אמוראים אדער זייערע נאכפאלגער.

ס׳איז אונז, אבער — אזוי מיינען מיר — געלונגען, נאך גרוים מי און פליים, צו באקענען דעם לייענער דורך דעם ווערק, מיט דער סאציאלער עטיק און מאראל, מיט די מנהגים און עטישע כללים און בעיקר, די באציאונגען צווישן ארבעטס־געבער און ארבעטס־נעמער, האר און שקלאף — און אלץ לויט די מקורותדיקע קוואלן פון תנ״ך און תלמוד. ווייל נאך אלע ווערק אויף די געביטן, איז נאך אלץ

געבליבן א „מקום להתגדר . . . ״, אן אָרט פאַר חידוש, ווי עס לויטעט דאָס אלטע טיף־דורכגעטראַכטע וואָרט: „הראשונים חרשו וזרעו — ואנו אין לנו מה לאכול״ (די ערשטע האָבן פאַראַקערט און פאַרזייט און דאָך האָבן מיר ניט וואָס צו עסן[8] . . . עס פאָדערט זיך נאָך א סך מי אויף קלאָר צו מאַכן פאַרשיידענע ענינים און מאַכן די געהעריקע פאַרגלייכן און אויספירן, ווייל „דברי תורה עניים במקומם ועשירים במקום אחר״[9]. אויב אויף איין אָרט איז א מאמר אומפאַר־שטענדלעך, אָרעם אין קלאָרקייט, ווערט ער באַרייכערט מיט קלאָרקייט אויף אנדערע ערטער.

יעדער דור האָט אויך רעכט אַריינצוברענגען חידוש, די תורה איז דינאַמיש און ניט סטאַטיש: „כל דור וחידוש שלו״[10].

עס איז דעריבער וויכטיק פאַר אונז, אין אונזערע טעג, ווען מדינת ישראל איז א פאַקט און פאַקטאָר, אַריינצודרינגען טיפער אין די דאָזיקע ענינים, וועלכע זיינען פון לעבנס־אינטערעס אין דער ניי־אויפגעקומענער, גוואַלטיק־אַנטוויקלטער אינדוסטריעלער מדינה און מיר דאַרפן זיין קלאָר אין די טעאָרעטיש־עטישע באַציאונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער.

און דאָ קומען אונז אינזינען די ווערטער פון ש. לוי אין זיין אַריינפיר צו „המדינה העברית״[11], אַז „מען קען ניט צעשיידן די פאַרגאַנגענהייט פון א פאָלק און זיין צוקונפט, נייערט אויפן יסוד פון די ערשטע ציגל־רייען קאָן מען ממשיך זיין א בנין״.

דאַרף מען טאַקע וויסן, בעתן צוזאַמענשטעלן די ישראל־קאָנסטיטוציע, וועגן דעם כאַראַקטער פון דער יידישער מדינה, לויט די וועלט־אַנשויאונגען פון די גרונטלייגער פון אונזער פאָלק. די תורה דאַרף דינען אלס פונדאַמענט פון סאָציאַלן יושר און דעמאָקראַטישער פרייהייט, אינם לעבן פון דער מדינה און אינם לעבן פון דעם פאָלק בכלל.

אין דעם זינען, האָפן מיר, וועט אונזער פאָרשונג זיין א בייטראַג און מיר וועלן האָבן דאָס רעכט צו געהערן צו די, אויף וועלכע ס׳ווערט געזאָגט: „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך״ („אַז דו וועסט געניסן פון דער מי פון דיינע הענט, וועט דיר זיין וואויל און גוט״). אויף וואָס דער תלמוד קאָמענטירט: „דער וואָס האָט הנאה פון זיין אייגענער אַרבעט, איז גרעסער פון א גאָטספאָרכ־טיקן מאַן״[12]. און אויב דאָס בוך וועט העלפן בעסער פאַרשטיין אָט די פאָרמולע —והיה זה שכרי . . .

אויב די אַרבעט וועט פאַרלייכטערן אין דער אויפפאַסונג פון די תורה־טערמינען אין שייכות מיט סאָציאַלער אָרדנונג און וועט צעמענטירן ריכטונגען אינם יידישן לעבן לכל הפחות אין דער פאַרשטענדעניש פון די סאָציאַל עטישע ווערטן, וועט דאָס זיין דער לוין פונם מחבר, וואָס האָט זיך באַמיט מיט אלע כוחות צו ברענגען קלאָרקייט אינם פאַרשטיין די סעקולאַריזאַציע פון דאָס אמונה׳דיקע,

פון דאָס רעליגיעזע אינם פאַרשריט פון סאָציאַליזאַציע פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט; דאָס וועט זיין א דערגרייכונג אינם אוצר פון אונזער סאָציאַל־וויסנשאַפט און במילא א דערגרייכונג פאַר דעם יידישן קולטור־לעבן, באַזירט אויף הומאַניטעט און מענטשלעכער דערהויבונג — מענטש און פאָלק זאָלן נאָכפאָלגן דעם פאַרלאַנג פונם אלטן חכם, וועמענס ווערטער זיינען אייביקע חכמה: „למען תלך בדרך טובים וארחות צדיקים תשמור. כי ישרים ישכנו ארץ, ותמימים יותרו בה”.[14]

דער פרי מגדים, אין זיין הקדמה צום אורח חיים, דריקט זיך אויס, אז אויב אין אלע זיינע חיבורים, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, האָט ער דריי מאָל מכוון געווען דעם אמת, איז גענוג פאַר אים, איז ער צופרידן . . . דער ליסער רב, ר׳ יעקב לאָרבערבוים, איינער פון די באַרימטע פוסקים אין פאַריקן יאָרהונדערט, גייט נאָך ווייטער און אין דער הקדמה צו זיין „תורת גיטין”, שרייבט ער, אז אפילו איין גוטע זאַך, איז מגין אויפן גאַנצן ספר . . .

מיר גלויבן אז איין גוטע זאַך וועט דער לייענער געווים געפינען אינם דאָזיקן בוך־ספר, וואָס איז איינס פון דריי ביכער געקניפּט און געבונדן איינס מיט דאָס אנדערע,[15] אין וועלכע ס׳ווערט געמאַכט אן ערנסטער פרואוו צו באַטראַכטן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם אין ליכט פון תורה און אויף א ברייטערן, אָביעקטיוון היס־טאָרישן אנאַליז ברענגען די געהעריקע אנאַליזן, לויט דער הנחה, אז „אין בית מדרש בלי חידוש”; אזוי אין די צייטן פון די נביאים, ווען דער רעליגיעזער פּאַטאָס האָט אָנגענומען די העכסטע פאָרמען, אזוי אין צייט פון דער משנה, ווען אלץ איז געשטעלט געוואָרן אויף דער שעפערישקייט פון דער הלכה, געבויט אינם מוסטער פון זאַכלעכקייט, לאָגיק און פּרעציזקייט — און אזוי דור נאָך דור, ביז אונזערע טעג מיטן שאַפערישן דראַנג פון אונזערע היינטיקע דענקער און גייסטיקע פירער, מיט זייער וועלט־באַנעם, באַזירט אויף סאָציאַלן יושר, היימלאַנד־באַוואוסטזיין און צוריקקער צום תנ״ך און די אלט־נייע יידישע ווערטן.

מיר לעבן דאָך אין א צייט פון די גרעסטע אויפטרייסלנדיקע געשעענישן: פון איין זייט גרעסטער חורבן, תהו ובוהו און מענטש־דעגראַדירטקייט; פון דער צווייטער זייט: נייע, ברייטע, ליכטיקע האָריזאָנטן—ווען מענטש האָט זיך דערהויבן צו דער העכסטער דערקענטעניש און סאָציאַל־באַוואוסטזיניקייט.

אין אזא צייט איז וויכטיק זיך צו באַקענען מיט די יסודות פון דער יידישער עטיק און מאָראַל, מיט די פונדאַמענטן פונם יידישן יושר און מיט די גייסטיקע ווערטן פון אונזער פאָלק פאַר די אלע דורות פון גלות־יידנטום. אויך די התגלותן אין גלות צי דאָס איז געווען הלכה, צי אגדה, צי פילאָזאָפיע, צי מיסטיציזם . . . דאָס אלץ האָט זיך אריינגעוועבט אין דער תנ״כישקייט. איצט, אין דער עפּאָכע פון מדינת ישראל, באַקומען זיי נייע רעאַליזאַציע — אלץ צוזאַמען שטאַרקט די קדושה פונם פאָלק און פונם לאַנד און צעמענטירט תורה מיט פּראַקטיק: די

פמליא של מעלה מיט פמליא של מטה ווערן היינו הך, ווערן איינהייטלעכקייט דורך מעשים פאר פאָלק און לאנד.

דער צוועק פון אָט דער ארבעט איז ארויסצוברענגען אויפן קלאָרסטן אופן, די פאזן אין דער אידייען אנטוויקלונג און היסטאָרישער געשטאלטונג פון דעם יידישן פאָלק, ווי אזוי די אידייען זיינען טראנספאָרמירט געוואָרן, באניים געוואָרן אין יעדער צייט און אין יעדער תקופה און געשטארקט א דאנק דער נאציאָנאלער דינאמיק און דורך דעם העראָיזם פון יידישע זין און טעכטער.

און דאָ א וואָרט פון ר׳ יהודה הלוי אין „כוזרי", פרענגנדיק: פארוואָס האָט זיך דער רבונו של עולם נישט באוויזן ביים בארג סיני, מיט דעם וואָס ער האָט דעם מענטשן באשאפן, נאָר גאָר מיט „אשר הוצאתיך מארץ מצרים", וואָס איך האָב דיך ארויסגענומען פון מצרים? ווייל — זאָגט דער בעל הכוזרי — דאָס בלויזע לעבן איז נאָך נישט דער תכלית היצירה. דאָס הויפּט־גליק פון לעבן איז די פרייהייט אין לעבן. דעריבער ווערט כסדר באטאָנט די ווענדונג דורך דער געטלעכקייט פארן וואויל פון מענטש: געדענקען, אז גאָט האָט דיך אויסגעלייזט פון קנעכטשאפט . . .

מיט אָט דער לאָזונג, האָט יידיש פאָלק געקענט האָבן קיום אין זיין לאנגען גלות־לעבן און תמיד געשטרעבט צו א נייעם סדר העולם, וואָס זאָל דערפירן צום אחרית הימים פון וועלט־דערלייזונג, פון תיקון העולם לויט דער גאולה־וויזיע וואָס איז טיף איינגעדרונגען אינם באוואוסטזיין פונם פאָלק. די סאָציאלע דערקענטניש האָט ארומגענומען דעם יידישן מענטש אין אלע דורות און ווי א גלגול־קייט זיך געצויגן ביז אונזערע טעג, צוקומענדיק צום נייעם שטייגער פון יידישן לעבן.

די יידישע אנשויאונג איז געווען, אז די באשעפטיקונג פונעם מענטש שטייט העכער פון דער באשעפטיקונג אין הימל און אז דורך די מדות פון חסד און צדק ווערט דער מענטש א שותף במעשי בראשית, ווי דער פסוק זאָגט: „ולדבקה בו"[16] און דער קאָמענטאר: „מה הוא רחום אף אתה רחום" . . . פארייניקן בורא מיט נברא . . .[17]

דאָס יידיש־געזעלשאפטלעכע לעבן, האָט תמיד געהאט אלס יסוד די נאציאָנאל־רעליגיעזע איינהייטלעכקייט; דאָס ישעיה־פאָלק האָט ניט געקענט בלייבן סטאטיש אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדן. תמיד געווען באהויכט פונם נביאישן קוק איבער יושר און גערעכטיקייט; תמיד געווען אונטער א דינאמישן שטאנד, אפילו ווען די מאכינאציע פון דער שטאָלענער עפּאָכע האָט זיך פארנומען מיט אָפּשניצן דאָס קרעפטיקע און וואָרצלהאפטע; סאָציאלע עטיק און גערעכטיקייט איז קיינמאָל ניט אראָפּ פונם שלחן מלכים, מאן מלכי רבנן . . . אידעאָלאָגן און טעאָרעטיקער האָבן תמיד געזוכט א וועג פון דערנענטערונג און יושר־באציאונג צווישן קאפיטאל און ארבעט: בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט.

פאר זייערע אויגן זיינען געשטאנען די צוויי מאמרים:

„הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״ . . . ״ (הלואי וואָלט איר מיך פארלאָזט אָבער מיין תורה געהיט[18]) און „כל האומר אין לו אלא תורה, גם תורה אין לו״[19] דער וואָס זאָגט, אז אים אינטערעסירט בלויז תורה, דער האָט קיין תורה אויך ניט. תורה בינדט צו מעשים און דורך מעשים ווערט תורה געהיט און במילא ווערט גאָט ניט פארלאָזט . . . דורך מעשים איז מען זיך מתדבק אין גאָט: מה הוא רחום אף אתה רחום . . .

* * *

אונזער דור איז געווען דער עדות פון דער שרעקלעכסטער קאטאסטראָפע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט; אונזער דור איז דער עדות, ווי אזוי מענטש קאָן ווערן דעגראדירט צו דער נידעריקסטער מדרגה . . . אונזער דור איז אָבער אויך אַן עדות, ווי אזוי מענטש קאָן דערהויבן ווערן צו העלדישקייט, שעפערישקייט און גייסטיקער גרויסקייט — און וועגן דעם רעדט זיך טאקע אין אָט דעם ווערק — אָביעקטיוו און ניט אפּאָלאָגעטיש — און אין די ווערטער פון ר׳ נחוניה בן הקנה „וביציאתו תפלה קצרה . . . אני נותן הודאה על חלקי״. איך דאנק דעם בורא פאר אָט דעם כח צו דערפירן די דאָזיקע ארבעט צו דער שלימותדיקייט וואָס גיט נאָך א סך אנדערע ממלא צו זיין און „להתגדר״ . . .

און איך וועל ענדיקן מיטן מאמר אין ירושלמי[20]: „דער רבונו של עולם זאָגט: אויב דו הערסט עפּעס פון א קלענערן ביי יידן און ס׳האָט דיר הנאה געטאָן, זאָלסטו ניט באציען זיך מיט ביטול, אז האָסט דאָס געהערט פון אַן איינפאכן מענטש, נייערט ווי דו וואָלסט עס געהערט פון א גרויסן מאן ביי יידן, און ניט בלויז פון א גרויסן, נאָר פון א גרויס־געלערנטן, און ניט בלויז פון א גרויס געלערנטן, נאָר ווי דו וואָלסט עס געהערט פון א נביא און ניט בלויז פון א נביא נאָר פונם פּאסטוך משה . . . ווי דו וואָלסט עס געהערט פון גאָט!״

די געדאנקען וואָס ווערן דאָ ארויסגעבראכט, זיינען באזירט אויף תנ״ך, תלמוד, רבנות, יידישע פילאָזאָפיע, הלכה און אגדה, דורך וועלכע ס׳שפּיגלט זיך אָפּ די גייסטיקע געשטאלטונג פון ישראל און זיין אל־אומפאסנדן וועלט־באנעם.

ס׳ווערט אָנגעוויזן, אויף ווי ווייט מעגלעך, דעם כּוזרישן אקסיאָם, אז יידישקייט זוכט ניט דעם אויסערלעכן עפעקט, די עסטעטיק וואָס פארכאפּט דאָס אויג, נייערט דאָס אינערלעכע, נשמה׳דיקע, די קדושה פון לעבן וואָס שאפט די העכערע עסטעטיק, די דבקות מיט געטלעכקייט.

* * *

מיין געמיט־צושטאנד און דער באוואוסטזיין וועגן דעם מצב פון דעם יידישן וואָרט אין יידיש, דיקטירן גראַד זיך צוריקצוהאלטן פון ארויסגעבן א בוך אין יידיש. מען טראכט אין גרויס זאָרג, אפשר האָט זיך ניט געלוינט די מי און האָרעוואניע פון „דמים־תרתי משמע״: אריינדרינגען אין אַן אונטערנע־

מונג, וואָס פאַרדערט בלוט און געלט, פינאַנציעלע ריזיקע לשם אידעאַל און נשמה־דיקע איבערגעגעבנקייט פאַר דעם ווילן ארויסצוברענגען דעם אמת . . .

ס'זיינען דאָ געגוג סיבות צו זיין אומרואיק פארן גורל פון יידיש־לשון. מען טאָר אָבער בשום אופן ניט אריינפאַלן אין יאוש — און מען מוז זיין באהויכט פון אַן אָפּטימיזם, וואָס איז אפילו למעלה מן השכל. ווי האָט געזאָגט סער פרענציס בייקאָן (1561־1626): „לייענען מ א כ ט דעם מענטשן . . . שרייבן מאַכט אים א פּינקטלעכן . . . ״

און נאָך א מאָמענט, בעתן פארמעסט צו שרייבן און ארויסגעבן אזא ווערק.

די יידישע ליטעראַטור אַלס אַזעלכע ראַנגלט זיך פאַר איר עקזיסטענץ, בפרט נאָך יידיש שאַפן אויף א געביט, וואָס גייט אריבער און איז אויסער דעם תחום פון יידיש לשון. אפשר טאַקע דערפאַר, פילן מיר זיך געשטאַרקט און דערמוטיקט זיך צו פארנעמען מיט אַן ארבעט פון אזא פארמעסט, אַן ארבעט וואָס איז ניט אונטערוואָרפן די מילשטיינער פונעם היינט; אַן ארבעט וואָס האָט מקור, דעם מקור פון מים חיים, קוואַלוואַסער וואָס פליסט אייביק, וואָס איז גרעניצלאָז . . .

דער מיסטישער דראַנג, ניט צו פארלירן אַן ארבעט, אויף וועלכער מ'האָט געהאָרעוועט יאָרן, לאָזט ניט אָפּ. אַלע חשבונות און לאָגישע אויספירן ווערן באַזייטיקט, צוליב אָט דעם געהיימען כח. ווי יאושדיק ס'זאָל ניט זיין, נעמט מען זיך אונטער, און מען גאַרטלט זיך אונטער, ארויסצוגעבן אזא גרויס ווערק.

צוליב פארשיידענע סיבות, זיינען אָבער אייניקע פרקים געקירצט געוואָרן און א צאָל איז לגמרי ארויסגעלאָזט געוואָרן.

די קאָנדענסירונג איז געמאַכט געוואָרן ניט מיט קיין לייכט האַרץ, אָבער צוליב נויטווענדיקייט, אריינגערעכנט דאָס פּראָבלעם הוצאות, האָט געצוואונגען אויסמיידן נאָך א דריטן באַנד . . .

מען איז אויך באַהערשט פון א טיפער אמונה, אז גראָד איצט איז די צייט ארויסצוקומען מיט אזא ווערק, טאַקע ביים אָפּשלוס פון א תקופה.

דורך לערנען דעם „זוהר״ — האָבן די בעלי הקבלה געלערנט — איז מען מקרב די גאולה, ווי אליהו הנביא האָט געזאָגט צו ר׳ שמעון בן יוחאי: „בגין דעתידין ישראל למטעם מאילנא דחיי דאיהו ספר הזוהר — יפקון ביה גלותא ברחמי.[21] מיר טראַכטן, אז אין זכות פון פאַרשן די סאָציאַלע אספּעקטן ביי אונזער פאָלק, לויט די עיקרים פון יהדות, וועלן מיר זוכה זיין, אז אונזער מדינה, די מוסטער־מדינה אין דער בחינה פון „אור לגוים״, וועט מיט זיך פארשטעלן ניט בלויז נאַציאָנאַלע גאולה, נאָר אויך סאָציאַלע און צוליב דעם אַליין לוינט זיך די אָנשטרענגונג, פילנדיק, אז מ'האָט עפּעס בייגעטראָגן צו דער פאָרשונג פון סאָציאַלער דערלייזונג.

איך דערוואַרט ניט קיין נסים — אָבער עפּעס פון א זכות דערוואַרט א מענטש! זאָל דאָס זיין צוגערעכנט צו די זכויות פון א מענטשן וועלכער איז

געזעלשאַפטלעך־עסקנותדיק פאַרנומען דעם גאַנצן לעבן, און איז דאָך געגאַנגען אַליין, אַפשר מיט עטלעכע געציילטע יחידים. איז דאָס אפשר אַ חסרון און אפשר אַ מעלה — אָבער דאָס איז זיין טבע! און אויך איצט, ביים דערשיינען פון דעם ווערק, פילט מען אַן אינערלעך־אינטימע, יחידיש־פּערזענלעכע איבערלע־בעניש און דער שכר וועט זיין, אויב ס'וועלן זיך געפינען עטלעכע יחידים, וועלכע וועלן זיך לאָזן אויפן דאָזיקן וועג, לייענען און מיטלייענען מיטן מחבר די אַלע אָפּהאַנדלונגען — והיה זה שכרי!

———————::—::———————

מיר ווילן דאָ דערמאָנען, מיט ליוב און דאַנקבאַרקייט, די וואָס האָבן דערמעגלעכט און מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק — און עס איז וויכטיק מפרסם צו מאַכן מעצענאַטן, למען יגדיל תורה . . .

אויפן פּסוק „למען הציל אותו מידם"[1], וואָס די תורה זאָגט עדות אויף ראובן, יעקב אבינו'ס בכור, אַז ער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין ברודער יוסף, באַמערקט דער רשב"א (ר' שלמה בן אדרת, די תתצ"ה—1235; ה'ע—1310): „מכאן שראוי לכתוב ולפרסם את העושה מצוה, שחרי התורה פרסמה מצות ראובן להציל את יוסף ולהשיבו אל אביו" (פון דאַנען קען מען אַרויסלערנען, אַז עס איז פּאַסיק אַרויסצושרייבן און פּאָפּולאַריזירן די וואָס טוען אַ מצוה, ווייל דו זעסט דאָך, ווי די תורה דערציילט די מצוה פון ראובן, זיין מחשבה צו ראַטעווען זיין ברודער יוסף און אים צוריקברענגען צו זיין פאָטער) און ער גיט צו, אויב די תורה טוט אַזוי, דאַרפן מיר גיין אין דעם וועג פון דער תורה, דעם וועג פון שלום און האַרמאָניע.[2]

ר' ברוך עפּשטיין אין „תורה תמימה"[3] גיט אָן דעם מקור פונם רשב"א, אַ מדרש רבה[4], אַז ווען ראובן זאָל געוווסט ווייסן, אַז די תורה וועט דאָס שרייבן אויף אים, וואָלט ער אים געטראָגן אויף זיינע אַקסלען צום פאָטער. ר' לוי זאָגט: אַמאָל, האָט אַ מענטש געטאָן אַ מצוה און דער נביא האָט פאַרשריבן; היינט אַז אַ מענטש טוט אַ מצוה, ווער פאַרשרייבט עס? אליהו הנביא פאַרשרייבט עס . . .

דער רמ"א (ר' משה איסרלש, הי ר"פ—1515; הי של"ב—1572) פּסקנט[5] אַז ווער עס איז מקדיש אַ זאַך פאַר צדקה־צוועקן, מעג מען פאַרשרייבן זיין נאָמען און דער צבור האָט ניט קיין רעכט צו שטערן.

וויל איך דאָ דערמאָנען מיט כבוד און שטאָלץ די מיטהילף ביים אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ווערק פון מיינע צוויי ידידים נאמנים, בלב ונפש איבערגעגעבענע פריינט, די באַוואוסטע עסקנים מאיר וו. געסנער, פּרעזיצער פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, צענטראַלער ראַיאָן און יוסף לעווין, פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע תלמוד־תורה'ס (בתי ספר המאוחדים בטורונטו) — צו זיי ביידען — מיין טיפסטע אָפּשאַצונג און אָנערקענונג.

נ. ש.

ל"ג בעומר, תשכ"ג

הערות

1. ברכות כ"ה, ע"ב.
2. דארט, פרק ד'.
3. זעו, בבלי כ"ח ע"ב, קאמענטירנדיק אויף דער משנה פרק ד', ב' תפלה פון ר' נחוניה בן הקנה.
4. סנהדרין, פרק ד'.
5. „מפומבדיתא את — דמעיילין פילא בקופא דמחטא" — ברכות נ"ה, ע"ב, בבא מציעא, ל"ח, ע"ב.
6. זעו, תוספות סנהדרין, י"ז, ע"א, אנהויבווארט „שיודע" און עירובין י"ג ע"ב און תוספות דארט.
7. ירושלמי, שבת, פרק ז' הלכה ה'.
8. ירושלמי, שקלים, פרק ה'.
9. ירושלמי, ר"ה, פ"ג.
10. בראשית רבה, ס"ד.
10ב. דארט, אויספירלעך.
11. „דער יידישער שטאט", ארויסג. „בטרם", תש"ח.
12. תהלים, קכ"ח, ב'.
13. ברכות ח', ע"א.
14. משלי ב', כ'-כ"א. כדי זאלסט גיין אין דעם וועג פון די גוטע, און די שטעגן פון די גערעכטע, אפהיטן. ווארום די רעכטפארטיקע וועלן באוואוינען דאס לאנד, און די אומשולדיקע וועלן בלייבן דערין.
15. די אנדערע צוויי: „די באציאונג צום פרעמדן", דערשינען אין יאר 1945 און „באציאונג צו דער פרוי", וואס איז נאך אין מחשבה־פראצעס.
16. דברים י"א, כ"ב.
17. יבמות ק"ט, ע"ב. בראשית רבה, ה'; דברים רבה, ו'; קהלת רבה, ג'.
18. פתיחתא דאיכה רבתי, א'; ירושלמי, חגיגה, א', ו'.
19. ברכות פרק ד', משנה ב'.
20. אמר הקב"ה: אם שמעת דבר מפי קטן ישראל והנייך, לא יהא בעיניך כשמעו מפי קטן אלא כשמעו מפי גדול, ולא כשמעו מפי גדול אלא כשמוע מפי חכם, ולא כשמעו מפי חכם אלא כשמעו מפי נביא, ולא כשמעו מפי נביא אלא כשמעו מפי רועה ואין רועה אלא משה . . . לא כשמעו מפי רועה אלא כשמעו מפי הגבורה . . . ירושלמי סנהדרין, פרק י"ז.
21. זע, זוהר, נשא, קכ"ד, ב'.

---

1. בראשית ל"ז, כ"ב.
2. תשובת הרשב"א, סימן תתקפ"א.
3. בראשית, דארט, אות י"ט.
4. רות פ"ה.
5. יו"ד, רמ"ט, י"ג.

ערשטער טייל

עטיק און סאָציאַלער יושר

קאפיטל איינס

די אבות פון יידישן פאָלק

א. אברהם אבינו — דער פאטריארך מיט זיין נייעם סאָציאלן סדר. — די מדה פון חסד.—הכנסת אורחים און פדיון שבויים.

ווען מען רעדט אָדער מען שרייבט וועגן סאָציאלן יושר, אָדער נאָך מער, וועגן סאָציאליזם, מיינט מען געוויינטלעך דעם מאָדערנעם סאָציאליזם וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט א וואָסערע 150 יאָר צוריק, אין דער צייט פון די אוטאָפיסטן אין מערב אייראָפע. דער אמת איז, אז דער דראנג נאָך סאָציאַלן יושר איז אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט, זינט דעם ברודער־קאמף צווישן קין און הבל. ספעציעל ביי יידן, איז דער יושר־געפיל אנטוויקלט געוואָרן זינט די אבות. די אימפולסן, די קוואלן זיינען פון די אבות, וועלכע האָבן געזוכט א פריי, שעפעריש לעבן פאר יעדן, וואָס קומט ארונטער אונטער די כנפי השכינה — און נאָך אין דער אור־תקופה פונם נאָמאדישן לעבן האָבן די אבות געזוכט שוץ פאר דעם אָרעמען, פארהאָרעוועטן.

אזוי זעען מיר עס אין תנ"ך; אזוי אין תלמוד און אזוי אין די ספרים געשאפן אינם גייסט פון דעם תלמוד. די אבות, ווערן באטראכט ניט בלויז אלס די פאטריארכן פון דער יידישער נאציע און ראסע, נאָר אויך אלס די גרונטלייגער פונם סאָציאלן יושר.

אברהם בן תרח, דער סעמיטיש־אָפשטאמיקער הויפט פון בית ישראל, געבוירן אין שנער, כאלדואימישער הויפט־שטאָט (אור כשדים), איז דער ערשטער צו פארשפרייטן די געטלעכע לערע פון מוסר און עטיק.

מ. ש. גשורי באווייזט מיט ציטאטן פון די כתבי הקודש, ווי אזוי אברהם אבינו האָט אין אור, די גרויסע שטאָט אין לעוואנט, אינם וויגעלע פון מיטל־מזרח'דיקער ציוויליזאציע, פראָפאגירט און פארשפרייט די עטישע ווערטן פונם מאָנאָטעאיזם[1]. ער באקענט אונז אויך מיט דער סביבה און קולטור וואָס האָט געהערשט אין לאנד כשדים, די אמאָליקע בבל, די שטאָט פון טורעם און דור הפלגה, די שטאָט פון אור־אלטע דערפינדער, געלערנטע און שרייבער, די שטאָט פון „שפה אחת ודברים אחדים"[2] און דאָך געזונקען אין טומאה און אין געזעלשאפטלעכער אומאָרדנונג, לויט דער תורה און מדרשים. און ניט בלויז שנער־בבל, נאָר אויך די אנדערע איראקישע (ארם נחרים) שטעט ביי די ברעגעס פון פרת און חדקל, די שטעט ארך, אכד און כלנה[3] זיינען ניט בעסער געוועזן — און אפילו די האמוראבישע געזעצן האָבן זיי ניט באווירקט.

די לענדער אַרום זיינען געווען פּרוכטבאַר און געהאַט גענוג שפע פאַר מענטשלעכער חיונה: דער באָדן פּאַסיק פאַר פּרימיטיווער אַגריקולטור; די בערג־שטיינער פאַר בנינים — אָבער די היידנישע געזעלשאַפט איז געווען אַ פאַרדאָר־בענע און דער לבנה־טעמפּל אין דער שטאָט האָט זיי קיין מאָראַל ניט געגעבן. בלויז איינער איז געווען אברהם אבינו, וואָס האָט זיך דערהויבן איבער די היידנישע מנהגים, ווי דער רמב"ם (ר' משה בן מימון, געבוירן אין קאָרדאָוואַ, שפּאַניע, ד' תתצ"ה־1135; געשטאָרבן אין פאַסטאַט, עגיפּטן, כ' טבת, ד' תתקס"ה־1205) אין „מורה נבוכים"[4], קאָמענטירט: „ס'איז באַוואוסט, אַז אברהם אבינו ע"ה איז דערצויגן געוואָרן אינם צאַוואַישן גלויבן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער כח, ווי די שטערן און די זון, אַז די פּלאַנעטן זיינען די שאַפער און באַשאַפער פון אַלץ אינם קאָסמאָס. אברהם האָט קודם־כל באַקעמפט אָט־דעם גלויבן, באַקעמפט דאָס היידנישקייט — און דערביי אויך באַקעמפט די היידנישע אָרדנונג, ניט געקוקט וואָס ער איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווי דער מדרש באַמערקט אויפ'ן פסוק „והכנעני אז בארץ"[5], אַז דאָס קומט צו לערנען, אַז דער כנעני איז אַרומגעגאַנגען און געזאָגט: זעט, דעם אַלטן משוגענעם, מיט זיינע משוגענע איינפאַלן . . .[6]. אברהם איז אָבער געגאַנגען מיט גאָט'ס כח — און געקרעגן זכות אויפן לאַנד[7].

דער דאָזיקער פּרוכטבאַרער געגנט איז שפּעטער באַזעצט געוואָרן פון סעמיטיש־נאָמאַדישע שבטים, וועלכע האָבן דאָרט אַנטוויקלט פּי־צוכט, דאָמינירט און באַהערשט די קולטור און ציוויליזאַציע מיט פאַרשיידענע פּאַגאַנישע קולטן און פאַר זייער אַרבעט גענוצט שקלאַפן, געקויפטע און געפאַנגענע, וועלכע האָבן געהאַקט שטיינער, געבויט פעסטונגען, קאַנאַלן און איריגאַציע סיסטעמען און כל־מיני שווער־אַרבעטן. די ריזיקע בבלישע מויערן — ווייזן אָן אַרכעאָלאָגן — זיינען געבויט געוואָרן דורך אָט די שקלאַפן און ניט ווייניק בלוט און טרערן איז פאַרגאָסן געוואָרן ביים שטעלן אַ שורה שטיינער . . .

אין אָט אַזאַ בלוטיקער תקופה, באַווייזט זיך אברהם אבינו מיט זיין רומפולער הכנסת אורחים, מיט זיין מקרב זיין מענטשן, אָרעמע און ליידנדיקע און ער פאַנגט אָן אַ מוסטערהאַפטע אַגיטאַציע פאַר געמיינזאַמען יושר, אין קעגנזאַץ צו יענע אור־פּרימיטיווע פאָרמען פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג — און אומעטום געלאָזט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ בורא ומנהיג, איין גאָט, וואָס האָט אַלץ און אַלעמען באַשאַפן און אַז ער פאָדערט די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון אַבסאָלוטן צדק, אַז אַלע מענטשן זיינען גאָט'ס באַשאַפענע און אַז אַלע — אָן אויסנאַם — דאַרפן דינען, דאַנקען און לויבן דעם דאָזיקן באַשעפער.

מיר ווייסן ניט, אויף ווי ווייט אברהם אבינו'ס רייד האָבן געווירקט אויף די פּרימיטיווע געצנדינער. ער האָט זיכער ניט רעוואָלוציאָניזירט די געזעלשאַפטלעכע

פארהעלטעניש. אויב ער האָט עפנטלעך פּראָטעסטירט קעגן דער נמרוד־דיקטאטור, איז ער דערפאר אין קאלך־אויוון געוואָרפן געוואָרן. ער האָט אָבער דאָך — שטעלן מיר זיך פאָר — געווירקט מיט זיין עטישער האנדלונג — זאָל זיין אין ענגן קרייז — מיט זיין אנטי־סדומישער באהאנדלונג פון אורחים . . . ער האָט מיט זיין „אשל"־מנהג, סטימולירט זיינע פריינט, די ממראס, און מסתמא אויך די ארומיקע שכנים און אזעלכע מנהגים האָבן זיך מסתמא אָנגעהויבן פארשפרייטן ביי נאָך משפחות.

ער מוז אָבער פארלאָזן חרן און די סביבה, אין וועלכער ער ווערט אויסגעלאכט און אויף גאָט'ס באפעל, מוז ער זיך ארויסלאָזן זוכן „ארץ חדשה" און „שמים חדשים" און צוזאמען מיט די מענטשן וועלכע ער, און שרה, האָבן צוגעצויגן, די „נפש אשר עשו בחרן", זוכן א יסוד פאר א נייער געזעלשאפטלעכער אָרדנונג, באזירט אויף חסד און מיטלייד צום נויטבאדערפטיקן[8].

אברהם ווערט דער מוסטער פון א שיין מאָראליש לעבן; ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם אציל־נפש, א געלויטערטע פערזענלעכקייט, א נוח לבריות און א זעלטענער מכניס אורח[9]. דערצו, א מאן, וואָס האלט זיך אזוי באשיידן, אזוי איינפאך, אז ער דריקט זיך אויס וועגן זיך: „ואנכי עפר ואפר" און שטעלט זיך איין אפילו פאר סדום־מענטשן[10] און דערגרייכט דערמיט באטראכט צו ווערן אלס „נשיא אלהים", רעספעקטירט צו ווערן פון אלעמען.

נאָך מער, ער שטעלט זיך איין פאר גערעכטיקייט אפילו ביי גאָט און האָט ניט קיין מורא אָפּצופרעגן ביי גאָט: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט"? זיך איינשטעלענדיק פאר סדום, אויב דאָרט געפינט זיך א צענדליק צדיקים, מעגן די איבעריקע זיין „רעים וחטאים, אנשי סדום" . . .

אברהם אבינו'ס לעבן איז א פילאָזאָפישע צוואה פאר זיינע קינדער; ער איז דער ערשטער, וואָס קריגט די פארשפּרעכונג אויף ארץ־ישראל; ער איז דער ערשטער מתפלל צו זיין[11]; לערנט זיין באדינער דעם ענין פון תפלה[12]; פון אים לערנען יצחק און יעקב די וויכטיקייט פון תפלה[13] און ער לערנט זיינע קינדער צו היטן גערעכטיקייט[14]. אברהם אבינו — לערנען די חז"ל — האָט אנערקענט גאָט נאָך אלס דריי־יאָריק יינגל[15], ער האָט מקיים געווען די גאנצע תורה[16] און מתקן געווען תפלת שחרית[17], וואָס זיין זון יצחק האָט ממשיך געווען מיט מנחה און זיין אייניקל יעקב — מיט מעריב. אזוי, אז זיינע טראדיציעס זיינען געבליבן אויף אייביק. ער בלייבט סימבאָליש אלס מאן פון גערעכטיקייט.

אינטערעסאנט איז אברהם אבינו'ס פּאָזיטיווע באציאונג צו ארבעט. די חכמי התלמוד אין זייער כאראקטעריזירן אונזער אור־פּאָטער, דערציילן, אז ווען ער איז געגאנגען אין ארם נהרים (איראק) און ארם נחור (סיריע) און געזען, ווי די מענטשן עסן, טרינקען און לויפן, אָבער ארבעטן ניט, האָט ער געזאָגט: הלואי זאָל איך ניט האָבן קיין חלק אין דעם לאנד. ווען ער איז אָנגעקומען צו די גרענעצן

פון צור (פענעציע) און געזען ווי זיי פאַרנעמען זיך מיט דרעשן, אַקערן, גראָבן און זייען, האָט ער געזאָגט: הלואי זאָל מיין חלק זיין אין דעם דאָזיקן לאַנד[18]. און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, די כאַראַקטעריזאַציע אין דער תורה און אין מדרשים ,אַז ער האָט ניט אַכטנדיק וואָס ער האָט געהאַט קנעכט און דינסטן, זיך ניט געשאָפט מיט זיי ווי שקלאַפן, נאָר צוזאַמען מיט זיי געטאָן די זעלביקע אַרבעטן[19].

אברהם אבינו'ס מדות: 1) הכנסת אורחים — דאָס איז געווען ביי אים די ערשטע און הויפּט־מצוה; 2) מדה פון חסד — ער בעט פאַר סדום, ניט ווייל זי פאַרדינט זיך, נאָר צוליבן חסד ד' אין זיין אויפפאַסונג (אין אונזער לשון, זיין קאָנצעפּציע), איז אַזא פאַרלאַנג באַרעכטיקט. ער איז איבערציינט, אַז אויף דער פּינקטלעכקייט פון „דין" קען די וועלט ניט האָבן קיין קיום און 3) ליבן אַרבעט און פיינט האָבן גזילה.

אברהם אבינו איז רייך מיט פי; ער האָט אַ סך פּאַסטוכער; ער אַרבעט אָבער צוזאַמען מיט זיי און זאָגט זיי אָן, ווי מדרשים ווייזן אָן, נזהר צו זיין אין גזילה, ניט צו פּאַשן זייערע פי אין פרעמדע פעלדער[20] און דערמיט נעמט ער אויס ביי אבימלכ'ן דעם קעניג פון די פּלשתים[21] און מיט זיין האַנדלונג און אָפּגעהיטנקייט מאַכט ער קיניגן דעם באַשעפער איבער הימל און ערד[22].

אברהם אבינו דערציט אַ דור און מאַכט אים גרייט צו אַ נייער ציוויליזאַציע, צו אַ נייעם גלויבן, דעם גלויבן אין אחדות אלקות, אין מאָנאָטעאיזם, און אין דער געטלעכער קראַפט, וואָס איז „עושה כל אלה" און גיט דערמיט חשיבות דעם מענטשן וואָס איז אַ חלק אלקי ממעל, דורך וועמענס נשמה עס שטראַלט אַרויס געטלעכקייט און דערהויבנקייט. ער האָט געקראָגן די דערקענטעניש, אַז אַלץ קומט פון גאָט, ווי דער נביא דריקט זיך אויס „יוצר אור ובורא חושך, עושה שלום ובורא רע — אני ד' עושה אלה!"[23].

אברהם אבינו ווערט באַטראַכט אַלס דער ערשטער ייד אויף דער וועלט. פון אים הויבט זיך אָן יידיש פאָלק, יידישע אמונה, יידישע טראַדיציע, יידישע כאַראַקטער־שטריכן — און ווי די אגדה לערנט אונז, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס נאָך איידער די תורה איז נעגעבן געוואָרן, האָט ער אָפּגעהיט אַלע מצוות, אפילו די מצווה פון תורה שבעל פה, ווי דער פסוק זאָגט: „און ער האָט אָפּגעהיט . . . מיינע תורות[24], צוויי תורות, אפילו די לייכטסטע מצוות [25], אפילו עירוב תבשילין [26]. ער האָט אָפּגעהיט די מצוות פון דער תורה שבכתב, וואָס משה האָט באַקומען אויפן באַרג סיני און די תורה שבעל פה, די פּרע־היסטאָרישע טראַדיציעס און ער אַליין האָט פאַרפאַסט, לויטן תלמוד, דאָס „ספר הישר", וואָס ווערט דערמאָנט פון משה'ן אין דער תורה [27] און ער האָט געלייגט דעם יסוד פון דער יידישער אמונה. די געטלעכע דערקענטעניש איז ביי אים געקומען אינטואיטיוו און מיט כח, ווי ער ווערט גערופן „איתן האזרחי", דער שטאַרקער

בירגער, וועלכער האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אן „אב המון גויים"[28], א וועלט־פאָטער!

צוליב אברהמען איז די וועלט געשאפן געוואָרן, ווי עס ווערט גע'דרשנט אויפן וואָרט בהבראם באברהם[29], אז צוליב אים איז די וועלט באשאפן געוואָרן. אָבער די וועלט האָט אזוי לייכט ניט געוואָלט אָננעמען אברהם אבינו'ס אמונה און התנהגות, ווי דער מדרש קאָמענטירט אויפן פסוק „ויגד לאברם העברי"[30], אז די גאנצע וועלט איז געשטאנען אויף איין זייט און ער אויף דער אנדערער זייט. ער האָט זיך אָבער ווייניק געשראָקן און אָנגעגאנגען מיט זיין סדר: געמאכט בני־שפחות פאר יידן, מכבד געווען אורחים, אפילו וואָס זייער אויסקוק איז געווען ווי אראבער[31] און די מצוה פון הכנסת אורחים פארפלאנצט אין זיינע קינדער, אינם דור, וואָס האָט געדארפט נאָכפאָלגן זיין דרך. ער איז געוואָרן דער פרינץ פון די פעלקער. ער האָט געבראכט צו זיי גאָט'ס וואָרט, זיין באגער איז געווען, אז מענטש זאָל זיך דערהויבן צו מלכות שדי.

דורות שפּעטער, האָבן יידישע דענקער אָנגעהויבן זייערע ווערק מיט לאָזונגען פונם אור־פאָטער. דער רמב"ם הויבט אָן זיין „מורה נבוכים" מיט די ווערטער: „בשם ד' אל עולם". דאָס איז געווען אברהם אבינו'ס לאָזונג[33] — א לאָזונג, וואָס נעמט אריין מציאות האלוקי און חידוש העולם.

מאָנאָטעאיסטישע געדאנקען האָבן זיך אפשר געטראָגן אין דער לופט נאָך פאר אברהם אבינו, ווי עס ווייזן פאָרשער פון אלטערטום. אין דער עגיפּטישער מיטאָלאָגיע און נאָך מער אין דער אינדישער בראהמא מיטאָלאָגיע, געפינען מיר סימנים און רמזים פון אחדות הבורא, אָבער דאָך האָט ביי זיי דאָמינירט דער צאבאיסטישער גלויבן, אז די זון איז הויפּטגאָט און די שטערן זיינע מיטגעטער. בלויז אברהם אבינו האָט פּראָקלאמירט די ריינע אמונה און במילא די דיסציפּלינירטע עטיק און מאָראל וואָס האָט אָנגעהאלטן ביי די עברים ביז תורת משה.

אברהם אבינו'ס גאָט־דערקענטעניש איז דעריבער געווען א פענאָמען, וואָס האָט ניט קיין פארגלייך; זיין גאָט־דערקענטעניש און איבערצייגונג: השופט כל הארץ לא יעשה משפט? — אז דער וועלט ריכטער מוז טאָן משפט, האָט אים געגעבן כח ניט פארברענט צו ווערן אין נמרוד'ס כבשן האש. זיינע נאָכפאָלגער — ווי חנניה מישאל ועזריה האָבן געקראָגן כח אויסצוהאלטן נבוכדנאצר'ס קאלך־אויוונס — און אונזער דור האָט באוויזן אויסצוהאלטן די נאצי גאז־אויוונס.

אברהם אבינו איז געוואָרן דער גרויסער בעל בטחון, ווייל ווער־ווער, ער האָט געזען ווי אפילו דער „חלף" איז אויפן האלז, זאָל מען זיך אלץ ניט פארלירן. ער פירט זיין איינציקן זון צו דער עקידה; ער ווייסט גאנץ גוט פונם אָנזאָג: „והעלהו שם לעולה", אז ער ברענגט יצחקן אלס קרבן; ער ווייסט דעם שרעקלעכן טאָט און מיט א פארטרויערט הארץ שטייט דער אלטיטשקער אויף פארטאָג און לאָזט זיך אין וועג . . . צום לאַנד מוריה . . . ער שפּרייזט אומדערשראָקן פאָראויס

און מיט טיפער איבערצייגונג, זאָגט ער צו זיינע באַגלייטער: „שבו לכם פה עם החמור ואני והנער נלכה . . .ונשובה אליכם״[34] (איר בלייבט דאָ און איך מיט מיין קינד וועלן גיין ביז אַהין און מיר וועלן זיך בוקן און זיך אומקערן צו אייך).

נאָך דריי טעג וואַנדערן, ווען ער דערזעעט דעם האָריזאָנט פון די בערג מוריה, צעשיידט ער זיך מיט זיינע באַגלייטער. מיט פרייד און ליבשאַפט גייט ער אויספירן גאָט׳ס שליחות, גאָט׳ס באַפעל צו ברענגען זיין זון, דעם איינציקן, דעם געליבטן . . . אויף דער עקידה, פאַר א קרבן[35]. אָבער צוריקקומענדיק פון דער עקידה, איז זיין אמונה באַפעסטיקט. ער איז איבערצייגט, אַז גאָט קען מען פאַר־טרויען, כאָטש זיינע וועגן זיינען פאַר׳ן מענטש פאַרבאָרגן.

מיט דער דאָזיקער אמונה, איבערגענומען פונם אור־פאָטער, וואַנדערט דאָס יידישע פאָלק אונטער די גרויזאַמסטע שווערע נסיונות, מיט דער אייביקער האָפנונג „ונשובה עליכם״ — אַז מיר וועלן זיך אומקערן גאַנץ און גרוים. אין דעם ליגט אפשר דער כח פון אונזער פאָלק וואָס האָט קאָנסערווירט דאָס שיינע און הערלעכע ביי אונזערע אבות און זיך איבערגעגעבן דער אייביקייט פון אונזער באַשעפער, וועמענס עקזיסטענץ איז „בלי ראשית ובלי תכלית״, ווי ער ווערט געשילדערט אין „אדון עולם״, ביים אָנהויב און ביים סוף פון די תפלות.

די וועלט האַלט זיך — לויט אונזערע חכמים — אויף דריי יסודות: אויף תורה, אויף עבודה און אויף גמילת חסדים[36] און לויטן זוהר[37] סימבאָליזירן די אבות די דריי מידות: אברהם אבינו — גמילת חסד; עבודה — יצחק אבינו; תורה — יעקב אבינו. גמילות חסדים ווערט געשטעלט אלס העכסטע מדה, וועגט איבער אלע מצוות[38] און דעריבער קען אברהם אבינו ארויסנעמען א מענטשן פון גיהנום[39] און פון די משיח־ווייען[40].

גמילת חסד איז מיט דער צייט געוואָרן דער בנין אויף וועלכן ס׳האָט זיך געהאַלטן די סאָציאַלע הילפס־אַרבעט ביי יידן און דער תלמוד שטעלט גמילת חסד העכער פון צדקה, ווייל צדקה ווערט געטאָן בלויז צו אָרימעלייט און מיט א גמילת חסד קען מען העלפן אויך רייכע; נאָך מער, פון צדקה געניסן בלויז לעבעדיקע, אָבער פון א גמילת חסד, געניסן אויך טויטע. יעקב אבינו בעט ביי זיין זון יוסף א חסד אויף נאָכ׳ן טויט, א „חסד של אמת״, ווי רש״י באַמערקט: „חסד שעושין עם המתים — הוא חסד של אמת״[41].

אין דער קאַטעגאָריע פון חסד ווערן איינגעשלאָסן: הכנסת אורחים, פדיון שבויים, נחום אבלים, הכנסת כלה, מושב זקנים, סומך נופלים, בקור חולים אא״וו.

מיט גמילת חסד־אַקטיוויטעטן האָבן זיך פאַרנומען אין אלע דורות, די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געזעלשאַפט. מיט חתונה מאַכן אָרעמע כלות, באַזונדערס יתומות, האָבן זיך פאַרנומען גרויסע רבנים און רביים. די תלמודישע ליטעראַטור, די אגדה און הלכה, אַזוי די ספרי מוסר ביז אונזערע טעג, אַזוי די

חסידות ליטעראַטור, אומעטום רעדט זיך וועגן דער וויכטיקייט פון גמילות חסד, א סגולה צו דערהויבנקייט.

די מצוה פון בקור חולים, באַזוכן קראַנקע, לערנען מיר אויך פון אברהם אבינו, ווען די שכינה איז געקומען מבקר חולה זיין דעם 3-טן טאָג פון זיין מילה[42] און מיר דאַרפן דאָך זיך אָפּלערנען פון די מדות, לויטן תלמודישן אימפּעראַטיוו: „הדבק במדותיו — מה הוא רחום, אף אתה רחום; מה הוא חנון, אף אתה חנון . . . רב הונא, אן אמורא וואָס האָט געלעבט אין בבל, אין דריטן י״ה, זאָגט, אז „ווער ס׳איז מבקר א חולה, נעמט אוועק פון אים א זעכציקסטן טייל פון זיין קראַנקהייט; זעכציק מענטשן קענען — לויט אים — אויסהיילן א קראַנקן.

בקור חולים האָט זיין אורשפּרונג, זיין אור־קוואַל אינם לעבן פון אברהם אבינו און איז פון די מצוות שאין להם שיעור און נאָך מער, מעג ער זיין אן „אדם גדול״, איז ער מחויב מבקר צו זיין דעם קראַנקען אפילו ווען ער, דער קראַנקער, איז אן „אדם קטן״[43].

דערציילט טאַקע די גמרא, אז ווען איינער פון רבי עקיבא׳ס תלמידים איז אַמאָל קראַנק געוואָרן, איז רבי עקיבא אליין געקומען אים באַזוכן. נאָך מער, ער האָט אָפּגעראַמט און געמאַכט אָרדנונג אין צימער פונם קראַנקען, אים איבערגעלייגט אויף ריינע, ציכטיקע בעטגעוואַנט און ווען דער תלמיד האָט אין גרויס באַוואונדערונג, אויסגערופן: רבי החייתנו! רבי, דו האָסט אין מיר א ניי לעבן אריינגעגעבן . . . האָט רבי עקיבא געדרשנט: „כל שאינו מבקר את החולה כאלו שופך דמים״ (דער וואָס באַזוכט ניט קיין קראַנקען, איז גלייך, ווי ער וואָלט בלוט פאַרגאָסן . . .)

בקור חולים איז באַטראַכט געוואָרן ווי א „גמילת חסד בגופו״, און די גמרא געפינט א רמז פאַר ביקור חולים, אינם פסוק: „והודעת להם את הדרך ילכו בה״[44] („דו זאָלסט זיי מאַכן וויסן דעם וועג אין וועלכן זיי זאָלן גיין״), אז דאָס האָט יתרו געראָטן משה׳ן וועגן ביקור חולים[45].

די מצוה פון בקור חולים איז טיף פאַרוואָרצלט געוואָרן אינם יידישן לעבן און איז תמיד באַטראַכט געוואָרן אלס איינס פון די יסודותדיקע התחייבותן פונם מענטש. דער תלמוד פּסקנט, אז ביקור חולים געהערט צו די מצוות וואָס האָבן קיין שיעור ניט און אז ביים באַזוכן קראַנקע דאַרף מען ניט מאַכן קיין חילוק צווישן יידן אָדער ניט־יידן[46]. עס ווערן אפילו אָנגעגעבן פּרטים ווי אַזוי און ווען מען באַדאַרף באַזוכן די קראַנקע און ניט שטערן זייער רו[47].

פון די ערשטע געזעלשאַפטלעכע הילפס־קאָמיטעטן, אָדער חברות, ביי יידן, זיינען נאָך אין צייט פון תלמוד, געווען די גמילת חסדים אקציעס. פאַרשיידענע תקנות זיינען איינגעפירט געוואָרן אויף צו שטאַרקן די דאָזיקע חברות.

אין די תקופות פון נאָכ׳ן תלמוד, געפינט מען אַזעלכע חברות, אָרגאַניזירט אין פאַרשיידענע קהלות, גאָר באַזונדערס ביי אשכנזישע יידן[48]. פון די תקנות אין

די אומצייליקע קהלות־פנקסים, סיי אין מזרח, סיי אין צענטער און סיי אין מערב־איראָפּע און נאָכדעם אין די אמעריקעס, ווערט אונז קלאָר די פאַרצווייגטקייט פון אָט די גמילת־חסד אקציעס און די הלואה פונקציעס וואָס זיי האָבן דורכגעפירט.

אין פוילן, למשל, איז אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אנט־וויקלט געווען א ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון גמילת חסד קאסעס, וואָס האָבן אויפגעטאָן וואונדערלעך־קאָנסטרוקטיווע ארבעט פאַר׳ן פּאופּעריזירטן פוילישן יידנטום. די דאָזיקע פּראָצענט־פרייע קאסעס האָבן אָפּערירט, א דאנק דער פאַרצווייגטער פילאַנטראָפּישער מיטהילף פון אמעריקאנישן „דזשאָינט". די קאסעס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט איינס פון די גרעסטע סאָציאַלע דערגרייכונגען.

געהערט דאָס ניט צו אונזער ארבעט. מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנמערקן, אז די דאָזיקע סאָציאַלע דערשיינונג, האָט אירע וואָרצלען ביז אברהם אבינו.

אינטערעסאַנט זיינען אויך די גראַדאַציעס פון גמילת־חסדים, ווי דער רמב"ם פאָרמולירט זיי:

א. איינער, וואָס גיט גערן;

ב. איינער, וואָס גיט ווייניקער, ווי ער קאָן;

ג. דער, וואָס גיט, ווען מען פאָדערט אים אויף צו געבן;

ד. איינער וואָס גיט, אפילו ווען מען פאָדערט עס ניט פון אים;

ה. הילף, וואָס דער נויטליידנדיקער ווייסט פון וועמען ער באקומט עס, אָבער דער געבער ווייסט ניט דעם נאָמען פון דעם, וועמען ער העלפט;

ו. דער געבער ווייסט דעם נאָמען פון דעם, וועמען ער העלפט, אָבער דער געהאָלפענער ווייסט ניט פון וועמען ער באקומט שטיצע;

ז. ניט דער געבער און ניט דער נעמער ווייסן ווער עס גיט און ווער עס נעמט . . . ;

ח. ווען איין ייד טרעפט אן אנדערן ייד, וואָס איז געוואָרן אן אָרעמאַן און ער גיט אים אן הלואה, אָדער עפנט מיט אים א געשעפט בשותפות, אָדער געפינט ארבעט פאַר אים, בכדי אים צו שטאַרקן עקאָנאָמיש.

א טייל פון רמב"ם׳ס גראַדאַציעס געפינט מען אין תלמוד.

וועגן ר׳ פינחס בן יאיר, דעם לעגענדאַרישן עסקן אין צייט פון תלמוד, ווערט דערציילט, אז ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן יידן: „ישראל קדושים, יש רוצה ואין לו, יש לו ואינו רוצה, יש לו ורוצה"[49]. אלע יידן — הייסט — זיינען הייליק, ווייל אלע יידן גיבן. פרעגט אָבער תוספות אויפן אָרט:[50] מיט וואָס איז דער, וואָס פאַרמאָגט און וויל ניט געבן א הייליקער? און ענטפערט: ער גיט אָבער צוליב בושה . . . איז ער דערמיט שווין א קדוש! גומלי חסד און עושי צדקה ווערן שטאַרק געלויבט און געאַכטעט און ווען איינער א ייד האָט זיך אמאָל אָפּגערופן אויף אן אפיל פון ר׳ חייא אין גרויסן בית המדרש פון טבריא מיט א פונט גאָלד, האָט אָט

דער ר׳ חייא, פאר וועמען דער טייך האָט זיך געשפּאָלטן, זיך אויסגעדריקט, אז אויף דעם ייד איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק „מתן אדם ירחיב לו”[51].

די דאָזיקע מצוה פון גמילת חסד, ווי הכנסת אורחים און פּדיון שבויים, האָבן מיר איבערגענומען פון די אבות, דער עיקר פון אברהם אבינו, וועלכער האָט עס געהאַלטן, אז די גרעסטע מצוה איז הכנסת אורחים. געלאָפן קראַנקערהייט אריינרופן די דריי אורחים וואָס זיינען אין חמימהדיקן טאָג פאַרבייגעגאַנגען זיין הויז, ניט וואַרטנדיק אויף שרה׳ן, וויסנדיק, אז „אשה עיניה צרה באורחים” — און פון אים האָט זיך אנטוויקלט ביי יידן דאָס געפיל פון צדקה[52].

ווי האָט געזאָגט איינער פון די קלוגע מנהיגים אין פּוילן, דער רבי ר׳ בונם: ווער איז א **גוטער** ייד? — א „גוטער ייד” איז דער, וואָס גיט פאר א ייד”!

זאָגט אָן די תורה: „וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך” . . . אז דער ברודער ווערט פאַראָרימט, לאָז אים ניט פאַלן, לאָז אים ניט אָנקומען צום צבור, שטאַרק אים און העלף אים שטיין אויף איינגענע פיס[53]. און דער מדרש[54] דערציילט, אין נאָמען פון ר׳ יודן בשם ר׳ ברכיה, אז אויב מען זעט, אז זכות אבות איז אראָפּ און זכות אמהות איז צעגאַנגען, זאָל מען זיך פאַרנעמען מיט גמילת חסד און ברענגט דערויף א באַווייז פון פּסוק אין ישעיה, וואָס זאָגט: „כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה, וחסדי מאתך לא ימוש”[55]. די בערג מיינט מען די אבות און די הויכעניש מיינט מען די אמהות, אז ווען זייער זכות לאָזט זיך אויס, זאָל מען זיך פאַרנעמען מיט גמילת חסד, ווי דער אויספיר פון פּסוק: „וחסדי מאתך לא ימוש”.

הכנסת אורחים, ווערט געזאָגט אין תלמוד, איז וויכטיקער ווי אויפנעמען די שכינה. מען לערנט דאָס ארויס פון אברהם אבינו, וועלכער האָט איבערגעלאָזן די שכינה און געגאַנגען מקבל זיין די דריי אורחים[56].

די אינסטיטוציע פון הכנסת אורחים איז, אזוי ארום, איינע פון די עלטסטע יידישע נאציאָנאלע אינסטיטוציעס צוזאַמען מיט נאָך זעקס אזעלכע ענלעכע פילאַנטראָפּישע לייסטונגען ביי יידן: מלבוש ערומים, בקור חולים, הלוית המת, נחום אבלים, הכנסת כלה און פּדיון שבויים.

פון אונזער שטאַם־פאָטער אברהם האָבן מיר געלערנט די מצוה פון אויסלייזן געפאַנגענע. ער האָט מיט גרויס מסירת נפש זיך געלאָזט אויסלייזן זיין פּלימעניק לוט, ניט רעכנענדיק זיך דעמיט, וואָס ער איז פון אָט דעם שיכור ווייט ניט געווען צופרידן; ער איז אָבער ניט געוועזן קיין סדום־מענטש.

אין צייט פון בית שני האָבן יידישע ישובים זיך שטאַרק פאַרנומען מיט׳ן פּראָבלעם פון אויסלייזן געפאַנגענע. ווי היסטאָריקער גיבן איבער, זיינען אומצייליקע יידן, אין צייט פון אלכסנדר דעם גרויסנס מלחמות, פאַרשלעפּט געוואָרן. עס האָט זיך געפאָדערט גענוג אָנשטרענגונג אויסצולייזן יידן אין די שכנותדיקע לענדער, וואו זיי זיינען פאַרקויפט געוואָרן אלס שקלאַפן.

יידישע קהלות אין יהודה, בבל און מצרים האָבן זיך געשטעלט פאר א

הייליקער אויפגאבע אויסצולייזן און צו באפרייען די יידן פון זייער געפאנגענשאפט. עס זיינען געשאפן געוואָרן גרויסע סומעס געלט פאר אַט דעם צוועק; און ניט קיין וואונדער, וואָס גרויסע תנאים האָבן זיך דערמיט פארנומען; אויסגעארבעט געוויסע כללים בנוגע דאָס אויסלייזן געפאנגענע.

אז די מצוה פון פדיון שבויים איז געווען גרויס און וויכטיק, איז צו זען פון דעם פאקט, אז מ׳האָט דערלויבט נוצן פאָנדן, געזאמלט פאר אנדערע צוועקן — א זאך, וואָס איז געווען שטרענג פארבאָטן! איינער פון די הרוגי מלכות — ווערט געזאָגט — האָט געקראָגן זיין עונש, צוליב דעם, וואָס ער האָט איינמאָל מחליף געווען צדקה־געלט.

ס׳ווערט אויך דערציילט, אז געלטער וואָס זיינען געווען באשטימט אויף צו בויען א שול, זיינען זיי אוועקגעגעבן געוואָרן פאר פדיון שבויים. דאָס געזאמלטע געלט איז ניט געווען גענוג אויסצולייזן אלע געפאנגענע, האָבן זיי צוערשט געראטעוועט פרויען און קינדער.

ר׳ עקיבא בן יוסף, די גרעסטע פערזענלעכקייט אין דער תנאים עפּאָכע, האָט זיך געווידמעט דער דאָזיקער מצוה און תמיד געזאמלט געלט אויסצולייזן געפאנגענע יידן. רבי פינחס בן יאיר, דער שווער פון רבי שמעון בן יוחאי, האָט זיין גאנצן לעבן געווידמעט דער דאָזיקער מצוה און דערגרייכט צו א מדרגה, אז אפילו זיין אייזל איז געווען א שומר־מצוה[57].

די שענסטע קאפיטלעך פון פדיון־שבויים אקציעס האָבן יידן געשריבן אין מיטלאלטער, ווען פיראטן האָבן זיך ארויסגעלאָזט אינם מיטללענדישן ים און געכאפט יידן אויף שיפן און געפאָדערט אויסקויף געלט.

פיראטנטום, ווי באקאנט, איז געווען זייער א גוטע פרנסה פונם עלפטן ביזן אכצנטן יאָרהונדערט. יידישע קהלות פון אלעקסאנדריע (מצרים) ביז מאלטא (דאָן שפאנישער אינזל), מארסעי (פראנקרייך) און ווענעציע (איטאליע) זיינען געווען גרייט און אָרגאניזירט פאר אַט דער הילפס־ליסטונג. מאלטא איז פשוט געווען א שקלאפן מארק, וואו די פיראטן פלעגן פארקויפן זייערע געפאנגענע. ביזן יאָר 1798, ווען דער אינזל איז אריבער צו די פראנצויזן, איז דאָרט געווען א יידישע געמיינשאפט פון שקלאפן.

בעת׳ן גירוש שפאניע און פּאָרטוגאל, האָט דער יידישער פירער און געלערנטער דאָן יצחק אברבנאל (הקצ״ז—1437; הרס״ג—1502) גאָר א סך אויפגעטאָן פאר פדיון שבויים.

ר׳ יוסף הכהן, אין זיין „עמק הבכא" באשרייבט פרטים פון פיראטישע אינצידענטן", אז עס זיינען געוואָרן איינגעפאכע ים־באנדיטן און אויך רעגירונגס־פיראטן, וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך יידן.

דער רמב״ם, וועלכער פלעגט אליין א סך טאָן פאר פדיון שבויים, שרייבט:

„פדיון שבוים שטייט העכער פון שפייזן און באקליידן אָרימעלייט און קיין

מצוה איז נים אזוי גרוים . . . . ווייל דער געפאַנגענער איז צווישן די הונגעריקע, דורשטיקע און נאַקעטע — און ער לעבט אין שטענדיקער געפאַר."

די הערלעכע עפּאָפּייע פון אויסלייזן געפאַנגענע, האָט אין מיטלאַלטער דער־גרייכט א קולמינאַציע־פּונקט מיט דער פאַנגשאַפט פון באַרימטן פּוסק און קאָדי־פיקאַטאָר פון דער יידישער הלכה, ר' מאיר ב"ר ברוך פון ראָטנבערג, וועלכער האָט פאַרצויגן צו בלייבן אין תפיסה, איידער צו ווערן א לאַסט אויף די קהלות וואָס זאָלן דאַרפן צאָלן אויסלייז־געלט. ער איז אָפּגעזעסן אכט יאָר און נפטר געוואָרן אין דער פעסטונג פון ענזיסהיים[58].

אין דער נייער צייט, איז פּדיון שבויים געוועזן פון די סאַמע נויטווענדיקסטע מצוות. נאָך די גרויזאַמע שחיטות פון ת"ת־ת"ט, מיט וועלכע ס'האָט אָנגעפירט דער קאָזאַקן־פירער באָגדאַן כמעלניצקי, זיינען טויזנטער יידן פאַרשלעפּט געוואָרן אין פאַנגשאַפט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין אנדערע האַפנס, וואו מ'האָט זיי געפירט ווי שקלאַפן צום פאַרקויפן.

די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהלה — דאַן די כמעט גרעסטע יידישע קהלה — האָט אָנגעפירט גרויסע פּדיון שבויים אקציעס אין טערקיי און באַשטימט א ספּעציעלן שליח דוד קאַרקאַסאַני קיין איטאַליע, דאָרט צו זאַמלען געלטער, זי האָט זיך אויך געווענדעט צום „ועד ארבע ארצות" אין לובלין נאָך הילף — און די לעצטע, די אָפיציעלע אינסטאַנץ פון מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום, האָט ביי איינער פון די אויסעראָרדנטלעכע זיצונגען אָנגענומען א ריי תקנות בנוגע דעם פּראָבלעם פון פּדיון שבויים.

די אַלע אָנשטרענגונגען — מוזן מיר אָננעמען — האָבן זייער מקור אין די באַציאונגען פון די אבות צום סאָציאַלן יושר און זייער באַמיאונג צו ראַטעווען און העלפן מענטשן.

דאָ איז אין פּלאַץ, א חסידיש וואָרט אויפן פּסוק „והיה ברכה", וואָס רש"י קאָמענטירט: „בך חותמין ולא בהם". פּשוט, מיינט עס, אז די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה ענדיקט זיך מיט „מגן אברהם", ווייל ער איז דער פאָטער פון די אבות. ר' יחזקאל טויב (דער קאַזימירער רבי, שטאַם־פאָטער פון מאָדזשיצער דינאַסטיע) האָט דאָס אָבער דערקלערט מיט דעם מאמר אין אבות: „על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים" און אז די אָבות האָבן סימבאָליזירט די דאָזיקע דריי עמודים פון דער וועלט: אברהם — דער זייל פון גמילות חסדים; יצחק וועלכער איז גרייט געווען זיך לאָזן ברענגען אלס קרבן אויף דער עקדה — איז געווען דער עמוד העבודה; און יעקב וועלכער האָט געלערנט — לויט די חז"ל — אין בית מדרש פון שם ועבר איז געווען דער עמוד התורה.

בעיקבתא דמשיחא, אין צייט פון דער משיח עפּאָכע, ווען עס וועט נתמעט ווערן דער לימוד התורה און עס וועט נישט זיין קיין עבודה, וועלן יידן עקזיסטירן

בלויז אין זכות פון גמילת חסדים — און דאָס מיינט רש"י, „בך חותמין", מיט דיר וועט מען ענדיקן דעם גלות און אויף דיר וועלן זיי זיך האַלטן . . . [59]

אברהם מיט זיין אויפפירן זיך, האָט געבראַכט ברכות פאַר גאָט, האָט השם־יתברך אים פאַרזיכערט אייביקע ברכות ביי די מענטשן[60]. ער איז אויך געווען דער גרויסער מאמין — אָפּטימיסט, „והאמין בד'[61], האָט ער דערפאַר געקראָגן גרויס אַנערקענונג ביי השם יתברך[62] און געקראָגן דעם טיטל „תמים", דער גאַנצער מענטש, „הולך תמים ופועל צדק"[63], וואָס איז געמיינט לויט ר' שמלאי[64] אברהם אבינו, דעם גאַנצן מענטשן.

אברהם אבינו איז כולו חסד, רחמים וחנינה. מיט זיין האַנדלונג, ראַטעווענדיק אָרימעלייט, ווערט ער באַטראַכט ווי ער וואָלט זיי באַשאַפן, לויט'ן זוהר, קאָמענטירנדיק אויפן פריער דערמאָנטן פּסוק „ואת הנפש אשר עשו בחרן", ווער עס דערנערט אַ מענטשן, איז ווי ער וואָלט אים באַשאַפן.

פון אברהם אבינו לערנט מען אַרויס, אַז הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל פּנים זיין די שכינה[65]. פאַרוואָס עפּעס גרעסער? דערקלערט זיך עס דערמיט, וואָס די חז"ל זאָגן, אַז „אשה עיניה צרה באורחים", אַז אַ פרוי איז בטבע נישט גאַסט־פריינטלעך צו קיין אורחים; און ווידער ווערט געזאָגט, אַז „איש ואשה שכינה ביניהם", אַז אויב מאַן און ווייב לעבן בשלום, רוט צווישן זיי די שכינה . . . ווען הכנסת אורחים וואָלט געווען בלויז גלייך צו קבלת פּני שכינה, וואָלט זיך דער מאַן געטראַכט, צו וואָס זיך קריגן מיט'ן ווייב, אַרויסטרייבן די שכינה און ערשט שפּעטער זי קרינן מיט דער הילף פון די אורחים, בעסער ניט נעמען קיין אורחים און לעבן בשלום מיטן ווייב, וועט די שכינה במילא רוען אין מיין הויז . . . דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט, אַז פון אברהם אבינו לערנען מיר אַרויס, אַז הכנסת אורחים איז אַ גרעסערע מצוה און שטייט העכער פון קבלת פּני שכינה, אברהם הייסט וואַרטן די שכינה און לויפט אויפנעמען די געסט. . .[65].

ניט קיין וואונדער, וואָס ביי קיין שום פאָלק אין דער וועלט, איז דער עטישער פּרינציפּ פון צדקה נישט אַזוי אַנטוויקלט טעאָרעטיש און פּראַקטיש, ווי ביי יידן. צדקה איז איינער פון די גרונט־פּרינציפּן פון יידישקייט און די חכמים גייען אַזוי ווייט צו דערקלערן צדקה אַלס די איבערוועגנדיקע מצוה: „שקולה צדקה כנגד כל המצוות"[66]

די מדה פון צדקה איז איבערגענומען געוואָרן פון אברהם אבינו. ער ווערט אויסגעקליבן פון גאָט ווייל, ווי דער פּסוק לויטעט: אשר יצוה את בניו ואת ביתו . . . לעשות צדקה[67] — ער וועט באַפעלן זיינע קינדער, זיי זאָלן היטן ג־ט'ס וועג צו טאָן צדקה און דערפאַר זאָגן טאַקע די חז"ל: כל המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אבינו[68] און מ'דאַרף אונטערשטרייכן דאָס וואָרט הבריות — וואָס איז כולל אַלע מענטשן, אַלע באַשאַפענע . . . אינם זין פונם פּסוק: הטיבה ה' לטובים, ווי די חז"ל קאָמענטירן: צו אַלע גוטע לייט!

די יידישע עטיק אנערקענט און לויבט די מעשים פון **אַלע גוטע לייט** און רופט צו העלפן מיט מעשים אַלע **נויטבאַדערפטיקע.**

די נביאים האָבן געזאָרגט פאַרן גורל פון אַלע פעלקער, ווי זיי האָבן געזאָרגט פאַרן גורל פון דעם יידישן פאָלק. זייערע נאָכפאָלגער האָבן זיך געהאַלטן ביים כלל פון חביב אדם שנברא בצלם — געליבט איז דער מענטש וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין געטלעכן געשטאַלט[69]. **דער מענטש, יעדער אָרנטלעכער מענטש.**

האַלטנדיק זיך ביי אָט דער קאָנצעפּציע, ווערט געפּסקנט אין תלמוד[70], אַז מפרנסין עניי עכו״ם עם עניי ישראל און „בשוה להם" — מ'דאַרף די ניט־יידישע אָרימעלייט באַהאַנדלען געניי און פּינקטלעך אַזוי גוט ווי די יידישע.

ווען רב הונא האָט געגעסן זיין ברויט, ווערט דערציילט, האָט ער אויפגעעפנט אַלע טירן פון זיין הויז און געזאָגט: ווער ס'איז הונגעריק, זאָל אַריינקומען און עסן — ווער! ניט קיין חילוק פון ייד אָדער ניט־ייד[71].

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, א סך צו טאָן מיט דער הנחה, אַז כל המקיים נפש אחת . . . איז כאלו קיים עולם מלא, אין אייניקע נוסחאות איז דאָ געמיינט יעדן נפש[72] און איינער פון די פוסקים, ר' יעקב עמדין, פאַרענטפערט דערמיט די דאָפּלטקייט אין דער הגדה כל דכפין . . . כל דצריך . . . אַז כל דכפין, יעדער וואָס איז הונגעריק, איז געווען א רוף צו אַלע אָרימעלייט, אויך צו גויישע . . . כל דצריך, מיינט נאָר די יידישע וואָס דאַרפן האָבן א קרבן פסח.

אונזער גאַנצע ליטעראַטור, פון תנ״ך און תלמוד, איז אָנגעפּיקעוועט מיט באַפעלן און אָנזאָגן וועגן דער מצוה פון צדקה און מיט עפּיזאָדן וועלכע אילוס־טרירן מיט פאַקטן אויף א גאַר גלענצנדיקן אופן די דערהויבונג פון צדקה אין אַלע פאָרמען און די איינשליסונג פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אין אָט דער מצוה.

צדקה איז באַטראַכט געוואָרן פאַר א געזעלשאַפטלעכער התחייבות. דאָס וואָרט צדקה באַדייט דאָך גערעכטיקייט, ווייל דערמיט טוט מען גערעכטיקייט צו די ווייניקער פּריווילעגירטע. די צדקה דאַרף אויך פּלאַנירט ווערן, ווי דער רמב״ם באַמערקט, אַז צדקה דאַרף געגעבן ווערן מיט כוונה, אויסצוהיטן יענעם פון אָרימקייט, אים העלפן לערנען א מלאכה, עפענען פאַר אים א געשעפט, כדי ער זאָל זיך פאַרדינען אויף חיונה. צדקה לערנט אונז די קבלה, מאַכט שלום בעליונים ובתחתונים, אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן[73].

די דאָזיקע מדות, די מדה פון צדקה און חסד, האָט דאָס יידישע פאָלק איבער־גענומען פון זיין שטאַם־פאָטער, פון אברהם אבינו.

* * *

אין מדרשים און אגדות ווערט, ווי געזאָגט, א סך גערעדט און דערציילט וועגן דער גרויסקייט פון אברהם אבינו. פאַראַן א מדרש[73], וואָס זאָגט, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן אין זכות פון אברהם אבינו. און אַנדער מדרש: אַז אברהם

אבינו האָט געדאַרפט געבוירן ווערן פאַר אדם הראשון, דורך וועמען די תורה האָט באַדאַרפט געגעבן ווערן[75].

ווען דער נביא וויל אַפּעלירן צו יידן, זיי זאָלן זיך דערהויבן עטיש און מאָראַליש, דערמאָנט ער זיי אינם אַפּשטאַם, אַז זיי שטאַמען פון אברהם און שרה, „הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם"[76].

אברהם ווערט באַטראַכט פאַר דעם מענטשנקינד, וואָס האָט געמאַכט גאָט אַלס קעניג פון הימל און ערד: „עד שלא בא אברהם אבינו לעולם, כביכול לא היה הקב"ה אלא על השמים בלבד . . . אבל משבא אברהם אבינו המליכו על השמים ועל הארץ"[77]. און ווען מען רעדט וועגן דער פּערזאָן, וואָס קען אַרויף צו גאָט'ס באַרג און דאָרט שטיין, ווערט געזאָגט, אַז עס איז געווען אברהם[78].

פאַרוואָס איז אברהם אַזוי גרויס געוואָרן? טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט באַוויזן איבערצוקומען, אויסצוהאַלטן די צען נסיונות און נאָך יעדן נסיון איז ער געוואָרן אַ נייער מענטש[79].

וועגן די אבות בכלל, ווערט געזאָגט, אַז זיי האָבן באַהערשט דעם יצר הרע און ער האָט איבער זיי קיין שליטה ניט געהאַט[80].

די אבות זיינען געוואָרן סימבאָלן: אברהם פירט אַ וואַנדער־לעבן, פול לייד און פּיין — אָבער מיט האָפנונג און שטאַרקונג דורך אמונה וואָס איז מעכטיקער ווי די פעלזן־בערג צווישן וועלכע ער פירט זיינע סטאַדעס. יצחק האָט די גבורה צו בלייבן רואיק אונטער'ן בלאַנק פון מעסער וואָס ווערט געהויבן איבער זיין האַלז. יעקב איז דער שווערער אַרבעטער, וועלכער נעמט אַלץ צוליב, ווייל ער ליבט, ווייל ער האָט אַ ציל אין ליבן און אין לעבן . . .

הלל צייטלין האָט אַמאָל, אויפן סמך פון קבלה־ספרים, זיך אויסגעדריקט, אַז די אבות סימבאָליזירן די דריי הויפּט יום־טובים, די שלש רגלים און יעקב שטעלט מיט זיך פאָר די סוכה, אַ רמז דערויף: „ויעקב נסע סכותה"[81] און יעקב־סוכות שטעלט מיט זיך פאָר די יידישע געשיכטע: שנאה פון און פחד פאַר דעם אייביקן עשו־עמלק. יעקב האָט אָבער ניט קיין מורא, ער שרעקט זיך ניט, „אל תירא עבדי יעקב"[82] און יעקב באַקעמפט אפילו דעם מלאך, שרו של עשו, ווען ער וויל אים שלעכטס טאָן.

פונוואַנען האָט יעקב גענומען זיין שטאַרקייט? פון אברהם אבינו, ביים אייניקל ווי ביים זיידן איז דאָ די תמימות. ביי אברהם אבינו זאָגט דער פּסוק: „התהלך לפני והיה תמים"[83] און ביי יעקב אבינו: „ויעקב איש תם"[84] און אַ דאַנק תמימות האָט אברהם געקענט מיטמאַכן די צען נסיונות[85] און אַ דאַנק תמימות האָט יעקב געשאַפן אַ פאָלק פון צוועלף שבטים, זיך ניט אָפּשרעקנדיק, ניט פאַר לבן'ען, וואָס האָט געוואָלט אַלץ אַרויסרייסן און ניט פאַר עשו'ן, וועלכער האָט אים געיאָגט מיט דער שווערד . . .

אברהם אבינו איז דער פאָטער פון צדקה און חסד ביי זיינע אָפּשטאַמיקע.

אז מען פרעגט ביי שלמה המלך[86], ווי ווייט איז דער כח פון צדקה? שיקט ער זיי אָפּ צו זיין פאָטער, צום בעל התהלים, וואָס זאָגט, אז דער זכות פון צדקה שטייט אויף אייביק, „פזר נתן לאביונים, צדקתו עומדת לעד . . .

אברהם האָט פארזייט און פארפלאנצט די מדה פון צדקה[87] און מיט זיין אויג, געטאָן משפט דער וועלט[88].

ב. יצחק אבינו — דער בן יחיד אלס גייסטיקער יורש פון אונזער אור־פאָטער. — געבורט פון איש העקידה. — די מדה פון דין און גבורה. — די וועלט ווערט געבויט אויף חסד.

יצחק אבינו איז פון געבורט אָן געווען באשטימט אלס גייסטיקער יורש פון זיין גרויסן פאָטער אברהם. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געהאַט איין זון פון הגר, שפחת שרה, א מצרית, און אין יענער צייט, איז ער געווען גאָר פיין און אָרנטלעך, „באשר הוא שם"[1] און געהאַט קינדער פון פלגשים, בני קטורה און אנדערע[2], ווערט יצחק באטראכט אלס איינציקער יורש און געטרייסטער היטער פון פאָטער'ס טראדיציעס, „כי ביצחק יקרא לך זרע"[3].

וואו איז יצחק געבוירן געוואָרן?

ווענן דעם זיינען דאָ חילוקי דעות: דער רמב"ן[4] האלט, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין באר שבע, ד.מ. אין ארץ כנען, די שפעטערע ארץ ישראל; דער רד"ק[5], ר' אברהם אבן עזרא און סדר הדורות, זיינען מיט דער מיינונג, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין גרר, דער פלשתים טייל פון ארץ כנען, וואָס איז דורות שפעטער, אפילו ווען די יידן האָבן שוין באוואוינט דאָס לאנד, נאָך אלץ געווען פלשתים טעריטאָריע. אלע זיינען אָבער מסכים מיט רש"י, אז פאר דער עקידה האָט אברהם געוואוינט אין חברון, וואו ער האָט געקויפט פלאץ אין דער מערת המכפלה פאר א קבר, (פינקטלעכער פאר א פאמיליע בית הקברות), פאר די „ישיני חברון".

ווי עס זאָל ניט זיין, יצחק איז געווען דער פאָלקאָמער נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער אברהם וואָס שייך עטישקייט. ער, ווי דער פאָטער, האָט זיך פארנומען מיט פי־צוכט, ניט אכטנדיק וואָס ער האָט געהאַט מזל־ברכה אין ערד־ארבעט[6] און ער, ווי זיין פאָטער האָט ליב געהאַט פויעריש לעבן. געבענטשט זיין זון יעקב מיט דער ברכה פון הימלישן טוי און ערדישער פעטקייט[7].

יצחק'ס לעבן, ווי זיין פאָטער'ס, איז כאראקטעריסטיש פאר דעם באגינען פון אונזער פאָלק, ווענן זייער אָנהויב אויף דער פעלקערלעכער ארענע, ווענן זייער סאָציאלן בליק און פארשטענדעניש און בכלל די פערסאָנאזש פון יענער פאטרי־ארכאלער תקופה וואָס האָט געלייגט דעם חותם אויף דעם עבר פון יידישן פאָלק, פירנדיק אים דורך שקלאפעריי פון מצרים ביזן בארג סיני מיט א תורה באזירט אויף די צען געבאָטן.

אברהם אבינו האָט געשטעלט דעם פונקט אויף חסד, אז דער וועלט'ס קיום

קען נאָר מעגלעך זיין דורך חסד[8], הארץ־געפיל איז געווען ביי אונזער אור־פאָטער פריער פאַר דער מחשבה. ניט אומזיסט, דריקט זיך אוים ר׳ יהודה הלוי אין זיין פילאָזאָפיש ווערק „כוזרי״, אז ישראל איז דאָס הארץ פון די פעלקער. דאָס יידישע הארץ איז פון געבורט א הארץ מיט רחמנות־געפיל, מיט א געפיל פאר ליידנדיקע; א געפיל פאר ארבעטנדיקע מענטשן; א געפיל פאר סאָציאלע באַציאונגען צווישן מענטש און מיטמענטש — און דאָס דאָזיקע געפיל האָט אברהם אבינו איבערגעגעבן צו קינדער „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו ושמרו״ . . . וועלכע האָבן אפילו אין זייער איבערגאנג פון נאָמאדישן לעבן שטייגער צו אַגריקולטור־ווירטשאפט און מלוכה־מאכט, ניט פארנאכלעסיקט די דאָזיקע אינספּיראציע, געשטארקט דורך די נביאים און דורך די תורה־פּרינציפּן, צילנדיק צו נאציאָנאַליזאציע פון באָדן, יערן צו געבן דעם זעלביקן חלק, און דורך דעם שאפן די קלאסנלאָזע געזעלשאפט, באַזאָרגן יעדן מיט דאָס נויטיקסטע פאר זיין עקזיסטענץ.

די אבות האָבן געמאכט זייערע קינדער „בנים למקום״, קינדער צום פאָטער־באשעפער, וועלכער איז געוואָרן נאָענט צו זיי, און „באליבט איז געוואָרן ישראל און באליבט די יידן, וואָס די טייערע כלי די תורה, איז זיי געגעבן געוואָרן״ . . .

מערקווירדיק, ווענן גופי תורה, איז א סך מאָל בלויז דאָ א רמז, אָבער ווען עס קומט צו ביבלישע פערזענלעכקייטן, דערהויפּט צו די אבות, האָבן מיר אלע זייערע כאראקטער־שטריכן: די טיפן זיינען לעבעדיקע, רעאלע און ניט אומזיסט דריקט זיך אוים איינער פון די בעלי האגדה, אז „דאָס וואשן די פיס פון די קנעכט פון די אבות, איז וויכטיקער פון דער תורה פון זייערע זין״ . . .

יצחק און יעקב — די צוויי, זון און אייניקל אברהם׳ס, זיי זיינען צוויי טערמינען אין אונזער אור־געשיכטע; צוויי באגריפן אין אונזער היסטאָרישן אנטוויקלונגס־גאנג און אין דער פאָרמירונג פון יידישן יחוס־אָפּשטאַם. יצחק איז גבורה, מדת הדין; יעקב איז תפארת, סינטעז פון חסד, רחמים און דין.

זאָגט אונז די גמרא: יעדער ייד איז מחוייב צו פרעגן ביי זיך: ווען וועלן מיינע מעשים זיין ווי די מעשים פון מיינע אבות און אז די אבות זיינען: אברהם, יצחק און יעקב, די „ג׳ עמודי עולם״.

די אבות האָבן קיין ספרים ניט געשריבן. אין דער תורה ווערט ניט דערציילט, אז זיי זאָלן געווען שרייבן ספרים, בלויז בקבלה, אָדער לויט אייניקע אגדות, האָט אברהם געשריבן דעם „ספר יצירה״, א מיסטיש ספר, וואָס דערציילט די סודות פון וועלט־באשאף, קאָסמאָגאָניע, און אויך דעם ספר הישר.

אין דער תורה ווערט, אָבער, יאָ איבערגעגעבן זייער לעבן און דערפארונגען — און זייערע מעשים, זיינען געוואָרן תורה! זייער לעבנסווערק און לייט־מאָטיוו פאר יידיש פאָלק איז געווען ניט אזויפיל די מחשבה, ווי דאָס געפיל ביי די אבות: יצחק דער סימבאָל פון עקידה־גייסט, פון קדושה און מסירת־נפש; העראָיזם פאר

אמונה; העכסטער אויסדרוק פון טריישאפט צום גאָט פון אברהם . . . יצחק'ס עקידה — פייער, גליט און פלאַמט אין יעדן יידישן אבר — „זכור ברית אברהם" שטראַלט דורך אין אלע דורות און רופט תמיד ארויס דעם הייליקן ציטער! עקידת יצחק איז די „עטרה", וואָס באַקרוינט די יידישע אמונה — די קרוין וואָס איז אין שווייס, בלוט און טרערן געוואַשן געוואָרן און דאָך געלויכטן אין דער אייביקייט.

די אבות שטראַלן מיט זייער קלאַסיש־סימבאָליש סאָציאַלן לעבן, די פּיאָנערן פון ליכטיקע וויזיעס פון א נייער תורה־ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט כ"ו דורות, נאָך מעשה בראשית און געקראָגן די דעפיניציע ביים פאָלק דורך „נעשה ונשמע"!

זייער לעבן איז געווען תורה'דיק, נאָך איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן. באַזונדערס איז עס אזוי, וואָס שייך סאָציאַלע מצוות; די מענטאַליטעט פון ישר וטוב איז געוואָרן איינגעוואָרצלט ביז צו נאַטירלעכקייט ביי די אבות.

דער מדרש[9], קאָמענטירנדיק אויפן פסוק „ואלה תולדות יצחק בן אברהם —אברהם הוליד את יצחק[10] דריקט זיך אויס: „די אבות זיינען א קרוין צו די קינדער, ווי דער פסוק זאָגט: „ותפארת בנים אבותם[11], די קינדער זיינען א קרוין צו די אבות, ווי עס ווערט ווייטער געזאָגט: „עטרת זקנים בני בנים"[12]. ר' שמואל ב"ר יצחק פירט אויס, אז אברהם אבינו איז געראַטעוועט געוואָרן פונם קאַלך־אויוון, נאָר אינם זכות פונם אייניקל יעקב, ווי דער פסוק לויטעט: אל בית יעקב אשר פדה את אברהם"[13], יעקב — הייסט עס — האָט אויסגעלייזט אברהם'ען.

פּונקט ווי אברהם אבינו, אזוי יצחק און יעקב זוכן סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט. ווי אברהם, זיינען זיי מעבירין על מדותם, האַלטן זיך באַשיידן און פאָדערן גערעכטיקייט ניט בלויז ביים מענטש, נאָר אויך ביים ריכטער פון דער וועלט. ווי אברהם, זיינען זיי באַגייסטערט פאַר ארבעט, זיצן ניט ליידיק צו געניסן בלויז פון שקלאַפן־ארבעט, נאָר טוען אליין ארבעט און ווילן האָבן א חלק אין א געזעלשאַפט און אין א לאַנד, וואו מענטשן ארבעטן און געניסן פון זייער האָרעוואַניע.

די אבות האָבן זיך פאַרנומען מיט פיי־צוכט, די שבטים ווערן פאַרגעשטעלט אלס „רועה־צאן", ניט אכטנדיק וואָס אין ארם נהרים־איראַק, איז דאַן געווען אנטוויקלט אנדערע צווייגן פון באַשעפטיקונג, ווי הייזער־בוי, האַנטווערקעריי אד"גל.

די אבות האָבן זיך דערהויבן איבער זייער דור. אין נאָמאַדישן לעבן זיינען זיי געווען געהיט פון גנבה — און זיך געוואונטשן די ברכה פון גאָט אין זייער פראַצע און האָרעוואַניע.

מיט פיי־צוכט האָבן זיך אָפּגעגעבן די וויכטיקסטע מענטשן, אינם באַגין פון דער מענטשהייט. פּאַסטוכער זיינען געווען הבל[14] און די אבות ביז די שבטים[15]; אויך די ערשטע קעניגן ביי יידן, שאול און דוד און אויך די נביאים, אָנהויבנדיק

מיט משה רבנו[16] ביז די לעצטע נביאים, זיינען א סך פון זיי געווען רועה־צאן.

ווי דער רבינו בחיי גיט אָן די סיבות, איז פי־צוכט אַ פּרנסה, וואָס ברענגט אריין אַ סך ריווח — און דער עיקר, עס פירט צו התבודדות און גייסט־מענטשן נויטיקן זיך אין אָפּגעזונדערטקייט. זיי מוזן זיין מיט זיך בכדי קענען טיפער טראַכטן און דענקען.

יצחק איז דער געטרייסטער נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער אברהם. זאָגט דאָך דער נביא: „זרע אברהם אוהבי"[17]. אין זייער זכות האָבן יידן ארץ ישראל[18].

שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי האָט יצחק פאַרזען און זיך געלאָזט נאַרן פון עשו'ן און בלויז רבקה האָט דאָס דערקענט איר זונדל און געטאָן אַלץ מעגלע־כעס, עשו זאָל ניט האָבן די ברכות.

אין חסידישע ספרים, ווערט איבערגעגעבן אַ לאַגישער געדאַנק פון ר' נפתלי ראָפּשיצער אין שייכות מיט אָט דער פראַגע[19], אַז יצחק אבינו, די עולה תמימה, זייענדיק ווייט פון די הבלי עולם הזה, און זייענדיק אויפגעבראַכט אין אַ הויז, וואו לויטער אמת האָט געהערשט, האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז עשו זאָל אים אַזוי נאַרן און ער האָט אים געגלויבט, אַז ער איז אויפריכטיק מיט זיין כבוד־אב.

רבקה, האָבנדיק אַ פאָטער, ווי בתואל און אַ ברודער ווי לבן, זייענדיק דער־צויגן אין דער איראַקישער סביבה פון שקר און אָפּנאַרעריי, האָט געוואוסט, אַז עשו נאַרט, אַז ער לויפט נאָך צו די בני חת, אַז ער איז אַן „איש שדה", זי האָט דווקא געוואָלט, אַז איר ליבלינג־זון, יעקב, דער „איש תם יושב אוהלים" זאָל האָבן די ברכות און זי האָט זיך איינגעשטעלט דערויף, זיך ממש מקריב געווען, אַרויס־צובאַקומען די גוטע וואונטשן פון יצחק'ן.

דער „ספורנו" (אויפן אָרט) וואַגט אָבער צו זאָגן, אַז דערפאַר ווייל יצחק האָט פאַרקוקט עשו'ס מעשים, זיך געלאָזט פאַרפירן פון אים, זיינען אים זיינע אויגן טונקל געוואָרן, פונקט ווי די ראיה איז קאַליע געוואָרן ביי עלי, וועלכער איז געווען צו מילד צו זיינע פאַרברעכערישע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע זין.

די אבות זיינען די פּראָטאָטיפּן פון דער יידישער אומה.

די געשיכטע פון דער מענטשהייט הויבט זיך אָן — לויט דער תורה — פון אדם, פון אַ מענטשן, וועמענס נאָמען איז „אדם" — מענטש, אָן אָנזאָג וועגן אחדות האנושי, אַז די גאַנצע מענטשהייט האָט איין אָפּשטאַם. נאָכדעם קומט אברהם אבינו, ביים ווינגעלע פון אַן אויסדערוויילט פאָלק, וואָס אַלס „פאָטער פון פעלקער" לאָזט ער זיי ניט גיין אויף דעם פאַלשן וועג, לאָזט זיי ניט אוועק פון דער מענטשהייט . . . ער קויפט אוים אויפן הר המוריה אדם הראשונ'ס זינד און ער פירט די מענטשהייט צוריק אויפן גלייכן וועג.

אין זיין מאמר „העקדה במסורת היהדות והנצרות"[1] גיט אונז דער באוואוסטער פּראָפעסאָר דוד באומגארדט[2] אן אָפּשאצונג וועגן דעם יידישן און וועגן קריסטלעכן צוגאנג צו דעם עקדה־אקט.

ג. עקידת יצחק — הויפּט־מאָטיוו אין אונדזערע תפלות. — דין און רחמים. — יראה און אהבה

ווי דערמאָנט פריער, ווילן מיר זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין דער חקירה פון עקדה און עקדה־מאָטיוו. מיר ווילן בלויז אָנמערקן, אז דער עקדה־אקט האָט געצויגן די אויפמערקזאמקייט סיי פון יידישע מפרשים[3], יידישע דענקער און סיי פון קריסטלעכע טעאָלאָגן. בעת די לעצטע האָבן דערהויפּט געזען אברהמ'ס צער, האָבן יידן געזען די גייסטיקע גבורה, מסירת־נפש און אמונה ביי אברהמ'ען.

דער זוהר[4] גיט צו נאָך א מאָטיוו: ביי דעם עקדה־אקט, איז אברהם איבער־צייגט געוואָרן אז מלכות שמים קאָן מען דערגרייכן ניט בלויז דורך אהבה, עס מוז זיין יראה און אז נאָר דורך ביידע אטריבוטן קאָן מען זיך דערהויבן צו אָט דעם שווערן עול: אהבה געמישט מיט יראה!

די קריסטלעכע טעאָלאָגן, ביהמא און קירקערגארד זיינען אויך ווייט ניט איינפארשטאנען צווישן זיך. דער ערשטער זעט אין יצחק'ן דעם סימבאָל פון מענטשהייט, וואָס מוז דורכגיין דעם פּרוואוו־שטיין פון פייער און צאָרן, בכדי אָפּצוטויטן דעם איינענעם ווילן און ווי א נייער מענטש זיך איבערגעבן צו גאָט'ס באפעלן. אין דעם זעט ער דעם גאנצן שכר. קירקעגארד, דאקעגן, האלט, אז דער פּאראדאָקסאלער צושטאנד אינם מאָראלישן נסיון, איז וויכטיק געווען צו מאכן אברהם אבינו דעם גבור האמונה, אנשטאט דעם „גבור המוסרי". אברהם איז געשטעלט געוואָרן פאר דער דילעמע: הרגענען זיין זון, עובר זיין אויף דעם מאָראלישן פליכט, בכדי צוליב צו טאָן דעם באשעפער; אָדער: לאָזן אים לעבן און עובר זיין אויף גאָט'ס באפעל. אין ביידע טאטן: שלעכטס מיט גוטס. ער שטעלט פאָר לויט זיינע פאָרשטעלונגען, אברהמ'ס אינערלעכן קאָנפליקט. געזיגט האָט גאָט'ס באפעל . . . [5]

אין מדרש רבה ווערט געשילדערט דער דאָזיקער אינערלעכער קאָנפליקט ביי אברהם אבינו. סמאל, דער שטן — ווערט געזאָגט — איז געקומען אָפּריידן אברהם אבינו, געוועקט רחמנות־געפיל, געשטערט אויפן וועג, געוואָלט דערוועקן ביי דעם פאָטער זיינע מאָראלישע פליכטן, דעם פארבאָט אויף רציחה, דערצו אן אייגן קינד . . . .

באומגארדט ווייזט אָן אויף אן אינטערעסאנטן פאקט. אברהם פירט א שטארקן וויכוח מיט גאָט, ווען עס קומט צו הפיכת סדום און ביי זיך, ווען ער דארף זיין איינציק קינד ברענגען אלס קרבן, שווייגט ער, האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן, שטעלט זיך ניט קעגן באפעל, פרעגט נישט קיין קשיות און נעמט דעם שווערן גורל אזוי ווי ער קומט אָן שום פּראָטעסט? ער זעט אין דעם שווייגן די

נאַטור און כאַראַקטער פונם מענטש צו שווייגן, ווען עס קומט צו אַ קריטישן צוזאַמענבּרוך. ער מוז נעמען בשתיקה זיין גורל — אבער מיר וועלן זיך דאַ ניט אַריינלאָזן אין דער חקירה.

דער צענטראַלער מאָטיוו פון די תפלות און דער צערעמאָניאַל אין די ימים נוראים איז די איבערצייגונג אין מלכות שמים, אין מאַיעסטעטישן משפט צדק און אמת, וואָס ווערט אין די פּראַקטיקע טעג דורכגעפירט פאַר'ן בית דין של מעלה. און מיט אַט דער הכרה קומט די האָפענונג „לתקן עולם במלכות שדי", דער בטחון, אַז סוף כל סוף וועט קומען די צייט פון העכערער פירערשאַפט!

דער פּרעליוד צו די הערלעכע תפלות קומט צום אויסדרוק אינם פּסוק פון נעים זמירות ישראל: „מי יעלה בהר ד' ומי יקום במקום קדשו"—ווער קאָן אַרויפ־גיין צו גאָט'ס באַרג און ווער קאָן שטיין אויף דעם אָרט פון זיין הייליקייט? . . . דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ; דער וואָס האָט ניט אויפגע־הויבן מיין זעל צו פאַלשקייט און האָט ניט געשוואוירן צו באַטרוג" . . . אין די דאָזיקע פּראַקטיקע טעג, דאַרף דאָס מאָראַלישע יידישע לעבן דערהויבן און פאַרפעסטיקט ווערן.

דער צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר און צענטראַלער פּונקט אין די תפלות, איז עקידת יצחק! איינס פון די טעמים אויף תקיעת שופר, אַפילו ווי ראַציאָנאַליסטן פּרואוון דאָס דערקלערן אויף זייער פאַרשיידנאַרטיקן אופן, איז צו געדענקען און צו דערמאָנען עקידת יצחק.

די קריאה פון ראש השנה, ביידע טעג, איז וועגן יצחק'ס געבורט (ערשטן טאָג) און זיין עקידה (צווייטן טאָג). אברהם אבינו, דער גרעסטער מכניס־אורח, דער וואָס וויל ניט מטריח זיין אורחים; דער, וועמענס האַרץ איז איבערפולט מיט רחמנות געפיל, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די מדה פון חסד; דער, וואָס זיצט ביי דער טיר פון זיין געצעלט כדי אויסצושטרעקן די האַנט יעדן מידן דורכגייער, דערקוויקן זיין האַרץ מיט שפּייז, אָפּרו און פריינטלעכקייט — ער ווערט פּלוצלונג אַ האַרטער מענטש ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אהבת השם און חנוך הבן: ער ווייזט אַרויס האַרצלאָזיקייט צו ישמעאל'ן, ווען ער זעט, אַז ער איז „מצחק" (לויט'ן טייטש פון די מפרשים, דינט די עבודה זרה . . .) און ער איז גרייט זיין איינציקן יורש, דעם ליבלינג זון פון שרה'ן, די אשה יפת־מראה, צו ברענגען אים אויף דער עקידה, אַפילו ווען דאָס זאָל מיינען פיזישע פאַרניכטונג פון זיין איבערבלייב . . . .

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די עקידה? וואָס איז דער זין פון עקידת יצחק? אין דער תקופה, ווען יידישע אפּיקורסות האָט געמיינט, חלב פרעסעריי אין גייסטיקן זין פון די ווערטער, זיינען די צוויי פונדאַמענטאַלע מצוות־ניסיונות, ברית מילה, הויפּט מצוה פון זרע אברהם און עקידה, הויפּט נסיון, שטאַרק אָפּגעפרעגט געוואָרן. זיי האָבן ניט געקענט משיג זיין אברהם אבינו'ס טאָטן און אים דערקלערט אַלס

קאַניבאַל, געצנדינער און וואָס ניט[5]. חכמה'דיק לאַכן זיי אָפּ פון די אור־פאָטערס פון אונזער שטאַם, און מערסטנס, פון אברהם אבינו, דעם ערשטן ייד אויף דער וועלט.

אברהם אבינו, ווי ער ווערט פאַר אונז פאַרגעשטעלט אין זיין פאַטריאַרכאַלישן פּאַרנעם, האָט געהאַט די העכסטע הייליקסטע מחשבות ביים מקיים זיין גאָט'ס פאַרלאַנג, צו ברענגען אַלס קרבן זיין איינציקן ליבסטן זון — און נאָר ווען דער רבונו של עולם האָט געזען, אַז ער קאָן אויסהאַלטן דעם שווערן נסיון, האָט ער דאָס פון אים פאַרלאַנגט. נאָכדעם, ווי דער רבונו של עולם האָט געזען, אַז ער טוט די מעשה בשלימות, דאַן האָט ער צוגעשיקט דעם איל אחר . . . . תחת בנו!

די עקידה, דער צענטער און לעצטער נסיון[6], איז לויט חוקרים און מקובלים, מפרשים און דרשנים, געווען דער מעכטסטער באַווייז אויף אברהם אבינו'ס איבער־געגעבנקייט צום באַשאַפער און זיין געטלעכער הכרה.

צו וואָס דאַרף דער רבש"ע אָנצוקומען צו אַזאַ נסיון, דער „יודע לבבות", האָט דאָך געוואוסט, ווי געטריי־לאָיאַל אברהם אבינו איז אים, „כי ידעתיו למען אשר יצוה . . ." ! ! ! זיינען אויף דערויף דאָ פאַרשיידענע תירוצים און דערקלערונגען.

דער רמב"ם דערקלערט עס, אַז עס איז נויטיק געווען דער נסיון פאַר דער וועלט, „כדי שידעו בני אדם . . . שידעו האומות . . . " די מענטשהייט זאָל וויסן, די וועלט זאָל וויסן די טרייהייט פון גאָט'ס גלויביקן[7].

דער נסיון איז וויכטיק געווען צו ווייזן דער וועלט א מוסטער פון ליבשאַפט צו גאָט, צום הייליקן אידעאַל און גלויבן, ווי עס איז געווען אונזער אור־פאָטער אברהם.

דער רמב"ן דריקט זיך אויס[8], אַז אַזאַ נסיון איז נאָר מעגלעך געווען ביי אַ צדיק ווי אברהם אבינו. וואָס גרעסער דער צדיק, אַלץ גרעסער דער נסיון און אַז אַזאַ נסיון איז לטובת דעם אויסגעפּרואווטן, לטובת המנוסה, וועלכער האָט די מעגלעכקייט אויסצופאָלגען אָדער ניט אויסצופאָלגען דעם פאַרלאַנג — און מיט אויספירן דעם דאָזיקן געטלעכן פאַרלאַנג, האָט אברהם אבינו אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקייט, מקריב צו זיין אַלצדינג פאַר דעם אמת, פאַר דער אמונה, פאַר דעם גלויבן אין איין־איינציקן גאָט און אין זיינע פאַרלאַנגען . . . אברהם האָט זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן פון דער הכרה אין יידישן מאָנאָטעאיזם.

דער רבינו בחיי, אין זיין תורה־אינטערפּרעטאַציע, קאָמענטירנדיק אויף דער פּרשה פון עקידת יצחק, דריקט זיך אויס, אַז דער נסיון איז געווען, צו ווייזן דער וועלט און די דורות שפּעטער, אַז אברהם האָט דערגרייכט צו די העכסטע שטאַפּלען אין דער מדרגה פון אהבת השם. ווי דער ערשטער ייד, האָט ער געוויזן דעם וועג, ווי זיך מקריב צו זיין פאַר אַן אידעאַל. מיט דעם עקידה־טאַט האָט אברהם אבינו באַוויזן מכח אל הפועל, ווי אַזוי מ'דאַרף אַרויסווייזן מסירת נפש'דיקייט און דאָס טאָן ניט סתם אין אַ געאײַלטן מאָמענט, אין גרויס עקסטאַז, נאָר פאַרקערט, נאָך

אויסגערעכנטקייט, נאָך טיפער איבערטראַכטונג, נאָכ'ן אָפּקילן זיך פון דער עקזאַטיק. אפילו נאָך די אַלע קאַלטע און אויסגערעכנטע לאָגישע חשבונות, פּלאַ־קערט זיין הארץ, מיט אומבאַגרענעצטער, טיף דורכגעטראַכטער, און דורכגעדרינ־גענער ליבע צום השם יתברך.

ווי מיר זעען, זיינען פאַראַנען פאַרשיידענע ווערסיעס וועגן דעם זין און מיין פון עקידת יצחק, וואָס שטאַרקט און קרעפּטיקט אונזערע תפילות און אונזער גייסט; דער מסירת נפש וואָס האָט תמיד באַוויזן די דערהויבונג פון דעם יידישן מענטשן אין אַלע דורות און תקופות פון אונזער פאָלקס עקזיסטענץ. דער אקט עקידת יצחק איז דאָך געטאָן געוואָרן אחריותפול, מיט פאָטערלעכער זאָרג און מיט ליבשאַפט צום באַשאַפער, וואָס האָט אַלץ איבערגעוואויגן. אברהם אבינו האָט מקדש השם געווען אין יענער עפּאָכע פון היידנישער קולטור און מיט'ן עקידה־אקט מאַניפעסטירט זיין צוגעבונדנקייט צו השם. ער האָט דערמיט געוואָלט אויפהויבן דעם באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט און דעם שטאַרקן גלויבן אין דעם איין איינציקן גאָט.

אזוי האָט עקידת יצחק באַקומען זיין קאָלאָסאַלן געשיכטלעכן באַדייט — און פונ'ם וויטן עבר, ציט זיך די דאָזיקע קייט פון מסירת נפש פאַר אונזער גלויבן און איינהייטלעכקייט פון אונזער טראַדיציע און פון אונזערע קולטור ווערטן. אַלע, אַפילו די שטרענגסטע ראַציאָנאַליסטישע פאָרשער זיינען מודה אין עצם פאַקט פון דער עקידה, אָפּוועגנדיק די אפיקורסישע מיינונגען, אַז דאָס איז די לעגענדאַרישע שאַפונג פון יידישן עפּאָס.

דער באַרימטער ארכעאָלאָג סער לעאָנאַרד וואָלי, אין זיין וויכטיק ווערק „אברהם"[9], שרייבט, אַז אברהם אבינו איז פון די גרויסע היסטאָרישע פּערזענלעכ־קייטן און אַז די דערציילונגען פון זיין לעבן, טראָגן אויף זיך דעם חותם של אמת, ווי דער פאָטער פון דער גזע, די העברייאישע ראַסע און פאָטער פון די דריי הויפּט רעליגיעס: יידישע, קריסטלעכע און מוסולמאַנישע. וואָס שייך עקידת יצחק, שרייבט ער, אַז אברהם האָט געקלערט אפשר איז ער ניט יוצא מיט זיין חוב צו גאָט (אין יענער צייט האָבן דאָך פיל פעלקער געהאַט דעם מנהג, מקריב צו זיין דעם ערשט־געבאָרענעם זון צו זייערע געטער), האָט אברהם אָט די טריישאַפט געוואָלט ווייזן. ביי אים האָט אָבער געזיגט דער ליכטיקער מנהג (א חידוש אין יענער צייט), קענען מקריב זיין מענטשלעכע קרבנות, אויסטוישנדיק עס פאַר א שעפּס טאַקע אַן אומשולדיקן לאַם, אבער דאָך אַן איל אחר . . . אין דער אלטער ביבלישער קונסט, זיינען דאָ געמעלן פון א שעפּס, אָדער ציג, געבונדן אין זילבערנע קייטן, געפירט צו דער שחיטה אלס קרבן.

אין זיין מאָנומענטאַלן ספר „הכתב והקבלה", שטעלט זיך אָפּ הרב מעקלענ־בורג, אויף דעם וואָרט „נסה", דאָס זאָל מיינען, דערהויבונג, פאַן, צייכן. דאָס איז ניט סתם אזוי געוועזן א נסיון פאַר אברהם אבינו . . . נאָר א דערהויבונג פאַר דער

וועלט און פאר זיך אליין, „גדלו כנס״ (מדרש), ווי א שטאנג און עמבלעם, א „נס לגויים״, א פאָן פון שטאָלץ, א פאָן פון אהבת השם . . .

מיין רבי, מרן מהרי״ל גרויבארט ז״ל[10] רעדט באריכות ארום דעם באדייט און מיין פון דער עקדה:

„מה החוסן והרוממות במעשה העקדה? . . . אז גאָט הייסט ברענגען אויף דעם מזבח, ווער וועט וואגן צו טאָן אנדערש; ס'איז דאָך ניטאָ קיין עצה? . . .

די יידישע געשיכטע, שרייבט ער, ווייסט פון א סך תקופות, ווען יידן האָבן זיך מוסר נפש געווען: דניאל אין לייבענגרוב; חנניה, מישאל ועזריה אין קאלכאויוון און אזוי ווייטער און ווייטער ביז די קדושים פון אונזער דור; די אלע האָבן זיך מוסר נפש געווען פאר דעם אידעאל פון תורה און אמונה, מקיים געווען דעם „ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך״ — אפילו נוטל את נפשך[11].

דער זין פון דער עקידה איז דאריבער ניט אזוי פשוט, דערצו נאָך, ווען אזעלכע מנהגים געפינען מיר ביי די אוראלטע פעלקער. זיין אויספיר, אז אברהם אבינו איז געקומען צו דער הכרה, אז גאָט איז דער מקור פון אלדאָס גוטס, דער העכסטער פונקט פון חסד און רחמים און אז ער וויל דורכאויס ניט קיין מענטשלעכע קרבנות:

„אשר לא צויתי — זה מישע מלך מואב; ולא דברתי — זה יפתח; ולא עלתה על לבי — זה יצחק בן אברהם״[12]. אברהם האָט ביי דער עקדה מאַניפעסטירט אָט־דעם הויפט פונקט אין יידישן גלויבן.

אין קאמף פאר אן אידעאל, מוז מען אָבער ווייזן, אז מען איז גרייט, אפילו ווען דאָס מיינט די גרעסטע קרבנות. דאָס האָט אברהם אבינו באוויזן. כי עזה כמות אהבה, זה אהבה שאהבו דורו של שמד לד' שנאמר: כי עליך הורגנו כל היום[13]. דער תכלית פון דער עקידה איז געווען צו באווייזן, אז דער רבונו של עולם וויל ניט קיין מענטשלעכע קרבנות, אז די תורה איז א תורת חיים, אשר יעשה האדם וחי!

דער שורש פון דער קדושה, ווערט געזאָגט אין ספרים, איז עקדת יצחק און נאָכדעם פאָלגן נאָך אנדערע עקידות, ווי די „מעשה באשה ושבעה בניה[14] און אין זכות פון דער עקידה פארלאַנגען מיר פון רבונו של עולם צו הערן אונזערע תפילות. רבי אבוהו זאָגט: גאָט זאָגט, בלאָזט פאר מיר מיט א שופר של איל, כדי איך זאָל דערמאָנען דעם זכות אייערן צוליב דער עקדה, „ומעלה אני עליכם כאלו עקדתם עצמכם לפני[15].

אויך אין די חסידישע ספרים ווערט א סך געזאָגט וועגן באדייט פון עקידת יצחק. ר' יצחק וואורקער האָט געפרעגט: פון דור צו דור זען מיר, ווי עס שטייט פאר אונז דער זכות פון דער עקידה. וואָס פאר־א גרויסקייט איז אין דעם געווען? אפילו דער פשוטסטער ייד, ווען גאָט באווייזט זיך צו אים, וועט ער געווים מקיים זיין גאָט'ס פארלאַנג?

נאָר — האָט דער וואורקער געגעבן צו פארשטיין — ווען גאָט האָט געזאָגט

צו אברהם אבינו: „קח נא את בנך”, איז געקומען דער שטן און איינגע׳טענה׳ט מיט אים: זע נאַר, זע, אברהם, וואָס דו גייסט טאָן. ס׳זיינען דאָ, סך־הכל צוויי יידן אויף דער גאנצער וועלט: דו און יצחק: ישמעאל, הגר׳ס זונדל, איז ווייט פון דיין וועג, דו און שרה זייט שוין אלט, איר וועט שוין מער קיין קינדער ניט האָבן; אויב דו ברענגסט דיין זון יצחק׳ן אויף דער עקידה, דאַן ווערט אָפּגעמעקט דיין זכר און דער יידישער זכר . . .

אברהם, האָט זיך אָבער גאָרניט צוגעהערט צו די רייד פונם שטן און זיינע אויבנאויפיקע לאָגישע חשבונות. ער האָט געענטפערט: איך בין מחוייב מקיים זיין גאָט׳ס באפעל! ער האָט מיר באפוילן שחט׳ן מיין זון, ליגט אויף מיר דער חוב, דאָס אויספירן. מיך אינטערעסירט ניט די חשבונות, אז עס וועלן ניט זיין קיין יידן אויף דער וועלט. דאָס איז ניט מיין עסק!

ר׳ חיים סאנדזער (מחבר פון „דברי חיים”), האָט באמערקט, אז צוויי אויס־דערוויילטע בערג זיינען דאָ אויף דער וועלט: בארג סיני אויף וועלכן עס איז געגעבן געוואָרן די תורה און דער בארג מוריה, אויף וועלכן אברהם אבינו האָט געבונדן זיין איינציקן זון יצחק און אים געוואָלט מקריב זיין אלס קרבן. איז דאָך קשה, פאַרוואָס איז דאָס בית המקדש ניט געבויט געוואָרן אויפ׳ן בארג סיני, וואָס איז געהייליקט געוואָרן דורך מתן תורה . . . דער תירוץ איז, דאָס אָרט וואו א ייד ציט אויס זיין האלז צו דער שחיטה, באווייזט מסירת נפש׳דיקייט, איז הייליקער און חשוב׳ער ווי דאָס אָרט וואו די שכינה כביכול האָט זיך באוויזן און א תורה געגעבן.

אברהם אבינו, האָט אָבער דאָך געבעטן, אז מ׳זאָל אים מער ניט אויספּרוּוון, ער האָט מורא געהאט פאַר נסיונות. ווי דער מדרש לויטעט: השבע לי שאין אתה מנסה אותי עוד[16]. דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע דערקלערט דאָס, אז יעדער נסיון נעמט א ביסל אוועק פון דאָס אינערלעכע ליכט, „אור הפנימי” . . . אויסצוהאלטן א נסיון, דאַרף מען אָנקומען צו אינערלעכן קריג, אינערלעכע יגיעות — און דער שטאַרקסטער מענטש ווערט דערפון אָפּגעשוואַכט![17]

ר׳ יצחק גערשטענקאָרן פון בני ברק אין זיין „אבות ובנים”[18] באמערקט גאָר ריכטיק, אז אברהם אבינו האָט באוויזן מיט זיין טאַט פון עקידת יצחק, אז ס׳איז פאַראַן גרענעצלאָזע ליבע צום השי״ת. ער, ווי דער ערשטער ייד האָט דאָס געדאַרפט באווייזן לדורות, אז די אהבה קאָן ווערן אן אינטעגראַלער טייל ביי יעדער יידיש הארץ און אריינדרינגען טיף אין דער מענטשלעכער נשמה.

אברהם אבינו, רייך און אָנגעזען, זיין גלוסטונג נאָך א יורש, נאָך א נאָכ־פאָלגער, איז אויסערגעוויינטלעך. ווי דער מוסטער ייד ווייזט ער אָבער, אז די ליבע צום באשאפער דאַרף אלץ גובר זיין. און ער טוט דאָס ניט אין בהלה, ניט אין איילעניש, נאָר גראָד צום באשטימטן אָרט דריי טעג — און ער נעמט זיך מקיים זיין די מצוה בזריזות, אין דער אָפּוועזנהייט פון די שני נעריו, טאָמער וועלן זיי

אים צוריקהאלטן, טאָמער וועלן זיי שטערן, טאָמער וועלן זיי אים באווירקן מיט געוויינען און אפילן . . .

אברהם אבינו דערפילט גאָט'ס שליחות, אָן פחד, אָן צווייפל — ווייל ער טוט עס מחמת אהבה צום באשאפער און ניט צוליב מורא אָדער צוליב שכר אויף דער אָדער אנדערער וועלט — דעריבער זאָגט דער מלאך צו אים: עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה! נאָך אזעלכע הכנות, בין איך איבערצייגט אין אברהמ'ס טריישאפט און איבערגעגעבנקייט צו זיין אמונה.

דער נצי"ב אין זיין „העמק דבר" אויף תורה[19], טייטשט דעם פסוק, אחד הד־ברים האלה והאלקים נסה...אז נאָך אלע דערגרייכונגען, נאָך אלע ברכות און הב־טחות, וואָס אברהם אבינו האָט באקומען פון השי"ת, איז געקומען דער נסיון העקידה, דורך וועלכן ער האָט דערגרייכט צום העכסטן קלימאקס, צום פעדעסטאל פון גרויסקייט, „נס להתנוסס", פאר דער וועלט און פארן יידישן פאָלק, צו גדולת האומה הישראלית, צו אמת'ע העלדנמוט הישראלית, צו אמת'ע העלדנמוט פון א גרויסן ייד . . .

ד. יעקב אבינו — דער „איש תם". — די מדה פון תפארת. — א געלויטערט לעבן פול מיט פיין און קאַמף פאר גערעכטיקייט.

יעקב אבינו, אויף וויפל מיר ווייסן, האָט ניט געלעבט סתם אזוי אן אידיליש לעבן. ער האָט געלעבט א שווער פראָלעטאריש לעבן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאט דעם טאטנס ברכות. צו זיין אן ארבעטער ביי לבנ'ען, דעם רמאי־ארמי, איז ניט געווען פון די לייכטע זאכן. דאָ האָבן מיר פאר זיך א כיטרען עקספלואטאטאָר, וועלכער נוצט אוים זיין איידעם און זיינע טעכטער אויף דעם ערגסטן אופן, ווי דער בעל הגדה שיל־דערט אים: ארמי אבד אבי[1]. אין געוויינטלעכן טייטש מיינט עס, אז מיין פאָטער איז געווען א פארלוירענער ארמי[2], אָבער דער בעל הגדה גיט צו פארשטיין, אז דאָ מיינט מען לבנ'ען, וועלכער האָט געוואָלט מאכן פארלירן, פארניכטן מיין פאָטער יעקב'ן.

יעקב אבינו ארבעט זייער שווער אלס פאסטוך־פארדונגענער ביי זיין שווערן שווער, ביי לבנ'ען. 20 יאָר, ארבעט ער ביים איראקישן פעאָדאליסט, און האָט ניט קיין מנוחה סיי ביטאָג און סיי ביינאכט. פיר־און־צוואנציק שעה נאָכאנאנד אינם מעת־לעת האָט ער אויפן קאָפּ לבנ'ס שאָף, ניט דערוואַרטנדיק קיין ירושה, וויסנדיק אז לבנ'ס זין און קרובים וועלן אלץ איינשלינגען. יעקב איז דער צופרידענער פון זיין גורל, א „שמח בחלקו" און בעט בלויז „לחם לאכול ובגד ללבוש"[3] און ארבעט איבערגעגעבן, לאָזט זיך ניט נארן, ווי לאנג ער קאָן אויסהאלטן, ביז לבן פירט אזוי, אז ער גייט ארוים פון געדולד און ער באקלאָגט זיך: „זה לי עשרים שנה אנכי עמך, רחליך ועזיך לא שכלו, ואילי צאנך לא אכלתי, טרפה לא הבאתי אליך,

אנכי אחטנא, מידי תבקשנה, גנבתי יום וגנבתי לילה. הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה ותדד שנתי מעיני. זה לי עשרים שנה אנכי בביתך, עבדתיך ארבע עשרה שנה בשתי בנותיך ושש שנים בצאנך, ותחלף את משכורתי עשרת מונים. לולי אלקי אבי, אלקי אברהם ופחד יצחק היה לי, כי עתה ריקם שלחתני. את עניי ואת יגיע כפי ראה אלקים ויוכח אמש[4].

יעקב אבינו איז געווען דער פועל באמונה, ווי דער מדרש[5] שטרייכט אונטער אויף דעם פסוק, „ויעבוד עמו עוד שבע שנים אחרות"[6], אז דער שטייגער פון אן ארבעטער ביי אן ארבעטסגעבער, אז ער ארבעט, די ערשטע צוויי־דריי יאָר מיט אמונה און נאָכדעם פוילט ער זיך. אָבער יעקב האָט געארבעט געטריי אלע יאָרן: „מה הראשונות שלמות אף האחרונות שלמות; מה הראשונות באמונה אף האחרונות באמונה".

דער מדרש דערציילט ווי יעקב אבינו האָט געארבעט אין דער נאכט אריין און אָנגעהויבן זיין טאָג'ס ארבעט פארטאָג, געטאָן א סך מער ווי די משנה רעגולירט די ארבעטס־צייט אין יענע אלטע צייטן — און ער האָט געוויזן, אז זכות אבות ווי גרויס דאָס זאָל ניט זיין, איז עס אליין ניט אזוי גרויס און וויכטיק ווי זכות פון ארבעט.

אין זיין ארגומענטירן מיט לבנ'ען זאָגט ער אים „את עניי ואת יגיע כפי", באמערקט דער מדרש[7], אז דערפון לערנט מען ארויס, אז ער האָט זיך מער פארלאָזט, אז לבן וועט אים ניט קענען שלעכטס טאָן, צוליב זיין געטרייע ארבעט און דערפון איז געדרונגען, אז א מענטש זאָל ניט זאָגן: איך וועל עסן און טרינקען און זיך גאָר ניט מטריח זיין און פון הימל וועט מען מיר צושיקן וואָס איך דארף. אויף דעם זאָגט דער פסוק: „ומעשי ידיו ברכת"[8], אז דער מענטש דארף ארבעטן און גאָט שיקט די ברכה אין זיין ארבעט און מי.

יעקב וואָלט ניט געקענט עקזיסטירן, ווען ניט די הילף פון זיינע פרויען וואָס האָבן אָפּגעשאצט זיין גוטסקייט און גוט געקענט די פארדאָרבענע נאַטור פון זייער פאָטער. אין פארביטערונג און פראָטעסט, אים אָפּן געזאָגט: „העוד לנו חלק ונחלה בבית אבינו? הלא נכריות נחשבנו לו, כי מכרנו, ויאכל גם אכול את כספנו"[9]. זיי האָבן איינגעשטימט צו פארלאָזן זייער פאָטער און זיך לאָזן מיט זייער מאן קיין כנען, דאָרט געפינען די ברכה פון זייער שווער־פעטער יצחק, די ברכה פונם הימלישן טוי און ערדישער פעטקייט, וואָס ברענגט א סך תבואה און פרוכט. יצחק האָט ליב געהאט לאנדווירטשאפט און געזען אין דעם ברכה, לויט די מעשי־ידים פונם מענטש[10].

שווער איז געווען יעקב'ס לעבן. נאָך צוואנציק יאָר ארבעט אין לבנ'ס הויז, האָט זיך דער איש העבודה והתנועה, דער באַוועגלעכער תמימותדיקער מענטש, זיך אומגעקערט צו זיין פאָטער און געוואָלט לעבן רואיק — אָבער באלד איז אים די רואיקייט פארשטערט געוואָרן, „בקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רוגזו של

יוסף״11. ס׳הויבן זיך אָן פאַמיליע קאָמפּליקאַציעס, קאָנפליקטן צווישן די שבטים־ברידער. יוסף ווערט פאַרקויפט קיין מצרים; אין כנען הערשט הונגער; יעקב איז געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין היימאַט, זיין לאַנד אויף וועלכן די אבות האָבן געהאַט דריי בריתות און דריי שבועות12. ער מוז זיך באַזעצן אינם לאַנד פון דער „היקסוס״־הערשאַפט און דער סוף איז, פאַרשקלאַפונג פאַר די געוועזענע פרינצן, אברהם אבינו׳ס קינדער . . .

געמיינט האָט יעקב אבינו, אַז ער וועט דאָרט בלויז בלייבן ציטווייליק, „שלא ירד יעקב אבינו להשתקע אלא לגור . . . ער איז אָבער געבליבן להשתקע און זיינע קינדער האָבן געליטן פונם ערגסטן סאָרט שקלאַפעריי.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר שרייבן דאָ ניט די געשיכטע פון מצרים. ס׳איז אָבער דאָך וויכטיק, אפילו דרך־אגבדיק אָנצואווייזן, אַז די היקסוס־דינאַסטיע איז געווען צופרידן מיט דער יידישער אימיגראַציע: יוסף האָט גערעטעוועט דאָס לאַנד פון אַ זיכערן הונגער־אומקום; די שבטים זיינען פון רועי־צאן געוואָרן גוטע פאַכמענער און מיט זייערע פּראָדוציר־מיטלען אָנגעפילט דאָס לאַנד, אינם זין פון „ותמלא הארץ אותם״ . . . .

עגיפּטן איז געוואָרן אָנגעפילט מיט יידישע מאַטעריאַלן: אויסאַרבעטונג פון לייוונט (פלאַקס), טעפּ־פאַרצעליי, מיט נייע פלאַנצונגען, גערטנעריי, בוי־מאַטעריאַלן און אַזוי ווייטער13.

אין „דברי הימים״14 ווערן אויסגערעכנט יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין פאַרשיידענע פאַכן און פון די פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען ביים משכן. מ׳זעט, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלט פאָלק, קענער אין אויסאַרבעטן פאַרשיידענע כלים פון גאָלד, זילבער, קופּער און אַנדערע מעטאַלן; אויך אויסאַרבעטן פאָרהאַנגען, באַדעק־און אַנדערע סאָרטן קליידונג־אינדוסטריע.

אומקערנדיק זיך צו יעקב אבינו׳ס פּאָזיציע, ווי אַזוי ער איז עקספּלואַטירט געוואָרן ביי זיין שווער, וועלכער האָט געוואָלט „לעקור את הכל״, אַליין אויסצורייסן מיטן וואָרצל און זיינע טענות:

„פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס כ׳בין געווען מיט דיר, האָבן דיינע שעפּסן און דיינע ציגן ניט פאַרוואָרפן און די ווידערס פון דיינע שאָף האָב איך ניט געגעסן. קיין פאַרצוקטע האָב איך דיר ניט געבראַכט; איך פלעג ליידן איר שאָדן. פון מיין האַנט פלעגסטו עס אויפמאָנען: גע׳גנבעט ביי טאָג, צי גע׳גנבעט ביינאַכט. ביי טאָג פלעגט מיך אויפעסן די היץ און ביינאַכט — די קעלט (איראַקישער קלימאַט); און מיין שאָף האָט געוויכט פון מיינע אויגן . . . און דו האָסט געביטן מיין לוין צען מאָל . . . גאָט האָט געזען מיין פּיין און די מאַטערניש און ער האָט אונטערשיידט נעכטן ביינאַכט״15.

און אַז יעקב איז געווען גערעכט, באַווייזט דאָך די איינשטימיקע דעקלאַראַציע

פון זיינעביידע ווייבער רחל און לאה, וועלכע האָבן, ווי מיר האָבן פריער געזען, געזאָגט: „האָבן מיר דען נאָך א חלק אָדער א ירושה אין אונזער פאָטערס הויז? זיינען מיר ניט ווי פרעמדע פאררעכנט ביי אים? וואָרום ער האָט אונז פארקויפט און אויפגעגעסן אונזער געלט . . . ״

יעקב האָט זיך אָבער ניט באקלאָגט אויף זיין גורל. אָנגעארבעט צוואנציק שווערע יאָרן, די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן, אין די שפּעטערע יאָרן זיך אומגע־קערט צום לאנד פון זיינע עלטערן, צו דעם געליבטן לאנד ביי די אבות און דאָרט זיך פארנומען מיט פי־צוכט און אגריקולטור.

אויב מיר ווייסן היינט ניט ווי שטארק יעקב׳ס טענות זיינען געווען צו לבנ׳ען, איז אָבער וויכטיק צו באקענען זיך מיט׳ן האמוראבישן געזעץ, וואָס האָט געלוי־טעט: „אויב א לייב פארצוקט, זאָל דער פאסטוך שווערן, אז ער איז ניט שולדיק, און דער באלעבאָס פון שטאל זאָל טראָגן דעם היזק״ . . . דאָס האמוראבישע געזעץ האָט אים אויך דערלויבט עסן פון די שאָף. יעקב, ווי מיר זען, האָט געארבעט מער ווי דאָס געזעץ האָט פון אים פארלאנגט; ער האָט ניט געגעסן . . . ניט פארוואָרפן און — געצאָלט פאר גנבה.

עס זיינען דאָ פּאָרשער, וואָס זעען אין יעקב׳ן דעם קלוגן געשעפטסמענטש, וואָס נארט אוים די בכורה ביי עשו׳ן און אפילו אזא ליבעראלער קריסט ווי דר. הענרי סלאָאן קאָפין[16] קען זיך דערלויבן שרייבן, אז „פונקט ווי יעקב זיינען מיר קאָמערציעל, קאָנקורירנדיק און ניט צופיל געוויסנהאפטיק . . .״ דער דאָזיקער ליבעראלער קריסט האָט געקראָגן אן ענטפער דורך דר. א. ראָזמארין[17] און באמת, איז דאָך לגמרי ניט נויטיק צו פירן אָט די אפּאָלאָגעטישע וויכוחים, די אבות דארפן ניט אונזער פארטיידיקונג, אָבער דאָך, איז דאָ אין דעם דער „ודע מה שתשוב״ און אונזערע קינדער דארפן וויסן די ענטפערס.

מיינער א פריינט[18] האָט, אין אן ענטפער צו א געוויסן גלח, וועלכער האָט געוואָלט דווקא באווייזן, אז יעקב איז געווען אן אויסנארער, און אז ער האָט אויסגענאַרט די בכורה מיט די ברכות פון עשו׳ן, ווי דער לעצטער באקלאָגט זיך: „את בכורתי לקח והנה עתה לקח את ברכתי״[19] — אָנגעוויזן, ווי ניט בלויז האָט יעקב ניט אויסגענארט און ניט צוגענומען די בכורה, נאָר אפילו ניט געוואָלט נעמען די ברכות, וואָס יצחק האָט געטראַכט זיי געבן עשו׳ן.

ווען יעקב האָט געזען, אז עשו לאכט אָפּ פון דער בכורה, האָט ער זי ביי אים אָפּגעקויפט און אין עשו׳ס אויגן, אויסגעזען ווי אן אָפּגענארטער און אויס־גענאַרטער, אַז דער יעקב, דער תם קויפט זאכן, וואָס האָבן ניט קיין ווערט . . . [20].

יעקב האָט ניט געוואָלט אוועקנעמען פון עשו׳ן די בכורה. די מוטער רבקה האָט ממש אים באפוילן און אים געזאָגט בגזרת כבוד אם: שמע בקולי לאשר אני מצוה אותך און יעקב איז געווען געצוואונגען נאָכצוקומען איר דרינגנדיקן פארלאנג.

יעקב אבינו האָט גאָרנישט געטאָן פון זיין זייט, ארויסצוקריגן די ברכות פון זיין פאָטער. אלץ האָט געטאָן רבקה! זי האָט צוגעגרייט די מטעמים; זי האָט אים אנגעטאָן די האָריקע קליידער. זי האָט דערפירט, אז איר ליבלינג־זון זאָל קריגן די ברכות — אָבער וואָס פאר־א ליידן האָט ער שפּעטער דורכגעמאכט, דארפנדיק האָרעווען ביי לבנ׳ען און זייענדיק אין שטענדיקער שרעק, טאָמער פאלט אויף אים אָן עשו.

אויב מ׳האָט אן אָביעקטיוון צוגאנג, זעט מען די גערעכטיקייט פון דעם תפארתדיקן יעקב און ניט אומזיסט איז יעקב דערהויבן געוואָרן צו דער שענסטער סימבאָלישער פּערזענלעכקייט סיי אין דער אגדה און סיי אין דער הלכה און דער געראנגל צווישן יעקב און עשו׳ן איז אין דער אגדה פארוואנדלט געוואָרן אין דער שטענדיקער מלחמה צווישן ייד און ניט־ייד, געוויינטלעך צווישן יהודה־ישראל און אדום־רוים. עשו איז דער אדמוני, א רויטלעכער, באלד פון אָנהויב א בלוט־פארגיסער, א „יודע ציד״, פאראכטעט די בכורה . . . יעקב איז דער „איש חלק״, דער גלאט־האָריקער ליבלעכער, דער „איש תם״, דער ערלעכער מענטש וואָס ליידט און לעבט מיטן זכות און בטחון פון דער ברכה וואָס זיין מוטער האָט אויף קינסטלעכע אופנים ארויסגעקראָגן פון זיין פאָטער.

יצחק איז פאר זיין ליבע צו עשו׳ן, דעם בנו הגדול, געשטראָפט געוואָרן לויט די בעלי האגדה, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, אז זיין ראיה איז צעשטערט געוואָרן, „ותכהינה עיניו״, זיינע אויגן זיינען אים טונקל געוואָרן. יעקב איז געבליבן דער סימבאָל פון שיינקייט און יידנטום. אויך אלס מוסטער פון טאָלעראנטקייט, רופנדיק אדום׳ן ברודער, ווייל ער איז דאָך געבוירן געוואָרן פון איין מוטער־פאָטער און געוועזן מיט אים בבטן אחד״[21].

וועגן זכות אבות זיינען דאָ פארשיידענע מיינונגען[22]: לויט איין מיינונג, איז זכות אבות פארענדיקט געוואָרן, „תמה זכות אבות״; מערסטנס איז אָנגענומען די מיינונג, אז זכות אבות ווערט קיינמאָל ניט געענדיקט, אוודאי ניט, דער „ברית אבות״, דעם בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט די אבות, ווי דער פסוק לויטעט: „וזכרתי את בריתי יעקב . . .[23]

די אבות ווערן גערופן בלויז דריי, „אין קורין אבות אלא לשלשה״[24], בלויז די דריי זיינען חשוב צו ווערן גערופן פאָטערס פון יידישן פאָלק. נאָך אברהם אבינו האָבן יידן געקראָגן דעם דין יידן. פאר אים, איידער ער האָט זיך מל געווען, האָט ער געהאט דעם דין פון א בן נח[25] און ניט געהיט מצוות. נאָך מילה, געהיט אלע מצוות, וואָס א ייד איז מחויב.

יעקב איז דער איש אמת, „תתן אמת ליעקב״ און דער היטער פון תמימות, „שמר תם וראה ישר כי אחרית לאיש שלום״[26].

די אבות, ווי געזאָגט, זיינען געווען געהיט ניט צו אוועקנעמען ביי קיינעם, דעריבער איז יעקב געבליבן, איינער אליין, אין גרויס סכנה, צו נעמען קליינע

קריגעלעך, וואָס ער האָט געהאַט געלאָזן[27] און ניט געהאַלטן פון לעבן לייכט, אויף יענעמ׳ס אַרבעט[28], צוזאַמען מיט זיין דינערשאַפט געאַרבעט.

ביי יעקב אבינו, האָבן זיך פאַראייניקט ביידע מידות: חסד און גבורה — און עס איז אַרויסגעקומען די מידה פון תפארת. מיט דער דאָזיקער מידה האָט דער בורא באַשאַפן די וועלט און אויף „תפארת״ האַלט זיך די וועלט[29].

אויף אַן אַנדער אָרט האָבן מיר שוין ציטירט פון תלמוד, ווענן די דריי אַטריבוטן און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן ביים יידישן פאָלק, צוויי פון זיי זיינען **חסד** און רחמים: „ג׳ מתנות טובות נתן הקב״ה לישראל, רחמנים וכו׳ וגומלי חסד . . . ״[1]

ה. מידה פון רחמנות. — אַן אייגנשאַפט ביי די אבות. — אברהם אבינו וואָרצלט איין די דאָזיקע אייגנשאַפטן ביי זיינע קינדער. — דריי אַטריבוטן. — סומירונג.

ד״ה, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינען אַ מתנה פון באַשעפער אָבער לויט אַנדערע שטעלן אין תלמוד בבלי[2] איז דאָס אַ ירושהשאַפט פון אברהם אבינו, דעם אב החסד והרחמנות.

די גוטע מידות האָבן יידן אַלס פאָלק איבערגע־נומען פון זייער שטאַם־פאָטער און זינט דאַן, ווערן יידן גערופן „רחמנים, בני רחמנים; בני אברהם, יצחק ויעקב . . . ״ ביי אַלע דריי, געפינען מיר די דאָזיקע ספּעציפישע גרענעצלאָזע רחמנות־געפילן צו אַליץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן און פון די אבות איז עס אַריבער צו די קינדער.

אַ דאַנק דער מדה פון רחמנות, איז געזיכערט געוואָרן די גאַנצקייט פונם יידישן פאָלק און די פאַרבינדונג און פאַרברידערונג פון אַלע זיינע טיילן. דורך דער מדה פון רחמנות, איז געזיכערט געוואָרן דער וועלט׳ס עקזיסטענץ.

אברהם אבינו איז געגאַנגען ביז׳ן עקסטרעם, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט ווענן רחמנות און אפילו אויף סדום געהאַט רחמנות און געזוכט איר צו ראַטעווען. ער איז דערמיט געווען דער גייסטיקער רעוואָלוציאָנער, פונקט ווי ער איז עס געווען ביים צעברעכן זיין פאָטער תרח׳ס תרפים און פונקט ווי ער איז געווען ביים פאַרלאָזן זיין באַקוועמע היים און זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ געפערלעכן וואַנדער־וועג צו פאַרשפּרייטן געטלעכקייט, יושר און אמונה אויף דער וועלט און דערמיט זיך געשטעלט קעגן עלטערן, משפחה און פריינט.

אברהם איז געווען דער איינציקער אין זיין דור זיך צו שטעלן קעגן שטראָם: „אחד הי׳ אברהם״[3] און דערמיט אַוועקגעשטעלט דעם יסוד פון דער יידישער אמונה און געוואָרן דער אב בית ישראל און דורך זיין הייליקן בונד, דעם ברית בין הבתרים מיט הקדוש־ברוך־הוא אַרויף אויף דער היסטאָרישער בימה, געשאַפן אַ פאָלק און אים באַהויכט דורך אמונה אין אחדות השם.

די חז״ל ווייזן אָן, אין אינטערפּרעטירן אייניקע פסוקים אין באַצוג צו אברהם אבינו, אַז ער האָט מקיים געווען די מצוות ווי געגעבן צו יידן אין דער

געשריבענער תורה (תורה שבכתב) און אין דער שפּעטער צוגעגעבענער אָראַלער תורה, געלערנט אויסנווייניק (תורה שבעל־פה), אַזוי ווייט, גייט זייער באַהויפּטונג, אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען אפילו „עירוב תבשילין" (דעם דין, אַז אויב שבת קומט אויס דעם צווייטן אָדער נאָכפאָלגנדיקן טאָג פון יום־טוב, מאַכט מען אַן עירוב, צו מעגן קאָכן און באַקן יום־טוב פאַר שבת) און שוין אָפּגערעדט פון אַנדערע מצוות, וואָס ער האָט געלערנט פאַר זיך, דערנאָך צו זיינע קינדער און אייניקלעך: אַליין מקיים געווען און געזען, אַז זיי זאָלן מקיים זיין די דאָזיקע דינים און מנהגים.[4]

ווי מיר האָבן פריער שוין דערמאָנט, איז דאָ אַ מיינונג ביי די חכמים, אַז שוין אין עלטער פון דריי יאָר, האָט אברהם אבינו דערקענט גאָט, אַלס דעם באַשעפער פון דער וועלט און מענטשהייט[5] און פונוואַנען האָט ער געוואוסט תורה און ווער האָט עס אים געלערנט? זאָגן שוין דערויף די בעלי אגדה, אַז זיינע צוויי נירן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צוויי תורה־קוואַלן און פון זיי האָט ער געשעפּט תורה און חכמה.[6]

אין אַ ווייטערן קאַפּיטל, וועלן מיר באַרירן דעם ענין פון יחיד און צבור אין דער תורה־השקפה. די תורה פאַנגט זיך אָן מיט דער פאַרהערלעכונג פונעם יחיד, מיט אברהם אבינו, וועגן וועמען דער נביא זאָגט: „הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם, הביטו אל אברהם אביכם כי א ח ד קראתיו"[7]. ער איז געווען דער איינער . . . וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן דער היידנישער וועלט און דער־גרייכט אויף זיין וואַנדער־וועג גערופן צו ווערן „נביא", „נשיא אלקים"[9], „כהן גדול"[10] „אוהב" ביי גאָט[11] און „ישר מן הישרים", דער גלייכסטער צווישן די גלייכע, יושרדיקע מענטשן[12].

הערות

א.

1. הסוציולוגיה בישראל, המוסר הכלכלי, המדיני והסוציאלי בספרות היהדות, הוצאת ראובן מס, ירושלים, תש"ז, ז"ז 20־35.
2. בראשית י"א, א'.
3. דאָרט, י', י־י"א.
4. חלק שלישי, פרק כ"ט.
5. בראשית י"ב, ו'.
6. זע, תורה שלימה, פון מנחם מ. כשר, דאָרט, אות ק"ז.
7. דאָרט, אות ק"ח — קי"ב, באריכות.
8. בראשית י"ב, י"ח און מדרשים.
9. גשורי, דאָרט באריכות.
10. בראשית י"ה.
11. דאָרט כ'.
12. דאָרט כ"ד.
13. דאָרט כ"ה.
14. דאָרט, ל"ב, י', כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ד' לעשות צדקה ומשפט".
15. נדרים ל"ב, ע"א. שיר השירים רבה, י' א'; נאָך אַ מיינונג, אַז ער איז אַלט געווען 48 יאָר — שמות בראשית רבה תולדות, ס"ד, פ"ד.
16. יומא כ"ח, ע"ב.

17. ברכות כ"ו, ע"ב.
18. בשעה שהיה אברהם מהלך בארם נהרים ובארץ נחור, ראה אותם אוכלים ושותים ופוחזים, אמר: הלואי לא יהא חלקי בארץ הזאת. וכיון שהגיע לסולמה של צור, וראה אותם עוסקים בניכוש בשעת הניכוש, בעידור בשעת העידור ,אמר: הלואי יהא חלקי בארץ הזאת, אמר לו הקב"ה: לזרעך אתן את הארץ הזאת — בראשית רבה, לך, ל"ט, ח'; תורה שלימה, דאָרט, אות קי"ג.
19. בראשית י"ח, ו־ח; מדרש הבאור, „שלא הנהיג עצמו בגסות הרוח", תורה שלימה, דאָרט, אות ק"א, פאַרשיידענע ווערסיעס.
20. בראשית רבה, נ"ט, י"א.
21. והוכיח אברהם את אבימלך על אדות באר המים אשר גזלו עבדי אבימלך — בראשית כ"א, כ"ו.
22. ספרי האזינו, שי"ג.
23. ישעיה מ"ה, ו'.
24. בראשית כ"ו, ה'.
25. בראשית רבה, ס"ד, מ"ט.
26. תנחומא לך, פסוק אחר הדברים; ב"ר מ"ח. זע, ווייטער, ז' 53, נאָכבאַם. 4.
27. עבודה זרה כ"ה, ע"א; מדרש שיר השירים, ד'; מדרש רות, א'; מגילה י"ד; ילקוט אסתר, רמז אלף י"ד.
28. בראשית רבה ט"ו, ע"א; בראשית י"ז, ח'; ירושלמי בכורים פ"א, מ"ד.
29. בראשית רבה, מ"ב, מ"ה, ילקוט רמז ע"ג.
30. בראשית מ"ה, י"ד, י"ג.
31. נדמו לו לערביים — קדושין ל"ג, ע"ב; ירושלמי, בכורים — ער איז דער פאָטער פון גרים און זיי קענען זאָגן: „לאבותנו", שטאַמען פון „נפש אשר עשו בחרן — כאלו ילדו!"
32. זען, קדושין ס' ע"ב; בראשית רבה, י„ „נעשה שר גם בעליונים".
33. בראשית כ"א, ל"ג. יהודה אבן שמואל (קויפמאַן) אין זיין פירוש באַמערקט, אַז דעריבער פאַנגט אָן דער רמב"ם יעדן חלק פון זיינע דריי חלקים „מורה נבוכים" מיט אָט דער פראַזע, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרבונדן אַלע דורות מיט אברהם אבינו.
34. מורה נבוכים, חלק ג', פרק כ"ט.
35. וועגן די עקידה־מאָטיוון — אין אַ באַזונדער אַרבעט.
36. אבות פרק א', משנה ב'.
37. זוהר, ויצא, תרומה, קע"ו, א'.
38. בבא בתרא ט', ע"א; סוטה מ"ט, ע"ב.
39. עירובין י"ט, ע"א.
40. סנהדרין צ"ח, ע"ב; י. ד. אייזנשטיין, אוצר ישראל, חלק א', ז"ז 83־88.
41. בראשית, י"ב, כ"ט.
42. סוטה י"ד, ע"א.
43. נדרים ל"ט, ע"א.
44. שמות י"ח, כ'.
45. זען, קאָמענטאַרן, דאָרט; פאה, פרק א' משנה א', לויט ירושלמי; בבא מציעא, ל' ע"ב; בבא קמא, ק' ע"א; נדרים ל"ט, ע"א.
46. נדרים, דאָרט; שבת כ"ז, ע"א; „מבקרים חולי נכרים עם חולי ישראל" — גיטין, ס"א, ע"א.
47. ירושלמי, פאה, פ"ג, הלכה ז', יורה דעה, סימן של"ה.
48. זען, מרדכי וו. בערנשטיין, דאָס איז געווען נוסח אשכנז, בוענאָס איירעס, תשכ"א—1960.
49. חולין ז' ע"ב.
50. דאָרט, אָנהויב־וואָרט ויש.
51. מעשה ב"ר חייא שעשה נדבה בבית המדרש הגדול שבטבריא ופסק אדם אחד ליטרא של זהב, נטלו ר' חייא והושיבו אצלו וקרא עליו: מתן אדם ירחיב לו — דברים רבה, פ"ד.
52. אויף אַן אַנדער אַרט באריכות וועגן צדקה.
53. זע, תו"כ אויפן פסוק „והחזקת בו".
54. מדרש רבה, בחוקותי, ל"ו, ו'.
55. ישעיה נ"ד, י': כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה — וחסדי מאתך לא תמוש . . .
ר' עקיבא בן יוסף, ווערט געזאָגט, האָט געהאַט די נשמה פון יעקב אבינו.
56. הכנסת כלה לערנט מען אַרויס פון רבונו של עולם אַליין, ער, כביכול האָט געקליידט און געפּוצט חוה'ן, איידער ער האָט זי געבראַכט צו אדם. זע, אבות ד"ר נתן, פרק רביעי: מסכת דרך ארץ ט' און ברכות ס"א, ע"א.
57. זען, חולין ז' ע"א, ע"ב.
58. וועגן מהר"ם מרוטנברג, נאָכקוקן אין תולדות הפוסקים פון שמעון משה האַנעס. שלום אַש שילדערט אויף זיין שטייגער יענעם מאָמענט אין אַ דערציילונג א.נ. „דער געפאַנגענער רב פון ראָטענבורג" און ער ענדיקט: „ער איז געשטאָרבן אין טורעם. זיין קערפּער איז דאָרט געלעגן אויפבאַוואַרט אין זיין געפענגעניש־צעל פערצן יאָר נאָך זיין טויט. ביז עס האָט זיך געפונען אַ פראַנקפאָרטער ייד, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַ גרויסע מצוה פאַרדינען, און ער האָט פאַר זיין קערפּער געגעבן גרויס אויסלייז־געלט און האָט אים געבראַכט צו קבר ישראל אויפן וואָרמסער בית־עולם . . . " ר' מאיר בן ר' ברוך איז געבוירן געוואָרן אין וואָרמס, אַרום 1215 יאָר און נפטר געוואָרן אין ענזיסהיימער־פעסטונג (עלזאַס) אין 1293.

59. וועגן דעם „בר חותמים" — אומצייליקע מאמרים אין די דרוש־ספרים. זע, פסחים קי"ז, ע"ב.
60. מסכת דרך ארץ זוטא, פרק כ"ה.
61. בראשית ט"ו, ו'
62. מדרשים אויף אויספיר פונם פסוק, „ויחשבה לו צדקה".
63. ער גייט מיט גאנצקייט און ווירקט מיט גערעכטיקייט — תהלים ט"ו, ב'. און אין דער תורה, „והיה תמים", בראשית י"ז, א' און מדרשים.
64. מכות כ"ד, ע"א; זעו, תורה שלמה, בראשית דאָרט, אות ט"ז.
65. ב. יאושזאָן, פון אונזער אלטן אוצר, ווארשע תרצ"ב, חלק א', ז' 37.
66. בבא בתרא ט', ע"א.
67. בראשית י"ח, י"ט.
68. ביצה ל"ב, ע"ב.
69. אבות ג', י"ד.
70. גיטין ס"א, ע"א.
71. תענית כ' ע"ב.
72. זע קאָמענטאַרן משנה סנהדרין, ד' ה'
73. זוהר א' ב', ע"ב; זע „יסודי ישרון" פון הרב גדלי' פעלדער, חלק א', ז"ז כ"א־כ"ה.
74. שמות רבה, כ"ח, י"א.
75. זע, קהלת רבה, ג' י"ג.
76. ישעיה נ"א, ב' — „קוקט אויף דעם פעלז פונוואנען איר זייט אויסגעהאקט און אויף דעם ברונעמגרוב פון וואנען איר זייט אויסגעבראָכן; קוקט אויף אברהם אייער פאָטער, און אויף שרה'ן, וואָס האָט אייך געבוירן" . . .
77. ספרי, האזינו שי"ג.
78. מי יעלה בהר ד' — זה אברהם; ומי יקום במקום קדשו — זהו אברהם (ווער קען ארויפגיין אויף דעם בארג פון גאָט און ווער קען שטיין אויף זיין הייליקן אָרט — תהלים, כ"ד, ב'). דאָס טאָפּלטקייט איז דערפאַר, ווייל ס'טרעפט אָפט, אז מ'גייט אַרויף אָבער מען מוז אראָפּ . . . די גרויסקייט באשטייט אין דעם, ווער ס'קאָן באווייזן, דאָרט בלייבן שטיין אויף דער הייליקייט — און דאָס איז געווען אברהם אבינו. זען, בראשית רבה ו', ט"ו.
79. זע, שפת אמת (אדמו"ר הרה"צ ר' יהודה ארי' אלטער, גערער רבי) בראשית לך, באריכות.
80. שלשה לא שלט בהם יצר הרע — בבא בתרא, י"ז, ע"א.
81. און יעקב האָט געצויגן קיין סוכות, בראשית ל"ג, י"ז.
82. זאָלסט ניט מורא האָבן מיין קנעכט יעקב, ישעיה מ"ד, ב'.
83. בראשית י"ז, א'
84. דאָרט כ"ה, כ"ז.
85. אבות ה', ג', די צען נסיונות זיינען: 1. געוואָרפן דורך נמרוד אין קאַלך אויוון, אין אור־כשדים; 2. גאָט באפעלט אים פאַרלאָזן זיין היים; 3. הונגער; 4. די מצרים נעמען אוועק פון אים שרה, זיין ווייב; 5. מלחמה מיט די קעניגן צו ראַטעווען זיין פּלימעניק לוט; 6. ביים בונט, צווישן די שטיקער, ברית בין הבתרים, וואו מ'האָט אים אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה פון שעבור מלכות פאַר זיינע קינדער; 7. מילה; 8. אבימלך דער קעניג פון פלשתים נעמט אוועק פון אים שרה'ן; 9. פאַרטרייבט די דינסט מיטן זון ,ישמעאל, קעגן זיין ווילן; 10. די עקידה — גרעסטער און שווערסטער נסיון, געוויזן אויף אהבת השם ביז צום נפש.
86. זע, בבא בתרא, י' ע"ב.
87. „זרעו לכם לצדקה וקצרו לפי חסד" . . .
88. זע, מדרש רבה, לך, „ויבואו על עין משפט — זה אברהם — עין שעשתה מדת הדין בעולם".

ב.

1. „אזויווי ער איז דאָרט", לויט רש"י: „אזויווי ער איז דאָן", בראשית כ"א, י"ז.
2. בראשית כ"ה, א"ו'.
3. בראשית כ"א, י"ב. „ווארום אויף יצחקן וועט גערופן ווערן דיין זאָמען" און ווי די גמרא (נדרים ל"א, ע"א) באמערקט: „ולא כל יצחק, ניט גאַנץ יצחק. בלויז יעקב, די בני ישראל ווערן גערופן „זרע אברהם".
4. אנהויב פרשת חיי שרה. דער רמב"ן האַלט אויך, אז באר שבע איז דאַן געווען פלשתים־טעריטאָריע.
5. רד"ק בויט זיין ראיה פון פסוק בראשית כ"א, כ"ב, ויהי בעת ההיא ויאמר אבימלך ופיכול שר צבאו אל אברהם, אלקים עמך בכל אשר אתה עושה. בעת ההיא, מיינט מען, ווען יצחק איז געבוירן געוואָרן אין גרר.
6. „ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים, ויברכהו ד' (און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד, און האָט געקראָגן אין יענעם יאָר הונדערט מאָל אזויפיל; און גאָט האָט אים געבענטשט — בראשית כ"ו, י"ב־י"ג).
7. „ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ" (און גאָט זאָל דיר געבן פון דעם טוי פון הימל און פון די פעטקייטן פון דער ערד) און ווי די אגדה איז מוסיף, אז יצחק אבינו האָט געהאַלטן, אז ברכה רוט נאָר ווען ס'איז דאָ מענטשלעכע אָנשטרענגונג. זע, תוספתא ברכות ח' און בראשית רבה, פ"ד.

8. „כי אמרתי עולם חסד יבנה״.
9. בראשית רבה, ס״ג, ב׳
10. בראשית כ״ה, י״ט, רש״י דאָרט.
11. און די צירונג פון קינדער זיינען זייערע עלטערן, משלי י״ז, ו׳.
12. דאָרט, די קרוין פון אַלטע לייט זיינען זייערע קינדס־קינדער.
13. ישעיה כ״ט, כ״ב, לויט תלמודישע קאָמענטאַרן.
14. בראשית ז׳, ב׳.
15. דאָרט, מ״ז, ג׳
16. שמות ג׳, א׳.
17. די קינדער פון אברהם מיין געליבטער, ישעיה מ״א, ח׳
18. זעז, במדבר רבה, ט״ז; תורה שלמה, בראשית י״ג, אות ט״ז.
19. זע, הרב מאיר שוואַרצמאַן, מאיר עיני ישרים, תולדות, ז׳ 54; הרב דוד קירשנבוים, פון די חסידישע אוצרות, בראשית כ״ה, כ״ח.

ג.

1. די עקדה אין דער יידישער און קריסטלעכער טראַדיציע.
2. שבילי החנוך, סתו תשט״ז, יאָרג. 16, נום. 1, ז״ז 16־24. זע אויך, נ. סטאַלניץ, „נגינה אין יידישן לעבן״, ז״ז 195־199, וועגן השפעה פון שופר און זיין באַטייט אַלס פּרימיטיוו־מוזיקאַלישער אינסטרומענט.
3. א׳ קי״ט, ב.
4. ה. לייוויק אין זיין עקדה־דראַמע און אין איוב, שטעלט זיך אָפּ אויף די עקדה הכנות, דאָס גיין אויפן וועג און דאָס שלייפן דאָס מעסער . . .
5. ווי ל. ראָזענצווייג, דריקט זיך אויס אומפאַרשעמט אין זיין נאַריש לעסטערנדיק ביכל, „ברית מילה״, 141 זייטן.
6. זע, ראב״ע, אויפן אָרט.
7. זע, מורה נבוכים, ג׳ כ״ד.
8. בראשית כ״ב, א׳.
9. געאַרבעט דערויף 12 יאָר, פון 1922 ביז 1934.
10. אין זיין ספר „יביע אומר״, וירא, ז״ז 24־26.
11. ברכות, כ״ט, מ״ח.
12. תענית ד׳.
13. שיר השירים, רבה, ח׳ ו׳.
14. גיטין נ״ז ע״ב.
15. ראש השנה, ט״ז, ע״א.
16. בראשית רבה, נ״ו.
17. זע, שבתי וויס, מאוצר המחשבה של חסידות, ז״ז 44־46.
18. בני ברק, תש״ח ז״ז ל׳־ל״ב.
19. חלק ג׳ ז״ז ק״ס־קס״ב

ד.

1. דברים כ״ו, ה׳
2. א פאַרלוירענער ארמי, א פאַרוואַגלטער אומגליקלעכער איז געווען מיין פאָטער. מען רופט אים ארמי, צוליב זיין מוטער רבקה, וואָס האָט געשטאַמט פון ארם נהרים. זען, הגדה של פסח, ח. א. קפלן, ניו־יורק, תרפ״ז, באור ז׳ 62.
3. ברויט צום עסן און קליידער זיך קליידן — בראשית כ״ח, כ׳. בלויז הצטרכות, לויט חסידישע ספרים ברויט צו קענען עסן, צו זיין געזונט . .
4. בראשית ל״א, ל״ח־מ״ב. איבערז. אין יידיש — ווייטער.
5. רבה, דאָרט.
6. או ער האָט געדינט ביי אים נאָך זיבן אַנדערע יאָר, בראשית כ״ט, ל׳; מדרש ילקוט שמעוני (רמז קכ״ה) שטרייכט אונטער: בנוהג שבעולם, פועל עושה מלאכה עם בעה״ב שתים ושלש שנים באמונה, ולבסוף הוא מתעצל, ברם הכא מה הראשונות שלמות אף האחרונות שלמות; מה הראשונות באמונה, אף האחרונות ־ באמונה״.
7. זען, תנחומא, דאָרט.
8. די טוואונגען פון מיינע הענט, האָסטו געבענטשט, איוב א׳, י׳.
9. האָבן מיר נאָך א חלק און א ירושה ביי אונזער פאָטער? מיר זיינען ביי אים ווי פרעמדע, ער האָט אונז פאַרקויפט און אויפגעגעסן אונזער געלט — בראשית ל״א, ט״ו.
10. תוספתא, ברכות ח׳; זען, מ. ש. גשורי, הסוציולוגיה בישראל, פרק א׳, ז״ז 30־31.
11. רש״י, וישב.

12. מדרש שלשה וארבעה, תורה שלמה, בראשית ט"ו, אות ר"ז. יעקב האָט געהאט א באזונדערע פארזיכערונג אויפן לאנד כנען: „הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה" (בראשית כ"ח, י"ג) און דער קאָזשעניצער מגיד האָט געטייטשט, דאָס לאנד וואָס דו האָסט זיך פארלייגט אויף צו קריגן . . . זען, ד. קירשנבוים, פון חסידישן אוצר.
13. גשורי. דאָרטן, באריכות.
14. א, ד', כ"א-כ"ג.
15. בראשית ל"א, ל"ז-מ"ב.
16. פרעזידענט פון דעם ניו-יאָרקער טעאָלאָגישן סעמינאר פאר גלחים.
17. „אן ענטפער", ניו-יאָרק, תש"ג.
18. הרב י. הורוויץ פון טאָראָנטאָ.
19. בראשית כ"ו, ל"ו.
20. בראשית כ"ה, ל"א-ל"ד.
21. אבן עזרא, שמות כ"א, ב'.
22. שבת נ"ה, ע"א.
23. ויקרא כ"ו, מ"ב.
24. שמחות א' י"ד; ברכות ט"ז, ע"ב; אנציקלאָפדיה תלמודית, כרך ראשון ז"ז ט"ו-ט"ז.
25. דאָרטן, ז' י"ז - באריכות.
26. באטראכט (היט) דעם אומשולדיקן און זע דעם רעכטפארטיקן, תהלים ל"ז, ל"ז.
27. חולין, צ"א, ע"א.
28. בראשית רבה, פרק ד'.
29. זע: בראשית רבה, י"ב, ט"ו; ויקרא רבה, ו', א'; זוהר חדש, תשא, מ"ד, ב'; זוהר שמיני, ל"ח, א'.

ה.

1. קדושין, ירושלמי פרק ד'.
2. ביצה ל"ב: שבת קנ"א; בראשית רבה, אנהויב בראשית און אין זוהר, דאָרט.
3. יחזקאל ל"ג, כ"ד; בראשית רבה, ל"ט, א'.
4. זען: מדרש רבה און תנחומא אויפן פסוק „וישמור משמרתי, מצוותי חוקותי ותורותי", (בראשית כ"ו, ה') ;יומא כ"ח, ב': „אמר רב, קיים אברהם אבינו כל התורה . . . ואימא שבע מצוות ומילה? א"כ מצותי ותורתי למה לי". רבא זאָגט, דאָרט, „קיים אברהם אבינו אפילו עירובי תבשילין • • . ואחת תורה שבעל פה" . . . אן אנדער ווערסיע: דברי סופרים — אלץ געמיינט עירוב תבשילין, וואָס פון די תקנות סופרים-חכמים, ווי רש"י דערקלערט עס אין ביצה (ט"ו, ע"ב). זע אויך, קדושין ד' י"ד. מער וועגן דעם: אין תורה תמימה (פון ר' ברוך הלוי עפשטיין), פ' תולדות, דאָרט, א'-ד'.
5. זע, נדרים ל"ב, ע"א; רמב"ם עבודת כוכבים, פרק א', הלכה ג', פארשיידענע נוסחאות. רביינו יוסף קארו אין כסף משנה אויפן אָרט, זאָגט אין נאָמען פון רמ"ד, אז ביידע גירסאות קענען אנגענומען ווערן און ניט דארפן זען א סתירה אין זיי. עס זאָל הייסן, אז אין עלטער פון דריי יאָר, האָט ער שוין זיך ארומגעטראָגן מיט געדאנקען, אז עס איז דאָ א גאָט, אן איינציקער גאָט. אבער ערשט אין עלטער פון פערציק יאָר, איז ער געקומען צו דער פולער דערקענטעניש פון דער דאָזיקער איבערצייגונג. אזוי אז דער גימיטריא פון עק"ב בלייבט און אז אברהם אבינו וועלכער האָט געלעבט 175 יאָר, האָט 172 יאָר פון זיין לעבן געהאט אמונה און הכרה אין השם יתברך.
6. זע, תנחומא, סוף ויגש א"א מקורים.
7. ישעיה, נ"א, א'-ב': קוקט אויף דעם פעלז פון וואנען איר זייט אויסגעהאקט און אויף דעם ברונעם גרוב פון וואנען איר זייט אויסגעגראָבן. קוקט אויף אברהם אייער פאָטער . . . איינער האָב איך אים גערופן . . .
8. בראשית, כ', ז'.
9. דאָרט, כ"ג, ה'.
10. בראשית רבה, מ"ו.
11. ישעיה מ"א, ח'.
12. בראשית רבה, מ"ט.

קאפיטל צוויי

בראשית

מען טאָר ניט פרעגן „מה לפנים, מה לאחור" — וואָס איז געווען פאַר דער וועלט באשאפונג און וואָס עס וועט זיין נאָך איר אונטערגאנג. מען טאָר זיך אויך ניט אריינלאָזן אין דער מאגישער מיסטערישער מעשה מרכבה, וואָס איז פול מיט סודותדיקייט.

גריכישע גנאָסטיקער און יידישע מיסטיקער. — די פיר אין „פרדס". — „מה לפנים ומה לאחור". — האָס און ליבע אין וועלט־עקזיסטענץ. — אָפּטימיזם

אין אלט גריכנטום איז געווען אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז גערופן געוואָרן גנאָזים — אַ פילאָזאָפיע געבויט סינטעטיש אויף טעאָלאָגיע און היפּאָטעזע, אַ פילאָזאָפיע, וואָס האָט זיך באשעפטיקט מיט מעשה בראשית (גענעזים) און מעשה מרכבה און געשאפן גנאָסטישע ספעקולאציעס וועגן קאָסמאָגעניע און פילאָזאָפיע.

אין יידנטום, האָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע געפונען אַ פּלאַץ צווישן די מיסטיקער און וויזיאָנערן. דאקעגן דער דענקנדיקער אינטעלעקטועלער מענטש האָט געזוכט צו פארהיטן יידישע מאסן פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע און זיך באמיט צו דער־גרונטעווען די יסודות פון וועלט־באשאף דורכן ריין פילאָזאָפישן טראכטן און וויסנשאפטלעכן פאָרשן, באזירט אויף דעם געלייטערטן מאָנאָטעאיזם.

צוליב דער מורא פאר דעם איינפלוס פון די פאלשע פילאָזאָפיעס, האָבן אונזערע חכמים באשלאָסן ניט צו ריידן וועגן די דאָזיקע טיפע ענינים אין דער עפנטלעכקייט. זיי זיינען געקומען צום פעסטן באשלוס ניט צו באהאנדלען דעם מין מעשה בראשית אין קעגנווארט פון צוויי תלמידים און דעם ענין מעשה מרכבה אין קעגנווארט פון איין תלמיד.

דער איינציקער וואָס איז אריין אין „פרדס" פון וויסן און פאָרשן די סודות און יסודות פון אמונה און איז ארוים גאנץ אין זיין טיפסטער אמונה אין געלייטערטן מאָנאָטעאיזם, איז געווען — ווי דער תלמוד גיט איבער — רבי עקיבא: „נכנס בשלום ויצא בשלום!"

פיר זיינען אריין אין „פרדס" — דערציילט אונז דער תלמוד — בן עזאי, בן זומא, אחר און רבי עקיבא[1]. „פרדס" (ווייַן גאָרטן) — זיינען תלמוד־מפרשים מודה — איז אַ סימבאָלישער אויסדרוק פאַר סודות פון גענעזים און פלאנעטן־סיסטעם. און זיי קומען אויך צום אויספיר, אז די פיר זיינען ניט ארויף ווירקלעך אין הימעל. זיי זיינען אין זייער פאנטאזיע ארויף אין די „עולמות העליונים".

לויט פילאָזאָפישן אויסטייטש מיינט עס, אין די עולמות פון דער טיפער פילאָ־זאָפיע און לויט די מקובלים, אין טיפן מיסטיציזם, אין וועלכן זיי זיינען געווען אריינגעטאָן.

אין שייכות מיט „פרדס"־סימבאָליק, נוצט אפילו אזא ראציאָנאליסט ווי דער רמב"ם סימבאָלישע אויסדרוקן, וואָרנענדיק „שאין ראוי לטייל בפרדס אלא מי שנתמלא כרסו לחם ובשר"[2].

אויך דער רב האי גאון (נ' ד"א תרמ"ט) טייטשט דאָס וואָרט „פרדס" — טעטיקייט פון חכמה און אז זיי זיינען ניט ארויף אין הימעל. בלויז אין די האַר־קעמערלעך האָבן זיי געזען קלאָר מיט רוח הקודש די הימלישע ענינים[3] און רבי יהודה הלוי[4] האַלט, אז רבי עקיבא האָט דערמיט דערגרייכט מיט זיין טיפן פארשטאנד דעם גרענעץ פון נבואה.

רבי עקיבא'ס כוח איז געווען גרויס אין הלכה, אין דער טרוקענער לאָגישער סכאָלאַסטיק. דאָרט איז ער געווען דער מומחה. ער האָט אויף דעם געביט איבערגעשטיגן זיינע לערער, רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע בן חנניה; זיין חבר רבי טרפון, די תנאים פון זיין דור און פון די שפּעטערע דורות. זיין חבר רבי שמעון בן עזאי, דריקט זיך אויס: „כל חכמי ישראל הם נגדי כקליפת השום חוץ מן הקרח הזה"[5] און ער באַקלאָגט זיך, וואָס ער האָט ניט געלערנט ביי רבי עקיבא[6], וואָס האָט אנטפּלעקט און געבראַכט אין דער עפנטלעכקייט די טיפסטע און שווערסטע ענינים. פונדעסטוועגן אין אגדה איז רבי עקיבא ניט באַטראַכט געוואָרן אין דער זעלבער גרויס. עס איז דעריבער מערק־ווירדיק, וואָס רבי עקיבא איז געווען דער איינציקער, וואָס איז ארויס בשלום פון „פרדס".

בן זומא, למשל, איז ניט געכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ פון אפּיקורסות ווי אלישע בן אביה (אחר), וועלכער האָט בעתן לערנען געהאַט אנדערע מחשבות, גענומען פון די „ספרי טועין נושרין מחיקו"[7]. ער איז אָבער געווען „הציץ ונפגע"[8] און א סך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די גריכישע פילאָזאָפיעס. אזוי אז מען האָט אויף אים געזאָגט: „עדיין בן זומא מבחוץ".

רבי עקיבא איז געווען דער איינציקער, וואָס איז ניט באַווירקט געוואָרן פון די פארשיידענע פרעמדע לערעס, ניט פון די גנאָסטיקער, ניט פון אָריענטאַלן מיסטיציזם און ניט פון די אנדערע, דאַן, קורסירנדיקע פילאָזאָפיעס. ער, ווי זיין רבי ר' אליעזר הורקנוס, האָט געהאַט די טיפסטע אמונה און די שטאַרקסטע איבערציייגונג, אז גאָט איז דער יחיד ומיוחד בורא ומנהיג לכל הברואים[9], באַשע־פער פון אלץ, פון ליכטיקייט און פינסטערניש, פון קערפּער און גייסט און ער, נאָך מער פון די תנאים אין זיין דור, האָט משיג געווען די געלויטערטקייט פון יידישן מאָנאָטעאיזם און פארשטאנען, אז די געטלעכקייט איז א סך העכער פון יעדער השגה און פון אלץ, וואָס דער מענטשלעכער שכל איז נאָר אימשטאנד

משיג צו זיין, אַז ער איז העכער אפילו פון יעדן אַבסטראַקטן געדאַנק — אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן ביים רמב"ם (אין „מורה נבוכים").

זיין תלמיד רבי שמעון בן יוחאי, וועמען מען באַטראַכט אַלס שעפער פון „זוהר", האָט אַרויסגעבראַכט די פאָרמולע פון דער עמאַנאַציע אין די העכערע באַגריפן פון גאָט, ער איז תופס אַלע וועלטן און די אַלע וועלטן קענען אים ניט תופס זיין. ער איז פול אין אַלץ, ער פילט אַלץ אָן מיט זיינע כחות. ער איז שטענדיק זעעוודיק, פאַרן מענטש אָבער ניט זיכטבאַר, ניט אָפן. די עמאַנאַציע פון די, לויט קבלה'איסטישע איינטיילונגען, עשר ספירות: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד מלכות, כתר בינה דעת (גוטסקייט, שטאַרקייט, שיינקייט, אייביקייט, מאַיעסטעטישקייט, פעסטקייט, קעניגרייכקייט, קרוין, פאַרשטאַנד, וויסן).

טאָר מען טאַקע ניט ריידן, דרש'ענען וועגן די פראַגן פון „מה לפנים מה לאחור", וועגן מעשה בראשית, וועגן מעשה מרכבה; מ'האָט אָבער דאָס רעכט אויפן סמך פון פסוקים און מאמרים צו אָבסערווירן די בריאה און אירע יסודות.

פריער, פאַר דער וועלט באַשאַפונג, האָבן מיר אַן עולם פון „תהו ובהו". אַלע עלעמענטן זיינען צונויפגעמישט, צוזאַמענגעבונדן, קאָנצענטרירט און עס איז קיין לעבן ניט. נאָך דער בריאה, איז אַלץ געוואָרן פאַנאַנדערגעטיילט אין אַ הערלעכן סיסטעם, פאַנאַנדערגעטיילט אין ברעקלעך ביז די קלענסטע צעטיילונג אַטאָמען. און אַ פּלאַנעטן אָרדנונג איז געשאַפן געוואָרן.

האס און ליבע זיינען געוואָרן די כוחות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער עקזיסטענץ. „ווען ניט דער האס צווישן די באַשאַף עלעמענטן דריקט זיך אויס אַ גריכישער פילאָזאָף, וואָלט קיין וועלט ניט געווען". די קלאַסן־אַנדערשקייטן אין די מאַטעריאַלן פון וועלט באַשאַף, די קאָנטראַסטישקייט צווישן די עלעמענטן, האָט געבראַכט דער בריאה. די ליבע אָבער האָט באַלד פאַראייניקט די צעשיידטע, האָט פאַראייניקט די צעריסענע. ווען ניט די ליבע, וואָלט די וועלט געווען געבליבן אַ צעברעקלטע אויף שטיקלעך, פאַראייניזאַמטע עלעמענטן. ליבע האָט די דואַליסטיש־קאָנטראַסטישע עלעמענטן צוזאַמענגענומען, צוזאַמענגעבונדן און צונויפגעפלאָכטן. „איבה" און „אהבה" זיינען די פאָטערס פון וועלט באַשאַף, פון וועלט־עקזיסטענץ.

איז דאָס די טראַגעדיע פון דער יצירה, וואָס איז פול מיט סתירות, ווידער־שפּרוכן, קעגנזאַצן — אַזוי זיינען די וועלט יסודות, אויף וועלכע דער „עושה שלום במרומיו" האַלט אויף די אָרדענונג אויף דער סעקונדע „דקה מן הדקה", איין מינוט זיי קומען זיך צוזאַמען, ווערן פאַרבונדן און די וועלט קערט זיך אום צו אַן „עולם התהו".

אויך די מענטשהייט איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי קאָנטראַסטן פּונקט ווי דער קאָסמאָס — און צווישן דער מענטשהייט — די אָפּשפּיגלונג פון גאָטהייט מוז הערשן דער צונויפבונד צווישן ביידע עלעמענטן, אַ נאַטירלעכע ליבשאַפט,

וואָס ברענגט חיות, קיום, מענטשלעכע עקזיסטענץ. די מצוה פון פרו ורבו איז די ערשטע מצוה פאַר דעם מין מענטש.

דער מענטש — דער „בחיר היצירה", אין וועמענס הענט עס זיינען איבער־געגעבן געוואָרן די נאַטור־כּוחות — דאַרף זיך דערהויבן צו די געטלעכע מדות, ער דאַרף פאַרשטיין גאָטס וועגן, ער דאַרף זיך פאַרטיפן אין דער געטלעכער הנהגה און השגחה.

אין דעם „בראשית" קאַפּיטל אין דער תורה, ווערט טאַקע אויף אַ סומירנ־דיקן אופן דערציילט ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, אַ „יש מאין": הימעל, ערד, ליכט, חיות און מענטשן. ער האָט אַריינגעדרונגען אינעם „תהו ובהו", אינעם וויסט און ליידיקייט און געזאָגט: זאָל ווערן ליכט! פאַנאַנדערגעשיידט צווישן ליכט און פינסטערניש און געזען, אַז עס איז גוט!

נאָכדעם באַשאַפן דעם הימל, די ערד און געזען, אַז דאָס איז גוט. די ערד באַגראָזט; געשאַפן די ליכטער, די פּלאַנעטן אויף פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינסטערניש — און ווידער גוט. דאַן באַשאַפן די באַשע־פענישן, וואָס ווימלען זיך אין וואַסער און אויף דער טריקעניש און ענדלעך באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין אייגנגעשטאַלט. צוויי געשלעכטער אין איין קערפּער, אַ באַווייז אויף אחדות און ליבשאַפט — אָבער באַלד חרטה געהאַט אויף דער באַשאַפונג פון מענטש, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פונם „נחש הקדמוני" און פון קין, וואָס הרג'עט זיין לייבלעכן ברודער הבל. דער מענטש האָט זיך ניט פאַרפולקאָמט אין גאָט'ס דרכים און האָט פאַרשוועכט דעם צלם אלקים.

און דאָ קומען מיר צו דעם פּראָבלעם „גוטס און שלעכטס", ווי הלל צייטלין, דער גרויסער יידישער דענקער אין אונזער עפּאָכע, האָט עס אַזוי קלאָר אַרויסגע־בראַכט אין זיין קלאַסיש ווערק מיט דעם זעלבן נאָמען. צוליב פאַרמיידן אריכות־דיקייט, וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט ברענגען בלויז פון דעם, וואָס אונזערע פילאָזאָפן און דיכטער אין דער אַזוי־גערופענער גאָלדענער שפּאַנישער עפּאָכע האָבן זיך אויסגעדריקט און פון וועלכע צייטלין ז"ל, הי"ד ציטירט10. מיר וועלן דאָס טאָן אויף אַ גאָר בקיצורדיקן אופן.

ר' שלמה אבן גבירול קלאָגט ביטער אין זיינע לידער אויפן גורל פון מענטש און זיין שלעכטער נאַטור. אַזוי אויך ר' משה אבן עזרא און זיין פּלימעניק אברהם אבן עזרא אין וועמענס לידער, ספּעציעל אין בן המלך והנזיר מיר פילן זיין ביטערע פאַרצווייפלונג.

ר' ידעיה הפניני — אָדער הבדרשי, אויפן נאָמען פון זיין געבורט־שטאָט אין דער פראַנצויזישער פּראָווואַנס (געבוירן אַרום דעם יאָר 1270) — דער מענטש, וואָס האָט פאַרשטאַנען די וועלט און געקאָנט דעם מענטש מיט אַלע זיינע שוואַכ־קייטן, שרייבט אין זיין „בחינת עולם":

„די ליידנשאַפטן זיינען פינסטערנישן, די כּלי זיין — פוסטע זעקעלעך; די

פערל שטיינדלעך און די רויזן — דערנער . . . און אַלע מענטשלעכע פאַרגעניגנס — בלויז טיוולשע שטיק".

אין זיין קלאָר בילדלעכער שפּראַך און אין שטאַרקן העברייאישן אויסדרוק, שילדערט ער און מאָלט אַזוי קינסטלעריש דעם מענטשנס לעבן און באַגערן. ער דריקט זיך אויס אויף אַן אָרט וועגן מענטש:

ער האַפּט אויפן טאָג — פאַרגייט ער; ער וואַרט אויף די שפּעטערדיקע צייטן און עס ווערט אים נמאס; אויף ימים טובים — און גליטשט זיך דערווייל אויס אויף יובלים — און בלייבט אַן אבל".

און ער באַקלאָגט אויך דאָס וואָס:

„לייבן ווערן פאַרשאָלטן און יונגע לייבעלעך טוען זיך שרעקן, פירער ווערן פאַרשעמט און פירשטן ווערן בלאָס; פּרינצעסינס טרויערן אין זייערע גערטנער, ווערן ווי דינסטן אין נעץ געכאַפּט."

ער זעט אין דער גאַנצער הנהגה פון דער וועלט כאָאָס און הפקרות. ער זאָגט אויף אַן אָרט:

„ווי אַזוי זאָל איך מיך פאַרלאָזן אויף דער וועלט, ווען אירע זיילן טרייסלען זיך? אירע בערג הענגען אויף אַ האָר, ווען איך דערזע אין מיין אוצר איר גאָלד — פיל איך גלייך די קופּערנע שלאַנג, וואָס שלעפּט זיך נאָך אים נאָך . . . ווייסט און געדענקט, אַז אַלץ אַרום און אַרום מיינט נאָר שלעכטס צו טאָן".

ר' ידעיה הפּניני קען ניט פאַרטראָגן די וועלט מיט אירע מיאוסקייטן און שטרעבט צו אַ העכערער און שענערער וועלט. ער זעט:

„די וועלט איז אַ שטורעמדיקער ים . . . און די צייט — אַ שלעכטע בריק געבויט אויף אים . . . די ברייט פון דער בריק איז, ווי די מאָס פון אַ מענטשן און קיין אַנשפּאַר איז אויך ניטאָ און דו, מענטש, איבערגעוואַלט מוזטו לעבן און גיין אויף אים שטענדיק פון דעם טאָג, וואָס דו ווערסט געבוירן".

אין זיינע אַנשויאונגען געפינט מען דעם עכאָ פון קהלת, די צווייפלען פון קהלת, דעם טרויער און באַהאַלטענעם פּעסימיזם.

אין קאָנטראַסט צו אים[11] אין זיין „בחינת עולם", האָט דער מיטלאַלטער באַרייכערט אונזער ליטעראַטור מיט די ווערק פון רבנו בחיי אבן פּקודה[12], וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט אַ מערקווירדיקן אָפּטימיזם און זעט אין אַלץ גאָט'ס גרויסקייט און גוטסקייט און אין אַלע נאַטור דערשיינונגען אַ וואונדערבאַרע רעגלמעסיקייט און קלאָרקייט . . . אין אַלץ, זעט ער סימנים פון געטלעכער חכמה און פולקאָמענקייט און דער מענטש דאַרף זיך אונטערגעבן דער געטלעכער מאַכט און ניט פאַרגעסן די אַלע טובות וואָס גאָט האָט אים אַרויסגעוויזן זינט ער האָט די ליכטיקע שיין דערזען[13].

רבנו בחיי, זעט אין דער וועלט גרענעצלאָזע גוטסקייט. אין אַלץ, זעט ער אָרדענונג און קלוגשאַפט, נוצן און באַקוועמלעכקייט, ליכטיקייט און פרייד — און אז אַלץ איז באַשאַפן און געמאַכט געוואָרן פאַר דעם מענטש.

ביידע, סיי ר׳ ידעיה הפניני און סיי ר׳ בחיי גלויבן אין דער געטלעכער השגחה, ווי ציטילין דריקט זיך אויס, מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייער נשמה. זיי גייען אָבער ארויס פון צוויי באַזונדערע שטאַנדפּונקטן: דער ערשטער אָנערקענט דאָס שלעכטע פון דער וועלט און זוכט שוץ ביי גאָט; און דער אַנדערער זעט בלויז דאָס גוטע און איז דורכגעדרונגען מיט דאַנקבאַרקייט צו זיין ליבן נאָמען פאַר די חסדים וואָס ער טוט מיטן מענטשן . . .

א נאָכפאָלגער פון בחיי׳ס אַנשויאונג און קאָנצעפּציע בנוגע דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס און געבורט פון מענטש, איז געווען ר׳ יהודה הלוי, דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער אין מיטלאַלטער, און ניט ווייניקער נאַציאָנאַל רעליגיעזער פילאָזאָף.

אין זיין „כוזרי״ ברענגט ער ארויס דעם תמצית פון העברען אָפּטימיזם, וואָס דאַרף אָנפילן די הערצער פון יעדן יידישן מענטשן.

דעם גאָטספאַרכטיקן ייד ראָט ער, אז „ער זאָל זיך קלאָר מאַכן די גערעכטיקייט פון גאָט׳ס משפט, א גערעכטיקייט, וואָס זאָל אים שיצן און באַוואָרענען פון אַלע אַנשיקעניש און אומגליקן. ער זאָל דורכגענומען ווערן מיט דער גערעכטיקייט פון דעם, וואָס האָט באַשאַפן אַלע לעבעדיקע, שפּייזט זיי און פירט זיי מיט חכמה, ער זאָל אַלץ נעמען צום גוטן, וועט ער שטענדיק לעבן רואיק און קיינמאָל קיין שווערע צרות נישט פילן.

עס איז דער אָפּטימיזם, וואָס ווערט דעפינירט אינם קורצן פערז: „גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען — זאָל גאָט׳ס נאָמען זיין געבענטשט!״

איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו פאַרטיפן זיך אין די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אזוי קלאַסיש און קלאָר ארויסגעבראַכט געוואָרן אינם ווערק פון הלל ציטילין. דאָ אינטערעסירט אונז בלויז די מענטשלעכע נאַטור; דעם מענטשנס שוואַכקייט ווי זיין דערהויבנקייט און צוליב דעם איז כדאי צו ברענגען די מיינונג פון גרעסטן יידישן פילאָזאָף אין מיטלאַלטער — די מיינונג פון ר׳ משה בן מימון.

ער שטימט איין מיט דער הנחה פון אריסטאָטעל (384-322 פ.ק.ע.), פון ארכימעדעס (287-212 פ.ק.ע.), פון פּלאַטאָ (427-347 פ.ק.ע.) און אַנדערע גריכישע חכמים, אז „דער מקור פון אַלדאָס בייז איז די מאַטעריע, דער קערפּער; דאָס שלעכטע איז בלויז די נעגאַטיווע זייט פון דאָס גוטע, די מאַטעריע איז נעגאַטיוו, ווייל זי האָט ניט קיין פאָרם און דאָס איז דער מקור פון אַלע חסרונות און שלעכטסקייטן. די פאָרם, דריקט ער זיך אויס, ליידט צוליב דעם וואָס זי באַהעפט זיך מיטן קערפּער און די טבע פון יעדער קערפּערלעכער זאַך איז, אז זי קען זיך ניט אָפּטיילן פון דאָס נעגאַטיווע און שלעכטע.״

דער מענטש דאַרף זיך אָבער באַמיִען אויפצוהויבן די פאָרם איבער דעם קערפּער, דעם שכל — איבער די תאוות; באַרייכערן זיין אינטעלעקט, זיין וויסן און קומען צו אַ קלאָרער און פולשטענדיקער אויפפאַסונג פון אַלע דערשיינונגען.

לויטן רמב״ם איז דער מקור פון אַלע שלעכטקייטן דער שוואַכער שכל און אָרעמער וויסן און וואָס מער חכמה און געלערנזאַמקייט דער מענטש באַזיצט, אַלץ פולקאָמענער ווערט די צורה־פאָרם און אַלץ נעענטער קומט צו אים די העכערע השגחה. וואָס ווייניקער חומר, וואָס ווייניקער גשמיות, אַלץ ווייניקער שלעכטס; וואָס מערער אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע פאַלקאָמענקייט, אַלץ העכער די צורה, די פאָרם, דער „צלם אלקים״ פון מענש.

דער מענטש קען זיך דערהויבן, ווען נאָר ער האָט דעם רצון און דעם באַוואוסטזיין, ווען נאָר ער שטעלט זיך די אויפגאַבע פון לעבן אַ קדושהדיקן לעבן — און וועגן דעם לוינט זיך אָפּצושטעלן.

וועגן **דער קדושה** פון מענטשנס לעבן האָבן מיר אַ גאַנצע פרשה אין דער תורה: פרשה קדושים.

ב. קדושה אינם מענטשנס לעבן. — גייסט־מענטשן ווי סאָציאַלע פירער. — געזעלשאַפטלעכע דבקות. — די תורה רעגולירט מענטשלעך לעבן. — יחיד און צבור.

די תורה זאָגט אָן „דבר אל כל עדת בני ישראל, קדושים תהיו״ — הייליק זאָלט איר זיין! באַמערקט דערויף דער מדרש: פאַר וואָס איז די פרשה געזאָגט געוואָרן פאַרן פובליקום — ווייל די מערסטע תורהדיקע גרונט־פרינציפּן געפינען זיך אין דער פרשה[1].

פאַראַן צווייערליי קדושות: איינע, דורך התבודדות, אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשן, דערווייטערן זיך פון געזעלשאַפט און די צווייטע: לעבן אין דער געזעלשאַפט, מיט דער געזעלשאַפט, ווי דער אויסדרוק איז, „אף אמונתך בקהל קדושים״!

די קדושה פון מענטש, לויט דער תורה, איז ניט קיין קדושה פון אָפּגעזונדערטקייט. דער יחיד וואָס דערגרייכט די מדרגה פון קדושה, דאַרף ער די קדושה אַריינברענגען אין דער געזעלשאַפט. דאָס זאָל מיינען דער מדרש „מפני מה נאמרה פרשה זו בהקהל?״ „וואָס עפּעס רעדט מען וועגן קדושה צו דער ,כל עדת׳?״, צו דער גאַנצער עדה. ווייל די תורה וויל טאַקע לערנען דעם מענטש בהקהל — אין דער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף זיך פירן לויט די הייליקע פרינציפּן. וואָס זיינען עס די הייליקע פרינציפּן?

מורא האָבן פאַר מוטער־פאָטער; היטן שבת; ניט דינען די געצען; באַזאָרגן דעם אָרעמען; ניט גנב׳ענען; ניט פאַרלייקענען; ניט זאָגן קיין ליגן איינער דעם אַנדערן; ניט דריקן דעם חבר; ניט באַגזלענען און ניט לאָזן איבערנעכטיקן דעם

לוין פון א געדונגענעם; ניט שעלטן א טויבן און פאר א בלינדן ניט לייגן קיין שטרויכלונג. זאָלסט מורא האָבן פארן גאָט!

און ווייטער:

„איר זאָלט ניט טאָן קיין אומרעכט אין משפט; ניט שוינען דעם אָרעמאן און ניט שאנעווען דעם גרויסן מאן; ניט ארומגיין מיט רכילות צווישן פאָלק און ניט שטיין רואיק ביים בלוט פון חבר" — דער פינאַל: ואהבת לרעך כמוך (ליב האָבן דעם חבר ווי זיך אליין!)

ווי פאַרטאָן יידישע פירער זיינען אין קדושה'דיקע ענינים, פארגעסן זיי ניט אויף איין מינוט אין די פשוטע נויטיקע באדערפענישן פונ'ם פאָלק.

וועגן גרעסטן ביי יידן, משה רבנו, ווערט געזאָגט, אז ער האָט צוזאמענגע־מישט און צונויפגעבונדן הימלישעם מיט ערדישעם, „בא משה ועשה את התחתונים לעליונים ואת העליונים לתחתונים"[2].

משה רבנו, דער באפרייער פון פאָלק, נעמט זיך אָן פאר די שוואכע, פארטיי־דיקט דעם מאכטלאָזן, קעמפט פארן יושר און צדק — ויגדל משה ויצא אל אחיו. דער גייסט־מענטש איז דער סאָציאַלער און פאָליטישער פירער.

עזרא הסופר, וועגן וועמען עס ווערט געזאָגט, אז ווען די תורה זאָל ניט געווען נעגעבן ווערן דורך משה רבנו, וואָלט זי נעגעבן געוואָרן דורך אים, איז ניט בלויז דער גייסט־מענטש. ער איז אויך דער פּאָליטישער און סאָציאַלער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון ישוב וואָס האָט זיך געשאפן פון די עולי בבל.

מיט עזרא'ן פאנגט זיך אָן די תקופה פון „סופרים" (פון 515 ביז 200 יאָר פ.ק.ע.) און פון דער „כנסת הגדולה" — די גרונטלייגער פון תורה שבעל פה, פון תלמוד בבלי און ירושלמי.

זיינע נאָכפאָלגער אין גייסטיקע קנינים, האָבן אים נאָכגעפאָלגט אויך אין די סאָציאַלע, געזעלשאפטלעכע איינשטעלונגען, ווי מיר זעען עס ביים גרויסן תנא, ר' עקיבא בן יוסף.

רבי עקיבא, וועמען משה רבנו האָט געזען אין הימעל דרשענען על כל קוץ וקוץ תלי תלי הלכות: דער מאן, גרעסער פון זיינע לערער און חברים, דער איינ־ציקער, וואָס איז אריין, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, אין „פרדס" און ארויס ניט געניזוקט. ער איז דער מסירת נפש'דיקער קעמפער פאר יהדות און פרייהייט, אָפּהיטנדיק מיט דער פולסטער שטרענגקייט אין דער רוימישער תפיסה אפילו איסורים פון די חכמים, ניט וועלנדיק אין קראנקהייט אויסזיפּן א לויזע איי אין תשעה באב, וואָס איז אויסגעקומען ערב שבת — דער דאָזיקער רבי עקיבא איז געווען דער הערצאישער קעמפער פאר דער באפרייאונג פון יהודה, מיטגעארבעט מיט כוזיבאן (בר כוכבא) האלטנדיק אים פאר דעם משיח[4], געבעטן דאָס פאָלק ניט אָנצוטרויען זיך אין די רוימישע דעלעגאַציעס, וועלכע ער האָט באטראכט פאר

שפּיאָנען און נידערטרעכטיקע ברואים[5] און געליובט די מענטשן פון מדי, וואָס ווייסן ווי צו האלטן א סוד און באראטן זיך אין פעלד[6].

רבי עקיבא, ווען מ'האָט זיין לייב געקעמט מיט אייזערנע קאמען, האָט ער זיך געהאלטן אזוי שטארק, אז ער האָט זיך אויסגערדיקט צו זיינע תלמידים, אז ער איז גאָר צופרידן פון זיין גורל צו פארענדיקן אלס קרבן אויפן מזבח־אידעאַל. ער האָט אין דעם געזען תכלית און ציל: מקריב זיין דאָס לעבן זיינס פאר'ן לעבעדיקן גאָט, „להקריב את החיים לאלהי החיים" און געקוקט מיט שטוינונג אויף דער פראגע פון זיינע תלמידים: „עד כאן"?

אין קידוש השם, האָט ער געזען פּראקטיצירנדיקע השלמה עצמית, א געלעגנ־הייט זיך מוסר נפש זיין צוליבן גרויסן אידעאל — און ער האָט באזיצט די דאָזיקע גבורה זיך צו קאָנען קאָנטראָלירן, ניט צו פארלירן זיך, אָפּצוגעבן מיט שמחה זיין לעבן צום באשעפער.

אָבער ניט בלויז מיט אזעלכע גרויסע אידעאלן האָט זיך דער קעמפערישער תנא, געשטעלט העכער פון אלע אין זיין דור . . . אויך אין קלענערע ענינים פונם כלל, האָט ער פארנומען דעם אויבנאָן.

ניט ווייניקער איז רבי עקיבא געווען דער גרויסער כלל טוער, א גבאי צדקה, געפאָדערט פון די רייכע צו טאָן זייער פליכט, ארומגעפאָרן אין די ווייטסטע מקומות אזש קיין גליא (פראנקרייך), אפריקע און אנדערע ווייטע מדינות[7] און אין אין וועגס אָרגאניזירט גרופּעס לומדי תורה, געשאפן תורה צענטערן אין פיל מקומות[8] אויף זיינע באזוכן.

די גרויסע גייסטיקע פערזענלעכקייטן זיינען ניט געבליבן ווי דאָס ווערטל גייט „א צדיק אין פעלץ". זיי זיינען ארויס פון זייערע ד' אמות און אָרגאניזירט דאָס לעבן פון די יידישע מאסן אויף דעם באזיס פון קדושה און טהרה.

דער „צדיק אין פעלץ" האָט אין יידישן לעבן ניט שטארק אויסגענומען. ווער איז א „צדיק אין פעלץ"? זאָגט דערויף דער קאָצקער רבי: ווען אין שטוב איז קאלט און מען מאכט דעם אויוון, ווערט יעדן איינעם ווארעם; ווען מ'הילט זיך אָבער איין אין א פעלץ — איז בלויז אים אליין ווארעם . . . .

אין יידישן לעבן און אין דער יידישער טראדיציע, זוכט מען ניט צו העלפן און דערהויבן בלויז דעם יחיד, נאָר דעם כלל, דעם צבור, דאָס פאָלק — א „ממלכת כהנים וגוי קדוש"[9]. אלע זאָלן זיין ראוי צו ווערן נביאים[10], ווייל אלע זיינען זיי די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב[11].

די תורה רעדט צום יחיד אינדיווידואליסטיש „וצדיק באמונתו יחיה", ווי דער נביא חבקוק האָט עס אזוי קלאָר דעפינירט, און די חכמים קאָמענטירן: „בא חבקוק והעמידן אל אחת".

אָבער אָט די אמונה איז מחייב דעם ווייטערן שריט, דעם פינאַלן, די אמונה וואָס שאַפט דעם באַוואוסטזיין פון מתדבק זיין דעם „יצור" צום „יוצר" און נאָך מער די „דבקות" פון „כל היצורים", די געזעלשאַפטלעכע דבקות.

דעריבער האָט די יידישע רעליגיע אַריינגענומען אַלס מצוות סיי די וואָס זיינען „מוקדש" בלויז צום באַשאַפער „מצוות שבין אדם למקום" און סיי די מצוות פון איינפאַכן מענטשלעכן אינטערעס: עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און שטאַטלעכע — מצוות שבין אדם לחברו!

דער מענטש האָט אַ מעגלעכקייט אַריינצוברענגען קדושה אין דעם טעגלעכן וואָכעדיקן לעבן, פּונקט ווי אין די הייליקסטע און גייסטיקע פּאַרטיפונגען. דער אנכי פון די עשרת הדברות וואָס רעדט צום מענטש אינדיווידואַליסטיש, ווערט דורך די נביאים אוניווערסאַל. דער נביא וואָס רופט צו קדושה, די קדושה פון שבת, רופט אויך אויס מיט פאַרדאַמונג וועגן די, וואָס פאַסטן, קלאַפּן זיך אין די הערצער — און ווייסן ניט, אז דער עיקר איז „פרוס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית"[12].

די תורה איז דער רעגולאַטאָר סיי פון די גייסטיקע כחות ביים מענטש — די קדושת הנפש און סיי פון די פיזיש קערפּערלעכע, סיי אין די ענינים פון בינו לבין עצמו — די דורכאויס אינדיווידואַליסטישע, סיי די סאָציאַלע פּרינציפּן פון דער מענטשהייט ווייל, ווי דער בעל ה„כוזרי" באַהויפּטעט, קאָן מען אָט די כוחות ניט פאַנאַנדערטיילן.

דער מענטש איז מאַקע ווי דער בעל התהלים זאָגט אונז[13], ווי גראָז זיינע טעג . . . א ווינט גייט אַריבער איבער אים און ער איז נישטאָ . . .

ס'איז אָבער דאָך די אָנגענומענע מיינונג אין דער יידישער פילאָזאָפיע, אָנהויבנדיק פון ר' סעדיה גאון ביז די גאַר לעצטע (חוץ דעם אבן עזרא), אז די צענטראַלע כוונה פונם וועלט־באַשאַף איז דער מענטש. דער מענטש וואָס טוט גאָט'ס ווילן, דערקלערט דער רמב"ן[14] האַלט אויף די וועלט, דערלאָזט נישט, זי זאָל זיך אומקערן צום תוהו ובוהו פון פאַר בראשית. דער מענטש איז א קאָסמישע דערשיינונג — און די תורה איז פאַר אים, דעם בעל בחירה, צוגעגרייט געוואָרן נאָך פון פאַר מעשי בראשית.

די תורה, לערנען אונז די חז"ל, איז געגעבן געוואָרן דוקא צום מענטש, ווייל ער קאָן רעאַליזירן די מצוות פון דער תורה — אָבער ניט צו מלאכים, ווייל זיי זיינען ניט קיין בעלי בחירה.

דער מענטש, דער בחיר היצירה, איז גרויס מיט נאָך א בחירה: דאָס, וואָס ער אַליין קאָן זיך אויסקלייבן דעם וועג, ניט אַכטנדיק וואָס מ'זאָגט אים אָן, ער זאָל זיך אויסקלייבן דעם גוטן וועג, דעם לעבעדיקן וועג — ובחרת בחיים! ער זאָל באַקומען שכר פאַר דעם דאָזיקן גליקלעכן אויסוואַל . . . ער איז אָבער פריי זיך אויסצוקלייבן זיין וועג.

קהלת — ווי באַקאַנט נעגירט אַ״די גרויסקייט פונ׳ם מענטש פאַר זיין אויסוואַל; ער האַלט, אז פון מענטשלעכן ווילן בלייבט קיין זאַך ניט מער ווי אילוזיע. ער זעט ניט די העכערקייט פונ׳ם מענטש און דעריבער קומט ער צום אויספיר פון פאַטאַליזם, סקעפּטיציזם און פאַרצווייפלונג. בלויז גאָט׳ס מעשים זיינען אייביק, „דערצו איז ניט צוצולייגן און דערפון איז ניט צו מינערן, ג—ט האָט געמאַכט, אז מען זאָל מורא האָבן פאַר אים . . . ״

צווישן מענטש און בהמה, האַלט ער, איז ניט קיין גרויסער חילוק: „ווי דער ,שטאַרבט׳, אַזוי שטאַרבט יענער און איין אָטעם ביי יעדן . . . ביידע זיינען פון שטויב און ביידע קערן זיך אום צו שטויב, ווער ווייסט דעם גייסט פון מענטשן־קינדער, אויב ער גייט אַרויף אין דער הויך און דער גייסט פון דער בהמה, אויב ער נידערט אונטן צו דער ערד?״[15] (ער האָט די דאָזיקע מיינונג געענדערט; חוזר געוועזן פון זיינע לכתחילה׳דיקע געדאַנקען).

אַנדערש איז דער בליק אויפן מענטש פון די נביאים און פון אַנאָנימע מחברים פון דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור. זיי מאַניפעסטירן דעם גלויבן אין דער דערהויבונג פונ׳ם מענטש. זיי זעען אין אים די געשטאַלטונג פון גאָט׳ס יצירה, דעם „צלם אלקים״ אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש, „עשה האלקים את האדם ישר״ . . .

דער מענטש האָט אַלע אַטריבוטן צו קענען קאָנטראָלירן זיינע געפילן, צו קענען זיך דערהויבן אפילו ווען ער איז אויף דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון ציוויליזאַציע צו דעם הויכן באַוואוסטזיין און דער הויכער גייסטיקייט. די מדרגה פון זיין גייסט קאָן באַשטימען זיין אינדיווידואַליטעט.

דאָס זעלביקע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן א גאַנץ פאָלק, ווי א באַשטאַנד פון יחידים. די אַטריבוטן און קוואַליטעטן פון א פאָלק, ברענגען צום אויסדרוק זיין נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, זיי מאַניפעסטירן דעם גייסט, די נשמה — גאַנצקייט פון דער נאַציע.[16]

דער גייסט פון פאָלק ווערט אויסגעדריקט דורך פאַרשיידענע איינגנשאַפטן, דער עיקר דורך איין הויפּט־איינגנשאַפט, דורך איין שטריך — די יידן, דורך ווערן דאָס ביבל־פאָלק, אָדער ווי זיי ווערן טיטולירט אין דעם קאָראַן, דער „עם הספר״! דערמיט זיינען זיי געוואָרן דער עם הנבחר פון דער מענטשהייט, די טרעגער פון דער תורה. דאָס יידישע פאָלק ווי א קאָלעקטיוו איז גרויס דערמיט, וואָס עס טראָגט מיט זיך די געטלעכע אידעאַלן. דער יידישער מענטש, דער יחיד פון דער נאַציע דערגרייכט צו דער מדרגה פון זעלבסט־קאָנטראָל. דאָס מאַכט אים מאָראַליש־ריין און פעלזנפעסט; דינאַמיש־עטיש. אָבער ער דאַרף זיין שטאַרק נזהר, ניט צו פאַרלירן זיך אינ׳ם גרויסקייט־געפיל: „אדם יחידי נברא, שלא יהיו המינים אומרים הרבה רשויות בשמים. דבר אחר מפני הצדיקים ומפני הרשעים, שלא יהיו הצדיקים אומרים אנו בני צדיק — והרשעים — אנו בני רשע״ . . .[17]

אמת, „ברוב דעת תרבה הדעת", ווי איוב׳ס חברים האָבן געאורטיילט אָבער, אויך דער כלל, דער רבים איז ניט אבסאָלוט דעצידירנדיק. איוב איז גערעכט מיט זיין באהויפּטונג, אז „לא רבים יחכמו", אז דער יחיד קען זיך א סך מאָל דערהויבן העכער איבערן כלל, איבער דעם צבור, ווי אליהוא, איוב׳ס חבר גיט צו.[18] אין תלמוד געפינען מיר עטלעכע אזעלכע פאקטן, וואו דער יחיד האָט מנצח געווען דעם רבים.[19]

עס ווערט דערציילט וועגן א דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען וועגן טומאה, בהרת קודמת לשער לבן . . . כולהו ומתיבתא דרקיע אמרו טמא, רבה בר נחמני, דער יחיד בנגעים ואהלות האָט גע׳פּסקנ׳ט טהור, און אזוי איז געבליבן די הלכה!

דאָרט וואו די דעה פון רבים איז פארפירעריש, איז בכלל געזאָגט געוואָרן: „לא תהיו אחרי רבים לרעות". דער דין פון „אחרי רבים להטות", איז געמיינט בלויז, ווען די חכמים פאראינטערעסירטע, זיינען גלייך אויף גלייך, מיט וויסן און פאר־שטענדעניש, „כי אזלינן בתר רובא, היכי דכי הדרי נגהו".[20] אָבער ניט, ווען די דעבאטאנטן זיינען ניט גלייך אין וויסן, ווען ס׳איז א דיסקוסיע צווישן א גרויסן געלערנטן מיט א געוויינטלעכן מענטשן, וואָס האָט ניט קיין אנונג אין דעם קעגנשטאנד. דאן בלייבט ווי דער געלערנטער, דער רשב"ם שרייבט:

„רואה אני דמה שאמרה תורה אחרי רבים להטות, לא אמרה אלא כשהחולקים הם שוים, אז מעלת הרוב מכרעת, אבל כשיש הבדל בין שתי הכתות, אז איש אחד יעלה לאלף". אויך דער רשב"א,[21] פּירט אוים להלכה, אז דער רבים ווערט בטל, ווען די יחידים זיינען גרויסע פערזענלעכקייטן . . .

די תורה רעדט תמיד צום יחיד, ווענדט זיך צום יחיד, פון יחיד צום כלל, פון אינדיווידועלן לעבן צום געזעלשאפטלעכן לעבן . . .

די תורה זוכט פריער דעם עטיש־דערהויבענעם מוסטער־מענטש, דעם „אויבערמענטש" אין יידישן זין (ניט לויט דער ניטשעאַנער אויפפאסונג ווי עס קומט צום אויסדרוק אין „זאראטוסטרא"). פון די עטישע יחידים שאַפט זיך די עטישע געזעלשאפט, די „מאָראלישע אויסדערווייל טקייט" פונעם פאָלק, אין „עם סגולה", און „עם הנבחר", אויסדערוויילט א דאנק זיינע הויכע אויפגאבן, זיינע אינטעלעקטועלע אנטוויקלונגען, זיינע אייגנארטיקע אופנים פון באקעמפן די חיה׳שע אינסטינקטן אין דער מענטשלעכער נאטור. די דערהויבונג מוז קומען דורך „בחירה חפשית", פרייען אויסוואל, וואָס איז אן עיקר אין דער יידישער אמונה, וואָס איז אויך אנערקענט ביי די אולטרא־מאָדערניסטן אין דער וועלט־פילאָזאָפיע און ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די ווערטער פון איטאליענישן פילאָזאָף קראטשע: ,קיין האנדלונג קאָן ניט זיין, ווען עס איז א געצוואונגענע. יעדע האנדלונג איז פריי, ווייל דער גייסט איז פריי".[22]

ברוך שפּינאָזע (געבוירן געוואָרן דעם 24־טן נאָוועמבער, 1632, אין אַמסטער־דאַם, געשטאָרבן דעם 21־טן פעברואַר, 1677, אין האַג, ניט איבערלאָזנדיק ניט קיין פרוי און ניט קיין קינד) האָט אין זיינע ווערק: „די עטיק לויט דער געאָמעטרישער מעטאָדע"; „דער פּאָליטישער טראַקטאַט" און אַנדערע, באַגרינדעט אויף זיין שטייגער דעם דאָזיקן פּריוואַטיזם־אידעאַל. אין זיין לשון:

„געמיינשאַפט פון מענטשן אונטער דער לייטונג און לייטערונג פון פאַר־נונפט . . . " ער האָט געגלויבט אין דער איינהייט פון נאַטור און גאָט — די פּאַנטעאיסטישע גאָט־אידייע, אָבער יסודותדיק באַגרינדעט דעם מאָניסטישן ספּי־ריטואַליזם, די פילאָזאָפיע פון אימאַנענץ[23].

די דאָזיקע פילאָזאָפיע, כאָטש אַן אַפּיקורסישע, צוליב וועלכער ער איז געלייגט געוואָרן אין חרם — קומענדיק פון אַ ייד, האָט זי אין זיך די השפּעה אַזוי צו זאָגן, פון יידישן צוגאַנג צום באַגריף פון יחיד און כלל, פון דער יידישער הכרה וועגן דערהויבנקייט פון יחיד. די נביאים זיינען געווען זיכער אין דער דערהויבונג פונם מענטשן און אין דער קדושה, וואָס געפינט זיך ביי יעדן יחיד און וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דעם צבור.

לאָמיר בלויז אַ קוק טאָן אין דער נבואה פון ישעיהו בן אמוץ.

ישעיהו הנביא'ס נבואה, די טיפסטע אָפּטימיסטישע, זעט דעם „סוף פון די טעג", ווען מענטש וועט מער ניט פאָכען מיט דער שווערד און אָפּגעשטעלט וועט ווערן בלוט־פאַרגיסונג:

„אין סוף פון די טעג,
וועלן די פעלקער און די אומות
שמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס
און זייערע שפּיזן אויף צווייג־מעסערס.
— — — — — — — — — — — —
די ערד וועט זיין פול מיט דערקענונג פון גאָט
ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים" . . .

אין די נביאות פון ישעיה געפינט מען דעם קוואַל פאַר דער דורות'דיקער באַגייסטערונג און דעם גלויבן אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס וועט סוף־כל־סוף באַהויכט ווערן פון דעם העכערן הימלישן יושר, פון דער העכערער גערעכטיקייט.

ישעיה הנביא זעט די שייכות צווישן גאָט און מענטש, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס מענטש איז פון מאַטעריע און ניט יעדער מענטש קען זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון כולו גייסט, ווי משה רבנו, דעם „והאיש משה", וואָס איז געוואָרן העכער פון מלאך; דער „יליד אשה" אויף וועמען די תורה זאָגט עדות אַז: „והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה"[24] און „פה אל פה אדבר בו . . . ותמונת ד' יביט" (מויל צו מויל רעד איך מיט אים און די געשטאַלט

פון גאָט קוקט ער אָן). און ניט אכטנדיק די דאָזיקע גרויסקייט, האָבן משה און אהרן געזאָגט: „ונחנו מה"[25] און די חז"ל קאָמענטירן דערויף: „גדול מה שנאמר במשה ואהרן ממה שנאמר באברהם, דאלו באברהם כתוב „ואנכי עפר ואפר, ואילו במשה ואהרן כתוב, „ונחנו מה"[26]. דער בעש"ט האָט דערויף געזאָגט: די גרויסקייט באשטייט אין דעם, וואָס אברהם אבינו האָט געזאָגט ואנכי איינער אליין; אָבער משה זאָגט ונחנו, מיר, ער שליסט איין מיט זיך דאָס פאָלק . . . אברהם שמואל בנימין סופר (דער כתב סופר) קאָמענטירט, אַז דערפאַר איז זייער עניוות א העכערע, אין פאַרגלייך מיט דער עניוות פון אברהם אבינו. ווייל — זאָגט ער — אברהם האָט געזאָגט, „ואנכי עפר ואפר", האָט ער עס געזאָגט שטייענדיק פאַר ג—ט . . . ווער וועט זיך וואגן צו באטראכטן העכער? . . . דאקעגן משה האָט דאָס געזאָגט ונחנו מה? מיר זיינען גאָרנישט, צו קרח'ס עדה. ווער האָט זיך געקענט באטראכטן גרעסער פון משה'ן, וועמען ג—ט הייסט איין מאָל דערמאָנען פריער פאַר אים. משה האָט העכסטע אינטואיציע פאַרמאָגט, אין קדושה, זיין לעבן אויסגעפילט — אליין אויסגעטאָן פון אַלע קערפּערלעכע תאוות, קדושה פון נזירות ופרישות, דאָך געהאלטן, אַז קדושה מיינט זיין באהאָפטן מיט'ן לעבן — בלייבן מענטשלעך . . . און ווען ס'איז געקומען די צייט, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די וועלט, ווערן אוים מנהיג.

משה האָט דערפילט זיין שליחות: ארויסגעפירט שקלאַפן פון מצרים, זיי באפרייט, געמאכט פאַר אַן עם חכם ונבון . . . ווען עס איז אָבער געקומען צו דער נייער מיסיע: אריינפירן דאָס פאָלק אין זייער לאַנד, בויען א נייעם לעבן אויף איינענעם באָדן, פאַרענדיקן דעם חלום און די בענקעניש פונ'ם פאָלק — דאָס האָט געמוזט טאָן יהושע זיין תלמיד, דער „פּני־לבנה'דיקער" אין פאַרגלייך מיטן רבי'ן און דאָך פאַסיק פאַר דער נייער שליחות.

דער מענטש לעבט ניט בלויז זיין פּערזענלעך לעבן, ווי אַן איינצל וועזן. ער לעבט דאָס לעבן פון זיין עפּאָכע. משה רבנו, ווי גרויס און דערהויבן ער זאָל ניט געווען זיין, האָט דאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך די צילן, האָפענונגען און שטרעבן פון זיין עפּאָכע, פון זיין דור, פון דעם דור המדבר . . .

און ריידנדיק וועגן קדושה, דאַרף מען וויסן, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות אין קדושה — קדושה פון נזירות און פרישות, אַסקעטיזם, וואָס פירט דעם מענטש צו זיין אָפּגעזונדערט אין די ד' אמות פון תורה און עבודה, מבטל זיין אַלע הבלי עולם הזה — אָבער צו דעם קענען נאָר דערגרייכן יחידי סגולה, איינ־צעלנע פּערזאָנען פון א דור[27]. דאָס פאָלק, דער צבור אלס אַזעלכער, קען זיך נאָר דערהויבן צו א קדושה'דיק לעבן, א קדושה וואָס דרינגט אריין אינ'ם לעבן, לויט'ן באַגריף פון „קדש עצמך במותר לך", באַגרענעצן די תאוות גופניות און זיך דערהויבן צו א הייליק לעבן ווי עס קומט צום אויסדרוק אין תלמוד: „ישראל קדושים".

פונם דורכשניטלעכן מענטשן קען מען אַסקעטישקייט ניט פאַרלאַנגען, ער קאָן חלילה ווערן א חוטא, ווען ער לאָזט זיך אריין אין סיגופים . . . פון אים דאַרף מען פאַרלאַנגען קדושה אין לעבן, ער זאָל לעבן עטיש, האַנדלען שיין און קענען זיך אליין, ווי דאָס חסידות האָט געלערנט „דע את עצמך"! דאָס איז א הויפּט־פּונקט אין דער הומאַנאָלאָגיע. דאָס פירט ארויף דעם מענטש צו דעם עצם תכלית פון דער בריאה, צו דעם מקור פון „כי טוב", וואָס איז געקומען פאַר דעם אנטוויקלטן יצירה־פּראָצעס. דאָס פירט דעם מענטש צו דער אחרית־הימים'דיקער באַפליגלטער וויזיע, די פאַרשטעלונגס־קראַפט פון גערעלשאַפטלעכער האַרמאָניש־קייט, אידעאַלער מענטשהייט פון „לאירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי . . . " א לעבנס־אידעאַל ביחידותדיק און א לעבנס־אידעאַל צבורדיק: נאַציאָנאַלער און אינדיווידועלער איך, וואָס איז געקייטלט מיט דער גאַנצער מענטשהייט.

באַרירנדיק די יסודות פון יידישן חנוך און תורה־דערציאונג, ווייזט אָן איינער פון די פאָרשער, אז דער מאָטיוו פון דערציאונג איז געווען, צו געבן דעם מענטש א באַגריף פון א גוט לעבן און דעריבער נעמט די תורה ווי איין איינהייט ביידע ריכטונגען אין דער יידישער אמונה: די מצוות שבין אדם למקום און די מצוות שבין אדם לחברו, ווי איין קאָנצעפּציע אינם מאָנאָטעאיזם און ניטאָ קיין צוויי באַזונדערע מאָסן. נאָך מער, איידער מען נעמט אויף זיך דעם עול מצוות, דאַרף מען פריער האָבן די הכרה פון עול מלכות שמים, ווייל אַלץ קומט ארוים פון דער אמונה, אז דער באַשעפער האָט באַשאַפן דעם מענטש, די וועלט, דעם גאַנצן קאָסמאָס און האָט דעריבער א רעכט צו פאַרלאַנגען פון זיינע יצורים, אויסצופאָלגן זיינע באַפעלן[28].

ארויסקומענדיק פון אָט דער הכרה, פילט מען זיך, ווי א טייל פונם באַשאַף, אוודאי א טייל פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווי דער נביא דריקט זיך אויס: „האָבן מיר דען ניט איין פאָטער . . . האָט דען ניט איין גאָט אונז אלעמען באַשאַפן? . . [29].

ווען מען איז איבערצייגט אין אָט דער הנחה, האָט מען במילא קאָנטראָל און באַהערשונג איבער זיך; נאָך מער, ווען ער ווייסט, אז די שכינה איז ארום אים, וועט ער אוודאי אכטונג געבן אויף זיינע עטישע באַנעמונגען. אין קעגנוואַרט פון גאָט, וועט דער מענטש ניט וואַגן צו טאָן אָדער אפילו צו טראַכטן וועגן שלעכטס. אזוי ארום איז די תורה אן „עץ חיים": קאָנטראָלירט דעם מענטשנס מעשים און ברענגט אים לעבן, אזוי פאַר דעם יחיד און אזוי פאַר דעם צבור — און אָן צווייפל דעם יידישן צבור, ווייל ביי יידן איז דאָ דער כלל פון „כל ישראל ערבים זה לזה", דער צבור טראָגט אחריות פאַר די זינד פונם יחיד[30].

דער יסוד פון קדושה אין זיינע פילזייטיקע טערמינען האָט אלס יסוד צוויי דעטערמינאַציעס, דער עיקר, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט: דעם יסוד פון „קדש עצמך במותר לך" און אין קידוש השם אויף א ברייטערן פאַרנעם[31].

וועגן דער קדושה פון קדושים תהי' באמערקן שוין די חז"ל — „יכול כמוני, תלמוד לומר, כי קדוש אני, קדושתי למעלה מקדושתכם" . . .[32] דעם הויכן באגריף פון קדושה, בלייבט ביי גאָט. דער מענטש קאָן זיך אָבער דערהויבן צו געוויסע מדרגות אין קדושה און אויך צו דעם דאַרף מען האָבן גרויסע הכנות, געוואַלטיקע רייניקונג און דעם כח זיך צוריקצוהאַלטן פון געוויסער חומריותדיקייט, בכדי זיך צו דערהויבן צו אָט־דער מענטשלעכער קדושה[33].

אינם חסידישן וועלט־באַנעם, ווי דער בעל התניא איז עס מסביר, איז די ריינע קדושה מעורר צו אהבה, צו אהבת הבריות; ליבשאַפט צום מענטש בכלל און ליבשאַפט צום ייד בפרט. ווען דאָס האַרץ ווערט באַהויכט פון קאָסמישער קדושה, ווערט אָפּגעשאַפט, אָדער לכל הפחות אָפּגעשוואַכט, דער עגאָאיזם און עס ווערן געעפנט די קעמערלעך פון ליבשאַפט. אין זיינע ווערטער: מצד הנשמה הרי כולם אחד הם, אך הגופות בלבד הנם מחולקים" . . .

קדושה און אהבה גייען אַזוי אָרום זאַלבענאַנד און ברענגען האַרמאָניע אינם גאַנצן וועלט־באַשאַף, אַוודאי אינם מענטשלעכן לעבן, ווי אַ טייל פון דער בריאה — אָבער וועגן דעם אין די ווייטערע פּרקים.

מיר ווילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין דער חקירה וועגן דער וויסנשאַפטלעכקייט פון „בראשית"־לערע, וועגן דער אָביעקטיוויזאַציע און לאָגיק פון דער תורה אין שייכות מיט קאָסמאָס־יצירה און געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון מענטשהייט — די טעזע פון היסטאָרישן פּראָצעס פון בריאה. מיר ווילן זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דעם אופן ווי דער מענטש ווערט אַוועקגעשטעלט אין דער תורה, זיין חשיבות און פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום מיטמענטש, צו דער געזעלשאַפט[1].

ג. די לערע פון „בראשית". — די מלאכים און זייער מיינונג וועגן מענטש. — דערהויבונג פון מענטש.

די מלאכים אין הימל זיינען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען בעת דער באַשאַפונג פונם מענטש[2]. דער אמת (מלאך פון אמת) האָט גע'טענה'עט: דער מענטש איז כולו שקרים, צו וואָס אים באַשאַפן; דער שלום האָט געזאָגט: ער איז קריגעריש; בלויז חסד און צדק האָבן גוטגעהייסן זיין באַשאַף. וואָס זשע האָט דער רבונו של עולם געטאָן? ער האָט דעם אמת געוואָרפן אין דער ערד אַריין — און באַשאַפן דעם מענטש[3].

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן מיטן „צלם אלקים" און ביים געבוירט געטראָגן זיינע נאַטירלעכע פרייהייטן, ליכט און לופט — און אין דער וועלט פון נאָכן „תהו ובהו", אין דער איינזאַמקייט פון שטומער ערד און הויכע הימלען צווישן וואַלד און וואַסער, האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשלענגלען לעבן מיט געפילן, טרוימען, געזאַנגען.

אדם אין זיין גיגאנטישקייט פילט זיך פאראייניזאמט, פילט שטארק דעם „לא טוב היות האדם לבדו” . . . און ער קריגט זיין „עזר” אינם שלאָף, ווען א ריפּ „בשר מבשרי” . . . ווערט פארוואנדלט אין א חוה, אין אן „אם כל חי”[4]. דער אומענדלעכער קוואל פון מענטשהייט רייסט זיך דורך ליבע און ליידנשאפט; דער „נחש הקדמוני” פארצערט די הייליק הייליקע געפילן ביים אור־מענטש און דער טראגישער קאמף אינם מענטשלעכן הארץ און נשמה באהערשט דער מענטש־הייט, „כי יצר לב האדם רע מנעריו”[5]. און ווי קהלת זעט עס, איז עס „נישטיקייט פון נישטיקייט, אלץ איז נישטיקייט, וואָס פאר א נוץ האָט דער מענטש פון זיין גאנצער מי . . . א דור פארגייט און א דור קומט און די ערד שטייט אויף אייביק”[6].

באלד נאָך אדם הראשון, פאַרשטעלנדיק זיך מיט אים, דאָס מאָנומענטאלע געשטאלט פון א ליכטיקער נשמה מיט הימלישע וויזיעס, איז געקומען די קין גענעראציע מיט זיין שפּיציק־מעפּיסטאָפעלישע שטיק — און מיט איין טאט געוואָלט דערשטיקן די געטלעכע הכרה, דעם געטלעכן באוואוסטזיין און זיך איבער־געגעבן דעם דעמאָנישן כח פונם „נחש”, פון דער „סטרא אחרא”, וואָס לויערט אויף דער מענטשהייט און פירט אים צום פאַטאַלן גורל פון אומגליק און טרויער. פון איין זייט: געניעס, מאָראַליסטן, גן עדן; פון דער אנדער זייט: קין־שטן, דעמאָ־ראליזירנדיקע רענעגאַטן, פיזישע גבורה, „כנמרוד גבור ציד בארץ”[7].

דער מענטש איז געקומען מיט שרעקלעכער סענסיטיווקייט, ער געניסט פון גן־עדן און ער מעדיטירט צום אייביק־שטראלנדיקן, אָבער באלד דערזעט ער זיך ארויסגעוואָרפן פונם גן־עדן. ער שרעקט זיך פאר דער „חרב המתהפכת”[8] און נאָך ביים לעבן דערהערט ער דעם טרויער־מארש פון נאכטיקייט, פינסטערניש — דער פיזישער טויט שרעקט אים! אָבער די יידישע אגדה, האָט אפילו אין טויט געזען א געוויסע גוטסקייט, נישט געקוקט אויף דערויף, וואָס ווען ניט די זינד פונם אדם הקדמון, וואָלט קיין טויט ניט געווען און דער מענטש וואָלט געווען פארנומען מיט גייסטיקע ווערטן[9].

ווי געזאָגט, האָט חסד געזיגט און די וועלט איז געשטעלט געוואָרן אויף חסד; אָבער קין, דער, וועמען אָדם האָט דערלויבט זיין טאָכטער[10], בכדי אויפצו־שטעלן דורות און די מוטער האָט אים גערופן קין, זאָגנדיק איך האָב געקויפט א מאן פון גאָט[11] — ער האָט באלד פארראטן און באגאנגען ברודער־מאָרד — און פון אים: דער גייעג נאָך זינד, אלס רעזולטאט פון אינערלעכע קאָנפליקטן און פסיכישע מאָמענטן, „לפתח חטאת רובץ”[12]. און צו דער זעלביקער צייט, דער קאָנטראָל פון געטלעכער מאָראל, וואָס וויל דעם מענטש צוריקהאלטן פון תהום.

אדם הראשון האָט עובר געווען אויפן פארבאָט און געבראכט טויט צו זיך און צו דער מענטשהייט; ער האָט פּוגם געווען אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן און יענע פּגימה־שולד הענגט, לויטן זוהר[13], איבער דער מענטשהייט, ביז דער אייבערשטער וועט אויפריכטן די וועלט און וועט אָפּמעקן די טרערן[14].

דער שווערער קאָשמאַר הענגט, ביז די מענטשהייט וועט זיך דערהויבן צו די הויכע מאָראַלישע כוחות. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש מיט שלימות, מיט פּערפעקציע. „אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען גוט . . . זייער גוט"![15]. דאָס עסן פונם עץ הדעת האָט געבראַכט קללה, טויט — „די טואונג פונם מענטש באַצאָלן"[16] און צו דער פרוי, די קללה אינם געשלעכט־קאַמף: „צו דיין מאַן איז דיין גלוסטעניש און ער וועט הערשן איבער דיר"[17] און דער מענטש איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך פאַרשיידענע ווידערשפּרוכן, אינם קאַמף צווישן דעם יצר הרע און דעם יצר־טוב.

דער יצר הרע פירט צום מלאך המות, „ביי דער טיר ליגט די זינד — דאָס איז דער מלאך המות „און צו אים איז זיין גלוסטונג" און אין בעסטן פאַל, איז דער מענטש ווי אַ זאַמדל אינם אומצעלבאַרן זאַמד און נאָכ'ן טויט, ווערט דער מענטש צוריק פאַראייניקט מיטן זאַמד . . .

אין אַ געוויסן זין, האָט דאָך דער טויט אין זיך גוטע עפעקטן און האָט אַ נוצלעכע פונקציע. וואָס וואָלט מען געטאָן ווען די אכזריות'דיקע דיקטאַטאָרן לעבן אייביק און ניט אומזיסט, באַהויפּטעט דער מדרש, אַז מ'האָט געקנסט אדם'ען מיט טויט, ווייל „דער הייליקער געבענטשט איז ער, האָט געזען, אַז נבוכדנאצר און חירם, דער קעניג פון צור, ווילן זיך מאַכן פאַר געטער, דעריבער האָט ער אים באַשטראָפט מיט טויט.

ווי אַזוי איז אדם געקומען אויף דער וועלט?

מיר ווייסן, ווי אַזוי די תורה שילדערט זיין געבורט; מיר ווייסן פון דער מלאכים־אינטערווענץ און ס'פעלן ניט קיין מדרשים אין שייכות מיט זיין באַגין און סוף און וואָס שייך זיין פיזיאָנאָמיע, זיינען אויך דאָ חלוקי דעות:

ר' ירמיה האַלט, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אַן אַנדרוגינוס (דעריבער שטייט געשריבן — אַ זכר און נקבה האָט ער זיי באַשאַפן). ר' שמעון בן גמליאל האַלט, אַז מיט צוויי פּנימער, בכלל מיט צוויי קערפּערס, אַ סיאַמער צווילינג, איז ער באַשאַפן געוואָרן[18] און זיין מיינונג ווערט נאָכגעפאָלגט פון אַ צאָל תנאים און אמוראים[19]. מאַן און פרוי זיינען פריער געווען פאַראייניקט, דערנאָך צעטיילט — און צוריק געשאַפן די גלוסטונג צו פאַראייניקונג, בכדי צו זיכערן דעם קיום המין, די עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט[20].

דער מענטש, זעען מיר, איז באַשאַפן געוואָרן האַלב מלאך און האַלב שקלאַף: פון איין זייט, צופרידנהייט אין אַ וועלט פון „חטוף ואכול . . . " פון דער אַנדערער זייט, ווילן צו אַ קדושהדיק לעבן, ראַטעווען אים פון דער פאַרשקלאַפונג צו דער נאַטור . . . אַרויסטרייבן פון אים דעם שגעון און אַריינברענגען אים אין דער אצילותדיק־גייסטיקער וועלט וואו די קללה פון „אין שווייס פון דיין געזיכט וועסטו עסן ברויט"[21] זאָל קיין שליטה נישט האָבן.

אייביקער קאַמף און געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס, לעבן און טויט,

בלייבן אָדער פאַרלירן דעם צלם אלקים, אין זיינע פאַרשיידענע פילאָזאָפישע וואַרי־אַציעס און סכאָלאַסטישע אינטערפּרעטאַציעס[22].

די מענטשהייט ראַנגלט זיך אינם ווילן ממשיך זיין די גרויסע ווערטן פון דער העכערער מאָראַל, וואָס וואָרצלט טיף אינעם מענטש, זינט ער האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד און זינט דער נחש הקדמוני האָט זיך פאַרמאָסטן אָט־די ווערטן מבטל צו מאַכן.

ד. אדם און זיין ספר. — דער „ספר רזיאל המלאך". — עטישע ווערטן אין אַ באַנקראָטירטער תקופה. — מקור פאַר עטיק און מאָראַל.

לאָמיר א בליק טאָן אין די דערגרייכונגען פון אדם הראשון, ניט בלויז אלס היטער פון גן עדן און ניט בלויז אלס שעפער פון דורות און נאָמען־געבער פאַר חיות . . . וואָס האָט אדם געטאָן אין דער גייסטיקייט?

לויט א באַשטימטער מיינונג, האָט אדם הראשון געלאָזן נאָך זיך א ספר און דער ספר, וואָס איז דאָ ביזן היינטיקן טאָג, איז דער „ספר רזיאל המלאך" — און שמואל ירחינאה, איינער פון די גרעסטע אמוראים אין אסטראָנאָם, דערציילט זיין רבי'ן: „לדידי חזי לי ספרא דאדם הראשון", איך האָב געזען דאָס ספר פונם ערשטן מענטשן און ריש־לקיש גיט צו, אז ער האָט געזען דאָרטן פאַרשריבן די חכמים און פירער פון אלע דורות[1]. אויסרעכנענדיק די מחברים פון ספר תהלים, ווערט אָנגעגעבן אָדם, אלס איינער פון די מחברים — און די דיסקוסיע ווערט געפירט וועלכע קאַפּיטלעך האָט אָדם געשריבן.

דאָס ספר וואָס ווערט אָנגענומען אלס ווערק פון אדם הראשון, איז דער ספר רזיאל המלאך. אויף דעם פּסוק[2] „זה ספר תולדות אדם", ווערט אין זוהר אָנגעגעבן ,אז דאָס מיינט מען דעם „ספר רזיאל": „זה ספרא דאדם קדמאה שנתן לו רזיאל" (דאָס איז דער ספר פון אדם הראשון, וואָס ס'האָט אים געגעבן רזיאל דער מלאך).

פאַרשיידענע לעגענדעס זיינען פאַרבונדן מיט אָט דעם ספר[3]. איין קליינינקייט! — א ספר פון אדם הראשון, וואָס איז געהיט געוואָרן פאַר אלע דורות . . . און טראָגט אזא נאָמען רזי־אל — די סודות פון גאָט!

דאָס ספר, אין אלגעמיינעם זין, איז עס א קבלה־ספר און געשריבן אינם נוסח פון קבלה־מיסטיציזם. א וואונדער איז, וואָס אפילו אזא ראַציאָנאַליסט ווי דער אבן עזרא, דערמאָנט דעם ספר[4]. אויסער די סודות און תפלות אינם ספר, איינשליסנדיק די סודות פון די פּלאַנעטן־מזלות און וועגן דעם שם המפורש, זיינען דאָרט דאָ אלעגאָרישע מאָסן וועגן דער גרויסקייט, פּרעכטיקייט און מאַיעסטעטיש־קייט פון גאָט און זיינע משרתי מעלה, די מלאכים, באַגלייט מיט סגולות און קמיעות פאַר יעדער זאַך, אפילו פאַר ליבע.

די יידישע אגדה האָט אדם הראשונ'ען איינגעוועבט אין דער יידישער

לעגענדארישקייט, אינם מיטאָס פון דער יידישער אמונה, איז געמאכט פאר א גרויסן מאמין און שאפער פון גייסטיקע ווערטן: דער פרע־היסטאָרישער מענטש, אדם, ווערט אזוי ארום פארוועבט אין דער יצירה פון „צלם אלקים", ווי די זריעה פון גאָט, און במילא באהערשט פונם יוצר.

לויט דער דאָזיקער קאָנצעפּציע, האָט די מאָראַל, באַלד ביים סאמע באגין, די באזע פון רעליגיע און אמונה, און ניט, ווי טעאָדאָר ציגלער[5], און אנד., וואָס מיינען, אז רעליגיע איז גאָר שפּעטלעך פאר דער עטיק, וועלכע איז א סימן פון העכערער אנטוויקלונג פון מענטשלעכן באוואוסטזיין, אז עטיק דארף זיין פריי פון איבערוועלטלעכע געבאָטן, פון הימלישער אויטאָריטעט.

אלס באווייז און ארגומענט, ברענגען זיי ווי די „רעליגיע פון ליבע" האָט ווייניק־וואָס געווירקט אויף דער מענטשלעכער נשמה און הארץ אין צייט פון קרייצציגלער, אינקוויזיציעס און מלחמות.

טראכטן מיר ניט זיך ארייַנלאָזן אין אָט דער חקירה. מיר ווילן בלויז אָנווייזן און באטאָנען דעם פאקט, אז דער מקור פון דער יידישער עטיק איז רעליגיע און העכערע אויטאָריטעט און ניט בלויז איבערן יחיד נאָר אויך איבערן צבור. אויף דעם אופן איז געשטאַלטיקט געוואָרן די יידישע געזעלשאפט. עס איז דער העכערער כח וואָס קאָנטראָלירט די וועלט און במילא די מענטשהייט און וואָס לערנט דעם מענטש, ווי אזוי זיך צו דערהויבן פון נאטור־פארשקלאפונג און פארוואנדלען סיי די נאטור, סיי די געזעלשאפט אין אַזױסן אינם פיזישן אין גייסטיקן זין: עס איז די תורה וואָס שאפט דעם לייטער פון „השמים, שמים לד'" ביזן „והארץ נתן לבני אדם" . . . וואָס קריסטאַליזירט די חשיבות פונם מענטש, ווי מיר האָבן עס געזען אין פריערדיקן קאפיטל.

וועגן דער דאָזיקער חשיבות און וועגן דער אנטשטייאונג פון מענטשהייט איז, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, א סך געשריבן געוואָרן סיי אין דער קבלה און סיי אין דער פילאָזאָפיש־ראַציאָנעלער ליטעראַטור. דער מענטש איז אַן ערדלינג, ער שטאמט פון „אדמה", ער האָט זיך אָבער באפרייט פון דאָס ערדישע. ווען ניט די זינד פון חוה, צוליב וועלכער ס'איז געקומען דער עונש פון ארבעט, פון „בזיעת אפיך תאכל לחם", און פון טויט, וואָלט דער גן־עדן רעזשים פארבליבן און עס וואָלטן זיך ניט אָנגעפאנגען די אנאָמאליעס און שלעכטע אנאָוואציעס[6].

דער רמב"ם שטעלט זיך אָפּ אין „מורה נבוכים"[7] וועגן די זינד פון עץ הדעת:

„עס האָט מיך געפרעגט" — שרייבט ער — „א געלערנטער מיט עטלעכע יאָר צוריק א וואונדערלעכע פראגע . . . דער פרעגער האָט געזאָגט: עס זעט מיר אויס פון דעם פשט פון פסוק, אז די לכתחילהדיקע כוונה, אין באשאפן דעם מענטשן, איז געווען, אז ער זאָל זיין, ווי די איבעריקע באשעפענישן, אָן פאר־שטאנד און אָן געדאנק . . . " דער רמב"ם גיט אים די געהעריקע אינטערפרע־טאציע, בעיקר, אז מענטש קען ניט דערגרייכן וויסן און אומשטערבלעכקייט —

און דער גזר מיתה איז געווען א פועל־יוצא פון אומשטענדן[8].

אינטערעסאַנט איז, ווי די חכמי התלמוד האָבן זיך שטאַרק פאַרנומען מיטן פאַרשטיין די זינד פון אדם־חוה און די חלוקי־דעות וועגן בוים פון „עץ הדעת", וואָס לויט ר' מאיר, איז עס געווען פשוט ווייץ; לויט ר' יהודה, דער זון פון אלעאי, ויינען עס געווען ווייַנטרויבן; לויט ר' אבא — אַן אתרוג און לויט ר' יוסי — איז דאָס געווען א פייגנבוים[9].

מאן דבעי למהוי חסידא — ווער ס'וויל זיין א חסיד — זאָגן די חז"ל, דאַרף ער מקיים זיין די רייד פון די פאָטערס[1] און אין „אבות", ווי מיר האָבן פריער געזען, קומט צום אויסדרוק דער מהות פון דער יידישער עטיק און מאָראַל.

ה. וואָס הייסט פרום זיין. — ווער איז א „חסיד". — דער יחיד פאַר'ן צבור און דער צבור פאַר'ן יחיד. — דער אָנהויב פון יידישן פאָלק און די אייביקע מאָראַלישע ווערטן.

וואָס לערנען מיר פון אָט דער מאָראַל?

מיר לערנען, אַז עס איז ניט גענוג אָפּצוגעבן די גזלה, וואָס מען באַגזלט יענעם, נאָר מען דאַרף דעם נגזל איבערבעטן, כל זמן דאָס ווערט ניט געטאָן, איז נאָך אַלץ געבליבן די זינד „שבין אדם לחברו".

דער אָנהויב פון דער מענטשהייט איז באַשטאַנען פון פּראָלעטאַריער און אויך דער ברודער־קריג איז געווען צווישן אַרבעטער: קין און הבל — דער ערשטער אַן ערד־אַרבעטער און דער צווייטער באַשעפטיקט מיט פי־צוכט און ביידע, פון זעלבן שטאַנד, האָבן קאָנפליקטן צווישן זיך. ווייזט אויס, אַז ניט בלויז קלאַסן־קאַמף פירט צו מאָרד; אַז קנאה און תאוה זיינען גאָר די גומרים[2]. די תורה זוכט צו צוימען די דאָזיקע קנאה־געפילן און מאַכט־גלוסטן.

די תורה לערנט קאָנטראָל: „אל תאמר אי־אפשי בבשר חזיר — אלא אפשי . . . והתורה אוסרתו". מען דאַרף האָבן דעם כח צו זאָגן, כ'וויל ניט, די העראָישע פליכט איינגעוואָרצלט פאַר דורות. עס איז די זיטלעכקייט צו קאָנטראָלירן די נאַטירלעכע אימפּולסן, פאַר וועלכער מען ווערט קאָמפּענסירט אין דער אומשטערבלעכקייט אויף דער וועלט און אין דער צוקונפט־וועלט.

עס איז די תורה קאָנסטיטוציע מיטן ציל אויסצואוואָרצלען דעם ענגאָ־איך און במילא וועט געשאַפן ווערן די שענערע און בעסערע געזעלשאַפט אָן דער קלאַסן־צעטיילונג פון גבירים און קבצנים, עקספּלואַטירער און עקספּלואַטירטע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע. די גאַנצע רייכטום געהערט צו גאָט, ווי דער פסוק זאָגט: „לי הכסף ולי הזהב . . . " זי נעמט אוועק די מאַכט פונם יחיד און גיט עס איבער צום צבור, צום קהל, אָבער מיטן באַדינג, אַז דער קהל זאָל ניט דיקטירן, זאָל ניט אַרויפצווינגען געוואַלט־מאַכט און געוואַלט־הערשאַפט, ווי דאָס איז דער פאַל אין אַנדערע רעזשימען, אויסער תורהדיקע, ווייל בלויז דער „אנכי השם" האָט די רעכט צו קאָנטראָלירן, איבערגעבנדיק „בחירה הפשית" צו דעם מענטשן.

דער פירער־פערזענלעכקייט אין דער געזעלשאפט איז א פאקטאָר, וועלכער טאָר ניט ווערן קיין אידעאַל, קיין קולט[3].

מיר זעען, ביים באגין פון יידישן פאָלק, אז די אבות, די פירער — אלע זיינען ארבעטער, פארנומען מיט פי־צוכט, ניט אכטנדיק זייער פייאיקייט צו אָרגאניזירן בעסערע לעבנס־פאָרמען.

פון דער פאטריארכאלער עפּאָכע, ביז דער גלות־עפּאָכע, האָבן יידן זיך ארויס־געוויזן אלס איינס פון די פייאיקסטע פעלקער אין שייכות מיט נאציאָנאַל־סאָציאלער אָרגאניזאטאָרישקייט — און דאָס איז געווען איינס פון די סיבות, פארוואָס יידן זיינען געווען אומבאזיגבאר און אוודאי אומפארניכטבאר.

די פאטריארכן — ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט — זיינען געווען פאסטוכער, בהמות־האָדעווער און זיי זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך דעם רבי פון דער יידישער אומה, משה רבנו. ער איז געווען דער פאסטוך פון זיין שווער׳ס שאָף[4] און די לעגענדע הילט אים איין אין אן אומגעוויינטלעכן בעל־רחמנות, אפילו אויף זיינע שאָף; ווען א ציגעלע אנטלויפט, יאָגט ער עם נאָך ביז צו א סאַזשלקע, וואו דאָס ציגעלע שטעלט זיך אָפּ, כאַפּן א טרונק, משה בלייבט שטיין, רעדט צום ציגעלע און נעמט עם אויף זיינע אקסלען . . .

„האָט געזאָגט דער הייליקער, געבענטשט איז ער: דו פארמאָגסט גענוג בארמהארציקייט צו פירן די שאָף פון א בשר ודם, ביי דיין לעבן, דו וועסט פיטערן מיין שאָף ישראל . . ."[5].

ווען פאר משה׳ן ווערט שווער צו פירן איינער אליין, די עדה פון „ששים רבוא", פאָלגט ער זיין שווער׳ס עצה:

„און דו וועסט זען צווישן פאָלק בראווע מענטשן, גאָטפאָרכטיקע, אמת־מענטשן, געלט־פיינטהאָבער און דו וועסט זיי באשטימען פאר הארן פון טויזנטער, הארן פון הונדערטער, הארן פון פופציקער און הארן פון צענדליקער"[6].

דער בעסטער באווייז אויף אָרגאניזאטאָרישקייט!

די תורה האלט מער פון פאסטוכער ווי פון ערד־ארבעטער. מאָטיוו: דער ערשטער רוצח קין, איז געווען אן ערד־ארבעטער און הבל, דער דערמאָרדעטער — א פאסטוך! אויב קין האָט נאָך ניט געהאט די געציַיג, די וואפן, צו הרג׳ענען מענטשן, האָט זיין אָפּשטאמיקער תובל קין אים נאָכגעפאָלגט און געשאפן די כלי־זיין און ווי דער מדרש, דריקט זיך אויס, „פארווירצט" זיין פארברעך[7]. פי־צוכט ווערט דעריבער געשטעלט אויף א העכערער מדרגה.

דער ערשטער יידישער קעניג, דער אייביקער „דוד מלך ישראל חי וקים", איז אויך געווען א פאסטוך[8]. דער פאסטוך פארמאָגט אויסער אָרגאניזאטאָרישע פייאיקייטן, די מדה פון רחמנות צו בעלי חי. די מדה פון אברהם אבינו, דעם באגרינדער פון דער קריטעריע ,אז זיינע קינדער קאָנען נאָר גערופן ווערן, די וואָס פארמאָגן די דריי מדות: רחמנים, ביישנים וגומלי חסדים.

הערות

א.

1. חגיגה י"ד, ע"ב; תוספות, דארט, אנהויב־וואָרט נכנסו: „כגון על־ידי שם, ולא עלו למעלה ממש, אלא הי' נראה להם, כמו שעלו, וכן פי' בערוך".
2. משנה תורה, הלכות יסודי התורה, פרק ד'.
3. ספר האשכול, חלק ראשון.
4. כוזרי ג', ס"ה.
5. בכורות נ"ח, ע"א.
6. נדרים ע"ד, ע"ב.
7. חגיגה ט"ו, ע"ב.
8. דארט, י"ד, ע"א.
9. באריכות — אין א ווייטערן קאפיטל, געווידמעט דעם גרויסן תנא העלד.
10. זע, פרק י', ז"ז 108־127.
11. וועגן אפטימיזם און פעסימיזם — אין אנדערע ארבעטן. זע:
Isaac Unterman, A Light Amid the Darkness, New York, 1959, pp. 65-74.
12. לויט לעווינשטיין, דור, דור ודורשיו, נפטר געווארן ד' תתקמ"א.
13. זע, הלל צייטלין, דארט, ז"ז 113־115.
14. זען, דר. אונטערמאנס אפשאצונג (אין דערמאנטן בוך) וועגן הלוי'ס ליבשאפט צום פאלק און לאנד, וועגן דער אזוי־גערופענער געפיל־יידישקייט.—מער וועגן דעם, אין א ווייטערן קאפיטל.

ב.

1. מפני מה נאמרה פרשה זו בהקהל, מפני שרוב גופי תורה תלוים בה, תורת כהנים א'; ויקרא רבה; תנחומה.
2. דברים רבה, האזינו. זע אויך, נצח ישראל פון מהר"ל מפראג, לובלין, תרפ"ז, פרק ל"א.
3. סנהדרין י"ט, ע"ב. תניא דבי' רבי יוסי אומר, ראוי הי' עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל, אלמלא קדמו משה . . .
4. זע, ירושלמי, תענית פרק רביעי, הלכה ח'.
5. בבא קמא ל"ח, ע"א.
6. ברכות ח' ע"ב.
7. ר"ה כ"ו, ע"א; יבמות צ"ח, ע"א.
8. אברהם חן, במלכות היהדות, הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ט, ז' 4.
9. שמות י"ט, ו'.
10. במדבר י"א, כ"ט.
11. בבא מציעא פרק ז' א'.
12. וועגן דאזיקן סאציאלן אספעקט און וועגן נביאים — אין א ווייטערן קאפיטל.
בדרך כלל, לערנען אונז די סאציאלאגן, אז דער צבור קומט פריער, פאר'ן יחיד און אז מענטשן עקזיסטירן ניט אלס איזאלירטע איינסן, נאר אלס מיטגלידער פון א משפחה, אלס טיילן פון א סטאדע וואס האט א היסטאריש־אנטראפאלאגישן אפשטאם. באריכות וועגן דעם ביי Karl Jaspers, Man in the Modern Age, London, 1933, P. 42.
13. תהלים ק"נ.
14. אויפן פסוק „ועץ הדעת טוב ורע", בראשית ב', ט'.
15. קהלת ג', י"ח־כ"ב.
16. אינטערעסאנט איז, ווי די דאזיקע מיינונגען האבן געקראגן אויסדרוק ביי היינטצייטיקע סאציאלע דענקער, געגונג א בליק צו טאן אין רודאלף ראקער'ס ווערק „נאציאנאליזם און קולטור".
17. סנהדרין ל"ח, ע"א. דערמיט ווערט אפגעווענדעט זכות פון עלטערן אין באצוג צו נאוהדיקער גרויסהאלטונג.
18. זע, מישר נבוכים, בן איוב, אד"ם שטראשון, ווילנא, תרנ"ח, ז' 64 און נאכבאם. דארט.
19. ב"מ, פ"ו, ע"א־ע"ב.
20. יבמות י"ד, ע"א; יו"ד, סימן רא.
21. שו"ת סימן תס"ד.
22. זע, וויליאם נאטאנסאן, מענטש און קאסמאס, ז"ז 18־19; 51־53.
23. זע, נ. סאקאלאוו, ברוך שפינאזא וזמנו, באריכות וועגן שפינאזיזם און וועגן דעם חטא שפינאזע'ס, וואס האט אים געשטעלט מחוץ למחנה און אז זיין שיטה איז געווען אין קעגנזאץ צום רמב"ם'ס טעלעאלאגישן דעטערמיניזם, די השגחה פרטית שבפרטית: ציל־און־צוועק־באוואוסטקייט. זע אויך:
Spinoza Dictionary, Ed. by Dagbert D. Runes, Ph. Library, New York, 1951.

24. במדבר, י"ב, ג'. רש"י אויפ'ן ארט, ציטירט פון „ספרי", אז די גרויסקייט פון משה רבנו, האט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאנצער מענטשהייט . . .
25. שמות, ט"ז, ז'.
26. חולין, פ"ט, ע"א.
27. דאס זיינען די צדיקי הדור, די ר' חנינא בן דוסא'ס, וועלכע באנוגענען זיך מיט א „קב חרובין", בעת די גאנצע וועלט האלט זיך אויף זייערע זכותים . . .
28. ברכות ב', ע"ב; זעו:
N. Dreizin, History of Jewish Education, 1940, P.P. 11-26.
29. מלאכי ב', י'.
30. גיטין ל"ו, ע"ב.
31. אברהם חן, דארט, ז"ז 314-334.
32. ילקוט שמעוני, קדושים.
33. ירושלמי, שבת פרק א', הלכה א'; רמב"ן פ' קדושים.

ג.

1. זע, נ. שמן, די באציאונג צום פרעמדן, פרק י"ט, ז"ז 205-217, באריכות וועגן מענטש-יצירה.
2. אמר ר' סימון, בשעה שבא הקדוש ברוך הוא לברוא את אדם הראשון, נעשו מלאכי השרת כיתים כיתים, וחבורות, חבורות — בראשית רבה, ח', ה'.
3. דער קאצקער פרעגט, אויב אזוי, פארוואס האט דער רבונו של עולם בלויז דעם אמת אוועקגעווארפן און ניט דעם שלום, וואס האט אויך געזאגט: ניט באשאפן? און ער ענטפערט: אז מען ווארפט אוועק דעם אמת, ווען יעדער באגרייפט, אז ניט בלויז ביי אים איז דער אמת, איז שוין במילא דא שלום . . . לויט זוהר, איז עס חסד אויף וועלכן די וועלט האלט זיך „כי אמרתי עולם חסד יבנה", תהלים פ"ט, ב', די וועלט איז געבויט אויף גענאד . . .
4. בראשית ב', י"ח-כ"ד. „עס איז ניט גוט דער מענטש זאל זיין אליין; איך וועל אים מאכן א געהילף . . . האט גאט געלאזט פאלן א טיפן שלאף אויף דעם מענטשן . . . און ער האט ארויסגענומען איינע פון זיינע ריפן . . . האט דער מענטש געזאגט: דאס מאל איז דאס ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש: די דאזיקע זאל גערופן ווערן פרוי, ווייל פון א מאן איז גענומען געווארן די דאזיקע. דרום פארלאזט א מאן זיין פאטער און זיין מוטער, און באהעפט זיך צו זיין ווייב, און זיי ווערן איין לייב" (תרגום יהואש).
5. בראשית ח', כ"א.
6. קהלת א', ב'-ד'.
7. אזוי ווי נמרוד, דער מעכטיקער יעגער . . . בראשית י', ט'.
8. די פלאמיקע שווערד וואס דרייט זיך צו היטן דעם וועג צום בוים פון לעבן, בראשית ג', כ"ד.
9. בראשית רבה, פרשה ט', בתורתו של ר' מאיר . . . ; דארט פ' י"ג; זוהר, בראשית ל"ו, ע"ב. והנה טוב מאד — עס איז זייער גוט, דאס איז דער טויט; זע אויך זוהר, אחרי מות, ע"ז, ע"א.
10. סנהדרין נ"ח, ע"ב.
11. קניתי איש את ד', בראשית ד', א'.
12. הויערט די זינד ביי דער טיר, בראשית ד', ז'.
13. זוהר, נשא, קכ"ב, ע"א.
14. ישעיה מ"ח, מ"ט.
15. וועגן אפטימיזם אין וועלט-באשאף, זעו, בראשית א', ג', י"א, י"ג, י""ח, כ"א, כ"ו, ל"א; אבות ג', ט"ו: ברכות ס' ,ע"ב און אנד. מקומות.
16. איוב, ל"ד, י"א; זוהר, בראשית כ"ו, ע"ב.
17. בראשית ג', ט"ז.
18. זעו: בראשית רבה, פרשה ח'; ברכות ס"א, ע"ב.
19. זע זהר, שמות נ"ה, ע"ב; פריער, אין בראשית ל"ו, ע"ב און אויך, תזריע, מ"ד, ע"ב.
20. דארט, ויקרא, י"ט, ע"א.
21. בראשית ג' י"ט; בראשית רבה, ח'.
22. זעו, מורה נבוכים, חלק א', פרק א'; פרק מ"ו, און אנדערע פרקים.

ד.

1. זעו, הקדמה צום ספר „רזיאל המלאך", געדרוקט צום ערשטן מאל אין אמסטערדאם, אין יאר 1701—תס"א; שפעטערע אויסגאבעס: הוראדנא, תקנ"ג; מינקוביץ, תקס"ג; לבוב, תקס"ד; מעזיבוז, תקע"ח; מיט הגהות פון ר' ישראל ב"ר שבתי מקוזניץ (דער קאזשעניצער מגיד ווארשע, תקע"ב) און נאך א צאל אויפלאגעס. אין תלמוד (סנהדרין, ל"ח, ע"ב און עבודה זרה, ה' ע"א) ווערט געזאגט אין נאמען פון ריש לקיש, קאמענטירנדיק אויפן פסוק „זה ספר תולדות אדם": האט דען אדם הראשון געהאט א ספר, נאר דאס קומט צו לערנען, אז דער הייליקער

גענבענטשט איז ער, האָט געוויזן צו אדם הראשון, יעדן דור מיט זיינע פאָרשער, געלערנטע און פירער „וכי ספר היה לו לאדם הראשון? מלמד, שהראה לו הקב"ה לאדם הראשון, דור דור וחכמיו, דור דור ופרנסיו . . . "

2. בראשית ה׳ א׳ — דאָס איז דער ספר פון די געבורט פון אדם . . . זוהר, דאָרט.
3. ר׳ יעקב עמדין האַלט, אז דאָס ספר איז געפאַלשט, אז אדם האָט קיין ספרים ניט געשריבן. ריו"ט צונץ וויל באַווייזן, אז דער גרעסטער טייל פונם ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין צייט פון די גאונים און אייניקע טיילן אין א גאָר שפּעטער תקופה און אז דער מחבר איז געווען ר׳ אליעזר הרוקח (בעל הרוקח); ס'זיינען דאָ נאָך מיינונגען וועגן פאַרפאַסער פונם דאָזיקן קבלה ספר — אָבער בעלי הקבלה און מיסטיקער זיינען איבערצייגט, אז דאָס ספר איז פון אדם הראשון.
4. בשלח, שמות י"ד, י"ט. ער זאָגט דאָרט: „ובספר רזיאל הרוצה לעשות שאלת חכם יקרא בתחילת הלילה פּסוק „ויהי בשלשים שנה" (ערשטער פּסוק אין יחזקאל) כי הוא ע"ב אותיות".
5. „זיטלעכע זיין אונד זיטלעכעס ווערדן", שערבורג, 1890, ז׳ 126.
6. זע, זהר, שמות נ"ה, ע"ב; בראשית רבה, י"ד. אבא גאָרדין, אין זיין ווערק. די פרוי און די ביבל, שטעלט זיך אָפּ באריכות אויף אָט די פּראָבלעמען, איינשליסנדיק דעם חטא אדם הראשון.
7. חלק א׳, פרק ג׳.
8. אבא גאָרדין האָט דאָ זיינע איינטייטשונגען, געבויט אויף אן איינשטעלונג, אז דאָ אין דעם טייל מעשה בראשית, האָבן מיר צו טאָן מיט א קאַמף צווישן מאַטריאַט און פּאַטריאַט, קאָנפליקט צווישן פרויען הערשאַפט און מאַנסבילישע, מאָניסטישע אוניווערסאַליזאַציע . . . ניט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר אָט דער שטודיע, וואָס האָט בעצם ניט קיין שייכות צו אונזער ארבעט.
9. ברכות מ׳, ע"א; סנהדרין ע׳, ע"א-ע"ב. זע, תורה שלמה, בראשית ב׳, אות קפ"ב, ציטירט פון מדרש הגדול, פולן טעקסט פונעם מאמר.

ה.

1. בבא קמא ל׳ ע"א. ווער עס וויל זיין א פרומער, זאָל ער היטן אַלע פאַרשריפטן פון פרקי אבות.
2. זען, זוהר בראשית כ"ד, ע"ב; ל"ו ע"א; בראשית רבה, כ"ב; אבא גאָרדין, דאָרט, ז"ז 90-91.
3. זע, בערטראַנד ראַסל, Power, p. 158, New York, 1923.
ה. ספּענסער, עטיק, ז׳ 540.
4. שמות ג׳, א׳.
5. שמות רבה, פרשה ב׳.
6. שמות י"ח, כ"א.
7. בראשית רבה, פרשה כ"ג; זהר, אחרי, ע"ו, ע"ב.
8. שמואל א׳, י"ז, ל"ד.

קאפיטל דריי

די חשיבות פונעם מענטש

א. ווי צו דערהויבן דעם מענטשן און דורך אים די געזעלשאפט. — חשיבות פון מענטשלעכן לעבן. — די אידייע פון חשיבות קאָנטרא געפּאלנקייט. — די אייביקע מאָראלישע ווערטן.

די **תורה** לערנט ניט דעם מענטש די וועגן פון רעוואָלוציע. זי לערנט אָבער אים, ווי אזוי זיך צו דערהויבן, און דורך אים — די גאנצע געזעלשאפט. די תורה לערנט די סודות פון פעלקער־פארברידערונג, ארבעטער באפרייאונג, רעאלע גערעכטיקייט אין א וועלט, וואו ס'זאָל ניט זיין קיין בא'עוולה'טער, ליידענדער . . .

ניטאָ אין די נביאים רייד אזא לאָזונג, ווי, „אלע וואָס ארבעטן זאָלן רעגירן!" אז דעם פּראָלעטאריאט געהערט אויסשליסלעך די מאכט. ניטאָ אזעלכעס אין דער תורה.

דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט איז באזירט אויף מאטעריאליסטישע אָנשויאונגען און די תורה איז קעגן מאטעריאליזם און דעריבער קעגן גוואלט־מאכט, קעגן רעוואָלוציאָנערע בלוט־פארגיסונגען, ווייל יעדנס בלוט און יעדנס שוויים איז טייער. ווי איינער פון די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאליזם דריקט זיך אויס: „מענטשלעך בלוט איז ניט קיין וואסער, ווייך צו מאכן דעם ליים פון די נייע בנינים"[1].

בלוט־פארגיסונג איז, לויט דער תורה, דער גרעסטער פארברעך. קינ'ס מאָרד ווערט געשטעמפּלט אלס ערשטער פארברעך ביים מענטש און זיין מאָרד איז געקומען אלס רעזולטאט, ווי דער מדרש[2] דריקט זיך אויס, ווען ער האָט דערקלערט צו זיין ברודער הבל'ן, אז די ערד אויף וועלכער הבל שטייט געהערט צו אים, „ארעא דאת קאים עלי', דידי . . . " און אונזערע חכמים, אין קאָנטראסט צו קינ'ס שיטה, באמערקן אויפן פּסוק „ויצר ד' אלקים עפר מן האדמה"[3] — „מכאן שצבר הקב"ה עפר מארבע פינות העולם וברא את האדם" . . . וואו ער געפינט זיך, איז ער אויף זיין באָדן.

דוד המלך, דער גרעסטער יידישער קעניג, קען ניט בויען דעם בית המקדש, ווייל ער האָט פארגאָסן בלוט: נתן הנביא זאָגט אים, „דם לרוב שפכת ומלחמות גדולות עשית לא תבנה בית לשמי"[4] און דאָ רעדט זיך ניט פון סתם אזוי פארגאָסן בלוט, רויב אָדער מאָרד — נאָר בלוט פארגאָסן אויף שלאכט־פעלדער, ארויפגעצוואונגענע מלחמות, פארטיידיקונגס־מלחמות . . . דאָך פארגאָסן בלוט, קען ער דאָס בית המקדש ניט בויען.

די שטיינער פון מזבח, האָבן ניט געטאָרט צוגעהאקט ווערן מיט וועלכן ניט איז אייזן: חרבך הנפת עליה ותחללה[5]. דער טעם: ווייל אייזן איז באשאפן געוואָרן צו פארקירצן דעם מענטשנס לעבן און דער מזבח — צו פארלענגערן, „אינו בדין שיונף המקצר על המאריך"[6]. שפיכות דם איז שרעקלעך.

ווען יעקב אבינו האָט זיך געדארפט באגעגענען מיט עשו'ן, האָט ער געהאט א טאָפלטע מורא: טאָמער וועט ער הרג'ענען און טאָמער וועט ער גע'הרג'עט ווערן, „שמא יהרג ושמא יהרוג"[7] און דער רבונו של עולם לאָזט ניט זינגען שירה, אפילו ביי דער מפּלה פון שונאים: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?"[8]

די תורה איז קעגן בלוט־פארגיסונג, ניט קיין חילוק וואָס די מאָטיוון זאָלן ניט זיין, אפילו ווען מען מיינט, אז מיט דעם בלוט וועט מען די ערד פרוכטבאר מאכן . . . מענטשלעך בלוט איז ניט קיין מאטעריאל פרוכטבאר צו מאכן דעם באָדן, כדי עס זאָלן פעטע טרויבן וואקסן און א גוטער וויין זאָל דערפון ארויס־קומען.

די תורה דערלויבט ניט קיין מעטאָדע פון אָנווענדן שלעכטע מיטלען צוליב'ן גוטן צוועק. קדושה פון לעבן איז דער פאָרבאדינג סיי אין ציל און סיי אין מיטל. דער צוועק אליין קען ניט הייליקן און בארעכטיקן די מיטלען. רציחה איז דעריבער פארבאָטן מיט די שטרענגסטע באפעלן.

„אלע מינים פון מענטשלעכע בלוטן זיינען פון דער אייגענער חשיבות. ווער עס דער'הרג'עט א מענטש במזיד, אפילו ווען ער איז א כהן גדול, דאַרף ער דער'הרג'עט ווערן", קיינעמס בלוט איז ניט רויטער, ניט וויכטיקער, ניט טייערער . . . דאָ ווערט דעקלארירט די גלייכווערטיגקייט פון מענטשלעך בלוט, פון מענטשלעכן נפש. אלע פריי־מענשלעכע לעבנס פארמאָגן דעם זעלביקן ווערט. זיי האָבן דעם זעלביקן פרייז. לא תרצח!

„די באטאָנונג פון דער חשיבות פון מענטשלעכן לעבן און דער פארבאָט פון מאָרד איז איינער פון די הויפט יסודות אויף וועלכן דער ביבלישער עטישער באנעם באזירט זיך."[9]

די תורה הייסט באקעמפן שלעכטס, אויסראָטן רשעות; ובערת הרע", איז א מצות עשה; א גיפטיקע שלאנג, מוז מען אויסראָטן! קעגן עמלק'ן מוז מען קעמפן מיט אלץ וואָס נאָר מיר קענען, מיט אלץ וואָס מיר פארמאָגן . . . ווען א גזלן באפאלט אן אומשולדיק הויז הרג'עט אלעמען אוים, איז א מצוה צו נעמען נקמה אין אים, איז פארבאָטן רחמנות. דער ערשטער יידישער קעניג שאול האָט פארלוירן זיין טראָן צוליב זיין רחמנות אויף עמלק'ן. אזא רוצח מוז אָפּגעראמט ווערן! ניט געקוקט וואָס קעגן א געוויינטלעכן שונא טאָר מען ניט אָנווענדן נקמה־אקטן. ווי די תורה זאָגט: זאָלסט ניט נעמען קיין ראכע און ניט היטן קיין פיינטשאפט[10].

וואָס שייך ברענגען א נייע, זאָל זיין אויסגעבעסערטע אָרדנונג, איז ניט דער־לויבט קיין גוואלדטאַט. די תורה גיט אָן די מעטאָדן ווי אזוי צו ברענגען גערעכ־

טיקייט אויף דער וועלט און ווי אזוי צו באקעמפן רשעות און אומ׳יושר׳דיקן איינשטעל פון דער ארגאניזירטער געזעלשאפט.

די תורה לערנט: ווען א פרעמדער שפאצירט אויפ׳ן דאך פון דיין הויז . . . כאטש דו האסט אים אהין ניט איינגעלאדן און כאטש דו האסט אים אפילו קיין רשות דערצו ניט געגעבן — און ער פאלט אראפ און ווערט דער׳הרג׳עט, ביזטו פאראנטווארטלעך פאר זיין פארגאסן בלוט, ווייל דו דארפסט דעם דאך ארומצוימען מיט א באריער, כדי אוממעגלעך צו מאכן דארט אן אומגליקספאל. „לא תשים דמים בביתך" — טארסט ניט דערלאזן, אז אין דיין רשות זאל א מענטשלעך לעבן אומקומען.

די חשיבות פונ׳ם מענטש איז פון אייביק אן, דער העכסטער באגריף אין דער יידישער עטיק.[11] אזוי דארף זיין די באנעמונג פונעם „האמא סאפיענס", אויב ער אנערקענט אין זיך דעם צלם אלקים . . . [12]. „בני אדם שנבראו בצלם אלקים הם שווי זכיות ומהוים מטרה לעצמם ולא אמצעי; הצלם מחייב, ואין פלא שחכמי עם זה העמידו התורה עם כלל אחד גדול: „ואהבת לרעך כמוך" . . . [13].

דאס איז דער געבאט וואס שטראלט ארויס פון די ספרי הנביאים, פון דעם ים התלמוד, פון יידישע דיכטער און פילאזאפן . . . עס איז דער מאראליש־עטישער פליכט, וואס באהערשט די היסטארישע פאנאראמע פון אונזער שאפן.

דער מענטש, דער יחיד, „פלייש און בלוט", האט אין זיך נפש־רוח־נשמה, האט אין זיך א „חלק אלקי ממעל" און איז דער טראגישער העלד אין דער יצירה. ער איז דער „ילוד אשה, קצר ימים ושבע רוגז . . . " (דער מענטש געבוירן פון א פרוי, האט קורצע טעג און זאט פארדרוס, ווי א בלום קומט ער ארויס און ווערט פארשניטן, און ער אנטלויפט ווי א שאטן און באשטייט ניט)[14].

דער מענטש איז די „בריה קטנה, שפלה, אפלה, עומדת בדעת קלה מעוטה"[15] און ווי דער פיטן שילדערט אים „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר . . . משול כחרס הנשבר כחציר יבש ובציץ נובל וכצל עובר וכענן כלה וכרוח נושבת, וכאבק פורח וכחלום יעוף"[16]. ער איז אבער די קרוין פון דער יצירה, דער העכסטער אויסדרוק פונ׳ם וועלט באשאף און ער קאן זיך דערהויבן צו די העכסטע קאסמישע הויכן[17].

דער רמב״ם, רעדט וועגן דער מענטשלעכער דערהויבונג, וואס קומט דורך ליבשאפט צו גאט און דורך דערקענען דעם „מי שאמר והי׳ העולם", דורך באגרייפן די הנהגה פון דעם „תמים דעים" . . .

אין פארגלייך צו השם יתברך, איז דער מענטש אן אפס ואין[18]. ער ווערט אבער גרויס, ווען ער פארנעמט זיך מיט זוכן צו פארשטיין די גרויסע וואונדער פון השם יתברך . . . „בשעה שיתבונן האדם במעשיו וברואיו הנפלאים הגדולים, ויראה מהם חכמתו שאין לה ערך ולא קץ — מיד הוא אוהב ומשבח ומפאר ומתאוה תאוה גדולה לידע השם הגדול, כמו שאמר דוד: „צמאה נפשי לאלקים לאל חי"[19].

מענטשן — האלט דער רמב"ם — קענען זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון מלאכים . . . יעדער, לויט זיין מדרגה; אָבער אַפילו די פון דער העכסטער מדרגה, קענען זיך אַלץ ניט דערהויבן צו באַגרייפן געטלעכע הנהגה, צו זען גאָט אין זיין פראכט . . . און נאָך מער, אפילו די מלאכים, לויט זייערע צען מדרגות, קענען אויך ניט באַגרייפן די אמת'דיקייט פון השם יתברך:

„שנוי שמות המלאכים על שם מעלתם הוא, ולפיכך נקראים: היות הקודש — והם למעלה מן הכל — ואופנים, ואראלים, והשמלים, ושרפים, ומלאכים, ואלהים, ובני אלהים, וכרובים, ואישים. כל אלו עשרה השמות שנקראו בהם המלאכים, על שם עשר מעלות הם. ומעלה שאין למעלה ממנה, אלא מעלת האל, ברוך הוא, היא מעלת הצורה שנקראת: „חיות", לפיכך נאמר בנבואה, שהן תחת כסא הכבוד. ומעלה עשירית היא מעלת הצורה שנקראת: „אישים"; והם המלאכים המדברים עם הנביאים ונראים להם במראה הנבואה, לפיכך נקראו „אישים", שמעלתם קרובה ממעלת דעת בני אדם"[20].

די צען מלאכים ווערן אויך אויסגערעכנט אין זוהר[21], נאָר מיט אַן אַנדערן סדר. פאַרוואָס דער רמב"ם האָט געענדערט דעם סדר און פונוואַנען ער נעמט עס, איז ניט קלאָר[22].

וועגן דעם ענין „חיות הקודש", א קבלה טערמין, וואָס דער רמב"ם זאָגט, אַז אויך זיי קענען ניט זען די געטלעכקייט, ווערט אָנגעגעבן דער מקור אין „פּרקי דרבי אליעזר" (פּרק ד'): „והחיות עומדות אצל כסא כבודו ואינן יודעת מקום כבודו" . . . און אין מדרש רבה, במדבר סוף נשא, אויף'ן פּסוק „כי לא יראני האדם וחי" — אמר רבי עקיבא: אף החיות הנושאות את הכסא אינן רואות את הכבוד[23].

דער אדם אין זיין העכערן באַגריף דאַרף זיך אָבער זען, ווי דער צענטער פון אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן און געטאָן ארום אים און דאַן דערפילן אין זיך די העכערע עמאַציעס, צו קענען שטייגן אויף דער לייטער, וואָס שטייט מיט די פיס אויף דער ערד און גרייכט מיט'ן קאָפּ צו די הויכע הימלען. אין די ווערטער פון הרב קוק[24]: „שירת הנפש, שירת האומה, שירת האדם, שירת העולם כולו יחד מתמזגות".

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס דער יידישער משפט לערנט, אַז „לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך שכל המאבד נפש אחת מישראל (אין אַנדערע גירסאות בלויז „נפש אחת" און ס'ווערט אַרויסגעלאָזן דער מישראל)[25] — כאלו איבד עולם מלא".

אין יידיש: דעריבער איז דער ערשטער מענטש באַשאַפן געוואָרן אַן איינציקער, כדי דיך צו לערנען, אַז יעדער איינער וועלכער ברענגט אום איין לעבעדיקן מענטש פון יידן (?—נ.ש.), פאַרעכנט עס אים די תורה, ווי ער וואָלט אומגעבראַכט א גאַנצע וועלט מיט מענטשן . . . [26].

די זעלביקע משנה לערנט אונז:

„דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן איינער, צוליב דעם שלום צווישן מענטשן, כדי איין מענטש זאָל נישט זאָגן צום אנדערן: מיין פאָטער איז גרעסער פון דיין פאָטער . . . און אויך צו דערציילן די גרויסקייט פון גאָט; א מענטש, אז ער פורעמט אוים מיט איין שטעמפּל א סך מטבעות, זיינען זיי אלע גלייך. אָבער דער מלך פון מלכים, דער הייליקער געבענטשט איז ער, האָט אויסגעפורעמט יעדן מענטשן מיטן שטעמפּל פון אדם הראשון און פונדעסטוועגן איז קיין איין מענטש נים גלייך צום אנדערן . . .״[27].

אויף אן אנדער אָרט לערנט אונז דער תלמוד: „דעריבער איז יעדער איינער מחוייב צו זאָגן: צוליב מיר איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן . . . דאָס לעבן פון יעדן מענטש איז פון דער גרעסטער חשיבות, דערקלערט דאָס סנהדרין די עדות, כדי זיי זאָלן זיין געהיט ניט צו שווערן פאַלש און זאָגן דעם אמת, ווען ס׳האנדלט זיך וועגן א רשע וואָס האָט אומגעבראכט א מענטשן. און טאָמער וועט איר זאָגן — דערקלערן זיי דאָס סנהדרין — וואָס טויג אונז שולדיק זיין אין דעם בלוט פונעם דאָזיקן . . . דערויף איז געזאָגט געוואָרן: ווען די רשעים ווערן פארלוירן, איז א פרייד.

באַקאַנט איז אויך דער מאמר, אז אפילו דער רבונו של עולם איז זיך מצער, ווען דער רשע ווערט באַשטראָפט[28]. א מענטשלעך לעבן איז אומגעהויער גרויס. לויטן יידישן דין טאָר מען נישט גורם זיין טויט אפילו צו א גוסס; מ׳טאָר נישט פארלעשן דאָס ליכט פון א צאנקנדיק ליכטל. דער וואָס איז מקריב דעם טויט פון א שטערבלעכן, איז פארעכנט פאר א „שופך דמים״[29].

און נישט בלויז יענעמס לעבן טאָר מען נישט צונעמען; אפילו זיין אייגן לעבן איז דער גרעסטער פארברעך אוועקצווואַרפן. אז מען באַגייט זעלבסטמאָרד איז מען א רוצח! לויט שפינאָזאַ׳ן איז א מאבד עצמו לדעת, א גייסטיק קראנקער: „אין אדם מאבד את עצמו לדעת אלא אם כן יצא מדעתו״[30]. איובס פרוי זאָגט צו איר מאַן: „עודך מחזיק בתמך, ברך אלקים ומת״[31]. זי ראָט איר מאַן צו באַגיין זעלבסט-מאָרד און פטור ווערן פון יסורים. איוב איז אָבער שטרענג קעגן אזא פאַטאַליזם און ענטפערט איר אָפּ זייער שאַרף: „כדבר אחת הנבלות תדברי, גם את הטוב נקבל מאת האלקים ואת הרע לא נקבל״[32].

די תורה וויל דורכאויס א פרייע און גלייכע מענטשהייט, א גייסטיק-ציוויליזירטע, וואָס זאָל וויסן, אז „לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם״ און וואָס זאָל געבן פרייהייטלעכן אויסדרוק צו אלע שיכטן[33].

די וועלטלעך-סאָציאַלע לערער, צוליב דער ניט-געהעריקער פארשטענדעניש, האָבן טעותדיק געאורטיילט די רעליגיע, באַהויפּטנדיק, אז זי פירט בלויז צו א הערשאַפט פונעם קלער און פון דער רעאַקציע. פּעטער קראָפּאָטקין (1842-1921): טעאָרעטיקער פון מאָדערנעם אנארכיזם, איז געקומען צום אויספיר, אז דער גאַנצער

פּראַגרעס פון דער מענטשהייט איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן . . . און פון די געזעלשאַפט־אינסטינקטן שאַפט זיך די מענטשלעכע מאָראַל . . . די באַגריפן און פאָרשטעלונגען וועלכע גיסן זיך צונויף אין דעם גרונט־רעגעל פון אַלע מאָראַלישע לערעס: טו נישט דעם אַנדערן דאָס, וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טאָן. ער גיט אָבער צו אַז דאָס איז נאָך נים קיין פולער אויסדרוק פון מאָראַל. לויט זיין אויפפאַסונג זיינען פאַראַן דריי עלעמענטן פון העכערער מאָראַל: קעגנזייטיקע הילף, גערעכטיקייט און זעלבסטאָפּפערונג.[34]

אין זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג „די אידייע פון מענטשלעכער חשיבות אין דער יידישער טראַדיציע", באַרירט א. מענעס דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אין אַלע זיינע אַספּעקטן.[35]

„וואָס איז דער מענטש? ווי א שאָטן וואָס פאַרגייט און איז מער ניטאָ, אַזוי איז דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער ערד. אש און שטויב איז דער מענטש. פון דער ערד איז ער גענומען געוואָרן און צו דער מאַמע־ערד קערט ער זיך אום צוריק. זאָל דער מענטש דעריבער קיינמאָל נים פאַרגעסן: ווער איז ער, פון וואַנען קומט ער, און וואוהין זיין לעצטער וועג פירט אים!"

„די נביאים ווערן נים מיד לערנען דעם מענטשן די תורה פון באַשיידנקייט און הכנעה. קיין שום פאָלק האָט נים געפירט אַזא עקשנותדיקע מלחמה קעגן מענטשלעכע גאווה, קעגן דער עבודה זרה פון גאוות, פון העלדן־פירהער, ווי יידן . . . די גרענעץ צווישן באַשעפער און זיינע באַשעפענישן ווערט אָפּגעהיט אויפן שטרענגסטן אופן. אין דער זעלביקער צייט אָבער האָט דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק דערהויבן דעם מענטשן, יעדן מענטשן, צו דער העכסטער מדרגה פון חשיבות. ס'איז ריכטיק, אַז דער מענטש איז נים מער ווי א הילפלאָזן באַשעפעניש, צו גראָז איז ער געגליכן, צו די בלומען אויפן פעלד: פאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז, פאַרוועלקט ווערט די בלום (יבש חציר נבל ציץ); ס'איז אָבער אויך ריכטיק, אַז דער מענטש איז די קרוין פון דער בריאה און אַז אין גאָטס פאָרם און אין זיין געשטאַלט איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן".

„די טאָפּלטע נאַטור פונעם מענטשן ווערט נאָך דייטלעכער אַרויסגעבראַכט אין תהלים, קאַפּיטל ח': „ . . . ווען איך זע דיינע הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערן וואָס דו האָסט אויפגעריכט — וואָס איז דען דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים דערמאָנען? האָסטו דאָך אים געמינערט גאָר ווייניק פון גאָט, מיט פּראַכט און שיינקייט טוסטו אים באַקרוינען, מאַכסט אים געוועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט, אַלצדינג האָסטו געלייגט אונטער זיינע פיס".

ביידע אידייען — די אידייע פון מענטשלעכער חשיבות און די אידייע פון מענטשלעכער נישטיקייט, זיינען פונדאַמענטאַלע עיקרים פון דער יידישער עטיק. ס'איז נישט מעגלעך קיין שום געלייטערטע רעליגיעזע מאָראַל אָן דעם דורכדרינגענדיקן געפיל פון הכנעה. גאווה איז דער אָנהויב פון דער געפערלעכסטער עבודה

זרה. ווען דער מענטש הויבט זיך אָן צו פאַרגלייכן מיט גאָט, דאַן פאַרטרייבט ער די גאָטלעכקייט פון דער וועלט. „ווען אַ מענטש האָט גראָבע גאווה אין זיך, זאָגט גאָט ברוך הוא: איך און ער קענען נישט וואוינען צוזאַמען אויף דער וועלט". (כל אדם שיש בו גסות הרוח אמר הקדוש ברוך הוא: אין אני והוא יכולים לדור בעולם).

„עס איז אָבער אָפט ניט קיין קלענערע געפאַר, ווען דער מענטש פאַלט ביי זיך אינגאַנצן אַראָפּ און פאַרלירט דעם דרך ארץ צו זיך אַליין און צו זיינע מיט־מענטשן. ס'איז פונקט אַזוי נישט מעגלעך קיין עכטע רעליגיעזע מאָראַל אָן דעם געפיל, אַז מענטשלעך לעבן איז הייליק און הייליק איז אויך דער מענטשלעכער כבוד" . . .

מיר ווילן זיך דאָ דערלויבן צו ציטירן נאָך עטלעכע ווערטער פון זיינע אויספירן:

„די הייליקייט פון מענטשלעך לעבן און די חשיבות פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט זיינען קאַטעגאָרישע פאָדערונגען, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די מעלות אָדער חסרונות פון דער געגעבענער פּערזאָן. איטלעכער יחיד רעפּרע־זענטירט מיט זיך דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. איין מענטש איז געגליכן צו אַ גאַנצער וועלט . . . איז ממילא איטלעכער מחויב זיך אָפּגעבן אַ חשבון, ווי גרויס עס איז זיין מאָראַלישע אחריות. אויב איין מענטש איז אַ גאַנצע וועלט, ווי וויכטיק זיינען דאַן אַלע מעשים וואָס דער מענטש טוט! און דאָס מיינט דרך־ארץ צו זיך אַליין, צום אייגענעם לעבן און צו דער אייגענער שליחות!"

אין דעם זין דאַרף מען פאַרשטיין דעם באַפעל: „שופך דם האדם באדם דמו ישפך"! וואָס אייניקע מפרשים אינטערפּרעטירן, אַז דאָס שליסט אויך איין פאַר־שעמען אַ מענטשן, ווייל דורך פאַרשעמען אַ מענטשן, וואָס טראָגט דעם צלם אלקים, פאַרגיסט מען זיין בלוט, „אזל סומקא ואתי חיוורא" און זיין עונש איז גאָר הארב: „מלבין פני חברו ברבים אין לו חלק בעולם הבא"[36]. מאָראַלישער שפיכת דמים איז פונקט אַזוי גרוילעך ווי פאַקטישער שפיכת דמים.

דער מענטש מוז זיך מאָראַליש דערהויבן, כדי ניט צו זיין ווי אַ בהמה, כדי ניט אַרונטערצופאַלן צו דער מדרגה פון „ומותר האדם מן הבהמה אין". דאָס איז דער מיין אין דער גמרא[37]: „אין חיה שולטת באדם עד שנדמה לה כבהמה . . ." (די חיה געוועלטיקט נישט איבערן מענטשן, סיידן ער נעמט איבער אירע אויפ־פירונגען, ווערט באהערשט פון בעסטיאַלישע אינסטינקטן).

אמת, דער מענטש טאָר זיך נישט צוריקציען פונעם מענטשלעכן חומריותדיקן לעבן, ער טאָר נישט פּראַווען קיין נזירות און אַסקעטיזם . . . עס דאַרף אָבער זיין ביי אים אַ שטאַרקער קאָנטראָל איבער די דאָזיקע קערפּערלעכע נויטווענדיקייטן, ווי רבי צדוק הכהן מלובלין דריקט זיך אויס וועגן דער קדושה ביים מענטשן: „ועיקר הקדושה — קדש עצמך במותר לך, דדבר האסור מאן דלא עביד הכי, רשע

נמי מקרי״ . . . דער מענטש דארף זיך דערהויבן צו די הויכענישן פון קאָנטראָלירן זיינע תאוות, „להחמיר עצמו פרישות מתאוות . . .״[38]

ווען מיר דערמאָנען שוין דעם ענין וועגן זיצן אין תענית, איז כדאי צו באמערקן, אז ס'זיינען דאָ צוויי מיינונגען: איינע, „היושב בתענית נקרא קדוש״ (אן אנדער ווערסיע: חסיד), אז דער וואָס פאסט א סך איז א הייליקער, א פרומער; די אנדערע מיינונג: היושב בתענית נקרא חוטא — דער וואָס פאסט זייער אָפט איז א זינדיקער[39]. די מערסט־אָנגענומענע מיינונג איז די צווייטע, קעגן דער בודיסטישער נערוואנע און קעגן דעם קריסטלעכן אסקעטיזם, וואָס האלט, אז חיי העולם הזה איז מוות, איז טויט[40]. ביי אונדז איז אָנגענומען דער כלל: „הפורש מן החיים כאלו הוא פורש מיוצר חיים, כי לא לתוהו בראה כי־אם לשבת יצרה . . .״ דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פונעם לעבן איז, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פונעם באשעפער פון לעבן. די מענטשהייט איז נישט באשאפן געוואָרן פאר וויסטעניש, פאר ליידיקייט, נאָר פאר דער געזעלשאפטלעכקייט, פאר חברישקייט און מענטשלעכער לעבעדיקייט.

אפילו אינעם „יצר לב האדם רע מנעוריו״, האָבן די חכמי התלמוד געזען א געוויסע נויטווענדיקייט, זעענדיק אויך דערין פּאָזיטיווע, כח יצירה, ווי רבי שמואל בר נחמני דריקט זיך אויס: „והנה טוב — זה יצר טוב. טוב מאד — זה יצר רע. וכי יצר הרע טוב מאד? אתמהה? אלא ללמדך, שאילולי יצר הרע, לא בנה אדם בית ולא נשא אשה ולא הוליד בנים ולא נשא ונתן״[41]. דער יצר הרע — מיינט ער צו זאָגן — ברענגט פּראָדוקטיוויטעט און שעפערישקייט אויף אלע געביטן, ברענגט דורות, ברענגט ציוויליזאציע, ברענגט לעבן . . .

ווען מ'האָט גע'הרגעט (ביינעקומען) דעם יצר הרע פון עבודה זרה, ווערט ווייטער געזאָגט, האָבן די חכמים געטראַכט, ווייל ס'איז אן עת רצון, לאָמיר שוין בעטן אז דער יצר הרע פון עבירות זאָל אוועק . . . האָבן זיי דאָס דערגרייכט! האָט זיי דער נביא געזאָגט: אויב איר הרגעט אוועק דעם יצר הרע, וועט די וועלט חרוב ווערן (אם תהרגו את זה, יחרב העולם). האָבן זיי אים באהאלטן פאר דריי טעג. האָט פּאסירט, אז מ'האָט געזוכט פאר א קראנקן א פרישע איי אין גאנץ ארץ ישראל און נישט געקענט געפינען. האָבן זיי אלע מסכים געווען, אז אויב מען הרג'עט דעם יצר הרע, ווערט חרוב די וועלט . . .

מיר געפינען אויך אן אגדה[42], וואָס דערציילט: „ובשעה שאמר ירמיה לישראל מפני מה אין אתם עוסקים בתורה? אמרו לו: במה נתפרנס? הוציא להם צלוחית של מן ואמר להם: הדור אתם ראו דבר ד׳, אבותיכם שהיו עוסקים בתורה ראו במה נתפרנסו, אף אתם תעסקו בתורה, והקב״ה מפרנסכם״.

דאָס איז אייגנטלעך די דיסקוסיע צווישן ר׳ ישמעאל און ר׳ שמעון בן יוחאי, ווי די רבנן האָבן געלערנט: „וואָס לערנט אונדז דער פסוק: ואספת דגנך . . . נאָר ווייל ס'איז געשריבן[43] „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך״, וואָלט איך געקאָנט מיינען צו זאָגן, אז דאָס זענען טאקע דברים ככתבם . . . גאָרניט טאָן, נאָר זיך פאר־

לאָזן אויף נסימדיקע חסדים? אויף דערויף זאָגט דער פסוק: ואספת דגנך, תנהג בהם מנהג דרך ארץ, דברי ר' ישמעאל; ר' שמעון בן יוחאי אומר: אפשר אדם חורש בשעת חרישה, וזורע בשעת זריעה, וקוצר בשעת קצירה, ודש בשעת דישה וזורה בשעת הרוח, תורה מה תהא עליה? אלא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מלאכתן נעשית ע"י אחרים . . . [44] אביי פירט אויס, אז א סך האָבן געטאָן ווי ר' ישמעאל און ס'איז זיי געלונגען און א סך האָבן געטאָן ווי ר' שמעון און עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן (אמר אביי הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידם והרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם). און רבא, דער שטענדיקער בר פלוגתא פון אביי, דערציילט אונדז די גמרא, אז ער האָט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים, אז זיי זאָלן ניט קומען צו אים לערנען ניט אין ניסן און ניט אין תשרי, כדי זיי זאָלן ניט געשטערט ווערן אין זייער פרנסה א גאַנץ יאָר (ואמר להו רבא לרבנן במטותא מינייכו דלא תיתי קמאי לא ביומי דניסן ולא ביומי דתשרי, כי היכי דלא תטרדו במזוניכו כולא שתא).

רבא האָט אויך געזאָגט צו רב המנונא: „בני אם יש לך היטב לך[45], אויב דו קענסט דיר פאַרגינען צו לעבן, לאָז דיך וואוילגיין. און רב חזקיה זאָגט אין זיין נאָמען, שעתיד ליתן דין וחשבון על כל מה שראתה עינו ולא אכל[46] — דער מענטש דאַרף געניסן פון אלע גוטע זאכן, מאכלים און פרוכטן, וואָס דער באַשעפער האָט געבענטשט דער וועלט. און נאָך מער, ר' יהושע האלט, אז דער מענטש טאָר זיך ניט פייניקן. זאָגט דערויף רב דעם טעם: „ויהי האדם לנפש חיה — נשמה שנתתי לך החיה אותה[47]. דער רבונו של עולם וויל גאָרנישט, דער מענטש זאָל זיך פייניקן; ער וויל בעסער, דער מענטש זאָל זיין באַשעפטיקט, שפּייזן זיין פאַמיליע . . . עושה צדקה בכל עת — זה הזן בניו ובנותיו[48] און דער וואָס פאַרלאָזט זיינע קינדער ווערט געשטעלט „בארור", איז ער א פאַרשאָלטענער: „וארור ילדה ואבני מתא שדיא"[49]. דער כלל אין תלמוד איז: „כי יאכל אדם וישתה פחות ממה שיש לו . . . ויכבד אשתו ובניו יותר ממה שיש לו, שהם תלויים בו והוא תלוי במי שאמר והיה העולם[50]. דער מענטש דאַרף צופרידנשטעלן זיין פאַמיליע, זיין פרוי און קינדער און לעבן א נאָרמאַל מענטשלעך לעבן — און דער וואָס פירט זיך אזוי, לעבט ער א תורה'דיק לעבן.

אין די קבלה ספרים ווערט א סך גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון אָט די ביידע קעמפערישע כחות אינעם מענטשלעכן לעבן. איינער פון די גדולי המקובלים, ר' משה קורדיווירא (רמ"ק, הרפ"ב־ש"ל: (1522—1570) דריקט זיך אויס שאַרף און קלאָר: „העליונים צריכים לתחתונים ותחתונים צריכים לעליונים, ולכן כח התחתון בעליון וכח העליון מתחתון", ד"ה, אז ביידע כוחות, די אויבערשטע, גייס־טיקע און די אונטערשטע, קערפּערלעכע מוזן האַרמאָנירן, גיין צוזאַמען און דערגענצן איינער דעם אנדערן.

דער יצר הרע ווערט באַארבעט פאַר מעשים פון יצר טוב דורך באַקעמפן

אין זיך זיינע שלעכטע טענדענצן, דורך מאכן זיי תורהדיק, דורך קאָנטראָלירן דעם יצר הרע און פארוואנדלען אים אין א בויענדיקן כוח, ווי רבי שמעון בן אלעזר גיט דעם אינטערעסאנטן משל: „יצר הרע דומה לברזל שהטילוהו בתוך האור (האש); כל זמן שהוא בתוך האור, עושין ממנו כלים שירצו; אף כך יצר הרע אין לו תקנה אלא בדברי תורה בלבד, שהם כאש".

דער מענטש, לערנען אונדז די חז"ל, דארף זיך אויפפירן מעגטשלעך: אר־בעטן, זיין באשעפטיקט, און ביי דער באשעפטיקונג אין זינען האָבן דעם באשעפער. רבי שמעון בן אלעזר איז דער איינציקער, וואָס ראט דעם מענטשן צו זיין פארטאָן בלויז מיט גייסטיקייט און זיך פארלאָזן, אז די חיונה וועט קומען נסימדיק: „ראית מימיך חיה ועוף שיש להם אומנות ומתפרנסים שלא בצער . . . אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי"[51].

אויבערפלעכלעך זעט עס אויס ווי א סתירה צו דעם, וואָס מיר האָבן פריער געבראכט אין זיין נאָמען — און די מפרשי התלמוד זוכן צו פארענטפערן אָט די סתירה — אָבער דאָ איז נישט דער פלאַץ מאריך צו זיין.

איובס חברים ראטן אים ,אז פונקט ווי מען דארף ניט מקנא זיין די רייכע, וועלכע פירן זיך אויף עקסטרעם מיט זייער לוקסוריעזן לעבן, אזוי זאָל מען נישט נעמען קיין ביישפיל פון די, וואָס פירן זיך אויף מיט סיגופים, מ'דארף לעבן נאטירלעך לויטן קאָנטראָל פון קדושת החיים. דאָס איז אייגנטלעך דער יידישער צוגאנג צום מענטשלעכן לעבן, צו דער חשיבות פונעם מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלקים: שוועבן אין די הימלישע הויכן און דאָך לעבן אן ערדיש לעבן. דאָס איז זיין גורל אויף דער וועלט, אזוי האָט געוואָלט דער יוצר לכל נברא!

אז מיר ריידן שוין פון ספר איוב, וואָס לויט איין מיינונג, איז עס א „משל בעלמא"[52], סתם אזוי א משל, אין וועלכער ס'ליגט אן אוניווערסאלע לעבנס־פילאָזאָפיע, איז כדאי צו באטאָנען, אז די איוב טראַגעדיע איז אינדיווי־דואליסטיש, אָבער די אידייע איז אוניווערסאליש. איוב איז דער סבלן, וויל זיך טאָקע נישט בייגן פאר זיין ווייב'ס פראָוואָצירנדיקע רייד און צו דער זעלביקער צייט, איז ער דער פראָטעסטירער און לאָזט זיך נישט באהערשן פונם פאטאליזם. זיינע אידייען געפינט מען אויך אין קהלת. אויך ער זעט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, דעם „דאָרטן" אלס א דערלייזונג:

דאָרט הערן אויף די רשעים מיט זייער בייז
און דאָרט רוען שוין די מידע
צוזאמען מיט די הארן די געפאנגענע
זיי מערן ניט דאָס קול פון אונטערדריקער
קליין און גרויס איז דאָרט גלייך
און דער קנעכט איז פריי פון זיין האר[53].

ער איז אָבער דאָך דער געבליבענער צדיק און זיין פּראָטעסט און דין תורה מיטן כביכול איז גוט געהייסן געוואָרן אין דער יידישער טראַדיציע:

פאַרוואָס איז פון גאָט נישט באַשטימט קיין משפט אויף די רשעים
די אָרימעלייט ווערן אַראָפּגעשטויסן פון וועג
און מוזן זיך נעבאָך אויסבאַהאַלטן פון די מעכטיקע . . .
פון שטאָט קרעכצן די מענטשן און די פאַרוואונדעטע שרייען נאָך הילף
און דו גאָט פאַרעכנסט דאָס ניט פאַר אַ זינד?[54]

אין די הייליקע שריפטן קומט צום אויסדרוק דער פּראָטעסט קעגן וועלכער ניט אין פאַרלעצונג פון רעכט און גערעכטיקייט, אַזוי זען מיר די אבות, אַזוי משה רבינו, אַזוי די שופטים און אַזוי די נביאים — אַלע רעוואָלטירן קעגן אומרעכט; אַלע פאָדערן יושר און גערעכטיקייט, אַפילו פון גאָט פאָדערן זיי גערעכטיקייט.

ווען אברהם אבינו שטעלט זיך איין פאַר סדום, מיינענדיק דאָרט צו געפינען אַ צאָל צדיקים, וואָס זאָגט ער?

„ניט שוין וועסטו אומברענגען דעם אומשולדיקן מיטן שולדיקן? . . . חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך . . . זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט ניט טאָן גערעכטיקייט? . . .

און משה?

ער שטעלט זיך לגמרי ניט צופרידן מיט הבטחות, ווען נאָר ער קלערט, אַז זיין פאָלק וועט ליידן און ניט האָבן קיין כח אויסצוהאַלטן ביז גאולה. ער ווענדט זיך כלפּי מעלה מיט די ווערטער:

פאַרוואָס האָסטו דעם פאָלק שלעכטס געטאָן?
צו וואָס האָסטו מיך געשיקט? . . .

און גאָט האָט פאַר אים מאָטיווירט די זאַך, פאַרוואָס ס'האָט געמוזט זיין אַזוי און נאָר אַזוי, ביז די גאולה וועט קומען.

אין די צייטן פון די שופטים, ווען די האַנט פון מדין איז געווען שטאַרק און די בני ישראל האָבן זיך געדאַרפט באַהאַלטן אין באַרג־שפּאַלטן היילן און פעסטונגען[55], אין יענער עת צרה, האָט זיך דער מלאך באַוויזן צו גדעונ'ען און אים געזאָגט: „גאָט איז מיט דיר . . . " און גדעון האָט אים געענטפערט:

„איך בעט דיך מיין האַר, אויב גאָט איז מיט אונז —
טאָ פאַרוואָס האָט דאָס אַלץ געטראָפן?
און וואו זיינען די וואונדער זיינע
וואָס אונדזערע אָבות האָבן אונדז דערציילט?

באַקומט ער אַן ענטפער פונ'ם מלאך: „גיי מיט דיין דאָזיקן כח און ועסט העלפן ישראל".

לויט דעם יידישן צוגאַנג צו די סאָציאַלע פּראָבלעמען, פאַרנעמט דער יחיד, ווי געזאָגט, די באַדייטנדיקסטע ראָלע אין פאַרלייגן די פונדאַמענטן פאַרן סאָציאַלן יושר. דער יחיד דאַרף זיין די אָנפירנדיקע קראַפט צו קאָנטראָלירן די איבערמעכטיקנדיקע כוואַליעס פון עמאָציעס. דער יחיד דאַרף האָבן די פאַרשטענדעניש אָפּצושטעלן די וואַנדאַליסטישע נטיות, דערהויבן דעם באַוואוסטזיין, פאַרשטאַרקן די מאָראַלישע דערציאונג און דערמיט ענדערן און צוימען די מענטשלעכע נאַטור לויט די שענסטע הומאַניטאַרישסטע פּרינציפּן.

ב. יחיד אין דער געזעלשאַפט אידייע. — מענטש ווי יצירה־קרוין. — צבור־דיקע איינהייט.

דער יחיד דאַרף האָבן די פאַרשטענדעניש פאַר די גרויסע אויפגאַבן וואָס די צייט און דער גורל האָבן אים אָנגעטרויט.

אזוי זעען מיר, ווי אין יעדן איבערברוך מאָמענט, אין יעדן היסטאָרישן מאָמענט, אין יעדן געשיכטלעכן איבערגאַנג, באַווייזט זיך דער יחיד אָדער די יחידים מיט אידייאישער פעסטקייט; מיט מסירת נפש׳דיקער קעמפערישקייט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מאַסע. דער יחיד באַקומט דעם געשיכטלעכן פּאָסטולאַט און די היסטאָרישע רעכט צו רעגולירן דאָס צבורדיקע לעבן, זאָגן דאָס גרויסע וואָרט, ווערן דער „איש דברים . . . ”

דער יחיד קען מיטשלעפּן מיט זיך די מאַסע, די מערהייט, ווען נאָר ער איז באַהויכט צו שאַפן אַרום זיך די לויטער קדושה׳דיקע אַטמאָספערע. אזוי זעען מיר ווי משה רבנו האָט דערהויבן זיין דור, געמאַכט פון אים א דור דעה, וואָס האָט געבראַכט המשך פון דורות, אייביקייט פון יידישן קיום. משה רבנו האָט דאָס באַוויזן א דאַנק זיינע העכסטע קרעפטיקסטע און גייסטיקע אַטריבוטן וואָס ער האָט באַקומען ביים סנה און סיני. דאָס האָט אים געגעבן כוח צו שאַפן א פאָלק!

דער יחיד וואָס דערהויבט זיך צו דער הויכער מדרגה פון ווערן דער „עבד ד׳ ” האָט אויך דעם פאַרנעם צו שאַפן מאָראַלישע עבודות ביים צבור, אַריינברענגען דעם מאָראַלישן געוויסן אין כללישן לעבן . . . משה רבנו, דער איש האלקים האָט דאָס באַוויזן.

דער יחיד וואָס וויל זיך דערהויבן צו דער פירערשאַפט־מדרגה מוז באַנעמען דאָס לעבן פונ׳ם כלל; באַגרייפן זיין טיפן סאָציאַלן און אידייאישן גרונט; זוכן מקור׳דיקע גאַנצקייט, לערנען פונ׳ם אמאָל „שאל אביך ויגדך” . . .

צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט, די געזעלשאַפט איז געטיילט אויף פירנדיקע און געפירטע — און ווי מען זאָל ניט וועלן איינאָרדענען די געזעלשאַפטלעכע פירונג, מוז דאָך זיין א געוויסער אויטאָריטאַטיווער כוח, וואָס, אויב ס׳זאָל ניט שטערן די אַנטוויקלונג, מוז זי קאָנטראָלירן אין א געוויסן זין, די פאַרמירונג פון דער אינדיווידואַליטעט אין די ראַמען פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז נאָר מעגלעך,

ווען דער פירער איז דערהויבן צו די הויכן פון דער עטישער התחייבות הן לגבי זיך און הן לגבי דער געזעלשאפט.

די בעסערע געזעלשאפט קען נאָר געשאפן ווערן, ווען די פירער וואָס ווילן איר שאפן האָבן די עטישע באַציאונג צום מענטש און זיינען דורכגעדרונגען פון אזעלכע געפילן וואָס קומען צום אויסדרוק און כאראקטעריזאציע אין דעם מאמר חז"ל: „די וואָס ווערן באליידיקט און באליידיקן ניט, הערן אויס זידלערייען און ענטפערן ניט, נעמען אלץ פאר ליב און פרייען זיך מיט זייערע ליידן — אויף זיי זאָגט דער פסוק[1] — „און זיינע ליבהאָבערס וועלן זיין ווי די זון וואָס גייט ארויס אין איר שטארקייט"[2]

די מענטשלעכע געזעלשאפט דארף — לויט דער תורה — האָבן פירער־שאפט. זיי, די פירער דארפן אָבער זיין דעמאָקראטיש, אין גייסט און אין כאראק־טער און זאָלן היטן ווי א הייליקייט, דאָס לעבן און כבוד פונעם איינצעלנעם, פון יעדער פערזענלעכקייט אין די אינטערעסן פונעם פאָלק, אנערקענען דעם אקסיאָם: „כשם שפרצופיהם משונות כך דעותיהם משונות", אז יעדער מענטש איז בארעכטיקט צו זיין ביסל אייגנארטיקייט.

ניט אומזיסט קומט די הלכה און פסקנט: „הרואה אוכלסי ישראל אומר ברוך חכם הרזים"[3]. דער ייד דאנקט דעם באשעפער דערפאר וואָס ער האָט באשאפן יעדן מענטשן מיט זיין באזונדערן פנים און דעה. יעדער יחיד האָט זיך זיין וועלט און איז בארעכטיקט צו איר, בתנאי, אז ער שטערט ניט דעם צבור, דעם קאָלעקטיוו.

דער פירער, וועלכער איז גלייכצייטיק דער לערער פון פאָלק, דארף זיין דורכגעדרונגען פון אָט דער אידייע און דארף קענען זיך מוסר־נפש זיין פאר'ן פאָלק, ווי משה רבנו, וועלכער איז געווען גרייט אויסגעמעקט צו ווערן פון דער תורה, אויב דער רבונו של עולם זאָל ניט געווען פארגעבן די זינד פון ישראל אין דעם מדבר[4]. דער פירער און נביא מוז האָבן דעם כח אין זיך צו באווירקן מיט זיין וואָרט און מיט זיין וויזיע.

ווען משה רבינו, זייענדיק שוין מיד פון דעם שווערן עולם פונעם עם קשה עורף האָט געזען, אז ער קען ווייטער ניט גיין, אז ער מוז זיך אראָפּריידן פון הארץ, האָט ער גע'טענה'עט צום רבונו של עולם:

פארוואָס האָב איך געפונען אומ'חן אין דיינע אויגן,
ארויפצולייגן אויף מיר די לאַסט פון דעם דאָזיקן גאַנצן פאָלק?
האָב איך דען געטראָגן דאָס דאָזיקע פאָלק?
צי האָב איך עס געבוירן? . . .
פונוואַנען האָב איך פלייש, צו געבן דעם דאָזיקן גאַנצן פאָלק?
און אויב דו טוסט אזוי צו מיר —
הרג'ען הרג'ע מיך.

די תורה לערנט, ניט נאָר וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן מענטש און גאָט, נאָר דעם גרעסטן טייל וועגן די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, סיי אַלס יחיד און סיי אַלס מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. די תורה אַנטהאַלט אין זיך די עיקר'דיקע, יסודות'דיקע עלעמענטן פון א געזעלשאַפטלעכער אידעאַלער אָרדע־נונג, ניט נאָר בלויז פאַר איין דור אָדער עפּאָכע נאָר פאַר אַלע דורות און צייטן — אַן אָרדענונג באַזירט אויף פרייהייטלעכע, דעמאָקראַטישע — אָבער דיסצי־פּלינירטע — פּרינציפּן, אויף תורה חירות, וואָס האָט אין זיך מלוכה'שע לעבנס־פאָרמען.

אָט די דאָזיקע היסטאָרישע ריכט־ליניעס, שנירלען זיך פון סאַמע אָנהויב פון אונזער זיין אַלס תורה־פאָלק, ביזן היינטיקן טאָג. אַזוי פּאַראַלעליש גייט עס, אַז איינס קען זיך ניט אָפּטיילן פון דאָס צווייטע — עס איז דער טעזיס פון הימליש גייסטיקייט און ערדיש קאָרעקטיווקייט, וואָס גייט סינטעטיש און האַרמאָניש אין אונזער געשיכטע און וואָס איז ציל און מיטל פאַר אונזער קיום!

אַלע אונזערע פירער האָבן דאָס געלערנט פון משה רבינו, נביא פון אַלע נביאים, דעם לערער פון אַלע לערער — וועלכער האָט אויפגעלויכטן אין צייט פון מצרישער פאַרשקלאַפונג און לייכט פאַר אונז אין אַלע דורות.

„ער האָט געבויט מענטשן־פּיראַמידן, פאַרוואַנדלט א שטאַם פון אָרעמע פּאַסטוכער אין אַ פאָלק. ער האָט געשאַפן אַן אייביק, הייליק פאָלק, וואָס דאַרף אַלע אַנדערע פעלקער דינען ווי א מוסטער, דער גאַנצער מענטשהייט ווי א פּראָטאָטיפּ . . . דער גרויסער מייסטער דערציער, דער גרעסטער שונא פון שקלאַ־פעריי, דער גרעסטער עמאַנציפּאַטאָר . . . ” (היינריך היינע).

משה רבנו האָט געשאַפן — ווי מקובלים וואָלטן געזאָגט — דעם באַגריף פון „מלכות שבתפארת”; מלכות באַזירט אויף די תפארתדיקע פּרינציפּן פון תורת אמת און פון אוניווערסאַלן יושר און גערעכטיקייט — צו דערהויבן דעם מענטשן צו א מדרגה, אַז ער זאָל קענען זיין א שותף צום בורא, א שותף צו זיין שאַפונג, א שותף דורך היטן זיינע מידות, „הדבק במצוותיו” איז דער אַלטערנאַטיוו, „מה הוא רחום אף אתה” . .. 5

די תורה אויפפאַסונג איז: „חרשתם רשע, עולתה קצרתם”, אויב איר אַקערט מיט רשעות, וועט איר עוולות שניידן6. דער גוטער מענטש מאַכט און שאַפט די גוטע מענטשהייט. פאַרקערט, ווערט די מענטשהייט פאַרפּעסטעט, פאַרברעכעריש, און דער פירער וואָס איז „מושל מקשיב על דבר שקר”, ווערט זיין רעזשים רשעות־דיק, כל משרתיו רשעים” . . .7 פאַלש און באַטריגעריש, ווי עס דריקט זיך אויס דער נביא חבקוק:

„האָסט געמאַכט מענטשן ווי די פיש פון ים, ווי ווערים אָן א געוועלטיקער איבער זיי. ער ציט זיי אַלע אַרויף מיט א ווענטקע, ער שלעפּט זיי אַרויף אין דער נעץ, און ער זאַמלט זיי איין אין זיין פאַנג־נעץ; דערום פרייט ער זיך און קוועלט,

דארום שלייכט ער צו זיין נעץ און רייכערט צו זיין פאנג־נעץ, ווארום דורך זיי איז פעט זיין חלק און זיין עסן איז זאפטיק . . . ״

א פארפוילטער מענטש ברענגט מיט זיך א צעפוילטע מענטשהייט און עס מערן זיך די פאנג־נעצן! וועגן אזא מענטש, דריקט זיך אוים דער נביא[7א] „ארור האיש אשר יבטח בהאדם״.

דער תנ״ך און די תנ״כיש תלמודיש־רבנישע ליטעראטור האט געזוכט די חשיבות פון מענטשן, דערהויבן דעם מענטשן צו א מדרגה, אז ער זאל פארשטיין אז יעדער מענטש איז גאט׳ס באשעפעניש און אז ביי גאט איז נישטא קיין חילוק פון מענטש צו מענטש, נאר אלע וואס האבן דעם „צלם אלקים״, אין זיין סינ־טעטיש־ברייטן זין, זיינען חשוב ביי גאט: „לפיכך נברא אדם יחידי בעולם, שלא יאמר אבא גדול מאביך״[8].

רבי מאיר פלעגט זאגן: אדם הראשון איז באשאפן געווארן צוזאמענגענומען פון דער גאנצער וועלט און דעריבער איז דער מענטש באשאפן געווארן אליין — צו לערנען, אז ווער עס מאכט פארלירן א מענטשלעך לעבן, איז ווי ער וואלט אומגעבראכט א גאנצע וועלט און ווער עס ראטעוועט א מענטשן איז, ווי ער וואלט געראטעוועט א גאנצע וועלט[9].

מיט דעם מענטש, דער לעצטער אין דער „בריאה״, האט גאט פארפולקאמט די מעשי בראשית. די קרוין פון די „בעלי חי״ קאנטראלירט די כוחות פון וועלט־באשאף אין זיינע ספערן.

אזוי ווי דער מענטש ליידט א סך פון „גאות״, פון האלטן זיך גרוים און אזוי ווי די געפאר פון גאוה איז עלול אים צו פארפירן אין די „שאול תחתיות״, זוכט די רבניש־תלמודישע ליטעראטור צו ווייזן די נידעריקייט פון גאות און די גרויסקייט פון „ענוה״, פון האלטן זיך באשיידן, איינפאך. „ווער ס׳גייט מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ״ — ווערט געזאגט — „איז ווי ער וואלט אוועקגע־שטופט די רגלי שכינה״. די גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן רופן זיך: „אסקופה הנדרסת״, „קלוש ופעוט״, „לא בינת אדם לי״ און נאך אזעלכע ענלעכע אוים־דרוקן[10]. אפילו ביי גאט זוכט מען צו באווייזן די מדה פון ענוות: „כל מקום שאתה מוצא גדולתו, שם אתה מוצא ענותנותו[11]. וועגן משה רבינו, זאגט אונז די תורה עדות, „והאיש משה ענו מאד״[12]. איז דאך קיין ספק נישט, אז יעדער מענטש דארף זיך אוודאי האלטן באשיידן, ענוות׳דיק — „וענוים ירשו ארץ״. דער גרוים־האלטער איז נמאס פאר גאט, תועבת ד׳ כל גבה לב[13]. און ר׳ שמעון בן יוחאי, דער מחבר פון זוהר באהויפטעט, אז דער וואס האלט זיך גרוים איז, ווי ער וואלט געדינט צו די אפגעטער, כאלו עובד עבודה זרה.

ענייוות פארהיט דעם מענטש פון זינד און פארברעכנס און ברענגט דעם מענטש צו די הויכע הייליקע מדרגות, ווי די משנה סוף סוטה, רעכנט אוים אין

נאָמען פון רבי פינחס בן יאיר, אַז ענווה איז איינע פון די מידות, וואָס פירן צו רוח הקודש און גאולה שלימה.[14]

משה רבינו, גרעסטער ענו און גרעסטער אוהב ישראל, זאָגט טאַקע צום רבונו של עולם: „יאבד משה ואלף כיוצא בו . . . ״ זאָל משה און טויזנטער ווי ער, ווערן פאַרלוירן, אַבי קיין נאָגל פון אַ יידישן מענטשן, זאָל ניט אָנגערירט ווערן.[14א]

ווען דבורה הנביאה האָט אין גרויסן פלאַם און פאַטאָס פון איר הערלעכער שירה, אויסגערופן נצחונ׳דיק: „אנכי לד׳ אנכי אשירה״; אָדער: „שקמתי אם בישראל״ . . .[15], האָט זיך פון איר די שכינה אָפגעטאָן. גאָט פאַרטראָגט ניט קיין בעל גאוה. „גבהות אדם שפל״, דריקט זיך אויס דער נביא[16] און פירט אויס: „חדלו לכם מן האדם — כי במה נחשב . . .״ ווען ער האַלט זיך גרויס, פאַרלירט ער זיין חשיבות.

מ׳האָט אָבער איבערגעלאָזן פאַר׳ן תלמוד חכם אַ „שמינית שבשמינית״ — און פון דעם שמינית שבשמינית, האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנץ היפשלעכער גיאות, באַזונדערס וואָס שייך אין לומדישער פּאָלעמיק. דאָ קאָן דער „ענו״ זאָגן אויף זיך: „יש לי יד ושם להכריע בכל הפוסקים . . .״ דאָ ווערט דער ענו שטרענג, קאָמפּראָמיסלאָז . . .

דער חסידיזם האָט געשאַפן אַ ניי מין ענוות, אַן אינערלעכע באַשיידנקייט, אַן ענוה שבלב, וואָס קומט דורך פאַרטיפונג און ניט די אויסערלעכע קליין־האַלטערישקייט. דאָס חסידות האָט געלערנט, אַז דער מענטש דאַרף קוקן אויף זיך ווי אַ גליד פונעם פאָלקס־קערפּער. ער דאַרף מבטל מאַכן זיין איכיזם, זיין אינ־דיווידואַליזם; ווייל, ווען ער איז אַליין, אָן דעם פאָלק, איז ער גאָרנישט נישט ווערט.

די יידישע מיסטיק הויבט ניט ווייניק אויף דעם מענטש: ער איז ניט איינער אַליין; ער איז געקניפּט און געבונדן מיט זיין פאָלק; ער איז אַ טייל פונ׳ם כלל; ער ווירקט און ווערט באַווירקט; ער גיט כח אין די עולמות העליונים. אויף דעם מאמר „ודע מה למעלה ממך״, טייטשט דער בעש״ט — זאָלסט וויסן, אַז אַלץ פון אויבן איז פון דיר![17]

אויך דאָס רבנות גיט חשיבות דעם מענטשן.

„קיין שום ייד״ — זאָגט ר׳ חיים וואָלאָזשינער (1749-1821) — „זאָל ניט טראַכטן ביי זיך: וואָס בין איך און וואָס איז מיין כוח . . . נאָר ער מוז פאַרשטיין און וויסן און פעסט באַשטימען אין זיין געדאַנק, אַז אַלע פּרטים פון זיינע מעשים, ווערטער און מחשבות גייען חס ושלום ניט פאַרלוירן. די מעשים פונם מענטשן שטייגן אַרויף צו די העכסטע הויכן . . . ״

דער יחיד ווי קליין און אומבאַדייטנדיק ס׳זאָל אים ניט אויסזען זיין פעולה, גייט עס אין חשבון פון דער וועלט און דער יחיד טראָגט דעם גורל פון דער וועלט.

דורך דעם יחיד ווערט צעמענטירט די ציבורדיקע איכהייט, דער צבורדיקער עגאָ[18].

די תורה, לויט דער יידישער אמונה, איז פון הימל, זי איז אָבער ניט קיין הימלישע, „כי לא בשמים היא". זי איז געגעבן געוואָרן צו דער מענטשהייט, צו די בני אדם, צו די דרי מטה, זיי צו לערנען און דערציען, אז מ'קאָן זיין א בשר ודם און דאָך זיין דורכגעדרונגען מיט תורת חיים, אהבת חסד און קדושה.

די תורה הויבט זיך אָן מיט בריאת העולם, דער יסוד פונם מאָנאָטעאיסטישן גלויבן. זי איז אָבער ניט אויסן געווען צו דערציילן די גרויסקייט פון גאָט. אין קעגנטייל — זי איז אויסן געווען צו באווייזן די גרויסקייט פון דער וועלט און ווי גליקלעך זי איז צו האָבן אזא מנהיג און „בורא לכל הברואים"[19]. ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „אשריך עולם שהקדוש ברוך הוא ברא אותך". די וועלט, וואָס איז גאָט'ס באשאפונג, טראָגט אויף זיך דעם „חותם אלקים", פונקט ווי דער מענטש דעם „צלם אלקים". ווי רבי עקיבא בן יוסף, דער תנא־העלד דריקט זיך אויס: „כשם שהבית מודיע על הבנאי והבגד מודיע על האורג, והדלת על הנגר, כך העולם מודיע על הקדוש ברוך הוא שהוא בוראו. די תורה איז געווען די מאשין, דער „כלי אומנתו" פון באשעפער, דורך וועלכער און מיט וועלכער ער האָט די וועלט באשאפן. מביט בתורה ובורא את העולם[20].

דער מדרש מיינט דערמיט, אז דער קיום פון דער וועלט איז אין און דורך דער תורה. די תורה לערנט דעם מענטש די קדושה פון לעבן: „הייליק זאָלט איר זיין, וואָרים הייליק בין איך ד' אייער גאָט". דורך קדושה ווערט דער מענטש דערהויבן און פארבונדן מיטן „אין סוף"[21].

די קדושה פון באשאפער ווערט אָנגעוויזן צום מענטש דורך זיין פירן די וועלט מיט גערעכטיקייט — והאל הקדוש נקדש בצדקה. אויך די קדושה פון מענטש דאַרף זיין דורך הדבק במדותיו, דורך דער הייליקער אויפפירונג, וואָס מיינט פירן זיך מיט גערעכטיקייט. דער פאַרלאַנג פונעם יידישן פאָלק איז צו זיין א „ממלכת כהנים וגוי קדוש" — א נאַציע מיט משפטים צדיקים, מיט געזעצן באזירט אויף גערעכטיקייט, וואָס זיכערט וואוילזיין און א פּראָדוקטיוו, שעפעריש לעבן; וואָס גאראנטירט פערזענלעכע פרייהייט אין א גערעכטער געזעל־שאַפטלעכע אָרדנונג, וואָס זיכערט ווירטשאַפטלעכע, אידעאַלאָגישע, געזעל־שאַפטלעך־נאַציאָנאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט . . .

ר' שמשון רפאל הירש האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אז די פּרשה קדושים אַנטהאַלט מערסטנס: מורא אב ואם, לא תשנא אחיך בלבבך, לפני עור לא תתן מכשול א.א.וו. קדושה פון לעבן, קדושה פון האַרץ, מוח, נשמה און געפיל.

אָן דער דאָזיקער קדושה — וואָס פאַר א גליק האָט דאָס דער מענטש אין דער פאַרגאַנגענער וועלט: „כי מה הוה לאדם בכל עמלו . . . כל ימיו מכאבים וכעס עניניו . . . "[22] מה אנוש כי תזכרנו"[23].

דער מענטש קאָן זיך אַבער דערהויבן, צו ווערן אַ שותף במעשה־בראשית. דער דיין וואָס משפט אמת'דיק, איז אַ שותף אין'ם וועלט־באַשאַף („כל דיין שדן דין אמת — כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית") און אַ צדיק קאָן שאַפן וועלטן און מבטל מאַכן גזרות. דער שאַפונג־כוח פונעם מענטשן איז זייער גרויס: אליהו הנביא איז מחיה מתים, האלט צוריק רעגנס און אלישע זיין תלמיד מאַכט זיס ביטערס מיט ביטערס[24]. אתה מוצא כל מה שהקב"ה עתיד לעשות . . . עשה ע"י הצדיקים".

וועגן דעם מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין'ם צלם אלקים, ווערט געזאָגט: „ותחסרהו מעט מאלקים וכבוד והדר תעטרהו . . . " און דער אויסדרוק אין תלמוד איז: „יכול כל אדם להיות כמשה", יעדער מענטש קאָן דערגרייכן צו דער גרויסקייט פון משה רבנו . . .

די יידישע טראַדיציע האָט דערפאַר קיינמאָל ניט פאַרגעטערט קיין מענטשן. ניטאָ ביי יידן קיין פירער־קולט. מען איז שטרענג צו די פירער ווי צו איינפאַכע מענטשן. די גרויסע פערזענלעכקייטן מוזן זיין געצוימט דורך דעם שלחן־ערוך־קאָדעקס ווי געוויינטלעך־איינפאַכע מענטשן־קינדער. „הן בקדושיו לא יאמין . . . און נאָך מער „בקרובי אקדש", די ערשטע שטראָף קומט אויף די גדולים, ווייל זיי זיינען מער פאַראַנטוואָרטלעך און מיט זיי איז מען מדקדק כחוט השערה.

די קרומקייטן פון הארץ און די באַהאַלטענע עברות שבין אדם למקום, האָט די יידישע אמונה איבערגעגעבן צום באַשאַפער, צו דעם „כל יכול", וועלכער ווייסט די נסתרות, צו וועמען עס זיינען אַנטפּלעקט די געהיימע מחשבות זרות ביים מענטש: „הנסתרות לד' אלקינו — דאָס פאַרבאָרגענע איז ביי גאָט אונזער האר"[25].

דער באַשעפער איז דן דעם מענטש מדה כנגד מדה, אָדער ווי דער אויסדרוק איז: „במדה שאדם מודד — מודדין לו . . . " און דער נעים זמירות ישראל דריקט זיך אויס אין זיינע לירישע מעדיטאַציעס: „עם חסיד תתחסד, עם גבר־תמים — תתמם, עם נבר תתבר ועם עקש תתפל"[26].

נקמה נעמען איז איבערגעגעבן אין גאָטס האַנט, אין זיין מאַכט און ווילן: „האל הנותן נקמות לי"[27].

בלויז אין געוויסע פאַלן, איז דער משפט איבערגעגעבן אין רשות פון געהעריקע מענטשלעכע אינסטאַנצן — אַזעלכע אינסטאַנצן, וואָס זיינען אויטאָ־ריזירט דורכצופירן גאָט'ס באַפעלן און פאַרלאַנגען.

אין תנ"ך געפינען מיר גרויזאַמע, מורא'דיקע בלוט פאַרגיסונגען, אויך ביי יידן, ווי למשל, די שאַנדטאַט פון גבעה, באַקאַנט אלס די מעשה פון „פלגש בגבעה", ווען אין דער יידישער שטאָט גבעה אין נחלת בנימין, איז פאָרגעקומען אַ סדום שאַנדטאַט. דאָס יידישע גערעכטיקייט געפיל האָט דאַן געהאַנדלט לויט'ן כלל: „דאָס שלעכטע מוז אויסגעראָטן ווערן!" עס איז דאַן פאָרגעקומען די מורא'דיקע

מאַראַליש דערהויבנדיקע שחיטה איבער דעם שבט בנימין. די פאַרניכטונג פון שבט בנימין האָט געהאַט אַן עטיש מאָראַלישן הינטערגרונט, ווייל איטלעכער וואָס האָט געזען די צעשניטענע צום טויט פאַרפייניקטע קעפּס־ווייב, האָט געזאָגט: „אַזוינס איז נישט געשען און ניט געזען געוואָרן פון דעם טאָג, וואָס די קינדער פון ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים ביז דעם היינטיקן טאָג". דאָס איז אַ לשון פון אַ העכסט מאָראַליש גייסטיק אַנטוויקלט פאָלק.

ווען די קינדער פון בנימין האָבן ניט געוואָלט צוהערן זיך צו דעם קול פון זייערע ברידער, די קינדער פון ישראל, און **געשיצט דאָס בייז** — דאַן, נאָר דאַן איז געקומען דער אורטייל זיי אויסצוראָמען. די בלוט־פאַרגיסונג פון פּלגש בגבעה איז געבליבן פון איין זייט דער שאַנד־סימבאָל און פון דער אַנדערער זייט די שטאַרקע עטישע קראַפט פונ׳ם עם הנבחר. אויפ׳ן באָדן פון פאַרניכטענדן גבעה, זיינען אויסגעוואַקסן די נביאים, וועלכע האָבן מיט הייליקן פּאַטאָס גערעדט וועגן סאָציאַלן יושר, מאָראַלישע דערלייטערונג.

ניט מיט שרעק פון גיהנום האָבן די נביאים געוואָלט דערציען דעם עם ישראל צו די געטלעכע פּרינציפּן. משה רבנו שטעלט אַוועק דאָס פּראָבלעם פון קיום המצות פאַר דער בחירה פונ׳ם מענטשן: „ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב, את המות ואת הרע — ובחרת בחיים"[28].

דער נביא רעדט פון דערפאַרונג, פון דער פּראַקטיק, פון דער לאָגיק — און איבער אים האָט געשיינט דער „אור ד׳", דורך אים איז געקומען צום אויסדרוק גאָט׳ס וואָרט, וואָס שטייגט איבער דער פילאָזאָפישער דיאַלעקטיק, איבער די סאָפיסטישע אַרגומענטן און חקירות, איבער די אוטאָפּיסטישע חלומות־עקספּע־רימענטן — זיי ווייזן דעם גלייכן, פּראַקטישן וועג פון גערעכטיקייט פאַר אַלע שוואַכע און באַ׳עוולה׳טע — אַ וועג וואָס געפינט זיך ניט „מעבר לים . . . כי קרוב הדבר!"

די תורה איז ניט געגעבן געוואָרן צו מלאכים אין הימל, זי איז — אַ „תורת חיים", וואָס רעגולירט דאָס סאָציאַלע לעבן, אויפ׳ן באַזיס פון „וחי אחיך עמך", דיין ברודער זאָל לעבן מיט דיר . . . דאָס איז די אויפגאַבע פונ׳ם יחיד ווי פונ׳ם קאָלעקטיוו, די אויפגאַבע פון יעדן ייד־מענטש מקיים צו זיין די מצוות „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם!"

די תורה, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, גיט זיך אָפּ מיט דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. זי זוכט צו דערהויבן דעם פּירער, ער זאָל מיט זיך פאָרשטעלן א מוסטער פון גוטסקייט און ערלעכקייט און ניט בלויז דעם פּירער; יעדן יחיד,

ג. שעפערישע פרייהייט. — מענטשלעכע פּערזענ־לעכקייט. — עם סגולה. — קדושה ביחידות און צבור־דיק. — יחיד און כלל.

זוכט די תורה מאָראַליש צו דערהויבן און גרויס מאַכן. די נביאים, די נאָכפאָלגער פון תורת משה, ווייסנדיק, אז דעם מענטשנס יצר איז שלעכט פון געבורט[1], האָבן געווידמעט זייער לעבן און כח, אויף ארויסצוהויבן דעם מענטשן און דורך אים האָבן זיי געהאָפט די ליכטיקע האָפענונג, צו שאַפן א נייע מענטשהייט, אונטער נייע הימלען אויף א נייער ערד, „שמים חדשים וארץ חדשה"[2]. די רעאַליזירונג פון דער גרויסער אחרית־הימימ׳דיקער וויזיע — שעפע־רישע פרייהייט פון אינדיווידואום און פרייהייט פון קאָלעקטיוו־נאַציע.

ניט קיין אוטאָפּיעס האָבן די נביאים געשאַפן. ניט מיט חלומות האָבן זיי זיך ארומגעטראָגן. זייער אידעאַליזם האָבן זיי ארויסגעבראַכט דורך פּראַקטישע, קאָנקרעטע מיטלען, ווי צו מאַכן דעם מענטש פאַר אן עטישער פּערזענלעכקייט, פאַר אן אײנהייטלעכער הארמאָנישער פּערזענלעכקייט, אויסוואָרצלענדיק פון אים דאָס דואַלע, דאָס סתירות׳דיקע — די אלע שלעכטע אײגנשאַפטן: ביאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע אָדער פּאַטאָלאָגישע, דעם עגאָאיזם, די שלעכטע טענדענצן א.א.וו.

די תורה זוכט צו אַנטוויקלען דעם מענטשן צו דער מדרגה פון „איש אמונות", וועמען מען פּאַרזיכערט „רב ברכות"[3], ארויסצוהויבן דעם טיפּ „איש אמת וירא אלקים", וועלכער וועט זוכן צו מאַכן די וועלט א ליכטיקע, א יושר׳דיקע. דער דאָזיקער מענטש, וועט ניט פאַראַכטן חיי עולם הזה און זוכן שלווה׳דיקייט אינם קבר[4], ווייל די וועלט איז פול מיט שקר און באַטרוג, ווי איוב זעט עס אין פּעסימיסטיש־פּאַטאַליסטישן מאָמענט[5]; ער וועט זוכן דאָ, אויף דער וועלט, דאָס גוטע, האָבנדיק דעם בטחון אינם מענטש און אין דער געזעלשאַפט.

תורת משה איז די תורה פונם מענטש. זי נעמט ארום אלע מענטשלעכע פּראָבלעמען, יורידישע, שטאַטלעכע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע און לייזט זיי, אי אויפן נאַציאָנאַל־יחידישן און אי אויפן אוניווערסאַלן מאַסשטאַב.

די תורה, איז פאַראינטערעסירט אינם מענטש, אינם מענטשלעכן גייסט, אין מענטשנ׳ס פרייהייט, וואָס איז באַזירט אויף בחירה חפשית, אָבער וואָס פירט אים צום „ובחרת בחיים", ווי די חז"ל קאָמענטירן: „זו מצות עשה"!

אין זיין מאמר, „בחירה און בכורה"[6] שרייבט חיים גרינבערג צוו"א:

„הינטער אַלע סופּעריאָריטעט־געפילן, וואָס יידן האָבן אין זיך קולטיווירט, איז פונדעסטוועגן אפילו דעם סאמע שאָוויניסטישן יידן ניט געווען פרעמד יענער אוניווערסאַליסטישער בליק, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק ביי ר׳ מאיר׳ן[7]: „אדם הראשון מכל העולם הוצבר עפרו" — דער שטויב פון וועלכן דער רבונו

של עולם האָט אויסגעפורעמט דעם ערשטן מענטש איז גענומען געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. דער פאַקט, אַז גאָט האָט באַשאַפן בלויז איין מענטשן, פון וועלכן אַלע מענטשלעכע ברואים, עד סוף כל הדורות, זאָלן אַרויסקומען, איז ניט צופעליק אויסגעטייטשט געוואָרן ביי יידן אַלס אַן אָנווייז אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכווערטיקייט פון יעדן איינצעלנעם מענטשלעכן אינדיווידיואום: „לפיכך כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם” . . . דערפאַר איז יעדער איינצעלנער פאַרפליכטעט צו זאָגן: „די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון מיינעטוועגן”.

חיים גרינבערג זאָגט ווייטער:

אויב אַריסטאָטעל׳ס ראַסן־טעאָריע האָט אין גריכנלאַנד אַרויסגערופן קעגנערשאַפט הויפּטזעכלעך מצד סאָפיסטן, מצד די וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס אינטעלעקטועלע הפקר־מענטשן, איז זי ביי יידן אומדירעקט . . . קרעפטיק אָפּגעלייקנט געוואָרן מצד די גרעסטע אויטאָריטעטן פון פאָלק — דורך יענעם אַנאָנימען קאָלעקטיוו, וואָס טראָגט אין תלמוד דעם נאָמען „חכמים”. „שנו חכמים: אדם יחידי נברא. ומפני מה? מפני הצדיקים ומפני הרשעים, שלא יהיו הצדיקים אומרים: אנו בני צדק ורשעים אומרים: אנו בני רשע. דבר אחר: מפני המשפחות, שלא יהיו המשפחות מתגרות זו בזו; ומה עכשיו שנברא יחידי — מתגרות, אם נבראו שנים על אחת כמה וכמה”[8]. די חכמים האָבן געלערנט: דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אַן איינציקער. פאַרוואָס? מחמת די צדיקים און מחמת די רשעים, אַז די צדיקים זאָלן ניט זאָגן: מיר שטאַמען פון אַ צדיק און די רשעים זאָלן ניט זאָגן: מיר שטאַמען פון אַ רשע. אַן אַנדער דערקלערונג: מחמת די משפחות, אַז די משפחות זאָלן נישט שטרייטן איינע מיט די אַנדערע. מה־דאָך איצטער (ווען מען ווייסט), אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אַן איינציקער — שטרייטן זיי איינע מיט די אַנדערע, ווען עס וואָלטן (לכתחילה) באַשאַפן געוואָרן צוויי מענטשן, וואָלטן זיי דאָך אוודאי געשטרייטן צווישן זיך . . .”

יידן זיינען געוואָרן דער עם הנבחר, ניט סתם פון שאָוויניסטישן שטאַנדפונקט, נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן גענומען אויף זיך די ספּעציעלע פליכטן אַלס תורה־פאָלק. ווען יידן דערפילן זייערע עטישע און סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, דאַן און נאָר דאַן, ווערן זיי די שאור שבעיסה, ווערן זיי דאָס בעסטע און שענסטע, ווערן זיי די אויף וועלכע די וועלט שטייט, דאַן ווערן זיי געגליכן צו „חול”, צו זאַמד און די פעלקער צו קאַלך, „והיו העמים משרפות סיד” . . .[9]
אויב מ׳לייגט ניט אריין קיין זאַמד אינם קאַלך, האַלט ער זיך ניט; אַזוי קענען די פעלקער ניט עקזיסטירן אָן יידן: ווען ניט יוסף, וואָלט מצרים אויסגעגאַנגען פון הונגער און ווען ניט דניאל, וואָלטן די קלוגע פון בבל פאַרלוירן געוועזן.[10]

עס זענען די אַליץ־אַרומנעמענדיקע „ברייט־פאַרצווייגטע רעגולאַציעס און סימבאָלן, וואָס באַהערשן דאָס קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע לעבן, וואָס האָבן צוזאַמענגעוועבט ביידע דערמאָנטע אַספּעקטן (פאָלקישע שותפות און אַלגעמיין

מענטשלעכע מאָראַל — נ. ש.) אויף אַזאַ אינטימען אופן, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מין בלוט־פאַרבינדונג צווישן זיי . . .[11]

דערפאַר טאַקע, ווייל די יידישע רעליגיע איז געקומען אלס רעזולטאַט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָט זי געקענט וואַקסן אין נאַציאָנאַלע גרענעצן און זיך אַזוי ענג צוזאַמענגיסן מיטן סענטימענטאַלן כאַראַקטער, מיט די משפחה־געפילן פון פאָלק.[12]

דער עיקר פון יידישקייט איז ביי די נביאים באַשטאַנען אין די מאָראַלע באַציאונגען אין לעבן, די קאָנקרעטע געבאָטן, די פּראַקטישע מצוות, וועלכע זיינען באַטראַכט געוואָרן אלס מיטל צום ציל,[13] אָבער וועגן דעם באַזונדער.

די נביאים באַמיען זיך צו שאַפן אַ סאָציאַל בעסערן מענטש, און במילא שאַפן די עטישע געזעלשאַפט. ווען דער „בחיר היצירה" ווערט געלייטערט, „גלייכשטאַלטיק, אין בעסערן זין פון וואָרט", ווערן במילא פאַרמיטן די פאַרשיידענע סאָציאַל־פּאָליטישע אָדער פּסיכישע קאָנפליקטן, עס וואַקסט אויס אַ נייער מענטש — אַן עטישע געמיינשאַפט, וואָס נעמט אריין אַלע קלאַסן און שטאַנדן. דאָס איז געווען די לערע פון די נביאים, די נאָכפאָלגער פון תורת משה און די לערע פון די תנאים און אמוראים, די אויסטייטשער פון תנ"ך. דאָס איז אויך געווען די פילאָזאָפיע פון רמב"ם, ר' יהודה הלוי און אנדערע אין מיטל־אלטער; דאָס זיינען אייגנטלעך די גרונט־פּרינציפּן פון חסידיזם — די באַוועגונג וואָס האָט געפונען איר קלאַסישן אויסדרוק דורכ'ן בעש"ט און דאָס איז אויך געווען די קאָנצעפּציע פון דער מוסר באַוועגונג, וועלכע האָט געפונען איר שענסטן אויסדרוק אין דער צווייטער העלפט פון נייצנטן יאָרהונדערט אין דער פּערזאָן פון ר' ישראל סאַלאַנטער (תק"ע—תרמ"ג; 1810-1883).

די לעצטע צוויי באַוועגונגען האָבן בעיקר געזוכט איינצופלאַנצן אינ'ם מענטש די מאָס עטיק און זעלבסט־קריטיק: אַ סינטעזע פון ערלעכקייט, גוטקייט און גע־רעכטיקייט — אַן אידעאַליזם, וואָס זאָל זיך אויסדריקן ניט בלויז אין דער ספערע פון פרומקייט, אין דער „מצוות שבין אדם למקום", אין דער אמונה פון ריין אינדיווידועלן כאַראַקטער, אין מעדיטאַציע ביחידות . . . נייערט אין אידעאַליזם פון מענטשן־ליבע, וואָס זוכט צו פאַרבעסערן די געזעלשאַפט אלס קאָלעקטיוו פון יחידים; איר צו פאַרבעסערן דורך דריי מענטשלעכע אהבות: אהבת חסד, אהבת צדק און אהבת ישראל. די סוגיא פון „בצדק תשפוט עמיתך" (מיט גערעכטיקייט זאָלסטו משפטן דיין חבר),[14] איז געוואָרן פון די סאַמע וויכ־טיקסטע.

דרך ארץ פאַרן מענטשן, כבוד צום חבר — דאָס איז אַ פליכט, אָבער ניט קיין מענטש־קולט, ווי ס'ווערט אויסגעדריקט אין מסכת דרך ארץ[15] „לעולם יהיו כל בני אדם בעיניך כלסטים והוי מכבדן כרבן גמליאל".

די שטרעבונג צו משיח'ס קומען, האָט געמיינט, די שטרעבונג צו א קדושה'דיק לעבן, ווי עס ווערט געזאָגט אין ירושלמי[16], אז אין דער צוקונפט־וועלט, וועט בטל ווערן דער יצר הרע און יעדער וועט במילא זיין א קדוש, „כל הנשאר בציון . . . קדוש יאמר לו".

די קדושה — זאָגן אונז די חז"ל — וועט באשטיין אין דעם, וואָס דאָס גוטע וועט גובר זיין דאָס שלעכטע און דער עיקר: ס'וועט אָפּגעשוואכט ווערן דער געלט־יצר אין זיין היינטיקער פאָרם, וואָס פירט צו דעם „וכסף וזהב ירבה לך — ורם לבבך ושכחת את ד'". דער חשק פון מענטש וועט דאן זיין בלויז צו האָבן דאָס צו וואָס אונזער אור־פאָטער יעקב אבינו האָט געשטרעבט און עס דעפינירט אין זיין פארלאנג: „לחם לאכול ובגד ללבוש"[18]. דעם מענטשנס באוואוסטזיין און שכל, וועט זיין פארטאָן אין די העכערע ספערן פון אידעאליזם און געטלעכער הכרה . . .

און צום סוף: קדושה קאָן זיין ביחיד, טאקע אינדיווידועל; דאָך זעט מען, לויט הלכה, אז קדושה האָט געדארפט זיין בצבור: מיט א „מנין" פון צען קאָן מען זאָגן קדיש און מיט זיבן „שבעה שאכלו", קאָן מען בענטשן בשם ומלכות און מיט דריי — מזומן! . . . קדושה איז אזוי גרויס, אז דער מענטש וואָס איז זיך מתדבק אין דער געטלעכער הייליקייט, זיינען אפילו זיינע גשמיותדיקע מעשים לויטער קדושה[19].

אומצייליקע מאָל וואָרנט די תורה וועגן קדושה, פארלאנגענדיק צו זיין הייליק, ניט צו עסן טרפות[20], ווייל גאָט איז הייליק, דעריבער דארף זיין פאָלק זיין הייליק[21]. און ווען דאָס פאָלק איז הייליק, איז עס אזויווי זיי וואָלטן געהייליקט גאָט[22] און עס איז דאָ א מיינונג, אז דער „והתקדשתם", איר זאָלט זיין הייליק! איז אריינגערעכנט אין די תרי"ג מצוות[23].

ווי אזוי קאָן דער מענטשן אריין אינם טויער פון קדושה?

ער קאָן אריין דורך פרישה פון געמיינהייטן און זיך קאָנטראָלירן אפילו אין די תאוות, וואָס זיינען דערלויבט, ווי עס ווערט אויסגעברייטערט אָט דער געדאנק אין תלמוד, מפרשים און קבלה־ספרים[24].

די תורה רעדט ניט סתם אזוי פון הימלישע הויכקייטן, איבערלאָזנדיק די ערד פריי דעם מענטשן צו טאָן ווי זיינע חיה'שע אינסטינקטן דיקטירן אים. די תורה וויל זען דעם מענטשן אויף דער ערד א געליטערטן, א דערהויבענעם . . .

ד. מענטש און שפּראַך. — לשון. — דירעקט פון גאָט. — געוואַקסן און אַנט־וויקלט מיט דער אַנטוויק־לונג פונם מענטשן־קינד. — שפּראַך און שריפט דורך עוואָלוציע.

דעם גאַנצן נאַטור־רייך — דאָס מיינט צו זאָגן — דעם גאַנצן קאָסמאָס פון דער וועלט, טיילט מען אין דער אַלטערטימלעכער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט אין פיר חלקים: א. דומם (דער שטילשווייגנדיקער) ערד, פלאַנעטן, מינעראַלן א.ד.ג.; ב. צומח (פלאַנצונגען, באָטאַני); ג. חי (לעבעדיקס, אָרגאַניש) און ד. מדבר. די וויסנשאַפט האָט עס איינגעטיילט אין צוויי גרויסע חלקים: אין דעם אומאָרגאַנישן און אָרגאַנישן. דער ערשטער נעמט ארום אַלע ניט־לעבעדיקע זאַכן, ווי שטיינער, פלאַ־נעטן — ער נעמט ארום די גאַנצע פיזישע וועלט פון ניט־לעבעדיקע שטאָפן. און דער צווייטער — די לעבעדיקע אָרגאַניזמען, אָנהויבנדיק מיט די נידעריקסטע פלאַנצן און ענדיקנדיק מיט די העכסטע און גרעסטע חיות. צו אָט־די צוויי טיילן האָט הערבערט ספּענסער צוגעגעבן נאָך א דריטע, די סופּער־אָרגאַנישע — דאָס צוזאַמענקומען פון א סך אָרגאַניזמען, די „סאָציאַל־פּאַראַייניק־טע מענטשהייט". ער האָט אָפּגעזונדערט דעם מענטש פון דער חיה. ה. ספּענסער, (1820־1903) ווי אַן אָנהענגער פון דאַרוויניזם, האַלט, אַז די אָפּשטאַמונג פון דעם מענטשן איז פון דער חיה. אויך ער, זעט די גרויסע קערפּערלעכע ענלעכקייט צווישן מענטשן און די העכערע מינים חיות. ער זעט אָבער דאָס העכערקייט און אַנדערשקייט פון דעם מענטשן. די אַנטוויקלונג פון מענטש און זיין גייסטיקע דערהויבנקייט, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער חיה.

צווישן דעם גרויסן שטח, וואָס טיילט די מענטשלעכע דערגרייכונגען פון די חיות און פון אַלע אַנדערע לעבעדיקע, איז שפּראַך, איינס פון זיי. חיות באַזיצן אויך שפּראַך. פויגלען, א.א. גיבן ארויס באַשטימטע קלאַנגען, וואָס דריקן אויס זייערע געפילן. און די דאָזיקע קלאַנגען ווערן פאַרשטאַנען פון זייערע פריינט פון זייער מין. שלמה המלך, דער קליגסטער פון מענטשן, ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס קענער פון בהמות און פויגלען־לשונות — „וידבר על הבהמה ועל העוף". זייערע קולות און מרוטשען זיינען אָבער ניט מער ווי אַן אויפרוף צו מאַכן א באַשטימטע באַוועגונג, ווי דער קנאַל פון דער בייטש וואָס מאַכט דער־שרעקן און באַוועגן. די שפּראַך, אינם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, מיינט: — מענטשלעכע שפּראַך, וואָס איז א מיטל צום פאַרשטענדיקן זיך און דיאַלאָגיזירן, אויסצודריקן געפילן און איבערצוגעבן געדאַנקען.

די שפּראַך — לערנען אונז די חז"ל און אַלע טעאָלאָגן — איז געקומען דירעקט פון גאָט צום מענטש; דער מענטש איז באַלד באַשאַפן געוואָרן מיט דער שפּראַך. „ויהי האדם לנפש חיה"[1] — טייטשט דער תרגום „לרוח ממללא" — צו א גייסט פון ריידן. זיין שפּראַך־קראַפט — לערנען די יידישע פילאָזאָפן — האָט ער באַקומען גלייך מיט זיין שכל און געדאַנק. און אַזוי האָבן געגלויבט אַלע, וואָס

האָבן אָנגענומען די „בראשית״־געשיכטע און אנערקענט די ביבלישע הנחה, אז דער מענטש איז באשאפן געוואָרן פון אומאָרגאנישער מאטעריע. אינם לעצטן יאָר־הונדערט, אין דער תקופה פון וויסנשאפטלעכן רענעסאנס, שטיצט זיך א צאָל וויסנשאפטלער אויף דער דארוויניסטישער טעאָריע, אז דער מענטש קומט ארויס פון אן אנדערער אָרגאנישער מאטעריע. דארווין אָנהענגער האָבן אויך געענדערט די מיינונג וועגן שפראכן־אנטשטייאונג. לאַיד מאָרגאן האָט אָנגענומען די דאָזיקע רעוועלאציע, אז דעם ערשטן טריט צו דער שפּראך האָבן געמאכט די נידעריקע מינים; פון די קלאנגען וואָס חיות גיבן ארויס, כדי זיך צו פארבינדן צווישן זיך, איז ביסלעכוויז דערגרייכט געוואָרן צו דער שטופע פון פאָרם־רעפלעקס.

שפּראך איז געוואקסן און זיך אנטוויקלט ווי עס אנטוויקלט זיך די שפּראך ביי מענטשן־קינדער. פריער גיט דאָס קינד ארויס בלויז געפילן, אָפּקלאנגען, ביז עס פארשטייט זיך אויף א מיינונג, פאנגט אָן צו רעדן. פאקטן צו באשטעטיקן די טעאָריעס וועגן שפּראך־אנטוויקלונג זיינען דערווייל נאָך נישט ארויסגע־בראכט געוואָרן. וואָס מען ווייסט איז, אז שפּראך האָט פּראָגרעסירט אין א גרויסן וואָקאבולאריום, צוזאמען מיט מוזיק, וויסנשאפט, לויט די נאטירלעכע באדערפענישן. ביי די פרימיטיווע פעלקער איז די שפּראך געשאפן גע־וואָרן אין א פרימיטיווער און אידילישער פאָרם; שפּעטער, מיט דער אנטוויקלונג פון פילאָזאָפיע, טעכניק, וויסנשאפט, קולטור — האָט זיך אַנט־וויקלט די שפּראך מיט א פארגרעסערונג פון ווערטער, מיט אלאגיזמען, אין וועלכע מען האָט זיך גענויטיקט.

די וויסנשאפט דערקלערט די אייביקע קשיא וועגן די נאציאָנאלע שפּראכן און דיפערענציאציעס פון דיאלעקטן, ווארום איין שפּראך איז מער ראָמאנטיש, מער פּאָעטיש, ווי א צווייטע. די וויסנשאפט דערקלערט עס מיט דער קלימאט־ווירקונג, די מענטשן וואָס וואוינען אין ווארעמע, ליכטיקע פרייזלעכע לענדער און באשאָנקען מיט א רייכער נאטור, ריידן א ווייכע, זיסע שפּראך, און די וואָס וואוינען אין די אָרעמע לענדער אין די קאלטע געגנטן, וואו עס ליגט שטענדיק די הארבסט מאָטיוון, ריידן זיי א בייזלעכע, הארטע און שטרענגע שפּראך. מענטשן, וואָס וואוינען אויף די בערג, ריידן אנדערש ווי מענטשן וואָס וואוינען אויף פלאכער ערד, א.א.וו. עס איז א גרויסער אונטערשייד פון גריכיש (האָמער׳ס, פּלאַטאָ׳ס און אַריסטאָטעל׳ס שפּראך) צו לאטייניש. די איטאליענישע שפּראך פון דאנטע׳ן, וואָס איז איינגעהילט אין א ראָמאנטישער און פאנטאסטישער בילד־לעכקייט איז אודאי אַנדערש.

אין תלמוד געפינען מיר אן איינטיילונג פון שפּראכן, ר׳ יונתן פון בית גוברין זאָגט: „פיר שפּראכן זיינען פאסיק, אז די וועלט זאָל זיי דארפן און די דאָזיקע זיינען: גריכיש (לעז) פאר געזאנג, רוימיש, פאר מלחמה; פערסיש, פאר קלאָג־לידער; העברייאיש (עברית) צו ריידן[2].

דאָס ריידן ביים מענטשן איז פריער אַנטוויקלט געוואָרן איידער דאָס שרייבן. שריפט איז אַנטשטאַנען מיט אַ סך יאָרן שפּעטער; געוויסע פּעריאָדן זיינען אדורך, ווען די מענטשהייט האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט שרייבן און לייענען. די וויסנשאַפט אויפפאַסונג איז אויך דאָ מחולק מיט דער רעליגיעזער. פון דעם רעליגיעזן שטאַנדפונקט, איז די שריפט געקומען דירעקט פון גאָט. לשון הקודש—עברית איז געווען די ערשטע שפּראַך, וואָס מען האָט גענוצט אין געשריפט . . . די עגיפּטער האָבן געגלויבט, אַז שרייבן איז אַנטדעקט געוואָרן דורך זייער גאָט. די וויסנשאַפט אָבער דערקלערט עס אַלס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער עוואָלוציע. אַז אַזוי גוט ווי דער מענטש האָט שוין געקענט ריידן, האָט מען ביסלעכווייז אַנטוויקלט דאָס שרייבן, וואָס איז זייער נוצלעך געווען פאַר דער סאָציאַלער מענטשהייט . . . פאַר אַ סך יאָרן האָט מען געדענקט, אַז די אָראַטאָרישע קראַפט, דאָס „מגידות" פאַר די מאַסן, איז געווען די הויפּט־מענטשלעכע אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. די מויל־קראַפט האָט שטענדיק אויסגענומען „מות וחיים ביד לשון". טויט און לעבן — האָט מען געזאָגט — איז אָפּהענגיק אין דער צונג. קונסט האָט מען געמיינט איז נאָר אין שפּראַך, אין פאָרם פון ריידן. ווען קונסט איז געוואָרן מער אַנטוויקלט, פאַרנעמט שרייבן דעם ערשטן פּלאַץ. דער שרייבער, דער ליטעראַט אָדער פּובליציסט, צי גאָר דער וויסנשאַפטסמאַן, קען באַווייזן מערער קונסט ווי דער רעדנער. ער קען זיין מער פאָרזיכטיק פאַר זיינע ווערק און מאַנוסקריפּטן, ווען ער ארבעט שטיל אין זיין היים, ווי דער רעדנער אָדער לעקטאָר.

מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די וועלט וואָלט אויסגעזען אָן דעם שרייבן; ווי הינטערשטעליק מען וואָלט געווען אָן שריפטלעכער קאָמוניקאַציע, אָן ביכער, אָן ליטעראַטור. דאָס וואָלט געמיינט, ניט האָבן קיין שום רעקאָרד פון מענטשלעכן לעבן. די פּען — מעג מען געווים זאָגן — אַז זי איז שטאַרקער ווי די שווערד; דורך איר איז געשאַפן געוואָרן אַלע חכמות פון דער וועלט. די האַנט און די שפּראַך — אין די צוויי איז פאַרבונדן דער גאַנצער הומאַניזם. דורך שריפט קען מען פאָרשן די אַלטע שפּראַכן און אוראַלטע קולטור . . . שפּראַך — זאָגט מאַקס קולער — „איז די אויטאָביאָגראַפיע פון'ם מענטשלעכן געדאַנק".

לינגוויסטיק איז דעריבער דער שטאַרקסטער צווייג פון אַנטראָפּאָלאָגיע, אַ „סאָציאַלע ירושה", דורך וועלכער די דערגרייכונגען פון איין דור ווערן איבערגעגעבן צו דעם צווייטן, סיי דורך אַ מינדלעכער טראַדיציע, סיי מיט דער הילף פון געדרוקטער ליטעראַטור . . .

ליטעראַטור פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ אין דער קונסט פון דער מענטשהייט; שפּראַך, אין ברייטערן זין פון וואָרט, וואָס נעמט אַרום ריידן און שרייבן, איז די קונסט פון מענטשן צו שילדערן זיין קערפּער־לעבן און גייסטיקן אויסזען;

דאָס וואָרט, דורך מויל און שריפט[3] דרינגט אַריין אין דער טיפקייט פון מענטשלעכן האַרץ — וויברירט אין זיין נשמה.

ה. זאָרג פונם היינטיקן מענטשן. — מורא פאַר דער מאַשין. — זאָרג פאַרן „מה נאכל". — אַ פּלאַנלאָזעווירטשאַפט.

די גאַנצע מענטשהייט, די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, שרעקט זיך פאַר דער פאָרגעשריטנקייט אין דער טעכניק. אַלע ציטערן פאַר די נייע מאַשינען. די שטימונג קעגן מאַשינעריי איז אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט געפונען אָנהענגער ניט נאָר צווישן די אומגעבילדעטע און אומבאַוואוסטזיניקע מענטשן, נאָר אַפילו צווישן גאָר אָנגעזעענע עקאָנאָמיסטן און פובליציסטן — יעדנפאַלס אַ גרויסער טייל פון זיי — איז געווען צווישן אָנהענגער פון דער אַנטי־טעכניק באַוועגונג; גאַנץ קלוגע מענטשן האַלטן זיך נאָך היינט ביי דער מיינונג, אַז מען וואָלט געדאַרפט צוריקהאַלטן, ווייזן אַ רעגרעס אין די טעכנישע פאָרשונגען און זיך ווייניקער באַנוצן מיט די ניי־אויפגעקומענע מאַשינען.

די מערקווירדיקייט באַשטייט אויך אין דעם, וואָס מען שרעקט זיך גיכער פאַר די מאַשינען וואָס ווערן געשאַפן צו פאַרלייכטערן דעם מענטשן אין זיין אַרבעט, איידער פאַר יענע דערפינדונגען אין דער פיזישער וויסנשאַפט, וואָס טראַכטן אויס אַלץ מער נייע און נייע צעשטערונגס־מאַשינען, וואָס זאָלן וואָס שנעלער פאַרדאַרבן, דערשטיקן מיליאָנען מענטשן.

דער מענטש שרעקט זיך גאָר ניט אַזויפיל פאַרן טויט ווי פאַר דעם לעבן. ער קלערט תמיד פאַר דעם „מה נאכל". די דערנערונג איז די הויפט זאַך ביי דעם „מענטש" און פאַר דעם זאָרגט ער זיך. עס איז אים ליבער דער טויט ווי דער הונגער . . .

מ'האָט מורא, אַז מיליאָנען מענטשן וועלן הונגערן און ליידן פון אַרבעטסלאָזיקייט. ווער וועט זיין שולדיק אין דעם? די מאַשין! זי האָט צוגענומען זייער באַשעפטיקונג.

און אין פלוג זיינען זיי גערעכט, ווייל לאָמיר זיך פשוט פאָרשטעלן און נעמען אין אַנבאַטראַכט, אַז אָט מיט דעם, וואָס מען טראַכט אויס אַ נייע מאַשין, צו וועלכער צווייג פון דער אינדוסטריע עס זאָל נישט זיין, און מיט דער מאַשין וועט קענען איין אַרבעטער אויפטאָן אַזוי פיל ווי פריער למשל צוואַנציק אַרבעטער. הייסט דאָך, אַז די מאַשין האָט אַוועקגענומען די אַרבעט פון 19 מענטשן . . .

מיט דער גרויסער אינדוסטריעלער איבערקערעניש ביים סוף פון פריערדיקן יאָרהונדערט, מיט דער אַנטוויקלונג פון מאַשין־פּראָדוקציע האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך זאַכן צו ענדערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די זייער שנעלע אויספאָרמירונג פון אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזערוו. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצוכאַפּן אין פאַר־

שיידענע פאכן פרויען און אונטערגעוואקסענע קינדער. און דאָס האָט אפילו געבראכט צו סטיכישע אויפשטאנדן פון ארבעטער, וואָס פלעגן ברעכן מאשינען.

ס'האָט זיך אויך אָנגעהויבן באדייטנדיקער ארויסוויזן דאָס גרויסע רייכטום ביים אַרבעטסגעבער. עקאָנאָמיסטן האָבן איינגעזען די ביטערע פארשאַרפטקייט, וואָס דאָס שאַפט און די געפאַרן, וואָס אזא מצב שטעלט מיט זיך פאָר.

צום ווארשיינלעכסטן האָט עס זיך ארויסגעוויזן אין דעם איצטיקן יאָר־הונדערט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיליאָנען ארבעטער זיינען ארויס־געוואָרפן געוואָרן אויפן גאַס, ניט געהאַט די מעגלעכקייט עפּעס צו פאַרדינען.

דאָס אָרעמקייט האָט אָנגענומען אזא שטאַרקן כאַראַקטער, אז דאָס האָט אויפגערודערט און אויפגעטרייסלט די קאפּיטאַליסטישע ליבעראַלע קרייזן און עס האָט געבראַכט דערצו, אז אויך זיי זאָלן זיך נעמען ערנסט באַטראַכטן אָט די פראַגע.

פאַרשיידענע טעאָריעס זיינען דורך דער צייט געשאַפן געוואָרן וועגן די קריזיסן, וואָס די וועלט האָט דורכגעמאַכט; און פאַרשיידענע מיינונגען זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן איבער די סיבות פון די קריזיסן.

דער ערשטער אַלגעמיינער קריזיס איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1825־1826; נאָכדעם האָט די וועלט אַדורכגעמאַכט קריזיסן אין 47־טן און אין 57־טן יאָר. נאָכדעם דער וועלט־קריזיס אין יאָר 1873, וואָס לויט זיין קראַפט און דויער האָט ער איבערגעשטיגן אַלע פריערדיקע קריזיסן מיט דעם פאַרשפּרייטן זיך פון לאַנד צו לאַנד. ער האָט זיך געצויגן גאַנצע פינף יאָר, אַזש ביז'ן יאָר 1878.

טיילווייזע קריזיסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אַלגעמיינע קריזיסן מיט דעם אליין, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט אזא גרויסן פאַרנעם. זיי האָבן ניט פאַרכאַפּט מער ווי באַזונדערע לענדער און טיילמאָל נאָר צווייגן פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט — ווייל די אָפּשטאַמונג גופא פון די קריזיסן איז ניט געקומען פון טענדענץ צו איבערפּראָדוקציע. די סיבות פון אָט די טיילווייזע קריזיסן זיינען נאָר געקומען פון די מער באַקאַנטע קוואַלן, ווי מלחמות, רעוואָלוציעס, ניט־גערעטענישן א.ד.גל.

די פּלאַנלאָזע ווירטשאַפט אין דער פּראָדוקציע, דאָס ניט קאָנטראָלירטקייט אין אייגנטום און פּראָפיט־פאַרמעסט, וואָס ווערט געפירט פון די פּריוואַט־אייגנטימער האָט אויך גורם געווען וועלט־קריזיסן.

די סטיכישע קראַפט פון קאָנקורענץ האָט ארויסגערופן די שטרעבונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אויסצוברייטערן זיך אָן אַ שיעור. די שנעלע אויסברייטערונג האָט געבראַכט אַן „איבער־פּראָדוקציע", וואָס האָט פאַראורזאַכט די אינדוסטריעלע קריזיסן: אַ שאַרפע פאַלונג פון פּרייזן, אַ מאַנגל אין געלט, מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט.

אין געוויסע ליבעראַלע קרייזן, האָט מען דעריבער אָנגעהויבן פּראָפּאַגאַנדירן דעם צוריקקער צום פריערדיקן סטאַנדאַרד פון לעבן, מ'זאָל מבטל מאַכן די טעכניק און צייטווייליק אָפּשטעלן דעם פּראָגרעס, מאַכן א שטיקל אָפּרו אינם פאַרשריט.

זיי זיינען געוואָרן קעגנער פון דער אַזוי גערופענער „מאַסן־פּראָדוקציע". אפילו וויליאם מעקדוגעל, דער אנערקענטער עקאָנאָמיסט ביי די עקסטרעמע אָנ־הענגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, אפילו ער, האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן דער מאַסן־פּראָדוקציע, וואָס „פּראָדוצירט א טעכנישע ארבעטסלאָזיקייט".

פונוואַנען נעמט זיך דער איבל? פאַרוואָס זאָל פּראָגרעס גאָר זיין א קללה?

די איבל קומט פון מענטש. אויף אים פאַלט די שולד.

דער מענטש האָט ניט געוואָלט זיך באַנוגענען מיט דעם וואָס ער האָט דערגרייכט; ער האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט זיין פאַרמעג. ער האָט זיך ניט באַפרידיקט און במילא געזוכט מער און מער צו שטילן דעם מיסטישן געיעג נאָך מער און מער און זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר טאָן מעשים, וואָס האָבן געפירט צו אַזא געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג פון אומגערעכטיקייט און אומיושרדיקייט.

פריער האָט געהערשט די עפּאָכע פון פעאָדאַליזם און לייב־אייגנטום, די פעאָדאַלן פלעגן אָנזאַמלען גרויסע עשירות פון דער עקספּלואַטאַציע פון געצוואונ־גענער ארבעט. נאָכדעם, נאָך דער באַפרייאונג פון לייב־פאַרמעגן, ווען עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַזא זאַך ווי א פּראָלעטאַריער, וואָס איז געוואָרן „פריי" און אומאָפּהענגיק פון יענער פריערדיקער געצוואונגענער ארבעט האָט זיך באַלד אָנגעהויבן א נייער מין עקספּלואַטאַציע און דאָס איז געווען דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם. דער ארבעטער האָט פריי אָנגעהויבן פאַרדינען אָדער פאַרקויפן זיינע ארבעטס־קרעפטן און פון דעם האָט מען אָנגעהויבן מאַכן א נייעם מין האנדל . . .

די מאַשין האָט אָבער געבראַכט צו דעם, אַז דער קלאַסן־אונטערשייד זאָל ווערן וואָס אַמאָל בולט'ער און דער קאָנטראַסט שטאַרקער. פון איין זייט האָט מען געזען, ווי דער מולטי־מיליאָנער לעבט אין לוקסוס, און פון דער צווייטער זייט — די גרויסע מאַסע פּראָלעטאַריער.

געוויינטלעך זוכן די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטן פאַרשיידענע טעאָריעס צו דערקלערן די אורזאַכן פון די אַלע קריזיסן, וואָס די וועלט מאַכט דורך צו יעדער צייט. אייניקע באַהויפּטן, אַז שולדיק אין דעם זאָל זיין דאָס צופיל פּריה־ורביה, אַז ס'איז נויטיק א קאָנטראָל. אַזאַ באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם פריערדיקן יאָרהונדערט דורך דער אָנפירערשאַפט פון דעם גלח מאַלטוס, צו שטערן דאָס צופיל מערן זיך. ביז'ן היינטיקן טאָג גלויבן א סך, אַז דער קאָנטראָל איבער געבורטן וואָלט געהאָלפן.

די אַסקעטישע אידייען פון געבורט־קאָנטראָל האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר ניט אויסהאַלטבאַר . . .

א טייל פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן זענען אַרויסגעקומען מיט א געדאַנק, אַז די סיבות פון קריזיסן זיינען די מאַשינען, דער צו גרויסער וואוקס פון דער טעכניק, אַז מען מוז אָפּשטעלן דעם טעכנישן אימפּעט.

פריער איידער די מאַשינען זיינען געווען אַזוי הויך אַנטוויקלט, איז די אַרבעט געווען א האַנט־אַרבעט. דעם מענטשנס פיזישער כוח האָט דאַן געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער פּראָדוקציע און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָט דער כוח האָט געהאַט א גרענעץ און ממילא האָט די פּראָדוקטיוויטעט ניט געקענט גיין ווייטער, כל זמן דאָס שטיקל געצייג האָט זיך באַוויזן דירעקט פון דעם מענטשנס האַנט.

ביי דער מאַשין־פּראָדוקציע איז אַרבעט מיטן האַנט פאַראַן ווייניק. וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די מאַשינעריי, אַלץ ווייניקער פאָדערט זיך דער פיזישער כוח, און דאָס שאַפט קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער גופא, ווייל עס ווייזן זיך אויפ׳ן מאַרק א סך לײדיקע הענט פון די אַרויסגעשטויסענע אַרבעטער און פון נייע צוגעקומענע אַרבעטער, ווייל די מאַשין שאַפט אָפּ די מאַנופאַקטור צעגלידערונג פון דער אַרבעט; שאַפט אָפּ די ספּעציאַליזירונג פון פאַרשיידענע אַרבעטער. ביי א מאַשין פאָדערט זיך נישט אַזויפיל לערע; דער אַרבעטער דאַרף נאָר פאַרמאָגן אַן אַלגעמיינע אַנטוויקלונג, א געוויסע אינטעליגענץ, ער זאָל קענען אָנגיין מיט דער מאַשין.

די ווירקונג פון קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטן זעלבסט ווערט אין דער עפּאָכע פון מאַשינעריי באַזונדער זייער שטאַרק, און די רעשטן פון דעם קליינעם האַנטווערקער — לאָמיר זאָגן די רעשטן פון די אַלטע מאַנופעקטורייי־מעטאָדן — ווערן אַלעמאָל שוואַכער און שטאַרבן אָפּ ביסלעכווייז אינגאַנצן.

די קאַפּיטאַלן פון די באַזונדערע ווערן קאָנצענטרירט אין די הענט פון די זינער. די איינצעלנע אונטערנעמונגען ווערן אַזוי אַרום אַלץ גרעסער, און אָנשטאַט די אַמאָליקע מאַנופאַקטור, וואָס פלעגט פאַראייניקן הונדערטער אַרבעטער, אָרגאַניזירן זיך איצט א דאַנק די מאַשינעריי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אונטער איין אָרגאַניזאַציע און אונטער איין פּאָן.

די פאַרגרעסערטע אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט האָט געבראַכט דערצו, אַז דער קאַפּיטאַליסט זאָל זיין געצוואונגען צו איינשטימען אויף דעם געזעץ פון דעם אַרבעטס־טאָג. ער האָט באַין ברירה געמוזט איינגיין און מסכים זיין אויף אַן 8־שעה׳יקן אַרבעטס־טאָג, פאַר וועלכן מען האָט אין פריערדיקן יאָרהונדערט אָנגעפירט א גוואַלדיקן קאַמף.

דער אַכט־שעה׳יקער אַרבעטס־טאָג האָט אָבער נאָר אין אָנהויב געהאָלפן פאַרקלענערן דאָס אַרבעטסלאָזיקייט און האָט בשום אופן נישט געקענט דערויאָגן די שנעלקייט פון דאָס צוקומען די נייע מאַשינען, וואָס וואַרפן אַרויס מיליאָנען אַרבעטער. די פאַרקלענערונג פון די אַרבעטס־שטונדן האָט נאָר געקענט זיין א צייטווייליקע לייזונג. און אפילו די רעפאָרמען אין די פאַראייניקטע שטאַטן

פון איינפירן א 35־שעה׳יקע ארבעטס־וואָך, וואָס האָט א גוואַלדיקע היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דעם גאַנצן ארבעטער קלאַס, און פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער באַוועגונג, לייזט בלויז צייטווייליק די קאָנקורענץ, וואָס שטאַמט ארויס פון דעם ניט־אָרגאַניזירטן קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע.

די מאַשין־טעכניק ענדערט די פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט, דער ארבעטער־קלאַס ווערט שוין ניט אזוי צעטיילט אין קלאַסן פון „ספּעציאַליזירונג". ארבעטער פאַריינען זיינען אָבער לייכטער — ווייל ארבעטער ווערן מער פאַראייניקט און עס ווערן אָפּגעשוואַכט די „צעכן"־דיפערענצירונגען.

די לייזונג אָבער קאָן קומען דורך א פּראָגראַם פון קאָאָפּעראַציע צווישן ארבעטסגעבער און ארבעטסנעמער, אויף אַן אופן, אַז די מאַשין זאָל זיין פאַר אַלעמען א ברכה: פאַר דעם אונטערנעמער און פאַר דעם פּראָדוצירער — און אויך ברענגען נוצן דעם קאָנסומער.

און דאָ איז אויפן אָרט, דעם בליק פון אונזערע חכמים און ווי זיי האָבן אויפגעפאַסט די אַנטוויקלונגען אין פּרימיטיוון אַלטערטום.

בן זומא — ווערט דערציילט אין תלמוד[1] — האָט איינמאָל, שטייענדיק אויף די טרעפּ פון הר הבית, געזען אַן „אוכלסא", א צאָל מענטשן. האָט ער אזוי געזאָגט: געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס ווייסט די סודות פון זייערע הערצער און געבענטשט זאָל ער זיין, וואָס ער האָט די אַלע מענטשן באַשאַפן מיך צו באַדינען. ער האָט געמיינט מיט דעם צו זאָגן, אַז דער כלל דינט דעם יחיד, פּונקט אזוי ווי דער יחיד דינט דעם כלל.

בן זומא פלעגט אויך זאָגן: „וויפיל ארבעט האָט אדם הראשון געהאַט ביז ער פלעגט באַקומען א שטיקל ברויט צו עסן. ער האָט אליין געדאַרפט אַקערן, זייען, שניידן, בינדן די זאַנגען אין גאַרבן, אויסקלאַפּן די קערנער פון די זאַנגען, אויסווייהען, קלייבן, מאָלן, זיפּן, קנעטן, באַקן און ערשט דאַן פלעגט ער קאָנען עסן . . . און איך שטיי אויף פרימאָרגנס און געפין, אַז די אַלע מלאכות זיינען שוין אָפּגעטאָן פאַר מיר פון אַנדערע און איך עס א פאַרטיקן ברויט.

„וויפל ארבעט האָט אדם געהאַט ביז ער האָט באַקומען א בגד אָנצוטאָן. ער האָט אליין געדאַרפט שערן די וואָלן, פון א שעפּס, ווייס מאַכן די וואָל און ער זאָל אָננעמען פאַרב, אויסקלאַפּן, שפּינען, וועבן, פאַרבן, ערשט דאַן פלעגט ער האָבן וואָס אָנצוטאָן און איך שטיי אויף אינדערפרי און געפין די אַלע ארבעטן אָפּגעטאָן פאַר מיר און איך האָב א פערטיקן בגד".

אלס משל, ווי אזוי א מענטש דאַרף זיין דאַנקבאַר צו די אַנדערע, וואָס באַמיען זיך פון זיינעטוועגן, שטעלט בן זומא פאַר א גוטן גאַסט און א שלעכטן.

„וואָס זאָגט א גוטער גאַסט? וויפל מי האָט זיך דער בעל הבית געגעבן פון מיינעטוועגן! וויפל ווייך האָט ער מיר סערווירט; וויפל פלייש און וויפל זעמעלעך — דאָס האָט ער אַלץ זיך באַמיט פאַר מיינעטוועגן".

אָבער וואָס זאָגט אַ שלעכטער גאַסט?

וואָס פאַר אַן איבעריקע מי האָט דען דער בעל הבית געהאַט? וויפל ווייַן האָט ער עס סערווירט און וויפל אַ שטייגער פלייש און זעמל? פון מיינעטוועגן האָט ער זיך דאָס אַזוי באַמיט? דאָס האָט ער זיך אַזוי באַמיט פון זיין פרוי און קינדער'ס וועגן" . . .

ה ע ר ו ת

א.

1. זע, הרב יצחק כ"ץ „פּראָבלעם פון אַרבעט און אַרבעטער אין ליכט פון תורה", ז. 6.
2. בראשית רבה, פרשה כ"ב.
3. בראשית ב', ז'.
4. דברי הימים א', כ"ב, ז'-ח'.
5. שמות כ', כ"ה.
6. מידות, פרק ג', ד'.
7. בראשית ל"ב, ח', רש"י.
8. סנהדרין ל"ט, מדרשים און זוהר. (מער וועגן דעם אין אַ ווייטערן קאַפּיטל).
9. אבא גאָרדין, די פּאַרטיקולער פון גייסט . . . די פעדער, רעד. אַ. קאַרלין, 1953, ז"ז: 35-233.
10. ויקרא, י"ט, י"ח.
11. אין זיין מאמר: „האדם מישראל במערכות הרוח והתרבות", המצפה, ירושלים, תשי"ג, ז"ז: רפ"ד-רצ"ה. ווי ח. ליפשיץ ברענגט עס קלאָר אַרויס, אויפן באַזיס פון ציטאַטן פון הרב קוק זצ"ל און פון דוד בן גוריון.
12. זע, „עוד הרוח והחלוציות בישראל", ירושלים, תשי"ב.
13. זע, יחוד ויעוד, שנתון הממשלה, תשי"א.
14. איוב, י"ד, א'-ב', יהואש איבערז.
15. רמב"ם, היד החזקה, ספר המדע, הלכות יסודי התורה, פרק ב', הלכה ב'.
16. תפלות לימי הנוראים, גענומען פון פסוקים: בראשית ג', י"ט; ישעיהו מ', כ'; תהלים קמ"ד, ד'; הושע ו', ד'; איוב כ', ח'.
17. זע: נ. שמן, די באַציאונג צום פרעמדן, ז"ז 205-242; צווישן קריג און פרידן, ז"ז 25-30; דר. א. ראַזמאַרין, שיינקייט פון יידנטום, ז' 127 און אַנדערע.
18. ציטירט פון תהלים, ח', ד'-ה': „ אראה שמיך . . . מה אנוש כי תזכרנו . . . "
19. תהלים, מ"ב, ג'. „מיין זעל טוט דורשטן נאָך גאָט . . . "
20. זע, רמב"ם, דאָרט, ז'-ח', פירוש מהר"י קארו באריכות.
21. שמות, בא.
22. אין דער אויסגאַבע „רמב"ם לעם" (הוצ' „ראשונים", תל אביב, תש"ו), אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ד. ראַבינאָוויטש, מיט אַ פירוש פון הרב ש. ת. רובינשטיין, ווערן די נוסחאות אויפגעקלערט: „לפי מעלתה" זאָל מיינען, באַגריף און „לפי גדלו" — זיין גרויסקייט . . .

23א. במדבר, סוף נשא.

23. דאָרט—אויספירלעך.
24. „אורות הקודש", חלק א', ז' תנ"ב; ח. ליפשיץ, דאָרט; אַ. ד. גאָרדאָן, האדם והטבע, כתבים ספר ד' ז"ז 33; 60-65; 68; 120.
25. זע, דר. שמעון פעדערבוש, משפט המלוכה בישראל, הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ב, ז"ז 222-230.
26. ש. פעטרושקא, משנה־איבערזעצונג.
27. פעטרושקא גיט צו: „דאָס איז די וואונדערלעכקייט פון דער באַשאַפונג פונם מענטש. די פאַרשיידנאַרטיקייט און די ענלעכקייט".
28. סנהדרין מ"ו, ע"א.
29. זע, דר. ש. פעדערבוש, המשפט בישראל, ז"ז 224 225 — באריכות.
30. זע, חקר אלקי, ד', י"ח.
31. איוב ב', ט'
32. דאָרט, ב', י'. זע, „חקר שדי" (שמואל זיינוויל שטערנבערג), באור אויף ספר איוב, זיטאָמיר, תרל"ג —— 1872.
33. זען, ש. ז. שרגאי, מצפה, ז"ז ר"ט-רט"ו.
34. זע, נ. לעבעדעוו, הקדמה צו „די עטיק", איבערז. דר. י. מעריסאָן, ניו־יאָרק, 1924.
35. ייד. קעמפּער, ר"ה תשי"ד, ז"ז 92-97.
36. בבא מציעא, נ"ט.
37. שבת, קנ"א.
38. ישראל קדושים, לובלין, תרפ"ח, אות ג'-ד', באריכות אין מיין „די באַציאונג צום פרעמדן".
39. תענית, י"א, ע"א; נדרים י'.
40. מתי ו', כ"ד-ל"ד; י"ט, כ"ג-כ"ט.
41. זע, מדרש רבה, בראשית, דאָרט.

42. מכילתא, ל"ח.
43. יהושע א', ח'.
44. ברכות ל"ה, ע"א.
45. ערובין נ"ד, ע"ב.
46. ירושלמי, סוף קדושין.
47. תענית כ"ב.
48. כתובות ג', ע"א.
49. דארט, מ"ט, ע"ב.
50. חולין, ס"ה ,ע"א.
51. קדושין, פ"ב, ע"א.
52. ריש לקיש, בבא בתרא, ט"ו.
53. איוב, ג', י"ז.
54. דארט, כ"ד, א', ד', י"ב.
55. שופטים ו'. אינטערסאנט איז דער מאמר (רות רבה פרק א'; זוהר חדש פ' נ"ח) אז גדעון, ניט געקוקט וואס ער האט געדינט עבודה זרה, האט ג—ט זיך צוגעהערט צו אים, ווייל ער האט גערערט גוטס אויף יידן.

ב.

1. שופטים ה', ל"א.
2. זע, שבת, פ"ח, ע"ב; יומא, כ"ג, ע"א.
3. ווען איינער זעט א גרויסע מאסע יידן, דארף ער מאכן די ברכה: געלויבט איז דער מייסטער פון די סודות . . . ווארים זיינע געדאנקען זיינען ניט גלייך איינער צום אנדערן.
4. „ואם אין מחני נא מספרך אשר בתבת".
5. ס'ליגט פאר מיר א ביכעלע משלים א.ג. „דער מענטש וועט גוט זיין" פון דעם דיכטער ל. אליצקי (ארויסגעגעבן פון „דאס נייע לעבן", לאדזש-ווארשע, 1947) — א ביכעלע וואס ברענגט צום אויסדרוק דורך קינסטלערישער וויזיע און פאעטישער בילדלעכקייט, די אמונה, אז „דער מענטש וועט גוט זיין", אז אלץ איז אפהענגיק אינם מענטש, אויב דער מענטש איז עטיש, איז במילא די געזעלשאפט אן עטישע . . .
6. הושע, י', י"ג.
7. זע, חולין, ו', ע"ב.

7א. ירמי' י"ז, ה'-ח'.

8. וועגן דער באשאפונג פון מענטש, פון אדם הראשון — זע: בראשית רבה, ח'; ילקוט שמואל, בראשית ב'; סנהדרין ל"ח, ע"א-ע"ב; ח"נ ביאליק און י"ח רבניצקי, ספר האגדה, הוצ' דביר, תל-אביב, תש"ך, ז"ז ט'-י"ב.
9. דארט — אויספירלעך, זעט פריערדיקן פרק.
10. ר' אליהו בן ר' משה די ווידאש, תלמיד פונם בארימטן מקובל ר' משה קארדאווערא, ווידמעט א ספעציעלן קאפיטל, וועגן עניוות, „שער הענוה, אנפאנגנדיק מיטן פסוק אין תהלים (נ"א, י"ט) „זבחי אלהים רוח נשברה".
11. מגילה ל"א, ע"א.
12. במדבר י"ב.
13. משלי י"ז.
14. גאות און „גס רוח", ווערט געזאגט אין אנהויב סוטה, פירט דעם מענטש צום אפגרונט און אומקום.

14א. זע, אליהו כי טוב, ספר התודעה, ספר ראשון, חלק א', ז' רל"ט — אויך, אז מ'דארף שרייבן „רבינו" מיט א „י" נאך דער „ב", ווייל אזוי ארום באטרעפט עס 613, סימבאליש פאר דעם געטלעכן מאן, וואס האט געגעבן דעם יידישן פאלק תרי"ג מצוות.

15. שופטים ח', ג', ז'.
16. ישעיהו, פרק ב'.
17. צוואת הריב"ש, כתר שם טוב א.א. מקומות אין חסידות.
18. מער וועגן דעם — אין מיין ספר „די באציאונג צום פרעמדן"
19. זע, דר. ש. ז. כהנא (שז"ך) במיצר, הברית העולמית, לתנועות תו"ע, תל-אביב, תש"ב, ז"ז, ל"ט-מ'.
20. בראשית רבה, א'.
21. ניט אומזיסט ווידמעט ר' אליהו די ווידאש, דעם גרעסטן טייל פון זיין ספר „ראשית חכמה", דעם באדייט פון קדושה; דער שער הקדושה פארנעמט דארט זיבעצן פרקים, במנין טו"ב.
22. קהלת ב', כ"ב-כ"ג.
23. איוב, ז', מ"ג.
24. זען: שבת ו'; סנהדרין ס"ה; מועד קטן, ט"ז, ע"ב; בראשית רבה, ע"ו.
25. דברים, כ"ט, כ"ח.
26. שמואל ב', כ"ב, כ"ו-כ"ז; תהלים, י"ח, כ"ו-כ"ז.
27. דארט, פסוק י"ח.
28. דברים, ל', ט"ו-ט"ז.

ג.

1. בראשית, ח׳, כ״א. זע אויך, תורה שלימה, בראשית ב׳, ז״ז ר״ז רי״א, תנ״ח.
2. ישעיה, ס״ו, כ׳.
3. משלי כ׳ — אז ערלעכער מענטש ברענגט ברכות . .
4. שם רשעים חדלו רוגז, ושם ינוחו יגיעי כח — איוב ג׳, י״ז־י״ט; אדער ווי ער דריקט זיך אוים (דאַרט, כ״א, כ״ו): „יחד על עפר ישכבו ורמה תכסה עליהם״.
5. ארץ נתנה ביד רשע, פני שופטיה יכסה — דאַרט, ט׳, כ״ד.
6. זע, ילקוט המועדים, ימים־טובים אנטאלאָגיע, סעדיה־פארלאג, ארגענטינע, תש״ב, ז״ז 786-787.
7. סנהדרין ל״ח, ע״ב; זע פריערדיק קאפיטל.
8. סנהדרין ל״ז, ע״ב־ל״ח, ע״א, באריכות.
9. בראשית ל״ג, י״ג. זע אויך תוספתא סנהדרין פרק ח׳.
10. ישעיה ל״ג, י״ב; במדבר רבה, פ״ב.
11. זע, לייבוש לעהרער, יוו״א־בלעטער, סעפטעמבער־אקטאבער, 1942, באנד 20, נומער 1, ז״ז 29-53; א. מענעס, אויפקום און געשיכטע פון יידישן גלויבן, אלגעמיינע יידישע ענציקלאפעדיע, יידן ב׳.
12. יוו״א בלעטער, דאַרט, ז׳ 35.
13. קדושין ל״ו, ע״א.
14. ויקרא י״ט; שבועות ל׳, ע״א־ע״ב.
15. הלכה ה׳. מערער וועגן חשיבות פונם מענטשן, זע: תורת העולה, סימן מ״ד: לבוש התכלת, רמ״א, א׳; לבוש האורה, כ׳; מהרש״ל, שו״ת, רמ״א, ו׳; שפתי צדיקים, בהעלותך, תש״א; אור המאיר א׳, כ״ג; כתר שם טוב; ר׳ צדוק הכהן, ישראל קדושים (ז״ז 23-25), שיחות מלאכי השרת א.א. ספרים.
16. שבת סוף פרק ו׳.
17. זע, סוכה, נ״ב, ע״א.
18. בראשית כ״ח, כ׳.
19. מסילת ישרים, פרק כ״ו.
20. שמות כ״ב, ל׳; מכילתא, דאַרט.
21. ויקרא י״א, מ״ד־מ״ח; תו״כ, דאַרט; ויקרא י״ט; ב׳; כ׳, ז׳; תו״כ, דאַרט.
22. דברים כ״ג, ט״ו; ספרי, דאַרט.
23. בעל הלכות גדולות; רמב״ם, ספר המצוות; רמב״ן, האלט, אז דאס מיינט ניט, אז די תורה האט געוואלט א באזונדערע מצות־עשה אויף קדושה און פרישה . . .
24. זע, יבמות ב׳, ע״א; ברכות נ״ג ע״ב; רמב״ן און אור החיים, קדושים.

ד.

1. בראשית ב׳, ז׳.
2. ירושלמי, מגילה, פרק ראשון.
3. אויף אן אנדער אַרט, פרטימדיק.

ה.

1. ברכות נ״ח, ע״א. מהרש״א, אויפן אַרט, גיט צו: „מדינות צריכות זו לזו, כי מה שחסר בזו, יוכל למצוא באחרת, והסוחרים מביאים ממקום המצוי למקום החסר . . . ״

קאַפּיטל פיר

מיסיע פון אַ פאָלק

א. דאָס פאָלק פון דער ביבל. — מזרח און מערב. — השפעה פון יידנטום. — רוים. — גריכנלאַנד און דער יידישער גייסט.

די וועגן פון מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע זיינען פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט. דער מענטש בלאָנדזשעט און קען זיך בשום אופן ניט ארויספּלאָנטערן פון די פאַרקרימטע וועגן. יאָרהונדערטער זיינען אוועק אין דער אייביקייט, ביז דער מענטש האָט אָנגעהויבן באַקומען זיין תיקון און באַגרייפן די ציל פון זיין געבוירן ווערן אויף דער וועלט און ווי נאָר דער מענטש שטעלט זיך אויף די ערשטע שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג, אַנטשטייט דער אייביקער קאַמף פון גלויבן און אַבערגלויבן, פון מאָראַל און אויסגעלאַסנקייט, פון לאָגיק און אינסטינקט. עס אַנטשטייט דער „דור הפלגה", אין וועלכן יעדער איינער האָט זיך זיין גלויבן, זיין טראַדיציע.

פון די פעלקער, וואָס האָבן אַמיינסטנס משפיע געווען אויף דער וועלט זיינען דריי אין מזרח און צוויי אין מערב. די הינדוסן, כינעזער און די יידן זיינען פון די פאַרצווייגטע קלאַסישע פעלקער, וואָס האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָל, אין דערהויבן דעם מענטש צו קולטורעלע שטופּעס און באַרייכערן דער וועלט מיט וויסן און דענקען.

די יידן, באַזיצנדיק דעם נאָענטן מזרח, גרענעצנדיק זיך מיטן מערב, האָבן גאָר אַ סך משפיע געווען אויף אַנדערע ספערן. יידנטום האָט זיך געטיילט מיט זיינע עטישע ווערטן אויך מיט אַנדערע, שכנ'ישע פעלקער.

די טראַדיציע פון אברהם אבינו איז געווען צו דערציען פרעמדע: „ואת הנפש אשר עשו בחרן — אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת הנשים", יידן האָבן געוואָלט לאָזן הערשן גאָט'ס וואָרט אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט.

ניט קיין וואונדער דעריבער, וואָס דער קאַמף צווישן יידנטום און רוים־גריכנטום האָט זיך דאַן אַזוי צעפלאַקערט. די לעצטע האָט ניט געוואָלט צולאָזן אַ קליין פאָלק זאָל זיי באַהערשן. רוים האָט זיך אָבער אונטערגעגעבן. דער יידישער גייסט האָט איר באַהערשט. דער יידישער גלויבן איז געווען שטאַרקער פון רוים'ס פיזישער מאכט.

דאָס קליינע, אָרעמע פאָלק האָט זיך אַריינגעגעריסן אין דער גרויסער היידענישער וועלט.

און ניט נאָר אין יענער אור־אַלטער צייט האָבן יידן, אַרויסקומענדיק אין דער ברייטער וועלט, משפּיע געווען אויף די גרויסע געצנדינערישע פעלקער. אויך

אין דער נייער צייט, אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע, האָבן יידן זייער מיסיע ניט אויפגעגעבן. אין אַלע פרייהייטס און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, האָבן יידן גענומען דעם ערשטן אָנטייל. די יידן זיינען געווען די ערשטע צו פאַריידיקן פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. אין דער יידישער נשמה איז טיף פאַרבאָרגן דער נביאים־געדאַנק פון „מיר אַלע האָבן איין פאָטער, איין גאָט האָט אונז באַשאַפן". טיף אין זיין נשמה איז איינגעוואָרצלט דער גייסט פון יושר און פון אמת.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם סיסטעם פון שקלאַפעריי. ביים ווערן א פאָלק, האָבן יידן באַקעמפט דעם מצרישן שקלאַפן־סיסטעם. ניט נאָר זיך באַפרייט פון עגיפּטישער קנעכטשאַפט, נאָר אויך פון אייגענער קנעכטשאַפט, באַהויכט געוואָרן פון א פרייהייטס־אידייע פון אָן מענטשן־דינער: „כי לי בני ישראל עבדים — עבדי הם ולא עבדים לעבדים". גאָט זאָגט: איר זיינט מיינע קנעכט, אָבער ניט קיין קנעכט צו מענטשן[1].

אויף דעם באַזיס פון דער פרייהייטס אידייע איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן דאָס יידישע פאָלק. זייענדיק אין אַנטרונענער פון מצרים, דאָס קנעכט־הויז, האָט דער ייד גענומען אויף זיך מער קיין שקלאַף ניט צו זיין. דורכמאַכנדיק די ערגסטע פאַרפאָלגונגען, האָט דער ייד אַלץ ניט אויפגעגעבן זיין דראַנג צו זיין פריי, ניט צו זיין וועמענס לייב־אייגנטום. אַלע רדיפות, אַלע גירושים האָבן אויפן ייד ניט געקענט ווירקן, ער זאָל זיך בויגן פאַר דעם שקלאַפן־סיסטעם.

ווען עס איז געקומען די תקופה פון רענעסאַנס, ווען די גלאָקן פון פרייהייט און גלייכהייט האָבן אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער וועלט, ווען די עמאַנציפּאַציע האָט גענומען באַהערשן, איז דער ייד געווען צווישן די ערשטע באַהערשט צו ווערן פון אָט־דעם גייסט.

אַרבעט איז דעריבער אויך ביי דעם אור־ייד טייער געווען. דער בעל־מלאכה איז שטאַרק געליבט געוואָרן פון די חכמי התלמוד. „אהב את המלאכה", האָבן זיי אונז געלערנט, אָבער נאָר אַ פרייע מלאָכה, ניט קיין צוואַנג־אַרבעט, ניט קיין שקלאַ־פען־סיסטעם. זיי האָבן געוואָלט אַ „מלאכה שמכבדת את בעליה",—אַ מלאכה, וואָס איז א כבוד פאַר'ן מענטשן, וואָס שטעלט אים הויך, אָבער ניט וואָס דערנידעריקט אים, וואָס מאַכט אים פאַר א שקלאַף, פאַר אַן אוממענטש.

אין דער צייט ווען די עגיפּטער האָבן געבויט פּיראַמידן, וואָס זאָגן עדות אויף זייער גרויסקייט; די הינדוסן—טעמפּלען; די רוימער—שיינע קאַטעדראַלן, וואונדערלעכע בנינים, האָט דאָס יידיש פאָלק זיך פאַרנומען מיט קריסטאַליזירן זיין גייסט, זיין קולטור. ניט דער עיקר איז ביי גאָט די שיינע בנינים, אפילו ניט דאָס בית המקדש און די קרבנות, נאָר די שיינע מדות, די געטלעכע אידעאַלן און די גייסטיקע דערהויבנקייט. „כי טוב לי יום אחד בחצריך מאלף עולות"...״ גאָט זאָגט צו דוד המלך: „פאַר מיר איז בעסער איין טאָג פון דיין לערנען ווי טויזנט

קרבנות, וואָס דיין זון וועט מקריב זיין אין בית המקדש". לערנען איז וויכטיקער פונם ריטואַלן מנהג!

ארויסקומענדיק אין דער ברייטער, גרויסער וועלט, איז דעם יידנטום אויסגעקומען צו קעמפן ניט נאָר קעגן זיין פיזישער אויסראָטונג מצד די גרויסע און מעכטיקע מלוכות, נאָר אַ סך מער קעגן גייסטיקן ניהיליזם, קעגן די קולטורן, וואָס האָבן אים געוואָלט באַהערשן.[2]

די גריכן, וואָס האָבן באַזיגט אַלע פעלקער פון נאָענטן מזרח, אין אזיע און אפריקע, העלעניזירנדיק אַלע פעלקער, וועלכע האָבן באַוואוינט דעם טייל פונם גלאָבוס, האָבן מיט זייער ציוויליזאציע און קולטור געוואָלט באַהערשן אָט דאָס קליינע פאָלק מיט זיין גרויסער תורה.

אויב די יידן האָבן אין זייער טויזנט־יאָריקן קאַמף געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק מצד די אַזיאַטישע קולטורן פון אשור, בבל, פרס א.א.וו. איז עס אָבער ניט אזוי לייכט געווען צו קעמפן קעגן דער מעכטיקער גריכיש־רוימישער קולטור און ציוויליזאציע פון מערב. און אויב עס איז זיי געלונגען אינ'ם הערלאישן קאַמף פון די חשמונאים אויסצוקעמפן זייער זעלבסטשטענדיקייט אויף די בערג פון יהודה, איז עס זיי פיל שווערער געוואָרן צו קעמפן קעגן רוים, אַ דעספּאָטישע מאַכט, מיט אַ שטאַרקער און מעכטיקער מיליטערישער מאַשין, וואָס האָט די יידן פאַרטריבן פון יהודה.

עס איז ניט וויכטיק צו דערמאָנען רוים'ס גבורה און די ברוטאַליטעט וואָס זי האָט באַנוצט ביים דעראָבערן לענדער. פאַר רוים'ס מאַכט זיינען פעלקער געפאַלן, ניט שטעלנדיק זיך אפילו אנטקעגן. דער קאַמף צווישן ירושלים און רוים איז אָבער געווען מער ווי אַ מיליטערישער. עס איז געווען אַ קאַמף פון אידייען, פון באַגריפן, פון אידעאָלאָגיעס . . . ירושלים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם גלויבן און אחדות אלהות, אין איין־איינציקן גאָט דורך וועמענס השגחה אַלץ ווערט געפירט. ירושלים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס שטרעבן צו אַן „אחרית הימים", וואָס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן פון די נביאים. ירושלים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס גערעכטע, דאָס פרייהייטלעכע און דאָס מענטשלעכע.

רוים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט גלויבן אין געטעריי, גלויבן אפילו אין מענטשן־געטער, גלויבן אין מאַכט, אין דער שווערד; אין אויסגעלאַסנקייט, אין טיראַניי, אין מענטשן־שקלאַפעריי.

דער קאַמף איז דעריבער געווען אַ וועלט־פאַרצווייגענער. אפילו נאָכדעם ווי ירושלים איז צעאַקערט געוואָרן און יידן אַלס אַ פּאָליטישע מאַכט זיינען אַראָפּ פון דער אַרענע, זיינען זיי גייסטיק אַלץ ניט באַזיגט געוואָרן און דעריבער אויך פיזיש ניט איינגעשלונגען געוואָרן.

אינ׳ם דועל צווישן יהודה און רוים, האָט יהודה פאַרלוירן. צו קליין זיינען געווען די יידישע אַרמייען, זיך צו שטעלן קעגן די מעכטיקע רוימישע אַרמייען. אינ׳ם דועל צווישן יידנטום און רוימענטום, האָט אָבער יידנטום געוואונען. ערד האָבן זיי געקענט צעאַקערן, קערפּערס צעטרעטן, אָבער גייסט דערשטיקן? דאָס האָט אפילו רוים ניט געקענט.

רוים מיט אירע פילאָזאָפן, מיט אירע קינסטלער, מיט אירע אַסטראָנאָמען, מיט איר העלעניסטישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט איינגעשלונגען אַלע „באַרבאַרישע" פעלקער האָט פאַרלוירן איר קאַמף קעגן יידישן גייסט. ער איז געווען מעכטיקער, שטאַרקער פון דער רוימישער קולטור. זיין שטאַרקייט איז געווען באַזירט אויף הערלעכער אינ׳סוף׳קייט, וואָס ווייסט ניט פון קיין באַגרענעצונג, אין רוים אָדער צייט.

די רוימישע וועלט־אימפּעריע, וועלכע איז געווען די בעסט־אָרגאַניזירטע, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די בעסטע מיליטערישע און אַדמיניסטראַטיווע אָרדנונג, האָט ניט געקאָנט באַקעמפן דאָס נאָכדעם־פאַרשפּרייט און צעזייט פאָלק אין דער מעכטיקער אימפּעריע. דאָס נעבעכדיקע, רעכטלאָזע פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען, און פון צייט צו צייט אַרויסגעבן שטערן, וועלכע האָבן באַלויכטן די וועלט.

דער מערב האָט באַזיגט דעם מזרח. די גריכישע פילאָזאָפיע, די גריכישע ציוויליזאַציע און קולטור, האָט באַזיגט די קולטורן פון די אַלטע מזרח־פעלקער, ווי מצרים, בבל אשור, פּרס א.א.וו.

אויב זי האָט ניט געהאַט דערגענצט איר ממשלה, זיינען געקומען די רוימער, די יורשים פון גריכנלאַנד און פון דער גריכישער ציוויליזאַציע און מיט גוואַלט פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט איבער׳ן מזרח.

דאָס וואָס די גריכן האָבן ניט באַוויזן איינצונעמען, ניט געקוקט אויף זייער העכערקייט אין פילאָזאָפיע, קונסט, אַרכיטעקטור און קולטור, האָבן די רוימער, כאָטש הינטערשטעליק בנוגע די גריכן, יאָ באַוויזן איינצונעמען מיט דער שווערד. פאַר דער רוימישער שווערד האָט זיך דער מזרח געמוזט בויגן, אונטערגעבן זיך, און ווי באַלד רוימישע פּאָליטישע העגעמאָניע, איז שוין רוימישע קולטור, ציוויליזאַציע און גלויבן.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט דעם יידישן פאָלק, וועמענס גלויבן און קולטור איז אַזוי ווייט געווען פון דער גריכיש־פּאָליטעאיסטישער. דאָ איז שוין ניט געווען דער אונטערשייד אַן אויבנאויפיקער: עס איז געווען אַ מהותדיקער אונטערשייד, וואָס האָט אַריינגעדרונגען טיף ביז׳ן תהום, ביז׳ן עצם וואָרצל פון עקזיסטענץ.

יידנטום און היידנטום זיינען אַבסאָלוטע קעגנער, פירן צווישן זיך אַן אייביקע מלחמה און קענען ניט איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן.

פארוואָס זאָלן די מזרח־פעלקער ניט געווען זיך אסימילירן מיט דער גריכיש־רוימישער קולטור? זי האָט דאָך גאָרניט געענדערט זייער אינערלעכן סדר פון לעבן.

מיר געפינען די זעלבע געטער, די זעלביקע אויסגעלאסנקייט, די זעלבע ברוטאליטעט און פארדאָרבנקייט מיט מער גלאָריפיצירונג. די עטיק, די פילאָזאָפיע און די קונסט האָבן אלץ געדינט דעם דאָזיקן צוועק.

אנדערש איז געווען מיטן יידנטום, וואָס האָט געזוכט צו קאָנטראָלירן דאָס קערפּערלעכע איג׳ם מענטש און געגעבן דאָס גייסטיקע די אויבערהאנט, זוכנדיק צו פארקנעכטן דאָס מאטעריעלע, פיזישע צום גייסטיקן, געטלעכן, פארוואנדלען דעם מענטש אין א „צלם אלהים״, אים ארייננפירן אין די געטלעכע אוצרות, וואו אַלע נשמות ווערן געלייטערט . . .

אַנשטאָט דער רוימישער, אָדער גריכישער אויפפאסונג, אז די מאטעריע איז די איינציקע עקזיסטירנדיקע אין דעם אוניווערס, איז געקומען די יידישע רעליגיע און וויזט און ברייט פּראָקלאמירט דעם געדאנק, אז גייסט הערשט איבער מאטעריע, אז אַלע אטריבוטן, וואָס זיינען אייביק און אומענדלעך קומען פון איין און דעם זעלביקן מקור און ניט פון באזונדערע כוחות.

די גריכן האָבן געהאט גרויסע פילאָזאָפן און דיכטער, געגוג צו דערמאָנען זייערע קלאסיקער, פלאטאָ און אריסטאָטעל, האָמער און סאָפאָקלעס. אויך די רוימער האָבן געהאט פילאָזאָפן און קינסטלער. גענוג צו דערמאָנען די פילאָזאָפן עפּיקור, פּילעניוס און סענעקא. אָבער זייער פילאָזאָפיע, באַגרינדעט אויף מענטשלעכן שכל און טרוקענער לאָגיק, איז דורכגעדרונגען מיט היידנישן גייסט.

אין רוימישן גלויבן פילט זיך די השפעה פון די הינדוסן, בראהמיסטן און פערסיער, מיטן זנות פון מצרים.

די לערע פון די הינדוסן איז א טויט־לערע. איבערן גאנצן פאָלק הענגט דער שאָטן פון טויט צוליב די קאמפן צווישן די געטער. דאָס אינדישע פאָלק (די אריער, מיט וועלכע די מערב־פעלקער בארימען זיך) האָט געהאט אַן א שיעור געטער. דער אָנגעזעענסטער גאָט, דער הויפט פון וועלט־באשאַף, דער „בראהמא״, איז לויט דער לעגענדע אויך באקעמפט געוואָרן פון די „פּארישא״, דער טויזנט־קעפּיקער, טויזנט־פוסיקער און טויזנט־אויגיקער גאָט. נאָך שווערע קאמפן איז אים געלונגען צו באשאפן די מאטעריעלע וועלט אין וועלכער עס זאָלן געבוירן ווערן אומצייליקע נפשות. די דאָזיקע אַלע נפשות דארפן אָבער געריייניקט און געלייטערט ווערן דורך פארשיידענע גלגולים.

די הינדוסן האלטן פון „גלגולים״, „דבוקים״ און פון שווערע „סגופים״, פון פייניקן זיך אויף דער וועלט. ביי זיי איז שטארק אָנגענומען דער גלויבן אין תשובה און תפלה, דאָס אָפּהיטן די דינים פון טומאה און טהרה. א הינדו וועט ניט טויטן קיין לעבעדיק וועזן, ווייל ער האָט מורא טאָמער איז עס א גלגול.

אלץ וואָס קומט פון א מענטש, איז מטמא. אלץ פון א בהמה—רייןיקט. די וואסער, די שמוץ פון אַ קו איז הייליק. און צו רייניקן די ערד, ברענגען זיי שמוץ, אורין פון דער קו און באַגיסן איר, אָדער לייגן אויף איר אויס די בהמות.

פאמיליע הייראטן זיינען, לויט זייער גלויבן, דערלויבט. בכלל פארנעמט זיך זייער רעליגיע מערסטנס מיט זינד און פארגעבונג; צום לעבן זיינען זיי זייער גלייכגילטיק, נעגאטיוו. זיי אינטערעסירט בכלל ווייניק דאָס לעבן מיט זיינע לעבעדיקע נאטור דערשיינונגען.

דער בודהיזם, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט דעם בראהאמאניסטישן גלויבן איז אויך א סך באהערשט פון פּאָליטעאיזם, פון פיל־געטעריי, און אזוי די אנדערע מזרח־רעליגיעס, ווי למשל, די רעליגיע פון די פּערסיער (פון וועלכע עס לעבן היינט א קליינע צאָל אין אינדיע, וואָס פירן זיך לויט זייערע אַלטע מנהגים, וואָס זיינען פארשריבן אין זייער אלטן הייליקן בוך „דענדאַוויסטא").

די פּערסיער גלויבן אין צוויי הויפּט־געטער אהורמין (אָדער אחרימון), דער גאָט פון שלעכטס און פינסטערניש און הורמיז („אקיראמאזדא"), דער גאָט פון גוטס און ליכטיקייט. אלע פּאסירונגען, גלויבן זיי, קומען אלס רעזולטאט פון די קאמפן צווישן הורמיז און אחרימון. די קו איז ביי זיי אַ הייליקייט, פונקט ווי ביי די הינדוסן. אויך זיי הייליקן זיך מיט איר אורין.

אנדערש איז די תורת משה, וועלכע איז א תורת חיים ,א לעבעדיקע תורה, וואָס ווייסט ניט פון קיין דואליזם, פון קיינע קאמפן צווישן גוטס און שלעכטס. איין גאָט „יוצר אור ובורא חשך" . . . ער גיט ליכט און פינסטערניש.

משה'ס תורה לערנט אייביקע עטיק, אייביקע מאָראל און אייביקע סאָציאלע געזעצן. זי פארנעמט זיך ווינציק מיט דעם וואָס וועט זיין נאָכ'ן טויט. אממיינסטנס באוואָרנט זי דאָס לעבן זאָל זיין ריין און הייליק. זי לערנט היגיענע, מעדיצין, פיזיאָלאָגיע, הייליקייט און ריינקייט פון משפחה־לעבן א.א.וו.

א דאנק דער לעבעדיקער יידישער תורה, איז דאָס יידישע פאָלק געבליבן א לעבעדיקס, אַן „עם חי", וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשקלאַפן און פארניכטן.

דעם גריכיש־רוימישן ביטראג צו דער וועלט־ליטעראטור, וועלט־קולטור און געדאנקען־וועלט קאָן קיינער ניט פארמינערן, אָבער גאָר ריכטיק האָט באמערקט סט. אויגוסטין (354-430) „איך האָב געלייענט פלאטאָן און אריסטאָטעל, זייערע ווערטער זיינען קלוג און נאָבל, אָבער אין קיין איינעם פון זיי האָב איך ניט געלייענט אזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן זאָגן: „קום צו מיר, דו פארמאטערטער פון שווערער אַרבעט, און איך וועל דיר געבן רו".

די גרעסטע פּאָעטן אין אלט־גריכנטום זיינען בלי־ספק האָמער און העסיאָד. זיי זיינען די גרונט־לייגער פון דער שיינער ליטעראטור ביי די וועלט־פעלקער. נאָך זיי קומען די גריכן: סאָפאָקלעס, אכילוס און אוריפּודאָס.

האָמער (געלעבט 900 יאָר פאַר'ן קריסטנטום) האָט געשאַפן צוויי וואונדער־פּאָעמעס. איינע די „איליאַדע" און די צווייטע די „אָדיסעי". אין די פּאָעמעס דעקט ער פאַר אונז קינסטלעריש אויף די גריכישע מיטאָלאָגיע, די גריכישע גבורות אין זייער מלחמה מיט די טראָיאַנער און וועגן די פאַרשיידענע גריכישע געטער. ער דערציילט אונדז, ווי אַזוי דער ריז „אָדיפּיוס", האָט אין צענטן יאָר באַזיגט די טראָיאַנער.

ער דערציילט אונז אויך די סיבה פון דער מלחמה אויף טראָי:

איידער פּאַריז, דער צווייטער זון פון טראָיאַנישן קעניג פּריאַמוס, איז געבוירן געוואָרן, דערציילט ער, איז די קעניגין קראַנק געוואָרן און עס האָט זיך איר גע־חלום'ט, אַז איר מוטער־לייב איז געעפנט געוואָרן און עס איז פון איר אַרויס אַ פלאַם פייער. דער קעניג האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פון מורא־דיקן חלום, האַלטנ־דיק, אַז דאָס איז אַ סימבאָל פון אַ צעריסענער מלוכה, אַז זיין מלוכה וועט ווערן פאַרברענט.

ווען דער זון איז געבוירן געוואָרן, האָט מען אים באַלד אַרויסגעוואָרפן אויף אַ באַרג, וואו קיין מענטש קומט ניט צו, ער זאָל דאָרט אויסגיין.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער פּאָטער איז דאָרט אָנגעקומען, האָט ער אים דאָרט געטראָפן אַ לעבעדיקן, אַ לייבנטע האָט אים געשפּייזט. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן „פּאַריז".

נאָכדעם, ווי ער איז אויפגעוואַקסן, האָט ער זיך פאַרליבט אין דער טאָכטער פון'ם גאָט, וואָס האָט צו שאַפן איבער די טייכן. אַנדערע געטינס האָבן געזוכט זיין ליבע „עראָס". אַלע האָבן אים פאַרפאָלגט מיט ליבע און אַפילו דער פּאָטער האָט אים גאָרניט געקענט העלפן. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט פאַרלאָזט טראָי, אַוועק קיין גריכנלאַנד, און דאָרט זיך פאַרליבט אין דער שיינער קעניגין העלענא, די אוועקגערויבט פון איר מאַן און מיטגענומען אַ גרויס פאַרמעגן מיט זיך.

דאָס האָט אויפגעצאָרנט די גריכן און זיי האָבן זיך פאַראייניקט אין קאַמף מיט טראָי.

העסיאָד אין זיינע ווערק „קאָסמאָגאָניע" און „טעאָגאָניע" דערציילט אונז וועגן געבורט פון די געטער, אַז די ערשטע זיינען געווען שלעכטע און די אַנדערע בעסערע. ער דערציילט אונז וועגן קערפּערלעכן אויסזען פון די געטער, זייער העלדישקייט, זייער האַלטן מלחמה א.א.וו.

ער דערציילט אונז, אַז אין אָנהויב איז געווען תהו ובוהו, ביז עס איז געקומען דער פאַרבינדונגס־כוח, די ליבע וואָס האָט געבוירן אַ צווילינג, נעבעל און פינסטעריניש, פון וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן דער הימל („אוראַנים"), די ליכט, דער ים („פּאָנטאָס") און די ערד.

האָמער שילדערט די געטער ווי זיי עסן, טרינקען, שיכור'ן, מאָרדן און רויבן. האָמער ווייסט, ווי אַזוי די געטער האָבן אויסגעלאַכט אָלימפּוסן, ווי דאָס ווערטל

גייט „האַמערם געלעכטער". צעאוס דער אכזריות'דיקער, איז דער הערשער פון אַלע געטער. ער האָט זיי אַלע באַקעמפּט און געגעבן באַפעלן. דער גאָט אַפּאָלאָ נעמט נקמה אין זיין מוטער, די רוצחת, וואָס האָט דערמאָרדעט איר מאַן און נאָכדעם געשיקט איר טאָכטער עלעקטראַ מקריב זיין אַ קרבן אויפן קבר פון איר מאַן אגאַגמינאָן.

די גריכישע קינסטלער האָבן פאַר אונז אויפגעדעקט דעם קולטור מצב פון אַלט גריכנלאַנד: רציחה, נקמה, פאַרראַט, זנות, אוממאָראַלישקייט, אומעטישקייט; קאַמפן צווישן פאָטער גאָט, און מוטער גאָט; זון און פאָטער א.א.וו.

פון דעם בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פון אוראַנאָס זיינען געבוירן געוואָרן די געטינס פון נקמה, קינדערלאָזע פרויען מיט מורא'דיקן אויסזען, וואָס זינגען מיט אַ שרעקלעך צוציהענדיקן קול און האַלטן אין איין נעמען נקמה.

זיי שילדערן די ברוטאַלע ליבעס פון עראָס, דעם גאָט פון ליבע, די ליבעס־געטין אַפראָדיטאָס, דעם גאָט פון פינסטערניש, וואָס קאָנטראָלירט די שטערן און די פּלאַנעטן און איבער אַלע געטער שטייט צעאוס אויפ'ן באַרג אָלימפּ און רעגירט מיט זיי.

די קינסטלער שילדערן ווי אזוי ס'האָט אויסגעזען דאָס גריכישע לעבן, דער גריכישער גלויבן, די גריכישע געזעלשאַפט. די גריכן האָבן זיך געהאַלטן פאַר העכער פון אַלע אנדערע פעלקער (ראַסן־טעאָריע). די רייכע האָבן אונטערדריקט דעם ארבעטער אויפן ערגסטן אופן. מ'האָט זיי באהאַנדלט ערגער פון חיות. דער שרייבער סענעקאַ דערציילט, אַז פאַר דעם קלענסטן שאָדן, וואָס אַן ארבעטער האָט געטאָן, האָט מען אים אָפּגעהאַקט די הענט, געמאַכט בלינד און נאָך אַזעלכע ענויים קשים.

דאָס גריכישע פאָלק איז געווען צעטיילט אין קלאַסן: „אַריאַס", די פּריסטער, אַריסטאָקראַטיע און הייליקע און „פּרוטאַגדשאַנאָס", פּראָסטער המון און אין נאָך פאַרשיידענע קלאַסן.

אין די צייטן פון פּלאַטאָ און אַריסטאָטעלעס, איז מלאכה געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן מצב. מיט מלאכה האָבן זיך פאַרנומען בלויז פּרעמדע, פון וועמענס פּראָדוקציע די גריכן האָבן געלעבט. נאָר פרעמדע („באַרבאַרן") האָבן געאַרבעט אין גריכנלאַנד.

די גריכן האָבן ניט געהאַט קיין רו־טאָג, קיין שבת, שטענדיק געאַרבעט אָן אויסהער.

פּלאַטאָ טיילט די מענטשהייט אין קלאַסן. מסכים צו דערנידעריקן דעם פרעמ־דען און באַרעכטיקט מלחמות. אין זיין „רעפּובליק" איז ער מתיר צו פאַרטרייבן אַלע אָרעמע לייט און רייניקן דאָס לאַנד פון די שלעכטע באַשעפענישן. קראַנקע און קרעציקע זאָלן פאַרשלאָסן ווערן אין הייזער, וואו זיי זאָלן אויסשטאַרבן.

אין גריכנלאַנד איז געווען לערעריי און דערציאונג דאָס ערגסטע פאַך. נאָר קנעכט און שקלאַפן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער פּראָפעסיע. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר א דערציאונג דאָס איז געווען, דערצו נאָך אונטער די ברוטאַלסטע מנהגים פון עלטערן צו קינדער, וואָס איז געווען דערלויבט אין גריכנלאַנד.

די רוימער האָבן איבערגענומען כמעט אַלע גריכישע מנהגים און גלויבנס. די זעלבע געטער, אויסער פון דער פאָרם פון דינען צו זיי, וואָס איז ביי די רוימער געווען אנדערש ווי ביי די גריכן: די ערשטע האָבן געדינט צו זייערע געטער מיט פרייד און די לעצטע מיט מורא.

דער הויפּט גאָט יופּיטער (צעאוס) איז ביי די רוימער באטראכט געוואָרן אלס גרינדער פון זייער מלוכה, וועמענס טעמפּלען עס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ איטאַליע. נאָך אים קומט מארס (ביי די גריכן: „אַרעס״), גאָט פון מלחמה, פאָטער פון רומולוס. זיי האָבן נאָך אנדערע געטער, ווי ווענוס — די געטין פון ליבע און שיינהייט, וועמענס „קאָמפּאַניאָן״ איז אמור (ביי די גריכן עראָס און אַפּראָדיטאָס). באַקכוס, גאָט פון שכרות און אויסגעלאַסנקייט א.א. די זעלביקע געטער אונטער אנדערע נעמען.

דאָס קולטור און געזעלשאַפטלעכע לעבן איז ביי די רוימער נישט געשטאַנען העכער ווי ביי די גריכן: דאָס פאָלק איז געווען צעטיילט אין קלאַסן פון אָרעם און רייך. אין רוים האָט אויך געהערשט שקלאַפעריי: אַן אַרבעטער איז געווען אַן אייביקער שקלאַף און איז אלס אַזעלכער באַהאַנדלט געוואָרן. ווי די רוימישע שרייבער פון יענער צייט דערציילן, האָט א מענטש, וואָס האָט באַהאַנדלט אָרנטלעך זיין אַרבעטער אויסגעקוקט ווי א משוגענער.

די רוימער, פּונקט ווי די גריכן, האָבן ניט געהאַט קיין רו־טאָג. ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל געהערט פון יידישן שבת, האָבן זיי חוזק געמאַכט, האַלטנדיק די יידן פאַר פוילענצער (פּרעה׳ס: „נרפּים אתם״ . . .). מעגלעך, אַז זיי האָבן פריער אויסגעלאַכט דעם שבת, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט זיך דער מנהג פאַרשפּרייטן אין זייער לאַנד און זייערע קנעכט און דינסטן וועלן פאַרלאַנגען א רו־טאָג.[3]

די באַציאונג צו פרעמדע איז ביי די רוימער געווען ניט בעסער ווי ביי די גריכן. אין ציצעראָ׳ס צייטן האָט עס געהאַלטן ביי א גזרה, אַז אַלע פרעמדע זאָלן פאַרלאָזן רוים.

די מאַסע, די פּלעבעער, האָבן קיין דעה ניט געהאַט. בלויז די רייכע, די סענאַ־טאָרן, האָבן באַשטימט די געזעצן וואָס זיינען געווען גוט פאַר זיי.

אין רוים, למשל, איז דער ענין צינזען־נעמען געווען א מכת־מדינה. די רייכע, וועלכע זיינען געווען די, וואָס האָבן געשטעלט שטייערן, האָבן געמאַכט אַלע פאַרזוכן ארויפצולייגן די שטייערן אויף דעם אָרימערן טייל פון פאָלק. דער וואָס האָט ניט געוואָלט צאָלן אַזעלכע הויכע שטייערן, האָט מען אים פון דער מלוכה

פאר׳משפט צו די ערגסטע סאָרטן שטראָף, אפילו צו טויט־שטראָף.

פאר ניט באַצאָלן די אומגעהויער שווערע שטייערן, האָט מען אין רוים גענומען פאר א משכון די פרוי און קינדער און זיי געשלאָגן מכת רצח. די לאַגע פון די אָרעמע איז געווען אומדערטרעגלעך.

וועגן דער ברוטאַליטעט צו קינדער אין אַלטן רוים איז איבעריק צו ריידן. עלטערן האָבן פשוט אויסגע׳הרג׳עט זייערע קינדער. א קינד, וואָס איז געווען אן עול פאַר די עלטערן, האָבן זיי עס געמעגט הרג׳ענען. ווען דער גענעראַל גערמאַניקוס איז גע׳סמ׳ט געוואָרן און רוים האָט נאָך אים געטרויערט, האָבן די רוימער, אלס סימן פון טרויער, ארויסגעטראָגן זייערע קינדער אויסערן שטאָט און זיי געלאָזט אויסגיין פון הונגער.

די עטיק און מאָראַל פון אלט רוים איז געווען אויפ׳ן נידעריקסטן שטאַפּל, ממש הפקר׳דיקער פון דער וואלד־חיה.

די מערב פעלקער האָבן איבערגענומען די שלעכטע מנהגים פון די כנענ׳ישע פעלקער. די געמיינקייט פון מזרח האָט געהערשט מיט מער ברייטקייט אין מערב. די ערגסטע פאָרמען פון אויסגעלאסנקייט האָבן געהערשט אין אלטן רוים.

אנדערש איז תורת משה, וואָס לערנט: „אזוי ווי די מעשים פון לאנד מצרים וואָס איר זייט דאָרט געזעסן, זאָלט איר ניט טאָן; און אזוי ווי די מעשים פון לאנד כנען, וואָס איך ברענג אייך אהין, זאָלט איר ניט טאָן; און אין זייערע חוקים זאָלט איר ניט גיין. מיינע געזעצן זאָלט איר טאָן און מיינע חוקים זאָלט איר היטן . . . [4]

וואָרים אלע די דאָזיקע אומווירדיקייטן האָבן געטאָן די מענטשן פון לאנד, וואָס פאר אייך, און דאָס לאנד איז געוואָרן אומריין . . . [5]

אויפן הארבסטן אופן, אסר׳ט די תורה שאנדהייזער. די תורה פאָדערט הייליקייט, ריינקייט, מאָראַלישקייט, עטישקייט.

משה רבנו האָט געצוימט דאָס יידישע פאָלק מיט די שטאַרקסטע עטישע גדרים, וועלנדיק פארמיידן אויסגעלאסנקייט, אוממאָראַלישקייט. ער האָט אפילו באַוואָרנט דעם מענטשנס קליידונג: „לא יהי׳ כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה[6] — אַז אויף אַ פרוי זאָל ניט זיין אַ בגד פון אַ מאַנספּערשוין, און אַ מאַנספּאַרשוין זאָל ניט אָנטאָן אַ קלייד פון אַ פרוי; וואָרום אַן אומווירדיקייט ביי גאָט איז איטלעכער וואָס טוט דאָס . . .

די איינציקע ליבעס־פּאָעמע אין תנ״ך, שיר השירים, איז לויט מפרשים — די סימבאָלישע שירה צווישן כנסת ישראל און השם יתברך, אָבער אפילו לויט די ראַציאָנאַליסטן־פּאָרשער און ביבל־קריטיקער, איז עס די געזונטע, הייליקע אידילישע ליבע, אין וועלכער ס׳איז ניטאָ קיין רציחה, קיין שמץ פון זנות, קיין רמז פון פּאַרראַט, ווייל תורת משה, און די נביאים, ווילן דערהויבן דעם מענטשן מאָראַליש און במילא שאַפן די מאָראַלישע עטישע געזעלשאַפט — אויסוואָרצלען

פון מענטשן די ווילדע אינסטינקטן פון דער אור־חיה אין אים און במילא שטאַרקן זיין צלם אלקים, זיין גייסטיקייט, זיין מענטשלעכע דערהויבנקייט . . .

אין ליכט (בעסער געזאָגט: אין פינסטערניש) פון די טראַגישע פּאַסירונגען אויף אונזער זינדיק וועלט, שווימען ארויף פאַרשיידענע געדאנקען וועגן טויט און לעבן, וועגן אמת און שקר און וועגן אונזער וועזן בכלל.

ב. אמת וואָס שפּראָצט פון דער ערד. — „גדלות המוחין" און „פרדס" פון וויסן. — אַלמענטשלעכקייט און תכלית'דיקייט.

דאַרף מען טאַקע זיך גוט אָנגורטן צו קאָנען זיך דערהויבן צו „גדלות המוחין", צו פאַרטראַכטן זיך וועגן די „דברים העומדים ברומו של עולם".. פיר זיינען אריין אין „פרדס" פון וויסן און נאָר איינער איז ניצול געוואָרן, נאָר ר' עקיבא „נכנס בשלום ויצא בשלום". בן זומא האָט „געקוקט", איז ער געוואָרן געשלאָגן. און אחר איז דאָך געווען „קיצץ בנטיעות"[1].

מען דאַרף באַזיצן דעם גוואַלדיקן פאַרשטאַנד, די מערקווירדיקע באַנעמונגס־קראַפט, די גבורה, צו קענען אויפפּאַסן און זיך פאַרטיפן אין די נסתרות. פליט מען שוין ארויף אין די הויכע געדאנקען־ספערן, אין דער הימל־וועלט און מען מיינט, אז מ'האָט געפונען דעם שליסל צום אמת, ערשט דעמאָלט פאַלט מען ארונטער; מ'ברעכט שיער האַלז־נאַקען, זוכנדיק דעם אמת, וואָס ליגט גאָר טיף באַהאַלטן אין דער אדמה. „אמת מארץ תצמח".

ערשט דעמאָלט דערפילט מען דעם ווייטיק פון דעם ארויפקלעטערן און נאָך מער פון דעם ארונטערפאַלן.

אין דער צייט, ווען גאָט איז געקומען באַשאַפן דעם מענטש — דערציילט דער מדרש — האָבן זיך, ווי מיר האָבן שוין אין פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט, די מלאכים געטיילט אין צוויי גרופּן. טייל האָבן געזאָגט מען זאָל אים, דעם מענטש, ניט באַשאַפן. א טייל האָבן געזאָגט מען זאָל אים יאָ באַשאַפן. דער אמת האָט געזאָגט: „אל יברא" — מען זאָל אים ניט באַשאַפן, ווייל ער איז בלויז שקר . . . וואָס האָט גאָט געטאָן? ער האָט גענומען דעם אמת און אים ארונטערגעוואָרפן אויף אָט דער ערד. ווי דער פסוק שרייבט: „ותשלך אמת ארצה"[2]. טייטשט דערויף מיין רבי הרב יהודה־לייב גרוויבאַרט ז"ל, אז ער האָט געהייסן דעם אמת עפּעס אויפטאָן אויף דער וועלט, דאַן וועט ער האָבן רעכט דאָס צו קריטיקירן . . .

דער אמת מוז פריער אויפטאָן, באַווייזן וואָס ער קאָן און וואָס ער וויל. פריער מוז הערשן אמת אויף דער וועלט. נאָכדעם קאָן קומען דער צדק, דער יושר. ווען עס איז „אמת מארץ תצמח", דערמאָלט קאָן זיין „צדק משמים נשקף"[3]. דער אמת מוז זיך פריער מקריב זיין פאַר אמת און אַבסאָלוטן יושר און צדק, דעמאָלט וועט שוין אויך קומען דער אַבסאָלוטער שלום, „אמת ושלום נשקו"! דאַן וועט דער קיום פון דער וועלט געזיכערט ווערן, „כי אמרתי עולם חסד יבנה"[4].

ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט: „אויף דריי זאכן דערהאלט זיך די וועלט: א. אויף אמת; ב. אויף גערעכטיקייט; ג. אויף שלום. אזוי ווי עס איז געזאָגט: „אמת, גערעכטיקייט און שלום זאָלט איר ריכטן אין אייערע טויערן״.

ס׳זיינען פאראַן אמת׳ן לויטן דור, לויט דער צייט און לויט דער וועלט, כאָטש ניט אינגאנצן אמת׳דיק.

דער נביא מוז אָבער זיין אמת׳דיק. „רשום בכתב אמת״ האָט מען געזאָגט צו דניאל׳ן[5]. משה רבינו, דער גרעסטער פון דער מענטשהייט האָט דאָך געבעטן ביים רבונו של עולם צוויי בקשות: ער זאָל אים ווייזן זיך און זיין אמת.

תורת משה איז באגרינדעט אויף אמת — „ראש דברך אמת״[7]: תורה שבכתב, הויבט זיך אָן מיט „אנכי״; די משנה מיט „מאימתי״ און דער תלמוד מיט „תנא״ — צוזאמען אמת. צוליב דעם אמת, וואָס נעמט ארום דעם תנ״ך, איז ער געוואָרן דער ספר הספרים, פארשפּרייט צו ווערן אין מיליאָנען עקזעמפּליארן אין אלע לשונות — געוואָרן די אוניווערסאַלע תורת אמת.

אמת איז, אז דער טערמין אמת איז א רעלאטיווער, דערצו נאָך, ווען דאָס וואָרט ווערט באנוצט אלס שם התואר, אלס אַן אַדיעקטיוו. דער אמת איז קאָמפּליצירט . . . גאָט׳ס אמת איז העכער פון אונזערע באגריפן, ווי דער רמב״ם גיט דעם משל וועגן זיין רעלאטיווקייט: דער וואָס וועט גלויבן, אז ראובן שטייט, בעת ער זיצט, איז ער נאָך ניט אוועק פונם אמת, ווי דער וואָס גלויבט, אז דאָס פייער איז אונטער דער לופט, אָדער אז דאָס וואסער איז אונטער דער ערד וכדומה[8].

אין אלטערטום איז אָנגעגאנגען א קאמף צווישן יידישן און גריכישן קוק אויף וועלט־באשאַף, מענטש און לעבן. דער יידישער קוק איז דער מאָנאָטעאיס־טישער; דער גריכישער־פּאָלאָטעאיסטישער. ביי יידן: איינהייטלעכקייט, האר־מאָניש; איין גאנץ באשאפונג, פון איין גאָט פאר איין מענטשהייט. די „מעשה בראשית״ גיסן זיך צוזאמען הארמאָניש, זיינען אָרגאניש צוזאמענגעוואקסן.

ביי די גריכן: צעריסנקייט, צעפּיצלטקייט און צערפּערטלטקייט, דיסהארמאָניע. ניטאָ די פארבינדונגס־קראַפט, ניטאָ די תכלית־אידייע.

ביי יידן פארנעמט דער נביא דעם אויבנאָן: דער נביא זוכט איינהייטלעכ־קייט; ער פּריידיקט ברידערלעכקייט, ליבשאפט ניט בלויז פאר יידן נאָר פאר דער גאנצער וועלט, ווייל „חביב אדם שנברא בצלם״[9]. אלטרואיזם איז ביי אים א פּרינציפּ.

ביי די גריכן פארנעמט די קונסט, דער קינסטלער, דאָס ערשטע אָרט. דער קינסטלער זוכט שוין ניט דאָס איינהייטלעכע, דאָס תכלית׳דיקע, דאָס אמת׳דיקע. ביי אים איז דער עקסטאז דער עיקר. ער איז פאר׳שכור׳ט פון דער עמאָציע. דער אלט־גריכישער קולט באשטייט פון סקולפּטור, פּלאסטיק, פון באצירן דאָס אויסער־לעכקייט פונם קערפּער; ארויסצורופן רייץ און ליידנשאפט. יופּיטער טראָגט אויפן

אָלימפּוס און באַפרידיקט די זינלעכע געפילן, די ווענוס איז די געטין פון ליבע, געניוס, תאווה׳דיקייט, פּרעכטיקייט א.א.וו.

דאָס גריכנטום איז מאַטעריאַליסטיש, עגאָאיסטיש; דעריבער אזא פאַראַכ־טונג צו פרעמדע! די „העלענען" האסן די „באַרבאַרן". דאָס גריכנטום וויל ניט וויסן פון אַלמענטשלעכקייט, פון אמת. דאָס גריכנטום וויל ניט אנערקענען, אז די הויפּט זאך איז דער אמת, דאָס פנימות׳דיקע. ניט אומזיסט דריקט זיך אויס אונזער גרעסטער משורר אין מיטלאַלטער ר׳ יהודה הלוי: „ואל ישיאך חכמה יונית, שאין לה אלא פרחים".

די יידישע חכמים דאַקעגן האָבן שטענדיק גענומען פון דאָס אינעוויניקסטע, פון דאָס אינטואיטיווע. דעריבער אז מען זעט א יידישן חכם מאַכט מען די ברכה „ברוך שחלק מחכמתו ליראיו", ווייל זייער חכמה קומט פון דער נשמה פונם „חלק אלקי ממעל". די חכמים ביי די אומות העולם נעמען פון אויסערלעכע באַטראַכטונ־גען, פונ׳ם „זען", דעריבער אז מען באַגעגנט זיי, מאַכט מען די ברכה, „שנתן מחכמתו לבריותיו", ווייל זייער חכמה איז די מענטשלעכע „געגעבענע" . . .

פּלאַטאָ׳ס מלוכה, באַזירט אויף עסטעטיק, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין „רעפּובליק", איז אָפּגעפרעגט געוואָרן אפילו פון זיין תלמיד אַריסטאָטל, וועלכער האַלט אז דאָס קאָן בלויז זיין אַן אילוזיע, אז א מדינה זאָל זיין בלויז אין די הענט פון די חכמים־עסטעטיקער און ס׳פאָלק זאָל גאָר קיין ראָלע ניט שפּילן . . .

א יידישע מדינה, לויט דעם יידישן באַגריף, דאַרף זיין באַזירט אויף עטיק, אויף צדק, אויף שלום! דאָס יידישע געזעץ איז באַזירט ניט בלויז אויף צדק, נאָר אויף לפנים משורת הדין.

ביי יידן פאַרנעמט דאָס גייסטיקייט דעם אויבנאָן. די נשמה רעגירט איבערן קערפּער. גאָט איז אן „אל אלקי הרוחות", ער טוט אכטונג אויף דאָס נשמה׳דיגע, אויפ׳ן גייסט. אויב ניט די עטיק און מאָראַל איז דאָך די גאַנצע בריאה גאָרנישט ניט ווערט.

אָט דער שטאַנדפּונקט איז איבערגעגאַנגען בירושה דורך דער גייסטיקער אַטמאָספערע־קאַנאַלן ביז אונזער צייט. ביזן היינטיקן טאָג זיינען יידן מבטל סתם אזוי שפּילן און צאַצקען זיך, פון ריין עסטעטישן פאַרגעניגן. דאָס ווערט באַטראַכט פאַר „דברים בטלים". יידן זוכן תכלית!

יידישע ליטעראַטור, אַלטע און נייע, האָט קיינמאָל ניט אַוועקגעקוקט פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, פון האָבן א ציל, א נביאיש־באַוואוסטזיניקן און ניט בלויז א קינסטלערישן. אפילו די קלאַסיקער פון דער נייער ליטעראַטור, שאַפנדיק די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט קירעווען דעם ייד׳ס באַוואוסטזיין; מאָביליזירן גייסטיק די יידישע געזעלשאַפט. אויף א קינסטלערישן אופן האָבן זיי באַלויכטן דעם יידישן האָריזאָנט, קירסטאַליזירט יידישע טיפּן,

געשילדערט די יידישע עדה און ארויסגעבראַכט דאָס אייביק מענטשלעכע, וואָס איז באהאלטן פון אונטער אונזער אלטן בגד.[10]

אונזער עטיק איז אוניווערסאַל, כוללדיק, אנערקענט „בחירה חפשית" און דערצו דעם „עין רואה", דאָס אויג, וואָס קוקט און זעט, און אז די געטלעכע קראַפט איז אין אלץ און קאָנטראָלירט אלץ, אין דער בחינה פון „כבודו מלא עולם"[11] און במילא מוז דער מענטש לעבן מיט מחשבה און מיט חשבון . . .

און צום סוף א וואָרט פון איינעם פון אונזערע פאַרשער[12], אז „ווען א מענטש איז באמת רעליגיעז, ניט בלויז א בלינדער נאָכפאָלגער פון אינסטיטוציאָנעלער אמונה, איז ער טאָלעראַנט: ער קאָן פארליידן, סובל זיין . . . און איז געדולדיק . . . א מענטש איז טאָלעראַנט, ווען ער גלויבט, אז אלע מענטשן זיינען גאָטס קינדער און אלע באשעפענישן זיינען מעשי ידיו . . . דער ווירקזאַמסטער מיטל צו טאָלעראַנץ איז א טיף־עטיש־רעליגיעזע דערציאונג, וואָס פלאַנצט איין אין מענטשן אן עקל צו מאַכט, צו שפיכת דמים, א שונא צו גוואַלד־מעשים און אן איבערגע־געבנקייט צו א הייליק־פרידלעך טאָג לעבן. מיר יידן האָבן עס באוויזן אין משך פון דורות אין אונזער פאָלקס־לעבן. דעם טראָפּ האָבן מיר געשטעלט אויף גייסטיקער גבורה . . . יידישע דערציאונג איז ניט געווען קיין אקומולאַציע פון פאַקטן, נאָר א תורה, וואָס האָט געוויזן א לעבנס־וועג".

דער אָביעקטיווער אמת ווענגן יידישער רעליגיע איז, אז זי צוימט ניט דעם מענטשנס וויסן, דעם מענטשנס אַנטוויקלונג, דעם מענטשנס אינטעלעקט . . . זי העלפט אים אין זיין דענקען און טראַכטן. אין דעם באשטייט דער תוך פון איר שטאַרקייט.

ג. ערדישע גליק דורך הימלישע געזעצן. — איין תורה פאַר אַלעמען. — רעליגיאָזיטעט וואָס באַווירקט.

כדי צו פאָרמולירן די תנ"כ'ישע קאָנצעפּציע פון סאָציאַלן יושר, די פּרינציפּיעלע און טעאָרעטישע איינשטעלונג פון תורת משה און די נביאים, איז גענוג בלויז צו דערמאָנען איין־און־איינציקן דעוויז — און אלץ ווערט קלאָר. עס ווערט קלאָר אפילו פון וואַנען און פון וועלכן קוואַל די סאָציאַלע גערעכטיקייט שעפּט און ציט יניקה „קדושים תהיו . . . כי קדוש אני!"[1] געטלעכע הייליקייט!

פון אָט דער קדושה קוועלט ארויס די יידישע עטיק, די באזע פאַר דעם יידישן געזעץ, די באזע פון דער סאָציאַלער געזעלשאַפטלעכער אויפפירונג; די באזע פאַר יידישער ציוויליזאַציע . . .

תורת־משה איז ניט דער איינציקער אוראַלטער קאָדעקס־בוך פון געזעצן און מאָראַל. דער „האַמוראַבי" פון וועלכן א סך לערנען געזעצע און מנהגים איז געשריבן געוואָרן א סך פריער. תורת משה, מיט זיין מאָראַל און עטיק ווי געגעבן פון גאָט ביים באַרג סיני האָט אָבער געשאַפן א נייע ציוויליזאַציע, א „תורת חיים", וועמענס

היטער איז ניט דער ריכטער, ניט דער שטאַאַט, ניט די פּאָליציי, נאָר די מורא פאַר גאָט, דאָס מענטשלעכע געוויסן. א נייער אקט איז עס געווען דער „מתן תורה" מיט זיין קאָדיפיקאציע פון געזעץ־פארנעם סיי אין דער אנטיקער וועלט, סיי אין דער מאָדערנער.

עס איז די תורה וואָס האָט צוזאַמענגעפּאָרט אום׳פּשרה׳דיקע מענטשנליבע מיט גאָט־ליבע: „ואהבת לרעך כמוך", גייט סינטעטיש־פּאַראַלעל מיט „ואהבת את ד׳ אלקיך" און זיי פאַרנעמען אין דער תורה דעם זעלבן אָרט ווי די פון ואלה המשפטים־געזעצן, די געזעצן פון „לא תגנובו ולא תכחשו ולא תשקרו איש בעמיתו . . ." ווייל איבער זיי אַלע הענגט דער דעוויז: קדושים תהיו — כי קדוש אני! א שלימותדיקע קדושה, ווייל זי איז אַן אָפּשפּיגלונג פון קדושת השם.

די הייליקייט, ווי מיר האָבן אין א פריערדיקן קאפּיטל באַוויזן, דאַרף זיין אין אַלץ וואָס דער מענטש טוט, אפילו אין זיינע גשמיות׳דיקע, חומריות׳דיקע עיקרים, אפילו אין עסן און טרינקען דאַרף זיין און ס׳קאָן זיין קדושה.

אין אָנהויב — זאָגט א תלמודישע אגדה — זיינען די יידן געווען געגליכן צו די הינער, וואָס האַלטן א גאַנצן טאָג אין פּיקען, ביז עס איז געקומען משה און האָט זיי באַשטימט די צייטן פון עסן . . . "

„מ׳קאָן עסן־פרעסן ווי א בהמה און מ׳קאָן טאַקע עסן ווי א מענטש". די סעודה קאָן ווערן געהייליקט ניט בלויז דורך רעליגיעזן ריטואַל, נאָר דורך פאַרבינדן דאָס עסן מיט העכערע ענינים, מיט תורה אָדער גמילת חסדים, מיט בצבור׳דיקער, יום־טוב׳דיקער און שבת׳דיקער סעודה און — דורך „קדש עצמך במותר לך"[2].

„דריי, וואָס האָבן געגעסן ביי איין טיש, און האָבן דערביי ניט גערעדט קיין דברי תורה — זאָגט ר׳ שמעון בן יוחי — איז געגליכן ווי זיי וואָלטן געגעסן פון „זבחי מתים" . . . אָבער ווען דריי האָבן געגעסן ביי איין טיש און האָבן דערביי גערעדט פון דברי תורה, איז עס געגליכן ווי זיי וואָלטן געגעסן פון דעם טיש פון גאָט ברוך הוא."[3] דער טיש, אויף וועלכן מען עסט און מ׳רעדט תורה איז ווי דער טיש פאַר גאָט, „וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ד׳"[4]. ביים עסן דאַרף מען טראַכטן וועגן העכערס, ווי קערפּערלעכע פאַרגעניגנס . . .

די אַלגעמיינע רעליגיעזע סעודות ביי יעדער דבר מצוה טראָגן מיט זיך דעם סימבאָל פון הייליקער ברידערשאַפט; זיי שאַפן אָפּ די אינדיווידואַליסטישקייט פון מענטשלעכן כאַראַקטער, געוויינען אים צו, צו דער געזעלשאַפטלעכקייט, צו געמיינשאַפטלעכע, ברידערלעכע באַציאונגען צום מיט־מענטש[5].

די קדושה פון יום־טוב, דער „מקרא קודש" פון תנ"ך, האָט אויסער די רעליגיעזע, ריטועלע פּרינציפּן געהאַט גאָר וויכטיקע סאָציאַלע פונקציעס — די פרייד און יום־טוב׳דיקייט פאַר אַלע שיכטן און קלאַסן:

„זאָלסט זיך פרייען פאַר דיין גאָט — דו, דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, דער לוי און דער פרעמדער, דער יתום און די אלמנה וואָס וואוינען מיט דיר . . . און דו זאָלסט געדענקען, אז אויך דו ביזט אמאָל געווען א קנעכט אין לאַנד מצרים."[6]

דער פאַרלאַנג פונם ייד איז: ממלכת כהנים און גוי קדוש. דאָס גאַנצע פאָלק — א פאָלק פון כהנים, א הייליק פאָלק! דאָס יידישע הויז דאַרף זיין הייליק און דער יידישער טיש — א מזבח! סינטעטישקייט פון כהונה און קדושה!

א כהנים־פאָלק מיט סאָציאַלער געמיינשאַפט און חברשאַפט — דאָס איז געווען א נייער תורה־דרך צו שאַפן דעם נייעם מוסטער־מענטש מיט דער נייער מוסטער־ציוויליזאַציע.

אזוי איז ביים באַרג סיני פּראָקלאַמירט געוואָרן גאָט'ס קעניגרייך אויף דער ערד; זיינע מאָראַלישע געזעצן און זיין וועלט־אָרדענונג פאַר דער מענטשהייט — געזעצן וואָס פאַרפּליכטן אַלעמען אָן אונטערשייד, פונם קעניג ביזן פּאַסטוך; געזעצן גילטיק פאַרן יחיד און פאַרן כלל. ניט אומזיסט ווערט געזאָגט, אז דער, וואָס געניסט פון א סעודה, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך תלמידי חכמים, איז, ווי ער וואָלט געניאָסן פון שכינה־לויטערקייט, ווי ער וואָלט געזעסן פאַר גאָט . . . אויך אין עסן איז דאָ קדושה און דערהויבנקייט . . .

דער רעליגיעזער מאָראַלישער געוויסן איז געווען דער כח פונם נביא, אין זיין באַקעמפן די אוממאָראַלישע מעשים פון דער מאַכט. אזוי נתן הנביא, אזוי אחיה השלוני און אזוי אליהו הנביא, וועלכער שרייט אויס צום קעניג אחאב: הרצחת וגם ירשת! דו האָסט געמאָרדעט און גע'ירשנ'עט! . . . ביים בית שני און נאָכן חורבן איז דער קאַמף פאַר דער מאָראַלישער גאַנצקייט געפירט געוואָרן פון די פּרושים, סנהדרין און חכמי התלמוד, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט זייער שאַרף קעגן דער מאַכט, וואָס צווינגט דעם מענטשן צו האַנדלען קעגן זיין געוויסן און קעגן דעם געבאָט פון זיין שעפער.[8]

„די באַגריפן פון עטישן צדק און גערעכטיגקייט — דריקט זיך אויס הרב מ. א. עמיאל — שטאַמען אָפּ פון איין מקור, פונם מקור: „מה הוא אף אתה", אזוי ווי ער איז רחום, אזוי דו; אזוי ווי ער חנון, אזוי דו — און אזוי ווי גאָט טוט משפּט, אזוי דאַרפסטו מענטש, משפּט . . ." דאָס געזעץ איז ניט באַזירט בלויז אויף תיקון העולם אָדער תיקון המדינה — עס שטאַמט פונם אַבסאָלוטן משפּט, פונם צדק־מוחלט, פונם מקור און העכערן באַגריף פון קדושה.

די איינפאַכע געזעצן, די טעגלעך־אַקטועלע זיינען דעריבער אויף דער זעלבער מדרגה ווי די הויך מאָראַלישע. לא תגנוב, וואָס איז עלעמענטאַר, קומט אין די עשרת הדברות צוזאַמען מיטן „לא תחמוד", וואָס האָט א גאָר הויכן עטישן ענד־ציל, און וואָס ניט אַלע באַגרייפן עס, ווי די בעלי התלמוד דריקן זיך אויס: „לא תחמוד לאינשי בלא דמי משמע להו.[9]

דער סאָציאַלער יושר איז דאָמינירנדיק, אַפילו ווען דער טרוקענער דין וואָלט אַנדערש פאַרפליכטעט צו טאָן. דער תלמוד[10] דריקט זיך אויס, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן, ווייל זיי האָבן באַזירט זייער גערעכטלעכן פאַרקער אויף דעם דין פון דער תורה און ניט געוואָלט איינגיין אויף אַ נויטיקן קאָמפּראָמיס אין דער סאָציאַלער אַנגעלעגנהייט. אויף אַן אַנדער אָרט[11] ווערט געזאָגט, אַז די געוועלבער פון בית הינו, ביי ירושלים, זיינען חרוב געוואָרן דריי יאָר פאַרן חורבן אויך צוליב דעם „שהעמידו דבריהם על דברי תורה . . .”

דער דין פון פשרה ביים משפט, ווערט באַטראַכט אַלס אַ מצווה, אַלס אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט, ווייל דורך דעם ווערט געזיכערט דער משפט צוזאַמען מיטן שלום[12] און מ'איז מקיים די מצוות עשה: „ועשית הישר והטוב”[13]. דער יושר ווערט דין.

און נאָך אַ וויכטיקער סאָציאַלער מאָמענט אין פּראַצעס פון יוריספּרודענץ:

ביי יידן ווערט דער משפט געשטעלט העכער פון דער מלוכה, העכער פונם מלך, העכער פון שטאַט. יעדער ייד, אָן אונטערשייד פון קלאַס אָדער שיכט, איז אונטערוואָרפן דעם געזעץ. דער פּרינציפּ פון „דינא דמלכותא — דינא”, איז בלויז אַן אַקסיאָמע ביי מלכי עכו"ם, אָבער ניט ביי מלכי ישראל, וואו דער קעניג איז, וואָס שייך דעם משפט, ניט העכער פונם געוויינטלעכן ייד[14]. דער עטיש־סאָציאַלער יסוד פון אונזער יורי איז דער „משפט אחד יהי' לכם!”

אַלע קלאַסן, אַלע שיכטן, אָרעם און רייך — אַלע האָבן די זעלביקע רעכטן, ווערן געשיצט פון דער אַבסאָלוטער תורה־גערעכטיקייט, וואָס אַכטעט ניט אַפילו דעם קעניג דוד, דעם „נעים זמירות ישראל”, ווען ער באַגייט אַ פאַרברעכן און שוינט ניט דעם אָרעמאַן, ווען ער ווערט געפונען שולדיק. אויף דעם פּסוק „והאלקים יבקש את הנרדף”, זאָגט דער מדרש[15] „לעולם אלקים מבקש את הנרדף, בין צדיק רודף צדיק; בין רשע רודף רשע, בין רשע רודף צדיק, ואפילו צדיק רודף רשע” . . . וואו נאָר ס'כאַפּט זיך אַריין עגאָאיזם און זעלבסטבאַ־פרידיקונג, אויפן חשבון פונעם אַנדערן, זוכט די תורה דאָס אויסצוואָרצלען און צו באַקעמפן.

די יידישע קאָנצעפּציע וועגן כלל און פּרט אין דער געזעלשאַפט איז, אַז דער כלל, מוז אַמאָל זיך מוסר נפש זיין, ריזיקירן, מוותר זיין אויפן כלל־לעבן, כדי צו באַשיצן דאָס לעבן פון יחיד. אויב גויים — ווערט גע'פּסק'ענט — באַפעלן:

ד. דיין לעבן און יענעמ'ס. — יחיד פאַר זיך און פאַר דעם צבור. — ניט אַריינ־רוקן זיך אין פרעמדע גרע־נעצן.

גיט אונז אַרויס איינעם פון אייך, אויב ניט וועלן מיר אייך אַלע הרג'ענען — זאָלן זיי זיך אַלע אי־בערגעבן צו הריגה און ניט איבערגעבן דעם פאַרלאַנגטן[1]. און אויב רבי עקיבא דריקט זיך אויס אין זיין פּאָלעמיק מיט בן פטורא וועגן צוויי, וואָס זיינען געווען אונטערוועגנס און איינער האָט

געהאַט אַ קרוג וואַסער וואָס ער איז נענוג בלויז פֿאַר איינעם און אויב ביידע וועלן פֿון אים טרינקען, וועלן זיי ביידע שטאַרבן, אַז דער איינער איז ניט מחויב געבן דעם צווייטן ווייל: „וחי אחיך עמך—חייך קודמים"[2]. בן פטורא האַלט: „ישתו שניהם וימותו . . . „ביידע זאָלן טרינקען און זאָלן זיי שטאַרבן. דאָס איז בלויז אויפֿן נעגאַטיוון שטייגער — אָבער פּאָזיטיוו דאַרף אַפילו דער כלל זיך איבער־געבן צום טויט, ניט אַרויסצוגעבן זייער חבר[3]. (וועגן „שלך קודם" פירט אויס די גמרא — „סוף בא לידי כך").

דער יידישער באַגריף פֿון צדק איז צו געבן די פֿולסטע פֿרייהייט צום יחיד, צו געבן אויסדרוק צו דעם ווילן און שטרעבן פֿונם אינדיווידועלן מענטש און גלייכצייטיק זען, אַז ער זאָל נישט שטערן די תקנות און דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿונם קאָלעקטיוו.

דער „יחיד", וואָס גלויבט אינם „יחיד ומיוחד", דאַרף האָבן דעם געפֿיל פֿון זיין יחידיש־וויכטיקייט, אין זיין יחידישן עקזיסטענץ אַלס טייל פֿונם קאָלעקטיוו, פֿונם פֿאָלק, פֿון דער געזעלשאַפֿט — ווי האָט געזאָגט דער קאָצקער: אין איין קעשענע ואנכי עפר ואפר און אין דער צווייטער בשבילי נברא העולם . . .

די תורה זיכערט אויך דאָס געוויסן־פֿרייהייט פֿון דעם אינדיווידיאום, מיט אַלע פֿאָלגן און טענדענצן פֿון ציווילע און לעגאַלע פֿרייהייטן, סיי אין דער ספֿערע פֿון קאָנקרעטן און סיי אין דער ספֿערע פֿון אַבסטראַקטן אידעאַליזם. זי ברייטערט דערמיט אויס די פּערספּעקטיוו און דעם בטחון פֿונם מענטש; זי פֿירט אַרויס זיין דענקערישן וועלט־באַנעם, זי אַנטפּלעקט דעם דענקערישן עלעמענט אינם מענטש: די אינסטינקטיוו־אויפֿגעגאַנגענע און די רעפֿלעקסיוו־דערקענטעניש פֿון זיין נשמה. זי אַנטדעקט, ברייטערט אויס און קאָנטראָלירט דאָס אוניווערסאַלקייט אינם מענ־טשענס פּסיכיק און דערהויבט עס צו דער מדרגה פֿון לתקן עולם במלכות שדי.

די תורה רעדט צום מענטשן, צום יחיד, ווי צו אַ וועלט פֿאַר זיך און אין זיך. אַן „עולם מלא", וואָס איז אָרגאַניש באַהאַפֿטן מיט דער גרויסער אוני־ווערסאַלער וועלט, וואָס איז אַ טייל פֿונם גאַנצן קאָסמאָס. אויב מ'האָט אמת'ע אהבה צו גאָטס־מענטש, האָט מען די ליבשאַפֿט צום וועלט־אַל, צו דער באַשאַפֿונג פֿון גאָטס וועלט, מען דערגרייכט צו דער מדרגה פֿון אהבת השם, ווי דער מהר"ל מפּראַג דריקט זיך אויס: „כי מי שהוא אוהב את האחד, אוהב את כל מעשה ידיו אשר עשה ופעל"[4]. און ווייל דער מענטש איז אַן „עולם" פֿאַר זיך, און דאָך אַ טייל פֿון דער גאַנצער בריאה, ווערט אין תנ"ך און אין תלמוד געפֿאָדערט די הייליקייט אין מענטשנס לעבן, די ליבשאַפֿט פֿון און צום מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך און אין זיך דעם „צלם אלקים", ווי רבי עקיבא בן יוסף, וועלכער האָט פֿאַר דורות פֿאַרפֿלאַנצט מענטשן־ליבע און אָנגעצייכנט דעם וועג פֿון ליכטיקייט, יושר און צדק — האָט קיין שטאַרקערן אויסדרוק ניט געקענט געפֿינען ווי „חביב אדם שנברא בצלם"[5] און ווי דער מאמר איז אַזוי קלאָר אינטערפּרעטירט געוואָרן פֿון

זיינע פילאָזאָפישע נאָכפאָלגער ביז אונזער צייט: „חביב אדם — מכל עם, מכל דת, מכל מעמד".

דער זעלביקער פארבאָט בנוגע דאָס באַגזל'ן דעם יחיד איז אויך חל אויף דעם רבים, בנוגע דאָס אוזורפירן פרעמדע לענדער. נאציאָנאַלע גרענעצן זיינען נאָך פעסטגעשטעלט געוואָרן אין דער צייט פון נח, נאָכ'ן מבול, לויטעט א יידישע אגדה6 און דערפאר, וואָס די זיבן כנענ'ישע פעלקער האָבן עובר געווען אויף דעם פארבאָט ,איז די יידן דערלויבט געוואָרן צו אָקופּירן זייער לאַנד.

אין קדושה פון לעבן, האָבן די נביאים און שפּעטער די חז"ל געזען דעם ענטפער צו דעם טראגיזם פון מענטשלעכן מין, וואָס איז אזוי קאָשמארנע און זינלאָז; אין קדושה פון לעבן האָבן זיי געזען די מעגלעכקייט א סוף צו מאכן צום טיפן גרענעצלאָזן תהום צווישן די פּאָסטולאַטן פון הארץ און מוח פארשטאַנד. די מאטעריעלע הצלחה פון מענטש איז פארשטאנען געוואָרן ניט אלס רעזולטאט פון זיין חכמה, נאָר פון גאָט'ס ברכה און דעריבער דארף מען זיך ניט גרויסן מיט פארמעגן . . .

אין תנ"ך קומט צום אויסדרוק דער צער, צאָרן און פּראָטעסט קעגן דעם טראגיזם פון מענטשלעכן לעבן — איוב'ס ווייגעשריי, דער געשריי פון דער געטראָפענער, בלוטנדיקער, פארשקלאפטער מענטשהייט, וואָס האָט דורך יאָר טויזנטער זיך געהויבן צו די הימלען:

„פארוואָס בלייבן לעבן די רשעים, ווערן אַלט און שטארק אין קראפט . . .

„זיי צעשטערן די גרענעצן, זיי רויבן די פי־סטאדעס און זייערע פיטערער . . .

די אָרעמע שטויסן זיי אָפּ פון וועג און די עלנטע מוזן זיך באהאלטן . . .

„צווישן די מויערן פּרעסן זיי דעם אייל, זיי טרעטן דעם וויין אין קעלער

— און אליין מוזן זיי אויסגיין פאר דורשט. זיי קרעכצן אונטער זייער הארטן דינסט . . ."

יידן זיינען דורכגעגאנגען אלע עקאָנאָמישע געזעלשאפטלעכע פאָרמאציעס. אלע רעוואָלוציעס פון דער אנטיקער, פעאָדאלער און קאפּיטאליסטישער וועלט, דורכגעווייטיקט אלע סאָציאלע דערשיינונגען און פעלקער־מלחמות. זיי זיינען געווען די ערשטע ארויסצוקומען מיט אזעלכע דאָקטרינען, וואָס זאָלן שאפן די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן גובר צו זיין די גורמים פון אונטערדריקונג, שקלאפעריי, נויט, הונגער און מלחמות.

אין דער עוואָלוציע פון מענטשלעכן פאָרשריט, זיינען יידן געווען די ערשטע אינם קאמף פאר דעם רעכט פון יחיד אין דער געזעלשאפט, און פאר דער פרייהייט פון דער געזעלשאפט.

אויך אין דער מאָדערנער צייט האָבן יידן ארויסגעטראָגן דעם אלטן ווייגעשריי: „פארוואָס בלייבן לעבן די רשעים . . ." און געזוכט וועגן ווי צו מאכן א סוף צו דעם טראגיזם אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אין יאָר 1856 האָט קאַרל מאַרקס אַ געשמדטער ייד, וווייט פון יידישן וויסן, זיך אויסגעדריקט:

„אין אונזער עפּאָכע איז יעטוועדע זאַך אַזוי ווי זי וואָלט געווען טראַגעדיק מיט איר קעגנזאַץ. מיר זעען, ווי די מאַשין, באַשאָנקען מיט דער וואונדערלעכער קראַפט פון פאַרקירצן די מענטשלעכע אַרבעט און הויבן איר פּראָדוקטיוויטעט; געבויערט הונגער און פאַרמאַטערטקייט; ניי־אַנטדעקטע רייכטום־קוואַלן פאַר־וואַנדלען זיך עפּעס, ווי דורך אַ קללה פון גורל אין קוואַלן פון נויט . . .[7]

זיין דיאַגנאָז איז אָבער ווייט־ניט דער יידישער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט קדושה און אייביק־געטלעכקייט, וואָס זוכט פעסטצושטעלן דאָס גליק און וואויל־שטאַנד פון יעדן יחיד פונקט ווי דעם קאָלעקטיוו, דעם רבים . . . דער וועג וואָס פירט צו אַ העכערער עטישער הימלישער געזעלשאַפט אויף אונזער ערדישער וועלט. דער וועג, וואָס פירט צו דער עפּאָכע, פון וועלכער דער נביא האָט אַזוי שטאַרק גערעדט: „ביום ההוא ישליך האדם את אלילי כספו ואת אלילי זהבו...״ ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען מענטש וועט פאַרוואַרפן דעם מאַטעריאַליזם.

ניט אַ סטיכיש כאַאָטישער פּלאַנלאָזער אַנטלויף פון קאַפּיטאַל און זיינע נאָכפאָלגן, נאָר אַ טיפע באַוואוסטזיניקע מאָראַלישע דערהויבונג פון „לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם״, באַזירט אויף אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער פאַרווירקלע־כונג פון דער אחרית הימים לאָזונג:

מטהר זיין דאָס לעבן דורך אַרבעט און פּראָדוקטיוויזאַציע און עם הייליקן דורך תורה־קדושה. דורך געזעץ אַליין — באַווייזט דער רמב״ן — קאָן דער מענטש זיין אַ „נבל״, באַגיין גרויזאַמקייטן. נאָר דורך קדושה קאָן געזיכערט ווערן דער פאַרלאַנג פון „ועשית הישר והשוב״, וואָס פירט צום אידעאַל פון ישעיהו הנביא, וועלכער האָט געזען דעם אַנטפּלעקטן גרויסן טאָג:

„ראַמט אָפּ אין מדבר דעם וועג פון גאָט
גלייכט אויס אין דער וויסטע אַ שטעג פאַר אונזער גאָט.
יעטוועדער טאָל זאָל דערהויבן ווערן
און יעטוועדער באַרג און הויך זאָל דערנידערט ווערן;
און דאָס קרומע זאָל ווערן גלייך,
און די באַרגקייטן — אַ פּלוין.
און דער כבוד פון גאָט וועט אַנטפּלעקט ווערן,
און אַלע לייבער אינאיינעם וועלן זעען;
וואָרום דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט״[8].

אויך די מאָדערנע סאָציאַלע דענקער זיינען איבערצייגט, אַז מ׳דאַרף פריער דער־ציען דעם יחיד ווי אַ באַוואוסטזיניקן טייל פון דער געזעלשאַפט. מ׳דאַרף אים

דערציען אַלס אַ מענטש, וואָס זאָל זיין גרייט אויף אָפּפּערוויליקייט, אויך זיין פריי פון עגאָאיסטישער איינגעוואָרצלטקייט. ווי קאַרל מאַרקס (געבוירן טריער, דייטשלאַנד, מאַי 5, 1818; געשטאָרבן לאָנדאָן, מערץ 14, 1883) האָט געזאָגט:

ה. ווי צו דערציען דעם מענטשן. — בליק פון די מאָדערנע סאָציאַלע דענקער. — זייערע הנחות.

„דאָס העכסטע וועזן פאַר'ן מענטשן איז דער מענטש גופא, דאָס הייסט: מען מוז ענדערן ביז'ן גרונד אַלע פאַר־העלטענישן, אַלע באַציאונגען, וואָס מאַכן פונ'ם מענטשן אַ דערנידעריקט, אַ באַליידיקט, אַ געפּלאָגט וועזן".

ענדערן די געזעלשאַפט — ווי ער האָט געוואָלט — קאָן מען נאָר דורך ענדערן דעם יחיד, דורך דערהויבן דעם אינדיווידועלן מענטשן, ער זאָל זיין דורכגעדרונגען באַוואוסטזיניק און פילן אינטואיטיוו די וויכטיקייט פון איבערבויען די געזעלשאַפט אויף נייע יסודות.

מען קאָן ניט אַרויפצווינגען דורך גוואַלט, דורך געזעצן און פּאָליציי־זשאַנדאַרמען, אַ באַשטימטע סאָציאַלע אָרדענונג. מען דאַרף צוגרייטן די מענטשן, זיי זאָלן פאַרשטיין און האָבן די פעיאיקייט איינצואָרדענען דאָס אייגענע לעבן און שאַפן אַ גוטן איינפלוס אַרום זיך פאַר דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף וואָס מער פרייהייט, פרייער איניציאַטיוו, אָן שום סתירה צו דער צענטראַליזאַציע פון די רעגירונגס־אָרגאַנען.

דאָס מיינט אויך צו זאָגן, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס דעם מענטש דאַרף געגעבן ווערן די פולסטע מאָס פרייהייט און עקאָנאָמישע גלייכהייט, דאַרף נאָך אַלץ זיין די אויטאָריטאַטיווע מאַכט, וואָס זאָל באַשיצן די דאָזיקע פרייהייטן — אַ פראַגע וואָס האָט אַרויסגערופן די שאַרפסטע חלוקי־דעות אין סאָציאַליזם פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל צווישן באַקונין, פּרודאָן, קראָפּאָטקין א.א. פון איין זייט, און מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל א.א. פון דער אַנדערער זייט. צוויי ריכטונגען מיט ריזיקע אינטעלעקטועלע כוחות, וועלכע האָבן געוואונען גרויס אָנהענגערשאַפט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט צווישן די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע מאַסן פון אייראָפּע און נאָכדעם אויך אין אַמעריקע. די דערפאַרונג האָט געלערנט, אַז כדי צו זיכערן די פרייהייט און דעם סאָציאַלן קאָלעקטיוו, מוז מען האָבן די אויטאָריטאַטיווע שטאַט־מאַכט פונקט ווי דער שטאַט איז נויטיק פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און כאַראַקטער פון אַן עטנישער איינהייט, ווי בער באָראָכאָוו (1881־1917), דער אידעאָלאָג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם זאָגט אויף אַן אָרט:

„דער שוואַכער עלעמענט, אַ קלאַס אָדער אַ פאָלק, טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויפ'ן הומאַניזם, אויפ'ן יושר פון שטאַרקן. דאָס איז די הויפּט לערע פון סאָציאַ־

ליזם: די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס קען זיין נאָר זיין אייגן ווערק".

און ער פירט אויס, וואָס שייך דעם יידישן פאָלק:

„די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק, קען זיין נאָר זיין אייגן ווערק"[1]

דאָס, וואָס באַראַכאָוו זאָגט וועגן יידישן פאָלק, איז חל (פאַרשטייט זיך, נישט אין די זעלבע טערמינען) אויף יעדער קלענערער נאַציע, וואָס דאַרף זיך קאָנטראָלירן פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערלייזונג, וואָס דאַרף פון זיך אויסשמידן א כוח פאַר דעם פאַרווירקלעכונגס־פּראָצעס פון פּראָגרעס, פון אויפבוי פון איר נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלן צענטער.

אזא נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידירונג, אזא נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער שוואונג, קען נאָר געזיכערט ווערן דורך א געהעריק־דעמאָקראַטישער רעגירונג פון פאָלק פאַר'ן פאָלק.

אמת, אין א ווייטערן עוואָלוציאָנערן פּראָצעס קאָן די פאַראייניקונג קומען דורך א קולטורעלער פאַרבונדנקייט פון שפּראַך, אידייען, אידעאַלן און לעבנס־שטייגער און ניט דורך דעם פּאָליטיש־נאַציאָנאַליסטישן סיסטעם און מאַכט־צענטראַליזאַציע. אָבער פריער פאַר אַלץ איז נויטיק צו דערהויבן דעם מענטשן, דעם יחיד, ער זאָל ראוי זיין צו אזא עטיש־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. פריער פאַר אַלץ דאַרף מען לערנען דעם יחיד — און דאָס טוט טאַקע די רעליגיעזע עטיק: זי שטראָפט און לערנט דעם יחיד. די נביאים זאָגן אָן דעם איינצעלנעם יידן און דורך אים דעם גאַנצן פאָלק. זיי טראָגן איבער די שולד פון יחידים אויפ'ן גאַנצן פאָלק און אָפטמאָל אידענטיפיצירט מען דעם לעצטן מיט די ערשטע, צוליב דעם זייער הויך־אַנטוויקלטן אחריות־געפיל, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אינם: „כל ישראל ערבים זה בזה"[2].

אָבער וועגן דעם אין די ווייטערע פּרקים.

הערות

א.

1. זען ווייטער וועגן קנעכט און שקלאַפעריי.
2. זע, ש. ז. שרגאי, שעה ונצח, הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תש"ד, ז"ז 105, 168, 218-210.
3. זען, קאַפּ. 5, סוב־קאַפּ. 3-2. טאַציטוס (אנאַלן 2, 85) דערציילט, אז טיבעריוס האָט פאַרטריבן פיר טויזנט יידן פון רוים, ווייל זיי ברענגען יידישע מנהגים און באאיינפלוסן די רוימער. סענעקא, קאַסיוס און אנד. רוימישע פילאָזאָפן, באַקלאָגן זיך, אז רוימישע פרויען פאַנגען אָן היטן שבת. בן־זאב, גרים וגיור, ז' 19.
4. ויקרא, י"ח, ג"ד'.
5. דאָרט, פּסוק כ"ז.
6. דברים, כ"ב, ה'.

ב.

1. חגיגה, י"ד, ע"ב; זע, פריער, קאַפּ. 2.
2. בראשית רבה, ח', ה'.
3. תהלים, פ"ה, י"ב.
4. דאָרט, פ"ט, ג'.
5. דניאל, י', כ"א.
6. מורה נבוכים, א', נ"ד.

7. תהלים, קי"ט, ק"ס.
8. מורה נבוכים, א', ל"ו.
9. אבות ג', י"ד — אין ווייטערן קאַפּיטל, נביאים — אויספירלעך.
10. וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור — באַזונדער. אין די לעצטע יאָרן, שאַפט מען שוין אויך ביי יידן ליטעראַטור לשם קונסט און קינסטלערישן געגוס.
11. פאַרשטייט זיך ניט אין זינען פון שפּינאָזע'ס פילאָזאָפיעס וועגן די געטלעכע אַטריבוטן, סובסטאַנץ אין הינזיכט פון „דעאוס סיווע נאַטוראַ" (גאָט אָדער נאַטור).
12. שלמה סיימאָן, טאָלעראַנץ און פרייהייט, ייד. שריפטן, רעד. אבא גאָרדין, באַנד 7, העפט 1, ניו־יאָרק, 1954, ז' 21.

ג.

1. ויקרא י"ט, כ'.
2. אין מיין ווערק, „די באַציאונג צום פרעמדן" — באריכות.
3. אבות ג', ג'. אין תענית (ה', ע"ב), ווערט געזאָגט, אז אפילו ווען צוויי זיצן ביי א סעודה, דאַרפן זיי רעדן און לערנען . . . אין שלחן ערוך (מג"א ק"א, א'), ווערט גע'פסקנ'ט, אז אפילו ווען מען זיצט ביחידות, דאַרף מען פאַרברענגען אין א דבר תורה.
רש"י און דע"ב (ברטנורא) אויפן אָרט, קאָמענטירן, אז מיט ברכת המזון, איז מען יוצא. לויט קבלה (זוהר, תרומה, קנ"ג, ע"ב), דאַרף מען טאָן ביידע זאַכן: לערנען און ברכת המזון.
דער טשעכאַנאָווער רב און רבי, ר' אברהם לאַנדאַ, ווערט איבערגעגעבן, איז שטאַרק נזהר געווען צו לערנען ביים טיש — און געלערנט גמרא, תורה שבעל פה. זע, סדר תפלה, צלותא דאברהם עפ"י נוסח רבנו אברהם זצוק"ל לנדא, אבד"ק טשעכאַנאָוו, פּוֹלין, פירוש ויעש אברהם (ע"י נכדו . . . רבי מנחם מענדיל חיים זצ"ל לנדא, אבד"ק זאַויערציה, פּולין) און אין שירותא דצלותא, הערות, הארות . . . מאת יעקב בכ"ר ישראל פנוד ז"ל ורדיגר, חלק ב', ז"ז תע"א־תע"ב.
4. יחזקאל מ"א, כ"ב.
5. ברכות כ"ד; רש"י, שמות י"ח, י"ב.
6. דברים ט"ז, י"א־י"ב.
7. זע מ.א. עמיאל, הצדק הסוציאלי והצדק המשפטי והמוסרי שלנו, ספרית תו"ע, תל־אביב, תרצ"ג ז"ז 5־7.
8. זע, עבודה זרה י"ז, ע"א.
9. בבא מציעא ה' ע"ב.
10. דאָרט, ל', ע"ב.
11. דאָרט, פ"ח, ע"ב.
12. זע, סנהדרין ו', ע"ב.
13. דברים, ו', י"ח.
14. הרב מ. א. עמיאל, הצדק הסוציאלי . . . ז' 23, ציטירט פון רשב"א, גטין ע"ב.
15. קהלת רבה, אויפן פסוק.

ד.

1. רמב"ם, יסודי התורה, ה', ה'.
2. זע: תו"כ, אויפן אָרט; ב"מ ל' ע"א־ע"ב; נ"ג, ע"א; סנהדרין ס"ב, ע"א; ס"ד, ע"ב.
3. הרב עמיאל, הצדק הסוציאלי . . . ז"ז 67־69.
4. נתיבות עולם, נתיב אהבת הטבע; זע אויך, הלל צייטלין, דבר לעמים, ז' 26; הרב דוד ש. שפּירא, יסודי הדת האוניברסלית, ז"ז 25־26.
5. אבות ג', י"ז.
6. זע, תנחומא במדבר פ' י"ד; תורה שלמה להרב מ. כשר, בראשית י"ב ו': „נח החרים בשעה שחלק הקב"ה את הארץ לשלשת בניו שלא יהא אחד מהם נכנס לתחום חברו וז' עממין עברו בא"י, ועברו על החרם, לפיכך צוה הקב"ה כי החרם תחרימם". דער שטרענגער אָנזאָג איז „לא תסיג גבול רעך אשר גבלו ראשונים" — זאָלסט ניט פאַררוקן דעם גרענעץ פון דיין חבר, וואָס די פריערדיקע האָבן אָפּגעגרענעצט (דברים י"ט, י"ד) אָדער די שבועה וואָס יידן האָבן אָפּגעגעבן בעת זייער קומען אין לאַנד: „ארור מסיג גבול רעהו" (פאַרשאָלטן דער, וואָס פאַררוקט די גרענעץ פון זיין חבר) דברים כ"ז, י"ז; וועגן דעם, ספרי, דאָרט: שבת פ"ה ע"א; נדה נ"ז ע"א — „כל שיש לו נחלה, יש לו גבול . . ." זע אויך מיין בוך „די באַציאונג צום פרעמדן".
7. זע, קאַרל מאַרקס, פאָרוואָרט צו „אויסגעוויילטע שריפטן", באַנד איינס.

ה.

1. זע, „נאַציאָנאַלע מאַכט און נאַציאָנאַלע זעלבסטהילף", 1905.
2. שבועות, ל"ט; סנהדרין, כ"ז. וו. נאַטאַנסאָן, אין זיין ווערק „מענטש און קאָסמאָס" (פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגע, 1953, ז"ז 19־19) באַרירט דעם ענין פון פרייהייט פונעם מענטש אויף א הויך־פילאָסאָפישן שטייגער, לויט יום'ס טעאָריעס — אָבער דאָס געהערט נישט צו אונזער אַרבעט.

קאַפּיטל פינף

סאָציאַלער יושר ביים נביא

א. אליהו הנביא, דער אָנזאָגער פון גוטס. — קעמפער פאר סאָציאַלן יושר. — אחאב'ס זינד. — גייסטיקע דינאַמישקייט. — פארוועבט אין דער אגדה. — ערשטער פון די סאָציאַלע נביאים.

די נביאים זיינען געווען די ערשטע, אויף דער מענטשהייט מאפע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פארן סאָציאַלן יושר, געוואָלט שאפן א גן עדן התחתון, אין וועלכן די מענטשהייט זאָל געפינען אן אָרט; א וועלט אין וועלכער ס'זאָל ניט מעגלעך זיין, שנאה צווישן מענטשן, קלאַסן, פעלקער און ראַסן.

די נביאים האָבן געזען אין יהדות א פונדאַמענטאַלע גייסטיקע דינאַמישקייט; זי רייסט אויף די „הרי געש"! דער נביא שרייט מיט אלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, קעגן די וואָס באַרויבן אָרעמעלייט, און הערן זיך ניט צו, צום זיפץ פון די אביונים.

יחזקאל הנביא, ריידנדיק וועגן מצב ביי זיין פאָלק, רופט אוים אין גרויסן עקסטאז: „הוי רועי ישראל אשר היו רועים אותם (רש"י באמערקט: את עצמן היו מענגים מממון חבריהם אשר תחתיהם) . . . את הנחלות לא חזקתם ואת החולה לא רפאתם ולנשברת לא חבשתם ואת הנדחת לא השובתם ואת האבדת לא בקשתם ובחזקה רדיתם אותם . . . [1] און ער שטראָפט זיי:

„והשבתים מרעות צאן ולא ירעו עוד הרועים אותם והצלתי צאני מפיהם ולא תהיין להם לאכלה[2]. ער זאָגט זיי אָן, אז דעריבער וועט ער אוועקנעמען פון זיי פירערשאפט און זיי וועלן מער ניט גענים פונם גזל עניים . . .

ער זעט פאָראויס, נקמה אין די באַרויבער און אונטערדריקער[3] און פראָטעסטירט מיט די שטארקסטע ווערטער קעגן די רויבער, קעגן די עושקים. דער נביא זעט די רעאַליזירונג פון געטלעכן משפט איבער דער הערשאפט פון „מענטש איבער מענטש".

די נביאים קעמפן קעגן היידניזם, קעגן וועלכן ניט איז קולט, וואָס איז עלול צו צעברעכן די גאַנצקייט פונם פאָלק און פון דער מלוכה און ניט וויניקער באַקעמפן זיי די סאָציאַלע איבלען אינעם לאַנד.

ווען ירבעם בן נבט (געקיניגט פון 2964 ביז 2985, 796-775 פ.ק.ע.) פארנעמט זיך אויף היידנישע וועגן און שטעלט אין געפאַר מלכות יהודה און די נייע, דורך אים געשאפענע, מלכות ישראל, ווערט ער גערופן „חוטא ומחטיא את הרבים", זינדיקער און פארפירער פון די מאסן. מיט זיין טאט מקריב צו זיין אויף במות און

מאַכן בכורים פאַר כהנים[4], בכדי אָפּצופּרעמדן די צען שבטים פון בית המקדש, וועט ער באַטראַכט פאַר דעם זינדיקסטן צווישן די מלכי ישראל. דער סוף איז געווען, אַז די „עגלי הזהב" זיינען שוין געבליבן און ס'האָט ניט געהאָלפן דער מוסר פון אחיה השלוני[5].

מערקווירדיק, וואָס די אגדה גיט איבער, אַז וואָס שייך אַנדערע מצוות, איז ירבעם געווען אָפּגעהיטן, ער האָט אפילו געלייגט תפלין[6] און זיי געטראָגן אַ גאַנצן טאָג. זיין עונש איז געקומען צוליב זיינע נאַציאָנאַלע פאַרברעכנס און צוליב די זינד פון זיין אַ „פּוסח על שתי הסעיפים".

דער שפּעטערדיקער נאָך אים — קעניג אחאָב, וועלכער איז אויך געווען פרום, וואָס שייך כשרות, אליהו הנביא, האָט דאָך געגעסן פון זיין קיך[7] און יהושפט האָט זיך מיט אים משדך געווען[8]. האָט אים אליהו הנביא געוואָרנט און געשטראָפט מיט די ערגסטע שטראָף צוליב זיינע סאָציאַלע פאַרברעכנס. פון אַ יידישן קעניג, האָט דער נביא פאַרלאַנגט עטישע אויפפירונג!

אַזוי אַרום איז אליהו הנביא, וועלכער ווערט אויך גערופן אליהו התשבי פון גלעד, געוואָרן דער גייסטיקער פירער פון דער שטרענג־רעליגיעזער באַוועגונג אין דער תקופה פון „נביאים ראשונים" און איז אויך געוואָרן די לעגענדאַרישע פערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון נבואה.

דער נביאישער רוף פאַר יושר האָט דערגרייכט אַ קלימאַקס אין די רייד פון אָט דעם שטענדיק שלומדיקן, בעל־רחמים און „מבשר טוב, משמיע ישועה" . . . דער, וואָס דאַרף ברענגען די גאולה; דער, וואָס דאַרף מאַכן פאַר אַ פאַקטאָר אינם יידישן לעבן דעם „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבות . . ." ער טרעט שאַרף אַרויס מיט זיין צאָרנדיקן רוף: „הרצחת וגם ירשת?" דו האָסט געמאָרדעט און דו ווילסט אויך ירשענען ? ? ?

דרייסט און מוטיק איז ער דער נביא, דער רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־פירער, אַרויסגעטראָטן קעגן טיראַנישן הערשער; אָפן אין פנים, פאַרגעוואָרפן די שווערע סאָציאַלע זינד וואָס אחאב און איזבל זיינען באַגאַנגען קעגן פאָלק. אין שטורעם פון נביאישן צאָרן, האָט ער ניט געקאָנט איינגיין אויף וועלכן ניט איז, פשרה'דיקן גאַנג אינם יידישן לעבן אויפן חשבון פון די פאָלקס־מאַסן און אַלאַרמירט דעם יידישן באַוואוסטזיין ביים קעניג, גערופן אים צו תשובה, זיך צוריק צו דערנענטערן צו גאָט[9].

אליהו הנביא שטראָפט אחאב'ן מיט די האַרבסטע ווערטער צוליב דעם פאַרברעך פון די נביאי הבעל און די זינד מיטן פאַרמעג פון נבות היזרעאלי.

אין תלמוד ווערט דערציילט פאַר ר' לוי, דעם תלמיד פון ר' יוחנן, דער גרויסער דרשן־מגיד אין צייט פון די ערשטע אמוראים, אַז ער האָט גע'דרשנט זעקס חדשים לגנאי, אויסטייטשנדיק דעם פסוק „רק לא היה כאחאָב אשר התמכר לעשות הרע בעיני ד'"[10]. ווען אחאָב איז אים געקומען אין חלום, זיך פאַרטיידיקנדיק,

פרעגנדיק דערביי, פאַרוואָס ער האָט ניט דערקלערט דעם סוף פונם פסוק, „אשר הסתה אותו איזבל אשתו" . . . האָט ער אים באַווירקט, ער זאָל דאַרפן דרשענען נאָך זעקס חדשים אויף צו באַווייזן לשבח, אחאָב׳ס לעבן, ארויפלייגנדיק די גאַנצע שולד אויף זיין פרוי[11].

דער נביא האָט תמיד געצילט צו דערהויבן דעם מענטש אינם תיקון היחיד, וואָס פירט צום תיקון הכלל, לויט דעם געטלעכן פּאָסטולאַט: „כי לא תחפוץ במות המת . . ."[12]. מאָראַלישע לייטערונג, וואָס דערהויבט די גאַנצע געזעלשאַפט צום סאָציאַלן אַריסטאָקראַטיזם.

די דערהויבונג פון מענטש קאָן אָבער נאָר מעגלעך זיין, ווען ער דערפילט אין זיך דעם קול אלקים מתהלך בתוך האדם, ווען ער דערפילט אין זיך די געטלעכקייט . . .

די טעג פון נביאים ראשונים ווערן געשילדערט אין א צאָל ווערק אין העברעיאיש און יידיש[13], ווי אזוי אחאָב איז געוואָרן באַאיינפלוסט פון זיין פרוי איזבל און מיט מלוכה־כח אריינגעבראַכט דעם בעל־גאָט אינם לאַנד און ווי אזוי די פאַלשע נביאים האָבן געחנפ׳עט דעם בעל־גאָט, ווייל דערמיט האָבן זיי אויסגענומען ביי די אָפיציעלע מאַכט־אָרגאַנען. אליהו הנביא האָט גענומען אויף זיך צו קעמפן קעגן קעניג אחאָב, קעגן זיין פרוי איזבל, קעגן די פאַלשע נביאים און צו דער זעלביקער צייט בעטן פאַר רעגן, בכדי צו שטילן דעם הונגער אין לאַנד . . .

פון איין זייט, איז אליהו הנביא פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר דער גאַנצקייט פון יידנטום, וואָס ווערט געשטעלט אויפן שוועל פון אונטערגאַנג, צוליב די זינד פון די בעל־נביאים; ער איז פאַרנומען מיט **נאַציאָנאַלע** פּראָבלעמען — און צו דער זעלביקער צייט האָט ער אינזינען אַן אָרימע אלמנה, ראַטעווען איר לעבן, דעם לעבן פון איר איינציק קינד. עס איז אליהו הנביא, וועלכער שוועבט ביי יעדער ייִדיש־ליידנדיק הויז און ער באַווייזט מופתים: נאַציאָנאַל־קאָלעקטיווע און יחידיש־אינדיווידועלע.

דער זעלביקער אליהו וואָס באַקעמפט די פוסחים על שתי הסעיפים; באַקעמפט די נביאי הבעל; ראַטעוועט אויך דאָס לעבן פון דער ליידנדיקער אלמנה אין צרפת; פונם טאָפּ מעל און קריגל בוימל, ווערט געשאַפן שפייז פאַר אַלעמען, א גרענעצלאָזע ברכה באַהערשט דאָס קריגל און דעם טעפּל און דאָס איינציקע קינד, דער אלמנה׳ס, ווערט אָפּגעראַטעוועט — און דער סוף — אינעם שטורעמדיקן פייער גייט ער ארויף אין הימל — און אזוי בלייבט ער לעבעדיק פאַר אַלע דורות.

אין זיין ווערק „קלאַסן קאַמף אין אַלטערטום" (1933) באַשרייבט קלמן מרמר (געבוירן שמחת תורה 1876, געשטאָרבן 1956) די ראָל פון דעם נביא אין זיין קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, דעם גבות „אינצידענט" (לויטן׳ן דעמאָלטדיקן באַגריף), רופט ער: „א פויער־מאָרד צעשטערט א מעכטיק

קעניגהויז". ער שילדערט דעם מצב אין כנען, ווי די ארומוואנדערנדיקע יידישע משפחות און שבטים זיינען אין כנען איבערגעגאנגען פון פי־צוכט צו לאנד־ווירטשאפט, צו די נייע לעבנספארמען פון באַדן באזעצטקייט, וואָס האָט געשאפן קלאַסן פון אָרעם און רייך: מאָנארכיסטישע הערשאפט, אריסטאָקראטיע, פּריצים און ארמיי־הערשאפט. נאָכדעם איז געקומען דער פעריאָד פון אריבערפירן די יידן פון אקערבוי און פי־צוכט צו האנדל און אינדוסטריע, וואָס איז אָנגעקומען היפשלעך שווער, ווייל דער אריינפיר און ארויספיר האנדל איז געלעגן אין די הענט פון די איינוואוינער פון די פּאָרט־שטעט, צור און צדון, די הערשער איבערן ים, און דער האנדל מיטן מזרח איז געווען מאָנאָפּאָליזירט אין די הענט פון דמשק, און די אנדערע ארומיקע שטעט פון נאָענטן מזרח.

אויך דער היימישער קליינהאנדל, ווייזט ער אָן, איז געווען אונטערוואָרפן דעם טיכטיקן דערפארענעם פענעקיער סוחר און דער מסחר ביי יידן איז געווען זייער הינטערשטעליק אין די ערשטע עפּאָכעס פון יידישן דעראָבערן דעם כנענ׳ישן באָדן. ערשט אין דער לעצטער תקופה פון בית ראשון און אין דער צייט פון בית שני, האָבן יידן אנטוויקלט א דערפאָלגרייכן האנדל.

נאָך ווייניקער שאַנסן — שרייבט מרמר — זיך צו אנטוויקלען, האָט געהאַט די אינדוסטריע אין דער יידישער מדינה. דער אומגעאיבטער יידישער בעל מלאכה האָט נים געקענט קאָנקורירן מיט די קינסטלער־הענט פון די פעניקיער (פעניציער). א חוץ דעם האָבן די פענעקיער־סוחרים צוגעשטעלט די פּראָדוקטן פון בבל׳ם און מצרים׳ם אינדוסטריען פאר קליינע פרייזן. די באפעלקערונג האָט ליבער געקויפט די בעסער געמאכטע פרעמדע ארטיקלען פאר ביליק אנשטאט צו צאָלן טייער פאר די ערגער געמאכטע היימישע ארטיקלען.

„די אנטוויקלונג פון האנדל אין דער יידישער מדינה דורך די פענעקיער סוחרים האָט דאַרט בלויז פארשטארקט די ממשלה פון געלט און דאָס וואוילטאָג לעבן פון די רייכע קלאַסן".

מיר וועלן אין א ווייטערן קאפיטל באַרירן דעם ענין פון מסחר ביי יידן, אויף ווי וויט דאָס געהערט צו אונזער ענין. דאָ רעדט זיך בלויז וועגן דער באציאונג פונ׳ם נביא צו אָט די רייכע אויפ׳ן חשבון פון די אָרימע און מיר מוזן דעריבער ציטירן נאָך עטלעכע אויסצוגן פון מרמר׳ם ווערק:

„פון דעם רויב פון דעם אָרעמאַן און פון די אָנגעזאמלטע פּראָצענטן האָבן זיך דערהויבן גרויסע פּאלאצן פון געשליפענע שטיינער איינגעוויקלט אין פּראכט וויינגערטנער, און זייערע באוואוינער זיינען געזעסן אויף סאָפעס פון העלפאנטביין און געגעסן געבראָטנס און געטרונקען ווייַן ביים קלאַנג פון דער לירע.

„נאָר וואָס גרעסער ס׳איז געוואָרן דער לוקסוס ביי די רייכע פריצים, באַ־אמטע און פּראָצענטניקעס, אַלץ העכער זיינען געשטיגן די שטייערן, די שטראָף

געלטער און די פּראַצענטן פאַר די אָרעמע און די לאַגע פון די אָרעמע פויערים איז געוואָרן אומדערטרעגלעך.

דער געדאַנק צו לעבן אַ גוטן טאָג האָט געפירט צו אַלערליי נידערטרעכטי־קייטן פון די רייכערע קלאַסן קעגן די אָרעמע; צו דער באַרויבונג און פאַרשווינד־לונג פון די יתומים און אַלמנות, צו דער רעכטלאָזיקייט פון דעם אָרעמען און שוואַכן, צו דער אונטערקויפלעכקייט פון די ריכטער און צו די געוואַלדטאַטן פון די באַאַמטע . . ."

קלמן מרמר ווייזט אָן, ווי „די גייסטיקע פירער, די אידעאָלאָגן פון אַם־דעם קלאַסן קאַמף (?—נ.ש.), זיינען געווען די סאָציאַלע נביאים . . . זיי זיינען געגאַנגען אויף מסירת נפש כדי צו דערלייזן דאָס פאָלק . . . .[14]

פאַרוואָס מען מוז דווקא פאַרבונדן די נביאים אַלס „אידעאָלאָגן פון קלאַסן־קאַמף", אין דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג און טערמינאָלאָגיע, דאָס איז אַ גרויסע פראַגע, וואָס איך גלויב, אַז מרמר אַליין איז ניט זיכער אין דעם. עס איז גענוג דער פאַקט, אַז די יידישע נביאים האָבן שטענדיק געקעמפט פאַר יושר און גערעכטיקייט, אָנהויבנדיק פון אליהו הנביא, דעם קעמפער פון גלעד (אין מזרח זייט פון ירדן, איינוואוינער פון תשבי), וועלכער האָט געפירט אַן אונטערערד־קאַמף קעגן אחאב בן עמרי, וועלכער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיין פעניקער פרוי איזבל און דורכגעפירט דעם נידערטרעכטיקן מאָרד איבער נבות פון יזרעאל, אַרויסרופנדיק דעם אָפענעם צאָרן פון אליהו התשבי, ביז ירמיהו הנביא, וועלכער האָט געזען דעם חורבן אַלס רעזולטאַט פון אום־יושר'דיקער פירונג אינם לאַנד.

אחאב'ס זינד איז באַשטאַנען אין רציחה און אין עיוות הדין און דאָס — צוליב זיין נאָכגיין די רשעות פון זיין פרוי איזבל בת אתבעל מלך צידון. אויף אחאב'ן זאָגט עדות דער פסוק, אַז ער האָט אויסגעהרג'עט די נביאי ד' און „רק לא היה כאחאב אשר התמכר לעשות הרע בעיני ד'", אָבער דעם גרעסטן חלק אין זיין רשעות'דיקייט האָט געהאַט — ווי מיר האָבן אָנגעוויזן — זיין פרוי: „אשר הסתה אותו איזבל אשתו".[15]

האָט זיך דעם אחאב'ן אַמאָל פאַרגלוסט דער וויינגאָרטן פון נבות היזרעאלי, „אשר ביזרעאל אצל היכל אחאב מלך שומרון", און ווי רבי יהודה זאָגט אונז אין דער גמרא[16], איז נבות געווען אחאב'ס אַ קוזין („בן אחי־אביו של אחאב) און מסתמא אויך פון די פּרינצן, גראַפן, פון דער עליטע (און אפשר איז צווישן אחאב'ן און זיין קוזין געווען אַ קאַמף פאַר דאָמינירונג). ווי עס ווערט געזאָגט אין ירושלמי[17], איז נבות געווען פון די עולי ירושלים, קעגן דעם שטרעבן פון מלכי ישראל, זינט ירבעם בן נבט, ניט אויפצוגיין קיין ירושלים („נבות היה קולו נאה והיה עולה לירושלים והיו כל ישראל מתכנסין לשמוע קולו"). מען מוז ניט אָננעמען די דעפיניציע און שילדערונג — אַן אָרעמער פויער . . .

אחאב וויל קריגן דעם ווייַנגאָרטן. ער וויל באַצאָלן, אויסטוישן — אָבער נבות לאָזט זיך ניט — ניטאָ קיין אנדערע עצה ווי באַשולדיקן נבות'ן אין פאַראַט, און דאָס אָרגאַניזירט איזבל, צוגרייטנדיק אַ באַשולדיקונג: „ברכת אלקים ומלך" — האָסט געשאָלטן גאָט און דעם קעניג; זי שטעלט צו עדות: „והושיבו שנים אנשים בני בליעל נגדו ויעדוהו לאמור, ברכת אלקים ומלך . . ." דער משפט ווערט דורכגעפירט אין צייט, ווען נבות ווערט באַשטימט אַלס הויפט, והושיבו את נבות בראש העם און אַלס אַזעלכער ווערט דער צאָרן פון פאָלק נאָך שטאַרקער און דער פאַבריצירטער משפט אורטיילט אים מיט טויט־שטראָף.

באַלד דערשיינט דער נביא מיט זיין באַשולדיקונג קעגן אחאב'ן: „הרצחת וגם ירשת!".

אָבער מערקווירדיק איז די באַמערקונג פון רד"ק (רבינו דוד קמחי, דתתק"כ־תתקצ"ה — 1160-1235), אַז ניט אַכטנדיק וואָס די פירער זיינען געווען מיט איזבל, דורכצופירן דעם פאַלשן משפט איבער נבות'ן, האָבן זיי אָבער מורא געהאַט אַז דאָס פאָלק וועט ניט דולדן אַ פּירערשאַפט פון רוצחים: „לא היו מניחים להרגו בחינם . . . ואילו רצתה איזבל להרגו בלא משפט לא הי' כח בידה . . . אם היו הורגים וגוזלים שלא במשפט, היו ישראל מורדים בו . . ."

דאָס פאָלק איז אָפּגענאַרט געוואָרן מיט אַ כלומרשט'ן משפט און דער נביא אליהו מיט זיין עפנטלעכן געוואַגטן אַרויסטריט, האָט אויפגעדעקט דעם פאַלשן משפט און דאָס פאָלק האָט געצאָרנט קעגן איזבל'ן און דעריבער איר אַזוי מיאוס באַהאַנדלט: „הכלבים יאכלו את איזבל בחיל יזרעאל"[18].

אחאב איז באַגאַנגען צוויי זינד: 1) גע'הרג'עט נבות היזרעאלי; 2) גע'ירשנ'ט זיין פאַרמעגן (הגם, געטויט האָט אים, ווי געזאָגט, זיין פאַרדאָרבענע פרוי איזבל, ער איז אָבער געווען צופרידן).

די פאַלשע נביאים האָבן געשטאַרקט אחאב'ן מיט זיין פרוי. דער נביא השקר צדקיהו בן כנענה, האָט זיך געמאַכט אַ פּאָר הערנער און צוזאַמען מיט פיר הונדערט (400) נביאי השקר, געשריען פאַר אחאב'ן: אדוני מלך, אָט מיט די הערנער וועסטו שטעכן אַלע דיינע שונאים. האָט אחאב געשיקט רופן דעם איינ־ציקן נביא האמת, מיכיהו'ן, הערן זיין וואָרט. אויפ'ן וועג, זאָגט דער שליח צו מיכיהו'ן: „אַלע 400 נביאים (פאַלשע—נ.ש.) זאָגן נביאות מיט איין מויל, גוט פאַר'ן קעניג. זיי דו אויך איינער פון זיי און זאָג גוט פאַר'ן מלך . . „נאַטירלעך, מיכיהו האָט ניט געזאָגט, ווי די מערהייט פאַלשע נביאים, נאָר דעם אמת, דעם דבר ד'. צדקיהו בן כנענה (אפשר הכנעני?) מיט די הערנער, האָט אים דערפאַר געשלאָגן און געשטאָכן — אָבער מיכיהו'ס ווערטער זיינען מקוים געוואָרן[19].

דער נביא טרעט אויף אין נאָמען פון גאָט, זיינע נביאישע אידייען, ברענגט ער אַרויס אין נאָמען פון גאָט, פון זיין מויל קומט גאָט'ס וואָרט . . . דער נביא האָט אָבער אויך געהאַט זיין אייגן פייער, אַ קעמפערישן גייסט צו קעמפן אָן פחד

קעגן דער אונטערדריקונג, סיי פון די אָרעמערע קלאַסן דורך די הערשנדיקע אין דעם אייגענעם פֿאָלק, סיי פון די שוואַכערע פעלקער דורך די שטאַרקערע, אימ־פעריאַליסטישע . . . די הויפט יניקה איז געווען פון דער אמונה!

אליהו הנביא איז ניט בלויז אַ פּאָליטישער רעוואָלוציאָנער, נאָר אַ באַקעמפער פון דעספּאָטיזם, פון פעניצישן קולט, באַקעמפער פונ׳ם בעל וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין לאַנד. ניט ווי די פאָרשער[20] וואָס שטייען אויפן גרונט פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט השקפה, און זען די נביאים בלויז אַלס די סאָציאַלע לערע . . . דער נביא ווי אַ שליח פון גאָט האָט געוואָלט אַ סך מער ווי מאַטערי־אַליסטישע באַפרידיקונג.

דער נביא איז געווען דער, וואָס האָט געשאַפן דעם גייסט פאַר דעם יידישן מענטש, פאַר דעם יידישן לאַנד, אַלס סואווערענע מדינה און נאַציע. ער איז דער טרעגער פון גאָט׳ס וואָרט פאַר דער מענטשהייט, מיט דער מיסיע צו פאַרווירקלעכן משיח׳ישע יעודים פאַר דער באַפרייאונג און דערלייזונג פון דער גאַנצער וועלט.

פונם נביא איז געקומען די מוסר־ריכטונג, וואָס ציט זיך פון תלמוד צו קבלה, חסידות און מוסר־באַוועגונג ביז דער לעצטער תקופה, קומענדיק צום אויסדרוק אין די ווערק פון רבונו בחיי אבן פקודה („חובות הלבבות״), ר׳ משה חיים לוצאַטו (אין „מסילת ישרים״), ר׳ ישראל סאַלאַנטער (ליפּמאַן) און זיינע נאָכפאָלגער. די לעצטע דריי שיטות אין מוסר ווערן ריכטיק דעפינירט פון ר׳ יעקב ראָזענהיים, „די מוסר ריכטונג פון חובות הלבבות גייט אין דער טיף; פון מסילת ישרים — אין דער הויך; פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער — אין דער ברייט״.[21]

און צום סוף אַ וואָרט פונ׳ם מדרש: בשעת מתן תורה זיינען די הימלען נידעריק געוואָרן און די ערד איז אויפגעהויבן געוואָרן . . . די תורה, די נביאים, ווילן די סינטעטישע האַרמאָניע פון ערדישעם מיט הימלישעם און אַזוי אַרום שטאַרקן ביים מענטש די זיטלעכקייט, די אהבת השם און אהבת הבריות.

די ווירקונג פון די נביאים פילט זיך אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער נאַציע; אויב זייערע אידייען האָבן בעת זייער לעבן ניט צו שטאַרק און ניט צו עפעקטיוו באַווירקט די געזעלשאַפט, איז זייער ווירקונג אין אַ שפּעטערער תקופה,

ב. דאָס וואָרט פונם נביא. — די ווירקונג פונם נביא. — די אידייע פון סאָציאַ־לער עטיק. — אוניווער־סאַליזם. — קרבנות און געזעלשאַפט־לייטערונג.

גאָר שטאַרק געווען, סיי אין דער געשיכטע פון יידנטום, סיי אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר פרייהייט און זיכערקייט פאַר יעדן מענטש און פאַר יעדן קאָלעקטיוו פון מענטשן.

לאָמיר נעמען למשל, קנעכטשאַפט און שקלאַ־פעריי. די תורה פאָדערט אויף, ווי מיר זעען פון די דיני עבדות, אָפּצושאַפן ווי ווייט מעגלעך שקלאַ־פעריי און די פאַראַכטונג גייט אַזוי ווייט, אַז ווען דער מענטש וויל זיין פאַרקנעכ־

טעט, ווײַל ניט אַרויס אויף דער פריי און ער טענה'ט: אהבתי את אדוני . . . לא אצא חפשי . . . איך האָב ליב מיין האר, מיין ווייב און מיינע קינדער . . . איך וויל ניט אַרויסגיין פריי . . . ורצע אדוניו את אזנו במרצע . . . זאָל זיין האר אים גענגענען . . . צו דער טיר אָדער צום ביישטידל און זיין האר זאָל דורכאָלן זיין אויער מיט אן אָל.[1]

די יידישע עטיק פאַרפליכטעט די געזעלשאַפט צו העלפן דעם קנעכט זיך ראַטעווען. ווען ער אַנטלויפט פון זיין האר, טאָר מען אים ניט צוריקאומקערן: „לא תסגיר עבד אל אדוניו . . . עמך ישב . . . זאָלסט ניט איבערענטפערן א קנעכט צו זיין האר . . . ביי דיר זאָל ער זיצן.[2]

די דינים פון עבדות, ווי דער רמב"ם און אלע פילאָזאָפיש־טיפּזיניקע מפרשים דערקלערן עס, קומען, צוליב דער אוממעגלעכקייט אין יענער צייט, דורכצופירן דעם ראַדיקאַלסטן שריט, אינגאַנצן אויסצוואָרצלען די דאָזיקע פּלאָג, האָט די תורה געזוכט לכה"פ דאָס צו באַגרענעצן, רעדוצירן צו א מינימום.

די תורה לערנט אונז: „שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם . . . " זעקס יאָר זאָל ער אַרבעטן און אויפן זיבעטן יאָר זאָל ער אַרויסגיין פריי, אומזיסט[3] און ביים אוועקגיין מוז אים דער בעל הבית אָנלאָדן מיט אלדאָס גוטס: „העניק תעניק לו מגרנך ומיקבך . . . באַשענקען זאָלסטו אים באַשענקען פון דיינע שאָף, פון דיין שייער, פון דיין קעלטער . . .[4]

מיר ווילן דאָ ווענן דעם ניט מאַריך זיין. דאָס טוען מיר אין א וויטערן קאַפּיטל. מיר ווילן בלויז אָנווייזן, ווי די נאָכפאָלגער פון תורת משה האָבן באַאיינ־פלוסט יידיש לעבן, און ווי אזוי דער נביא האָט אויף זיך גענומען א טאָפּלטע מיסיע: א פּאָזיטיווע און א נעגאַטיווע — אַרויסברענגען דעם מאור שביהדות, די ליכט אין יידישקייט, די סאָציאַל־עטישקייט אין דער יידישער אמונה און דערביי אַרונטערצורייסן דעם שלייער פון פאַלשקייט ביי די מלוכהשע אינסטאַנצן און ביים פאָלק אין אלגעמיין.

אין די ווערטער פונם נביא, האָבן דעם אָרימאַנ'ס ליידן געקראָגן אויסדרוק, אזוי ביי די נביאים ראשונים און אזוי ביי די נביאים אחרונים ביז עזרא און נחמיה. די לעצטע, זייענדיק אזוי פאַרנומען מיט עליה־פּראָבלעמען, האָבן זיי אָן אויפהער גערעדט וועגן דער באַזע פונעם נייעם לעבן, וועגן דער נאַציאָנאַלער גאַנצקייט און ניט ווייניקער וועגן דער סאָציאַלער זיכערקייט. מיר הערן פון זיי דעם גערדיקטן צאָרן און פּראָטעסט קעגן די אונטערדריקער און פאַרשקלאַפער[5] און מיר ווייסן דאָך פונעם צוגאַנג פונעם לעצטן נביא, מלאכי מיט זיין נביאישן וועלט־געפיל: „איז דען נישט איין פאָטער ביי אונז אלעמען? האָט אונז נישט איין גאָט באַשאַפן? פאַרוואָס זאָלן מיר פעלשן איינער ביים אנדערן.[6]

די נביאים זיינען נישט קיין פּחדנים. זיי שרעקן זיך נישט פאַר קיין זאַך; מ'קען זיי נישט סטראַשן. ווען אמציה, דער כהן בית אל, אין ירבעם'ס ישראל־

מלוכה, וואָרנט עמוס'ן: „זעער אַנטלויף דיר קיין יהודה . . . און דאָרטן זאָלסטו זאָגן נביאות . . . ״ענטפערט אים עמוס: „דו זאָגסט: זאָלסט נישט נביאות זאָגן אויף ישראל . . . דארום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: „דיין ווייב וועט אין שטאָט אַ זונה זיין, און דיינע טעכטער וועלן פאַלן דורך דער שווערד״.

עמוס וויל גאָרנישט אַנגערופן ווערן נביא אָדער זעער. ער שאָקלט זיך ממש אָפּ פונעם דאָזיקן טיטל: „נישט קיין נביא בין איך, און נישט קיין זון פון אַ נביא בין איך, נייערט אַ פאַסטוך פון רינדער בין איך, און אַ צוריכטער פון ווילדע פייגן, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל״[7]. ער זאָגט נאָך מער: „ד׳ אלקים דיבר מי לא ינבא?״ אז גאָט רעדט, ווער וועט וואגן צוריקהאַלטן די נבואה[8]. ער וויל טאַקע ניט זיין קיין נביא, אָבער גאָט צווינגט אַרויף אויף אים די נבואה און ער טוט גאָט'ס פאַרלאַנג, ער פילט אויס די שליחות פון גאָט . . .

און נאָך עמוס'ן קומען די אַנדערע נביאים: ישעיהו, מיכה, ירמיהו און שטראָפן מיט די שאַרפסטע ווערטער די פאַראַזיטישע ווילד־געוויקסן אין יהודה, ווייל זיי פילן, ניט אַכטנדיק וואָס זיי ווילן ניט זיין קיין נביאים, אַז דערמיט פילן זיי אויס די שליחות פון גאָט, ווי ירמיה הנביא דריקט זיך אויס: „היה בלבי כאש בוערת, עצור בעצמותי״[9].

וואָס פאַרלאַנגען זיי פונעם פאָלק? פונעם פירער? זיי פאַרלאַנגען: סאָציאַלע דערהויבנקייט, פירן זיך לויט דער תורה, וועלכער זיי באַטראַכטן פאַר דער תורת חיים, ווי דער נביא דריקט זיך אויס: „דרשו טוב . . . למען תחיו״[10], אָדער ווי דער נביא מיכה דריקט זיך אויס: „הגיד לך אדם מה טוב, מה ד׳ דורש ממך . . . ״ האָט מען דיר מענטש געזאָגט, וואָס עס איז גוט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר . . . [11]. „נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָד און אומגיין שטיל פאַר דיין גאָט . . . ״

אלס רעזולטאַט פון אָט די סאָציאַלע אידעאַלן און קאָנצעפּציעס, זיינען זיי ניט באַגייסטערט פון סתם אַזוי ברענגען קרבנות, פון סתם אַזוי אָנהאַלטן אַ בית־המקדש־קולט. זיי זאָגן אָפן און קלאָר:

„ברענגט מער ניט אומזיסטע מתנות, אומווירדיקע אָפּערונג אָדער רויכערונג איז דאָס פאַר מיר״[12]. און דער בית המקדש איז פאַר זיי אַן אַלוועלטלעך געבעט הויז, „בית תפלה לכל העמים״[13].

פריער, פאַר זיי, האָט שוין דעם דאָזיקן געדאַנק אַרויסגעבראַכט שמואל הנביא, אין זיין באַהויפּטונג, „החפץ לד׳ בעולות וזבחים? . . . יען מאסת את דבר ד׳ וימאסך ממלך״[14]. שאול המלך פאַרלירט די מלוכה, פאַר זיין ניט אויס־פאָלגן דעם נביא'ס באַפעל אָפּצומעקן עמלקן און פאַר זיין פאַרנעמען זיך מיט קרבנות. דער נביא זאָגט עס אים גאַנץ אָפן אין די שאַרפסטע ווערטער: ווייל דען

גאָט קרבנות? דאַרף דען גאָט קרבנות? . . . ער וויל בלויז, און איבערהויפּט, דאָס אויספאָלגען פון זיינע באַפעלן.

די יסודות פון דער אוניווערסאַלער נבואה, געפינען מיר אין דער תורה, אין נביאים ראשונים און אין נביאים אחרונים. אוניווערסאַלקייט געפינען מיר ביי אברהם אָבינו, ער ווערט גערופן דער אב המון גויים און ביים אויפבוי פון בית המקדש, די ערשטע חנוכת הבית תפלה, ביים דערעפענונג, האָט דער בויער שלמה המלך (בערך 250 יאָר פאַר ישעיה) געזאָגט: „וגם אל הנכרי . . . ובא מארץ רחוקה למען שמך . . . אתה תשמע השמים . . . ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי, למען ידעון כל עמי הארץ את שמך[15].

איינע פון די סיבות, וואָס דער תנ"ך איז געוואָרן דער „ספר הספרים" און באַאיינפלוסט פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן איז, ווייל ער איז באַזירט אויף פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, אויף קאָנקרעטע מאָסמיטלען, דער עיקר ווי צו באַקעמפן באַהערשונג פון מענטש איבער מענטש.

דער תנ"ך האָט געגעבן דער מענטשהייט סאָציאַלע געזעצגעבונג, מיטן ציל צו באַקעמפן אָרעמקייט און פאַרשקלאַפונג און צו באַגרענעצן עקספּלואַטאַציע. דערפאַר זיינען געגעבן געוואָרן די געזעצן פון לקט, שכחה, פּאה, תרומות־מעשרות, שמיטה און יובל, שבת און יום־טוב אא"וו, ווי מיר וועלן עס זען אין ווייטערע פּרקים.

די נביאים, די היטער פון די סאָציאַלע געזעצן, האָבן געזען, אַז מיטן חורבן, וועלן די געזעצן חרוב ווערן. זיי האָבן אויך געזען, אַז דאָס מבטל זיין די דאָזיקע געזעצן איז די ערשטע סיבה פאַר דעם אָנקומענדיקן חורבן. דער נביא יחזקאל, ריידנדיק וועגן חורבן, רעדט ער וועגן דער צעשטערונג פונם יובל און ער זעט פאָר־אויס, אַז יובל וועט בטל ווערן: „כי המוכר אל הממכר לא ישוב"[16]. רבי יוחנן, קאָמענטירט דערויף, אַז עס איז ניט קלאָר ווען יובל איז בטל געוואָרן: אפשר יובל בטל ונביא מתנבא עליו שיבטול?[17] עס איז באמת ביי פאַרשער ניט קלאָר, ווען יובל איז בטל געוואָרן און ווי לאַנג יידן האָבן די דאָזיקע מצוה אָפּגעהיט . . .

די נביאים זיינען די גרעסטע סאָציאַלע לערער פאַר אונז און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זיי האָבן געלערנט דער וועלט די אָרדנונג באַזירט אויף אמת, צדק, פרייהייט און קלאַסנלאָזיקייט. זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר די גרויסע אידעאַלן פון וועלט־יושר און זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך, מוטיק אַגיטירט און פּראָפּאַגירט זייערע אידעאַלן.

ירמיה ווערט געוואָרפן אין גרוב, ווערט געפּייניקט מיט דער גרעסטער אכזריות, ער מוז אַנטלויפן . . . ישעיה, ווי אייניקע פאָרשער מיינען, איז אומגע־קומען אינם קאַמף מיט די פינסטערע כוחות. זיי פאַלן אויפן מזבח פון די דאָזיקע אידעאַלן און זיי באַווירקן יידיש לעבן פאַר אַלע דורות; זיי באַווירקן די יידישע הלכה, אַז זי זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט מענטשן־ליבשאַפט, ווי הלל האָט גע־

לערנט: „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" . . . דאָס איז געווען די אהבה פון די נביאים, די אוניווערסאַלע, אהבה . . . [18].

דער טרייב־קראַפט פאַר נבואָה איז געווען דאָס געפיל פאַר סאָציאַלן יושר; די שפּירבאַרקייט פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. די נביאים ריידן מיט דעם שטאַרקסטן ליידנשאַפטלעכסטן טאָן, וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט. זיי זידלען די, וואָס פאַרשקלאַפן און דערנידעריקן דעם מענטש, דורך באַהערשן אים גייסטיק און פיזיש דורך עקספּלואַטאַציע.

דער נביא עמוס שטורעמט מיט זיינע פּאַטעטישע ווערטער:

„הערט דאָס צו, איר וואָס ווילט איינשלינגען דעם אביון,
און פאַרטיליקן די אָרימע פון לאַנד . . .
צו פאַרדרייען מיט פאַלשע וואָגשאָלן;
כדי צו קויפן פאַר געלט די אָרימע
און דעם אביון פאַר שיך . . .
זאָל איבער דעם נישט ציטערן די ערד,
און טרויערן איטלעכער וואָס וואוינט אויף איר?
יאָ, זי וועט זיך אויפהויבן אינגאַנצן ווי דער טייך,
און צערודערט ווערן און זיך אַראָפּזעצן ווי דער טייך פון מצרים" [19].

דאָס זיינען ניט סתם אַזוי מליצה ווערטער. דער נביא איז איבערצייגט, אַז די ערד דאַרף זיך אויפטרייסלען פון אָט דער אומגערעכטיקייט. ער גלויבט אין דער שטראָף פאַר דאָס שלעכטס און שלעכטע.

ער שטעלט זיך קעגן שטראָס, קעגן די שופטים, ווייל ער איז איבערצייגט אינם וואָרט פון גאָט און אַז דאָס פאָלק איז מיט אים. אַזוי פאָלגן אים נאָך די נביאים, ישעיה, ירמיה און מיכה[20].

דער נביא איז באַהערשט פון זיין היסטאָרישער מיסיע אַרויפצופירן דאָס יידנטום אויפן דרך הישר — און אויב ס'איז אים ניט געלונגען צו באַהערשן די מוחות און מחשבות פון די מלכי ישראל (אין די צוויי הונדערט און עטלעכע דרייסיק יאָר, געהאַט אַרום צוואַנציק מלכים פון צען דינאַסטיעס) און אויך ניט אַלע פון מלכי יהודה (מלכות בית דוד האָט עקזיסטירט אַרום פיר הונדערט און זעכציק יאָר און אויך געהאַט צוואַנציק מלכים, אָבער פון איין דינאַסטיע) האָט אָבער זייער וואָרט באַהערשט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, די יידישע הלכה, דעם תלמוד און ניט ווייניקער די יידישע אגדה. דער פּאַסטוך־נביא עמוס[21] פון תקוע אין יהודה איז געוואָרן דער מורה־דרך פאַר'ן גייסט־מענטש פאַר אַלע דורות.

גרויס איז די ווירקונג פונם פּרינץ־נביא, ישעיה, וועלכער רופט צו פאַרניכטן שלעכטס און אויסראָטן בייז און דערציילט דעם פאָלק, אַז גאָט דאַרף ניט קיין קרבנות, נאָר ער דאַרף מ'זאָל אָפּהיטן זיינע באַפעלן, פּרינציפּן.

ישעיה הנביא דריקט עס אויס אין די ווערטער:

„הערט דאָס וואָרט פון גאָט
איר פירער פון סדום;
פאַרנעמט די לערע פון אונזער גאָט,
איר פאָלק פון עמורה.
צו וואָס מיר אייערע פעל פון שלאַכטאָפּפער
זאָגט גאָט,
איך בין זאַט מיט בראַנדאָפּפערס פון ווידערס
און מיט פעטס פון געשטאָפּטע.

— — — — — — — — — — — — — — —

אייערע ראש חודשן און אייערע יום־טובים,
האָט פיינט מיין זעל;
זיי זיינען מיר צו לאַסט געוואָרן
איך קען זיי ניט פאַרטראָגן . . .״[22]

און דער נביא וואָרנט:

„אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט.
וואַשט אייך, רייניקט אייך,
טוט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים
פון קעגן מיינע אויגן,
הערט אויף שלעכטס טאָן,
זוכט גערעכטיקייט,
שטאַרקט דעם גערדיקטן,
טוט רעכט דעם יתום,
נעמט זיך אָן פאַר דער אלמנה״.[23]

דעם נביא׳ס ווערטער זיינען אין משך פון יאָרן א ביסל פאַרגעסן געוואָרן פונם פאָלק און געבליבן בלויז ביי יחידים — אָבער זיי זיינען פון צייט צו צייט באַלעבט געוואָרן, באַזונדערס אינם לעצטן יאָרהונדערט, מיט די שפּראָצונגען פון רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, ארויסקומענדיק מיט אַט די נביאישע אידעאַלן און מיט אַט דעם וועלט באַנעם.

עס זיינען געווען די טעאָרעטיקער, וואָס האָבן געזוכט דורך א רעוואָלוציאָנערן רצון און עוואָלוציאָנערן דרך צו באַנייען די גאַנצקייט פון יידנטום, צו באַנייען דעם סינטעז פון סאָציאַלע און געטלעכע מצוות אין דעם טראַנספאָרמיר־פּראָצעס פון קבוץ גליות, דורך אַן אויפגעלעבטן ישראל סבא, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט ענערגיע, פּאַטאָס און שעפערישקייט, אָנצוהויבן א בראשית׳דיקע באַפרוכפּערונג פונם יידישן באָדן.

דער חידוש אין זייער סאָציאַלן אויפטו, איז די אויפריכטונג פון די אָריגינאַל־יידישע אָנשויאונגען און די שעפערישקייט פון דער רעליגיעז־סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס טראָגט אין זיך די וואָלארן און די סאָציאַלע אַספּיראַציעס פאַר אַ „משטר צבורי מתוקן" פאַר׳ן יחיד און פאַר׳ן כלל.

ג. נביאים פאַר׳ן סאָציאַלן יושר. — פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו." — שטימען פון פּראָ־מעסט און וויזיע פון פאַר־מעסט. — סאָציאַלער כאַ־אָס און אומצופרידנקייט. —אוטאָפּיע און רעאַליטעט

די נביאים, לעבנדיק אין אַ סביבה פון סאָציאַלן כאַאָס און אומצופרידנקייט, זענען ניט געזעסן בחיבוק ידים; זיי זיינען אויך ניט אַנטלאָפן פון דער סביבה. אין קעגנטייל, זיי האָבן זיך באַמיט אַריינצוברענגען זייערע אידייען אין אָט דער סביבה און אַריינצודרינגען מיט זייערע מחשבות און זעאונגען, אין אָט דער געזעלשאַפט, בכדי איר צו באַהערשן.

די נביאים האָבן ניט, סתם אַזוי, געמוסרט און געשטראָפט. זיי האָבן פריער אַנאַליזירט די סאָציאַלע דערשיינונגען, געזוכט די סיבות פון די איבלען, די קאָמפּליקאַציעס פאַרבונדן מיט אָט־די איבלען, און ערשט דאַן געקומען מיט גאָט׳ס וואָרט; מיט די וועגן, ווי אַזוי צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען און מיט די חזיונות, פאַר סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע אין דער געזעלשאַפט.

באַטראַכטנדיק דאָס פּראָבלעם פון „גוטס און שלעכטס", פאַרוואָס „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", האָבן די נביאים אָפּגעוואָרפן די לייזונגען אָפּשטאַמענדיק פונם דעמאָלטדיקן מאַטעריאַליזם, אַטעאיזם און פּאַגאַניזם און אויך אָפּגעוואָרפן דעם פאַטאַליזם און פּעסימיזם פון קהלת און איוב — זיי האָבן געזוכט צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען און זיי פאַרענטפערן דורך דעם תורה־אָפּטימיזם אַלס יסוד פונם יידישן מאָנאָטעאיזם: אַז דער מענטש, דער בחיר היצירה, קאָן ברענגען גוטס פאַר זיך און פאַר דער מענטשהייט, ווען ער ווערט דורכגעדרונגען מיט קיום המצוות, ווען ער ווערט באַהויכט פונם „סור מרע", ווען ער לאָזט זיך אויף די וועגן פון עשרת הדברות און מעמד הר סיני — אויף די וועגן פון „ועשה טוב".

אַזוי זעען מיר, ווי עמוס רעדט צו זיין פאָלק און צו די פעלקער פונם ארום: ער שטראָפט זיי, ער רופט זיי צו תשובה; ער שטראָפט די וואָס זיינען פאַרטאָן אין זנות; די וואָס דינען די אָפּגעטער; דער עיקר לאָזט ער אויס זיין כעס צו די, וואָס באַגיין דעם סאָציאַלן פאַרברעך און שטעלן אין סכנה דעם נאַציאָנאַלן עקזיסטענץ — אָבער, ער איז איבערצייגט אין תשובה, אַז תשובה קאָן פּועלן, זיי אַרויפצופירן אויפן דרך הישר, צו דעם „ועשית הישר והטוב" . . .

דער מלכות יהודה ווידמעט ער דריי קאַפּיטלעך[1], וואָרנענדיק זיי, אַז צוליב דריי זינד פון יהודה . . . אָבער צוליב פיר, וועל איך זייער שטראָף ניט צוריק־

רופן דערפאר, וואָס זיי האָבן פאראכטעט די תורה פון גאָט און זיינע חוקים ניט געהיט און זיך געלאָזט פארפירן פון ליגנס . . . דערפאר, „וועל איך שיקן א פייער אין יהודה און עס וועט פארברענען די פאלאצן פון ירושלים!"[2]

מיט ענלעכע ווערטער און שטראָף־רייד, רעדט ער און אפעלירט צו מלכות ישראל. ער ווערט ניט נתפעל פאר דער גרויסקייט און שטארקייט פון די מאכט־האָבער אין ישראל, און ער טאדלט זיי:

„איר רואיקע און זיכערע אויפן בארג שומרון, וואָס ליגן אויף בעטן פון העלפאנט־ביין, ליגן אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס . . . זיי ווייטיקן נישט אויפן בראָך פון יוסף — זיי וועלן פארטריבן ווערן פאַראויס פון אלע פארטרי־בענע . . . איך האס די גרויסהאלטער פון יעקב און זיינע פאלאצן האָב איך פיינט . . . "

אויף איינער פון די טומלדיקע האנדלס־פלעצער פון שומרון, די רעזידענץ פון קעניגרייך ישראל, שטייט ער, דער אלטער נביא און פריידיקט זיינע פלאַם־פייערדיקע שטראָף־ווערטער. אויף זיין פנים ליגט אויסגעגאָסן דער טיפער שמערץ איבער דער דעמאָראליזאציע און ער ווייטיקט איבער דער לייכטזיניקייט און וואק־כאנאליע אין די יידישע רייען.

„הלא כבני כושיים אתם לי בית ישראל", ווי די איינוואוינער פון כוש, זיינען געוואָרן די איינוואוינער פון ישראל און לעבן אָן אַפּפערוויליקייט, אָן לייסטונג־אָנשטרענגונג, לעבן הפקר׳דיק!

מיט אזעלכע, און נאָך שטארקערע ווערטער, זיינען ארויסגעקומען די נביאים ישעיה און ירמיה.

דער ערשטער רעדט צום פאָלק:

„הערט צו די רייד פון אלמעכטיקן, עלטסטע פון סדום; פארנעמט די תורה, פאָלק פון עמורה. צו וואָס טויג מיר אייערע שלאכטאָפּפער. איך בין זאט פון אייערע קרבנות, איך וויל זיי ניט האָבן. . . אייערע חדשים און ימים טובים האָב איך פיינט, איך קען זיי ניט פארטראָגן, און אז איר שפרייט אוים אייערע הענט צו מיר, פארשטעל איך מיינע אויגן פון אייך . . . אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט. וואשט אייך, רייניקט אייך . . . אייערע שלעכטע מעשים נעמט אוועק פון מיינע אויגן, הערט אויף צו טאָן שלעכטס. לערנט צו טאָן גוטס, זוכט גערעכטיקייט, העלפט דעם בארויבטן, משפט דעם וואָס פייניקט א יתום . . .[3]

און דער צווייטער:

„פארבעסערט אייערע וועגן און אייערע מעשים וועל איך רוען מיט אייך אין בית המקדש . . . איר וועט גנבענען, רצחנען, נואפן, פאלש שווערן, מקטיר זיין צום בעל . . . און קומען צו מיר אין הויז . . . און מיט דעם וועלן אָפּקויפן אייערע זינד. איז דען דאָס הויז, וואָס טראָגט מיין נאָמען א הייל פאר פארברעכער?"[4]

דער בונטארער עמוס שטייט אכציק יאָר נאָך אליהו הנביא און טרעפט דאָס יידנטום שוין נאָכ'ן פאָלקס-אויפשטאַנד קעגן דער עמרי-קעניגרייך און זעט ווי דער מצב איז נאָך אלץ ניט פארבעסערט געוואָרן, אז „דער אָפּגרונט צווישן אָרעם און רייך איז נאָך געוואָרן טיפער ווי פריער"[5] און ער קען דאָס ניט פארשווייגן.

עמוס איז עפנטלעך ארויסגעטראָטן קעגן אָט דער הערשאפט, קעגן דער גאָטעסדינסט פון די „שכורי אפרים", מיט זייער געצנדינערישן כאראקטער. דאָס איז געווען אין יאָר 567 פ.ק.ע., ווען דער דאָזיקער ארבעטער נביא איז ארויסגע-קומען מיט א רוף:

„פארוויסט וועלן ווערן יצחק'ס במות,
ישראל'ס הייליקטום חרוב:
אונטערגיין וועט דאָס הויז;
פארטריבן ווערן וועט דאָס זינדיקע פאָלק . . ."

עמוס, וואָס האָט געהערט צו די „נוקדים" פון תקוע, און געזען וועגן ישראל אין דער צייט פון עוזיה, דעם קעניג פון יהודה און ירבעם בן יואש, דער קעניג פון ישראל, צוויי יאָר „פאר'ן שטורעם", האָט אומדערשראָקן אויסגערופן:

„כ'בין ניט קיין נביא און געהער ניט צום נביאים-קרייז; כ'בין א פאסטוך און א טאָג-ארבעטער . . . נאָר גאָט האָט מיך אוועקגענומען פון הינטער מיין שאָף און צו מיר געזאָגט אזוי: „גיי, זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל . . ."[6]

און עמוס זאָגט נביאות קעגן פארעטערישן קעניג, קעגן די פאלשע משיחים, קעגן די פאלשע כהנים, קעגן דעמאָראליזירטן קלאַס. זיינע ברענענדיקע ווערטער טראָגן זיך פון מויל צו מויל, הייליקע בונטארע ווערטער פון קאמף פאר גערעכטי-קייט; קאמף פאר צעשטערונג און פארניכטונג פון דער רשעות און געמיינקייט. מען וויל אים אונטערקויפן, מען וואָרנט אים, עס העלפט זיי גאָרנישט. דער נביא דעקט אויף די פשעי דמשק, די פשעי עזה, די פשעי צור, די פשעי אדום, די פשעי עמון, די פשעי מואב, און צום סוף די פשעי ישראל: „על שלשה פשעי יהודה . . . על שלשה פשעי ישראל . . . על מאסם את תורת ד' . . . על מכרם בכסף צדיק ואביון בעבור נעלים. השואפים על עפר-ארץ בראש דלים ודרך ענוים יטו . . ."[7]

דער נביא זעט דעם אָנקום פון אומגליק צוליב די פארברעכנס. ער ווייסט, אז צו גרויס זיינען די זינד פון דעם הערשענדן קלאַס, וואָס לעבט אין וואוילטאָג און ווערנעם ווייבער „די פעטע קי פון בשן" טראַכטן נאָר פון פרעסן און זויפן . . . צו זיי, די הארן פון „הר שומרון העושקות דלים הרוצצות אביונים . . ."[8] רעדט ער. ער דערמאָנט די רייכע פון זיין דור, אז זיי „צעטרעטן דעם הויפט פון דער אָרעמער פאמיליע, שטויסן דעם באדריקטן אין אָפּגרונט; נעמען אוועק פון אָרעמען זיין בגד און שפּרייטן עס אויס אונטער זייערע קני ביים מזבח, פארוואַנ-דלען דאָס רעכט אין גיפט און גערעכטיקייט אין גאל . . ."

דער נביא זאָגט מוסר די, וואָס פארשלינגען דעם אביון און פארדארבן די אָרעמע אויפן לאַנד: „איר טראַכט" — זאָגט ער — „ווען וועט שוין אריבער דער ראש חודש, מיר זאָלן פארקויפן תבואה און דער שבת מיר זאָלן עפענען די שפייכלער; מיר זאָלן געבן אַ קליינע מאָס און נעמען אַ גרויסן פרייז, און באַנוצן אַ פאַלשן וואָג; צו קויפן דעם אָרעמאַן פאר געלט און דעם אביון פאר אַ פּאָר שיך און פארקויפן פלעוועס פאר תבואה . . . [9].

אין נאָמען פון גאָט רופט ער אויס:

„איך האַס, איך פאראַכט אייערע ימים טובים. כ'קאָן ניט פארטראָגן דעם ריח פון אייערע צוזאַמענקונפטן. אייערע קרבנות זע איך ניט, אייערע געשטאָפּטע קעלבער וויל איך ניט . . . אוועק פון מיר מיט אייערע געזאַנגען; דאָס שפּיל פון אייערע גיטאַרן קען איך ניט הערן. לאָזט ליבער פליסן רעכט ווי וואַסער און גערעכטיקייט ווי אַ קיינמאָל ניט אויסגעטרוקנטער טייך . . . " שנאתי, מאסתי חגיכם . . . הסר מעלי המון שיריך וזמרת נבליך לא אשמע . . . ויגל כמים משפט וצדקה כנחל איתן . . . [10].

אין גרויס פארביטערניש, רופט ער אויס:

„פרעגט ניט נאָך גאָט'ס הייליקטימער, זיי וועלן אַלע ווערן צעשטערט און געשענדט און קאָנען אייך ניט העלפן; פרעגט נאָך גוט און ניט נאָך שלעכט; האסט דאָס שלעכטע און ליבט דאָס גוטע—שאַפט גערעכטיקייט אין געריכט־הויז . . . [11].

דער נביא רעדט רעוואָלוציאָנעריש, רופט צו פראַקטיצירן רעכט און גערעכטיקייט, דער נביא פון רייכסטן, ריינסטן מענטשלעכן אידעאַל האָט דערהויבן[12] די יידיש־סאָציאַלע נבואה צו איר הויך וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג און בלויז נאָכדעם, ווי רשעות וועט אָפּגעשאַפט ווערן, זעט ער די גאולה פון „הנה ימים באים נאם ד', ונגש חורש בקוצר ודורך ענבים במושך הזרע והטיפו ההרים עסים . . . ולא ינתשו עוד מעל אדמתם אשר נתתי להם אמר ד' אלקיך".

דער דאָזיקער נביא איז ניט געווען בלויז אַ לערער פון רעליגיע, אין דעם ענגן זין פון וואָרט — שרייבט אַ ניט־יידישער פאָרשער[13]. שילדערנדיק די עפּאָכע פון נבואה, זינט משה רבנו ביז חגי, זכריה, מלאכי. ער באַשרייבט שמואל הנביא, אלישע, עמוס און ישעיה און באַווייזט, ווי דער נביא איז שטענדיק דער לערער און פילאָזאָף, מאָראַליסט און פעדאַגאָג. ער שילדערט אַלס מוסטער משה רבנו דעם גרעסטן פון די נביאים, אויף וועמען די תורה זאָגט עדות: „פה אל פה אדבר בו"[14].

ווי וויכטיק זיין שטודיע איבער די נביאים אחרונים זאָל ניט זיין, די פאַרגלייכונגען, די נבואות פון ישעיה און עמוס, וועגן אָרעם און רייך ווי דאָס וואָרט געלערנט אין תורת משה[15], איז זיין צוגאַנג אַ דורכאויס קריסטלעכער און דעריבער זעט ער אין די שטראָף־ווערטער פון עמוס און ירמיה, אַ דעפּיטיסטישן, פאַרצווייפלטן אויסגעשריי — ניט זייענדיק באַהויכט פון דער לערע: „האָב ליב דעם שונא"[16].

א פיל־טיפערע און דורכאויס יידיש־טראַדיציאָנעלע שטודיע איז די אַרבעט וועגן מיכה הנביא פון אַ יידישן פאָרשער[17]. אָנווייזנדיק ווי געטריי דער נביא איז געווען דעם פאָלק, אַז אַפילו ער האָט שוין געזען די „אשמת שומרון", געזען די שטראָף וואָס דערוואַרט דער פאַרברעכערישער שומרון, האָט ער אַלץ ניט געוואָלט, אַז די פלשתים אין גת זאָלן וויסן . . ."[18].

דער נביא זעט די זינד פון די רייכע, די שונאי טוב ואוהבי רע . . ." און ער ווייסט, אַז זיי ברענגען דעם חורבן אויף ציון: „לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער"[19]. ער וויל אָבער דאָך באַהאַלטן אָט־די שלעכטע זעאונגען אויף יהודה, דער אויסערלעכער שונא זאָל דערפון ניט וויסן.

אין זייערע סאָציאַלע נביאות, געפינט ער אַ מקור אין תורת משה, פאַרגלייכנדיק געוויסע פסוקים אין מיכה מיט די פסוקים אין דברים[20] און אַנדערע מקומות[21]. מיר קאָנען אָבער דאָ ניט מאריך זיין.

דער נביא האָט געבראַכט צו דער אויסגעקריסטאַליזירטער שיטה, וואָס שייך דעם סאָציאַלן פּראָבלעם און דעם יסוד פון דער יידישער אמונה. די דאָזיקע סאָציאַלע שיטה האָט אין די שפּעטערע דורות און אין די היסטאָריש־ברווזנדיקע דערשיינונגען פון יידישן שאַפן, געשפּילט די הויפּט־ראָלע, נעמענדיק זייער עטיק און זייערע סאָציאַלע וויזיעס אַלס מוסטער.

דער נביא איז אויך געקומען מיט זיין געטלעך וואָרט נאָך יעדן אָפּנויג פון דער יידישער אמונה: כיון שהעמיד מנשה צלם בהיכל, התחיל ישעיה לנבא על הגלויות. ווי נאָר מנשה האָט אַריינגעשטעלט אַ צלם אין בית המקדש, האָט ישעיה הנביא אָנגעהויבן זאָגן נביאות וועגן גלות[22].

ישעיה הנביא האָט זיך גאָרנישט צוריקגעהאַלטן פון זאָגן זיין וואָרט קעגן די פאַלשע פירער: „דיינע פירער זיינען פאַררעטער, חברי גנבים, אַלע האָבן זיי ליב שוחד און זוכן באַצאָלונגען, דעם יתום'ס משפט וועלן זיי ניט אונטערנעמען און די קריג פון אַלמנה גרייכט ניט צו זיי . . ."

ישעיה בן אמוץ (געווירקט אומגעפער פון יאָר 736 ביז 680 פאַר קריסט. ערא, אין די יאָרן פון ג' קנ"ט ביז ג' קצ"ט), אַן אָפּשטאַמיקער פונ'ם הויכן אַדעל, האָט ער זיך גאָר געשטעלט אויף דער זייט פון די שוואַכע און אונטערדריקטע און געשטראָפט די זינדיקע פונ'ם הערשנדיקן קלאַס.. ער שטראָפט און קריטיקירט דעם כלל און דעם פּרט. ס'עקלט אים די פּוסטקייט פון די מיידלעך און פרויען; ער קען ניט פאַרטראָגן די קנעכטישע נשמות, וואָס טראַכטן נאָר פון געפעלן ווערן זייערע האַרן, די מאַנסבילן . . .

זיין הויפּט קריטיק איז אָבער געווענדעט דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט: ער שרייט אויס:

„ווי צו די, וואָס רוקן א הויז צו א הויז, דערנענטערן א פעלד צו א פעלד . . . אייער זילבער איז פּסולת, אייער ווייַן געמישט מיט וואסער, אייערע הארן זייַנען אויסוואורפן און שותפים פון גנבים . . . זיי ליבן אַלע כאבאר און יאָגן זיך נאָך באַקשישען. דעם יתום גיבן זיי ניט קיין רעכט און די קריוודע פון דער אלמנה דערגרייכט זיי ניט . . . ווי צו די, וואָס מאכן אומגערעכטע געזעצן . . . צו משפּטן פאלש די נויטבאַדערפטיקע און צו בארויבן דאָס רעכט פון די אָרעמע פון מייַן פאָלק, אויסצופּלינדערן די אלמנה און צו בארויבן דעם יתום . . .”

„צו וואָס דאַרף איך, גאָט, אייערע פיל קרבנות. כ'בין זאַט מיט בראַנד־אָפּפער פון באַראַנעס און מיט'ן פעטס פון געשטאָפּטע רינדער און בלוט פון אָקסן, שאָף און ציג וויל איך ניט האָבן . . . אייערע ראש־חודש'ן און יום טובים האָט פייַנט מייַן זעל, זיי זייַנען מיר צו לאַסט געוואָרן. כ'קען זיי ניט פאַרטראָגן . . . און אַז איר וועט אויסשפּרייטן אייערע הענט, וועל איך פון אייך אָפּווענדן מייַנע אויגן; וויפיל איר זאָלט ניט תפלה טאָן, הער איך ניט צו. אייערע הענט זייַנען פול מיט בלוט. וואַשט אייך, רייניקט אייך, טוט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים פון מייַנע אויגן, הערט אויף טאָן שלעכטס. לערנט טאָן גוטס. זוכט רעכט, קרעפטיקט די באַדריקטע, שאַפט רעכט פאַר'ן יתום, נעמט זיך אָן פאַר דער אלמנה.” „למה לי רוב זבחיכם יאמר ד' . . . לא תוסיפו הביא מנחת שוא . . . גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו . . . רחצו הזכו הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע”[23]. און אין א ווייטערן קאַפּיטל[24]: „הוי החוקקים חקקי און ומכתבים עמל כתבו, להטות מדין דלים ולגזול משפט עניי עמי, להיות אלמנות שללם ואת יתומים יבוזו”.

דער נביא האָט גאָרנישט קיין מורא אויסצושרייען זייַן פאַרדרום פאַרוואָס: „שריך סוררים וחברי גנבים, כלו אוהב שוחד ורודף שלמונים. יתום לא ישפטו וריב אלמנה לא יבא אליהם . . . ” ער רופט זיי אָן „קציני סדום”, אָט־אָ די פירער, וואָס איגנאָרירן די ליידן פון די שוואַכע: „לכן נאם האדון ד' צבאות . . . הוי אנחם מצרי ואנקמה מאויבי”. אָדער ווי ער זאָגט אָן: „ד' במשפט יבוא עם זקני עמו ושריו ואתם בערתם הכרם גזלת העני בבתיכם” (גאָט וועט זיך אָפּרעכענען מיט די פירער, וועלכע האָבן אויסגערויבט דעם ייִדישן ווייַנגאָרטן . . .)[25].

ישעיה הנביא איז אָבער צו דער זעלבער צייַט דער גרעסטער טרייסטער פון ייִדישן פאָלק; ער זעט פאָראויס: „שבר ד' מטה רשעים שבט מושלים”[26] און א נייע עפּאָכע וועט זיך אָנהויבן, ווען עס וועט זייַן „כי ירחם ד' את יעקב . . .” און קומען וועט דער „אחרית הימים”, די וויזיע פון אייביקן פרידן, די וויזיע פון דער קומענדיקער ייִדישער און אוניווערסאַלער גאולה, די צייַט ווען פעלקער וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייַזנס און זייערע שפּיזן אויף גאָרטן־מעסערס. פאָלק קעגן פאָלק וועט ניט דערהויבן קיין שווערד און וועלן מער ניט לערנען קיין מלחמה . . . „און א וואָלף וועט הויזן מיט א שעפּס און א לעמפּערט מיט

א ציגעלע . . . און א לאָם און א יונג־לייב און א פעט־רינד צוזאַמען און א קליין ייִנגל וועט זיי פיטערן . . . עס וועט זיין די צייט פון משיח, די צייט פון „ונהרו אליו כל הגוים" און „ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים!"

און וועגן ציון, האָט דער נביא אין זיינע „שבעה דנחמתא", געגעב טרייסט געפונען פאַרן לאַנד ציון און פאָלק פון ציון, וועגן וועלכע ער זאָגט, אַז זיי וועלן גיין אויסגעלייזטע: „והלכו גאולים". עס וועט זיין: „ופדויי ד׳ ישובון ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם, ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה"[27].

נאָך אים קומט ירמיהו הנביא. ער האָט געזען די שרעקלעכע טראַגעדיע פון חורבן. ער איז געווען דער טראַגישסטער נביא. ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן באַריכותדיק אויף זיין טראַגיש לעבן; מיר האָבן דאָס געטאָן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

ער האָט געזען די רעאַליזירונג פון די פינסטערע נביאות. פריער איז אונטער־געגאַנגען די מלוכה פון די צען שבטים. אין יאָר 722 פ.ק.ע. איז געפאַלן שומרון, די הויפּט־שטאָט פון מלכות אפרים און ס'איז פאַרזיגלט געוואָרן דער גורל פון דער אַלט־ייִדישער מלוכה. שלמנאסר דער דריטער, האָט אַרויסגענומען פון איר „די בליאונג פון דער באַפעלקערונג", איר אַדעל, קריגער און געלערנטע און זיי אַוועקגעפירט געפאַנגענע קיין לחלח וחבור, אין וויטן אשור און מדי, אין אַזיע און אַפריקאַ. אויף זייער פּלאַץ האָט ער באַזעצט ווייטע, פרעמדע פעלקער און דערמיט זיך פאַרזיכערט קעגן א נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד.

יהודה האָט זיך נאָך געהאַלטן און וואָלט אפשר ניט געווען דורכגעמאַכט דעם זעלביקן גורל, ווען ניט די אינערלעכע צאַנקערייען, שלעכטע אויפפירונגען פון די מלוכה־מענער און צוליב די ליידן פון די אָרעמערע שיכטן.

אויב די ערשטענדע קלאַסן האָבן זיך ניט אַזוי צוגעהערט צו די וואָרענונגען פון דעם אָרבעטער נביא עמוס, האָבן זיי זיך אָבער שוין מער צוגעהערט צום וואָרט פונ'ם נביא הושע (טעטיק צווישן די צען שבטים, אומגעפער פון יאָר 735 ביז 723), וועלכער האָט ווי עמוס אַפּעלירט פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָבער — ווי מיר וועלן ווייטער זען — שוין מיט א ווייכערן לשון. ווי שמואל הנביא אַמאָל, איז ער קעגן קעניגטום, קעגן מאָנאַרכיע. ער וויל א פאָלקס־רעגירונג, א „ממלכת כהנים" און אויך ער רופט אויס אין נאָמען פון גאָט: „כ'וויל גנאָד און ניט קיין קרבן, דאָס קענען גאָט איידער בראַנדאָפּפער . . . "[28].

הושע רופט אויס: „כי אין אמת ואין חסד ואין דעת אלקים בארץ. אלה וכחש ורצוח וגנב ונאף פרצו ודמים בדמים נגעו"[29]. „כי רוח יזרעו וסופתה יקצרו" (דער וואָס זייט ווינט, שניידט שטורעם" . . .)[30], אָדער „כנען בידו מאזני מרמה לעשוק אהב"[31] און נאָך שטאַרקער: „זבחי אדם עגלים ישקון" (זיי האָבן געקושט קעלבלעך און מענטשן האָבן זיי גע'שחט'ן")[32].

נאָך שטאַרקער רעדט צום פאָלק דער נביא פון באַרג־דערפל ענתות, דער טראַגישער ירמיה, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַלטער כהנים פאַמיליע, האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין פאָלק און לאַנד (געזאָגט נביאות אין די יאָרן ג׳ רצ״ח ביז ג׳ של״ח). אויף אים איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער מוכיח, צו זיין דער אָנזאָגער פון דער שטראָף, צו ווערן דער „נביא לגויים״, צו וואָרענען די פעלקער און זיין אייגן פאָלק וועגן אָנקומענדיקן אומגליק.

ווען ער דערהערט דעם רוף פון גאָט, איז ער נאָך צו יונג צו נעמען אויף זיך די שווערע מיסיע. ער בעט זיך: „אהה אדני אלקים הנה לא ידעתי דבר כי נער אנכי״. אָבער די שטים פון גאָט איז שטאַרקער און מעכטיקער: „ניט זאָג, כ׳בין יונג, ווייל וואו איך וועל דיך שיקן וועסטו גיין, און וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, וועסטו רעדן...״ „בטרם אצרך בבטן ידעתיך, ובטרם תצא מרחם הקדשתיך; נביא לגויים נתתיך״[33].

און ירמיה איז געוואָרן דער נביא פון גאָט, דער נביא פון פאָלק ישראל און דער אוניווערסאַלער נביא. ער האָט געזען דעם אומסאָציאַלן סדר אויף דער וועלט:

„פאַרברעכער וואָס לויערן ווי פייגל־כאַפּער, שפּרייטן אויס נעצן, פאַנגען מענטשן. ווי א שטייג פול מיט פייגל, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט פאַלש־קייטן; דערפאַר זיינען זיי געוואָרן גרויס און רייך ... זיי שטייגן זיך אַליין אַריבער אין פאַרברעכן, אורטיילן ניט לויט׳ן געזעץ דעם יתום און טיילן ניט צו דעם אָרימאַן זיין רעכט ... פון קלענסטן ביז׳ן גרעסטן, איז אָפּגעגעבן אויף רויב. פון נביא ביז׳ן כהן — אַלע האַנדלען פאַלש ... היילן לייכט דעם בראָך פון מיין פאָלק! זאָגן פרידן, פרידן, וואו ס׳איז ניטאָ קיין פרידן ...

„שמה ושערורה נהיתה בארץ. הנביאים נבאו בשקר והכהנים ירדו על ידיהם ועמי אהבו כן, ומה תעשו לאחריתה״[34].

דער סאָציאַלער נביא קען ניט צוזען קיין פאַלשקייט און שווייגן. ער פאַרדאַמט מיט די שאַרפסטע ווערטער די פאַרברעכער וואָס פירן דאָס לאַנד צום אונטערגאַנג. די הערשנדיקע פאַררעטער האָבן דערהערט די שטים פונ׳ם נביא:

„ווי אים, וואָס בויט זיין הויז אָן רעכט, און זיינע עטאַזשן אָן יושר, וואָס מאַכט אַרבעטן אומזיסט דעם צווייטן און באַצאָלט אים ניט זיין לוין״. און ער וואָרנט דאָס פאָלק קעגן די דאָזיקע פאַרברעכער[35]:

ירמיה הנביא שרעקט זיך ניט פאַר די טויט־שטראָף וואָרנונגען מצד דער הערשנדיקער מאַכט (ווי זיי האָבן עס דורכגעפירט אויף דעם נביא שמעיה, פאַר זיין פאָראויסזאָגן דעם אונטערגאַנג פון ירושלים און דאָס בית המקדש). ער זאָגט דעם **אמת**, ברענגט דאָס אמת׳ע געטלעך וואָרט! ער לאָזט אַרויס א ספּעציעלע שריפט, א מגילה וואָס זאָגט פאָראויס דעם אומגליק, אויב די פירער וועלן ניט תשובה טאָן. זיין סעקרעטאַר ברוך בן נריה לייענט פאָר די שריפט פאַר׳ן קעניג יהויקים. דער לעצטער פאַרברענט די מגילה און באַפעלט צו אַרעסטירן ירמיה׳ן מיט זיין סעקרעטאַר.

דער טראגישער נביא קריגט קלעפּ, ווערט געוואָרפן אין תפיסות. דאָס אלץ שרעקט אים ניט אָפּ פון זאָגן דאָס שארפע וואָרט, אויפפאָדערנדיק: פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיקייט און דאָס אָפּהיטן די מצוות, א דאנק וועלכע די מדינה האָט איר עקזיסטענץ־בארעכטיקונג.

פארשטייט זיך, אז ניט דאָ איז דער פּלאַץ איבערצוגעבן אפילו בלויז דעם תמצית פון דער נבואה, דעם תמצית פון דעם לעבן פון די נביאים און זייערע קאמפן; אוודאי ניט וועגן דעם מצב פון יהודה פאַר און נאָכ׳ן חורבן. דאָס געהערט צו א באַזונדערער שטודיע.

מיר דאָ האָבן בלויז קאַליידאָסקאָפּיש געוואָלט א בליק טאָן וועגן די סאָציאַלע פאָדערונגען און סאָציאַלע וויזיעס פון די נביאים.

דער טראגישער נביא בעת׳ן חורבן, ירמיהו, האָט געליטן מער ווי ווער ניט איז פאַר און נאָך אים. דער „סאָציאַלער נביא"[36], וועמעס הארץ איז געווען פול מיט ליבע צום פאָלק, האָט אויף זיין גורל געמוזט נעמען די מיסיע פון אָנזאָגן דעם אונטערגאנג פון יהודה און די עצה זיך אונטערצוגעבן דעם שונא. ער איז דערפאר פון א צאָל פּאטריאָטיש־שאָוויניסטישע ענטוזיאסטן באשולדיקט געוואָרן אין פארראַט.

ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפן, ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: ראה אותם בפחזותם, בנוולם . . . און זיין נביאות האָט זיך אויך ארויסגעוויזן פאר ריכטיק. די בבלישע ארמיי האָט באלאגערט ירושלים, געצוואונגען די יידישע מלוכה זיך אונטערגעבן. אויסגערויבט דאָס גאָלד און זילבער און אוועקגעפירט דעם קעניג יהויכין, די קעניגין־מוטער . . . די מעכטיקע פון לאנד . . . און „אלע מיליטער־פייאיקע לייט . . ."[37].

ירמיה האָט געשריבן צו די געפאנגענע אין בבל: זיי זאָלן ניט טראכטן פון א שנעלן אויפשטאנד קעגן בבל, מאכן שלום מיט׳ן גורל, דאָרט בויען הייזער, פּאלאצן, בוימער, חתונה האָבן, זיך פארמערן אוןווארטן ביז די גאולה וועט קומען . . .

די פּאטריאָטן האָבן אים דערפאַר גע׳רודפט: די איבערגעבליבענע פון דער קעניגלעכער דינאסטיע האָבן אפילו געזוכט דעם „שווארצזעער" צו פאַר׳משפּטן צום טויט. עס געלינגט אים אָבער דאָך זיך צו ראטעווען, און איבערצולעבן די שרעקלעכע קאטאסטראָפע פון פולשטענדיקן אונטערגאנג פון יהודה וואָס ער באוויינט און באקלאָגט אין זיין שרעקלעכער אומפארגלייכלעכער „איכה"־לאמענטאציע:

„בעסער וואָלט מיין קאָפּ געווען וואסער,
מיינע אויגן — א טרערן־קוואַל;
כ׳זאָל קענען באוויינען טאָג און נאכט
די בראָך פון מיין פאָלק".

דער נביא ירמיהו קלאָגט אויפ'ן חורבן און ווייסט ווער עס איז שולדיק אין דעם גרויסן אומגליק: „כי מקטנם ועד גדולם כולו בוצע בצע . . . מנביא ועד כהן כלו עשה שקר . . . גם נביא גם כהן חנפו[38]. כי מנאפים מלאה הארץ[39]. אָבער ווענן דעם חורבן און דעם גורל פון דעם נביא ביי אן אנדער געלעגנהייט[40].

דאָס איז אויך געווען דער געשריי פונ'ם נביא מיכה:

„שמעו נא זאת ראשי בית יעקב וקציני בית ישראל המתעבים משפט ואת כל הישרה יעקשו. בונה ציון בדמים וירושלים בעולה, ראשיה בשוחד ישפוטו וכהניה במחיר יורו ונביאיה בכסף יקסומו, ועל ד' ישענו לאמר: הלא ד' בקרבנו לא תבוא עלינו רעה. לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער[41]. און אויף אן אנדער אָרט[42]: „הירצה ד' באלפי אילים ברבבות נחלי שמן . . . הגיד לך אדם מה טוב ומה ד' דורש ממך כי־אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם ד' אלקיך".

און יחזקאל הנביא, דער נביא פון די „עצמות היבשות", וועלכער האָט געזאָגט זיין נביאות אין די יאָרן ג' של"ב—ג' שנ"ד (428-406 פ. ק. ע.) ער רופט אוים:

„הוי רועי ישראל אשר היו רועים אותם (את עצמם). הלא הצאן ירעו הרועים? את החלב תאכלו ואת הצמר תלבשו . . . את החולה לא רפאתם ולנשברת לא חבשתם . . . אני ארעה צאני ואני ארביצם נאום ד' אלקים . . . ואת החולה אחזק . . . "[43]. און דער „נעים זמירות ישראל" האָט אויך עפּעס צו זאָגן וואָס שייך דעם סאָציאלן לעבן ביי יידן: „משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום יאמר ד'."[44].

דאָס איז די הויכע געטלעכע עטיק, באזירט אויף געטלעכן אמת, „חותמו של הקב"ה אמת"[45], אויף צדק און מוסר, וואָס איז דער יסוד פון דעם יידיש־רעליגיעזן סאָציאליזם, האלטנדיק זיך ביים אקסיאָמאטישן אפאָריזם: „אין אומתנו אומה אלא בתורתה", די לאָזונג פון רבנו סעדיה גאון (892-942, ד"א תרמ"ב — תש"ב) אין „האמונות והדעות". אָדער ווי זיין נאָכפאָלגער דער רמב"ם, דריקט זיך אזוי קלאָר אוים אין „אגרת תימן": „זאת התורה לא ימלט ממנה איש מבני יעקב לעולם, לא הוא ולא זרעו ולא זרע זרעו — ירצו או לא ירצו!" דאָס שליסט איין אויך דעם תורה'דיקן באַגריף, אז ליבע צו געלט ברענגט חורבן און אומקום: „בבית שני מפני מה גלו? מפני שאוהבים את הממון ושונאים את הבריות" (ביים צווייטן בית מקדש פארוואָס זיינען יידן פארטריבן געוואָרן? ווייל זיי האָבן ליב געהאט געלט און געהאסט מענטשן)[46].

די נביאים האָבן פיינט געהאט דעם מענטש, וואָס יאָגט זיך בלויז נאָך געלט, אויך מורא געהאט פאר גרוים אָרעמקייט, וואָס ברענגט צו כפירה און דערנידער־רונג, ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי[47]: „פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ד' ופן אורש וגנבתי" (טאָמער וועל איך ווערן צו זאט און לייקענען, און זאָגן: ווער איז

גאָט? און טאָמער וועל איך ווערן צו אָרעם און גנב'ענען . . .) דאָס יאָגן זיך נאָך געלט בינדט דעם מענטשן מיט די שטאַרקסטע שטריק, ווייל „אוהב כסף לא ישבע כסף", דער וואָס האָט ליב געלט, קען זיך ניט אָנזעטיקן מיט געלט[48]. „כי אדם לעמל יולד"[49]. ניט דווקא אין דעם מיין פון ללמוד על מנת ללמד . . . [50]. נאָר פּשוט צו אַרבעטן און צו פּראָדוצירן. דאָס איז דער מענטשלעכער גורל[51]. דער, וואָס וויל ניט זיין קיין נהנה מיגיע כפו, וויל לעבן אויפן צווייטנס חשבון, איז ער אַ פּאַראַזיט, איז ער קעגן די תורה־פּרינציפּן, איז ער קעגן דעמאָקראַטיע, קעגן פרייהייט, קעגן מענטשלעכן וואוילזיין . . .

ד. די הויכע אידעאַלן פון די נביאים. — ווי אַזוי זיי האָבן גערעדט צום פאָלק. — „די עלטערן עסן אומ־צייטיקע פּרוכט". — די שטראָף אויף די קינדער.

ווי מיר האָבן פריער געזען, איז עמוס געווען דער שטורעמדיקסטער נביא[1] אין שייכות מיט די סאָציאַלע עוולות ביי יידן (יהודה און ישראל) און ביי דער וועלט. ער איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון די אנדערע — אָבער יעדער מיט זיין צוגאַנג, מיט זיין אופן זאָגן נביאות, מיט זיינע ניואַנסן און מיט זיינע זעאונגען.

עמוס, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז געווען אַ פּאַסטוך און אַ פעלד־אַרבעטער, אַ „בולס שקמים" (טייטלען קלייבער) און געזאָגט זיין נביאות אין די טעג פון די מלכים עוזיה (יהודה) און ירבעם דער צווייטער (ישראל) און געווען איז ער, ווי ער אליין זאָגט עדות אויף זיך, ניט קיין נביא און ניט קיין נביא'ס זון („לא נביא ולא בן נביא אנכי") און דאָך איז ער באַשאָנקען געוואָרן מיטן געטלעכן פייער און געוואָגט צו זאָגן אַזעלכעס, וואָס איז ביז אים ניט געהערט געוואָרן.

אין די ניין קאַפּיטלעך פון עמוס, הערן מיר ווערטער, געזאָגט מיטן גרעסטן פּאַטאָס, שפּיזיקע ווערטער הערן מיר פונם תקוע־פּאַסטוך:

„הוי השאננים בציון והבוטחים בהר שמרון . . . השוכבים על מטות שן וסרוחים על ערשותם"[2], אָדער ווי ער רופט זיי אָן, די „ליידיקע, פּוסטע, רייכע אָפּגעגעסענע מענער און פרויען, וועלכע רויבן און צעברעכן דעם אָרימען", די „קי פון בשן", דאָס זיינען געווען פעטע, אויסגעפּאַשעטע בהמות[3]. ער זידלט זיי און שטראָפט זיי.

ער שטורעמט קעגן דער פייערלעכקייט פון יום טוב, וואָס האָט ניט קיין זין און ער מוסרט די רייכע, וואָס לעבן אויף דער פּראַצע פון אַנדערע מענטשן; ער שאָנעוועט ניט, סיי די מענער און סיי די פרויען, וועלכע האָבן בלויז איין ציל אין לעבן: לעבן רייך און אין לוקסוס און ס'גייט זיי ניט אָן די ליידן פונם אָרימען, פונם אַרבעטער[4].

אין זיינע אַכט נביאות, זיינען צוויי אויסשליסלעך געווידמעט יידן, ביי וועלכע ער זעט סאָציאַלע פאַרברעכנס און ער באַטראַכט זיי פאַר נאַציאָנאַלע

זינד. ער לאַכט אָפּ פון די וואָס מיינען, אַז דורך קרבנות וועלן זייערע זינד ווערן פאַרגעבן[5] און ער וואָרנט, אַז די דאָזיקע פאַרברעכנס וועלן ברענגען חורבן און אומגליק אויף די מלוכות און אויפן פאָלק ישראל.[6]

דער נביא הושע, וועלכער האָט אויך געלעבט אין יענער תקופה, קעמפט ווי עמוס, קעגן דער קאָרופּציע אין לאַנד; אויך ער פאַרדאַמט די זינד פון שומרון, וואָס מיינט באמת, די זינד פונם לאַנד, איבערהויפּט די „וואָס שלאַכטן מענטשן און קושן קעלבער".[7]

זיין צוגאַנג איז אָבער א ביסל אַן אַנדערער; ער טוט עס מיט ליבשאַפט און ער פּראָפּאַגירט זיינע אידייען און נביאות, דורך ליבע צווישן מענטשן. ער זעט אין די זינד דעם אָפּנויג פון יידישן וועג, פאַרראַט און אומטרייהייט און שילדערט דעם דאָזיקן פאַרראַט און פאַלשקייט אויף אַן אופן, אַז דאָס זאָל אַרויסרופן א תשובה מצד די זינדיקע.

הושע דערציילט וועגן די זינד אויף אַן אַלעגאָרישן אופן, מיט א משל פון א פרוי וואָס איז געוואָרן אומטריי איר מאַן און אַז די שטראָף וועט זיין, אַז פון דער אומטרייער, פאַררעטערישער פרוי וועט צוגענומען ווערן אירע רייכע געשאַנקען . . . די פרוי איז כנסת ישראל . . . זי וועט באַשטראָפט ווערן פון גאָט, ס'וועט אויף איר קומען חורבן און דאַן וועט זי זיך צוריקקערן, די געליבטע כלה, ישראל וועט תשובה טאָן; ס'וועט צוריק זיין, ווי אין די טעג פון איר יונגהייט, ווי אין די טעג, ווען זי איז אַרויס פון לאַנד מצרים.

ער פירט אויס:

„און איך וועל דיך פאַרקנסענען אויף אייביק . . . מיט רעכט, ליבשאַפט און רחמנות . . . און איך וועל דיך פאַרקנסענען צו מיר מיט געטריישאַפט, און דו וועסט דערקענען גאָט".[8]

ער פאַרדעקט ניט גאָט'ס שטרייט מיט זיין פאָלק ישראל, „כי ריב לד' עם יושבי הארץ" (א שטרייט האָט גאָט מיט די איינוואוינער פונם לאַנד), ווייל עס איז ניטאָ קיין אמת, קיין גוטסקייט און גאָט־דערקענטעניש . . .

אָבער אינמיטן אָט די שטרענגע שטראָף, קומען די ליבע וואַרעמע ווערטער וועגן אומקער צו גאָט, אַז גאָט וועט ניט אויסגיסן זיין גאַנצן צאָרן אויף זיין פאָלק, אַז גאָט וואַרט נאָר אויף זייער אומקער: „לכו ונשובה אל ה'"[9] און „שובה ישראל עד ד' אלקיך כי כשלת בעונך", קער זיך אום, ישראל . . .[10] ער זאָגט און וואָרנט: „חרשתם רשע עולתה קצרתם", ווען איר אַקערט שלעכטס, שניידט איר אומרעכט,[11] דעריבער קומט צוריק, האָט רחמנות אויף זיך! דער חורבן איז געקומען צוליב פאַלשקייט, דאַרפט איר אויסראָטן פאַלשקייט און די גאולה איז שוין ביי דער טיר.

איר האָט דאָ ניט די שפּיזיקע ווערטער פון עמוס, דעם וויי־געשריי אויף די

וואָס ליגן אויסגעצויגן אויף די העלפנביין־בעטן, די זידל־ווערטער אויף די „קי פון בשן״. ער אַלאַרמירט אויף געפאַר און רופט אויסצומיידן אומקום.

ישעיה הנביא דערלויבט זיך שוין יאָ אָנצורופן די הערשער מיט די קאָמפּראָמיטירנדיקע ווערטער: „סוררים, מרצחים, קציני סדום, חברי גנבים, אוהבי שוחד״ אאַ״וו און ווייטער[12]. אָבער אויך ער, וועלכער האָט הארמאָניש פאַראייניקט אין זיך עמוס'עס שאַרפקייט און הושע'ס צאַרטקייט[13] בלייבט ניט ביי אָט־די פּראָטעסט־אויסדרוקן און זוכט דורכאויס אַרויסצוקומען מיט גאָט'ס וואָרט פון וויזיע און טרייסט.

ישעיה הנביא איז איבערגעשטיגן מיט זיין מאַיעסטעטישקייט און רעליגיעזע דערהויבנקייט און רעדט מיט א נבואה־שפּראַך, וואָס איז ביז אים ניט געהערט געוואָרן. די „זעאונג פון ישעיה הנביא, דעם זון פון אמוץ״ האָט געווירקט אין זיין דור, אין זיין צייט, אין זיין סביבה און פאַר אַלע דורות.

ישעיה הנביא, דער טיפער אָפּטימיסט און גלויביקער אין דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט און אינ'ם זיג פון גערעכטיקייט פאַר „די איינוואוינער פון דער ערד״ — אפילו אים איז שווער צו לעבן אין א וועלט, וואָס איבער איר שוועבט אומרעכט און אומגערעכטיקייט. ער שטורעמט און וואָרנט קעגן די, וואָס ברענגען אומרעכט:

„ווי די, וואָס נידערן קיין מצרים נאָך הילף,
און אויף פערד פאַרלאָזן זיי זיך,
און זיי פאַרזיכערן זיך אויף רייטוועגענער, ווייל זיי זיינען פיל
און אויף רייטער, ווייל זיי זיינען מעכטיק זייער,
און זיי קערן זיך נישט צום הייליקן פון ישראל
און ג־ט טוען זיי ניט זוכן״.

ישעיה הנביא רעדט מיט ווייטיק און צער קעגן די, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף פלייש און נים אויף „גייסט״. ער איז בייז אויף די, וואָס לויפן קיין מצרים זוכן גליק און שטאַרקייט:

„און די מצרים זיינען מענטשן און ניט גאָט
און זייערע פערד זיינען פלייש און ניט גייסט . . .״[14].

ער רופט צו זיי מיט זיין דונערנדיקן רוף, זיך צוריקצוקערן צו גאָט. דורך דעם צוריקקער וועט זיי אַלץ פאַרגעבן ווערן . . .

דער נביא רופט זיין פאָלק:

„קומט נאָר, לאָמיר זיך דורכריידן;
אויב אייערע זינד וועלן ווי שאַרלעך זיין
וועלן זיי ווייס ווי שניי ווערן,

אויב זיי וועלן רויט זיין ווי ווערמל־פאַרב,
וועלן זיי וואָל ווערן,
אויב איר וועט וועלן און צוהערן,
וועט איר עסן דאָס גוטס פון לאַנד".

דער ווילן (ווי דער נביא דערמאָנט עס אַזוי קלאָר) ליגט ביים מענטשן. ער איז פריי, ער האָט בחירה, ער דאַרף אָבער באַזיצן אַ שטאַרק פּערזענלעכקייט־געפיל, פעסטזעליגקייט און פאַרשטאַנד צו קאָנטראָלירן זיינע עמאָציעס. דער נביא איז אָפּטימיסטיש גענוג צו גלויבן, ווי דער נעים זמירות, אַז צום גערעכטן וועט זיך אומקערן דאָס רעכט . . . בלויז ווען ער הערט זיך ניט צו צו גאָט׳ס וואָרט, קומט די וואָרנונג:

„אייער מויל־אָפּפער וויל איך ניט
און די פרייד־אָפּפער פון אייערע געשטאָפּטע בהמות
וועל איך ניט אָנקוקן,
נעמט אַוועק פון מיר דעם ליאַרם פון אייערע געזאַנגען
דאָס שפּילן פון אייערע האַרפעס וויל איך ניט הערן . . ."15.

דער נביא זוכט די אינדיווידועלע און אוניווערסאַלע אויסלייזונג, ווי מיר זעען עס אין די זעאונגען פון ישעיה, עמוס, הושע און אַנדערע. ער איז באַהויכט פונ׳ם שטאַרקן גלויבן אין דער אַנטפּלעקונג פון גאָט׳ס גערעכטיקייט צו די, וואָס טוען רעכט. בלויז ביי איין נביא געפינט מען אַ כאַראַקטעריסטישן פּראָטעסט קעגן באַשעפער פאַרוואָס ער וויל זיך ניט צוהערן צו אים:

„ביז וואַנען, גאָט, וועל איך רופן,
און דו וועסט נישט הערן?
שרייען צו דיר געוואַלט,
און דו וועסט נישט העלפן?
פאַרוואָס לאָזט מיך זען אומרעכט,
און קוקסט צום אומגליק?
און רויב און גזלה זיינען פאַר מיר,
און עס איז קריג, און שטרייט הויבט זיך אויף.
דרום איז אָפּגעשאַפט די תורה,
און קיינמאָל קומט נישט אַרויס אַ משפט;
ווייל דער רשע רינגלט אַרום דעם צדיק,
דרום קומט אַרויס דער משפט פאַרדרייט"16.

די נביאים האָבן געהאַט אין זיך דעם טיפן גלויבן און די איבערצייגונג, אַז סוף־כל־סוף וועט הערשן אויף דער וועלט דאָס הומאַנע, גערעכטע און דערהויבענע

דורך דעם ווילן פונ׳ם מענטשן און דער הילף פון גאָט. עס וועלן פאָרקומען מוראַ־דיקע סאָציאַלע איבערקערענישן, שרעקלעכע אומבר׳רחמנות׳דיקע איבערלעבונגען וועלן דורכגיין איבער׳ן גוף און נשמה פונ׳ם מענטש — און נאָכדעם וועט קומען דער ענדגילטיקער שלום און די אוניווערסאַלע גערעכטיקייט.

דער נביא ירמיה, וואָס האָט פאָראויסגעזען דעם אומגליק וואָס דערנענטערט זיך אויפ׳ן פאָלק ישראל, אויך ער פּראָטעסטירט קעגן קומען אין גאָט׳ס הויז און נאָכדעם אָנטאָן כל־דאָס בייז:

„אַזוי האָט געזאָגט ד׳ צבאות, דער גאָט פון ישראל: בעסערט אייערע וועגן און אייערע מעשים און איך וועל אייך לאָזן רוען אין דעם דאָזיקן אָרט. איר זאָלט אייך ניט פאַרזיכערן אויף די ווערטער פון ליגן . . . נייערט, אויב בעסערן וועט איר בעסערן אייערע וועגן און אייערע מעשים; אויב טאָן וועט איר טאָן גערעכ־טיקייט צווישן איטלעכן און זיין חבר, דעם פרעמדן, דעם יתום, און די אלמנה וועט איר ניט דריקן . . . וועל איך אייך לאָזן רוען אין דעם דאָזיקן אָרט, אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן פון אייביק און ביז אייביק"[17].

אַזוי הושע שטעלט זיך בעיקר אָפּ אויף די סאָציאַלע עוולות און סומירט גאָט׳ס פאַרלאַנגען: „וואָרום גוטסקייט האָב איך באַגערט און ניט שלאַכטאָפּפער, און דערקענונג פון גאָט איידער בראַנדאָפּפער"[18].

און אַזוי זכריה:

„אַזוי האָט געהאַט געזאָגט גאָט צבאות, אַזוי צו זאָגן: משפּט אַן אמת׳ן משפּט, און טוט חסד און דערבאַרעמונג איינער מיט׳ן אַנדערן. און אַן אלמנה, און אַ יתום, אַ פרעמדן און אַן אָרעמאַן זאָלט איר ניט דריקן, און איינער דעם אַנדערנס רעה זאָלט איר ניט טראַכטן אין אייער הארצן"[19].

די נביאים האָבן ניט פאַרשוויגן די עוולות אין ישראל און געזען די שטראָף פאַר די זינד:

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
יאָ, פאַר דריי פאַרברעכן פון יהודה.
יאָ, פאַר פיר, וועל איך ניט אָפּהאַלטן.
פאַרוואָס זיי האָבן פאַראַכט די תורה פון גאָט
און זיינע געזעצן ניט געהיט;
און זייערע ליגנס האָבן זיי פאַרפירט,
די וואָס זייערע עלטערן זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך זיי"[20].

און מיכה רופט אויס אין זיין וויי־געשריי פאַר די באַגאַנגענע חטאים:

„אונטערגעגאַנגען איז דער פרומער אין לאַנד,
און קיין רעכטפאַרטיקער צווישן מענטשן איז ניטאָ;
אַלע לויערן זיי אויף בלוט,
איינער דעם אַנדערן פאַנגען זיי אין נעץ"[21].

אלע זעען זיי די זינד פון געצן־דינעריי, סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, זנות און רופן צו תשובה, אַרויס פון דער געפאַלנקייט און אָנהויבן אַ ניי לעבן[22]. זיי זאָגן מוסר, שטראָפן און לערנען ווי אַזוי צו לעבן אַ עכט־יידיש־עטיש לעבן, איבערהויפט אָדער אַמווייניקסטנס צווישן יידן זעלבסט — אָבער אין זייער שטראָפן איז געווייס ניט געווען קיין שמץ פון זעלבסטהאַס.

זיי האָבן שטענדיק געזוכט אַרויסצוהייבן די בונד־אידייע צווישן פאָלק און גאָט — און אַ דאַנק דעם דאָזיקן בונד גערופן צו יושר, צו גערעכטיקייט, צו תשובה, ווייל זינד וועט פירן צו אונטערגאַנג.

מ'האָט דעם יידישן פאָלק שטאַרק מוכיח געווען, אָנגעוויזן אויף זיינע פעלערן, אַפּילו זיך אויסגעדריקט, אַז די אומגליקן פון דער וועלט קומען צוליב זיי[23], אָבער די אַלע האָבן בלויז אינזינען געהאַט די טובה פונ'ם יידישן פאָלק, זיי צו פירן אויף דעם בעסטן וועג און יידן האָבן זיך געלאָזט זאָגן מוסר, האָבן נאָך יעדער צרה געזוכט תשובה צו טאָן און פאַרבעסערן זייערע מעשים. אין אַלגעמיין איז די באַציאונג צום יידישן מענטשן געווען, אַז ער געהערט צו דעם עם הנבחר, אַז דער אָרימסטער האָט אַ רעכט צו אַ סעודה פון מלכים. אַז ר' יוחנן בן מתיא האָט איין מאָל געהייסן זיין זון, ער זאָל גיין דינגען אַרבעטער. דער זון האָט דאָס געטאָן און אָפּגעמאַכט, אַז אַ חוץ זייער לוין זאָלן זיי אויך קריגן עסן. ווען דער זון איז צוריקגעקומען צום פאָטער און אים דאָס דערציילט, האָט רבי יוחנן געזאָגט: דו האָסט אָפּגערעדט זיי צו געבן עסן, אָבער ניט געזאָגט, וואָס דו וועסט זיי געבן. איצט אַז דו וועסט פאַר זיי מאַכן אַפּילו אַזעלכע מאָלצייטן ווי אין שלמה המלכ'ס צייטן, וועסטו פאַר זיי אַלץ ניט יוצא זיין, ווייל זיי קומען אַרויס פון אברהם, יצחק און יעקב. איידער זיי הויבן אָן אַרבעטן, גיי און זאָג זיי, אַז מער ווי ברויט מיט אַרבעס קענען זיי ביי אונדז ניט פאָדערן[24].

זיי האָבן געפּריידיקט העכערן רחמנות־געפיל, געטלעכן רחמנות, וואָס איז אוניווערסאַל. ווען ער האָט אַרויסגענומען די יידן פון מצרים, זאָגט דער מדרש, האָט גאָט ניט געוואָלט הערן קיין שירה, בעת די מצריים זיינען געזונקען אינם ים: „מיינע באַשעפענישן ווערן דערטרונקען אים ים, און איר זאָגט שירה?" . . .

גאָט האָט אויך באַשטראָפט יונה הנביא, דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט גיין זאָגן נביאות אויף נינוה און זיי צוריקפירן אויפן גוטן וועג. ער זאָגט צו אים:

„דיר איז אַ שאָד (האָסט רחמנות) אויפן קקיון,
וואָס ניט דו האָסט זיך אויף אים געמיט
און ניט דו האָסט אים אויפגעבראַכט —
וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן
און איז איבער נאַכט אונטערגעגאַנגען;
און מיר זאָל ניט זיין אַ שאָד אויף דער גרויסער שטאָט נינוה,

וואָס אין איר זיינען דאָ מער ווי צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן,
וואָס וויסן נישט צווישן זייער רעכטער האנט און זייער לינקער".[25]

און נאָך מער, גאָט'ס רחמנות איז אפילו אויף בהמות, אויף אלע וואָס האָט חיות, לעבן, ווי דער אויספיר איז: „און איך זאָל ניט רחמנות האָבן אויף נינוה . . . וואו עס זיינען פאַראן מער פון הונדערט צוואַנציק טויזנט מענטשן . . . און פיל בהמות".

דער נביא פאַרנעמט זיך מיט דער „אחרית הימים" וויזיע, ווען „דאָס פאָלק וואָס גייט אין פינצטערניש האָט דערזען א גרויס ליכט"[1]; ווען שלום וועט הערשן און ירושלים וועט ווערן דער צענטער פון גאַנצער וועלט . . .

ה. די סאָציאַלע אידייע און די אוניווערסאַלע.—נבואה פון אחרית הימים. — די תורת חיים. — טרייסט אוים ליבשאַפט. — אוים־דערוויילטקייט אויף תנאי.

„וואָס וועלן זיי לערנען אין ירושלים, אויפן בארג ציון?
זיי וועלן לערנען פון אייביקן פרידן:
„און עס וועט זיין, אין סוף פון די טעג
פעסט וועט שטיין דער בארג פון גאָט'ס הויז
אויבנאָן פון די בערג
דערהויבן איבער אלע הויכע ערטער
— — — — — — — — — — — — —
א פאָלק קעגן א פאָלק
וועט ניט אויפהייבן א שווערד
און מ'וועט זיך מער ניט לערנען מלחמה".[2]

אין א ווייטערן פרק, ריידנדיק וועגן משיח'ן, וועגן דעם קעניג פון ישי'ס אָפּשטאַמונג, ווידערהאָלט ער דער דאָזיקער זעאונג. ער שטאַרקט איר, מיט נאָך גרעסערע דערגרייכונגען, אז דער סוף וועט זיין,

„זיי וועלן ניט שלעכטס טאָן און ניט פאַרדאַרבן
אויף מיין גאַנצן הייליקן בארג;
וואָרים די ערד וועט זיין פול מיט דערקענונג פון גאָט,
ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים".[3]

נאָך ישעיה הנביא קומט מיכה המורשתי (פון מרשה־מארישא, ביי דער פלשתים־שטאָט גת), וועלכער האָט געלעבט כמעט אין דער זעלביקער צייט און אויך געשטראָפט סיי די רעגירער פון מלכות ישראל און סיי די רעגירער פון מלכות יהודה.

ווי עמוס, איז מיכה שאַרף און שניידנדיק, ווען ער רעדט וועגן די סאָציאַלע פאַרברעכנס און סאָציאַלע נויטן. ער זעט אין דעם די סיבה פון חורבן ירושלים

און בית המקדש און דעם אונטערגאַנג פון בײדע מלוכות. ער זעט אויך דעם „אחרית הימים", כמעט אין די זעלביקע װערטער װי ישעיה הנביא:

בײ מיכה:	בײ ישעיה:
יהי' הר בית ד' נכון	נכון יהי' הר בית ד' ונשא . . .
ונהרו עליו עמים . . .	ונהרו אליו כל הגוים
והלכו גוים רבים	והלכו עמים רבים אל בית
ושפט בין עמים רבים	ושפט בין הגוים לעמים רבים . . .
ישאו־ילמדון . . .	ישא־ילמדו . . .

בײ בײדן צוזאַמען, קומט צום אויסדרוק די גאולה שלימה, אינם אוניװערסאַלן באַדײַט4 און בײדע זוכן די סאָציאַלע דערהױבונג.

און אַזױ ירמיה הנביא נאָך זײ; ער זוכט דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס סאָציאַלע בײ ייִדן אין אַ פאָרם װאָס זאָל זיכערן די צופרידנקײט בײַם מענטש און זײַן באַשעפער — אויך ער זוכט דעם טרײסט צו די לײַדנדיקע און באַשטראָפטע צוליב די זינד.

ירמיה ברענגט עס אַרױס מיט אַ משל: „די עלטערן עסן אומצײַטיקע פרוכט און די צײן פון די זין װערן אײַליק . . . װי איך לעב, זאָגט גאָט, אַז עס װעט אײך שױן ניט אױסקומען מער צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן משל אין ישראל . . . די נשמה, װאָס זינדיקט, נאָר זי אַלײן זאָל שטאַרבן . . ." און ער רעכנט אױס, װי אַזױ דער נײַער דור װעט אױסזען און װי אַזױ דער נײַער מענטש װעט אױסזען. „ער װעט זײַן אַ צדיק, פון אומרעכט װעט ער זיך אומקערן, װעט ער במילא בלײַבן לעבן . . ."

דער שטרענגער שטראָפער און שװאַרצזעער, װערט דער צאַרטער טרײסטער; דער „אײַזערנער זײַל" װערט װײך, װערט באַהערשט פון אַ בענקענדיקער ליבשאַפט צו זײַן פאָלק און צו זײַן לאַנד. מיט אַלע לשונות פון טרײסט, שטאַרקט ער דעם נײַעם מענטשן, דעם נײַעם ייִד װאָס װעט זיך אומקערן פון די גלותן און װערן אױסגעלײזט.

די נביאים האָבן געהאַט גרױסע פאָדערונגען: מאָראַלישע, סאָציאַלע און עטישע, דעריבער זײַנען זײ ניט געװען פרײדלעך מיט'ן אַרום. „די פאַלשע נביאים" —זאָגט הלל צײטלין15—„זײַנען שטענדיק פרײדלעכע מענטשן, אָבער ירמיה הנביא איז געװען אַ „מענטש פון קריג און אַרומרײסעניש פאַר'ן גאַנצן לאַנד".

זײ האָבן ליב געהאַט דעם מענטשן און דעריבער אים געװאָלט אַרױסהױבן פונ'ם תהום . . . אים דערהױבן צו די הױכע אידעאַלן, װײל, װי דער פסוק זאָגט: „און אױב צו דער ערד בױגט זיך (דער מענטש) און זעט װיסטע פינסטערניש, אַנגסט און עלנד, איז אָבער דאָ נאָך אַ װעג פאַר'ן מענטשן — צום הימל זאָל ער זיך קערן . . ."

די אויפגאבע פונ׳ם נביא איז געווען צו לערנען און צו דערציען זיין דור און אלע דורות נאָך אים, די וועגן פון תורת חיים, וועלכע זיינען די וועגן פון גוטס:

„דרשו טוב ולא רע למען תחיו"[6].

אָדער:

„הגיד לך אדם מה טוב, מה ד׳ דורש ממך"[7].

די נביאים באקעמפן, ווי געזאָגט פריער, די קרבנות־קולט פון באנוגענען זיך מיט בלויז קרבנות. ירמיה רופט אויס אין זיין הייסן פראָטעסט: „אל תבטחו לכם אל דברי השקר לאמור: היכל ד׳, היכל ד׳, היכל ד׳ . . ."[8].

און דער נביא פאר אים: „לא תוסיפו הביא מנחת שוא . . ."[9].

ער איז מוותר אויף די נאציאָנאלע אטריבוטן, אָבער בשום אופן ניט אויף די סאָציאַלע און אין יידישקייט זעט ער, ניט בלויז דעם קיום האומה, נאָר אויך דעם קיום פון דער מענטשהייט, דעם „אור גוים"[10].

דער נביא אין זיין אוניווערסאלער קאָנצעפציע, ווייל זען די גאנצע מענטש־הייט דערהויבן צו די אידעאלן פון יושר און צדק: „ונלוו גויים רבים ביום ההוא והיו לי לעם"[11]. יעדער פון די פעלקער, וואָס קומט אריין אין ברית ד׳, איז ער פאררעכנט אלס א טייל פון יידישן פאָלק.

א סך נביאות איז דעריבער געזאָגט געוואָרן ניט בלויז צו יידן, נאָר אויך צו די אנדערע פעלקער. ירמיה רופט אוים: „נביא לגויים נתתיך"[12].

דער נביא יונה ווידמעט איינגאנצן זיין נביאות וועגן דער אשורישער שטאָט, נינוה און ווען די לעצטע טוען תשובה, „ויאמינו אנשי נינוה באלקים"[13], ווערן זיי אָפּגעראטעוועט פון אומקום . . .

די הויפּט נביאות האָבן זיי געווידמעט זייער אייגן פאָלק, אין וועמען זיי האָבן דאָך געזען די אויסדערוויילטקייט פאר מצוות און תורה, זינט דעם סיני און חרות מצרים מאָמענטן.

די נביאים האָבן געזען די יידישע אויסדערוויילטקייט אויף א תנאי, אז זיי זאָלן זיך האלטן אויסדערוויילט מיט׳ן יאָך פון אויסדערוויילטקייט. דעם בונד צווישן גאָט און ישראל האָבן זיי געזען אין באדינג, אויב ישראל וועט היטן דעם יושר און די גערעכטיקייט, וואָס גאָט פארלאנגט פון זיי. דער עיקר וואָרענען זיי צו היטן תורה און מצוות: „כי מאסו את תורת ד׳ צבאות . . .[14] , וואָס ווערט אייניקע מאָל ווידערהאָלט ביי ישעיה הנביא און ביי די אנדערע נביאים: „על מאסם את תורת ד׳ וחוקיו לא שמרו"[15]. „ותשכח תורת אלוקיך, אשכח בניך גם אני"[16]. „יען עברו את בריתי ועל תורתי פשעו"[17].

דאָס איז געווען די אויפגאבע פון די נביאים פאר די גאנצע זעקס הונדערט יאָר פון שמואל הנביא ביז דעם לעצטן נביא מלאכי: שטיין אויף דער וואָך, לערנען דעם פאָלק, צעמענטירן דעם „רוח היהדות לדורות" . . .

זייער אויפגאבע איז ניט געווען בלויז פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט, „עיקר

תכלית הנבואה הוא לא רק להגיד עתידות, כי זהו עיקר אצל הקוסמים שאין לנביא חלק בהם"[18]. דער נביא איז געווען דער מורה־דרך פאַר׳ן פאָלק; דער, וואָס האָט געזוכט צו דערהויבן דאָס פאָלק צו דער מדרגה פון „עם סגולה", גוי צדיק, גוי קדוש . . . צו ווערן דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון תורת ד׳, מיטן גייסט פון תורת הצדק והמשפט.

אין זייער אויסמוסר׳ן די יידן, וואָס פאָלגן ניט די תורה־געבאָטן, איז דער גרעסטער טייל געווידמעט די סאָציאַלע פּראָבלעמען, די סאָציאַלע מצוות. דער נביא, ווי מיר האָבן דערמאָנט, האָט ניט פארשוויגן די סאָציאַלע חטאים, וואָס ער האָט געפונען ביי די מאַכט־האָבנדיקע פּערזענלעכקייטן; דער נביא ווייזט קיינמאָל ניט ארויס וועלכן ניט איז חנופה־אָנשטעל. ער שטראָפט די „הויכע פענסטער" . . .[19].

די נביאים, ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, האָבן ניט געשוויגן און ניט פארשוויגן די עוולות אין ישראל און געזען קלאָר די זינד און די שטראָף פאַר באַגאַנגענע זינד.

און דער נביא מיכה רופט אויס אין זיין ווייגעשריי:

„אונטערגעגאַנגען איז דער פרומער אין לאַנד,
און קיין רעכטפאַרטיקער צווישן מענטשן איז ניטאָ;
אַלע לויערן זיי אויף בלוט,
איינער דעם אנדערן פאַנגען זיי אין נעץ"[19א].

די נביאים זעען די זינד פון געצן־דינעריי, סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, זנות אא״וו און זיי רופן צו תשובה, אָנצוהייבן אַ נייַ לעבן, אַן עכט־יידיש־עטיש לעבן. זיי האָבן געזוכט דורך מוסר־רייד ארויסהייבן די בונד־אידייע צווישן פאָלק און גאָט. זיי האָבן מוכיח געווען דאָס פאָלק, אָנגעוויזן אויף זיינע פעלערן — אָבער אַלץ מיטן ציל אז דאָס פאָלק זאָל מתקן זיין זיינע מעשים און צו האַלטן זיך פאַר דעם עם הנבחר אין די באַציאונגען צווישן איין ייד און דעם אנדערן.

די נביאים האָבן געווים ניט מגזם געווען אין זייער מאָלן און שילדערן יידישע עוולות אין זייער צייט. זיי האָבן געזען גרוליקע בילדער פון עקל און רשעות. זייערע שטראָף רייד זענען געווען אַ נאַציאָנאַל־צעמענטירנדיקער כח.

די לערע פונ׳ם נביא איז געווען די לערע פון יהדות שלמה, זייער מוסר איז געווען דער מוסר פון צדק מוחלט, פון אבסאָלוטער גערעכטיקייט און די שטרעבונג איז געווען: די אוניווערסאַלע מענטשלעכע גערעכטיקייט, „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה"[20]. זייער וויזיאָנערישער „אחרית הימים" איז געווען: „כי מלאה הארץ דעה את ד׳ כמים לים מכסים[21], די צייט ווען וויסן וועט באַלויכטן די וועלט . . .

דער נביא גלויבט, אז אויב יידן זאָלן אינגאַנצן אויפגעבן די תורה און אירע געבאָטן, וועט דער רבונו של עולם איבעררייסן מיט זיין פאָלק. אין יעדן אומגליק

פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם זעען זיי די וואָרענונג פון גאָט, שטראָף פאַר די זינד פון ישראל: „על מה אבדה הארץ? — על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם"[22].

דער נביא פאָדערט אָפּצוהיטן אַלע מצוות פון דער תורה. מער געוויכט לייגט ער אָבער אויף די עטישע מצוות. אומצייליקע מאָל שטרייכט ער אונטער מאָראַל־עטישע פרינציפּן פון דער מענטשהייט. דער עיקר באַקלאָגט ער זיך: „כי אין אמת ואין חסד ואין דעת אלקים בארץ . . ."[23].

און די גמרא לערנט אונז[24]: בא מיכה והעמידן על שלש, דכתיב „הגיד לך אדם מה טוב ומה ד' דורש ממך: כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלקיך"[25]. חזר ישעיהו והעמידו על שתים, שנאמר[26]: „כה אמר ד' שמרו משפט ועשו צדקה". בא חבקוק והעמידן אל אחת, שנאמר[27]: „וצדיק באמונתו יחיה"[28].

די דאָזיקע אידעאַלן האָבן זייער מקור אינ'ם באַגין פון יידישן פאָלק, אין די מעשים און אידייען פון די אבות. אברהם אבינו איז דער סימבאָל פון חסד און קעמפער פאַר גערעכטיקייט „לעשות צדקה ומשפט" און ער ווערט נאָכגעפאָלגט פון יצחק, יעקב, ביז משה רבנו און קבלת התורה אויף הר סיני. די נביאים ווילן דאָס פאַרווירקלעכן אין לעבן — ברענגען די עפּאָכע פונ'ם אחרית הימים, די דערלייזונג פונ'ם יידישן פאָלק און פון דער מענטשהייט.

דער נביא, ווי בייז ער זאָל ניט געווען זיין, אויף די זינד פון שומרון און די אומרעכטן אין ירושלים, זאָגט אָבער דאָך ניט פאָרויס קיין טאָטאַלן חורבן. ער זעט, אַז אַן איבערבלייב וועט בלייבן און פון דעם איבערבלייב וועט זיך דער כלל דערהויבן צו די העכערע שטופעס פון די געטלעכע אידעאַלן — אָבער וועגן דעם ווייטער.

ה ע ר ו ת

א.

1. יחזקאל ל"ד, כ"ד, ווי די פאַסטוכער פון ישראל וואָס האָבן געפיטערט זיך אַליין . . . די שלאַפע האָט איר ניט געשטאַרקט, און די קראַנקע האָט איר ניט געהיילט, און די צעבראָכענע האָט איר ניט ארומגעבונדן און די פאַרשטויסענע האָט איר ניט אומגעקערט און די פאַרלוירענע האָט איר ניט געזוכט און מיט געוואַלט האָט איר געוועלטיקט איבער זיי און מיט האַרטקייט. . .
2. דאָרט, י': . . . און וועל זיי אָפּשאַפן פון פיטערן שאָף און די פאַסטוכער וועלן מער ניט פיטערן זיך אַליין . .
3. דאָרט, דאָרט, ט"ו: „איך וועל פיטערן מיינע שאָף . . ."
4. מלכים א', י"ג.
5. דאָרט, י"ד; מלכים ב', י"א; סנהדרין ק"א־ק"ב; ירושלמי, יבמות ו', ג'.
6. סנהדרין ק"א, ע"ב.
7. דאָרט, קי"ג, ע"א.
8. דברי הימים ב', י"ח, א'.
9. רמב"ם הלכות תשובה פרק ט'.
10. מלכים א', כ"א.
11. זע, ירושלמי, סנהדרין פרק י', הלכה ב'.
12. יחזקאל י"ח, ל"ב, תפלות לימים הנוראים.
13. דר. שלמה סיימאָן, „אין די טעג פון די נביאים" און אַנדערע. פאַרגל. Loring W. Batten, The Hebrew Prophet, — P.P. 113, 177-8.
14. ז"ז 55־56.

15. מלכים א', כ"א.
16. סנהדרין מ"ח.
17. פאה פ"ג.
18. מלכים א', כ"א, כ"ד.
19. מלכים א', כ"ב.
20. קלמן מרמר, אין זיין דערמאָנט ווערק „קלאסן־קאמף אין אלטערטום"; ש. אייזנשטאַט „די „נביאים — זייער צייט און זייערע געזעלשאפטלעכע אידייען", פארלאג ב. קלעצקין, 1925; חיים שויס אין זיין ווערק „נביאים". זע אויך, דר. בן ציון מוסינזון, הנביאים, חלק ראשון, קדימה, ניו־יורק, תרע"ט. וועגן עמוס: ז"ז 40-57; וועגן ישעיה און מיכה: ז"ז 84-114; וועגן ירמיה 139-184 און וועגן אליהו הנביא — ז"ז 28-35.
21. זע, צבי יהודה ראבינאוויטש, ילקוט המועדים, עטרת יקותיאל, בואינוס אירס, תש"ו, ז"ז 551-552.

ב.

1. שמות כ"א, ה'-ו'; דברים ט"ו, ט"ז-י"ז.
2. דברים כ"ג, ט"ז-י"ז.
3. שמות כ"א, ב'
4. דברים ט"ו, י"ד.
5. נחמיה ה'
6. מלאכי ב', י'.
7. עמוס ז', ט"ו.
8. דאַרט, ג' ח'.
9. און איך האָב געזאָגט: איך וועל אים ניט דערמאָנען און איך וועל מער ניט ריידן אין זיין נאָמען; אָבער עס איז אין מיין הארצן ווי א ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן, אָבער איך קען ניט — ירמיה כ', ט'.
10. זוכט גוטס און ניט שלעכטס כדי איר זאָלט לעבן, עמוס ה', י"ד, תרגום יהואש.
11. מיכה ו', ח'.
12. „לא תוסיפו הביא מנחת שוא, קטורת תועבה היא לי", ישעיה א', י"ג, ישעיה נ"ו, ז'.
13. ווארום מיין הויז וועט גערופן ווערן דאס הויז פון געבעט פאר אלע פעלקער. זען, חיים שויס, נביאים־קאפיטלעך נביאים אחרונים, באנד 1, ז"ז 147-206.
14. שמואל א', ט"ו; כ"ב־כ"ג.
15. און אויך צום פרעמדן . . . ווען ער וועט קומען פונם וויטן לאַנד צוליב דיין נאָמען . . . זאָלסטו צוהערן זיך אין הימל צו זיינע געבעטן . . . און דו זאָלסט טאָן וואָס ער וועט פאַרלאַנגען, כדי די פעלקער פון דער וועלט זאָלן וויסן פון דיין גרויסן נאָמען . . . מלכים א', ח', מ"א־מ"ג; זען, באריכות: אליעזר לוי, יסודות ההלכה, סיני, תל־אביב תשי"ג, ז"ז 83-84; יצחק גערשטנקאָרן: אבות ובנים, פאראלעל פון משה רבנו ביז אליהו הנביא; ארבע תקופות, ז"ז קפ"ב־קצ"ח.
16. יחזקאל ז', י"ג; מיטן חורבן, הייסט עס קומט ביטול פון יובל, די שענסטע סאָציאַלע אינסטי־טוציע. מער וועגן דעם אין די ווייטערע פרקים.
17. ערכין ל"ג, ע"ב.
18. זען, ביאליק־ראבניצקי, ספר האגדה כרך א', מיתתו של אהרן; כרך ב', הלל הזקן, שבת מ"ה; מה דעלך סני לחברך לא תעביד . . .
19. עמוס ה', ד'־י'.
20. מיכה ב', ג־ז'.
21. זען אבן עזרא אויפן פסוק „בוקר אנכי ובולס שקמים" . . .
22. ישעיה א', י־ט"ו.
23. דאַרט, ט"ז־י"ז. נאכקוקן:

Louis W. Batten, The Hebrew Prophet, Mathuen & Co.; London, 1905; P.P. 61, 153, 156, 212, 239, 326, 220, 257.

ג.

1. פרקים: 2, 4, 5.
2. זען: חיים שויס, נביאים, באנד 1; שלמה סיימאן, אין די טעג פון די נביאים; דר. צבי כהן, די פילאָסאָפיע פון יידנטום, באנד 1.
3. ישעיה, פרק א'.
4. ירמיה ו', ט'־י"א.
5. פארגל. קלמן מרמר, קלאסנקאמף אין אלטערטום, ז"ז 60-65.

6. „לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי, כי בוקר אנכי ובולס שקמים (מוילבערנפייגן), ויקחני ד׳ מאחרי הצאן ויאמר אלי ד׳, לך הנבא אל עמי ישראל״ — עמוס ז׳, י״ד־ט״ו.
7. דאָרט, ב׳, א׳־ז׳.
8. דאָרט, ד׳, א׳.
9. דאָרט, ח׳, ד׳־ו׳.
10. דאָרט, ח׳, כ״א־כ״ד.
11. דאָרט, ה׳, י״ג־ט״ו.
12. מרמר, דאָרט, ז׳ 65.
13. זע, פריער דערמאָנט ווערק פון לאָרינג באַטען.
14. במדבר מ״ב, ו׳.
15. G. A. Smith, Twelve Prophets, און אינם ווערק פון לאָרינג באַטען, ז״ז 199־209.
16. דאָרט, ז״ז 327־28.
17. Max L. Margolis, ווענן די נביאים The Jewish Pub. Society, 1943.
18. דאָרט, ז״ז 27־34.
19. מיכה ג׳, י״ב.
20. דברים ב׳, ט״ו; שמות, י״ג, כ׳; ויקרא ל״א, כ״א.
21. זע, מרגלית, ז״ז 83־86.
22. פסיקתא, רבתי.
23. ישעיה א׳, י״א־י״ז.
24. דאָרט, י׳, א׳־ב׳.
25. ישעיה ג׳, י״ד.
26. דאָרט, י״ד, ה׳.
27. דאָרט, ל״ה, ט׳, י׳.
28. מרמר, שטעלט זיך אָפּ אויף דערויף באַריכות.
29. הושע ד׳, א׳־ב׳.
30. דאָרט, ח׳, ז׳.
31. דאָרט, י״ב, ח׳.
32. דאָרט, י״ג, ב׳.
33. דאָרט, ד׳, ז׳.
34. ירמיה ה׳, כ״ו־ל״א.
35. דאָרט, ז׳, ד׳־י״א.
36. אַזוי ווערט ער טיטולירט פון א סך תנ״ך־פאַרשער.
37. מרמר, אין זיין אַנמערקונג, גיט אָן די צאָל פון דער דעמאָלטדיקער יידישער באַפעלקערונג אַרום א פערטל מיליאָן און אַרום 15,000 גרויסגרונט־באַזיצער. לויטן מדרש און וואָס ווערט אויך באַשטעטיקט פון פאָרשער, האָט יהודה געציילט א באַפעלקערונג פון מיליאָנען.
38. ירמיה י׳, ט׳־כ״ג.
39. דאָרט, כ״ג, ו׳.
40. זע, חיים שוים, נביאים באַנד 1, קאַפּ. ירמיה.
41. מיכה ג׳, ט׳־י״ב.
42. דאָרט, ו׳, ז׳־ח׳.
43. יחזקאל ל״ד, א׳־ט״ו.
44. תהלים, י״ב, ו׳.
45. סנהדרין, כ״ד, ע״א.
46. איכה רבה, א׳
47. ל׳, ט׳.
48. קהלת ה׳, ט׳.
49. איוב ה׳ ז׳. דאָרט. זע ש. ז. שטערנבערג, „חקר שדי״, פירוש אויף „עמל״ אין איוב . . . גע׳יעג נאָך ממון און תאוות.
50. הקדמה צום ספר זית רענן פון רבי זידא תאומים, וואָס זיין באַרימטער זון ר׳ יוסף האָט געשריבן.
51. רמח״ל אין מסילת ישרים, פרק ט׳

ד.

1. זען, דר. צבי כהן, די פילאָזאָפיע פון יידנטום, באַנד 1 — באַריכות.
2. ווי צו די וואָס ליגן אויסגעצויגן אויף די טייערע געלעגערס, אויף בעטן פון העלפנביין״ — עמוס ו׳, ד׳.
3. „פרות הבשן העושקות דלים, הרצצות אביונים . . . ״ עמוס ד׳, א׳.
4. נאָכקוקן: ח. שוים, נביאים, 1, ז״ז 13־73; דר. שלמה סיימאָן, אין די טעג פון די נביאים — פרטימדיק ווענן צייט און סביבה פון נביאים, ווי אַזוי זיי האָבן דערגרייכט די אָפּיציעלע אינסטאַנצן און דאָס פאָלק אין אַלגעמיין.
5. אויך די אַנדערע נביאים האָבן אויפן זעלביקן שטייגער פאָלעמיזירט קעגן קרבנות און אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק, אַז דער גאָט פון ישראל וויל גערעכטיקייט און דאַרף ניט קיין קרבנות.

6. זע י. צ. רמוז, עמוס, העברי, שנה ט׳, גליון ל״ז. העורך הרב מאיר ברלין, ניו־יאָרק.
7. הושע י״ג.
8. וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ובמשפט, ובחסד וברחמים, וארשתיך יל באמונה וירעת את ד׳, הושע ב׳, כ״א־כ״ב.
9. דאָרט, י״ד, ב׳.
10. דאָרט, ה׳ ט״ו, קומט לאָמיר זיך אומקערן צו גאָט . . .
11. דאָרט, י׳, י״ג.
12. ישעיה א׳. אינטערעסאַנט איז, דער טייטש פון יידישן מליץ־יושר, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער (הת״ק־1740; תק״ע־1810, אז דער נביא האָט גאָר געמיינט צו זאָגן „גוי חוטא״ — א פאָלק וואָס רייניקט זיך פון זינד; עם כבוד עון״ — א פאָלק וואָס עס איז אים שווער צו זינדיקן; „בנים משחיתים״ — קינדער וואָס פאַרדאַרבן דעם יצר הרע; „זרע מרעים״ — א פאָלק פון פריינט . . . „עזבו את ד׳״ — זיי העלפן גאָט . . . זען, צבי כהן, דער רבי פון באַרדיטשעוו, רענעסאַנס, ניו־יאָרק, 1952, ז״ז 127־129; נ. שמן, דאָס געזאַנג פון חסידות, 1959.
13. זען, ח. שוים, נביאים באַנד 1, ז׳ 147, אויך באַנד צוויי, פּרק ישעיה — באריכות.
14. איבערזעצונגען פון יהואש.
15. עמוס ה׳, כ״א, כ״ב, כ״ג.
16. חבקוק, א׳, ב־ד.
17. ירמיה ז׳, א׳, ז׳.
18. הושע, ד׳, פסוק א׳; ו׳, ו׳־י״א.
19. זכריה ז׳, ט׳.
20. עמוס, ב׳, ד׳.
21. מיכה, ז׳, ב׳.
22. זע, באריכות, לייבוש לעהרער, היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן אין צווישנייִדישע באַציאונגען, ייוו״א־בלעטער, סעפּט.־אָקט., 1942, באַנד 20, נומ 1, ז״ז 36־46.
23. דאָרט, ציטירט פון יבמות ס״ג, ע״א.
24. בבא מציעא, מ״ט, ע״א — אין א ווייטערן פּרק באריכות.
25. יונה ד׳, י׳־י״א.

ה.

1. ישעיה ט׳, א׳־ו׳
2. דאָרט, ב׳, א׳־ד׳.
3. דאָרט, י״א, א׳־ט׳.
4. מיכה פּרק א׳.
5. אין זיין ווערק, „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס״, ז. 246.
6. עמוס ה׳, י״ד.
7. מיכה ו׳, ח׳.
8. ירמיה ז׳, ד׳
9. ישעיה א׳, י״ג.
10. ישעיה מ״ט, ו׳.
11. זכריה ב׳, ט״ו.
12. ירמיה א׳, ה׳.
13. יונה ה׳.
14. ישעיה ה׳, כ״ד.
15. עמוס ב׳, ד׳.
16. מיכה ד׳, ו׳.
17. הושע ח׳, ג׳.
18. זע, ספר העיקרים, ג׳, י״ב.
19. עמוס, ו׳, ד׳.

19א. מיכה ז׳, ב׳.

20. ישעיה ב׳, 4; מיכה ד׳, 3.
21. ישעיה י״א.
22. ירמיה ט׳, י״ב.
23. הושע ד׳, א׳.
24. מכות כ״ד.
25. מיכה ו׳, ח׳.
26. ישעיה נ״ו, א׳.
27. חבקוק, ב׳, ד.
28. זע, באריכות, אליעזר לוי, יסודות ההלכה, סיני, תשי״ג, ז״ז 85־89.

קאפיטל זעקס

די סאָציאַלע לערעס אין תלמוד

די נביאים האָבן געלייגט דעם יסוד פאר דער יידיש־רעליגיעזער מאָראַל און עטיק. זיי זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך די חכמי התלמוד, די פרושים, וועלכע זיינען געווען די פאָלקס־פירער אין דער תקופה פון בית שני און געלייגט דעם חותם אויף יידיש לעבן דורך די צוויי טויזנט יאָר גלות־לעבן.

א. די נאָכפאָלגער פון נביאים.—הלכה און אגדה. עטיש־רעליגיעזע דיסציפּלין. — דאָס זיטלעכע אין דעם לעבן פונם יחיד און פונם צבור.

דורך אגדה און הלכה, דינים און סייגים, האָבן די חכמי התלמוד געשאפן די מאָראַלע דיסציפלין פונם יידנטום. דורך דער הלכה האָבן זיי קאָנקרעטיזירט די מלכות שמים, וואָס די נביאים האָבן פארלאנגט און פאָראויסגעזען; דורך דער הלכה האָבן זיי מחנך געווען דעם יידישן מענטש צו די דערהאבענע אידעאַלן און וועלט־באנעם אויף וועלכן דאָס יהדות איז געבויט.

די כ"ד ספרים פון תנ"ך, ווי באקאנט, ווערן פון רמב"ם גערופן „קישוט" (צירונג) און דער תלמוד — לחם ובשר[1], ברויט און פלייש, קאָנקרעטע פירונג און פראקטיצירונג פון מצוות.

די תורה שבעל פה האָט פארפיקסירט די אומגעהויער צאָלרייכע פּרטים, וויאזוי צו פירן א גאַנץ יידיש לעבן . . .

אינם ים התלמוד זענען די חז"ל געוואָרן די וועגווייזער דורך די לאבירינטן פון פסוקים און דברי קבלה־מסורה.

לויט דער דעפיניציע פון דר. יצחק ריבקינד[2], וואָלט מען געקענט זאָגן, אז די ספרי הנביאים שטעלן מיט זיך פאָר יהדות און דער תלמוד — יידישקייט. ער גיט אונז א קלאָרע דעפיניציע אין זיין באהויפּטונג: „דאָ וויל איך באמערקן, אז אלע יידישע לעקסיקאָגראפן, וואָס מאכן פון יידישקייט און יהדות א סינאָנים, זיינען ווייט פון זיין געווען אין זייער דעפיניציע. איך מיין, אז דער מחבר פון לב טוב איז פּינקטלעכער מיט זיין דערקלערן, וואָס „גאַנץ יידישקייט" איז. מיט יידישקייט, מיינט מען, די טאָג־טעגלעכע לעבנס־פירונג פון א יידן, א לעבן לויט די פרינציפּן פון תורה, מצוות און מעשים טובים. יהדות — איז דער רעליגיעז־יידישער וועלט־באנעם, דער יידישער פילאָזאָפישער קוק אויף דער וועלט און באשאף. יידישקייט איז לעבן, יהדות — אידעאַל. יידישקייט איז יהדות אין דער פראקטיק, אין טאָג־טעגלעכן לעבן־שטייגער, יהדות איז יידישקייט אין טעאָריע און וויזיע און אין אייביקן נביאישן אידעאַל" . . .

די תלמודישע דערציאונג און קולטור, ווייזט אָן א. גאָלאָמב[3] האָבן געהערשט אין יידישן לעבן ביזן חורבן פונם שטעטל אין מזרח־אייראָפּע.

„די גאנצע צייט" — שרייבט ער — „האָט דאָס יידישע פאָלק געלעבט און דערצויגן די דורות לויטן תלמוד . . . געשאפן און געפורעמט דאָס יידישע לעבן" . . .

ער ווייזט אויך אָן אויף די עיקרים פון תלמוד — דערציאונג פאַר דעם קיום פונם פאָלק און וואָס אונטערשיידט זיך לגמרי פון דער דערציאונג ביי אנדערע פעלקער.

„ביי אנדערע פעלקער" — שרייבט ער — „איז דערציאונג באשטאנען אין דעם, וואָס „דער יחיד איז געשטעלט געוואָרן אין פולשטענדיקן דינסט פונם כלל. דער יחיד איז משועבד צום כלל און פאַר'ן כלל, האָט א זינען זיין לעבן . . . "

ביי יידן, וואו די תורה איז געווען די פעסטונג־מויער און די תלמידי חכמים זיינען געווען די טורעמס ארום דער מויער . . . זיינען, ווי ער דריקט זיך אויס גאָר ריכטיק „די אינטערעסן פונם כלל געווען דער עיקר, אָבער דער יחיד ווי אזא, טראָגט די אחריות פאַר זיי . . . טראָגט אין זיך דעם כלל און די אחריות פאַר'ן כלל, דער יחיד איז כולל דעם כלל . . ."

ווי מיר האָבן שוין דאָס פריער דערמאָנט, ליגט דערין די נייקייט און חידוש פון תלמוד, ווי א נאָכפאָלגונג פון תורת משה און די נביאים און דאָס איז געמיינט מיטן וואָרט „אין בית מדרש בלא חידוש"; דער כח פון תלמוד איז חידוש, באנייאונג אין די ראַמען פון תנ"ך און כתבי הקודש.

א. גאָלאָמב גייט ווייטער אין זיין דערקלערן, אז „בלויז די פרושים, די שאפער פונם המשך פון פאָלקיש און פאָלקסטימלעך לעבן זיינען געבליבן, דאקעגן די צדוקים, איסיים (און מיר דארפן צוגעבן די קראים—נ.ש.) זיינען ארויסגעפאלן פון דער יידישער געשיכטע."

די פרושים האָבן געשאפן די פאַרבינדונג פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה און תורה שבעל פה האָט געקראָגן דעם חיזוק פון תורה שבכתב, „חכמים עשו חיזוק לדבריהם". אין זיינע ווערטער:

„אלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל אָנגענומען אין פאָלק . . . אלע זיטן און מנהגים . . . זיינען פונקט אזוי הייליק, געטלעך ווי דאָס וואָס איז דירעקט פאַרשריבן . . . אלץ איז מסיני . . . אלץ וואָס א גוטער תלמיד וועט מחדש זיין אין יידישקייט איז מסיני . . .[4], אלץ וואָס איז לשם יידישקייט איז מסיני, ציטירנדיק פון דער גמרא[5] „הזהר בדברי סופרים יותר מדברי תורה" און אז דער אויבערשטער האָט געשלאָסן א בונד מיט די יידן צוליב תורה שבעל פה"[6].

די תורה שבעל פה פאַנגט זיך אָן מיט משנה, געמיינט לערנען, אָבער סינאָ־נים־סימבאָליש פאַר טאָפּל, משנה התורה, ווידערהאָלונג פון תורה שבכתב, צוגאָב

און דערגענצונג צו תורה שבכתב . . . און דאָס ניט בלויז אין הלכה־ענינים, נאָר בכלל אין אלע ענינים פון מאָראל, סאָציאל און עטיק.

אין דער משנה און אין תלמוד, ווי אין תנ״ך, ווערט שטארק באַזאָרגט דאָס זיטלעכע און עטישע לעבן פון יחיד און פון דער געזעלשאפט. דער מענטש דארף ביי זיך אויסארבעטן אייגנשאפטן, וועלכע זאָלן באפרידיקן זיין אייגן געוויסן און דאָס געזעלשאפטלעכע געוויסן. אויף דעם פסוק „ועשית הישר והטוב״[7] קאָמענטירן די חז״ל: הטוב — וואָס איז גוט ביי גאָט; והישר — וואָס איז גלייך ביים מענטש, „בעיני הבריות״[8].

די משנה אונטערשטרייכט אויך, אז א מענטש דארף היטן די מצוות שבין אדם לחברו, פונקט ווי ער היט די מצוות שבין אדם למקום: אהבת הבריות מוז גיין צוזאמען מיט יראת שמים. אזוי האָבן די „אנשי כנסת הגדולה״ (די לייט פון דער גרויסער פארזאמלונג), די סופרים (ציילערס, ווייל זיי האָבן געציילט און גערעכנט די אותיות פון דער תורה), די תנאים (לערער, שאַפער פון דער משנה) און אמוראים (אירע פארטייטשער־קאָמענטירער) אנטוויקלט דאָס יידישע געזעץ און געלייגט דעם יסוד פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט, אנטוויקלט און אויס־געברייטערט די סאָציאלע עלעמענטן אין דער יידישער אמונה און אזוי ארום האָבן זיי געשאפן די ספעציפיש־יידישע געזעצן וועגן פועלים און בעל הבית־באַציאונגען; הלכות משא ומתן; דינים און גאנצע מסכתות, אמווייניקסטנס פרקים וועגן שמיטין, יובל, פרוזבול, חזקה, הלכות מלוה ולוה, טוען ונטען און אנדערע תקנות פון עקאָנאָמיש־ווירטשאפטלעך סאָציאלן כאראקטער.

דארף מען אָנווייזן אויף די יושר־יסודות אין דער תורה? דער גאנצער מהות פון דער תורה איז יושר! צדק, איז דאָס ריכט־שניר, וואָס גייט דורך אלע געזעצן פון דער תורה. אין הלל׳ס ווערטער, איז עס דער העכסטער אויסדרוק, „ואהבת לרעך כמוך״ — דאָס איבעריקע איז בלויז א פירוש, א קאָמענטאר, אן אויסטייטש און א פארטייטש.

די תורה לערנט די וועגן פון אמת און צדק; אזוי אין דער געשריבענער תורה, און אזוי אין דער מינדלעכער, וואָס איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור ביז רבי יהודה הנשיא, וועלכער האָט רעדאגירט און אויפגעשריבן די דאָזיקע תורה, זי זאָל ניט פארגעסן ווערן פון די דורות. תורה שבעל פה שטאַמט פונם זעלביקן קוואל — פון דער געטלעכער אנטפלעקונג, צו משה רבנו און די נביאים.

די דאָזיקע תורה לערנט, אז באַהערשער פון וועלט און מענטש, איז בלויז גאָט, הארץ שלו וקנינו . . . „לד׳ הארץ ומלואה . . . ״ מענטש האָט דעריבער ניט קיין רעכט צו אָקופּירן און אוזורפּירן פאר זיך, פאר׳ן אייגענעם געברויך.

פריער פון אלץ האָבן די שעפער פונם תלמוד נאָכגעפאָלגט די גרונט־אידייען פון תנ״ך, אין שייכות מיט דער גאנצקייט פונם מענטש; דער פארלאַנג, וואָס איז געקומען צום ערשט צו אברהם אבינו: „התהלך לפני והיה תמים״[9] און פון

משה רבינו: „והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון"[10], וואָס מיינט, גיין מיט און פאַר גאָט, לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון די חז"ל, אויפן פּסוק „אחרי ד' אלקיכם תלכו"[11], אַז דאָס מיינט, נאָכגיין זיינע מדות . . .[12]. עס איז די יהידיש־אוניווערסאַלע באַציאונג פון מענטש צו מענטש, אַלס יציר השם, ווי דער נביא מלאכי האָט עס אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט: „הלא אב אחד לכולנו, הלא אל אחד בראנו, מדוע נבגד איש באחיו"[13] — די בגידה פון מענטש, האָט געהייסן בגידה אין באַשעפער. אַ קאָנקרעטער אוניווערסאַליזם אין נביאישן גייסט, אינם גייסט פון „ונלוו גויים רבים אל ד' ביום ההוא"[14] און דער „ביום ההוא" — דער דאָזיקער טאָג האָט געדאַרפט דאָמינירן יעדן טאָג אינם ייד'ס לעבן און אין זיין באַציאונג צום מענטש.

נאָך מער, די מצוה פון ברידערלעכער באַציאונג צום מענטש, איז ניט בלויז מחייב יידן. אויך דער ניט־ייד איז מחויב דורכצופירן זיינע דאָזיקע פאַרפליכטונ־גען, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אינם באַגריף פון די שבע מצוות בני נח: עבודה זרה, שפיכת דמים, גילוי עריות, אבר מן החי, ברכת השם, גזלה, דינים — און לויט די קאָמענטאַרן פון חז"ל, זיינען דאָס די וואָרצלען און דערפון די אָפּצווייגונגען אינם קאָנטראָל און דערהויבונג פונם מענטש צו געטלעכקייט[14].

די חשיבות פונם מענטש, ניט אַכטנדיק וואָס ער איז „ווי אַ שאָטן, וואָס פאַרגייט" . . . שטייט גאָר הויך. ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגע־וויזן, איז דער „מה אנוש כי תזכרנו" אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַ רעכט אַפילו צו טראַכטן, אַז „בשבילי נברא העולם", אַז פונמיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, ווי דער קאָצקער פּלעגט באַמערקן אויפן פּסוק „ואנכי עפר ואפר"[15], אַז יעדער ייד דאַרף טראָגן ביי זיך צוויי קעשענעס: איין קעשענע מיט „אנכי עפר ואפר" און די צווייטע — בשבילי נברא העולם . . .

גאווה איז דאָס ערגסטע ביים מענטשן; דער וואָס האָט גסות־רוח, אַ בעל גאווה, שטייט אויף דער נידעריקסטער מדרגה: „אמר רבא גס־רוח אסור להכניסו לבית"[16] — מ'טאָר אים ניט אַריינלאָזן אין הויז און ליב האָבן דאַרף מען דעם באַשיידענעם, דעם „רוח שפלים"[17]. דער מענטשלעכער כבוד שטייט אָבער גאָר הויך, אַזוי אין דער אגדה און אַזוי אין דער הלכה[18]. די באַזע איז: מענטשנליבע, אהבת הבריות, דער וויכטיקסטער עלעמענט אין דער רעליגיעזער עטיק. אַפילו דער ראַציאָנאַליסט ברוך שפּינאָזע האָט עס פאַרשטאַנען אין זיין טראַקטאַט וועגן דער ביבל[19].

אהבת הבריות איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך ,אַ לאָגישע נויטווענדיקייט, ניט ווי די אַפּאָסטאָלן האָבן געלערנט צו ליבן דעם שונא, נאָר ליב האָבן דעם חבר, דעם פריינט, דעם מענטש, וואָס פאַרדינט חשיבות.

מענטשנליבע שטאַמט ניט אַרויס פון דער מאַטעריאַליסטישער דאָקטרין: זי שטעלט בעיקר דעם פּונקט אויף מאָראַלישער דערהויבונג און עטישער דערקענ־

טעניש, אָפּשטאַמענדיק פון אַט דעם קווינט־עסענץ, אויסגעדריקט אין די ווערטער פון: „מה דעלך סני, לחברך לא תעביד", וואָס עס איז דיר ניט ליב, זאָלסטו אויך יענעם ניט טאָן" און די דאָזיקע אהבה און מענטשלעכע דערהויבונג, האָבן סיי די נביאים, סיי זייערע נאָכפאָלגער, ניט פּראָפּאַגירט דורך שרעק און אימה, נאָר פּשוט דורך לאָגיק און פאַרשטענדעניש.

ווען משה רבנו וויל אָנווייזן אויף דער ריכטיקייט פון תורה־וועג, דערקלערט ער: „ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב, את המות ואת הרע — ובחרת בחיים (זע, איך גיב פאַר דיר לעבן און גוטס, טויט און שלעכטס — קלייב דיר אויס לעבן!)[20]. און אויב דער מענטש וועט טראַכטן, אַז דער דאָזיקער וועג איז אוטאָפּיש, אומרעאַליסטיש, ווייזט משה רבנו די פּראַקטישקייט און אויסגעהאַלטנקייט פונם דאָזיקן וועג און אַז גאָט'ס וואָרט שטייט איבער דער פילאָזאָפישער דיאַלעקטיק און איז אַזוי נאָענט, נאַטירלעך, „לא בשמים היא" . . . " . . . ולא מעבר לים . . . כי קרוב הדבר . . . און אַז דאָס איז אַ תורת חיים וואָס רעגולירט דאָס סאָציאַלע לעבן אויפן באַזיס פון „וחי אחיך עמך", דיין ברודער זאָל לעבן מיט דיר . . . דאָס איז די אויפגאַבע פונם יחיד ווי פונם קאָלעקטיוו, מקיים זיין די מצוות „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" . . . און ניט בלויז טאָן לויט'ן דין, נאָר מ'דאַרף טאָן מער ווי דער דין, העכער פונם דין, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין נאָמען פון ר' יוחנן[21], אַז דער חורבן אויף ירושלים איז געקומען צוליב דעם וואָס מ'האָט אַלץ געשטעלט אויף דין, אויפ'ן געזעץ.

ווענן דער באַציאונג צום אָרימאַן, איז גענוג צו דערמאָנען די תורה־געזעץ־געבונג ווענן מלוה און לוה, און די קאָמענטאַרן און אינטערפּרעטאַציעס פון די חז"ל:

די תורה זאָגט:

אויב דיין חבר איז דיר עפּעס שולדיק און דו קומסט צו אים מאָנען דיין חוב, זאָלסטו ניט אַריינגיין צו אים אינדערהיים און נעמען ביי אים אַ משכון, אין דרויסן זאָלסטו בלייבן שטיין און דער מענטש, וואָס דו מאָנסט ביי אים, זאָל דיר אַרויסטראָגן דעם משכון אינדרויסן[22]. די תורה ווי מיר זען, האָט זיך אַפילו גערעכנט מיט די געפילן פונעם אָרימאַן, וואָס דאַרף זיך באָרגן געלט אויף הלוואות. די היים זיינע ווערט באַטראַכט פאַר זיין פעסטונג און די פּערזענלעכע פרייהייט איז הייליק און טייער. מ'דאַרף אויסמיידן צו טאָן זאַכן, וועלכע זיינען גורם זיין בושה.

צדקה, אַן אַנדער סאָרט הילף צום אָרעמאַן, באַטראַכטן די חכמי התלמוד, ווי אַ חוב: „חייבים אנו להזהר במצוות צדקה יותר מכל מצוות עשה . . . "[23] און ווענן „לקט", וואָס געהערט צום אָרעמאַן, זאָגט אונז די משנה[24], אַז „מי שאינו מניח את העניים ללקוט, או שהוא מניח את אחד ואחד לא . . . הרי זה גוזל את העניים, ועל זה נאמר: אל תסג גבול עולם".

ווי גרויס די מצוה פון צדקה איז געווען ביי די חכמי התלמוד, איז גענוג צו ברענגען אַ פאַקט פון רבי מאיר, גרויסער חכם[26] (תלמיד פון אלישע בן אבויה)[26] —ער האָט פאַרדינט בלויז דריי סלעים אַ וואָך, געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און דאָך געגעבן אַ סלע אויף צדקה. ער דריקט זיך אויך אויס, אַז אַ געלערנטער, אפילו אַ נכרי, שטייט העכער פון אַ כהן־גדול אַ ניט־געלערנטן, אַן עם הארץ[27] — און דאָס ווייזט, ווי וויכטיק עס איז ביי אים געווען תורה און געלערזאַמקייט.

אין ענינים פון צדקה, האָבן די חכמים אפילו באַשטימט פליכטן און אָנגעזאָגט, גענוי, וויפל אַ מענטש דאַרף בייטראָגן אויף צדקה. די תקנת אושא איז געווען: „המבזבז — אל יבזבז יותר מחומש״, דער נדבן זאָל געבן אַ פינפטל (אויב ער איז ברייטהאַרציק), פון זיינע פאַרדינסטן[28].

פונוואַנען נעמט זיך דער דין פון „חומש״ ביי צדקה?

רב נחמן, לערנט דאָס ארויס פונעם פסוק „וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך״[28א], יעקב אבינו, הייסט עס, האָט צוגעזאָגט צוויי צענטלעך, ד. מ. אַ פינפטל פון דעם, וואָס גאָט וועט אים געבן . . .

דער ווילנער גאון (הגר״א) האָט געזאָגט, אַז דער איסור פון וואַרפן זיך מיט געלטער מער ווי אַ פינפטל, איז מן התורה; אין אושא האָט מען בלויז פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן פאַרבאָט — וואָס איז אַ הלכה למשנה מסיני[28ב].

ר׳ ברוך עפשטיין[28ג], דריקט זיך אויס, אַז ער האָט נישט זוכה געווען צו פאַרשטיין דעם גר״א, פאַרוואָס דאָס זאָל זיין אַ תורה פאַרבאָט, צו געבן צדקה מער ווי אַ פינפטל — און ער מיינט, אַז לויטן לשון פון דער גמרא, איז עס געווען אַ תקנה פון די חכמים, און די תקנה איז חל, אויף דעם ריווח, וואָס דער מענטש מאַכט איבער׳ן יאָר — און ער פירט אויס, אַז ווען עס האַנדלט זיך דורך געלט, זיך צו פאַרהיטן פון עובר זיין אַן עבירה, זאָל מען אפילו שפענדן דעם גאַנצן פאַרמעגן[28ד].

אין תלמוד[29א], ווערט דערציילט, אַז דער קעניג מונבז האָט צעטיילט זיינע אוצרות צו אָרימעלייט, האָבן די חכמים אויסגעדריקט אומצופרידנקייט פון זיין טאַט: „אבותיך גנזו אוצרות והוסיפו על של אבותם ואתה עמדת ובזבזת שלך ושל אבותיך . . . איינער אַ חסיד האָט געוואָלט טיילן צדקה, מער פון אַ פינפטל, האָבן די חכמים אים געשטערט.

וואָס שייך די באַהאַנדלונג פונם אַרבעטער, איז עס געווען אַ חוב, די פאָרם פון הענקה און מ׳האָט דערויף געקענט צווינגען דעם אַרבעטסגעבער, ניט אכטנדיק וואָס אין דער תורה איז דאָ אַ באַדינג: „אשר יברכך״; ווייל, ווי די חז״ל באַהויפּטן, מיינט עס „בין שנתברך הבית בגללו, בין שלא נתברך — העניק תעניק מכל מקום״[29].

די חכמים האָבן אָנגענומען אומצאָליקע תקנות, צו זען, אַז דער מענטש זאָל זיך ניט קענען אַרויסדרייען פון תרומות און מעשרות, ניט געקוקט, וואָס פון

תורה־שטאנדפונקט, זיינען געווען אזעלכע מעגלעכקייטן: „דורות הראשונים היו מכניסין פירותיהן דרך טרקסמון כדי לחייבן במעשר, דורות האחרונים מכניסין דרך גגות, דרך חצרות, דרך קרפיפות, כדי לפטרן מן המעשר, דאמר ר' ינאי: אין הטבל מתחייב במעשר עד שיראה פני הבית"[30].

צוליב די, און ענלעכע ערמות, האָבן זיי אויסגערופן שטראָף אויף די וואָס שטערן די מצוות פון תרומות און מעשרות און צוגעזאָגט שכר צו די, וואָס היטן די דאָזיקע מצוות: „כל מי שיש לו תרומות ומעשרות ואינו נותן לכהן, סוף נצרך לכהן ע"י אשתו (סוטה) ואם נתנן סוף מתעשר"[31].

די דאָזיקע דינים און פליכטן שטאַמען ארויס פון דער קאָנצעפּציע, אז אלץ געהערט צו גאָט און דער מענטש האָט ניט קיין רעכט צו באטראכטן זיין אייגנ־טום, ווי אבסאָלוט זיינס. דערפון קומט דער דין, אז „אסור לאדם שיהנה מן העולם הזה בלא ברכה"[32].

די חכמי התלמוד האָבן געשיצט דעם ארבעטער, דעם „נהנה מיגיעי כפיו" און תמיד געלערנט דעם סוחר, ווי אזוי זיך צו באנעמען אין זיינע עסקים. די ישיבה פון רבי ישמעאל האָט געלערנט: חכם שעבר עבירה בגופו . . . העלפט תשובה, אָבער אַן עבירה אין געלט־ענינים, האָט ניט קיין תיקון, ביז ער גיט ניט צוריק די גזילה צו די אייגנטימער: „בממונו עד דמהדר למריה"[33] און ס'האָט אַמאָל געטראָפן מיט רב הונא, ס'איז אים קאליע געוואָרן פיר הונדערט פעסער וויין („שהחמיצו אצלו ארבע מאות חביות יין"), האָבן די חברים געזאָגט צו אים: „הרי שמיע לן דלא יהיב מר שבושא לאריסיה", מיר האָבן געהערט אז דו האָסט ניט געגעבן דעם חלק וואָס עס קומט דעם אַגראַנאָם, ניט געקוקט וואָס דער לעצטער האָט ביי אים אַ סך געגנבעט . . . ווען ער האָט אים צוריקגעגעבן זיין חלק, איז זיין פארלוסט געדעקט געוואָרן, „נתייקר החומץ ונמכר במחיר היין"[34].

אין כלל גענומען, האָבן די חז"ל געזוכט צו באַגרינדן די הלכה אויף דער באַזע, אז דער ארבעטער זאָל ניט באַעוולה'ן דעם ארבעטסגעבער און דער לעצטער זאָל ניט טאָן קיין עוולה צו זיינע ארבעטער — אלץ זאָל געטאָן ווערן אויף אַן אופן, אז דער יושר זאָל דאָמינירן[35]. אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן פּרק.

אין זיין באַרימטער עסיי „הלכה און אגדה", שטעלט זיך ביאַליק אָפּ גאָר באַריכות־דיק אויף דער אַנדערשקייט צווישן הלכה און אגדה און ווי אזוי זיי זיינען, אין זיין לשון, „נישט מער, ווי צוויי אין איינס".

ב. מדת הדין און מדת הרחמים. — אַנטי־טעזע און טעזע. — צוויי אין איינס. — אָפּטימיזם. — מצוות לייטערן דעם מענ־טשן.

די הלכה האָט טאַקע, ווי ער כאַראַקטעריזירט איר אזוי קלאָסיש, אַ צאַרנדיק פּנים און די אגדה, אַ שמייכלענדיק פּנים. די — איז אַ שטרענגע . . . און די . . . אַ לייכטע, אַ צאַרטע — אָבער אין תוך איז ניטאָ קיין קעגנזאַץ; איינס דערגענצט דאָס צווייטע. די טרוקענע פּראָזע, „די מלוכה פון

שכל", ווערט דערגענצט דורך דער זאַפטקייט פון פּאָעזיע, די „מלוכה פון געפיל".

ביאַליק זאָגט אונז אין זיין סומירונג: „הלכה פאַרשמאָלצן מיט אגדה — איז דער אַטעסטאַט פון געזונט און רייפקייט פאַר אַ פאָלק"[1]. די הלכה ווערט דערגענצט דורך דער אגדה און די אגדה קריגט איר קאָנקרעטן פאָרם דורך דער הלכה — און ביידע שטעלן פאַר די נשמה פונם ייד, זיינע שעפערישע כחות.

דער רמב"ם, גרעסטער מחבר, פּוסק און פילאָזאָף, דער גייסטיקער ריז אין פאַרשטיין תורה־געזעצן און אין פאַרטיפן די עטישע יסודות, זעט דעם קיום פון יידישן פאָלק און קיום פון דער וועלט, נאָר אין פאַרשטיין און פאַרווירקלעכן די תורה־אידעאַלן. משיח — האַלט ער — דאַרף ברענגען צו אָט דער פאַרטיפונג און פאַרשטענדעניש[2].

דער יסוד פון תורה איז גמילת חסד, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס אַזוי קלאָר[3]: „תורה, תחלתה גמילות חסדים וסופה גמ"ח . . . " די התחלה איז, געטלעכער גמילת חסד און דער סוף, חסד של אמת. אַלץ איז באַזירט אויף אהבת השם און אהבת הבריות: ליב האָבן דעם מענטש, דעם בחיר פון דער געטלעכער יצירה, ווי הלל און רבי עקיבא האָבן עס געשטעלט אַלס כלל גדול בתורה, אַלס קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אין דער יידישער עטיק.

די יידישע רעליגיע איז אויך, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין אַ פריערדיקן פּרק, אַ דורכאויס אָפּטימיסטישע און זעט די גרעסטע סכנה אין פאַטאַליזם־עצבות. ניט קיין וואונדער, וואָס דער תנ"ך איז אַ מוזיקאַלישע האַרמאָניע פאַר אמונה און לעבנס־גליק[4], און ניט קיין וואונדער, וואָס די גרונטלייגער פון דער יידישער אמונה, ווי הלל הנשיא און זיינע נאָכפאָלגער, האָבן געשטעלט אהבת הבריות און אהבת המקום אויף דער זעלביקער מדרגה, ווייל אַז מ'האָט ליב דעם באַשעפער, האָט מען ליב זיינע יצירות. הלל לערנט: „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה"[5].

הלל, דערציילן די חכמים פון זיין דור, האָט געבראַכט די הלכה צום מקור, אויסגעברייטערט, פאַרטיפט און צוגעפּאַסט צו יענער שווערער צייט. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן צוריקגעבראַכט די טויזנטער הלכות, וואָס זיינען פאַרגעסן געוואָרן אין טרויער־צייט נאָך משה רבנו[6]. ער האָט איינגעפירט די, אין יענער צייט, נייע תקנה וועגן פאַרקויף און אויסלייז פון די בתי עיר־חומה[7] און איינגעפירט דעם פּרוסבול[8] צו דערמעגלעכן מסחר און הלוואות.

הלל, ווערט אויך דערציילט, איז אין צייט פון די רוימישע רדיפות אוועק קיין בבל און נאָכדעם צוריקגעקומען, אָבער שוין גערופן געוואָרן הלל הבבלי. פריער האָט ער געאַרבעט אַלס שוואַרץ אַרבעטער און ווען ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן דעם שומר פון בית המדרש, וואו שמעיה און אבטליון האָבן געלערנט, איז ער געלעגן אויפן דאַך פונם בית־מדרש, ביז די צוויי ברידער־תנאים האָבן אים באַמערקט און געראַטעוועט פון קעלט[9] און מיט דער צייט, איז ער געוואָרן דער נשיא, פירער פון יידנטום און הויפּט פון סנהדרין[10].

ווי איינער פון די תלמוד באַגרינדער, האָט ער זיך דערהויבן צום טיטל „נשיא". ער איז געווען אַן אולטרא הומאַניסט, אין דער ערשטער תנאים פּלעיאַדע פון בית שני, דורכגעזאַפּט מיטן גרויסן אידעאַל פון מענטשן־ליבע און איבער־מענטשלעכער סבלנות; ער איז געווען פון די, וואָס האָבן געשטאַלטיקט תורה־געזעצן מיטן גייסט פון דער צייט. ער האָט באַוויזן צו פאַרוואַרצלען דעם פּאָזיטיוון געבאָט: „האָב ליב דעם צווייטן ווי זיך אַליין" (ואהבת לרעך כמוך . . .), אין אַ נעגאַטיוו־אויסגעדריקטן אימפּעראַטיוו: „וואָס עס איז דיר ניט ליב, זאָלסטו דעם צווייטן ניט טאָן". דוכט זיך, דאָ גאָרנישט מחדש געווען! — ווען מען באַטראַכט אָבער טיפער הלל'ס מיין, מיט זיין אינטערפּרעטאַציע פונם ואהבת לרעך כמוך[10א] און זיין אויפפאַסונג „מה דעלך סני לחברך לא תעביד—זה כלל גדול בתורה"[10ב]— זעט מען די אויסגעהאַלטנקייט פון אַ שיטה, וואָס פאַרבינדט די תורה מיטן לעבן, דעם יחיד מיטן קאָנקרעטן צבור. מען זעט דאָ אַ גאָר ברייטן און ניכטערן בליק וועגן דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און מענטשלעכער נאַטור.

הלל הזקן, דער מאַן פון דער הלכה למעשה, דער גרויסער קרישטאָלענער הומאַניסט און דערצו פּראַקטיקער, גלויבט אינם מענטש, ער האָט צוטרוי צו זיין באַרופנקייט אָנצופירן מיט זיין אייגענעם גורל: „אם אין אני לי מי לי" (אויב איך אַליין בין ניט פאַר זיך, טאָ ווער איז פאַר מיר . . .) ער ווייסט אָבער אויך אַז די פּילוערטיקייט פונם יחיד איז בלויז מעגלעך, ווען ער איז פאַרבונדן מיטן כלל, אָבער בשום אופן ניט ווען ער בלייבט איינזאַם —„וכשאני לעצמי מה אני". — און ווען איך אַליין בין נאָר פאַר זיך, וואָס בין איך . . .

ער פאָדערט פונם יחיד צו זיין ענג פאַרבונדן מיטן כלל, מיטן קאָלעקטיוו („אל תפרוש מן הצבור").

דעריבער מישט ער זיך אין אַלע ענינים, אפילו אין דיווירטשאַפטלעך־קאָמערציעלע. ער איז פאַר דעם פּרוסבול, וואָס שאַפט נאָמינעל נישט אָפּ דאָס געזעץ פון שמיטה, נאָר מיידט אים אויס.

הלל, אין וועמענס צייט ס'איז אָנגעגאַנגען אַ שרעקלעך פּאָליטיש־רעליגיעזער טעראָר אין לאַנד, האָט זיך געשטעלט פון דער זייט און געוואָלט בעסער זאָרגן פאַרן אייביקן קיום פון נצח'דיקן ישראל. אים איז געגאַנגען אין אַרויסברענגען די קדושה און די פּראַקטיק פון דער תורה און דעם קאַמף קעגן רוימיש־הײדנישן יאָך האָט ער איבערגעלאָזן צו די אַנדערע. ער האָט זיך געווידמעט אויף אַרויסצו־ברענגען די עטישע יסודות פון תורת משה און די נביאים, אַליין געוויזן דעם מוסטער פון אַ תורה־לעבן און געוואָלט זען די דערהויבונג פונם מענטש. זיין אויסדרוק: „האָב ליב מענטשן און דערנענטער זיי צום לערנען" . . . ער האָט זיך געפירט ווען ס'איז געקומען צו דער מצוה פון צדקה, אַז דער אָרימאַן זאָל זיך פילן דערהויבן. ער האָט אינטערפּרעטירט דעם תורה פאַרלאַנג „די מחסורו אשר יחסר לו — אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו . . . " און ניט בלויז

דאָס געזאָגט טעאָרעטיש, נאָר אין דער פּראַקטיק דאָס דורכגעפירט. מ'האָט געזאָגט — דערציילט די גמרא — אויף אים, אויף הלל הזקן, אז ער האָט געקויפט פאַר א מיוחס'דיקן אָרעמאַן („עני בן טובים") א פערד צום רייטן און א קנעכט צום לויפן — און ער אליין איז געלאָפן פאַר אים דריי מייל.

די „תקנת פּרוסבול" איז פון די סטאַטוטן פאַרן תיקון העולם. הלל האָט געזען, אז דער עטישער צדק פון דער תורה קאָן נאָר זיין די פאַרמיידונג פון שלעכטס פאַרן אָרעמאַן, קענענדיק די מענטשלעכע נאַטור־איינגנשאַפטן און געזען, אז דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט אנטלייען צום אָרעמען מענטשן, האָט ער געשאַפן דעם פּרוסבול „שלא תנעול דלת בפני לוין", א דאַנק וועמען ס'איז געשטאַרקט געוואָרן די גערעכטלעכע עטיק און די מצוה פון גמילת חסד.

די חכמים פון דור האָבן אים געזען ראוי צו פירערשאַפט, אויך צוליב זיין אָפּשטאַם פון דוד המלך[11] און זיין חבר שמאי, באַשטימט אלס סגן הנשיא ואב־בית־דין[12]. זיי דריקן זיך אויס וועגן אים: „כשנשתכחה תורה מישראל, עלה הלל הבבלי ויסדה[13].

ער איז געווען שטאַרק באַליבט צוליב זיין גרענעצלאָזער עניות און מענטשנ־ליבע[14]. „לעולם יהא אדם ענותן כהלל ואל יהא קפדן כשמאי[15] און ווען ער איז נפטר געוואָרן, האָט מען אין הספד דערמאָנט: „הי חסיד, הי עניו, תלמידו של עזרא"[16].

וועגן זיין גרויסקייט, ווערט איבערגעגעבן, אז ער האָט געהאַט אכציק תלמידים; דרייסיק פון זיי זיינען געווען ראוי אז די זון זאָל זיך שטעלן פאַר זיי ווי פאַר יהושע בן נון; פון צוואַנציק מיטלמעסיקע איז דער גרעסטער פון זיי געווען יונתן בן עוזיאל און דער קלענסטער, ר' יוחנן בן זכאי. אויף יונתן בן עוזיאל האָט מען געזאָגט, אז בשעת ער איז געזעסן און געלערנט, איז דאָס עוף וואָס איז פאַרביי־געפלויגן, מאָמענטאַל פאַרברענט געוואָרן[17]. אויף אן אנדער אָרט, ווערט געזאָגט, אז ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין זאַך, אז ער זאָל ניט געווען לערנען מיט די תלמידים, אפילו לשונות, אפילו די געשפּרעכן פון בערג, ביימער און גראָזן[18] און וועגן ר' יוחנן בן זכאי: „שלא הניח פּרשה אחת בתורה שלא למדה . . . . וכן אָמרו עליו, אם יהיו כל השמים יריעות, וכל האילנות קולמוסין, וכל הימים דיו, אינן כדאי לכתוב את חכמתי שלמדתי מרבותי, ולא אָצלתי מחכמתן אלא כמו שהזבוב הזו הטובלת בים הגדול ומשהו מחסרה: וממי קבל תורה? מהלל ומשמאי"[19].

הלל'ס שיטה, איז אויך געווען, די אָפּטימיסטישע, די שמחת החיים'דיקע!

ניט דאָ, פאַרשטייט זיך, איז דאָס פּלאַץ צו שרייבן וועגן יידישן אָפּטימיזם, וועגן שמחת החיים וואָס קוועלט ארויס פון דער יידישער אמונה און וואָס האָט זיין יסוד אין בראשית, „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"!

אין תנ"ך האָבן מיר צוויי ספרים, אין וועלכע ס'קומט פאָר דער וויכוח צווישן אָפּטימיזם און פּעסימיזם: ספר איוב און ספר קהלת.

אין דער יידישער אמונה, ווערט אָנגענומען, אז „העולם בטוב נדון" . . . אז מ'דאַרף אויסקלייבן דאָס גוטע, ובחרת בחיים! אז „לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע", אז מ'דאַרף כובש זיין דעם יצר הרע און במילא דערגרייכן דאָס גוטע אינם מענטשן — און דאָס האָבן נאָכגעפאָלגט די חכמי התלמוד, האָבנדיק די איבערציייגונג, אז אַלץ ווערט געטאָן דורך דעם באַשעפער, אַפילו אַ קלאַפּ אינם קלענסטן פינגער איז פון גאָט, לויט דער אינטערפּרעטירונג פון „מד' מצעדי גבר כוננו", אז „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אא"כ גוזרים עליו מלמעלה"[20] אז „מאתו הטובות והרעות", ניט אַכטנדיק, וואָס דער מקונן דריקט זיך אויס: „מפּי עליון לא תצא הרעות והטובות[21], ווייל באמת איז דער מענטש שולדיק אין דעם שלעכטס וואָס קומט חלילה אויף אים.

אינטערעסאַנט איז, ווי די חז"ל זוכן דעם פּאַראַלעל פון איוב יצחק און משה רבנו באַהויפּטנדיק, אז משה רבנו האָט געשריבן דאָס ספר איוב און דעריבער איז עס קאַנאָניזירט געוואָרן.

אין ירושלמי[23] ווערט געזאָגט: דרש רבי עקיבא, ויחר אף אליהוא . . . זה בלעם . . . אמר לו ר' אלעזר בן עזריה אין הוא . . . אלא אליהוא הוא יצחק!"

אין זיין דראַמאַטיש ווערק „אין די טעג פון איוב", האָט דער דיכטער ה. לייוויק, צוזאַמענגעבראַכט אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, איוב'ן מיט יצחק'ן און ער דערקלערט עס אין דער הקדמה, פאַרוואָס, ער טוט עס:

„גאָט'ס געבן פול רשות דעם שטן, אומצוברענגען איוב'ס קינדער, פאַר־ברענען זיינע אַלע גיטער און אים אַליין, דעם אַלטן איוב'ן, זיין לייב, אריינוואַרפן אין גרויל פון צרעת־וואונדן, — פאַרפאָלגט דעם מחבר זינט זיינע חדר־יאָרן; נאָך מער פאַרפאָלגט אים, זינט יענע יאָרן, דעם יונגן יצחק'ס גיין צו דער עקידה און זיין ליגן אויפן מזבח אין דערוואַרטונג געבראַכט צו ווערן פאַר אַ קרבן.

אין גמרא בבא בתרא[2] ווערט געזאָגט, „ואימא, איוב בימי יצחק היה" — ס'קאָן געמאָלט זיין, אז איוב איז געווען אין דער צייט פון יצחק'ן. דאָס האָט געגעבן דעם מחבר אַ דערלויבטע מעגלעכקייט צו דערפילן אַ באַגער זיינעם, פון לאַנג אָן, צונויפצוברענגען יצחק'ן מיט איוב'ן, אונטער אַ שותפות'דיקן צייכן פון נסיון.

דעם מחבר האָט טיף פאַרכאַפּט די מימרא וועגן איוב'ן אין פּסיקתא (ר' מ"ז)—„אמר ר' חנינא בר פּפּא: איוב אילו קרא תגר כשבאו עליו יסורין,—כשם שאומרים עכשיו בתפילה אלהי־אברהם, אלהי־יצחק ואלהי־יעקב, כך היו אומרים, ואלהי־איוב". ר' חנינא בר פּפּא האָט געזאָגט: ווען איוב, בשעת עס זיינען אים באַפאַלן די יסורים, וואָלט ניט אויפגעהייבן קיין געוואַלט־געשריי, איז אַזוי ווי מען

זאָגט איצט אין תפילה: גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, וואָלט מען אויך געזאָגט: גאָט פון איוב.

„אָבער איוב האָט יאָ אויפגעהייבן".

איוב, דערפאַר וואָס ער האָט זיך ניט געקענט אינגאַנצן באַפרייען פון דער מורא פאַר'ן פאַטאַליזם; ער האָט זיך אויך ניט געקענט באַפרייען פון ספקות אין דער אמונה פון אחדות השם, ווי אונזערע אָבות ווי אברהם אָבינו, דער „ישר מן הישרים"[25], האָט דאָס באַנומען און אויפגעפאַסט, האָט ער ניט געקענט האָבן די זכיה צו ווערן טיטולירט מיט אָט דעם דערהויבענעם טיטול פון „אלהי איוב"!

ווי מיר האָבן שוין געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז עס דער יסוד פון דער יידישער אמונה, אַז דער אַבסאָלוטער אמת, איז בלויז ביי גאָט. דער מענטשלעכער שכל, קען ניט אַריינדרינגען אין דער געטלעכער מיסטעריע, ווי דער נביא דריקט זיך עס אויס אַזוי קלאָר, דעפיניטיוו: „כי לא מחשבותי מחשבותיכם"[26] און „הנסתרות לד' אלקינו"[27].

מיר בעטן ביים חונן לאָדם דעת: „הורני ד' דרכך ונחני באורח מישור"[28] און וויסן פאָראויס, אַז דער אמת איז בלויז ביי גאָט און ניטאָ קיין אמת אויסער אים. דער חותם פון הקב"ה, איז אמת[29].

די חכמי התלמוד, האָבן געזען אינם מענטש דעם „בחיר היצירה", די „חלה פון דער וועלט"[30] און גערופן צו קעגנזייטיקע באַרמהאַרציקייט, ליבשאַפט און סימ־פּאַטיע צום מיטמענטש און ניט סתם אַזוי ציללאָזן, אומבאַרעכטיקטן רחמנות־געפיל, נאָר רחמנות וואָס האָט אין זיך די עלעמענטן פון גערעכטיקייט, פון „צדק, צדק תרדוף"[31].

אויב דער אָרימאַן איז אין זיין קאַמף קעגן רייכערן, ניט גערעכט, איז דאָ, דאָס געזעץ פון „ודל לא תהדר בריבו[32] און „אין מרחמים בדין"[33]. ניטאָ קיין אָרט פאַר דיסקרימינאַציע קעגן וועלכן עס איז שיכט אָדער קלאַס אין יידנטום. מ'דאַרף דער עיקר באַקעמפן די זינד און ניט אַזוי די זינדיקע, ווי ברוריה[34] האָט עס אַרויסגעבראַכט אין איר קאָמענטאַר „יתמו חטאים" און ניט „חוטאים", די זינד איז שולדיק!

מיר געפינען פאַרשיידענע פּסוקים אין שייכות מיט ליבשאַפט און פיינטשאַפט צום שונא. אויף איין אָרט: אוהבי ד' שנאו רע — די וואָס האָבן ליב גאָט, האָבן פיינט דאָס שלעכטס[35] אָדער: „הלא משנאך ד' אשנא . . . תכלית שנאָה שנאתים" — דיינע פיינט גאָט, האָב איך פיינט, געגצלעך פיינט[36] און נאָך און נאָך פּסוקים דערלויבן, הייסן פיינט האָבן שלעכטס און די חכמים הייסן פיינט האָבן דעם שלעכטן, פאַרדאָרבענעם, די מלשינים און מוסרים[37]. פון דער אַנדערער זייט, זעט מען ווי די תורה זאָגט אָן צו העלפן דעם שונא[38].

די תורה לערנט, זאָלסט העלפן דעם שונא, ווען ער נויטיקט זיך אין דיין הילף[38א]; און אויב דער שונא איז הונגעריק, דאַרפסטו אים געבן עסן און אויב

ער איז דורשטיק — גיב אים צו טרינקען: „אם רעב שונאך, האכילהו לחם ואם צמא — השקהו מים"[38ב]. דאָס איז רעאַלע ליבע צום מענטשן, אַנדערש פון דער קריסטלעכער אַבסטראַקטער ליבע. דאָ האָבן מיר פּראַקטישע מעשים, אַפּצושוואַכן שנאה און ערשטער טריט צו אויפריכטיקער ליבשאַפט.

אין תלמוד[38ג] ווערט געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי מעג אַ ייד גאָר פײַנט האָבן? דער פּסוק באַפעלט דאָך: „לא תשנא את אחיך בלבבך" . . . דער ענטפער איז: „דחזי בי' דבר ערוה", אַז ער האָט געזען אַן אומרעכט, אַ געמיינקייט בײַ זײַן חבר, אפילו אזא שונא, דאַרף מען אויך העלפן, ווען ער נויטיקט זיך אין הילף, כדי אָפּצושוואַכן זײַנע שנאה־טענדענצן, „כדי לכוף את יצרו"[38ד].

ראַ"ז פרידמאַן, דער אגודה־טריבון און פּעדאַגאָג, קומט דעריבער צום אויס־פיר[39] אַז שנאה מיט פּראַקטיש־פּאָקטישע קאָנסעקווענצן איז פאַרבאָטן, אין קעגנטייל, מ'דאַרף אים גאָר העלפן דעם דאָזיקן שונא, אונטערדריקן דעם יצר הרע בײַ זיך.

און דאָ ברענגט ער אַלס באַווײַז, די מעשה פון רבי מאיר וועלכער האָט אין שכנות געהאַט פאַרדאָרבענע מענטשן וועלכע האָבן אים שטאַרק מצער געווען, האָט ער זיך גענומען מתפּלל זײַן אויף זייער טויט . . . האָט אים ברוריה, זײַן פרוי, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער זאָל בעסער בעטן אַז די זינד זאָל אויפהערן, ווײַל געשריבן איז יתמו חטאים, די זינד זאָל זיך ענדיקן און ס'איז ניט געשריבן חוטאים, אַז די זינדיקע זאָלן אונטערגיין[40].

די שנאה צום שלעכטן מענטש איז, לויט דער תורה, ניט קיין שנאה צו דער פּערזאָן, נאָר צום שלעכטס וואָס איז בײַ אים פאַראַן און כל־זמן, ס'איז דאָ די האָפענונג, אַז דער דאָזיקער מענטש וועט זיך אָפּטיילן פונם שלעכטס און בעסער ווערן, דאַרף מען אים מקרב זײַן.

ווען איז דערלויבט געוואָרן שנאה און פאַרניכטונג פון רשעים? נאָר ווען דער פּערזאָן איז דורך און דורך שלעכט, וואָס ער טוט, איז צו פאַרשפּרייטן שלעכטס, דאַן איז די מצוה „ובערת הרע מקרבך", אים אויסראָטן און מאַכן אומ־שעדלעך[41].

די חכמי התלמוד האָבן באַטראַכט די מצוות השם, ווי רב אבא אריכא (געבוירן בבל תתקט"ו 155 נ.ק.ע.; נפטר ד' אלפים ג', גרינדער פון דער סורא ישיבה אין 3־טן יאָרהונדערט), דריקט זיך אויס, באַשטימט אויף צו לייטערן די מענטשהייט, „לצרף את הבריות"[42], צו דערציען דעם מענטשן און אָפּטעמפּן בײַ אים, די עגאָ־איסטישע נייגונגען.

רבי אלכסנדרי שטעלט זיך אָפּ אויפן פּסוק „כי תראה חמור שונאך" . . . „עזב תעזוב עמו"[43] ווײַל, זאָגט ער, דער טאַט פון העלפן דעם שונא פירט צום איבערבעטן זיך, צום מאַכן שלום מיט אים, צו פאַרגעסן עוולות: „התחיל משיח עמו, עזוב קמעה מכאן . . . נמצא עושים שלום ביניהם . . . מתוך כך נכנסו

לפונדק, אָכלו ושתו ביחד ונתחבבו זה לזה . . . הוי, אתה כוננת מישרים״.[44]

רבי יצחק זעט גבורה און אָפּשוואַכונג פונעם עגאָאיזם דורך מקיים זיין די מצוה פון שמיטה:

„גבורי כח עושי דברו — במה הכתוב מדבר? אָמר רבי יצחק: בשומרי שביעית הכתוב מדבר. בנוהג שבעולם, אָדם עושה מצוה ליום אחד, לשבת אחת, לחודש אחד, שמא לשאר ימות השנה? — וזה רואה שדהו מופקרת ואילנותיו מופקרים, והסייגים מפריצים, ורואה פירתיו נאכלים ונותן ארנונה ושותק — יש לך גבור גדול מזה?[45]

אין דעם זין, איז פאַרשטאַנען געוואָרן ביי די חז״ל, די מאָראַלישע ווערט פון קיום המצוות, די רעליגיעז־עטישע ווערטן וואָס פירן דעם ייד צום אור־קוואַל פון וועלכן מ׳קען שעפּן דעם אידעאַל פון סאָציאַלן יושר. אין דעם זין, האָבן זיי פאַרשטאַנען די מצוה פון שמיטה און יובל, מעשר און תרומה: אַ תורה־סיסטעם פון אַ פּופּציק יאָריקן קאָרעקטיוו אין דער גאַנצער עקאָנאָמיע און אַ זיבן יאָריקן קאָרעקטיוו אין דעם פינאַנץ־סיסטעם און דערצו: שבת־רו פאַר׳ן גאַנצן לאַנד; תרומות מעשרות, פּאָה, נאָרמירונג פון אַרבעט־געזעצן און אַרבעט־שוץ — אָבער וועגן דעם באַריכות אין אַ ווייטערן קאַפּיטל.

ווען מען רעדט וועגן דער תלמודישער תקופה, דאַרף מען אַריינרעכענען די עפּאָכע פון פאַר און נאָך דער שאַפונג פון ביידע תלמודים: בבלי און ירושלמי. דער באַגין פון תורה שבעל־פּה, איז געקומען נאָך פריער, פאַר תורה שבכתב, אָבער דער

ג. די חכמי התלמוד און זייער באַציאונג צו אַר־בעט און אַרבעטער. — וועג פון לעבן. — תלמידים פון רבי עקיבא.

פעריאָד פון גרויס־שאַפן אין פּירוש צו תורה שבכתב, רעכנט זיך זינט דער כנסת הגדולה, דער גרויסער ראַט ביים בית שני, און די ישיבות פון הלל און שמאי. די נאָך־תלמודישע עפּאָכע, וואָס קאָן צוגערעכנט ווערן צו דער תלמודישער, איז די תקופה פון רבנן־סבוראי, גאונים און זייערע נאָכ־פאָלגער.

חתימת המשנה, אָפּשלוס פון דער משנה, דורך רבי יהודה הנשיא, איז פאָר־געקומען אין יאָר ג״א תתקע״ט (219 נ. ק. ע.) חתימת תלמוד בבלי, אָפּשלוס פון גרויסן בבלישן ווערק, באַקאַנט מיט זיין פּאָפּולערן נאָמען, אלס גמרא, איז פאָר־געקומען אין יאָר ד״א ר״ס (500 נ. ק. ע.). די תנאים־עפּאָכע נאָך די „זוגות״ און כנסת הגדולה, רעכנט זיך פינף דורות, אָנהייבנדיק מיט רבן שמעון בן גמליאל (ג׳ ת״ת־40 נ.ק.ע.) ביז׳ן יאָר ג׳ תתק״פ (220 נ.ק.ע.).

נאָכדעם, קומען די פינף דורות פון אמוראים אין ארץ ישראל און אַכט דורות אמוראים אין בבל, אָנהייבנדיק מיט רב און שמואל (ג׳ תתק״פ־220 נ. ק. ע.) ביז רבינאָ (ד׳ ר״ס־500 נ. ק. ע.).

אין די שאַפונגען פון די תנאים און אין די תלמודישע ווערק פון יענע עפּאָכעס, ווי אַ דערגענצונג צו תורה שבכתב, איז קריסטאַליזירט געוואָרן דער מהות פון יהדות, אַזוי אין פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישן זין און אַזוי אין סאָציאַל־נאַציאָנאַלן זין. אין תלמוד, ווערט אויסגעפורעמט דער יידישער לעבנס־באַנעם, רעליגיע, גייסט־ירושה און עטיק.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך, אין אַ ווערק ווי דאָס איצטיקע, ארויס־צוברענגען די פּערל פון געדאַנקען פון יעדן תנאָ אָדער אמוראָ, אין שייכות מיט זיינע סאָציאַלע אידייען און מיטן אופן פון זיין לייזן סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָב־לעמען. מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט געציילטע ווערטער פון געציילטע תנאים־אמוראים, בכדי צו דערגרייכן די טעזע פונם קעגנשטאַנד.

מיר וועלן אָנפאַנגען מיט ר׳ אליעזר הגדול (הורקנוס), און עס וועט זיין גענוג צו ברענגען אייניקע שטריכן, פון זיין באַציאונג צום אַרבעטער און עבד. ער האָט, למשל, באַפרייט זיין עבד־כנעני (כאָטש ס׳איז דאָ אַ באַפעל לעולם בהם תעבודו — מ׳זאָל מיט זיי שטענדיק ארבעטן) בכדי אים משלים זיין צו „מנין" (צען יידן) וואָס מען דאַרף האָבן צו זאָגן ברכו און קדושה[1]. דערפון, זעט מען אויך, אַז געלט האָט ביי אים ניט געהאַט קיין גרויס חשיבות. צו טאָן אַ מצוה, איז ער זאָפאָרט מוותר אויף זיין פאַרלוסט און באַפרייט דעם קנעכט.

פון זיינע תלמידים, איז געווען ר׳ עקיבאָ, וועלכער האָט געלערנט ביי אים דרייצן יאָר[2] און אויסגעוואַקסן אַלס גדול הדור אינם 3־טן דור תנאים. ניט געקוקט וואָס ער איז געווען דער זון פון יוסף גר צדק[3] איז ער געוואָרן דער אנערקענטסטער הלכה־אויטאָריטעט. — אָבער וועגן אים אויספירלעכער, אין אַ ווייטערן קאַפּיטל.

די תורה, ווי מיר האָבן געזען, צווינגט ניט ארויף די געטלעכע אויטאָריטעט; אדרבה, זי גיט אויסדרוק־פרייהייט דעם מענטש און לערנט אים, אַז אויך גאָט פאָלגט אויס די געזעצן פון יושר און גערעכטיקייט. דער מענטש, באַשאַפן מיטן צלם אלקים מוז אָט די רעליגיעז־מענטשלעכע פליכטן דערפילן. ער האָט אָבער אַ רעכט צו פאָדערן גערעכטיקייט פון גאָט, ווי עס האָבן געטאָן די אָבות, די נביאים, די חכמי התלמוד, ווייל אַלע זענען געווען איבערצייגט אין דעם תכלית פון דער מצוה און אַז די מצוות האָבן זייער לאָגיק, אפילו ווען מיר נעמען אָן אַז „אין (נותנים) דורשים טעם למצוות", אַז מ׳גיט ניט אָן קיין מאָטיוו פאַר אַ מצוה.

דער רמב"ם, ווי באַקאַנט, האָט געזוכט צו געבן לאָגישע טעמים פאַר מצוות, אָבער בדרך כלל איז אָנגענומען, אַז דער מענטש איז צו קליין אין שכל צו באַ־גרייפן די סודות פון דער תורה, אפילו דער קלוגסטער פון די קלוגסטע, שלמה המלך, האָט געמוזט צוגעבן, אַז ער פאַרשטייט ניט די סודות פון פרה אדומה[4] און ווען ער האָט געוואָלט וויזן, אַז ער פאַרשטייט יאָ געוויסע מצוות, איז ער נכשל געוואָרן . . .

די חכמי התלמוד, זייענדיק באַהויכט פון דער טיפער אמונה, האָבן אינטו־איטיוו געפילט די מאָטיוון פון מצוות — און באַזונדער די סאָציאַלע מצוות. אין קרבנות, למשל, האָבן זיי געזען, אַ מאָטיוו פון תן לו משלו . . . ווייל אַלץ איז ביי און פון גאָט, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש[5]:

„מי הקדימני ואשלם — מי קילס לפני עד שלא נתתי לו נשמה; מי מל בנו לשמי, עד שלא נתתי לו בן; מי עשה לפני מעקה עד שלא נתתי לו גג; מי עשה לי מזוזה עד שלא נתתי לו בית; מי עשה לי סוכה עד שלא נתתי לו דמים; מי עשה לי ציצית עד שלא נתתי לו טלית; מי הפריש לי קרבן עד שלא נתתי לו בהמה; הדאָ הוא דכתיב: שור או כשב או עז" . . .

דער הויפּט געדאַנק איז, אַז אַלץ וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, איז פון גאָט, דער „זן ומפרנס לכל . . . " דער שפּייזער מיט דער פולער האַנט און דער מקבל (דער מענטש) דאַרף ניט זיין קיין כפוי טובה, דאַרף צוריקגעבן דורך קרבנות און קיום מצוות, ווי עס ווערט דאָרט געזאָגט: „אָמר הקדוש ברוך הוא: עשר בהמות טהורות מסרתי לך, שלש ברשותך ושבע אינן ברשותך . . . "

רבי אלעזר איש ברתותא, האָט דעם דאָזיקן רעיון אויסגעדריקט אין די עטלעכע ווערטער: „תן לו משלו, שאתה ושלך שלו"[6] און ער האָט עס ניט בלויז געלערנט, טעאָרעטיש, נאָר טאַקע פּראַקטיצירט זיין דאָזיקע איבערצייגונג, אַזוי אַז די גבאים פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן פון אים, ער זאָל זיי ניט אַלץ אַוועקגעבן און געלעבט האָט ער מיט נסים און ברכות פון השם־יתברך[7].

פאַרשטייט זיך, אַז די חכמי התלמוד האָבן ניט פאַרלאַנגט, אַז יעדער זאָל נאָכפאָלגן די מעשים פון ר' אלעזר, דעם מאַן פון ברתותא, אָדער פון ר' חנינא בן דוסא. וויכטיק איז זייער באַציאונג צו צדקה און הילף צום מענטש, וואָס האָט זיין מקור און סאָציאַלן באַדייט אין דער אמונה, אַז אַלץ וואָס דער מענטש פאַר־מאָגט איז אַ געשאַנק פון גאָט. נאָך אַ זאַך, אַז דער גײַיג נאָך געלט איז אַן איבל, וואָס דאַרף באַזייטיקט ווערן: „כי לא במותו יקח הכל"[8]. דערביי האָבן זיי פאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן געשאַפן געזעצן און סטאַטוטן צו רעגולירן דאָס סאָציאַלע לעבן[9].

די מצוה פון צדקה איז געהאַלטן געוואָרן גאָר גרויס, רבי מאיר, ווי שוין דערמאָנט האָט פאַרדינט בלויז דריי סלעים אַ וואָך, געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, ניט געקוקט אויף זיין חכמה[10] און געלערנטקייט[11]. ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סלע פאַר צדקה[12].

וואָס שייך דער באַהאַנדלונג פונם אַרבעטער, האָבן די חז"ל געהאַט די מערסט ליבעראַל־פּראָגרעסיווע באַציאונג און אָנגענומען צענדליקער תקנות צו באַוואָרענען, אַז דער מענטש זאָל זיך ניט קענען אַרויסדרייען פון תרומות און מעשרות[13].

צוליב די פאַרשיידענע ערמות, האָבן די חכמים אָנגעזאָגט שטראָף אויף די, וואָס שטערן די מצווה פון תרומות־מעשרות און שכר, צו די וואָס היטן די דאָזיקע סאָציאַלע מצוות[14]. די אַלע פליכטן האָבן זייער מקור אין דער פונדאַמענטאַלער קאָנצעפּציע, אַז אַלץ געהערט צו גאָט און אַז מענטש האָט ניט קיין רעכט צו באַטראַכטן זיין אייגנטום, ווי אַבסאָלוט זיינס[15].

די חכמי התלמוד האָבן געשטיצט און געשיצט, דעם נהנה מיגיעי כפּו, מיט אַלע מעגלעכקייטן און געוואָרנט מער אויף סאָציאַלע פאַרברעכנס, ווי אויף די, וואָס געהערן צו די מצוות שבין אדם למקום. אין דער ישיבה פון רבי ישמעאל האָט מען געלערנט: „חכם שעבר עבירה בגופו . . . העלפט תשובה, אָבער אַן עבירה אין געלט־ענינים, האָט ער קיין תיקון ניט, ביז ער גיט צוריק די גזילה צו די אייגנטימער[16] און די משנה[17] לערנט, אַז אפילו ווען מען נעמט אַוועק אַ פּרוטה ביי אַ מענטשן, מוז מען עס אים אומקערן, אפילו קיין מדי . . .

ס'איז אויך באַקאַנט די פריער דערמאָנטע מעשה, פון די 400 פעסער ווייַן ביי רב הונאַ[18], וואָס די חברים האָבן אים געזאָגט: מיר האָבן געהערט, אַז דו האָסט ניט געגעבן דעם חלק וואָס עס קומט דעם אַגראָנאָם (ניט געקוקט, וואָס דער לעצטער האָט ביי אים אַ סך גע'גנבעט). ווען ער האָט דעם אַגראָנאָם צוריקגעצאָלט זיין חלק, איז אויך זיין פאַרלוסט געדעקט געוואָרן דורך דעם, וואָס עסיג איז טייער געוואָרן און האָט געקאָסט אַ פּרייז ווי ווייַן.

די חכמי התלמוד האָבן אויך געזען דעם סאָציאַלן מאָטיוו אין פּראָדוקטיוויטעט, ווי בן זומא גיט עס אין קלאַסישן משל:

„כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול, חרש וזרע וקצר ועמר, ודש ובירר וטחן והרקיד ולש ואָפה ואחר־כך אכל, ואני משכים ומוצא כל אלו מתוקנים . . .[19].

מיר האָבן דאָ די פולשטענדיקע קאָלעקטיווע באַציאונג פון מענטש צו מענטש, פאָלק צו פאָלק. וואָס שייך אַרבעט, פּראָדוקטיוויזאַציע, שעפערישקייט אין אומנות בכלל, האָבן די חז"ל, אַזוי די תנאים און אַזוי די אמוראים, געהאַט די מערסט פּאָזיטיווע באַציאונג. די חכמי התלמוד האָבן זיך אויך באַמיט אָנצוהאַלטן אַ ווירטשאַפטלעכן קאָנטראָל און ניט דערלאָזן צו כאַאָס, אָרימקייט, שווינדל, אַלס רעזולטאַט פון קאָנקורענץ און געיעג נאָך רווחים . . . אַנשטאַט טאָטאַלער סאָציאַליזאַציע, האָבן זיי פאָרגעשלאָגן קאָאָפּעראַציע פון אַלע קלאַסן און שיכטן, בכדי צו פאַרזיכערן אַ רעגולירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.

ס'איז גוט באַקאַנט דער מאמר אין דער גמרא[20] „אלמלא לא חטאו ישראל לא היו לנו נביאים . . . " די נביאים זיינען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער מענטש האָט שוואַכקייטן און פאַרמאָגט טענדענצן אָפּצונויגן פונם ריכטיקן וועג. די נביאים זיינען געקומען און זיך באַמיט שטעלן דעם מענטש אויפן גלייכגעוויכט, ווי די חז"ל באַהויפּטן: „התורה הזאת דומה לשני שבילין: אחד של אור ואחד

של שלג . . . יהלוך באמצע!"[21] און אָט דער „באמצע" דאַרף איבערגעגעבן ווערן צו אַ העכערער אינסטאַנץ, וואָס זאָל האָבן די אויטאָריטעט ווי אַזוי איינצופירן די סאָציאַלע אָרדענונג לויטן דין און דעת תורה. און די וואָס באַשטימען דעם ד ע ת ת ו ר ה דאַרפן אַליין זיין באַהויכט פון עטישער אויפפירונג.

די תנאים און אמוראים האָבן געשטעלט די סימנים פון דער יידישער אומה: רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים. יידן דאַרפן האָבן רחמנות אויף אַנדערע; דאַרפן זיין שעמעוודיק און באַשיידן. דאָס איז וויכטיק, בכדי ניט יאָגן זיך נאָך גרויסקייט וואָס איז מוציא את האדם מן העולם. יידן דאַרפן זיין באַהויכט פון גוטסקייט, וואָס העלפט אָנהאַלטן אַ סאָציאַלן סדר. דער, וואָס פאַרמאָגט ניט די דאָזיקע סימנים, איז געווען אַ פראַגע, צי ער איז גאָר אַן אָפּשטאַמיקער פון אברהם אָבינו און לויט איין ווערסיע איז מען זיכער, אַז זיינע עלטערן זיינען ניט געשטאַנען ביי קבלת התורה, ביים באַרג סיני.[22] דאַקעגן דער, וואָס פאַרמאָגט די דאָזיקע סימנים איז ער ראוי צו באַהעפטן זיך מיטן יידישן פאָלק.

פון אַלע זייערע לערעס, זעען מיר, אַז די חז"ל זיינען ווייט געווען פון מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונגען; זייער וועלט־באַנעם איז געווען די מאָראַלישע דערהויבונג, אָנערקענענדיק דערביי די מעטאַפיזישע איר־ראַציאָנאַלע און ראַציאָנאַלע עלעמענטן, ווי פאַקטאָרן אין קאָנטראָלירן די פאַרשיידענע וואַריאַציעס אין מענטשלעכן לעבן און אין דער וועלט־קאָניוקטור בכלל. זיי פריידיקן נישט די אַקאַדעמיש־טעאָרעטישע באַציאונגען, נאָר די פשוט־פּראַקטישע וואָס האָט אַלע אַספּעקטן פון אַ געזונטער געזעלשאַפט און פון באַהערשן די מענטאַליטעט פונם יחיד אינם צבור און דעם צבור ווי אַ קאָלעקטיוו פון יחידים.

די תלמודישע אַקסיאָמע איז דאָס גאָלדענע הלל־געזעץ: „וואָס דו וואָלסט נישט וועלן, אַז עס זאָל דיר געטאָן ווערן, דאָס, זאָלסטו נישט טאָן צו אַנדערע — אָט דאָס איז די גאַנצע תורה און דאָס איבעריקע זיינען ניט מער ווי פירושים". דאָס איז די קריטעריע פון אַ פול און גאַנץ יידיש לעבן — און דעריבער האָבן די חכמי התלמוד אַזוי דערהויבן די חשיבות פון אַרבעט, אַז ר' טרפון זאָל זיך אויסדריקן, אַז גאָט האָט ניט געוואָלט פריער מאַכן רוען זיין שכינה אויף די יידן, ביז ער האָט ניט געזען ביי זיי אַרבעט . . .[23] אפילו אויף משה רבנו האָט די שכינה ניט גערוט, ביז ער האָט געטאָן אַרבעט.[24]א

רבי אלעזר בן עזריה, דער אַכצן־יאָריקער וואָס איז אין איין נאַכט געוואָרן ווי אַ בן שבעים דערוויילט צו ווערן אַלס נשיא, אויפן אָרט פון רבן גמליאל[24] און געטראָגן מיט כבוד די קרוין פון חכמה[25], איז געווען אַ געוואַלטיקער עניו, געוואָלט אפילו באַדינען ר' גמליאל'ס קנעכט טבי.[26] ער איז אויך געווען אַ געוואַלטיקער הומאַניטאַריער; געהאַלטן, אַז עבירות צווישן מענטש און מענטש, איז אפילו יום־כפור, ניט מכפר, סיידן, דער באַליידיקער בעט איבער דעם באַליידיקטן.

די בעלי התלמוד גיבן זיך ניט בלויז אָפּ מיט די „הענדלער פון לוד", מיט דער פאַרשפּיצטער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון יענע לענדער; זיי גיבן זיך אָפּ מיט די פאַרשיידענע וואַריאַנטן אין יידישקייט, מיטן מהות און גורל פון יידישקייט פאַר אַלע דורות, מיט אונזער נאַציאָנאַל־היסטאָריש לעבן, מיט דער קאָנקרעטי־זירונג פון די גרויסע אידייען דורך מצוות מעשיות.

הלכה ווי אַ דיסציפּלין אין טאָג־טעגלעכן אויפפיר איז געוואָרן דער בעסטער עקספּערימענט פאַר קדושה, ווי עס האָבן געפאָדערט די נביאים און וואָס איז אייגנטלעך די בריק צווישן הימל און ערד — יעקב'ס לייטער!

הלכה און אגדה איז סינטעטיש געוואָרן די אידייע פון יידישן קיום; איז געוואָרן דער סימן מובהק, די ענדגילטיקע סאַנקציע, פון יידיש אייגנאַרטיקן לעבן, פון יידיש־אייגנאַרטיקער ציוויליזאַציע. אין הלכה־אגדה ליגן די עטישע פּרינציפּן פון אַ יידישער געזעלשאַפט, פון אַ גוי קדוש און ממלכת כהנים.

צו אָט אַזאַ געזעלשאַפט האָבן געצילט די פירנדיקע מאָראַליסטן אין אַלע דורות, איבערהויפּט די באַגרינדער פונם תלמוד. זיי האָבן געזען אין דער תורה אַ פּראָגראַם פון מענטשלעכער דערהויבונג, באַזירט אויף פיר (4) פּונקטן: אמת, שלום, צדק און חסד (אַנדערע שטעלן עס אויף דריי יסודות'דיקע עמודים: תורה, עבודה, גמילת חסדים), ווייל דורך דער אָפּהיטונג פון די דאָזיקע פּונקטן, קאָן דער מענטש האָבן דעם גן־עדן אויף דער וועלט. און אויב חלילה ניט, איז דאָ די חרב המתהפכת, וואָס לאָזט אים ניט אריין אינעם גן־עדן — און שלום? — דאָס איז דער באַדינג פאַר וועלט'ס קיום. די גרעסטע מתנה פאַר'ן מענטש, איז דאָך שלום: „הנני נותן לו את בריתי שלום"[72]. אָבער וועגן דעם — באַזונדער.

הערות

א.

1. זען, מדרש רבה, תשא, מ"א.
2. יידישע שפּראַך, יאַנואַר־מערץ, 1955, ב. 15, 1, ז' 26. זע אויך, ש. ז. שרגאי, „אין געראַנגל פאַר יידישקייט", פּאַרל. „לעצטע נייעס", תל־אביב, תש"ד, ז"ז 23-27.
3. אין זיין אַרבעט, תלמודיש־שטעטלשע קולטור און דערציאונג, „נייע יידישע שול" מעקסיקע, בוד צען, 1959, ז"ז 22-35.
4. כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, ירושלמי חגיגה און מגילה; אויך תנחומא און אנד. מקורים.
5. עירובין כ"א, ע"ב.
6. גיטין ס', ע"ב.
7. דברים ו', י"ח.
8. ספרי, דברים, דאָרט.
9. בראשית י"ז, כ'.
10. שמות י"ח, כ'; דברים ח', ל'.
11. דברים י"ג, ה'.
12. „וכי אפשר לו לאדם להלך אחרי שכינה? אלא הדבק במדותיו . . . מה הוא מלבוש ערומים אף אתה . . . סוטה י"ד.
13. מלאכי ב', י'.
14. זע, סנהדרין נ"ב, ע"א, נ"ו ע"ב; דאָרט נ"ט־ס' ע"א; חולין צ"ב, ע"א; אַ דעה אַז די בני נח האָבן אָנגענומען דרייסיק מצוות; מהרש"א, סנהדרין נ"ט, ע"ב; רמב"ן, בראשית ל"ד, י"ג; דברים רבה, ב'; ספרי, במדבר. ט"ו, כ"ג; רמב"ם מלכים ט' א'; אליעזר לוי, יסודות ההלכה, סיני, תל־אביב, תשי"ג ז"ז 12-13 — באריכות.

15. בראשית י"ז, י"ח.
16. מסכת כלה, הוצ' היגער, צום סוף; מכילתא יתרו ע"ב, הוצ' מאיר איש שלום.
17. ישעיה נ"ז, ט"ז.
18. זען, א. מענעס, יידישער קעמפער, ראש־השנה נומער, תשי"ד, ז"ז 92־97.
19. נ. סאָקאָלאָוו, ברוך שפינאָזא וזמנו, ז"ז 49; 50־56, נאָכבאַם. דאָרט. אויספירלעכער וועגן די באַגריפן מענטש אדם גבר, איש אין „ודע מה שתשיב" פון חיים בלאַך (ערשטע אויפלאַגע — תש"ג, צווייטע אויפלאַגע — תשכ"ב) ז"ז 31־38 און אין מיין ווערק, „די באַציאונג צום פרעמדן" ז"ז 205־243.
20. דברים ל', ט"ו; זע קאַפּיטל 3 — באריכות.
21. דאמר ר' יוחנן, לא חרבה ירושלים אלא . . . שהעמידו דיניהם על דין תורה ולא עברו לפנים משורת הדין, בבא מציעא, ל' ע"ב.
22. כי תשה ברעך משאת מאומה לא תבא אל ביתו לעבוט עבוטו . . . דברים כ"ד, י'.
23. רמב"ם, הלכות מתנות עניים, פרק י', הלכה א'.
24. פאה, ה', ו'.
25. ערובין צ', ע"א, נדה ל', ע"ב.
26. אחר, רות רבתי, פ"ו, י"ג, קהלת רבה, פ"ג, ח'; אכל תוכו וזרק קליפתו, חגיגה ט"ו, ע"ב.
27. הוריות י"ג, ע"ב.
28. לויט רפאל מאהלער, אין זיין „קראָם"־ווערק, האָט די דאָזיקע תקנה א נעגאַטיוון כאַראַקטער צוריקצוהאַלטן מענטשן פון געבן צדקה. אַלס פאַקט, ברענגט ער דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אין ירושלמי און אין בבלי, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעשה פון ר' ישבב, וואָס האָט צעטיילט אַלע זיינע פעלדער צווישן אָרימעלייט . . .
דר. יהודה ראָזנטאַל זאָגט זיך אַרויס קעגן דער דאָזיקער באַהויפּטונג. אין קעגנטייל, האַלט ער, די תקנת אושא, האָט געהאַט א פּאָזיטיוון באַדייט, צו שטאַרקן דאָס געבן צדקה, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק נויטיק, נאָכ'ן דורכגעפאַלענעם בר־כוכבא אויפשטאַנד. זען בצרון, שבט, תש"ט, ז"ז 281־282, 272; ניסן, תש"ט, ז' 168.
28א. בראשית, כ"ח, כ"ב; כתובות, נ', ע"א.
28ב. שנות אלי' להגר"א מוילנא, פאה, פרק א', משנה א'.
28ג. תורה תמימה, אויפן אָרט.
28ד. ר"ב עפשטיין, פאַרנעמט זיך מיט אַלע פּרטים און דקדוקים פון דער דאָזיקער תקנה, ציטירט פון רמ"א, או"ח, תרנ"ו.
29א. תוספתא, פאה, ד', י"ח; ערכין, כ"ח.
29. זע, רמב"ם, הלכות מלכים, פרק ג' באריכות. זע אויך, קאַפּ. 5, ז' 143.
30. ברכות ל"ח, ע"ב.
31. דאָרט, ס"ג, ע"א.
32. ר' עקיבא, ברכות ל"ה ע"ב; תוספתא, דאָרט, פרק ד'.
33. ברכות, י"ח.
34. ברכות ה', ע"ב.
35. זע, הרב שמעון יעקב הלוי גליקסברג, הדרשה בישראל, תל־אביב, ז"ז ד־ז; אליעזר לוי, יסודות ההלכה, סיני, תשי"ג, ז"ז 163־164.

ב.

1. חיים נחמן ביאַליק, שריפטן, יידיש: י. י. שווארץ, ז. 23
וועגן דער וויכטיקייט פון תורה שבעל־פה ווי א השלמה צו תורה שבכתב, זען: כינוס ארצי לתורה שבעל פה המערכת און דברי פתיחה, יצחק רפאל, תורה שבעל־פה, הרצאות . . . בעריכת הרב י. ל. הכהן מימון, הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ט, אָנווייזנדיק אויפן מדרש תנחומא (עקב), אַז די צוויי לוחות זיינען, סימבאָליש פאַר די צוויי תורות: תורה שבכתב און תורה שבעל פה.
וועגן פאַרבינדונג פון הלכה מיט אגדה, איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דער הקדמה פון מלבי"ם צו זיין „התורה והמצוה"; אויך: ר' יצחק אייזיק הלוי, דורות הראשונים, חלק ראשון, ז"ז רל"ד, 469, 482; יעקב צבי מעקלענבורג, הכתב והקבלה, הקדמה, ז' 17; הרב קלמן כהנא, חקר ועיון, תל־אביב, תש"כ, ז"ז נ"ח־ס"ד. זע אויך

Meta-Halachic Propositions by Walter S. Wurzberger
Reprint from the Leo Jung Jubilee Volume

2. ומפני זה נתאוו כל ישראל, נביאיהם וחכמיהם לימות המשיח—כדי שינוחו ממלכיות שאינן מניחות להן לעסוק בתורה . . . ימות המשיח הוא העולם הזה ועולם כמנהגו הולך אלא שהמלכות תחזור לישראל . . .
דער רמב"ם דריקט דאָ אויס אויף זיין כאַראַקטעריסטיש־הלכהשן סטיל, קאָנסעקווענט און איבערצייגנדיק, ווי ער זאָגט אין זיין הקדמה, „עד שיהיו כל הדינים גלויים לקטן ולגדול" און ווי ר' יוסף קארו גיט צו: „מי כמוהו מורה בלשון קצר וצח . . ."

3. דרש רבי שמלאי, תורה, תחלתה גמילות חסדים וסופה גמילות חסדים . . . נאָך מער: גמילות־חסד איז נאָך גרעסער, ווי דער פסוק לערנט: „זרעו לכם לצדקה וקצרו לפי חסד", זייעט אייך פאַר גערעכטיקייט, וועט איר שניידן לויט גענאָד. זען: הושע י', י"ב; בראשית רבה, פרשה ח'; סוכה מ"ט, ע"א.

4. לויט דער חסידישער אויפפאַסונג, איז גאָר קיין שלעכטס ניט פאַראַן. „אפילו במקום תוקף, הרע והס"א אי־אפשר שלא יהי' בו ניצוץ קדושה מאורו ב"ה, המחיה אותו" . . . שלעכטס, לערנען אונז חסידישע ספרים, איז די שטול צום גוטן . . . אפילו אין לייכטזיניקער פאַר־ווײַלונג איז פאַראַן חכמה און אַז דער תענוג פונם חוטא ציט זיך פונם תענוג עליון . . . און אַ מענטש זאָל זיך ניט זאָרגן ווען ער טוט אַן עבירה, ער דאַרף אָלץ זיין בשמחה, ווייל דורך שמחה וועט ער דערגרייכן די קדושה פון דער נשמה . . . זען: באר מים חיים, תצא; נועם אלימלך, בשלח; ספר המדות, אמונה, דעת עצבות; כתר שם טוב; כתונת פסים, בהעלותך; לקוטי מהר"ן, חלק א', כ"ג.

5. אבות א', י"ב; מסכת דרך ארץ רבה, ו'; אבות דרבי נתן ב', ט'.

6. זע, תמורה ט"ז, ע"א.

7. משנה ערכין ט', ד'.

8. גריכיש וואָרט, געמיינט פאַר'ן ראָט; זען, שביעית י', ג־ד און גיטין ד', ג'.

9. אליעזר לוי, יסודות ההלכה, ז' 188, אַז צוליב דער מורא פאַר צדוקים, האָבן זיי געהאַלטן דעם בית־מדרש קאָנטראָל.

10. זע, יומא ל"ה, ע"ב; פסחים ס"ו, ע"א; תוספתא, דאָרט; ירושלמי, דאָרט, ו', א'.

10א. ויקרא, י"ט, י"ד.

10ב. שבת ל"א,ע"ב.

11. ירושלמי, תענית ד', ב'.

12. תולדות ההלכה — באריכות.

13. סוכה כ', ע"א.

14. זע, בראשית רבה ע'; שבת ל"א, ע"א א.א. מקומות.

15. שבת ל', ע"ב.

16. תוספתא, סוטה י"ג, ה'.

17. סוכה כ"ח, ע"א.

18. סופרים ט"ז.

19. דאָרט, הלכה ו'.

20. וועגן איוב און קהלת, חולין ז', ע"ב.

21. איכה ג', ל"ח; אד"ם שטראַשון, מבוא לספר איוב.

22. זען, יעקב פיכמאַן, העברי (בעריכת הרב מאיר ברלין) ניו־יאָרק, שנה ט', שבט תרע"ט, גליונות א־ה'.

23. סוטה, פ"ה, ה"ו.

24. ט"ו, ע"א.

25. בראשית רבה, מ"ט.

26. ווייל ניט ווי מיינע מחשבות, זיינען אייערע, ישעיה נ"ח, ח'.

27. דברים כ"ט, כ"ח.

28. תהלים כ"ז, י"א.

29. יומא ס"ט, ע"ב.

30. בראשית רבה, י'. סנהדרין, כ"ד, ע"א.

31. דברים ט"ז, כ'. 32. שמות נ"ג, ז' 33. כתובות ט', ג'.

34. זע, ר' אלכסנדר זושא פרידמאַן הי"ד, בית יעקב זשורנאַל, סיון, תרצ"ב, באַרירט די דאָזיקע טעמע, זוכנדיק צו פאַרענטפערן די סתירה צווישן דעם ואהבת לרעך כמוך און דעם ובערת הרע מקרבך.

35. תהלים צ"ז, י"ד. 36. דאָרט, קל"ט, כ"א.

37. פסחים קי"ג, ע"ב.

38. זען, בבא מציעא ל"ב; פסחים קי"ג; רמב"ם, שמירת הנפש, י"ג, י"ג.

38א. שמות כ"ג, ד'־ה.

38ב. משלי כ"ה, כ"א.

38ג. פסחים ק"ג, ע"ב.

38ד. בבא מציעא, ל"ב, ע"ב. הרב עמיאל איז מיט דער מיינונג (דאָרט, ז"ז 39־40), אַז דער געדאַנק פון ברור לו מיתה יפה, באַזירט אויף דעם געבאָט פון ואהבת לרעך כמוך, איז פאַרוואַרצלט אין אַט דעם עטישן פרינציפ „צדק מוסרי"; אפילו די פון בית־דין פאַראורטיילטע דאַרפן באַהאַנדלט ווערן מיט ליבשאַפט און מענטשלעכער אַכטונג . . .

39. דאָרט, באריכות.

40. ברכות י', ע"א. וועגן דער טראַגעדיע פון דער דאָזיקער קלוגער און געלערנטער פרוי ברוריה, די טאָכטער פון רבי חנינא בן תרדיון, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, זען, הרב נסים סולומון, אַנציקלאָפעדיה לאגדות התלמוד, ניו־יאָרק תשי"ב, חלק א': זי איז געווען באַרימט, באַטראַכט געוואָרן אַלס גדולה אין לערנען, דיסקוסירט מיט די חכמים פון דור אין הלכה ענינים און לסוף גאָר שלעכט אויסגעפירט און ביטער פאַרענדיקט.

41. עבודה זרה ז׳, ע״ב; רמב״ם, רוצח ושמירת נפש ד׳ י׳.
42. „אמרת ד׳ צרופה — אמר רב: לא נתנו המצוות אלא לצרף בהן את הבריות. וכי מה איכפת לו בין אוכל טמאות לאוכל טהורות? הוי, לא נתנו המצוות אלא לצרף בהן את הבריות״ . . .
43. שמות, כ״ג, ה׳.
44. דאָרט, מדרשים־קאָמענטאַרן אויף דעם פסוק.
45. ברכות ל״ד, ע״ב; שבת ס״ג, ע״א. זע אויך, רמב״ם: אגרת תימן; יסודי התורה פרק ז׳; כסף משנה, דאָרט; הלכות תשובה, פרק ב׳; ספר המדע, העורך מ. ד. רבינוביץ, הוצ׳ ראשונים, תל־אביב, תש״ו; מורה נבוכים ב׳, מ׳; ג׳ כ״ז; הקדמה לפירוש המשניות אא״וו.

ג.

1. ברכות מ״ו, ע״ב.
2. ירושלמי, פסחים פ״ו, ה״ג.
3. רמב״ם, הקדמה צו משנה תורה, היד החזקה.
4. קהלת רבה, ל״ו, כ״ג; סנהדרין כ״א ע״א־ע״ב.
5. ילקוט שמעוני.
6. אבות ג׳, ז׳.
7. תענית כ״ד ע״א; וועגן ר׳ חנינא בן דוסא — דאָרט, ע״ב.
8. תהלים מ״ט, י״ז־י״ח.
9. לויט רפאל מאהלער, אין זיין ווערק „קראים״, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט טראָגט די דאָזיקע תקנה א נעגאַטיוון כאַראַקטער, צוריקצוהאַלטן מענטשן פון געבן צדקה . . . דר. יהודה ראָזנטאַל זאָגט זיך אַרויס קעגן דער דאָזיקער באַהויפּטונג. זע, בצרון, שבט תש״ט, ז״ז 282־972; ניסן, תש״ט, ז׳ 168.
10. עירובין צ׳, נדה ל׳, ע״ב.
11. תלמיד פון אלישע בן אבויה־אחר, „רות רבתי, פרק ו׳, י״ג; קהלת רבה, פרק ג׳, ח׳; אכל תוכו וזרק קליפתו, חגיגה ט״ו, ע״ב.
12. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון תורה־לערנען און זיך אויסגעדריקט, אַז אַ נכרי תלמיד־חכם איז גרעסער פון אַ כהן עם־הארץ, הוריות י״ג, ע״ב. וועגן דעם באַריכות אין מיין ווערק „די באַציאונג צום פרעמדן״.
13. די מצוה פון ה ע נ ק ה איז חל, סיי די הויז איז צוליב אים געבענטשט געוואָרן, סיי ניט — העניק תעניק מכל מקום (זען, רמב״ם, מלכים, ג׳); ברכות ל״ה; ע״ב — וועגן חילוק פון די דורות הראשונים און דורות האחרונים.
14. זע, סוטה ס״ג, ע״א.
15. ברכות, ל״ה, ע״ב; תוספתא, פרק ד׳, דאָרט. זע, מ. וואַקסמאַן, רבי עקיבא, הדואר גליון כ״ד, אייר, תשכ״א.
16. ברכות י״ט, ע״א.
17. בבא מציעא פרק ד׳ משנה ז׳־ח׳.
18. ברכות ה׳, ע״ב.
19. דאָרט, כ״ה — צום סוף פון מאמר: כל אומות (לויט אנדערע ווערסיעס און גירסת מסורת הש״ס: אומניות) שוקדות ובאות לפתח ביתי . . .
20. נדרים כ״ב, ע״ב.
21. חגיגה ב׳ א׳.
22. זען, יבמות ע״ט, ע״א; מסכת סופרים, ט״ו, ז׳; מדרש רבה, במדבר, ח׳ און אנדערע מקומות; אויך ג. שמן, „די באַציאונג צום פרעמדן״, ז׳ 74, נאָכבאַמערקונגען דאָרט. אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געבראַכט אַ ירושלמי (קדושין פ״ד) אַז אַנדערן נוסח „ג׳ מתנות טובות נתן הקב״ה לישראל, רחמנין וכו׳, גומלי חסד וכו׳ וכו׳. לויט דער דאָזיקער באַהויפּטונג, איז די מדה פון חסד ווי די אַנדערע צוויי מדות, אַ מתנה פון גאָט צו זיין פאָלק ישראל אָבער לויטן בבלי, איז עס אַ ירושהשאַפט פון אברהם אבינו, דעם אב החסד . . .
23. ר׳ טרפון׳ס מיינונג: „לא השרה הקב״ה שכינתו על ישראל עד שעשו מלאכה״. אַרבעט איז דער סימן מובהק פון מענטשלעכער קולטור און דערהויבונג און וואו ס׳איז דאָ אַרבעט, דאָרט קומט די שכינה.
24. ברכות כ״ח ,ע״א.
24א. זע, הגדת ארצישראלית להר״מ כשר, ז. 119.
25. „משמת ר׳ אלעזר בן עזריה, בטלה עטרת חכמים״.
26. מדרש משלי, ט׳.
27. במדבר כ״ה, י״ב.

קאפיטל זיבן

מלכות שמים אויף דער ערד

תורת משה, ווי געזאָגט איז די געטלעך־אוטיליטארע מאָראַל, וואָס וויל באהערשן דעם מענטש פסיכאָלאָגיש און במילא אויסמיידן קאמפן צווישן מענטש און מענטש. די דאָזיקע מאָראַל קען אָבער נאָר אריינדרינגען טיף אינ׳ם מענטשלעכן מוח און מענטשלעכן הארץ, ווען די באדינגונגען ווערן צוגעגרייט דערפאר. עס מוזן געשאפן ווערן די „חוקים ומשפטים צדיקים . . . ״ און עס מוז אויך אָפגעשאפט ווערן דאָס ליידיק זיין, דאָס לעבן אויפ׳ן חשבון פון פרעמדער ארבעט, פון פרעמדער האָרע־וואניע.

א. ממלכת כהנים וגוי קדוש. — יסודות׳דיקע איינשטעלונג. — באהאנד־לונג פון ארבעטער. — יושר און תיקון העולם.

אין יידנטום איז פון זיין באגין פאָרוואָרצלט געוואָרן די ליבשאפט צו ארבעט און שעפערישקייט. ארבעט איז ניט געווען קיין ציל, זי האָט אָבער געפירט צו א געוויסער השלמה. תורה און ארבעט איז געוואָרן א סינטעזע מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען תורת משה, די נביאים און אלץ וואָס איז געשאפן געוואָרן אין משך פון דורות אין גייסט פון יהדות. דערמיט זיינען מיר געוואָרן דאָס עם סגולה מיט רוממות הרוח. דאָס יידנטום האָט אויפגעפאסט דעם געדאנק פון „תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה״ און פארקערט: „עבודה שאין עמה תורה אינה ראויה להקרא בשם מלאכה״[1].

פארשטייט זיך, אז לויט דער דאָזיקער הנחה איז שקלאפערישע ארבעט אין אנטי־תורה גייסט. עס דארף זיין צייט פון ארבעט און צייט פון רו, ווי דער מדרש גיט עס אזוי קלאָר און כאראקטעריסטיש צו פארשטיין: „ויברך אלקים״ — צא וראה מה בין ישראל לבין הגויים. שהגויים, עובדים ביום ובלילה ואין להם מנוחה ולא תענוג, ובערב שבת אפילו עני שבישראל נח ומתענג, לכך נאמר בו ברכה״[2].

מלאכה ווערט שטארק געלויבט אין תנ״ך און נאָך מער אין תלמוד. רבי שמעון בן יוחי, דער גייסט מענטש און בעל הזוהר האָט געלערנט: גרויס איז די מלאכה, וואָס אפילו אדם הראשון האָט ניט פארזוכט פון קיין זאך, ביז ער האָט דאָס ניט פארדינט דורך ארבעט „גדולה מלאכה שאף אדם הראשון לא טעם כלום עד שעשה מלאכה. שנאמר: ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה ואח״כ, מכל עץ הגן אכל תאכל . . .

אויף אן אנדער אָרט ווערט דאָס געזאָגט פאר אן אנדער רבי שמעון, אין נאָמען פון רבי שמעון בן אלעזר[3]. איז דאָ ניט וויכטיק, וועלכער רבי שמעון האָט

געזאָגט דעם מאמר; וויכטיק איז די באהויפּטונג פון די חז"ל, אז דער מענטש פאַרדינט ניט זיין עסן, אויב ער שאַפט ניט, אויב ער פּראָדוצירט ניט . . .

אין זיין מאמר „עבודה ומלאכה במקרא ובתלמוד"[4] באַרירט מ. ש. גשורי דעם ענין פון סאָציאַלן שטאַנד ביי יידן אין אַלטערטום און אין דער נייער צייט. יידן — ווייזט ער אָן — האָבן אין די בעסטע צייטן, אין דעם מערסט־אַנטוויקלטן פּעריאָד, געהערט צו דעם קלאַס פון קליין־בורזשואזיע, צו האַנטווערקער, וואָס האָבן ניט קיין אָנגעשטעלטע אַרבעטער . . .

דער פאַקט איז, אז אין ארץ ישראל, ביים אָנהויב פונ'ם ישוב הארץ פּעריאָד אין אונזער צייט, זיינען געשאַפן געוואָרן באַדינגונגען צוגעפּאַסט פאַר א געזעל־שאַפט פון אָן קנעכט און אָן אייגנטימער, „בלי אדונים ועבדים", אפשר דערפאַר, ווייל טיף אין יידישן הארץ, ספּעציעל ביים אידעאַליסט וואָס איז געקומען אויפבויען דאָס לאַנד און איבערבויען דעם יידישן מענטש, איז געווען איינגע־וואָרצלט אָט די תנ"כ'ישע אידייע פון אַ האַרנלאָזער געזעלשאַפט.

לאָמיר אַ בליק טאָן, גאָר בקיצור, אויף דעם שטייגער אַרבעטער לעבן, ווי די חכמי התלמוד האָבן דאָס געזען. די פאַרדונגענע אַרבעטער זיינען מערסטנס געווען פּרעמדע, אויך גרים, תושבים און יידן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער פאַרמעגן און געוואָרן אָרימעלייט. זייער לוין, ווי עס ווערט פאַרצייכנט אין תלמוד אלס „שכירות הפּועלים", איז געווען לויט דעם טאָג, דער וואָך, חודש אָדער יאָרלעך.

די געדונגענע אַרבעטער ווערן געטיילט לויט די פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס:

1. שכיר יום — דאָס איז דער, וואָס באַקומט געהאַלט טעגלעך פאַר זיין טעגלעכער אַרבעט.

2. שכיר שנה — זיין אַרבעטס־צייט איז באַזירט אויף יערלעכן לוין, מערסטנס אויף אַ דריי־יאָריקן טערמין.

וועגן דעם טאָג־אָנגעשטעלטן, זאָגט אונז די תורה: א. „ביומו תתן שכרו ולא תבא עליו השמש"[5]; ב. „לא תלין פּעולת שכיר אתך עד בקר"[6]. וועגן יאָרלעכן געדונגענעם, געפינען מיר די פּסוקים: כשכיר שנה בשנה יהי' עמו[7] כי משנה שכר שכיר עבדך שש שנים[8].

און דער נביא זאָגט: „בשלש שנים כשני שכיר ונקלה כבוד מואב . . . "[9].

נביאים זיינען שטאַרק קעגן אַזאַ דערנידעריקונג צו דינגען מענטשן יאָרלעך, ווייל דאָס איז דאָך אַ סאָרט שקלאַפעריי. דאָס איז אַ פאַרשעמונג פאַר דעם מין מענטש; און דער וואָס אַרבעט פאַר דעם באַשטימטן זעקס־יאָריקן פּעריאָד, האָט ער געאַרבעט טאָפּל[10].

ישעיה הנביא, איז אַ פאַקט, ווען נאָר ער וויל ריידן וועגן דער באַליידיקונג און דערנידערונג פון די אַנדערע פעלקער, דערמאָנט ער דעם אויסדרוק „ונקלה" . . . אפילו פאַר די „יושבי קדר" איז דאָס אַ שאַנדע[11].

ניט וועלנדיק זיך אָפּשטעלן מער פּרטימדיק אויף דעם פּראָבלעם פון עבדות אין דער תורה, דאַרף אָבער דערמאָנט ווערן די שטרענגקייט פון דער תורה צו דעם קויפער פון א „שכיר־שנה", וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון קנעכטשאַפט.

די תורה זאָגט אָן: „לא תעבוד בו עבודת עבד"[12]. אויב דער ייד וויל דווקא בלייבן אַ קנעכט זיין גאַנצן לעבן, איז דער דין אַז ווען ער דערלעבט דעם יובל, מוז ער באַפרייט ווערן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און זיך אומקערן צו זיין באָדן, צו זיין אייגנטום... כי עבדי הם... (זיי זיינען מיינע קנעכט...) דעריבער: „לא ימכרו ממכרת עבד!" און בעת זיי אַרבעטן ביים ייד, טאָר ער מיט זיי ניט אַרבעטן אַן עבודת פרך, אַ שווערע אַרבעט[13]. מ'גיט אים אַלע מעגלעכקייטן זיך אויסצולייזן און זיך באַפרייען פון דער אַרבעט: וחשב עם קונהו... והי' כסף ממכרו במספר שנים כימי שכיר יהי' עמו[14]...

און אויב ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסלייזן אָדער ניט געוואָלט זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, דאַרף ער וואַרטן ביז יובל און דאַן ווערט ער באַפרייט, ווייל: „כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים, אני ד'".

דעם „שכיר נכרי", דער וואָס גייט ניט אַריין אין דער קלאַסיפיקאַציע פון אַ בן־ברית, דער וואָס ווערט אָפּגעטיילט פון פאַרשיידענע בחינות פונ'ם ישראל, ווערט ער, וואָס שייך קנעכטשאַפט, אָפּגעטיילט בלויז אין איין געביט, דעם רעליגיע־זען. לויט דער סאָציאַלער קאַטעגאָריע, געהערט ער צו דער דריטער מדרגה: „והיתה שבת הארץ לכם לאכלה, לך ולעבדך ולאמתך, ולשכירך ולתושבך הגרים עמך, ולבהמתך ולחיה אשר בארצך, תהיה כל תבואתה לאכול"[15]. אין דער ערשטער ריי, צו דיר, די צווייטע קאַטעגאָריע, צו דיין קנעכט און דינסט און די דריטע: צו דיין געדונגענעם און דיין איינוואוינער. דער קנעכט האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ווערן אַ ייד און אין צייט פון זיין קנעכטשאַפט, האָט ער געהאַט געוויסע פּריווילעגיעס: ער האָט געמעגט עסן פון קרבן פסח, ביי אַ כהן האָט ער געמעגט עסן קרבנות או"ו. דער שכיר האָט די פּריווילעגיעס ניט געהאַט[16].

אַ יידישער שכיר איז אין אַלע הינזיכטן געשטאַנען אויף אַ העכער מדרגה, צי ער איז געווען סתם אַזוי אַן אַרבעטער, אָדער אַזעלכער וואָס האָט געטאָן בלויז ספּעציפישע אַרבעטן און געדונגען ניט אויפ'ן טאָג אָדער וואָך, נאָר פאַר דער ספּעציפישער אַרבעט, איז ער באַשיצט געוואָרן דורך פאַרשיידענע געזעצן און רעכטן[17]. די תורה וואָס האָט פאַרלאַנגט פונם יידן ביים באַרג סיני: „והייתם לי סגולה מכל העמים", האָט פאַרפליכטעט יעדן יידן צו פירן זיך לויט די געזעצן וואָס שאַפן אַ הייליק לעבן, אַ גערייניקט לעבן וואָס איז נאָר מעגלעך דורך אַ יושר'דיקער באַציאונג צום מיטמענטש, צום סוחר ווי צום בעל מלאכה, ווי עס ווערט קאָמענטירט אויפ'ן פּסוק „והישר בעיניו תעשה"[18] — זה משא ומתן,

מלמד שכל הנושא ונותן באמונה ורוח הבריות נוחה הימנו — מעלה עליו הכתוב כאלו קיים כל התורה כולה"[19].

עס איז ניט קיין פראגע פון האָבן א רחמנות־באַציאונג צום ארבעטער. עס איז א פראגע פון א יסודות׳דיקער איינשטעלונג, וועגן יושר און וועגן היטן זיך פון בארויבן יענעם, אָן אונטערשייד צי דאָס איז אין מסחר אָדער אין ארבעט. מיר געפינען אין תלמוד: „אמר שמואל משום ר׳ חייא, השובר מפרקתה של בהמה קודם שתצא נפשה הרי זה מכביד את הבשר, גוזל את הבריות ומבליע דם באברים"[20] — דאָס איז גזילה . . .

די נביאים, די חכמי התלמוד זוכן איינצואוואָרצלען אינם מענטש דעם עכטן הומאניטארישן פאטאָס. זיי האָבן דאָס געטאָן אויף א דערציערישן אופן, דורך פסיכאָלאָגיש־טיפע געבאָטן, וואָס האָבן באצוועקט אויסצורייסן די שלעכטקייט, די רשעות ביים מענטשן. די תורה זוכט צו קאָנטראָלירן די מעכטיקע רייסנדיקע שטראָמען פון חיה׳שע אינסטינקטן, שטילן די שלעכטע עמאָציעס ניט דורך אויסערלעך־אוטיליטארע סאָציאלע געזעצן, נאָר דורך אינערלעך־פסיכאָלאָגיש־דורכדרינגלעכער הומאניטארישקייט. דער עקל איז ניט צום מסחר נאָר צום פאלשן און אָפּנארערישן האנדל. די רחמנות־באציאונג צום ארבעטער איז ניט צוליב די ליבע צום פּראָלעטאריער, נאָר צוליב דעם פארלאַנג פון אבסאָלוטן יושר און צדק — כדי אויפצוהויבן די מאָראלישע גרויסקייט ביים מענטשן.

דער גייסט פון הלכה, די דינים פון שמיטה, דער פארבאָט פון רבית — דאָס אלץ האָט צו טאָן מיט דער עטיק פון דער תורה, מיט דעם „השמר לך פן יהי׳ דבר עם לבבך בליעל . . . והיה בך חטא". דעם עטישן מענטשן פארזיכערט די תורה די „ברכה פון זיין הויז", די ברכה פאר זיינע מעשים: „ולא ירע לבבך בתתך לו כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך"[21].

דעריבער זעען מיר א פאל, למשל מיט רבית, מיט שמיטה, ווען דער פארבאָט האָט שיער ניט געבראכט צו א שטאנד, וואָס וואָלט געשטערט דעם אָרעמאן זיך אויסלעבן און פארדינען אויף חיונה, האָט הלל הנשיא מתקן געווען דעם פרוזבול, „כדי שלא תנעול דלת בפני לוין" און שמיטת כספים געלייזט דורך היתר עסקא און אנדערע לייזונגען . . . אנדערע דינים זיינען מיט דער צייט צונעפאסט געוואָרן צום מנהג מדינה. אויב אין דעם מנהג פון דער מדינה איז געווען א מאָטיוו פון „יושר ותיקון העולם".

וואָס שייך ארבעטער פּראָבלעמען, ארבעטער געזעצן וועגן וועלכע עס ווערט אין תלמוד געווידמעט א גאנצער פרק[22], וועגן השכמה צו דער עבודה און „הערבה לבית", וועגן אויפהויבן און אומקערן אהיים, איז מערסטנס באזירט אויף מנהגים פון דער מדינה לטובת דער פארבעסערונג פון די באציאונגען צווישן ארבעטער און ארבעטסגעבער. דעריבער לויטעט דער דין: „רשאין בעלי חנויות להסיע על קיצתן" און אזוי ווייטער[23].

דער אָפּשטאַם פון יידישן פאָלק איז א פּראָלעטאַרישער. אין דעם זיינען מודה אפילו די היסטאָריקער מיט אַנטיסעמיטישע טענדענצן און השפּעות, ווי פּראָפ. אַרנאָלד טאָינבי אין אונזערע טעג, וועלכער דערקלערט אין זיין לעצטן היסטאָרישן ווערק[24], אַז די יידן האָבן געבראַכט אויף דער וועלט די קנאה לדת, רעליגיעזן קאַמף, און לאַכט אָפּ פון יידנטום, וואָס האָט געשאַפן אָט די רעליגיעזע אייפער־זיכטיקייט פון וועלכער זיי אַליין ליידן. לויט אים קומט אויס, אַז די ליידנדיקע יידן זיינען ניט ריין פון זינד און זייער עונש איז טאַקע געקומען אויף'ן פייער פון דער אינקוויזיציע . . . זיין הויפּט טענה איז געבויט אויף א היסטאָרישן עפּיזאָד, גענומען פון די שריפטן פון יוסף פלאַוויוס (תולדות היהודים, פּרק ט'): „הורקנוס (יוחנן כהן גדול) הכניע את כל האדומים והרשה להם להשאר בארץ ישראל בתנאי שימולו את ערלתם ויקבלו עליהם את חוקי היהודים . . .

אינטערעסאַנט איז פלאַוויוס'עס שילדערן די יידן אַלס ערד־אַרבעטער. אין זיין ספר „אַנטי־אַפּיאָן"[25] שרייבט ער צוו"א:

„מיר (יידן) וואוינען ניט ביי די ימים און מיר נייגן ניט נאָך האַנדל און קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פעלקער. אונזערע שטעט זיינען ווייט פון ים און ווייל מיר האָבן גוטן באָדן, באַאַרבעטן מיר דעם באָדן . . . "

יוסף קלויזנער ווייזט טאַקע אָן[26], אַז פלאַוויוס איז דאָ א ביסל איבערטרייבעריש מיט ווערטער פאַר זיין אַפּאָלאָגעטישן צוועק. ס'איז אָבער דאָך דאָ א גרויסער אמת אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג, אַז יידן זיינען געווען מער פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, מיט אַגריקולטור, ווי אין האַנדל. ווי פלאַוויוס דריקט זיך אויס אויף אָן אָרט, ריידנדיק וועגן גליל, אַז ער איז אינגאַנצן קולטיווירט און קוקט אויס, ווי א פּרעכטיקער גאָרטן „הוא מעובד כולו ומראהו כגן גדול על פני כולו"[27].

ווי פאָרשער פון בית שני ווייזן אָן, זיינען יידן געווען פאַרנומען ניט בלויז מיט מלאכה און זיינען באַשטאַנען ניט בלויז פון בעלי מלאכות. מיר ווייסן דאָך גענוי אַז אין צייט פון די חשמונאים, באַזונדערס אין צייט פון אלכסנדר ינאי (ג' תרנ"ט־תרפ"ה; 76־103 פ.ק.ע.) זיינען געווען גרויסע יידישע סוחרים אויף'ן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם. מיר האָבן דאַן „יורדי הים באניות", „מפרשי הים" און „נחותי ימא" (ווי זיי ווערן גערופן אין תלמוד בבלי[28], ירושלמי[29] און אין אַנדערע מקומות). מיר האָבן באַזונדערע תפלות פאַר „שנת משא ומתן"[30] און ניט בלויז „תגרי לוד" אָדער „תגרי ירושלמי"[31].

יידן האָבן אין צייט פון בית שני געהאַט גרויסע סוחרים, לויט די דעמאָלטדיקע באַגריפן[32]. די הויפּט־באַזע פאַר יידישער חיונה איז אָבער געווען מלאכה, יגיעי כפּים, וואָס ווערט אַזוי באַזונגען פון דעם נעים זמירות ישראל און פון דעם „חכם מכל האדם" . . .

מיר האָבן געהאַט אין ארץ ישראל, אין צייט פון די נביאים, פאַרשיידענע אַרבעטער, אויך בוי־אַרבעטער, דעריבער אַלאַרמירט דער נביא אויף דעם פּראָצעס

וואָס עס האָט זיך געשאַפן אין לאַנד, ווי די רייכע נוצן אויס דעם שווערן אַרבעטער: „הוי בונה ביתו בלא צדק ועליותיו בלא משפט, ברעהו יעבוד חנם ופועלו לא יתן לו"[33].

אמת, אין דער תורה, ווערט ניט דערציילט און ס'ווערט ניט איבערגעגעבן געניויע אַרבעטס און לוין באַדינגונגען פאַר דעם געדונגענעם אַרבעטער, פאַר דעם שכיר, אָבער פון די קאָמענטאַרן אויף תורה, קען מען דרינגען, אַז דער מצב פונ'ם שכיר איז געשטאַנען גאָר הויך ביי יידן און ווען נאָר דער מצב האָט זיך געענדערט, איז געשטאַנען אויף דער וואַך דער נביא וואָס האָט ניט געלאָזט טאָן קיין עוולות צום אַרבעטער.

די אַנטוויקלונג פון פאַך־ספּעציאַליטעט, די באַרייכערונג פון לאַנד פון פאַר־שיידענע אינדוסטריעלע צווייגן ברענגט דאָס לאַנד צוזאַמען מיט אַנדערע לענדער — און יעדער מלאכה, יעדער פאַך איז וויכטיק: „אין לך אומנות שעוברת מן העולם"[34], אָדער ווי מר־זוטרא דריקט דאָס אויס מער איינפאַך: „מאי דכתיב, את הכל עשה יפה בעתו — מלמד שכל אחד ואחד יפה לו הקב"ה את אומנותו בפניו"[35]. און לויט בר קפּרא'ס דרש: די „אומנות נקיה וקלה", אויף וואָס עס קומט די אינטערפּרעטאַציע פון רב חסדא: „מחטא דתלמיותא"[36].

דאָס גליק פונם מענטש, האָבן די חכמים געזען, ניט אין איבעריקע עשירות און רחבות — נאָר אין דעם איינפאַכן לעבן. די בעסטע פּרנסה איז די, וואָס קומט פון יגיעי־כפּים, פאַר וועלכער ער קריגט ביידע וועלטן[37]. דאָס ערגסטע איז לײדיקגיי־עריי, בטלה—און ס'האָבן דאָן ניט געפעלט קיין לײדיק־גייער: „הרואה בתשעה באב אדם שאינו עושה מלאכה, אומר מלאכה הוא דאין לו, פוק חזי כמה בטלני איכא בשוקא"[38]. עשירות'דיקייט, לוקסוס־לעבן, האָבן זיי ממאס געווען „אמרו דברי רבי ינאי; אמר משה לפני הקב"ה: רבונו של עולם, בשביל כסף וזהב שהשפעת להם לישראל, עד שאמרו די, הוא שגרם שעשו את העגל"[39]. צופיל געלט, צופיל עשירות איז „מעבירין על דעת קונם" . . . פירן אראָפּ דעם מענטשן פון גלייכן וועג[40].

די יידישע עטיק האָט געזען אין אַרבעט דעם בעסטן מיטל פאַר צופרידנקייט: „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך" (וועסט עסן די פּראַצע פון דיינע הענט, וועט דיר זיין גוט און וואויל . . .) דעריבער איז אַרבעט געשטאַנען ביי יידן, סיי אין צייט פון די נביאים און סיי אין צייט פון תלמוד אויף גאָר א הויכער מדרגה; דעריבער זיינען אָנגעזעענע תנאים און אמוראים געווען בעלי מלאכות, צווישן זיי: שוסטער, שמידן, בעקער, פאַסטוכער, ערד־אַרבעטער א.א. מלאכות.

די תורה וואָרנט דעם אַרבעטסגעבער צו באַהאַנדלען דעם אַרבעטער ווי א מענטש, וואָס דאַרף עקזיסטירן און זיין צופרידן. דער אַרבעטסגעבער מוז באַצאָלן דעם אַרבעטער זיין לוין אינ'ם זעלביקן טאָג און די חכמי התלמוד לערנען אונז, אַז דער וואָס פאַרהאַלט דעם אַרבעטער'ס לוין, איז ווי ער וואָלט אים צוגענומען זיין נשמה און איז עובר אויף פינף „לאווין" (פאַרבאָטן). עקספּלואַטאַציע און שקלאַ־

פעריי איז פאַרבאָטן געוואָרן, ווייל דאָס איז אי אַ סאָציאַלער פאַרבאָט, אי אַ רעליגיעזער פאַרבאָט, אַרויסקומענדיק פונ׳ם שטאַנדפּונקט: „כי לי בני ישראל עבדים. די יידן זיינען בלויז מיינע קנעכט און ניט קנעכט צו קנעכט . . . ״

די סאָציאַלע אידייען פון די נביאים זיינען געבליבן אפילו נאָך דער פּראָפּע־טישער עפּאָכע, אפילו נאָכ׳ן חורבן, ווייל די יידישע עטיק האָט תמיד אין וואָרט און אין טאַט געוועבט די דאָזיקע אידייען און דאָס יידישע געזעץ האָט מער פּריווי־ליגירט דעם אַרבעטער, ווי דעם אַרבעטסגעבער, ווייל, ווי געזאָגט, ס׳איז געווען דער גרונט־געדאַנק פון „ואליו הוא נושא את נפשו״. דעריבער איז די רעכט פון אַרבעטער שטענדיק געווען „ידו על העליונה״, מ׳האָט ניט קיין רעכט אים צווינגען צו אַרבעטן מער ווי זיינע אַרבעטס־שעהן, אויב דער אָרטיקער מנהג איז צו אַרבעטן ווייניקער; ווען אַן אַרבעטער פאַנגט אָן אַרבעטן, קען אים דער אייגנטימער ניט אַהיימשיקן, ער קען מער ניט חרטה האָבן, אפילו ווען ער האָט ניט געגעבן קיין קאָנטראַקט; אויב ער שיקט אַן אַרבעטער ערגעץ־וואו אַרבעטן און דאָס פעלד איז נאָך ניט גרייט פאַר דער אַרבעט, מוז ער אים באַצאָלן; אַן אַרבעטער קען חרטה האָבן אפילו אינמיטן טאָג און דער בעל הבית מוז אים באַצאָלן און נאָך און נאָך אַזעלכע ענלעכע געזעצן פאַר דער שוץ פונ׳ם אַרבעטער.

אונזערע אָבות, ווי מיר האָבן פריער שוין אָנגעוויזן, האָבן פאַרהערלעכט אַרבעט און אַליין געווען אַרבעטער. יעקב אָבינו למשל, דער לעצטער פון די אבות, איז געווען אַ שווערער אַרבעטער, אַז ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט וועגן זיך: „הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה״[41].

ער האָט זיכער געהאַט זכות אבות אָבער געבעטן האָט ער אין זכות פון עבודה „את עניי ואת יגיע כפי . . . ״ און ווי די חז״ל באַמערקן: „מכאן אנו למדין שזכות מלאכה עומדת במקום שאין זכות אבות יכול לעמוד, שנאמר, לולי אלהי אבי אלהי אברהם ופחד יצחק היה לי כי עתה ריקם שלחתני, א״כ לא עמדה לו זכות, אבותיו אלא לשמירת ממונו; את עניי ואת יגיע כפי, ראה אלהים ויוכח אמש, שהזהירו מהרע לו (בגופו) בזכות יגיעי כפיו. למד שלא יאמר אדם, אוכל ואשתה ואראה בטוב ולא אטריח עצמי ומן השמים ירחמו, לכך נאמר „ומעשי ידיו ברכת״[42] „שצריך אדם לעמול ולעשות בשתי ידיו והקב״ה שולח לו את ברכתו ואין הברכה שורה אלא במעשי ידיו של אדם[43].

אַרבעט און גמילות חסד זיינען יסודותדיק אין דער יידישער געזעצגעבונג און אין דער יידישער אויפפאַסונג פון עטיק[44].

די באַציאונג צום אַרבעטער, ווי גמילת חסד בכלל, האָט איר מקור אין דעם יסוד היסודות, די ליבע צום מענטש, אהבת האדם[45]. דאָס איז די מיינונג פון רבי עקיבאַ, אויך פון זיין תלמיד, און לויט אייניקע זיין איידעם, בן עזאי און פון רבי תנחומאַ.

בן עזאי אליין, האָט צוליב זיין שטאַרקן חשק צו לערנען תורה נישט גע־הייראַט. ווען מ׳האָט אים געפרעגט וועגן קיום המין, קיום פונ׳ם מענטש, וועגן וועמען ס׳ווערט געזאָגט: „בצלם אלקים עשה את האדם, האָט ער געענטפערט: „יתקיים העולם באחרים״46. דאָס קאָן נאָר א יחיד נעמען אויף זיך אסקעטיזם. אין אַלגעמיין דאַרף א מענטש אַרבעטן און געניסן פון לעבן.

אַרבעט ווערט באַטראַכט פאַר א ברכה: „עובד אדמתו ישבע לחם״ (דער וואָס באַאַרבעט זיין פעלד, דער עסט ברויט צו דער זאַט). דער נביא גרויסט זיך דערמיט וואָס ער איז א פשוט׳ער אַרבעטער: „לא נביא אנכי, איש עובד אדמה אנכי״. (איך בין ניט קיין נביא, איך בין אַן אַרבעטער אין פעלד)47. מלאכה איז זייער וויכטיק פון א סך שטאַנדפּונקטן, ווי די גמרא דריקט זיך אויס48: „כל אדם שאין לו קרקע, אינו אדם . . .״49. אָבער וועגן דעם אין די ווייטערע פרקים.

ב. רייכע פּונקט ווי אָרעמע דערגרייכן „מלכות שמים״ — תנאים און אמוראים וועגן אַרבעט. — יגיעי כפים. — גוט אויף דער וועלט און אויף דער קו־מענדער וועלט.

ווי מיר וועלן ווייטער אָנווייזן, האָבן סיי רבי עקיבא און סיי רבי יהודה הנשיא, די צוויי גדולי הדור אין זייערע עפּאָכעס ביים אָנהויב און ביים אָפּשלוס פון דער משנה מכבד געווען עשירים. זיי האָבן געהאַט א גאָר איינפאַכן מאָטיוו, פּשוט, זיי האָבן נישט געהאַלטן פון צעטיילן דאָס פאָלק אין קלאַסן; זיי האָבן געוואָלט א תורת־צדק, פאַר אַלעמען גלייך — און צוליב דעם, וואָס איינער איז אַן עושר, פאַרליכט ער ניט די רעכט פון ווערן באַ־האַנדלט מיט צדק און יושר.

עס איז אָבער וויכטיק צו זען, ווי אַזוי די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן האָבן זיך באַצויגן צו רייכע. איינער פון זיי דריקט זיך אויס, אַז „ס׳איז שווער פאַר׳ן רייכן צו קומען צו מלכות שמים״1. דאָס מיינט, אַפילו ווען יענער גזל׳ט ניט, עקספּלואַטירט ניט, נאָר פּשוט, די רייכקייט שטערט אים צו מלכות שמים און יראת שמים. זיי האָבן געהאַלטן אַז דער כח פון געלט, האָט די מאַגיש־מאַגנעטישע קראַפט צו היפּנאָטיזירן און פאַרפירן דעם מענטש.

אונזערע חכמים האָבן געזוכט אָפּצושטויסן און אָפּוועגדן די דאָזיקע שיטה, וואָס פאַרהערלעכט אָרעמקייט (און וועמענס ציל איז אוודאי געווען צוציען די גליליער אָרימעליט); זיי האָבן אויך ווייניק געהאַלטן פונם אסקעטיזם, וואָס האָט זיך דעמאָלט שטאַרק פאַרשפּרייט צוליב דער אסיים־אַגיטאַציע.

צו דער זעלביקער צייט האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט מיט די שאַרפסטע ווערטער קעגן „בטלה״, ליידיקגייעריי.

רבי יוסי זאָגט: „אין אדם מת אלא מתוך הבטלה״2 און רבי יהודה בן בתירא האַלט, אַז דער, וואָס האָט ניט קיין מלאכה, זאָל ער באַאַרבעטן זיין הויף, זיין פעלד . . . און דער חוב איז געווען אויף יעדן יידישן פאָטער, צו לערנען זיין

זון א מלאכה: „כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאלו מלמדו לסטות"[3] און אזוי אומצייליקע מאמרים געפינען זיך אין תלמוד, דערקלערנדיק די וויכטיקייט פון מלאכה און פּראָפעסיע.

די כשרע פּרנסה איז די פּרנסה, וואָס קומט אַרויס פון יגיע־כפּיים, ווי ר' חייא בן אמי האָט געזאָגט אין נאָמען פון עולא: ביי א נהנה מיגיעו, איז געשריבן: „יגיע כפּיך כי תאכל אשריך וטוב לך"[5] און ביי א ירא־שמים איז געשריבן בלויז „אשרי איש"[6]. דאָס באַווייזט, אַז א יגיע כּפּימניק איז גרעסער פונם ירא־שמים.

דער אויסדרוק אין דער תורה איז: גאָט וועט דיך בענטשן אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן. דאָס מיינט אַז נאָר ווען א מענטש טוט אַרבעט קומט אים די ברכה פון גאָט. „ווען איר וועט קומען אין ארץ ישראל, זאָלט איר פּלאַנצן", זאָגט אָן די תורה. אַפילו ווען איר געפינט דאָרט פון כל טוב, זאָלט איר פּלאַנצן פאַר אייערע קינדער.

רבי יהודה בר אלעאי (א תנא אינ'ם 3־טן דור תנאים), דער „ראש המדברים"[7] האַלט שטאַרק פון מלאכה, אַז זי איז „מכבדת את בעליה"[8] און דער, וואָס לערנט ניט זיין זון קיין מלאכה, איז ווי ער וואָלט אים געלערנט רויבעריי[9]. ער פאָלגט נאָך די שיטה פון זיינע לערער ר' עקיבא און ר' טרפון[10] און ווי די גמרא דרש'נט אויפן פּסוק „עובד אדמתו ישבע לחם"[11] — אם עושה אדם עצמו עבד לאדמה ישבע לחם, ואם לא, לא ישבע לחם[12], און מיר געפינען ניט ווייניק תנאים און אמוראים פאַרנומען אין פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, אַפילו ווי וועשער[13].

מיר וועלן אויסרעכענען אייניקע:

שמעון בן שטח — פלאַקס־אַרבעטער;

פּינחס הסתת — א שטיין־קלאַפּער;

הלל הזקן איז געוועזן א האָלצהעקער;

שמאי איז געוועזן א בנאי, מסתמא, א סטאָליאַר[14];

ר' שמעון הפּקולי איז געוועזן באַשעפטיקט מיט פלאַקס־אַרבעט[15];

ר' יוסי בן חלפתא — א גאַרבער[16];

ר' יהושע — א קאָוואַל[17], אויך ר' יצחק; ר' יוחנן — א שוסטער;

ר' יוסי א ציידנא — געמאַכט נעצן[19]; אבא יוסף — א בויערער;

רב חסדא און רב פּפּא — אַרבעטער ביי ביר[20]; אבא נגרא—א סטאָליער;

אבא בר זימנא — א שניידער[21]; אב אושעיא — א וועשער;

רב אדא — א פּאַסטוך[22];

ר' יהודה — א בעקער[23] און מיר קאָנען דאָך ניט אויסרעכענען אַלע פּראָפעסיאָנאַלן צווישן די בעלי התלמוד[24].

פון דער אַנדערער זייט ווייסן מיר פון אומצייליקע חכמים פון יענע דורות, וואָס האָבן געלעבט פון מסחר און געהאַלטן פון מסחר, אַזוי וויט, אַז זיי האָבן געלערנט פונם פּסוק „והישר בעיניו תעשה"[25], אַז דאָס מיינט מען מסחר, ווייל

האנדל באמונה ברענגט גליק און צופרידנקייט זיך און אנדערע, ווי עס באווייזט דער געשפרעך צווישן ר׳ חנינא און ר׳ חייא. האָט ר׳ חנינא געזאָגט: מיט מיר קריגסטו דיך? אויב ח״ו, די תורה וואָלט פארגעסן געוואָרן פון יידן, וואָלט איך זי צוריקגעבראכט מיט מיין פלפול. האָט ר׳ חייא געזאָגט צו אים: איך האָב אָבער אויך ניט ווייניק געטאָן צו פארזיכערן, אז די תורה וועט ניט פארגעסן ווערן; איך האָב געבראכט פלאקס . . . און געגעבן יידישע יתומימלעך צו עסן . . . און אליין געלערנט די זעקס סדרים מיט קינדערלעך . . . די גמרא פירט אויס: „כמה גדולים מעשה חייא״[26], די זיינען געווען די גרונטלייגער פונם יידישן חנוך, פון דער יידישער עטיק . . .

די דיסקוסיע, ווייזט אויס איז געווען, וועלכער וועג איז בעסער: די באמיאונג פאר מעשים טובים אין זכות פון די יידן, ווי רבי חייא, אָדער זיך מוסר נפש זיין, אז דאָס הארץ און די נשמה זאָל זיין פארנומען מיט העכערע גייסטיקע ענינים און זיך פארלאָזן אז פרנסה וועט במילא קומען צוגעשיקט . . .

די אָנגענומענע פעסטגעשטעלטע מיינונג אין תלמוד איז, ניט צו פארלאָזן זיך אויף נסים, נאָר זיין באשעפטיקט אין מלאכה אָדער אין מסחר און דינען השם יתברך דורך תורה ועבודה אינם געוויינטלעכן זין פון די ווערטער.

די גמרא דערציילט:

אין די הונגער יאָרן האָט רבי געעפנט זיינע שייערן און אויסגערופן, אז די וועלכע קענען תנ״ך, משנה, גמרא, הלכה, אגדה זאָלן אריינגיין, אָבער די עמי הארץ זאָלן ניט אריינגיין. האָט זיך רבי יונתן בן עמרם אריינגעשטופט און געזאָגט צו אים: „רבי, שפייז מיך״. האָט ער צו אים געזאָגט: „מיין קינד, האָסט געלערנט תנ״ך?״ האָט ער געענטפערט: „ניין!״ „האָסט געלערנט תלמוד?״ „ניין״. איז ווי זשע זאָל איך דיך שפייזן? „שפייז מיך ווי א הונט, אָדער ווי א וואָראָנע . . .״ האָט ער אים געשפייזט.

נאָך דעם, ווי ער איז אוועקגעגאנגען, האָט רבי געזיפצט: „וויי, וואָס איך האָב געשפייזט אן עם הארץ״. האָט ר״ש בר רבי צו אים געזאָגט: „אפשר איז ער דיין תלמיד יונתן בן עמרם, וועלכער וויל קיינמאָל ניט געניסן פון דעם כבוד פון דער תורה.״ האָט מען חוקר ודורש געווען און אזוי איז עס טאקע געווען. האָט רבי באפוילן: „יעדער איינער זאָל אריינגיין״[27].

דער מוסר השכל — אז אלע זאָלן קריגן שפייז און די מדה פון רבי יונתן בן עמרם, ניט געניסן מאטעריעל פונם כבוד התורה.

ר׳ ישמעאל בר רב נחמן האָט געזאָגט: דרך־ארץ, מלאכה איז עלטער פון דער תורה מיט זעקס־און־צוואנציק דורות[28].

רב (אבא אריכא), דער תלמיד פון רבי יהודה הנשיא און פלימעניק פון רבי חייא, איז געווען א סוחר, געטאָן גרויסע געשעפטן — אָבער זיין גאנצן לעבן געווידמעט פאר דער פארשפרייטונג פון תורה, פאר באפעסטיקן די הלכה, פאר

שאַפן די באַזע פאַר אַ ממלכת כהנים און דערצו געווען באַהויכט מיט פּאַעטישער גרויסקייט און אַ געניאַלער בעל מנגן. זאָגט אויף אים ר׳ יוחנן בן נפחא, דער מסדר פון תלמוד ירושלמי, וועלכער האָט געהאַט אַ ביסל פאַרדרוס, פאַרוואָס רב האָט זיך מערסטנס פאַרנומען מיט תורה אין בבל, אַז ווען רב איז געזעסן ביי רבי, זיינען געגאַנגען פונקען פון זייערע מיילער, אַז ער האָט גאָרנישט געקענט משיג זיין וואָס זיי רײדן . . .[29] און ער טיטולירט אים שטענדיק „לפני רבינו שבבבל"[30]. רב איז געווען דער גרינדער און פירער פון דער ישיבה אין סורא.

און אַז מיר רײדן שוין פון רב, ווי קען מען דורכלאָזן דעם גרויסן אַסטראָנאָם און רב׳ס חבר, ר׳ שמואל ירחינאה (צוזאַמען מיט רב, געלערנט ביי רבי יהודה הנשיא), וועלכער האָט אויסער אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפטן זיך געווידמעט פאַר׳ן יידישן געזעץ — און דער דין איז „כשמואל בדיני" . . .

עס איז אויך אין פּלאַץ, עטלעכע ווערטער וועגן די צוויי שוואָגערס: ר׳ יוחנן און ריש לקיש.

אומעטום, וואו עס ווערט געזאָגט סתם ר׳ יוחנן, מיינט מען ר׳ יוחנן דעם זון פון נפחא (מסתמא געווען אַ שמיד)[31], וועלכער איז געווען אַ יתום באַלד פון געבורט; ווען די מוטער איז געווען מעוברת מיט אים, איז אים זיין פאָטער געשטאָרבן און ווען ער איז געבוירן געוואָרן, איז אים די מוטער געשטאָרבן[32] און איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך שיינער מענטש[33], פריער געלערנט ביי רבי יהודה הנשיא, נאָכדעם ביי רבי חייא און ביי רב׳ן, איידער ער איז אַוועק קיין בבל[34]. זיין ליבשאַפט צו תורה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט: „ממזר תלמיד חכם וכהן עם הארץ, ממזר ת"ח קודם לכהן עם הארץ"[35] און אויף אים האָט מען גע׳דרשנ׳עט: „אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה" — אַז דאָס קען געזאָגט ווערן אויף ר׳ יוחנן"[36].

ער האָט געוואַלטיק געהאַלטן פון וואוינען אין ארץ ישראל, זיך אויסדריקנדיק, „כל המהלך ארבע אמות בארץ ישראל, מובטח לו שהוא בן העולם הבא"[37] בלויז אַרומגיין פיר איילן אין ארץ ישראל, האָט ער שוין אַ חלק עולם הבא"[37] און נאָך רב און שמואל, איז ער באַטראַכט געוואָרן אַלס גדול הדור און ווי דער רמב"ם[38] גיט אָן, האָט ער מסדר געווען דעם תלמוד-ירושלמי (לויט אייניקע פאַרשער צווייפלען זיי, צי עס איז מעגלעך, אַז ר׳ יוחנן, אַ תלמיד פון רבי, זאָל געווען זיין דער מסדר פון ירושלמי, 200 יאָר נאָך חתימת המשנה און לויט אייניקע, האָט ער בלויז אָנגעהויבן מסדר זיין דעם תלמוד-ירושלמי אָבער געענדיקט האָבן זיינע תלמידים).

אינטערעסאַנט איז, אַז ווי רבי, האָט ער געוואוינט אין די זעלביקע שטעט, אין צפורי, טבריה — אין גליל. אויך ער ,ווי רבי, איז געווען אַן אומגעוויינטלעכער עניו, זיך אויפגעשטעלט אפילו פאַר די „סבי דארמאי"[39] און מקרב געווען יעדן מענטשן, האַלטנדיק, אַז אויך ביי די אומות העולם איז דאָ חכמה[40] — אָבער ווי

געזאָגט, שרייבן מיר ניט קיין ביאָגראַפיעס פון דעם אָדער אַנדערן תנא אָדער אמורא, נאָר בלויז אָנמערקן אויף זייערע סאָציאַלע אינטערעסן און זייער טיפן בליק. די מדה פון „לפנים משורת הדין", האָט דאָמינירט ווייל דאָס איז וויכטיק פאַר'ן תיקון העולם: „לא חרבה ירושלים אלא על שדנו בה דין תורה ולא עבדו לפנים משורת הדין"[41].

רבי יוחנן איז געווען א שרעקלעך־ליידנדיקער[42]. צען פון זיינע זין זיינען אים אויסגעשטאָרבן און ער האָט דורכגעפירט זייערע לוויות, דערצו א גרויסער אָרעמאַן און זיך שטאַרק געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות"[43] און נאָך: 1) „קשים מזונותיו של אדם . . . יותר מן הגאולה"[44]; 2) „קשה זיווגו של אדם כקריעת ים־סוף"[45]. ער האָט געהאַט טעכטער און ס'איז אים שווער געווען צו טאָן שידוכים. א תלמיד האָט אים אפילו פאַרלאָזט, ווען ער האָט אים שטאַרק צוגערעדט, אז ער זאָל נעמען איינע פון זיינע טעכטער . . .

זיין שוואָגער רבי שמעון בן לקיש — ריש לקיש[46] איז געווען דער שאַרפער קאָפּ מיט וועמען ר' יוחנן האָט כסדר פּאָלעמיזירט און דאָך ליב געהאַט אים צו האָבן ביים לערנען. ער האָט געהאַט סיי התמדה און סיי סדר אין לערנען, אין תלמודישן לשון: „היה יודע לחרוז ולקדוח"[47]. ער איז געווען דער גרויסער עסקן פאַר חנוך, פּסק'ענדיק, אז „כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן מחריבין אותה"[48] און ווי זיין שוואָגער האָט ער געהאַט א גרענעצלאָזע ליבשאַפט פאַר ארץ ישראל, געטראָגן א בייזקייט אויף די, וואָס זיצן אין בבל.

ער איז געווען, ווי געזאָגט, שאַרף אין זיין התנהגות, שטרענג צו זיך און צו יעדן, אפילו דעם נשיא ניט געשאַנעוועט און ניט געקוקט, וואָס ער איז פריער געווען א „קוביוסטאַ"־פירער, האָט ער ארויסגערופן צו זיך די גרעסטע פאַרערונג ביים פאָלק: „מי שהיה ריש לקיש מסיח עמו בשוק היו נותנין לו מלוה בלי עדים"[49].

ער האָט אויך גענומען אן אקטיוון אנטייל אינם פרייהייטס־קאַמף[50], בעת עס זיינען אָנגעגאַנגען די מלחמות צווישן פּערסיע און רוים און ער האָט געמיינט, אז עס וועט די יידן געלונגען צו באַפרייען ארץ ישראל און שאַפן א זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

ר' יוחנן און רב כהנא האָבן געהאַלטן, אז די ישועה קאָן נאָר קומען דורך דעם זיג פון די פּערסיער און אז די יידן זאָלן זיך נישט באַטייליקן אלס צד אין דעם קריג. ביים סוף, ווען די מלחמה האָט געקאָסט די יידן צוועלף טויזנט פאַרלוסטן, האָט ר' יוחנן באַשולדיקט זיין שוואָגער, אז זיין פירערשאַפט האָט גורם געווען דערצו.

ביי די אלע תנאים און אמוראים איז תורה־לערנען געווען א קריטעריום פאַר דעם מענטש. לויט זיין וויסן איז דער מענטש. רבי יהודה הנשיא האָט אפילו געוואָלט מתקן זיין א באַזונדערע ברכה „שלא עשני בור"[51]. צו דער תורה האָבן

זיי געהאַלטן קומען די מעשים וואָס מאַכן דעם מענטש, ליטערן אים, מאַכן אים פאַר דעם קדוש, „כשאתם קדושים הרי אתם שלי"[52].

ג. לוקסוס און צוריקהאַלט. — שעפער פון יידישן לעבענספאָרם. — „קדש עצמך במותר לך". — געגנוס אָבער ניט פארקויף צו תאווה.

ווי **מיר** האָבן ביז איצט געזען, האָבן די בעלי התלמוד זיך שטארק פארנומען מיט דער לייטערונג פונם מענטשלעכן גייסט און מיט דער פארזיכערונג פון א געזונטער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. זיי האָבן דעם אזוי־גערופענעם „ומותר האדם מן הבהמה" שטארק קאָנטראָלירט און דיסציפּלינירט — און אין שייכות מיטן געיעג נאָך לוקסוס, זיך געהאַלטןביים פּרינציפּ פון „קדש עצמך במותר לך", אז מען דאַרף זיך הייליקן אפילו מיט דעם און אין דעם וואָס איז דערלויבט.

מיר לערנען אין די „לערעס פון די אבות":
הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם[1].

מיט'ן וואוקס פון דער ציוויליזאציע, צעוואקסט זיך אויך די תאוה צו די מגושמ'דיקע הנאות פון לעבן. די גאנצע טעכניק און אינדוסטריע זיינען פארנומען מיט אויסארבעטן מיטלען אָנצורעגן דעם מענטש, אים אויפצורייצן און צעקאָכן ביי אים זיינע בלוטן און ליידנשאפטן. עס איז א פאקט: מענטשן דינען צום אָפּגאָט וואָס הייסט ל ו ק ס ו ס. אלע בוקן זיך צו אָט דעם מאָדערנעם אָפּגאָט. מען שטריינגט זיך אָן, מען גיט אוועק די לעצטע כוחות אויף צו דערגרייכן די לוקסוס־זאכן, יעדער מענטש טראכט נאָר וואָס מער ארייננצוכאפּן, טאָמער וועט שפּעטער ניט זיין קיין צייט דערצו!

מענטשן טראכטן נאָר פון מאכן א שיין לעבן פון שיין קליידן זיך, שיין וואוינען, מיינענדיק, אז אָט דאָס איז דער טויער פון „גן עדן התחתון", אז דאָס הייסט אמת'ע גליק און צופרידנקייט . . . דער צוביבער פון שיין לעבן פאר'כשופ'ט אלעמען, פארפירט אינ'ם תהום פון די שווערסטע זינד און ווערט א בלינד ווערקצייג אין די הענט פונם לוקסוס־טייוול. עס איז דער פּסיכאָז פון אומאויסגערעכנטקייט, פון נאָכיאָגן און איבעריאָגן דעם רייכערן, צו האָבן די זעלבע מעבל, די זעלבע טעפּיכער און צו טראָגן די זעלבע קליידער. מענטשן, וואָס זיינען פארזונקען אין א ים פון חובות, וואָס ראנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט — ווילן נאָכקומען די לעצטע פאריזער מאָדעס, ווילן נאָכטאנצן די רייכסטע מאגנאטן.

מענטשן ווערן אזוי ארייננגעלאָזט אין דעם לוקסוס־לעבן, אז עס דאכט זיך זיי, אז אָן דעם וואָלט מען גאָר ניט געקאָנט אויסקומען. מען פארגעסט דערביי דעם כלל, אז די הוצאה טאָר קיינמאָל ניט איבערשטייגן די הכנסה, אז מען דאַרף פירן א סיסטעם אין דער ווירטשאפט; אז מען „לעבט אָן חשבון, שטארבט מען

אָן ודוי"! וויפל יידישע סוחרים זיינען באַגאַנגען צוליב דעם זעלבסטמאָרד? אזוי שנעל ווי זיי האָבן געזען, אז די זונענשטראַלן איבער זייער עקאָנאָמישן האָריזאָנט הייבן אָן ווערן טונקעלער, אזוי האָבן זיי זיך באַלד אַראָפּגעקייקלט פון די הויכע שטאָק און געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן.

דאָס יידישע פאַמיליען-לעבן איז שטענדיק געווען איינע פון די גלענצנדיקסטע פּאַרמען, וואָס האָט איממפּאָנירט פרעמדע און אייגענע. ניט נאָר בלעם, נאָר אויך אנדערע, זיינען געווען באַגייסטערט פון די יידישע היימען. בלעם'ס ווערטער „מה טובו אוהליך יעקב . . . " האָבן אויך אין שפּעטערע דורות אָפּגעקלונגען מיט זייער נייקייט און אמת'דיקייט:

„ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן, יעקב, דיינע וואוינונגען ישראל!
ווי טייטלביימער זיינען זיי אויסגעשטרעקט,
ווי גערטנער ביים טייך,
ווי אַלייען וואָס גאָט האָט געפלאַנצט,
ווי צעדערן ביים וואַסער . . . "

דאָס זיינען אייביקע, הערלעכע, אמת'ע ווערטער. ווייל אַ גן־עדן איז דאָך געווען די יידישע היים. ווי די טויבן האָבן זיי, אַלע פאַמיליע-גלידער, צווישן זיך געלעבט. ליבלעך און האַרציק, שטיל און רואיק איז זיך געפלאָסן דאָס לעבן צווישן מאַן און פרוי, עלטערן און קינדער. וויפל דער פאַמיליע-קאָפּ זאָל נישט געווען פאַרדינען, האָט עס געסטאַיעט אויף אַלע באַדערפענישן. די גרויס פון פאַרדינסט איז קיינמאָל נישט געווען קיין סיבה פאַר אומצופרידנקייט. אַלע האָבן מקנא געווען אונזער אידילישן לעבן.

ויבא השטן — איז געקומען דער שטן און זיך אַריינגעריסן אין יידישן הויז און מ'האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון דעם מ אָ ד ע - אָפּגאָט דעם גליקלעכן שלום-בית. וויפל האַרצרייסנדע סצענעס שפּילן זיך אָפּ אין יידישע הייזער צוליב מאָדע דערשיינונגען? וויפל צער און צאָרן האָט ער אַריינגעבראַכט אין יידישע שטובן? וויפל עקזיסטענצן האָט עס אונטערגעבראָכן? וויפל פאַמיליע לעבנס זיינען דורך דעם צעשטערט געוואָרן?

נאָך אַ זאַך: מען האָט איינגערעדט דעם היינטיקן מענטש, אז יעדע מאָדע שטימט געגנוי מיט די כללים פון דער עסטעטיק. איז ווער נישט מאָדערן, האָט ער נישט קיין עסטעטישן געשמאַק, פעלט אים חוש.

דאָס איז אָבער אָפּטמאָל פאַרפירעריש! האָבן דען נישט יידן און ניט-יידן אַרויסגעוויזן אַ גאָר פיינעם געשמאַק פאַר אמת'ער שיינקייט און עסטעטישקייט אין די אַלטע צייטן? האָבן דען ניט די קלאַסישע קינסטלער געזוכט שטאָף און סוזשעטן פאַר זייערע דיכטערישע און מאַלערישע שאַפונגען דוקא אין יענע אַלטע באַ'חנ'טע היימען? האָבן זיך דען ניט יידישע פרויען אויסגעצייכנט אויפן געביט

פון עכט־יידישער קונסט און אַריינגעטראָגן אַזויפיל עסטעטישקייט אין דעם קולטור אוצר פון פאָלק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט געטלעכער קדושה? — די פּרעכטיקע פּרוכת'ן, די פיין־געשטריקטע מצה־טאַשן, דער געשמאַקפולער שבת־טיש — זיינען דען נישט געווען קיין דייטלעכע אויסדרוקן פון עסטעטישע געפילן, וואָס אונזערע פרויען האָבן באַזעסן? . . .

עסטעטישע פאָרמען ווערן נישט אויסגעאַרבעט אינ'ם מאָדעל־פאַבריק. זיי ווערן אויסגעגאָסן פון דער פאָלקס־נשמה מיט אינדיווידועלע ניואַנסן, און די מאָדערנע פרוי וואָס איז לײַדנשאַפטלעך פאַרקאַכט אין דער מאָדע האָט איר נאַטירלעך־עסטעטישן געפיל אין זיך דערשטיקט. עד היום זען מיר ווי פרויען, וואָס זיינען קינסטלעריש און עסטעטיש אַנטוויקלט, קענען זיך נישט צוגעוואוינען צו דער מאָדע־קאַפּריז, קענען ניט נאָכגיין די פאַרשיידענע מאָדע־משוגעת'ן . . .

די מענטשהייט, איבערהויפּט דער צווייטער געשלעכט פאַרשווענדט צופיל צייט און ענערגיע אויף לוקסוס־זאַכן. דער מאָדע־מיקראָב האָט זיך איינגעפרעסן אין מענטשנ'ס לייב, פאַרטעמפּט זיין שכל און וויסן, מאַכט אים פאַרגעסן אין דער גרויסער אחריות, וואָס ליגט אויף אים. מען איז אַריינגעלאָזט ראשו ורובו אין די מאָדע זשורנאַלן, אין די סעזאָן־קליידער און מען בלייבט פּאַסיוו צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר'ן היינטיקן מענטשן.

דער באַרימטער צדיק, דער חפץ חיים ז"ל, האָט אַמאָל אויסגערעכנט, אַז אַ מענטש דאַרף, במשך פון זיין לעבן, צו האָבן צוויי גאַנצע יאָרן צוזאַמענגענומען בלויז אויף צו שנירן די שיך זיינע. מען קאָן שוין האָבן אַ באַגריף וויפל צייט אַ מענטש גיט אַוועק אויף לוקסוס, וויפל צייט אַ פרוי גיט אַוועק פאַר אָפּטאָקן אַזוי געננוי איר טואַלעט . . .

די פרוי וואָס וואָלט געדאַרפט זיין פּעדאַנטיש איבערגעגעבן צו אירע קינדער און פאַמיליע, צו דערציען זיי אין „דרך הישר", גיט אַוועק צופיל צייט אויף שמינקע, פּאַרפיום, פּודער, האָר־פאַרב, א.ד.גל.

ביי אונז יידן איז אָט דער קאַמף ניט קיין נייער. נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט מען געקעמפט קעגן די נטיות צו לוקסוס און הולטאַישקייט. די מדה פון הסתפקות איז איינע פון די ערשטע אין תלמוד און אין די ספרי מוסר. ניט קיין אַסקעטיזם האָט אונזער תורה געלערנט, ניט קיין אומנאַטירלעכע פּרישות האָט זי פון אונז פאַרלאַנגט. זי האָט אָבער געוואָלט חשבון — אויסגערעכנטקייט. מ'זאָל זיך אָביסל אָפּזאָגן פון מותרות, פון צופיל! „ווער עס וויל אומברענגען זיין געלט — זאָגט ר' יוחנן — זאָל ער זיך איינקויפן גלאָזוואַרג". „אַ מענטש דאַרף איינטיילן זיין פאַרמעגן אין דריי חלקים: איין דריטל זאָל ער באַהאַלטן אין דער ערד, איין דריטל אין האַנט, און מיט איין דריטל — האַנדלען".

פון די נביאים איז דאָך אָפּגערעדט. זיי האָבן דאָך געהאַלטן אין איין אַלאַרמירן און מיט די שאַרפסטע פּראָטעסטן אַרויס קעגן דאָס לוקסוס לעבן. דער אדון

הנביאים ישעי׳ האָט דאָך געדונערט מיט זיין הימלישער שפּראַך קעגן דער פאַר־דאָרבנקייט פון די „בנות ציון״, וואָס האָבן אריינגעפירט אינ׳ם יידישן לעבן פאַר־שווענדערישקייט און קאָקעטעריי.

און גאָט האָט געזאָגט:

„דערפאַר וואָס די בנות ציון זיינען שטאָלץ ביי זיך און גייען מיט אויסגע־שטרעקטע העלזער, און מיט ווינקנדיקע אויגן שוועבנדיק גייען זיי, און מיט זייערע פיס פאַרגיפטן זיי . . . דעריבער וועט דער האר קרעציק מאכן דעם קאָפּ־שייטל פון ציונ׳ס טעכטער, און גאָט וועט זייער שאַנדע אַנטפּלעקן.

„אין יענעם טאָג וועט דער האר אָפּטאָן דעם פּוץ פון די קאָקעטעריי־שיכלעך און די קאָפּ־שאַטקעס, די פּערל־שניר, די אויערינגען, די בראַנזלעטן, די וועלאָנען, די בערעטן, די אַרעם־בענדער, די פלעכט־שניר, די בראַזירער, די מעדאַליאָנקעס, רינגען, נאָז־רינגען, א.א.וו.[2]

אזוי האָט געטראַכט דער נביא ישעיה וועגן לוקסוס מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק.

ניט ווייניקער פון די נביאים זיינען די חכמי התלמוד ארויסגעטראָטן קעגן מאָדע און לוקסוס.

די גמרא[3] דערציילט אונז, אַז אין די צייטן פון ר׳ גמליאל הנשיא איז ארויסצופירן דעם מת צו קבורה שווערער געווען פאַר די קרובים ווי דער טויט אַליין. מען האָט געדאַרפט אַן אוצר געלט אויסצופּוצן דעם מת אין זיידנס, און טייערע באַצירונגען, ביז — דערציילן די חז״ל — ר׳ גמליאל האָט זיך דערלויבט, וועלנדיק מבטל מאכן דעם מנהג, ארויסצופירן זיינס א פאַרשטאָרבענעם קרוב, א מיטגליד פון דער רייכער נשיאים פאַמיליע, אין לייוונטענע תכריכים. פון דעמאָלט אָן—פּירט אויס די גמרא—האָבן אַלע אָנגעהויבן מקבר זיין אין לייוונט.

די גייסטיקע מנהיגים פון יענעם דור האָבן באַלד פאַרשטאַנען נאָכצוטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל און ארויס אין קאַמף קעגן אַזעלכע געוואוינהייטן, וואָס פירן צו שלעכטקייט. זיי האָבן פון צייט צו צייט איינגעפירט תקנות קעגן לוקסוס־פּסיכאָז, געשאַפן דינים אויף׳ן פּרינציפּ פון „התורה חסה על ממונם של ישראל״. איינצושפּאָרן יידיש געלט איז פאַר זיי א יסוד געווען, איבערהויפּט ניט צו פאַר־שעמען די אומפאַרמעגלעכע — „כדי שלא לבייש את מי שאין לו״.

די מסכתא אבות, דאָס יידישע מאָראַל־עטיש ספר, איז דאָך הויפּטזעכלעך געבויט אויף דעם ריינעם פאַרנונפט, באַקעמפנדיק שכרות, צעלאָזנקייט און דעמאָ־ראַליזאַציע; אַפּעלירנדיק פאַר צניעות און באַשיידנקייט.

אין דער דאָזיקער מסכתא, ווערן איבערגעגעבן די לערעס איבער תורה און דרך־ארץ אין א ליבלעכן אינהאַלט און אין א האַרציקן סטיל, ווי נאָר געטרייע עלטערן ריידן צו זייערע קינדער וועגן מאָראַל און עטיק. אין זייער באַלערנדיקע שפּריכן (אַפּאָרזימען) ווערט געשאַפן פאַר׳ן ייד א געשליפענער שפּיגל צו זען זיך

און זיינע פעלערן; ווי אזוי זיי אויסצובעסערן; ווי אזוי צו זיין אויסגערעכנט; ניט צו זיין אויסער'ן קאָנטראָל, ניט צו פירן קיין פארשווענדעריש לעבן . . .

די חכמים פון דער משנה האָבן נישט געפּריידיקט קעגן דער נאַטור, זיך איינגאַנצן אָפּצוזאָגן פון קערפּערלעכע פארלאַנגען; זיי האָבן אָבער יאָ געפּריידיקט, אַז די פארלאַנגען זאָלן נישט ווערן קיין אומבאַגרענעצטע פארגעניגנס. זיי האָבן געוואָרנט, אַז די פינף פארשיידענע תאוות (עסן, געלט, פּרויען־געשלעכט־פארלאַנגען, כבוד און רום) זאָלן נישט באַטראַכט ווערן אלס אַן עיקר, אלס א צוועק — נאָר אלס מיטל צו קאָנען עקזיסטירן.

אויך די גאָר לעצטע גדולים זיינען אָפט ארויסגעקומען מיט תקנות קעגן א פארשווענדעריש לעבן.

דער ווילנער גאון, האָט געהייסן זיינע טעכטער און שנירן ניט גיין דאַווענען אין א שול, וואו מען רעדט פון מאָדעס און קליידער.

דער נודע ביהודה (ר' יחזקאל לאַנדאַ, פּראַגער רב) האָט אין יאָר תק"ה איינגעפירט פארשיידענע תקנות אין דער שטאָט פּראַג, ווען דאָס פאָלק איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן צוליב די פאָרגעקומענע מלחמות. צווישן זיינע תקנות געפינט זיך פאָלגענדעס:

„צו א בר מצוה זאָל מען נישט פארבעטן מער ווי צען מענטשן. קיין כלי־זמרים זאָלן ביי דער סעודה נישט זיין. מיט קיין צוויי־ערליי פיש זאָל מען נישט מכבד זיין. אין דער גאַס זאָל מען נישט פארקויפן קיין טייערע געבעקסן. ווייל דאָס געוואוינט מענטשן צו פרעסעריי און הולטאַישקייט".

מוטיק און דרייסט זיינען גדולי ישראל אין פארשיידענע לענדער, און אין פארשיידענע ציטן, ארויסגעטראָטן מיט תקנות און זעלבסט־ביישפּילן קעגן לוקסוס. זיי האָבן געוואָרנט קעגן די פארשווענדער, וועלכע לעבן א צו ברייט לעבן און זיינען גורם אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע היזקות. זיי האָבן אַפּעלירט זיך צו באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט צו לוקסוס און פארשייטקייט. זיי זיינען ארויס מיט מוסר־רייד קעגן די היינטיקע „בנות ציון", וואָס זיינען איבערגעוואַקסן די אמאָליקע.

דער חשוב'ער לייענער וועט ביי זיך אוודאי טראַכטן: וואָס וויל דער שרייבער פון אונז? א נייער מוסר־זאָגער; מי שמך לאיש? ווער האָט דיר געגעבן די דערלויבעניש צו זאָגן מוסר? דאָס איז בטלנות, און בטלנים פעלן ניט אויס ביי אונז!

ניין, מיין „קורא יקר"—דאָס איז ניט קיין בטלנות. דאָס איז אַן ערנסט וואָרט אין אַן ערנסטער צייט. די אויפגאַבע פון א יידישן שרייבער איז צו זיין א באַגלויבטער ערלעכער דאָקטאָר צו אונטערזוכן יעדע קראַנקהייט, יעדע מכה און זוכן פאר איר א רפואה. ער מוז שטענדיק שטיין אויף דער וואַך צו אַנאַליזירן, צוצושניידן און אויספּרעסן די מכה, עפענען, אָפּערירן און פארבאַנדאַזשירן און פארהיטן דעם קראַנקן, ער זאָל מער ניט אָנגעשטעקט ווערן פון די באַצילן וואָס

לויערן אויף אים. א נאר איז דער דאָקטאָר, וואָס דערשרעקט זיך פאר דעם חולה׳ס געשריי. שטארק דארף ער זיין ביי זיך, ניט צו קוקן אויף די וויטיקן פונ׳ם קראנקן, אויף די שמערצן וואָס ער פארשאפט אים דורך זיינע מעדיצינען. ווייל ער ווייסט ביי זיך, אז דאָס טוט ער, כדי צו היילן דעם קראנקן און אים צו ראטעווען.

ס׳גלוסט זיך, וואָס אן אמת, אריינלאָזן טיפער און ברייטער אין אָט דעם פרק יידיש לעבן־שטייגער, לויט די תקנות קעגן לוקסוס און אויסברענגעריי. מיר האָבן אָבער אויף דער טעמע א היפש־רייכע ליטעראטור, אויך אין יידיש. די גרעסטע שטודיע אין יידיש איז פון מרדכי בערנשטיין[4]. ער טיילט זיין ארבעט אויף פיר (4) מאָמענטן:

- מקור־געשיכטלעכן אָנשפּאר;
- סיבה און זין פון תקנות;
- געביטן, וואָס זיי האָבן ארומגענומען
- און אין וואָס זיי זיינען באשטאנען.

וואָס שייך דעם געשיכטלעכן אָנשפּאר פון די תקנות, באווייזט ער, אז זיי שטיצן זיך אויף פיר פונקטן: אויף באשיידנקייט, צניעות, איינגעהאלטנקייט און שפּאָרזאמקייט.

בערנשטיינ׳ס ארבעט איז כמעט אן אויסשעפּלעכע. ער נעמט ארום אלע תקופות, אָנהויבנדיק מיט דער תנ״ך־תקופה, תלמוד־תקופות, ועד ארבע ארצות ביז די תקנות פון די גייסטיקע פירער פון לעצטן דור.

ער פאנגט אָן מיט יעקב אבינו׳ס אָנזאָג צו זיינע זין, די שבטים „למה תתראו״[5], וואָס ווערט געטייטשט: „פארוואָס זאָלט איר זיך ווייזן מיט זאטקייט פאר עשון און ישמעאל׳ן, בעת זיי זיינען הונגעריק און פארצערט[6], ווייל דאָס קאָן ארויסרופן קנאה־שנאה . . . ער ציטירט דעם קלאסישן זאָג אין תלמוד: די תורה האָט רחמנות אויף יידישע געלט[7].

אין די ראמען פון דער איצטיקער ארבעט האָבן מיר בלויז געוואָלט אָנווייזן אויף דעם בליק פון די חכמי התלמוד וועגן אלע סאָציאלע ענינים און דאָס איז דאָך איינס פון די סאָציאלע איבלען, וואָס די גייסטיקע פירער פון יידישן פאָלק האָבן אין אלע צייטן געוואָלט עלימינירן — און ווי זאָגט מ. בערנשטיין: „דער קאַמף קעגן לוקסוס, קעגן אויסברענגעריי, קעגן איבערגעטריבענעם לעבנס־שטייגער איז אן ענין, וואָס איז אקטועל ביז אונזערע היינטיקע טעג״.

עס דערמאָנט זיך א קול־קורא אין 1935, עטלעכע יאָר פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין צייט ווען די נאצים האָבן אָנגעהויבן זייער ממשלה אין צענטראל־אייראָפּע. דער קול־קורא איז געקומען פון דייטשלאנד און האָט זיך געלייענט:

. . . יידישע געמיינדעס איבערן גאנצן לאַנד, האָבן אָנגענומען אלע מעגלעכע פאַרזיכטס מיטלען, צו פאַרהיטן קעגן אנטי־יידישע אומרועז ביי די שוהלן, ביי דעם דאווגען אין די טעג פון ראש השנה.

די יידישע געמיינדע אין קעלן האָט ארויסגעלאָזט א באַפעל, אז קיין ייד זאָל ניט טראָגן קיין צילענדער הוט . . . אין בערלין און אין אנדערע שטעט, האָבן די געמיינדעס אויפגעפאָדערט די יידישע פרויען ניט צו טראָגן קיין ראשיקע קליידער בעת די ימים נוראים.

האָבן מיר דאַן, אויפן הייסן מאָמענט, רעאגירט, און געשריבן צוו"א:

יידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד רופן יידן צו באשיידנקייט, צו צניעות־דיקייט, צו פרומקייט, צו שטילקייט . . . יידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד רופן זייערע ברידער און שוועסטער אין געטאָ אריין . . . דאָס איז דער אינהאַלט פון די לאַנגע קול קורא'ס, וואָס דייטשע יידישע קהלות האָבן פארעפנטלעכט אין צוזאַ־מענהאַנג מיט די אָנקומענדיקע ימים נוראים.

זיי טוען דאָס ניט צוליב שמחה. זיי טוען דאָס ניט לשם פארגעניגן. זיי טוען דאָס ניט, ווייל זיי פילן זיך באמת שולדיק אין פארשייטקייט — זיי טוען עס צוליב שרעק, צוליב מורא פאַר אומרועז, פאַר אָנפאַלן, וואָס קענען זיך אין היטלער'ס דייטשלאַנד איבער'חזר'ן צו יעדער צייט.

לייענענדיק אַזעלכע אויפרופן ווערט מען אזוי מבולבל, אז מען פארגעסט אינגאנצן אין וועלכן יאָרהונדערט מיר לעבן — מען פארגעסט, אז מיר לעבן אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט. מיר פארגעסן פשוט אין וועלכער צייט און אין וועלכע לענדער מיר געפינען זיך: צי זיינען מיר ניט אין אמאָליקן צאַריסטישן רוסלאַנד אָדער פוילן; צי זיינען מיר ניט אין אַלטן טיוטאָנישן ווילדן דייטשלאַנד; עס גלויבט זיך גאָר ניט, אז מיר געפינען זיך אין קולטורעלן גערמאַניען. עס גלויבט זיך גאָר ניט, אז מיר לעבן אין קאַנט'ס דייטשלאַנד. די לאַנד־קאַרטע ווערט פאַר־מישט, די צייטן פארטוישט. דאָס אמאָליקע רוסלאַנד, פוילן, שפּאַניע איז איבער־געטראָגן געוואָרן אויף דייטשער טעריטאָריע, דער באַרבאַריזם פון מיטלאַלטער האָט דאָרט געפונען זיין גאַנצע שליטה. די אמאָליקע אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, דיסקרימינאַציעס . . . די אמאָליקע תפלות, תחנות און בקשות . . . האָבן דאָרט אויפגעלעבט. אנשטאָט א טאָרקוועמאַדאָ, א כמעלניצקי, און נאָך אַזעלכע וואַנדאַלן, איז אויפגעשטאַנען דער גרעסטער יידן־פרעסער פון אַלע צייטן, יוליוס שטרייכער, וועלכער ווירקט מער מיט זיינע ווילדע העצעס קעגן יידן, ווי וועלכע עס איז אַנדערע אנטיסעמיטן.

טרויעריק, זייער טרויעריק ווערט אויפ'ן הארצן, צוקוקנדיק זיך ווי א גאַנץ פאָלק ווערט אזוי אַרונטערגעפאַלן און זינקט אין דער ערד אריין — א פאָלק וואָס האָט אמאָל געלעבט, געפילט זיך ווי לעבעדיקע, דאָס דייטשע יידנטום, וואָס איז אמאָל שטאָלץ געווען מיט זיין גערמאַניזם, זאָל אזוי זינקען אין יאוש, זאָל אזוי

ווערן האָפנונגסלאָז און זיך אינגאנצן אונטערגעבן. שרעקלעך איז די לאגע פון די דייטשע יידן, וועלכע האָבן שוין אלץ אויפגעגעבן און געוואָרן באהערשט פון דער עפּידעמיע פון צוריקגאנג צום מיטלאלטער אין אלע זיינע פאזן. די דייטשע יידן האָבן אָנגעהויבן פילן, אז זיי לעבן אין יענער צייט, ווען יידן זיינען געשטאנען אויסער די ראמען פון געזעץ און גערעכטיקייט . . .

אין די אלטע פּנקסים, אין די תקנות „ועד ד' ארצות" לייענען מיר, אז עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען רבנים, פּרנסים פון די פיר לענדער, די פיר פּראָווינצן פון וועלכע עס איז באשטאנען די דאמאָלדיקע פּוילן און האָבן באטראכט די לאגע, אָנגענומען באשלוסן און געמאכט תקנות, וועלכע האָבן פארפליכטעט אלע קהלות. צווישן די תקנות וואָס דער „ועד" האָט אָפּט אָנגענומען געפינט זיך אויך א תקנה וועגן די באקליידונג־ מאָדעס. די פּרנסים און ראשי הקהל האָבן געהאלטן פאר זייער חוב צו לערנען דעם יידישן עולם ווי זיי דארפן גיין, ווי זיי דארפן זיך קליידן; מיר געפינען דאָרט א גאנצע קאָלעקציע דאמען קליידער און שטאָפן, וועלכע מען מעג און וועלכע מען טאָר ניט באנוצן. עס ווערט אויך דורכגעפירט א מין סאָציאלע דיפערענצירונג: די קליידער ווערן צוגעפּאסט צום פארמעגן פון דער באטרעפנדער פּערזאָן: דער רייכער מעג זיך דערלויבן גיין אין זייד און אטלאס, טראָגן צירונג, גאָלד און בריליאנטן און דאָס מעג פּאסירן נאָר שבת און יום־טוב. אזוי האָט די קהלה, אזוי האָט דער ועד אלס די רעפּרעזענטאנץ פון די קהלות, געזאָרגט, אז דער עולם זאָל זיך פירן באשיידן, זאָל ניט אויפרייסן די אויגן און ניט ברענגען קיין אומגליק אויפ'ן כלל.

דאָס איז געווען אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט אין פּוילן. אין שפּעטערע צייטן האָט מען דאָס אויך געהערט פון איינצעלנע רבנים, רביים, וואָס האָבן איינגעפירט אזעלכע תקנות אין 18־טן יאָרהונדערט אין זייערע שטעט און שטעטלעך, וואו זייער איינפלוס איז געווען גרויס. מיר האָבן אָבער געהאלטן, אז דאָס געהערט שוין צו דער פארגאנגענהייט, און אין אונזערע צייטן זיינען אזעלכע תקנות אומ־מעגלעך און אויך ניט נויטיק. יעדער איינער לעבט לויט זיינע כחות, אָפּט אפילו איבער די כחות, אָבער ער טוט דאָס אויף אייגענער אחריות; קיינער איז דערפאר ניט פאראנטוואָרטלעך. אָבער וואָס מיר האָבן געהאלטן פאר פארעלטערט און מיטל־אלטערלעך לעבט ווידער אויף פאר אונזערע אויגן. און דאָס לעבט אויף נישט אין מזרח, נישט ביי די „אָסט יודען", ביי די שטענדיק אונטערדריקטע און באלייד־דיקטע יידן; נאָר אין מערב, אין „ארץ אשכנז", ביי די קולטורעלע יידן, ביי די „האָך געשעצטע יודען" — זיי האָבן זיך גענומען צו די אמאָליקע תקנות. די בערלינער און אנדערע יידישע קהלות אין דייטשלאנד ווענדן זיך מיט דעם זעלבן אויפרוף ווי דער אמאָליקער ועד פון די ארבע ארצות.

די דייטשע יאהודים, די אסימילאטאָרן פון מאָזאאישן גלויבן, נעמען אָן די זעלבע תקנות פון אמאָליקע פרומע יידן, נעמען אָן דעם ב"ח'ס, דעם ש"ך'ס, דעם

חתם סופר'ס און ר' מענדעלע רימאַנאָווער'ס מיטלען אין באקעמפן די שונאים. זיי קומען ארויס מיט דער זעלבער שפראך, ווי די אמאָליקע יידישע רבנים. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס יענע האָבן גערעדט אין אן איינפאכן יידיש אָדער גמרא לשון, און זיי ריידן אין א שיינער, געטאָקטער שפראך, אין א ריין געשליפענעם דייטש. ווען מען זעצט עס אָבער איבער אין פראָסטן מאמע לשון, איז עס דער אלטער נוסח פון די אלטע תקנות, דער נוסח פון סליחות און קינות און עס לייענט זיך מיט דעם זעלבן ניגון. ווי שיין עס זאָל נישט זיין געשריבן מאכט עס דעם איינדרוק פון א שטיק אלטע סליחה, פארפאסט אין ווארמייזא (וואָרמס) אָדער מאגענצא (מאינץ) מיט פיר הונדערט יאָר צוריק און איצט האָבן עס די בערלינער ראשי הקהל אויף דאָס נײַ ארויסגעגעבן אין היינטיקן דייטש. די ווערטער קלינגען אלט, באקאנט, היימיש יידישלעך, נאָר אין א פרעמדער, בייזער שפראך. עס מאכט דעם איינדרוק פון א שטיק פון די תקנות פון ועד ארבע ארצות ארויסגעגעבן אין א נייער אויפלאגע אין יאָר 1935.

עס ווערט טרויעריק אויפ'ן הארצן, ווען מען זעט ווי מען מישט צוריק אויף די אלטע בלעטער פון סליחות, און מיט די זעלבע נוסחאות ווענדט מען זיך צו אן עולם, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין א פרייען גייסט, צו אן עולם וואָס האָט שוין געגאָסן פון דער עמאנציפאציע און זיך געפילט גלייכבארעכטיקט. זיי קענען עס אזוי גיך ניט פארשטיין ווי די אמאָליקע. זיי קענען זיך ניט אזוי שנעל צופאסן צו דער שפראך פון מיטלאלטער. זיי קענען ניט אָנווענדן די אלטע תקנות און די אלטע מיטלען.

עד כאן דער מאמר אין דער יידישער פרעסע.

פאר זיי, די עמאנציפירטע איז עס געווען א טראגעדיע — פאר יידן, וואָס לעבן זיך אויס יידיש איז דאָס א נאטירלעכער יידישער פארלאנג, ניט צוליב אן עת צרה, נאָר צוליב דעם מאָטיוו פון לעבן יידישלעך, באשיידן; ניט צוליב גלות, נאָר פשוט, צוליב דער אָנהאלטונג פונם גייסטיקן טראדיציאָנעלן קלימאט, אָנצוהאלטן דעם טויזנט־יעריקן רעליגיעז־קולטורעל־עטנישן כאראקטער . . .

הערות

א.

1. זע „מכמני עוזיאל", פון הרב ב"צ עוזיאל זצ"ל.
2. בראשית רבה, אויפן אָרט.
3. אבות דרבי נתן, פרק י"א.
4. „נתיבה", ערשטן יארגאנג, ז"ז 202-203. אין ווייטערע פרקים — אויספירלעך.
5. דברים, כ"ד, י"ד.
6. ויקרא, י"ט, י"ג.
7. דאָרט, כ"ה, נ"ג.
8. דברים, ט"ו, י"ח.
9. ישעיה, ט"ו, י"ד.

10. רש"י אויפן ארט, קאמענטירנדיק ווענן אויסדרוק „כי משנה שכר שכיר" — אז ער האט געארבעט טאפל.
11. ישעיה, כ"א, ט"ז.
12. ויקרא, כ"ה, ל"ט.
13. דארט, מ־מ"ז.
14. דארט, נ־נ"ב.
15. דארט, כ"ה, ט"ז.
16. דארט, כ"ב.
17. דארט, כ"ה, ל"ט־מ.
18. שמות, ט"ו, כ"ו.
19. מכילתא, אבן עזרא און רמב"ן, אויפן ארט.
20. חולין, קי"ג, ע"א.
21. דברים, ט"ו, י', ז'.
22. השוכר את הפועלים, בבא מציעא, פ"ג־צ"ד.
23. באריכות: ש. ז. שרגאי, מחשבת תורה ועבודה, הליכות, תל־אביב, תרצ"ה, ז"ז נ"ה־ע"ו; אין א ווייטערן פרק אויספירלעך.
24. 8־טער באנד פון זיין געשיכטס־פארשונג.
25. „נגד אפיון", א', י"ב.
26. „בימי בית שני", עינות, ברלין, התרפ"ג, ז' נ'.
27. מלחמות, ג', ב'. זע אויך, ענגלישע אויסגאבע.
28. גיטין, ס"ה, ע"ב; שבת, ס', ע"ב.
29. שבת פרק ב'.
30. ירושלמי, יומא, ס"ה, ה"ג, תפלתו של כהן גדול ביום כפור.
31. זע, מהרי"ל גרויבארט, המסחר, ימין ושמאל, הוצ' מסורה, לודז, תר"ץ, ז"ז: י"א־י"ז.
32. זע, אביגדור טשעריקאווער, היהודים והיונים — באריכות.
33. ירמיה, כ"ב, י"ג.
34. קדושין, פ"ב, ע"ב.
35. ברכות, מ"ג, ע"ב.
36. דארט, ס"ג, ע"א.
37. דארט, ח', ע"א.
38. דארט, י"ז, ע"ב.
39. דארט, ל"ב, ע"ב.
40. ווענן דעם — אין דריטן טייל.
41. בראשית ל"א.
42. איוב, א'.
43. תוספתא, ברכות פ"ו; תנחומא, אויפן ארט. זע אויך, סוב. קאפ. ב, הערה ד.
44. סוטה, י"ד, ע"א.
45. זע, בראשית רבה, כ"ד, ח'.
46. בראשית רבה, ל"ד, כ'.
47. זכריה י"ג, ה'.
48. יבמות, ס"ג, ע"א.
49. תוספות, דארט, אנהויב־ווארט, „שאין", באמערקט: „אע"ג דר"א אמר לעיל כל אדם שאין לו קרקע . . . נ"ב בפשיטות, לק"מ, דאע"ג דאומנות פחותא היא והמסחר יעשה פירות יותר, בכ"ז צריכין לקנות ג"כ, ע"ד שאמר שלמה ע"ה, תן חלק לשבעה וגם לשמונה ופשוט — הדושי מהר"ץ חיות.

ב.

1. זע, משה לייטר, זוטו של ים, תרצ"ב, ז"ז 107־110 — אויספירלעך.
2. כתובות נ"ט ע"ב — ווייטער באריכות, אז דאס ברענגט צו אויסגעלאסנקייט און משוגעת.
3. קדושין כ"ט, ע"ב.
4. ברכות ח', ע"א; אבות ד', א'
5. תהלים קכ"ח, ב. — די מי פון דיין האנט אז דו עסט, וואויל איז צו דיר, גוט איז צו דיר.
6. דארט, קי"ב, א'.
7. שבת, ל"ג, ע"ב; ברכות ס"ג, ע"א א.א. מקומות.
8. נדרים מ"ט ע"ב.
9. קדושין כ"ט, ע"א.
10. זע, זוטו של ים, ז"ז 240־241; 257־258; 377.
11. משלי מ"ב, י"א.
12. אויב א מענטש איז א שקלאף צו זיין באדן, האט ער ברויט צו זאט; ווען נישט, האט ער נישט גענוג ברויט . . . סנהדרין נ"ח, ע"ב.

13. זע, ירושלמי בבא קמא י׳; זוטו של ים, ז״ז 228-229.
14. שבת ל״א. 15. מגילה י״ז, רש״י, דאָרט. 16. זען ווייטער. 17. ברכות כ״ח, ע״א.
18. אבות, ד׳, י״ד.
19. ירושלמי, ברכות פרק ד׳; מנחות ל״ז, ע״ב.
20. פּסחים קי״ג, ע״א.
21. ירושלמי, סנהדרין ג׳, ו׳.
22. בבא מציעא צ״ג, ע״ב.
23. בבא בתרא קל״ב, ע״א.
24. זע, יקותיאל יהודה ארי׳ גרינוואלד, תלמוד בבלי וירושלמי, ניו־יאָרק תרצ״ב, ספר שני, פּרק רביעי, ז״ז 158-167; 152-158; 150-152. אין ווייטערן קאַפּיטל — מער פּרטים. זע אויך יהושע שפּעטמאַן יו״ט רעיונות, תשרי, תשי״ט, לאָנדאָן, ז. 22.
25. שמות ט״ו, כ״ו.
26. כתובות ק״ג, ע״ב, ב״מ, פּ״ה, ע״ב.
27. רבי פּתח אוצריו בשני בצורת ,אמר: יכנסו בעלי מקרא, בעלי משנה, בעלי גמרא, בעלי הלכה, בעלי אגדה, אבל עמי הארץ אל יכנסו. דחק רבי יונתן בן עמרם ונכנס. אמר לו: „רבי פּרנסני״. אמר לו: „בני קרית?״ אמר לו „לאו״. שנית? אמר לו „לאו״. אם כן במה אפרנסך? פּרנסני ככלב וכעורב! פּרנסיה. בתר דנפק, יתיב רבי וקא מצטער ואמר: „אוי לי שנתתי פּתי לעם הארץ. אמר לפניו ר״ש בר רבי: „שמא יונתן בן עמרם תלמידך הוא שאינו רוצה ליהנות מכבוד תורה מימיו? בדקו ואשכח. אמר יכנסו הכל״. — בבא בתרא, ח׳, ע״א.
28. דאמר רבי ישמעאל בר נחמן, עשרים וששה דורות קדמה דרך־ארץ את התורה—ויקרא רבה, ט׳ ג׳.
29. „דנפקין זקוקין דנורא מפּומי׳ דרב לפּומי׳ דרבי ומפּומי׳ דרבי לפּומי, דרב והוא לא הבין מה הם אומרים״ — חולין נ״ד, ע״א; „ברם זכור לטוב״, דאָרט, קל״ז, ע״ב.
30. „כל שנותיו של רב הי׳ ר׳ יוחנן כותב לו „לפני רבינו שבבבל״, חולין צ״ה, ע״ב.
31. סנהדרין צ״ו, ע״א, בבא מציעא פּ״ה, ע״ב.
32. קדושין ל״א, ע״ב.
33. ב״מ, פּ״ד, ע״א.
34. זע, סולומון, דאָרט, ז״ז רצ״ד-רצ״ה.
35. ירושלים שבת י״ב, ג׳.
36. ויקרא רבה, ל׳, ע׳.
37. כתובות קי״א, ע״א.
38. אין זיין הקדמה צום „יד החזקה״.
39. קדושין ל״ג, ע״א. 40. מגילה ט״ז, ע״א. 41. ב״מ, ל׳ ע״ב. 42. ברכות ה׳, ע״ב.
43. פּסחים קי״ג, ע״א. דאָס מיינט ניט, אז מען זאָל חלילה מחלל זיין שבת . . . נאָר עס מיינט, מ׳זאָל זיך מסתפּק זיין מיט ווייניקער, ניט אַזויפיל צוגרייטן, אַבי ניט בעטן ביי מענטשן צדקה.
44. די פּרנסה פונם מענטש קומט אָן שווערער ווי וועלט־דערלייזונג . . . פּסחים קי״ח, ע״א.
45. צו קריגן די ריכטיקע פּאָר, דאָס ריכטיקע ווייב, איז אַזוי שווער, ווי שפּאַלטן דעם ים . . . סוטה ב׳, ע״א; סנהדרין, כ״ב, ע״א.
46. ב״מ פּ״ד, ע״ב.
47. שיר השירים רבה, א׳.
48. שבת קי״ט, ע״ב. 49. יומא ט׳, ע״ב.
50. אין די יאָרן 240-271. זע: יומא י׳, ע״א; יבמות ס״ג, ע״ב; פּסחים ס״ז, ע״ב; שיר השירים רבה, ח׳ י״א; נסים סולומון, אנציקלופּדיה לאגדת התלמוד, ז״ז תס״ז-תע״ג.
51. מנחות מ״ג, ע״ב; בבא קמא נ״ח, עא; ע״ז ג׳, ע״א; אבות ג׳; אבות דרבי נתן, פּרקים ו׳ און כ״ו.
52. שמות כ״ב, ל׳; מכילתא, שמות, דאָרט.

ג.

1. אבות ד׳, כ״א — דאָס וועלן דערפילן אַלע תאוות ברענגט אום דעם מענטשן . . .
2. ישעיה, ג׳, ט״ו—כ״ד.
3. כתובות, ה׳, ע״ב.
4. תקנות ביי יידן קעגן לוקסוס און אויסבערענגעריי, יאַרבוך, תשט״ו, אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור דעפּאַרטמענט ביי דער יידישער קהלה אין בוענאָס איירעס. צווייטער יאַרגאַנג, צוזאַמענגעשטעלט פון אברהם מיטלבערג, ביי דער רעדאַקציע־מיטאַרבעט פון מרדכי בערנשטיין און חיים בראַקאַזש, ז״ז 361-407.
5. בראשית מ״ב, א׳.
6. סוטה י׳, ע״ב.
7. התורה חסה על ממונם של ישראל, ראש השנה, כ״ז, ע״ב; יומא ל״ט. זען, יצחק ריבקינד, יידישע געלט, אין לעבנשטייגער, קולטור־געשיכטע און פאָלקלאָר, האקדמיה האמיריקנית למדעי היהדות, ניו־יאָרק, תש״ד, ערך 28, ז״ז 122-126, „דער דורות אַלטער באַגריף י י ד י ש ג ע ל ט שטייט אונטער דעם צייכן פון „התורה חסה״ . . . פון יעדער ווייטער ציטירטער שורה פילט מען אַרויס דעם ציטער און זאָרג פון כלל און יחיד, פון ישראל און רב ישראל פאַר יידישע געלט״ . . .

קאַפּיטל אַכט

רבי עקיבא און די קוואַלן פון תורה

א. גרויסקייט אין תורה און אַלס מנהיג. — קאַמף פאַר יידישקייט און פריי־הייט. — זיינע וויכוחים. — לעצטער אַקט פון קדוש השם. — זיינע נאָכפאָלגער אין נגלה און נסתר.

וועגן **רבי עקיבא** איז שוין דאָ א גאַנצע ליטעראַטור און א גרעסערע צאָל ווערק איז שוין פאַרעפנטלעכט וועגן דאָזיקן תנא־העלד[1]. ער ווערט פאָרגעשטעלט אַלס פאָטער און באַגרינדער פון דער הלכה און אַלס גבור און קדוש, געקרוינט מיט אַלע לויבן פון א נאַציאָנאַלן העלד. לעצטנס איז דערשינען אַ נייע מאָנאָגראַפיע[2]) וועלכע גיט אונז אַ קלאָר בילד פון ר׳ עקיבאָ׳ס לעבן און שאַפן און פון זיינע רביים ווי נחום איש־גם־זו, ר׳ אליעזר, ר׳ יהושע און ר׳ גמליאל און אויך פון זיינע תלמידים־נאָכפאָלגער.

רבי עקיבאָ ווערט פאַררעכנט פאַר דעם גרעס־טען תנא, אַז משה רבנו האָט וועגן אים געזאָגט צו גאָט: „דו האָסט אַזאַ מענטשן און דו גיסט די תורה דורך מיר"[3]) און ווי עס ווערט געזאָגט, האָט משה רבנו שוין געוואוסט וועגן זיין גרויסקייט: אָדם אחד יש שעתיד להיות בסוף כמה דורות ועקיבאָ בן יוסף שמו שעתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ תילין תילין של הלכות"[4]). בעת משה איז ארויפגעשטיגן אין הימל און געזען ווי דער באשעפער איז פארנומען מיט צוגרייטן קריינדלעך צו די אותיות פון דער תורה, האָט ער געפרעגט צו וואָס די קריינדלעך? און ער האָט באַקומען אַן ענטפער: „אין דורות אַרום, וועט קומען אַ מאַן מיטן נאָמען עקיבאָ בן יוסף, וואָס וועט פון יעדן אות און יעדן שטריכעלע אַרויספירן אַ הלכה . . . משה איז גערירט געוואָרן פון אַט דעם גדול התנאים!

רבי עקיבאָ האָט געלעבט אין אַ שטורמישער צייט, ווען ס׳האָט געבושעוועט ווילדער טעראָר און אכזריותדיקע רעליגיעזע רדיפות, אינם „שעת השמד" ווען דער גורל פון יידישן פאָלק איז געשטאַנען אין קאָן. רבי עקיבאָ האָט דאַן באַצויבערט די יידישע מאַסן מיט זיין אויטאָריטעט אַלס בעל הלכה און אַלס מנהיג, און מיט זיינע אויפטואונגען אָפּגעראַטעוועט דאָס פאָלק פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. דעריבער ווערט זיין באַדייט פאַרגליכן מיט משה רבנו.

מ׳האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון זיין תורה, אַז נאָך זיין טויט, האָבן זיינע מיטצייטלער זיך אויסגעדריקט, אַז ס׳זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון תורה און חכמה[5]). זיין חבר רבי טרפון האָט צו אים געזאָגט: „כל הפורש ממך כפורש מחייו"[6]), אַז ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דיר, איז ווי ער וואָלט זיך אָפּגע־שיידט פון זיין לעבן. זיין גרויסקייט איז אָבער אויך געמאָסטן געוואָרן לויט זיין

באנעמונג און אינטערעס אינם פאָלק און זיין מי צו לינדערן זיינע נויטן. ער איז געווען דער פאָלקס־פירער, אַ גבאי־צדקה און אַ פירער אינם בר־כוכבא אויפשטאַנד.

ווי געזאָגט, ווילן מיר זיך ניט ארײַנלאָזן אין פרטים פון ביאָגראַפישן כאראקטער און ניט דאָ, איז דאָס אָרט מאריך צו זיין וועגן דער גרויסקייט פון רבי עקיבאָ[7] אויף וועמען ס'ווערט געזאָגט, אַז ענינים וועלכע זענען ניט אנטפלעקט געוואָרן צו משה רבנו, זענען אנטפלעקט געוואָרן צו רבי עקיבאָ[8], מיר ווילן בלויז אָנווייזן, אַז ניט אכטנדיק וואָס ער איז געווען אַ בן־גרים און אין דער יוגנט ניט געקענט לערנען, גאָר געווען אַ פאַסטוך און שוואַרץ־ארבעטער, האָט ער דורך זיין פרוי רחל, (די טאָכטער פונם רייכסטן יידן כלבאָ שבוע), וועלכע האָט זיך אין אים פאַרליבט און געוואָלט פון אים, ער זאָל לערנען תורה, דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, אַזוי אַז ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט זיך שוין דער שווער אויך געגרויסט מיט אים און אים אָוועקגעשענקט אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן[9].

רבי עקיבאָ אָנהייבנדיק זיין קאַריערע אין בני ברק[10], איז, ניט קוקנדיק וואָס ער איז געקומען פון די נידעריקערע שיכטן, געוואָרן דער מנהיג הדור, דער רעה ישראל, ווי משה רבנו און נאָכגעפאָלגט די לערע פון הלל הזקן וועגן מענטשן־ליבע[11].

ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן[12]. ווען ער איז שפּעטער, אַ דאַנק זיין פרוי[13] געוואָרן אַ גרויסער עושר, איז ער אַלץ געבליבן דער פאָלקס־מענטש, גע־זאָרגט וועגן די אָרימעלייט[14] און געשטאַרקט דעם „יד עניים"[15], אפילו דעם אָרימסטן יידן באַטראַכט פאַר אַ פרינץ, קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב[16]. ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן, ווייל ער איז באַשאַפן אינם „צלם אלקים"[17] און זיין לעבן דאַרף שטאַרק געהיט ווערן. ער, צוזאַמען מיט זיין חבר ר' טרפון, האַלטן, אַז ווען זיי זענען אין דער סנהדרין, וואָלט קיינער ניט געאורטיילט געוואָרן מיט טויט־שטראָף[18].

ניט אומזיסט איז ער אַזוי באַליבט און פאַרערט געווען סיי ביים פאָלק, סיי ביי זיינע לערער און סיי ביי זיינע חברים. זיין חבר, רבי טרפון, האָבן מיר געזען, דריקט זיך אויס וועגן אים מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג[19] און רבי דוסאָ בן הרכינס באַגריסט אים: „שמך הולך מסוף העולם ועד סופו"[20] און געלערנט האָט רבי עקיבאָ, סיי פון די בית שמאי און סיי פון די בית הלל, אָנגעהויבן ביי רבי אליעזר[21] דעם תלמיד פון בית שמאי[22], געלערנט ביי אים דרייצן יאָר[23] און 23 יאָר געלערנט ביי נחום איש־גם־זו[24] און שטאַרק געהיט די הלכות וואָס ער האָט געלערנט ביי ר' אליעזר'ן[25]. ער האָט געלערנט ביי רבי יהושע, דעם תלמיד פון בית הלל[26] און פון אנדערע. זיינע רבים האָבן אָבער צוגעגעבן, אַז ער האָט זיי איבערגעשטיגן אין וויסן און אין פאַרשטיין די הלכה[27] און אייניקע מאָל האָט ער

מחולק געווען אויף זיינע פאַרערטע רביים[28], סיי אויף רבי אליעזר'ן און סיי אויף רבי יהושע'ן. ער איז געוואָרן דער פאַקטישער נאָכפאָלגער פונם גרויסן טריבון און געניאַלע פערזענלעכקייט רבי יוחנן בן זכאי, דער צויבער פון זיין עפּאָכע[29].

וועגן ר' עקיבא'ס גרויסקייט אין תורה האָבן מיר, ווי שוין דערמאָנט, אומצייליקע מדרשים און אגדות, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור[30]. עס איז געווען רבי עקיבאָ, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם לימוד און חשיבות פון לימוד התורה[31]; עס איז געווען רבי עקיבאָ וואָס האָט געפירט פּאָלעמיק מיט די באַרימטע רוימישע און גריכישע געלערנטע; עס איז געווען רבי עקיבאָ וואָס איז אַריין אין „פרדס" פון וויסן און אַרויסגעקומען בשלום[32] און ניט אומזיסט, ווערט געזאָגט אויף אים, אַז נאָך זיין אומקום אויף קידוש השם, זענען בטל געוואָרן די זרועות התורה און עס זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון חכמה[33].

ער האָט אויך באַוויזן גרויסקייט אַלס סדרן, אַלס קאָמפּילאַטאָר, אַלס שאַפער פון „משנת רבי עקיבאָ" און ניט אומזיסט ווערט ער טיטולירט אַלס „אוצר בלום[34]. דערצו, אַרויסגעוויזן א געוואַלטיקע ליבשאַפט צום מענטש בכלל און צום יידישן מענטש בפרט[35].

ווי ביאַליק האָט זיך אויסגעדריקט: די תורה איז געגעבן געוואָרן אין דרייפאַכיקער זוניקייט, דריי זונען: משה רבינו, רבי עקיבאָ, דער רמב"ם. תורת משה, די געטלעכע לערע, האָט געלערנט צוויי אומענדלעכע ליבשאַפטן — „ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך" און „ואהבת לרעך כמוך". נאָך פופציק דורות[36], האָט נאָך א מענטש זוכה געווען צו אן אומפאַרגלייכלעכער פאַרערונג, דאָס איז געווען רבי עקיבאָ בן יוסף; נאָך טויזנט יאָר, האָט דער דריטער, ר' משה בן מימון, זוכה געווען צו דער פאַרערונג, וואָס איז געקומען אין די ווערטער: „ממשה ועד משה לא קם כמשה". אין די לערערס פון די דריי גרויסע, ליגט דער יסוד פון יהדות, ווי דער רבי פאַר אַלע דורות און נאָך אים די נביאים האָבן געלערנט, דער יסוד פונם בונד צווישן גאָט און יידן, איינשליסנדיק דעם יסוד פון סאָציאַלן יושר און געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

די פאַרערונג צו רבי עקיבאָ איז אומפאַרגלייכלעך. ווען נאָר ער דיסקוסירט מיט זיינע חברים, בלייבט עס ווי ער פּסקענט[37], ווייל זיין כאַראַקטער און געניאַלקייט האָט עס אים געגעבן דידאָזיקע פאַרערונג, צו ווערן דער רבי פון פאָלק פאַר אַלע דורות, אַזוי אין נגלה און אַזוי אין נסתר[38] און ניט אומזיסט פאַרגלייכט אים די אגדה צו משה רבינו[39] „וכל יקר ראתה עינו"[40]. די אגדה ציט דעם פאַראַלעל, אָנווייזנדיק אויף דעם פאַקט, אַז משה רבנו, הלל הזקן, רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבאָ — אַלע האָבן געלעבט 120 יאָר.

רבי עקיבא איז געווען, ווי געזאָגט, סיי דער גאון ההלכה און סיי דער גאון האגדה.

אין תלמוד געפינען מיר צוויי שטעלן: ר׳ אלעזר בן עזריה האָט אים אַמאָל געזאָגט: „עקיבאָ מה לך אצל אגדה, כלך מדברותיך אצל נגעים ואהלות[41]. און אויף אַן אַנדער אָרט[42] פאַרלאַנגט מען פון אים, ער זאָל פאַרלאָזן נגעים ואהלות און זיך פאַרנעמען מיט אגדה . . . דער אַסטראָנוצער רב, ר׳ מאיר יחיאל הלוי האלשטאָק, ז״ל, האָט אַמאָל געטייטשט דעם דאָזיקן מאמר ר׳ עקיבאָ מה לך אצל אגדה — דו ביסט דאָך אַליין אַ וואונדער אגדה[43] און דאָס איז אַ פולער אמת. ווי מחשבי חשבון האָבן אויסגערעכנט, געפינט ער זיך 564 מאָל אין ש״ס [44]) און תמיד מיט פאַרערונג, אַזוי פון זיינע חברים און שוין אָפּגערעדט פון זיינע חברים־תלמידים, ווי בן עזאי, בן זומאָ און אַנדערע וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז צו אים זענען איבערגעגעבן געוואָרן די סודות פון דער תורה.

ס׳קומט אונז ביי דער געלעגנהייט אויפן געדאַנק י. י. טרונק׳ס אינטערעסאַנטע עסיי „רבי עקיבא און דער זוהר״[45], זיין געוואַגטן פרואוו צו באַווייזן, אַז ר׳ עקיבא, דער רבי פון רבי שמעון בן יוחאי, איז דער מחבר פון „זוהר״, דאָס געהייליקט־פאַר־הייליקט ספר ביי די מקובלים־מיסטיקער, זעענדיק אין אים די טיפסטע געהיימנישן פון יידישן געדאַנק וועגן גאָט און וועלט.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין דער דאָזיקער חקירה, וואָס איז אַ חידוש און האָט אַרויסגערופן שטוינונג און קעגנערשאַפט סיי מצד טעאָלאָגישע פאָרשער, סיי מצד ראַציאָנאַליסטן־היסטאָריקער און איז גאָר שטאַרק באַקעמפט געוואָרן פון די „שומרי החומות״. אין כּלל גענומען, איז עס אַ גאָר אינטערעסאַנטע שטודיע און י. י. טרונק, באַווייזט, אַז ער פאַרמאָגט די טערמינאָלאָגיע פאַר „מעשה מרכבה״ פונקט ווי ער קאָן די שפּראַך פון דער מאָדערנער געשיכטס־ווייסנשאַפט . . . וויכטיק איז אויך די געוואַגטקייט, צוצושרייבן דעם „זוהר״ צו ר׳ עקיבאָ׳ן וועלכער האָט געדרשענט און געזוכט די הלכהשע סימבאָליק אין יעדן קלענסטן אות פון דער תורה[46], אַז דאָס באַווייזט אויף מיסטיציזם, קבלה׳שע פאַרטיפונג.

נאָר אַ מאַן ווי ר׳ עקיבא האָט געקענט אַריינדרינגען אין די געהיימנישן פון קבלה, ווי ער האָט דאָס באַוויזן אין זיין „אותיות דרבי עקיבא״ און אינם ספר וואָס אייניקע פאָרשער האַלטן, אַז רבי עקיבאָ איז זיין מחבר, מיר מיינען דאָ, דעם „ספר יצירה״ (אָדם הראשונס ווערק). נאָר צו אים, האַלט טרונק, איז פּאַסיק די סימבאָלישע דימענסיעס און די קאָסמאָגענישע דרכים פונם „זוהר״ און אַז ער האָט עס, אויך צוליב סימבאָלישע מאָטיוון, גערופן אויפן נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכער, ווי ער דריקט זיך אויס, „באַדאַרף צופירן די קאָסמאָגענישע וואַנדערונג פון דער מענטשלעכער געשטאַלטונג ביז צו די העכסטע שפּיצן פון דעם אַבסאָלוטן איינס״[47].

רבי עקיבאָ האָט געהאַט, לויט איין ווערסיע, 24 טויזנט תלמידים און גאָר אַ סך משפּיע געווען אויף זיי אַלס קעמפער אין בר־כוכבאָ קאַמף קעגן די רוימער[48])

און נאָך מער אויפגעטאָן פאַר לימוד התורה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט מסירת־נפש און ווי די חז״ל דריקן זיך אויס, איז די „וועלט געווען וויסט ביז עס איז געקומען רבי עקיבא״[49] אָנפירנדיק זיין ישיבה, אפילו אין תפיסה. א דאנק אָט דער גרויסקייט, איז ער צוזאמען מיט נאָך דריי, אריין אין פרדס פון וויסן און בלויז ער איז ארויס גאנץ:

„בן עזאי האָט אַ בליק געטאָן און געשטאָרבן. בן זומאָ האָט אַ בליק געטאָן — און געטראָפן געוואָרן, אחר (אלישע בן אבויה), האָט געשניטן אָדער אָפּגעהאקט די צווייגן (קיצץ בנטיעות) און בלויז רבי עקיבאָ איז אריינגעגאנגען בשלום און ארויסגעגאנגען בשלום״. ער איז געבליבן גרויס אין אלע היגזיכטן און בייגעקומען אלע געפאַרן. דער געוועזענער פּאַסטוך און אָרימער האָלצהעקער[50] איז געוואָרן דער „גבור״ אין תורה און הנהגה[51]; געוואָרן דער נאָכפאָלגער פון הלל הזקן אין מענטשן־ליבשאפט[52] און ער איז געוואָרן אַ מוסטער־מענטש פון מסירת־נפש פאַר אַ פולשטענדיק תורהדיק לעבן[53].

דאָס איז אים ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ער האָט געדאַרפט אַ סך ארבעטן אויף זיך, ווי די גמרא דערציילט, אַז ר׳ אליעזר האָט געבעטן אויף רעגן איז ניט געקומען און אַז ר״ע האָט געבעטן איז געקומען רעגן. פאַרוואָס האָט זיין תפלה געפּועלט? ווייל ער איז געווען אַ „מעביר על מדותיו״[54] און דער רשב״א דערקלערט עס, אַז דערפאַר וואָס ר׳ עקיבא איז געווען אַ בן־גרים, איז געווען שלעכט פון דער נאַטור, אָבער האָט זיך געשטאַרקט און גובר געווען דעם יצר פון טאָן שלעכטס, פון גאוה, פון עגאָיזם און געוואָרן ניט בלויז דער שעפער פון דער הלכה און טיפזיניקער דענקער נאָר אויך דער גרויסער עסקן, פאַר חנוך און צדקה[55].

וועגן זיינע חנוך־טעטיקייטן, דערציילט אונז דער מדרש[56] אַ כאַראַקטער־ריסטישן פאַקט: ר׳ טרפון האָט אים אַמאָל געגעבן געלט צו קויפן פעלדער, האָט ער גענומען די געלט און עס פאַנאַדערגעטיילט צווישן מלמדים פון תנ״ך און משנה. יאָרן לאַנג האָט ער זיך פאַרנומען מיט זאַמלען געלטער פאַר אָרימעלייט[57] און תמיד געפאָדערט פון די רייכע, זיי זאָלן ניט זיין קאַרג, ווייל אַז מען גיט צדקה ווערט מען רייך און געהייסן אַמאָל אָוועקנעמען דעם מעשר פון ר׳ אלעזר בן עזריה, און עס געבן צו אָרימעלייט, תלמידי חכמים, ווייל פונקט אַזוי ווי ס׳איז ביי אים גרויס געווען דער האס צום געלערנטן, בעת ער איז געווען אַן עם הארץ, אַזוי האָט ער געקראָגן אַ גרעניצלאָזע ליבשאפט צום תלמיד חכם, בעת ער איז געוואָרן דער רבי עקיבאָ[58] און געהאַט אויף דעם פאַרשיידענע משלים[59].

ווען טורנוסרופוס הרשע האָט אים געפרעגט: אויב אייער גאָט האָט ליב אָרימעלייט, פאַרוואָס שפייזט ער זיי ניט? . . . . איז ער אים קיין ענטפער ניט שולדיק געבליבן, ווייל נאָר ער, האָט ניט געקוקט וואָס אַ דאנק זיין פרוי, די טאָכטער פון כלבא שבוע זיך געקענט פאַרגינען ארויסצוגיין „בירושלים דדהבא״, מיט גאָלד

און זילבער, דאָך געפּילט די נשמה פונם אָרימאַן און אַנגענומען דעם אמט פון ממונה איבער דער קופּה של צדקה[60] און געטיילט צדקה „לספריא, ומתנייא ולאילן דלעיין באוריתא[61]". ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין פריערדיקן אָרימאַן שטאַנד, פונקט ווי ער האָט ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם חסד פון זיין פרוי, באהויפּטנדיק אַז „שלי ושלכם — שלה[62]". ער האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אַ ליבע פרוי, וועלכע ברענגט גאַנצקייט און צופרידנקייט אין לעבן[63].

און ניט בלויז מיט צדקה זיך אָפּגעגעבן, נאָר בכלל מיט אַלע וואוילטעטיקע געזעלשאַפטלעכע נויטיקע ענינים. ווייל ער האָט שטאַרק געהאַלטן פונם מענטש, דעריבער האַלט ער שטאַרק פון די סאָציאַלע מצוות, דעריבער האַלט ער שטאַרק פון בקור־חולים[64] און פון אַלץ וואָס ברענגט פאַרלייכטערונג צום מענטש, וואָס איז באַשאַפן „בצלם אלקים". ער האָט אַ סך געטאָן פאַרן וואוילזיין פונם מענטש. ער האָט זיך אויסגעהיט קיין מענטש ניט מטריח צו זיין, אַפילו בעת תפלה (פאַר זיך געדאַוונט מיט שטורעם און מיטן פאַלק געדאַוונט זייער שטיל, בנחת . . .) און געראַטן גיין אויפן מיטל־וועג[65] — אָבער וועגן דעם ווייטער.

ב. צו פערציק יאָר ניט געקענט לערנען. — ווערט דער גרעסטער תנא.— זיין פרוי יאָגט אים צו תורה. עקיבא מיט אַן „א" אָדער מיט אַ „ה" צום סוף. — ווערט דערמאָנט ביי „כל נדרי".

ווי מיר האָבן אין אָנהייב אָנגעמערקט, טראַכטן מיר ניט צו געבן פּרטימדיקע ביאָגראַפישע שטריכן פון די גדולי התנאים אָדער אמוראים. מיר האָבן אויך ניט בדעה זיך אַריינלאָזן אין אַ פולערע אָפּשאַצונג וועגן ר' עקיבאָ'ס לעבן און אויפטועו. מיר ווילן בלויז, אין שייכות מיט אָט דעם תנא־העלד, אַרויסכאַפּן עטלעכע פּערל פונם אגדה־ים; אַזעלכע, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו אונזער אַרבעט, און דערביי דערמאָנען אייניקע הויפּט־דאַטעס פון זיין געבורט און פון זיין פאַלן על קדוש השם.

רבי עקיבאָ איז געבוירן געוואָרן נאָך אין צייט פון בית המקדש, אין יאָר ג' תש"ם מיט ניינצן הונדערט און זעכציק יאָר צוריק און אומגעקומען דורך די רוימער, ערב יום־כפור ג' תת"פ.

אין זיין וואונדערלעך־סטיליסטישן מאמר, אין דער סעריע „מדי חודש בחדשו", מחזור שלישי[1], דערציילט אונז הרב י. ל. הכהן מימון, אַזוי אויספירלעך „בדחילו ורחימו". פאַרשיידענע מאָמענטן אין ר' עקיבאָ'ס לעבן, מאָמענטן וואָס בלייבן אין דער אייביקייט, אין דעם יידישן מיטאָס.

ער שילדערט אַזוי קלאַסיש, דעם מאָמענט, ווען אליהו הנביא איז געקומען צו ר' עקיבאָ'ס געטרייסטן תלמיד, ר' יהושע הגרסי, וועלכער האָט געוואַכט איבער זיין רבי'ן אין תפיסה און געמוזט ערב יום־כפור אוועקגיין, און באַלד

אין דערזעלביקער כל־נדרי־נאכט איז אליהו הנביא פאר אים געקומען אנזאגן די טרויעריקע בשורה וועגן רבינ׳ס פטירה[2] און וויאזוי זיי האבן פאר אים געפונען א מערה ניט ווייט פון טבריה און אים דארט געבראכט צו קבורה . . .
די אגדה האט אלע חנען און צויבער פון א מדרש־מעשה.

הרב מימון ברענגט אבער דארט א חידוש, אז אנשטאט עקיבא מיט אן „אלף" דארף מען גאר שרייבן עקיבה מיט א „ה" צום סוף פון נאמען און אז דער נאמען איז מרומז אינם פסוק אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה[3] און הרב מימון פירט אויס, אז צוליב דעם טאקע, קען זיין, האט זיך געשאפן דער מנהג צו זאגן פאר כל נדרי, דעם פסוק, אין וועלכן ס׳איז מרומז, דער נאמען פונם תנא, וואס איז אומגעקומען יום־כפור־נאכט, און איז געווען אזוי פארערט ביי יידן.

רבי עקיבא ווי מיר האבן געזען, האט שטארק געהאלטן פונם מענטש וואס איז „בצלם אלקים" און דעריבער ארויסגעוויזן די אומגעהויער־גרויסע ליבשאפט צום מענטש און געהאלטן דעם ואהבת לרעך כמוך[4], אלס דער עיקר העיקרים אין דער יידישער עטיק, דער העכסטער פרינציפ אין יהדות.

ווי הלל הזקן, האט עם דערקלערט דעם גר „על רגל אחת", אז דאס וואס דיר איז ניט ליב, זאלסטו ניט טאן צו דיין חבר[5] האט זיין נאכפאלגער, ר׳ עקיבא, געשטארקט די דאזיקע אנשויאונג מיט דער באהויפטונג, אז מ׳דארף אים, דעם מענטש ליבן, ווייל ער איז באשאפן אין גאט׳ס געשטאלט[6]. זיין תלמיד בן עזאי דריקט זיך אויס מיט דערזעלביקער באגייסטערונג: „זה ספר תולדות אדם . . . בדמות אלקים עשה אתו, אז דאס מיינט צו זאגן, אז מ׳טאר דעם מענטשן ניט פארשעמען, און דער יחיד איז דער יסוד פון דער געזעלשאפט, אז „בריה אפילו באלף לא בטל" . . . [7].

ווייל ער האט אזוי ליב געהאט דעם מענטש, האט ער זיך מוסר נפש געווען אים צו דערהויבן און זיך גארנישט ניט געשראקן, ווען טורנוספוס האט אים געווארנט ניט לערנען תורה מיט מענטשן. ער האט אגיטירט פאר תורה[8] און פארנומען די שטראף־קאנסעקווענצן מיט ליבשאפט און מסירת־נפש וואס האט ניט קיין פארגלייך[9]. זייענדיק איבערצייגט אין אט דער קאנצעפציע, איז ער במילא געווען דורכגעדרונגען מיט גרעניצלאזער עניוות און בעת אנדערע חברים זיינע האבן אמאל זיך פארנומען מיט לויבן זייערע ארבעטן און לערנען, האט ער גאר אוועקגעמאכט אלע זיינע דערגרייכונגען, ווייל לויב פאר זיך איז אים אינגאנצן פרעמד געווען[10].

מערקווירדיק איז וואס ער האט געזען אין זיין מענטשן־ליבע, א פרינציפ פון „חייך קודמים לחיי חברך", אורטיילנדיק קעגן דעם אלטרואיזם און דער אומרעאליסטישקייט פון בן פטורא, און געפסקענט להלכה למעשה, אז דער, ווע־מענס וואסער ס׳איז געווען און האט ניט קיין טראפן פון דעם אנדערן — און אויב

ער וועט דערפֿון אָוועקגעבן צום אַנדערן, וועט ער אויך שטאַרבן, איז אַנשטאָט ביידע זאָלן שטאַרבן, זאָל ער זיך קודם־כל ראַטעווען[11] — אָבער אַלע ווייזן אָן, אַז אויב ס'וואָלט ניט געווען זיין וואַסער, האָט ער ניט קיין רעכט מער ווי דער אַנדערער, אַז דאַן גילט דער כלל פֿון „מה חזית דדמא דידך סמיק טפי . . . [12] א באַזונדער ענין וועגן וועלכן מיר ווילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן.

ר' עקיבאַ'ס שיטה איז געווען, אַז אונזער תורה איז אַ תורת חיים. די מצוות האָבן דעם ציל פֿון „וחי בהם", און אַט דעם געבאָט פֿון לעבן, לויט דער רעליגיעזער אויפֿפֿאַסונג, האָט ער פֿאַראיידלט און פֿאַרפֿיינערט, ווי נאָר זיין צעשיינענדיקער און צעלויכטנדיקער מענטשן־גייסט האָט דאָס באַוויזן. ער האָט געשטאַרקט דעם קאָדעקס פֿון דער יחידישער און סאָציאַלער מאָראַל און עטיק, באַזירט אויף תורת משה און תורת הנביאים — די פֿאָרמאַלקייט פֿון יהדות און זיין קאָנקרעטיזירטקייט.

דער מומחה אין הלכה און אגדה, דער, אויף וועמען איינער פֿון זיינע תלמידים־חברים, דריקט זיך אויס: „כל חכמי ישראל הם נגדי כקליפת השום, הוץ מן הקרח הזה"[13], ער האָט עס געשטעלט דאָס יהדות אויף די פּרינציפּן פֿון צדק, דין און חסד און אין דעם זין, געזען די יידישע הלכה.

ביזן עלטער פֿון פֿערציק יאָר, האָט ר' עקיבאַ נאָכניט געקענט לערנען[14] אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך גענומען לערנען, האָט ער זיך דערהויבן צו ווערן איינער פֿון די גרעסטע געשטאַלטן אין דער יידישער געשיכטע, ניט געקוקט וואָס זיין אָפּשטאַם איז גאָר געווען פֿון סיסראָ. ער איז דאָך, ווי מיר האָבן פֿריער דערמאָנט געשטעלט געוואָרן פֿון משה רבנו, אַלס גרעסערן הלכה מענטש: „רבונו של עולם, יש לך אדם כזה ואתה נותן תורה על ידי?"[15] און דער דור האָט אים באַטראַכט פֿאַר דעם „אשכול"[16]. ער איז געוואָרן דער סימבאָליש־קעמפֿערישער תנאַ־מאַרטירער אויף וועמען דאָס הימלישע בת־קול האָט אָנגעזאָגט דער וועלט: „אשריך רבי עקיבאַ, שאתה מזומן לחיי העולם הבא"[17].

אַט דער רבי עקיבאַ האָט געלערנט די יסודות פֿון דער יידישער עטיק, וואָס איז ניט סאָציאַליזם און ניט קאַפּיטאַליזם, נאָר יידישער צדק פֿאַר מענטש און ייד. ער, ווי די אַנדערע תלמוד־באַגרינדער זענען מעורר צו העלפֿן אָרימעלייט און אומצוליקע מאָל באַטאָנען זיי די וויכטיקייט פֿון צדקה וואָס איז אַ טייל פֿונם צדק. רבי עקיבאַ האָט געפֿילט די ליידן פֿונם אָרימאַן, ווייל ער אַליין איז דאָך אַ צייט געווען אַן „עני מדולדל". דערנאָך ווען ער איז צוליב זיין פּרוי אָדער צוליב אַן אַנדערן צופֿאַל געוואָרן אַ גרויסער עושר[18], האָט ער אַלץ ניט פֿאַרגעסן דעם אַמאָל, אומצעליקע הלכות אַרויסגעגעבן לטובת אָרימעלייט און זיך פֿאַרנומען אַלס גבאי צדקה[19]. ער האָט אָבער געלערנט, אַז צדקה דאַרף מען געבן אויסגערעכנט, מיט טעם און ניט סתם אַזוי וואַרפֿן. ער האָט זיך געהאַלטן

ביי דער תקנה פון „המבזבו אל יבזבו יותר מחומש"[20], און ביי אים דאַרף מען זאָגן: „נאין הדברים כשהן יוצאין מפי עושיהם"[21].

דער דאָזיקער פּראַקטישער טעאָרעטיקער, האָט עס אוועקגעשטעלט די זיטן, מנהגים און עטישע באַנעמונגען סיי אין די געבאָטן וואָס טראָגן אַ ריין רעליגיעזן כאַראַקטער, סיי אין די געבאָטן וואָס האָבן צו טאָן צווישן ייד און ניט־ייד און אוודאי די געזעצן וואָס האָבן דורכאויס צו טאָן מיט די געבאָטן בין אָדם לחברו, ייד מיט אַנדערן ייד[22].

עס איז געווען רבי עקיבאָ וואָס האָט געהאַלטן אַז באַגזלן אַ נכרי, אַ ניט־יידן, איז ערגער ווי באַגזלן אַ ייד, ווייל דער חילול השם איז גרעסער[23]. דער דאָזיקער עטישער אימפּעראַטיוו איז אָנערקענט געוואָרן ביי אַלע תנאים און אמוראים. ר' אושעיא איש טריא האָט צוריקגעגעבן, די אבדה פון אַ געצנדינער, כאָטש על־פּי־דין האָט ער עס געמעגט האַלטן פאַר זיך[24]. די פּוסקים האָבן להלכה נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן דין[25].

רבי עקיבאַ האָט געהאַלטן, אַז ניט בלויז דאַרף מען האָבן רחמנות אויף מענטשן; אפילו אַ בהמה טאָר ניט געטויט ווערן, אויב זי האָט געשטויסן אַ מענטשן, סיידן דורך אַ בית־דין[26]. ניט אומזיסט איז זיין נאָמען גרויס געווען איבער דער גאַנצער וועלט[27].

ר' עקיבאָ, וועלכער האָט געדאַרפט מער ווי ווער ניט איז אַנדערער, האַסן די רוימער, ער האָט דאָך געזען דעם חורבן; ער האָט געזען ווי דער רשע טיטוס, איז מזלזל אין קדשי־קדשים, שאַנעוועט ניט אפילו זיין אייגן כבוד[28]; ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרשווייגן די אומווירדיקע מעשים פונם רשע, וועמען די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן האָבן געחנפעט[29]; זיין איינציקע זינד, איז באַשטאַנען אין לערנען תורה, און פאַר דאָזיקער „זינד", האָט מען אים מיט די ערגסטע סאַדיסטישע מעטאָדן געפּייניקט, געקאָמט זיין לייב מיט די אייזערנע קאַם[30]; פונדעסטוועגן האָט ער ניט צוריקגעהאַלטן זיין תלמיד רבי שמעון בן יוחאי צו היילן די טאָכטער פונם דאָזיקן ברוטאַלן מושל[31] און ניט געהאַלטן פון נעמען נקמה פון די דאָזיקע רוצחים־סאַדיסטן.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך זיינע ענטפערס צו די חכמי הגויים פון זיין דור. זיין ענטפער, למשל, צו זונין הגדול וועלכער האָט אים געפרעגט אַן איינפאַכע פראַגע: „לבי ולבך יודעים שאין ממש בעבודת אלילים" . . . און מען זעט דאָך, ווי מענטשן פאַרקריפּלטע, קראַנקע קומען צוריק געזונטע . . . האָט ער אים געענטפערט: „איך וועל דיר געבן אַ משל: אַ מענטש אין שטאָט, צו וועמען אַלע האָבן געהאַט צוטרוי און מ'האָט ביי אים באַהאַלטן זאַכן אָן עדות און איינער איז געקומען און איבערגעגעבן אַ זאַך גראָד מיט עדות . . .

איין מאָל, האָט ער פאַרגעסן און איבערגעגעבן צו האַלטן אַ זאַך פאַר אים אָן עדות. זאָגט צו אים זיין פרוי: לאָמיר אים לייקענען . . . זאָגט ער צו איר:

צוליב דעם וואָס דער שוטה האָט געטאָן ניט ריכטיק, זאָלן מיר פאַרלירן אונזער אמונה?

יסורים, ווען זיי ווערן געשיקט אויף אַ מענטשן, ווערן זיי באַשוואוירן, זיי זאָלן ניט גיין צו אים, נאָר אין דעם און דעם טאָג און זאָלן ניט אַוועק, נאָר אין דעם און דעם טאָג, דורך דעם און דעם מענטש און דורך דער און דער מעדיצין . . . אַז עס איז געקומען די צייט, זיי זאָלן ווערן אָפּגעטאָן און ער איז געגאַנגען צום פּסל, האָבן די יסורים געזאָגט: מיר דאַרפן ניט אַוועק . . . אָבער זיי טראַכטן זיך באַלד איבער און זאָגן צו זיך: צוליב דעם, וואָס דער שוטה האַנדלט נאַריש, זאָלן מיר זיך מתיר זיין אונזער שבועה? . . .

רבי עקיבאָ איז געווען דער גרעסטער קענער אין תורת הנגלה, אין הלכה. ער איז אויך געווען דער גרויסער אויסטייטשער פון פסוקים[32]; גרויסער קענער אין חכמת הנסתר[33], און דערצו דער ליבהאָבער פון מענטש און טרייסטער פון זיין פאָלק[34].

ער, צוזאַמען מיט די חכמים פון דור, האָבן געפירט כסדרדיקע וויכוחים מיט די רוימער, גריכן און אַנדערע היידנישע געלערנטע[35] — אָבער וועגן דעם באַזונדער.

מיר ווילן דאָ בלויז באַרירן נאָך איין פונקט אין רבי עקיבאָ'ס קאָנצעפּציעס, זיין אַנשויאונג וועגן אָרים און רייך, די באַציאונג צו עשירות.

אין זיין ספר „זוטו של ים" [36] גיט אונז ר' משה לייטער, אַ זייער כאַראַקטעריסטישן אויסטייטש פון דעם מאמר אין דער גמרא אין דער דיסקוסיע ווער איז רייך? איזהו עשיר?

רבי מאיר זאָגט: „כל שיש לו נחת־רוח בעשרו" (דער וואָס האָט פאַרגעניגן פון זיין רייכטום). רבי טרפון זאָגט: „כל שיש לו ק' כרמים וק' שדות וק' עבדים בהם" (דער וואָס האָט הונדערט וויינגערטנער, הונדערט פעלדער, און הונדערט קנעכט וואָס באַאַרבעטן זיי). רבי עקיבאָ זאָגט: „כל שיש לו אשה נאה במעשיה" (דער וואָס האָט אַ פיינע און לייטישע פרוי). רבי יוסי זאָגט: „כל שיש לו בית הכסא סמוך (דער וואָס האָט אַ וואַשצימער נאָענט).

ר' משה לייטער גיט דאָ זיין כאַראַקטעריזאַציע, אַז יעדער רעדט דאָ לויט זיין פּראָפעסיע, שטאַנד און סאָציאַלע דערפאַרונגען:

רבי מאיר, דער שרייבער [36] און במילאָ אַן אָרימאַן, ווייל ווי די גמרא דערציילט [37] זענען די אַנשי כנסת הגדולה געזעסן פיר־און־צוואַנציק תעניתים אַז די שרייבער פון תפלין און מזוזות זאָלן ניט רייך ווערן. ער איז אָבער געווען אַ צופרידענער, אַ „שמח בחלקו" און געהאַט נחת פון זיין תורה־שאַפן[38] און שטאַרק אַגיטירט פאַר אומנות, געזען ברכה אַפילו פון זיין פּראָפעסיע אַלס סופר און פון זיין פאַרדינסט אַוועקגעגעבן אַ דריטל צו אָרימעלייט[39]. ער איז געווען איבערצייגט, אַז רייך איז דער, וואָס איז אַ „שמח בחלקו"[40].

רבי טרפון, וועלכער האָט זוכה געווען צו גרויס עשירות, געווען זייער רייך, האָט געזען אין רייכקייט אַ מעגלעכקייט צופרידנצושטעלן דעם מענטשן[41].

רבי עקיבאָ בן יוסף, זיין יונגערער חבר — אָבער אָנערקענטער גדול הדור, ער האָט געזען די גרעסטע עשירות אינם באַזיצן אַ שיינע פרוי מיט שיינע מעשים. זיין פרוי, די טאָכטער פונם רייכסטן ייד, כלבאָ שבוע, האָט דאָך פשוט אָפּגעשוירן אירע האָר, פאַרקויפט און פאַר דעם געלט געהאָלפן איר געליבטן מאַן, אים געניאַנט צו לערנען תורה . . . ער האָט געזען, אַז בלויז אַ גוטע פרוי קאָן ברענגען גליק איר מאַן[42].

רבי יוסי, וועלכער איז תמיד געווען אַ ליידנדיקער פון מאָגן־קראַנקהייט[43] האָט געהאַלטן, אַז געזונט, איז די גרעסטע רייכקייט ביים מענטש און אַזוי ווי די ערגסטע קראַנקהייטן קומען פון מאָגן, האָט ער געלויבט דאָס האָבן אַ „בית־כבוד", וואָס איז דאַן געווען, ניט פון די באַקוועמע זאַכן, און מערסטנס אויסערן שטאָט.

דאָס קריסטנטום, ווי מיר וועלן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל אָנווייזן, איז געווען בכלל קעגן די רייכע, אפשר דערפאַר, ווייל די אַפּאָסטאָלן האָבן געוואָלט צוציען די אָרימע שיכטן וועלכע זיי האָבן געקאָנט לייכטער דערגרייכן. „געבענטשט זענען די אָרימע — האָבן זיי פּראָפּאַגירט — וואָרים גאָט'ס קעניגרייך געהערט צו זיי. ווי איז אייך, וואָס איר זייט רייך, ווייל איר האָט שוין געקראָגן אייער טרייסט . . . "

די ערשטע קריסטן, קאָן געמאָלט זיין, זענען געווען אמתע אידעאַליסטן, געלעבט אין אַ קאָמונע און יעדער מיטגליד פון די אסיים, האָט געמוזט איבערגעבן זיין פאַרמעגן דער אַלגעמיינער קאַסע, אָבער די נאָכפאָלגער, די שאַפער פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, האָבן שוין געהאַט חשבונות און די געשאַפענע קירכע האָט געזוכט רייכטום און פאַרמעגן[44]. אונזערע חכמים זענען קעגן דער אידעאָלאָגיע פון שטעלן זיך אויף דער זייט פון די אָרימעלייט אָדער פון די רייכע און זענען קעגן דעם אַסקעטיזם און שנאָה צום נאַטירלעכן לעבן. דער פּרינציפּ ביי וועלכן אונזערע חכמים האַלטן זיך, איז דער פּרינציפּ פון „צדק, צדק, תרדוף"[45].

די גענפאַר פון קריסטנטום איז אין יענער צייט געווען זייער גרויס. די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן האָבן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע פּראָקלאַמירט אַז ישו פון נוצרת זאָל געווען באַהויפּטן: „איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך בין געקומען צעשטערן די „תורה־געבאָטן אָדער די נביאים־רייד . . . איך בין בלויז געקומען פאַרפאָלקאָמען, ממלא זיין"[46].

אַ גרויסער טייל פון יידישע מאסן, ווייזט אויס, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דערדאָזיקער לערע, ניט זעענדיק דערין קיין סתירה צו יהדות. רבי עקיבאָ, און שפּעטער רבי יהודה הנשיא, די אָנערקענטע פירער פון יידנטום האָבן דעריבער

אויף טריט און שריט, זיך פאַרנומען מיט אָפּווענדן די קריסטלעכע תורה, באַווייזנדיק אַז זי איז אין קעגנזאַץ ניט בלויז צו דער רעליגיעזער נאָר אויך צו דער סאָציאַלער יידישער אויפפאַסונג.

זיי האָבן באַוויזן, אַז די יידישע תורה איז ניט מכיר־פּנים, ניט צו קיין רייכן און ניט צו קיין אָרימען מענטשן. עס איז דאָ דער גערעכטיקייט־פּרינציפּ: „ודל לא תהדר בריבו"[47], וואָס קומט פונם זעלבן קוואַל, ווי „לא תטה משפט אביונך בריבו"[48] און ווי רבי עקיבאַ, דער גרויסער ליבהאָבער פונעם מין מענטש האָלט, אַז אויך צו רחמנות איז פאַראַן אַ גרעניץ, „אין מרחמים בדין"[49].

רבי עקיבאַ, ווי רבי יהודה הנשיא, זייענדיק אַליין גרויסע עשירים, האָבן אין עשירות גופא ניט געזען קיין שלעכטס, נאָר בלויז אינם עשירות וואָס ווערט דערגרייכט דורך וועגן, קעגן דער יידישער עטיק און מאָראַל, ווייל זיי זענען געווען איבערצייגט, „דברים שבינך לבין חברך — לא ינקה" און דעריבער האָט ער געזען זאַכן רעאַליסטיש און זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף אַבסטראַקטע לערעס וואָס פירן צו גאָרנישט.

דער פאַקט איז, אַז ניט בלויז תנאים ווי רבי טרפון, רבי עקיבאַ, רבי אלעזר בן עזריה, רבי יהודה הנשיא און אַנדערע זענען געווען עשירים, נאָר אויך דער נביא ישעיהו, אָנזאָגער פונם גרויסן חזיון „אחרית הימים", איז געווען אַ גאָר רייכער מענטש[50].

אין תלמוד ווערט געזאָגט, אַז די שכינה רוט ניט נאָר אויף אַ חכם, גבור און עשיר[51]; אויף יתרו׳ס עצה אויסצואווילן „אנשי חיל", ווערט קאָמענטירט: „אלו עשירים ובעלי מומין[52]) ווייל אַן אָרימאַן קאָן אַמאָל געשטרויכלט ווערן דורך „שוחד".

אמת, דער רמב"ם זאָגט אין זיין „אגרת תימן" און אויך אין זיין „יד החזקה"[53] אַז דער אַטריבוט „עשיר" מיינט דאָ **עשיר בדעת**, רייך אין וויסן און „גבור", מיינט שטאַרק אין מדות אָבער אין דעם פּשוט׳ן זין, מיינט עס עשירות, רייכקייט און אַז ווען דער מענטש האָט עשירות, איז ער מער אויפגעלייגט, האָט ער הרחבת הדעת און קען בעסער דערהויבן ווערן צו נבואה . . .

רבי עקיבאַ, וויסן מיר, איז פריער געווען אַן אָרימער פאַסטוך ביי כלבא שבוע און איז שפּעטער רייך געוואָרן[54] — אָבער די עשירות האָט אים גאָרנישט ניט געשטערט אין זיין גרויסקייט אַלס מנהיג הדור. אפילו ווען ער האָט געקויפט זיין פרוי טייערע צירונג, איז עס ניט געווען צוליב באַווייזן זיך, נאָר אויסדריקן איר אָנערקענונג.

אין ירושלמי[55] ווערט דערציילט:

ס׳האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז ר׳ עקיבאַ האָט געמאַכט פאַר זיין פרוי אַ צירונג, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעמאָלן די שטאָט ירושלים. האָט דאָס ר׳ גמליאל׳ס פרוי געזען, איז זי געוואָרן אייפערזיכטיק און געקומען צום מאַן מיט דער

פאַדערונג, ער זאָל איר אויך קויפן אַזאַ צירונג. האָט ר׳ גמליאל איר דערקלערט: וואָלסטו אויך אַזוי געטאָן ווי זי, צו פאַרקויפן די לאָקן פון איר קאָפּ, כדי ער זאָל קענען זיצן און לערנען . . . ״

געענדיקט האָט רבי עקיבא „על קדוש השם״, און ווען מ׳האָט זיין לייב געריסן מיט אייזערנע קאַמען, האָט ער, אין גרויס התלהבות געזאָגט „שמע ישראל״, „הצור תמים פעלו״[56]) און געענדיקט מיט אחד[57]) און ווען טורנוסרופוס האָט געמיינט, אַז ער איז אַ מכשף וואָס קאָן אויסהאַלטן, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער פרייט זיך מיט דער געלעגנהייט וואָס איז אים געגעבן געוואָרן צו קענען מקיים זיין דעם „ואהבת את ד׳ אלקיך״[58]) און דערמיט אויסגעהויכט זיין נשמה באחד, ערב יום כפור.

איז נאָך דעם אַרויס אַ בת־קול: אשריך רבי עקיבא שיצאה נשמתך באחד![59])

און ווי די חז״ל דריקן זיך אויס: „משמת רבי עקיבא בטל כבוד התורה ובטלו זרועי החכמה ונסתתמו מעינות החכמה[60]). מיט זיין טויט, איז אַוועק דער כבוד התורה און די קוואלן פון חכמה זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן — אָבער צוריק־דערעפנט געוואָרן דורך זיינע תלמידים און פאַרערער.

נאָך אַ וואָרט, אין שייכות מיט ר׳ עקיבא.

ס׳איז אָנגענומען און כמעט אַלע היסטאָריקער פאָלגן נאָך די מיינונג, אַז רבי עקיבא האָט זיך באַטייליקט אינם בר־כוכבא אויפשטאַנד קעגן רוים.

איינער פון די באַוואוסטע רבנישע פאָרשער, יקותיאל־יהודה גרינוואַלד[61]) אין זיין ספר „ארץ ישראל ובבל[62]) באַווייזט, אַז ס׳איז דערויף ניטאָ קיין מקור. מיין רבי, פוסק און פאָרשער ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט ז״ל, איז מסכים צו אַט דעם חידוש[63]). קיין היסטאָרישע באַגרינדונג איז באמת ניטאָ. רבי עקיבאָ׳ס נסיעות זעט אויס, זענען מערסטנס געווען צוזאַמען מיט רבן גמליאל און רבי יהושע — און זיי זענען געווען שטילע, רואיקע און סבלנות׳דיקע מענטשן. די נסיעות זענען מערסטנס געווען אין די אינטערעסן פון צדקה־זאַמלונגען צו העלפן די פאָראָרימטע און ליידנדיקע אין ארץ ישראל.

האָבן מיר אין פריערדיקן קאַפּיטל שוין אַרומגערעדט וועגן דער גרויסקייט פון רבי עקיבא, דעם תנא־העלד צוליב וועמען דער בת־קול האָט געלאָזט וויסן, אַז ער איז געלאַדן צום לעבן אין דער צוקונפט־וועלט[1]).

ג. ר׳ עקיבא׳ס איינפלוס. — תנאים וואָס האָבן מכבד געווען עשירים. — כשרע פרנסה. — בן עזאי און בן זומא. — לעבנס־תורה.

זיינע תלמידים זענען געווען די גדולי הדור און די פאַקטישע שאַפער פון ביידע תלמודים: בבלי און ירושלמי. ווי מיר ווייסן איז דער דין, אַזוי ווי די אַנאָנימע משנה, הלכה כסתם משנה[2]), איז וועד זענען אייגנטלעך די מחברים פון די סתם משניות אָדער ספרא־ספרי, ווערט אַזוי געזאָגט:

„סתם מתניתין — רבי מאיר; סתם תוספתא — רבי נחמיה; סתם ספרא — רבי יהודה; סתם ספרי — רבי שמעון, וכולהו אליבא דרבי עקיבא . . . ״ אלע פסקענען לויט רבי עקיבא, ווייל די אלע זענען זיינע תלמידים[3]. זיי אלע האָבן קולט געווען אין זיך פון רבי עקיבאַ׳ס גרויסקייט אין לערנען[4]. זיי זענען אויך באאיינפלוסט געוואָרן פון רבי עקיבאַ׳ס אהבה צו יידן. אינטערעסאַנט איז, א שמועס צווישן צוויי פון זיינע תלמידים אינם אויסטייטש פונם פסוק „בנים אתם לד׳ אלקיכם״[5], לויט רבי יהודה, ווערן יידן גערופן בנים, בלויז ווען זיי פירן זיך אויף ווי קינדער, אָבער לויט רבי מאיר׳ן, ווערן זיי תמיד באַטראַכט ווי קינדער, אפילו ווען זיי פירן זיך אויף נאַריש, ווי עס איז געשריבן „בנים סכלים המה״[6].

וויאַזוי דערגרייכט מען די הויך־מאָראַלישע שטופע, איז נאָר דורך מצוות: „לא נתנו המצוות אלא לצרף בהן את הבריות״[7] און דאָס איז אויך געווען אן עיקר און יסוד אין רבי עקיבאַ׳ס קאָנצעפּציע און דעריבער האָט ער געקענט אַריין אינם „פרדס״ און אַרויס גאַנץ מיט אמונה, „נכנס בשלום ויצא בשלום״ און ווען די מלאכי השרת האָבן אים געוואָלט אַוועקשטופּן האָט דער רבונו של עולם געזאָגט, באַפעלעריש: „הניחו לו לזקן זה שראוי להשתמש בכבודי״[8] און די אַנדערע בן עזאי, בן זומא און אלישע בן אבויה („אחר״) זענען שוין מער ניט געקומען צו זיך.

בן עזאי איז דורכגעפאַלן, ווייל ניט געקוקט אויף זיין טרייעשאַפט צו זיין רבי׳ן ר׳ עקיבאַ, האָט ער אָבער ניט געהאַט גענוג „שימוש״ ביי אים, „חבל עליך בן עזאי שלא שמשת את רבי עקיבא״[9]. דער דאָזיקער בן עזאי, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז ווער עס הייראַט ניט, איז ווי ער וואָלט שופך־דם געווען, און אליין דאָך ניט געהייראַט, האָט געהאַלטן, אַז די וועלט קאָן האָבן אַ קיום דורך אַנדערע, „ומה אעשה שנפשי חשקה בתורה״ . . .[10]. ער האָט ניט געלערנט פון זיין רבי׳ן — און לויט אייניקע[11] זיין שווער, רבי עקיבאַ, צו אַנערקענען אַז די תורה איז אַ תורת חיים, אַז עס איז אַפילו וויכטיק, ווי רבי עקיבאַ האָט פּראַקטיצירט, זיך אָפּגעגעבן מיט עסקנות, ארבעט פאַרן צבור[12]. ניט גרינגשעצן מענטשן אין שאַפן פאָנדן פאַר נויטליידנדיקע[13], דעריבער איז געווען „הציץ ומת״, אַ בליק געטאָן — און אויסגעגאַנגען[14].

לויט אייניקע מפרשים, איז בן עזאי געווען פון די הרוגי מלכות, אַז דער מאמר[15], „וכבר היה ר׳ שמעון ור׳ ישמעאל יוצאין ליהרג״ זאָל מיינען ר׳ שמעון בן עזאי און אַז ער זאָל דאָס געווען זיין, דער, וואָס האָט מהרהר געווען אחר מדותיו של הקב״ה „על מה אני נהרג״[16].

דער דאָזיקער רבי שמעון איז געווען דער, וועגן וועמען ס׳ווערט געזאָגט[17]: „היה ר״ש יושב ותוהא בדעתו, ואמר: אוי לי! שאנו נהרגין כמחללי שבתות . . . ״ און רבי ישמעאל האָט געזוכט אים צו באַרואיקן.

אַזעלכע פראַגעס, האָבן געפירט דעם צווייטן, אחר׳ן, צו אפּיקורסות. ער האָט ניט געקענט משיג זיין, ווי אַזוי די צונג פון ר׳ חוצפית המתורגמן זאָל זיין אין מויל פון אַ חזיר, „פּה שהפיק מרגליות ילחך עפר?״18) איז זיין עונש געווען: „שובו בנים שובבים״19) — חוץ מאחר״.

דער דריטער, בן זומאַ, וועמעס פולער נאָמען איז געווען שמעון בן זומאַ (געהערט צום דריטן דור תנאים, אַרום די יאָרן 110-135) איינער פון די גרעסטע חכמים אין דור20). ער איז געווען „הציץ ונפגע״21) געקוקט און אַראָפּ פון זינען און אחר, דערפאַר „שקיצץ בנטיעות״, איז אַרוים לתרבות רעות, פאַרשטויסן געוואָרן פונם עולם העליון, אַוועק פון יידישקייט און לויט ווי עס ווערט איבער־געגעבן אין ירושלמי22), האָט ער אַגיטירט קעגן לערנען תורה, געלאָפן אין „חדרים״, צורעדן די תלמידי בתי ספר, זיי זאָלן זיך לערנען אַ מלאכה „זה בנאי וזה צייר, זה חייט וזה נגר״ — און ווען זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו אים, איז ער געלאָפן צו די רוימער, געוואָרן אַ מסור און די לעצטע האָבן אויסגעהרגעט די לערער, „שהי׳ הורג רבי התורה״ . . . טייל מחנכים זיינען געוואָרן געצוואונגען מחלל זיין שבת — און אחר האָט געמיינט, אַז ער האָט דאָס זייניקע דערגרייכט. ער האָט אָבער דאָך ניט געקענט באַזיגן ר׳ עקיבאַ׳ן, דעם „איל המנגח צפונה וימה, כל החיות לא יעמדו נגדו״23).

אחר—אלישע בן אבויה האָט דעם געוועזענעם „עם הארץ״24) אָנגעוויזן, אַז „הלומד תורה בזקנתו, אין דברי תורה נבלעים בדמו״25). ער האָט אָבער געמוזט אַנערקענען און צוגעגעבן די גרויסקייט פון רבי עקיבא26). ער האָט לסוף זיכער מסכים געווען מיט די איבעריקע חכמים פון דור, אַז ער איז דער קוואַל פון לעבן27).

עס איז געווען רבי עקיבאַ, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די מאָראַלישע זיטן־פילאָזאָפיע פון יהדות, באַזירט אויף דעם אָנזאָג: „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״, באַזירט אויך אויף די פּרינציפּן פון גאָט־ליבע און מענטש־ליבע און אוועקגעשטעלט דעם מאָטאָ: „לא נתנו המצוות אלא לחיות בהם״28).

האַלטנדיק, אַז די תורה איז אַ תורת חיים, האָט ער זיך נוהג געווען ווי אַ לעבעדיקער מענטש, ווי אַ פּראַקטישער פירער, באַרייזט לענדער און ניט איין מאָל געווען אין סכנה אויף זיינע נסיעות29) און מקרב געווען די תלמידים וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט זיין שיטה. ער האָט למשל שטאַרק געהאַלטן פונם אָפּטימיסט רבי מאיר30), דעם „מאיר עיני חכמים״.

אַ דאַנק די דאָזיקע גאוני הדור פון פאַר און נאָכ׳ן חורבן בית שני, איז דער „ים התלמוד״ געוואָרן ווי דער תנ״ך, ניט בלויז אַ רעליגיעז־ווערק, אַ ווערק וואָס לערנט בלויז דעם רעליגיעזן ריטואַל, נאָר אויך, אַ פילאָזאָפיש סאָציאַל ספר, אָנגעפילט מיט געדאַנקען, נוצלעך פאַר דער איינאָרדענונג פון דער נייער געזעל־שאַפט, פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג; וויאַזוי צו העלפן די אונטערדריקטע;

וויאַזוי צו פאַרמיידן איבלען צווישן אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער, צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט.

מיר געפינען אין תּלמוד אומצעליקע גערזעצן אין שייכות צו אַט די סאָציאַלע פּראָבלעמען און דער הויפּט פּרינציפּ איז: „יד פועל על העליונה"! דאָס גיט דעם אַרבעטער אַן איבערוועגנדיקן כח אין זיינע סכסוכים מיטן בעל הבית: אַן אַרבעטער מעג אָפּברעכן אַ קאָנטראַקט, בעת אַן אַרבעטסגעבער טאָר ניט; אַן אַרבעטער מעג אַוועקוואַרפן די אַרבעט אינמיטן טאָג און דער בעל הבית מוז אים באַצאָלן; אַן אַרבעטער איז מער באַגלויבט אין זיינע סכסוכים[31] אאַ"וו.

ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן פּרק געזען, און מיר וועלן ווייטער שרייבן באריכותדיק, איז די תּורה, און די נביאים און ניט ווייניקער די חכמי התלמוד, קעגן יעדער פאָרם פון שקלאַפעריי, זיך האַלטנדיק ביים מאָטאָ: „עבדי הם ולא עבדים לעבדים", אַ ייד איז גאָט'ס קנעכט אָבער ניט קיין קנעכט צו אַנדערע! אַז אַ ייד האָט יאָ געוואָלט בלייבן אַ קנעכט, ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיין האַר, האָט מען אים אַלס שאַנדע־צייכן געלעכערט זיין אויער.

דער תּלמוד האָט באַשטימט אַזויפיל דינים וועגן דעם, וויאַזוי מען באַדאַרף באַהאַנדלען אַ יידישן קנעכט אָדער אַן אַרבעטער, אַז מיט רעכט האָט מען געזאָגט, „הקונה עבד עברי כקונה אָדון לעצמו", אַז קויפן אַ יידישן קנעכט, איז ווי קויפן אַ האַר איבער זיך און ווען אפילו דער קנעכט האָט דווקא געוואָלט בלייבן ביים האַר, האָט ער געקענט בלייבן ביז יובל, ווען עס קומט יובל, איז חל אויף אַלעמען דער רוף „וקראתם דרור", איר זאָלט אויסרופן פרייהייט . . . די דאָזיקע פּראַקטישע דינים האָבן זיך געשטיצט אויפן טעאָרעטישן פּרינציפּ: „אל תקרא חרות אלא חרות" (חירות־פרייהייט).

דאָס האָט אָבער אַלץ ניט געמיינט, אַז מ'דאַרף האַסן גבירים, פיינט האָבן עשירים. דער פאַקט איז, אַז רבי עקיבאָ און נאָך מער זיין גרויסער נאָכפאָלגער, רבי יהודה הנשיא, מחבר פון דער משנה, איז גאָר געווען אַ „מכבד עשירים"[32].

רבי יהודה ווערט גערופן „רבי", „רבי יהודה הנשיא"[33]; „רבנו", „רבנו הגדול"[34] און „רבנו הקדוש"[35]. ער איז געווען דער 5־טער דור פון תּנאים; 7־טער דור פון הלל הזקן און איז געבוירן געוואָרן אינם טאָג, ווען רבי עקיבאָ איז נפטר געוואָרן, אין אַ צייט פון שרעקלעכע גזירות און רדיפות פון דער רוימישער מאַכט[36]. ער איז געווען דער תּלמיד פון ר' שמעון בן יוחאי[37] און פון רבי מאיר[38]. זיין הויפּט אויפטו איז געווען, אַלס מסדר המשנה, באַגרינדער און קאָמפּילאַטאָר פון תּורה שבעל־פּה — בכתב!

רבי, זייענדיק דער געוואַלטיקער עושר, רייכער פון זיין פריינט אַנטונינוס, רוימישער צעזאַר[39], האָט דאָך ניט נהנה געווען פון זיין עשירות אפילו „כאצבע קטנה", אפילו אַזוי גרויס ווי דער קליינער פינגער, נאָר תּמיד געזעסן טאָג און נאַכט ביים לערנען און פאַרשרייבן די תּורה וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיינע

לערער[40] און אויסגעהאַלטן תלמידי חכמים און סתם אָרימעלייט. אין תלמוד ווערט איבערגעגעבן אַ צאָל עפּיזאָדן פון זיין התנהגות. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך די גרעסטע פאַרערונג און לויט זיינע מדות, צדקות און עניוות, האָט מען אים באַטראַכט פאַר משיח, ביי וועמען ס'איז דאָ תורה וגדולה במקום אחד[41], „משמת רבי בטלה ענווה"[42] האָבן די תלמידים צוגעגעבן צו דער משנה[43].

זייענדיק אַזוי פאַרנומען אין לערנען און תמיד דער שרעקלעך ליידנדיקער, אַן אומפאַרגלייכלעכער בעל יסורים, האָט ער דאָך באַוויזן זיך צו פאַרנעמען מיט צרכי הכלל, נאָכפאָלגנדיק דעם דרך פון ר' עקיבאָ[44].

אין איינעם פון די צענדליקער מאמרים וועגן רבי'ן, ווערט דערציילט, אַז ער האָט אין הונגעריקע יאָרן געעפנט זיינע שפּייכלער און אָנגעזאָגט, מ'זאָל שפּייזן נאָר די געלערנטע, די תלמידי חכמים[45]. זענען אויף דעם מאמר פאַראַן גענוג קאָמענטאַרן, ווי וואָגט עס רבי, דער גרויסער בעל־רחמנות, אַרויסצוגעבן אַזאַ אָרדנונג, אַזאַ באַפעל[46].

מ. לייטער[47], גיט אונז אַ גאַנץ לאָגישע דערקלערונג, אַז רבי, האָט דערמיט געוואָלט ווייזן, זיין אויסגעשפּראָכענע קעגנערשאַפט צום קריסטנטום, וואָס האָט דעמאָלט פאַרשפּרייט דעם געדאַנק, אַז גליקלעך זענען די עניי הרוח, די פּראָסטע מענטשן[48]; האָט ער, דווקא געוואָלט שטעלן הויך געלערזאַמקייט, אַז געלערנטע מענטשן זענען די ערשטע אויף וועמען מ'דאַרף אַכטונג געבן און מיט זיין אויסדרוק „אוי לי שנתתי פתי לע"ה" (ווי איז מיר, וואָס כ'האָב געגעבן מיין ברויט צו אַ ניט־געלערנטן) האָט ער געמיינט, אַז עס טוט אים וויי, ווייל מ'קאָן דאָס אויסטייטשן, אַז ער איז מסכים צו דער שיטה וואָס אידעאַליזירט פּראָסטע מענטשן, בורים...

רבי האָט געוויס מסכים געווען מיט דער שיטה פון זיין זיידע הלל, דער מוסטערהאַפטער עניו, וועלכער האָט אפילו צוגענומען גרים זיי צו לערנען תורה, „אויף איין פוס" און זיך קיינמאָל ניט געבייזערט. דאָך האָט ער געזאָגט: „אין בור ירא חטא ולא עם הארץ חסיד"[49] און געהאַלטן אַז יעדער ייד דאַרף לערנען תורה מיט מסירת נפש, ווי ער האָט געטאָן, אַוועקגעגעבן צום שומר הבית פון זיין נעבעכדיקן פאַרדינסט, אַבי, ער זאָל אים דערלויבן אַריינקומען אין בית מדרש לערנען תורה ביי שמעיה און אבטליון[50]. ווען ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן, איז ער געלעגן אויפן דאַך, איבערגעדעקט מיט אַ הויכן שניי אַבי צו לערנען תורה . . . אין די שפּעטערע יאָרן געפאָרן קיין בבל, פאַרשפּרייטן תורה[51].

אין דעם זין קאָן מען פאַרשטיין, פאַרוואָס רבי האָט אַזוי גערעדט וועגן שטיצע צו אָרימעלייט, שטעלנדיק דעם תלמיד חכם — ערשט!

אין אַלגעמיין, האָט רבי יהודה הנשיא נאָכגעפאָלגט זיינע מורי־דרך, געווען קעגן אַסקעטיזם, געפּריידיקט פון די אסיים, ניט אַכטנדיק וואָס ער איז געווען דער מסתפּק במועט . . . ער האָט געלערנט אַז די תורה איז אַ תורה פון לעבן,

פון „וחי בהם" און זיך אויסגעדריקט: פנו מקום לבן מאה מנה . . . פנו מקום לבן מאתים מנה . . .[52]), אין קעגנזאַץ צו די קריסטלעכע לערעס[53]), געהאַלטן, אַז דער כבוד פונם מענטש איז אין זיין האַלטונג, באַנעמונג און קליידונג.

פון זיין רבי'ן, רבי שמעון בן יוחאי[54], דעם תלמוד־מובהק פון רבי עקיבאַ[55]), האָט ער געלערנט סיי תורת הנסתר און סיי תורת הנגלה[56]) און ניט ווייניקער אהבת התורה. רבי שמעונ'ס התמדה איז אומפאַרגלייכלעך, ממש אַ הימל־מענטש, אויסגעטאָן פון אַלע תענוגי עולם־הזה, האַלטנדיק, אַז די מענטשן וואָס פאַרנעמען זיך מיט וועלטלעכע ענינים, פאַרנעמען זיך מיט „חיי שעה"[57]). ער האָט אָבער איינגעזען, אַז ניט יעדער קאָן זיין פון די „בני עליה" און דעריבער באַשלאָסן: „גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה"[58]). ער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט סאָציאַלע ענינים. אַפילו ער, וואָס האָט פריער ניט פאַרשטאַנען, וויאַזוי מענטשן קענען זיך פאַרנעמען מיט וואָכעדיקע זאַכן און די תורה זאָל קענען האָבן אַ קיום[59]), האָט געמוזט ענדערן זיין שטעלונג.

אַז מיר רעדן שוין פון רבי שמעון בן יוחאי, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פון די רשעים מחריבים פון ארץ ישראל און בית המקדש. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר די רוימער[60]).

רבי שמעון פונוועמען ס'זענען פאַראַן אַזויפיל מאמרים אין תלמוד, איז דער מחבר פון דער מכילתא, ספרי[61]), און פון קלאַסישן קבלה־ספר „זוהר" (ליכט). אין מערסטע פאַלן, פאָלגט ער נאָך די שיטה פון רבי עקיבאַ[62]) וועגן וועמען ער דריקט זיך אויס: „בני, שנו מדותי שמדותי תרומות מתרומות מדותיו של רבי עקיבאָ[63]). אָבער אויך ער, דער הימל־מענטש[64]), האָט זיך אָפּגעגעבן מיט הלכות וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע ענינים און פון אים האָבן מיר דעם דין, אַז נאַרן מענטשן מיט רייד, פאַרפירן זיי, איז ערגער ווי אָפּנאַרן מיט געלטער[65]).

רבי, נאָכפאָלגנדיק די לערעס פון רבי מאיר און רבי שמעון, איז ער במילא געווען אַ דירעקטער נאָכפאָלגער פון רבי עקיבאָ און רבי טרפון, אין זייערע קאָנצעפּציעס פון יידישער מאָראַל און יידישער צדק.

פון רבי מאיר'ן, דעם גרויסן משלים־זאָגער[66]) און טיפזיניקער חריפותדיקער דרשן און פוסק — האַלט ער — האָט ער גענומען שאַרפקייט: „האי דמחדדנא מחבראי, דחזיתיה לרבי מאיר מאחוריה ואילו חזיתי' מקמיה הוה מחדדנא טפי"[67]).

רבי מאיר איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, אַ ליידנדיקער — און דאָך אַ גרויסער אָפּטימיסט. צו זיין אָפּטימיזם, האָט אַ סך געהאָלפן זיין פרוי ברוריה, טאָכטער פון ר' חנינאָ בן תרדיון (לויט אייניקע — אַ רוימישער נאָמען) דערצויגן אויף יידיש און וועלטלעך וויסן און אַ זעלטענע שיינהייט[68]). זי האָט תמיד אים געטרייסט און געשטאַרקט.

ס'איז ניט באקאנט זיין גענויער יחוס. לויט אן אגדה, איז ער געווען אן אייניקל פון נירון קיסר[69], דער, וואס האט חרוב געמאכט ירושלים — און פונדעסטוועגן האט ער געוואגט באהויפטן, אז א גוי וואס איז עוסק אין תורה, איז ער אזוי גרויס ווי דער כהן גדול.

דער דאזיקער ליכטיקער מענטש אפילו אינם דור פון גדולים, האט געדארפט צוליב פארשיידענע סיבות, אנטלויפן פון ארץ ישראל[70]. א שנאה האט געהערשט צווישן אים און דעם נשיא ר' שמעון בן גמליאל (רבי יהודה'ס פאטער), מ'האט אנגעהויבן ניט דערמאנען זיין נאמען, אים גערופן „אחרים"[71]. אויף זיין אייגענעם פארלאנג, איז ער באערדיקט געווארן ביים ברעג פון ים[72]. ער, ווי ר' יהושע בן חנניה, ווי ר' עקיבא, איז געווען איבערצייגט אינם פראקטישן לעבן, פרנסה דורך יגיע כפים, אז דאס מיינט תורהדיק לעבן, לויט דעם קלאסישן משל: „שונה אדם שתי הלכות בשחרית ושתים בערבית, ועוסק במלאכתו כל היום, מעלה עליו הכתוב, כאלו קיים כל התורה כולה"[73] דאס מיינט, אז דער וואס ארבעט אויס זיין פראגראם, צו לערנען אינדערפרי און אין אוונט, און בייטאג זיין באשעפטיקט ביי ארבעט, איז פונקט אזוי ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה...

הערות

א.

1. זען: הרב י. ל. הכהן מימון, סיני, שנה כ', כרך מ', חוב' א' (רל"ח), תשרי תשי"ז, ירושלים — א וואונדערלעכער מאמר. ער ווייזט אן, אז ר' עקיבא'ס נאמען דארף זיין ע ק י ב ה מיט א „ה" צום סוף; יקותיאל יהודה ארי' גרינוואלד, תלמוד בבלי וירושלמי, ניו־יורק, תרצ"ו, ז"ז 9־10, 26; הרב דר. נתן נסים סולומון, אנציקלופדיה לאגדות התלמוד, כרך א', ז"ז שס"ה־תי"א; יעקב יצחק ליכטנפעלד, מבוא חדש לתלמוד, ניו־יארק, תולדות התלמוד . . . סדר הדורות . . . ש. ראזנבערג, רבי עקיבא, הקדמה צו זיין ראמאן, „די עפאכע פון רבי עקיבא קאן דעריבער דינען ווי א וועגווייזער פאר דעם אייביקן יידישן פאלק".
2. פון מ. צ. אפרתי, תל־אביב, הוצ' א. ציוני, תש"ד.
3. יש לך אדם כזה ואתה נותן תורה על ידי — מנחות כ"ט, ע"ב.
4. דארט, פרטים.
5. סוטה מ"ט, ע"ב.
6. תוספתא מקוואות, סוף פרק א'; קדושין ס"ו, ע"ב; זע, אדמו"ר ר' צדוק הכהן, פרי צדיק, יתרו און פ' פרה.
7. זע, סנהדרין ק"ח, ע"ב און מנחות כ"ט, ע"ב.
8. „דברים שלא נגלו למשה, נגלו לרבי עקיבא" — במדבר רבה, י"ט.
9. כתובות ס"ב, ע"ב; ס"ג; ע"א; נדרים נ', ע"א.
10. בבא מציעא, קנ"ד, ע"א.
11. בראשית רבה, כ"ד.
12. נדרים נ', ע"א.
13. ווי מיר האבן געזען, איז זי געווען די אמת'ע „עוזרת".
14. זע, אבות דרבי נתן, פרק ו'. ירושלמי שבת פרק ו' הלכה א'; מעשר שני, ה', ט'.
15. קדושין כ"ז, ע"א.
16. בבא קמא ח', ו'.
17. בראשית רבה, ל"ד; אבות ג', ט"ו.
18. „אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם", מכות א', י'.
19. קדושין ס"ו ,ע"ב; אויף אן אנדער ארט: „אשריך אברהם אבינו שיצא עקיבא מחלציך" —— —ספרי, במדבר י', ח'.

20. יבמות ט"ז, ע"א.
21. רבי אליעזר בן הורקנוס, וועלכער ווערט אויך גערופן „השמותי", צוליב זיין שארפער פאלעמיק מיט די חכמים פון דור, זעז: תענית ל"א, ע"א; שבת ק"ל, ע"ב; מבוא צום פרקי דרבי אליעזר.
22. ירושלמי, תרומות ה', ד'; סנהדרין ג', י"א.
23. ירושלמי, פסחים ו', ג'.
24. זע: ירושלמי פסחים פרק ו', הלכה ג'; ברכות כ"ב, ע"א; חגיגה י"ב, ע"א; סנהדרין ס"ח, ע"א.
25. סנהדרין ז' ע"ב; כריתות ג', ז' און י'; תוספתא, שביעית ד', ט"ו.
26. סוטה, ה', ב'.
27. פסחים ט', ו'; שבת י"ט, א'.
28. זע, מאיר וואקסמאן, רבי עקיבא, הדואר, תשכ"א.
29. זעז, יסודות ההלכה — באריכות.
30. די אגדה אין מנחות (כ"ט) שילדערט די פרטים פונם דיאלאג צווישן משה רבנו און הקדוש־ברוך־הוא אין שייכות מיט רבי עקיבא, זיין אופן פון לערנען תורה אא"וו.
31. זע, קדושין מ', ע"ב; „משמת רבי עקיבא בטל כבוד התורה", סוטה ט', ט'.
32. חגיגה י"ד, ע"ב.
33. משמת רבי עקיבא בטלו זרועי התורה ונסתמו מעיינות החכמה, סוטה מ"ט, ע"ב; זעז: בכר, אגדות התנאים, כרך א', חלק ב', ז' 71, נאכבאמערקונגעז דארט; וועגן זיין לויב פאר יידן, אשריכם ישראל . . . זעז, יומא פ"ה, ע"ב; א. ראזמארין, די שיינקייט פון יידנטום, ניו־יארק, ז"ז 47־53; נ. שמן, צווישן קריג און פרידן — באריכות.
34. „משנת רבי עקיבא", תוספתא, מעשר שני, ב', י"ג; סנהדרין, ג', ד'; „אבות דרבי נתן", י"ח, א'. „כך עשה רבי עקיבא ועשה כל התורה טבעות, טבעות . . . "
35. חביבים ישראל שנקראו בנים למקום, אבות ג', ט"ו און „אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם? אביכם שבשמים", יומא ח', ט'. זע אויך: ב"ק, ח', ה', ב"מ, קי"ג, ע"א; מכילתא, מסכת דפסחא, י"ד.
36. יהודה אבן שמואל (דר. קויפמאן) אין זיין הקדמה צום מורה נבוכים, ז' 9.
37. עירובין מ"ו, ע"א. אויך אן אנדער ארט: „הראה הקב"ה לאדם הראשון דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו, דור, דור ומנהיגיו", מדרש בראשית י', כ"ד.
38. חגיגה י"ד, ע"ב.
39. מנחות כ"ט, ע"ב.
40. דארט, און יבמות ט"ז, ע"א.
41. חגיגה י"ד, ע"א; סנהדרין ס"ז, ע"ב, רש"י דארט.
42. ספרי פרשה עקב: „רצונך להכיר מי שאמר והי' העולם למוד אגדה שמתוך כך אתה מכיר אותו... עקיבא מה לך אצל נגעים ואהלות . . . ר' צבי הירש חיות (אין זיין ספר „מבוא התלמוד" פרק ל"ב), שטעלט זיך אפ אויף דער סתירה. זע אויך מ. לייטער, זוטו של ים, ז"ז 184־191, א גרויסע צאל חכמים זיינען געווען קעגן די „רבני דאגדתא".
43. זע, איסר פרנקל, רבי מאיר יחיאל מאוסטרובצה, „נצח", תשי"ג, ז' 7.
44. זע, מצפה איתן ,יבמות ט"ז; נ. סולומון, אנציקלופדיה . . . ז"ז שע"ט־שפ"ו, באריכות.
45. צוקונפט, נאוו. 1949, ז"ז 531־537.
46. „ער האט געדרשענט אויף יעדן פינטל גאנצע בערג מיט הלכות"; „יעדעס ווארט און יעדער אות אין דער תורה איז געגעבן געווארן צו דרשענען" . . .
47. דארט, באריכות. דעם מאמר האט ער געשריבן אין ניו־יארק, דעם 10־טן מאי, 1948, עטלעכע טעג פאר דער פראקלאמירונג פון ישראל מדינה.
48. זע, אליעזר לוי יסודות ההלכה; אויך וועגן ארט „כזיב".
49. „והיה העולם שמם, עד שבא רבי עקיבא" . . . יבמות, ס"ב, ע"ב; ק"ח, ע"ב; פסחים קי"ב, ע"ב; תוספתא, סנהדרין ב', ד'; חגיגה י"ב־ט"ו, ירושלמי, הגיגה ב' א'.
50. אבות דרבי נתן, פרק ו'.
51. ירושלמי, יבמות א', י'.
52. הלל האט געשטעלט דעם טראפ אויף „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" אדער „מה דעלך סני לחברך לא תעביד" און רבי עקיבא האט געלערנט, אז דער „ואהבת לרעך כמוך" איז דער כ ל ל ג ד ו ל ב ת ו ר ה.
53. „ר"ע מסר נפשו על כל מצוה ולא רצה לזלזל בנטילת ידים" עירובין כ"א, ע"ב.
54. „ירד ר"א לפני התיבה ולא נענה, וירד ר"ע ונענה, והיו מרננים רבנן, יצתה בת קול ואמרה, לא מפני שזה גדול מזה, אלא שזה מעביר על מדותיו וזה אינו מעביר, תענית י"ח, ע"ב.
55. דארט: „רע מטבעו אבל התגבר על מדותיו . . . לפיכך זכותו גדולה . . . "
56. „פעם אחת נתן לו רבי טרפון ממון לקנות אוסיא (שדות) הלך רבי עקיבא והשתמש במעות וחילקן לסופרים ומשנים ופירנס לומדי תורה — ויקרא רבה, ל"ד; סופר מיינט מען לערנער פון מקרא, תנ"ך, און משנים מיינט מען לערנער פון משנה (אין ארמית: סופר ומתנין), זעז, ירושלמי, חגיגה א', ז'; צבי מאיר רבינוביץ, המשנה לנוער, ירושלים, תשי"א, ז' 47.
57. ירושלמי, פאה ח', ו'; מעשר שני ה', ט' פסחים סוף פרק ד'; בבלי: שבת קנ"ו, ע"ב; יבמות פ"ו, ע"ב„ קדושין כ"ז, ע"א מסכת כלה און אנד. מקומות: מ. לייטער, זוטו של ים, ז"ז170־171.
58. זע, פסחים מ"ט, ע"ב.
59. כתובות ט', ג'; בבא בתרא י' ע"א.

60. קדושין כ"ז, ע"א; ויקרא רבה, ל"ו; שבת קנ"ו ע"ב; אבות דרבי נתן פרק ששי; שבת נ"ט; ע"ב און אנד. מקומות.

61. אויף אן אנדער ארט ווערט געזאגט, אז ער האט געטיילט צדקה — א דריטל צו פראסטע ארימעלייט און צוויי דריטל צו שרייבער און געלערנטע.

62. זעז, ירושלמי שבת ו', א'; סוטה ט', ט'.

63. נדרים נ' ע"א; מסכת כלה ;ירושלמי פאה, ח', ז'.

64. וועגן דער רייכקייט פון ר' אלעזר בן עזריה און וועגן דער צדקה וואס ער האט גענומען פון רבי טרפון, נאכקוקן: ירושלמי, פסחים, ד', ט'; קדושין כ"ז, ע"א; ספרי תצא; ברכות כ"ז, ע"ב; שבת נ"ד, ע"ב, „תריסר אלפי עגל — הוה מעשר רבי אלעזר בן עזריה כל שתא ושתא"... פון ר' טרפון גענומען „שית מאה קונטרין דכסף", א געוואלטיקע סומע — זעז: מדרש רבה, ויקרא ל"ד.

65. זעז: עדיות ג', י'; שבת קל"ד, ע"א; ירושלמי, ברכות א', ב'; דמאי ב', א'; ירושלמי חגיגה, ב', ב'.

ב.

1. טיגי, שנה כ', כרך מ', חוב א' (רל"ו), תשרי, תשי"ז, ירושלים, ז"ז א'-י"ד.

2. זע, מדרש משלי פרשה ט'; טור אור חיים, סימן תק"פ: ער איז גענומען געווארן אין תפיסה, דעם 5-טן טאג אין תשרי.

3. ער ציטירט פון ר' יצחק מווינא, אין אנהויב פון זיין ספר אור זרוע.

4. זאלסט ליב האבן דיין חבר ווי זיך אליין, ויקרא י"ט, י"ח; אין בודיזם געפינט מען אן ענלעכן אויסדרוק: „זאלסט זוכן ברענגען צופרידנקייט דעם אנדערן פונקט ווי זיך אליין".

5. „דעלך סני לחברך לא תעביד — זו היא כל התורה כולה . . . "
זע, ירושלמי, נדרים פרק ט', הלכה א'; בבלי, שבת ל"א, ע"א.

6. „חביב אדם שנברא בצלם", אבות ג', י"ח.

7. „שלא תאמר: הואיל ונתבזיתי, יתבזה חברי עמי . . . "

8. תוספתא ברכות פרק ב'; שבת פרק ט"ז. זע אויך, קדושין מ', ע"ב: „שהלימוד מביא לידי מעשה".

9. ברכות ס"א, ע"ב.

10. מועד קטן כ"א, ע"ב; נדרים מ', ע"א, נסים, סולומון, אנציקלופדיה לאגדות התלמוד א', דארט, פארשיידענע נוסחאות.

11. זען בבא מציעא ס"ב, ע"א; דארט, ל' און ל"ג ע"א, פונם פסוק לא יהי' בך אביון (דברים ט"ו) מיינונג פון אמורא רב יהודה אין נאמען פון רב — „שלך קודם לשל כל אדם", כתובות א', ג';

12. פסחים, כ"ה, ע"ב.

13. זעז: בכורות נ"ח, ע"א: תוספתא ראש השנה פרק א'; של"ה, קפ"א; א. ה. ווייס, דור ודור ודורשיו, חלק ב', ז"ז 124-125; אייזנשטיין, אוצר ישראל, ג', ז"ז 114-115.

14. זע, אבות דרבי נתן.

15. זע, תמורה ט"ו, ע"ב און דעם צוגאב אין ירושלמי, סוטה ט', י'.

16. ברכות ס"א ע"ב; זעז, חיים גרינבערג, בין ישראל לעמים, בצרון, אייר, תשי"א, שנה י"ב, כרך כ"ד, חוב' ו' (138) ז' 84; בחירה און בכורה (דערשינענע צום ערשטן מאל אין „יידישן קעמפער" און דערנאך אין דער אנטאלאגיע „ילקוט המועדים" פון צבי יהודה ראבינאוויטש, לחג זמן מתן תורתנו, בוענאס-איירעס, התש"ג, ז"ז 760-822 (וועגן רבי עקיבא, ז"ז 804-805); דערשינען אויך אין זיינע געקליבענע ווערק, באנד 1.

17. אבות דרבי נתן פרק ו'; קדושין כ"ז.

18. „מן איליא דספינתא נתעשר רבי עקיבא — צוליב א סקולפטור פון א באראן ,אלס סגולה קעגן וואסער-לויף (שטיפת מים) — נדרים, נ', ע"א.

19. קדושין כ"ז; מדרש רבה, במדבר י"א, נדרים מ' ע"; ב"ק צ'; ב"מ קי"ג; פאה ג', ו'.

20. כתובות נ', ע"א.

21. תוספתא, יבמות פ"ח. ס'זענען אויך געווען תנאים און אמוראים, וואס בנוגע צדקה האבן זיי זיך ניט גערעכנט מיט גרעניצן.

גענוג צו דערמאנען די מעשה פונעם חסיד, וואס האט אוועקגעגעבן א דינר — (א מטבע אזא, גילדן) ערב ראש השנה, צו אן ארימאן און זיין פרוי האט אים דערפאר ארויסגעיאגט פונעם הויז און ער האט געדארפט נעכטיקן ר"ה נאכט אויפן בית הקברות (ברכות י"ח, ע"ב). לויט'ן מהרש"א, אויפן ארט, איז עס געווען ר' יהודה ב"ר אלעאי (ער ווערט גערופן „חסיד"). ער איז געווען א גרויסער ארימאן און האט מער ניט פארמאגט, ווי דעם דינר. מר. עוקבא, ווערט דערציילט (כתובות ס"ז, ע"ב), פלעגט זיך נוהג זיין שיקן צו אן ארעמען שכן יעדן ערב יום-כפור 40 גילדן. ער האט די סומע אמאל געשיקט מיט זיינס א באדינער. האט דער לעצטער עס צוריקגעבראכט, איבערגעבנדיק, אז ער האט יענעם געזען טרינקען א ל ט ן וויין. האט מר. עוקבא געזאגט, דאס באווייזט, אז ער איז אן איידעלער („מפונק") און איז געשיקט א טאפלדיקע סומע.

22. זע, מ. לייטער, זוטו של ים, ז"ז 246-249; 257-258; 270-272; 342-349,

23. תוספתא ב"ק, פרק ט׳. וועגן גזל און טעות גוי, האָבן מיר שוין געשריבן, אין דעם בוך „באַציאונג צום פרעמדן", נאָר באריכות און אין א ווייטערן קאַפּיטל וועלן מיר דאָס אויך באַרירן פון הלכהשן שטאַנדפּונקט.

24. ירושלמי, ב"מ פרק ב׳.

25. דער באר הגולה (סימן תכ"ה, סעיף ה׳, אות ש׳), ווי מיר האָבן שוין ציטירט, שרייבט: „אלו הגוים, אשר אנחנו אומה ישראלית גרים בצל שלהם ומפוזרים ביניהם, הם מאמינים בחדוש העולם וביציאת מצרים ובעקרי הדת וכל כוונתם לעושה שמים וארץ, כמו שכתבו הפוסקים והביאם הרמ"א באו"ח סימן קנ"ו בהג"ה, לא די שאין איסור להצילן, אלא אפילו אנחנו מחוייבים להתפלל בשלומם . . . וכתב הרמב"ם דהלכה כר׳ יהושע בפרק חלק לחסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא . . ." אין ספר חסידים (סימן שנ"ח) און אין חכם צבי (סימן כ"ח), נאָכפאָלגנדיק די בעלי התלמוד, אַז מ׳דאַרף זיך באַגריסן אפילו מיט היידן און מען דאַרף זיי היילן און באַהאַנדלען מענטשלעך . . . מערער, אין ירושלמי ע"ז, א׳, ט׳; שבת ק"ט, ע"ב; גיטין ע׳, ע"א.

26. סנהדרין ד׳, א׳ — בית דין פון כ"ג.

27. סנהדרין פ"א, יבמות ט"ז, ע"א.

28. קהלת רבה, פ"ה.

29. מרקוס, י"ד, מ"ט; אגרות פאול להקרונתים ג׳, י"ז.

30. ברכות, ס"א, ע"ב; תנחומה, תרומה ג׳.

31. מעילה י"ז, ע"ב; שבת ל"ג, ע"ב; תנחומא, שופטים ט׳ — ווייטער באריכות.

32. פסחים כ"ב, ע"ב; קדושין נ"א, נ"ז, ע"א; ב"ק מ"א, ע"ב; בכורות ו׳, ע"ב. זע, בכר, אגדות התנאים, חלק א׳, ז"ז 121-137; גרעץ, יידישע געשיכטע, באַנד 4, 428; ז׳ 450 און אַנד. פאַרשער.

33. זען, חגיגה י"ד און אומצייליקע מקומות אין מדרשים.

34. ספרי, דברים, איכה ד׳, ה׳, י"ח, סוף מכות; מדרש רבה, בראשית צ"ט, ויחי; סנהדרין ק"י, ע"ב; כתובות ס"ב-ס"ג; נדרים נ"א און אַנדערע מקומות; זע אויך בכר, כרך א׳, חלק א׳, תר"פ, ז"ז 44-45; 100; נוסחאות, אין דרשות פון פסוקים און אין די נעמען פון די תנאים.

35. זע: בראשית רבה, כ׳; עירובין י"ג; גיטין ס"ז, ע"א; סנהדרין ז׳, ע"א; בכורות ח׳, ע"ב; באַזינגט די חכמים פון אַטענס, סבי דבי אתונא, אָדער אתונס; זע אויך: גיטין נ"ח, ע"א; איכה רבה, ד׳, ב׳; תוספתא הוריות ב׳, ה׳; דיסקוסיעס מיט אדרינוס שחיק טמיא — חגיגה ה׳, ע"ב; עירובין ק"א, ע"א; בראשית רבה, פרשה י׳ און כ"א.

37. פסחים נ׳, ע"ב.

38. פרקי אבות א׳, י"ז; ברכות י"ז, ע"א; תנחומא, בובר, הוספה לפ׳ חקת; ירושלמי, נדרים י׳, א׳; עירובין י"ג, ע"ב; נ"ג, ע"א.

39. קהלת רבתי, ב׳, י"ח.

40. פרקי אבות, ד׳, א׳.

41. נדרים ס"ב, ע"א; מסכת כלה רבתי, פרק ב׳.

42. מהרש"א דאָרט, „ונתכון רבי עקיבא על אשתו בת כלבא שבוע שהיתה מסתפקת במעט ואמרה להו יודע צדק נפש בהמתו . . . זע אויך: רש"י, דאָרט, אָנהויב וואָרט „לעת מצא" זוטו של ים, ז׳ 50.

43. עבודה זרה מ׳, ע"ב; בבא מציעא, ק"ז, ע"א; ברכות ח׳, כ"ג, כ"ד.

44. זע: מתיא י"ט, כ"ג; מרכוס, ו׳, כ"ה; לוקאס י"ח א.א.; חיים ליבערמאַן, שלום אש און קריסטנטום, ניו-יאָרק, תשי"א, ז׳ 40.

45. דברים ט"ז, כ׳.

46. ליבערמאַן — דאָרט, אויספירלעך.

47. שמות כ"ג, ג׳.

48. דאָרט, ו׳

49. ירושלמי, נדרים ט׳, ד׳; אבות, ג׳, י"ד; זוטו של ים — באריכות.

50. כתובות ט׳, ג׳; נדרים נ׳, ע"א; נדרים ל"ח, ע"א; בבא מציעא, פ"ה ,ע"א.

51. נדרים, דאָרט; שבת, צ"ב.

52. מכילתא, יתרו.

53. יד החזקה, יסודי התורה, ז׳, א׳; זע, כסף משנה, דאָרט, אַז „עשיר" קאָן מיינען, א „שמח בחלקו" . . . זע אויך, נדרים מ"א, ע"א — „אין עני אלא בידיעה" . . .

54. כתובות פרק ה׳.

55. שבת פרק י׳.

56. דברים ל"ב, ד׳.

57. ברכות ס"א, ע"ב; שמחות פרק ה׳; ירושלמי, תענית פרק ד׳; סנהדרין א׳, ב׳; בבלי, ראש השנה כ"ו, ע"א; קדושין כ"ז, ע"א; בבא מציעא, י"א, „אספו לי חסידיו" — ר׳ עקיבא וחבריו, סנהדרין ק׳, ע"א.

58. ירושלמי, ברכות פרק ט׳, הלכה ה׳; בבלי: קדושין כ"ז, ע"א; בבא קמא, ל"ו, ע"ב; שבת קי"ט, ע"א; תענית ט׳.

59. סוף מגילת תענית; מדרש משלי פ"ט; בבא מציעא, קי"ד, ע"א און תוספות, דאָרט.

60. סוטה מ"ט, ע"א און ע"ב.

61. וועגן אים געשריבן ביי געלעגנהייט, אויך אָפּשאַצונגען וועגן זיינע ספרים.

62. ז' 10, אות 9, אויספירלעך אין באגרינדונג פון זיין השערה.
63. הבלים בנעימים, ה', תרצ"ט, סימן מ"ח, ז' ל"ד. ער באריִרט אויך וועגן דער אלטער פאלעמיק, ווער און וועלכע חכמים זיינען געשטאנען העכער: די בבל'ער, צי די ארץ ישראלדיקע און ער קומט צו דער איבערצייגונג: „ובאמת אין לקבוע יסוד בזה והתורה למעלה מן המקומות ולא המקום גורם ותלוי במעלת האנשים" . . .

ג.

1. „שאתה מזומן לחיי עולם הבא" . . . תנחומא, תבא, ד'; ירושלמי. ברכות ט', ה'; בבלי, ברכות ס"א, ע"ב; יבמות ס"ג, ע"ב.
2. שבת מ"ו, ע"א.
3. סנהדרין פ"ו, ע"א. לויטן רמב"ן (ויקרא, כ"ג, כ"ד) האט ר' שמעון פארפאסט דעם מכילתא.
4. זע ,עבודה זרה ע"א, ע"ב; סנהדרין ל"ח; ע"ב; מנחות כ"ט; ע"ב.
5. דברים י"ד, א'; קדושין ל"ו, ע"א.
6. ירמיה ד', כ"ב.
7. בראשית רבה, מ"ד.
8. חגיגה, ט"ז, ע"ב; זע, א. ה. וויס, דור דור ודורשיו, חלק ב', ז' 104; מ. וואהלמאן, מסתרי האגדה, חלק א', ורשה, תרפ"ד, ז"ז 92-93.
9. נדרים, ע"ד, ע"ב; ברכות, ס"ב, ע"א; חגיגה י"ד; כתובות, ס"ג, ע"א; מ. לייטער, זוטו של ים, תרצב, ז"ז 190-192.
10. יבמות ס"ג, ע"ב.
11. „ברתיה דרבי עקיבא עבדא לי' לבן עזאי הכי . . ." די טאכטער פון רבי עקיבא האט געטאן ווי די מוטער, חתונה געהאט צו בן עזאי בסתר, ניט פרעגנדיק ביי אירע עלטערן, והיינו דאמרי אינשי: רחילה בתר רחילה אזלו, כעובדי אמה, כך עובדי ברתה", ווי די אויפפירונגען פון דער מוטער, אזוי זיינען געווען די אויפפירונגען פון דער טאכטער . . . זען, תוספות יבמות ס"ג, ע"ב, אנהויב-ווארט „שיתקיים", ציטירט פון אן אנדער גמרא (סוטה ד' ע"ב), אז ער האט זיך גע'גט מיט איר ,צוליב זיין פארנומענקייט אין לערנען: „אע"ג דמשמע בפרק אע"פ (כתובות ס"ג, ע"א), שנשא בתו של רבי עקיבא, דקאמר ברתי' של ר"ע עבדא לי' לבן עזאי הכי" „הא אמר בפ"ק דסוטה (דף ד' ע"ב) דנשא וגירש". אין דער גמרא (סוטה מ"ט, ע"א) ווערט געזאגט וועגן נרויסן מתמיד בן עזאי: „משמת בן עזאי, בטלו השקדנים („שוקדים לילה ויום"—רש"י); זע אויך תוס' כתובות, דארט, אנהויב-ווארט, „ברתיה"; בראשית רבה, ל"ד.
12. זע, ירושלמי: פאה, פרק ח', הלכה ז'; ויקרא רבה, ל"ד; שיר השירים רבה, פסוק, „הביאני"; זע אויך, זוטו של ים, ז"ז 121-124.
13. קדושין כ"ז, ע"א; ויקרא רבה, פרשה ל"ו; פרקי אבות, ד'
14. חגיגה, דארט.
15. מכילתא, משפטים.
16. יבמות, מ"ט; איכה רבה, פ' בלע; זע, מ. וואהלמאן, מסתרי האגדה, דארט, 83-84.
17. אבות דרבי נתן, פ' ל"ז.
18. קדושין ל"ט.
19. ירמיהו ג' י"ד. קערט אייך אום, קינדער, אפקערער . . . אבער ניט אחר. זע, יוסף דוב הלוי סאלאוויטשיק, א דרשה, ניו-יארק, תשכ"ב, ז"ז 26-30, וואונדערלעכער הסבר וועגן דעם מאמר.
20. ברכות י"ז; סוטה ט', ט"ו.
21. חגיגה י"ד; ע"ב; זע, מסתרי האגדה, ז' 85.
22. חגיגה, אנהויב פרק ב'; זע, מ. וואהלמאן, דארט, ז' 90, באריכות.
23. ספרי, חוקת, קי"ד.
24. פסחים מ"ט, ע"א.
25. אבות דרבי נתן, פרק כ"ו.
26. ירושלמי, חגיגה, דארט.
27. יבמות ט"ז, ע"א; קדושין ס"ו.
28. תוספתא, שבת פרק ששה עשר, י"ד; זע אויך: אבות, א', י"ב; ברכות, ס"ב, ע"א-ע"ב; פסחים כ"ב, ע"ב; תוספתא, דארט, א', ו'; בבא מציעא, ס"ב, ע"ב.
29. זע, ראש השנה, כ"ו, ע"א; יבמות, קכ"א, ע"א.
30. לויט ירושלמי, סנהדרין הלכה א', אים געהאלטן אפילו העכער פון רבי שמעון בן יוחי. ר' מאיר ווערט דערמאנט 335 מאל אין תלמוד און יעדער „סתם משנה" איז דאך די לערע און פסק פון רבי מאיר, וואס זיין תלמיד, דער מחבר פון משנה, האט באשטימט אלס הלכה.
31. אומעטום איז דער דין „המוציא מחברו עליו הראיה", ווער עס דארף נעמען געלט בייִם צווייטן, דער דארף ברייננען עדות-באווייז. אבער ווען אן ארבעטער מאנט שכירות פון זיין בעל הבית, דארף ער בלויז שווערן א לייכטע שבועה.
32. עירובין פ"ז, ע"ב.
33. ירושלמי, סנהדרין פרק הנחנקין, סוף הלכה ג'; בבלי: קדושין ס"ג, ע"א.
34. שמות רבה, כ', ט"ו.

35. קהלת רבה, א׳, י׳; שבת קנ״ו, ע״א; ביצה, כ״ב, ע״ב.
36. קדושין ע״ב, ע״א.
37. שבת קמ״ז ע״ב; עירובין, צ״א, ע״א.
38. עירובין י״ג, ע״ב; זעז, נ. סולומון, אנציקלופדיה לאגדת התלמוד, תולדות תנאים ואמוראים, ז״ז רס״ב־רפ״ז.
39. ב״מ, פ״ה, ע״א א.א. מקומות.
40. כתובות ק״ד, ע״א, בראשית רבה, ק׳, ג׳.
41. סנהדרין צ״ח, ע״ב; ירושלמי סנהדרין, י״א, ג׳; כלאים, ט׳, ג׳; ירושלמי שבת ט״ו, א׳; אבות ו׳, ט׳; הוריות י״ד; ע״א.
42. סוף הוריות, ב״מ, פ״ד, ע״ב.
43. סולומון, דאָרט — באריכות.
44. ב״מ, פ״ה, ע״ב.
45. רבי פתח אוצרות בשני בצורת, אמר: יכנסו בעלי מקרא, בעלי משנה וכו׳. בתר דנפיק יתיב רבי וקא מצטער ואמר, אוי לי שנתתי פתי לעם הארץ — בבא בתרא, ה׳, ע״א.
46. מהרש״א — אויפן אָרט.
47. זוטו של ים, ז״ז 278־279.
48. מתיא, ה׳, ג׳.
49. שבת, ל״א; אבות דרבי נתן, ט״ו; אבות ב׳, ג׳.
50. יומא ל״ה, ע״ב.
51. סוטה, כ״א, ע״א.
52. עירובין פ״ה, ע״ב; פ״ו, ע״ב.
53. מתיא י׳, כ״ה; כ״ח; ל״ב.
54. סתם ר׳ שמעון, איז געמיינט ר׳ שמעון בן יוחאי — רמב״ם, הקדמה צו זרעים: רש״י, שבועות ב׳, ע״א. ער איז געווען פערטער דור פון תנאים — סולומון, דאָרט, ז״ז תי״ז־תי״ח.
55. תלמיד מובהק פון רבי עקיבא, ביי וועמען ער האָט געלערנט דרייצן יאָר — ויקרא רבה, כ״א, ז׳; רש״י מנחות, ע״ב; ע״א.
56. ר׳ עקיבא רופט אים „בני", מיין זון — זעז, פסחים קי״ב, ע״א; אייניקע מאָל געלערנט אַנדערש פונם רבי׳ן — סנהדרין י״א, א׳; סולומון, דאָרט, ז׳ ת״כ.
57. ברכות ל״ה, ע״ב, און מ׳דאַרף מקיים זיין די מצוה פון „לא ימיש ספר התורה הזה מפיך" און די וואָס טוען ניט אַזוי, „מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה" (שבת, ל״ג, ע״ב).
58. נדרים מ״ט, ע״ב.
59. „אפשר אדם חורש בשעה חרישה וזורע בשעת זריעה וקוצר בשעת קצירה, ודש בשעת דישה . . . תורה מה תהא עליה" — ברכות ל״ה. זעז, יקותיאל יהודה ארי׳ גרינוואלד, תלמוד בבלי וירושלמי, ניו־יאָרק, תרצ״ו, ז׳ 150.
60. הוריות י׳, ע״ב.
61. סנהדרין פ״ו, ע״ב.
62. גיטין ס״ז, ע״ב.
63. דאָרט, רש״י.
64. „לאו רבי שמעון כשאר בני נשא, דכלהו קמיה כשאר נביאי לקמיה דמשה" (זוהר, חלק ג׳, דף רצ״ה).
65. „גדול אונאת דברים יותר מאונאת ממון" (בבא מציעא נ״ח, ע״ב).
66. משמת רבי מאיר בטלו מושלי משלים . . . סוטה מ״ט.
67. עירובין י״ג ע״א.
68. זעז, ברכות י׳ ע״א; עבודה זרה י״ח, ע״א, נ״ב, ווענן ברוריה׳ס שיינקייט: ווענן איר מיינונג, אַז מען דאַרף בעטן אַז רשעות זאָל אַוועק, אַ געדאַנק וואָס מען געפינט ביי סענעקאַ׳ן, וויזט אַז דער באַרימטער פּראָפעסאָר דר. א. קאַמינקאַ, אַז דאָס איז איינע פון די באַווייזן, אַז זי האָט געקענט די רוימישע ליטעראַטור און פילאָזאָפיע.
69. אַז רבי מאיר איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון נירון קיסר און געלערנט ביי אהר׳ן, זע: גיטין נ״ו; סנהדרין ל״ט;
70. פאַרוואָס רבי מאיר האָט פאַרלאָזט ארץ ישראל זיינען פאַראַן פאַרשיידענע ווערסיעס. לויט איין מיינונג, איז ער געווען געצוואונגען דאָס טאָן, צוליב זיין פּלאַן קעגן דעם נשיא און אַז ער איז געווען קעגן דעם, וואָס מ׳האָט דערלויבט אין נשיא׳ס הויז צו קלאַפּן מיט די הענט אום שבת און נאָך אַנדערע סיבות צו זיין קעגנערשאַפט, וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט צו באַרירן . . . אַנדערע האַלטן, צוליב אַן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט זיין געלערנטער פרוי ברוריה (זי איז געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, אַלס אויסטויש פון איר שוועסטער און אַן אַנדערע מיינונג, זי האָט זיך פאַרלוירן, געטאָן אַ מיאוסע מעשה, צוזאַמענגעבראָכן . . . אַ פרוי, וואָס האָט געבוירן אַ צאָל קינדער, פאַרמאָגט אַזויפיל וויסן און צו לסוף טראַגיש פאַרענדיקט, ניט בעסער פון איר ברודער). זעז, עבודה זרה י״ח, ע״ב; סולומון, דאָרט, אויך ווענן רבי־און רבי מאיר — באריכות.
71. זעז, יבמות ט״ז, ב׳; כלאים ט׳, ד׳.
72. ווענן אים, באַזונדערס אין אַ גאָר אינטערעסאַנטן מאמר פון דר. א. קאַמינקאַ.
73. מכילתא, שלח, ט״ז, י״ד.

קאפיטל ניין

שקלאַפעריי און פרייהייט

א. אָנהויב פון שקלאַפעריי. — די אַלטע געזעצן. — פרימיטיווע פעלקער. — תורה באַקעמפט שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט.—

ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, איז די חשיבות פון מענטש זייער גרויס און לויט דער תורה, מוז הערשן אַן אָרדענונג וואָס דערלאָזט ניט שקלאַפעריי — און די באַזע פאַר אָט דער פעסטשטעלונג איז דער אַקסיאָם, אַז יעדער מענטש איז גלייך, האָט דעם צלם אלקים, און טראָגט מיט זיך, זינט אָדם הראשון, דעם חלק פון אוניווערסום און די זריעה פון דורות. דערפון נעמט זיך די הנחה אַז, „כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא"[1], אַז יעדער יחיד טראָגט מיט זיך אַ קוואַנטיטאַטיוון ניצוץ סיי פונם גייסט און סיי פון דער פיזישער אַנטוויקלונג פונעם צוקונפט־מענטש.

פרייהייט איז דעריבער, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — ווען יידן פייערן, למשל, פסח, איז עס ניט בלויז צוליב נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, נאָר אויך, און אפשר מער די סאָציאַלע באַפרייאונג פון ייד, וואָס איז פון קנעכטשאַפט געוואָרן אַ מענטש!

אויף טריט און שריט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשיידענע מצוות, ווערט אָט דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט דערמאָנט. דער ערשטער פון די צען געבאָטן, לויטעט: „איך בין דיין גאָט וואָס האָב דיך אַרויסגעצויגן פונם לאַנד מצרים. די סימבאָלישקייט פון יציאת מצרים, איז „וזכרת כי עבד היית במצרים . . . " (זאָלסט געדענקען אַז דו ביזט געווען אַ קנעכט אין מצרים, דעריבער זאָלסטו היטן און פּראַקטיצירן די דאָזיקע געזעצן[2]) און פסח איז געוואָרן דער סימבאָל פון גאולה און פרייהייט.

כדי צו פאַרשטיין דעם באַדייט פון פרייהייט, מוז מען זיך אַביסל באַקענען מיטן סיסטעם פון שקלאַפעריי, וואָס ציט זיך נאָך פון די פּרע־היסטאָרישע תקופות, ווען דער מענטש האָט זיך געפונען אינם „נאַטירלעכן" שטאַנד, ווי הלל ציטירן הי"ד, רופט דעם אַלטערטימלעכן שטאַנד, ווען ער פלעגט אונטערשיידן גוטע גייסטער פון שלעכטע און אָנווענדן אַלע מיטלען אויסצודריקן דאַנק די ערשטע און שטילן דעם כעס פון די לעצטע[3].

אין די שפּעטערע צייטן, ווי ציטלין קלערט אונז אויף, ווען דער מענטש האָט שוין אָנגעהויבן באַגרייפן די נאַטור־דערשיינונגען, זענען ביי אים, די גוטע און בייזע גייסטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאַרקע געטער: די גוטע, האָט דער מענטש געשעצט און געליבט און פאַר די שלעכטע, שרעקלעך מורא געהאַט און זיי תמיד געחנפעט, זיי זאָלן אים קיין בייז ניט טאָן.

ער האָט אויך אָנגעהויבן שעצן און טייער האַלטן די מענטשן, וועלכע ער האָט געמיינט, אַז זיי זענען נעענטער צו די געטער און באַזיצן די קראַפט משפּיע צו זיין צו ברענגען אויף אים גוטס אָדער שלעכטס.

די עגיפּטער האָבן געגלויבט אין פּילגעטעריי; זייער מעכטיקער גאָט אָזירים איז אַ גוטער, באַרמהערציקער, דאַקעגן זיין ברודער סיט איז דער מקור פון אַלץ וואָס איז שלעכט. ביי צאַראַאַסטירן, דעם שאַפער פון דער פּערסישער אמונה, האָבן מיר אויך דעמזעלביקן דואַליזם: **אהורא מאזדא** (גריכיש, ארמוזד) (און אין תלמוד, הורמיש), וועלכער פאַרקערפּערט דאָס גוטע און שאַפט בלויז גוטס און ליכטיקס און **אנהארא מיינום** (ארמאַן־אהורמיז), וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך אַלץ וואָס איז שלעכט. אייביק הערשט מלחמה צווישן די צוויי כחות.

ביי די גריכן און די רוימער, זענען די תוך־געדאַנקען געוואָרן פאַרטיפט און געקראָגן אַ פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם. זיי האָבן געזען די דערשיינונגען אין דער וועלט, אַז שלעכטס איז גובר און גערעכטיקייט איז ניט צו געפינען. טיף איז געווען די גריכישע טראַגעדיע, ווען זיי האָבן געזען, אַז אין געוויסע צייטן מוז דער מענטש פאַרלאָזן אַלע תאוות, אַלע ליידנשאַפטלעכע לוקסוריעזע פאַרגעניגנס, שיינקייט און גרויסקייט . . .

די גריכן ווי עכילעס, סאָפאָקלעס, העראַקליט, עמפּידאָטוס און די אַנדערע פון 5־טן יאָרהונדערט, פאַר דער קריסטלעכער ערא, זענען געווען באַהערשט פון אַט דעם פאַטאַליזם און אומענדלעכן פעסימיזם.

סאָקראַטעס (פאַר קריסטלעכער ערא, 399-468) האָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע אָנגעווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג און זיין נאָכפאָלגער פּלאַטאָ (פאַר קריסטלעכער ערא, 347-427) האָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע אויסגעברייטערט און געזוכט אויפצודעקן די סיבות פון דאָס שלעכטע און וויאַזוי צו עפענען די קוואַלן פון אמת און גערעכטיקייט — די נייע אידייען פאַר'ן מענטש, אַז מענטש דאַרף זיך דערהויבן אויסער די ספערן פון קערפּערלעכע פאַרגעניגנס. ווען ער זעט אָבער, אַז דער מענטש לעבט אויף דער ערד מיט ערדישע פאַרלאַנגען, זיפצט ער אָפּ און טרייסט זיך, אַז דער טויט איז פאַרט בעסער . . .

אין זיין „אַפּאָלאָגיע" זאָגט ער: אויב טויט זיין הייסט: קיין זאַך נישט פילן, שלאָפן און קיין חלומות נישט זען, אָ! ווי גוט איז טויט צו זיין . . . " ער זעט דעם מענטש אַלס שפּילצייג אין די הענט פון גאָטהייט וואָס אמאָל פירט ער די וועלט מיט רחמנות און אמאָל לאָזט ער איר אויף הפקר, אָן השגחה.

די דאָזיקע שיטה[4], איז אויסקריסטאַליזירט געוואָרן דורך אריסטאָטל (322-383, פאַר קריסטלעכער ערא). ער דרינגט אריין, לויט די דאמאָלדיקע הכרות, טיף אין דער מענטשלעכער נשמה און זוכט צו באַגרינדן דעם לאָגישן תכלית פון דער יצירה. ער זעט אינם מענטש דאָס געמיינע און נעגאַטיווע אין דער מאַטעריע און דאָס גוטע און שיינע אינם גייסט — אָבער דאָך באַהערשט,

(פּונקט ווי די שפּעטערדיקע קיראָנייקער און סטאָיקער פֿון 3־טן און 4־טן יאָרהונדערט), פֿונם פּעסימיזם, וואָס דריקט און וואָס שטערט דעם גאַנצן בנין פֿון דער יצירה.

אונטער אַזעלכע שטימונגען, איז אוממעגלעך געווען אויסצואוואָרצלען שקלאַפֿעריי, די אינסטיטוציע, וואָס האָט באַהערשט דעם מענטש אין אַלע לענדער פֿונם אָריענט און פֿון לעוואַנט. די דעמאָלטדיקע ציוויליזאַציע האָט דעריבער וויניק וואָס געזאָרגט פֿאַר דעם קוואַנטום פֿון שפּייז און לעבנס־באַדערפֿעניש פֿאַר דעם אָרימען, וויניקער פֿריווילעגירטן.

די תורה איז די ערשטע געקומען מיט דער אָרדנונג וואָס גלייכט אויס די מענטשהייט און שאַפֿט אָפּ קנעכטשאַפֿט און שקלאַפֿעריי. אין דער תורה, געפֿינען מיר די לאָזונג: „כי לי בני ישראל עבדים — ולא עבדים לעבדים[5]) און ווי רש״י באַמערקט אויפֿן אָרט: „כל המשעבדן מלמטה, כאלו משעבדן מלמעלה״ . . . דער וואָס פֿאַרשקלאַפֿט אַ מענטש פֿיזיש, פֿאַרשקלאַפֿט ער אים אויך גייסטיק.

די תורה אַנטוויקלט ביים מענטש־ייד ליבע פֿאַר פֿרייהייט, ווי צו שעצן פֿרייהייט און במילא פֿיינט האָבן שקלאַפֿעריי. זי עפֿנט די קוואַלן פֿון אינספּיראַציע און באַווירקט אים פֿאַר פֿרייהייט, אַרויספֿירנדיק דעם מענטש פֿון מצרישער פֿינסטערניש צו אַ ליכטיקייט פֿון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פֿרייהייט וואָס באַפֿרייט דעם מענטש פֿון זיין ערדיש־עגאָ־צענטרישקייט. די תורה לערנט אים, אַז „לא על הלחם לבדו יחי׳ האָדם״, אַז ניט מיט ברויט אַליין, לעבט אַ מענטש; אַז ער דאַרף זוכן זיך דערהויבן צו עטישע שלימות, צו אַ שלימות פֿון וועלכער עס האָבן אָנגעהויבן חלום׳ען די אידייען־שאַפֿער אין די לעצטע יאָרן פֿון די 150 יאָר־עמאַנציפּאַציע אין אייראָפּע און אַמעריקע. די באַגרינדער פֿון ניי־אַמעריקע זייענדיק באַהויכט פֿונם תנ״ך, דעם ספֿר הספֿרים, ווי מיר זען עס, אין דער דעקלאַראַציע פֿון אַמעריקאַנער זעלבסטשטענדיקייט, פֿאַרפֿאַסט פֿון דזשעפֿערסאָן, פֿרענקלין און אַדאַמס׳ען זיינען אַרויסגעקומען מיט דער לאָזונג, אַז „אַלע מענטשן זענען געבוירן גלייך . . .״

די עיקר פּרינציפּן פֿון יהדות, אין קעגנזאַץ צו די ציוויליזאַציעס פֿונם אור־אַלטערטום, זענען באַזירט אויף דער גלייכהייט און אויף דער פֿרייהייט פֿונם מענטש אלס יחיד, און אלס מיטגליד פֿונם קאָלעקטיוו — דער מקור פֿאַר אָט די פּרינציפּן, איז די הנחה, אַז אין יהדות איז ניטאָ קיין דואַליזם: עס איז דאָ איין־איינציקער „יוצר אור ובורא חושך״ — באַשעפֿער פֿון ליכט און פֿינסטערניש, פֿון קערפּער און גייסט — ד׳ אלקינו ד׳ אחד! און נאָך אַ הנחה: „כי מאתו לא תצא הרעות . . . כעס, שנאָה, שלעכטס אא״וו קומט פֿון מענטשנס בחירה, פֿון זיין פֿרייען אויסוואַל . . . פֿון גאָט — לערנען אונז די חז״ל און אויך פֿילון האַלכסנדרוני (פֿילאָ, דער ערשטער יידיש־גריכישער פֿילאָזאָף 20 פֿאַר קריסטלעכער ערא—40 נאָך קריסטלעכער ערא — 30 יאָר נאָכ׳ן חורבן) קומט ניט קיין שלעכטס,

ווייל ער איז דער מקור פון אַלץ וואָס איז גוט. ער שטראָפט די זינדיקע וועלכע מ'קען אַנדערש ניט דערציען און גיבן זיך איבער דעם יצר הרע, דער פינסטערער תאווה.

תאָ חזי — קום און זע: זאָגט דער „זוהר" — ווען די מענטשן זענען ערלעך און היטן אָפּ די געבאָטן פון דער תורה, ווערט אַלץ פול־פרייד. וואָרים די שכינה רוט אויף דער ערד, און אַלע אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון חדווה. ווען מענטשן פאַרדאַרבן אָבער זייערע וועגן . . . שטויסט כביכול אַוועק די שכינה פון דער וועלט, די ערד ווערט פאַרדאָרבן . . . צעשלאָגן, ווייל עס רוט אויף איר אַ פרעמדער גייסט . . . "

גאָט באַרויבט נישט דעם שכר פון יעטוועדער באַשעפעניש!

דער תנכ"ישער אָפּטימיזם גיט האָפנונג, אַז אפילו די זינדיקע, די מיט פאַר־שטיינערטע הערצער, וועלן זיך צוריקציען און וועלן צוריק קומען. „מעשיך ירחקוך ומעשיך יקרבוך", די מענטשלעכע נאַטור, קאָן אויסגעבעסערט ווערן און קריגן געטלעכע התקרבות; דער „כי יצר לב האדם רע מנעריו" קאָן האָבן זיין תיקון, דורך גוטע מעשים, דורך ערלעכער באַציאונג צום מיטמענטש.

די דאָזיקע הנחה, פירט אונז צו נאָך אַ הנחה אין די מאָטיוון פון פרייהייטס־געראַנגל, וואָס מיר זען ביי אַלע נביאים, אָנהייבנדיק פון משה רבנו אָן — דער מאָטיוו פון אמת![6]

תורת משה זוכט אָפּצושאַפן לייב־אייגנטום, שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע. דער הינטערגרונט פאַר אָט די אידייען, איז דער קרעדאָ, „אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך", וואָס האָט זיין אורשפּרונג אין „בראשית" און „אלה תולדות אדם"; נאָך אַ יסוד פאַר אָט דער הנחה איז, אַז די ערד איז גאָט'ס, און ער האָט איר געגעבן דעם מענטשנקינד.

דער אָנהויב פון דער מענטשהייט, איז געווען אַ קלאַסנלאָזער סאָציאַלער איינשטעל, אַ גן־עדן־פאָרמולע אויף דער ערד, אַ האַרמאָנישע ווירטשאַפט מיט אַלע גליקלעכע פּערספּעקטיוון און פּערפעקציע, באַזירט אויף אוניווערסאַלער שלימות — און אַז נאָר דער נחש־שלאַנג־איינרעדעניש האָט געבראַכט די „זוהמא", די קדמון־זינד, און די מענטשהייט געזונקען צו אָט דעם קורס אין דער געשיכטע, וואָס האָט פריער געפירט צום קין־מאָרד און נאָכדעם, צו גייסטיקע און פיזישע שקלאַפעריי. ערשט ביים סיני, אין דער מדבר, איז געקומען דער רוף, דאָן צו ששים רבוא און נאָכדעם צו דער גאַנצער וועלט, אַז „עבדי הם — ולא עבדים לעבדים", דער עמוד האש פאַר פרייהייט און גלייכהייט.

די נביאים, פאַרזעצנדיק די לערע פון תורת משה, האָבן דעריבער געלייגט דעם הויפּט געוויכט פון דער יידישער אמונה, אויף דער סאָציאַלער און עטישער באַנעמונג צווישן מענטש און מענטש.

דער נביא, וועלכער פארנעמט זיך מיט איינפלאנצן די יידישע אמונה צווישן יידן, באקעמפט געצנדינעריי ביי יידן, האט אבער געוואלטיקע טאלעראנץ צו די ניט־יידן: „זאל יעדער גיין מיט זיין גאט, און מיר (יידן) וועלן גיין מיט אונזער גאט".

די באציאונג צו פרעמדע, וואס מיינט צו פרעמד גלייביקע, איז כמעט ווי צו אייגענע ברידער. דעם נביא'ס ווידערווילן צו עבדות, איז ניט בלויז קעגן קנעכטשאפט ביי יידן, נאר אויך קעגן נעמען קנעכט פון אנדערע; געצנדינערישע קנעכט האט מען געגעבן מעגלעכקייטן צו קענען ווען ניט איז באפרייט ווערן.

דער רמב"ם, פארענדיקט זיין הלכות עבדים מיט'ן פאלגענדען פאראגראף:

„מותר לעבוד בעבד כנעני בפרך, ואעפ"י שהדין כך — מדת חסידות ודרכי חכמה שיהי' אדם רחמן ורודף צדק ולא יכביד עולו על עבדו ולא יצר לו ויאכילהו וישקהו מכל מאכל ומכל משתה. החכמים הראשונים היו נותנים לעבד מכל תבשיל ותבשיל שהיו אוכלים, הרי הוא אומר: כעיני עבדים אל יד אדוניהם כעיני שפחה אל יד גברתה[7].

וכן לא יביזהו ביד ולא בדברים, לעבדות מסרם הכתוב ולא לבושה, ולא ירבה עליו צעקה וכעס אלא ידבר בנחת וישמע טענותיו, וכן מפורש בדרכי איוב הטובים, שהשתבח בהם: „אם אמאס משפט עבדי ואמתי בריבם עמדי, הלא בבטן עושני, עשהו ויכוננו ברחם אחד[8].

ואין האכזריות והעזות מצויה אלא בעובדי עבודה זרה, אבל זרעו של אברהם אבינו, והם ישראל שהשפיע להם הקב"ה טובת התורה, וצוה אותם בחוקים ומשפטים צדיקים, רחמנים הם על הכל, וכן במדותיו של הקב"ה, שרוצה להדמות בהן, הוא אומר: ורחמיו על כל מעשיו, וכל המרחם מרחמין עליו, שנאמר: ויתן לך רחמים ורחמך והרבך".

נאך אים קומט דער אנדערער גרויסער פוסק, מקובל און פילאזאף, דער רמב"ן (רבנו משה בן נחמן גרונדי, געבוירן ד"א תתקנ"ד 1194) נפטר אין ירושלים ה'א, ל' 1270). ער פירט אוים אין זיינע פסקים און אין זיינע תורה־קאָמענטארן אט די דאזיקע באציאונג צום עבד, אפילו ווען ער קומט פון כנעניש אפשטאם.

אלע אונזערע גרויסע געלערנטע פערזענלעכקייטן זוכן צו דערקלערן און קאמענטירן אויף דעם זאג פון „לעולם בהם תעבודו" — איין טייטש: „אין לך בהם אלא עבודה בלבד[9]. און אנדער קאמענטאר: „לעבודה נתתיו ולא לבושה[10].

איינער פון די גדולי האחרונים, דער מהר"ל מפראג (ר' יהודה ליווא ב"ר בצלאל, געבוירן בערך הרע"ה 1515 — נפטר געווארן י"ח אלול שס"ט 1608) באמערקט אין זיין ספר גבורות ד' (פרק י"ח) אויפ'ן פסוק ויגדל משה ויצא אל אחיו, אז אין דעם איז באשטאנען די גרויסקייט פון משה רבנו, וואס ער איז ארויסגעגאנגען זען זיינע ברידער און זייערע לײדען, ווען ער וואלט ניט געהאט

די גרויסע נשמה, וואָלט אים ניט געאַרט די ליידען פון זיינע ברידער . . . ההשתתפות בצער אחים זוהי ממעלת הנפש . . . " און מיט דעם זעלביקן געדאַנק דערקלערט ער דעם מאמר: „בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה אתה מוצא ענוותנותו" [11].

די מידת הענוה איז דער בעסטער באַוויז אויף דער גרויסקייט פון השי"ת. זיין גרויסקייט ווערט דערקענט, דווקאַ ווען ער געפינט זיך צווישן שפלים — „עושה משפט יתום ואלמנה ואוהב גר לתת לו לחם ושמלה" [12].

די תורה איז קעגן קענכטשאַפט. אויב אָבער אַ ייד האָט זיך פאַרקויפט, איז ער געוואָרן בלויז אַ שכיר (געדונגען אויף 3 אָדער 6 יאָר). דער יידישער עבד איז געשלאָפן אויפ'ן זעלבן, (לויט'ן דין אויף אַ בעסערן), געלעגער און דאָס זעלבע מיט'ן עסן.

די באַדינגונגען פונם אַרבעטער ביי יידן זענען געווען אין אַלטערטום, די פּראָגרעסיווסטע, פאַרגעשריטנסטע, ווי עס זיינען דאָ כללים אין ביידע תלמודים: די פּרקים, „השוכר את האומנין", „השוכר את הפועלים", הלכות עבדים און אַנדערע.

נישט אומזיסט האָבן אונזערע חז"ל געזאָגט: „הקונה עבד כקונה אדון לעצמו"; ניט אומזיסט האָבן זיי געזאָגט: אַ מענטש זאָל בעסער פאַרקויפן זיין טאָכטער פאַר אַ דינסט, איידער לייען געלט אויף פּראָצענט — וויל יעדער פאַרבייגייענדיקער טאָג דערנענטערט דעם סוף פון די זעקס-יאָריקע קנעכטשאַפט, אָבער יעדער פאַרבייגייענדיקער טאָג פאַרגרעסערט דעם חוב מיט'ן וואוקס פון פּראָצענט. אַלע יידן דאַרפן זיין פריי, זיי זענען גאָט'ס קנעכט און ניט קנעכט צו קנעכט . . . „לא ימכרו ממכרת עבד" [13]. זיי טאָרן ניט פאַרקויפט ווערן פאַר קנעכט. ניט אומזיסט האָבן די חז"ל געדאַרפט זוכן פאַרשיידענע תירוצים אויף צו פאַר־ענטפערן דעם „לא יחדל אביון מקרב הארץ" [14] און דעם אַנדערן פּסוק וואָס לוי־טעט: „אפס כי לא יהי' בך אביון . . . "

די לאָזונג איז געווען: „צדק צדק תרדוף"! גערעכטיקייט פאַר אַלעמען, אַפילו פאַר דעם עבד כנעני, וויל אויך ער, ווערט באַפרייט דורך ראשי אברים און ניט אומזיסט איז געקומען דער אויסדרוק: „אשריך ארץ שמלכך בן חורין שאינו משתעבד לכל לחץ זר . . .

אַפילו פּלאַטאָ, דער גרויסער פילאָזאָף אין דער אנטיקן וועלט, וועלכער האָט געוואָלט באַזירן דעם עטישן צדק אויפן יסוד פון אידעאַליזם, ווי זיין „אוטאָפּיע" און „רעפּובליק", אַפילו ער טיילט דעם מענטש אין צוויי טיילן: שכל, העכערער גייסט און געפיל, (עמאָציע) . . . דעריבער קען ער דערלויבן הרגענען קינדער פון ניט-שיינעם אויסזען, געבוירענע אומלעגאַל, דורך רשעים אָדער זקנים פון וועלכע די געזעלשאַפט דאַרף ניט באַלעסטיקט ווערן — און

קנעכט, זיי זענען די נידעריקסטע און האָבן ניט קיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, אויסער ווי ליב־אייגענטום אָן וועלכער ניט איז פרייהייט אָדער פּריווילעגיעס.

דער יידישער צדק איז באַזירט אויף'ן יסוד פון „אָדם יחידי נברא", בדמותו ובצלמו . . . ותחסרהו מעט מאלקים . . . ובשבילו נברא העולם, ווי דער קאָמענטאַר לויטעט: צוליב דעם געבאָט פון „כבד את אביך ואת אמך"[15], וואָס אַלע פעלקער אנערקענען און וואָס די חכמי אומות העולם, ספּעציעל די „חסידים" צווישן זיי, פאַרערן און דריקן אויס באַגייסטערונג. זיי זען אין דער יידישער אמונה, דאָס ליכט פון רעליגיעזן אמת; ניט סתם אַזוי „רעליגיע פון ליבע", נאָר ליכט פון יושר, צדק און אמת — די יסודות פון עכטן מאָנאָטעאיזם וואָס האָר־מאָניזירט פּראַקטיק מיט טעאָריע.

דער תלמוד, גייסטיקער וועג־ווייזער פאַר'ן יידישן פאָלק, ווערט באַצייכנט אַלס ים התלמוד, צוליב זיין טיפקייט און ברייטקייט פון דער יידישער הלכה, יידישער מעטאַפיזיק, פילאָזאָפיע, עטיק און מאָראַל. דער תלמוד פאַרטיפט אָט דעם יושר פאַרלאַנג צו אַלעמען, פאַר אַלעמען!

אין דער אַלטער גריכנלאַנד מיט איר דערהויבענער ציוויליזאַציע, האָט געקענט מעגלעך זיין די באַרעכטיקונג, אַז קינדער זאָלן טויטן זייערע עלטערן, אויב זיי האָבן מער ניט געפונען קיין נוצן אין זיי. אין דער תורה און אין תלמוד איז כבוד אָב ואם געשטעלט געוואָרן אויף דער העכסטער מדרגה. די חשיבות פון מענטש איז אומגעהויער גרויס. אַפילו די נעמען „עבד", „שפחה", „משרת", „אמה" אא"וו זענען שענערע ווערטער פאַר אַ באַדינער, ווי די נעמען אין אַנדערע שפּראַכן[16]. עבד־עבוד (אַרבעטער); שפחה־משפחה (פאַמיליאַר); „אמה־אם (מוטערלעך). משה ווערט גערופן „עבד ד'" און יהושע „משרת משה" . . . ביי אברהם אָבינו, איז דער עבד אליעזר דער „מושל בכל אשר לו" און אויך ביי איוב'ן דעם „ירא ד'", זעט מען ווי ער האַלט דעם דינער פאַר גלייכבאַרעכטיקט[17].

אויב ביי אַנדערע פעלקער איז דער האַר געווען פריי, צו טאָן מיט זיינע קנעכט, וואָס נאָר ער האָט געוואָלט, איז דער יידישער האַר געוואָרן באַגרעניצט אין דער פרייהייט. אויב אַ יידישער האַר האָט אַרויסגענומען אַן אויג אָדער אַ צאָן ביי זיין פאַרשקלאַפטן כנעני, איז ער זאָפאָרט פריי געוואָרן.

דער יידישער קנעכט, „כי תקנה עבד עברי" . . .[18], אַפילו ער איז פאַרקויפט געוואָרן דורך דעם בית דין צוליב אַ גנבה וואָס ער איז באַגאַנגען, איז זיין אַרבעטס טערמין באַגרעניצט געוואָרן צו זעקס יאָר, „שש שנים יעבוד". און אַפילו אין דעם אַרבעטס פעריאָד איז ער באַגרעניצט: „לא תעבוד בו עבודת עבד[19], און אויך אין די פאָרמען פון אַרבעט: „לא ירחץ לו רגליו ולא ינעיל לו מנעליו, ולא יטול לו כליו לבית־המרחץ", נאָר זיך באַנוצן מיט אים מיט געוויינטלעכער אַרבעט און אויב ער איז אַ פאַכמאַן, זאָל ער טאָן זיין פאַך און אויך ניט הייסן אים טאָן אַרבעט פאַר אַנדערע. און מערקווירדיק, ניט בלויז

דעם יידישן קנעכט, דאַרף מען אַזוי שיין באַהאַנדלען, אויך דעם עבד כנעני דאַרף מען באַהאַנדלען מיט געפיל און מענטשלעכקייט: „ר׳ יוחנן משאכל בשר נתן לעבדו, שתה יין נתן לעבדו״[20]. די תורה באַזירט דאָס יידישע לעבן אויף יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אַזוי ווייט, אַז זי שליסט אויס אייגנטום פון ערד — „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי כל הארץ . . . ״[21]. דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן האָט געמוזט זיין געבויט נאָר אויף גערעכטיקייט — „צדק, צדק תרדוף . . . למען תחיה . . . ״[22]. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, האָט די תורה פאַרלאַנגט, זאָל זיין געווענדעט דעם נידערשלאָגענעם, דעם שוואַכן — „אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך לא תהיה לו כנושה . . . לא תעשוק שכיר . . . לא תעבוט עבוטו . . . וכי ימוך אחיך והחזקת בו . . . לא תראה חמור אחיך או שיו נדחים . . . והתעלמת . . . לא תראה חמור אחיך או שורו נופלים בדרך . . . והתעלמת . . . ״[23].

אומצייליקע דינים זיינען אַ רעזולטאַט פון דעם גאָטלעכן פאַרלאַנג, פון סאָציאַלן יושר. אויב דער יושר האָט אָנגעהויבן אונטערהינקען, זענען געקומען די נביאים, די קעמפער פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט און אין נאָמען פון גאָט אַרויסגעטראָטן קעגן הערשנדיקן קלאַס; מיט פלאַמיקע ווערטער, פּראָטעסטירט קעגן די פּריווילעגירטע, וואָס דערלויבן זיך עקספּלואַטירן די שוואַכערע, די אָרימערע.

נאָך מער: אין דער צוקונפט־וועלט, האָבן זיי באַטאָנט, וועט יעדער ייד, און אויך ניט־יידן וואָס זענען מקיים די תורה־עיקרים האָבן אַ גלייכן חלק; דאָרט עקזיסטירט בכלל ניט די אומגלייכהייט[24].

איינער פון די גייסט־מענטשן אין אונזער צייט, חיים גרינבערג, האָט אין איינעם פון זיינע מאמרים[25], זיך אָפּגעשטעלט וועגן גלייכהייט און פרייהייט ביים יידנטום זינט זיין באַגין, באַהויפּטנדיק, מיט רעכט, אַז די גלייכהייט פונם יידישן קנעכט מיט זיין האַר, איז אַן אָנדייט אויף אַ נייער ציוויליזאַציע און אַז נאָר דער תלמוד, נאָכפאָלגנדיק דעם תנ״ך, האָט געקענט אַרויסגעבן אַזעלכע הלכות, ווי, „עמך במאכל, עמך במשתה״, אַז דער קנעכט זאָל עסן און טרינקען דאָס זעלביקע ווי דער האַר, נישט אַז דו זאָלסט טרינקען אַלטן וויין און ער זאָל טרינקען נייעם וויין, נישט אַז דו זאָלסט שלאָפן אויף ווייך בעטגעוואַנט און ער זאָל שלאָפן אויף שטרוי. דערפון — האַלט ער — האָט זיך געשאַפן דאָס שפּריך־וואָרט, וואָס ווערט געבראַכט אין מסכת קידושין: „הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו״ (ווער ס׳קויפט זיך אַ יידישן קנעכט איז גלייך, ווי ער קויפט זיך אַ האַר) . . . וואָס באַדייט דער דאָזיקער שפּריכוואָרט? . . . אַז עס זאָל ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן דעם האַר און דעם קנעכט. אין דער מאָס, אין וועלכער זיי בילדן אַ געזעלשאַפט, עקזיסטירט אין איר אַ געוויסע גלייכקייט . . .

חיים גרינבערג — האַלט אָבער — אַז די גלייכקייט איז ניט קיין גאַנצע און עס פעלט אין איר, איר וויכטיקסטער עלעמענט: סטאַטוס, זעלבסטשטענדיקייט, פרייהייט. דער „געבאַלעוועטער" קנעכט איז נאָך אַלץ אַ קנעכט, — אַ מיטל, ניט קיין צוועק, אַ זאַך, ניט קיין סוביעקט. ער האָט קיין רעכט ניט פונם האַר אוועקצוגיין. ער איז ניט קיין יורידישע פּערזאָן, און אויב ער זאָל שטאַרבן פאַר דעם מאָמענט פון זיין באַפרייאונג, טאָר מען צום האַר ניט קומען אים מנחם אָבל זיין, ווען ביי אַ יידישן קנעכט דאַרף מען נוהג אבלות זיין ווי אויף אַ ייד...

אין זיין וועלן אילוסטרירן דער יידישער אויפפאַסונג פון גלייכקייט פאַר די אומגלייכע, ווי ער רופט די וויניקער פּריווילעגירטע, ברענגט ער אונז דאָס פּאָפּולערע, אָבער טיף־דורכגעטראַכט וואָרט פון רבי'ן ר' בונם:

„קיין שום ייד, האָט דער רבי ר' שמחה בונם פון פשיסכע געזאָגט, ווי פרום ער זאָל ניט זיין און וואָס פאַר אַ גרויסער תלמיד חכם ער זאָל ניט זיין, טאָר זיך ניט באַטראַכטן אפילו אויף אַ האָר, בעסער פון אַן אַנדערן יידן, מעג יענער זיין דער גרעסטער עם־הארץ און דער גרעסטער מופקר. אַ סימן האָט איר, אַז אויב אַ ייד אַ למדן און אַ ירא שמים זאָל קריגן אַ באַפעל צו הרגענען אַן אַנדערן יידן, אַן עם הארץ און אַ בעל עבירה, אָדער אַליין גע'הרג'עט ווערן, זאָגט דער דין, אַז ער איז מחויב זיך לאָזן מאָרדן, אַבי ניט צונעמען דאָס לעבן ביי אַן אַנדערן. קיינער קען ניט וויסן, ווי ס'שטייט אין פּסחים[25]א, וועמעס בלוט איז רויטער און וועמעס לעבן איז וויכטיקער אין גאָט'ס אויגן. אויב שטייענדיק פאַר אַזאַ נסיון, האָט איין מענטש קיין רעכט ניט צו באַטראַכטן זיך פאַר העכער פונם אַנדערן, על אחת כמה וכמה אין וויניקער קריטישע פאַלן" . . .

מענטשן זענען ניט גליך, עמפּיריש ניט גליך, דער בן־תורה איז אַ סך חשובער פונם עם הארץ. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן לעבן, זענען ביידע לעבנס גליך.

אחד העם (אָשר גינצבורג, התרט"ז־1856; התרפ"ז־1927) ווייזט אָן, אויף אַ סיטואַציע אין תלמוד, פון וועלכער מ'זעט אַ געוויסע אומגלייכקייט, אפילו אין לעבנס־רעטונג:

„שנים שהיו מהלכים בדרך . . . צוויי מענטשן זענען געגאַנגען אין וועג און איינער פון זיי האָט געהאַט אַ קרוג מיט וואַסער. אויב זיי טרינקען ביידע, וועלן זיי ביידע שטאַרבן און אויב איינער פון די צוויי זאָל טרינקען, וועט ער קענען דערגרייכן אַ ישוב — האָט בן פּטורא געזאָגט: זאָלן זיי ביידע טרינקען און ביידע שטאַרבן, כדי איינער זאָל ניט דאַרפן צוזען דאָס שטאַרבן פון זיין חבר; ביז ס'איז געקומען רבי עקיבא און ער האָט געפּסקנט: . . . דיין לעבן קומט פריער פון דיין חבר'ס לעבן, דאָס הייסט, איינער פון די צוויי זאָל טרינקען און לאָזן דעם אַנדערן שטאַרבן[26].

אחד העם האָט גענוצט דעם דראַזיקן טראַגישן ביישפּיל, כּדי דורכצופירן אַ שטרענגע אונטערשיידונגס־ליניע צווישן יידנטום און קריסטנטום, אין זיין פּאָלעמיק קעגן דעם עוואַנגעליש־געשטימטן קלאָוד מאָנטעפיאָרע.

רבי עקיבאָ׳ס אורטייל, האָט, לויט זיין מיינונג, פאַרקערפּערט אין זיך, די עטיק פון יידנטום, בשעת בן־פּטורא׳ס מיינונג, איז מער אין גייסט פון קריסטנטום. רבי עקיבאָ׳ס באַהויפּטונג איז באַזירט אויפן פּרינציפּ פון גערעכטיקייט, בעת בן פּטוראָ׳ס אויפן פּרינציפּ פון ליבע . . .

אין פריערדיקן פּרק האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער שטעלונג מצד דעם גרויסן תנא־העלד. ס׳איז אַ וואונדער, וואָס אחד העם האָט ניט געבראַכט די משנה אין בבא מציעא27) וועגן דעם אונטערשייד צווישן פאָטער און רבי, סיי וועגן געפינען זייערע אבדות, סיי וועגן אראָפּנעמען און פאַרלייכטערן זייערע משאות, סיי וועגן אויסלייזן פון געפאַנגשאַפט — דער רבי איז תמיד פריער, ווייל ער האָט געבראַכט צום חיי עולם הבא!

דער רבי, לויט דער משנה, ברענגט מער נוצן מיט זיין וויסן און חכמה.

חיים גרינבערג, קומט צום אויספיר, אַז אין דער ספערע פון „גלייך" און „אומגלייך" זענען פאַראַן קאָנפליקטן וואָס ווערן ניט געלייזט, נאָר גיכער „אויפ־געלייזט" מיטן כח פון טראַגעדיע.

דאָס איז, מוז מען צוגעבן, אַן אמת. דער ענין גלייכקייט איז רעלאַטיוו, אָבער קאָנקרעט, אויף אַזוי פיל, ווי גלייכקייט קאָן אַריינדרינגען אין די ראַמען פון גערעכטיקייט. ס׳איז ניטאָ קיין זאָאָלאָגישע, ראַסישע אומגלייכקייט אין פאָרם פון דיסקרימינאַציע; ניטאָ קיין קלאַסן־שיכטן און קאַטעגאָריעס אין דער געזעלשאַפט. ס׳זענען אָבער דאָ אין דער פּראַקטיק און אין דער פּסיכיק אונטערשיידן וועלכע מ׳קען ניט איגנאָרירן. אַפילו צווישן אָרימעלייט, זענען פאַראַן חילוקים צווישן אַן עני בן טובים און אַ געוויינלעכן אָרימען און אַזוי כסדר און כסדר. די דאָזיקע אומגלייכקייטן קומען אַלס פּועל יוצא פון קוואַליפיצירטקייט, קענטניש, באַוואוסטזיניקייט און אינטעלעקטואַלישקייט — און גרינבערג באַמערקט ריכטיק, אַז „אין באַצוג צו דער רייפער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָבן סיי מאַרקס און סיי לענין אָנגענומען די פאָרמולע פון יעדן לויט זיינע פיאיקייטן, יעדן לויט זיינע באַדערפענישן" אין קעגנזאַץ צו דער אידייע פון „מעכאַנישער און קוואַניטאַ־טיווער גלייכקייט" . . .

די טענדענצן אינם יידישן שאַפן, זינט תורת משה, זיינען תמיד געווען פאַר גאולה און פרייהייט פאַר יעדן מענטש אַלס יחיד און אַלס קאָלעקטיוו. די יידישע געשיכטע, די גאַנצע יידישע ציוויליזאַציע וויקלט זיך אַרום יציאת מצרים, שפּאַרט זיך אָן אויף אָט דעם וואונדערלעך־היסטאָרישן פאַקט, ווי אַ צענטראַלער־פונקט אין דער יידישער אמונה, תפלה און מצוות.

יציאת־מצרים־פאקט באווייזט, אז פרייהייט קען מען ניט באריקאדירן, קען מען ניט צאמען און אז שטענדיק מוז מען קעמפן קעגן קנעכטשאפט.

די דינים, אין שייכות מיט יידישע און כנענ'ישע קנעכט, באווייזן קלאר, אז די טענדענץ איז געווען צו ליקווידירן שקלאפעריי. א יידישער קנעכט, ווי מיר האבן פריער שוין אנגעוויזן, האט געהאט אלע רעכטן ווי א פרייער מענטש: „עמך במאכל, עמך במשתה". דאס איז ניט געווען סתם אזוי א פראזע, ניט בלויז אן אפעלירנדיקע אגדה, נאר א הלכה, א דין, א מצוה פון רבנן, וואס האט געהאט א סמך אין דער תורה . . . און ניט נאר ביים לעבן האט מען אים געדארפט אזוי גוט באהאנדלען, אז „הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" . . . נאר אפילו נאכ'ן טויט, איז ער באטראכט געווארן פאר א פולער פרייער מענטש מיט אלע פריווילעגיעס—נאך א יידישן קנעכט דארף מען נוהג זיין אבלות פונקט ווי ביי א פרייען, ניט־פארקויפטן, יידן.

לאמיר פאר א ווייל, זיך באקענען מיטן אנהויב פון דער שקלאפעריי־קללה:

די פעלקער־משפחה — לויט דער תורה — פאנגט זיך אן מיט די דריי נח'ס זין: שם, חם און יפת. די פאטערס פון די פארשיידענע פעלקער, פארשיידענע שבטים, פארשיידענע ראסן. צוליב דעם וואס כנען, האט זיך אויפגעפירט וואולגאר, אומאנשטענדיק אפילו לויט יענע בני־נח'שע באגריפן, איז זיין שטראף געווען קנעכטשאפט צו די בני שם ויפת, ווי דער פסוק זאגט: „ברוך ד' אלקי שם ויהי כנען עבד למו; יפת אלקים ליפת וישכון באהלי שם, ויהי כנען עבד למו[28]. פונדעסטוועגן ווערט צווישן די זיבן, וואס זיינען אריין אין גן־עדן ארייננגערעכנט בתיה, פרעה'ס טאכטער, און אליעזר, דער עבד אברהם[28א], ביידע בני חם.

אין דער תלמודישער און אין דער נאך־תלמודישער ליטעראטור, ווערט יפת כאראקטעריזירט אלס ליבהאבער פון עסטעטיק, קונסט — אויסערליכן עפעקט; חם, דער רעוואלטירער און אוזורפאטאר אזש ביז די הימלען „לעלות על במתי עב ולהדמות לעליון . . . " און שם, אלס דער צדיק און נאכפאלגער פון זיין פאטער, איידער ער האט געפלאנצט דעם וויינגארטן. שם בן נח איז דער כהן לאל עליון[29] און גרויסער נביא[30] פון די טריי־איבערגעבליבענע ביי דער ריינער אמונה.

פון שם'ן, האבן מיר אברהם אבינו, וועלכער האט אנערקענט גאטהייט, לויט איין מיינונג אין עלטער פון דריי יאר און לויט אן אנדער מיינונג, אין עלטער פון אכט און פערציק (בן מ"ח) ווען ער האט דערגרייכט רייפקייט און באוואוסט־זיניקייט און פון אים האט זיך אנגעפאנגען די ליכטיקע תקופה[31], פריער אין טראדיציע און נאכדעם אין געזעץ, ווי צו לעבן אליין אלס פרייע מענטשן און ווי צו באהאנדלען אנדערע.

אין די קלאסישע לענדער, די רוימישע, די גריכישע, האבן, ווי דערמאנט פריער, די הערשנדיקע מאכט־ארגאנען דערלויבט שקלאפעריי און עקספלואטאציע, פונקט ווי ביי די אוראלטע עגיפטער און אנדערע פעלקער פונם לעוואנט.

עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויב דער „אָדון" (האַר) איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און ער האָט מוראָ געהאַט, אַז דער „עבד" זאָל ניט דערציילן, האָט ער זיך גענומען די רעכט, אָפּצושניידן די צונג פונם קנעכט און מאַכן זיכער, אַז ער וועט ניט רעדן... אויב דער עבד האָט ניט נושא־חן געווען ביי דער מטרוניתא, האָט מען אים צוגעבונדן צו אַ בוים און די פּרינצעסין האָט איינגעלאַדן אירע פריינט זיך צו אַמוזירן פונם ספּעקטאַקל. אַלטע קנעכט האָט מען געשליידערט פאַר ווילדע חיות און ס'האָבן גאַרנישט געהאָלפן זייערע געבעטן.

ביי יידן, זען מיר, אַז אַפילו אין יענער תקופה, ווען שקלאַפעריי איז געווען אַן אָנגענומענע אינסטיטוציע, איז דאָס לעבן פונם קנעכט ניט געווען הפקר.

דער בעל הבית האָט, וואָס אַן אמת, רעכט אים צו באַשטראָפן, אַפילו מיט פיזישע קלעפּ, ער איז אָבער באַגרעניצט, דערמיט, וואָס אויב ער באַהאַנדלט זיין קנעכט מיט אכזריות; אויב ער האָט גורם געווען, אַז דער קנעכט זאָל פאַרלירן אַ צאָן אָדער אַן אויג, דאַן מוז ער אים לאָזן פריי: „וכי יכה איש את עין עבדו או את עין אמתו ושחתה, לחפשי ישלחנו תחת עינו"(32). און די בעלי התלמוד, קאָמענטירן, אַז דאָס מיינט, אין יעדן פאַל, אויב דער קנעכט ווערט קערפּערלעך באַשעדיקט אויף אַן אופן, וואָס ער קען ניט דערהאַלט ווערן, מוז אים דער בעל־הבית לאָזן פריי.

אויב די באַהאַנדלונג פונם קנעכט, איז געווען אַזוי ברוטאַל, אַז דאָס האָט גורם געווען מאָרד, אַן אומגליק אונטער די הענט, ווערט דער בעל הבית באַטראַכט פאַר אַ מערדער און דאָס געזעץ איז: „נקם ינקם"(33).

און דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ כנעני קנעכט!

מען דאַרף דערביי אויך ברענגען די שוין פריער דערמאָנטע מיינונג, פון איינעם פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער אמוראים־תקופה, שמואל, אַז אַפילו אַן עבד כנעני, טאָר מען ניט מבייש זיין, טאָר מען ניט באַליידיקן און אַז דער „לעולם בהם תעבודו"(34) מיינט, אַרבעטן אָבער ניט מבייש זיין(35).

אַ רוימישער קנעכט ביי אַ יידישן בעל הבית, איז אַ סך בעסער באַהאַנדלט געוואָרן ווי ביי אַ רוימישן בעל הבית. ביי יידן האָט געגילט דעם רמב"ם'ס דערקלערונג, אַז „די וועגן פון חכמה און חסידות דיקטירן רחמנות צו האָבן אויף אים. די חכמים האָבן געלערנט, אַז דעם כנענישן קנעכט מוז מען געבן דיזעלביקע שפּייז וואָס דער בעל הבית עסט, מען טאָר אים אויף קיין אופן ניט מבזה זיין, אוודאי ניט אַרויסווייזן אכזריות צו אים(36).

דער דין איז, אַז דער וואָס שרייבט אָן זיין פאַרמעגן פאַר זיין קנעכט אַלס מתנה, גייט ער אַוועק אָפּצאָרט אַרויס פריי; אויב אָבער ער לאָזט איבער איין זאַך, וואָס ער גיט אים ניט, גייט ער ניט אַרויס פריי. עס ווערט דערביי דערציילט פון אַ פאַל, וואָס איינער איז געפאָרן אין מדינת הים, איבערלאָזנדיק אַן איינציקן זון, וואָס איז געזעסן און געלערנט תורה אין ארץ ישראל. ווען די צייט איז

געקומען, האָט ער אָנגעשריבן זיין גאַנץ פאַרמעגן צו זיין קנעכט און דער זון זיינער, זאָל בלויז זיך אויסקלייבן איין זאַך, פון דער ירושה. נאָכ'ן טויט, האָט דער קנעכט איינגעזאַמלט דעם גאַנצן פאַרמעגן, געפאָרן קיין ארץ ישראל און איבערגעגעבן צום זון, דעם נוסח פון דער צוואה, אַז דער זון קאָן זיך אויסקלייבן איין זאַך פונם פאַרמעגן. וואָס האָט דער זון געטאָן? ער איז געגאַנגען צו זיין רבי'ן, און דער לעצטער האָט אים געזאָגט:

דיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער חכם און בקי אין דין. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט אים ניט אָנשרייבן דעם פאַרמעגן, וועט ער גנבענען און פאַרניכטן אַלצדינג; האָט ער באַשלאָסן אים אָנצושרייבן דעם גאַנצן פאַרמעגן, בכדי ער זאָל דאָס גוט אָפּהיטן און איבערלאָזן איין זאַך פאַר דעם איינציקן זון . . . איצט דאַרפסטו זאָגן, אַז די זאַך וואָס דו ווילסט, איז דער קנעכט און דאַן וועסטו קונה זיין סיי דעם קנעכט און סיי דאָס פאַרמעגן — און אַזוי איז געווען[37].

ביי די גריכן און רוימער, די קלאַסישע פעלקער וועלכע זענען אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע אַ סך שפּעטער פון די יידן, האָט דער בעל הבית געהאַט אַ רעכט צו הרגענען זיינע קנעכט, ווען נאָר ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט. דער קנעכט איז געווען זיין פאַלשטענדיקער אייגנטום. אין הונגער־יאָרן האָט מען אין אַטען, גריכנלאַנד, געהרגעט אַלטע לייט, בכדי צו שפּאָרן שפּייז. אַן אַכזריותדיקע שקלאַפעריי האָט באַהערשט די לענדער פון אַרום דעם מיטלענדישן ים.

אַנדערש איז געווען דער מצב ביי יידן:

די נביאים און גייסט־פירער האָבן ניט געלאָזט טעראָריזירן ניט אייגענע און ניט פרעמדע קנעכט אָדער אַרבעטער. אַפילו קעניגן האָבן זיך ניט געקענט דערלויבן קאָנטראָלירן און באַרויבן זייערע אונטערטאַנען, מיטבירגער. די גייסט־קוואַלן פון יושר פליסן פון נביא'ס מויל מיט'ן אַלטערנאַטיוון שטראָם אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע. נאָר ביי יידן, האָט אַ נביא געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו שטעלן קעגן אינם בלוטיקן אחאב־נבות־אינצידענט. די קעניגין רעדט אָן דעם קעניג, ער זאָל באַרויבן דעם מענטשן פון זיין וויינגאָרטן און אויב ער וועט זיך שטעלן קעגן, אים צו משפּטן מיט טויט־שטראָף, אַלס מורד במלכות און דאָס גוטמאַכן דורך פאַלשע עדות. קומט דער נביא, און זאָגט אים: „הרצחת וגם ירשת?”

דער נביא וואָרנט:

דאָרט וואו דאָס בלוט פון נבות איז פאַרגאָסן געוואָרן, וועט איר בלוט, דאָס בלוט פון איזבל פאַרגאָסן ווערן . . .

און אליהו, דער קעמפער פאַר גערעכטיקייט, ווערט דער מבשר־טוב, דער אָנזאָגער פון משיח'ן . . .

ס'איז למשל, אָנגענומען, אז „סתם עבדים פּרוצים", פונדעסטוועגן זעט מען, אז ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע קנעכט וואָס זענען אפילו ראוי געווען צו „סמיכה", ווי טבי, דער קנעכט פון רבן גמליאל[38], און מ'האָט זיך ניט גערעכנט, וואָס אַן עבד האָט ניט קיין נבואה, קען ניט האָבן אייגנס, און אַז ער טאָר ניט לערנען תורה[39]. אינטערעסאַנט איז, רש"י'ס מיינונג, אַז רוח הקודש קאָן יאָ זיין ביי אַן עבד כנעני[40].

ר' גמליאל דיבנה, ווי מ'האָט אים גערופן, האָט אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע ליבשאַפט צו זיין ניט־יידישן קנעכט טבי, אַז נאָך זיין טויט, האָט ער אָנגענומען טרייסט, ווי ער וואָלט געווען איינער פון זיינע קרובים און ווי עס וויזט אויס, מוותר געווען אויף דעם דין, אַז „אין מקבלין תנחומין על העבדים"[41].

ווען מ'האָט אים געפרעגט, דער דין איז דאָך, אַז מ'זאָל ניט פּראַווען קיין טרויער אויף עבדים, האָט ער געענטפערט: „מיין קנעכט איז אַנדערש — כשר היה. ער איז געווען אַן ערנטלעכער; ער האָט אפילו געלייגט תפלין.

דער אויספיר אין דער גמרא איז, אַז ערנטלעך־פיינע קנעכט דאַרף מען אפילו מספיד זיין און נאָכזאָגן דעם שבח: „הוי איש טוב ונאמן ונהנה מיגיעו. גענומען פון אייגענער האָרעוואַניע איז אַ גרויסער שבח, וואָס דאַרף באַטאָנט ווערן.

ווען מיר באַקענען זיך מיט וועלט־געשיכטע, דערוויסט מען זיך, אַז נאָך אין די יאָרן פון נאָכ'ן רענעסאַנס, איז שקלאַפעריי געווען אַ גאָר פיינע אינסטיטוציע אין די מאָדערנע ציוויליזירטע לענדער.

ערשט אין די יאָרן 1660-1775, ווען ס'זענען געלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פון אַמעריקע'ס פּראָגרעס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן:

1. אַלע מענטשן האָבן נאַטירלעכע גלייכע רעכטן; 2. קיינער טאָר ניט ווערן געצוואונגען צו צאָלן שטייערן איבער זיינע מעגלעכקייטן; 3. די רעגירונג דאַרף זיין אַ רעפּרעזענטאַנץ פון דער באַפעלקערונג און ניט קיין אַליין־געמאַכטע דיקטאַטאָרישע.

ביי יידן, גיבן אַלע צו, איז מענטשלעכע פרייהייט, געווען באַזאָרגט, באַלד זינט מעמד הר־סיני. די אַמעריקאַנער פרייהייטס־אידעאַלן זענען אָן ספק, געווען באַהויכט פון אָט די פּרינציפּן[42]. ווי דזשאָן לאָרד באַהויפּטעט, האָבן אַלע פרייהייט־דענקענדיקע מענטשן געהאַט אַ באַזע, די ביבל, אַזוי רוסאָ, אַזוי וואָלטייר, אַזוי די אַנדערע פון רעפאָרמאַציע, ביז די אַמעריקאַנער פרייהייטס־דיינקער, ווי טאָמאַס דזשעפערסאָן (1743-1826), בענדזשאַמין פרענקלין (1706-1790), אַלעקסאַנדער האַמילטאָן (1757-1804) און די אַנדערע פאַטערס פון דער אַמעריקען אינדעפּענדענט דעקלאַראַציע פון יולי 4, 1776, די שאַפער פון דער אַזוי גערופענער אַמעריקאַנער „מאַגנאַ־קאַרטאַ"[43].

די תורה באַזאָרגט די פרייהייט פונם יידישן מענטש וואָס ווערט אַ תושב אין ארץ ישראל און דער פּרינציפּ פון פרייהייט איז פאַר אַלעמען גלייך: „וקראתם

דרור בארץ לכל יושביה" (פרייהייט זאל פראקלאמירט ווערן פאר אלעמען) און די פרייהייט ווערט באזארגט דורך מיטלען וואס זיכערן די פרייהייט, די עקאנאמישע יסודות אז די ערד טאר ניט פארקויפט ווערן אויף אייביק, ווייל „כי לי כל הארץ" (צו מיר געהערט די גאנצע לאנד. אלץ געהערט צום באשעפער) — און דער הארבער געזעץ קעגן עבדות, איז ניט בלויז געווענדעט צום רייכן ארבעטסגעבער, נאר אויך אין שייכות, מיט דעם יידן וואס וויל זיך דווקא פארקויפן פאר א שקלאף — אבער וועגן דעם ווייטער.

ווי מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, האבן די פעלקער אין אלטערטום, באטראכט דעם עמל־כפימדיק, ווי א שלים־מזלניק. זיי האבן געקוקט אויף אים מיט ביטול, שאנדע, אז ער פארשוועכט דעם מענטש[1].

ב. די פראקטיק פון שקלאפעריי. — ביי פעלקער און ביי יידן. — יסודות פון יידישער מלוכהשאפט.

די תורה דאקעגן, האט געלויבט דעם יגיע־כפימניק, דעם ארבעטער, דעם פראדוצירער, געלויבט קינסטלערישע ארבעט און איינפאכע ארבעט[2], ווי דער אויסדרוק אין תהלים איז: „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך"[3] און די גמרא קאמענטירט דערויף: „אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא"[4] וואויל איז דיר אויף דער וועלט און וואויל אויף דער קומענדיקער וועלט. דער רמב"ם, רעדנדיק וועגן די יגיעי כפים[5] דערקלערט גענוי די יהדות־השקפה בנוגע דער ווערטיקייט און וויכטיקייט פון ארבעט, ווי מיר וועלן דאס זען אין א צווייטן קאפיטל.

אין יהדות, ווערט שטארק באטאנט און געשטיצט די פרייהייט פון יעדן מענטשן, ווייל דאס איז דער מקור פאר דער אלמענטשלעכער גלייכהייט, דער מקור פון „אל אחד בראנו", דעריבער דארף מען באשיצן יעדנס רעכט צו לעבן ווי א פרייער מענטש, אפילו דער עבד כנעני, וואס איז דער „קנין כספו" פונם יידישן בעל הבית, מוז דער אדון אים באהאנדלען מענטשלעך און האט ניט די רעכטן וואס עס האט געהאט אן אייגנטימער פון קנעכט אין רוים אדער אין גריכנלאנד, אין בבל אדער מצרים.

אין די געזעצן פון האמוראבין, אין וועלכע מ'זוכט ענלעכקייט צו דער תורה, וועלן מיר ווייט ניט געפינען אפילו א פאראלעל צו תורת משה. יעקב אפטייקער[6], שרייבנדיק וועגן דעם מלך האמוראבי (דער זעקסטער פון דער ערשטער דינאסטיע פון די מלכים פון בבל 2104 ביז 2061 פאר קריסטלעכער ערא) שילדערט ער זיינע התנהגות, מנהגים און גלויבן. זיין גאט איז געווען מארדוך (גאט פון גוטס) און זיין טעמפל איז געשטאנען אין בבל. אויף א מאסיוון שווארצן דיאריט־שטיין האט ער געהייסן אויסקריצן אלע געזעצן פון זיין גע־

וועלטיקונג אינם כתב און אינם לשון פון די בבלים, „כדי יעדער מאַן זאָל קענען לייענען די געזעצן פונם מלך — און אויסצומיידן שלעכטס".

די האַמוראַבי געזעצן זיינען געווען זייער שטרענגע, פאַר יעדער אָפּנויג איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיט דער גרעסטער האַרבקייט.

י. אַפּטייקער דערציילט אונז:

„אַריבער 2300 יאָר, איז דער שטיין געווען פאַרהוילן פונם אויג פון אַ מענטש און קיינער האָט ניט געוואוסט אַפילו, אַז ס'איז גאָר געווען אַמאָל אַזאַ מין שטיין, ביז מאָדערנע געלערנטע האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן די „טעלס" („טעל אין אַראַביש, בערגל) פון די מזרח־לענדער, אונטער וועלכע ס'זיינען באַגראָבן געוואָרן אַלטע היסטאָרישע שטעט און באַרימטע ציוויליזאַציעס, און אַ פראַנצויזישע אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע, וואָס האָט צעגראָבן דעם „טעל", וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען שושן הבירה, האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף די צעבראָכענע שטיקער פונם האַמוראַבי־שטיין. דאָס האָט פּאַסירט ערשט אינם אָנהויב פונם היינטיקן יאָרהונדערט, אין דעצעמבער 1901 און אין יאַנואַר 1902 . . . אויף אַזאַ אופן איז צו אונדז דערגאַנגען אַ געזעצגעבונג, וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר! דאָס איז די עלטסטע געזעצגעבונג אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס איז אונדז באַקאַנט.

„אָבער, שרייבט ער — פון גאָר אַ באַזונדער וויכטיקייט, איז דער האַמוראַבי־שטיין פאַר יעדן ביבל־סטודענט — ייד אָדער ניט־ייד צוגלייך, וואָרים דורך דער פּריזמע פון דער האַמוראַבישער געזעצגעבונג, ווערן פאַר אונדז קלאָרער אַ סך שטעלן אין תורת משה. ווען די תורה זאָגט אונדז אָן, למשל: ס'זאָלן ניט געטויט ווערן קיין קינדער איבער עלטערן[8], פאַרשטייען מיר ניט, צוליב וואָס דאַרף אונדז די תורה אָנזאָגן אַזאַ פּשוט'ע זאַך? . . . ווען מיר באַקענען זיך אָבער מיטן אינהאַלט פון פּאַראַגראַף 116 פון דער האַמוראַבישער געזעצגעבונג, וואָס שרייבט פאָר צו טויטן אַ קינד פון אַ מענטשן, וואָס האָט ניט אַכטונג געגעבן, ווי געהעריק איז, אויף אַ פרעמד קינד, וואָס מ'האָט איבערגעלאָזט ביי אים אין הויז, אַלס אַ משכון פאַר אַ חוב, פאַרשטייען מיר שוין, אַז משה האָט געמוזט וואָרענען קעגן אַזאַ באַרבאַריזם, פּונקט ווי ער האָט געוואָרנט די יידן, אַז זיי זאָלן ניט טאָן, ווי די מעשים פונם לאַנד מצרים, וואָס זיי זענען געזעסן דערינען, און ניט, ווי די מעשים פונם לאַנד כנען, וואָס גאָט ברענגט זיי אַהינצו, און אין זייערע געזעצן זאָלן זיי ניט גיין[9].

ער שרייבט ווייטער:

„ווען דער האַמוראַבי־שטיין איז אַנטדעקט געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע פרייד צווישן די אַנטיסעמיטישע ביבל־פאָרשער, מחמת זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן דאָ „געכאַפּט משה'ן ביי דער האַנט", ביי אַ גרויסער גנבה . . . און דער דייטשער ביבל־געלערנטער, וועלהויזן, האָט געוואָלט ניט אַנדערש, ווי

„באוויזן", אז משה האט גענגבעט זיינע געזעצן ביי האמוראבי'ן . . . אבער דאס איז שקר וכזב! און דאס איז קלאר פאר יעדן איינעם, ווער ס'האט נאר די מינדסטע באקאנטשאפט מיטביידע געזעצגעבונגען. ס'איז גענוג צו באקענען זיך מיט פאראגראף 16 פון דער האמוראבישער געזעצן־טאבעלע, וואס שרייבט פאר טויט־שטראף פאר אויסבאהאלטן אן אנטלאפענעם שקלאף, מיט משה'ס אנזאג: „דו זאלסט ניט איבערענטפערן א קנעכט צו זיין האר"[10], כדי איינצוזען, ווי הימל־הויך תורת משה טורעמט איבער דעם האמוראבישן וועלט־אויסקוק.

י. אפטייקער גיט אונז עטלעכע מוסטערן פון אונטערשיידן צווישן דעם האמוראבישן געזעץ און תורת משה און ער נעמט ארויס א צאל פאראגראפן:

8. אויב א מאן וועט גנב'ענען אן אקס אדער א שעפס אדער אן אייזל אדער א חזיר אדער א שיף: אויב (דאס איז) פון גאט (געהער צו א טעמפל) אדער פון א פאלאץ, דרייסיקפאך זאל ער באצאלן; אויב פון אן ארעמגעזעל, צענפאך זאל ער באצאלן. אויב ער האט ניט צו צאלן, זאל ער געטויט ווערן.

„דער דאזיקער דין — ווייזט ער אן — איז ענלעך צו שמות כ"א, ל"ג, „אויב א מאן וועט גנבענען אן אקס אדער א שעפס און ער וועט אים שעכטן אדער פארקויפן, פינף רינדער זאל ער באצאלן פארן אקס און פיר שאף פאר דעם שעפס". זעט נאר דעם גרויסן אונטערשייד: 4 און 5 ביז 10 און 30 . . . אויב דער גנב האט ניט צו באצאלן, שרייבט די תורה פאר: „ער זאל פארקויפט ווערן פאר זיין גנבה"[11]. האמוראבי אבער הייסט אין אזא פאל, צו דערהרגענען דעם גנב".

16. אויב א מאן זאמלט איין אין זיין הויז א קנעכט אדער א דינסט, וואס איז אנטלאפן פון א פאלאץ אדער פון אן ארעמגעזעל און, אויפן רוף פונם האר (פונם פאלאץ), ברענגט ער אים ניט ארויס (פון זיין הויז), זאל געטויט ווערן דער באלעבאס פון דעם־דאזיקן הויז.

ער באמערקט דערביי:

„דריי שיכטן באגעגענען מיר אין דער האמוראבישער געזעלשאפט: 1) די הארן — דאס איז דער אויבערשטער שיכט; 2) ארימגעזעלן — דאס איז דער מיטעלער שיכט, און 3) די שקלאפן — דער נידעריקסטער שיכט פון דער געזעלשאפט, וואס האט געשטאמט פון קריגס־געפאנגענע און האט געהאט די ווערט בלויז, אלס לאסט־בהמות.

האמוראבי, ווייזט ער ווייטער אן, באשטראפט שטרענגער, אויב מען באגנבעט א רייכע אינסטיטוציע (טעמפל אדער פאלאץ). דאס איז געווען אן אמתע געזעצגעבונג פונם רייכן קלאס[12].

דאס האמוראבישע געזעץ אנערקענט און דערמוטיקט שקלאפעריי, אויב איינער נעמט אריין א קנעכט אדער דינסט וואס איז אנטלאפן פון א פאלאץ . . . לערנט דאס האמוראבישע געזעץ, אז מ'דארף אים צוריק איבערגעבן, אז ניט וועט

דעם באַלעבאָס פונם הויז קומען טויט־שטראָף. דאָס יידישע געזעץ פאַרווערט גאָר איבערצוגעבן אַ שקלאַף צו זיין האַר[13].

אַנדערש איז דאָס געזעץ פון תורת משה, וועמעס יסוד איז אחדות אלקות און אחדות פון מענטשהייט און איז באַזירט אויף דעם עטישן מאָנאָטעאיזם וואָס גיט פרייהייט און גלייכהייט צו אַלעמען, צו אַלע יצורים אויף דער וועלט.

דער תורה׳דיקער אוניווערסאַליזם איז אומגעהויער אין זיין אַלזייטיקייט[14], און אין זיין אַלגעמיינקייט. ניטאָ קיין קאַסטעס, ניטאָ קיין יחסנים, ניטאָ קיין באַ־הערשונג. דער פּרינציפּ איז: „כולנו בני אב אחד״ . . . קיינער קען ניט זאָגן: „אבא גדול מאביך״. מיר זיינען אַלע קינדער פון איין פאָטער אויף וועמען די תורה זאָגט עדות „כי בצלם אלקים עשה את האדם״[15]. דעריבער דאַרף יעדער האָבן פרייהייט און גלייכהייט. ניט בלויז אַלגעמיינע שקלאַפעריי איז שטרענג פאַרבאָטן, נאָר אפילו פּריוואַטע, יחידישע.

האַנדל מיט מענטשלעכע קערפּערס איז שטרענג פאַרבאָטן. ווען אַפילו אַ מענטש פאַרקויפט זיך צוליב געוויסע אומשטענדן, איז ער בלויז פאַרקויפט צו טאָן פאַר אַ צייט זיין אַרבעט; ער איז ווי אַ פרייער אַרבעטער. דאָס איז, וואָס שייך דעם יידישן עבד. אויף אַ כנעניש[ן] עבד, איז שוין יאָ חל געוועזן קנין, ווייל דאָס איז דאָך געוועזן נאַטירלעך ביי די כנענים־פעלקער, פונדעסטוועגן, איז די הלכה טענדענץ, צו פאַרבאָטן עבדות בכלל.

ס׳זיינען דאָ מיינונגען, אַז עבדות איז בכלל געוועזן פאַרבאָטן, לויט די באַגריפן פון קנין הגוף (אייגנטום־פאַרקויף) וואָס גיט דעם האַר די רעכט איבער דעם עבד׳ס פּריוואַטע אינטימע רעכטן[16]. דער עבד איז געוועזן אַן אַרבעטער און געהאַט די רעכטן אויף זיין פּריוואַטן לעבן. דעם עבד׳ס פרוי, האָט דעם דין ווי אַן אשת־איש און דער האַר האָט ניט קיין רעכט זיי אָפּטיילן אָדער זי אָוועקנעמען[17] און די קינדער זענען פריי פון עבדות[18].

די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש זיינען באַזירט אויף דעם „ואהבת לרעך כמוך״, ליב צו האָבן דעם מיטמענטש און די ליבע דאַרף הערשן ניט בלויז צווישן מענער־געשלעכט נאָר צווישן ביידע געשלעכטער, מאַן און פרוי האָבן דיזעלביקע רעכטן, דיזעלביקע פרייהייטן[19].

ניטאָ אין דער תורה — ווי מיר האָבן אָנגעוויזן — קיין קלאַסן אָדער קאַסטעס. אַלע זענען גלייך, ווייל אַלע זענען גאָט׳ס קינדער.

די משנה [20] לערנט אונז: „כהן גדול דן ודנין אותו״ . . . ניטאָ קיין יחסנים. אָבער וועגן אַ קעניג, ווערט דאָרט געזאָגט: „המלך לא דן ולא דנין אותו״. דערקלערט עס די גמרא[21], אַז דאָס איז געוועזן אַזאַ תקנה און אַז נאָר מלכי ישראל האָבן ניט געמשפּט און מ׳האָט זיי ניט געמשפּט, אָבער מלכי בית דוד האָבן געמשפּט און מ׳האָט זיי געקענט משפּט׳ן, ווי דער נביא זאָגט: „בית דוד, כה אמר ד׳, דינו לבקר משפּט״[22].

די מלכי ישראל, האָט מען אויפגעהערט משפטן, צוליב א פאסירונג, וואָס ווערט דאָרט איבערגעגעבן.

— א קנעכט פון ינאי המלך האָט דערהרגעט א מענטש. האָט שמעון בן שטח, דער שטרענגער פירער פון די סנהדרין, געהייסן אים משפטן אָן חניפה.

— האָבן די חכמים געשיקט זאָגן צום קיניג ינאי: דיין קנעכט האָט געהרגעט א מענטשן. האָט ער אים געשיקט צו זיי. האָבן זיי ווידער געשיקט צו אים: דו מוזט קומען אנוועזנט זיין ביים משפט, ווייל עס שטייט: „והועד בבעליו"[23] יבא בעל השור ויעמוד על שורו . . .

— איז ער געקומען און זיך געזעצט צוליב כבוד מלכות. האָט שמעון בן שטח, געזאָגט: „קיניג ינאי, איר דאַרפט שטיין ביים משפט; ניט פאַר אונז זיך אויפשטעלן, נאָר פאַר דעם וואָס האָט געזאָגט: „והיה העולם", ווייל די וועלט שטייט אויף דין און די שכינה רוט ביים משפט . . .

— האָט שוין קיניג ינאי געענטפערט גאַנץ שאַרף, ניט ווי דו ווילסט פאַר־לאַנגען, נאָר ווי דיינע קאָלעגן . . .

— האָט זיך שמעון בן שטח געווענדט צו די אויף זיין רעכטס, האָבן זיי זיך באַהאַלטן, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ: „כבשו פניהם בקרקע". צו די וואָס זענען געזעסן צו זיין לינקע זייט — ווידער דאָסזעלביקע: געבויגן די קעפּ . . .

— האָט שמעון בן־שטח געזאָגט: זאָל קומען דער בעל מחשבות און שטראָפן אייך „בעלי מחשבות", איז באַלד געקומען דער מלאך גבריאל און זיי געטויט...

— אין יענעם מאָמענט האָט מען אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, „מלך לא דן ולא דנין אותו, לא מעיד ולא מעידין אותו!"

דאָס אַלץ, צוליב דער מורא פון חניפה און פון שטראָף פאַר חניפה. ריכטיק איז, אז דער קיניג ווען ס'קומט צו גערעכטיקייט, איז ער ניט קיין גרעסערער יחסן פון א געוויינלעכן מענטשן.

וואָס שייך דעם קנעכט, ווערט אומצעליקע מאָל, באַטאָנט זיין חשיבות אַלס מענטש און די נביאים אין זייער קאַמף קעגן שקלאַפעריי, האָבן ניט געמאַכט קיין אונטערשיד אָדער אויסנאַם, נאָר גערעדט קעגן פאַרשקלאַפן וועלכן ניט איז מענטש, ניט קיין חילוק פון ראַסע אָדער אָפּשטאַם.

די נביאים האָבן אפילו מקרב געווען קנעכט. ירמיה הנביא האָט מקרב געווען דעם קנעכט פונם כושי־קעניג, אַן עטיאָפּיער און אויך צדקיהו האָט זיך מיט אים געחברט.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די תורה זאָגט אָן גאָר שטרענג, אז אויב א קנעכט, א שקלאַף ראַטעוועט זיך פון זיין האַר, זאָל ער אַריינגענומען ווערן, געזיכערט ווערן מיט כלערליי זכיות, אים דערמעגלעכן זיך באַזעצן וואו נאָר ער וויל, באחד שעריך בטוב לו[24] וואָס לויטן האַמוראַבישן געזעץ, איז מען געווען מחוייב צושטעלן דעם אַנטלאָפענעם קנעכט צו זיין האַר[25].

אויב אַ ייד קויפט אַ ניט־יידישן קנעכט, איז ער טאַקע „קנין כספו" . . . זיין אייגנטום, ער טאָר זיך אָבער ניט באַגיין מיט אים ברוטאַל. נאָך מער: דער אייגנטום־רעכט, ברענגט גאָר דעם קנעכט געוויסע פּריווילעגיעס און רעכטן — אויב ער איז ביי אַ כהן, מעג ער עסן תרומה און בכלל, דאַרף ער געניסן פון שמחת יום טוב און שבת־רו.

אויב דער בעל־הבית זיינער באַגייט זיך מיט אים אַזוי שטאַרק אַז ער איז ממש אומגעקומען אונטער זיין האַנט, קומט דעם אדון טויט־שטראָף[27].

דער ציל איז געווען, זיך צו באַגיין מיטן קנעכט העפלעך, מענטשלעך און אים צוציען צו יידישקייט. אַלס מוסטער פון אַט אַזאַ באַציאונג, איז גענוג צו דערמאָנען די באַציאונג פון רבן גמליאל דעם נשיא, צו זיין עבד טבי; ער האָט אים דערמעגלעכט מקיים זיין מצוות און נאָך זיין טויט געזעסן אבלות, גענומען טרייסט אויף אים, ווי ביי אַ טויטפאַל פון אַ יידן[28].

דער רמב"ם[29], באַהאַנדלנדיק דאָס פּראָבלעם פון עבדות, פּירט אויס, אַז ניט געקוקט דערויף וואָס קנעכטשאַפט פון כנענים איז דערלויבט, מוז מען אָבער זיין איבערגענומען פונם רחמנות־געפיל וואָס איז געקומען בירושה פון אברהם אבינו און איז באַזירט אויף דער מדה פון רחמנות ביים באַשעפער, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן און ווידערהאָלונג איז ניט נויטיק.

ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, איז די טענדענץ פון דער תורה און תלמוד אָפּצושאַפן עבדות־שקלאַפעריי. ביי אַנדערע פעלקער, איז דאָס געווען אַן אוממעגלעכקייט; ביי יידן, האָט די תורה צוגעגרייט דידאַקטיקע מעגלעכקייט.

ג. דאָס אָפּשאַפן שקלאַפעריי. — אַרבעטער אָבער ניט שקלאַף. — באַציאונג צום יידישן קנעכט.

ווי אַזוי? פּשוט, ווייל אין יהדות איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן קנעכט און פרייען מענטשן, וואָס שייך רוח הקודש, עולם הבא, ווערט ער במילא ניט באַטראַכט פאַר דעם שקלאַף, אינם זינען, אַז ער איז אויף אַ נידעריקער מדרגה.

אין תנא דבי אליהו[1] ווערט געזאָגט, אַז קנעכט און דינסטן קאָנען האָבן אַ הייליקן גייסט: „מעיד אני עלי את השמים ואת הארץ, בין ישראל, בין עובד כוכבים, בין איש בין אשה, בין עבד בין שפחה, הכל לפי המעשה שהוא עושה, כך רוח הקודש שורה עליו" („איך זאָג עדות אויף מיר, הימל און ערד, אַז סיי אַן עבד, סיי אַ געצנדינער, סיי אַ מאַן און סיי אַ פרוי, סיי אַ קנעכט, סיי אַ דינסט, — אַלץ ווענדט זיך אין מעשים און אויב זיי טוען גוטס, רוט אויף זיי דער הייליקער גייסט").

די קללה אויף כנען, איז ניט קיין ראַסלעכער, נאָר אַ שטראָף פאַר אַ פאַרברעכן קעגן אַ פאָטער — אַ געשלעכטלעכער פאַרברעכן — און געשאָלטן

האָט אים דער פאָטער־זיידע ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט און זיך דערוואוסט פונם דאָזיקן פאַרברעך[2].

ביי די אומות העולם איז ראַסלעכע פאַרשקלאַפונג אָנגעגאַנגען אַפילו נאָכ׳ן רענעסאַנס, אַפילו אין דער נייער צייט און אויף דער „נייער וועלט". אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דאָך ערשט אייבּרעהעם (אברהם) לינקאָלן אין די יאָרן 1860־1861, אָנגעפירט דעם שרעקלעכן בירגער־קריג, צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שטאַטן, פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגער־שקלאַפן. ער איז געפאַלן אַ קרבן אויפן דאָזיקן מזבח, צוליב אַן אומזיניקן אַטענטאַט אויף אים.

די תורה האָט באַלד פון באַגין, באַלד נאָך הר־סיני, אוועקגעשטעלט אַ יידישע געזעלשאַפט אין וועלכער יידישע שקלאַפעריי זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

די תורה לערנט אונז:

„ואם אָמור יאמר העבד אָהבתי את אדוני . . . לא אצא חפשי . . . והגישו אדוניו אל האלהים והגישו אל הדלת . . . ורצע אדוניו את אָזנו במרצע . . ."[3].

די תורה זאָגט אָן, אַז אַ ייד זאָל ניט קויפן דעם אַנדערן ייד אַלס אייגנטום, פאַר אייביקער קנעכטשאַפט, און אַז אויב דער יידישער עבד, ווייל אָדער מוז זיך פאַרקויפן, איז געצוואונגען זיך צו פאַרקויפן, דאָס בית דין פאַרקויפט אים פאַר גניבה, קען ער אַליין ניט זיין לענגער ווי זעקס יאָר קנעכט; דאָס זיבעטע יאָר, גייט ער אַרויס פריי. אין דער צייט וואָס ער אַרבעט ביי אים, דאַרף דער אָדון אים באַהאַנדלען מיט דרך־ארץ, מיט כבוד און ווען ער שיקט אים אַרויס פריי, זאָל ער אים מיטגעבן מתנות. ווען דער עבד עברי איז איינגעשפּאַרט, ווייל דווקא בלייבן אַ קנעכט, דאַרף מען אים בויערן אַן אויער אין דער עפנטלעכקייט, פשוט אים פאַרשעמען און ערשט דאַן בלייבט ער אַן אייביקער קנעכט, „ועבדו לעולם", וואָס מיינט, בלויז ביז דעם אָנקומענדיקן יובל[4].

פאַרוואָס עפּעס בויערן זיין אויער?

לערנט אונז רש"י, ציטירט פון מכילתא אין נאָמען פון רבי יוחנן בן זכאי: „אזן ששמעה על הר סיני, כי לי בני ישראל עבדים, והלך וקנה אָדון לעצמו — תרצע!" דאָס אויער וואָס האָט געהערט אויפ׳ן באַרג סיני, אַז יידן זענען קנעכט בלויז צו גאָט, און ער וויל גאָר האָבן נאָך אַ האַר איבער זיך, זאָל מען בויערן זיין אויער — זיין הערער!

פאַרוואָס ניט בויערן זיין אויער באַלד אין אָנהייב? באַלד ווען ער האָט זיך פאַרקויפט? איז דער תירוץ: ווייל אין אָנהייב, האָט ער זיך פאַרקויפט צוליב אָרימקייט, ווי דער פסוק זאָגט: „וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך"[5], נו, האָט ער באַרעכטיקונג! אָבער נאָכן זעקס־יאָריקן טערמין, ווען ער פאַרקויפט זיך צוליב תענוגים און ס׳גלוסט זיך אים בלייבן אָן אַן עול, אָפּהענגיק שטענדיק אין אַ בשר ודם, דאַן דאַרף מען אים בויערן דאָס אויער און זאָל ער אַרבעטן ביז אייביק לעולם, וואָס לויט דער תלמודישער אינטערפּרעטאַציע מיינט עס ניט

לענגער ווי ביז יובל — און ווען דער יובל קומט באַלד נאָכ'ן זעקס יאָריקן טערמין, מוז ער אויך זיך נעמען די פרייהייט וואָס דער יובל גיט אים... דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, ביז יובלדיקע קנעכטשאַפט, האָט מען אים נאָכגעגעבן, נאָר, אויב דער דאָזיקער קנעכט האָט דאָס אויסגעדריקט צוויי מאָל, אין אָנהויב בעת ער איז (אָדער האָט זיך) פאַרקויפט געוואָרן און נאָכדעם, ביים סוף פון זיין זעקס־יאָריקן טערמין[6] — „בתחלת שש ולבסוף שש", אויב ער האָט דאָס ניט געטאָן צווינגט מען אים צו פרייהייט.

די תורה וויל דורכאויס אַן אָרדנונג, אַז קיינער זאָל ניט דאָמינירן, אַז יעדער מענטש זאָל האָבן פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, אַז יעדער מענטש זאָל זיין געזיכערט מיט דער פרייהייט.

אויפן פסוק אין איוב[7] „אם אמאס משפט עבדי ואמתי בריבם עמדי", ווייזט אָן רב איסי צו זיין ווייב, אַז מ'טאָר זיך ניט קריגן מיט דער דינסט און אויס־געמוסרט זיין ווייב, אין קעגנוואַרט פון דער דינסט, באַהויפּטנדיק, איר גלייכבאַרעכטיקונג.

און ניט בלויז דעם יידישן קנעכט דאַרף מען באַהאַנדלען מענטשלעך. אויך דעם ניט־יידישן עבד, מוז מען באַהאַנדלען אויפ'ן זעלביקן מענטשלעכן אופן.

וואָס שייך די מצוות שהזמן גרמא, וואָס די פליכט זיי צו טאָן איז אָפּהענגיק אין צייט, זענען עבדים, ווי פרויען באַפרייט פון די דאָזיקע פליכטן[8] איז דאָ דערויף אַ טעם, פאַרוואָס ער איז פריי, ווייל ער קען ניט זאָגן פולהאַרציק „שמע ישראל — ד' אחד", ווייל ער האָט דאָך נאָך אַ גאָט, געמיינט די כנענים־קנעכט וואָס האָבן געגלויבט אין אָפּגעטער[9]. „מי שאין לו אלא אדון אחד, יצאו עבדים שיש להם אדון אחר"[10], זיי ווערן אָבער פאַררעכנט צווישן די וואָס דאַרפן זיך באַטייליקן אין שמחת יום טוב און אין שבת מנוחה[11] און דער אָנזאָג איז, זיי צו באַהאַנדלען אָרנטלעך, ווייל מ'דאַרף תמיד געדענקען, אַז מיר זענען אַליין געווען קנעכט אין מצרים. די טענדענץ איז: אָפּצושאַפן עבדות־שקלאַפעריי אויף אַלע מעגלעכסטע אופנים. דערביי, האַלטן חשוב אַרבעט און **פּראָדוצירער**.

ווען יידן טוען דעם ווילן פון גאָט — זאָגט אַ מדרש — זענען מקיים מצוות שבת, דאַן ווערט זייער מלאכה אויסגעפירט דורך אַנדערע; ווען זיי טוען ניט דעם ווילן פון גאָט, מוזן זיי אַליין טוען זייער מלאכה[12] און אין תנא דבי אליהו, ווערט דערציילט, אַז אַ מענטש האָט אים, אליהו'ן, געטראָפן און איבערגעגעבן, אַז ער וויל זאָגן אַ פסוק, נאָר ער האָט מורא, ער זאָל זיך ניט בייזערן אויף אים.

אליהו האָט אים געהייסן זאָגן...

— האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס, אין איין פסוק ווערט געזאָגט: „נותן לחם לכל בשר"[13] און אין אנדערן: „נותן לבהמה לחמה[14]), אַז דאָס ווייזט מען אַ דרך ארץ: ווען דער מענטש אַרבעט מיט זיינע הענט, שיקט אים דער הייליקער

די ברכה אין זיינע הענט, „בכל מעשי ידך אשר תעשה"[15]) ווען דער דעת ווערט אפגעטאן פונם מענטש, ער ווערט אויס מענטש, טוט זאכן קעגן מענטשלעכקייט, ווערט ער ווי א בהמה — און דער הייליקער, געבענטשט איז ער, גיט אים שפייז ווי צו א בהמה, צו חיות און עופות[16]).

און דא קומען מיר צו נאך א מאטיוו אין דער תורה־לעגיסלאציע אין באצוג צום יידישן קנעכט, ווי עס ווייזט אן מיט רעכט דר. שמעון פעדערבוש[17]), אז אינם געבאט למשל, „באשענקען זאלסטו אים באשענקען"[18]) אין שייכות מיט א יידישן קנעכט וואס גייט ארויס פריי נאך זעקס יאר קנעכטשאפט, איז געווען אן אנדייט וועגן א געזעצלעכער פארזיכערונג פונם ארבעטער'ס עקאנאמישער עקזיסטענץ, אין פאל פון ארבעטלאזיקייט, קראנקהייט אדער עלטער און אז די אלע געזעצן זענען גילטיק אויף ארבעטער בכלל. די תורה באזארגט יעדן ארבעטנדיקן.

די באציאונג צום עבד (און נאך מער צו דער אמה־שפחה), איז אן ספק א ברידערלעכע[19]) און אפילו דעם עבד כנעני, מיט וועמען מען מעג ארבעטן שווערער, רעגולירט די תורה און די חכמי התלמוד די באציאונגען צווישן יידישן אדון און כנענישן קנעכט און די רעגולאציעס זענען א סך מער פארגעשריטן ווי די פון האמוראבישן געזעץ[20]) וואס דערלויבט סאדיסטישע שטראפן פאר א רעוואלטירנדיקן עבד.

ביי רבן גמליאל'ן ווערט דערציילט, האט פאסירט אן אומגליק, זיין קנעכט איז צוליב אן אומשולדיקן קלאפ בלינד געווארן, איז ער מאמענטאל באפרייט געווארן[21]).

ר' אליעזר, ווי מיר האבן דערמאנט, האט איינעם פון זיינע קנעכט באפרייט, בכדי אים משלים צו זיין צו „מנין" (צען מתפללים[22]). פרעגן אלע מפרשים: וויאזוי, האט ער דאס געמעגט טאן, ס'איז דאך קעגן געבאט „לעולם בהם תעבודו" און זיי באמיען זיך צו פארענטפערן, אז ווען עס האנדלט זיך וועגן געבן פרייהייט, בכדי דער עבד זאל קאנען מקיים זיין מצוות, פאלט אוועק דאס געזעץ און דעריבער זאגט די גמרא[23]), אז ביי א „חצי עבד וחצי בן חורין" פאלט אוועק דער לעולם בהם תעבודו[24]).

דער ציל איז: פרייהייט! ברידערשאפט!

— באהאנדלען דעם יידישן קנעכט ווי א ברודער, „אחיך — באחוה[25]) און אז א קנעכט איז מען בלויז צום באשעפער: „עבדי השם ולא עבדי אדם"[26]) און ווי רש"י דריקט זיך אויס, אזוי שארף: „כל המשעבדן מלמטה כאלו משעבדן מלמעלה"[27]).

גאט דערשיינט מיט דערהויבנקייט פון גערעכטיקייט, „ויגבה השם צבאות במשפט"[28]) און גערעכטיקייט ניט בלויז צו יידן, נאר צו יעדן מענטשן און פרייהייט ניט בלויז צו יידן נאר צו יעדן איינעם.

די תורה לערנט אונז:

„וכי ימוך אָחיך עמך, און אַז דיין ברודער וועט אָרים ווערן ביי דיר, און וועט זיך פאַרקויפן צו דיר, זאָלסטו ניט ארבעטן מיט אים, אַזוי ווי מען ארבעט מיט אַ קנעכט . . . ביז דעם יאָר פון יובל זאָל ער דינען ביי דיר . . . דענסמאָל, זאָל ער אַרויסגיין פון דיר, ער און זיינע קינדער מיט אים, און ער זאָל זיך אומקערן צו זיין משפחה, און צו דעם אייגנטום פון זיינע עלטערן זאָל ער זיך אומקערן, וואָרים מיינע קנעכט זענען זיי . . . ”[29].

דער יידישער קנעכט ווערט פאַרקויפט בלויז פאַר ארבעט אָבער ניט פאַר קנעכטשאַפט; דער אָנזאָג איז: „לא תעבוד בו עבודת עבד”, וואָס מיינט, ווי מיר האָבן פריער ציטירט[30], אַז מ'טאָר ניט אַרויסצווינגען אויף אים אַזעלכע ארבעטן וואָס דערנידעריקן אים; מ'דאַרף אים אַרויסווייזן ברידערשאַפט[31] און מ'טאָר אים אַפילו ניט רופן עבד — דערצו, דאַרף מען אויסהאַלטן זיין פאַמיליע, בעת ער איז אַ קנעכט און די פאַמיליע איז צו גאַרנישט ניט משועבד צום האַר[32]. אַזאַ מענטשלעכע באַציאונג געפינט מען בלויז אין דער תורה — און די דאָזיקע פריווילעגיעס זענען ניט אויסשליסלעך און אַבסאָלוט, בלויז אין שייכות צום יידישן קנעכט; אויך דער ניט־יידישער קנעכט האָט געהאַט אַן שיעור פריווילעגיעס, וואָס ביי זיין פאָלק האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געהאַט.

ס'ווערט דערציילט, אַז אַן אַלטער כנעני־קנעכט (עבדאָ סבאָ), האָט געפאַרבט זיינע האָר און געקומען זיך פאַרקויפן צו רבאָ'ן; האָט רבאָ אים געענטפערט, דער פסוק זאָגט „יהיו עניים בני ביתך”[33] דאָס הייסט, אַז מ'דאַרף פריער באַזאָרגן יידישע אָרימעלייט און זיי האַלטן אין הויז . . . איז ער געקומען צו רב פּפּאַ'ן, דעם זון פון שמואל און דער לעצטער האָט אים געקויפט, האַלטנדיק, אַז אויך דעם ניט־ייד מוז מען באַזאָרגן מיט חיונה . . .

האָט אַמאָל געטראָפן, רב פּפּאָ האָט אים געהייסן ברענגען וואַסער, איז ער געגאַנגען און אָפּגעוואַשן קאָפּ און באָרד, ווייזנדיק זיינע האָר און צוריקגעקומען צו רב פּפּאָ זאָגנדיק: זע, איך בין עלטער פון דיר . . .

האָט רב פּפּאָ געזען, אַז ער איז געוואָרן אָפּגענאַרט, אַז אַנשטאָט אַ יונגען קנעכט, האָט ער פאַר זיך אַן עלטערן מענטשן מיט וועמען ער קען זיך ניט שאַפן . . .

וואָס האָט ער דאַן געטאָן?

— ער האָט אים ניט אָפּגעזאָגט פונם פּאָסטן, נאָר גאָר זיך באַנוצט מיט אַן אַנדערן פסוק, וואָס לויטעט, אַז מ'דאַרף זיך צופרידנשטעלן מיטן גורל און ער האָט געלייענט אויף זיך: „צדיק מצרה נחלץ ויבא אחר תחתיו”[34].

אויף דעם פסוק „ויצום אל בני ישראל”[36] קאָמענטירט ר' שמואל בר יצחק[37], אַז דער רבונו של עולם, האָט באַפוילן די יידן וועגן אַרויסשיקן קנעכט און די שטראָף וואָס איז געקומען אויף יידן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון ניט

אויספאַלגן די פּרשה פון „שלוח עבדים". דעריבער, דערמאָנט זיי דער נביא ירמיה, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם חורבן בית ראשון, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די מצוה פון אהיימשיקן קנעכט, „מקץ שבע שנים תשלחו איש את אחיו העברי"[38].

„קום און זע, לויטעט א מדרש[38א], ווי גרויס די פּרשה פון משפטים איז, דערפאַר ווייל אין איר געפינען זיך אומצעליקע געזעצן, וואָס האָבן א דירעקטע שייכות צום וואָרענען קעגן עבדות און צום אָנזאָגן אויף דער אָנערקענונג פון מלכות שמים, אַז די באַשאַפונג פון דער וועלט איז געווען אין די זעקס וואָכנטעג און שבת איז געקומען די פולקאָמע רו . . . אַזוי טאָר מען אויך ניט אַרבעטן מיט א ייד מער ווי זעקס יאָר, און דאָס זיבעטע יאָר, דאַרף זיין רו פאַר אים: סימבאָליק פון זעקס און זעקס".

די געפונענע זאַכן פונם יידישן קנעכט, געהערן צו אים[39]. די מצוה פון העניק תעניק" איז חל, סיי די הויז איז צוליב אים געבענטשט געוואָרן, סיי ניט[40] און נאָך אַזעלכע ענלעכע געזעצן אין שייכות מיט עבד, פּועל, בעל הבית[41].

נאָר ביי יידן האָט געקענט פּאַסירן אַזא זאַך, ווי ער ווערט איבערגעגעבן[42], אַז פּשחור בן אימר, האָט געהאַט פיר הונדערט, טייל זאָגן, פיר טויזנט קנעכט, און זיי האָבן זיך אַלע אויסגעמישט מיט יידן און אַז פון זיי, האָבן מיר די עזי פּנימער און שטערער.

ביי יידן האָט קיינמאָל ניט געקענט פּאַסירן, אַז א קנעכט זאָל איבערגעלאָזט ווערן קראַנקערהייט פאַר דריי טעג אויף הפקר, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין שמואל א'[43]. די יידישע עטיק האָט אָנגעזאָגט צו ראַטעווען א קנעכט, ווען ער אַנטלויפט פון זיין האַר אין ארץ ישראל, אַז מען זאָל אים ניט איבערגעבן צו זיין אָדון, ווי דער פּסוק זאָגט: „אל תלשן עבד אל אדוניו"[44]. אַפילו א שפחה כנענית וועלכע וואוינט אין ארץ ישראל, ווערט געזאָגט, איז איר פאַרזיכערט עולם הבאַ . . .

נאָר ביי יידן האָט געקענט גילטן דער אויסדרוק: „הקונה עבד (עברי, פאַרשטייט זיך) כקונה אָדון לעצמו. דאָס האַמוראַבישע געזעץ, האָט געלערנט, אַז ווען א קנעכט מאַכט א פאַרזוך צו אַנטלויפן, זאָל מען אים בויערן דאָס אויער . . . ביי יידן איז פאַרקערט, ווען ער וויל ניט זיין פריי, ווייל אָנהאַלטן זיין עבדות — דאַן בויערט מען אים דאָס אויער.

אין רוים, אַז א קנעכט, האָט עדות געזאָגט קעגן זיין האַר, האָט מען אים די צונג אָפּגעשניטן . . . ביי יידן האָט דער קנעכט געהאַט אַלע רעכטן, ניט בלויז דער יידישער, נאָר אויך דער ניט־יידישער קנעכט[45], און די דאָזיקע באַציאונג איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די מאָראַליש־הויכע געזעצן, „ניט איבערצוגעבן א שקלאַף צו זיין האַר, ביי דיר זאָל ער זיצן, אין דיין מיט, אין

דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערוויילן, אין איינעם פון דיינע טויערן, וואו אים איז בעסער, זאָלסט אים ניט קריוודען".

די תורה האָט צום ערשט פּראָקלאַמירט אויפן באַרג סיני, די זינד פון שקלאַפעריי, „איך בין דיין גאָט וואָס האָב דיך אַרויסגענומען פונם קנעכט-הויז . . . " און אַלע פרייהייט-ליבנדיקע מענטשן האָבן אַלס דעוויז פון פרייהייט-שטרעבונג אַרויסגעשטעלט די לאָזונג: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה" [46].

די דאָזיקע תורה, איז אין קעגנזאַץ צו די מאָראַל-סאָציאַלע לערעס פון האמוראבי אָדער קלאַסן-פאַנאַנדערטיילונג פון די גריכישע פילאָזאָפן, וואָס באַרעכטיקט און גיט פּריווילעגיעס דעם הערשנדיקן אָדער רייכערן קלאַס אין דער געזעלשאַפט.

אויך די חשיבות פון מענטש, אין ברייטערן פאַרנעם, באַזאָרגט און איז כולל דעם עבד, ווי למשל, די מצוה פון פרוכפּערן זיך, הייראַטן און פירן אַ פאַמיליען-לעבן איז דער עבד מחוייב: „עבדים חייבים בפריה ורביה" [47] און דער משנה למלך [48] זאָגט דעם טעם, ווייל עבדים זענען „בכלל כבוש".

און מערקווירדיק איז דער פּסק פון רא"ש [49] אַז דאָס וואָס ר' אליעזר האָט באַפרייט זיין עבד [50], בכדי ער זאָל אים משלים זיין צו אַ מנין פון צען, מיינט וועגן לייענען פרשת זכור, וואָס דאַרף מדאורייתא (פון דער תורה) געלייענט צו ווערן און בעשרה. די אַנדערע מצוות מעג מען זיך מיט אים באַנוצן אפילו ווען ער איז נאָך ניט באַפרייט . . .

דעם יידישן קנעכט, מוז מען באַהאַנדלען ווי אַ ברודער, „נהוג בו אחוה", ניט פאַרשעמען אים מיט אומווירדיקע אַרבעטן, ניט רופן אים בדרך בזיון, אים באַטראַכטן ווי אַ פולשטענדיק-באַרעכטיקטער ייד.

אין ספר „הס קטגור" [51], אַן ענטפער אויף די בלבולים פון פּוילישן אַנטיסעמיט אַנזשיי נעמיאָווסקי [52], ווערט איבערגעגעבן, אַז דער רייזנדער מרגל דערציילט, אַז דער טיבעטן שבט, מאַכן זייערע כלים פון מענטשן-ביינער, וואָס ווערן דורך זיי געהרגעט און אַז די ציינער פון די געפאַנגענע, ווערן געטראָגן אַלס צירונג פון זייערע פרויען און טעכטער און פון די האָר פון די דערמאָרדעטע, מאַכן זיי צעפּ און שטריק פאַר בלערליי כלי-משחית — אָבער דערעיקר, אַז פירנדיקע פּערזאָנען אין דער שוואַרצער רוימישער תקופה פון אָקטאַפּיוס אַנטאָניוס, האָבן אויסגעהרגעט די מערסט-געלערנטע אין זייער צייט, צווישן זיי דעם גרויסן געלערנטן מאַרקוס טוליוס ציצעראָ (יאַנואַר 3, 106 פאַר קריסטלעכער ערע, געשטאָרבן דעצעמבער 7, 43 פאַר קריסטלעכער ערע), וועלכער איז אומפאַרגלייכלעך מיט זיין טיפקייט און חכמה-קוואַל.

מיט זייערע קנעכט און דינסטן, שרייבט ער, באַנעמען זיי זיך מיט דער גרעסטער אכזריות, זיך האַלטנדיק ביים דילינגער געזעץ, אַז אַ האַר קאָן שלאָגן מיט די ערגסטע קלעפּ זיינע קנעכט און דינסטן, ווי נאָר ער וויל און קיינער קען

אים ניט שטערן[53]) און קען אים אפילו וואַרפן אַלס שטראָף צו ווילדע חיות[54]) און אויב ער האָט מורא, אַז ער וועט זאָגן עדות קעגן אים, מעג ער אים אָפּהאַקן זיינע אויערן און אויסשניידן זיין צונג . . .

ביי יידן איז פאַרקערט:

איוב, האָבן מיר דערמאָנט, זאָגט: „אם אמאס משפט עבדי ואמתי בריבם עמדי . . . הלא בבטן עושני עשוהו[55]); דער בעל התהלים זאָגט: „ורחמיו על כל מעשיו"[56]) אַ המשך פון תורה: „ונתן לך רחמים ורחמך"[57]) און אין תלמוד: „וכל המרחם — מרחמים עליו"[58]).

דער רמב"ם, אין זיין וואונדערלעכן הלכה סטיל, דערקלערט עס אַזוי הערלעך־שיין די עטישע באַציאונג צום קנעכט און דינסט[59]).

וואַנדערנדיק פון גלות, פון ווייטן, נאָענטן און מיטעלן מזרח, ביז די זומפּיקע סטעפּעס פון מזרח־אייראָפּע, ביז בערג און פלאַכן פון דער נייער וועלט, האָבן יידן תמיד געהיט די שפּורן פון ווייטן אורשפּרונג, געבענקט און געלעכצט צום נאַטור־לעבן, צו די אַלטע מנהגים און פאָלקס־פירונגען, צו דער אַלטער ציוויליזאַציע, צום אַלטן יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. אינעם בלוטיקן היסטאָרישן קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס די וועלט האָט דורכגעמאַכט זינט די קרייצצוגן ביזן אַמעריקאַנישן רוף פאַר פרייהייט, האָבן יידן זיך געשטעלט אויף דער זייט פונם אונטערדריקטן.

שקלאַפעריי איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך סיי אין די קלאַסישע לענדער, סיי אין די מאָדערנע לענדער.

אין פוילן, למשל, האָט מען פאַרקויפט לאַנד צוזאַמען מיט די צאָל אַרבעטער . . . אין ענגלאַנד האָט מען נאָך אין 14־טן יאָרהונדערט געשאַפן געזעצן צו באַשיצן די לאַנד אייגנטימער קעגן די באָדן־אַרבעטער. די לעצטע זענען שטאַרק באַגרעניצט געוואָרן אין זייערע פאַרלאַנגען פאַר אַ מינימום אַרבעט'ס שעה'ן און געהאַלט. דאַן איז נאָך ניט געווען קיין פּראָבלעם פון אַרבעטער אין פאַבריקן; ס'האָט כמעט ניט עקזיסטירט קיין פאַבריקאַציע, אַלץ איז געווען הויזלעך, האַנטווערק. אייראָפּע האָט איבערגעלעבט די עפּאָכע פון די ריטער־אָרדנס, מלחמות, פּאָגראָמען . . . ערשט אינם 18־טן יאָרהונדערט, האָבן זיך אָנגעפאַנגען די רעפאָרמען אין אייראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און ס'זענען ראַטיפיצירט געוואָרן נייע געזעצן, אָפּשאַפנדיק דעם שקלאַפן־סיסטעם, אַזוי אין דער אינדוסטריע און אַזוי אין שייכות מיט די אַגראַר־רעפאָרמען.

אין אַמעריקע, די פרייהייט־מדינה, אָדער מדינות, האָט שקלאַפעריי עקזיסטירט, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, ביזן יאָר 1863 און ביזן סוף פונם 19־טן יאָרהונדערט, האָבן נאָך אַלץ רעשטלעך איבערגעבליבענע, געקעמפט קעגן דער באַפרייאונג פון די נעגער־שקלאַפן און ניט מסכים געווען מיט לינקאָלנ'ס הומאַניזם. נאָך היינט ווילן זיי ניט אויפגעבן סעגרעגאַציע און קעמפן קעגן דעם

„סופרים־קאָורט" (הויפּט־געריכט אין די פאראייניקטע שטאַטן) וואָס האָט ארויסגעגעבן אַ געזעץ קעגן ראַסן־סעגרעגאַציע . . .

אינעם יידישן לעבן האָט אַזעלכעס ניט געקענט פּאָרקומען; שקלאַפעריי איז לכתחילה געווען פאַרבאָטן. יעטווידער מענטש איז גלייכבאַרעכטיקט, אַלע זענען באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים און ניטאָ קיין יחסנים: כל ישראל חברים און ישראל קדושים . . .

אין זיין ווערק „די יידן" — שרייבט רופוס לעאַרס[60]) וועגן דער יידישער באַטייליקונג קעגן שקלאַפעריי אין אַמעריקע:

„צו די וויכטיקסטע איבערקערענישן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, געהערט די געשיכטע פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן. אין אַלטערטום, האָט מען אויף אַ שקלאַף געקוקט ווי אויף אַ חפץ, אַ קעגנשטאַנד פון באַזיץ, נישט ווי אויף אַ מענטש. אין קעגנזאַץ צו תורת משה, וואָס האָט געזען אין דעם שקלאַף אַ מענטש, און זי האָט געפאָדערט, אַז אין זיבעטן טאָג זאָל ער, דער שקלאַף, פּונקט ווי זיין באַלעבאָס, געניסן פון שבת־רו . . . "

ער ווייזט אָן אויף דער אומיושרדיקער באַציאונג צום שקלאַף מצד די גריכישע פילאָזאָפן ווי אַריסטאָטעל און אַנדערע און מצד די רוימישע געזעצגעבער. זיי האָבן — ברענגט ער דעם פאַקט — נישט געוואוסט פון קיין רו־טאָג, האָבן אויסגעלאַכט פון דעם שבת. ער זוכט עס צו דערקלערן דערמיט וואָס די עקאָנאָמיע פון דער אַלט־יידישער געזעלשאַפט איז געווען געבויט אויף דעם אומאָפּהענגיקן לאַנדווירט און פרייען בעל־מלאָכה, בעת די עקאָנאָמיע פון די גריכן און רוימער איז געווען באַזירט אויף שקלאַפעריי.

ווי עס זאָל ניט זיין, וואָס זיינע דערקלערונגען זאָלן ניט זיין, דער פאַקט בלייבט, אַז יידן זענען שטענדיק געווען קעגן שקלאַפעריי. זיי זענען תמיד געווען אונטער'ן איינפלוס פון תורת משה און די נביאים צו באַקעמפן שקלאַפעריי. זיי האָבן זיך דעריבער באַטייליקט אין יעדער באַוועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון שקלאַפן.

דער פאַקט איז, אַז יידן אין אַמעריקע האָבן זיך אין צייט פון בירגער־קריג געשטעלט אויפ'ן צד פון די קעמפער קעגן נעגער־פאַרשקלאַפונג און אַ סך געהאָלפן אין דער דערוויילונג פון אברהם לינקאָלן (אין 1860), דעם באַפרייער פון די נעגער. יידן האָבן — ווי רופוס דערציילט — געקעמפט מיט לייב און לעבן אין דער אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג און ניט בלויז סתם אַזוי אין איינצלנע פאַלן נאָר ווי אַן אָרגאַניזירטער שיכט.

אַזוי איז אויך באַקאַנט אין דער געשיכטע, אַז ראַבײ דייוויד איינהאָרן, פון רעפאָרם טעמפּל אין באַלטימאָר, וועלכער האָט זיך על־פּי־נס געראַטעוועט פון די הענט פון די שקלאַפן אָנהענגער, איז אַוועק קיין פילאַדעלפיע און די דאָרטיקע פירער פון דער רעפאָרם־קאָנגרעגיישאָן האָבן פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל זיי

פֿאַרזיכערן, אַז ער וועט אין זײַנע פּרעדיקען אויסמײַדן אַקטועלע ענינים, האָט ער דאָס צוריקגעוויזן, האַלטנדיק אַז די נעגער־פֿאַרשקלאַפֿונג שטעלט מיט זיך פֿאָר אויך אַ סכּנה פֿאַר די רעכט פֿון יידן און פֿון אַנדערע מינאָריטעטן אין אַמעריקע. אויך אַנדערע באַלטימאָרער יידן, איינער פֿון זיי, לעאָפּאָלד בלומענבערג, איז אויך די לעצטע מינוט געראַטעוועט געוואָרן, אַנטלויפֿנדיק פֿון באַלטימאָר.

דער ראַביי פֿון דער „מקוה ישׂראל"־שול אין פֿילאַדעלפֿיע, שבתי (סאַבאַטאַ) מאָראַיס, איז אויך געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון לינקאָלנ'ען און אַ סך בײַגעטראָגן צו דעם קאַמף קעגן נעגער־פֿאַרשקלאַפֿונג. כּמעט אַלע אָנגעזעענע ראַביים אין אַמעריקע, זענען געווען קעגן שקלאַפֿעריי פֿון די נעגער[61] און ניט בלויז ראַביים, אויך פּראָמינענטע יידישע כּלל־טוער, ווי לואיס נפֿתּלי דעמביץ (פֿעטער פֿון סופֿרים־קאָורט ריכטער און ציון־פֿירער לואי ד. בראַנדייס), סיגמונד קויפֿמאַן און אַנדערע זענען געווען קעגן דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די נעגער. העכער זעקס טויזנט יידן האָבן געקעמפֿט אויפֿ'ן צד פֿון דער „יוניאָן" און העכער טויזנט אויפֿ'ן צד פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע[62].

בלויז איין ראַבינער אין די צפֿון שטאַטן האָט פֿאַרטיידיקט עפֿנטלעך שקלאַפֿעריי אין דער סאָוט. דאָס איז געווען מאָרים יעקב ראַפֿאַל פֿון ניו־יאָרק און באַקומען דערפֿאַר זײַן גאָב פֿון אַנדערע קאָלעגן רבנים שריפֿטשטעלער[63].

ראַביי אײַזעק מ. וויז, דער פֿאָטער פֿון דער רעפֿאָרם באַוועגונג אין אַמעריקע[64], איז אויך געווען קעגן אַבאָלישאָניזם. ווי אַ „דעמאָקראַט", איז ער געווען קעגן לינקאָלן. ערשט שפּעטער, שוין נאָך דער דערמאָרדונג פֿונם גרויסן פּרעזידענט, געזען זײַן גרויסקייט אַלס פּרעזידענט, אַלס באַפֿרייער פֿון אונטער־דריקטע און אַלס גרויסער פֿרײַנט פֿון יידן זיך שטעלנדיק אָפֿן אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין די אייגענע רייען, אין די רייען פֿון די רעפּובליקאַנער.

ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז די רעפֿאָרם־ראַביים, ווי בכּלל די סעקולאַרע יידן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַמעריקאַ'ס קאַמף פֿאַר פֿרייהייט זענען סוף־כּל־סוף געווען באַאײַנפֿלוסט פֿונם תּנ"ך און תּלמוד, פֿונם קאָלאָסאַלן יידישן יחוס פֿון נביאים און מאָראַל־לערער וואָס האָבן געענדערט דעם פּנים פֿון דער וועלט, געווען אַ וועג־ווייזער פֿאַר פֿעלקער און פֿון אַ לעבנס־שטייגער וואָס האָט באַשטעטיקט יידישע גרויסקייט.

אין די דרום־שטאַטן זענען, וואָס אָן אמת, געווען יידן, וואָס האָבן געשטיצט דאָס אָפּרייסן זיך פֿון דעם צפֿון און במילא מסכּים געווען צום שקלאַפֿן־סיסטעם.

מיר געפֿינען צווישן די אָנהענגער יידן ווי דוד יולי (סענאַטאָר פֿון פֿלאָרידע) און יהודה פּ. בענדזשאַמין פֿון לואיזיאַנע (געשטאָרבן אין ענגלאַנד אין 1884). דאַקעגן האָבן געקעמפֿט אינעם דרום קעגן שקלאַפֿעריי אַזעלכע אַדוואָקאַטן ווי יהודה טורא און שלמה ווײַדנפֿעלד פֿון אַלאַבאַמאַ.

אין צפון איז בלויז געהערט געוואָרן איין שטימע פאר דעם סיסטעם, דער פריער־דערמאָנטער משה ראפאל (גייסטיקער פירער פון „בני ישורון" אין ניו־יאָרק). אין זיין דרשה דעם 4־טן יאנואר, 1861 (א טאָג, וואָס אברהם לינקאָלן האָט דערקלערט א תענית און טרויער), האָט ער זיך אויסגעדריקט, אז לויט דער תורה, איז שקלאפעריי ניט פארבאָטן.

ס'זענען באלד ארויסגעטראָטן קעגן אים, די רעפאָרם־ראבינער שבתי מאראיס, שמואל אייזיקס, דוד איינהאָרן און דער זשורנאליסט מיכל היילפרין (ער איז ארויסגעקומען מיט אן ארטיקל אין „ניו יאָרק טריביון") אָנווייזנדיק אויף דער יידישער השקפה קעגן שקלאפעריי.

די יידן זענען געווען די, וואָס האָבן פארשטאַנען דעם זין און באדייט פון דער אמעריקאנישער אומאָפהענגיקייט־דעקלאַראציע, די אוניווערסאַלקייט פון דער דעקלאַראציע, וואָס פארזיכערט פרייהייט צו אַלע מענטשן. דער אמעריקאנער פאטריאָטיזם איז באשטאַנען אין אָפהיטן די דאָזיקע פרינציפן.

הערות

א.

1. סנהדרין ל"ז, ע"א; ב"ב י"א, ע"א.
די ריכטיקע גירסא, ווערט אנגעוויזן אין מפרשים, דארף זיין, „כל המקיים נפש אחת . . . "
און ניט דווקא א נפש פון ישראל. זעז, ד. גרויבארט "Beyond his Present" ז' 42.
2. דברים ט"ז, י"ב.
3. הלל ציטלין, דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, ז' 3.
4. דאָרט, באריכות, ציטירט פון דארמשטעטער, אויף ז"ז 239־240, וועגן דעם וועלט־באנעם פונם נביא חבקוק, וועגן דאָס קלאָגן פון גריכישן עסכילוס אויף דער אומגערעכטיקייט פון פּראָמעטעאוס'עס ליידן, די יידישע אנשויאונג, גריכישע און אינדישע וועגן מענטש, פרייהייט און גערעכטיקייט . . . זע פריער, קאפּ. 4, סוב־קאפּ. א־ג.
5. וואָרים צו מיר זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט; מיינע קנעכט זיינען זיי . . . ויקרא, כ"ה, נ"ה. אין ספרא, דאָרט, אני ד' אלקיכם, מה ת"ל, מלמד שכל המשתעבד בהם למטה, מעלין עליו כאלו משתעבד למעלה, און דער מלבי"ם גיט צו: „שהם חלקי וקניני ושכינה דבקה בם למטה".
6. וועגן אמת, דריקט זיך אויס ר' סעדיה גאון, אין זיין ספר, „האמונות והדעות": מענטשן זאָגן: דער אמת איז שווער; אנדערע זאָגן: דער אמת איז ביטער; זיי אַלע באגערן די פרייהייט און אנטלויפן פון איר . . . די תורה וויל באאיינפלוסן דעם מענטשן צו קעמפן פאר'ן אמת — און דער אמת קען דאָך ניט לייקענען, אז יעדער מענטש איז בארעכטיקט צו פרייהייט, אז אַלע מענטשן זיינען גלייך באשאפן און זיינען בארעכטיקט צו גלייכהייט.
7. ווי די אויגן פון קנעכט צו דער האנט פון זייער האר, ווי די אויגן פון א דינסט צו דער האנט פון איר הארנטע . . . תהלים, קכ"ג, ב'. ער האָט ניט פארמיאוסט זיין קנעכט, אפילו ווען ער איז געווען בייז אויף אים. זע ווייטער הערה 36.
8. איוב ל"א, י"ג־ט"ו.
9. בבא מציעא ע"ג, ע"ב.
10. נדה מ"ז, ע"א, מיינונג פון שמואל, אז מ'טאָר זיי ניט פארשעמען, זע, קדושין כ"ב, ע"ב, אז זייער „עולם" איז ניט געמיינט ביז יובל. ווי עס ווייזט אוים פון תורה־מפרשים, איז די מצוה פון לעולם בהם תעבודו געמיינט כנענים און נאָר וועגן זיי, זאָגט רבי עקיבא, אז דאָס איז „חובה" און ר' יהודה אמר שמואל פאָלגט נאָך און פסקנט, „כל המשחרר עבדו עובר בעשה" — גיטין ל"ח, ע"ב, תו"כ דאָרט, און דערקלערונג פון תורה תמימה, אז די עשה פון לעולם בהם תעבודו, איז ניט קיין עשה גמורה, אז דאָס האָט א שייכות צו דעם לא תחנם, אז מ'טאָר ניט געבן די כנענים קיין מתנות. ווי עס זאָל ניט זיין, זעט מען די טענדענץ, אז מ'דאַרף זוכן אַלע מיטלען זיי צו באפרייען, אויב זיי פירן זיך אויף אנשטענדיק־מאָראַליש. אין טורי אבן, אנהויב חגיגה, איז די עשה אינגאנצן ניטאָ; זע אויך, יעקב צבי מעקלענבורג, הכתב והקבלה, ויקרא, דאָרט; הרב דר. שמעון פדרבוש, המוסר והמשפט בישראל, ניו־יורק, התש"ד, פרק ח'; סעיף ד'; משפט המלוכה בישראל, ירושלים, תשי"ב, פרק ט"ו און פרק ט"ז, ז"ז 14, 40 — באריכות.

11. מגילה ל"א, ע"ב.
12. ער טוט גערעכטיקייט דעם יתום און דער אלמנה, און האט ליב דעם פרעמדן, אים צו געבן ברויט און א קלייד, דברים י', י"ח.
13. ויקרא כ"ה, מ"ב. ווארים עס וועט ניט אויסגיין לויט יהואש; (פשוט עס וועט ניט אונטערגיין) אן אביון פון לאנד . . . דברים ט"ו, י"א.
14. נייערט עס וועט ניט זיין ביי דיר קיין אביון, ווייל גאט וועט דיך בענטשן . . . דארט ד'.
15. קדושין ל"א, ע"א. זע: מ. כץ "Protection of the Weak in the Talmud",1925. וועגן שוץ פון שוואכערן, די מיטלען קעגן שקלאפעריי אין די באגין יארן און די קאמפן פון די נביאים און פון די חכמי התלמוד פאר פרייער ארבעט, אפילו פאר דעם ניט־ייד — א גרינטלעכע שטודיע.
16. זע, י. קלויזנער, הסוציאליזמוס הנבואי.
17. זע, של"ג, דארט, באריכות.
18. שמות כ"א, ב'; רש"י, דארט.
19. ויקרא כ"ה, ל"ט; מכילתא, דארט.
20. ירושלמי, בבא קמא, ח', ד'.
21. ויקרא, כ"ה, כ"ג.
22. דברים י"ז, כ'.
23. דברים כ"ב, א־ד. זאלסט ניט זען דיין ברודערס אקס אדער זיין שעפס פארבלאנדזשעטע, און זיך פארהוילן פון זיי; אומקערן זאלסטו זיי, אומקערן צו דיין ברודער . . . און אזוי זאלסטו טאן מיט זיין אייזל . . . מיט אלעם פארלארענעם פון דיין ברודער . . . טארסט זיך ניט פארהוילן . . .
24. זען, סנהדרין פרק י"א, משנה א'.
25. יידישער קעמפער, פסח תש"ו, ז"ז 90־92. אין א פריערדיקן פרק — אויספירלעכער.
25א. דער אויסדרוק אין פסחים (כ"ה, ע"ב) איז: „מאי חזית דדמא דידך סומק טפי" — פונוואנען ווייסטו, אז דיין בלוט איז רויטער — זע רש"י, דארט.
26. בבא מציעא, ס"ב, ע"א; זע אויך חייך קודמין, דארט, ענלעכעס אין געלטער פארלוסטן, פרק ב', ל', ע"א־ע"א; ל"ג, ע"א. אין פריערדיקע פרקים, מער וועגן דעם פאל.
27. לעצטע משנה, פרק ב'.
28. „ . . . פארשאלטן זאל זיין כנען, א קנעכט פון קנעכט זאל ער זיין ביי זיינע ברידער, געלויבט איז דער גאט פון שם; און כנען זאל זיין א קנעכט ביי זיי. דערברייטערן זאל גאט יפתן און ער זאל רוען אין די געצעלטן פון שם, און כנען זאל זיין א קנעכט ביי זיי, בראשית ט', כ"ה־כ"ז. זע אויך, הרב י. ל. הכהן פישמאן־מימון, אזכרה ה', ירושלים תרצ"ז, ז"ז פ"ז־פ"ט.
28א. מסכת כלה (היגער) ז"ז 246־247.
29. נדרים, ל"ב, ע"ב.
30. סדר עולם פרק א'; ספר היובלים ח־י; תורת כהנים ויקרא כ', כ"ד; מדרשים אויפן פסוק והכנעני אז בארץ, בראשית י"ב, ו'.
31. זען, פריער פרק א'.
32. שמות כ"א, כ"ו־כ"ז.
33. דארט, כ"א, כ"א. זע: Mordecai Katz, "Protection of the Weak . . . " N. Y. Columbia University, 1925. זייער אינטערעסאנטע אויספירן.
34. זען פריער.
35. לעבודה נתתים ולא לבושה, נדה מ"ז, ע"א.
36. רמב"ם, הלכות עבדים.
37. תנחומא, פ' לך, אויספירלעך.
38. יומא, פ"ז, ע"א; סוכה כ"ב, ע"א. זע אויך, מכילתא, שמות י"ז.
39. כתובות כ"ח, ע"א.
40. זען, רש"י, תענית ד' ע"א, אז רוח הקודש קאן זיין ביי עבד וממזר; ר' צדוק הכהן מלובלין אין זיין „ישראל קדושים", שרייבט, אז נאר רוח הקודש קענען זיי האבן אבער ניט קיין נבואה. דא, קען מען פרעגן: אטו רוח הקודש מלתא זוטרתי? . . .
41. ברכות פרק ב', משנה ז'. זע אויך גמרא. דארט, ט"ז, ע"ב.
42. John Lord, Beacon Lights of History, Vol. XI, P.P. 25-27.
43. דארט, ז"ז 268־315.

ב.

1. זע, ש. פדרבוש, משפט המלוכה בישראל, ירושלים תשי"ב, ז"ז 141־156.
2. שמות ל"ה; פדרבוש, דארט — באריכות.
3. תהלים קכ"ה.
4. ברכות ח', ע"א.
5. הלכות תלמוד תורה, ג', י"א; זיין פירוש אויף אבות, פרק ד'. וועגן עבדים און פועלים אין אלגעמיין. זען: ח. נ. ביאליק ווי"ח רבניצקי, חלק ב', ד"ו, ז"ז תקט"ו־תקי"ז.

6. מוסטערן פון די ספרים החצונים און פון די דינים פון האמוראבי'ן (אמרפל מלך שנער).
7. ער ציטירט פון די פאראגראפן 8, 25, 108, 192.
8. דברים כ"ב,ט"ז.
9. ויקרא י"ח, ג־ט'.
10. דברים, כ"ח, ט"ו; אפטייקער ז"ז 68—באריכות.
11. שמות, כ"ב, ב'. די תורה — ווערט אנגעוויזן — באשטראפט א גנב צו צאלן טאפל („כפל") פאר גנבה, בלויז ווען ער גנב'עט פון א געוויינטלעכן מענטשן — אבער ניט, ווען ער גנב'עט פון הקדש. „וגונב מבית האיש (שמות כ"ב, ו') ולא מבית ההקדש . . . שהגונב את ההקדש מבית בעלים אין משלם כפל" (ב"ק, ע"ו, ע"א).
12. אייניקע פארשער האלטן דעם גרויסן קעניג מורארבי, אלס דעם אמרפל מלך שנער, וואס איז געזעסן אויפן ביבלישן טראן. ער איז געווען ניט בלויז דער העלדישער קעניג, נאר אויך דער גרויסער געזעצגעבער. ער האט געבויט פעסטונגען, שטעט און טעמפלען און געגראבן די גרויסע קאנאלן אנצוטרינקען דעם בבלישן באדן.
13. ער גיט צו, אז אויך די חתים (1350 פ.ק.ע.) האבן פארווערט איבערצוגעבן א שקלאף צו זיין האר
14. אליעזר, אברהם'ס קנעכט, א כנעני, ווערט דער הויפט פונעם הויז, פאקטישער באלעבאס, וועמען ס'ווערט אנגעטרויט די שליחות צו שאפן א פרוי פאר דעם בן־יחיד און עקידה־מענטש . . .
15. בראשית ט', י"ב; תענית י"ח, ע"א; סנהדרין ל"ז־ל"ח; פרקי דרבי אליעזר, אנהויב ספר; בראשית רבה, לך לך, „אחות לנו קטנה — זה אברהם, שאיחה את כל באי העולם — שעשאם אחים . . ."
16. זע, ד. שפירא, יסודי הדת האוניברסלית, ז"ז 17־33. ציטירט פון תלמודישע שטעלן (גיטין ל"ח, ע"א און יבמות מ"ו, ע"א) „ולא הם קונים מכם ולא הם קונים זה מזה" און ער גיט צו: „במקום אחר הוכחתי שאף לישראל אין קנין עצמי בגוף עבדו הכנעני . . . " ער באזירט אט דעם הלכהשן שטאנדפונקט אויף די פאלגנדיקע מקורים: חידושי הרמב"ן, גיטין ל"ח, ע"ב און קדושין ט"ו, ע"א; ריטב"א, דארט; תוספות רי"ד, בבא קמא צ"א; חידושי הר"ן, דארט און סנהדרין אין דער סוגיא בו נח שיחד שפחה א"א.
17. רמב"ם הלכות מלכים, פרק ט' הלכה ד': ב"נ שיחד שפחה נהרג עליה משום אשת חברו.
18. יסודי הדת . . . ז"ז 34־37.
19. וועגן דעם — באזונדער.
20. סנהדרין, פרק ב' משנה א'.
21. סנהדרין י"ט, ע"א.
22. ירמיהו כ"א, י"ב.
23. שמות כ"א, כ"ט.
24. שמות כ"ג, ט"ז־י"ז.
25. דארט, מורארביש געזעץ, פאראג. 15, 16, 19.
26. וכי יכה איש את עין עבדו . . . לחפשי ישלחנו . . . שמות כ"א.
27. דארט; סנהדרין ע"א.
28. ברכות ט"ז, ע"ב; שמחות פרק א', הלכה י"א — באריכות.
29. סוף הלכות עבדים.

ג.

1. פרק ד' און פרק ט'.
2. זען, תורה שלמה, בראשית ט', כ"ב־כ"ח.
3. שמות כ"א, ה־ו'.
4. זען, רש"י און רמב"ן, דארט.
5. ויקרא כ"ח, ל"ט.
6. קדושין כ"ב, ע"ב.
7. איוב ל"א, י"ג; בראשית רבה, מ"ח, א'.
8. או"ח, ל"ח, ג'.
9. זע, הרב ג. פעלדער, יסודי ישורון, חלק א', מערכת תפלין ט', ז' 94. מקור: ירושלמי, ברכות, פ"ג, ה"ג.
10. ירושלמי, ברכות נ'.
11. דברים ט"ז, י"ד.
12. ברכות ל"ה, מכילתא, באזירט אויף דברים כ"ח און ישעיה ס"א.
13. תהלים קל"ו, כ"ה, „וואס גיט ברויט צו יעטוועדער באשעפעניש, ווארום אויף אייביק איז זיין גענאד".
14. תהלים קמ"ז, ט', „ער גיט די בהמה איר שפייז, די קינדער פון דער קרא וואס רופן . . . "
15. דברים י"ד, כ"ט: „גאט זאל דיך בענטשן אין יעטוועדער טואונג פון דיין האנט, וואס דו וועסט טאן".
16. תנא דבי אלי', פ' י"ד, מדרש שוח"ט.
17. משפט המלוכה בישראל, ירושלים תשי"ב, ז"ז 171־176, באריכות.
18. דברים ט"ז, י"ד.
19. רמב"ם, הלכות עבדים, פרק א', הלכה ט'.
20. ווי מיר האבן פריער ציטירט לויט אפטייקער'ס איבערזן.
21. בבא קמא ע"ד־ע"ה; קדושין, כ"ד־כ"ה; יומא, פ"ז, ע"א.

22. ברכות ט"ז, ע"ב. גיטין, י"א-י"ב; מ"ג-מ"ה, וועגן די פארשיידענע דינים אין שייכות מיט עבדות און עבדים.
23. גיטין מ"א, ע"ב.
24. ברכות מ"ז, גיטין ל"ח, ע"ב; רש"י, תוספות און רשב"א דארט.
25. וכי ימוך אחיך, ויקרא, דארט; ספרא; רמב"ם הלכות עבדים, א', ט'.
26. רש"י משפטים, ציטירט פון קדושין כ"ב, ע"ב און ירושלמי פרק א', הלכה ב'.
27. ויקרא, כ"ה, נ"ה; אין ספרא, דארט, איז די ווערסיע וועגן דעם וואס וויל בלייבן ביי קנעכטשאפט, „פרק מעליו עול מלכות שמים".
28. תפלות לימי הנוראים.
29. ויקרא כ"ה, ל"ט-מ"ב, יהואש איבערז.
30. מכילתא, משפטים.
31. דארט, און ספרא ויקרא כ"ה, רש"י.
32. רמב"ם, הלכות עבדים ג', ב'.
33. אבות פרק א' משנה ה'.
34. משלי י"א, ח' דער צדיק ווערט ארויסגעצויגן פון צרה און דער רשע קומט אן אויף זיין ארט.
35. זען, בבא מציעא ס', ע"ב.
36. שמות ו', י"ג.
37. ירושלמי, ר"ה, פרק ג', הלכה ה'.
38. ירמיה, ל"ד.
39. מדרש רבה, שמות פרשה ל', סימן ט"ו.
40. בבא מציעא, פרק ב', י"ד, י"ב, ע"א.
41. ב"מ, ל"א ע"ב.
42. זען, שו"ת ר' עקיבא איגר, מהדורא תניינא, סימן קל"ט.
43. זען, בראשית רבה פ"ב, ב'; קדושין ע' ,ע"ב, רש"י דארט.
44. משלי ל', י', מצודת דוד, דארט.
45. וועגן עבד נכרי ביי יידן, זען א. י. ברומבערג, השואל ומשיב, ז"ז נ"ד-נ"ח, ציטירט מיינונג פון ר' יוסף שאול, נאטאנזאן, בארימטער פוסק, לעמבערגער רב.
46. ויקרא כ"ה, י'.
47. תוספות חגיגה דף ב'.
48. מלכים פרק י', הלכה ז': כיון דטעם הפטור של אשה הוא משם דכתיב וכבושה ואשה אין דרכה לכבוש . . . א"כ עבדים דבני כבוש נינהו חייבים".
49. פרק ז' ברכות, כ'.
50. מכילתא, בהר; תורה תמימה פון ר' ברוך עפשטיין, דארט און אין משפטים.
51. פון דובעריש טורש, מקיצי נרדמים, ורשה, התרפ"ד, ז' 37.
52. די עטיק פון תלמוד.
53. גאליוס, 5, 14; סענעקא, ג', מ'; פלוטארד י', 21. ציצערא, א'.
54. איוב ל"א, י"ג.
55. תהלים קמ"ה, ט'
56. דברים י"נ, י"ח.
57. שבת קנ"א, ע"ב.
58. הלכות עבדים פרק ט'.
59. Rufus Learsi, The Jews, Cleveland & New York, The World Publishing Co.
60. דארט, זע אויך משה דייוויס: יהדות אמריקה בהתפתחותה, ניו-יארק, תשי"א, ז"ז 147-154.
61. דארט און סיימאן וואולף, „דהי אמעריקען דזשו עי פעטריאט, סאלדזשער ענד סיטיזען", 1865.
62. ס'איז דאן דערשינען פאר דעם צוועק אין אן ענגלישער איבערזעצונג א ווערק וועגן שקלאפעריי פון דעם יידישן געלערנטן משה מיעלניצער פון קאפענהאגען, אין וועלכן ער באווייזט, אז דער ציל פון תורת משה איז געווען צו דערגרייכן פולע אפשאפונג פון שקלאפעריי.
63. וועגן דעם באריכות אין א ווייטערן קאפיטל.

קאפיטל צען

הלכות פועלים און דיני עבודה

דער יידישער ארבעטער, אדער ארבעטסגעבער, וואס לעבט זיך אויס לויט די געזעצן פון תורה עטיק, לויט די תלמודישע פארשריפטן — פאר זיי איז קלאר די אויספירונג פון ארבעטער און ארבעטסגעבער: פאר זיי איז קלאר דין און מנהג בעת דער ארבעט.

א. די דינים אין שייכות מיט ארבעט. — ארבעטס־געבער און ארבעטסנע־מער. — מאראלישער הינ־טערגרונט.

אויב ביי אנדערע פעלקער האט מען געקוקט אין די פרע־היסטארישע און אפילו אין די היסטארישע צייטן, אין אלטערטום, אויף ארבעט, ספעציעל ערד־ארבעט, מיט פאראכטונג, האט מען ביים יידישן פאלק, דערהויבן ארבעט צו א גאר הויכער שטופע. מלאכה איז באטראכט געווארן פאר גאר וויכטיק פאר׳ן קיום העולם.

דער אייבערשטער — האבן אונזערע חכמים געלערנט — האט ניט געוואלט מאכן רוען די שכינה אויף זיין פאלק ישראל, ביז זיי האבן זיך ניט פארנומען מיט ארבעט[1] וואס איז גרעסער ווי זכות אבות[2] און מוז גיין זאלבענאנד מיט תורה[3]. די ברכה איז שולט נאר ביים מענטשן וואס האט א פאך און פארנעמט זיך מיט מלאכה[4].

לײדיקגייעריי איז באטראכט געווארן פאר דאס ערגסטע. ביי רשעים — לויטעט א מדרש — איז מלאכה א שטראף, אבער ביי צדיקים א ברכה, א באלוינונג[5].

מאדנע איז, די דערקלערונג פון רב, אבא אריכא[6], וועגן באגריף „ליידיקגייער", געבנדיק אן אילוסטראציע, אז דאס מיינט מען א מענטש ווי ר׳ שמואל בר שילת, וועלכער עסט פון זיין אייגנס, טרונקט פון זיין אייגנס, שלאפט אין א פאלאץ און צו וועמען דער קעניגלעכער שטייער־זאמלער איז צו זיין טיר קיינמאל ניט געקומען[7].

פארוואס רב האט אנגעגעבן אלס מוסטער פון ליידיקגייער, גראד ר׳ שמואל בר שילת, א מלמד וועלכער האט זיך דערנערט פון שכר־לימוד, איז באמת אומפארשטענדלעך און מפרשים באמיען זיך דאס צו דערקלערן[8]. אבער דאס געהערט ניט צו אונזער ענין. אונז אינטערעסירט דער פאקט, אז א ליידיקגייער, איז ווייט ניט געווען קיין יחסן ביי אונזערע חכמי התלמוד.

דער אפשטאם פון יידישן פאלק — זענען אלע פארשער מודה — איז א פראלעטארישער. יוסף בן מתתיהו (פלאוויוס) שרייבט[9].

„מיר (יידן) וואוינען ניט ביי די ימים און מיר נייגן ניט נאָך האנדל און קאָמערציעלע פארבינדונגען . . . מיר האָבן גוטן באָדן, באארבעטן מיר דעם באָדן . . . ״

יוסף קלויזנער, זיך אָפּשטעלנדיק אויף אָט דער שטעלע פלאוויוסעס[10] ווייזט אָן, אז פלאוויוס, איז דאָ אביסל איבערטרייבעריש מיט זיין אפּאָלאָגעטיק . . . ס׳איז אָבער דאָ א גרויסער אמת אין דער דאָזיקער באהויפּטונג, אז יידן זענען געווען מער פארנומען מיט ערד־ארבעט, מיט אגריקולטור, ווי מיט האנדל און אז דער גליל, איז דאַן טאַקע געווען קולטיווירט, ווי א פּרעכטיקער גאָרטן[11].

די יידן האָבן זיך אָבער אויך פארנומען מיט מסחר, באזונדערס אין די צייטן פון שלמה המלך און ביים בית שני, אין דער צייט פון קעניג אלכסנדר ינאי, ווען ביי יידן האָבן זיך שוין געפונען סוחרים אויפ׳ן אינטערנאציאָנאַלן פארנעם[12]. אין די תפלות, ווערט געבעטן פאר א „שנת משא ומתן״[13].

אין דער משנה און אין דער גמרא ווערט איבערגעגעבן, וועגן אומצייליקע תנאים און אמוראים, וואָס האָבן באַרייזט פארשיידענע לענדער, באזונדערס ר׳ גמליאל דיבנה (דער צווייטער), ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ יהושע, ר׳ אלעזר בן עזריה, ר׳ עקיבא און אנדערע[13א]. אזוי ווערט אויך דערציילט וועגן ר׳ אלעזר בן חרסום, אז זיין פאָטער, האָט אים איבערגעלאָזט א ירושה פון טויזנט שטעט און טויזנט שיפן[13ב].

עס איז גאָר וויכטיק פאר דעם מענטש, צו קולטיווירן און באארבעטן באָדן. עס איז זיין גרעסטע הנאה, ווען ער לעבט פון זיין אייגענער הארעוואניע, פון זיין אייגענער פראצע, פון זיין אייגענער מי׳[14] ווען מען איז איבערצייגט אז מען דארף זיך פירן לויט אָט די עטישע הנחות, דאַן קען מען שוין ניט קומען צו וועלכן ניט איז צוזאַמענשטויס מיטן ארבעטער — ווייל ביידע, ארבעטער און ארבעטס־נעבער וועלן שוין וויסן ווי צו באהאנדלען זיך, ווי צו לעבן, אז איינער זאָל דעם אנדערן ניט באַרויבן, ניט אָפּנאַרן און וועלן שוין אליין געפינען די רעגולאציעס, וועגן ארבעטס־שטונדן, ארבעטס־באַדינגונגען און שכירות, וואָס דארף געצאָלט ווערן אין צייט[15]. דער בעל הבית, וועט שוין דאַן שטרענג היטן די געזעצן ווי צו באהאנדלען דעם אָנגעשטעלטן, אפילו דעם פועל אָדער דעם שכיר, ער וועט דאָך וויסן, אז דער דין איז, „יד פועל על העליונה״[16].

דער ייד, וואָס פירט זיך לויט דער תורה און די פאָרשריפטן פונם תלמוד, ווייסט דאָך וואויל, אז דער חורבן און גלות אויף יידן, איז געקומען צוליב דעם, וואָס דער געדונגענער איז געוואָרן באַרויבט און זיין שכר איז געוואָרן פארהאלטן. ווער עס טוט דאָס, איז ווי ער וואָלט ביים ארבעטער זיין נפש צוגענומען[17].

דער מקור פון אָט דעם הומאַניסטישן צוגאַנג צו ארבעטער און באַשעפטיקט־אָנגעשטעלטע, זיינען די פסוקים: „לא תלין פעולת שכיר״[17א] אָדער „לא תעשוק

שכיר עני . . . ביומו תתן שכרו . . . ואליו הוא נושא את נפשו" און ענלעכע פּסוקים.

דער קנעכט, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, מוז ווערן רעספּעקטירט, באַהאַנדלט מענטשלעך[18]). ער איז אַ מענטש און דאַרף באַהאַנדלט ווערן בכבודיק: עסן און טרינקען פון די זעלבע מאכלים און געטראַנקען[19]).

דער כבוד פון מענטש, פון יעדן מענטשן איז אומגעהויער גרויס און וויכטיק — און מ'טאָר קיין מענטש ניט מבזה זיין[20]).

אונזערע חכמים האָבן זיך אויך ניט פאַרלאָזט בלויז אויף מאָראַלישע מאמרים, נאָר געשאַפן אַ קאָדעקס, וואָס פאַרנעמט זיך יורידיש — געזעצלעך מיט די ענינים פון אַרבעט־באַציאונגען.

איינער פון די פאָרשער אויף דעם געביט, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, זיך באַמיט צוזאַמענצושטעלן אַזאַ קאָדעקס פון „דיני עבודה" פאַר מדינת־ישראל[21]). ער האָט צוגעגרייט אַ כמו קאָנסטיטוציע אין הלכות עבודה און איז שטאַרק געלויבט געוואָרן סיי פון רבנים און סיי פון ישראל־שופטים. דער דין — האַלט ער — דאַרף זיין באַזירט אין אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן אויף הומאַנישע מנהגים. דער הומאַניזם מוז דאָמינירן[22]).

באַרירנדיק דעם ענין פון כובש שכר שכיר, ווייזט בר־אָדון אָן, אַז מען איז עובר אויף פינף „לאווין", פינף עבירות, אויב מען באַצאָלט ניט דעם געדונגענעם אין צייט, ווי די תורה זאָגט אָן: „ביומו תתן שכרו" און ווי די חז"ל קאָמענטירן דערויף[23]), אַזוי ווייט, אַז ער ווערט באַשולדיקט ווי ער וואָלט פון דעם אַרבעטער זיין נשמה צוגענומען[24]). דער עונש איז אַזוי גרויס, אַז דער וואָס באַהאַנדלט זיין אַרבעטער, ניט ווי געהעריק, לויט די עטיש־מאָראַלישע פּרינציפּן פון דער תורה, איז ער אין געפאַר צו פאַרלירן זיין פאַרמעגן און אַליין צו ווערן אַ שכיר, צו פילן דעם טעם פון דעם געדונגענעם, דעם טעם פון אַרבעטער[25]). די דאָזיקע אַלע רעגולאַציעס זענען באַזירט אויף די פּסוקים: „ועשית הישר והטוב" . . . „כי לי בני ישראל עבדים", „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך" . . . און אַז מלאָכה איז וויכטיק און איז מכבד דעם מענטשן, אַז די שכינה רוט אויף דעם בעל מלאָכה[26]).

די חכמי התלמוד האָבן געזען אין מלאכה, אַ דערהויבונג, דעריבער—ווערט געזאָגט אין אַ דרש—ווערט וועלט־באַשאַף, דערמאָנט מיט לשון עשיה, אַרבעט! כאָטש דער רבונו של עולם, האָט די וועלט באַשאַפן מיט'ן זאָג . . . מיט „מאמר"[27]). אין דער קללה פון „בזיעת אפיך תאכל לחם", האָבן זיי געפונען אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט[28]) און ווי שלמה המלך, דריקט זיך אויס: „מתוקה שנת העובד"[29]).

די חז"ל, האָבן אויפ'ן סמך פון די דאָזיקע פּסוקים, געקענט קומען צום אויספיר, אַז „ובחרת בחיים — זו אומנות"[30], אַז אַרבעט גיט לעבן, גיט כבוד[31])

און באוואָרנט דעם מענטש פון הונגער . . . (32). אָבער ווי געזאָגט, ווילן מיר זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין פּרטים און פּרטי־פּרטים, בלויז געוואָלט אָנווייזן אויף אַלגעמיינע שטריכן אין באַציאונג צו מלאכה, צום בעל־מלאָכה און צו דעם מענטש וואָס לעבט זיך אויס אין יגיעי־כפּימדיקייט.

די שאלה, צי מען מעג סטרייקן, האָבן פירנדיקע חברים פון תו"ע, געשטעלט דעם רב־ראָשי און רבן של הפועל המזרחי, הרב קוק זצ"ל(1) און ער האָט געענטפערט קלאָר, דעפיניטיוו(2):

ב. צי מעג מען סטרייקן? — מיינונג פון הרב קוק. — אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט.

א סטרייק איז דערלויבט, אויב דאָס איז א מיטל צו צווינגען און באַוועגן דעם נותן העבודה (דעם אַרבעטסגעבער), ער זאָל זיך שטעלן צום משפּט פאַר א בית־דין וואָס זאָל אורטיילן, צי די אַרבעטער זענען באַרעכטיקט צו זייערע פאָדערונגען. אזא בית־דין, דאַרף באַשטיין פון רבנים, גדולי תורה און דער־פאַרענע אין וועלט־ענינים, אין „מילי דעלמא", אין אַרבעטער פּראָבלעמען . . .

דאָס האָט געפירט, צו נאָך א שאלה, אַלס רעזולטאַט פון דעם ענטפער אויף דער ערשטער שאלה: צי מעגן אָרגאַניזירטע אַרבעטער צווינגען ניט־אָרגאַניזירטע, זיך צו אָרגאַניזירן אַלס טייל פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, אין א פאַראיין פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער מצב אַלס אַרבעטער.

אויך אויף דעם, האָט הרב קוק געגעבן אַן אומצווייפלהאַפטיקן ענטפער:

עס איז דאָ — שרייבט ער — א פּרינציפּ פון יושר און תיקון העולם — און אַרבעטער זענען באַרעכטיקט דערצו, זיך צו אָרגאַניזירן אין א פאַריין און אויסאַרבעטן כללים און אַרבעטס־באַדינגונגען לטובתם, פאַר זייער וואוילזיין. אַלס ראיה, ברענגט ער פון תלמוד, וואָס לערנט אונז: „רשאין בעלי אומנות להסיע על קיצתן" (פּאַבלייט, מעגן באַשטימען זייער צייט און לוין . . .) .

ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, זאָגט ער ווייטער, ברענגען, אָן שום ספק, שאָדן צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, האָבן די לעצטע במילא א רעכט דאָס אויסצו־בעסערן. אָבער, אויך דאָס, האַלט ער, דאַרף פריער פאָרגעבראַכט ווערן פאַר א בית־דין פון רבנים־עקספּערטן און דערפאַרענע אין אַרבעטער־פּראָבלעמען — אפשר, וועלן זיי קענען שליכטן אָט אַזעלכע קאָנפליקטן.

דער אמת איז, אַז געוויסע פאָרמען פון סטרייקן זענען תמיד אָנגעגאַנגען ביי יידן, אַזוי אין אַלטערטום און אַזוי אין דער פּרע־דענעסאַנס תקופה פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. א געוויסער סטרייק־מעטאָד פון אַרבעטער ווערט דערמאָנט אין צייט פון בית המקדש(3) און ענלעכע פאַלן, זענען ניט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג.

א פאַקט איז אויך, אַז יאָרן לאַנג איז ביי יידן גענוצט געוואָרן א פאָרם

פון סטרייקן, ווי עיכוב הקריאה, אָדער עיכוב התפלה. אויב אַרבעטער האָבן זיך געפילט באַעוולהט פון וועמען פון די „פּני" פון דער יידישער געזעלשאַפט, האָבן זיי אָפּגעשטעלט דאָס לייענען אָדער דאַווענען, ביז דער רב, אָדער די קהלה, האָט זיך אַריינגעמישט, אינטערווענירט און געשליכטעט דעם סכסוך. דער מנהג פון פאַרהאַלטן דאָס לייענען די תורה, איז געווען אָנגענומען ביים אשכנזישן יידנטום אין אַלע צייטן.

דאָס האָט — לויט דער מיינונג פון א. מענעס און אַנדערע[4] — א סך געהאָלפן אין דער אָרגאַניזירונג פון יידישע אַרבעטער. דאָס האָט געגעבן א גרויסן שטויס צו דער אָרגאַניזירונג פון „בית מדרש" חברים און חברות אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און געזעלשאַפטן אין דער אשכנזישער תקופה.

דער אָנהויב פון די האַנטווערקער און פּועלים פאַריינען האָט זיין שטאַרקן אָנלען געהאַט אין די דאָזיקע פאָרמען פון יידישע קאַמפּס-מעטאָדן. פאָרשער פון יענעם פּעריאָד, רעדנדיק וועגן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, זענען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער מיינונג, אַז עיכוב הקריאה אָדער שבועה אין קיטל ביים אָפענעם אָרון הקודש, איז געווען די בעסטע באַוואָרעניש קעגן דער מורא פון סטרייק-ברעכן[5].

פאַרוואָס איז דאָס געווען אַזאַ גוט מיטל?

ווייל אין תוך, איז דער בעל הבית, צי דער אַרבעטער, געווען דורכגעדרונגען פון דער טיף-יידישער מאָראַל, פון דער עטיק וואָס דערציילט, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז רבי יוחנן בן מתיא, האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין זון: „גיי, דינג פאַר מיר אַרבעטער. איז דער זון געגאַנגען, געפאָלגט דעם פאָטער'ס באַפעל, אָבער צוגעגעבן, אַז ער פאַרזיכערט זיי, מאָלצייטן.

ווען דער זון איז געקומען צום פאָטער און אים דערציילט, וועגן זיינע אַראַנזשירונגען, האָט ר' יוחנן אים געזאָגט:

„מיין זון! אפילו דו זאָלסט זיי מאַכן סעודות, ווי שלמה אין זיינע צייטן, וועסטו אַלץ ניט יוצא זיין, ווייל, זיי זענען קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. גיי שוין, האָט ער אים באַפוילן, איידער זיי פאַנגען אָן אַרבעטן און זאָג זיי קלאָר, דעם באַדינג, אַז זיי זענען מסכים צו ברויט און אַרבעס[6].

אין די דינים פון אַרבעט-באַציאונגען און באַדינגונגען, איז שטאַרק באַטאָנט, דער אָנזאָג פון „ועשית הישר והטוב", אַז מ'דאַרף האַנדלען תמיד לפנים משורת הדין, אין אַלע זיינע אינטערפּרעטאַציעס[7].

די תקנות פּועלים, רעכטן פון אַרבעטער בנוגע אַרבעטס-שטונדן, אַרבעטס באַדינגונגען, אַרבעט-לוין אדג"ל, זענען אַלץ לטובת דעם אַרבעטער און זייער ציל איז, אויסצומיידן קאָנפליקטן צווישן קאַפּיטאַליסט און פּראָלעטאַריאַט און קענען אָנהאַלטן א האַרמאָניש לעבן אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס

עקזיסטירן קלאסן[8], אין קעגנזאץ צו די מנהגים ביי אנדערע אלטע פעלקער. ביי יידן, איז דער ארבעט־געזעץ געווען לטובת העובדים[9].

די יידישע קאנצעפציע פון ארבעט, איז די מערסט־אוניווערסאלע און יושרדיקע, ווייל זי זוכט אויך ביים רייכערן, דעם מער פריווילעגירטן, צו פילן די נויטן פון דעם ווייניקער פריווילעגירטן און זען אז אויך ער זאל האבן די רעכט פון לעבן, „וחי עמך"[10].

די דינים פון פועלים, שכירות און עבודת חיים בכלל, איז באטראכט געווארן פאר די אקטועלע ענינים, אזוי ביי די חכמי התלמוד, און אזוי ביי רבנים און פוסקים ביז אונזער צייט — און וועגן דעם אליין, אפילו בלויז א ביבליאגראפישע שטודיע, וואלט געדארפט פארנעמען צענדליקע ווערק — און דאס איז אייגנטלעך נים די אויפגאבע פון דער איצטיקער שטודיע, וואס צילט בלויז אנצומערקן אויף דער פראגרעסיווקייט, ווי מיר רופן עס היינט, פון יידישן געזעץ אין שייכות מיט ארבעט און ארבעטער־פראבלעמען.

ווי ווייט, די חכמי התלמוד האבן געזארגט, פאר דעם פאלקס־מענטש און זיין עקזיסטענץ, קאן אויך דינען דער פאקט, וואס זיי האבן ניט דערלויבט האנדלען מיט אזעלכע שפייז־מאטעריאלן, וואס זענען אומבאדינגט נויטיק פאר דעם חיות פון מענטש.

די ברייתא [11] לערנט אונז:

„אין משתכרין בארץ ישראל בדברים שיש בהם חיי נפש, כגון יינות, שמנים וסלתות", דאס מיינט, אז אין ארץ ישראל זאל מען ניט מאכן א האנדל (אויף ארויפצושרויפן פרייזן דורך באהאלטן אדער אנדערע סארטן שפעקולאציע) מיט אזעלכע לעבנסמיטלען, ווי וויין, בוימל, זעמל־מעל — און דער טעם, ווי דער רמב"ם גיט אן[12], איז, כדי די פראדוקטן, וואס זענען נויטיק אויף צו דערהאלטן דעם חיות ביים מענטשן, זאלן זיין אויפן מארק פאר דעם מעגלעכסטן ביליקן פרייז, „למכירה בזול" . . .

עס זענען דא נאך ווערסיעס און מאטיוון פאר אט דעם פסק־הלכה, אויך קעגנגעזעצטע מיינונגען צווישן פוסקים, צי דער דין איז בלויז חל אין ארץ ישראל, אדער אין אלע לענדער און צי בלויז די אויסגערעכנטע מינים, צי אויך אנדערע שפייז־ארטיקלען[13].

אין סומירונג, ווערט געפסקענט[14], אז דער איסור איז בלויז חל אין ארץ ישראל, צוליב ישוב ארץ־ישראל, צוליב דער אויפגאבע, אנצוהאלטן אין הייליקן לאנד, פאר דעם ארץ ישראלדיקן בירגער, די ביליקע פרייזן פאר זיינע הצטרכות און לעבן אין לאנד; אויך, אז אינם כלל „חיי נפש", קומען אריין אלע שפייזן, געטראנקען וואס דערהאלטן דעם מענטשנס לעבן.

ס'ווענדט זיך — פארשטייט זיך — אין די באדינגונגען פון לאנד.

ס'איז אין פלאץ צו ברענגען, אז אין די תקנות קנדיאה[15] ווערט איבער־געגעבן א תקנה, אז יידישע ארבעטער זאלן ניט ארבעטן ערב שבת און ערב ימים טובים. דער מאטיוו איז געווען, דער ייד. בעל מלאכה זאל זיין אויסגערוט בעת ער גייט פארברענגען מיט זיין פרוי און פאמיליע און געניסן פון עונג שבת ויום טוב. מ'דערלויבט ארבעטן בלויז אין אזעלכע פאלן, ווי מיר וואלטן זאגן אין ענגליש, „פובליק יוטיליטיס", ציבורדיקע ארבעט.

ווען דער עולם האט ניט געקענט נאכקומען דעם דאזיקן שיינעם מנהג און מ'האט געארבעט פרייטיק ביז אין דער נאכט אריין, האבן די גייסטיקע מנהיגים אלארמירט דעם דעת הקהל און ס'זענען באשטימט געווארן אכט פירנדיקע פערזענ־לעכקייטן, צו זען אז לכל הפחות זאל דערביי ניט זיין קיין חילול שבת[16].

אין זיין „עבודת חיים", זוכט חיים ז"ק (זאק), ארויסצוברענגען דאס געזעץ אין באצוג צום ארבעטער, די דינים אין שייכות מיט זוכן ארבעט, געפינען ארבעט און אז דער באשעפטיקטער זאל באהאנדלט ווערן מענטשלעך, יושרדיק.

ג. די וויכטיקייט צו געפינען באשעפטיקונג פאר יידן. — מ'טאר ניט נארן דעם ארבעטער. — וועגן שכירות. — ווי אים צו באהאנדלען.

אויפ'ן סמך פון ראיות[1], פון תורה און נביאים, באגלייט מיט שטעלן אין תלמוד און פוסקים, קומט ער צום אויספיר, אז פון די אכט מעלות אין צדקה, שטייט דאס געביט פון ארבעט — יושר, העכער פון אלע מצוות.

דער רמב"ם[2] שרייבט:

„שמונה מעלות יש בצדקה, זו למעלה מזו... מעלה גדולה... זה המחזיק ביד ישראל... ממציא לו מלאכה כדי לחזק את ידו...". די גרעסטע זאך, הייסט עס, איז, קריגן באשעפטיקונג פאר א יידישן ארבעטער; דאס איז גרעסער און נוצלעכער פון צדקה — און נאך מער, מ'דארף באשעפטיקן יידישע ארבעטער, אפילו, ווען דאס קאסט מערער ,טייערער און מ'דארף אים באהאנדלען בסבר פנים יפות, מיט כבוד און דרך־ארץ און זען, ער זאל ניט ארבעטן איבער זיינע כוחות.

דער ארבעטער — פון זיין זייט — דארף אויך ניט אויסנארן דעם בעל הבית, דעם ארבעטסגעבער. ער דארף ארבעטן געטריי און לאיאל אויספירן זיינע פונקציעס. דעריבער זענען געשאפן ספעציעלע הלכות, ווי אזוי דער ארבעטער זאל זיך אויפפירן בעת תפלה, בעת זאגן „שמע" און ענלעכע יידיש־גייסטיקע פליכטן אין צייט פון דער ארבעט־רוטינע[3].

אלס מוסטער, ווי אזוי אן ארבעטער דארף זיך אויפפירן, ברענגען די חכמי התלמוד, יעקב אבינו. ביי אים ווערט געזאגט: „ויבא יעקב מן השדה בערב", טייטשן זיי, אז דאס מיינט צו זאגן, אז יעקב האט געארבעט אין דער נאכט

אריין אויף צופרידנצושטעלן דעם בעל הבית און דער בעל הבית איז דאך געווען — לבן הארמי. פונדעסטוועגן, אויב דער מנהג אויף דעם אָרט, איז, ניט צו אַרבעטן אין דער נאכט, קען דער בעל הבית ניט צווינגען דעם פּועל, אַפילו ווען ער האָט זיך מיט אים אויסגערעדט אויף דעם תנאי; דער אַרבעטער, דאַרף נאָכגיין דעם מנהג פון אַרבעטס־באַדינגונגען:

„תמן תנין, השוכר את הפועלים ופסק עמהם להשכים ולהעריב[7], מקום שנהגו, שלא להשכים ולהעריב אינו יכול לכופן, א"ר מונא, מקום שאין מנהג, תנאי ב"ד הגדול הוא שתהא הוצאה משל בעה"ב והכנסה משל פועל.

„הוצאה משל בעה"ב מנין, שנאמר תזרח השמש יאספון[4], מכאן ואילך יצא אָדם לפעלו; הכנסה משל פועל מנין ולעבודתו עדי ערב[5], עד ערב לא נאמר, אלא עדי ערב, לומר עד חשכה . . . .[6]. דער אויספיר איז, אז ביידע: אַרבעטער און בעל הבית דאַרפן איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס אין אויסאַרבעטן די אַרבעטס שעה'ן.

דער תלמוד, באַהאַנדלנדיק די פּראָבלעמען פון באַציאונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, שטעלט זיך אויפ'ן פּרינציפּ, אז אַ ייד דאַרף זיך ניט פאַרקויפן פאַר קיין קנעכט, דאַרף ניט זיין קיין עבד — און דעם פּועל, וועלכער איז דאָך אין תוך ניט קיין עבד, אָבער די אַרבעט־באַדינגונגען קענען אים מאכן פאַר אַן עבד, מוז מען פאַרהיטן פון וועלכער ניט איז געפאַר פון ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן עבד. דער דין איז: „לא תעבוד בו עבודת עבד[7] זאָלסט אים ניט מאַכן טראָגן דיר דיינע כלים צום מרחץ[8] און זאָלסט זען, אַז ער זאָל שלאָפן בהרחבה[9], ווען דו האָסט ניט מער ווי איין קישן, זאָלסטו עס געבן צום אַרבעטער, צום באַדינער.

„קום און זע, ווי געלויבט די פּרשה איז, וויפל מאָל, דער הייליקער, געבענטשט איז ער, האָט געוואָרנט די יידן קעגן קנעכטשאַפט . . . איך האָב אייך געקויפט דורך די צען מכות, וואָס איך האָב באַוויזן אין מצרים . . . איר זייט באַפוילן ניט צו אַרבעטן מיט אַ ברודער, מער ווי זעקס יאָר, ווייל איך האָב די וועלט באַשאַפן בלויז פאַר זעקס טעג . . ."

דער מדרש[11] ווי מיר זען, פאַרבינדט דעם וועלט־באַשאַף, מיט דער פאַרבאָט פון קנעכטשאַפט. יציאת מצרים איז פאָרגעקומען, בלויז צוליב דעם, וואָס דער רבונו של עולם, האָט געוואָלט באַפרייען דעם עם ישראל און זיי אָנזאָגן: „כי לי בני ישראל עבדים"[12], צו מיר זייט איר קנעכט אָבער ניט קנעכט צו קנעכט[13], דעריבער און אויפ'ן דאָזיקן סמך, ווערט געפּסקענט, אז דער אַרבעטער האָט די רעכט איבער זיינע געפינענע זאכן, אז ער האָט די רעכט חרטה צו האָבן אינמיטן זיין אַרבעט, „אַפילו בחצי יום[14] ווייל, ער איז בלויז אַן אָנגעשטעלטער און ניט קיין שקלאַף, אָדער קנעכט[15].

דער דין איז, אַז אום שמיטה ווערן פאַרפאַלן אַלע חובות, אָבער ניט חובות צו אַרבעטער.

דער דין פון „הענקה", איז געצילט ניט צו דערלאָזן אַ שקלאַפן־סיסטעם, ווי די תורה לערנט אונז: „כי ימכר לך אחיך העברי או העבריה, ועבדך שש שנים ובשנה השביעית תשלחנו חפשי מעמך . . . הענק תעניק לו . . . [16]) און אַז מען דאַרף העלפן דעם אַרבעטער־קנעכט צוריקצוקריגן זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיין פרייהייט. דער מענטש, באַשאַפן בצלם אלקים, דאַרף בלויז האָבן אַן עבדות צום באַשעפער אָבער בשום אופן ניט צו אַ מענטש, אַ בשר ודם, דעריבער איז דער דין, אַז אפילו דעם כנעני־קנעכט, מוז מען באַהאַנדלען מענטשלעך, „כי לעבדות מסרם הכתוב ולא לבושה"[17]).

דעם יידישן קנעכט — ווערט געזאָגט אין תורת כהנים — טאָר מען ניט פאַרקויפן אָדער קויפן בפהרסיא, עפנטלעך, אויפן מאַרק, נאָר באַהאַלטן, ס'זאָל קיינער ניט זען — און דער קויפער מוז אים באַהאַנדלען אויפן אנשטענדיקסטן אופן.

אויב, אינמיטן די זעקס יאָר, ער איז קראַנק געוואָרן, אויב די אַלע צייטן פון זיין קראַנקהייט, פאַרנעמען נישט קיין פיר יאָר צוזאַמען, ווערן אויך די יאָרן, וואָס ער האָט נישט געאַרבעט צוגערעכנט צו דער צאָל פון זעקס יאָר, ווי אַרבעטס־יאָרן.

דער מענטש, ווי אַן עבד ד', האָט העכערע אויפגאַבן, העכערע השגות און טאָר זיך ניט לאָזן פאַרשקלאַפן צוליב גשמיותדיקע דערגרייכונגען און טאָר קיינעם ניט פאַרשקלאַפן צוליב זיינע נוצן, כאָטש די חז"ל ראַטן דעם מענטשן וואָס האָט אָנגעשטעלטע, ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיי און ניט לאָזן הפקר זיין פאַרמעג.

רבי יוחנן[18]) האָט געראַטן, אַז בלויז דער יעניקער וועמען דער פאָטער האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה און וויל עס פאַרלירן, פטור ווערן, זאָל טאָן דאָס פאָלגנדיקע: זיך קליידן אין לינען־קליידער (דאַן געוועזן זייער טייער); זיך באַנוצן מיט גלאָזוואַרג און דינגען אַרבעטער און ניט זיצן מיט זיי (מי שהניח לו אביו מעות הרבה ורוצה לאבדן ילבש בגדי פשתן, ישתמש בכלי זכוכית וישכור פועלים ואל ישב עמהם . . . בכתנא רומיתא . . . בזוגיתא חיורתא).

דערצו איז מלאָכה שטאַרק געליבט געוואָרן.

שמעיה זאָגט: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות[19]), האָב ליב די אַרבעט און האָב פיינט הערשאַפט און באַהערשונג[20]).

די חכמים האָבן שטאַרק אויפגעהויבן די חשיבות פון אַרבעט און געוואָלט באַטאָנען, אַז אַ מענטש זאָל טאָן זיין אַרבעט, ניט מחמת הכרח, נאָר ברצון טוב, מיט ליבשאַפט — און די דאָזיקע באַציאונג זאָלן האָבן סיי די אַרבעטסגעמער און סיי די אַרבעטסגעבער[21]). דאָס איז אַ קאָנטראַסט צו די גריכן און די רוימער, וועלכע האָבן באַטראַכט אַרבעט אַלס אומווירדיק פאַר אַ פרייערן מענטשן.

ביי יידן, איז לייזיקגייערייו, באטראכט געווארן אלס די מוטער פון זינד און מקור פון אויסגעלאסנקייט[22]) און ניט אומזיסט ווערט אויסגעדריקט אין תלמוד: „נטוש נבילתא בשוקא ושקול אגרא ולא תימא גברא רבא (אן אנדער נוסח: כהנא רבא) אנא וזילא בי מלתא”[23]. זיי לערנען דעם מענטש: „שינד א נבילה אין גאס (אפילו דארט, וואו יעדער זעט דיך) און נעם באצאל — און זאג ניט, כ'בין א גרויסער מענטש און ס'פאסט מיר ניט . . .

דעם ארבעטער'ס געהאלט טאר מען ניט אויפהאלטן, אפילו איין נאכט, אויב ער איז א טאג־געדונגענער, „לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר[24]) און „לא תעשוק שכיר עני ואביון . . . ביומו תתן שכרו”[25]). מ'טאר ניט אויפהאלטן די שכירות פונם ארבעטער און ווען ער ווערט פאראָרימט און ער פארקויפט זיך צו דיר, זאלסטו מיט אים ניט ארבעטן צו שווער, ווי א קנעכט, נאר באהאנדלען ווי אן אנגעשטעלטן וועלכער דארף געניסן פון אלץ[26].

בלויז פאסטוכער זענען באטראכט געווארן פאר א נידעריקער קלאס, פאר שקרנים און פסול לעדות, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין תלמוד[27]), ווענן א פאסטוך וואס מ'האט אים תמיד איבערגעגעבן בהמות, אפגעציילט אין דער קעגנווארט פון עדות. איין טאג, האט מען אים געגעבן צו פאשן בהמות אן עדות, האט ער שפעטער אפגעלייקנט און עדות זענען געקומען און געזאגט, אז זיי האבן אים געזען אויפעסן צוויי פון זיי . . . דער אויספיר איז, אז „סתם רועה פסול לעדות” (די מיינונג פון רב יהודה, אז א פאסטוך איז א שקרן, אז זיין עדות־זאגן, האט ניט קיין ווערט), זיי זענען אין דער נאטור ליגנער און פון א נידעריקן כאראקטער.

הערות

א.

1. אבות דרבי נתן, ל"א.
2. בראשית רבה, כ', ע"ד; תנחומא, סוף ויצא; בראשית רבה, ע"ד, י'.
3. אדר"נ י"א; קהלת רבה, ט'; אבות, פרק ב', משנה ב'
4. אסתר רבה, ז'; אבות דרבי נתן, י"א; קהלת רבה, ו'; סנהדרין כ"ט.
5. בראשית רבה, י"א, י"א.
6. רב איז געווען אן אפשטאמיקער פון דער דוד־דינאסטיע (תענית ד' ע"ב; בראשית רבה צ"ח, י"ח). ער האט צוויי מאל פארלאזט בבל און זיך באזעצט אין ארץ ישראל, וואו עס האט זיך פריער געהאט באזעצט זיין פעטער ר' חייא מיט זיין פאמיליע, א דאנק וועמען די תורה איז צוריק באנייט געווארן (זע, סוכה ב', ע"א). ער, צוזאמען מיט ר' חייא האבן באריזט א סך לענדער און זיך באקענט מיט דעם מצב פון יידן אין די פארשיידענע ערטער און אויך מיט דעם לעבן און קולטור פון די ארומיקע פעלקער. זיי האבן זיך געשאפן פריינט צווישן די גויים (זע, ירושלמי, כתובות פרק ט', הלכה ט'; בבלי כתובות ק"ג, ע"ב „אנא עבדי דלא משתכחה תורה מישראל” . . . קדושין ע"א, ע"ב;עבודה זרה י"א ע"ב; מדרש מגילת אסתר פרשה ב' און אנד. מקומות).
7. כתובות ס"ב, ע"א.
8. דארט, נ' ע"א און בבא בתרא כ"א, ע"א. גרשם באדער, אין זיין ווערק „די גייסטיקע ריזן”, איז מיט דער מיינונג, אז רב האט דעריבער געבראכט שמואל בר שילת, אלס מוסטער, צו ווייזן, אז אפילו א מאן וואס לעבט פון מלמדות, לעבט זיך גוט און קען רואיק שלאפן, אן זארג, ווייל ער לעבט פון ארבעט . . .

9. נגד אפיון (אנטי־אפיאן) א׳, י״ב. זע פריער, קאפ. 7, סוב־קאפיטל א׳.
10. „בימי בית שני״, עינות, ברלין, התרפ״ג, ז׳ נ׳.
11. פלאוויוס, ענגלישע אויסגאבע, ג׳, ג׳, ב׳.
12. בבלי, גיטין, ס״ה, ע״ב; שבת ס׳ ע״ב; ירושלמי, שבת, פרק ב׳.
13. ירושלמי, יומא ס״ה, ה״ג. זע פריער, קאפ. 3, סוב־קאפ. א.
13א. זע: משנה, שבת פרק ט״ו; בראשית רבה, ס״ד דברים, רבה, ב׳; משנה, עירובין, פרק ד׳; מ״ג ע״א; יבמות, קכ״א, ע״א; גטין נ״ז, ע״ב; ירושלמי, סנהדרין ז׳, ג׳; מכות, כ״ד, ע״א; ב״מ, נ״ט, ע״ב; בבא בתרא, ע״ד, ע״ב א.א.
13ב. יומא, ל״ח, ע״ב. וועגן בוניים בן בוניים, ווערט דאס זעלביקע איבערגעגעבן (עירובין, פ״ו, ע״א).
14. זע: יבמות ס״ג; סנהדרין כ״ח; ב״מ, כ״ט.
15. זע, יצחק בהרב ר׳ שמעון סובאלק, חיי היהודי על־פי התלמוד, ווארשא, תרנ״ה, ז״ז 49־52.
16. פסחים, ח׳; ב״מ פ״ג־פ״ז.
17. זע, איכה רבה א׳; ב״מ, קי״ב, א״א מקומות.
17א. ויקרא, י״ט, י״ג.
17ב. דברים, כ״ד, י״ד־ט״ו. אין א ווייטערן קאפיטל — אויספירלעך.
18. פסיקתא רבתי, ט״ו; מכילתא, משפטים.
19. רמב״ם, הלכות עבדים, א׳, ז׳.
20. זע, בראשית רבה, כ״ה, ה׳; אבות ב׳, י׳.
21. שמואל בר־אדון, דיני עבודה, באזירט אויף א צאל פארטראגן, וואס ער האט געהאלטן פאר אדוואקאטן, שטיצנדיק זיך תמיד אויף דעם תלמודישן כלל אין הלכות פועלים, „ינהג עמהם כמנהג המדינה״ (חו״מ, סמ״ע, סימן של״א). זיין ארבעט איז ארויסגעגעבן געווארן באשור הרבנות הראשית לא״י, שלהי שנת תש״ב.
22. דארט, ז״ז 3־16; פארגל. חיים ז״ק, עבודת חיים, סימן ל״ד, ז״ז קי״ג־קכ״ד.
23. דארט, כלל ז׳, ז״ז 16־18.
24. ב״מ קי״א־קי״ב; ספרי, תצא; חו״מ, סימן של״ט.
25. סוכה, כ״ט.
26. מדרש הגדול, פרק י״ב; נדרים מ״ט.
27. אבות, פרק ו׳; אדר״נ, ב׳, כ״א.
28. תהלים, קכ״ד, ב׳; יבמות ס״ג, ע״א; אדר״נ, דארט; זע אויך ש. גשורי, הסוציולוגיה בישראל, תרצ״ז, ז״ז 79־84.
29. קהלת ח׳, י״א.
30. ירושלמי, פאה, פרק א׳.
31. נדרים, מ״ט; גיטין, ס״ז; קדושין פ״א.
32. סנהדרין כ״ט.

ב.

1. הרב אברהם יצחק הכהן קוק (ט״ו אלול, תרכ״ה — ג׳ אלול, תרצ״ה).
2. זען, ש. ז. שרגאי, „נתיבה״, א׳ ניסן, תרצ״ג, שנה 8׳, חוב׳ ז׳, ח׳, ט׳, קט״ו־י״ז; ש. בר־אדון, דיני עבודה, ז״ז 30־32; אברהם זקהיים, התורה והמלאכה, ירושלים, תרפ״ה.
3. זע, מרדכי וו. בערנשטיין, „דאס איז געווען נוסח אשכנז״, בוענאס־איירעס, תשכ״א־1960, ז״ז 304־314.
4. זע, ש. בלום, „דער יידישער ארבעטער״ . . . היסטאירשע שריפטן פון ייוו״א, באנד דריי, ווילנע־פאריז, 1939; א. מענעס, דארט, ז״ז 1־60; „יידישער קעמפער״, פסח נומער, תש״ג, ז״ז 21־24; ייד. ענציקלאפעדיע, ספעציעלער באנד „יידן״ און בערנשטיין, נוסח אשכנז . . . אויספירלעך.
5. משנה, ב״מ, פרק ז׳.
6. זע, משנה בבא מציעא, פרק ז׳ און מפרשים.
7. וועגן דעם אין א ווייטערן קאפיטל.
8. זע, חיים ז״ק, עבודת חיים, סימן ל״ד.
9. זע, דר. ש. ב. פעלדמאן, חוק העבודה הקדום בעולם, ירושלים, תש״ח.
10. באריכות אין די ארבעטן פון דר. שמעון פעדערבוש, באזונדערס אין
The Jewish Concept of Labor, publishd by Torah Culture Dept. of the Jewish Agency and Hapoel Hamizrachi of America, 1956.
11. בבא בתרא, צ״א, ע״א. זע, רשב״ם, דארט.
12. רמב״ם, פרק י״ד, הלכות מכירה, הלכה ד׳. סמ״ע, חו״מ, רל״א, כ״ג.
13. זע, הרב א. בר שאול, מצפה, אדר תשי״ג, ז״ז קס״א־קע״א.
14. דארט, אויספירלעך.

15. תקנות קנדיאה וזכרונותיה", כרך א', א. ש. הרטום ומ' ד' א' קאסוטו, הוצ' „מקיצי נרדמים" בסיוע „מוסד הרב קוק", ירושלים, תש"כ, ז"ז 5, 9; הרב ג. פעלדער, יסודי ישורון, חלק א' סימן נ"ג, וועגן די תקנות קאנדיאה.
16. דארט, ז"ז 67-68.

ג.

1. פרק א', סימן א', ז"ז 1-6.
2. פרק י', הלכות מתנות עניים, הלכה ז'.
3. זע, ברכות ט"ז, ע"א; עבודת חיים — באריכות.
4. תהלים ק"ד, כ"ב.
5. דארט, כ"ג.
6. בראשית רבה, פ' ע"ב, ג'. זע, אנציקלופדיה תלמודית, בעריכת הרב י. זעווין וועגן די ענינים.
7. ויקרא כ"ה.
8. תו"כ, דארט.
9. זע, תוס' קדושין כ' אין נאמען פון ירושלמי.
10. שמות רבה, משפטים, ל', ה'.
11. זע אויך, ויקרא רבה, כ"ד, ס"ה — באריכות.
12. ויקרא כ"ה, מ"ב, נ"ח.
13. זע רש"י, משפטים אין אנהויב.
14. ב"מ, י', ע"א, רש"י און מפרשים, דארט.
15. זע, תוס', דארט, אנהייב-וואָרט, „כי", וועגן געוויסע אויסנאמען, ווען א יידן איז דערלויבט זיך פארדינגען און ווען ער קען ניט חרטה האבן אינמיטן טאג, אינמיטן ארבעט: „נ"ל דמ"מ מותר אדם להשכיר עצמו, דדווקא עבד עברי שאינו יכול להזור בו ואינו יוצא קודם זמנו אלא בשטר שחרור עובר משום עבדי הם . . . א פשוט'ער ארבעטער, אויף טעג אדער ביי דער וואך, איז ניט עובר אויף דעם אנזאג פון „עבדי הם — ולא עבדים לעבדים . . . "
16. דברים ט"ו, י"ג.
17. זע: ב"מ, י' ע"א; י"ב, ע"א-ע"ב; קי"ח, ע"ב; רמב"ם, שכירות ט', י"א; טור שלחן ערוך, חו"מ סימן ר"ע; שו"ע או"ח קצ"א, ק"י, הרב יהושע שפעטמאן, קונטרס תשרי, תשי"ט וועגן יגיעי כפים ביי יידן.
18. רבי יוחנן, בבא מציעא, כ"ט, ע"ב.
19. אבות א', י'.
20. רבנות, מיינט דא שררהשאפט, זע: נ. קראוויץ, פרקי אבות, דארט.
21. לויט דעם תשב"צעס אינטערפרעטאציע.
22. כתובות נ"ט, ע"ב.
23. בבא בתרא ק"י, ע"א.
24. ויקרא י"ט, י"ג.
25. דברים כ"ד, י"ד-ט"ו.
26. דארט, ל"ט, מ"ד.
27. ב"מ, ה', ע"א-ע"ב: ההוא רעיא דהוי מסרו לי' כל יומי חיותא בסהדי, יומא חד מסרו לי' בלא סהדי, לסוף אמר להו לא היו דברים מעולם, אתו סהדי אסהידו בי' דאכל תרתי מיניהו . . .

קאפיטל עלף

עבודה און מסחר

בײ עקאָנאָמיסטן איז געװײנלעך אָנגענומען, באַזונדערס בײם אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט הענרי דזשאָרדזש (1839-1897), דער מחבר פון „פּראָגרעס און אָרעמקײט"[1], אַז רײכטום קומט אַלס רעזולטאַט פון נאַטירלעכע קעגנשטאַנדן,

א. קאַפּיטאַל און ארבעט. — לויב פאר ארבעט. — תורה'דיקע אויפפאסונג.

דורך מענטשלעכער אָנשטרענגונג און װײזהײט װאָס װײסט װי אויסצונוצן די פּראָדוקציע, װאָס איז דער פּראָצעס פון שאַפן רײכטימער. די עלעמענטן פון פּראָדוקציע זענען: לאַנד, ארבעט און קאַפּיטאַל.

לאַנד איז דער ערשטער **פּאַסיװער** עלעמענט, אין דער פּראָדוקציע, די נאַטירלעכע אוצרות און פּאַטענצן.

ארבעט, דער צװײטער עלעמענט, איז דער אַקטיװער מענטשלעכער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע. בײדע זאַכן: לאַנד און ארבעט, ברענגען ארויס רײכטימער.

קאַפּיטאַל, דער דריטער און לעצטער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע העלפט דער פאָרגרעסערונג, פאַרשנעלערונג און פאַרבעסערונג פון דער פּראָדוקציע, אָבער בשום אופן ניט דער הויפּט־פאַקטאָר. דער קאַפּיטאַל האָט אָבער באַװיזן צו באַהערשן די ערשטע צװײ פאַקטאָרן, צו קאָנטראָלירן די פיזישע קראַפט פונם ארבעטער און במילא צו װערן דער װירקזאַמסטער כח. דער בײשטײערער פונם קאַפּיטאַל, דאָמינירט און באַהערשט די ערשטע צװײ הויפּט־פאַקטאָרן, די בײשטײערער פון לאַנד און ארבעט.

לויט דעם תורה שטאַנדפּונקט, איז ארבעט דער ראש וראשון פאַקטאָר. לאַנד־אוצרות געהערן דאָך צום אַלגעמײנעם אײגנטום פון כלל. ארץ ישראל מיט אַלע אירע נאַטור־אוצרות איז אײנגעטײלט געװאָרן צװישן דער באַפעלקערונג. ארץ ישראל באַדאַרף ניט פאַרקויפט װערן, װײל: „כי לי כל הארץ!" עס איז גאָט'ס לאַנד, און אויב ער האָט עס געגעבן דעם מענטשן־מין: „והארץ נתן לבני אדם . . ." איז עס פרײ געגעבן געװאָרן דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

מיט ארבעט און שװײס פון יחיד איז שױן גאָר אַנדערש. אויב דער קאַפּיטאַליסט, דער אומבאַדײטנדיקסטער אײגנטימער פונם ריװח אין דער פּראָדוקציע, לײגט ארײן געלט, גיט דער ארבעטער זײן נשמה, „ואליו הוא נושא את נפשו", און נשמה־שותפות איז אַ ביסל חשוב'ער, װערטפולער װי געלט־שותפות.

די תורה, וואָס אַן אמת, נעמט ניט אַוועק דאָס רעכט פון פּריוואַט אייגנטום און דערלויבט דעם, וואָס האָט אינוועסטירט זיין קאַפּיטאַל, צו פּראָפיטירן פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן. דער אַרבעטער אָבער, אַלס פּראָדוצירער, איז באַרעכטיקט צו די פּראָדוקטן, וועלכע קומען אַ דאַנק זיין אַרבעט־קראַפט. שאַפט טאָקע די תורה און תורה נאָכפאָלגער די יושר׳דיקע אָרדנונג פון אַלגעמיינער גלייכקייט און וואוילזיין — אַן אָרדענונג וואָס זאָל צופרידנשטעלן סיי דעם פּראָלעטאַריער און סיי דעם קאַפּיטאַליסט. סוף כל סוף זיינען דאָך אַלע מענטשן־קינדער אָפּשטאַמיקע פון אדם הראשון און אַלע זענען זיי איין משפּחה. יידישע אַרבעטער זענען ווי שלמה המלכ׳ס קינדער[2].

דער דין איז אויך פעסטגעשעלט געוואָרן, אַז „יד פועל על העליונה״, אַז דער אַרבעטער האָט שטענדיק רעכט. דער אַרבעטער האָט אַ סך פרייהייט, לויט׳ן תלמוד. רב, דער באַרימטער תנא־אמורא, האָט זיך שטאַרק געשטעלט אויף דער זייט פון אַרבעטער. ער האָט געזידלט, געטאַדעלט און כמעט געשאָלטן די רייכע אַרבעטס־געבער פון בבל, וועלכע פירן זיך ניט אויף עטיש מיט זייערע אַרבעטער, און האָט שטאַרק געלויבט אַרבעט, באַהויפּטנדיק, אַז ס׳איז גלייכער צו שינדן נבלות אין מאַרק און זיך פאַרדינען אויף חיונה, איידער אָנקומען צו מענטשן[3]. ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ זיך אַריינצולאָזן אין ציטאַטן, וואָס גרייכן אין די הונדערטער, וועגן דער חשיבות פון אַרבעט און אַרבעטער. מיר׳ן ברייינגען איייניקע מוסטערן, וועגן דער אַזוי גערופענער סאָציאַלער מאָראַל און פריער פאַר אַלץ, שבח פון פּראָדוצירער:

ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך . . . (זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן . . .[4]

ששת ימים תעשה מלאכה . . . (זעקס טעג זאָל ווערן געטאָן אַרבעט . . .)[5]

אין תהלים, ווי אין משלי, ווערט שטאַרק געלויבט דער מענטש וואָס לעבט פון אייגענער האָרעוואַניע. דער באַגינען פון יידישן פאָלק פאַנגט זיך אָן מיט אַרבעט. יעקב אָבינו האָט צוואַנציק יאָר געהאָרעוועט ביי לבנ׳ען און אַ דאַנק זיין אַרבעטסזאַמקייט האָט דער לעצטער אים ניט געקענט טאָן קיין שלעכטס. אויפ׳ן פּסוק „את עניי ואת יגיע כפי ראה אלהים ויוכח אמש[6]. באַמערקן די חז״ל, אַז ער האָט אים געוואָרנט, ער זאָל אים ניט טאָן קיין שלעכטס צוליב׳ן זכות פון זיין יגיע כפּימ׳דיקייט. פון דעם לערנט מען: אַז אַ מענטש זאָל ניט זאָגן: איך וועל עסן, טרינקען און זען לויטער גוטס און וועל דאָס קריגן אָן וועלכער עס איז באַמיאונג, ווייל פון הימל וועט מען זיך אויף מיר דערבאַרעמען . . . דערפאַר זאָגט דער פּסוק: „מעשה ידיו ברכת ד׳״ — דער מענטש דאַרף זיך באַמיען טאָן אַרבעט מיטביידע הענט, כדי דער הייליקער — געבענטשט איז ער — זאָל שיקן זיין ברכה״.

ר׳ ירמיה פירט אויס: זכות פון אַרבעט איז גרעסער און שטאַרקער פון זכות אָבות, ווייל דער זכות אָבות האָט בלויז געראַטעוועט געלט און מלאָכה — נפשות,

מענטשן . . . „לולי אלקי אָבי . . . כי עתה ריקם שלחתני און מלאָכה האָט געראַטעוועט לעבנס: — את עניי ואת יגיע כפי ראָה אלקים ויוכח אמש"[7]. טאָמער זאָגן די חז"ל, אַז אַ מענטש וועט זיך גרוים האַלטן מיט זיין יחוס און ניט וועלן טאָן קיין אַרבעט . . . זאָגט מען אים: שוטה! דיין באַשעפער האָט נאָך פאַר דיר געטאָן אַרבעט. „שמא יאמר אָדם: בן אבות העולם אני, ממשפחה גדולה, איני ראוי לעשות מלאָכה ולהתבזות אומרים לו, שוטה! כבר קדמך יוצרך, שעשה מלאָכה קודם שבאת לעולם, שנאמר: מכל מלאכתו אשר עשה"! ביי רשעים איז אַרבעט אַ שטראָף, אָבער ביי צדיקים — אַ ברכה[8].

יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך, ווען דו וועסט געניסן פון דיין אייגענער פּראַצע וועט דיר גוט זיין, וועסט זיין גליקלעך[9]. הכן בחוץ מלאכתך — פאַרבאַרייט פאַר דיר אויפן באַזים פון אַרבעט[10]. און אין תלמוד[11] ווערט געזאָגט, אַז די הענט זענען באַשאַפן געוואָרן צו טאָן אַרבעט. דער מענטש טאָר ניט זיין קיין פּאַראַזיט, ער טאָר ניט זיין קיין „אוכל ואינו עושה" — קיין אומזיסטער עסער.

די משנה אין אָבות[12] דערציילט אונז, שמעיה זאָגט: האָב ליב אַרבעט. די ערלעכסטע פּרנסה, האָבן די תנאים געהאַלטן, קומט דורך אַרבעט. אַנדערע פּרנסות קענען גיכער ברענגען צו עבירות. ליידיק גיין איז דאָך אוודאי ניט גוט, ווייל דאָס איז די מוטער פון אַלע זינד.

אַפילו דעם לערנער, האָבן די רבנים געראָטן זיך אויסלערנען אַ מלאָכה, ווי רבן גמליאל, דער זון פון רבי יהודה הנשיא, האָט געזאָגט: גוט איז תורה לערנען ביי וועלטלעכער באַשעפטיקונג ווייל אָנשטרענגונגען זיך מיט ביידע, מאַכט פאַרגעסן אין זינד און יענער לערע וואָס איז ניט פאַרייניקט מיט קיין פאַך, הערט ענדלעך אויף און פאַראורזאַכט זינד[13].

פּונקט ווי עס איז דאָ אַ מצוה פון „ולמדתם את בניכם" צו לערנען דעם זון תורה, אַזוי איז אַ פליכט אים צו לערנען אַ פאַך[14]. אויף דעם פּסוק „ובחרת בחיים" ווערט געזאָגט אין ירושלמי[15]: „זו אומנות"! דאָס איז געמיינט אַ פאַך. אַ שאַרפער אויסדרוק: דער וואָס וויל האָבן לעבנס־עקזיסטענץ, זאָל זיך אויסלעבן אויף אַ פאַך, אויף אַ מלאָכה. דער „יגיע כפים" ווערט געשטעלט זייער הויך, גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים. דער וואָס לעבט אויף אייגענער האָרעוואַניע, שטייט העכער פון אַ ירא שמים, גאָט'ס פאַרכטיקער[16].

עס זענען אָבער פאַראַן אַנדערע מיינונגען, בעיקר וועגן אויסוואַל פון אַ מלאָכה. רבי מאיר זאָגט[17]: „לעולם ילמד אָדם לבנו אומנות נקיה וקלה . . . און ר' נהוראי[18] דריקט זיך אויס: מניח אני כל אומנות שבעולם . . . איך לאָז אוועק אַלע סאָרטן אומנות אין דער וועלט און וועל לערנען מיין זון נאָר תורה, ווייל אַלע מלאָכות קאָן מען נאָר טאָן ווען מען איז יונג, מיט כוחות, אָבער צו דער עלטער קען מען ניט אַרבעטן און מען הונגערט . . . אָבער תורה קען מען לערנען סיי אין דער יוגנט, סיי אויף דער עלטער . . .

מילאָ, וואָס שייך ר׳ מאיר־ר׳ נהוראי׳ס מיינונג וועגן תורה לערנען, העברעאיש קענען[19] וכפר אדמתו עמו: כל הדר בא״י וקורא קריאת שמע שחרית וערבית ומדבר בלשון הקודש הרי הוא בן עולם הבא . . . איז קיינער ניט חולק אויף אים. דאָ בלייבט תורתו של רבי מאיר[20]. אָבער וואָס שייך גרינגשעצונג פון ארבעט, ווי אייניקע מיינען, קען מען נוצן די גמרא׳ס דעפיניציע[21]: „גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שאין בדורו של ר׳ מאיר כמותו ומפני מה לא קבעו הלכה כמותו, שלא יכלו חבריו לעמוד על סוף דעתו . . . ״

אָבער אויך ר׳ מאיר האַלט, אַז עס איז וויכטיק צו טאָן אַ מלאָכה, וואָס פאַרהיט דעם מענטש פון גנבה און פון צרות.

אויף דעם פסוק ויכל אלקים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה[22] ווערט געזאָגט אין אבות דרבי נתן: „חייב אדם להיות אוהב את המלאכה ועוסק במלאכה!״ ר׳ אליעזר זאָגט: „גרוים איז די מלאכה, ווייל פונקט ווי די יידן זענען געוואָרן באַפוילן צו היטן שבת, אַזוי זענען זיי געוואָרן באַפוילן צו טאָן אַרבעט. ווי דער פסוק זאָגט: „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך״[23]. רבי מאיר זאָגט: גרוים איז די מלאכה, ווייל ווער עס טוט ניט קיין מלאָכה אינדערוואָכן, איז זיין סוף, אַז ער טוט די מלאָכה אום שבת, ווען מען אַרעסטירט אים פאַר גנבה[24].

ר׳ יהושע זאָגט: אויב אַ מענטש לערנט אַפילו צוויי הלכות אינדערפרי און צוויי אין אָוונט און איז אַ גאַנצן טאָג עוסק אין מלאָכה, ווערט עס אים פאַררעכנט ווי ער וואָלט מקיים געווען כל התורה כולה . . .

אַרבעט, ווי געזאָגט, שטייט העכער ווי זכות אָבות — דער זכות אָבות, ווי מיר האָבן דערמאָנט, איז אונזער פאָטער יעקב׳ן בייגעשטאַנען בלויז צו ראַטעווען זיין פאַרמעגן פון לבנ׳ען, אָבער זיין אַרבעט איז אים בייגעשטאַנען צו ראַטעווען די נפשות פון לבנ׳ס הענט.

וואויל איז דעם מענטשן וואָס טראָגט אויף זיך אַן עול פון זיין יוגנט אָן, און עס זענען פאַראַן דריי סאָרטן יאָכן: עול תורה, עול מלאָכה און עול משפחה . . .

כדי צו ווייזן די חשיבות פון אַרבעט, האָט ר׳ יהודה גענומען אַ קרוג אויף זיינע אַקסלען צום זיצן און געזאָגט: גרוים איז מלאכה וואָס באַערט אירע באַזיצער[25]. זיבן יאָר איז אַ הונגער געווען און דער הונגער איז ניט איבערגעטראָטן די שוועל פונם פאַכמאַן[26].

אַזוי ווי די תורה איז געגעבן געוואָרן אין „ברית״, אַזוי אויך די ווערט פון אַרבעט. דער וואָס וויל ניט אַרבעטן ברענגט אויף זיך דעם טויט . . . דער מענטש האָט ניט קיין רעכט צו געניסן פון דער וועלט, אויב ער אַליין שאַפט גאָרנישט. אַפילו אָדם הראשון האָט ניט טועם געווען פון קיין זאַך ביז ער האָט ניט געאַרבעט אין גן עדן . . . ר׳ טרפון זאָגט: דער הייליקער, געבענטשט איז ער,

האָט ניט געמאַכט רוען די שכינה אויף די יידן ביז זיי האָבן געטאָן אַרבעט.[27]
ר׳ יהודה זאָגט: דער וואָס לערנט ניט זיין זון קיין אומנות, איז ווי ער וואָלט אים געלערנט גזלנות . . . .[28]

מלאָכה, ווערט געזאָגט אין אַ מדרש, איז וויכטיק ווייל אַלע נביאים האָבן זיך פאַרנומען מיט׳ן ליוב און ווערט פון אַרבעט.[29] זי איז מכבד אירע מענער[30] און די שכינה האָט ניט גערוט אויף די יידן ביז זיי האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט קיין מלאָכה.

דער אויסדרוק אין דער תורה איז: גאָט וועט דיך בענטשן אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן. דאָס מיינט, אַז נאָר ווען אַ מענטש טוט אַרבעט קומט אים די ברכה פון גאָט. „ווען איר וועט קומען אין ארץ ישראל, זאָלט איר פלאַנצן״, זאָגט די תורה. אפילו ווען איר געפינט דאָרט פון כל טוב, זאָלט איר פלאַנצן פאַר אייערע קינדער.

די דאָזיקע אַלע ציטאַטן ווייזן ווי די תורה און אַלע די וועלכע האָבן געשאַפן אין גייסט פון דער תורה, האָבן אויפגעהויבן גאָר הויך די ווערט פון אַרבעט און אַרבעטער. דער נביא מיט זיין „כה אָמר ד׳״ האָט ניט בלויז געשטראָפט יידן צוליב זייערע זינד צום באַשעפער, נאָר מער ניט געקענט פאַרטראָגן די ביוראָקראַטן, וועלכע „לעבן זיך פריי אין ציון און אין זיכערקייט אויפן באַרג שומרון״, און טרעטן אויף דער גערעכטיקייט, עקספּלואַטירן און אונטערדריקן דעם אָרימאַן: „השואפים על עפר ארץ בראש דלים . . .[31] צוליב די וואָס טראַמפּלען אויף די קעפּ פון די אָרימע — זענען זיי געווען איבערציינגט — וועט קומען דער חורבן.

מיט שילדערן בילדער און סימבאָלן האָבן די נביאים, תנאים און אמוראים געזוכט אַריינצודרינגען אין די טיפסטע טיפעניש׳ן פון דער פאָלקס נשמה; באַהויכן דעם פאָלקס גייסט מיט די גרעסטע אידעאַלן פון אַרבעט און גערעכטיקייט, פון פּערזענלעכער קאָלעקטיווער און נאַציאָנאַלער פרייהייט.

פיזישע אַרבעט, ערד און אַנדערע אַרבעטן; געטלעכע, אייביקע גערעכטיקייט — דאָס אַלץ איז אויף דער נביאישער פּאַנאָראַמע; דאָס אַלץ איז פון זיי געשטעלט געוואָרן אַלס צענטראַל פּונקט פון וועלט־אוניווערסאַלן יושר, פון וועלט׳ס און ייד׳ס קיום.

אין אַ ווייטערן קאַפּיטל באַמיען מיר זיך צו געבן, זאָל זיין אַ טיילווייזע, רשימה פון תנאים און אמוראים וועגן וועלכע ס׳ווערט דערמאָנט, אַז זיי זענען געווען בעלי מלאכה און זיך געהאַלטן ביים כלל: „שינד אין מיטן מאַרק אַ נבלה, אבי פאַרדין אויפ׳ן שטיקל ברויט און זאָג נישט: כ׳בין אַ כהן און אַ גרויסער מענטש.[32]

ליב איז די אַרבעט, ווייל אַלע פאַרנעמען זיך מיט אַרבעט און לויבן שעפערישקייט, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָבן די אָבות געלויבט אַרבעט: יעקב אָבינו — אַ פיזישער אַרבעטער און אַזוי משה רבנו, אַזוי דוד

המלך — פשוטע פאסטוכער[33] און גאָר באַזונדערס, איז אַרבעט געלויבט געוואָרן דורך די תנאים, אָנהייבנדיק פון שמעיה, הלל׳ס רבי, וועלכער האָט געזען די געפאַר פון רוימיש־גריכישער השפעה צו דערנידעריקן אַרבעט[34], האָט זיך פאַרנומען מיט באַקעמפן די דאָזיקע השקפה און געלערנט אהב את המלאָכה, האָב ליב אַרבעט[35] און הלל, זיין נאָכפאָלגער, איז טאַקע געווען אַ שווערער אַרבעטער[36] און ווען ניט דער בת־קול וואָס האָט אים אַרויסגעפאָדערט צו תורה־לערנען, וואָלט ער געבליבן מיט זיין ברודער שבנאָ׳ס מסחרים[37].

רבי טרפון דריקט זיך אויס, אויפן פסוק ושכנתי בתוכם[38]: גרוים איז די אַרבעט, ווייל דער הייליקער געבענטשט איז ער, האָט ניט געמאַכט רוען זיין שכינה אויף די יידן, ביז זיי האָבן געטאָן אַרבעט און גענומען בויען דעם משכן[39].

די חכמים לערנען, זיבן יאָר אַ הונגער געווען און די שוועל פונם פאַכמאַן, האָט ער ניט איבערגעטראָטן און אַז ערלעכע פרנסה קומט נאָר דורך אַרבעט[40]. אַז די באַמיאונג פון די הענט איז גרעסער פון פרומקייט[41].

נאָך מער, אפילו דער רבונו של עולם, האָט זיך צום ערשט פאַרנומען מיט פלאַנצן און אָנגעזאָגט די יידן, אַז זיי וועלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין, זאָלן זיי זיך, צום ערשט פאַרנעמען מיט פלאַנצן . . .[42] און אַז דער מענטש, איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן מיט׳ן ציל צו אַרבעטן און בלויז די זוכים, ווערן געבענטשט מיט מי פון תורה[43].

מלאָכה, ווי געזאָגט, איז באַטראַכט געוואָרן גאָר וויכטיק פאַר יעדן מענטשן און איז געשטאַנען אַ סך העכער פון מסחר. בן זומאַ[44], ווי דערמאָנט[45] האָט יעדן טאָג געמאַכט די ברכה „חכם הרזים וברוך שברא כל אלו לשמשני: כמה יגיעות יגע אָדם הראשון עד שמצא פת לאכול: חרש וזרע, וקצר ועמר . . . ואני משכים ומוצא כל אלו מתוקנים . . . ״ ער האָט באַוואונדערט דאָס גרויסע וואונדער פון דער בשותפותדיקער שאַפנדיקער פונקציע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מיר מוזן דאָ נאָכאַמאָל ציטירן די ווערטער פון רבי מאיר: לעולם ילמד אָדם את בנו אומנות נקיה וקלה[46] וואָס מיינט ער מיטן אויסדרוק „נקיה וקלה״? — לערנען אייניקע[47], אַז דאָס מיינט מען ריין פון גזלה אָדער פון אָפּנאַרן אַנדערע. די גמרא, אויפ׳ן אָרט, קאָמענטירט, „מחטאָ דתלמיותאָ (צוניין צעריסענע קליידער).

אינטערעסאַנט איז אָבער, דאָס, וואָס רבי מאיר זעט אין אַרבעט אַ סאָרט שטראָף פאַר דעם חטא פון אדם הראשון: „שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי״.

אינטערעסאַנט איז אויך, ווי די משנה רעכנט אויס וועלכע פּראָפעסיעס זענען גוטע און וועלכע ניט און אַז דער עיקר איז, לערנען תורה: דאָס איז דער בעסטער מסחר און בעסטע פּראָפעסיע. די משנה און אָבות[48] לערנט, אַזביידע צוזאַמען, לערנען תורה און מלאָכה איז די בעסטע זאַך.

אבאַ גורין, דער מאַן פון צדיין זאָגט אין נאָמען פון אבאַ גוריאַ: אַ מענטש זאָל ניט לערנען זיין זון, צו זיין אַ חמר (אייזל־טרייבער), גמל (קעמל־טרייבער), ספר (שערער), ספן (מאַטראָז), רועה (פאַסטוך), חנוני (קרעמער), ווייל זייער פאַך פירט צו גזלנות.

רבי יהודה זאָגט אין זיין נאָמען: אייזל־טרייבער זענען מערסטנס רשעים, ווייל זיי געפינען זיך אויף פעלדער און רויבן אוועק; קעמל־טרייבער, זענען מערסטנס אָרנטלעכע מענטשן — ווייל זיי געפינען זיך תמיד אין מדבריות; קאַפּיטאַנען זענען אָרנטלעכע מענטשן, ווייל געפינענדיק זיך אויף שיפן האָבן זיי מורא פאַר גאָט.

רבי נהוראי (ווי דערמאָנט פריער, איז דאָ אַ מיינונג, אַז דאָס איז רבי מאיר) זאָגט: „איך לאָז אָפּ אַלע פּראָפעסיעס פון דער וועלט און וועל ניט לערנען מיין זון, נאָר תורה . . . וואָס היט אים אויס אין דער יוגנט און שיצט אים אויף דער עלטער[49].

די דאָזיקע אידייען זענען יאָרהונדערטער כמעט ווי איינגעשלאָפן געוואָרן. ערשט אין דער נייער ערא אין דער יידישער געשיכטע, ספּעציעל זינט ישוב און חיבת הארץ באַוועגונג, איז באַלעבט געוואָרן דער קאָנצעפּט פון „תורה ומלאָכה", אַזוי ביי די מער־וועלטלעכע און אַזוי ביי די עקסטרעם־רעליגיעזע, וועלכע האָבן נעגירט דעם ציוניזם מיט אַלע זיינע אַספּיראַציעס און דאָך זיך אומגעקערט צו די אָריגינאַלע געדאַנקען ביים יהדות.

איינער פון די דאָזיקע פּראָפּאַגירער אין ארץ ישראל, איז געווען אברהם זאקהיים.

אין זיין ביכל[50] רעדט זיך וועגן ווערט פון ארבעט זינט אברהם אבינו אָן, אַז אונזער תורה ווי אַ תורת חיים, האָט געשטעלט דעם פּונקט אויף ארבעט, וואָס ברענגט לעבן און איז אַ מקור פון גליק.

ער רופט דעם יידישן עולם צו באַנעמען די אתחלתאַ דגאולה און קומען בויען, פּיזיש בויען ארץ ישראל, בכדי עס זאָל זיין „וכפּר אדמתו עמו", דורך עבודת אדמה און דורך אויפגעבן פּאַראַזיטיש לעבן. דערביי באַרירט ער אַלע פאַזן פון ארבעט אין לאַנד[51].

און דאָ קומען מיר, צו נאָך אַן אַספּעקט אין שייכות מיט דער באַציאונג פון די חכמים צו ארבעט און מסחר.

מיר געפינען גאָר פיינע אויסדרוקן וועגן די רייכע, אַזוי וויט, אַז „עטרת חכמים — עשרם[52] און דער פאַקט איז, אַז אייניקע נביאים זענען געווען רייך, פּאַרמעגלעך[53] און אַ גרויסע צאָל תנאים און אמוראים האָבן פאַרמאָגט רייכטימער. גענוג צו דערמאָנען רבי עקיבאַ[54], רבי טרפון[55], רבי אלעזר בן חרסום[56], רבי אלעזר בן עזריה[57] און נאָך און נאָך.

די חכמים האָבן ניט געזען קיין חסרון אין רייכקייט, אויב נאָר, דער מענטש פירט זיך אויף מיט זיין עשירות אָנשטענדיק און דערהויבן. די שכינה רוט נישט נאָר אויף א „חכם גבור ועשיר"[58] און רבי, ווערט געזאָגט, האָט מכבד געווען עשירים[59].

די הויפּט־קעגנערשאַפט האָבן די חז"ל אַרויסגעוויזן צו אַ קלאַסן־שיטה; זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן וועלכע ניט איז אָרדנונג וואָס טיילט די געזעלשאַפט אין קלאַסן.

פּונקט ווי זיי האָבן ניט געהאַלטן פונם אַסקעטיזם, פון דער אַסיאַטישער וועלט־אַנשויאונג, אַזוי האָבן זיי ניט געהאַלטן, אַז דער רייכער קען ניט קומען צום מלכות שמים, ווי די ערשטע נוצרים האָבן געלערנט[60], אַז דער עושר ירשנט דעם גיהנום בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַן עושר[61].

זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז אַ סך מאָל קען גאָר דער אָרימאַן ניט צוקומען צו מלכות שמים, ווייל עני חשוב כמת, ווייל אין אָרימקייט האָט מען ניט קיין מעגלעכקייטן עפּעס אויפצוטאָן, און אַז דער רייכער וועלכער פירט זיך אויף אָנשטענדיק מיט זיין גבירישקייט קאָן שוין גאָר אַ סך אויפטאָן . . . אָבער וועגן דעם באַזונדער.

מיר געפינען אין תלמוד אַ סך מאָל אויסדרוקן, וואָס ווייזן אויף גאָר געהויבענע מיינונגען וועגן עשירות, גאָלד און זילבער.

ב. דערהויבענע מיינונג וועגן עשירות. — פאַרבי־טערטקייט אויף קמצנישע געלט־איינזאַמלער. —קאָנ־טראַסטן אין ספר איוב. — רעגולאַציעס וועגן פּרייזן. — תנאים סוחרים און בעלי מלאכה.

ס'ווערט דערציילט:

„רבי שמעון אזל לקרייתא, נפקין עליה ליסטין, בזו מה דיליה. בעין מיניה תלת מלין ולא אגיד לון, אמרו לי': בדיל דאפסדת ממונך, אפסדת לבך? אמר לון, כל האברים תלויים בלב והלב תלוי בכים"[1]. דאָס איז גאָר אַ שטאַרקער אויסדרוק וועגן געלט: אַז דאָס האַרץ איז אָפּהענגיק אינם בייטל? . . .

אין ספר משלי, ווערט געזאָגט, אַז „דער פאַרמעג פון דעם עושר, איז זיין באַפעסטיקטע שטאָט, דער בראָך פון די אָרימעלייט איז זייער דלות"[2] און אין תלמוד ווערט דערקלערט, אַז די הייליקייט פון דער שכינה רוט בלויז אויף דעם עושר[3]. אויף אַן אַנדער אָרט[4], „ממונו של אדם מעמידו על רגליו", אַז געלט שטעלט דעם מענטשן אויף זיינע פיס, גיט אים לעבנס־עקזיסטענץ. געלט, זעט מען, איז גאָר וויכטיק!

אַז ביי די אַלטע פעלקער, איז געלט באַטראַכט געוואָרן פאַר דאָס וויכטיקסטע פונם מענטשנ'ס שטרעבן קען דינען דאָס דייטשע ווערטל:

In Geldkasten sitzt Jupiter Selbst

די נביאים און שפּעטער די בעלי התלמוד, האָבן אָבער אָנגעוויזן אויף דער פּאַרפירערישקייט פון געלט־גייציקייט: „ותמלא ארצו כסף וזהב . . . ותמלא . . . אלילים". דער גייציג נאָך געלט האָבן זיי געהאַלטן פירט צו געצנ־דינעריי. ביים עושר האָבן זיי געזען געפאַר פון ווערן רשע, אָבער ביים אָרעמאַן־עני, געזען עניוות (לויטן וואָרט־שפּיל), ווי ישעיה הנביא דריקט זיך אויס: „ויתן רשעים קברו ואת עשיר — במותו" („און מ'האָט געמאַכט מיט רשעים זיין קבר און מיטן רייכן — זיין טויט)[5] הגם ער דערמאָנט ניט, צי ער איז באַגאַנגען אומרעכט אָדער ניט . . .

די חכמי התלמוד האָבן געזען פאַר דעם ייד די פּאַסיקייט צו בלייבן פאַראָרימט: „יאה עניותא לישראל כברזא סומקא לסוסיא חיורא"[6] און וועגן די עשירים פון בבל געזאָגט, אַז זיי וועלן גיין אין גיהנום („עשירי בבל יורדי גיהנום") און אַז דער איבל פון געלט איז אַזוי גרויס, אַז ער ריייניקט און כשרט ממזרים: „כסף וזהב מטהר ממזרים"[7].

מאָדנע איז, ווי אליפז, איוב'ס חבר, לאַכט אָפּ פון געלט־גליקן און איוב, דאַקעגן, לויבט און איז באַגייסטערט פון געלט[8]. אליהוא איז מכריע, אַז „מצפון זהב יאתה"[9] און צפון, זאָל דאָ מיינען, פינסטערניש, רוח החושך־טיפון[10].

איוב איז פון דער נאַטור געווען אַן „אוהב כסף לא ישבע כסף"[11]. ער לויבט דעם באַזיצער פון זילבער (געלט) און שטעלט אוועק די צוויי קאָנטראַסטן אין זייער פולער שאַרפקייט, דעם עושר מיט זיין פאַרגעניגן און דעם אָרימאַן וואָס ווערט פאַרשעמט פאַר זיין אָרימקייט[12]. און ער דערציילט, אַז, „מעולם לא שם זהב לכסלו ולכסף לא אמר מבטחו"[13]. פונדעסטוועגן גיט ער צו, ברענגט געלט תפארת וגדולה . . . אליפז אָבער רעדט וועגן דער געמיינקייט פון געלט — אַלע זענען מסכים, אַז נזירות איז פאַלש.

אין תלמוד, ווי שוין געזאָגט, ווערט דער יגיעי כפּימניק געשטעלט העכער איבער דעם סוחר און מסחר אין די יושבי כרכים, דרשענדיק דעם פּסוק „לכה דודי נצא השדה"[14]. קום, געליבטער מיין, לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד . . . אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם, אל תדינני כיושבי כרכים שיש בהן גזל, עריות, שבועת־שוא ושבועת־שקר[15]. די חכמי התלמוד האָבן אַלע ליב געהאַט ארבעט. די משנה לערנט: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות"[16], האָב ליב ארבעט און האָב פיינט רבנות־גרויסקייט[17], און ווייטער: כל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה וגוררת עון (לערנען תורה אָן אַ מלאָכה, ווערט צום סוף בטל און פירט צו זינד[18].

רבי אליעזר האָט געזאָגט: גרויס איז דאָס לערנען אַ מלאָכה, ווייל פונקט אַזוי ווי די יידן זיינען געבאָטן געוואָרן צו האַלטן די תורה, אַזוי זענען זיי אויך געבאָטן געוואָרן צו ארבעטן, ווי ס'שטייט געשריבן: זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און טאָן דיין ארבעט. רבי טרפון, זיין תלמיד, איז מיט דער זעלבער מיינונג, זאָגנדיק:

הקדוש ברוך הוא האָט ניט געלאָזט רוען די שכינה אויף יידן, ביז זיי האָבן נישט געטאָן קיין ארבעט[19], ווי מיר האָבן שוין פריער ציטירט פונם תנחומא[20], איז דער זכות מלאכה העכער ווי זכות אבות.

ערד־ארבעט איז גאָר געלויבט געוואָרן אין תנ"ך, „עובד אדמתו ישבע לחם"[21]; דער, וואָס באארבעט זיין פעלד, דער וועט זיין זאט מיט ברויט, ער וועט האָבן פרנסה. מסחר, וואָס פירט צו פארשיידענע קאלקולאציעס, טראָגט מיט זיך געפארן פון ניט אויסהאלטן ערלעכקייט, פון עובר זיין אויף אונאת ממון, אָדער אויף אונאת דברים וואָס איז אזוי שטרענג פארבאָטן.

די גמרא גייט אזוי ווייט, מיט באהויפטונגען וועגן ארבעט, אז דער, וואָס לערנט ניט זיין זון קיין פאך, איז גלייך ווי ער וואָלט אים געלערנט זיין א רויבער: „כל מי שאינו מלמד את בנו אומנות כאלו מלמדו ליסטות"[22]. און "גרויס איז די מלאכה ווייל זי גיט כבוד צו דעם וואָס באזיצט זי"[23], און זי וואַרעמט איר באזיצער[24].

אויפן פסוק „ובחרת בחיים"[25] ווערט געזאָגט אין ירושלמי[26], אז דאָס מיינט מען אומנות, א פאך! און אויף אן אנדער אָרט[27] ווערט געבראכט: „אין הברכה שורה אלא במעשי ידיו של אדם" (די ברכה רוט ניט נאָר אויף דעם, וואָס דער מענטש מאכט מיט זיינע הענט . . . און נאָך און נאָך אזעלכע ענלעכע אויסדרוקן.

אָבער מיר געפינען אויך אנדערע מאמרים וואָס ווייזן, אז אן ערלעכער מסחר איז א הויכע מדרגה, אז מסחר גיט ברייטע מעגלעכקייטן פאר א מענטש צו זיכערן זיין חיונה. א גרויסע צאָל פון די חכמים איז געווען פארנומען מיט מסחר. רב הונא האָט געהאט ווייגערטנער, געהאנדלט מיט וויין[28]. שמעון הפקולי האָט געהאנדלט מיט וואָל („פקולי צמר")[29]. בר קפרא איז געווען א סוחר, אביי און רבא זיינען געווען סוחרים[30]. עטלעכע דורות פריער, ר' חייא, חבר פון רבי יהודה הנשיא רעדאקטאָר פון דער תוספתא, ווערט אויך אנגערופן „ר' חייא הבבלי, איז געווען א סוחר, געהאנדלט מיט פלאקס[31] און אויך מיט פערל[32]. רבי אבוהו האָט פארקויפט „סידקית" (א סאָרט איידעלן געוועב מיט קליינינקע שפעלטעלעך). בר קפרא איז געווען א גרויסער סוחר.

רבי חייא, ווי באקאנט, איז באטראכט געוואָרן פאר איינעם פון די ערלעכסטע מענטשן, ווי עס ווערט דערציילט אין דער גמרא[33]: „אמרי דכי הוו מינצי ר' חנינא ור' חייא, א"ל ר"ח דר' חייא, בהדי דידי מינצית, דאם ח"ו נשתכחה תורה מישראל מהדרנא לי' מפלפולי. א"ל ר' חייא אנא עבדי דלא משתכחה תורה מישראל, דאייתינא כיתנא וכו' ומאכילנא ליתמי בישראל וכו' . . . "

מיר מעגן דאָ אויך ברענגען דעם פאקט, אז די דריי עשירים פון ירושלים: נקדימון בן גוריון, בן כלבא שבוע און בן ציצית הכסת האָבן אפגעראטעוועט יידן אין צייט פון חורבן פון צווייטן בית המקדש[34].

מסחר איז געווען פארשפרייט צווישן יידן, נאָך אין צייט פון די אָבות,

צווישן די שבטים, ניט געקוקט, וואָס הויפּטזעכלעך זענען זיי געווען פּאַרנומען אַלס „רועה צאן", פּאַסטוכער און באַשעפטיקט מיט פי־צוכט.

צום העכסטן פּעדעסטאַל אין מסחר־דערגרייכונג, ווערט אָנגעגעבן די עפּאָכע פון שלמה המלך, די תקופה פון „איש תחת גפנו ותחת תאנתו"[35] — אָבער וועגן דעם אין ווייטערן קאַפּיטל.

די חכמי התלמוד האָבן אָבער דורכאויס געוואָלט פּאַרהיטן פון עם הארצות און פּאַרגרעבטקייט, האָבן זיי אָפּגעלאַכט פון די וואָס פּאַרנעמען זיך בלויז מיט האַנדל און פּאַרפּאַסט אַ ספּעציעלע תפלה: „מודה אני לפניך ששמת חלקי מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקי מיושבי קרנות"[36] — אָבער דערביי ניט פּאַרנאַכלעסיקט דינים אין שייכות מיט האַנדל, פּרייז רעגולאַציעס און בכלל די געזעלשאַפטלעכע קאָניוקטור, ווי מיר וועלן זען אין די נאָכפאָלגנדיקע פּרקים.

ג. תנאים און אמוראים בעלי מלאכה. — באַציאונג צום יגיע־כפּימניק. — אַ פּאָעמע וועגן ר' יוחנן הסנדלר.

אינם רייסטער פון תנאים און אמוראים בעלי מלאָכה, געפינען מיר אַזעלכע נעמען, ווי פּינחס הסתת — שטיינהעקער, ווייל ער האָט געהאַקט שטיינער, אַ פּשוטער מוליער וועלכער האָט צוליב'ן זכות פון זיין אַרבעט זיך דערהויבן צו רייכטום און צו ווערן אַ כהן־גדול[1].

הלל הזקן — אַן אַרבעטער! לויט דער אגדה, איז ער געווען אַ האָלץ־העקער[2]; שמאי זיין מיטצייטלער — אַ בויער, בנאי[3]; ר' אבאָ חלקיה, אַן ערד־גראָבער[4], אויסגעגראָבן פונדאַמענטן פאַר בנינים; שמעון הפקולי האָט מען גערופן מיטן צונאָב־נאָמען פון זיין פּראָפעסיע, אויסגעאַרבעט ביינוול־וואָל[5]; ר' יצחק נפּחא — אַ שמיד; ר' יהושע בן הנניה הפחמי־קוילן־גרעבער; ר' יוחנן הסנדלר — אַ שוסטער, גערופן מיט גרויס כבור אויפן נאָמען פון זיין פּראָפעסיע. ער איז געווען — ווערט איבערגעגעבן — איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים פון רבי עקיבאָ.

אין דער יידישער פּאָעזיע, האָבן מיר, אַ פיינעם ציקל לידער פון א. אלמי א. ג. „אָמר רב יוחנן הסנדלר"[6]:

„יעדן שבת — וואָך איין וואָך אויס —
קאָפּ אויף קאָפּ אין דער שוסטערישער קלויז
נישט נאָר שוסטערס — אויך טעפּערס און שמידן
און סתם באַלעבאַטישע יידן,
אויך ר' פּתחיה — אַ נגיד אַ יוסטער
אַלץ קומט הערן רב יוחנן דעם שוסטער

ס'קלאַפּט אַ שוסטער אַריין אין די קעפּ

גאָט׳ס תורה, גאָט׳ס הייליקע שריפט —
אַ שטיפט פאַר אַ שטיפּט״ . . .

און וואָס לערנט ר׳ יוחנן הסנדלר?

אָמר רב יוחנן הסנדלר,
זאָגט רב יוחנן דער שוסטער
די תורה אָן יידן, איז ווי אַ שוך אָן אַ מוסטער

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט די תורה איז שולדיק
אין דעם שלעכטס דעם געדיכטן
נאָר דער מענטש, וואָס ער ווייסט נישט
זיין וועג ווי צו ריכטן;
און הערן ווייטער דעם מזמור שיר לשוסטער,
וואָס איז דאָס געזאָגט צום בעל מלאָכה, צום אַרבעטער
„טו מיט ליבע דיין מלאָכה,
לייג דערין אריין דיין רצון
און גאָט׳ס חכמה און זיין ברכה
וועלן פון דיין אַרבעט שפּראָצן
יעדער אַרבעט גרויסט גאָט׳ס נאָמען,
יעדער מי באַשיינט גאָט׳ס מוסטער

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי זאָגט אני הקטן,
אייער יוחנן דער שוסטער״.

עס הערט זיך ביי אים דאָס געזאָנג פונם קלאַפּ, „העמערל, העמערל קלאַפּ״ און „אינם כאָר, האָט אַ חלק „דער סטאָליער, דער בויער, דער שוסטער, דער פּויער, דער טעפּער, דער שמיד, אַזאַ וואונדערלעך ליד״[7].

ר׳ שמעון בן מנסיה, ווערט דערציילט, האָט זומער געאַרבעט און ווינטער גע־לערנט און רבי מאיר וועגן וועמען מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געשריבן מער פּרטימדיק, דער וואָס ווערט גערופן: „חכם וסופר״[8] און, אַז אין גאַנצן דור, איז ניט געווען נאָך איינער זיך צו קענען גלייכן צו אים[9] — ער איז געווען אַ שרייבער און געלעבט זייער אָרעם[10].

רבי מאיר — דאַרף מען וויסן, איז געווען דער ערשטער פון די זיבן הויפּט תלמידים פון ר׳ עקיבאַ און דאָך, זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון טוען אַרבעט[11] און זיך אויסגעדריקט וועגן מלאָכה, אַז דער, וואָס אַרבעט ניט אינדערוואָכן, וועט זיין

סוף זיין, אַז ער וועט דאַרפן אַרבעטן אום שבת[12] און געראַטן צו לערנען אַ גוטע, אָנשטענדיקע מלאָכה[13].

רבי יוסי בן חלפתא איז געווען אַ גאַרבער[14]; ר׳ יהושע בן חנניה — אַ קאָוואַל[15]; ר׳ יוחנן נפחא — אַ שמיד, לויט איין ווערסיע, אָדער זיין פאָטער, איז עס געווען דער שמיד[16]; רב אדא — אַ לאַנד מעסטער[17]; ר׳ אבא — האָט געהאַקט אָדערן צו היילן מענטשן[18]; ר׳ אָבין — אַ טשעסלער[19]; ר׳ חנינא און ר׳ אושיעא — שוסטער[20]; ר׳ אבא בר זמינא — אַ שניידער[21]; רב פפא און רבי ביבי בר אביי — פעלד־אַרבעטער; אבא הושעיא — וועשער, כובסים[23]; אביי, ביי וועמען רב סימי בר אשי האָט געוואָלט לערנען בקביעות, האָט געלערנט ביי טאָג און געאַרבעט ביינאַכט, שווערע אַרבעט, פעלד־אַרבעט[24].

ווי געזאָגט, פאַרנעמען מיר זיך ניט צו געבן אַ פולע רשימה פון תנאים און אמוראים אַרבעטער. מיר ווילן אָבער אויסרעכענען נאָך אַ טוצן אַרבעטער:

ר׳ חנינא — אַ דאָקטאָר[25]; אמודאי — אַ ים־טויכער[26]; איין ר׳ יוחנן, אַ שוסטער[27] און אַ צווייטער — אַ מצבה קריצער[28]; לוי — אַ נעצן־פאַרשפרייטער[29]; יוסי אַ גאַרבער[30], און ר׳ יוסף אַ מילנער[31].

ר׳ עקיבא, ווערט דערציילט, איז געווען אַ טרעגער[32]; ר׳ שמעון שזורי — אַ וועבער[33] און אבא שאול אַ קברן[34]. ר׳ כרוספדאי האָט געוויקלט ציצית[35]; ר׳ יוסף איז געווען באַשעפטיקט אין פיש־פאַנג[36].

מיר האָבן ר׳ זכריה בן הקצב[37]; אפרים מקשאה, זיך אָפגעגעבן מיט ערד־אַרבעט, אוגערקעס סוחר[38]; ר׳ אפרים ספרא — אַ שרייבער[39].

פון די שפּעטערע: ר׳ אמי האָט געמאַכט אויוונס [40]; רב ששת, מסדר געווען בעלקעס פאַר בנינים[41]; ר׳ חסדא האָט געמאַכט ביר [42] און רב יהודה — אַ בעקער[43].

די חכמים האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אַרבעט, נאָך מער, ווען די אַרבעט איז אין ארץ ישראל. אביי דריקט זיך אויס, אַז אַן אַרבעטער אין ארץ ישראל האָט מער ווערט ווי צוויי אַרבעטער אין בבל. רב לערנט רב כהנא׳ן: שינד בעסער אַ נבלה אין גאַס און זאָג ניט כ׳בין אַ גרויסער מאַן[45].

רבי אליעזר בן ר׳ צדוק זאָגט אין נאָמען פון רבן גמליאל: דער יעניקער וואָס האָט אַ פאַך, איז ער געגליכן צו אַ וויינגאָרטן וואָס איז פאַרצוימט און געהיט, אַז קיין בייז זאָל דאָרט ניט פאַסירן — אָבער דער, וואָס האָט ניט קיין פראָפעסיע, איז ווי אַ וויינגאָרטן אין וועלכן יעדער קאָן אַריינקומען און צעשטערן זיינע פרוכטן[46]. אינטערעסאַנט איז, אַז אַפילו אַ משל, האָבן זיי געגעבן פון ערד־באַאַרבעטונג, ווייל דאָס איז דאַן געווען זייער הויפּט־באַשעפטיקונג.

די יידן זענען דאַן מערסטנס געווען אַ פויערים־פאָלק. ווען זיי זענען אַריינ־געקומען אין לאַנד, האָבן זיי ביסלעכווייז אויפגעגעבן זייער פּראָפעסיע אַלס

פאסטוכער און זיך פארנומען מיט אגריקולטור[47].ביים בית שני און אויך נאכ'ן חורבן איז אגריקולטור געווען א הויפט־באשעפטיקונג ביי יידן. דעריבער זענען דאן געשאפן געווארן א סך דינים בנוגע ערד־ארבעט, וויאזוי אפצוהיטן די דינים פון שמיטה, יובל, לקט שכחה, פאה או״וו און די חכמים פון דור, האבן געהאלטן, אז נאר לאנד באזיץ קען זיכערן דעם מענטשנ'ס עקזיסטענץ[48]. אפילו אין צייט, ווען די רוימישע מלוכה האט עקספראפריאירט באדן־שטחים אין ארץ ישראל, אזוי שנעל, ווי די רעגירונג איז מילדער געווארן האבן יידן זיך אפגעגעבן מיט פאכטעריי און גענומען אין ארענדע לאנד שטחים[49]. זיי זענען ערשט אוועק פון דער דאזיקער פראפעסיע אין גלות, צוליבן דרוק פון די באצווינגער און באדריקער.

יידן האבן זיך אויך אפגעגעבן מיט האנט־ווערקעריי און מסחר. אזוי איז באקאנט, אז יידן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט שארפן אייזנס און באארבעטונג פון פעל, לעדער, מיט ערדענע כלים (פארצעליי), אויסארבעטונג פון וואל און פלאקס (דערמיט האבן זיך מערסטנס פארנומען פרויען) און ס'זענען מיט דער צייט אנטוויקלט געווארן אנדערע פאכן און אינדוסטריעס פאר'ן טעגלעכן געברויך.

די גאלד־שמידן, זילבער־שמידן ווי אנדערע מעטאל־אויסארבעטונג, זענען געווען זייער אנגעזען אין לאנד. ווען נבוכדנאצר האט אקופירט יהודה, האט ער ניט בלויז גענומען אין פאנגשאפט די פרינצן און מלוכה־הויפטן, נאר אויך דעם „חרש ומסגר״...

וואס שייך מסחר, איז ער אין אנפאנג געווען בלויז ביי די כנענים און די שכנותדיקע פעניציאנער (פיניקער), וואס האבן עקספארטירט תבואה, בוימל, האלץ אדג״ל און אימפארטירט אלערליי מעטאלענע כלים, נויטיקע פאר א ציוויליזירט לעבן, קאלירטע קליידער און פארשיידענע אנדערע חפצים. דער נאמען „כנעני״ איז געווארן א סינאנים פאר א סוחר.

די יידן, האבן ביסלעכוויז אנגעהויבן אריינדרינגען אויך אויף דעם געביט, פריער אין לאנד און נאכדעם אויך אויסערן לאנד. אין צייט פון קעניג שלמה, האבן שוין קורסירט איבער די ימים שיפן מיט סחורה פון און צו יהודה — אזוי ווייט ביז אופיר, דאס לאנד פון גאלד. מיט'ן האנדל, האט זיך אבער פארשטארקט דאס אפנארעריי, דאס פאלשקייט פון די סוחרים און די נביאים האבן געשטראפט און געמוסרט דאס פאלק.

ניט קיין וואונדער, וואס די חכמי התלמוד, ווי נאכפאלגער פון די נביאים, האבן דווקא געזען אין מלאכה לויטער גוטס: די ברכה פון גאט איז שולט ביים שאפנדיקן מענטש[50]; מלאכה ברענגט לעבן[51]. דער וואס לערנט אמווייניקסטנס צוויי הלכות יעדן טאג, אינדערפרי און אין אוונט, איז אזוי גוט ווי ער וואלט עוסק געווען א גאנצן טאג אין לערנען[52].

זיי זענען געגאַנגען אַזוי ווייט צו דערקלערן, אַז „כל אָדם שאין לו קרקע — אינו אָדם" אַז דער מענטש וואָס פאַרמאָגט ניט קיין פעלדער פון וואָס צו קענען ציען חיונה פון אייגענער פּראַצע, איז ער נישט קיין מענטש[53], ווייל אַלע פּראָפע־סיאָנאַלן מוזן אָנקומען צום בעל קרקע, אַז ניט, איז זיין לעבן אָפּהענגיק אויף אַנ־דערע[54]. באַארבעטן אַ פעלד, איז געווען טעם גן־עדן, ווייל אויך אדם הראשון איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין גן עדן לעבדה ולשמרה[55].

פון דער אַנדערער זייט, זען מיר, ווי די בעלי התלמוד רעדן וועגן ערד־אַרבעט, ווי אַ שווערע מלאָכה, אַז „לא נתנה קרקע אלא לבעלי זרוע"[56], אַז בלויז פיזיש־שטאַרקע זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אָט דער אַרבעט וואָס מאַכט דעם מענטשן אַ שקלאַף און דעריבער איז עס אַן „אומנות פחותה"[57]. דאַקעגן אַנדערע מלאָכות זענען געלויבט געוואָרן: „אין לך אומנות שעוברת מן העולם"[58] און נאָך אַזעלכע ענלעכע אויסדרוקן[59].

און מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער תקופה, האָט אַרבעט געמיינט פון פרי ביז נאַכט ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים[60] „תזרח השמש יאספון ואל מעונתם ירבצון, יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב" און עס זיינען געשאַפן געוואָרן באַזונדערע געזעצן צו פאַרלייכטערן דעם אַרבעטער, לכל הפּחות, ניט צוריקהאַלטן זיין לוין: „מ'זאָל ניט זאָגן צום אַרבעטער: קענסט אהיימגיין און מאָרגן קום צוריק, וועל איך דיר באַצאָלן"[61] . . . אויף דערויף, איז מען עובר אויף צוויי לאווין, צוויי געבאָטן: בל תלין און בל תשהה[62] און דער וואָס האַלט אויף דעם שכר שכיר, דעם אַרבעטער'ס לוין, איז ער עובר אויף פינף פאַרבאָטן: לא תעשוק, לא תגזול, לא תלין אא"וו[63] און עס איז פונקט ווי ער וואָלט אים צוגענומען די נשמה[64].

אינטערעסאַנט איז, אַז סטאָלעריי, איז תמיד באַטראַכט געוואָרן פון די אינטעליגענטע מלאָכות. יידן זענען פון די אַלטע צייטן אָן, געווען באַשעפטיקט אין האָלץ און בוי־האַנטווערק, ווי עס ווייזט ריכטיק אָן מרדכי בערנשטיין[65]. עס איז גענוג צו דערמאָנען, די גאָט־געבענטשטע מייסטער, באַהויכט מיט רוח־אלהים, חכמה ותבונה . . . בצלאל בן אורי למטה יהודה און אהליאָב בן אחיסמך למטה דן . . .[66]

צווישן די תלמוד־שאַפער געפינען מיר אומצייליקע מייסטער און בוי־פאַך, ווערט אַ סינאָנים פאַר געלערנטזאַמקייט: רב ששת האָט געזאָגט, „אנא לא נגרא ולא בר נגר אנא" — איך בין נישט קיין סטאָלער, נישט קיין זון פון אַ סטאָלער . . . און געוואָלט האָט ער דערמיט זאָגן, אַז ער האַלט זיך נישט פאַר קיין אינטעליגענט . . .

הערות

א.

1. א רעפאָרמער און טיפער דענקער — אָבער אַלץ ניט קיין סאָציאַליסטישער רעפאָרמאַטאָר. אין איינעם פון זיינע בריוו, שרייבט מארקס וועגן הענרי דזשאָרדזש: טעאָרעטיש איז דער מענטש שרעקלעך צוריקגעשטאַנען; ער פארשטייט לגמרי נישט דעם באַדייט פון סורפּלוס (מער־ווערט). הענרי דזשאָרדזש'ס ווערק „פּראָגרעס און אָרימקייט" איז פון די בעסטע אויפן עקאָנאָמישן געביט. וועגן אים, זע י. הילקוויט „די געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן", צווייטער באַנד, ז"ז 90־102.
2. בבא מציעא פ"ג, ע"א.
3. פסחים ק"ג, ע"א.
4. שמות כ', ט'
5. דאָרט, ל"א, ט"ו.
6. בראשית ל"ח, מ"ג.
7. בראשית רבה, ויצא, פ' ע"ד, פ', י'.
8. בראשית רבה, דאָרט, פ', י"א.
9. תהלים קכ"ח, ב'.
10. משלי כ"ד, כ"ז.
11. ברכות ל"א, ע"א.
12. פרק א', י'.
13. אבות ב', ב'.
14. קדושין ל'.
15. פאה, פרק א'.
16. ברכות ה', ע"א.
17. קדושין פ"ב, ע"ב.
18. דאָרט, סוף מסכתא. לויט איין מיינונג (עירובין י"ג, ע"ב) איז עס רבי מאיר. זע, דר. ישראל בן־זאב, גרים וגיור בעבר ובהוה, ז"ז 27־30, וועגן רבי מאיר און זיין אָפּשטאַם.
19. זע, מדרש רבה, במדבר, פ'.
20. בראשית רבה, ט', ה'.
21. עירובין י"ג, ע"ב.
22. בראשית ב', א'.
23. שמות כ', ט'.
24. אבות דרבי נתן — באריכות.
25. נדרים מ"ט, ע"ב.
26. סנהדרין כ"ט, ע"א.
27. זע, אבות דרבי נתן, פרק י"א.
28. קדושין י"ב, ע"ב.
29. מדרש הגדול, פרק י"ב.
30. נדרים מ"ט, ע"ב.
31. עמוס ב', ו'.
32. פשוט נבילתא בשוקא ושקול אגרא ולא תימא: כהנא אנא וגברא רבא אנא, פסחים קי"ג, ע"א; זע, מ. לייטער, זוטו של ים, ז"ז 131־132, 404־405. זע, פריער קאַפּ. 7.
33. משנת דרבי אליעזר, פ"ח; זע, טובי' יהודה טביומי, טל אורות, חלק א', ז"ז ע"ח־ע"ט.
34. אין די ווערק פון אריסטאָטל: פּאָליטיק, א' ג'; עטיק, ח', י"ג; פּלאַטאָ'ס רעפּובליק.
35. אבות א', י'.
36. יומא, ל"ח, ע"ב.
37. סוטה כ"ה.
38. שמות כ"ה, ח'.
39. אבות דרבי נתן, פרק י"א.
40. תהלים, קכ"ח.
41. ברכות ח', ע"א.
42. ויטע ד': מתחלת ברייתו של עולם לא נתעסק הקב"ה אלא במטע תחלה, הה"ד: „ויטע ד' אלקים גן בעדן מקדם" אף אתם כשתכנסו לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחלה, הה"ר (ויקרא י"ט־כ"ג) — וכי תבואו אל הארץ ונטעתם — ויק"ר, כ"ה, ג'.
43. ב"ר י"ג, ז'.
44. ברכות נ"ח, ע"א.
45. זע פריער קאַפּ. 7.
46. קדושין פרק ד', משנה י"ד, רבי מאיר לערנט, אַז א מענטש זאָל לערנען זיין זון א ריינעם לייכטן פאַך, ויתפלל למי שהעושר והנכסים שלו, שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות. שלא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות. אלא הכל לפי זכותו . . .

47. זע, י. ל. ברון, אוצר ספרות ישראל, ווילנה תרע"ד, חלק א', ז' 165; משניות מיט איבערזעצונג און פירוש אין יידיש פון שמחה פיעטרושקא, מאָנטרעאל, תש"ז־1946.
48. פרק ב', משנה ב', „יפה ת"ת עם דרך ארץ".
49. זע, תוספות יו"ט, דאָרט, חילוק צווישן רבי מאיר און רבי יהודה.
50. אברהם זקהיים, התורה ומלאכה, ירושלים, תרפ"ח.
51. דאָרט, ז"ז ז'־כ"ה.
52. סוטה, מ"ט, ע"ב.
53. נדרים ל"ח, ע"א.
54. נדרים נ' ע"א. דער גרויסער „חובב יסורין" (סנהדרין ק"א, ע"א) וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט אחד (ברכות ס"א, ע"א, תנחומא, תבא), האָט גאַר געלערנט מכבד צו זיין עשירים (עירובין פ"ו, ע"א; זען, מ. לייטער, זוטו של ים, ז"ז 111־169 און 338־339 — באריכות).
55. מסכת כלה פרק שני, ג', כ"א; מ. הינגער, מבוא ג'; נדרים ס"ב ע"א; ויקרא רבה ל"ו.
56. משמת רבי אלעזר בן עזריה פסק העושר מן החכמים — ירושלמי סוטה ט', י"ז; בבלי, סוטה פרק ט', משנה ט"ו; תוספתא, סוטה ט"ו, י"ג.
57. שבת צ"ב, ע"א.
58. בבא מציעא, פ"ח, ע"א; נדרים, דאָרט.
59. מתי י"ט, כ"ג; מארקוס ו', כ"ה.
60. לוקאס, י"ח; ו' 41.

ב.

1. ירושלמי, תרומות.
2. והון עשיר קרית עוזו, מחתת דלים רישם, משלי י', ט"ו.
3. שבת צ"ב, ע"א.
4. פסחים קי"ט, ע"א.
5. ישעיה ג"ג, ט'. ירמיהו (ה', כ"ז־כ"ט) און עמוס (פרק ד') קריטיקירן שטאַרק די יעניקע, וואָס ווערן רייך אויפן חשבון פונעם אָרעמאַן.
6. חגיגה ט', ע"ב.
7. קדושין ע"א ,ע"א. זע אויך, „לקט הקמח" פון ר' משה חגיז: „. . . דינר (מטבע) מעמיד פרנס בור על הצבור . . . "
8. איוב כ"ח, א'־י"א.
9. דאָרט, ל"ז, כ"ג.
10. זע, איוב, עם ביאור חדש, המכונה בשם מישר נבוכים, מאת אדם שטראַשון, ווילנע, תרנ"ח, מבוא ז"ז 107־109, אויך אויף פסוק נ"ה, נאָכבאַמערקונגען. באַווייז פונם „ואת הצפוני" ארחיק ממך . . . (איוב כ"ו) וואָס מיינט א דיקער וואָלקן.
11. דאָרט, ז' 108. 12. כ"ט, א'; ל', א'. 13. ל"א, כ"ד־כ"ח. 14. שיר השירים, ז', י"ב.
15. ערובין כ"א, ע"ב.
16. אבות פרק א', משנה ו'.
17. דאָרט, ב', ב'.
18. דברים ה', כ"ג. זע, אבות דרבי נתן, פרק כ"א.
19. אבות דרבי נתן, דאָרט — אויספירלעכער.
20. ויצא, י"ג.
21. משלי, י"ב, י"א; אבן עזרא, אויפן אָרט; בבא מציעא, נ"ח, ע"ב. זע אויך, צבי הירש חיות, עטרת צבי, שנ"ז.
22. קדושין ל', ע"ב. 23. נדרים מ"ט, ע"ב. 24. גיטין ס"ז, ע"ב.
25. דברים ל', י"ט.
26. פאה א', א'.
27. תוספתא, ברכות פרק ו'.
28. ברכות ה' ע"ב.
29. דאָרט, י"ח, ע"ב.
30. זיי האָבן געהאַנדלט מיט פלייש; זע ברכות נ"ו, ע"א.
31. תנחומא, וישב. ירושלמי, ב"מ, פרק א', הלה ו'.
32. „מרגליות", זען, ב"ב ק"ג און ב"מ, י"ב.
33. כתובות קצ"ו, ע"ב.
34. גיטין נ"ז, נ"ט־ס"ג. זע אויך וועגן מסתר תקנות.
35. מלכים ב', י', י"ב־כ"ב.
36. ברכות כ"ח, ע"ב.

ג.

1. ספרי, ילקוט אמור כ"א און אנד. מדרשים.
2. יומא ל"ה, ע"ב.
שבת ל"א, ע"א.
4. תענית י"ט; כ"ג, ע"א.
5. רש"י, מגילה, כ"ז, ע"ב.

6. א. אלמי איז דער פסעוודאנים פון אלי' חיים שעפס (געב. ווארשע, יאנ. 2, 1892); די פאעמע איז אריין אין זיין בוך „לעצטע געזאנגען", בוענאס איירעס 1954, ז"ז 62־79.
7. ז. 74.
8. עירובין י"ג, ע"א; גיטין ס"ז, ע"א; סוטה כ', ע"א; שבת ע"ט, ע"ב.
9. וועגן זיין גרויסקייט זיינען פאראן אומצייליקע אגדות — אזוי ווייט, אז עס ווערט אויסגע־דריקט וועגן אים „אין בדורו כמותו, זע, קהלת רבה, מ"ב, י"ז.
10. לויטן מדרש, האט ער פארדינט דריי טאלער א וואך, דערפון האט ער אויסגעגעבן א טאלער אויף שפייז, א טאלער אויף קליידונג און דעם דריטן טאלער האט ער צעטיילט צווישן זיינע ארימערע חברים.
11. קהלת רבה, י"א, י'.
12. „שכל מי שאינו עושה מלאכה בחול סופו לעשות מלאכה בשבת", אבות דרבי נתן ב', כ"א; ירושלמי קדושין פרק ד', הלכה י"א; זע, הרב דר. נתן נסים סולומון, אנציקלופדיה לאגדות התלמוד, ניו־יארק, תשי"ב, ז"ז שי"ז־שנ"ח.
13. זע, משנה קדושין פרק ד', י"ד.
14. שבת מ"ט.
15. פחמי, ברכות כ"ח, ע"א.
16. רש"י סנהדרין צ"ו, ע"א; בבא מציעא פ"ח, ע"ב; סולומון, דארט, ז' רצ"ד.
17. תוספתא, קדושין א'. בבא מציעא ק"ז, ע"ב.
18. „אין אדם מת אלא מתוך הבטלה", אבות דרבי נתן, פרק י"א, תענית כ"א, ע"ב.
19. „נגרא", ב"מ, ק"ז, ע"ב, שבת כ"ז, ע"ב.
20. פסחים קי"ג, ע"א.
21. ירושלמי פרק ד', הלכה ב'.
22. ב"מ ק"ט ע"א.
23. ירושלמי הגוזל בתרא, ה', י"ג; זע, מ. לייטער, זוטו של ים, ז' 229.
24. זע, מעשה פון סימי ב"ר אשי, גיטין ס', ע"א.
25. כתובות ע"ז, ע"ב; חולין, ז' ע"ב; כ"ד ע"ב.
26. ראש השנה כ"ג. 27. אבות, ד', י"ד. 28. פסחים ג', ע"א. 29. יומא פ"ה, ע"א.
30. שבת מ"ט, ע"א.
31. גיטין ס"ז, ע"ב. 32. אבות דרבי נתן, ו'. 33. דמאי ד', א'.
34. נדה כ"ד, ע"א.
35. ראש השנה, ט"ז, ע"א.
36. שבת ק"ל, ע"א.
37. עדויות ח' ב'.
38. בבא מציעא פ"ז, ע"ב.
39. סוף בבא מציעא.
40. מועד קטן י"א, ע"א.
41. גיטין ס"ז, ע"א.
42. פסחים קי"ג, ע"ב.
43. בבא בתרא קל"ב, ע"ב.
44. כתובות ע"ה.
45. ירושלמי, שביעית ו', א', תוספתא גיטין ה', זע דארט וועגן פאכטער־משפחות.
46. זע, י. נ. שמחוני, לוח אחיאסף; תרפ"ג.
47. ספרא בהר, ה'; תוספתא עירובין ח', ג'; מדרש רבה ויקרא כ"ב, א'; ספרי, דברים ט', ב'.
48. תנא דבי' אלי', י"ד.
49. ובחרת בחיים — זו אומנות, ירושלמי פאה, פרק א'.
50. מכילתא בשלח.
51. יבמות ס"ג, ע"א.
52. מנחות ק"ג, ע"ב.
53. בראשית ב', ט"ז.
54. סנהדרין נ"ח, ע"ב.
55. דארט, באריכות.
56. קדושין פ"ב, ע"ב.
57. ברכות מ"ג, ע"ב; ס"ג, ע"א.
58. קדושין, כ"ב־כ"ג.
59. פסחים, קי"ג, ע"א.
60. משלי ג', כ"ח.
61. ב"מ קי"א, ע"א.
62. ויקרא י"ט; דברים כ"ד א"א.
63. דברים כ"ד.
64. משלי כ"ב; זוהר, ויקרא, קדושים.
65. דער האלץ אינדוסטריאל, יארבוך, 1953, 13־טער יארגאנג, בוענאס־איירעס, ארגענטינע, ז"ז 65־67.
66. שמות, ל"א, ב'־ו'; ל"ה, ל'־ל"ה; ל"ו, א'־ב'; ל"ח, כ"א־כ"ג.

קאפיטל צוועלף

יידן אין אַגריקולטור און אין מסחר

יידן בעלי מסחר. — געלט־מענטשן. — דינים וועגן הלוואות. — שטאַטישע און דאָרפישע איינוואוי־נער. — „יידישע געלט" — אַן ענטפער צו בלבול־מאַכער.

ניט בלויז וויליאם שעקספּיר (1564-1616), האָט עס געגעבן דעם ייד דעם נאָמען פון אַ געלט־גייציקער ביז בלוט און געשאַפן דאָס ווילד־געוויקס אין דער וועלט־ליטעראַטור, דאָס שיילאָק־געוויקס. אויך יידן, געוויסע יידישע קינסטלער, האָבן אינם ייד געזען ניט פאָלק, ניט נאַציע, ניט מענטש (לא עם, לא גוי, לא אָדם — מ. בערדיטשעווסקי'ס אויסדרוק). דער נאַציאָנאַלער דיכטער פון פריער־דיקן דור, י. ל. גורדון, האָט דאָך מיט משכּילישער ביטערקייט געשריבן וועגן יידן:

„ויהי לחם ביתך עקבה ונשך
ותצדק גדופים, חרפות שטניך".

דער אמת איז, אַז יידן זענען גאָרניט שולדיק דערין, וואָס זיי זיינען פאַר דורות געוואָרן סוחרים, מלווים און וואוכער. שולדיק איז געווען זייער ביטערער גורל, די אומשטענדן וואָס האָבן פון דעם ייד געמאַכט אַ לופט־הענדלער, אַז ער זאָל דאַרפן ציען חיונה פון וואוכעריי.

ווען די פעלקער צווישן וועלכע יידן האָבן געדאַרפט זוכן חיונה, האָבן פאַרמאַכט אַלע קוואַלן פון פרנסה, האָט דער ייד זיך געמוזט נעמען צום האַנדל.

ר' יהודה־לייב גרויבאַרט$_1$ האַלט, אַז מ'דאַרף זיין צופרידן, וואָס יידן האָבן זיך גענומען צום מסחר און אַרויסגעוויזן פייאיקייטן אויפן דאָזיקן געביט. דאָס איז געווען — האַלט ער — אונזער וואָפן, אונזער שוץ . . . אַז ניט, וואָלטן מיר חלילה אומגעקומען פון הונגער. דער מסחר — איז ער איבערצייגט — איז געווען „תחלתו באונס וסופו ברצון", אַזוי, אַז מיר זענען געוואָרן צוגעבונדן צו אָט דער פאַרמיטלערישער פרנסה, צום שטאָטישן לעבן.

מאַקס נאָרדוי ווייזט אָן, אין זיינע „פּאַראַדאָקסן", אַז יידן זענען בלויז פייאיק אויף קליין־האַנדל און זענען ניט צוגעפּאַסט צום גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל פון וועלט־פאַרנעם. פאַקטן באַווייזן, אַז יידן זענען מיט דער צייט געוואָרן די גרעסטע וועלט־סוחרים.

יידן זענען אָבער דאָך ניט געוואָרן אַזוי מאַטעריאַליסטיש, ווי שונאים ווילן באַהויפּטן, נאָר זיך תמיד געהאַלטן ביי די אַטריבוטן פון גייסט — נעגירנדיק פיזיש־ברוטאַלן כח, ווי אַ דאָמינירנדיקער עקזיסטענץ־פאַקטאָר.

אין תלמוד, ווי מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל געזען, געפינען מיר קאָנטראַסטישע מיינונגען וועגן מסחר און קאָלאָניזאַציע, שטאָט און דאָרף און

ווי געזאָגט, איז דער יידישער אורשפּרונג: פּי־צוכט און ערד־אַרבעט. יידן האָבן ליב געהאַט נאַטור־לעבן, גאָט'ס פרייע וועלט, די שיינע נאַטור מיט איר צויבער פון פעלדער און גערטנער: לופט, זון, לבנה און שטערן. אויפ'ן פּסוק „לכה דודי נצא השדה"[2] דרשנט רבא[3], „די כנסת ישראל זאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם, זאָלסט מיך ניט אורטיילן, ווי די שטאָטישע איינוואוינער ביי וועלכע ס'איז דאָ גזילה, אויסגעלאַסנקייט, פאַלש־שווערן . . .

וואוינען אין דאָרף, ווערט באַטראַכט אַ סך אידעאַלער ווי אין שטאָט. יידן האָבן אויסגעקליבן דאָרפיש־לעבן און זיך אַ סך, כמעט אינגאַנצן, זיך אָפּגעגעבן מיט לאַנדווירטשאַפט[4] און אויסגעשטעלט זייער גליק און וואוילזיין צו דער „ברכה פון דער נאַטור", צום רעגן, טוי און זון. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קולטיווירן דעם באָדן לויט דעם קלימאַט און ערד־שטח[5].

די ערשטע גרויס־סוחרים זענען גאָר געווען די כינעזער, אינדיער אין ווייטן מזרח און נאָך זיי, קומען די פעלקער פונם לעוואַנט, באַזונדערס די פיניקער מיט זייערע צענטערן צור און צידון וועגן וועלכע ס'ווערט אַ סך גערעדט אין תנ"ך אַלס שטעט פון מסחר[6]. אין כנען[7] איז אויך געווען אַנטוויקלט האַנדל — און שוין די אבות האָבן געמוזט אָנקומען צו האַנדל[8]. מסחר ווערט אַ סך מאָל דערמאָנט אין תנ"ך[9].

דער ערשטער וואָס האָט איינגעפירט גרויס האַנדל ביי יידן, איז געווען שלמה המלך, וועלכער האָט געשלאָסן האַנדלס אָפּמאַכן מיט פאַרשיידענע לענדער, געבויט ריזיקע שיפן ביים רויטן ים און געשיקט קיין אַפריקע אין די דאָן ווייטסטע שטרעקעס[10].

זיין פאָטער, דוד, האָט אויך קיין אַנדערע עצה ניט געהאַט, ווי ראַטן יידן צו פירן מסחר צווישן זיך. ער האָט גע'עצהט די פירער וועלכע האָבן זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין פּרנסה: „לכו והתפרנסו זה מזה . . . לכו ופשטו ידיכם בגדוד . . . [11] (אָדער האַנדלען צווישן זיך; אָדער אָנפאַלן אויף שכנישע לענדער). די יידן זענען אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָרן קיין מסחרים־פירער — און זיך בעסער פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און אַלץ געקויפט אין צור[12].

ערשט אין גלות, זענען יידן געטריבן געוואָרן צום האַנדל־וואַנדל און צו לייען געלט צו יידן און ניט־יידן און דערפון ציען אויף חיונה. אין גלות, זענען יידן באַטראַכט געוואָרן אַלס דאָס מסחר־פאָלק און יידישע פירער, האָבן אָנגעהויבן איינזען אַ וויכטיקע פונקציע אין האַנדל אַלס פאַרמיטלער צווישן פּראָדוצירער און קאָנסומאַנט־פאַרברויכער, ווי אַ שריט פאָראויס אין רעגולירן וועלט־פּראָדוקציע און מענטש זאָל ניט זיין געבונדן צו זיינע ד' אמות.

ניט געקוקט אויף דערויף וואָס מערסטע תנאים און אמוראים האָבן געהאַלטן מער פון אַ נאַטור־לעבן, ווי אַ מנוחהדיק און געזיכערט לעבן, האָבן אייניקע דאָך געלויבט מסחר.

רבי מיט ר' יוסי ב"ר יהודה — ווערט דערציילט — זענען געגאַנגען אונ־טערוועגנס און געזען ווי אַ גוי קומט זיי אַנטקעגן, האָבן זיי צווישן זיך דורכגערעדט, ער וועט אונז זיכער פרעגן דריי זאַכן: ווער זייט איר? וואָס טוט איר? וואוהין גייט איר? ווילן מיר אים ענטפערן: מיר זענען יידן! מיר זענען סוחרים! מיר גייען קויפן ווייץ פון די יבנהער שפייכלער[13] — מ'האָט זיך אָנגעגעבן אַלס סוחרים!

דער ייד איז אומעטום געוואָרן דער „איש המעשה והמסחר": אינדוסטריאַל, האַנטווערקער, הענדלער, פינאַנסיר. אַזוי אין די מזרח־לענדער אַרום דעם מיט־לענדישן ים און אַזוי אין די אייראָפּייאישע לענדער; אין איטאַליע[14], פראַנקרייך[15], דייטשלאַנד און שוין אָפּגערעדט פון פוילן, וואו זיי האָבן ממש קאָנטראָלירט (פאַר'ן געווינס און אַנטוויקלונג פון לאַנד) דעם קאָמערץ, פינאַנץ און די אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען, באַזונדערס אין לאָדזש[16].

אָבער שוין פריער, נאָך איידער יידן האָבן זיך אַזוי פאַרנומען מיט הלוואות און געלט עסקים, האָט די תורה שוין אָנגעזאָגט, וועגן דעם פאַרבאָט צו נעמען נשך ותרבית, צו נעמען רבית־פּראָצענט. דער איסור געפינט זיך עטלעכע מאָל אין דער תורה[17] און אויך אין נביאים און כתובים[18]. אין תלמוד האָבן מיר אַ באַזונדערן פּרק וועגן איסור רבית[19] נעמען פּראָצענט אומבאַרעכטיקט, איז געגליכן צו שפיכת דמים[20]. דער רמב"ם פּסקנט, אַז דער וואָס באָרגט געלט אויף פּראָצענט ,איז ער עובר אויף זעקס לאווין, זעקס עבירות און סיי די העלפער, סיי דער לוה און מלוה, זענען אַלע שולדיק[21].

דער פּרק „איזהו נשך" פאַרנעמט זיך מיט אַלע איינצלהייטן אין שייכות מיט'ן פאַרבאָט צו נעמען פּראָצענט: וועלכעס עס איז אָסור מן התורה; וועלכעס פון רבנן: וועלכעס עס הייסט „רבית קצוצה" און וועלכעס „אבק רבית" — און וויאַזוי ס'קאָן זיין אַ היתר, דורך שותפות . . .

אויף אַן אַנדער אָרט[22] שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דעם מערקווירדיקן זאָג אין תלמוד: „לאחיך לא תשיך — אבל לנכרי תשיך", דאָס מיינט, אַז פון אַ ניט־ייד מעג מען נעמען פּראָצענט.

ד"ר יהודה ראָזנטאַל, אין זיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן „רבית", באַזונ־דערס, וועגן נעמען פּראָצענט ביי ניט־יידן[23] שטעלט זיך אָפּ אויף דער דאָזיקער שטעלע אין די חז"ל און ברענגט פאַרשיידענע מיינונגען און דערקלערונגען. ער פאַרענדיקט זיין שטודיע מיט'ן פּסק פון ר' אברהם דאַנציק, אַז אויב ס'איז מעגלעך, זאָל מען זיך אויסהיטן פון באָרגן אַפילו צו אַ ניט־ייד אויף פּראָצענט און האָפן צו השם־יתברך, אַז ער וועט אים שיקן זיין פּרנסה, ניט דאַרפנדיק אָנקומען צו נשך . . .

ר' חיים בלאָך אין זיין „ודע מה שתשיב"[24], שרייבט צוו"א:

„ . . . ס'איז אמת, דער רמב"ם (הלכות מלוה ולוה, א', א') פּסק'ענט, אַז עס איז אַ מצוה צו דריקן דעם עובד כוכבים ומזלות און עס איז אַ פליכט צו נעמען

פון אים פראָצענט, אז דער „לנכרי תשיך" איז א מצוה עשה (דאָרט, ה' א'). זיין מיינונג איז אבער א דעת יחיד און ווערט אָפּגעפּרעגט, צוליב ניט פעסטגעשטעלט־קייט. אין פארטיפן זיך אינעם דאָזיקן שווערן און כמעט אומפארשטענדלעכן רמב"ם קומט ער צו דער איבערצייגונג, אז דער רמב"ם האָט דאָ געמיינט די אמאָליקע געצנדינער, די היידן און בשום אופן ניט די קריסטן אָדער מאכמעדאנער[24א]. ער איז אויך זיכער, אז דער זאָג פון רבי שמעון בן יוחאי: „אתם קרויים אדם — ואין אומות העולם קרויים אדם", איז בלויז געמיינט, די פארצייטיקע רוימער, די אכזריותדיקע הענקער אין יענעם „דור של שמד".

יצחק רפאל, אין זיין „ראשונים ואחרונים"[25] שרייבט, אז רש"י האָט געזוכט א וועג, ווי מקיל צו זיין וועגן נעמען פראָצענט („רבית") פון א ייד און דערלויבט דאָס טאָן דורך א פארמיטלונג פון א ניט־ייד און ווער ס'וויל ניט נעמען פראָצענט, אפילו אויף אזא אופן, איז ער א שוטה, „הנמנע ליקח רבית בענין זה, הרי זה חסיד שוטה"[26].

נאָך מער, ברענגט ער, אז רש"י האָט דערלויבט א ייד צו שיקן א שליח און געבן א הלואה און קריגן פאר אים פראָצענט, ווייל די תורה האָט בלויז פארבאָטן דירעקט פון האַנט פון לוה צום מלוה; דורך א שליח, פאַלט אוועק דער פארבאָט און מ'קען ניט זאָגן: „שלוחו של אדם כמותו", ווייל „אין שליח לדבר עבירה", מ'קען ניט מאכן קיין שליח, ער זאָל טאָן פאר אים אן עבירה און טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקייט. יעדער איינער טראָגט זיין אייגענע אחריות.

אויף דעם, גראָד, ברענגט ער, זענען די פוסקים מחולק[27]. זיי ווייזן אָן, אז איינער א תלמיד טועה, האָט דאָס צוגעשריבן צו רש"י'ן.

אינטערעסאַנט איז, דער דין, אז אפילו פון א געשמדטן ייד, א מומר לעבודת כוכבים, טאָר מען ניט נעמען קיין פראָצענט, ווייל ער איז אַלץ א ייד[28].

דער וואָס באָרגט געלט אויף פראָצענט („רבית") איז ער ווי א שופך דמים, לויט אן אנדער מיינונג, ווי א שלאַנג וואָלט אים געביסן . . .[29]

ס'איז בעסער, ווערט געזאָגט, צו פארקויפן זיין טאָכטער אַלס דינסט, איידער זיך באָרגן געלט אויף הויכע פראָצענטער.

די תלמוד־שעפער זענען געווען די שאַרפסטע אַנטי־רבית סיסטעם.

צוליב תיקון העולם האָט מען אָבער געמוזט זוכן וועגן ווי צו דערלויבן רבית—פראָצענט און אין דער תלמודישער און נאָך תלמודישער עפּאָכע, איז דער היתר געקומען דורך א ספּעציעל אויסגעאַרבעטן דאָקומענט אין א ספּעציפישן נוסח, וואָס האָט דעם לוה און מלוה פארבונדן אין שותפות, גערופן „היתר עיסקא"[30].

מערקווירדיק איז די מיינונג פון רב יהודה, אין נאָמען פון זיין רבי'ן שמואל, אז תלמידי חכמים מעגן באָרגן איינער דעם אנדערן אויף פראָצענט, ווייל זיי ווייסן,

אז מ'טאָר נישט נעמען אָדער צאָלן פּראָצענט, גיבן זיי עס זיך אלס געשאַנק, א מתנה[31].

דער דאָזיקער דין ווערט באַשטעטיקט דורך מפרשים און פּוסקים[31א] און בלויז דער רמב"ן איז מחמיר און דערלויבט בלויז אַזעלכע הלוואות, ווי שפּייז־אַרטיקלען, זיך רעכנדיק מיט דער הלכה למעשה, אז מ'האָט דערלויבט נעמען 120 פאַר 100 מאָסן פּעפּערקערנדלעך . . . (תוספות (אויפן אָרט) גיט צו, אז בלויז א פינפטל איז דערלויבט געוואָרן און אויף א פינפטל זענען מענטשן ניט מקפיד).

אינם לעצטן דור, אין די יאָרן פאַר'ן גרויסן אומגליק און אומקום פון פּוילישן יידנטום, האָט זיך דערמיט פאַרנומען דער לובלינער רבי (געוואוינט די לעצטע יאָרן אין וואַרשע) רבי אלתר עזריאל מאיר איגר זצ"ל הי"ד, אייניקל פון לובלינער רבי'ן ר' ליבעלע אייגער[31ב], וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט צוויי קונטרסים אונטערן נאָמען „הצעה תקנה נחוצה" און געהאַט הסכמות פון די גדולי הרבנים אויף אָט דער תקנה.

אין זיין מאָנומענטאַל ווערק „יידישע געלט"[32], שטעלט זיך אָפּ דער מחבר יצחק ריבקינד אויך וועגן „פּראָצענט געלט", ווי ער רופט עס „עיסקא, צינדזן וואָס מען צאָלט פאַר א באַקומענער הלוואה" און איז יצר הרעדיק און האָט א רייץ, ווייל עס קומט אָן לייכט, אָן מי, „ער שלאָפט און זיינע רווחים גייען" . . .

דער מחבר פון הלכה־ספר „חיי אדם" (ר' אברהם דאנציג) זאָגט אָן זיינע קינדער, זיך אויסהיטן פון אַזעלכע געלטער[33].

יצחק ריבקינד שרייבט צווישן אַנדערן:

„פון קדמונים אָן — זאָגט ער אינם אַריינפיר — האָבן שונאי ישראל אונז יידן פאַרגעוואָרפן, אז פון גאַנץ פאָלק זענען מיר געוואָרן א געלט־פאָלק, דער נאָמען ייד אַליין איז געוואָרן א סינאָנים צו געלט־גייציקייט[34].

ער גיט אונז אינטערעסאַנטע מקורות, יידישע און ניט־יידישע, וועגן געלט ־יי יידן, וועגן די באַשולדיקונגען, אז יידן זענען געלט־מענטשן, ביי וועמען געלט איז זייער לעבן און ער קומט צו אַזאַ אויסגעהאַלטן־אמתדיקן אויספיר:

„. . . ס'זענען תמיד געווען און וועלן זיין געלט־יידן, אָבער נישט אויף זיי שטייט די יידישע וועלט נאָר בזכות פון אָרעמע למדן־וואָוניקעס. אפילו די „חבלי משיח" זענען פאַרבונדן מיטן אידעאַל פון געלטלאָזע וועלט: „אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס"[35].

און ווייטער:

„כאָטש מען דערציילט אויף דעם ש"ך, ר' שבתי כהן, אז ער האָט געהאַט א וגילות, ווען ער פלעגט זיצן און לערנען, איז פאַר אים געשטאַנען א שיסל מיט גילדענע רענדלעך און מיט דער האַנט פלעגט ער מישן די רענדלעך, כדי צו לערנען מיט הרחבת הדעת[36] איז דאָס גאַנץ ווייניק כאַראַקטעריסטיש און נישט

צו גלייבן אויף א ייִדישן גאון און א גרויסן רב, ווייל איינער פון די גרעסטע טיטלען איז ביי ייִדן עד היום געבליבן — „ער ווייסט נישט קיין צורת מטבע"[37].

י. ר. ציטירט דאָ א וואונדערלעכן ירושלמי[38] וואָס ווייזט, אז שוין אין די גאָר אַלטע צייטן פלעגט מען ביי ייִדן זיך גרויסן מיט א מענטש וואָס קען ניט קיין צורת מטבע: „נחום איש קודש קדשים שלא הביט בצורת מטבע מימיו".

פון א פאָלקס־ליד, וואָס ער ציטירט איז קלאָר, דער ייִדישער באַגריף, אז געלט איז געשאַפן געוואָרן פאַר ייִדישקייט . . .[39] און רעדנדיק וועגן יושרדיק געלט, שרייבט ער . . . „אמתדיק, אז דורות האָבן זיך דערצויגן מיט א ציטער פאַר א פרעמדן גראָשן" און אז „דער עיקר פרומקייט — ווי ר' צבי הערש קיידנאוער שטרייכט אונטער — שטעקט אין געלט, וועלכערע אויף געלט איז ביישטענדיקט דער הייסט פרום"[40].

דער מחבר פון דער געלט־שטודיע אין אַלע פאַזן, האָט בכוונה געשטעלט דעם דערוויז, וואָס איז הלכהדיק באַגרינדעט, אז „כל הגוזל את חברו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו" [41] און ער ווייזט אָן אויפן סמך הלכה און מוסר־ליטעראַטור מיטן צוגאָב פון דער ייִדישער און העברייאישער ליטעראַטור וועגן ערלעך האַנדל, וועגן נישט באַגזלען און נישט באַרויבן קיינעם און אז דער רעכטער עושר איז דער אָרנטלעכער גביר: אין זיינע ווערטער: „אַזוי איז געווען אַפילו די סוחרישע עטישע אַטמאָספערע, אָרנטלעכקייט האָט מען געאָטעמט מיט דער פרומער לופט אַרום. מען האָט פשוט אַריינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך יענעם ציטער פאַר פרעמד געלט און דעם וואונטש צו לעבן מיט א כשרן גראָשן" . . .[42]

„פאַרשטייט זיך, אז אין דעם פרט פון יענעמס געלט איז נישט קיין חילוק אין מוסר־היהדות צווישן ייִד און ניט־ייִד, צווישן ייִדישע און גויאישע פרעמד־געלט. פאַרקערט, ווען עס רירט אָן א גוי, איז דאָס נאָך הארבער, ווייל עס שמעקט מיט חילול השם, און דאָ איז גילטיק: „חמור גזל הגוי מגזל ישראל מפני חילול השם"[43].

„וואָס איז כשר געלט?" — שטעלט י. ר. די האַרבע פראַגע און ער איז מסביר מיט א חסידישער מעשה[44].

„וועגן דער שאלה האָט מען דן געווען אין חסידישן בית־המדרש. און ווער? דריי זיילן פון חסידות — ר' פנחס קאָרעצער, ר' לייב שרה'ס און ר' יעקב־שמשון שעפעטקאָווער (שעפעטיווקאָווער?).

זיי זענען אַמאָל געזעסן און האָבן געשמועסט — ווייל האָבן א חסידישע מסורה — וועגן ייִדישע צרות, גלות השכינה און סתם גזירות רעות. דער שמועס האָט גורם געווען עצבות און זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי אויך אַריינפאַלן אין א מרה־שחורה, וואָס איז בגדר עבירה, רופט זיך אָפּ איינער:

ווער ס'האָט כשר־געלט זאָל געבן און מיר וועלן קויפן יי״ש, כדי צו האָבן אביסל שמחה. אַ תיקון צו דער נשמה.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די דריי אַ וויכוח וועגן כשר־געלט. יעדער האָט געוואָלט קויפן תיקון און אָנגעגעבן אַ טעם פאַרוואָס זיין געלט איז כשר.

„נמנו וגמרו, ס'איז ביי זיי געבליבן, אַז נישט דאָס דיינות־געלט פון שעפּעטקאָווער רב, נישט דאָס פּדיון־געלט פון ר' פּנחס קאָרעצער איז אמתע כשר־געלט, נאָר אַ נדבה וואָס ר' לייב שרה'ס האָט באַקומען פון אַ יידן, דאָס איז כשר געלט[45].

„מתנגדות — זאָגט ווייטער י. ר. — האָט די שאלה, דורך דעם מויל פון אַ פּרוי, פאַרענטפערט העכער:

„דאָס כשרסטע געלט — האָט געזאָגט יהואשעס מאַמע — איז דאָס, וואָס קומט פון דער ערד דורך דעם מענטשנס מי און דורך גאָט'ס ברכה[46].

יצחק ריבקינד'ס ווערק איז געווידמעט אינגאַנצן, ווי דער נאָמען זאָגט, צו יידיש געלט, און פאַרשטייט זיך צו די ענינים פון צדקה, מעשר־געלט און ענלעכעס, אָבער דאָס געהערט נישט צו אונזער אַרבעט[47].

אינטערעסאַנט איז, ווי יידן, די, וואָס ווערן אַזוי באַשולדיקט פאַר געלט־גייציקע, האָבן זיך געהיט שבת ניט צו נעמען קיין געלט, ניט צו באָרגן און ניט אָפּצונעמען חובות; ניט אַרויסצוגעבן משכנות און ניט פאַרנעמען זיך מיט געלט־טראַנזאַקציעס, אפילו, ווען דאָס האָט געמיינט ריזיקירן מיטן לעבן.

אין פּוילן, האָבן יידן אויסגעקעמפט רעכט ניט צו דאַרפן מחלל שבת זיין צוליב אַזעלכע עסקים.

דר. יצחק לעווין, אין זיין ווערק „יידן אין אַלטן פּוילן״[47א], אַרומרעדנדיק וועגן באַדייט פון קאַלישן סטאַטוס, שרייבט, אַז דער דעקרעט פון פירשט באָלעסלאַוו אין יאָר 1264, האָט צוו״א גאַראַנטירט די יידן די רעכט צו באָרגן געלט אויף משכונות און אַז „מ'קען דעם ייד נישט צווינגען צוריקצוגעבן משכונות אין זיין פעסט־טאָג (שבת און יום־טוב). דער קריסט וואָס וועט צווינגען דעם ייד אויף חלול שבת, זאָל ער שטרענג באַשטראָפט ווערן . . .[247].

דער דין איז אויך, אַז אויב מ'גיט אַן הלוואה אויף פּראָצענט, טאָר מען ניט נעמען פון דעם שבת ריווח, ווייל דאָס וואָלט געמיינט, מאַכן אַ שבת־פאַרדינסטל[48].

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז ניט געקוקט אויף די אַלע באַשולדיקונגען, אַז די יידן האָבן פאַרכאַפּט דער וועלטס פינאַנץ און זענען פאַרטאָן אין געלט און בענק־אונטערנעמונגען, זענען יידן קיינמאָל ניט געווען אין אַמעריקע, די גאָלדענע אַמעריקע, די אַרטיקע בענק־אייגנטימער אפילו דעם פּראָצענט וואָס איז זיי געקומען.

ערשט לעצטנס איז באַוויזן געוואָרן, אַז יידן פאַרנעמען בלויז אַ צענטל פון איין פּראָצענט פון די בענק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז דער

מצב אינם סאַמע מיטן פונם 20־טן יאָרהונדערט. וואָס איז געווען דער מצב אין 19־טן יאָרהונדערט?

לאָמיר הערן וואָס עס שרייבט אַ גוט־אינפאָרמירטע פּערזאָן, פרידריך ענגעלס, וועגן יידן אין אַמעריקאַנער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור:

„אין גאַנץ צפון־אַמעריקע זענען צווישן די מיליאָנערן, וועמעס פאַרמעגנס איז אפשר גרעסער ווי דער ווערט פון אַלע אונזערע מיזעראַבעלע מאַרקן, גולדנס אָדער פראַנקן—ניטאָ קיין ייד. די ראָטשילדס זיינען אמתע בעטלערס אין פאַרגלייך מיט די אַמעריקאַנער גבירים. אפילו דאָ אין ענגלאַנד איז ראָטשילד אַ מאַן מיט אַ באַשיידענעם פאַרמעגן אין פאַרגלייך למשל, מיט דעם דיוק אָוו וועסטמינסטער[49].

ווי מיר זען, איז עס אַ בלבול, אַז יידן זיינען די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירער. בעת ראָטשילד האָט זיך געוואָרפן אין אַלעמענס אויגן, האָט מען פון די ניט־יידישע באַנקירן און פינאַנסירן כמעט ווי ניט געהערט און פון זיי ניט גערעדט. בלויז אין די יידישע באַנקירן האָבן די אַנטיסעמיטן געזען די טרייב־קראַפט פון קאַפּיטאַליזם און דעם מקור פון אַליץ־שלעכטס ווייל, ס'איז זיי תמיד געווען לייכטער צו מאַכן דעם ייד אַ שעיר לעזאזל און עס האָט זיך די אַנטיסעמיטן לייכט איינגעגעבן צו באַשולדיקן יידן, אַז זיי קאָנטראָלירן די פינאַנציעלע וועלט.

ווי ווייט די תורה־געזעצגעבונג איז קעגן דער מעגלעכקייט פון אַנטוויקלען אַ ברייטערן פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, איז צו זען דערפון, וואָס די תורה זאָגט אָן, אַז עס איז פאַרבאָטן צו געבן אַ הלוואה, אויפן באַדינג, אַז נאָך אַ פּעריאָד, וואָס יענער וועט האַלטן די געלט, זאָל דער מלוה באַקומען מער פונם קרן און דער איסור איז חל סיי אויפן מלוה, סיי אויפן לוה, סיי אויף די מענטשן וואָס זענען פאַרמישט אין דורכפירן די דאָזיקע טראַנסאַקציע[50].

אין דער תורה רעדט זיך פון צוויי סאָרטן פּראָצענטער: **נשך און רבית. רבית** קומט פון אַ הלוואה אויף אַ באַשטימטער צייט און ווען די צייט ענדיקט זיך באַצאָלט דער לוה צוזאַמען מיטן פּראָצענט־צוגאָב; **נשך**, איז ביי אַ הלוואה, וואָס בלייבט נאָך ביים לוה, נאָר ער צאָלט פּעריאָדיש דעם פּראָצענט. ביידע ווערן גערופן אין תלמודישן לשון: „רבית קצוצה", וואָס מיינט—באַשטימטער פּראָצענט און ביידע זענען פון דער תורה פאַרבאָטן געוואָרן. די רבנן האָבן אויך פאַרבאָטן „אבק רבית", אַזאַ פאַרדינסטל וואָס איז לויט דער תורה דערלויבט, אַז עס קומט דורך האַנדל — אָבער די רבנן האָבן עס פאַרבאָטן[51], ווייל ס'וועט אויסזען ווי „רבית", סיידן אַז ער האָט זיך דאָס אויסגענומען פון פאַראויס, געמאַכט אַן אָפיציעלן שותפות־קאָנטראַקט.

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך זיך אָנצוהאַלטן שטרענג ביים דאָזיקן פאַרבאָט, לעבנדיק אונטער אַנדערע באַדינגונגען, אין פרעמדע לענדער, אונטער פרעמדע הערשאַפטן, איז מען געקומען ווי פריער דערמאָנט צום געדאַנק פון „היתר עסקא", וועמענס יסוד געפינט זיך אין תלמוד און וואָס איז

שפּעטער אויסגעברייטערט געוואָרן אין די ספרי הפּוסקים — און ווי מיר האָבן אין אָנהייב אָנגעמערקט, האָט אַ רבי אין פּוילן זיך פּארנומען מיט דעם ע ס ק פון היתר עסקא און אויסגעבעסערט דעם נוסח פון היתר עסקא.

דער חתם סופר, רעדנדיק קעגן די סוחרים און בעלי מסחר, איז ער בעיקר קעגן דעם געשעפט פון פּראָצענט נעמען, ווייל — האַלט ער — דאָס האַלט אים צוריק פון זיין אַ דירעקט באַטייליקטער אין פּראָדוקטיוויטעט און אַ מענטש האָט נאָר אַזויפיל זכיה אין דער געזעלשאַפט, וויפל ער שאפט און פּראָדוצירט.[52]

מ'טאָר נישט נארן — „אל תונו" און דער פארבאָט איז נישט בלויז „אונאת ממון", אויסנארן געלטער, נאָר אפילו „אונאת דברים", אפילו נארן מיט ווערטער און ניט בלויז אַ יידן, אפילו דעם ניט־יידן, טאָר מען ניט אויסנארן, ווי ס'וואָרנט אַזויפיל מאָל וועגן דעם ר' יהודה החסיד, ר' חיים וויטאַל (השל"ג־ש"פ; 1543-1620)[53], ר' צבי הירש אשכנזי (מאָראוויע — 1658; לעמבערג — 1718)[54], און אנדערע גדולי הפּוסקים און בעלי קבלה.

מסחר, משא ומתן, ווערט גאָר אָפּט דערמוטיקט — אָבער נאָר דאַן, ווען ס'ווערט געפירט מיט אמונה, ערלעך און איז ניט באַזירט אויף רייסן און „בייסן" דעם אָרעמאַן.

אויפן עולם העליון, שטעלט מען דעם מענטשן די ערשטע פראגע: „נשאת ונתת באמונה" און דער וואָס פירט זיינע עסקים מיט אמונה, איז פארערעכנט, ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה[55].

ווער עס ענדערט זיין וואָרט, איז ווי ער וואָלט געדינט צו אָפּגעטער, ער איז אונטער דער שטראָף פון „מי שפרע", ווי דער דור המבול און דור הפלגה[56].

צום סוף — אַ וואָרט פון אדמו"ר ר' אברהם מרדכי זצ"ל, לעצטער גערער רבי, ביי דער כנסיה הגדולה פון דער אגודת ישראל אין ווין אין יאָר תרפ"ז, בעת ס'איז אָנאָנסירט געוואָרן וועגן גרינדן אַ באַנק אין ארץ ישראל, אַז מען דאַרף געדענקען צו מאַכן אַ היתר עסקא ביי יעדער הלואה.

„אין תורת כהנים, אויך אין ילקוט פרשת בהר סיני — האָט ער געזאָגט — שטייט, „ובמרבית לא תתן אכלך אני ד' מכאן אמרו כל המקבל עליו עול רבית מקבל עליו עול שמים . . . " אייגנטלעך דאַרף דאָך שטיין עבירת רבית נאָר ס'איז אַ רמז אויף די היינטיקע צייט, אין אַ דור שפל, ווען מ'קען נישט מקיים זיין די מצוה בשלימות, אינגאַנצן זיך מונע זיין פון רבית, זאָל מען טאָן לויט דער עצה „מצוה לשמוע דברי חכמים", צו מאַכן אַ היתר עיסקא ביי יעדער הלואה און דאָס איז געמיינט עול מצות רבית, ווייל עס איז דאָך אַן עול דאָס צו טאָן און דאָס צו געדענקען.

די נאַציאָנאַלע ישראל באַנק, אויפן פאַרלאַנג פון רבנות הראשית, האָט אין אירע תקנות, אויך די תקנה פון היתר עיסקא.

ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, האָבן די חז״ל, די תנאים און אמוראים, געהאַט א פּאָזיטיווע באַציאונג צו מלאָכה און גלייכצייטיק ניט נעגירט מסחר, אויב ער ווערט געפירט אויף אַן ערלעכן אופן, אויב דער משא ומתן איז באמונה.

ב. סאָציאַלע מאָטיוון אין רבנות־ליטעראַטור און אין חסידות. — מצב פון יידן אין נייער צייט. — לערנעו און מעשה.

אין דער משנה פון רבי אליעזר האָט מען געלערנט: ליב איז די אַרבעט, וואָס אַלע נביאים האָבן זיך באַשעפטיקט מיט איר . . . אַזוי ביי יעקב אָבינו, אַזוי ביי משה רבינו, אַזוי ביי דוד המלך — ביי אַלע ווערט דערציילט, אַז זיי זענען געווען פּאַסטוכער, אַרבעטער. ביים נביא עמוס: „ווייל אַן אַנטרייבער בין איך, און אַ מאַנדלען־פלעגער". — ניט קיין וואונדער דעריבער די אומצעליקע אַרבעט און אַרבעטער רעגולאַציעס וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די חכמי התלמוד[1] און וועלכע האָבן געהאַט גרויס השפעה אינם לעבן פון יידן אומעטום, אין די אַלע גלותן, ביז די לעצטע יאָרן, ווי מיר וועלן דאָס זען אין ווייטערדיקע פּרקים.

די דאָזיקע טראַדיציעס, זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, און תלי־תלי הלכות זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן, לטובת דעם אַרבעטער און ניט וויניקער לטובת דעם אַרבעטסגעבער. די דאָזיקע הלכות, זענען מייסטנס באַזירט אויף דעם יושר געפיל און ניט וויניקער אויפן געפיל פון רחמנות, וואָס איז דער בעסטער סימן־מובהק פון די „זרע אברהם"[2]. רחמנות אויף יעדן ליידנדיקן, רחמנות אפילו אויף בהמות און חיות: זאָלסט ניט פאַרבינדן דעם מויל פון אַן אָקס, ווען ער דרעשט . . . זאָלסט אַרויסגעבן אין שמיטה־יאָר פון הויז פאַר דער חיה׳ם וועגן . . . און ווען מען איז דאָס אַלץ מקיים, זאָגט אונז די תורה — "וצויתי את ברכתי", וועט זיין אַ ברכה, וועט זיין שפע, ווי דער זוהר זאָגט ביי שבת: „כל שיתין יומין מיני׳ מתברכין" אַז די גאַנצע וואָך ציט איר שפע פון שבת און אַזוי מיט׳ן שמיטה־יאָר, אויב מען איז מקיים און מען היט אָפּ די מצוה פון שמיטה, האָט מען ברכה פאַר די גאַנצע זיבן יאָר.

אין די פריערדיקע פּרקים, האָבן מיר באַהאַנדלט פּרטים פון באַציאונגען צום אַרבעטער, לויטן טרוקענעם איינפאַך־לאָגישן געזעץ. אויך די עטישע באַציאונג צום אַרבעטער. דאָ ווילן מיר אָנמערקן אויף דעם מצב פון יידן בעת דעם אויפשטייג פון חסידיזם און בכלל, די באַציאונג צום בעל מלאָכה מצד די פירער פון דער מתנגדישער מוסר־באַוועגונג.

וואָס שייך דעם „מוסר האדונים והעבדים", האָבן שוין אַ סך געשריבן[3] און אָנגעוויזן אויף דעם חילוק אין דער דאָקטרין פון אַזעלכע גייסטער ווי ניצשע און שאָפּענהויער, וועגן די עטישע ווערטן וואָס דאַרפן באַהערשן דעם מענטש און די יידישע אויפפאַסונג. לויט דעם דייטשן פילאָזאָף ניצשע, דאַרף דער מענטש

איינשפּאַנען זיינע נאַטירלעכע כחות בכדי צו באַהערשן שוואַכערע פון אים, קנעכט און שקלאַפן. ער זאָגט עס גאַנץ אָפן, אַז ער איז קעגן דער יידישער קעגנערשאַפט צו דער דאָזיקער אַנערקענונג פון אַריסטאָקראַטישקייט און אַז יהדות לערנט אַז בלויז אומגליקלעכע, נעבעכדיקע זענען די אַבסאָלוטע גוטע...

ווי מיר האָבן פריער אָנגעדייטעט און טאַקע באַוויזן פון מאמרי חז"ל, האָט דאָ ניצשע ווייט ניט אויפגעפאַסט דעם מוסר היהדות, ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אינם יהדות איז ניטאָ סתם אַזוי דערהויבונג אָדער דערנידערונג. די זעלביקע תורה וואָס זאָגט אָן צו באַזאָרגן דעם אָרימען, דעם שוואַכערן, דעם פרעמדן, דעם יתום, די אַלמנה, די זעלביקע תורה לערנט: „ודל לא תהדר בריבו"! די תורה וויל גערעכטיקייט פאַר יעדן. די תורה וויל שוץ פאַר דעם שקלאַף און דער־נידעריקטן — אָן עטישע באַנעמונג פון אדון צום עבד און דאָס פאַרקערטע: דער אַרבעטער, דער שקלאַף האָט פאַראַנטוואָרטלעכקייטן צו זיין אַרבעטסגעבער, צי ער איז זיין אדון אָדער בלויז אַרבעטסגעבער ... .[4]

די יידישע עטיק, איז, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, און ווידערהאָלונג איז איבעריק, באַזירט אויף אמת, דער נאָמען פון גאָט איז אמת און דער כהן ווערט געלויבט צוליב זיין היטן די תורת אמת — „תורת אמת היתה בפיהו"[5], און אמת ווייסט ניט פון חניפה אָדער עוולה. אמת פאָדערט גערעכטיקייט, צום עשיר ווי צום עני: גערעכטיקייט פאַר דעם קנעכט און גערעכטיקייט פאַר זיין באַזיצער, פאַר דעם יחיד ווי פאַר דעם צבור — אָבער וועגן דעם ווייטער.

דאָ ווילן מיר אויך אָנווייזן אויף דעם מצב פון יידן אין די גלות־לענדער, באַזונדערס אין מזרח־איראָפּע און וויאַזוי יידיש־רעליגיעזע באַוועגונגען האָבן אויפגעפאַסט דעם יידישן גורל און געזוכט זיין ליזונג.

אין די לעצטע יאָרן איז אונזער פאָרש־ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט אַ צאָל ווערק וועגן יידישןווירטשאַפטלעכן לעבן, ווי אַ צוגאָב צוי די היסטאָרישע ווערק פון גרעץ־דובנאָוו, געגוג צו דערמאָנען די ווערק פון דר. יעקב שאַצקי (וועגן פּוילישן יידנטום) פון דר. עמנואל רינגלבלום הי"ד, פון דר. רפאל מאַלער, פון דר. א. רופּין („הסוציולוגיה של היהודים" דריי חלקים), פון יעקב לעשצינסקי (אַ צאָל ווערק אויפן געביט פון סטאַטיסטיק און סאָציאָלאָגיע) פון דר. יצחק שיפּער הי"ד[6] און אַ צאָל עלטערע און יונגערע פאָרשער.

די דאָזיקע פאָרשער האָבן אויך געשריבן, וועגן דער באַטייליקונג פון יידן אין די פאַרשיידענע רעוואָלוציעס אין איראָפּע, און דער חילוק צווישן יידן און קריסטן אין די אויפשטאַנדן — דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צום מצב־רוח פונם ייד אין אָט די תקופות.

דער פילאָזאָף שלמה מיימון גיט אונז אַ בילד פון די יידן אין פּוילן:

„די יידן אין פּוילן — שרייבט ער — טיילן זיך אין דריי קלאַסן: 1) בעלי מלאָכות, ניט קיין געלערנטע; 2) יידישע געלערנטע וועלכע האָבן דאָס לערנען

געמאכט פאר א פרנסה, געוואָרענע מלמדים, שוחטים, רבנים און אנדערע כלי קודש; 3) בטלנים, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון אנדערע".

ס'איז אָבער געווען נאָך א קלאַס וועלכער האָט זיך מיט די דריי ניט אָנגעקערט, דער דאָרפישער קלאַס, אונטער דער ממשלה פון די פּריצים, וועלכער איז ניט געווען אונטערוואָרפן קהל, אויסער דאָס באַצאָלן די שטייערן, וועלכע זענען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן. דער דאָרפישער ייד איז געווען ביז גאָר אַן עם הארץ, און איז ניט געווען צופרידן פון די שטרענגע דינים און גזירות וואָס האָבן געשטערט דער שותפות און דעם האנדל מיט די פּויערים.

אין יענער צייט האָט זיך אַנטפּלעקט די „קבלה". צוערשט צווישן די געלערנטע, די לומדים און נאָכדעם זיך פאַרשפּרייט צווישן דער מאַסע — און דאָס האָט גורם געווען צום אויפשטייג פון דער פאַלשער משיח באַוועגונג אונטער דער אָנפירערשאַפט פון שבתי צבי און יעקב פראַנק.

דער דאָזיקער משיחיזם איז סוף־כל־סוף אויפגעדעקט געוואָרן אַלס פאַלשער און סכנות'דיקער פאַר'ן קיום פונם פאָלק.

עס איז אָבער דאַן פאָרגעקומען א גייסטיקע רעוואָלוציע אין דעם לעבן פון דעם מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום. דער מיסטיציזם האָט זיך איינגעבירגערט אין די הערצער פון פּוילישן יידנטום. די לומדים האָבן זיך מיט איר באַשעפטיקט, געלערנט און פּראַקטיצירט קבלה מיט דער גרעסטער התלהבות. אַזוי אויך די מאַסע, וועלכע האָט זיך אויך גענומען צו דער פּראַקטיק פון קבלה דורך אָפּשוואַכן דעם חומר און פאַרשטאַרקן דעם גייסט דורך פייניקן זיך, דורך פאַסטן און אַנדערע ענויים. ס'האָבן זיך געמערט „בעלי השם" מיט זייערע וואונדער פון „צרופי שמות", היילן קראַנקע אדג"ל. ביז ס'איז געקומען דער אמתער בעל שם, געגעבן א תיקון דער קבלה, געשאַפן דעם חסידיזם און אָנגעפאַנגען די נייע תקופה אין דער געשיכטע פון יענעם טייל יידנטום. מיטן אויפשטייג פון חסידיזם, איז אַוועק די סכנה פון פאַלשן משיחיזם — און יידישע הערצער זענען געשטאַרקט געוואָרן מיט'ן אויפלעב פון חסידיזם, קבלה'איסטישע הנהגה אין וועלכער די מאַסן האָבן זיך געקענט באַטייליקן.

מיר האָבן וועגן חסידות א סך געשריבן7 און ס'ווילט זיך ניט איבערחזרן.

ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט צום חסידות צוגעצויגן א גרעסערע צאָל אנשי־רוח און זיי האָבן פאַרשפּרייט די נייע, פאָלקס־לערע וואָס איז אַלט, ווי דאָס יידנטום אָבער באַלעבט געוואָרן. אַרום בעש"ט געפינען מיר אַזא פּערזאָן, ווי ר' לייב שרה'ס (געבוירן אין יאָר הת"צ בערך, נפטר ד' אָדר, תקנ"א) אויף וועמען דער בעל שם האָט געזאָגט, אַז ער פאַסט פון שבת צו שבת, ניט ווייל ער וויל פאַסטן, נאָר פּשוט צוליב זיין פאַרנומענקייט אין העכערע ענינים, פאַרגעסט ער צו עסן. ער איז דער אַריסטאָקראַט צווישן דער חברה — און ער איז דאָס געווען ביים קיסר פראַנץ יוזעף אים אָפּצוהאַלטן פון פאַרשיידענע גזירות.

אַרום דעם בעש״ט געפינען מיר, אויסער דעם מעזריטשער מגיד, אַזא ייד ווי ר׳ מענדל וויטעבסקער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן חסידות אין דער ליטע און אין רוסלאַנד, פאַרטיפערן דאָס חסידות און נאָך דער פּטירה פון זיין רבי׳ן, ר׳ בער (י״ט כסלו, תקל״ג) און נאָך די גזירות און חרמות מצד דעם גאון פון ווילנע (תקל״ב) האָט ער פון האראַדאָק, אָנגעפירט מיט׳ן חסידישן קאַמף. אין יאָר תקל״ז איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל, געגרינדעט דעם חסידות־ישוב אין צפת ביי די קברים פון ר׳ שמעון בן יוחאי און דעם אר״י זצ״ל, געשיקט זיין תלמיד־חבר ר׳ ישראל פּאָליצקער אין די גלות־לענדער זאַמלען געלט פאַר דעם ישוב. נאָך זיין פּטירה (טבריה, יום ב׳, ר״ח זיו, תקמ״ח) האָט זיין תלמיד, ר׳ אברהם קאַליסקער, אַ געוועזענער תלמיד פונם גר״א, אָנגעפירט מיט דער חסידישער עדה.

מיט דער חסידישער באַוועגונג האָבן אָנגעפירט:

ר׳ אברהם המלאך (געבוירן תק״א) לויט חסידים, געקומען אויף דער וועלט, שלא כדרך הטבע און איז נסתלק געוואָרן (י״ב תשרי, תקל״ז) אין עלטער פון 36 יאָר. זיין חבר איז געווען ר׳ שניאור זלמן פון ליאָדי, וועלכער האָט מיט אים געלערנט גפ״ת און נסתר . . .

ר׳ נחום דער גרויסער (פון טשערנאָביל) — איינער פון די חסידישע מנהיגים (געבוירן אין גירינסק, וואָלינער גובערניע, אין יאָר ת״צ) אָפּשטאַמענדיק פון משפחה גדולי תורה, לומדים, רבנים, איז ער געוואָרן אַ חסידישער מנהיג, זיך אויסגעצייכנט מיט דער מדה פון עניוות און תמימות און צוגעצויגן טויזנטער יידן צום חסידישן דרך (נפטר אין טשערנאָביל, י״א חשון, תקנ״ח.

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער — אומפאַרגלייכלעך אין זיין דרך אפילו צווישן די חסידישע מנהיגים. די חסידישע פאַנטאַזיע גיט איבער אַז זיין נשמה איז געווען די נשמה פון ר׳ עקיבאָ בן יוסף. זיין אָפּשטאַם (געבוירן הת״ק) פון מוטער׳ס צד — פונם מהרש״א און פונם פאָטער׳ס צד — 26 דורות רבנים. ער האָט פאַרשפּרייט חסידות אין פּוילן, גאַליציע און אוקראַינע: חתונה געהאַט קיין לעווערטאַוו, ביי לובלין, אַ שטעטל וואָס איז דאַן געווען באַוואוסט מיט אירע גדולי תורה, צווישן זיי: ר׳ ישכר־בער, שפּעטער געוואָרן רב אין זלאָטשעוו; ר׳ מאיר תאומים, פאָטער פון „פרי מגדים״; ר׳ יוסף, דער מחבר פון „פרי מגדים״ און אנדערע. געלערנט אין ריטשעוואַל, ביים אָרטיקן רב ר׳ שמעלקע הורוויץ, שפּעטער רב אין ניקלסבערג. צוליב די רדיפות פון גאון און דעם בריסקער רב, קאַצענעלבויגן אַוועק פון לעווערטאַוו, געוואָרן רב אין ריטש־עוואַל, דערנאָך אין פּינסק און דאָרט צוריק קיין פּוילן, קיין זשעלעכאָוו ביי לובלין — ערשט צום סוף געזעסן בשלום אויף רבנות־שטול אין

באַרדיטשעוו — די יחוס־שטאָט פאַר חסידים, צענטער פון מקובלים . . .
נפטר געוואָרן כ״ה, תשרי, תק״ע.

ר׳ שניאור זלמן: זיין מחותן, דער באַגרינדער פון חב״ד־חסידות דער גרויסער פוסק, פאַרטיידיקער פון חסידישן דרך און שאַפער פון חסידות־פילאָזאָפיע, אַ גייסטיקער ריז אויף אַלע געביטן — ער און נאָר ער האָט זיך געקענט שטעלן קעגן שטראָם פון מתנגדים . . .

ר׳ יעקב יוסף מאוסטרהא (באַקאַנט אויך אַלס „רב ייבי״) — ער האָט אין אָסטרהאָ, די שטאָט פון מהרש״א, ט״ז און אַנדערע גדולי המפורשים והפוסקים, פאַרשפּרייט בעל־פה חסידות — בכתב און די שטאָט „אות תורה״ האָט געקראָגן דעם טיטל חסידות־צענטער (געבוירן תצ״ח; נפטר, ד׳ חוהמ״ס תקנ״ה).

נאָכדעם זענען געקומען די נאָכפאָלגער, צווישן זיי, אַזעלכע ריזן ווי: ר׳ אהרן „הגדול״ פון קאַרלין, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט, אַז ער האָט ממש געברענט מיט חסידות און ביי זיין טיש איז צום ערשטן מאָל געהערט געוואָרן די מעדיטאַציע פון שבת, „יה אכסוף״ . . . ביי די שבת זמירות. 36 יאָר אַלט געווען ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם עולם און דער מגיד, האָט אים מספּיד געווען מיט די ווערטער, „וי להאי שופרא דבלי בארעא״.

ר׳ משולם פייביש זבאַרזשער, דער בעל „דרך אמת״; ר׳ אלימלך ליזשענסקער — דער רבי פון אַ נייעם דור חסידישע מנהיגים, באַזונדערס אין פּוילן און גאַליציע (נפטר, כ״א אדר, תרמ״ז), ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט, פייביש דער אוהב ישראל), גרויסער יחסן, אַן אָפּשטאַמיקער פון ריב״ש, סון ר׳ יעקב פּאָלאַק, פון רבי׳ן ר׳ העשל פון קראָקע ביז דוד המלך. ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז דורכגעגאַנגען צען גלגולים און איז שוין געווען מלך, כהן גדול און נשיא . . .

אָבער צו וואָס זיך דאָ אריינלאָזן אין אָט דער גרויסער רשימה.

געגוג אָנמערקן אויף געציילטע פונם דור החסידות, וועגן זייער באַציאונג צום יידישן מענטשן, און אַז עס איז געווען זייער ציל, צו דערהויבן און מקרב זיין, אַזוי דעם אַרבעטער און אַזוי דעם געשעפטסמענטש. זיי האָבן ניט מסכים געווען מיט ר׳ יעקב עמדינ׳ס באַמערקונג אין זיין סידור, אַז אַ „חנוני״, אַ קרעמער, אָדער אַ „טישלער״ איז בכלל ניט געווינטשן אין דער געזעלשאַפט.

ר׳ יעקב עמדין איז געווען דער איש אמונים און פיינט געהאַט בתכלית השנאה, גלאַטיקע צינגלעך רכילותניקעס און סתם פאַלשע מענטשן. ער איז געווען דער נקי כפים ובר לבב און אַנטלאָפן פון כבוד. ער איז אויך געווען דער שטאַנדהאַפטיקער אין זיינע מיינונגען, אַ תקיף אין זיינע איבערצייגונגען און אַ קנאי בן קנאי, מיט אַ לייבן־האַרץ, ניט מורא־האָבנדיק פאַר קיינעם און ניט שאַנעווענדיק קיינעם אין קאַמף פאַר דעם אמת.

אין יאר תק"ח (1748) האט יעב"ץ ארויסגעגעבן זיין סידור מיט'ן פירוש „עמודי שמים", א חיבור וואס האט אים געגעבן א גרויסן נאמען אין דער וועלט, אבער אין אלטונא ארויסגערופן קעגן אים פיינטשאפט און קעגנערשאפט, ווייל אויף איין ארט, רעדט ער דארט דברי כבושים, מוסר־רייד וועגן האנדל און געשעפט, וועגן משא ומתן באמונה באציענדיק זיך אויף דעם מאמר חז"ל: „ולא ילמד אדם את בנו חנוני". האט ער צוגעגעבן: „גם השולחני בדורות הללו". צוליב די עטלעכע ווערטער, האבן די חלפנים, די ברזע־מענטשן פון אלטונא שטארק געצערנט קעגן אים, זיי האבן אין דעם געזען א פגיעה בכבודם, א באליידיקונג קעגן זיי און געווארן זיינע שונאים.

יעב"ץ (1776-1697) האט זיך פארענטפערט, געבעטן אנטשולדיקונג, אז ער האט בלויז געמיינט די פאלשע וואליוטע הענדלער און באנקירער, און ניט די וואס פירן זייערע פינאנץ־עסקים אויף אן ערלעכן, לעגאלן וועג — ס'האט אבער גארנישט ניט געהאלפן. זייער כעס האט זיך ניט איינגעשטילט[8].

רעדנדיק וועגן יענעם פעריאד, איז כדאי צו באמערקן, אז די דריי קהלות אה"ו (אלטונא, האמבורג, וואנזבעק) האבן ניט געהאט קיין רב אדער גייסטיקן פירער. נאכדעם ווי ס'איז נפטר געווארן (כ"ג תמוז, תק"ט) דער רב ר' יחזקאל קאצענעלבויגען, האבן זיי ניט געקענט געפינען א פאסיקן ממלא מקום. אין אלטונא, איז דאן געזעסן מיט גרויס כבוד דער גאון ר' יעקב ישראל (באקאנט אלס יעב"ץ). א סך פון זיינע פריינט, און אייניקע קהלה פירער, האבן אים שטארק געבעטן, ער זאל איבערנעמען דאס רבנות אין אה"ו, דעם פאסטן צו וועלכן ער איז פאסיק און צו וועלכן ער איז בארעכטיקט, ווייל זיינע עלטערן זענען דארט געווען רבנים. ער האט אבער בשום אופן ניט געוואלט נעמען אויף זיך דעם עול פון רבנות. ער פלעגט זאגן: „ברוך שלא עשני אב"ד", מיט'ן צוגאב, ניט דארפנדיק טראגן אויף מיינע אקסלען דעם יאך פון רבנות . . . [9]
און ער איז געווען גערעכט וואס ער האט ניט געוואלט קיין רבנות־שטעלע. ער האט זיך גוט געקענט און געוואוסט, אז ער איז ניט פאסיק פאר דעם. ער האט ליב געהאט בדידות און איז ניט געווען צופיל מעורב עם הבריות וואס איז א באדינג פאר רבנות.

אין חסידות האבן מיר פאלקסטימליכקייט, פאלקס־אידייע, אויך אין דער באציאונג צום ארבעטער און ארבעטסגעבער.

אלס מוסטער, איז גענוג צו ברענגען א קאמענטאר און אינטערפרעטאציע פון א חסידישן מנהיג, ר' מאירל פרעמישליאנער אויפן מאמר אין דער משנה[10].
„רבי מאיר אומר, לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה. רבי נהוראי אומר, מניח אני את כל אומניות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה . . .
(רבי מאיר זאגט: יעדער מענטש דארף לערנען זיין זון א ריינע און גרינגע מלאכה. רבי נהוראי זאגט: איך וועל איבערלאזן אלע מלאכות אין דער וועלט

און איך וועל לערנען מיין זון תורה). לויט דעם קומט אויס, אז רבי מאיר און רבי נהוראי זענען צוויי מענטשן. אָבער דאָס איז דאָך אין סתירה צו דער גמראָ[11]: „נהוראי שמו, ולמה נקרא שמו מאיר, שמאיר עיני חכמים בהלכה"). ער הייסט נהוראי, טאָ פאַרוואָס האָט מען אים גערופן מאיר? ווייל ער האָט פאַרלויכטן (מאיר, מיינט אויך לויכטן) די אויגן פון די חכמים מיט זיין תורה. קומט דאָך גאָר אויס פון דער דאָזיקער גמרא, אז מאיר און נהוראי זענען צוויי נעמען פון איין פערזאָן?

נאָר דער תירוץ איז — האָט ר' מאיר פּרעמישליאַנער געזאָגט — ביידע מימרות אין דער משנה געהערן צו ר' מאיר'ן, נאָר איינע האָט ער געזאָגט פאַר אַנדערע מענטשן און איינע פאַר זיך אַליין. מיט'ן רבים, מיט'ן כלל, האָט רבי מאיר געלערנט, אז „לעולם ילמד אָדם את בנו אומנות נקיה וקלה", אז מ'דאַרף נישט בלויז עוסק זיין אין תורה, נאָר אויך זיך באַשעפטיקן מיט אַרבעט, מיט מלאָכה; דאַקעגן, פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער, האָט ער שוין מחמיר געווען און געזאָגט, אז מ'דאַרף זיך מער עוסק זיין אין תורה . . . אזוי — פירט אויס ר' מאירל פּרעמישליאַנער — דאַרף מען זיך נוהג זיין „מחמיר לעצמו ומקיל לאחרים" . . . פאַר זיך זיין אַ מחמיר און פאַר אַנדערע אַ מקיל און נישט חלילה פאַרקערט . . . [12].

אין חסידות, ווייסט מען דאָך, און מיר האָבן שוין ניט איינמאָל ציטירט, איז דער יגיעי כפּימניק, געשטאַנען גאָר הויך.

אין די ספורי המעשיות פון רבי נחמן בראַסלאַווער, ווערט דערציילט, אז ער האָט אַמאָל געזאָגט, אז אַמאָל איז געווען אַ סעקטע, וואָס האָט געגלויבט אַז דער וואָס פאַרמאָגט אַ סך געלט, איז גאָט; דער וואָס פאַרמאָגט אַביסל געלט, איז אַ מענטש; דער וואָס האָט גאָרנישט ניט קיין געלט, איז אָרים — איז אַ בהמה! און זיי פלעגן ברענגען קרבנות פון די אָרימע צו די רייכע . . . ביי אונז יידן, האָט מען געלערנט, אז דער עיקר איז דינען גאָט; מ'האָט געקוקט מיט עקל אויף די וואָס זענען פאַרטאָן בלויז מיט געלט. דער נביאישער אידעאַל איז געווען „ביום ההוא ישליך האדם את אלילי כספו ואת אלילי זהבו"[13].

רבי שניאור זלמן, דער ליאַדיער, דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעבראַכט די נייע אידייע פון חסידיזם אין דער ליטע און זיך צוגעקוקט צום טרויעריקן מצב פון זיינע ברידער אין דער אָרימער ליטע, האָט שטאַרק געוואָלט העלפן די יידן, דעם פאָלקס מענטש וואָס לייַדט פון דלות, וואָס הונגערט און לעבט אין נויט[14].

ער ווידמעט אַ באַזונדערן בריוו וועגן מצב פון זיינע ברידער אין דער ליטע. אין זיין „אגרת הקודש" (הייליקע בריוו) פאָרמולירט ער זיין סאָציאַלן פּראָגראַם, „וואָס קען דינען פאַר אונז, ווי אַ קוואַל פון עטישן און סאָציאַלן פּאַטאָס"[15]:

„ . . . מיינע באַליבטע ברידער און פריינט, וואָס זיינען ווי מיין נפש! עס איז ניט פאַרהוילן פון אייך דער קלעם פון די צייטן, וואָס די פּרנסה האָט זיך

אויסגעלאָזן און בפרט, די וועלכע איך קען אין אייער מחנה וואָס זענען געבליבן אָן אַן אונטערשפּאַר און זיי לייען ממש אויף צו עסן. אָבער געדענקט אַז עס שטייט, „וחי אחיך עמך"! מען טאָר ניט לויטן האַרבן דין זיך קליידן אָנשטענדיק, אָדער פּראַוועון סעודות, ווען דעם חבר פעלט ברויט צום עסן, אָדער האָלץ צום הייצן. מען האָט ניט געזאָגט „דיין לעבן איז פריער פאַר דיין חבר'ס"[16] נאָר ביי איין קריגל וואַסער, וואָס דאָס איז אַ זאַך וואָס איז גלייך פאַרביידן צו דערקוויקן זייער לייב און דאָרשט. אָבער ניט, אַז איין מענטש זאָל מעגן עסן צו דער זאַט און גיין שיין, בכבודיק געקליידט, ווען דעם חבר פעלט ברויט צום עסן און אַ קלייד זיך איינצוהילן אין דער קעלט[17].

רבי שניאור זלמן, דער גאון אין נגלה און אין נסתר, דער שאַפער פון „שלחן ערוך הרב", האָט געזען אין יידישן דין די סאָציאַלע אידייע, די סאָציאַלע גערעכטיקייט און דעריבער אַזוי אַקצענטירט די דאָזיקע רחמנות אין דער יידישער עטיק.

אין הלכות שכירות ברענגט ער דעם כאַראַקטעריסטישן פּסק אין תלמוד[18]: טראַנספּאָרט־אַרבעטער האָבן אַריבערגעפירט אַ פאַס וויין און זי צעבראָכן. האָט דער אייגנטימער פון וויין, רבה בר בר חנה, אַוועקגענומען זייערע קליידער פאַר'ן שאָדן. זענען זיי געקומען און זיך באַקלאָגט פאַר רב'ן, האָט ער באַפוילן רבה בר בר חנאן זיי אומקערן די קליידער.

ווען רבה בר בר חנה האָט געפרעגט צי אַזוי איז דער דין, האָט ער געענטפערט אַז יאָ, ווייל די תורה האָט געהייסן „גיין אין די וועגן פון די גוטע". האָבן ווייטער די אַרבעטער געקלאָגט אַז זיי האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג און זיי זענען הונגעריק, האָט רב זיי ווידער געהייסן באַצאָלן זייער לוין. רבה בר בר חנה האָט ווידער געפרעגט, אַזוי איז דער דין? האָט רב ווידער געענטפערט — יאָ, די תורה האָט געזאָגט „דו זאָלסט אָפּהיטן די וועגן פון די גערעכטע".

רבי שניאור זלמן ברענגט דאָס אַלס דין. דאָס ווייזט בולט ווי ווייט דער רב האָט זיך באַמיט אַריינצוברענגען דעם לפנים משורת הדין אין די סאָציאַלע באַציאונגען[19].

דער באַגרינדער פון חב"ד, די פילאָזאָפיע פון חסידות, האָט אַריינגעבראַכט די אידייע פון סאָציאַלן יושר אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם — די ריכט־ליניע אין דער אויפפאַסונג פון דער הלכה און פון חסידישן מוסר.

ניט אומזיסט האָט חסידות באַקעמפט די תקיפים, פּראָטעסטירט קעגן דער הערשאַפט פון די גבירים און געזוכט אין דער הלכה דעם אויסדרוק פון סאָציאַלן יושר, אָנווייזנדיק אויף שטעלן אין יידישן קאָדעקס פאַר דער שוץ פונם פאָלקס־מענטש[20].

און דאָ איז אויפ'ן פּלאַץ, אַ וואָרט פון דעם גרינדער פון דער טשערנאָבילער־טריסקער דינאַסטיע, ר' נחום. ווען די מקורבים זיינע האָבן אים געפרעגט,

פאַרוואָס ער רודפט די גבירים, רבי האָט דאָך מכבד געווען די עשירים[21], האָט ער זיי געענטפערט: פאַרוואָס זאָל איך זיך אָפּלערנען פון רבי'ן, אַז איך קען זיך בעסער אָפּלערנען פון דעם אייבערשטן אַליין, ווי עס שטייט: „כי הוא יעמוד לימין אביון"[22].

צווישן די תקנות וואָס רבי מענדעלי רימאַנאָווער האָט איינגעפירט, איז אויך געווען די תקנה, אַז יעדן ראש־חודש זאָלן אַרומגיין משגיחים איבער די געוועלבער און זען, צי מען גיט די ריכטיקע וואָג[23].

איינמאָל, ווערט דערציילט, האָט דער רבי ר' מענדעלע געשיקט זיין משרת ר' הערש, וועלכער איז נאָך דער פּטירה פון רבי מענדעלע רימאַנאָווער, געוואָרן רבי, ער זאָל זען אין שטאָט, צי די וואָגן און מאָסן זענען ריכטיקע. אַז ער איז אַריינגעקומען צו אַ ייד אַ למדן און האָט ביי אים אין געוועלב געטראָפן אַ נישט־ריכטיקע מאָס, האָט דער בעל־הבית געזאָגט צו דעם רבינ'ס משרת, אַז די וואָג באַנוצט ער נישט מער. האָט אָבער ר' הירש אים אָנגעוויזן, אַז אַפילו בלויז האַלטן אַ פאַלשע וואָג אין געוועלב איז שוין אַן עבירה. האָט דאָס אַביסל פאַרדראָסן דעם בעל הבית, דעם למדן און ער רופט זיך אָן צו אים: „דו, הערש, קענסט שוין לערנען אויך?".

ר' הירש משרת איז געוואָרן רויט פאַר בושה, אָבער ער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט ביי אים צוגענומען די וואָג. ווען ער איז געקומען צום רבי'ן, האָט ער אים גאָרנישט דערציילט דערפון, נאָר די אַנדערע מענטשן האָבן דעם רבי'ן אויסגעזאָגט, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אין געוועלב פון דעם למדן.

דער רבי ר' מענדעלע האָט תיכף געהייסן רופן אַן אסיפה אין שול און האָט אָנגעזאָגט דעם שמש, אַז ער זאָל ביי יעדער טיר פון אַ יידיש הויז קלאַפּן אין שול אַריין, נאָר ער זאָל אויסלאָזן די שטוב פון דעם למדן. זענען אַלע יידן געקומען צולויפן אין שול אַריין און דער רבי האָט פאַר זיי געזאָגט אַ דרשה, זיי אָנגעוויזן, ווי האַרב די עבירה איז, ווען מען גיט ניט קיין ריכטיקע וואָג.

דער למדן האָט זיך דערוויסט, וואָס פאַר אַ רעש עס איז אין שטאָט און אַז אַלץ איז צוליב אים. איז ער געלאָפן אין שול אַריין אין די זאָקן, מקבל נזיפה זיין פון רבי'ן, אַרויסצונעמען אַ תשובה און בעטן ער זאָל אים מוחל זיין. האָט ער געטראָפן, דערציילט מען, שטייען ר' הערש משרת אין פאָרהויז פון דער שול און זאָגן תהילים, מתפלל זיין, אַז די קפדה פון רבי'ן זאָל דעם למדן חלילה ניט שאַטן . . .[24].

„געלט" — האָבן חסידים און בעלי גמטריאות געלערנט — איז ווי אַ לייטער („סולם" און „ממון" האָבן דעמזעלביקן באַטרעף) צו וויזן, אַז אַלע גייען אויף דאָזיקער לייטער, אַרויף און אַראָפּ, זה עולה וזה יורד, אַפילו די מלאכי אלקים, די מענטשן וואָס זענען ווי מלאכים מוזן אויך גיין אויף אָט דער לייטער. זיי קאָנען

אָבער מעלה זיין דאָס געלט און געבן דעם געהעריקן תיקון, ברענגען עס צו אַ העכערער מדרגה, דורך טאָן גוטס מיטן געלט, דורך העלפן נויט־באַדערפטיקע.

אויך אין דעם זענען געווען פאַרשיידענע שיטות.

ר' חיים סאַנדזער, האָט געליטן דחקות און מפזר געווען אַלע זיינע הכנסות פאַר הכנסת אורחים, הכנסת כלה און ביקור חולים און ענלעכע מצוות.

רבי נחומטשע, דער ערשטער טשערנאָבילער־טריסקער רבי, האָט תמיד מקרב געווען אָרימעלייט און גאָרנישט אַרויסגעוויזן קיין שמייכלדיקייט צו די עשירים. ער האָט געהאַלטן, אַז די עשירים האָבן סיי־ווי כל־טוב, זאָלן די אָרימעלייט כאָטש אויף אַזויפיל פאַרגעניגן האָבן, אַז דער רבי זאָל זיך מיט זיי אויסשמועסן. אַז אַן עושר און אַן אָרימאַן זענען ביידע געקומען צוזאַמען, האָט ער פריער אַריינגעלאָזן צו זיך דעם עני, מיט אים אַ סך גערעדט און דעם עושר געהייסן וואַרטן, ווייניק מיט אים גערעדט...

רבי ישראלטשע ריזשינער דאַקעגן האָט געפירט מלכות; דעם הויף געפירט מיט רחבות. אָבער, ווי חסידים האָבן דאָס פאַרשטאַנען, האָט ער געוויזן דעם וועג ווי אַזוי מען קאָן עומד זיין בנסיון, אפילו ווען מ'האָט עשירות, באַוויזן צו האָבן אַ לב נשבר אַפילו אין רייכטום . . . און ווי ר' חיים סאַנדזער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט מען דאָרט געזען מסירת נפש פאַר אַ יידן, אַז דאָרט האָט מען געזען דעם הר המוריה מיט דער עקידה און דער חמוריה איז דאָך געבליבן הייליקער ווי דער הר סיני, ניט געקוקט דערויף, וואָס אויפן לעצטן, האָט מען דעם „אנכי" געהערט און די שכינה האָט געגידערט בקולות וברקים, ווייל אויפן באַרג מוריה, האָט טאַטע און זון דעם האַלז געגעבן פאַר יראת און אהבת השם . . .

אין די ספרי הגאונים והפוסקים, זענען פאַראַן אומצעליקע הלכות בנוגע די תקנות און דינים אין די ענינים פון מסחר משא ומתן, וויאַזוי צו פאַרהיטן אַז דער האַנדל ביי יידן זאָל געפירט ווערן אויף דעם ערלעכסטן שטייגער. גאָר באַזונדער זענען

ג. תקנות בנוגע מסחר. — פון די גאונים ביז'ן ועד ארבע ארצות. — משא ומתן מיט ניט־יידן.

אָנגענומען געוואָרן תקנות ביים וועד ארבע ארצות.. אין פוילן וואו עס איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער יידישער ישוב, האָט דער וועד, אַנטשפּרעכנדיק די פאַרלאַנגען פון די יידישע מאַסן און די געבאָטן פון תורהדיקן צדק, איינגעפירט די דאָזיקע תקנות.

באַזונדערס מערקט זיך, די דאָזיקע טענדענץ אין די ת"ח־ת"ך יאָרן, נאָך די כמעלניצקי־ברוטאַליטעטן. דאָס יאָר 1648, איז געווען אַ דעציזיוו יאָר אין דער געשיכטע פון אייראָפּע; דאָס יאָר האָט געבראַכט מיט זיך דעם דרייסיק־יאָריקן קריג וואָס האָט דערטרונקען די אייראָפּייאישע יבשה אין בלוט, פייער און חורבן — דאָס דאָזיקע יאָר האָט געבראַכט אַן ענדערונג און כמעט אַ סוף צו די קאַמפן

צווישן די קריסטלעכע סעקטעס — אָבער פּאַר ייִדן: פינאַל פון קאַטאַסטראָפע, פון חורבן און אומקום.

אין יענעם יאָר, איז באַשטימט געוואָרן רבי מנחם מענדל קראָכמאַל, אַלס הויפּט־רב פון מאָראַוויע[1]. אונטער זיין פאָרזיץ איז אין 1652 פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון רבנים, וואָס האָט אָנגענומען דריי הונדערט און צען תקנות. איינע פון די תקנות, איז געווען אַז יעדער שטאָט זאָל אויפנעמען אַ רב וואָס זאָל לערנען פאַר׳ן עולם, פאַרשפּרייטן תורה און פסק׳ענען שאלות . . .

וועגן זיין חסידות און צדקות, ווערט דערציילט, אַז ר׳ שבתי כהן (דער בעל הש״ך) דאַן אַ פּליט, איז געקומען קיין מאָראַוויע נאָך די שווערע איבערלעבענישן וואָס ער האָט געהאַט, זיך ראַטעווענדיק פון ווילנע, וואו די קאָזאַקן זענען אריין אין שטאָט, און זיך באַמיט צו באַקומען די רבנות־שטעלע אין העלישוי. דער ראש פון דער אָרטיקער קהלה, האָט זיך געווענדעט צו דעם הויפּט־רב, ער זאָל זאָגן זיין מיינונג וועגן ר׳ שבתי׳ן וועלכער איז דאָרט געווען אומבאַקאַנט. האָט זיך פּונקט געטראָפן, אַז דער רבי פון זיי ביידן, ר׳ העשל פון לובלין, איז דאָרט געווען בעת ס׳איז אָנגעקומען דער בריוו. ווען רבי מנחם מענדל האָט אים געוויזן דעם בריוו, האָט ר׳ העשל זיך אָנגערופן: „רבי שבתי איז פון מיינע בעסטע תלמידים און דו וואָלסט אים געדאַרפט פאַרשלאָגן דיין רבנות און דו זאָלסט נעמען די רבנות־שטעלע אין העלישוי[2]. רבי מנחם האָט טאַקע אַזוי געטאָן און דער ש״ך איז געוואָרן הויפּט־רב.

רבי מנחם מענדל קראָכמאַל האָט שטאַרק געהאַלטן פון תקנות הקהל, אויב זיי זענען איינגעפירט געוואָרן לטובת די יידישע מאַסן. אַ תקנה אָדער אַ מנהג, איז ביי אים געשטאַנען גאָר הויך. אין איינער פון די תשובות[3], באַהאַנדלט ער דעם מנהג פון קאָכן פיש אויף שבת. אַזוי ווי די פיש־סוחרים האָבן געוואוסט אַז יידן ווילן שטאַרק האָבן דאָס פיש־מאכל אויף שבת, האָבן זיי באַשלאָסן העכערן די פּרייזן. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען, איז ניט געלונגען זיי אָפּהאַלטן פון די אויפגעשרויפטע פּרייזן און ער האָט געזען אַז דאָ איז נויטיק „הוראת שעה״ פאַר דער שוץ פון די אָרעמע און מיטל־קלאַס. ווי עס ווערט איבערגעגעבן האָט דער רב, מיט דער צושטימונג פון די פירנדיקע בעלי בתים, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז פאַר צוויי חדשים זאָל מען ניט קויפן קיין פיש („עשו הקהל הסכמה ששום איש לא יקנה דגים שני חדשים״) און דער רב האָט מאָטיווירט די רעכט פון דער דאָזיקער תקנה: „כיון דכבוד שבת הוא״.

דער רב שטאַרקט די דאָזיקע תקנה מיט דער באַהויפּטונג: „אם על ידי זה שקונים לכבוד שבת דגים מתייקר השער, שפיר דמי לעשות תיקון שלא יקנו דגים כלל לכמה שבתות כדי שיוזלו״. די הויפּט־זאָרג זיינע, איז צוליב די אָרעמעלייט: „איכא למיחש גבי שבת שעניים לא יקנו דגים לעולם מחמת היוקר דודאי מי

שיש לו מצוי ממון להוציא, יכול להרבות בהוצאות שבת . . . אבל עניים שאין להם ממון מצוי כדי להוציא הרבה לכבוד השבת היאך יכולים לקנות כיון שאין להם".

די דאָזיקע תקנה האָט אַ סך געהאָלפן, אַז די פיש־סוחרים זענען זיך צוזאַמענגעקומען, זיך פאַרשטענדיקט און געמאַכט די פרייזן צוגענגלעך.

וויאַזוי האָט דער רב גענומען די רעכט זיך מישן אין יענעמס געשעפטן, האָט ער געבראַכט אַלס באַזע פון זיין רעכט די משנה[4], פון וועלכער מיר לערנען, אַז רב שמעון בן גמליאל האָט געמאַכט אַ תקנה וואָס האָט זיך אויסגעדראַכט צו זיין שלא כהלכה, „לימד דבר שאינה כהלכה"[5], כדי צו צווינגען די „מפקיעי שערים", אַראָפּצולאָזן פון די פרייזן און ניט באַרויבן די אָרימעלייט.

רבי מנחם האָט דאָס אויך געלערנט ביי זיין רבי'ן, דעם ב"ח, (ר' יואל סירקיש), וועלכער שטעלט זיך אָפּ ביים מנהג פון כפרות־שלאָגן, וואָס מען איז זיך נוהג צו נעמען גראַד אַ ווייסן האָן און ביים זאָגן „בני אדם"[6], דרייט מען מיט אים איבער'ן קאָפּ דריי מאָל, נאָכדעם ווערט דער האָן אוועקגעשאָנקען צו אָרימעלייט, אָדער ווערט גע'שחט'ען און זיין ווערט אין געלט ווערט צעטיילט אויף צדקה.

דער דאָזיקער מנהג, דערמאָנט אַ ביסל פון קרבנות אין בית המקדש, אייניקע רבנים זענען דעריבער געווען קעגן דאָזיקן מנהג, ווייל קרבנות טאָר מען ניט מקריב זיין, ווען ס'איז ניטאָ קיין בית המקדש.

דאָס פאָלק האָט זיך אָבער געהאַלטן ביים דאָזיקן מנהג וואָס עקזיסטירט ביז היינט. דערווייל האָט זיך געמאַכט, וואָס צוליב דעם, וואָס אַ סך, האָבן דווקא געוואָלט האָבן ווייסע הענער, האָבן סוחרים דערהויבן די פרייזן פאַר יום כפור.

וואָס האָט רבי יואל סירקיס געטאָן? ער האָט מבטל געמאַכט דעם מנהג פון ווייסן האָן צוליב די הויכע, אומבאַרעכטיקטע פרייזן און מאָטיווירט, אַז דער דאָזיקער מנהג איז בכלל „מדרכי האמורי"[7].

זיי האָבן אויך איינגעפירט תקנות בנוגע די באַציאונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער.

אין תלמוד, ווי געזאָגט פריער, זענען דאָ אומצעליקע מאמרים וועגן די באַציאונגען צווישן אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער — און די אַלע דינים זענען באַזירט אויף אַן עיקר־פונקט אין דער תורה: „ואליו הוא נושא את נפשו[8]. דער אַרבעטער, הייסט עס, האָט אין דער אַרבעט בייגעטראָגן זיין לעבן, זיין נשמה.

אַזוי דער שכיר יום און אַזוי דער שכיר־שבוע, אַזוי דער יערלעך־פאַרדונגענער און אַזוי דער עבד, וואָס איז געווען געצוואונגען זיך צו פאַרקויפן פאַר גניבה — אַלע דאַרפן באַהאַנדלט ווערן מענטשלעך. דער פסוק זאָגט: „כי טוב לך עמך"[9] מיינט, מיט אַלצדינג, עסן, קליידן און שלאָפן: דו זאָלסט ניט עסן ווייסע ברויט און ער שוואַרצן; דו זאָלסט ניט טרינקען אַלטע וויין און ער נייעם; דו זאָלסט ניט שלאָפן אויף פוך און ער אויף שטרוי. פונדאַנען לערנען די חכמים אַרוים: ווער עס קויפט זיך אַן עבד, איז פונקט ווי ער קויפט זיך אַן אדון . . .

און ניט בלויז איז די דאָזיקע באַציאונג געפאָדערט געוואָרן צווישן ייד און ייד. אויך די באַציאונג צום ניט־יידישן אַרבעטער האָט געדאַרפט זיין אויף דעם שטייגער. דער יסוד איז, אוניווערסאַלע גערעכטיקייט!

אַזוי איז פאַרבאָטן, אָפּנאַרעריי אָדער גנבענען פון ניט־יידן, ווי פון יידן: „גונב מגוי, לסוף גונב מישראל; נשבע לגוי, לסוף נשבע לישראל, מכחש לגוי, לסוף מכחש לישראל"[10]. אויף אַן אַנדער אָרט[11] ווערט געזאָגט:

„אָמר לי (אותו האיש) מעשה שמכרתי לגוי אַרבעה כורים תמרים ומדדתים לו בבית אפל מחצה על מחצה וחיסרתיו במדידה שלש סאין תמרים, ואח"כ נטלתי את המעות ולקחתי בהן כד אחד שמן והנחתיו במקום שמכרתי לגוי את התמרים, נקרע הכד ונשפך השמן והלך לו. אמרתי לו, ברוך המקום שאין לפניו משוא פנים, הכתוב אומר[12] „לא תעשוק את רעך ולא תגזול".

רבי משה רבקש, ציטירט אָט דעם מאמר אין באר הגולה[13].

די תורה לערנט: לא תתעב מצרי, לא תתעב אדומי . . . דוד מלך ישראל, זוכט די פריינטשאַפט פון נחש העמוני, שליסט אַ בונד מיט חירם מלך צור און אַזוי ווייטער נאָכפאָלגער זוכן די פריינטשאַפט פון די אַרומיקע פעלקער און אין תלמוד שטעלט מען די באַציאונגען צווישן ייד־און־ניט־ייד, ווי פונדאַמענטאַל אין יהדות־אויפפאַסונג. וועגן גזלה למשל, לערנט אונז די תוספתא[14], „חמור גזל הנכרי מישראל, מפני חלול השם". דאָס מיינט, אַז חוץ דעם פאַרבאָט צו באַגזלען אַ מענטשן, איז דער איסור נאָך גרעסער צוליב'ן חילול השם[15] ווייל דאָ איז אויך פאַראַן חילול השם, אפילו ווען ער זאָל צוריקגעבן די גזלה צו די יורשים, וועט קיין גזלה ניט זיין, אָבער דער חילול השם ביי די עלטערן איז געבליבן.

דער רמב"ם שרייבט:

„. . . הנה אינו מותר לאָדם שיקיים דינר או מעה וחסר ממנו השתות אלא יחתוך אותו, וכל שכן שלא ישתמש בו או יטעה בו את הנכרי. וזה אשר ידמו המון בני אָדם וקצת מהיחידים, שזאת ההטעה מותרת עם הנכרי, הוא טעות ודעת בלתי אמתית . . . ואמרו ז"ל[16]: יכול יגלום עליו (על הנכרי) ת"ל וחשב עם קונהו — ידקדק עמו בחשבון. ועניין יגלום הערמה להטעהו, ואמרו, אם כן דברה תורה בנכרי שתחת ידך, קל וחומר בנכרי שאינו תחת ידך; . . . וכן אינו מותר הבדוי והתחבולה ומיני הרמאות והאונאת והעקיפין על הנכרי. אמרו: אָסור לגנוב דעת הבריות, ואפילו דעתו של נכרי וכ"ש בדבר שיוכל לבא לידי חילול השם . . .[17].

אין הלכות מכירה[18], שרייבט דער רמב"ם:

„אָסור לרמות את בני אָדם במקח וממכר או לגנוב את דעתם, ואחד עובר כוכבים ואחד ישראל שוים בדבר זה" . . .

רבנו יהודה החסיד (ד' תתק"י — תתקע"ז) אין וועמענס מנהגים און דינים מיר געפינען, לויט דער אָפּשאַצונג פון פאָרשער און היסטאָריקער, דאָס לעבן פון

ייִדן אין די אייראָפּייִשע לענדער, שרייבט צווישן אַנדערעס: „ואסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתם של נכרי . . . " און ווייטער: „הקב"ה עושה משפט לעשוקים בין יהודי, בין נכרי. לכן לא יגנוב אדם דעת אפילו לנכרי". און אויף אַן אַנדער אָרט: „אל יעשה אדם עול אפילו לנכרי, ואלו דברים מורידים את האדם ואין לו הצלחה בנכסיו, ואם השעה עומדת לו, יהיו נפרעים מזרעו"[19].

רעדנדיק פון עטישן שטאַנדפּונקט, שרייבט ער: „כשם שאתה צריך להיות נוהג באמונה עם ישראל, כך אתה צריך להתנהג עם הנכרי ואף אם טעה הנכרי מעצמו הזהר מטעותו, שמא יתחלל שם שמים על ידך"[20]. ער גיט צו: „ואם אין לו לאדם אלע מעט, טוב לו שיצטרך לבריות ממה שיקח ממון נכרים" . . .

דער מהרש"א שרייבט:

„רבים בדור הזה שמקבצים עושר שלהם שלא באמונה ובחלול השם בגזלת הנכרים ואח"כ מתנדבים מאותו להיות להם כיבוד בכל שנה ולתת להם ברכת מי שברך להיות להם שם ותפארת ואין זה אלא מצוה הבאה בעבירה . . . ואין לעושר הזה מלח וקיום"[21].

און דער פּריער־דערמאָנטער רבי משה רבקש שרייבט:

„ . . . ואני כותב זאת לדורות, שראיתי רבים גדלו והעשירו מן טעות שהטעו את הנכרים, ולא הצליחו וירדו נכסיהן לטמיון ולא הניחו אחריהם ברכה וכמ"ש בספ' חסידים[22] ורבים אשר קדשו ד' והחזירו טעות האינו יהודי, גדלו והצליחו והניחו יתרם לעולליהם[23].

רבי מנחם המאירי שרייבט:

„ . . . נמצא שאף עובדי הגלולים שאינם גדורים בדרכי הדתות, אסור לגוזלן ולגונבן, ואם נמכר לו ישראל אסור לו לצאת בלא פדיון, וכן אסור להפקיע הלואתו, ומכל מקום אין אדם חייב לחזור אחר אבדתו כדי להחזירה לו . . . וכן טעותו, אם טעה מאליו שלא מתחבולותיו ולא מהשתדלותנו אין חייב בהשבתו, ומכ"מ אם נודע לו חייב להחזיר. וכן אף באבידה, כל צד שיהי' חלול השם גמור לדברים אלו, בעבורה מחזירה אף באבידה ואף בטעות וכל שאר הדברים בלי שום חילוק".

דעריבער איז שטאַרק אָנגעזאָגט געוואָרן, ניט צו האָבן אין הויז פאַלשע געוויכטן[24].

די וואָס פירן זיך אויף אַנדערש זענען גורם, אַז די פעלקער זאָלן זאָגן: אין תורה לישראל . . . און דער נביא וויל דאָך „שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב ולא ימצא בפיהם לשון תרמית". די משנה[25] לערנט: „כל המחלל שם שמים בסתר נפרעין ממנו בגלוי"[26].

און צום סוף, די חז"ל האָבן זיך באַמיט איינצוואַרצלען ערלעכקייט אין האַנדל. די ערשטע פראַגע לערנען זיי, וואָס מען וועט אַ ייִדן פרעגן, ווען ער וועט אַרויפקומען אויפ'ן עולם העליון, וועט זיין: „נשאת ונתת באמונה"[27].

דאָס איז פונדאַמענטאַל אין דער קאָנצעפּציע פון שכר ועונש, די אמונה וואָס אנערקענט לוין און באַצאָלונג פאַר גוטס טאָן אָדער שלעכטס טאָן . . .

אין אַ ווייטערן קאַפּיטל, באַהאַנדלען מיר, די באַציאונג פון קהל צום בעל־מלאָכה און די ווירקונג פון די רבנים אויף צו רעגולירן די סאָציאַל־עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. דאָ, ווילן מיר בלויז באַטאָנען, אַז די אויס־בּרייטערער פון דער יידישער הלכה, האָבן זיך מערסטנס אָריענטירט אויף דער פּלעבייאישער מאַסע און זיך שטאַרק געהאַלטן ביים כלל, אַז די וועלט האַלט זיך אויף דריי יסודות: תורה, עבודה און גמילת חסד[28].

די שעפער פונם תלמוד, האָבן דעם יידישן מענטשן געהייסן נעמען אַ מוסטער פון דעם ערשטן מענטשן, פון אָדם הראשון, וועמען גאָט האָט איבערגעלאָזן אין גן עדן צו היטן און באַארבעטן אים, „לעבדה ולשמרה"[29] און אַז ליב איז די אַרבעט . . .

ד. דאָס פּראָבלעם פּרנסה אין אַלע צייטן. — גורל פונעם מענטשן. — די נייע צייט. — יידן ווערן אַר־בעטער. — אין ארץ ישראל און תפוצות ישראל.

דאָס פּרנסה־פּראָבלעם פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין תלמוד און עס זענען פאַרפאַסט געוואָרן ספּעציעלע תפלות פאַר אָט דעם צוועק[1]; ווי איז צום מענטשן וואָס האָט ניט קיין פּרנסה און דאַרף אָנקומען צו אַנדערע: „כיון שנצטרך אָדם לבריות, פניו משתנות ככרום" . . . און לויט רב אמי און רב אסי, „כאלו נידון בשני דינים, אש ומים"[2].

די חז"ל, ווי מיר ווייסן, האָבן אָפּגעלאַכט פון מענטשן וואָס רייסן זיך נאָך לוקסוס און אומנויטיקע מותרות. „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם . . . הוא שגרם שעשו את העגל"[3]. דאָך, האָבן זיי באַגריפן די וויכטיקייט, אַז דער מענטש זאָל האָבן דאָס נויטיקסטע וואָס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן, אַזוי אַ שיינע וואוינונג, שיינע כלים, שיין געקליידעט[4].

זיי האָבן אויך געזען אַ מזל־זאַך אין דעם, וואָס איינעם גייט גוט, גאָר גוט, בעת דעם צווייטן גייט שלעכט, ניט געקוקט, וואָסביידע זענען אין דער זעלביקער מדרגה פון צדקות.

דערציילט אונדז די גמרא:

— רבה און רב חסדא — ביידע גרויסע צדיקים, דער צווייטער האָט געלעבט צוויי־און־ניינציק יאָר און דער ערשטער נאָר פערציק יאָר.

ביי רב חסדא'ן זענען געווען זעכציק חופּות פון זיין הויז־געזינט, ביי זיין לעבן און ביי רבה'ן — זעכציק צרות און קראַנקהייטן אין זיין משפחה פאַר די פערציק יאָר פון זיין לעבן.

ביי רב חסדא'ן האָט מען געגעבן זעמל־ברויט צו די הינט און זיי האָבן עס

נישט געוואָלט עסן, ווייל זיי זענען שוין זאַט געווען און ביי רבה׳ן, איז נישט געווען קיין קאָרן־ברויט צו שטילן דעם הונגער פון זיין פאַמיליע . . .

ניט אומזיסט דריקן זיך אויס די חז״ל, אַז „קשה מזונותיו של אָדם כקריעת ים סוף״, און אַז „בני חיי ומזוני״ איז אָפּהענגיק אין מזל.

די תורה דערציילנדיק וועגן אורשפּרונג און אַנטוויקלונג פון וועלט און מענטשהייט, שטעלט זיך אָפּ אַריכותדיק ביי די אבות העולם און בקיצור: וועגן די שעפער פון מלוכה און מלאכה־צווייגן:

י ב ל — דער ערשטער פּאַסטוך;

י ו ב ל — זיין ברודער, דער ערשטער מוזיקער;

ת ו ב ל ־קין — שלאָסער־פאַך[5].

דער מענטש האָט אַ רעכט צו געניסן פון דער וועלט, נאָר ווען ער פאַרדינט עס דורך אַרבעט. גאָט גיט איבער דעם גן עדן אונטער דער השגחה פון אָדם און חוה, מיט אַ בפירושן תנאי צו באַארבעטן און היטן[6] — ער טאָר גאָרנישט ניט טועם זיין, ביז ער אַרבעט נישט פריער אויף דערויף.

אברהם אָבינו, איז דאָך אָפּגערעדט: ער האַסט די הולטאַיסטוואָ און איז באַגייסטערט געוואָרן פון צור, ווען ער איז צוגעקומען צו איר „לייטער״[7] און אַרויסגעקוקט, דערזען, אַז מענטשן זענען באַשעפטיקט. ער איז אַנטלאָפן פון ארם נהרים און נחור צוליב זייער פוילקייט . . .

די חכמי התלמוד, ווי מיר האָבן ביז איצט געזען, האָבן געהאַלטן, אַז אַרבעט איז אַן אָבליגאַטאָרישער חוב פון וועלכן מ׳קען זיך נישט באַפרייען און געהאַלטן, אַז דער ששת ימים תעבוד איז אַ מצות עשה — און דאָס, ניט אַזוי צוליבן מאַטעריעלן נוצן פונם מענטש, נאָר אויך צוליב זיין גייסטיקער און מאָראַלישער דערהויבונג, „גאָט האָט ניט געמאַכט רוען זיין שכינה אויף די יידן, ביז זיי האָבן נישט געטאָן קיין מלאָכה״[8]. נאָך מער, לײדיקייט איז גורם צו זינדיקע קאָנסעקווענצן[9] און דער וואָס לערנט און איז באַשעפטיקט, וועט אַזוי געשווינד נישט זינדיקן[10]. מיטן צוגאָב, אַז „דער וואָס געניסט פון זיין אַרבעט, איז גרעסער ווי אַ ירא שמים״[11].

די חכמי התלמוד האָבן געוואָלט ווייזן דעם כבוד פון אַרבעט, דורך זייער אייגענער פיזישער אַרבעט:

ר׳ יהודה — זאָגן די חז״ל — האָט, גייענדיק אין בית המדרש געטראָגן אַ קריגל אויפן אַקסל; ר׳ שמעון — אַ קויש, ווייל זיי האָבן געזאָגט: די אַרבעט גיט צו כבוד דעם מענטשן[12]. די וואָס באַשעפטיקן זיך — וועדט ערגעץ אַנדערש געזאָגט — זענען פריי אַפילו זיך אויפצושטעלן פאַר אַ תלמיד חכם[13] און דער זכות פון אַרבעט איז גרעסער פון זכות אָבות[14].

„אויב אַ מענטש וועט זאָגן, איך קום אַרויס פון אַן אָנגעזעענע משפּחה, ס׳שטייט מיר ניט אָן צו אַרבעטן, ענטפערט מען אים: נאַר! דיין באַשעפער

האָט כביכול געטאָן אַן אַרבעט נאָך איידער דו ביזט אויף דער וועלט געקומען" . . . [15] אויב אַ מענטש ווידער וועט זאָגן, ער וועט נישט אַרבעטן, דער רבונו של עולם וועט אים שוין באַזאָרגן מיט זיינע באַדערפעניש, דערויף שטייט געשריבן: אין דיין אַרבעט . . . וועסטו געבענטשט ווערן; די ברכה רוט נאָר אין דעם מענטשנס אַרבעט[16]. דער מענטש דאַרף אַרבעטן מיטביידע הענט, דאַן שיקט אים גאָט זיין ברכה[17].

רבאָ האָט געזאָגט זיינע תלמידים: אין ניסן (די צייט פון שניט) און אין תשרי (די צייט פון אָפּרייסן די וויינטרויבן און איילבירטן) זאָלט איר אייך פאַר מיר ניט ווייזן, ווייל אויב איר וועט נישט דאַן אַרבעטן אויף עסן, וועט איר די דאָזיקע אַרבעט מוזן טאָן אַ גאַנץ יאָר[18].

„אויב דער מענטש גרייט זיך נישט אָן פריירטיק — האָט ער נישט צו עסן שבת . . . אויב ווידער ער טוט נישט אַקערן, זייען און שניידן זומער, וואָס זשע וועט ער עסן ווינטער און נאָך אַזעלכע ענלעכע אויסדרוקן[19]. ניט בלויז איז עס אַ פליכט צו אַרבעטן, נאָר אויך, אַז אַרבעט מאַכט זיס דאָס לעבן און „זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטער"[20].

אַרבעט ווערט שטאַרק געלויבט און דער, וואָס דרייט זיך אַרום ליידיק פעלט אים פאַרשטאַנד[21], ס'פירט אים צו משוגעת[22], צו הונגער און כל־מיני צרות[23]. דאַקעגן גרויס איז דער מענטש, וואָס געניסט פון דער פרוכט פון זיין שאַפן — און אין פּראָפּעסיע איז דאָ לעבן[24]. „אויפן פעלד פון אַ פוילן — ווערט דערציילט אין אַ משל — בין איך דורכגעגאַנגען און אויפ'ן וויינגאָרטן פון אַ מענטש אָן אַ קלוג הארץ און אָט איז דער וויינגאָרטן אינגאַנצן פאַרוואָקסן מיט קליינע דערנער, באַדעקט מיט גרויסע דערנער . . . מ'דאַרף ווייניק שלאָפן, ווייניק דרימלען דאַן וועט די אָרימקייט ביי דיר נישט לאַנג זיך אויפהאַלטן[25].

„דער, וועלכער באַאַרבעט די ערד — ווערט געזאָגט אויף אַן אַנדער אָרט — זעטיקט זיך אָן מיט ברויט און דער, וועלכער יאָגט זיך נאָך פּוסטע זאַכן, זעטיקט זיך מיט אָרימקייט"[26]. ליידיקגייעריי האָבן די חכמי התלמוד געהאַסט אויפן ערגסטן אופן[27].

אין דער אידעאָלאָגיע פון דער מאָדערנער רעליגיעזער אַרבעטער באַוועגונג, פאַרנעמען אָט די קאָנצעפּציעס אַ גאָר וויכטיק אָרט[28]. אַ שטאַרקע אחיזה פאַר אַ פּראַקטיש תורהדיק לעבן.

אין דער איצטיקער באַלעבטער יידישער אויטאָנאָמיע פון מדינת ישראל, זוכן די רעליגיעזע פירער אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ מדינת התורה, אַ תורה שטאַט וואָס זאָל זיין דורכאויס דעמאָקראַטיש און יעדער בירגער זאָל געניסן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג. זיי ווייזן דערביי אָן, אַז די אַמאָליקע מדינה, איז ניט געווען קיין טעאָקראַטישע אינם פּשוט'ן זין פון וואָרט[29], נאָר אַ דעמאָ־

קראַטישע אינם שטאַטלעבן זיך[30]. דאָס מאָדערנע ישראל קאָן דעריבער אָן ספק זיך בויען און אַנטוויקלען אויף אָט די דאָזיקע יסודות.

יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אַלע צווייגן פון אַ געזונטער עקאָנאָמיע, אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און מסחר — און אויסמיידן קלאַסן־קאַמף! אויסמיידן די קאַמפן צווישן בעל הבית און אַרבעטער.

ס'איז גוט באַקאַנט דאָס וואָרט פון א. ד. גאָרדאָן: „לקינו בעבודה — ובעבודה נרפא״ . . . אויב אין גלות, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן באַציען מיט אַנטיפּאַטיע צו אַרבעט און געוואָרן פּראָדוקטיוולאָז, זאָלן מיר אינם לאַנד פון די אָבות זיך אומקערן צו די אידייען פון די אָבות, צו אַ שעפּעריש יידיש לעבן, צו אַ פּראָדוקטיוו־לעבן לויט תורה און אַרבעט. דער וואוקס און אויפבוי פון דער מדינה — זאָל זיין אינספּירירט פון די הויך־עטישע, נאַציאָנאַל־סאָציאַלע אידייען פון יהדות.

אינטערעסאַנט איז, אַז יידישע קאָלאָניזאַציע האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג, ניט אין אייראָפּע, ניט אין צפון און ניט אין דרום־אַמעריקע, בלויז אין ישראל איז דער קיבוץ־לעבן געוואָרן אַ מוסטער פון יידישע ישובים אויף קאָלאָניעס.

אין זיין „אוצר זכרונותי״[31], שרייבט י. ד. אייזנשטיין, (דער בעל האוצרות), וועגן יידישן מצב אין אַמעריקע, אינם צווייטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, אַז דאָס פּוילישע ווערטל, אַז יידן וועלן קיין ערד־אַרבעטער ניט ווערן, איז דאָ זייער גילטיק.

מ'האָט אויסגעגעבן קאָלאָסאַלע סכומים, געגרינדעט צענדליקע קאָלאָניעס — אַלץ איז אונטערגעגאַנגען, ניט געווען קיין דערפאָלג. יידן ווילן ניט זיין קיין ערד־אַרבעטער. יידן ווילן זיך בעסער פאַרנעמען מיט מסחר — און ער באַרעכטיקט עס דערמיט, וואָס יעדער מענטש האָט אַ רעכט זיך אויסצוקלייבן אַ בעסער לעבן, דאָס, וואָס איז בעסער פאַר אים און מסחר איז לייכטער ווי שווערע ערד־אַרבעט.

ער ציטירט פונם „לב העברי״ (עקיבאָ יהוסף שלעזינגער, תלמיד פון ר״מ סופר) אַ כמעט שאָוויניסטישן געדאַנק, אַז בלויז אין ארץ ישראל, אין צייט פון בית המקדש, איז דער געזעץ געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל באַאַרבעטן די פעלדער און די כהנים און לויים זאָלן גאָרנישט טאָן, נאָר לעבן פון דעם וואָס דאָס פאָלק דאַרף זיי צו טיילן די פּראָצענטער. די כהנים זענען דערמיט געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה, ניט געאַרבעט!

אין גלות — זאָגט דער מחבר פון לב העברי — זענען די יידן די כהנים צווישן די פעלקער. די לעצטע דאַרפן באַאַרבעטן די פעלדער און די יידן לעבן פון די פאַרדינסטן ביים פאַרשפּרייטן די פּראָדוקטן.

אייזנשטיין איז ניט אינגאַנצן מסכים מיט אָט דעם צוגאַנג — פּרינציפּיעל איז ער אָבער איינשטימיק מיט אים, אַז עס איז ניט קיין אומגליק, אַז יידן זאָלן

זיך פאַרנעמען מיט האנדל און מעקלעריי — און האלט עם פאַר אַ וויכטיקע פונקציע. דערביי ווייזט ער אָן אויפן פאַקט, אַז אין דער גאָלדענער מדינה, איז אין זיין צייט, די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, געווען 2/3 מיליאָן יידן, פון וועלכע בלויז צען טויזנט, האָבן געלעבט פון אַרומפאָרן און האנדלען. די גרויסע מערהייט, איז געווען פאַרנומען ביי פאַרשיידענע מלאָכות און פּראָדוקטיוויזאַציע און ביי אַרבעטן אין „סוועט־שעפּער" אונטער די ערגסטע אומשטענדן . . .

מיין רבי, הרב יהודה לייב גרוּיבאַרט זצ"ל, האָט אויך געהאַט די זעלביקע מיינונג. ברענגענדיק די מיינונג פון די חז"ל וועגן דער וויכטיקייט פון אַרבעט, שרייבט ער, אַז ער פאַרטראָגט ניט די איבערטרייבונג אין פאַרמיאוסן מסחר[32], ניט אַכטנדיק ,וואָס דער „עובד ישבע לחם", איז מסחר גאָר וויכטיק און העלפט צו דעם פּראָגרעס פון ציוויליזאַציע; דערצו ברענגט עס נוצן דער וועלט, דורך פאַרמיטלען צווישן פאַרברויכער און פּראָדוצירער, עקספּאָרט און אימפּאָרט פון מדינה צו מדינה. דער אויספיר זיינער איז, אַז מסחר איז געווען „תחילתו באונס וסופו ברצון" און אַז עס איז גוט צו האָבן ביידע: מלאָכה און מסחר. אין זיין לשון: „וטוב לאחוז בזה ובזה — שבו בארץ וסחרוה"!

אייזנשטיין אין זיינע זכרונות גיט אויך איבער געווי, וועגן די קאָלאָניעס וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זענען דורכגעפאַלן. יידן האָבן ניט געוואָלט ווערן אין אַמעריקע — אַ פּויערים־פאָלק, בעת עס זענען געווען אַנדערע לייכטערע פּרנסה־צווייגן.

און דער אמת איז דאָך, אַז ניט נאָר אין דער רייכער אַמעריקע פונם צענטער־צפון, האָבן יידן געזוכט אַנדערע פּרנסה־קוואַלן. אויך אין קאַנאַדע זענען אַלע דאָזיקע פּראָיעקטן דורכגעפאַלן, ניט אַכטנדיק דעם אידעאַליזם און פּיאָנערן־גייסט פון יידישע אימיגראַנטן[34]. די „יק"א" קאָלאָניזאַציע האָט ניט מצליח געווען. דער עקספּערימענט האָט ניט געאַרבעט!

אויך אין אַרגענטינע, וואו עס איז שוין יאָ געווען אַזאַ מאַסן־באַוועגונג, געוואָרן געהאָלפן דורך דער „ייק"א" און הירש פונדאַציעס, אויך דורך אַנדערע באַוועגונגען — דאָך איז די יוגנט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט געלאָפן אין שטאָט[35].

דעם 28־טן אויגוסט, 1889, זענען 136 משפּחות אָנגעקומען מיט דער שיף „וועזער" קיין אַרגענטינע. זיי האָבן באַטראַכט דעם באָדן און „אַנטדעקט" פאַר יידן אַ נייעם ישוב. זיי האָבן אַרויסגעוויזן, ווי אייניקע פאַרשער דריקן זיך אויס, אַ הונגער נאָך מאַמע ערד מיט פּערספּעקטיוון פאַר אַ ניי לעבן — אָבער ווי לאַנג האָט עס אָנגעהאַלטן די באַגייסטערונג און אידעאַליזם?

בלויז אינם לאַנד פון די אָבות, האָבן יידן באַוויזן זיך אומקערן צו אַ

דאָרפּיש לעבן. בלויז אין ארץ ישראל איז געלונגען צו שאַפן א מוסטערהאפטן יידישן קאָלאָניסט, אָבער נישט אין קיין אַנדער לאַנד.

דר. יצחק ברויער, (איינער פון די פירער פון אגודת ישראל אין דייטשלאנד), אין זיין מאמר וועגן פאָלקס־קאַפּיטאַליזם[36], שרייבט, אז אין רוים איז געשאַפן געוואָרן פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם און אז לויט דער תורה, איז אַפילו שטאַט־קאַפּיטאַליזם, אויב באַזירט אויף טיילן קלאַסן: א קלאַס פון ארבעטער און א קלאַס פון געניסער פון יענעמס ארבעט — פאַרבאָטן. ווייל דאָס לאַנד געהערט נאָר צו די וואָס שאַפן און באַארבעטן און קולטיווירן עס — לעבדה ולשמרה — און ארץ ישראל איז דער גן עדן! ער איז באַגייסטערט געוואָרן ווען ער האָט געזען ווי דורך יידיש שוויים און בלוט, עס בויט זיך א יידיש לאַנד, מדבר ווערט אין אַן אָאַזיס פאַרוואַנדלט.

אחד העם שרייבט:

„בכדי מיר זאָלן קענען אויפטאָן גרויסע זאכן אין לאַנד (ארץ ישראל), דאַרף דער דור ראוי זיין צו דעם; דעריבער דאַרף מען זיך פאַרנעמען ניט בלויז מיטן לאַנד, נאָר אויך מיטן פאָלק . . . דאָס הייסט, פאַרברייטערן דעם באַדייט פון „נאַציאָנאַליזם" און אים מאַכן פאַר א דערהויבענעם און סובלימען באַגריף פון אַן עטישן אידעאַל, וואָס אין זיין צענטער געפינט זיך ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, און אין זיין פעריפעריע — יעדע גוטע מידה און יעדע ערלעכע אייגנשאַפט".[37]

ש. ז. שרגאי, באַהאַנדלט דעם קעגנשטאַנד „רעליגיע און ארבעט" אין א צאָל פון זיינע ווערק, באַזונדערס אין „יחסי־עבודה בין הפועלים"[38], אין „חזון והגשמה"[39] און אין „תחומים".

זיין מאָטאָ: „רעליגיע און ארבעט . . . איז דער רענעסאַנס פון יידנטום, וואָס זיין מהות איז די יידישע תורה, זיין טרעגער — דאָס יידישע פאָלק, זיין פּלאַץ — ארץ ישראל, זיין באַשטימונג — סאָציאַלע גערעכטיקייט".

די מזרחי און גרינדן די ישיבות תורה ומלאכה (די מוטער פון די דאָזיקע ישיבות, איז אין כפר אברהם, ביי פתח תקוה), האָט געצילט צו דערציען דעם נייעם דור אין אָט דעם גייסט פון תורה, פּראָדוקטיוויזאַציע און גערעכטיקייט.

אין ארץ ישראל האָבן יידן ארויסגעוויזן זייער צוגעבונדנקייט צו ערד, צו לאַנד, צו אַגראַר־ווירטשאַפט — ווייל זיי האָבן געפילט, אז זיי בויען מיט מסירת נפש זייער מדינה!

וועגן עם הארץ איז א סך געשריבן געוואָרן. ניט בלויז אין דער הלכה, תלמוד און פּוסקים, נאָר אויך אין פאָלקלאָר, בעלעטריסטיק און אַפילו אין פּאָעזיע — און אומעטום א נעגאַטיווע באַציאונג צו אים: מ'שפּאָט פון אים; מלאכט אים

ה. „עם הארץ" אין דער הלכה און אין דער געזעלשאַפט. — „בור" און „עם הארץ". — חילוק צווישן זיי.

אויס; מ'חוזקט פון אים — און אין אייניקע ערטער, ווייזט מען ארויס צו אים פיינטשאַפט און אומצוטרוי.

ס'זענען אָבער פאַראַן צווייערליי עם־הארצים: איינער, וואָס קען גאָרנישט, האָט לגמרי ניט קיין בילדונג און אַזעלכער, וואָס האָט ניט קיין בילדונג, אָבער איז באַהויכט פון יידישן שטייגער לעבן.

די משנה$_1$ לערנט אונז אין נאָמען פון הלל הזקן: „ער פלעגט אויך זאָגן: „אין בור ירא חטא ולא עם האָרץ חסיד" (אַ רויער, ניט געלערנטער מענטש קען ניט זיין קיין ירא חטא, מורא האָבן פאַר זינד און אַן עם האָרץ קאָן ניט זיין קיין חסיד).

די מפרשים שטעלן זיך דאָ אָפּ אויף דעם לשון און אויסדרוק אין דער משנה און ניט ווייניקער וועגן דער דעפיניציע „בור" און „עם האָרץ" וואָס עס ווייזט אויס, אַז דאָס זענען פאַרשיידענע באַגריפן און טערמינען. זיי שטעלן זיך אָפּ אויך דערויף, וואָס דער בעל המאמר איז געווען הלל — דער מאַן, וואָס האָט מיט דער גרעסטער מסירת נפש געאַרבעט אויף זיך צו דערגרייכן תורה־לערנען און תמיד אַרויסגעוויזן אומגעווייגטלעכע התקרבות צו יעדן מענטשן.

דער אמת איז דאָך, אַז דער דאָזיקער זאָג, קומט נאָכדעם, ווי עס רעדט זיך אַזויפיל וועגן דער וויכטיקייט פון תורה־לערנען, וועגן דער וויכטיקייט צו דערגרייכן די מדרגה פון תלמיד חכם. די משנה לערנט אונדז$_2$, אַז מ'דאַרף זיך לאָזן אין מרחקים, אבי תורה לערנען: „והוה גולה למקום תורה".

אינטערעסאַנט איז, אַז אין אַן אַנדער משנה$_3$ ווערט דער עם האָרץ געשטעלט אין אַ מאָדנע קאַטעגאָריע. די משנה לערנט: „דער וואָס זאָגט, שלי — שלך ושלך — שלי, מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס, איז ער אַן עם האָרץ. לויט רש"י, מיינט מען דאָ „עם הארץ", אַ גראָבער־פּראָסטער מענטש, דערפאַר ווייל ער וויל יענעמס, כאָטש ער איז גרייט אָוועקצוגעבן זיינס . . .

לויט אַנדערע מפרשים, מיינט דאָ די משנה, דעם „עם הארץ" — דאָס פאָלק פון לאַנד און די דאָזיקע מדה איז גאָר אַ גוטע מדה, בשותפותדיקע ווירטשאַפט, קאָלעקטיוויקייט וואָס העלפט אין דער וועלטס עקזיסטענץ.

אַז „עם הארץ" איז געווען אַ טערמין פאַר פאָלקס־מענטשן, לאַנד־באַזיצער, זעען מיר נאָך ביי אברהם אָבינו, ער האָט זיך „געבוקט צום פאָלק פון לאַנד"$_4$ ביים דורכפירן די קניה פון דער מערת המכפלה. אין ענלעכן באַגריף און דעפיניציע, געפינען מיר עס ביי עזרא און נחמיה, אַז דער עם הארץ איז געמיינט, די איינוואוינער פון לאַנד, די ערד־באַזיצער און אַז זיי האָבן געזען ביי זיי, אַ געפאַר פון אסימילאַציע.

דער רמב״ם, איז איינער פון די ראשונים, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף דער באַזונדערער כאַראַקטעריסטיק פון „עם הארץ״ און „בור״, אַז דער לעצטער אויסדרוק מיינט: אַ פּערזאָן וואָס איז גראָב אין כאַראַקטער און שטייגער — אָבער האָט ניט קיין בילדונג[5].

ש. פּעטרושקאַ, איז, אויף דעם סמך, מסביר: „בור״ הייסט אַ פעלד וואָס איז ניט פאַראַקערט, ניט באַאַרבעט, ליידיק. אַ מענטש אַ בור, הייסט איינער, וועלכער האָט גאָרניט געלערנט, ניט קיין תורה, ניט קיין מצוות. אַן עם הארץ הייסט, איינער וועלכער ווייסט יאָ עפּעס און האָט געוויסע מידות און איז אָפּגעהיטן אין טייל מצוות, נאָר געלערנט האָט ער נישט.

„זאָגט הלל, אַז דער רויער מענטש, דער בור, קאָן ניט זיין קיין ירא חטא, ווייל ער ווייסט דאָך גאָרנישט; אַן עם הארץ קאָן ניט זיין קיין חסיד, „קיין זייער פרומער — אָבער מורא האָבן פאַר טאָן עבירות קען ער יאָ, ווייל עפּעס ווייסט ער דאָך״!

דער רמב״ם, ווי מיר האָבן דערמאָנט, האַלט דאָך טאַקע, אַז דאָס איז דער חילוק צווישן „בור״ און „עם הארץ״, דער לעצטער, ניט האָבנדיק קיין תורה, האָט אָבער מענטשלעכקייט, פאַרמאָגט גוטע מידות[6] און דעריבער, האָט ער אַלע מעגלעכקייטן זיך אויסצוהיטן פון זינד. ער קאָן בלויז ניט דערגרייכן צו דער הויכער מידה פון ח ס י ד ו ת , נשמה־ריינקייט און דערהויבנקייט[7].

דעם „בור״ האָט מען דערוואַיטערט פון אַלץ און אַלעמען — און אייניקע פּוסקים האָבן אַפילו געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף יעדן טאָג מאַכן די ברכה „שלא עשני בור״[8] בעת צום עם הארץ האָבן אייניקע אַרויסגעוויזן אַביסל התקרבות און אַנערקענט זיין עדות־זאָגן, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען. פאַר׳ן „בור״ האָט מען ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשטענדעניש.

פונוואַנען נעמט זיך די פאַרביסנקייט און ביטערניש צום עם הארץ און בור?

אויף דערויף, איז אינטערעסאַנט, וואָס רבי עקיבאָ דערציילט: „כשהייתי עם הארץ אָמרתי מי יתן לי ת״ח ואנשכנו כחמור״[9]. ווי מיר זען, איז די שנאָה צווישן עם הארץ און געלערנטן געווען אַ קעגנזייטיקע און דעריבער, רעדן די חז״ל מיט די שאַרפסטע ווערטער קעגן אַן עם הארץ: מ׳טאָר ניט נעמען זייערע טעכטער[10] ווייל זיי זיינען מיאוס, זייערע פרויען זענען מיאוס און ווער עס וואוינט מיט זייערע טעכטער איז אין דער בחינה פון „אָרור שוכב עם כל בהמה[11].

דאָס איז נאָך נישט דער שאַרפסטער און באַליידיקנדיקסטער אויסדרוק. ס׳זענען דאָ נאָך אַזעלכע און שאַרפערע אינסינואַציעס.

רבי זאָגט, למשל, אַז אַן עם הארץ טאָר ניט עסן קיין פלייש . . . ווייל נאָר דער, וואָס לערנט תורה איז באַרעכטיקט צו אָט דעם לוקסוסדיקן מאכל (פלייש איז תמיד באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ לוקסוס) און ער איז דאָס מרמז אויף אַ

פסוק. רבי אלעזר גייט א סך ווייטער און קומט ארויס מיט דער באהויפטונג, אז מען מעג אן עם הארץ הרגענען אפילו ווען יום־כפור פאלט אויס אום שבת . . . רבי שמואל בר נחמני דריקט זיך אויס אין נאמען פון רבי יוחנן, אז מען מעג אים צערייסן ווי א פיש[12] און אזוי גייט איינער איבער דעם אנדערן אין שייכות מיט באקעמפן עם הארצות, וואס לויט אונזער מיינונג, איז עס דאן געווען דער גרעסטער געפאר פאר׳ן קיום היהדות און מ׳האט דעריבער געמוזט אננעמען די שטרענגסטע מיטלען עס צו באקעמפן, אויסראטן עם הארצות און עס באזייטיקן פון דער געזעלשאפט.

רבי יהודה הנשיא האט, ווי מיר ווייסן, געהאט א שטארק־נעגאטיווע באציאונג צו עמי הארצים. ער איז דער בעל המאמר, אז „עם הארץ אסור לאכול בשר[13] ארויסלערנענדיק עס פונם פסוק „זאת תורה הבהמה והעוף"[14], אז דער וואס פארנעמט זיך מיט די דינים פון בהמה און עוף, דער דאזיקער מעג עסן פון זייער פלייש, ווייל ער פארשטייט דעם תכלית פון עסן, פארוואס מען עסט . . .

די ברייתא רעכנט אויס זעקס זאכן דורך וועלכע מ׳קאן באזייטיקן און באקעמפן דעם עם הארץ[15]: „תנו רבנן: ששה דברים נאמרו בעמי הארץ, אין מוסרים להם עדות[16] ואין מקבלין ממנו עדות, ואין מגלין להן סוד ואין ממנין אותו אפוטרופוס על היתומים[17] ואין ממנין אותו אפוטרופוס על קופה של צדקה, ואין מלוין עמהן בדרך, ויש אומרים אף אין מכריזין על אבידתו — און דעם טעם פון די יש אומרים, ווערט אנגעגעבן אויפ׳ן ארט דורך די מפרשים[18].

אייניקע מפרשים און חוקרים וואגן צו זאגן, אז דאס זענען גוזמאותדיקע אויסדרוקן און ווייזן אן אויף סתירות אין אט־דער שטעלונג און אז עס זענען געווען פארשיידענע מיינונגען ביי די חז״ל וועגן די באציאונגען מיט עמי הארצים[19].

א פאקט איז, אז אין חגיגה[20] ווערט געזאגט אין נאמען פון רבי יוסי, אז מ׳נעמט יא אן דעם עדות זאגן פון אן עם הארץ, צוליב אויסמיידן פיינטשאפט[21]. ווען עס קומט אבער צו די דינים טומאה־טהרה, גיבן אלע צו, אז אויף דעם עם הארץ קען מען זיך ניט פארלאזן ווייל, ווי דער רמב״ם, דערקלערט עס אזוי קלאר: „לא מפני ששפטני שישקר במתכוון אלא למיעוט ידיעתו יחשוב על הדבר הטמא שהוא טהור . . . "[22].

אינטערעסאנט איז אויך, אז דער בעל המאמר אין אבות, אז א „בור" קען ניט זיין קיין ירא חטא און אן עם הארץ קען ניט זיין קיין חסיד, איז געווען הלל הזקן, איינער פון די מיוחסימדיקע מענטשן אין בבל[23] וועלכער האט פארלאזט בבל און עולה געווען קיין ארץ ישראל[24] צוליב תורה־לערנען ביי שמעיה ואבטליון[25] — ער, האט געהאט א רעכט אזוי צו זאגן. ער, וואס האט אזוי ליב געהאט תורה, האט ניט געקענט זען אין א פראסטן מענטש וועלכער עס איז דערהויבונג

— און ביי אים, האָט מען דאָך געקענט לערנען תורה „על רגל אחת", לערנען עיקר פּרינציפּן און דער וואָס וויל גאַרנישט ניט קענען און וויל גאַרנישט ניט לערנען, דעם האָט ער געהאַלטן מוז מען שוין מרחק זיין — אָבער ווער נאָך קאָן זיך נעמען אזעלכע רעכטן? בלויז אזא עניו ווי הלל, אזא סבלן ווי הלל און אזא אוהב תורה ווי הלל, קען זיך דערלויבן אזוי רעדן וועגן עם הארצים און עם הארצות...

די זעקס זאַכן וואָס זענען געזאָגט געוואָרן וועגן עם הארץ[26], קומען אויך אַלס רעזולטאַט פון די פאַרשיידענע באַגרעניצונגען פאַר דעם עם האָרץ: זיינע קליידער, זענען „בגדי מדרס", אומריין פאַר די פרושים[27], זיינע כלים זענען אומריין[28]; ער איז אין חשד אויף ניט נזהר זיין אין די דינים פון שביעית[29], אין די דינים פון שמיטה; ער היט ניט אָפּ מעשר[30] און בלויז תרומה היט ער, ווייל ס'קומט מיתה און פאַר דעם שרעקט ער זיך — און דעריבער איז געקומען די התרחקות פון אים. מ'רעכנט אים אפילו ניט צו צו מזומן: „אין מזמנין על ע"ה[31] און זיין אבידה רופט מען ניט אויס[32]. לויט ריש לקיש[33] טאָר מען ניט וואוינען אין שכנות פון אן עם האָרץ חסיד...

מאָדנע איז די שטעלונג פון רבא. ער איז מחולק אויף די אנדערע און ער איז איבערצייגט, אז „רוב עמי האָרץ מעשרין", אז די עמי הארצים היטן יאָ אָפּ די דינים פון מעשרות[34]. דער אמת איז, ווי תוספות באַמערקט[35], אז ס'זענען דאָ פאַרשיידענע עמי הארץ און אין דעם זין, דאַרפן געטיילט ווערן די דעפיניציעס.

די עמי הארץ כופרים, אומגלייביקע און אומוויסנדע, זיי דאַרף מען מרחק זיין מיט כל מיני התרחקות; דאַקעגן די וועלכע זענען לכל הפחות באַהויכט פון אמונה, פון מידות, צו זיי, דאַרף זיין אַ בעסערע באַציאונג, אַ טרויעלכע[36].

מיר זעען אויך אין דער גמרא, אז עס זענען דאָ חלוקי דעות וועגן באַגריף עם האָרץ:

לויט רבי אלעזר, אפילו ער האָט געלערנט תנ"ך און משנה און ניט געלערנט גמרא (רש"י'ס פּירוש אויף „ולא שימש ת"ח), איז ער אַן עם האָרץ, ווייל אָן גמרא, קען ער ניט וויסן די מאָטיוון פון הלכות און מ'קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן.

לויט רבי שמואל בר נחמני, ווערט אזעלכער אָנגערופן אפילו מיטן נאָמען „בור" (רש"י'ס אויסדרוק: „גרוע מעם האָרץ", ערגער פון אַן עם האָרץ).

רבי ינאי האַלט, אז ער איז ווי אַ כותי און מ'טאָר אפילו ניט עסן פון זיין ברויט און ניט טרינקען פון זיין ווייִן — און רב אחאַ האַלט, אז ער איז ווי אַ כשוף־מאַכער און מ'דאַרף אים באַהאַנדלען אַלס אזעלכן.

די רבנן האָבן געלערנט: ווער הייסט אַן עם האָרץ?

— דער וואָס לייענט ניט קריאת שמע ביי טאָג און ביינאַכט, דאָס זענען די רייד פון רבי מאיר. די חכמים זאָגן: דער וואָס לייגט ניט קיין תפילין;

בן עזאי זאָגט: דער וואָס טראָגט ניט קיין ציצית און נאָך און נאָך אזעלכע מיינונגען, ווי אַז דער וואָס איז ניט נזהר אין עסן חולין בטהרה[37]. היינט איז דאָס ניט חל און קען ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַ רעגולאַמין אין פולן זין פון די ווערטער.

דער רמב״ם, ווי באַקאַנט, איז אַמשאַרפסטן אין באַצוג צו עם הארצים, רופט אָן דעם עם הארץ ר ש ע[38]. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט ער, דעם עם האָרץ וואָס איז בכלל ניט אין דער ריי פון די וואָס היטן מידות און דרך ארץ. אָבער אפילו דעם ב ע ס ע רן עם האָרץ פסלט ער אויך זיין עדות־זאָגן.

די מפרשים באַמיען זיך, צו געפינען דעם מקור פאַר דעם רמב״ם׳ס פסק־הלכה, און אייניקע גיבן אָן, אַ מקור אין די תשובות הגאונים — אָבער דאָס, געהערט אייגנטלעך ניט צו אונזער ענין; מיר קענען זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן די פאַרשיידענע שיטות און מיינונגען[39]. דער פאַקט איז, אַז די אַלע באַגרעניצונגען ווערן ניט אויסגעפירט אין זייער פולסטער שאַרפקייט און די פראַגע שטעלט זיך דעריבער: פאַרוואָס? פאַרוואָס זענען מיר ניט מדקדק אין אָט די חז״ל־איינשטעלונגען?

איז כדאי דאָ צו ברענגען דעם מאמר אין דער גמרא חגיגה, אַז מ׳נעמט אָן דאָס עדות זאָגן פון עם הארץ, אַז מ׳איז זיך סומך אויף רבי יוסי׳ן, וועלכער מאָטיווירט עס: „כדי שלא יהא כל אחד הולך ובונה במה לעצמו . . .[40].

דער „מאירי״[41] זאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„עם האָרץ ג מ ו ר (מיין קורסיוו — נ. ש) מדין הלכה אין מזמנין עליו, אלא שהדברים נאמרו באותם הימים שהיו נזהרים מלישב במעמד — בחברת — עמי הארץ, אבל מימות התלמוד ואילך לא ראינו מי שהקפיד על כך, ואפילו עם הארץ שאינו יודע לענות מזמנין עליו״ . . .

אין אַנאַליזירנדיק די פאַרשיידענע שיטות ביי די מפרשים און פוסקים[42], קומט איינער פון די רבנישע פאַרשער צום אויספיר, אויף׳ן סמך פון תשובות פון רב שרירא און רבי האי גאון אַז דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן בנוגע דעם עם האָרץ, איז ניט אין דער קאַטעגאָריע[43] פון הלכה, ווי איסור והיתר . . . נאָר מערער דברי מוסר און הלכות דרך ארץ, מאָראַל־עטישע לערעס, בכדי צו דערנידעריקן די, וואָס ווילן ניט לערנען, וואָס האַלטן ניט פון לערנען און ווילן בלייבן ביי עם הארצות.

די דאָזיקע דינים געהערן צו דעם סאָרט זאַג, ווי רבי אלעזר[44], אַז עמי הארץ לעבן ניט, וואָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער, אַז זייער לעבן איז קיין לעבן ניט, באַזירנדיק עס אויף׳ן פסוק[45] „מתים בל יחיו״, וואָס אינדעראמתן, מיינט עס, אַז מענטשן אָן בילדונג, זענען ווי טויטע . . . אינגם זין פון „עני חשוב כמת״ און ענלעכע אויסדרוקן.

אויב מ'זאָל נאָכגיין פּינקטלעך, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער גמרא, וואָלט אויסגעקומען, אַז אַזעלכער וואָס האָט ניט געלערנט געגוג תּלמוד (לויט איין מיינונג אין דער גמרא ברכות) הייסט אַן עם הארץ: מען מעג אים דערהרגענען אפילו יום־כּפּור אום שבת[46]; ניט צוריקגעבן אים זיין אבידה; ניט צורעכענען אים צו מזומן[47] און אַזוי ווייטער — און מיר ווייסן דאָך, אַז מיר זענען ניט אַזויפיל מדקדק אין דעם און אַז מיר פאַרלאָזן זיך אויף די מקילים אין באַצוג צו אָנערקענען אים אַלס מענטש.

מיר באַנוצן זיך מיט דער לאָגיק און מיט די אומשטענדן אין באַצוג צום אופן פון פאַרדאַמען עם הארצות און דעם עם הארץ — און מיט גרויס איינזעעניש!

הערות

א.

1. „ימין ושמאל", מסורה, לודזש, תר"צ, ז"ז ט"ו־ט"ז.
2. „קום, געליבטער מיין, לאָמיר ארויסגיין אין פעלד", שיר השירים, ז', י"ב.
3. עירובין כ"א, ע"ב. 4. זע, מ. ש. גשורי, החקלאות בתנ"ך ובתלמוד, ירושלים תרצ"ח.
5. דאָרט, ז"ז 4־10 — באריכות. 6. ישעיה כ"ג, ח'; יחזקאל כ"ו, כ"ט; יואל ד', א"א מקומות.
7. סדין עשתה והמכור והגור נתנה לכנעני (אַ לייענטוך מאַכט זי און פאַרקויפט און גאַרטלען שטעלט זי צו דעם האַנדלסמאַן, משלי ל"א, כ"ד, תרגום יהואש.
8. אברהם און עפרון האַנדל — „כסף עובר לסוחר", בראשית כ"ג, ט"ז.
9. וישקול אברהם לעפרון . . . עובר לסוחר, בראשית כ"ג, ט"ו. ווענן וואָרט סוחר שבו וסחרוה דאָרט, ל"ד, י'); מדינים סוחרים (דאָרט, ל"ז, כ"ז); ואת הארץ תסחרו (דאָרט, מ"ג, ל"ד).
10. מלכים א', י' י"א־כ"ב. 11. ברכות ג', ע"ב. 12. נחמיה י"ג, ט"ז.
13. בראשית רבה, פּרשה ע"ו־ז.
14. זע, מ. א. שולוואַס, חיי היהודים באיטליה, ז"ז 17, 104־145. פון די געציילטע אומפּאַרגלייכלעכע ווערק וועגן איטאַליענישן יידנטום.
15. זע, י. מילנער,, יידן אין פראַנקרייך, ז"ז 34, 42, 102־103.
16. ווי עס ווערט געשילדערט אין דעם גרויסן ווערק פון י. י. זינגער „די ברידער אשכנזי", ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג „מתנות", ערשטע אויפלאַגע, 1935.
17. שמות כ"ב, כ"ד; ויקרא כ"ה, ל"ה־ל"ח; דברים כ"ג, כ', כ"א.
18. יחזקאל י"ח, ח', י"ג, י"ז; כ"ב, י"ב; תהלים ט"ו, ה'; משלי כ"ח, ח'. שנוי בנביאים ומשולש בכתובים . . .
19. איזהו נשך, פערטער פּרק פון מסכת בבא מציעא.
20. ב"מ, ס"א. זע, דר. יהודה ראָזנטאַל, רבית מן הנכרי, תדפיס מ„תלפיות", טבת, תשי"ב, ז' 475 (מבוא) ציטירט פון קאַטו הזקן (149־234), אַז נעמען פּראָצענט איז רציחה.
21. רמב"ם הלכות מלוה, פּרק ד', הלכה ב', הלכה ו' — מגיד משנה און די אַנדערע נושא כלים.
22. אינם ווערק, „די באַציאונג צום פּרעמדן", ז"ז 134־135.
23. ציטירט פון חכמת אדם, קל"ו, י'.
24. ז"ז 18־22; אחרית דבר, ז' ט'. זע, תרגום יונתן בן עוזיאל, ספורנו און אַנד. מפרשים אויפן אָרט(כי תצא);רמב"ם, פירוש המשנה, סנהדרין א', א'.

24א. ווי געזאָגט, זענען די מפרשים ניט מסכים מיט דער דאָזיקער שיטה פון רמב"ם. זע, ר"ח הליר, ספר המצוות, מצוה קצ"ח.
וועגן „רבית בזמן הזה", האָט הרב רפאל קאַצענעלעבויגן, געשריבן אויספירלעך אין „פנים אל פנים" (ירושלים, י"ג סיון, תשכ"ב).

25. תל־אביב, תשי"ז, ז"ז 63־65.
26. ער גיט אָן דעם מקור, מרדכי בבא מציעא, רמז של"ח (בהוצ' ריווא די טרינטו, רמז תנ"ז, „האורה", ב', סימן קכ"ג, „ושניהם היה יודע ומונע רבי להורו מפני לעגי שפה, עד שמצא סייג לדבריו מרבי דוד הלוי שהורה לו הלכה למעשה".
27. דער „בית יוסף" טור הלכות רבית, סימן ק"ס, דריקט זיך אויס: „והוי יודע שאין דעת שום אחד מהפוסקים שוה לדעת רש"י, דלכו"ע רבית הוי" . . . דער בית יוסף איז אויך קעגן מתיר מאַכן דורך פאַרמיטלונג פון אַ ניט־ייד און ער האַלט, „שלא התיר רש"י דבר זה מעולם, אלא איזה תלמיד טועה כתבו ותלה עצמו באילן גדול."

28. זע, מרדכי, ב"מ, של"ח, יבמות, דארט, כ"ט.
29. זע, ב"מ, ס"א, ע"ב ;ע"ה; שמות רבה, ל"א.
30. זע, קונטרס פון סמ"ע אויף הלכות רבית, געדרוקט אין שקלאוו, תקמ"ג. די דאזיקע תקנות האט ר' יהושע פאלק מתקן געווען אין לובלין ביים יריד גראמניץ אין יאר שס"ו. דער נוסח פון „היתר עיסקא" אין חכמת אדם, קמ"ג.
31. דער מאמר געפינט זיך אין דער גמרא בבא מציעא (ע"ה, ע"א): ואמר רב יהודה אמר שמואל, תלמידי חכמים מותרים ללוות זה מזה ברבית, מאי טעמא? מידע ידעו דרבית אסורה ומתנה הוא דיהבו אהדדי" (און נאך האט רב יהודה נאכגעזאגט אין נאמען פון שמואל: תלמידי חכמים מעגן בארגן איינער פונעם אנדערן אויף פראצענט. פארוואס? ווייל זיי ווייסן, אז רבית איז אסור, גיבן זיי דאס איינער דעם אנדערן אלס מתנה.
זע, רש"י, דארט, רמב"ם, הלכות מלוה ולוה, ד', י"ט; רא"ש און טור שו"ע, יו"ד קס"א, יי"ז א.א.
31א. וועגן די איגר אדמורים אין מיינע ווערק: „לובלין" און „געזאנג פון חסידות".
32. אין לעבן שטייגער, קולטור־געשיכטע און פאלקלאר, לעקסיקאלאגישע שטודיע, ניו־יארק, האקדימיה האמריקנית למדעי היהדות, תש"ד. וועגן דאזיקן קאלאסאלן ווערק — אין א באזונדערער אפהאנדלונג.
33. ערך פראצענט־געלט, נומ' 454, ז' 195. דארט, נומ' 556 און 572, ז"ז 235־236: 245.
34. ז' XIII.
35. סנהדרין, צ"ו, ע"א.
36. ציטירט פון מ. ליפסון, מדר דר, תל־אביב (1929), נומ. 250, ז' 180.
37. אינם אריינפיר, ז'. XV
38. עבודה זרה פרק ב' הלכה א'.
39. אריינפיר ז"ז XVI-XV באריכות.
40. זע, קב הישר (ערשטע אויפלאגע ורנקבורט (פראנקפארט) דמיין, תס"ח, ק"א, פרק כ"ג, זיינע מאראלישע לערעס וועגן געלט באנעמונג און אויפפירונג.
41. בבא קמא, קי"ט.
42. אריינפיר, ז' XXV
43. דארט, ז"ז. XX-VI-XX-VII
44. אין הערה 47, גיט ער אן „תוספתא, בבא קמא, י': פג"ל אויך אין תוספות בבא מציעא, פ"ז (ב', אלא; בכורות י"ג) ב', כמאן. אין מיין ווערק, די באציאונג צום פרעמדן, וועגן דעם אויספירלער.
45. ציטירט פון אליעזר שטיינמאן, „ממון כשר", אין: ב א ר ה ח ס י ד ו ת , סדרה שניה, תל־אביב, אן יאר, 296־298.
46. דארט ז' XXIX אויך נומ' 308.
47. וועגן יידישע מטבעות, זען, דארט, ז"ז 120־122.
47א. ארויסג. צענט. פארב. פון פוילישע יידן אין ארגענטינע, 1962, ז"ז 131־137.
47ב. יידן, זענען לויטן דאזיקן דעקרעט פריי געווען פון גערופן ווערן אין געריכט שבת און יום־טוב.
48. מגן אברהם, או"ח ש"ו, ז'; זע, ג. פעלדער, יסודי ישרון, חלק ד', ניו־יארק, תשכ"ב, ז"ז רע"ו־רע"ז, אז א הלואה צו א ייד, דורך א היתר עיסקא, קומט ניט אין דער קלאסיפיקאציע און דארף ניט רעכענען לויטן טאג . . .
49. Correspondence of Marx and Engels, 1846-1895, pp. 469.
50. ויקרא, כ"ה, ל"ו: „את כספך לא תתן לו בנשך ובמרבית לא תתן אכלך".
51. דברים, כ"ג, כ־כ"א: „לא תשיך לאחיך, נשך כסף נשך אכל, נשך כל דבר אשר ישך. לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך . . . "
52. שמות. כ"ב, כ"ד: „אם כסף תלוה את עמי . . . לא תשימון עליו נשך".
53. יורה דעה, הלכות רבית, סימן ק"ס. וועגן דעם „לנכרי תשיך", איז א סך געשריבן געווארן. לויטן רמב"ם, איז עס א מצוה; לויטן ראבד איז עס בלויז א דערלויבעניש, ווייל ער נעמט ביי דיר, מעגסטו נעמען ביי אים. פונדעסטוועגן ווייזן אז די פוסקים אויפן מאמר אין דער גמרא (מכות, כ"ד) אויפן פסוק אין תהלים ט"ו, „מי יגור באהליך . . . כספו לא נתן בנשך" — אפילו נשך פון א גוי . . . באריכות אין מיין ספר, „די באציאונג צום פרעמדן"; אויך דובריש טורש, „הס קטיגור", ציטירנדיק א תוספתא (ב"ק, פ"ו), „העושק את הגוי אין לו סליחה עולמית".
54. זע, דרשות חת"ס, חלק ב', תקנ"א — געוואלטיקע השקפה פון דעם בארימטן פוסק. ר' יצחק ברויער, זעט אין דעם איסור רבית, דער פארלאנג פון דער תורה און פון די חכמים אפצושאפן דעם סיסטעם פון געלט און קאפיטאליזם.
55. מכילתא, בשלח.
56. זע: ילקוט תורה, רמ"ז, קט"ו; ב"מ מ"ד, מ"ט א"א מקומות.

ב.

1. זען, קדושין ל"ג; בבא מציעא פ"ג־פ"ח.
2. יבמות ע"ט, ע"א. וועגן דער גרויסקייט פון הכנסת אורחים, וואס מ'נעמט אויך אלס ביישפיל אברהם אבינו, זען, שבת קכ"ז, ע"א, אז דאס שטייט העכער פון קבלת פני השכינה.
3. דר. שמעון פעדערבוש, מוסר הארונים והעבדים, נתיבה, שנה שני', ירושלים ט"ו אב, תרפ"ז חוב' י"ח־י"ט, ז"ז 323־326.

4. זע, פעדערבוש, דארט, ט״ו, אלול, חוב׳ כ״-כ״א, ז״ז 359-360. אנווייזנדיק, אז די תורה שטארקט דערמיט די לעבנסקראפטן און לעבנס ענערגיע פונם מענטשן און זיין אויספיר: מוסר היהדות אינו באמת, לא מוסר אדונים ולא מוסר העבדים . . . שונה משתי הקצוות האלה הוא מוסר היהדות. הוא בחר לו דרך ממוצעת בין שתי הקצוות האלה, כי על־כן בנוי הוא על ההכרה האמתית של טבע האדם ורגשותיו . . . אין היהדות לא מוסר אדונים ולא מוסר עבדים, אלא מ ו ס ר ה א ד ם ! יהדות איז די לערע, די עטיק פונם מ ע נ ט ש. גאר ברייט און טיף באהאנדלט ער די דאזיקע פראבלעמען אין זיינע ווערק: המוסר והמשפט בישראל, ניו־יארק, התשי״ד (פרק ח׳); משפט המלוכה בישראל, ירושלים תשי״ב, פרקים ט״ו-ט״ז.
5. מלאכי ב׳, ו׳.
6. וועגן געשיכטע פון יידישן ווירטשאפטלעכן לעבן, זען, י. שיפער, בלעטער פאר געשיכטע, באנד 11 (1958), דארט, עמנואל רינגעלבלום נאטיצן און אויך וועגן חילוק צווישן קריסטן און ניט־קריסטן אין דער „אכט־און־פערציקער רעוואלוציע", ז״ז 110-111; וועגן קאמוניסטן, דארט, ז״ז 144-145. זע אויך, יעקב לעשצינסקי, הרקע הכלכלי של תחום המושב ליהודים ברוסיה, העבר, תשי״ג, ז״ז 31-44; דארט, ז״ז 84-90, וועגן חורבן פון יידישער קאלאניזאציע אין ווייס־רוסלאנד, וועגן דער יידישער באטייליקונג אין דער רעוואלוציע פון תרס״ה—1905 און וועגן דער ערשטער יידישער פראפעסיאנעלער שולע, „טרוד" אין אדעס, וואס איז געווען א מין פאליטעכניקום. רפאל מאהלער, אין זיין ווערק „יידן אין אמאליקן פוילן" (פארל. יידיש בוך, ווארשע, 1958-1959) גיט אן גענויע סטאטיסטיק וועגן יידישער באשעפטיקונג אין האנדל און אין מלאכה און אז כמעט א דריטל איז געווען באשעפטיקט אין מלאכה און אין מסחר ארום 38 פראצענט.
זע אויך, יוסף גוטמאן, יידן אין האנדל און געלט־ווירטשאפט, ייוו״א־בלעטער, נומ׳ 20.
ביז די קרייצצוגן — באמערקט מאקס עריק — האבן יידן זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט; נאך די קרייצצוגן — מיט געלט־געשעפט, וואוכעריי („געשיכטע פון דער ייד. ליטעראטור . . . ", ליט. בלעטער, 1928, נומ׳ 16, 17, 19, 22).
7. זען מיינע ווערק „לובלין" און „דאס געזאנג פון חסידות", צוויי בענד, בוענאס־איירעס, 1959.
8. זע, מגילת ספר, ז. קס״ח. אויך, דוד כהנא: תולדות המקובלים, השבתאים והחסידים, כרך שני, אבן אופל, ז״ז 20-22.
9. זע, עדות ביעקב (נ״ד, מ״ו) און אין ספר בית יהונתן ד׳ (ז׳, ג׳) און אין זיין ספר תה״ק (ז. קכ״ט) שרייבט ער: „אחר פטירת אדוני חותני הרב כמוה״רם כ״ץ ז״ל, רצו ק״ק פוזנא והגליל פה לקבלני לרב מדינה, וכאשר צוה ג״כ א״ח הרב לפני מותו וכו׳.
10. קדושין פרק ד׳, ז׳.
11. עירובין י״ג, ע״א.
12. זע, מנשה אונגער, חסידות און לעבן, ז׳ 46.
13. זע: ספור דבעל תפלה; הרב יצחק כ״ץ, פראבלעם פון ארבעט, בילגוריי, תרפ״ט, ז׳ 22.
אין זיין דערציילן פונ׳ם לעבן אין באַרדיטשעוו, אונטערן קאמוניסטישן רעזשים, שרייבט יוסף אפאטאשו: „בלויז אין איין בית המדרש אין בערדיטשעוו האב איך באגעגנט יונגווארג. דאס איז דער בראצלאווער קלויז. די בראצלאווער חסידים זיינען „קאמוניסטן" האבן בקבלה פון זייער רבי׳ן צו זיין „יגיע־כפימניקעס", צו לעבן פון דער אייגענער פראצע . . . מיר האבן צווישן אונזערע חסידים קיין איין סוחר נישט — האט מיר דער גבאי פון שטעטל, א סטאליאר, געזאגט. מיר חסידים זיינען מוליארעס, שמידן, סטאלערס . . . אפאטאשו דערציילט אויך ווי ער האט זיי געטראפן אין בית מדרש לערנען „לקוטי מהר״ן", די בראצלאווער חסידים האלטן, אז קיין הייליקער ספר פון דעם „לקוטי מהר״ן" איז גאר נישטא . . . " (זע, ליט. בלעטער, ווארשע, 1928, נומ׳ 40, ז. 782).
ר׳ נחמן בראסלאווער, ווי חסידות־פארשער גיבן איבער, האט א סך בייגעטראגן צום יידיש־לשון און ממש געהאט געלט און רייכטום. „אלע עבודה זרות — האט ער געזאגט — ליגן אין געלט . . . אפילו דעם צדיק ברענגט עס שאדן אין עבודת השם . . . (זע, ש. א. הורודצקי, החסידות ותורתה, ז״ז 50-57).
14. זע, אברהם ביק, קעמפער און היטער, ז״ז 117-118.
15. די ווערטער פון א. ביק. 16. בבא מציעא ס״ב, ע״א. 17. אגרת הקודש, נ״ב.
18. ב״מ פ״ג, ע״א. 19. א. ביק, דארט, ז״ז 119-120.
20. שלחן ערוך, חושן משפט, סימן קס״ג, סעיף קטן ג׳.
21. עירובין פ״ו, ע״א.
22. אין מיין ווערק „דאס געזאנג פון חסידות" — באריכות.
23. זע, בית מנחם.
24. מנשה אונגער, די חסידישע וועלט, ניו־יארק, 1955, ז״ז 170-172.

ג.

1. געבוירן אין קראקע, פוילן, תלמיד פון ר׳ יואל סירקיס (יפה) בעל הב״ח („בית חדש" אויף שלחן ערוך). פריער איז ער געווען רב אין ניקלסבערג. בארימט אלס גאון און צדיק. זיין ספר „שו״ת צמח צדק", איז בארימט אין דער רבניש־הלכה׳שער וועלט.
2. זען: הרב י. ל. הכהן מימון־פישמאן, ספר הגר״א, א׳, מבוא; נ. שמן, די באציאונג צום פרעמדן, ז׳ 50; לובלין, ז״ז 72, 81, הערות.

3. סימן כ״ח, לעמבערג, תרכ״א. 4. כריתות, פרק א׳, משנה ב׳. 5. רע״ב, דארט.
6. פרק תהלים, ק״ז; און פרק איוב, ל״ג.
7. דער ווילנער גאון (הגר״א) האט אויך מבטל געמאכט דעם מנהג כפרות.
8. דברים כ״ד, י״ד־ט״ו.
9. דברים ט״ו, ט״ז.
10. תנא דבי אליהו רבה, פ׳ כ״ח.
11. דארט, ט״ו.
12. ויקרא י״ט, י״ג.
13. חושן משפט, סימן רל״א; זע אויך „באציאונג צום פרעמדן״, ז״ז 141־142.
14. בבא קמא, י׳.
15. זע, רמב״ם, הלכות גזלה, א׳, ב׳; ח״מ, דארט, סימן א׳, סעיף א׳.
16. ב״ק קי״ג, ע״ב.
17. חולין צ״ד, ע״א. זע אויך, יד החזקה הלכות גנבה, פרק ז׳, הלכה ח׳.
18. פרק י״ח, הלכה א׳.
19. ספר חסידים, סימן נ״א סימן תרס״א, סימן תתרע״ד.
20. דארט, סימנים שצ״ח, תתרפ״ח.
21. חדושי אגדות, מהרש״א, כתובות ס״ז.
22. סימן תתרע״א.
23. באר הגולה, ח״מ, סימן שמ״ח; זע אויך, שיטה מקובצת, בבא קמא, קי״ג, ע״ב.
24. בבא בתרא, ט״ו; כלים י״ב, ז׳; רמב״ם, דארט.
25. אבות, ד׳, ה׳.
26. זע, סמג, לא תעשה.
27. שבת ל״א, ע״א. זע, באריכות, נ. שמן, די באציאונג צום פרעמדן; לובלין; קלמן אביגדור פערלא, אוצר, לשון חכמים ,ראובן מס, ירושלים, 1947 ז״ז 104־105.
28. אבות, א׳, ב׳.
29. בראשית ב׳, ט״ו.

ד.

1. ברכות כ״ט, ע״ב; ל״ג, ע״ב. 2. דארט, ו׳, ע״א. 3. דארט, ל״ב, ע״ב.
4. דארט, נז, ע״א; נ״ט, ע״ב. 5. בראשית ד׳, כ׳־כ״ב. 6. דארט, ב׳, ט״ו, אדר״נ פרק י״א.
7. בראשית רבה, פרשה ל״ט; צור איז געלעגן אויף א בארג און מ׳האט געמוזט צו איר ארויפגיין דורך טרעפ.
8. שמות כ׳, ט׳־י׳; אדר״נ י״א.
9. דארט, באריכות. 10. אבות, פרק ב׳. 11. קדושין מ׳.
12. ברכות ח׳, ע״א; זע, דר. ה. מירקין, ארבעט אינם ליכט פון יודנטום (באארבעט דורך ל. חסיד), יודישע ארבעטער שטימע, ג׳ אלול, תרפ״ו (אויג. 13, 1926) נומ׳, ז׳ 2; יודישע ארב. שטימע, נומ׳ 8׳, ו׳ חנוכה, תרפ״ז.
13. נדרים פ״ט, ע״ב.
14. קדושין ל״ג, ע״א; חולין נ״ד, ע״ב; תנחומא, סוף ויצא.
15. מדרש הנעלם, אבות א׳; פסחים קי״ג, ע״א; ב״ב ק״י, ע״א.
16. דברים י״ט, כ״ט; תנא דב״א, י״ד; ילקוט שמעוני, תהלים; תוספתא, ברכות פרק ו׳.
19. ברכות ל״ה, ע״א. 18. תנחומא, ויצא. 17. איוב א׳, י׳.
20. ויקרא י״ט, כ״א; תנחומא, קדושים; קהלת רבה א׳; מכילתא, בשלח.
21. קהלת ה׳
22. משלי י״ב, י״א.
23. כתובות נ״ט, ע״ב; ירושלמי, פאה א׳; סנהדרין כ״ט ע״א; ברכות מ״ג, א״א מקומות. זע, מירקין, ארב. שטימע, נומ׳ 10 (כ״ח אדר ב׳, תרפ״ז).
24. זען: ברכות ח׳; מדרש תהלים, קכ״ח; קדושין ל׳ ע״ב; תוספתא, ברכות פרק ו׳; אבות ב׳; סנהדרין כ״ט.
25. משלי ו׳, כ״ד, כ״ח.
26. אבות דרבי נתן, פרק א׳.
27. זען: כתובות נ״ט, ע״ב; קדושין מ׳, ע״ב׳ תוספתא, קדושין פרק א׳; מכילתא פ׳ בא; בבא מציעא ל׳, ע״ב; שמעון פעדערבוש, משפט המלוכה בישראל, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי״ב, ז״ז 148־156.
28. זע: מ. ש. גשורי, הפרובלימות הסוציאליות לאור התורה, התור, שנה ט׳; גליונות, כ״ג־כ״ד; כ״ט־ל׳; הסוציולוגיה בישראל, ירושלים, תרצ״ז; א. י. שחראי, מוסר היהדות ומוסר התורה, סיני, כרך א׳, ז״ז תצ״ח־תק״ד; הצדק הנבואי והתלמודי, סיני, כרך ב׳, ז״ז קי״ז־קכ״א; דר. י. וולפסברג, לביסוס האידולוגיה של הפועל המזרחי, במישור, שנה א׳, גליונות: ג־ח׳; י׳־י״ב; ט״ו־ט״ז; החבר בהפועל המזרחי, דארט, שנה ב׳, גליונות: מ־מ״ב; מ״ו; חיים פוטשמאן (רמבני), לבעית הדת והסוציאליזמוס, במישור, שנה ג׳, נומ׳; פ״ד, פ״ח, צ׳, צ״ג — באריכות אין זיין ספר, דת ומדינה; גוילין, וורשה, תרצ״ז; במיצר, לשאלות הזמן, תל־אביב, תש״ב; פרקי אמונה, תל־אביב, תש״ג.

29. זע, יאָזעפוס פלאוויוס, אנטי־אפיאָן, ב׳, ט״ז. 30. שמעון פעדערבוש, דאָרט, ז״ז 37־33.
31. ניו־יאָרק, מרחשון, תר״צ־1929, צווייטער טייל, ז״ז 206־202; פריער פאַרעפנטלעכט אין „האסיף״ (רעד. נחום סאָקאָלאָוו), שנה שני׳, תרמ״ו־1886.
32. ימין ושמאל, מסורה לודז, תר״ע, המסחר, פרק ראשון, ז״ז י״א־י״ז.
33. דאָרט, ז״ז 285־271.
34. זע, מ. אוסישקין, אָקסן און מאַטאָרן, טאָראָנטאָ, 1945.
35. זע, מרדכי אַלפּערסאָן, קאָלאָניע מאָוריציאָ, בוענאָס־איירעס, 1922; אַרגענטינער יאָרביכער, אַרויסגעגעבן פון דער קהלה.
מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז אין דער קאָלאָניע מאָזעסוועל, אַרגענטינע, געפייערט געוואָרן 50 יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע — אָבער קיין גרויסע צוקונפט זעט מען ניט פאַר דער אַגראַר־ווירטשאַפט.
36א. אייניקל פון רבי שמשון רפאל הירש, געב. פּאַפּאַ, אונגאַרן, תרמ״ג - 1883; נפטר ארץ ישראל תש״ו - 1946. דר. ברויער איז דער מחבר פון דער אגודת ישראל קאָנסטיטוציע און מחבר פון א ריי ווערק, צווישן זיי: עם התורה, מלכות שדי, ריח התורה א. אַנד.
„ההד״, שבט, תרצ״ו, זיין אויסדרוק „הקפיטליזם הצבור״.
37. על פרשת דרכים, חלק ד׳, ז״ז קצ״ח־רכ״ז.
38. ירושלים, תרצ״ג. 39. הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים תשט״ז.

ה.

1. אבות, ב׳, ה׳, ש. פּעטרושקאַ, איבערז. 2. ר׳ נהוראי, אבות ד׳, י״ח. 3. דאָרט, ה׳, ו׳.
4. בראשית כ״ג, ז׳, י״ב, ויקרא ד׳, כ״ז; כ׳, ג׳ און אַנדערע שטעלן אין תנ״ך.
5. זע, א. גאָלאָמב, „די תלמודיש־שטעטלשע קולטור און דערציאונג״, נייע ייד. שול, יאָרבוך צען, ז׳ 23.
6. אבות, ב׳ ה׳; זע: הרב נ. ש. גרינשפּאַן, משפט עם הארץ, הוצ׳ מוסד הרב קוק, ירושלים תש״ו, ז״ז ג־ד׳; ירמיה רלב״ג: יחס החכמים לעמי הארץ סיני, בעריכת הרב יהודה ליב הכהן מימון, שנה כ״ד, כרך מ״ח, חוב׳ ה׳, (רצ״ב) שבט תשכ״א, ירושלים.
7. גרינשפּאַן, דאָרט, ז״ז ד־ה׳ — באריכות.
8. תוספתא, ברכות פרק ו׳, כ״ג.
9. פסחים מ״ב, ע״ב. ווען איך בין געווען אַן עם הארץ! האָב איך געטראַכט, הלואי וואָלט איך געקראָגן אַ געלערנטן, וואָלט איך אים געביסן ווי אַן אייזל . . .
10. פסחים מ״ט, ע״ב.
11. דברים כ״ז, כ״א.
12. זע, פסחים, מ״ט — פּרטים. אין ספר „מגן התלמוד״ (פון שמחה הכהן כהנא), וואַרשע, תרס״ב־1901, ז״ז 63־62, ווערט באַמערקט, אַז עם הארץ איז געמיינט, דער הפקרדיקער מענטש, וואָס ליגט אין באַשעפער און פאַרקויפט זיך צו קערפּערלעכע הנאות.
12. פסחים מ״ט, ע״ב. 13. ויקרא י״א, מ״ו. 14. פסחים, דאָרט, דאָרט.
15. רש״י, פסחים, דאָרט: מ׳רופט זיי ניט צו זאָגן עדות . .
16. ווייל ער איז אין חשד אויף גזילה — רש״י.
17. ווייל ער הייסט ניט דיין ברודער, ער טוט דאָך ניט די „מעשה עמך״ — דערקלערט רש״י.
18. זע, גרינשפּאַן, דאָרט, ז״ז ז־ח׳, ציטירט פון אַ קדמון וואָס זאָל זיך געווען אויסדריקן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „והנכון שדברו חכמים לשון הבאי וגוזמא״. דאָרט, ז״ז ש״ג־ש״ד.
19. כ״ב, ע״ב.
20. דער רי״ף אויפן אָרט, מאַכט אַ חילוק צווישן קאַטעגאָריעס עמי הארץ — אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַן עם הארץ, וואָס לערנען קען ער ניט, אָבער מידות האָט ער יאָ!
21. פירוש המשניות, כלים פרק י׳, א׳.; זע פּיעטרושקאַ, דאָרט, ווי ער איז דאָס אַזוי קלאָר מסביר.
22. קדושין ע״א־ע״ב.
23. פסחים ס״ו, ע״א; יומא ל״ה, ע״ב.
25. פסחים מ״ט, ע״ב. 26. דמאי, ג׳, ג׳. 27. אהלות, ה׳, ג׳. 28. סוכה, ג׳, י״א.
29. דמאי, ז׳, א׳. לויט רבי מאיר, היט ער ניט תרומה, מעשר און טהרה, זען, דמאי, א׳ ב׳; תוספתא, ע״ז, ג׳, י׳; גיטין ס״ב, ע״א; שביעית ה׳, ט׳.
30. ברכות מ״ז, ע״ב.
31. פסחים מ״ט, ע״ב, תוס׳ דאָרט אָנהויב־וואָרט „ויש״ און ב״מ, כ״ב, ע״ב, אָנהויב־וואָרט „אי״.
32. שבת, ס״ג, ע״א. 33. דאָרט, י״ג, ע״א.
34. דאָרט, אַנאַליזירט קלאַסיפיקאַציעס . . . 35. זע, סוטה כ״ב, ע״א.
36. גיטין ס״א, ע״א; תוס׳ משאנץ, סוטה, דאָרט, ווייזט אָן אויף סתירות אין תלמוד בנוגע דער באַציאונג צום עם הארץ.
37. הלכות עדות, פרק י״א, הלכות א־ד׳.
38. נאָך די בעלי התלמוד, האָבן מיר די שיטות פון רי״ף, רש״י, תוספות, רא״ש און אַנד.
39. חגיגה, כ״ב, ע״ב. 40. ברכות מ״ז, ע״ב. 41. זע, גרינשפּאַן, ז״ז י״א־י״ח.
42. געדרוקט אין אוצר הגאונים, ז״ז 70־67. 43. כתובות קי״א, ע״ב. 44. ישעיה כ״ו, י״ד.
45. ברכות מ״ז, ע״א און מ״ז ע״ב. 46. זע, דאָרט, תוספות, אָנהייב־וואָרט, „והאידנא״

קאַפּיטל דרייצן

די מוסר באַוועגונג

אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַ באַזונדערער ארבעט, שרייבן מיר וועגן ווילנער גאון און זיין ראָלע אין דער מתנגדישער ליטע, וועמענס השפּעה אויפן אָרטיקן, און מזרח־אייראָפּייאישן גייסטיקן־יידישן לעבן בכלל איז גאָר שטאַרק. עד היום איז זיין השפּעה גרויס און מעכטיק — ווייט אריבער דעם תחום פון ליטווישן יידנטום. זיין השפּעה גרייכט אומעטום און ניט בלויז ביים אשכנזישן יידנטום; אויך די ספרדישע גדולים האָבן געלערנט פון אים און מושפּע געוואָרן פון אים . . .

א. תורה און מוסר. — ווילנער גאון און דובנער מגיד. — רבי חיים וואָלאָזשינער.

דער ווילנער גאון רבנו אליהו החסיד, אָדער ווי ער איז באַקאַנט, מיטן נאָמען הגר״א מווילנא, פאַרנעמט אַ גאָר הויך אָרט צווישן די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע, שוין דערמיט אַליין, וואָס ער האָט געוויזן דעם וועג פון לערנען, דעם זין פון תורה וואָס איז געוואָרן ביי אים עבודה: תורה און עבודה איז געוואָרן היינו הך! ער האָט אויך געוויזן דעם כח פון התמדה. ער פלעגט זיצן טאָג־און־נאַכט אין טלית און תפלין, אָפּגעשלאָסן פון דער דרויסנדיקער וועלט און זיך פאַרנומען בלויז מיט תורה. ער האָט זיך אויסגעהיט פונם מינדעסטן טומל, וואָס קאָן גורם זיין אַ וועלכער ניט איז שטערונג צום „והגית בו יומם ולילה״. ער האָט ממש ניט געהאַט קיין מינוט אויף אַרויסרעדן אַ דבר חול, אַפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים. ער איז געווען כולו קודש לד׳ ולתורתו.

געבוירן דעם ערשטן טאָג פּסח 1720 אין סעלץ, אַ שטעטעלע ביי בריסק, איז ער אַלס קינד, אריבער מיט זיינע עלטערן קיין ווילנע, די ירושלים דליטע, וואו ס׳האָט זיך געפונען אַ גרויסער טייל פון זיין משפּחה — און וואו ער האָט געפונען דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר זיין פליים אין תורה.

זיין פאָטער ר׳ שלמה זלמן, איז אויך געווען אַ גרויסער למדן. ער איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ אלי׳ חסיד און אור־אייניקל פונם בארימטן ווילנער רב און ראש ישיבה ר׳ משה קרעמער, דער זיידע פון ר׳ משה רבקה׳ש, מחבר פון „באר הגולה״ צום שולחן ערוך, איינער פון די גרויסע פּוסקים אין דער ליטע און אין פּוילן פונם 17־טן יאָרהונדערט. באַוואוסט אַלס גאון, חסיד און צדיק ווי זיין זיידע, דער ווילנער רב ר׳ משה.

דאָס אַנדערע אור־אייניקל, ר׳ אליהו, דער שפּעטער בארימטער ווילנער גאון, איז געגאַנגען נאָך ווייטער, צום עקסטרעם אין התמדה, פּרישות און חסידות, זיך אָפּזאָגנדיק פון וועלכער ניט איז קערפּערלעך־חומריותדיקער עולם הזה.

דער ווילנער גאון האט געפונען פרייד, בלויז אין דער גייסטיקער שעפערישקייט און באלד פון קינדוויז אן, ארויסגעוויזן גאוניות אין א דור פון גאונים — און דערגרייכט, ווי זיין תלמיד ר׳ חיים וואלאזשינער גיט איבער, צו דער העכסטער געניאליטעט ניט בלויז אין תורת הנגלה, נאר אויך אין קבלה־מיסטיציזם, זיך פארטיפט אין דער דאזיקער וואונדערלעך מיסטישער וועלט, אז ער האט ניט געהאט קיין צייט צו רעדן צו א מענטשן, שוין אפגערעדט פון א פרייע מינוט, פון ביטול זמן. ניט געשלאפן, ניט געעסן . . . פארשלאסן געווען אין זיין אפגעזונדערטקייט. ניט געהאט קיין צייט צו שרייבן א בריוול צו א קינד, אדער לייענען א בריוו פון א קינד.

אבער ניט געקוקט אויף אט דער התנהגות, איז זיין אויטאריטעט געשטאנען העכער פון אלע גדולים אין יענעם דור דעה . . . און ווען ס׳איז געקומען די צייט פון קאמף קעגן דער כת, קעגן חסידות, האט ר׳ אליהו חסיד יא געפונען צייט צו העלפן זיינע תלמידים און זיך אפילו געחתמעט אויף די חרמות קעגן די חסידישע מנהיגים.

ער האט אויסער אלע מורא׳ס, אויך מורא געהאט אז חסידות וועט ברענגען עם הארצות, וועט אראפפירן פונם שלחן־ערוך, וועט פארפירן — און ס׳האט גארנישט ניט געהאלפן הצטדקות מצד דעם חסידישן ריז, ר׳ שניאור זלמן פון ליאדי, דעם באגרינדער פון חב״ד און מחבר פון שולחן ערוך הרב.[1]

בנוגע לערנען תורה, שאפן אין תורה, זענען זיי ביידע אין איין צייט געווען די גאוני הדור און ספּעציעל ביים ליטוויש־רוסישן יידנטום — אבער עס ווייזט אויס, אז מן השמים האט מען אזוי געוואלט, אז אט די צוויי גאוני הרוח, די צוויי גאונים אין נגלה און נסתר, זאלן ניט האבן די מעגלעכקייט זיך דורכצורעדן און ווערן איבערצייגט, אז די ביידע דרכים פירן צו איין וועג: וועג פון פארשטיין געטלעכקייט, גאט׳ס תורה, תלמוד און מפרשים, און אז לערנען, מוז האבן כוונה ווי ר׳ שניאור זלמן ווידערהאלט, אזויפיל מאל די ווערטער פון זוהר:[2] „אורייתא בלא דחילו ורחימו לא פרחת לעילא״ . . . און אויף דעם איז געבויט חסידות; דאס איז דער יסוד פון חב״ד. דער גאון האט אויך געוואוסט פונם דאזיקן זוהר, ער האט זיך אבער ניט פאראינטערעסירט, אז די ווערטער פונם זוהר זאלן צירקולירן צווישן די ברייטע מאסן, אז אויסער זיינע תלמידים, די יחידי סגולה, זאלן אויך אנדערע וויסן דעם סוד פון לערנען תורה בדרך האמת.

דער גאון איז געווען ביי די מתנגדים דער גייסטיקער גענעראל. ער איז געווען ארומגערינגלט מיט א גייסטיק־שטרענג־דיסציפלינירטער ארמיי. זיינס א ווארט, איז געווען געזעץ און ווען ער האט זיך ארויסגעזאגט קעגן חסידות, זענען די דאזיקע סאלדאטן געגאנגען ביזן עקסטרעם און באהאנגלט מיט דער גרעסטער

מסירת נפש, די חסידישע מנהיגים מיט חרמות און רדיפות און מיט אַלע קאַמפּף־מיטלען אין יענער תקופה.

דאָס ליטווישע יידנטום האָט אָבער דאָך געקראָגן אַן אייגנאַרטיקן חסידות די מוסר־באַוועגונג, וואָס שפּראָצונגען פון איר, זעען מיר שוין ביים גאון, ניט אַכטנדיק וואָס אין וואָלאָזשין האָט מען שטאַרק מרחק געווען מוסר־לערע, ווי אַ ספּעציעלער לימוד. מיר זעען אָבער דעם אָנהייב פון דער באַוועגונג אינם סיסטעם פון מגידות, פון האָבן אַ מגיד פאַר יעדער קהלה, ווי דער שטייגער איז געווען אין ליטע.

מיר ווייסן אויך, אַז דער ווילנער גאון אַליין האָט באַשטעלט דעם דובנער מגיד, ר׳ יעקב קראַנץ, ער זאָל פאַר אים מוסר זאָגן. פּשוט: לערנען אַ שיעור אין מוסר און מדות. דער גאון האָט געפונען אין די משלים און מוסר־רייד פון דובנער מגיד טיף רעליגיעזע און עטישע רעיונות אויסגעדריקט אַזוי בילדלעך און מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגישער פיינקייט, אַז ער האָט זיי געוואָלט הערן דירעקט פון אים.

דער גאון איז געווען באַגייסטערט פונם מגיד׳ס דרשות, ווייל אין זיי האָט ער געהערט ריידן בילדלעך און קלאָר וועגן ממשותדיקע פראַגן און ביישפּילן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דער זאַמאָשטשער ר׳ יעקב קראַנץ, דער שפּעטערדיקער דובנער מגיד, האָט מיט זיינע משלים, מיט זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע און אלס פאַבלן־קינסטלער, געווירקט אויפן גאון, וועלכער האָט אין זיי געזען שכל הישר.

און דאָ, איז וויכטיק נאָך אַ וואָרט, אין שייכות מיטן דובנער מגיד און די שיטה פון מוסר־לערנען.

ר׳ יעקב קראַנץ איז געבוירן געוואָרן אין זשעטל, ווילנער געגנט, אין יאָר תק״א — 1741. דאָרט האָט ער פאַרבראַכט זיין יוגנט. דערנאָך געווען אין מעזריטש, אין זאַלקאָווע, אין דובנע, אין זאַמאָשטש און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך און גוט געקענט דאָס יידישע לעבן. אויף זיין וואַנדער־וועג איז ער געווען אַ רואה ואינו נראה, איידער ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין מגידות. ער האָט באַוויזן צו פאַראייניקן אין זיך נזירות מיט ברייטער לעבנס־חכמה און דאָס איבערגעגעבן אויף זיין שטייגער דורך משל און פאַבל.

דער גאון האָט געוואָלט הערן פון אים זיינע משלים און זיין לעבנס־חכמה, ווייל אַלץ איז געווען פול מיט פאַרב און פרישקייט פון לעבן. ער האָט אַמאָל געזאָגט צום גאון: „אַ קונץ צו האָבן אַ גוטן נאָמען, ווען איר פאַרשפּאַרט זיך בחדרי חדרים . . . וואַנדערט אַרום, אַזוי ווי איך, מישט זיך אויס מיט אַלערליי פאַרשוינען, אַזוי, אַז זיי זאָלן אייך זען פון דער נאָענט און דאַן האָבן אַ גוטן נאָמען ביי דער וועלט — אָט דאָס וואָלט געווען אַ קונץ״! (ער איז נפטר געוואָרן י״ז טבת, תקס״ה — 1805).

דער ווילנער גאון (1720—1797) האָט קיין קונצן ניט געדאַרפט באַווייזן. זיין לעבן איז געבליבן אַ וואונדער פאַר אַלע דורות. זיין התנהגות איז געווען חסידות נוסח ליטע.

זיין תלמיד ר' חיים וואָלאָזשינער (1749-1821), האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן דעם גאונס דרך — אָבער איבערגעלאָזט צו אַנדערע להתגדר מיט אַ נייער באַוועגונג — און דאָס איז געווען די מוסר באַוועגונג, אָרגאַניזירט און פילאָזאָפיש באַגרינדעט דורך ר' ישראל סאַלאַנטער (ליפּקין, געבוירן ו' חשון, התקע"א—1810; נפטר, כ"ה שבט, תרמ"ג—1883) וועלכער האָט ווי די חסידות־פירער גענומען אַנזאָפּן די וואָרצלען מיט מער זאַפט, די צווייגן מיט מער טוי, — אָבער אַנדערש ווי די בעש"ט־נאָכפאָלגער וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אינם יידישן לעבן פאַנטאַזיע, פרייד, געזאַנג און עקזאַלטאַציע. ער האָט געזוכט דורך אַן אַנדערן וועג צו דערהויבן דעם מענטש, די שיטה פון זעלבסט־פאַרפאָלקאָמונג, נשמה'דיקע דערהויבונג. ביי די אומות העולם האָבן מיר אויף זייער שטייגער די טאָלסטאָיאַנער און זייער גלייכן[3].

וועגן דעם דאָזיקן גאון אין מוסר, ר' ישראל סאַלאַנטער, זענען לעצטנס דערשינען אַ צאָל ספרים. צו די גרינטלעכע געהערן די ווערק פון מנחם ג. גלען[4], דוב כ"ץ[5] און חיים ליפּקין[6]. דורך די דאָזיקע ווערק באַקענען מיר זיך מיט דער ביאָגראַפישער זייט פון סאַלאַנטער און זיינע נאָכפאָלגער און נאָך מער מיט די אַנשויאונגען, אויפטוען און דערגרייכונגען פון אָט דער באַוועגונג.

די באַגרינדער פונם ליטווישן חסידות, די מוסרניקעס, ווי מ'האָט זיי גערופן, האָבן זיך ווייניק פאַרנומען מיט שרייבן ספרים, פּונקט ווי די ערשטע חסידישע פּאַטריאַרכאַלן. פונדעסטוועגן האָבן מיר עטלעכע ספרים פון רבי ישראל סאַלאַנטער וואָס ווייזן ניט בלויז אויף זיין גרויסקייט און השפעה[7], נאָר אויך אויף זיין סטיל, לומדות און פילאָזאָפיש טראַכטן:

אבן ישראל, כולל דרושים, נחמדים, וחידושים בש"ס ופוסקים מאת . . .
ישראל ליפקין . . . ווארשא, תרמ"ג.

אור ישראל, כולל קבוצת מכתבים ומאמרים שונים להלהיב הלבבות ליראת ד' וללימוד היראה והמוסר כתובים בכתי"ק . . . אדמו"ר הרב הגאון . . . ישראל ליבקין מסאלאנט, זצוקללה"ה כל אלה חוברו . . . יצחק בלאזער. ווילנא, תר"ס.

אמרי בינה, קבוצת מאמרים מאת . . . ר' ישראל סאלאנטער, נ"י. כולל: א) בירורי המידות, ב) חוק ומשפט, ג) אגרת המוסר, ד) הדרן על הש"ס.
הובא לביה"ד מאת (נכדו) דוד סידרסקי, וורשה, תרל"ח, (1878).

ספר חוט המשולש, מגלה צפונות ומחפש טמונות בסוגיות ושמעתות צחות וברות, שמורות וערוכות למוצאי דעת דורשי רשומות, רשום בכתב אמת מאת אדמו"ר אור ישראל הגאון החסיד והעניו (רבי ישראל ליבקין

מסאַלאַנט זצוק"ל) ומאת אבי אדמו"ר רבן בן ישראל הגאון אב"ד דק"ק גאָלדינגען וטעלז בעמ"ח הגהות בן ארי' (בש"ס החדשים דפוס ווילנא) (רבי זאב וואָלף זצוק"ל) ומאת בן אדמו"ר אבן ישראל הרב הגדול מוכתר במעלות ומדות אב"ד דק"ק יאַנאָווע קראז פּראַשניץ (ר' יצחק ליפּקין זצוק"ל) העתקה נאמנה מכי"ק, ועליה חזי לאצטרופי העתקתי, העתקת הענין, אשר העתקתי באופן מקובל על השכל לישר הדורים לישישים ונערים, אני הצעיר חיים יהושע קאסאווסקי . . . נדפס בעה"ק ירושלים תובב"א (בשנת תרס"ד לפ"ק) בדפוס הרא"מ לונץ[8].

די בעלי מוסר האָבן געהאַט פאַר זיך די תלמודישע דיסקוסיע: תלמוד גדול או מעשה גדול און דעצידירט אַז מעשה גדול, דער עיקר איז מעשה, טוען, ווירקן, שאַפן! אינטערעסאַנט איז, אַז אויך איינער פון די גרויסע פילאָזאָפן און דערציער דזשאָן דיואי, האָט געשטעלט אין זיין קאָנצעפּציע אַז מעשה גדול, ווייל מעשים ברענגען צום לערנען[9].

די באַגרינדער פון מוסר האָבן אין זייער אַנשויאונג סינטעזירט תלמודיש־סכאָלאַסטיש לערנען מיט דעמאָקראַטיש פּאָלקטימלעכן חסידות; זיי האָבן, אפשר שלא בכוונה, אַריינגענומען חב"ד — די לערע פון ר' שניאור זלמן (1747—1812) — אינם ליטווישן סדר, אין ליטווישן אינטעלעקטואַליזם און באַשאַפן די גייסטיקע אַטמאָספערע פאַר עטישער התעוררות, ווי מיר זעען דאָס ביי ר' שמחה זיסל פון קעלם, באַרימט אַלס קעלמער מגיד, ביי ר' איטשעלע פּעטערבורגער און ביי די איבעריקע נאָכפאָלגער, די ראשי ישיבה פון מיר, נאָוואָראַדעק, פּאָנעוועזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט אין ליטע און פּוילן[10].

ב. יסודות פון אמונה. — מוסר לערע. — ר' ישראל סאַלאַנטער און דער חפץ חיים. — ניט רייד נאָר מעשים.

וואָס זענען די פונדאַמענטאַלע באַגריפן פון אמונה, לויט — לאָמיר זאָגן — קאַנט'ס פילאָזאָפיע? די יסודות זענען:

א) די עקזיסטענץ פון גאָט;

ב) די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה;

ג) די פרייהייט פון מענטשלעכן ווילן . . .

די דאָזיקע דריי פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן, זענען יסודותדיק פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל; זיי שליסן אויך איין שכר ועונש, באַלוינונג פאַר גוטס און באַשטראָפונג פאַר שלעכטס . . .

דאָס שליסט איין יושר פאַר דעם אַרבעטער און שטאַרקט די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען.

די לערע פון מוסר, האָט זיך אויך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערהויבן די מענטשלעכע נשמה, אויסצולייטערן און פאַרפיינערן איר סובסטאַנץ ניט בלויז

פאַר די באַציאונגען פון מענטש צו גאָט, נאָר אויך אין דער עטיק און מאָראַל, וואָס מיינט די אויסקריסטאַליזירונג פון גאַנצן עטישן מהות.

מוסר, ווי אַ לייט־מאָטיוו אין דער יידישער אמונה, הייבט זיך אָן מיט תורת משה ביז די נביאים, ביז אַלע שפּעטערדיקע וואָרט־פירער פון יידישן גייסט — ביז די ספרים פון מוסר און חסידות אין אונזערע טעג.

מיר האָבן ניט בדעה זיך אַריינצולאָזן אין די פּרינציפּן פון חובות הלבבות (די פליכטן פון די הערצער), לויט די אַנאַליזן פון רבנו בחיי בן יוסף אבן פּקודה (געלעבט בערך 1040—1109), פּונקט ווי מיר טראַכטן ניט, אין די ראַמען פון אונזער אַרבעט, זיך אָפּשטעלן אַריכותדיק אויף עיקר תוכן אין חסידות און אין ספרי מוסר.

די שיטה פון מוסר איז וואָס אַן אמת, אַ סך קריטיקירט געוואָרן פון ליטווישע רבנים, באַזונדערס די שיטה פון ר' שמחה זיסל, דעם פירער פון דער ישיבה און תלמוד תורה אין קעלם — אָבער די באַוועגונג האָט מצליח געווען.

די ליטווישע רבנים האָבן ניט געהאַלטן פון מאַכן אַ באַזונדערן לימוד פון מוסר, ווייל אַלץ וואָס מען לערנט איז דאָך די מוסר, די עטיק פון יהדות . . . זיי זענען אָבער ניט אַרויסגעטראָטן מיט אַזאַ שאַרפקייט, ווי דאָס האָבן געטאָן מיט דורות פריער ליטווישע גדולים אין זייער אַרויסטריט קעגן חסידים און חסידות.

טאַקע דערפאַר, האָבן זיי מצליח געווען, זיך צו דערוואָרבן אָנהענגער אין גאַנץ ליטע און אויך אין פּוילן, וואו ס'האָבן זיך באַוויזן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נייע ישיבות, געשלאָגן דאָרט טיפע וואָרצלען און געהאַט גרויס השפּעה אין דער ישיבה־וועלט.

מ'האָט אין פּוילן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די אידייען פון ר' ישראל סאַלאַנטער, וועמען די מוסר־פירער האָבן טיטולירט „אדמו"ר" ווי חסידים זייער רבי'ן. מ'האָט אָנגעהויבן הערן שיעורים אין מוסר, אַז די גרונט־יסודות, ווי דער קעלמער מגיד האָט געלערנט, איז סדר: סדר אין לערנען, סדר אין באַנעמונג, סדר אין קליידונג . . . , אַז פּוילקייט און אָפּגעלאָזנקייט, ווערט באַטראַכט ווי אַ מאָראַלישער חסרון, איז אַ סימן אויף פּגימות אין דער נשמה . . . אַז עס איז וויכטיק וויאַזוי מ'שטעלט אַוועק די קאַלאָשן.

די אידייע פון מוסר, פאָדערט פון יעדן יחיד אַ ריינמאַכנדיקע נשמה־מקוה וואָס זאָל אים, דעם יחיד לייטערן און במילא וועט דער כלל געלויטערט ווערן, ווייל אַ כלל קאָן קיין כלל נישט זיין, ווען עס איז אַזאַ יחיד נישטאָ. ווען דער יחיד איז יאָ דאָ, דערנענטערט זיך צו אים דער כלל, דער רבים — און די אידייע קומט אַרויס, אין דעם פאַל, די אידייע פון לייטערונג און במילא, די אידייע פון גערעכטיקייט.

די מוסר באַוועגונג האָט געזוכט דעם מענטש, זיין אינערלעכקייט, דעם מענטשלעכן קערן אין וועלכן ס'ליגט אויך דאָס עקספּרעסיאָניזם, די מעשים, די רעאַליטעט פון זיין מיסיע. אינדיווידואַליזם איז דורך די מוסר לערער געוואָרן איינס מיטן קאָלעקטיוויזם און ער באַוועגט זיך אין דער סאָציאַלער סטרוקטור און געמיינזאַמען לעבנס־באַוואוסטזיין.

רבי ישראל סאַלאַנטער, ווערט באַטראַכט פאַר דעם פאָטער פון דער מוסר־באַוועגונג, אָבער דער אמת איז, אַז זיין רבי ר' יוסף זונדל סאַלאַנטער (געבוירן אין סאַלאַנט, ראש השנה תקמ"ו—1785; נפטר, ירושלים, ג' חשון, תרכ"ו—1865) איז דער פאָטער פון אָט דער באַוועגונג וועמען זיין תלמיד האָט כאַראַקטעריזירט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

. . . „ ער איז געווען אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד . . . אָבער זיין שפּיץ האָט דערגרייכט צום הימל. פול מיט אויסערגעוויינלעכער זאָרג פאַר זיינע נשמה־צוועקן . . . אַ ליכט פון דער וועלט און אַז ער (ישראל) האָט ניט דערגרייכט צו די קנעלעך פון זיינע פיס."

ר' זונדל איז געווען גרויס אין לערנען און אין מידות. ער האָט פריער געלערנט ביי ר' חיים וואָלאָזשינער, דערנאָך ביי ר' עקיבאָ איגר און מ'האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז די „דריטע האַנט פון ווילנער גאון" . . . ער האָט אָבער קיין רב ניט געוואָלט ווערן. ער האָט זיך באַזעצט אין סאַלאַנט, געעפנט אַ קרעמל, געלערנט בהתמדה און געלעבט אין גרויס דחקות און פון צייט צו צייט אָפּגעריכט התבודדות — און דאָרט האָט אים ר' ישראל נאָכגעפאָלגט בשתיקה ווי אַ שאָטן און ווען ר' זונדל האָט אים באַמערקט, האָט ער זיך צו אים אָפּגערופן: „ישראל, לערן מוסר און זיי אַן ערלעכער ייד!" — און ר' ישראל איז עס געוואָרן און גענומען זיין רבי'ן ווי אַ מוסטער אין מידות, וועמעס לערנען איז געווען פאַר פּ ר אַ ק ט י ש ע צוועקן"[1]. (אַזוי שרייבט ער אין דער הקדמה צו זיין „תבונה"־זשורנאַל).

ווי דער רבי, אַזוי זיינע תלמידים: ר' ישראל, ר' יצחק בלאַזער, ר' נפתלי אַמשטערדאַם און אַנדערע, האָבן אַרויסגעוויזן גאונות און עניוות, אין פּשטות, אין מענטשן־ליבע. ר' ישראל האָט אָבער באַוויזן צו שאַפן די באַוועגונג און זיך געפירט אויף דעם זעלביקן אופן ווי ר' יוסף. ער האָט געווירקט סיי צווישן לומדים און סיי צווישן פּראָסטערן עולם און ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פיגורן ביים ליטווישן יידנטום.

ער איז אַוועק אין פּרייסן און דאָרט זיך דערוואָרבן אַ סך אָנהענגער. אין 1862 האָט ער אין מעמל אַרויסגעגעבן אַ חודש־זשורנאַל מיטן נאָמען „תבונה" געווידמעט צו תורה און מוסר. שפּעטער איז ער אַוועק וואוינען אין קעניגסבערג, דערנאָך אין פּאַריז, פאַרשפּרייט מוסר אין מערב־אייראָפּע — און אַ סך אויפגעטאָן.

פון זיינע תּלמידים, האָט ר׳ יצחק בלאַזער (געבוירן שניפּישאָק, תּקצ״ז—1837; נפטר, ירושלים, תּרס״ז—1907) זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרעסטער תּלמיד, אַלס טעאָרעטיקער פון דער מוסר־באַוועגונג, וועמעס קרוין ער איז געוואָרן. זיי האָבן אין אים געזען דעם פּראָטאָטיפּ פון אַ מוסרניק. דערצו, איז ער געווען דער גאון אין פּלפּול און הלכה, ווי עס זאָגט עדות זיין ספר „פּרי יצחק״ און זיינע שיעורים און חילוקים אויף גמרא. (אַ הדרן וואָס ער האָט געזאָגט צו פערצן יאָר האָט זיין פאָטער אָפּגעדרוקט). צו פינף און צוואַנציק יאָר איז ער שוין פּעטערבורגער רב (1862) און דאָרט האָט ער געהאַט געגוג אויסצושטיין פון די משכילים, איבערהויפּט פון י. ל. גאָרדאָן, וועלכער איז אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון דער „מפיצי השכלה״ און פון דער פּעטערבורגער קהלה.

ר׳ איטשעלע בלאַזער, ווי מ׳האָט אים גערופן, האָט אויך געהאַט געגוג אויסצושטיין פון די פרומע מתנגדים וועלכע האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן די מעשים פון די מוסרניקעס און אין קאָוונע, וואו ער האָט געהאַט זיין וואוינונג, איז די מחלוקה געווען אַזוי שטאַרק, אַז ר׳ איטשעלע איז קראַנק געוואָרן. ער איז דאַן אַוועק קיין ווילנע, וואו ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לעבן לויט זיין וואונטש, ווי אַ „פּשוטער ייד״ — אָבער ווילנע און די שטעטלעך אַרום האָבן זיך געפילט יום־טובדיק ווען נאָר ער איז געקומען רעדן און פאַרברענגען מיט מענטשן.

ער האָט תּמיד געשטרעבט, זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, און אויך די דאָזיקע תּשוקה איז אים געלונגען. די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן, האָט ער געלעבט אין הייליקן לאַנד.

אין איינעם פון די לעצטע ספרים וועגן סאַלאַנטער[2] געפינען מיר אַזעלכע פּרקים, ווי, דרכי עבודה, מדרגות בעבודה, דרכי מוסר, תורת המדות אא״וו, אין וועלכע ר׳ ישראל שיינט אין זיין פולן קאָליר, עס באַווייזט זיך די וואונדערלעכע פּערזענלעכקייט וואָס האָט מיט זיין לעבן באַוויזן „חכמת חיים״ דורך מוסר פון „בכל דרכיך דעהו״.

דער קעלמער מגיד דריקט זיך אויס וועגן זיין רבי׳ן:

„ער האָט געעפנט אַ נייע וועלט אין דער לערע פון עטיק אין וועלכער ער האָט געוויזן זיין גאונות, באַלויכטן „עיני ישראל״ מיט זיינע מדות, מיט זיינע חידושים און געשאַפן אַ נייע מסכת אין הלכות סאָציאַלע מצוות.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער — ווערט דערציילט — איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר, וואו ער איז פאַרבעטן געוואָרן צום מאָלצייט. ביים וואַשן זיך צום עסן, האָט דער גביר באַמערקט, אַז ר׳ ישראל קאַרגט מיט׳ן וואַסער, האָט ער אים געפרעגט, פאַרוואָס ער גיסט ניט מער וואַסער צו נטילת ידים . . .

האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער אים געענטפערט:

„איך האָב געזען, אַז די משרתטע ברענגט דאָס וואַסער באַרג אַרויף און זי

ברעכט זיך איין פון טראָגן די שווערע וואַסער אויף די אַקסל, זאָל איך זיין אַ מהדר במצוות אויף יענעמס חשבון? . . .

ער וואָרנט, אַז דער מענטש זאָל זיך אויסהיטן פון וועלכע ניט איז נגיעה, אַפילו אַ נגיעה ביים טוען אַ מצוה, אין זיינע ווערטער „נישט צו האָבן אַ פרומע נגיעה". זיינע תלמידים האָט ער אָנגעזאָגט מדקדק זיין אין די מצוות שבין אדם לחברו, אַפילו אכטונג צו געבן, אַז די פרוי, די אלמנה, די קנעטערן, זי זאָל זיך ניט איבעראַרבעטן . . .

ער פלעגט אַליין שטיין ביים באַקן זיינע מצות אכטונג צו געבן אויפ'ן קנעטן, וועלגערן און באַקן, אַז אַלץ זאָל זיין לויט'ן דין און הלכה.

האָט זיך אַמאָל געטראָפן, ער איז געווען נישט געזונט און נישט געקענט אַליין גיין צום בעקער. זענען זיינע תלמידים געגאַנגען צו דער בעקעריי. פאַר'ן גיין פרעגן זיי אים: זאָגט אונז, מיט וואָס זאָלן מיר זיך מער אויסהיטן . . .

— איר זאָלט זיין נזהר — האָט ער זיי אָנגעזאָגט — מיט דער פרוי, די קנעטערן, ניט צו שרייען אויף איר און ניט ווי צו טאָן איר, זי איז אָרים און האָט ניט קיין מאַן . . .

ער האָט אויך אַמאָל געזאָגט, אַז פונקט ווי אַ רב פון שטאָט, דאַרף בודק זיין דעם חלף פון שוחט און זען, צי ער האָט נישט קיין פגם, אַזוי איז דער רב אויך מחויב אַרומצוגיין איבער די געוועלבער און צו זען, צי די וואָגן און געוויכטן זענען ערלעכע . . . און ביים באַשטימען רבנים, דיינים, האָט ער פריער פון אַלץ אָנגעזאָגט צו זען, צי זיי זענען בעלי מדות און צי זיי זענען נזהר פון כעס, תקיפות, כבוד אדג"ל.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין מוסר, זענען געווען פאַרשיידענע שיטות. אייניקע מוסר לערער שטעלן בעיקר זיך אָפּ אויף די שוואַכקייטן ביים מענטש און אַנדערע פאַרקערט, אויף דער דערהויבנקייט פונם מענטש. בידע שיטות האָבן אָבער דעם זעלבן ציל: די לייטערונג פונם מענטשן און אים אַרויסצוהויבן פון די קערפּערלעכע תאוות.

רבי נתן צבי פינקעל, באַקאַנט צווישן זיינע פאַרערער אַלס „דער סלאָבאָדקער זיידע", איז ווי זיין רבי, ר' שמחה זיסל, פון די ערשטע גדולים אין דער מוסר־באַוועגונג. ער צעגייט זיך אָבער פון זיין רבי'ן אין געוויסע פונקטן און דער עיקר, אין דעם וואָס זיין רבי ר' שמחה זיסל באַטאָנט די נעגאַטיווע זייט פון מענטש, זיינע קליינלעכקייטן, שוואַכקייטן און רבי נתן צבי שטרייכט אונטער דווקא די פּאָזיטיווע זייטן ביים מענטש. דורך דער אַרויסהייבונג פון זיינע מענטשלעכע גרויסקייטן, קען מען דעם מענטש דערהויבן צו זיין עטישער הויך.

רבי נתן צבי פינקעל, האָט פאַר דעם צוועק געגרינדעט אין סלאָבאָדקע, די פאַר־שטעטל פון קאָוונע, די ישיבה „כנסת ישראל", ניט האָבנדיק קיין אָפיציעלן אמט, אויסער די מעגלעכקייט צו דערציען די בני הישיבה אין זיין גייסט און

לויט זיין הדרכה. ער האָט שטענדיק געזרעדט וועגן דער גרויסקייט פונם מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט'ן צלם אלקים און קען זיך דערהויבן צו די געטלעכע אַטריבוטן, האָבנדיק אין זיך דעם חלק אלקי ממעל. ער האָט נעגירט די לערע פון די אַנדערע בעלי מוסר, וואָס האָבן בעיקר באַטאָנט די מענטשלעכע שוואַכקייטן, צוליב זיין אָפּשטאַם און זיין סוף: טפּה סרוחה, עפר רמה ותולעה...

איינער פון די געהויבנסטע יידן אין לעצטן דור, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט ליטוויש חסידות: שלחן ערוך און מוסר היהדות, געלעבט אין צדקות, ווי פאַרצייטישע בעלי מדות האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט, איז געווען דער חפץ חיים, ר' ישראל מאיר פון ראַדין, (ביי ווילנע), איינער פון די צדיקים אין אונזער דור. ניט וועלנדיק געניסן פון רבנות, האָט ער זיך איינגעאָרדנט א קראָם אין ראַדין פון געלט (150 רובל) וואָס ער האָט באַקומען א ירושה פון זיינער א מומע (דעם פאָטער'ס א שוועסטער). ער אַליין פלעגט זיך ניט מישן אין דער קראָם, נאָר זיין פרוי פריידע מיט איר שוועסטער חיה שרה פלעגן אַכטונג געבן אויפן געשעפט. ער האָט בלויז אַכטונג געגעבן, אַז די פּרייזן זאָלן ניט זיין צו הויך, אַז די מאָסן און געוויכטן זאָלן זיין אַקוראַט אא"וו. ער פלעגט בודק זיין די מאָסן פאַר פּליסיקייטן און אַנדערע מאָסן און וואָגן מיט דער זעלבער שטרענגקייט און זהירות, ווי מען איז בודק חמץ. און פונקט ווי ער האָט אַרויסגעוויזן זהירות ביי זיך, האָט ער דאָס זעלביקע געטאָן אין זיין שטעטל, ניט גייענדיק אין זייערע קראָמען נאָר אַגיטירנדיק אין זיינע ספרים און זיך אונטערגעשריבן מיט'ן אַנאָנימען נאָמען „אני הצעיר". אַזוי האָט ער פאַרשפּרייט אויפרופן, פּאַמפּלעטן און אַזוי געדרשנט וועגן משא ומתן באמונה.

ווען ער האָט אויפגעגעבן זיין קראָם און ס'איז אים געקומען א סך חובות, האָט ער אַלע בעלי חובות מוחל געווען, זאָגנדיק דערביי, זיי האָבן דאָך ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, היינט פאַרוואָס זאָל איך נאָך גורם זיין, אַז יידן זאָלן צוליב מיר ליידן לעתיד לבא . . .

ער לאָזט ניט דורך די דינים, וואָס האָבן א דירעקטע שייכות צו אַרבעט און אַרבעט־פּראָבלעמען. אַז איינער דינגט אַן אַרבעטער, האַלט ער, מוז ער אומבאַדינגט זיך אויסרעדן מיט אים וועגן לוין און אַרבעטס־שטונדן. אויב ער טוט דאָס ניט און ס'קומען אַרויס סכסוכים, איז שטענדיק דער אַרבעטער גערעכט.

לויט דעם יידישן דין, ווערט דעם אַרבעטער'ס לוין באַשטימט לויט דעם מנהג פונם אָרט וואָס באַשטימט אויך די אַרבעטס שעהן. דאָס מיינט, אַז יעדער אָרט האָט א רעכט איינצופירן תקנות לויט דער צייט און סיטואַציעס — און דער חפץ חיים באַטאָנט דאָס שטאַרק אין זיינע ספרים.

הערות

א.

1. וועגן גאון און דעם רב, זעו יוחנן טברסקי, העברי, תשי״ג.
2. תיקוני זוהר, תיקון י׳ (כ״ב, ב׳, י׳); זעו, סיני, חשון, תשט״ו, ז״ז ס״ה־ס״ו.
3. זעו: א. ליעסין, עפּיזאָדן, היסט. שריפטן, ייוו״א, באנד 3, ווילנע־פּאריז, 1939; זכרונות און בילדער, ל. מ. שטיין, פאָלקס־ביבליאָטעק, ציק״א, 1954, ז׳ 3.
4. Israel Salanter, Religious-Ethical Thinker, The Story of a Religious Ethical Current in Nineteenth Century Judaism, By Menahem G. Glenn, Ph.D., New York, 1953.
5. דוב כ״ץ, תנועות המוסר, ב׳ כרכים, כרך א׳, תל־אביב, תש״ו; כרך ב׳, תל־אביב, תש״י.
6. הרב חיים יצחק ליפּקין, תורת רבי ישראל מסאלאנט, ערשטער טייל דברים שבכתב, צווייטער באנד, דבריו שבעל פּה . . . אינטערעסאנט איז ,אז אויף איינעם פון זיינע זין האָט ער ניט געקענט משפּיע זיין. מיר מיינען דעם פּראָפ. יום־טוב ליפּמאַן ליפּקין (1845־1875), וואָס איז ארויס, לויט דער מוסר שיטה — לתרבות רעה.
7. פולע ביאָגראַפיע אין דערמאָנטן ווערק פון מנחם ג. גלען.
8. זעו, דר. שמואל מ. בלומנפילד, „ג׳ון דיואי ותרומתו לחינוך היהודי, שבילי החנוך, שנת העשרים, חורף תש״ד, חוב׳ שני׳.
9. זע, א. ר. מלאכי, די שעפער פון דער מוסר באוועגונג, ליטע, בוך איינס, 1951, ז״ז 539־566. דאָרט ,באזונדערס וועגן סאלאנט, מיר, קעלם, פּאנאוועזש א. א. ישיבה צענטערן.

ב.

1. זע, „הצדיק ר׳ יוסף זונדל מסאלאנט ורבותיו״ ירושלים, תרפ״ז. אין א בריוו צום „המגיד״־רעדאַקטאָר, שרייבט דער סאלאנטער: „ . . . קענגן מיין ווילן, און מיין הארץ ווייטיקט מיר איבער דער דאַזיקער ווענדונג פון מיין זון. דער יעניקער וואָס וועט ווירקן אויף מיין זון, ער זאָל ניט גיין קעגן מיין ווילן, וועט טאָן א גרויסע טובה א דערשלאָגענעם ווי איך בין״ — זע, באריכות, מלאכי, דאָרט.
2. זע, הרב חיים יצחק ליפּקין, תורת רבי ישראל מסאלאנט, צוויי בענדער; הרב דוב כ״ץ, תנועת המוסר, חלק א׳ און אין אנדערע ספרים.

קאַפּיטל פערצן

שבת און שמיטה

אין א באַזונדערער ארבעט, באהאנדלען מיר געוויסע געזעצן פון שבת־יום־טוב־רו אין אַלע זייערע אַספּעקטן . . . [1] דאָ, ווילן מיר בלויז בקיצור זיך אָפּשטעלן אויף די יסודות פון שבת און זיין באַדייט פאַר דעם אַרבעטער, זיין סאָציאַלן באַדייט.[2]

א. פאַרבאָט צו טאָן מלאַכה. — 39 הויפּט־מלאכות. — קדושה פון שבת. — גייסטיקע און פיזישע רו. — געזאַנג פון שבת. — סאָציאַלער באַדייט.

דער שבת האָט דאָך ניט בלויז אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויפ׳ן יידישן לעבן, נאָר באַאיינפלוסט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט — די וועלט אָנערקענט די אינסטיטוציע פון שבת, פון א רו־טאָג אין די זיבן אַרבעטס־טעג.

צום ערשט ווענן שבת אין תנ״ך:

אין די עשרת הדברות, ווערט געזאָגט: „זכור את יום השבת לקדשו״ . . . געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו הייליקן. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע באַשעפטיקונגען; דער זיבעטער טאָג, איז שבת פאַר דיין גאָט. זאָלסט נישט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט, דינסטמויד, דיינע בהמות און אויך דער גר, וואָס וואוינט אין דיינע טויערן, ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס עס איז דאָ אין זיי און גערוט דעם זיבעטן טאָג; דערפאַר האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת און אים געהייליקט.[3]

דער טעם פון שבת־רו, איז לויט די עשרת הדברות אין שמות: בריאת העולם, אָנערקענען די געטלעכע באַשאַפונג און ווי עס ווערט געזאָגט אין בראשית:[4] „ויכל אלהים ביום השביעי . . . וישבות ביום השביעי . . . ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו . . . ״

אין ספר דברים[5] ווערט געזאָגט אין די עשרת הדברות: „שמור את יום השבת לקדשו״ . . . זאָלסט ה י ט ן דעם טאָג פון שבת צו האַלטן אים הייליק . . . און דער טעם: „ווייל דו ביסט געווען א קנעכט אין מצרים און גאָט האָט דיך פון דאָרט אַרויסגענומען . . . דערפאַר האָט דיך גאָט געהייסן מאַכן דעם טאָג פון שבת . . . ״ דער מאָטיוו, ווי מיר זעען, איז, היטן שבת כדי אויך צו געדענקען אַז גאָט האָט דיך באַפרייט פון מצריישער פאַרשקלאַפונג.

הרב אביגדור עמיאל שטעלט זיך אָפּ באַריכות, אויף דעם זאָג פון די חז״ל, אַז „זכור ושמור בדבור אחד נאמרו״, דאָס זאָל מיינען צו באַטאָנען, אַז ביי יידן איז דער זכור סינטעטיש פאַרבונדן מיטן שמור: ס׳איז ניט גענוג צו געדענקען, נאָר מ׳דאַרף היטן און אָפּהיטן.

די שבת אינסטיטוציע איז איינגעפירט געוואָרן נאָך פאַר מתן תורה, באַלד ווי די יידן זענען אָנגעקומען אין מרה. אויפן פסוק: „כי שם שם לו חוק

ומשפט"[6], ווערט געלערנט, אז מ'האט זיי אָנגעזאָגט, וועגן שבת און ווייטער ביים מן, ווערט עס קלאָר געזאָגט, אז „שבת וועט איר ניט געפינען קיין מן און איר זאָלט אָנגרייטן פון פרייטיק אויף שבת"[7].

„די מצוה פון שבת", שרייבט זאב יעב"ץ (1847—1924) — „איז ניט נאָר געוואָרן דער יסוד פאַר דער תורה . . . זי איז ליבער פון אַלע מצוות . . . „אלו נתן לנו את השבת ולא קרבנו לפני הר סיני דיינו" (וואָלט ער אונז בלויז געגעבן דעם שבת און ניט געבראַכט פאַר'ן בארג סיני, וואָלטן מיר אויך גענוג געהאַט) און לויט דער זעלביקער שיטה, זאָגט דער רמב"ם: שבת און עבודה זרה, יעדע איינע פון זיי, וועגט איבער אַלע אַנדערע מצוות[8]. „ווער ס'היט דעם שבת, זאָגט עדות אויף דעם, וואָס האָט באַשאַפן זיין וועלט אין זעקס טעג, און גערוט אינם זיבעטן טאָג. און אַזוי ווערט געזאָגט: „איר זענט מיינע עדים, זאָגט גאָט . . . ."[9]

שמור את יום השבת לקדשו — קאָמענטירן די חז"ל, מיינט היטן אין הארץ, האָבן כוונה . . . און זכור, מיינט געדענקען מיט'ן מויל, לערנען די דינים פון שבת[10] און „ווער ס'דאַוונט ערב שבת — זאָגט רב המנונא אין תלמוד[11] — און זאָגט ויכלו, רעכנט אים דער פסוק, ווי ער וואָלט געוואָרן אַ שותף צום אויבערשטן אין מעשה בראשית".

שבת היט פון עבירות[12] און דערנענטערט צום בורא און „ווער ס'נעמט אויף די מצוה פון שבת — לערנט דער כוזרי[13] — האָט שוין אָן צווייפל מודה געווען אין דער וועלט־באַנייאונג . . . אין באַנייאונג דורך דעם באַשעפער."

שבת איז די גוטע מתנה וואָס גאָט האָט געשאָנקען די יידן, ווייל ער האָט ליב געהאַט זיין פאָלק ישראל און דעריבער האָט ער זיי געגעבן דעם הייליקן רו־טאָג.

„וויפיל נאַציאָנאַלע ליבע — זאָגט הרב א. י. הכהן קוק (1865—1935) — ליגט אין שמירת שבת, וויפיל גייסטיקער שטאָלץ . . . שבת ווירקט צו דערהויבן די חשיבות פון פאָלק . . . "

אין זיין ספר „שבת של ישראל"[14] שטעלט זיך אָפּ הרב שמשון רפאל הירש (תקס"ח—תרמ"ט) אויף דעם פסוק „ראו כי ד' נתן לכם את השבת"[15] און אויף דער אינטערפּרעטאַציע פונם מדרש[16]: „ראו את המרגלית הטובה שנתתי לכם", אז שבת איז דער פּערל, דער אוצר און בעסטע מתנה וואָס גאָט האָט געשאָנקען דעם פאָלק ישראל. שבת איז די פרומע, צניעותדיקע כלה . . . דער „גן עדן" פאַר'ן ייד און מענטשהייט[17]. ער טיילט איין די מאָטיוון אלס דרייפאַכיקע: שבת הבריאָה; שבת מדבר; שבת הדברות[18] און אז דורכ'ן שבת, ווערט אָנערקענט די גאָטהייט און דער גייסט וואָס דער באַשעפער האָט געוואָלט ברענגען פאַר דער וועלט[19].

שבת איז געוואָרן דער סימבאָלישער אויסדרוק פון אחדות אלקות, אחדות הבורא און האָט זיך געהאַלטן נאָר ביים פאָלק וואָס האָט מיטגעמאַכט מצריישע

קנעכטשאפט, ווי דער מדרש לויטעט: צוויי טויזנט יאָר איז דער שבת געשטאַנען פאַר'ן רבונו של עולם און זיך געבעטן, ווער איז מיין בן־זוג . . . ביז דער רבונו של עולם האָט געפונען דעם בן־זוג פאַר דעם שבת — דעם עם ישראל און אין די ווערטער פון רשר"ה: „והשבת ירדה למשכנות ישראל וניתנה לכל נפש מישראל"[20].

און דאָ, איז אין פּלאַץ, אַ וואָרט וועגן חילול שבת.

אין דער תורה האָבן מיר שטרענגע געזעצן וועגן מחללי שבת. דער מקושש עצים, וואָס, לויט אייניקע, האָט ער אויסגעריסן האָלץ און לויט אַנדערע, בלויז צוזאַמענגעקליבן און געמאַכט בינטלעך, האָט מען אים פאַרמשפּט צו סקילה[21]. די נביאים וואָרענען אויך שטרענג קעגן חילול שבת, ניט אַכטנדיק וואָס זיי רעדן דער עיקר, וועגן שבת, ווי דער טאָג פון עונג „וקראת לשבת עונג" . . . דו זאָלסט מאַכן דעם טאָג פון שבת, אַ טאָג פון פאַרגעניגן. דער נביא ישעיה דריקט זיך אויס, „שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע[22]. דער נביא פאַרבינדט דאָס אָפּהיטן שבת מיט'ן אָפּהיטן די האַנט צו טאָן שלעכטס — אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע.

נאָך אים, קומט ירמיהו הנביא. ער וואָרנט שוין, ניט צו טראָגן קיין משא אום שבת, „ואל תשאו משא ביום השבת[23] און צו הייליקן דעם טאָג פון שבת, ניט צו טאָן קיין מלאָכה[24] און ניט נאָר, טאָר מען ניט ארבעטן שבת, נאָר אפילו רעדן פון אַרבעט און האַנדל, איז פאַרבאָטן „אם תשוב משבת רגלך עשות חפצך ביום קדשי וקראת לשבת ע ו נ ג לקדוש ד' מכובד וכבדתו מעשות דרכיך ממצוא חפצך ו ד ב ר ד ב ר[25].

דאָס רעדן און גיין אין שבת, טאָר ניט זיין ווי אינדערוואָכן, „שלא יהא הלוכך בשבת כהלוכך בחול ושלא יהא דבורך בשבת כדבורך בחול" . . . ניט נאָר מיט עשיה איז שבת אַנדערש, נאָר אויך מיט מחשבה און דער של"ה, באַמערקט, אַז פרומע יידן זענען זיך נוהג, ניט צו רעדן וועגן די נויטוועגדיקסטע זאַכן, נאָר אין לשון הקודש, אַנדערש ווי אין די וואָכן־טעג.

ישעיה הנביא האַלט שטאַרק פון שבת־רו, וואָס ברענגט מנוחת הגוף און מנוחת הנפש פאַר יעדן יידן. שבת דעמאָנסטרירט די אייניקייט פון יידישן פאָלק און די געטלעכע קדושה וואָס באַהויכט דעם יידישן פאָלק.

דער נביא זעט אינם קיום פון שבת, דעם קיום פון פאָלק: „אז תתענג על ד' והרכבתיך על במתי ארץ והאכלתיך נחלת יעקב אביך כי פי ד' דבר[26].

אויך די באַדינער און פרעמדע וואָס וועלן היטן דעם שבת, פאַרזיכערט זיי דער נביא דעם ברית ד': „כי כה אמר ד' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי ובחרו באשר חפצתי ומחזיקים בבריתי. ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו אשר לא יכרת. ובני הנכר הנלוים על ד' לשרתו

ולאהבה את שם ד׳ להיות לו לעבדים כל שומר שבת מחללו ומחזיקים בבריתי, והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי״[27].

שבת האָט אין זיך אצילותדיקייט, תפארתדיקייט. דער שבת נעמט אראָפּ פונם מענטש דעם עול און זאָרג פון דער וואָכעדיקייט, נעמט צוזאַמען די משפחה, שטעלט אָפּ דאָס טומלדיקייט פון דער וואָך, באָה שבת, באָה מנוחה . . .

די ווערטן פון שבת זענען גרוים. שבת איז דער סימבאָל פון יצירה, פון ששת ימי בראשית:

„אך את שבתותי תשמרו כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם, לדעת כי אני ד׳ מקדישכם״[28].

היטן שבת, מיינט היטן דעם בונד פון ישראל און גאָט:

„ושמרו בני ישראל את השבת, לעשות את השבת לדורותם ברית עולם. ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם, כי ששת ימים עשה ד׳ את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש״.

אין דער תקופה פון די נביאים, איז געהיט געוואָרן ניט צו טאָן געשעפטן אום שבת, אָדער אפילו אין ראש חודש. עמוס, אין זיין שילדערן דעם מצב אין לאַנד, גיט איבער ,אַז זיי פלעגן זאָגן: ווען וועט שוין אריבער דער חודש און מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט האנדל און דער שבת — און מיר וועלן עפענען די שפייכלער[29].

און ניט בלויז שבת, נאָר אויך אין וואָכן־טעג, דאַרף מען געדענקען שבת[30] ווייל שבת איז אַזוי וויכטיק, אַז ווער ס׳היט שבת ווי דער דין איז, געהעריק, אפילו ווען ער דינט עבודה זרה, ווי דער דור אנוש איז מען עם אים מוחל[31].

ווי מיר זען, ווערט דער מחלל שבת שטאַרק באַשטראָפט, ווי דער פאַל פון מקושש עצים אין דער מדבר. מיר געפינען נאָך אַזעלכע ענלעכע געשעענישן[32] און אפילו אַ מלוכה־איבערקערעניש[33] צוליב חילול שבת. פון שטרענגער שבת־רו, ווערט דערציילט אין נחמיה[34] און אין צייט פון די חשמונאים, ווען אנטיוכוס עפיפאַנעס האָט פאַרבאָטן שבת־רו, האָבן יידן זיך געלאָזט אויסקוילן פון דעם פיינט און ניט פירן מלחמה אום שבת — ביז דאָס בית־דין פון חשמונאים, איז ארויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אַז **פיקוח נפש דוחה שבת . . . אַז מען** מעג זיך פאַרטיידיקן אום שבת[35].

די בעלי התלמוד האָבן אָנגעוויזן אויף ניין־און־דרייסיק (39) אָבות מלאָכות, פאַרבאָטן צו טאָן שבת, מלאָכות וואָס זענען געגליכן צו די דאָזיקע הויפּט־מלאָכות, ווערן אָנגערופן תולדות:

1. אַקערן: דער וואָס אַקערט, גראָבט אַא״וו, טוט ער אַן אב־מלאָכה; שניידן, אויסגלייכן, אָנפילן, פעלדער אָדער גריבער — טוט ער אַ תולדה און איז פאַרבאָטן.

2. פאַרזייען: דער וואָס פאַרזייט אָדער פאַרפלאַנצט געוויקסן אָדער ביימער; מאכן הרכבה (איינזעצן א צווייג פון איין בוים אין אן אַנדערן); באַשניידן דעם בוים, באַוואַסערן געוויקסן, תבואָה אדג"ל — דאָס איז תולדה פון זייען.

3. שניידן: דער וואָס שניידט תבואה, רייסט ווייַנטרויבן, איילבירטן, קלייבט פייגן . . . טוט ער אַן אב־מלאָכה.

4. מאכן גאַרבן! צונויפנעמען די תבואות פון דער ערד . . . דורכשטעכן לעבלעך אין די פייגן און באַהעפטן זיי דורך אַ שטריקל — דאָס זענען תולדות.

5. דרעשן. פאַנאַנדערנעמען אַ זאַך, טרעטן פון איילבירטן און ווייַנטרויבן דאָס איז תולדה.

6. דאָס שופלען.

7. דאָס איבערקלייבן.

8. איבערזיפּן . . . אָפּטיילן עסנוואַרג פון פסולת. פאַרוואָס דאָס ווערט פאַררעכנט פאַר דריי באַזונדערע מלאָכות, איז דערפאַר ווייל ביים משכן איז עס אַזוי געציילט געוואָרן. ענלעכעס צו די דאָזיקע ווערט באַטראַכט פאַר תולדות.

9. מאָלן.

10. קנעטן.

11. באַקן. דאָס ערשטע צעטיילט אַ זאַך אויף אַ סך טיילן; צווייטע, באַהעפט די קליינע חלקים דורך אַ פליסיקייט און דאָס דריטע מאַכט עס אַ נייע זאַך, א דבר שלם — ענלעכעס צו אָט די דריי ווערט גערופן תולדות.

12. שערן; 13. בלייכן; 14. צעשפּאַלטן; 15. פאַרבן. דאָס אַלץ האָט צוטאָן מיט וואָל, האָר, פעל, פלאַקס אא"וו.
אין דער דאָזיקער ריי געהערן אויך:

16. שפּינען; 17. פלעכטן; 18. אָנציען אַ ראַם; 19. וועבן; 20. איבערשניידן; 21. פאַרבינדן; 22-27. אויסקניפּן, נייען, רייסן, בויען, צעוואַרפן, צוקלאַפּן אא"וו — אָבות און ענלעכעס איז תולדות.

28-34. פאַנגען, שחטן, שינדן, באַארבעטן, אָפּשאָבן, שניידן אדגל.

35-36. שרייבן (שטריכן און צייכענען מיט פאַרב איז אַ תולדה פון שרייבן); לינירן, מאַכן ליניעס כדי צו שרייבן; מעקן (אָפּמעקן אַן אויפשריפט איבער אַ שריפט איז אַ תולדה).

37-38. אָנצינדן־סיי אָנצינדן אַ ליכט און סיי אונטערצינדן אַ פייער פון האָלץ, פאַר וואַרעמקייט אָדער באַלייכטונג (צוגיסן אייל אין אַ ברע־

נענדיקן לאָמפּ, איז אַ תולדה); פּאַרלעשן — ליכט, קוילן, האָלץ . . .
דאָס איבעריקע אין שייכות מיט פאַרלעשן און אויסלעשן איז אַ תולדה.
39. הוצאה — ארויסטראָגן פון איין רשות אין אַ צווייטן און דאָס
איינענע אַריבערטראָגן אין רשות הרבים אַ משאַ אויף אַ מרחק פון
פיר איילן . . . דאָס איז דער קיצור פון די ל"ט מלאָכות, וועגן וועלכע
מיר האָבן באַזונדערע דינים און אפילו אַ גרויס הלכה ספר פון איינעם
פון די גדולי הדור אין לעצטן יאָרהונדערט[36].

שבת טראָגט מיט זיך סימבאָליש די לאָיאַליטעט און צובונד צום גאָט פון
ישראל: „ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם" (צווישן מיר און צווישן די
קינדער פון ישראל, איז עס אַ צייכן אויף אייביק).

ר' הלל צייטלין (געבוירן תרל"א-1871 — אומגעקומען על קדושת השם
אין טרעבלינקע, אין 1943) הי"ד, שרייבט וועגן דער מנוחה פון שבת:

„געקומען דער שבת, געקומען די מנוחה, די רו פון מעשה בראשית, די רו
פון דער וועלט, דער תכלית פון אַלע מעשים, פון הימל און ערד . . . שבת איז
אין דער בחינה פון עולם הנשמות, אַ וועלט פון כולו שבת. דאָרט איז מען משיג
דעם השם יתברך אָן קיין שום מחיצה, אָן קיין שום מניעה . . . דער סוד פון
שבת, דאָס איז דער שבת וואָס פאַראייניקט זיך מיטן סוד פון „אחד" און קריגט
אַ תיקון, אַז דער אויבערשטער, הייליקער מלך, זאָל אויף אים רוען.

„דער שבת וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן ווי אַ מתנה — איז אונז געגעבן
געוואָרן נישט בלויז פאַר דער מנוחה פון גוף. שבת איז ביי אונז די מלכה שבת,
אַ מנוחה פון אמת און אמונה" . . .

שבת פירט אַריין דעם ייד אין היכל פון קדושה און גרעניצלאָזן תענוג; „כל
המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים[37] און ווי עס ווערט געזאָגט אין
תפלת־מוסף: „מענגיה לעולם כבוד ינחלו . . . " „דער גענוס איז אַ גייסטיקער,
אַ הייליקער, קודש היא לכם" — אויך דער „לכם" דאַרף זיין הייליק און דערמיט
ווערט דער תענוג־שבת אַ „נחלה בלי מצרים", אַן אייביקער עונג און ווי די בית
שמאי לערנען, דאַרף מען זיך גרייטן פאַר'ן שבת, באַלד פונם ערשטן אַרבעטס־
טאָג . . .

שבת איז אויך געוואָרן דער קוואַל פון שעפערישקייט, פאַר אַלע פאָרמען
פון שעפערישקייט[38] ווייל עס איז דער טאָג, וואָס האָט זיך אַזוי גוט אַריינגעוועבט
אין אונזער קאָסמאָגאָניע, אינם יידישן באַגריף פון וועלט־באַשאַף, דער טאָג ווען
אַלע סאָציאַלע מחיצות ווערן אָפּגעשאַפט, באַזייטיקט; דער טאָג פון נשמה יתירה,
וואָס ווערט אַזוי הערלעך באַזונגען פון מקובלים און פייטנים — עס איז דער שבת
וואָס ווערט אַריינגעפירט דורך מלאכים, מלאכי השרת, מלאכי השלום און די כלה־
שבת וועקט די הייליקע עמאָציעס, „בואו כלה, בואו כלה . . . כמשוש חתן על
כלה . . . ווי עס זינגט דער מקובל־דיכטער ר' שלמה אלקביץ (תלמיד פון ר' יוסף

טיטאַצק) און די אַנדערע גדולי הפייטנים, ווי דונש בן לברט (געלעבט אין 10־טן יאָרהונדערט) מיט זיין זמר „דרור יקרא לבן עם בת" . . . שמואל הנגיד (993־1055), מיט זיין שיר „שבת היום לד'"; ר' יהודה הלוי (1085־1146), „יום שבתון אין לשכוח", רש"י אין זמירות למוצאי שבת; ר'ישראל נאַגרה (געלעבט אין צפת אין 16־טן יאָרהונדערט) מיט זיין „יה רבון עלם ועלמיא" און אַנדערע.

א קבלת שבת אין דער אַלט־שטאָט ירושלים, אַרום דער כותל מערבי, מצודת דוד און אַנדערע פאַרהייליקטע איבערבלייבן פונם אַמאָל, איז קיין שענערס ניטאָ און אין דער מיסטישער צפת? היסטאָרישער טבריה? דער שבת ווערט דאָרט פאַרוואַנדלט אין שעהן פון זעלבסט דערלייזונג און משיח־בענקשאַפט[39].

אין צפת, פילט מען די רעאַלקייט פון די ווערטער פון ר' נחמן בראַסלאַווער (1770־1811) „דורך דער שמחה פון שבת איז דער מענטש זוכה צו פרייהייט. די עיקר־מצוה פון שבת, איז די שמחה פון שבת . . .

רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער דערקלערט עס[40], אַז אום שבת קומט יעדער ייד צוריק צו זיין מקור און אַז אין שבת ליגט די מיסטישע קראַפט פון א „מעין עולם הבא" . . .

וואָס פאַר א הויכן און טיפן זין דער שבת האָט געהאַט פאַר קיום האומה, איז אויך צו זען פון אַזעלכע מאמרים פון די חז"ל ווי: שקולה שבת כנגד כל התורה וכל המשמרה כהלכתה, מוחלין לו כל עוונותיו" (שבת וועגט אַראָפּ די גאַנצע תורה, און ווער עס היט שבת, ווי עס דאַרף זיין, איז מען מוחל אַלע זיינע זינד). נאָך א מאמר: „מומר לשבת הרי הוא כמומר לכל התורה כולה" (ווער ס'לייקנט דעם ווערט פון שבת, לייקנט ער אין דער גאַנצער תורה) און „ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט כאָטש צוויי שבתים ווי עס דאַרף צו זיין, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן" (אלמלא משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין).

די חז"ל האָבן געזען אין חילול השבת א רעזולטאַט פאַר דעם חורבן און אין אָפּהיטונג פון שבת — א שריט צו גאולה[41]. ווער ס'היט שבת, איז מען אים מוחל אַפילו זינד פון געצענדינעריי[42], ווייל שבת איז די הכרה פון דעם תורהדיקן אמת, אַז אינם ערדישן לעבן מיט אַלע זיינע שטרעבונגען, קען דער מענטש מנוחת הנפש דערגרייכן בלויז דורך שבת, ווען די אור־ליכט פון מעשה בראשית ווערט נתגלה. די התגלות אלקות, דערהויבט און הייליקט דאָס אינערלעכע נשמה־לעבן און ס'ווערן אָנערקענט די תורהדיקע לעבנס־פּרינציפּן.

די דאָזיקע לעבנס־פּרינציפּן, האָט אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט ר' שמשון רפאל הירש (1808־1888) אין זיינע 19 בריוו צום „חורב"־ווערק[43]: גאָט איז דיין! ער איז דער ווירקלעכער אָנפירער פון דיינע געדאַנקען, געפילן, רייד און מעשים — טרעגער און אויפהאַלטער פון דיין לעבן . . . אַלע באַשעפעניש פונם קלענסטן ביזן גרעסטן זענען גאָט'ס דינער [44] און וואָס מער דער מענטש זעט

זיינע חסדים ורחמים, אלץ מער זעט ער זיינע זאָרגן פאַר יעדער באַשעפעניש בכלל און פאַר יעדן מענטש בפרט.

אין זיינע בריוו רעדט רשר"ה צום מענטש: דו דאַרפסט אויסאיידלען דיין אינערלעכן תוכן, דיין נשמה, דיינע שטרעבונגען זאָלן זיין ריין פון אַלץ וואָס קען דיך דערווייטערן פון דיין הייליקן באַרוף . . . שבת — זאָגט ער — איז דער יסוד פון אָט די לעבנס-פּרינציפּן. דער טאָג איז הייליק, ווייל גאָט האָט אין אים גערוט און לכבוד אָט דער הייליקייט, דאַרפן רוען: דו, דיין זון, דיין טאָכטער, דיין קנעכט, דינסט, בהמה — דאָ, האָט די תורה אויך געגעבן דעם סאָציאַלן באַדייט פון שבת אָפּהיטונג. אין שבת איז געקומען צום אויסדרוק די מדה פון רחמים צו יעדעם באַשעפעניש!

אַפילו ניט-יידן, אַזעלכע, וואָס זענען ניט איבעריק באַגייסטערט פון יידן און יהדות, אַזאַ דענקער ווי פּרודאָן, דער אַנאַרכיסט, אַפילו ער, שרייבט וועגן שבת, אַז קיין זאַך קען זיך נישט פאַרגלייכן צום שבת-טאָג . . . אין וועמעס יסוד עס ליגט די גלייכהייט, פרייהייט פאַר אַלעמען. די קאָנסעקווענצן האָבן דערפירט צו דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און צו דער געזונט-מאַכונג פון איר גוף און נשמה . . .

די גריכן, די רוימער, זיי האָבן ניט באַגריפן דעם מהות פון שבת-רו און דעריבער האָבן זיי אויסגעלאַכט דעם געדאַנק און די פּראַקטיצירונג פון אַ שבת-טאָג, ווען קנעכטשאַפט ווערט געבראָכן, ווען ס'זענען ניטאָ קיין פּריווילעגירטע און אומפּריווילעגירטע — אַלע זענען גלייך. דערמיט איז, לויט הערמאַן כהן, שבת דער סימבאָל פון סאָציאַלער גלייכהייט, זיך אָפּשטעלנדיק אויף דעם וואָרט „כמוך"45, וואָס האָט אַן ענלעכקייט צו דעם „כמוך" ביי מענטשנליבע: ואהבת לרעך כמוך46 ווייל אום שבת, קומט דער דאָזיקער אויסדרוק אין רעאַליטעט: דער אַרבעטער ווערט אויך אַ מענטש פאַר זיך; שבת איז דער סימבאָל פון אַלגעמיינער מענטשנרעכט, סימבאָל פון שקלאַפן-באַפרייאונג . . . דעריבער איז שבת גרעסער פון אַלע מצוות47. „שקולה שבת כנגד כל התורה כולה"48.

שבת איז דעריבער געגעבן געוואָרן ב ה ק ה ל , אין דער עפנטלעכקייט, ווי דער מדרש קאָמענטירט אויף דעם פּסוק ויקהל משה . . . ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי תשבות49, אַז ער איז באַפוילן געוואָרן צו אָרגאַניזירן קהלות פאַר שבת . . . 50.

די היידנישע וועלט האָט דאָס בשום אופן ניט געקענט באַנעמען און ס'איז ניט קיין וואונדער דאָס, וואָס דער פילאָזאָף סענעקאַ שרייבט, אַז „דער מנהג פון דעם דאָזיקן פאָלק (די יידן) האָבן זיך ווי פאַרברעכער פאַרנומען מיט אַ מנהג פון אַ רו-טאָג" און אַן אַנדער גריכישער פילאָזאָף אַגאַס-האַרכידעס, שילדערט דעם יידישן שבת, ווי יידן זיצן ליידיק, טוען גאָרנישט, פאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג אין זייערע הייליקע שולן.

אפשר דערפֿאַר, האָט עס דער אַלעקסאַנדריער ייִדישער פֿילאָזאָף פֿילון היהודי (20 פֿאַר קריסטוס ערא—40 נאָך קריסטוס ערא) געדאַרפֿט באַטאָנען אין זיין ספר „חיי משה" (ספר שלישי) אַז „דער שבת איז ביי אונז באַשטימט נישט אויף הוליאַנקעס און שפּאַציר־גענג אין די לוסטגערטנער, נאָר אויף פֿאָרשן און שטודירן די תורה".

ווילן מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין פּרטים און פּרטי־פּרטים, ווייל דאָס וואָלט פֿאַרנומען מער ווי איין בוך, אוודאי ניט אַריינלאָזן זיך וועגן אַלץ וואָס די ניט־ייִדישע וועלט האָט געשריבן וועגן שבת[51]. דער דייטשער רעפֿאָרמאַטאָר מאַרטין לוטהער (1483-1546), אין זיין פֿאַרמעסט קעגן פּויפּסט, האָט געהאַט אַ פּלאַן צו ענדערן דעם זונטיק־רו אויף שבת און אַן אַנדערער קריסטלעכער פֿריי־הייטס־קעמפֿער, זשאַן באָדן (1530-1596), אַ פֿראַנצויז, האָט אפֿילו געוואַגט צו שרייבן אַז מ'דאַרף זיך שטעלן קעגן די קריסטן וואָס ווילן טוישן דעם זונטיק אויף שבת־רו, ווייל מ'וואָלט דערמיט מחלל געווען דעם שבת מיט אויסגעלאַסנקייט, תאווה־אויסברוכן, שיכרות און שאַנדטאַטן, מיט וועלכע די קריסטן פֿראַפֿאַנירן דעם זונטיק"[52].

די קדושה פֿון שבת איז ביי ייִדן שטאַרק געהיט געוואָרן, אפֿילו בנין בית המקדש איז ניט דערלויבט געוואָרן שבת[53], און בכלל, וואָכעדיקע ענינים, זענען ניט דערלויבט געוואָרן צו טאָן אום שבת[54], ווייל שבת האָט אין זיך אַ טייל פֿון עולם הבאָ[55]. דער רמב"ם און אַלע אַנדערע גדולי הפּוסקים האַלטן, שבת און עבודה זרה־פֿאַרבאָט, אַלס די העכסטע פּרינציפּן אין ייִדישקייט . . .[56]

אין אַלע ספֿרים רעדט זיך וועגן דער קדושה פֿון שבת, וועגן די תפֿלות פֿון שבת, וואָס פֿאַנגען זיך אָן מיט „אתה קדשת" (קבלת שבת) און ענדיקן זיך מיט „אתה אחד"[57] און ווייזן אָן אויף דער גרויסער מתנה, וואָס דער באַשעפֿער האָט באַשאָנקען דעם ייִדישן פֿאָלק[58].

פֿון די צען מצוות, וואָס זענען געגעבן געוואָרן פֿאַר מתן תורה, אין מרה, איז איינס פֿון זיי, די מצוה פֿון שמירת שבת, וואָס בלויז ייִדן האָבן גענומען אויף זיך, — און לויט דער באַהויפּטונג פֿון רמב"ם, זענען ייִדן שוין אין מצרים געוואָרן באַפֿוילן צו היטן שבת, נאָר אין מרה זיינען צוגעגעבן געוואָרן די איינצלהייטן[59].

די, פֿון השכלה־דור, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט ייִדישקייט, האָבן אויך געזען אין שבת, דעם קיום פֿון פֿאָלק אין אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן, אַזוי אחד העם (אשר גינצבורג, 1856-1927), אין זיין גרויסער עסיי וועגן שבת, לויבט דעם שבת, כאָטש ער אַליין, ווי מיר באַמערקן עס אין זיינע בריוו צו נחום סאָקאָלאָוו'ן און צו ביאַליק'ן, איז וואָס שייך שרייבן . . . ניט געווען צופֿיל נזהר.

אַן אַנדער משכיל, דער ליטעראַטור־קריטיקער דר. איזידאָר (ישראל)

עליאשעוו (בעל מחשבות 1837-1924), אין זיין עסיי אונטערן נאָמען „רזאַ דשבת"[60], שרייבט צווישן אנדערן:

„איינער פון די שענסטע און לעבעדיקסטע זאַכן וואָס איז אונז איבערגע־בליבן פון אונזער אַלטער קולטור, איז דער ש ב ת, נאָך דעם אחדות־געדאַנק, איז דער שבת געדאַנק, די טיפסטע און העכסטע אידייע, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן פון דער תורה . . .

און צום סוף, די גאולה פון די יידן — האָבן די חז"ל געהאַלטן — וועט קומען נאָר צוליב היטן שבת[61].

די תורה גיט אונז אַ באַזונדערע פּרשה וועגן שמיטה און יובל, איינשליסנדיק אויך, האַנדל און פאַרקויף פון לאַנד און הייזער אין ארץ ישראל.

די פּרשה פאַנגט זיך אָן:

ב. וואָס די חז"ל זאָגן וועגן שמיטה. — קדושה פון שמיטה. — דינים אין שײַ־כות מיט שמיטה־אָפּגעהיי־טענקייט.

„וידבר ד' אל משה בהר סיני לאמור: דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ושבתה הארץ שבת לד'. שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך . . . ובשנה השביעית שבת שבתון יהי' לארץ . . . והיתה שבת הארץ לכם לאכלה, לך ולעבדך . . . ולבהמתך ולחיה אשר בארצך"[1].

איין מאָל אין זיבן יאָר, איז שבת פאַר דעם קנעכט און די פעלדער ווערן איבערגעלאָזט ניט באַאַרבעט און זיי זענען פריי פאַר יעדן. די פּרוכט פון שמיטה, האָבן אויף זיך אַ הייליקייט. מ'טאָר ניט מאַכן קיין עסקים מיט זיי. זיי זענען פריי, פאַר דעם, וואָס נויטיקט זיך אין זיי.

ס'איז אויך דאָ, „שמיטת כספים". מען דאַרף אויפגעבן, פּשוט שענקען חובות, וואָס עם קומט פון הלוואות. שמיטה לייזט אויף אייגנטימעריי, אַפילו אויף געלטער, וואָס מ'האָט אָנגעזאַמלט און אוועקגעבאָרגט.

וועגן „שמיטת קרקעות", אָדער „שמיטת אדמה" (ערד און באָדן פאַרלאָזונג אויף הפקר) זענען דאָ פאַרשיידענע טעמים און מאָטיוון. לויטן רמב"ם, זאָל דאָס געוועזן האָבן דעם פּשוטן מאָטיוו, דער באָדן זאָל קענען בעסער קולטיווירט ווערן, ,ארויסגעבן בעסערע, נארהאַפטע, זאַפטיקע פּרוכן[2]. לויט אַנדערע, זאָל דאָס האָבן אַ סימבאָלישע מאָטיווירונג: אמונה אין חידוש העולם, אַז דער רבונו של עולם, האָט באַשאַפן די וועלט אַ „יש מאין" און ער האָלט איר תמיד אויף . . . נאָך אַ מאָטיוו: צו ווייזן דעם מענטש, אַז ניט צו אים געהערט דער פאַרמעג, דער באָדן; אַז אַלץ געהערט צו גאָט — „אמר הקב"ה זרעו שש ושמטו שביעית, כדי שתדעו שהארץ שלי"[3].

אין באַהאַנדלען די מצוה פון שמיטה, גיט אַן ר' צבי הירש קאַלישער, נאָך אַ טעם: מענטשן זאָלן ניט זיין שטענדיק פאַרטאָן אין ערד־אַרבעט; זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט גייסטיקייט.[4]

אינטערעסאַנט איז, וואָס די הייליקייט פון שביעית, באַשטייט אין דעם, וואָס די פּרוכט פון שמיטה־יאָר, איז בלויז דערלויבט צו עסן, „והיתה שבת הארץ לכם לאכלה"[5] און יעדער זאָל עסן די פּרוכט, ניט בלויז דער אייגנטימער, ווייל, די פּרוכט זענען פריי פאַר יעדן איינעם זיך צו באַנוצן מיט זיי, אָבער ניט פאַר האַנדל.[6] ס'איז אים בלויז דערלויבט, אויסטוישן שביעית־פּראָדוקטן פאַר פּרוכט אין וועלכע ער נויטיקט זיך מערער.[7]

די קדושה פון שביעית איז אָנגעגאַנגען, ווי מיר ווייסן עס פון דער תורה, מפרשי התורה, פּוסקים און רבנים, אין ארץ ישראל, נאָך דעם כבוש הארץ און נאָכן פאַנאַנדערטיילן דאָס לאַנד צווישן די שבטים. דער פּסוק לערנט: „כי תבואו אל הארץ . . . ושבתה . . . ."[8] ווען יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד, איז די דאָזיקע קדושה בטל געוואָרן. ערשט מיט די עליה פון עזרא, נאָך גלות בבל, איז די קדושה באַנייט געוואָרן און עס גייט אָן אַ הלכה־פּאָלעמיק, צי די שפּעטערע קדושה איז מן התורה אָדער פון די רבנן.[9]

דער רמב"ם שרייבט:

„כל מקום שהחזיקו בו עולי בבל ונתקדש בקדושת עזרא השניה, הוא מקודש היום, אעפ"י שנלקחה הארץ ממנו, וחייב ב ש ב י ע י ת ובמעשרות על הדרך שבארנו בהלכות תרומה".[10]

ווי מיר זעען, איז לויט'ן רמב"ם, דער דין פון שמיטה, אין אונזער צייט, ווי די דינים פון תרומה און מעשר — אַ תקנה פון רבנן — די רבנן פון בית שני און נאָכ'ן חורבן, וואָס האָבן איינגעפירט תקנות און מנהגים און באַפעסטיקט די יידישע טראַדיציע.

הרב צבי נריה גייט אַ טריט ווייטער אין זיין פאָרשונג און קומט צום הלכהשן אויספיר, אַז אויך אַנדערע גדולי הפּוסקים און ראשונים האַלטן, אַז „שביעית בזמן הזה מדרבנן"[11] און ער ציטירט פון רש"י,[12] וואָס זאָגט זיך אַרויס קלאָר: שביעית בזמן הזה דרבנן, דבטלה קדושת הארץ".

ער גיט אָבער צו, אויפ'ן סמך פון רבנים־פּוסקים, אַז אין דין איז ניט קיין חילוק, ווייל „דברי סופרים חמורים כדברי תורה" און אַ סך מאָל, מער ווי דברי תורה, ווייל זייערע ווערטער דאַרפן שטאַרקונג. יעדנפאַלס, האָבן די ארץ־ישראל איינוואוינער, גענומען אויף זיך, צו היטן שמיטה — און דערמיט אַרויסגעוויזן זייער צוגעבונדנקייט און לאָיאַליטעט צום הייליקן לאַנד.

מיר האָבן ניט בדעה, זיך דאָ אַריינצולאָזן אין הלכהשע חקירה. דאָס פּראָבלעם פון מקיים זיין מצות שביעית אין אונזער צייט, איז פאַרהאַנדלט געוואָרן אין אומצעליקע שאלות ותשובות ספרים. גדולי הדור אין פאַרשיידענע עפּאָכעס

האָבן אָנגעוויזן, אויף וועגן וויאַזוי מתיר צו מאַכן די פּרוכטן וואָס וואַקסן און ווערן אַראָפּגענומען אין אַ שמיטה־יאָר[13].

דער מרא דארעא דישראל, דער רב ראשי הרב יצחק הכהן קוק זצ"ל האָט אויף דעם געביט אָנגעשריבן אַ גאָר גרויס און וויכטיק ספר, אונטערן נאָמען „שבת הארץ", אין וועלכן עס זענען דאָ אַלע פּרטים אין שייכות צו שמיטה, אַז עס קען געמאַכט ווערן אַ „שטר מכירה" און אַ קנין צו אַ ניט־יידן — און אויף דעם היתר, איז זיך סומך דאָס רבנות הראשית.

פאַראַן קאָלאָניסטן און בכלל רעליגיעזע יידן, וואָס היטן שמיטה מיט אַלע דקדוקים, פּינקטלעך ווי דער דין לויטעט און ווילן זיך ניט פאַרלאָזן אויף קיין שום טראַנסאַקציעס. די פּועלי אגודת ישראל היטן שמיטה, לאָזן די פעלדער פריי און עס ווערט פאַר דעם צוועק געזאַמלט אַ ספּעציעלער פאָנד.

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען די שאלה איז געשטעלט געוואָרן אין אלול תרמ"ז פאַר די דריי רבנישע גדולים, פאַר ר' נפתלי צבי יהודה ברלין (דער נצי"ב פון וואָלאָזשין)[14], פאַר ר' מרדכי עליאשבערג[15] און פאַר ר' שמואל מאָהילעווער פון ביאַליסטאָק, איז דער רעזולטאַט געווען: דער נצי"ב האָט געפּסקנט, אַז מ'זאָל ניט זוכן קיין היתר, נאָר מקיים זיין די מצוה ווי געהעריק[16]. ר' שמואל מאָהילעווער האָט געזאָגט, אַז ער איז נאָך ניט געקומען צו קיין באַשלוס, צי מען זאָל זיך באַנוצן מיטן היתר, אפשר זאָל מען טאַקע מקיים זיין די מצוה, ווען אַזאַ געלעגנהייט איז אונז געגעבן געוואָרן נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות. דאַקעגן ר' מרדכי עליאשבערג, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיטן שווערן מצב פון די קאָלאָניסטן און זיך באַנוצן מיטן היתר וואָס די צוויי ספרדישע גדולי הפוסקים, דער מהרי"ט און מבי"ט[17] האָבן אין זייער צייט אַרויסגעגעבן.

ווען די שאלה, איז אין יאָר תרמ"ח, געשטעלט געוואָרן פאַר'ן קאָוונער רב, ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר[18], האָט ער נאָך לאַנגע מאַטערנישן און אויספאָרשנדיק דעם דין פון אַלע זיינע אַספּעקטן, מתיר געווען דורך „מכירה לגוי" (דורך פאַרקויפן דעם באָדן צו אַ ניט־ייד), פאַר דער צייט פון שמיטה־יאָר. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן פון אַרויסגעבן אַ פּסק, איידער ער קריגט אַן ענטפער פון די ירושלימער רבנים און ווען די לעצטע האָבן אָנגעגעבן זייער תשובה צו אסרן, צו פאַרבאָטן — האָט ר' יצחק אלחנן זיך צוריקגעצויגן פון אַרויסגעבן אַ פּסק הלכה, ניט וועלנדיק האָבן קיין מחלוקת.

ווען דער ענין איז געוואָרן דרינגענדיק (תרמ"ט איז געווען אַ שמיטה־יאָר) האָט ר' שמואל מאָהילעווער מיט זיין ענערגיע, זיך גענומען אַרויסקריגן אַ קלאָרן ענטפער פון די גדולי הדור און אין שבט תרמ"ח, איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע רבנישע זיצונג און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַרימטער היתר פון די דריי רבנים: ר' ישראל יהושע טרונק (קוטנער רב)[19]; ר' שמואל זנוויל קלעפּפיש (וואַרשעווער מו"צ פון ראַבינאַט)[20] און ר' שמואל מאָהילעווער[21]. אויפן סמך פון

די דאָזיקע דריי רבנים (זיי האָבן אינם פּסק, אויסגעדריקט איין באַדינג: באופן שיסכים עמנו גם הרב הג׳ פּאר דורנו כש״ת מו״ה יצחק אלחנן נ״י האב״דק קאָוונאָ) האָבן די חובבי ציון זיך באַמיט אַרויסצוקריגן דעם היתר פון קאָוונער רב.

הגרי״א האָט אָבער געשריבן קלאָר און דײַטלעך, אַז דער היתר איז בלויז פאַר׳ן יאָר תרמ״ט און ער האָפט, אַז מען וועט מער קיין היתרים ניט דאַרפן זוכן (זיך געחתמעט, יום ד׳, ג׳ אדר, תרמ״ח) און אַזוי יעדעם זיבעטע יאָר, איז דער פּראָבלעם געווען פאַר די רבנים — אָבער ניט דאָ קענען מיר זיך אַרײַנלאָזן אין די אַלע פּרטים[22]. רבנים מתירים האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז זיי ווינטשן, אַז מ׳זאָל זוכה זײַן, צו קענען מקיים זײַן די מצוה פון שמיטה כ ה ל כ ה.

הרב קוק[23], ניט געקוקט, וואָס ער האָט געזוכט אַלע מעגלעכקייטן פון היתר און מכירה פאָרם, האָט ער געהאַלטן אין איין ווינטשן, אַז מען זאָל מקיים זײַן די מצוה און אַליין געהאָלפן גרינדן דעם „קרן שביעית״, צו העלפן די, וואָס ווילן אויף זיך נעמען, צו היטן די דינים פון שמיטה.

ער דריקט זיך אויס אויף איין אָרט:

„אנו מקיימים בידינו את זכר המצוה, עד אשר יבוא הזמן המוכשר, שנוכל לקיימה בכל דקדוקיה, ויהי נוהג בה כל יסודה וטעמה . . . ״

ווי געזאָגט, האָט דער ענין שמיטה אַ רעליגיעזן, ווירטשאַפטלעכן, עקאָנאָמיש־סאָציאַלן באַדײַט. אין שייכות מיט דאָס לעצטע, קאָן מען צוגעבן, אַז די תורה האָט געוואָלט, אַז ארץ ישראל, זאָל בלײַבן דער קנין פונם גאַנצן פאָלק און בשום אופן ניט קענען אַרײַנפאַלן אין די הענט פון אײַנצלנע, לאַנד באַראָנען.

דורך שמיטה און יובל, קומט אַמבעסטן און אויפ׳ן עפעקטיוועסטן אופן, דער אָנזאָג פון „כי לי כל הארץ״, אַז די ערד, דער באָדן, געהערט צו גאָט און דעריבער טאָר קיינער ניט פאַרקויפן לאַנד אויף אייביק, „והארץ לא תמכר לצמיתות״ — אָבער מער וועגן דעם ווייטער.

וואָס שייך אין אונזערע טעג ווילן מיר דערמאָנען אַז דער חזון איש, הרב ישעיה קארעליץ זצ״ל, האָט שטאַרק מחמיר געווען אין די דינים פון שמיטה און ניט דערלויבט שטר מכירה, אַלס היתר.

דער הפּועל המזרחי, האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער רבניש־הלכהשער קאָמיסיע זיך צו פאַרנעמען מיט׳ן ענין שמיטה אין אונזער צייט, אויסאַרבעטן תקנות בנוגע די מלאָכות וואָס דאַרפן בלײַבן פאַרבאָטן און מלאָכות וואָס זענען דערלויבט . . . [24].

פּועלי אגודת ישראל היט שמיטה מיט אַלע חומרות.

כפר חב״ד איז מקיים מצוות שמיטה כּכתבה . . .

דער פירער פון דער פּועלי אגודת ישראל, הרב קלמן כהנא, וויסנדיק, אַז די באַנייאונג פון יידישער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ ישראל וועט מיט זיך ברענגען

דאָס פּראָבלעם, ווי אָפּצוהיטן לויט דער הלכה, די מצוה פון שמיטה, האָט זיך פאַרטיפט אין דער פאָרשונג און פאַרעפנטלעכט א גאַר וויכטיק ספר[25], וואָס נעמט אַרום אַלע ענינים אין שייכות מיט אָפּהיטן די דאָזיקע מצוה, דורך וועלכער עס ווערט דעמאָנסטרירט די צוגעבונדנקייט פונעם ייד צום לאַנד פון די אבות און די קדושה פונעם לאַנד.

ער באַהאַנדלט סיי די הלכות, וואָס האָבן צו טאָן מיט שמיטת קרקעות און סיי די הלכות פון שמיטת כספים — און דערצו, א היסטאָרישן איבערבליק.

ג. טעמים פון שמיטה און יובל. — שמיטת כספים. — געבאָט ניט אויפצומאָנען חובות. — תקנה פון הלל הנשיא. — שמיטה אין אונזער צייט.

אויף דער לייטער פון די סאָציאַלע מצוות, אינם סדר פון די תרי״ג מצוות, געפינען זיך גאָר פּראָמינענט די געבאָטן פון שמיטה און יובל. אין געוויסע הינזיכטן, איז שמיטה גרעסער און אין אַנדערע הינזיכטן — יובל. שמיטה איז א גרויסער נסיון פאַר דעם ערד־אַרבעטער; ער דאַרף האָבן גרויס אמונה, אַז גאָט וועט אים געבן פּרנסה, אפילו ווען זיינע פעלדער, וועלן בלייבן פאַר א יאָר אומבאַ־אַרבעט. ער דאַרף גלויבן אין די צוזאָגן פון דער תורה, אַז די ברכה וועט הערשן אין דער אַרבעט פון זעקסטן יאָר: וצויתי את ברכתי בשנה הששית״ . . .

יובל, ווידער, איז גרעסער, ווייל אַלץ וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן שמיטה, ווערט געזאָגט וועגן יובל; דערצו, איז יובל דער חוב פונם צבור. א ל ע דאַרפן זיין פאַראייניקט אין דער מצוה פון יובל. דאָס ב י ת ד י ן האָט פּראָקלאַמירט דעם יובל־יאָר.

שמיטה האָט געשטאַרקט די אמונה, צוגעגרייט דאָס פאָלק צו דער דערהויבונג פון זיין קולטור; יובל האָט דערגענצט מיטן אַרויסברענגען די נייע סאָציאַלע איינפירונג, די מעגלעכקייט צו פירן א לאַנד, לויט דעם סאָציאַלן יושר.

ביים געבאָט פון שמיטה, ווערט שטאַרק באַטאָנט, אַז די מצווה איז געגעבן געוואָרן סיי אין כלל און סיי אין פּרט, געטיילט אין איינצלהייטן — אַלץ אויפ׳ן באַרג סיני[1]. פאַרוואָס, ווערט גראַד ביי שמיטה באַטאָנט די סיני־אַנטפּלעקונג? זענען דערויף אָנגעגעבן אומצעליקע טעמים.

כמעט אַלע מפרשי התורה, זוכן צו געבן א טעם פאַר שמיטה און יובל. ר׳ שלמה אפרים לונטשיץ[2], נאָכ׳ן אויסרעכענען פאַרשיידענע טעמים גיט אָן א גאַנץ שכלדיקן טעם. ער זעט אין דעם, סימבאָלישעס — א דערמאָנונג וועגן משה רבנו׳ס וואָרטן די זיבן זיבענער, „שבעה שבועות״ און ציילן 49 טעג (פון פסח ביז שבועות) ווען דער באַרג סיני איז דעם פופציקסטן טאָג געהייליקט געוואָרן. דעריבער האָבן מיר שמיטה און נאָכדעם יובל, זיבן זיבענער . . .

דער רמב״ם[3] גיט אַן אַ ראַציאָנאַלן מאָטיוו פאַר שמיטה: צו געבן דעם באָדן איין יאָר רו, בכדי שפּעטער ארויסצוברענגען בעסערע פּרוכט, „למען תת כחה״ . . .

די אינטערפּרעטאַציע פונם „כלי יקר״, איז, אַז דער ציל פון דער מצוה, איז געווען, איינצואוואָרצלען אינם מענטש, אמונה און בטחון, ער זאָל וויסן,אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער און אַז ער וועט אים באַזאָרגן מיט דאָס נויטיקסטע; דער מענטש זאָל זיך ניט פאַרקויפן צו דער ערד, צום מאַטעריאַליזם און מיינען אַז ער האָט אַלץ דערגרייכט מיט זיינע כוחות, אַז „כחי ועוצם ידי עשה לי את החייל הזה״[4].

די קריטעריע איז געוואָרן, אַז דער, וואָס איז מקיים די מצוה פון שמיטה־יובל, איז ער מודה אין השם יתברך און חלילה פאַרקערט, ברענגט ער כפירה, גלות און כל־מיני סאָציאַלע איבלען.

שמיטה איז געווען, אין איינקלאַנג מיטן תורה־פּלאַן, פון אַ פופציק יאָריקן קאָרעקטיוו אין דער טאָטאַלער עקאָנאָמיע און אַ זיבן־יאָריקער קאָרעקטיוו אין דעם פינאַנציעלן סיסטעם פון לאַנד. אין דעם זין, קען מען פאַרשטיין די געזעצן פון שבת־רו פאַר׳ן גאַנצן לאַנד און די געזעצן פון תרומה, מעשרות, פּאָה און לקט. דאָס אַלץ, העלפט צו דער פאַרזיכערונג פון ארבעטס־שוץ און פאַרזאָרגונג פונעם אָרימאַן, ער זאָל ניט אויסגיין פון הונגער.

די אַלע רעגעלן אין דער אגריקולטור, באַטייטן אָבער אַלץ ניט, קיין פּערמאַנענטע רעוואָלוציע. עס מיינט בלויז לייכטער מאַכן דאָס לעבן און געבן דעם אַרבעטער, דעם קנעכט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען און לעבן אַ נאָרמאַל זעלבסטשטענדיק לעבן. ווען עס קומט דער צענטער טאָג פון חודש תשרי, אינם יובל־יאָר, ווערט דורך אַ שופר־רוף איבער׳ן גאַנצן לאַנד, דערקלערט פרייהייט אין לאַנד . . . אַלע פעלדער גייען צוריק צום פאַרקויפער און אַלע קנעכט קערן זיך אום אַהיים, פריי . . .

די פּרוכט פון שביעית מוז בלייבן פריי, הפקר פאַר יעדן; מ׳טאָר ניט האַנדלען מיט די פּרוכט פון שמיטה[5]. אין דעם איז, אויך דאָ, דער מאָטיוו — צו דערמאָנען דעם מענטשן, אַז די ערד וואָס גיט אַרוים פּרוכט יעדעס יאָר, איז ניט צוליב דעם כוח פון מענטש, אָדער סתם אַזוי נאַטור־כוח, נאָר אַ דאַנק דעם האַר, דעם באַשאַפער.

דער מענטש וועט במילא ווערן מילדער, געבן צדקה מיט דער ברייטער האַנט און האָבן בטחון אין השם יתברך[6].

אין זיינעם אַ מאמר, וועגן דער קדושה פון קויף־פאַרקויף, גיט טאַקע הלל צייטלין אַן דעם טעם און מאָטיוו פון שמיטה, אַז דער מענטש זאָל וויסן און פילן, אַז ער איז ניט דער אויבערהאַר פון זיינע קנינים, אַז עס קומט אַ צייט, ווען ער מוז לאָזן זיין פעלד פריי פאַר יעדן[7].

די תורה געזעצן, זענען באזירט אויף דעם פּרינציפּ, אַז אַלץ געהערט צו גאָט, „שלו הכל ומידו הכל" . . . ווייל מען געניסן פון דער נאַטור, דאַרף מען דאַנקען און מאַכן אַ ברכה. דאָס, גיט היתר צו געניסן פון אַלץ, אַז ניט, איז מען אַ „בוצע ברך נאץ ד'", ווי דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין תלמוד[8] אַז מען טאָר ניט מאַכן קיין ברכה אויף אַ זאַך וואָס מ'האָט געגזלט פון אַן אַנדערן, „אין מברכין על הגזול"; און אויך אייגנס, דאַרף מען ניט האַלטן בלויז פאַר זיך, נאָר מ'דאַרף זען, אַז אויך דער צווייטער זאָל געניסן, ווי רש"י באַמערקט אויפ'ן פּסוק „ככל אשר צויתני"[9], „שמחתי ושימחתי את האחרים". אויב אַלץ איז אַ מתנה פון גאָט, איז ווי האָט מען די רעכט דאָס צו האַלטן בלויז פאַר זיך. אויף אַזאַ עגאָאיסט, קוקט מען זייער קרום אין תלמוד[10].

ווען דער ייד מאַכט די ברכה „הזן את העולם כולו" . . . דאַרף ער אינזינען האָבן, אַז השם יתברך גיט גענוג פאַר יעדן, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אויב ס'הערשט וואו ניט־וואו הונגער, איז עס אונזער שולד, ווייל מיר פירן ניט דורך די סאָציאַלע געזעצן. מיר זענען ניט מקיים דעם „צדק, צדק, תרדוף"[11].

די תורה רעדט צום יחיד „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם", די תורה באַטראַכט דעם „חובת גברא", ווייל דורך דעם עטישן יחיד, ווי מיר האָבן דאָס אַזויפיל באַטאָנט ווערט געשאַפן דער עטישער קאָלעקטיוו, דער עטיש־באַהויכטער צבור[12].

דערויף פאָדערט זיך, וואָס אַן אמת גבורה, גייסטיקע גבורה און ניט אומזיסט, דריקן זיך די חז"ל אויס וועגן די שומרי שביעית:

„גבורי כח עושי דברו" — במה הכתוב מדבר? אמר ר' יצחק: בשומרי שביעית הכתוב מדבר[13]. אַ סך גבורה, דאַרף דער מענטש באַזיצן, ווען ער היט אָפּ שטרענג אַלע מצוות פאַרבונדן מיט שמיטה און זיך האַלטן ביים כלל פון „לאכלה ולא לסחורה", אַז די שמיטה־פּרוכטן האָבן ניט קיין אייגנטימער, נאָר געהערן צו יעדן וואָס נויטיקט זיך אין זיי. אין דעם ליגט אַ סך גבורה.

דאָס לאָזן פאַרפאַלן און ניט אויפמאָנען הלוואות פון פאַר שמיטה („שמיטת הלוואות"), איז איינס פון די מצות עשה אין דער תורה, ווי עס ווערט געזאָגט: „וזה דבר השמיטה — שמוט כל בעל משה ידו, אשר ישה ברעהו — כי קרא שמיטה לד'"[14]. דער וואָס מאָנט איין אַ חוב וואָס מען קומט אים פון פאַר שמיטה, לערנען אונז די חז"ל, איז ער עובר, סיי אויף אַ מצות עשה (וואָס ער האָט ניט מקיים געווען) און סיי אויף אַ מצוה לא תעשה.

דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג אין געזעץ און האָט גאָר טיפע סאָציאַל עטישע באַדייטונגען. דאָס איז אַ שריט אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער גלייכהייט און איז אין פולשטענדיקער האַרמאָניע פון שמיטת־האָרץ, יובל, פרייהייט פון לאַנד און פון מענטש.

מערקווירדיק איז, אַז בעת וואָס שייך אַלע אַנדערע פּליכטן פון שמיטה און יובל, האָט מען ניט געזוכט אין צייט פון תלמוד קיין תקנות פון היתרים, האָט מען זיי אָבער ביי „שמיטת כספים", שוין ביים בית שני געזוכט פאַרלייכטערונגען — און ווי פאַרשער פון דעמאָלטדיקן סאָציאַלן מצב, גיבן איבער, האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער מסחר ביי יידן און די פירער פון דור, האָבן געזען, אַז יעדער וועט מוזן אָנקומען צו הלוואות און ניט יעדער וועט זיך קענען דערהויבן אַזוי הויך־מאָראַליש איבער זיין עגאָאיזם, האָט מען גענומען זוכן תקנות — צופּאַסן דאָס לעבן צו די תורה־געבאָטן . . .

ווען הלל הזקן, דער נשיא פון דעם סנהדרין, האָט געזען, אַז מ'הערט אויף צו לייען געלטער און מ'איז עובר אויפ'ן באַפעל פון „השמר לך פן יהי' דבר עם לבבך בליעל לאמר, קרבה שנת השבע . . . ורעה עינך באחיך האביון ולא תתן לו[16] האָט ער דאַן מתקן געווען דעם „פּרוסבול", אַז דער ייד זאָל אין שמיטה־יאָר איבערשרייבן זיינע חובות צום בית־דין, אַזוי, אַז דער בית דין זאָל איינמאָנען אַזעלכע חובות — און דער בית דין זאָל דאָס איבערגעבן צום מלוה.

די פראַגע איז, ווי האָט הלל הזקן גענומען זיך די רעכט, צו מאַכן אַזאַ תקנה, וואָס איז אויבנאויף אין קעגנזאַץ צום דין אין דער תורה?

אייניקע מפרשים פון תלמוד, דערקלערן עס, אַז ווייל, ס'איז דאַן, ביים בית שני, שוין געהאַט בטל געוואָרן די שטרענגקייט פון יובל, איז שמיטה שוין אויך געווען בלויז אַ תקנה פון רבנן, האָט הלל גענומען אויף זיך צוליב קיום האומה, איינצופירן די „פּרוסבול"־תקנה[17]. רבא, איינער פון די אחרונים פון די אמוראים און בעלי התלמוד, דערקלערט עס דערמיט, וואָס דעם בית דין איז געגעבן געוואָרן אַ כח ביי געלט־ענינים, אַזוי ווייט, אַז „הפקר בית־דין הפקר". דאָס בית דין האָט אַ רעכט צו האַנדלען מיט געלט, לויט זייער פאַרשטענדעניש[18].

ניט אַלע אמוראים זענען געווען צופרידן פון דער תקנת הלל און אייניקע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז בלויז צו גאָר באַרימטע בתי דינים, איז געגעבן געוואָרן די רעכט פון שרייבן אַ „פּרוסבול" און אַרויסגעבן דעם היתר פון אומקערן הלוואות[19]. ערשט אין צייט פון רב אשי האָט מען פאַרלייכטערט אין דעם הינזיכט, בכדי צו זיכערן הלוואות, וואָס איז געווען אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ.

עס איז אויך אויפ'ן אָרט אָנצואווייזן, אויף דעם פאַקט, אַז אין דער תורה ווערט געזאָגט: „שמוט כל בעל משה ידו", ווי אַ באַפעל צום מלוה, ער זאָל ניט איינמאָנען געלטער וואָס אים קומט, אויב ס'איז דורך, דאָס שמיטה־יאָר. דער לוה, דער באָרגער, קען עס אָבער צוריקגעבן פון זיין גוטן ווילן, אַלס אַ געשאַנק (אַנדערש, ווי ביי „רבית", ביי נעמען פּראָצענט, דאָרט איז דער פאַרבאָט סיי אויפן' מלוה און סיי אויפן לוה, דער ערשטער טאָר נישט נעמען און דער צווייטער טאָר ניט געבן).

די משנה לערנט אונז[21]:

„המחזיר חובו בשביעית רוח חכמים נוחה הימנו", אז איינער באצאָלט א חוב אום שמיטה, נאָכדעם ווי שמיטה האָט משמט געווען און ער דאַרף נישט באצאָלן, זענען די חכמים צופרידן פון אים. ער טוט דערמיט א גוטע זאַך, ער ווייזט א „מידת חסידות" (לויט מפרשים דערמיט, וואָס ער וויל ניט הנאה האָבן פון פרעמד געלט)[22] און דער רמב"ם[23] גיט צו, אז ער מוז אים זאָגן „שלי הם ובמתנה נתונים לך". אויב ער האָט דאָס ניט געטאָן, קען ניט דער מלוה נעמען ביי אים דאָס געלט[24]. דער רמב"ם, זעט מען, וויל מיט אַלע מעגלעכקייטן, שטאַרקן דעם פאַרבאָט צו נעמען חובות פון נאָך שמיטה, ווייל דאָס איז געווען דער פאַרלאַנג פון דער תורה, אז דער מענטש, זאָל האָבן דעם כח, אויפצוגעבן זיין געלט־פאַרמעגן.

און מערקווירדיק איז, אז טאַקע ביים אָנזאָגן דעם באַפעל פון שמיטה, ווערט אויך באַטאָנט דער באַדייט פון אַרבעט — און פונקט ווי ביי שבת, ווערט פריער געזאָגט: „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך" . . . אזוי ביי שמיטה, ווערט אויך פריער געזאָגט: „שש שנים תזרע" . . . ווייל פונקט ווי מען איז געבאָטן אויף שבת און שמיטה, איז מען געבאָטן צו טאָן מלאָכה[25]. אָבער וועגן דעם האָבן מיר שוין געשריבן אין די פריערדיקע פרקים.

און צום סוף:

ס'איז ניט גענוג באַקאַנט, צי די יידן האָבן שטאַרק געהיט די מצוות פון שמיטה. דער מדרש זאָגט אויפן פסוק: „אז תרצה הארץ את שבתותיה", אז די זיבעציק יאָר גלות בבל, איז געקומען אַלס שטראָף, וואָס די יידן האָבן ניט געהיט זיבעציק שמיטות. זיבעציק מאָל זיבן איז 490 יאָר, דאָס מיינט, אז אין דער גאַנצער תקופה פון בית ראשון האָבן יידן ניט געהיט די מצוה פון שמיטה. פאַרשטייט זיך, אז דער מדרש מיינט, אז בלויז יחידים האָבן ניט געהיט ווי געהעריק די דאָזיקע מצוה, וואָס איז א יחידישע, יעדער אינדיווידועלער ערד־באַזיצער האָט געדאַרפט היטן. די מאַיאָריטעט האָט געווים אָפּגעהיטן שמיטה.

ס'איז אויך ניט באַקאַנט, צי יידן האָבן תמיד געהיט יובל, די מצוה פון צבור.

ירמיה הנביא שטראָפט די וואָס האָבן חרטה געהאַט און צוריקגענומען די קנעכט און דינסטן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פריי[26]. דערפון איז צו זען, אז אין געוויסע צייטן, האָבן יידישע פירער פאַרנאַכלעסיקט אויך די דאָזיקע מצוה.

צי דאָס האָט פּאַסירט בלויז ביי איין יובל, צי אויך פריער דעם לעצטן יובל פאַר'ן חורבן, איז ניט באַקאַנט.

הערות

א.

1. ווענן די דינים און הלכות שבת, זיינען לעצטנס דערשינען אַ צאָל וויכטיקע ספרים, צו דער־מאָנען באַזונדערס די ספרים „יסודי ישורון" (חלק ג' וד') פון הרב גדליה פעלדער.
2. זע, ספר השבת, ערוך ע"י דר. י. ל. ברוך, תל־אביב, תרצ"ז. אין יידיש: פון י. י. שוואַרץ (צוויי טיילן), ניו־יאָרק, 1947.
3. שמות כ', ח'־י"א.
4. ב', א'־ג'.
5. ח', י"ב־ט"ו.
6. שמות ט"ו, כ"ה.
7. דאָרט, ט"ז, כ"ב. גענוי, נאָכקוקן אין „ספר השבת", הוצ' עונג שבת־אהל שם, תל־אביב, תרצ"ז, פרק ראשון: מכתבי הקודש, מן התורה, ז"ז 3־5; מן הנביאים והכתובים, ז"ז 5־9; מן ספרי החשמונאים, א', פרק ב', ב', ט"ז.
8. יד החזקה, הלכות שבת ט', ט"ז.
9. ישעיה מ"ג, י"ב, מכילתא, שמות י"א, ב': כל שהוא משמר את השבת, מעיד למי שאמר והיה העולם שברא את עולמו בששה ימים ונח ביום השביעי, וכן הוא אומר: אתם עדי נאום ד' ואני אל.
10. תורת כהנים, ויקרא כ"ו, ג'.
11. שבת קי"ט, ע"ב.
12. מכילתא, ט"ו, כ"ה.
13. פרק ב', ג'.
14. הוצ' ישראל, הועדה לתורה וספרות של המועצה הצבורית למען חשבת, ירושלים ת"ו, תש"ט, הקדמה פון מאיר ברלין (בר־אילן).
15. שמות ט"ז, כ"ט.
16. ילקוט, שמות.
17. „השבת מעשירה ומשווה את כל הבריות כולן הנכסים, שבשבילם אדם טורח ומתייגע בכל ששת ימי המעשה, הם שמפרידים את הבריות למעולים ולפחותים . . . לא כן השבת, שהיא אוצלת בשפע ובשווה על כל אדם, כקטן כגדול, כעשיר בעני, מברכת השלום והשלוה, המנוחה והעונג, „ואם משמרין ישראל אפילו שבת אחת כהלכתה — מיד בן דוד בא והן נגאלין", ילקוט שמעוני, תהלים צ"ה.
18. הירש, דאָרט, ז"ז י"א־ל"ג.
19. ווי דער נביא ישעיה דריקט זיך אויס: „הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה" (ישעיה, ס"ה י"ז) און נאָכדעם: „מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבוא כל בשר להשתחוות לפני" (דאָרט, ס"ו, כ"ג).
20. זע, דאָרט, באַריכות; אויך, הרב דר. ד. קרליבך, השבת באספקלריא של חז"ל.
21. ווענן פאַרברעך פון מקושש עצים, זען A Handbook of Judaism by Dr. Meyer Waxman, Bloch Publishing Co., N.Y., 1947, Page 30. ער זעצט איבער דאָס וואָרט מקושש splinternig גענומען פון ספרי, במדבר ט"ו, ל"ב מקושש עצים תולש היה; דר. יהודה רוזנטאַל פרעגט אָפּ די דאָזיקע מיינונג, בצרון, שנה ט', חוב' ח' (104), ז' 268.
22. ישעיה נ"ו, ב'.
23. ירמיה, י"ז, כ"א. ירמיה, פאָלגט נאָך דעם תורה געבאָט ווענן פאַרבאָט צו טראָגן משאות אום שבת.
24. דאָרט, י"ז, כ"ד.
25. ישעיה נ"ח, י"ג.
26. דאָרט, דאָרט, י"ג־י"ד.
27. דאָרט, נ"ו, ד'־ח'.
28. שמות ל"א, י"ג.
29. עמוס ח', ה': „מתי יעבור החודש נשבירה שבר והשבת — ונפתחה בר".
30. מכילתא, כ', ח'; ביצה ט"ז; זע, יעב"ץ, — דאָרט, באַריכות.
31. שבת קי"ח.
32. מלכים ב', ד', כ"ג־כ"ד.
33. דאָרט, י"א - של"ג.
34. נחמיה י"ב, י"ח־כ"ב.
35. זע, שבת י"ט; ק"נ. ווענן „היתר מלחמה בשבת", זען: הרב בנימין רבינוביץ תאומים, סיני, תשי"ט (שנה כ"ב, כרך מ"ה, חוב ח', ר"ע, ז"ז מ"א־נ').
36. אדמו"ר ר' אברהם באָרנשטיין (סאָכאַטשאָווער רב, תקצ"א־תר"ע) זיין ספר „אגלי טל" ווערט באַטראַכט פאַר אַ יסודותדיק ספר אין הלכה.
37. שבת קי"ח, ע"א; זען, תורה שלימה, א', ז' קפ"ה; ז' תנ"ז.
38. זע, ספר השבת, אויספירלעך.

39. ווי דאס ווערט ארויסגעבראכט אין אומצייליקע ספרים, אגדות און שירים. אין יידיש איז וויכטיק צו דערמאנען זעליק העללער'ס פרעכטיק לידער־בוך „שבת", שיקאגע, 1952, ארויסזינגענדיק אין זיין השתפכות הנפש'דיקער פתיחה:

„שלמה גבירול, אבן עזרא,
יעדער דיכטער מיט זיין שבח;
אלע זינגען צו דיר שירה,
אומעטום — אויף יערן שליאך.

„היינריך היינע האט באקומען
תיקון דורך זיין שבת־ליד:
מיד פון בענקשאפט, זיין נשמה
וויינט זיך אויס, ס'וויינט א ייד".

„שבת־מלכה! ס'האבן דיכטער
דיר באזונגען — ליד נאך ליד;
שענער אבער און פיל ליבער,
נעמט דיך אויף דער פרומער ייד".

עס איז א מזמור שיר אין יידיש ליום השבת . . .

40. קדושת לוי ויקהל.
41. לא חרבה ירושלים, אלא שחללו בה את השבת . . .
המענג את השבת נצול משעבוד גלויות . . .
42. שבת קי"ח ע"א.
43. זע, אגרות צפון מבוא מאת דר. יצחק היינמאן, הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ב.
44. שמות, כ', ב'; דברים ד', י"ט־כ'; דברים ו', י"ב־י"ג; דארט, ה', י"ב־ט"ו.
45. „דיין קנעכט און דינסט זאלן רוען ווי דו („כמוך", דברים ה' י"ד).
46. זאלסט ליבן דיין חבר ווי זיך זעלבסט . . . „כמוך" ויקרא, י"ט, יח.
47. שבת קי"ח, ע"ב.
48. ירושלמי, נדרים פ"ג.
49. שמות כ"ב, א'־ג'.
50. מדרש תנחומא, דארט; ביצה ט"ו.
51. זע, קלמן שולמאן, דברי חפץ. דער קעניג קאנסטאנטין האט אין יאר 931, איינגעפירט זונטיקדרו.
52. ווי באקאנט, זיינען עד־היום פאראנען קריסטלעכע סעקטעס, וואס היטן שבת, אנשטאט זונטיק — די אזוי־גערופענע סאבאטניקעס . . .
53. יבמות י', ע"א.
54. אפילו שפילן אין כדור־באל, ברענגט חורבן, זע, ירושלמי תענית פ"ד, ה"ה; איכה רבתי.
55. בראשית רבה.
56. זע: יד החזקה, הלכות שבת, ט', ט"ו; מורה נבוכים, חלק שני, פרק שלשים ושנים.
57. זע, קלמן אליעזר פרנקל, קדושת השבת, תל־אביב, תש"י, ז"ז 12־8.
58. שבת י', ע"ב.
59. זע אויך, עניני שבת, אינם ספר „אמרי שאול" פון מאדזשיצער רבי'ן, אדמו"ר שאול אלעזר ידידי' טאוב, תל־אביב; אליעזר לוי, יסודות הלכה, סיני, תל־אביב, תשי"ג, ז"ז 20־21. וועגן געזאנג פון שבת, זען: „זמירות של שבת", ערוכות ומפורשות על־ידי נפתלי בן מנחם, הוצ' הועדה לתורה וספרות של המועצה למען השבת, ירושלים — דער מחבר האט דא צוזאמענגענומען און אויסוואל פון 42 פרעכטיקע זמירות און ניגונים.
60. זע, געקליבענע ווערק, ל. מ. שטיין פאלקס־ביבליאטעק, ז"ז 311־320.
זע אויך, דר. אברהם שלזינגער, השבת, גליונות, טבת, תשי"ג, נומ' 28.
61. מדרש ויקרא און יתרו.
62. וועגן ניט־יידן וואס ווילן היטן שבת — אין מיין ווערק „די באציאונג צום פרעמדן". זע אויך: מהרי"ל גרויבארט, ימין ושמאל; מגן התלמוד; לייטער, זוטו של ים; ה. בלאך, ודע מה שתשיב א"א.

ב.

1. ויקרא כ"ה, א'־ז' „און גאט האט גערעדט צו משהן אויפן בארג סיני, אזוי צו זאגן: רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאלסט זאגן צו זיי: אז איר וועט קומען אין דעם לאנד, וואס איך גיב אייך, זאל דאס לאנד האלטן שבת צו גאט. זעקס יאר זאלסטו פארזייען דיין פעלד, און זעקס יאר זאלסטו ארומשניידן דיין וויינגארטן, און איינזאמלען דעם איינטראג דערפון. אבער, אויפן זיבעטן יאר, זאל זיין שבת פון רוואנג פאר'ן לאנד, א שבת צו גאט; דיין פעלד זאלסטו ניט פארזייען, און דיין וויינגארטן זאלסטו ניט ארומשניידן . . . און די שבת־פרוכט פון לאנד, זאל זיין פאר אייך צום עסן; פאר דיר, און פאר דיין קנעכט . . . און פאר דיין בהמה, און פאר דער חיה וואס אין דיין לאנד . . . "

2. רמב"ם, הלכות שמיטה ויובל, פרק א', הלכה א'; מורה נבוכים חלק ג', פרק ל"ט.
3. ספר החינוך, משפטים.
4. ספר הברית אויף תורה, בהר.
5. ויקרא, דארט.
6. שביעית פרק ה', משנה ב'; רמב"ם, הלכות שמיטה ויובל.
7. זע, משניות שביעית, אלע פרטים.
8. ויקרא, כ"ה, ב'
9. זע, ירושלמי, שביעית פרק ו', הלכה א'; באריכות אינם מאמר פון נריה, „היתר השמטה ותולדותיו", דבר השמטה, ז"ז 78־31.
10. הלכות בית הבחירה, ו', ט"ז. „התרומה בזמן הזה . . . אינה מן התורה אלא מ ד ב ר י ה ם" — הלכות תרומה, א', כ"ו.
11. דבר השמיטה, ז"ז 36־33.
הרב אברהם דוד רוזנטאל, וועגן שביעית בעבר הירדן, „כרם ציון", ספר י"ד, לזכר גאון ההוראה בישראל . . . צבי פסח פרנק זצוק"ל . . . ירושלים, כסלו, תשכ"ג, ז"ז מ"ב־נ"ז, באהאנדלט די פראגע, צי שמיטה־אפהיטונג אין אונזער צייט איז פון דער תורה אדער פון די רבנים־תקנות. ער ברענגט די מיינונג פון כסף משנה (מרן ר' יוסף קארו, ה' רמ"ח־י"ג, ניסן, של"ה), אז לויט פוסקים איז, אז שביעית בזמן הזה, איז לויט'ן רמב"ם מ ד ב ר י ה ם און אז מהר"י קארו, אין „בית יוסף" (יו"ד, סימן של"א), אנהויב־ווארט ובשביעית, נעמט אן זייער מיינונג.
אין „בית־יוסף" (יו"ד, סימן של"א), אנהויב־ווארט ובשביעית, נעמט אן זייער מיינונג.
מיר דא, קענען וועגן דעם ניט מאריך זיין.
12. רש"י, סנהדרין כ"ו, ע"א, אנהויב־ווארט: „פוקו".
13. באקאנטער היתר פון קאוונער רב, איז באזירט אויף א צאל מיינונגען אין תלמוד און ראשוני הפוסקים, אריינגערעכנט די פסקים פון „שמן המור", מבי"ט און מהרי"ט.
14. זיין מיינונג ווערט דערמאנט אין אלע שו"ת ספרים אין וועלכע דער ענין ווערט באהאנדלט, אויך ביי די פארשער פון מאדערנעם ישוב, זינט חובבי ציון. אין זיין „העמק דבר", דריקט ער זיך אוים: „אפילו כבר נמכרה הקרקע לגוי, מצוה לגאול אותה, שלא תהא נעבדת בשביעית".
15. הרב ר' נפתלי צבי יהודה ברלין (נצי"ב ,ער"ח כסלו תקע"ז — כ"ח אב, תרנ"ג).
16. הרב ר' מרדכי עליאשבערג (ר"ח אדר, תקע"ו — יט כסלו, תר"ן).
17. ר' יוסף מטראני (מהרי"ט, ה' שמ"ג ־ שצ"ט) רב אין צפת, אין צייט פון דער גרויסער פלעיאדע רבנים־מקובלים. זיין זון ר' משה (מבי"ט, ה' רס"ה־שמ"ה, רב און דיין אין צפת).
18. הרב ר' יצחק אלחנן ספעקטאר (תע"ז — כ"א אדר, תרנ"ו).
19. הרב ר' ישראל יהושע טרונק (נפטר תרנ"ג).
20. הרב שמואל זנוויל קלעפפיש (תק"פ ־ ט' מרחשון, תרס"ג).
21. הרב ר' שמואל מאהיליווער (כ"ז ניסן, תקפ"ד ־ י"ט סיון, תרנ"ח).
22. זען: הוראות שעה, ז' קכ"נ; נריה, דבר השמיטה, ז"ז 62־59, נוסח פון פסק און פון שטר מכירה; הרב קוק, שבת הארץ, ירושלים, תרצ"ז. זע אויך מבוא צו שבת הארץ, ז' נ"ט.
23. הרב אברהם יצחק הכהן קוק (ט"ו אלול, תרכ"ה ־ ג' אלול, תרצ"ה). וועגן שמיטה בזמן הזה און היתר שטר מכירה, זען, הרב שלמה יוסף זעווין, תורה שבעל פה, בעריכת הרב י. ל. הכהן מימון, הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי"ט, ז"ז כ־כ"ת.
24. ווי אזוי מסדר צו זיין שמיטה יאר זע: קדושת הארץ, התורה והמדינה, קובץ ד' אלול, תשי"ב. בעריכת הרב שאול ישראלי, ז"ז קל"ו־קמ"א; קמ"ז־ק"ס.
25. „שנת השבע", מאת קלמן כהנא, במהור"ר בנימין זאב זצ"ל, המכון לחקר החקלאות ע"פ התורה, שע"י פועלי אגודת ישראל, תל־אביב, תשי"ח, מהדורא שלישית מתוקנת ומורחבת, שנת השמיטה תשי"ט; זע, אויך זיין ספר „חקר ועיון", וועגן חשבון פון שמיטה־יאר (ז"ז קס"ד־קע"ו).

ג.

1. תו"כ ויקרא, כ"ה, י"א, זע רש"י פ' בהר; רמב"ן, דארט, ניט מסכים צו רש"ס אינטערפרעטאציע און גיט אן אייגענעם טאן, אז שמיטה איז דער צייכן פונם דאפלטן בונד צווישן ישראל און הקדוש ברוך הוא.
2. כלי יקר, אויפן ארט.
3. מורה נבוכים, חלק ג', פרק ל"ט.
4. זע, באריכות די אינטערעסאנטע קאמענטארן אויפן דאזיקן געבאט פון שמיטה און אלץ וואס איז פארבונדן מיט שמיטה.
5. זע, תורת כהנים, בחוקותי; אבות פרק ה', משנה ט"ו.

6. וועגן די ענינים פון מסחר מיט פירות שביעית, זע: דעם תוס' הרא"ש צו סנהדרין; סיני, שנה כ"א, ניסן־אייר, תשי"ח; סיני, שנה כ"ב, מנחם־אב, תשי"ט, זע, ספר החינוך, מצוה פ"ד און מצוה תע"ז; „דבר השמיטה", ערוך ע"י נריה, בסיוע הלשכה הראשית של הקרן הקימת לישראל, שנת השמיטה, ה' תצר"ח, דפוס הפועל המזרחי, ירושלים, עיה"ק.
7. זע, „קדושת הקנין במסלכת תורתית", גוליון, וורשה, ניסן, תרצ"ז, ז"ז 14־15.
דער נביא, ברענגט צום אויסדרוק, אז דאס גאנצע גאלד און זילבער געהערט צו גאט (חגי, ב', ח'; רד"ק, אויפן ארט, „ברשותי הוא לנוטלו מזה ולתתו לזה"), אז די וועלט און אלץ אין איר געהערט צום באשעפער (תהלים, ס"ד, א').
8. בבא קמא, צ"ד.
9. דברים, כ"ו, י"ד.
10. מגילה ט"ו.
11. זע: דר. אהרן בארט, „מצות למה נתנו", ירושלים, תש"י; ש. ז. שרגאי, „חזון והגשמה", הליכות, תל־אביב, תרצ"ח, ז"ז ט"־כ"ז; י. ברנשטין, „יסודות ומסקנות", דארט, ז"ז, ל"ו־ל"ט.
12. זע, ר. וויינשענקער (דר. ראובן גפני), אין „הליכות" — אויספירלעך.
13. ויקרא רבה, א'.
14. דברים, ט"ו, ג'. צום סוף פון זיבן יאר זאלסטו מאכן שמיטה . . . יעטוועדער בעל־חוב זאל אפצאלן וואס ער האט געליען זיין חבר . . . פון דעם פרעמדן מעגסטו מאנען, אבער פון וואס דיר קומט ביי דיין חבר, זאלסטו אפלאזן דיין האנט . . .
15. דברים, ט"ו, ב'.
16. דארט, ט'.
17. אביי, אין דערקלערן די רעכט פון הלל הזקן, איינצופירן די דאזיקע תקנה.
18. זע, גיטין ל"ו־ל"ח — באריכות.
19. שטעלונג פון שמואל, הויפט פון ישיבת נהרדעא און פון זיין תלמיד רב נחמן.
20. דארט, פרטים וועגן ענינים פון פרוסבול, ציל: „שלא תנעול דלת בפני לוין", צוליב דעם זיינען איינגעפירט געווארן א ריי תקנות — זע: בבא קמא, ח', ע"א; גיטין נ', ע"א.
21. שביעית, פרק ו', משנה י.
22. זע, ש. פיעטרושקא, משניות אין יידיש.
23. הלכות שמיטה ויובל, פרק ט'.
24. הרב א. קרלין, אין זיין מאמר „שמטת קרקע ושמטת כספים", התורה והמדינה, בעריכת שאול ישראלי, קובץ ד', אלול, תשי"ב, ז"ז קפ"ה־ק"צ, שטעלט זיך אפ אויף דעם אונטערשייד צווישן שמיטת קרקע און שמיטת כספים: די ערשטע איז, א „מצוה שבין אדם למקום" און די צווייטע איז, א „מצוה שבין אדם לחברו".
25. מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי אין נאמען פון רבי און אין אבות דרבי נתן אין נאמען פון רבי אליעזר.
26. ירמיה ל"ד, י"א.

קאַפּיטל פופצן

מלחמה און שלום

עס איז פון אייביק אָן געווען צוויי מיינונגען וועגן דער באַהערשונג פון דער וועלט. איינע מ ל ח מ ה, די אַנדערע: ש ל ו ם. די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע קאָנטראַסט־אידייען, זענען געפּרעדיקט געוואָרן אין אַלע צייטן אונטער פאַרשיידענע נעמען. די ערשטע האָט געלערנט, אַז די באַשטימונג און שלימות פון מענטש־דיסציפּלין איז קריג. זיג פון כח־פאַרמעסט דאַרף באַהערשן די דערציאונג פון פאָלק, די קולטור, ליטעראַטור, ביז דערגרייכונג פון ציל.

א. פאַרבאָט צו נעמען נקמה. — גאָט איז דער „איש מלחמה" און „אל נקמות". — דראַנג נאָך שלום.

דער דאָזיקער סיסטעם איז אונטערשטיצט געוואָרן פון גאַר גרויסע מענטשן־דענקער, וועלכע האָבן באַטראַכט דעם מענטשן אַלס חיה, וואָס קעמפט פאַר עקזיסטענץ, און דעריבער קען דער מענטש־חיה זיך ניט דערהויבן צו העכערע מדרגות, נאָר דאַרף קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ, דורך חיהשע מיטלען . . .

דער דאָזיקער פּאָליטישער סיסטעם, איז ביי א סך געוואָרן א מין רעליגיע, א פעטיש, מיט אַן אייגענעם ספּעציפישן גאָט פון מלחמה, מיט אייגענע „כוהנים", מיט הימנען, פּאָעזיע, עפּיק און באַלאַדן. אין מלחמה האָבן זיי געזען אפילו עסטעטישקייט, ווי למשל מאַרשן, טראָמפּייטן, לאָורעס פאַר „העלדן", וואָס באַצויבערן דאָס פאָלק. עס איז אויך פאַראַן מאַגנעטיזם אין אוניפאָרמען, וואָס האָבן א שטאַרקע ווירקונג אויף דער יוגנט, איבערהויפּט אויף יונגע מיידלעך . . .

די אַנדערע אידייע, די פּאַציפיסטישע, איז געבויט אויף דעם, אַז דער מענטש איז „עפּעס" מער ווי א חיה, און אַלס אַזעלכער, דאַרף ער זיך אונטערשיידן פון דער חיה און זוכן צו זיכערן זיין עקזיסטענץ אויף „מענטשלעכע" אופנים. די אידייע, אַז מענטשהייט איז גרעסער, ווי די איינצעלנע אָפּגעזונדערטע נאַציעס. מענטשהייט מוז זיך אָפּזאָגן פון דער פאַרגעטערונג פון איינצעלנע מענטשן וועלכע ווערן באַטראַכט פאַר „העלדן" צוליב זייער חכמה אין סטראַטעגיע. זי האַלט, אַז די ציוויליזירטע וועלט מוז זיך אָפּזאָגן פון מלחמות, פון די טראָמפּייטן, פון דער גאַנצער פּאָעזיע וואָס פאַרהערלעכט רציחה און מוז זיך שטעלן אויפ'ן פונקט פון „ואהבת לרעך כמוך".

צווישן די דאָזיקע צוויי אידייען ווערט אייביק, כמעט זינט דער מענטשלעכער געדאַנק האָט אָנגעהויבן אַרבעטן — געפירט א קאַמף אויף לעבן און טויט.

ס'טרעפט זיך אַמאָל, אַז די אידייע פון שלום זיגט. דאָס קומט פאַר נאָך א מלחמה, ווען די וועלט לעבט איבער א קאַטאַסטראָפע, דאַן וויל זי שלום. מערסנטס

זינט אָבער דער געדאַנק פון מלחמה וואָס האָט דעם גרעסטן איינפלוס סיי אויף מענטשן, וועלכע זענען געבונדן, און ווילן זיך אויפבינדן, און סיי אויף מענטשן וועלכע ווילן הערשן דורך מאַכט . . . אפילו אין די לענדער וואו די רעגירונגען זענען שוין איינשטימיק מיט דער פּאַסיפיסטישער אידייע, ווילן זיי זיך אַלץ ניט פאַרלאָזן אויף הומאַניסטישער רחמנות . . . קענען זיך ניט באַגיין אָן אַן אַרמיי, ווילן נוצן דעם „שרביט הזהב".

און באמת, אויסצופירן איינגאַנצן הונדערט פּראָצענט, די אידייע פון פּאַציפיזם מוז מען פריער איבעראַרבעטן דעם מענטשלעכן מוח. כל זמן דער מענטשלעכער געדאַנק, מענטשלעכע הערצער זענען פאַרדאָרבן, מוז מען האָבן אַ כח וואָס זאָל אָנשרעקן, צוריקהאַלטן און איינצאַמען דעם מענטשלעכן יצר.

און לאָמיר זיך ניט נאַרן. דערוואַקסענע מענטשן זענען אין געוויסע הינזיכטן ניט בעסער פון קינדער. און וואָס זעען מיר בײַ דערציאונג פון קינדער, ווי ווייט פּראָגרעסיוו מיר זאָלן ניט זיין, און אויף ווי ווייט פרייהייט מיר זאָלן אונ־זערע קינדער ניט געבן, קענען מיר ניט דערלויבן קינדער צו טאָן אַלץ וואָס זיי קען זיך גלוסטן. אין אַ מאָדערנער פּראָגרעסיווער שולע איז דער כח פון אויטאָריטעט נישט אַזוי בולט. ער וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, ווי אין אַמאָליקן חדר וואו דער קאַנטשיק איז שטענדיק געלעגן גרייט — אָבער ער איז אויך דאָ, ער איז באַהאַלטן און איינגעוויקלט — אָן אים איז אוממעגלעך אָנצוגיין מיט דער דיסציפּלין אין דערציאונג. און אַפילו היינט קען מען נאָך קאָנסטאַנטירן דעם אַפאָריזם „חושך שבטו שונא בנו" . . . מען מוז אַ קינד צייגן, אַז עס איז דאָ אַ כח, אַ מאַכט וואָס קאָן אים באַשטראָפן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דערוואַקסענע. איינגאַנצן לאָזן זיי טאָן וואָס נאָר עס גלוסט זיך, קען מען ניט דערלויבן. דער מענטשלעכער געדאַנק איז נאָך ניט גענוג אַנטוויקלט דערצו, דער מענטשלעכער מח קאָנטראָלירט נאָך ניט דעם גאַנצן מענטשלעכן קערפּער. דער מענטש איז נאָך ניט גענוג הינטערשטעליק, אַז מען זאָל קענען אים איבערגעבן די גאַנצע מאַכט.

מערקווירדיק איז, וואָס אַפילו צווישן די נביאים זענען פאַראַן חלוקי דעות וועגן קריג און פרידן. אַ סך פון זיי האָבן געגלויבט, אַז די יידישע גאולה, ווי די גאולה פון דער גאַנצער וועלט, קען נאָר קומען דורך אוניווערסאַלן שלום און דורך אַלגעמיינער גערעכטיקייט. געווען אָבער אַזעלכע וועלכע האָבן געזען די גאולה דורך מלחמה, ווי יחזקאל הנביא׳ס מלחמת „גוג ומגוג", אָדער אַנדערע וועלט־מלחמות . . .

דער גדול הנביאים ישעיהו הנביא האָט מיט זיין גרויסער וויזיע געזען אין „אחרית הימים" . . . דאַקעגן דער נביא יואל, האָט גאָר געזען די יידישע גאולה דורך מאַכט, גערופן אַלע „גבורים" (אַפילו די שוואַכע זאָלן זיך באַטראַכטן

ווי גבורים!) צו מלחמה, און האָט זיי געהייסן צושטויסן זייערע שנייד־מעסערס, מאַכן פון זיי שווערדן און שפּיזן . . .

אין קריסטנטום האָבן זיך די דאָזיקע ביידע אידייען פּאַראַלעליזירט און שלום געמאַכט צווישן זיך. די פאַרטרעטער פון דעם הימלישן „פּרינץ פון פרידן", האָבן אין געוויסע צייטן גענומען פּריידיקן שלום און אַגיטירן פאַר מלחמה.

די שטעלונג פון די ג י י ס ט ל ע כ ע בנוגע מלחמה און פרידן איז תמיד געווען אַ פּאַראַדאָקסאַלע. אַלע זיינען פרידנס מענטשן — אָבער בלויז אין דער צייט פון פרידן, קוים אָבער ברעכט אויס אַ מלחמה, אַזוי פאַרגעסן אייניקע אָן זייער תורה און ווערן איבערנאַכט פאַרוואַנדלט אין פּראָפעסיאָנעלע מלחמה־פירער. אין צייט פון מלחמה געפינען זיי שוין אַזאַ מאמר וועלכער לויטעט: „מיינט ניט, אַז איך בין געקומען צו שאַפן פרידן", אָדער „ווער עס האָט ניט קיין שווערד זאָל פאַרקויפן זיין קלייד און זיך איינשאַפן איינעם".

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פון 1914-18 האָבן געוויסע גייסטלעכע, מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, געררייצט איין פאָלק קעגן צווייטן[1].

די לערע פון יעזוס, ווי זיינע אַפּאָסטאָלן האָבן איר איבערגעגעבן, איז געווען אַ קאָמונאַל־סאָציאַלע לערע געבויט אויף סימפּאַטיע, טאָלעראַנץ און רחמנות צו די אָרעמע, אונטערדריקטע; צו באַפרייען די ניט פרייע, צו פאַראייניקן זיי דורך אַן אייביקן שלום. די נאָכפאָלגער, די פאַרערער זיינע, האָבן אָבער ניט אויס־געפאָלגט, ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זייערע היידניסטישע טראַדיציעס.

ביי יידן איז תמיד געווען די שטרעבונג צום אַבסאָלוטן שלום. אין תנ"ך, אין תלמוד און אַזוי אין די תפלות פון פאָלק, האָבן די ברכות און די שטרעבונגען פאַר שלום, פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. אין מסכת דרך ארץ, ווערט אַ גאַנצער פּרק געווידמעט דעם וואונטש און האָפנונג פאַר שלום[2].

יידישע באַגריסונג איז געווען אַלע צייטן מיט שלום־אויסדרוק. אַזוי אין די גאָר אַלטע צייטן און אַזוי אין דער נייער צייט: אַזוי ביים באַגעגענען זיך, אַזוי ביים געזעגענען זיך. מיט שלום עליכם נעמט מען אויף אַ חבר און מיט שלום אָדער ל ך ל ש ל ו ם [3] געזעגנט מען זיך.

די ליבע פאַר תלמידי חכמים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי מערן דעם שלום, ווי דער פּסוק זאָגט: „וכל בניך למודי ד' ורב שלום ב נ י ך"[4] לויט דער תלמודישער אינטערפּרעטאַציע, דאַרף מען לייענען ב ו נ י ך , דיינע בויער און ניט ב נ י ך , דיינע קינדער, ווייל די תלמידי חכמים, די לערנער, זיי בויען דאָס פאָלק.

די ערשטע מסכת פון ש"ס (ברכות) ענדיקט זיך מיט פּסוקים פון שלום: שלום רב לאוהבי תורתך[5]; יהי שלום בחילך[6]; למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך[7] און ד' עוז לעמו יתן ד' יברך את עמו בשלום[8].

דער ייד נעמט אויף דעם שבת, דעם הייליקן שבת, דעם רו־טאָג וואָס זאָגט עדות, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, נעמט ער אויף דעם שבת, איז מקבל דעם שבת מיט געזאַנג פון שלום: „אדון השלום", „דובר שלום", „מלך שהשלום שלו", „ברכנו לשלום", „לחיים טובים ולשלום". אַלץ איז אונטערן איינדרוק פון שלום, דער שותף פון אמת, ווי דער נביא דריקט זיך אויס: „והאמת והשלום אהבו"[9].

אהרן הכהן ווערט געלויבט, דערעיקר, צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ רודף שלום[10] און דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דער וועלט איז נאָר מעגלעך דורך שלום[11]. אוודאי איז דאָס בוכשטעבלעך אמת, אין אונזערע טעג פון אטאָמישע „מיסל"־וואָפן.

דער זוהר, רעדנדיק וועגן שלום, דריקט זיך אויס:

„כד עלמא כלהו אית בהו שלום, ולא אית בהו מארי דבבו, קב"ה חיים עליהו, ודינא לא שלטו בהו, ואע"ג דכלהו פלחו לכו"ם, ואינון בשלם, דינא לא שליט עלייהו[12] ווען די וועלט, האלט זיך ביים שלום, קען אויף איר ניט שולט זיין דער גזר־דין. און ווייטער: „מאן דאקדים שלום לזכאה, כאלו אקדים לי' לקב"ה"[13]. ווער עס פעדערט מיט שלום, איז ווי ער וואָלט זיך געאיילט פאַרן באַשעפער.

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט דער זוהר:

„לית עלמא קאים אלא על שלום, כד ברא עלמא לא יכיל לאתקיימא, עד דאתא ושרייא עליהו שלום, ומה היא שבת, דא איהו שלמא דעלאי ותתאי, וכדין אתקיים עלמא[14]. דער אויספיר: אוריתא היא שלום, דכתיב, „וכל נתיבותיה שלום"[15] די תורה איז שלום און אירע וועגן זיינען שלומדיקע.

„גרוים איז דער שלום, ווייל אַלע ברכות זענען כולל אין אים"[16]. גאָט'ס נאָמען איז שלום[17] און דעריבער איז ניט דערלויבט אַרויסרעדן דאָס וואָרט „שלום" אין אומריינע ערטער[18]. ווען ס'הערשט שלום, איז דאָ פרייד[19].

מען מעג ענדערן — לערנען אונז די חכמים — צוליב שלום[20], וואָס איז אַזוי גרויס, אַז אפילו ווען יידן דינען אָפּגעטער און האָבן שלום, קען זיי קיינער קיין שלעכטס ניט טאָן און אליהו הנביא קומט נאָר צו מאַכן שלום . . .[21]

ריידענדיק וועגן דער וויכטיקייט פון שלום, ברענגט די מכילתא אַ ביישפּיל פון שטיינער פון מזבח, דורך דעם וואָס זיי מאַכן שלום צווישן יידן און גאָט, זאָגט די תורה, זאָלסט ניט אויפהייבן אויף זיי קיין אייזן; דער וואָס מאַכט שלום צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק וועט אוודאי ניט קומען קיין שלעכטס אויף אים[22]. די יידישע אמונה ווי אוניווערסאַל זי איז, באַשטעטיקט און אנערקענט באַזונדערע תחומים צווישן פעלקער: „כשהנחיל הקב"ה העולם לאומות העולם פירש תחומן שלא יהיו מעורבבין[23]. דער רבונו של עולם וויל נישט קיין אנדרולומוסיא, ער וויל נישט קיין צעמישעניש פון פעלקער; ער וויל

בעסער, זיי זאָלן זיין אָפּגעטיילט ווי משפחות האדמה, יעדעס פאָלק זאָל לעבן אין זיינע טעריטאָריעלע ראַמען, זאָל לעבן אין שלום און משפּחהדיקער אחדות, ער זאָל זיין געהיט פון פעלקער קאָנפליקטן, פון בלוט־פאַרגיסונגען . . . [24].

די נביאים וואָרענען קעגן די, וואָס בויען הייזער און שטעט דורך פאַרכאַפּן פון אַנדערע, דורך איינגעמען אַלס רעזולטאַט פון מלחמה און בלוט־פאַרגיסונגען: „הוי בונה עיר בדמים וכונן קריה בעולה . . . [25] הוי עיר דמים . . . און טאַדלען מיט די שאַרפסטע ווערטער די יעניקע וואָס באַרימען זיך „בכח ידי עשיתי ובחכמתי כי נבונותי ואסיר גבולות עמים . . . [26]. דער יסוד פון מענטשלעכן קיום איז דאָס אָפּשאַפן מלחמות, דאָס לעבן אין שלום: מפני מה נברא אדם יחידי? שלא יהו משפחות מתגרות זו בזו. דער צדק דאַרף באַהערשן די מענטשהייט און די פעלקער דאַרפן לעבן אין שלום . . . [27].

אינטערעסאַנט איז, אַז די תורה האָט באַטראַכט פאַר די ערגסטע פאַרברעכנס דאָס אַרויסרופן קריג צווישן פעלקער. די צוויי פעלקער עמון ומואב זענען בעיקר דערוויטערט געוואָרן פון יידנטום, פאַרבאָטן צו קומען אין יידישן קהל, דערפאַר ווייל זיי זענען ניט נאָכגעקומען זייערע אינטערנאַציאָנאַלע אינטערפעלקערלעכע פליכטן [28] און מצרים דערפאַר ווייל זי האָט מקרב געווען גרים, איז ניט געקוקט אויף אירע חטאים און מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט, דאָך געוואָרן אָנגעזאָגט, ניט צו פאַראומווירדיקן זיי: „לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו" [29].

די תורה, אַלס די אוניווערסאַלע לערע פאַר דער מענטשהייט, איז די באַזע, דער יסוד פאַר אַ פרידן און צופרידן לעבן. נאָכגייענדיק די תורה־פּרינציפּן, האָט דער ציוויליזירטער מענטש אַ געלעגנהייט און אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן פריי פון וועלכער ניט איז זאָרג און מורא. די תורה איז אַ תורת חיים און איר ציל איז: לתקן עולם במלכות שדי, אַ געהייליקט לעבן לויט די אידעאַלן פון צדק און יושר . . . לויט די יעודי הנביאים.

דער מענטש בלייבט מער ניט אין זיין איינזאַמקייט, הילפלאָזיקייט און שוצלאָז. ער ווערט מער ניט געבויגן פאַר דער זאָרג פונם מאָרגנדיקן טאָג; ס'לויערט מער ניט אויף אים נויט, הונגער און עלנט. ער איז מער ניט אינערלעך צעריסן — און אויך די מורא פאַר דאָס אומפאַרמיידלעכע, ווי קראַנקהייט, עלטקייט און ענדלעך — טויט . . . אויך דאָס ווערט אים אַ סך לייכטער. ער באַהעפט זיך מיט גאָט ביי וועמען ער געפינט טרייסט און מנוחה, ווי דער תהלים־ליריקער דריקט זיך אויס:

„גאָט איז מיין פּאַסטוך ער דערקוויקט מיין נשמה
עס קען מיר גאָרניט פעלן און פירט מיך אויף שטעגן".

דער אידעאל פון נביא איז געווען: שלום ביים אייגענעם פאָלק און שלום צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט; נאַציאָנאַלער און אוניווערסאַלער שלום. דער נביא זעט דעם קיום פון ייד, וועלט, מענטשהייט **אין שלום**. „לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום!"[1] — איז געווען ניט סתם אַזוי אַ גוטער, פרומער וואונטש, נאָר אַ קאטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, אַ מוז; לויט רבי שמעון חלפתא, איז שלום די כלי, וואָס איז מחזיק אַלע ברכות, וואָס האָט אין זיך די העכסטע גליק, „עושה שלום ובורא הכל". דורכן שלום, שאַפט ער אַלץ. די „פּרוכט זיינען פאַר דעם וואָס זוכט שלום".

ב. דעם נביא'ס אידעאל פון שלום. — אמת און שלום אַלס וועלט־באַנעם. — גייסטיקע שלימות.

דער אידעאל פון שלום, איז ענג געקניפּט און געבונדן, מיט'ן גלויבן אין די אַלגעמיין מענטשלעכע און אוניווערסאַלע אידייען און אין גלויבן אין אונזער קיום.

דער נביא זעט דעם „אחרית הימים" דורך וכתתו חרבותם לאתים . . . לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה" (און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אין אַקער־אייזנס — פאָלק קעגן פאָלק וועט ניט הויבן אַ שווערד און וועט ניט מער לערנען מלחמה)[2]. די דאָזיקע נבואה האָט איר מקור אין דעם אָנזאָג, אַז דער מזבח, טאָר ניט געמאַכט ווערן פון געהאַקטע שטיינער „לא תבנה . . . גזית, כי חרבך הנפת עליה ותחללה" (אויב דיין שווערד, האַק־אייזען האָסטו אויפגעהויבן, האָסטו איר פאַרשוועכט)[3]. און אויף אַן אַנדער אָרט: „ובנית שם מזבח לד' אלקיך מזבח אבנים, לא תניף עליהם ברזל" (און זאָלסט דאָרט בויען אַ מזבח פון שטיינער זאָלסטו ניט אויפהויבן אויף זיי קיין אייזען). „שהמזבח מאריך ימיו של אָדם, אינו בדין, שיונף המקצר על המאריך".

דער אידעאל פון שלום וואָרצלט טיף אין יידישן הארץ און אין דער יידישער מחשבה, אַז אַפילו אינם קאַמף מיט די כנענים־פעלקער האָט מען פריער אָנגעפאַנגען מיט שלום: „אָמר הקב"ה כשתהיו הולכין לעשות מלחמה, לא תהיו פותחין תחילה, אלא בשלום. מנין? „כי תקרב אל עיר להלחם עליה וקראת אליה לשלום"[4].

די אָבות פונם יידישן פאָלק האָבן געוויזן דעם וועג פון צדק, יושר און שלום פאַר דער מענטשהייט: אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געוואָגט צו פרעגן „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?"[5] און געבליבן דער געטרייעסטער גאָטס מאמין אויף דער ערד. אברהם ווערט פונם נביא פאָרגע־שטעלט אַלס מוסטער: „הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם" (קוקט אויף אברהם אייער פאָטער און אויף שרהן וואָס האָט אייך געבאָרן. ער איז דער „הולך צדקות"[6].

מיט די זעלביקע טיטולן ווערן געקרוינט די אנדערע אבות פון דער אומה, יצחק און יעקב. דער לעצטער שטעלט מיט זיך פֿאַר די מידה פון „תפארת", דעם מובחר שבאבות, כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל . . . ער איז די מדה פון אמת, תתן אמת ליעקב . . . און ווי די חז"ל קאָמענטירן: „אין אמת אלאָ תורה" און יעקב איז דבוק בשם „הויה", צוליב אמת, וועמענס בגימטריא: „אהיה אשר אהיה" איז אמת (ווי עס ווערט געזאָגט אין חסידישע ספרים).

די ווערטער פונם נביא מלאכי, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, רעפלעקטירן אין דער יידישער געשיכטע: „הלא אב אחד לכולנו . . . (איז ניט איין פאָטער פאַר אונדז אלעמען). יידן האָבן תמיד געזוכט שלום! דער בית המקדש איז געווען אָפן פאַר אלע מענטשן און פאַר אלע פעלקער: „כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים" און די נביאים, ישעיה, ירמיה, עמוס, יחזקאל און אנדערע זאָרגן זיך ניט בלויז פאַר'ן וואוילזיין פון יידישן פאָלק, נאָר פאַר'ן וואוילזיין פון אלע פעלקער.

דער נביא באַקלאָגט דעם גורל פון אנדערע פעלקער. ישעיה זאָגט: „לבי למואב יזעק"[7]. ירמיה: „על כן על מואב איליל ולמואב כלו אזעק . . . מבכי יעזר אבכה לך . . . "[8]. און אזוי דער נביא עמוס באַקלאָגט דעם גורל פון אנדערע פעלקער צוזאמען מיט'ן גורל פון יידישן פאָלק.

אונדזערע נביאים האָבן זיך געוואונטשן דעם וואוילזיין פון אנדערע פעלקער. ישעיה הנביא'ס „אחרית הימים" איז געווען דער, אין וועלכן „לא ישא גוי אל גוי חרב" אָדער: „ברוך עמי מצרים, ומעשה ידי אשור ונחלתי ישראל"[9] „כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים"[10]. ענלעך צו די ווערטער פון שלמה המלך'ס תפלה ביים באַנייען דעם בית המקדש: „וגם אל הנכרי . . . ובא והתפלל אל הבית הזה. אתה תשמע השמים . . . ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי"[11].

ירמיה זאָגט מיט צופרידנהייט „ושבתי את שבות מואב"[12] אשיב את שבות עילם[13]. צפניה זעט די צייט פון „כי אז אהפך על עמים שפה ברורה"[14] און אז דעם „נכרי'ס" תשובה ווערט אָנגענומען, איז דאָך צו זען פון ספר יונה, די געשיכטע מיט נגוה . . .

אין די יום־טוב'דיקע תפילות בעט דער ייד „לחיים ולשלום" און אין די שטענדיקע וואונטשן, „לחיים ולשלום" לעבן און פרידן, גייען תמיד צוזאמען. דער פינאַל: „שלום, שלום לרחוק ולקרוב" פרידן פאַר'ן נאָענטן און פרידן פאַר'ן ווייטן; בלויז פאַר די רשעים איז ניטאָ קיין פרידן: „אין שלום אמר ד' לרשעים", ניטאָ קיין פרידן פאַר די רשעים . . . ווי אַ צעברויזטער ים, וואָס קען ניט רוען. איין כוואַליע יאָגט די אנדערע, וויל פאַרפלייצן די וועלט, אזוי זענען די רשעים. און באַטש פאַר די אויגן פון דער ערשטער כוואַליע ווערן אנדערע צעברעקלט, האלט עס אָבער די אנדערע ניט אָפּ פון ווייטער ברויזן[15].

דער וואונטש פאר שלום, איז געווען דער פועל יוצא פונם נביא׳ס רעליגיעז־עטישן וועלט־באנעם, פון זיינע הויכע השגות און ברייטן אוניווערסאלן וועלט־קוק, פון זיינע פרייהייטס־אידעאלן וואס ער האט געוואלט זען אין יידישן שטאט און ביי די יידישע מלוכה־מענער.

אויב דער נביא ווערט אנטוישט אין די פירער און אין זייערע התנהגות, זעט ער פאראויס פאר זיי, חורבן און פארוויסטונג און נאך די ראנגלענישן און ליידן — די משיח־צייט וואס וועט קומען נאכ׳ן בלוטיקן געקלעטער און וואס וועט באקעמפן די ברוטאל־רויע קראפט . . . די דאזיקע משיח־אידייע גייט דורך ווי א שנור אין דער יידישער געשיכטע, פון דער נביאים עפאכע ביז מהר״ל מפראג און ביז אונדזער צייט פון נאציאנאל־שטאטלעכן רענעסאנס.

דער משיח פארמעסט איז א גרויסער, גיגאנטישער. דער משיח מוז זיך אויך באנוצן מיט דער ברוטאלער קראפט, ער מוז האבן גבורה, אפילו ווען די גבורה איז ניט ציל און טראגט ניט קיין לארבער־קראנץ. ס׳מוזן אבער קומען משיח־כוחות דורכצופירן די געטלעכע שליחות, ארוים אינם שלאכט אלס פאלקס גיבור און ברענגען דעם באשלום פון גאולה אויף דער וועלט. דער אידייאישער צוגאנג צו משיחיזם, די משיח טרוימען, ווי זיי מוטיקן און שטארקן, דעם גורל־דיקן דורות־גאנג פון יידישן פאלק, האבן ארויסגעבראכט אין דער וויזיע אט דעם משיח׳ן ווי דער נביא זעט אים: „און רוען וועט אויף אים דער גייסט פון ג־ט, גייסט פון חכמה און פארשטענדיקייט, גייסט פון עצה און גבורה — ער וועט משפט׳ן מיט גערעכטיקייט די ארעמע און מיט יושר די געדריקטע פון לאנד . . .

דער מענטש דארף זיין אן אוהב שלום ורודף שלום[16]. ער דארף געהערן צו די תלמידים פון אהרן הכהן, ווייל שלום איז פון די דריי פונדאמענטן אויף וועלכע די וועלט האלט זיך, „על ג׳ דברים העולם עומד״[17]. דער שלום איז אזוי נויטיק פאר דער וועלט, ווי טייג מוז האבן הייוון, „כשאור לעיסה״; (דער שלום איז אזוי גרויס, אז אפילו ישראל עובדי ע״ז, אפילו ווען יידן דינען צו אפגעטער חלילה און ס׳הערשט ביי זיי שלום, האט דער באשעפער, נאך אלץ א שליטה איבער זיי, ״אמר המקום כביכול אני יכול לשלוט בהם״[18]. און די ראיה אויף דערויף קומט פונם פסוק, „חבור עצבים אפרים הנח לו . . . אין אן אנדערער ווערסיע — „אין השטן נוגע בהם״[19].

די תפלה „ח י י ם ש ל ש ל ו ם ״[20] איז אריינגענומען געווארן אינם צענטער פון די תפילות. און די חכמי התלמוד האבן געגעבן אלס צוגאב א תפלה: „ יה״ר שתשים שלום בפמליא״, ווייל אין אמת׳ן האט דער רבונו של עולם מיט זיין יצירה באוויזן שלום צווישן די קאנטראסטיש־דואליסטישע כוחות: „רקיע של מים וכוכבים של אש — הדא הוא דכתיב: עושה שלום ובורא את הכל״[21]. „עשה שלום בין עליונים ותחתונים״. און מערקווירדיק, פריער פארלאנגט

מען פונם מענטש, אז ער זאָל ווייזן אַ מוסטער פון שלום אין זיין אייגן הויז, אין פאַמיליע און נאָכדעם, וועט אים לייכטער זיין צו ווירקן אויף אַנדערע: „והמשים שלום בתוך ביתו, כאלו משים שלום על כל ישראל".

די מדרשים און דער זוהר זענען פול מיט מאמרים און לויב־אויסדרוקן וועגן שלום: גרויס איז דער שלום וואָס אַלע ברכות זענען איינגעשלאָסן אין אים און ניטאָ קיין כלי וואָס זאָל אים קענען אַנטהאַלטן. דורך שלום קען דער מענטש דערגרייכן ביידע וועלטן: עולם הזה און עולם הבא. דער מענטש דאַרף טאָן אַלץ אין זיינע מעגלעכקייטן צו ברענגען שלום, ווי דער פסוק זאָגט: זוכן דעם שלום אויפ׳ן אָרט און זען דערגרייכן אים ווייטער פון זיין מקום.

מיר וואָלטן געקענט ברענגען נאָך און נאָך אומצעליקע מדרשים, אגדות און זוהר, אויסדרוקן וועגן באַדייט פון שלום. אָבער דאָס איז פון די דברים שאין להם שיעור . . .

ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער (תק"ה־1745—תקע"ה־1815), רעדנדיק וועגן אהבת חברים, אמת און שלום, דריקט זיך אויס, אז די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך", איז דער יסוד פון אַלע מצוות, אז מען האָט ליב אַ צווייטן, ווי זיך אַליין, וועט מען ניט קומען צו גנבה, גזילה, רציחה א. א. וו. אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, האַלט זיך בלויז אויף אמת, אַ שותפות וואָס איז געבויט אויף שקר, האָט ניט קיין קיום. די מדה פון שלום איז די העכסטע פון אַלע מדות, און אַלע מצוות פון דער תורה, זענען כולל אין איר[22].

אינטערעסאַנט איז דער טייטש פון סאַקאָלאָווער רבי׳ן זצ"ל: בקש שלום — זוך דעם שלום; אָבער ווען ער איז אַ גפּאַר: ורודפהו — יאָגן אים אַוועק!

מיט שלום, זאָגן די חז"ל, בענטשט דער רבונו של עולם די צדיקים[23] און די תלמידי חכמים דאַרפן זיין די וואָס זאָלן מערען שלום, תלמידי חכמים מרבין שלום בעולם[24]. ווייזט אויס, אז שוין אין יענער צייט האָבן זיי געוואוסט, אז די דאָזיקע ברכה איז אמנויטיקסטן און אמוויכטיקסטן פאַר די געלערנטע אינטעלעקטואַלן, וועלכע זענען אַזוי סענסיטיוו, אַזוי עמפּינדלעך . . . זיי מוזן האָבן די ברכה פון שלום.

דאָס וואָרט שלום איז אַזוי גרויס, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אז דאָס איז דער נאָמען פון השם יתברך[25] און מען טאָר ניט ארויסזאָגן דאָס וואָרט אין אומהייליקע ערטער, פונדעסטוועגן, ווען ס׳קומט צו שלום מאכן צווישן מאַן־און־פרוי, זאָגט ג־ט זאָל דער נאָמען געשריבן ווערן אין הייליקייט. די תפלה יעדן טאָג איז „ואהבת שלום בין אָדם לחברו ובין איש לאשתו . . . "

ווי מיר האָבן אויך דערמאָנט, איז עס אַ מנהג ביי יידן, ווען מען באַגעגנט אַ חבר, פריינט אָדער קרוב, אים צו באַגריסן מיט „שלום עליכם" און דאָס שטאַמט נאָך פון די תנ"ך־צייטן. יוסף האָט געפרעגט וועגן זיין פאָטער יעקב,

האָט ער געזאָגט: „השלום לאביכם הזקן". איז פרידן צו אייער פאָטער . . .[26]. דוד שיקט זיינע באָדינער צו נבל, זאָגט ער זיי אָן: „ואמרתם כה לחי, ואתה שלום וביתך שלום וכל אשר לך שלום". אלישע הנביא שיקט זיין באַדינער גחזי צו דער שונמית, הייסט ער אים זיך פרעגן: „בשלומה ובשלום אישה ובשלום הילד". די אַנשי כנסת הגדולה האָבן טאַקע מתקן געווען, צו באַגריסן מיט שלום[27].

רבי מתיא בן חרש זאָגט: זאָלסט זיך פעדערן מיט שלום-באַגריסונג צו יעדן מענטשן און אויף רבי יוחנן בן זכאי, דעם געניאַלן גייסטיקן פירער פון ידנטום אין צייט פון בית שני, ווערט געזאָגט אַ שבח, אַז קיין מענטש האָט אים ניט איבעריאָגט מיט שלום. ער האָט פריער געזאָגט שלום צו יעדן מענטשן אפילו צו אַ נכרי בשוק[28] און אַזוי האָבן זיך אַנדערע תנאים און אמוראים נוהג געווען. בריוו האָבן זיי אָנגעפאַנגען סיי אין העברייאיש און סיי אין אַראַמיש מיט שלום, מיט די ווערטער: „שלומכון יסגא".

אין תלמוד זענען פאַראַן אומצעליקע הלכות, צוליב שלום-וועגן, „מפני דרכי שלום". דאָס ברענגען שלום צווישן מענטש און זיין חבר, צווישן מאַן און פרוי, איז פון די זאַכן, „שאדם אוכל פירותיהן בעוה"ז והקרן קיימת לעוה"ב"[29].

אויב מ'זאָגט אַ מענטשן שלום — לערנט אונדז די גמרא — און ער ענטפערט ניט, ווערט ער אָנגערופן גזלן. ער האָט אים פשוט באַרויבט פון דעם וויכטיקסטן וואונטש. און נאָך אַ זאַך לערנען אונדז די חז"ל, אַז צוליב'ן שלום מעג מען אַמאָל ענדערן, שאף הקב"ה שינה מפני השלום.

גרויס איז דער שלום, זאָגט דער תנא חזקיה, ווייל ביי אַלע מצוות אין דער תורה, ווערט געזאָגט: כי תראה, כי תפגע, כי יקרא . . . אָבער דעם שלום דאַרפסטו אַרויסגיין זוכן, זיך באַמיען פאַר'ן שלום: „בקש שלום ורדפהו, בקשה ממקומך, ורדפהו במקום אחר".

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר טראַכטן ניט, אַז ס'איז מעגלעך אויסצושעפּן אַלע מאמרים וועגן שלום; ס'זענען דאָ אָן שעור ווידערהאָלונגען.

אהרן הכהן ווערט געלויבט צוליב אָנשטרענגען זיך פאַר שלום[30].

דער בונד פון די כהנים, ווערט געזאָגט איז פאַרשניטן געוואָרן מיט דער חתימה פון שלום וואָס איז דער נאָמען פון הקדוש ברוך הוא און אויך דער נאָמען פון משיח און דער נאָמען פון די יידן איז שלום[31]. ס'ווערט אויך באַטאָנט דער פאַקט, אַז משיח און אליהו הנביא וועלן קומען אָנזאָגן אויף די בערג די בשורה פון שלום, „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום . . . " , ווייל אַלע ברכות און אַלע תפילות פון יידן ווערן פאַרענדיקט מיט דער ברכה פון שלום, און ווער ס'האָט ליב שלום געניסט ער סיי פון עולם הזה און סיי פון עולם הבא.

זאָל טאַקע מקוים ווערן דער וואונטש אין זיין נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן באַדייט: „יהי שלום בחילך שלוה בארמנותיך . . . למען אחי ורעי, אדברה נא שלום בך" (זאָל זיין שלום אין דיין מויער שלוה אין דיינע פּאַלאַצן פון וועגן מיינע ברידער און מיינע חברים, לאָמיך זאָגן: שלום איז דיר!)[32]

דורך דעם תנ"ך ווערט דער מענטש־ייִד דערצויגן צו הויך־נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ווערטן. די תורה דערהויבט דעם מענטש צו אהבת האָדם און דורך ליבע בויען אַ געזעלשאַפט, אַן אידעאַל־סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

ג. „אַ זעל פאַר אַ זעל". — פרייד פון צדיק ווען ער זעט נקמה אינם רשע. — נקמה אין מאַסן־מערדער. — בלוט־מאָנער און גואל הדם. — ייִדן און ניט־ייִדן פריידיקער פון שלום. — סוף־וואָרט.

פאַראַן אָבער מאָמענטן, ווען אין געפעכט מיט דאָס שלעכטע און בייזע, ווענדט אָן דער תנ"ך גוואַלט־מיטלען: עמלק'ן הייסט די תורה אָפּמעקן; די פאַרדאָרבענע כנענים־פעלקער — פאַרניכטן; רוצחים — באַפעלט די תורה אָפּ־ראַמען פון לעבנס־וועג.

די תורה־יוריספּרודענץ איז שטרענג צו פאַרברעכער, מערדער, באַהויפּטנדיק: דער וואָס פאַרגיסט מענטשלעך בלוט, זאָל זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן[1] אָדער: „נפש תחת נפש"[2] אפילו לויט די אינטערפּרעטאַציעס פון די חכמי התלמוד, אַז דאָס מיינט ניט זעל פאַר זעל, אויג פאַר אויג . . .

די שטראָף איז אָבער זיכער ניט אַ רעזולטאַט פון נקמה, פון ראַכע. עס איז גיכער אַ וואָרענונג צו דער סביבה, אַז אַזעלכעס זאָל מער ניט פאָרקומען. דער אַקט פון אָפּצאָל איז געצילט אויף אָפּשטעלן די פּאָטענציעלע פאַרברעכנס; די אויסגעשפּראָכענע אַבזיכט, אויסצוראַמען דאָס שלעכטס און בייז, בכדי דאָס פאָלק זאָל הערן און מורא האָבן. דער פּסוק אָנגעבנדיק דעם מאָטיוו פאַר דעם האַרבן שטראָף, זאָגט עס גאַנץ קלאָר: „און די איבעריקע וועלן הערן און מורא האָבן, און זיי וועלן מער ניט טאָן אַזאַ שלעכטע זאַך ביי דיר[3].

אין דער תורה האָבן מיר דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו: „גומל לאיש חסד כמפעלו ונותן לרשע רע כרשעתו" . . . דעם שלעכטן דאַרף מען באַשטראָפן, דעם מערדער דאַרף מען אויסראַמען און דעם גוטן, דינען מיט גוטסקייט[4].

אמת, תורת משה, איז ווייט פון אָנערקענען די אוטאָפּיש־אידילישע לאָזונגען פון „אונטערשטעלן די באַק" . . . מיר געפינען געווינג, נקמה און מלחמה־מאָטיוון, אינם זין, פון „בקש שלום — ורודפהו": אמאָל, דאַרף מען דעם שלום אַוועקיאָגן, פאַרטרייבן, אויב ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר יהודה און ישראל.

דוד מלך ישראל, דער מחבר פון תהלים, ווען ער באַקלאָגט שאול'ס טויט,

וואָס זאָגט ער דאָרט? — „ללמד בני יהודה קשת[5] כדי צו לערנען די קינדער פון יהודה דעם בויגן . . .

ווען משה רבנו, דערפילט זיין היליקע מיסיע פאַרלאַנגט פון אים דער באַשעפער, אַז זיין לעצטער אַקט, זאָל זיין נקמה אין די מדינים, גערעכטע נקמה און ערשט „נאָכדעם איינגעזאַמלט צו ווערן צו זיין פאָלק"[6]. זיין נאָכפאָלגער, יהושע, שטעלט אָפּ זון און לבנה בכדי צו נעמען נקמה פון די שונאים[7], און אַזוי ווייטער און ווייטער. אין דער עפּאָכע פון די שופטים און נביאים, ווערן יידן, אין געוויסע מאָמענטן, גערופן צו נעמען נקמה אין שונאים און שמואל הנביא האָט אַפילו גענומען אויף זיך די מיסיע פון נעמען נקמה אינם עמלק־קעניג אגג, באַהויפּטנדיק „כאשר שכלה נשים חרבך, כן תשכל מנשים אמך"[8].

ישעיה הנביא, דער גרעסטער פריידיקער און וויזיאָנער פון שלום אויף דער וועלט, דער אָנזאָגער פונם אחרית הימים, ווען „די פעלקער וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן פאָלק וועט נישט הייבן די שווערד און וועט נישט מער לערנען מלחמה" . . . אַפילו ער, דער געטלעכער נביא פון שלום, ווייזט אָן אויפן טאָג פון נקמה פאַר די עוולות קעגן ציון און ישראל: „כי יום נקם לד'" . . .[9] און אויף אַן אַנדער אָרט: „כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה"[10].

אַזוי ירמיה הנביא, מיט זיין געטלעכער ליבע צו זיין פאָלק און צו דער מענטשהייט בכלל. ער וויטיקט אויפן גורל פון זיין פאָלק און טרויערט אויף די ליידן פון אַנדערע פעלקער; דער אומגליקלעכער נביא, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם חורבן, האָפט אויף נקמה־גערעכטיקייט, ווי ער דריקט דאָס אויס אומצעליקע מאָל[11].

אַזוי יחזקאל[12], אַזוי נחום[13] און שוין אָפּגערעדט פון פריער דערמאָנטן יואל הנביא וואָס פאָדערט צו פאַרוואַנדלען אַקעראייזנס אויף שווערדן און סערפּן — אויף שפּיזן פאַר דעם אומרעכט צו די קינדער פון יהודה, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט אין זייער לאַנד"[14] ער ענדיקט זיין נביאות מיט דער פאַרזיכערונג, אַז פאַר'ן יידישן בלוט וועט ווערן גענומען נקמה, ונקיתי דמם לא נקיתי[15].

אַפילו אין תהלים, געפינט זיך אַזויפיל מאָל דער אויסדרוק פון אל נקמות . . . אַזוי ווייט, ווי „ישמח צדיק כי חזה נקם . . . אך יש אלקים שופטים בארץ"[16].

דאָ איז אויך דער פּלאַץ אָנצואווייזן אויף קדושת החיים ביי יידן דורך דורות און דורות.

דער כלל איז, אַז אויף אַלע מצוות, ווען אַ ייד ווערט געשטעלט צום נסיון, עובר זיין אָדער ווערן געהרגעט, זאָל ער עובר זיין און ניט איינשטעלן זיין לעבן, בלויז דריי עבירות, ווערט אָנגעזאָגט: יהרג ואל יעבור — ביי אַלע אַנדערע, זאָל ער זיין לעבן שטעלן ערשט . . . דער מקור פאַר אָט דעם פּרינציפּ, איז דער

פסוק „אשר יעשה אותם האדם ו ח י בהם!” די הייליקייט פון לעבן, איז איבער אלץ. אויב דעם מענטש פאלט איין, איינצושטעלן זיין לעבן, ווערט ער באטראכט פאר א זעלבסטמערדער.[17] ער טאר דאס ניט טאָן.

דאס לעבן פונם מענטש איז גוואלטיק גרויס. דער מענטש שטעלט מיט זיך פאר א גאנצע וועלט: „כל המאבד נפש אחת מישראל — מעלה עליו הכתוב כאלו איבד עולם מלא.[18] איין־איינציקער מענטש, איז חשוב ווי דער גאנצער וועלט־באשאף.[19] מ'טאר ניט גורם זיין אפילו אומגערן, בשוגג אדער אפילו באונס, רציחה אדער טויט.[20]

רציחה־זינד איז די גרעסטע און ערגסטע זינד. ווען דער מענטש האט אפילו דעם גאנצן לעבן געטאן מצוות און בלויז איין מאל באגאנגען דעם רציחה־פארברעך, וועלן אים אלע זיינע גוטע מעשים ניט העלפן. אחאב'ס פארברעך איז באשטאנען אין גורם זיין דעם טויט פון נבות[21] — איז ער צוליב דער דאזיקער זינד פאראורטיילט געווארן.

לא תרצח! — דאס איז דער לייט־מאָטיוו, אן אנזאג צו אלעמען, צו דער גאנצער מענטשהייט, צום יחיד און צום צבור — און דערפון נעמט זיך די פארזיכטיקייט ביים ארויסגעבן א טויט־אורטייל און דעריבער דער אנזאג, זיך אויסצוהיטן פון מלחמות און בלוט־פארגיסונג.

די תורה ווי א לעבנס־וועג־ווייזער איז דורכגעדרונגען פון אנהייב ביזן סוף מיט שלום־געדאנק, אזוי ווייט, אז דער נאמען פון רבונו של עולם איז ש ל ו ם, „ויקרא לו ד' שלום”.[22] דער מזבח, דער אלטאר צו גאט, אויב ער איז געבויט פון שטיינער, האט מען ניט געטארט נוצן קיין אייזן אויף אויסצוגלייכן די שטיינער: „כי חרבך הנפת עליה ותחללה”, אויב די שווערד איז אויף אים אויפגעהויבן געווארן, איז ער פראפאנירט געווארן.

דוד המלך קען ניט בויען דאס בית המקדש, ווייל: „דו האסט מלחמות געפירט און א סך בלוט פארגאסן . . . נאר דיין זון שלמה, „שהשלום שלו”, דער פרידלעכער מלך, ער וועט בויען דאס בית המקדש.[23]

דער פארבאט צו פארגיסן בלוט, ווי מיר פארשטייען עס, איז א געטלעכער באפעל, גזירת מלך ואין להרהר, פונקט ווי מיר טארן ניט נאכטראכטן און זוכן א טעם וועגן דער שטרענגקייט צו עמלק'ן און צו די זיבן פעלקער.

די זיבן פעלקער, וועלכע יידן זענען באפוילן געווארן צו פארניכטן און אומברענגען און די מצוה איז געווען ניט אויפ'ן יחיד נאר אויפ'ן צבור, זאגט דער רמב"ם: מצות־עשה להחרים שבעה עממין, שנאמר: החרם תחרימם, וכל שבא לידו אחד מהם ולא הרגו עובר בלא תעשה, שנאמר: „לא תחיה כל נשמה”.[24]

אויף אן אנדער אָרט, זאגט דער רמב"ם:

„הזהירנו שלא להחיות איש משבעה עממין והוא אמרו לא תחי' כל

נשמה, והריגתם מצות עשה, כמ"ש במצוה קפ"ז, ומי שעבר ולא הרג מהם והי' אפשר לו להרגו עבר על מצות לא תעשה"[25].

די דאָזיקע שטרענגקייט איז אָבער חל בלויז אין באַצוג צו די דאָזיקע רשעותדיקע פעלקער — און די תורה האַלט, אַז געטלעכער רחמנות איז געגוג און דער מענטש דאַרף ניט וועלן ווייזן, אַז ער האָט מער רחמנות . . .

אין דעם זין, קען מען אויך פאַרשטיין דעם טעם, פאַרוואָס אַ בן נח ווערט געהרגעט דורך איינענער קאָנפעסיע, אַז ער האָט געטויט אַ מענטשן, און אַז זיין פסק קאָן אַרויסגעגעבן ווערן דורך איין דיין, דורך איין עדות און דורך דעם עדות־זאָגן פון קרובים[26].

ווען מען באַטראַכט גוט די דאָזיקע געזעצן, זעט מען, אַז דאָ איז ניט קיין פראַגע פון לאָגיק, (ווי קראָפּאָטקין, האָט געזוכט צו דערקלערן דעם ביבלישן לא תרצח), אויב דו וועסט דיר דערלויבן יענעמס בלוט, וועט יענער זיך דערלויבן דיין בלוט, איז עס במילא אַ גוטע עצה פאַר'ן אייגענעם קיום . . . אין דער תורה, זעט מען, אַז דער „לא תרצח" האָט אַ מער טיפערן באַדייט און זין.

אהבה, ליב האָבן מענטשן, איז גוואַלטיק גרויס — און דאָך, ווייסן מיר, אַז פונקט ווי די נביאים און די שאַפער פון תלמוד האָבן געהייסן ליבן גוטס, הייסן זיי האַסן שלעכטס. אויף דעם פסוק אין קהלת[27]: „אל תהי צדיק הרבה, למה תשומם", קאָמענטירט דער תלמוד[28]: „זיי ניט קיין צו גרויסער צדיק און בעל רחמנות פאַר רשעים און מערדער, ווייל דו וועסט אַליין ווערן אַ רשע און אַן אכזר, ווי מיר זען ביי שאול'ן, ער האָט געהאַט רחמנות אויף אגג דעם קעניג פון עמלק, האָט ער זיין מלוכה־שטול פאַרלוירן און המן, אָפּשטאַם פון אגג, פּלאַנירט אומצוברענגען די יידן.

אין אַלגעמיין, זעען מיר, אַז די אַלע געזעצן, זענען באַזירט אויף אמת און שלום. די דאָזיקע אַטריבוטן גייען זאַלבענאַנד: „האמת והשלום אהבו"[29], ווייל נאָר דורך אמת, חותם פון וועלט־באַשאַף, קען די וועלט עקזיסטירן; רשעים וואָס נעגירן דעם אמת, האָבן אויך קיין שלום ניט, „אין שלום אָמר ד' לרשעים"[30]. דורך דעם אמת — זאָגט איינער פון די גדולי החסידות — איז מען זוכה צו געפינען דעם פתח צו השם יתברך[31]: „ודע שהכל לפי האמת . . . והשי"ת הוא עצם האמת ועיקר השתוקקות של השי"ת אינו אלא האמת . . . "

דער מקור פאַר אָט דער הנחה, איז דער מאמר פון רבן שמעון בן גמליאל אין אָבות, אַז אויף דריי זאַכן דערהאַלט זיך די וועלט: אויף אמת, אויף גערעכטיקייט און אויף שלום, אַזוי ווי ס'איז געזאָגט: אמת, גערעכטיקייט און שלום זאָלט איר ריכטן אין אייערע טויערן . . .

און דאָ קומען מיר צו נאָך אַ פּונקט אין שייכות מיט מלחמה ביי יידן, — וואָס איז יסודותדיק אַנדערש ווי ביי די אַנדערע קלאַסישע פעלקער. ביי יענע, ווערט דער העלד, דער גבור, דער ריז צו וועמען מ'דאַרף זיך בוקן, ער ווערט

גאָט, פאַרגעטערט, ווייל מלחמה ווערט באַטראַכט פאַר אַ נויטווענדיקייט, בכדי צו באַהערשן די שוואַכע אָדער בכלל, פרעמדע, וועלכע ווערן ביי די גריכן גערופן באַרבאַרן[32]. ביי יידן, לויבט מען דעם העלד, מען איז באַגייסטערט פון זיינע פיזישע כוחות; שמשון ווערט אַ שופט . . . אָבער זיינע פיזישע כוחות פאַראָטן אים — ווען ווערט ער גרויס, ווען ער איז שוין בלינד, שוואַך, פאַרלוירן און שרייט אויס: „לישועתך קויתי ד׳ ״ ווען ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט!

דוד המלך איז דער גבור, ער זיגט אין פאַרמעסט מיט גלית׳ן, ער זיגט אין אַלע מלחמות מיט די שונאים, ווען ער ווערט פאַרגעשטעלט, פון די פירער זיצט ער אָבער ניט ווי אַ גענעראַל; ער זיצט ווי אַ „זקן ונשוא פנים״, פאַרנעמט זיך מיט שאלות און שרייבט תהלות-ישראל.

וואָס ווייזט דאָס?

עס ווייזט אַז אין יהדות איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר מלחמה-התפעלות — דער יעניקער וואָס איז באַאיינפלוסט פון יידישער מחשבה, האָט ער שוין במילא ניט קיין באַגייסטערונג פון מלחמה-זיג. לויט ר׳ אבהו[23א], איז דער שעבוד-מצרים געקומען אויף יידן, צוליב דעם, וואָס אברהם אבינו האָט גענומען זיינע נאָכפאָלגער צו האַלטן מלחמה מיט די פיר מלכים, דערפאַר וואָס זיי האָבן גענומען אין פאַנגשאַפט זיין פּלימעניק, לוט׳ן — און דערווייל, האָבן אברהם׳ס מענטשן ניט געלערנט קיין תורה . . .

די נביאים האָבן געשטרעבט צו אייביקן שלום, וואָס איז דער העכסטער אויסדרוק פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט, די אמת׳ע „כלי מחזיק ברכה״[33] וואָס פירט צום העכסטן גייסטיקן גליק.

מיר געפינען אָבער אין תנ״ך די אָרגאַניזירונג און מאָביליזירונג פון אַרמייען און דעם קעניג ווערט געגעבן רעכט צו באַשטימען אָפיצירן, גענעראַלן און אַלע סאָלדאַטן-ראַנגען[34]. ער האָט אויך רעכט צו באַשטימען ווען אַרויסצורופן אַ מאָביליזאַציע. בלויז דער ירא ורך הלבב, דער פאַרהייראַטער אינם יאָר פון זיין הייראַט, דער מענטש וואָס האָט זיך איינגעצוימט אין אַ נייער דירה . . . אויך פרויען, זענען געווען פריי פון מאָביליזאַציע[35].

אין דער קלאַסיפיצירונג פון מלחמות, האָבן מיר צוויי קאַטעגאָריעס אָדער סאָרטן מלחמות: מלחמת מצוה און מלחמת רשות. דער רמב״ם[36] אין זיין קלאַסיפיצירונג, גיט אָן מלחמת מצוה, די מלחמות מיט די זיבן פעלקער און מלחמת הרשות, איז די מלחמה אויסצוברייטערן די גרעניצן פון לאַנד און די באַשיצונג פון לאַנד.

דער רמב״ם[37] פּסקנט, אַז אַ קעניג האָט ניט קיין רעכט אָנצופאַנגען קריג, נאָר בלויז ביי דער מלחמת מצוה. און וואָס ווערט באַטראַכט פאַר מצוה-מלחמה? דער קריג מיט די זיבן פעלקער, די מלחמה מיט עמלק׳ן, העלפן יידן, וואָס זענען באַפאַלן געוואָרן פון אַ שונא. ער קען אויך, אויב נויטיק, פירן אַ פאַרטיידיקונגס-

קריג מיט אנדערע פעלקער, בכדי צו פארגרעסערן און פארשטארקן די ישראלדיקע גרעניצן, צו פארשטארקן זיין פרעסטיזש...

דער רמב"ם נוצט דא, דאסווארט „ת ח ל ה", וואס מיינט פשוט, מאכן אן אטאקע און מפרשים באמיען זיך צו געבן א דערקלערונג פאר דעם דאזיקן אויסדרוק[38].

אין זיין געצווימטן לשון, זעט מען, אז דער רמב"ם, האט שטארק באטאנט און אנגעמערקט געננוי, אז „מלחמת מצוה" איז די מלחמה מיט די זיבן כנעני־פעלקער. יהושע, הייסט עס, האט געהאט א רעכט אנצופאנגען דעם קריג, צו מאכן די אטאקע אויף יריחו[39]. אלע שפעטערע מלחמות, האבן געמוזט האבן די גוטהייסונג פונם נביא, וועלכער האט געבראכט דאס ווארט פון גאט און די דאזיקע רעכטן האט דער קעניג געקראגן בלויז אין פאלן פון פארטיידיקונג.

ווען גויים פאלן אן און אטאקירן יידישע ישובים, האבן יידן א חוב זיך צו פארטיידיקן. דאס געהערט צו דער קאטעגאריע פון מלחמת חובה.

א מלחמת מצוה, לויטן רמב"ם, איז אויך א מלחמה צו העלפן יידן פון א שונא, „עזרת ישראל מיד צר"[40] — ראטעווען יידן פון א שונא, געהערט אויך צו דער קאטעגאריע פון מלחמת מצוה.

דא, קען אויך קומען אין באטראכט, די מיינונג פון רמב"ן, אז כבוש און ישוב ארץ ישראל, געהערט צו די תרי"ג מצוות, איז במילא דער קאמף פאר דער באפרייאונג פונם הייליקן לאנד, אין אלע צייטן, א מצוה.

לויט דער מיינונג פון רבי חיים[41] וואלט אפילו רב יהודה מודה געווען, אז אין אונדזערע טעג, איז מען ניט עובר אויף קיין עשה, ווען מען פארנעמט זיך מיט ישוב ארץ ישראל, דער אנזאג פון „בבלה יבאו ושם יהי' עד יום פקדי אותם נאום ד'", איז ווי געזאגט, בלויז געמיינט געווארן אין צייט פון גלות בבל, ווען ס'איז געווען א סכנה זיך ארויסלאזן אויף די וועגן פון עליה, אבער אין דער תקופה פון „אתחלתא דגאולה", ווען ס'האט זיך נאר באוויזן א ליכט־שטראל פון „פקודה" פאר יידישער זעלבסטשטענדיקייט, איז עס געווים א מצוה, צו קעמפן אויף אלע אופנים פאר א יידישער מדינה, צו פארטיידיקן די מדינה, לאנד און פאלק און ס'איז א מצוה צו פירן די פארטיידיקונגס־קריג, ניט בלויז פאר ישראל איינוואוינער, נאר פאר אלע יידן אויף דער גאנצער וועלט.

מיר וואלטן דא געקענט ברענגען אומצעליקע מאמרים וועגן מלחמה און שלום, אבער דאס געהערט אייגנטלעך ניט צו דער דאזיקער שטודיע.

מיר ווילן בלויז אנווייזן אויף דעם רצון און ציל — און דאס איז געווען: ש ל ו ם. ווי עס ווערט געזאגט אין ספר החינוך[42], אז די מצוה פון רופן צו שלום, גייט אן, סיי ביי מלחמת הרשות און סיי, ביי מלחמת מצוה און די מצוה איז חל אויפן פאלק, קעניג און פירער..

דער פאקט איז, אז אויך די מלחמה מיט די זיבן כנענישע פעלקער, האט יהושע אנגעפאנגען דורך שלום. ווי רב שמואל בר נחמן[43] דערקלערט, האט יהושע געשיקט בריוו צו זיי, בעטנדיק פאר שלום און דער רמב"ם פסקנט [44] „אין עושין מלחמה עם אדם בעולם עד שקוראין לו שלום, אחד מלחמת הרשות ואחד מלחמת מצוה".

ווען מ'האט א שונא באזיגט, איז שטרענג פארבאטן געווארן צו נעמען נקמה אין אים. די באזיגטע האבן געדארפט באזארגט ווערן מיט כל מיני שוץ, אפילו באשיצן זייער כבוד און אוודאי דעם כבוד פון דער פרוי־געפאנגענער, ווייל דער וועג פון דער תורה איז דער אנגענעמער שלומדיקער: דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום[45].

רציחה איז באטראכט געווארן פארן גרעסטן פארברעך, ווייל קיינער האט ניט קיין רעכט אויף יענעמס לעבן, אפילו דער בית דין הגדול, אויב ער האט געאורטיילט טויט־שטראף, כאטש ער האט דאס געטאן על־פי־דין, ווערט גערופן „קטלנית" אדער חבלנית[46] און ר' טרפון מיט ר' עקיבא זאגן: „ווען מיר וואלטן דארט געווען, וואלט קיין מענטש קיינמאל ניט פאראורטיילט געווארן מיט טויט שטראף . . . " פאר דעם בית דין הגדול זענען געשטאנען די אייביקע ווערטער: „כל המאבד נפש אחת כאלו מאבד ששת ימי בראשית כולם"[47].

און וואס שייך מלחמה מיט אנדערע פעלקער, ווייסן מיר דאך פונם ציל: „וכתתו חרבותם לאתים"[48], מ'זאל צעשטויסן און צערייבן די שווערדן, „כי מלאה הארץ דעה"[49] אדער „כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם"[50], אז די וועלט, די מענטשהייט וועט ווערן באוואוסטזיניק און וועט מער ניט וועלן קריג און רציחה.

די אגדה גייט אזוי ווייט און דערקלערט אז גרעסער און וויכטיקער פאר'ן לאנד, איז געווען אלישע'ס צוגאנג אין זיינע פארהאנדלונגען מיט די ארומיקע שכנישע פעלקער, ווי די מלחמות פון יורם בן אחאב . . . „גדול פיסטון שעשה אלישע יותר מכל המלחמות שעשה יורם בן אחאב . . . לכך נאמר, טובה חכמה מכלי קרב".

גאר אינטערעסאנט איז די פאלעמיק וועגן טעקסט פונם רמב"ם־בריוו צו די חכמי מרשיליא, מאנפליער (פראנקרייך)[52], אויף וועלכן דער משומד־אנטיסעמיט אהרן ברימאן האט געבויט זיין אנטיסעמיטישע אגיטאציע.

דער טעקסט, ווי ער איז באקאנט, לייענט זיך:

„וזו היא שאבדה מלכותנו והחריבה בית מקדשנו והאריכה גלותנו והגעתנו עד הלום . . . לפי שמצאו ספרים רבים בדברי החוזים בכוכבים שדברים אלו הם עבודה זרה טעו ונהו אחריה ודמו שהם הכמות מפוארות ויש בהם תועלת גדולה ולא נתעסקו בלמידת מלחמה ולא בכבוש ארצות ולפיכך קראו אותם הנביאים עליהם השלום סכלים ואוילים".

דערפון, האָבן זיי געדרונגען, אַז דער רמב״ם איז געווען מיליטעריש געשטימט, און האָט אַגיטירט אַז יידן זאָלן זיך לערנען מלחמה סטראַטעגיק, איינגעמען לענדער . . . און אַז דער חורבן איז געקומען אַלס רעזולטאַט וואָס יידן האָבן דאָס אויפגעגעבן און זיך פאַרלאָזט אויף נסים . . .

ר״ח בלאָך ברענגט אָן פון גרויסע אָריגינעלע פאָרשער וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אָט דעם טעקסט און כתבי־יד און אַז אַלע גיבן צו, אַז דער גאַנצער פאַראַגראַף איז מזוייף, קינסטלעך נאָכגעמאַכט און צוגעשריבן צום רמב״ם, אַרויסצורופן צאָרן קעגן יידן.

ער ווייזט אויך אָן אויפ׳ן פאַקט, אַז אפילו אַנטיסעמיטן, האָבן זיך איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון דעם בריוו און אויפגעהערט זיך באַנוצן מיט אים. בלויז אין דער צייט פון די נאַציס, איז דער בריוו באַלעבט געוואָרן דורך דעם משומד מאַרטין סעגאַלאָווסקי, וועלנדיק באַווייזן נאָך אַ דאָקומענט פון „זקני ציון פּראָטאָקאָלן" כאַראַקטער.

ר״ח בלאָך האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ גרויסן אַרטיקל[53] און אָנגעוויזן אויף דער פעלשונג, אַז דאָס איז אין קעגנזאַץ צום רמב״ם׳ס שיטה און פילאָזאָפיע, וואָס איז דורכאויס, אַ שלומדיקע, אַן אוניווערסאַלע, ווי ער ברענגט עס אַרויס אַזוי קלאָר אין זיין משנה תורה[54].

לא נתאוו החכמים והנביאים ימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם ולא כדי שירדו באומות ולא כדי שינשאו אותם אלא כדי שיהיו פנויין (פנויים) בתורה והכמתה ולא יהי׳ להם נוגש ומבטל כדי שיזכו לחיי העולם הבא״[55].

דער רמב״ם, איז ער דעריבער איבערצייגט, האָט אַ בריוו וואָס זאָל רופן צו לערנען מלחמה־סטראַטעגיע זיכער ניט געשריבן און דערצו נאָך, אַז די סיבה פון חורבן בית המקדש, זאָל געווען זיין, ווייל מ׳האָט זיך ניט געלערנט פירן קריג. דאָס איז אינגאַנצן אין סתירה צום רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע.

דער רמב״ם[55א] פּסקנט, אַז אפילו אין מלחמת חובה, ווי מלחמת עמלק און די זיבן פעלקער, אויב זיי האָבן געמאַכט שלום, גענומען אויף זיך מקיים צו זיין די זיבן מצוות, הרגעט מען זיי ניט און מען נעמט פון זיי גרים.

דער דאָזיקער דין אין רמב״ם, ווערט באַטראַכט פאַר אַ שווערן און אומ־פאַרשטענדלעכן . . . אין מכילתא[55ב] און אין פרקי דרבי אליעזר ווערט דאָך געזאָגט, דאָס פאַרקערטע, אַז אַן עמלק קומט תמיד טויט שטראָף און אַז מ׳נעמט ניט פון עמלק־פאָלק קיין גרים. דאָס ווערט באַזירט אויף פסוקים אין דער תורה און אויף דער האַנדלונג פון קעניג דוד, ווען דער „גר עמלקי" האָט אים איבערגעגעבן וועגן די אומשטענדן פון שאול׳ס טויט.

אייניקע רמב״ם קענער, באַמיען זיך צו באַווייזן, אַז דער רמב״ם האָט דאָ נישט געמיינט דעם אַמאָליקן עמלק, נאָר גאָר די פעלקער וואָס פאָלגן נאָך די שיטה פון

עמלק, און זיי באהאנדלט מען מיט רחמנות און איינזעעניש, אויב זיי זענען חוזרים בתשובה, אויב זיי באדויערן זייערע שלעכטע מעשים . . .[55]

מלחמה, נקמה איז ביי יידן דערוויטערט געוואָרן בתכלית הריחוק. ווען אמציה, איינער פון די מלכי יהודה, האָט אויסגעהרגעט צען טויזנט מלחמה־געפאַנגענע, איז זיין שאַנדע אוריסגעטראָגן געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט, אז ער האָט גורם געווען גלות פאַר יידן.

דוד המלך, דער אויסדערוויילטער פון גאָט צו דעם ישראל־יהודה טראָן, קען ניט בויען דעם בית המקדש, ווייל ער האָט פאַרגאָסן בלוט. דער בלוט־פאַרגיסער, אפילו ווען ער האָט דאָס געטאָן מיט רעכט, בלייבט דאָך פאַרפלעקט.[56]

דער מזבח, דער אַלטאַר אויף וועלכן ס׳זענען פאַרגעבן געוואָרן יידישע עבירות, דער מזבח האָט געדאַרפט ברענגען שלום, האָט מען דעריבער, ניט געטאָרט אפילו באַנוצן אַ שווערד אָדער סתם אייזן אויף אים, ווייל שווערד דערמאָנט פון הריגה, „כי חרבך הנפת עליה ותחללה“.[57]

אין דער תפלה פון שלמה המלך ביים חנוכת הבית, האָט ער מתפלל געווען אז דער בנין פון בית המקדש, זאָל זיין אויך פאַר דעם נכרי אשר יבוא להתפלל, עס זאָל זיין אַן אוניווערסאַל געבעט הויז . . . און ווען עס ווערט געזאָגט: „וד׳ נתן חכמה לשלמה“, איז די חכמה באַשטאַנען אין אָנהאַלטן דעם שלום, ויהי שלום בין חירם . . . און מפרשים באַמערקן, אז דער רוב פון חכמת שלמה איז באַשטאַנען אין אָנהאַלטן דעם שלום. דער יידישער כח איז נאָר דורך שלום און וועגן נקמה ווערט געזאָגט: „גדולה נקמה שנתנה בין שתי אותיות, שנאמר אל — נקמות ד׳ — בלויז גאָט קאָן נעמען נקמה און האָט די רעכט דערויף, אָבער ניט דער מענטש . . . וועמען ס׳איז בלויז דערלויבט דער „הבא להרגך השכם להרגו“,[58] בלויז באַשיצונג פון אַ מערדער אָבער ניט מאָרד אונטער אַלע אומשטענדן.

יידן האָבן קיינמאָל ניט גערופן צו נקמה. „לא תקום“ איז געשטאַנען מיט זיין פולער שטאַרקייט, אויך אין באַצוג צו שונאים. מען טאָר ניט היטן קיין פיינטשאַפט און אוודאי ניט נעמען נקמה.

אויך אין די סליחות, קינות און פיוטים, וואו מיר דערמאָנען די חרבנות, גזירות און שחיטות, רופט מען פאַר נקמה — אָבער דאָס איז אַ רוף און אַ תפלה צום **אל נקמות, ער זאָל נעמען נקמה אין די רשעים פאַר זייערע פאַרברעכנס** קעגן יידישן פאָלק. נקמה איז איבערגעגעבן צום באַשעפער — צו גאָט!

אָט לייענען מיר אין „יון מצולה“ פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער, באַשרייבנדיק די שרעקלעכע גזירות ת״ח ות״ט, זיך אויסדריקנדיק, אז דער „אויבערשטער וועט נקמה נעמען פאַר זייער בלוט“.

אין וואָס פאַר אַ שטימונג האָט ער דאָס געשריבן? נאָך די כמעלניצקי פאָגראָמען, אין צייט פון שרעקלעכער כלל־אבלות ווען ס׳איז געווען די סכנה אז

אַלע גייסטיקע פעדים וועלן איבערגעריסן ווערן, און אַז יידן וועלן אַריינפאַלן אין ערגסטן פעסימיזם . . . האַנאָווער האָט דאַן געשטאַרקט די יידישע מאַסן מיט זיינע תפלות, אַז יידיש בלוט זאָל ניט געשאָנקען ווערן, אַז „נקיתי דמם לא נקיתי . . ."

אַנדערע פּיוטנים, ווי מיר ווייסן, האָבן גאָר געזען, אַז שולדיק זענען מיר, שולדיק זענען די זינד און גערופן צו תשובה מיט דער האָפנונג, אַז דער בורא עולם וועט דאָס ניט פאַרשווייגן, אַז „ניט אַנטשוויגן זאָל ווערן מיין פאַרגאָסן בלוט", ווי ס'ווערט אויסגעדריקט אין אייניקע תפלות:

„פאַרגעס ניט מיינע מערדער, פאָדער עס פון מיינע פאַרוויסטער . . . באַצאָל זיי וואָס גיכער, שנעל שיק זיי דעם בראָך, קער זיי אום ווי סדום און עמורה" . . . אָדער ווי אין פּיוטן בעט זיך: „גאָט, ביזט דאָך דער אל נקמות, טאָ באַוויז זיך, דו גאָט פון נקמה. זע, ווי מען הרגעט אונדז פון דיין נאָמען וועגן. באַצאָל זיי דו גאָט פון משפט פאַר אַלע זייערע מעשים. גיס אויס אויף זיי דיין צאָרן, פאָדער פון זיי דאָס בלוט פון דיינע אומגעקומענע קנעכט, זאָל די ערד ניט באַדעקן אונדזער פאַרגאָסן בלוט, זאָל דער חלל פון דער וועלט פול ווערן מיט אונזערע וויי־געשרייען".

אַזעלכע האַרצרייסנדע אויסגעשרייען באַגעגנט מען גאַנץ אָפט. אָבער דאָס איז ניט נקמה, אין געוויינלעכן זין. דאָס איז מידת־הדין אָדער מסירת־דין אָבער בשום אופן ניט נקמה־דורשט . . . אדרבה, דאָס איבערגעבן די נקמה צו גאָט דעם בעל הרחמים און איש מלחמה . . . האָט געשטאַרקט דעם גלויבן ביי די צאָרנדיק־אויפגעברויזטע פון די רציחות און הריגות.

אין די ערגסטע מאָמענטן, האָט יידיש פאָלק אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון מאָמענטאַלע נקמה־אימפּולסן. די טענער פון טרייסט האָבן געשטילט דעם צער און צאָרן ביי די פאַרוויי־טיקטע.

דער פאַקט איז דאָך, אַז אפילו דער געדאַנק פון מידה כנגד מידה, אויג פאַר אויג, איז דורך די חכמי התלמוד אינטערפּרעטירט געוואָרן, אַז דאָס זאָל מיינען געלט־באַצאָלונג, געלט־שטראָף און ביי די קלאַסישע מאָדערניסטן פון די חכמי אומות העולם, איז טאַקע אַרויסגעקומען די לאָזונג אַז „די בעסטע נקמה איז ניט צו זיין ווי דער וואָס איז באַגאַנגען דעם פאַרברעך"[59].

די תורה האָט געצוימט דעם נקמה־געפיל ביים מענטש.

זי האָט געצוימט דעם „גואל הדם" (בלוט־מאָנער), דעם נאָענטסטן קרוב פונם הרוג, ער זאָל אין הייסן מאָמענט ניט הרגענען.

זי האָט באַזאָרגט, פאַר דעם צוועק, די יידישע מדינה מיט זעקס „ערי מקלט" פאַר אַנטרונונג און רעטונג פאַר א „הורג בשוגג". א מערדער דורך אַן אומגליקס־פאַל, האָט געדאַרפט אין דער נאָענטסטער אַנטרונונג־שטאָט, זיך

אויסבאהאלטן ביז נאָכ'ן טויט פונם כהן־גדול. דער ציל איז געווען, מענטשלעך בלוט זאָל זיך ניט גיסן.

די מאָראַלישע אחריות פון יידישן בית־דין, האָט ניט דערלויבט אומזיסטע שפיכת־דמים. דער קרימינאַל־קאָדעקס איז געגאַנגען האַנט־און האַנט מיט די לערעס פון די נביאים, מיט די וויזיאָנערן פון אַן אינטעלעקטועל־הויך־אַנטוויקלטער מענטשהייט. דער טריבונאַל איז געווען באַהויכט פון אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש" פון הויך־מענטשלעכע באַגריפן.

טויט־שטראָף איז דעריבער געווען אַ זעלטנקייט ביי אָט די סנהדרין. ס'איז כמעט אוממעגלעך געווען אַ טויט־אורטייל.

האָט טאַקע ר' שמעון בן שטח, דערציילט, „כ'זאָל אַזוי זען אין טרייסט פון ירושלים, ווי איך האָב געזען אַ מענטשן נאָכיאָגן אַן אַנדערן אין אַ חורבה אריין. איך בין אים נאָכגעלאָפן און געזען אַ שווערד אין זיין האַנט פון וועלכער ס'האָט געטריפט דאָס בלוט פונם אַנדערן וואָס איז געלעגן אין גסיסה. איך האָב צו אים געזאָגט: דו רשע, ווער האָט דערהרגעט דעם דאָזיקן מענטשן? אָבער וואָס קען איך טאָן? דיין לעבן ווערט ניט איבערגעענטפערט אין מיין האַנט, וואָרים די תורה זאָגט: לויט דעם מויל פון צוויי עדות, זאָל געטויט ווערן דער, וואָס האָט געטויט . . . אָבער דער וואָס ווייסט דאָס, וועט זיך אָפּרעכענען מיט אָט דעם מענטשן, וואָס האָט געטויט זיין ברודער".

אַז עס זענען שוין געווען עדות, איז נאָך אַלץ ניט לייכט געווען יענעם צו פאַראורטיילן מיט טויט־שטראָף: די עדות האָבן געדאַרפט וואָרענען דעם מערדער, אַז ס'וועט אים קומען טויט־שטראָף; אויב מ'האָט געוואוסט, אַז די עדות זענען ליגנער, האָט מען זיי ניט צוגעלאָזן; מ'האָט אויך ניט צוגעלאָזן קיין קרובים; מ'האָט זיי געדאַרפט פאָרשן און נעמען אויפן קרייץ־פאַרהער מיט זיבן גרינטלעכע אויספאָרשונגס־פראַגן . . . מיט איין שטים האָט מען געקענט צוזאַמענשטעלן אַ מאַיאָריטעט אים צו באַפרייען אָבער ניט צו פאַרמשפּטן. מ'האָט געזוכט אַלע מעגלעכקייטן צו ראַטעווען פון טויט.

ניט אומזיסט, דריקט מען זיך אויס אין תלמוד, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז ווען אַ בית־דין פאַראורטיילט אַ מענטשן צום טויט איין מאָל אין זיבעציק — און לויט אייניקע איין מאָל אין זיבן — איז עס אַ בית־דין „חובלנית" „קטלנית", אַ בית־דין וואָס הרג'עט![60].

די אַלע שלום־געזעצן, שלום צווישן מענטש און מיט־מענטש, שלום צווישן פעלקער זענען באַזירט אויף די עיקר־פרינציפּן פון תורה, איינשליסנדיק די שבע מצוות[61], אָן וועלכע קיין געזעלשאַפט קען בכלל ניט עקזיסטירן.

די אַלע מאָראַל־עטישע פרינציפּן, יחידישע און קאָלעקטיווע, שטאַמען אָפּ פון דער תורה, וועגן וועלכער דער חכם דריקט זיך אויס: דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום[62] און ווי דער מלבי"ם קאָמענטירט אַזוי ריכטיק: „שלום הגוף,

הבית והמדינה"[63]. לויטן רמב"ם, ווי דערמאָנט פריער האָט מען אפילו מיט עמלק׳ן נים געטאָרט אָנהויבן קריג, נאָר ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעפאַנגען מיט זיין אכזריותדיקן אָנפאַל אויף יידן.

נאָך גלות בבל, ווען יידן האָבן זיך אומגעקערט צו זייער היימלאַנד, האָבן די דעמאָלטדיקע פירער עזראַ און נחמיה, צוזאַמען מיט זייערע נאָכפאָלגער, זיך גענומען רעאָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן לויט די דאָזיקע עטיש־רעליגיעזע פּרינציפּן.

עס איז דאַן געווען אַ שווערע צייט פאַר די שבי הגולה, די תקופה פון שיבת ציון. סיי די ערשטע און סיי די צווייטע עליה פון זרובבל און פון עזראַ — נחמיה, זענען געווען פאַרוויקלט אין שווערע פּראָבלעמען, קאַמף מיט אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים; אָרימקייט פון די ניי־געקומענע בויער פון יהודה און די צעמישענישׂ וואָס שייך די געמישטע הייראַטן מיט קינדער פון פרעמדע מוטערס... זייער אַ שווערער מאָמענט!

ווי היסטאָריקער, ספּעציעל יוסף קלויזנער[64] ווייזן אָן, זענען די שטייערן געווען שרעקלעך הויך. די פּויערים זענען געווען געצוואונגען צו פאַרמשכונען זייערע פעלדער און גערטנער — און אַ סך פון זיי, האָבן אפילו זייערע זין און טעכטער געמוזט אַוועקגעבן צו די רייכע און צו די הויך־באַאַמטע . . .

נחמיה האָט מיט אַלע כוחות געקעמפט פאַר די אָרימעלייט, געשטאַרקט די דינים פון שמיטה, בכדי זיי צו באַפרייען פון די חובות. ער האָט באַנייט די דינים פון יובל, אַזוי, אַז די קליינע לאַנדווירטן, זאָלן צוריק באַקומען זייערע נחלאות; דאָס האָט געמיינט אַן אַגראַר־רעפאָרם לויט יענע באַגריפן — פאָרגרעסיווער פון די היינטיקע רעפאָרמען.

עזראַ און נחמיה האָבן געהויבן די פאָן אויף וועלכער ס׳זענען געווען אויפגעשריבן מיט גאָלדענע ווערטער: „כי לא לנצח ישכח אביון, תקוות עניים תאבד לעד", אַז ניט אויף אייביק וועט דער אביון פאַרגעסן ווערן, די האָפנונג פונם אָרימען וועט ניט פאַרלוירן ווערן[65].

דאָס יידישע לעבן, איז דאַן איינגעאָרדנט געוואָרן עטניש און סאָציאַל, ווי אַן אייגנאַרטיקער קאָלעקטיוו און פאַרהיטן געוואָרן ניט צו ווערן קיין אָרגאַנישער טייל, פונם אַלגעמיין־כנעניש לעבן, אין זיינע דעמאָלטדיקע פאָרמען און סטרוקטור.

אויב ביי די אַנדערע היידנישע פעלקער איז נקמה־אַקטן געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און די קרימינעלע געזעצן זענען פאַרפעסטיקט געוואָרן לויטן דאָזיקן סיסטעם, איז דער יידישער קאָדעקס, געווען אין קעגנזאַץ אַ קאָדעקס וואָס האָט געזוכט אַ שלומדיקן וועג, צוריקהאַלטן פון טויט־שטראָפן, אויסוואָרצלען די פּרימיטיווע נייגונגען פון נקמה.

דאָס איז גענצלעך איבערגעלאָזט געוואָרן צום אל נקמות, ער וועט שוין פאַרענדיקן דעם דעספּוט און פאַרענדיקן מיט'ן שולדיקן, ווייל מ'האָט געגלויבט אז ס'איז דאָ א דיין, א שופט כל האָרץ . . .

וואָס שייך דעם שונא, לערנט אונז די תורה: אויב דיין שונא איז הונגעריק, גיב אים ברויט, שטיל זיין הונגער, לא תקום ולא תטור: ניט נקמה נעמען און ניט אפילו היטן פיינטשאפט, ניט אפילו דערמאָנען, שנאה . . . „אז דו וועסט טרעפן דיין שונא'ס אָקס, אָדער זיין אייזל פאַרבלאָנדזשעט, זאָלסטו אומקערן צו אים. אז דו וועסט זען דיין שונא'ס אייזל ליגן אונטער זיין משא, זאָלסטו זיך אָפּהאַלטן פון איבערלאָזן צו אים . . . די פאַרזיכערונג און איבערצייגונג איז: „איך וועל ניט לאָזן בלייבן גערעכט דעם שולדיקן" . . .

פאַרשטייט זיך, אז דערמיט נעמט די תורה ניט אַוועק דאָס נאַטירלעכע געזעץ פון „הבא להרגך, השכם להרגו", דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן און נישט אונטערצושטעלן קיין באַק דעם שלעגער; מ'דאַרף שיצן לעבן און מ'דאַרף קעמפן מיט שטאָלץ און קוראַזש פאַר דעם לעבן — און גערעכט איז געווען חיים נחמן ביאליק (עשרה בטבת תרל"ג — 1873; כ' תמוז תרצ"ד — 1934) ווען ער האָט נאָכ'ן קעשענעווער פּאָגראָם אויסגעשריען:

„וצר לי עליכם, בני, ולבי לבי עליכם:
חלליכם — חללי חנם, וגם אני וגם אתם
לא ידענו למה מתם ועל מי ועל מה מתם,
ואין טעם למותכם, כמו שאין טעם לחייכם . . . "

אוודאי האָט עס קיין זין ניט געהאַט, קיין טעם ניט געהאַט, ווען אַזאַ עיר ואם בישראל, ווי קישענעוו, אזא יידן־שטאָט, אז אין איר זאָלן געהרגעט ווערן פופציק יידן, סתם אזוי ווייל פּאָגראָמשטשיקעס, האָט זיך דאָס פאַרגלוסט א טייוול־שפּיל.

מען מוז זיין קעמפעריש, מען מוז זיין גרייט זיך צו פאַרטיידיקן, „ללמד בני יהודה קשת הנה כתובה על ספר הישר" . . . עס איז א חוב קדוש זיך ניט לאָזן פּאָגראָמירן, צו האַלטן געווער אין האַנט אין פאַרטיידיקונג קעגן שונא. העלדן קדושים זענען געבליבן די חשמונאים, די בר־כוכבא'ס און לעצטנס: די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ און די קעמפער פאַר ישראל'ס זעלבסט־שטענדיקייט — די גרויסע עפּאָפּיע פון קדושת השם וקדושת האומה, ווי ביאַליק דריקט זיך אוים אין בעיר ההרגה:

„ושכינה מה אומרת? — היא תכבוש בענן ראשה
ומעצר כאב וכלימה פורשת ובושה . . .
— — — — — — — — — — — — — —
וגדול הכאב מאד מאד וגדולה מאד הכלימה
ומה משנים גדול? — אמור אתה, בן אָדם!

או טוב מזה, שתוק! — ודומם היה עדי,
כי מצאתני בקלוני ותראני ביום אידי,
ובשובך אל בני עמך — אל תשוב אליהם ריקם,
כי מוסר כלימתי תשא והורדתו על קדקדם
ומכאבי תקח עמך והשבותו על חיקם!"[66]

נקמה לשם נקמה איז לויטן יידישן קאָדעקס שטרענג פאַרבאָטן. אָבער נקמה פאַר אומשולדיק יידיש בלוט, צו וויזן דעם פאַרברעכער, אַז ס'איז פאַראַן משפט? די תורה הייסט אויסראָטן זאָמען פון געפאַר, צו עלימינירן פאַרדאַרבנקייט; אַזוי ווייט ביז „לא תחיה כל נשמה" װעגן די פאַרדאָרבענע כנענים און װעגן די מדינים, ווייל זיי זענען אָנגעפאַלן אויף יידן אומזיסט און אומנישט, איז געקומען דער באַפעל צו משה, אַז פאַר זיין פאַרלאָזן זיין פאָלק, זאָל ער פריער נעמען נקמה אין די מדינים: נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים[67].

גאָט'ס גרויסקייט קומט אַמאָל אין נקמה, ווי דער פסוק זאָגט: „אל נקמות ד' אל נקמות הופיע"[68]. פאַראַן נאָך אַ מאָמענט, ווען נקמה איז דערלויבט, — „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו", וואָס פינחס דער כהן־נביא (און לויט דער מסורה, דער נביא אליהו דער מבשר טוב) האָט דאָס באַוויזן מיט זיין משפט איבער זמרי'ן[69].

פון די דריי מצוות, וואָס יידן זענען געווען געבאָטן ביים אַריינקומען אין ארץ ישראל, איז אויך געווען די מצוה „להכרית זרעו על עמלק"[70] און שמואל הנביא'ס אָנזאָג צו שאול המלך, איז געווען: „לך והחרמת את החטאים את עמלק"[71]. דער לעצטער האָט פאַרלוירן זיין מלוכה, צוליב זיין מילדע באַציאונג צום עמלק־פאָלק.

דער „נעים זמירות ישראל" דריקט אויס אין מעדיטאַציע װעגן די שונאים־געצנדינער: „הלא משנאיך ד' אשנא, ובתקוממיך אתקוטט, תכלית שנאה שנאתים, לאויבים היו לי"[72]. דוד, וועלכער איז געווען באַהויכט פונם „רוח ד'", פונם רוח גבורה, דער דערהויבנסטער פון אַלע יידישע מלכים, ער האָט געקענט אויך אַרויסברענגען שנאה צו פאַרברעכער און צעשטערער[73].

קלאָגט חבקוק: „אָ, דו מיט דיינע ריינע אויגן, וואָס קענען קיין שלעכטס נישט צו זען און קיין פאַרברעך נישט אָנקוקן! — ווי אַזוי קוקסטו אָן די פאַררעטער? ווי אַזוי שווייגסטו, צוזעענדיק, ווי דער אומגערעכטער שלינגט איין דעם מער גערעכטן? אָ! הפקר האָסטו געמאַכט דעם מענטש. פאַרוואָס ווערסטו פאַרהוילן אין שלעכטע צייטן? מיט זיין גאוה פאַרפאָלגט דער רשע דעם אָרימען . . . ביז ווען וועלן די רשעים, גאָט, ביז ווען וועלן די רשעים זיך פרייען. זיי רעדן שלעכטס, זיי טוען שלעכטס . . . דיין פאָלק, גאָט, טוען זיי פאַרשטויסן און דיין נחלה — פייניקן; די אלמנה און דעם פרעמדן הרגענען זיי און יתומים

בארויבן זיי; און זיי זאָגן: עס זעט נישט דער פירער און עס קוקט זיך גאָרנישט אום דער גאָט פון יעקב[74].

דער נביא ירמיה צוזעענדיק דעם גרויסן חורבן און דעם זיג פון בבלישן אָקופּאַנט, פאָדערט אויך נקמה און וויל וויסן: „מדוע דרך רשעים צלחה?״ — גערעכט ביזטו גאָט, און דאָך, וויל איך פון דיר גערעכטיקייט פאָדערן, פאַרוואָס איז דער וועג פון די רשעים אזא גליקלעכער? פאַרוואָס לעבט זיך אזוי רואיק יעדער פאַרברעכער און פאַררעטער? דו האָסט זיי געפלאַנצט און זייערע פלאַנצונגען האָבן וואָרצלען געשלאָגן, גייען אויף און גיבן ארוים פרוכט[75].

ישעיה הנביא ראט די אָרנטלעך־באַשיידענע: „חבי כמעט רגע״ . . . גיי אריין אין דיינע קאַמערן און פאַרשליס די טיר הינטער זיך, באַהאַלט זיך אוים אויף א קליינער ווײַלע ביז דער צאָרן וועט אריבער . . .

דעם רשע׳ס מאכט, האלט דער נביא וועט און מוז אריבער. דער צער פון זיין פאָלק האָט אים גאָר געבראַכט די וויזיע פון אחרית הימים ווען „ס׳וועלן קומען די זין פון דיינע פייניקער און בוקן זיך צו דיינע פוסטריט . . . און איך וועל מאכן פאַר דיין אויפזעער שלום און פאַר דיינע הערשער גערעכטיקייט״ . . . אנשטאט נקמה, גערעכטיקייט!

אין דעם באשטייט די אנדערשקייט פונם יידישן פאָלק, ווי די גמרא דרשנט אויפ׳ן פּסוק אין עמוס „הלא כבני כושיים אתם לי . . . ״ הייסן דען יידן כושים, נאָר דאָס וויַיזט, אז פונקט ווי די כושים זיינען אנדערש אין זייער קאָליר, אזוי זענען יידן אַנדערש פון זייער געבורט פון די אַנדערע פעלקער, „מכל אומה ולשון[76].

די וועלט קען קיין קיום נישט האָבן, אויב זי ווערט געשטעלט בלויז אויף מדת הדין. די ביידע מדות, דין און רחמים, מוזן זיין פאַרבונדן. דאַן קאָן די וועלט עקזיסטירן. דאָס פירט צו שלום אינערהאלב, ביים אייגענעם פאָלק; אויסערהאלב, צווישן פעלקער.

חגי, זכריה, ישעיה און ירמיה[77], זיי זעען דעם איינציקן אויסוועג פאַר מענטשלעכער פרייהייט — דורך שלום.

אין תלמוד, ווי מיר האָבן פריער שוין אָנגעוויזן, האָבן מיר אומצעליקע מאמרים וועגן דער וויכטיקייט פון שלום. ווען גאָט האָט געגעבן די תורה צו זיין פאָלק ישראל, האָט ער זיי געבענטשט מיט שלום[78]. צוליב שלום־וועגן, האָט די תורה דערלויבט ענדערן אויסדרוקן און אפילו געהייסן נוצן גאָט׳ס נאָמען אויף אַן אופן וואָס קען פירן צו דעם אויסמעקן פון זיין נאָמען בכדי צו וויַיזן די אומשלוד פון דער פרוי[79]. כל מיני ברכות פאַר שלום האָבן מיר אין דער תורה[81] און דער בעל התהלים עצה׳ט נאָכצויאָגן דעם שלום[82], וואָס ווערט אָנגערופן אלס גאָט׳ס נאָמען[83]. פינחס ווערט דערהויבן מיטן בונט פון שלום[84]; דער רבונו של עולם, האָט פאַרלאַנגט פון משה רבנו, אים צו באַגריסן מיט

שלום[85]. ארויסקומענדיק פון אָט די הנחות וועגן דער וויכטיקייט פון שלום, זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע תקנות צוליב דרכי שלום.

„בוא וראה" — דריקט זיך אויס די גמרא[86] ווי גרויס דער שלום איז, אז די בעסטע ברכה איז דער שלום. „ווי הייוון צום טייג, אַזוי איז דער שלום פאַר דער וועלט" און נאָך און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן.

אויך אַנדערע פעלקער האָבן געפּריידיקט און אַגיטירט פאַר'ן שלום.

געגנוג צו דערמאָנען דעם באַרימטן פראַנצויזישן סאָציאַליסט, הומאַניסט און אַרבעטער פירער זשאַן זשאָרעס (1859-1914) וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם ווילד־פאַנאַטיש־פראַנצויזישן פּאַטריאָט ווילן. ער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר דעם שלום אידעאַל. ער, אין קעגנזאַץ צו רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטן[87], האָט געזען, אַז אפילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, קאָן מען אַלץ אויפהאַלטן דעם שלום, אויב ס'איז דאָ אַ ווילן און באַגער.

ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס פּראָפעסאָר פון געשיכטע און פילאָזאָפיע אויפן טולוזער אוניווערסיטעט. אין 1885, איז ער געוויילט געוואָרן צום פּאַרלאַמענט. אין דער דרייפוס־אַפערע האָט ער צוזאַמען מיט עמיל זאָלאַ געקעמפט פאַר דער גערעכטיקייט אויף די שפּאַלטן פון סאָציאַליסטישן אָרגאַן (ער איז דאַן געווען שעף־רעדאַקטאָר).

זשאָרעס האָט געלאָזט נאָך זיך אַ וויכטיק ווערק וועגן דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם אין פראַנקרייך. אין זיין אריינפיר דריקט ער זיך אויס, אַז „דער פּראָלעטאַריאַט נעמט פון דער געשיכטע דאָס פייער און די בירגערלעכע קלאַסן — דאָס אַש."

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער געווידמעט דעם קאַמף פאַר וועלט־שלום און די רעאַקציע האָט זיך פאַרמאָסטן אים צו באַזייטיקן ער זאָל ניט שטערן פראַנקרייך'ס אריינטריט אינם וועלט־קריג — און דאָס איז זיי געלונגען: ער איז געפאַלן און פראַנקרייך איז דעמזעלביקן טאָג אריין אין קריג.

און דאָ איז אין פּלאַץ אַ וואָרט פון גרויסן וויסנשאַפטסמאַן און הומאַניסט אַלבערט איינשטיין (1879-1955), וועלכער דריקט זיך אויס אין זיין ווערק „קאָסמישע רעליגיע"[88]: „מיר אַלע ווייסן, אַז ווען ס'קומט צו מלחמה, נעמט יעדער מאַן אָן די פליכט צו באַגיין אַ פאַרברעכן, דעם פאַרברעכן פון מאָרד — יעדער איינער פאַר זיין לאַנד".

איינשטיין איז געווען דער מיליטאַנטישער פּאַציפיסט, געקעמפט זיין גאַנץ לעבן, מיט וואָרט און שריפט, אויף זיין שטייגער, קעגן מלחמה; גערופן, ניט צו שטעלן זיך צו מיליטער־דינסט, אַנטלויפן פון דער אַרמיי און זוכן מיטלען ווי צו שליכטן אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים, אויסמיידנדיק מלחמה . . .

דער דאָזיקער געדאַנק, אַז שלום איז דער יסוד פאַר'ן מענטשלעכן פּראָגרעס, דער דאָזיקער שלום־אידעאַל וואָרצלט טיף אין דער יידישער אמונה און קומט

צום אויסדרוק ביי אונזערע נביאים און ביי אונזערע גרונטלייגער פון דער הלכה, פונם יידישן קאָדעקס[89].

ווי געזאָגט, איז דער חוב געווען אין יעדער מלחמה, לויט רש"י[90], ביי מלחמות־רשות, און לויטן רמב"ם און רמב"ן, אויך ביי מלחמות מצוה, דאָס הייסט, ביי די מלחמות פון די זיבן כנענישע פעלקער, פריער, פאר דער באלאגערונג, צו רופן פאר א שלום, ווי עס ווערט געזאָגט אין דברים[91]: „כי תקרב אל עיר להלחם — וקראת אליה לשלום"!

בלויז אויף עמלק'ן, איז געקומען דער שטרענגער באפעל פון „תמחה את זכר עמלק" און די מצוה גייט אָן אומעטום און אויף יעדער אָרט[92].

די יידישע עטיק איז דורכגעדרונגען מיט רחמנות געפיל און פארגעבלעכקייט צו דעם באזיגטן שונא. נאָכדעם, ווען ארם איז באפאלן ישראל און איז באזיגט געוואָרן, האָט דער מלך פון ישראל געפרעגט אלישע'ן, צי זאָל ער די געפאנגענע אומברענגען, דערויף האָט אלישע געענטפערט: „לא תכה! האשר שבית בחרבך ובקשתך אתה מכה? שים לחם ומים לפניהם, ויאכלו וישתו וילכו לאדוניהם" . . . [93].

און ביי דער מפלה פון די מצריים ביים ים־סוף: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?" האָט כביכול אויסגערופן ביי דער עגיפּטישער מפלה, און מיר זאָגן טאקע ניט צוליבן דאָזיקן טעם קיין גאנץ הלל, שביעי של פסח[94].

צו דער זעלביקער צייט, געפינען מיר, אז מיטלייד מיט אן אכזריותדיקן שונא, קען האָבן א פארקערטע ווירקונג. בן הדד, דער קעניג פון ארם, איז עטלעכע מאָל אָנגעפאלן אויף אחאב בן עמרי און געוואָלט אלץ פארניכטן און אוועקנעמען פון אים און נאָך הדד'ס מפלה, האָבן זיינע ראַטגעבער אים געזאָגט: „שמענו כי מלכי בית ישראל מלכי חסד הם" . . . דער מלך ישראל איז איינגעגאנגען אויף דעם רחמנות־אפעל און געזאָגט: העודנו חי — א ח י ה ו א!

די נביאים האָבן זאָפאָרט געזען די געפאר אין אָט דער שטעלונג און אים געוואָרנט: „יען שלחת את איש חרמי מיד, והיתה נפשך תחת נפשו . . . נאָך דריי יאָר, האָט דערזעלבער הדד באפוילן זיין מיליטער: „לא תלחמו את קטן ואת גדול, כי־אם את מלך ישראל לבדו; אחאב איז געפאלן אין דער דאָזיקער מלחמה, אלס קרבן פון זיין רחמנות[95].

לויט א מדרש, איז אין דעם קאמף צווישן קין און הבל, דער לעצטער געווען דער זיגער, נאָר אזוי ווי דער באזיגטער קין האָט געבעטן רחמנות, האָט אים הבל פרייגעלאָזן און דאַן האָט זיך קין געוואָרפן אויף אים.

שאול'ס רחמנות אויף אגג'ן האָט אים געקאָסט דעם טראָן און שיער ניט דעם אומקום פון יידן אין פערסיע. עס איז געגעבן געוואָרן א שלאנג די מעגלעכקייט צו בייסן.

איינער פון די אודים מוצלים, ר׳ אהרן ירוחם (אלטשטעטער רב) האָט אין זיין בוך „לא תשכח"![96] געגעבן צו פאַרשטיין שמואל הנביא׳ס טאַט אין פאַרניכטן דעם אגג:

„אויף עמלק הייסט די גנאַדפולע תורה נישט רחמנות האָבן. עס געהערט נישט קיין האַרטהאַרציקייט דעם גרונטלאָזן פאַרניכטער צו פאַרניכטן. די זעלביקע פּרשה וואָס אַנטהאַלט „לא תתעב אדמי, לא תתעב מצרי, פאַרלאַנגט מחיית עמלק . . . " ווייל אַ חוץ זיינע סאַדיסטישע גלוסטונגען, האָט ער פאַרשפּרייט האַס און רציחה. ער האָט ניט געהאַט קיין שום סכסוך מיט די היימאַטלאָזע וואַנדערער, מאַט און דערשעפּט. זיין מאָטיוו איז געווען רציחה און בלויז רציחה, אַזאַ איינעם דאַרף מען באַקעמפן, פאַרניכטן, אויסמעקן, ווי ר׳ יהושע בן לוי זאָגט: „כל שהוא רחמן על אכזרי, לסוף נעשה אכזר על הרחמנים"[97]. און דאָ איז געזאָגט געוואָרן „גדולה נקמה שנתנה בין שתי אותיות", פאַראַן מאָמענטן, ווען נקמה איז אַ נויטווענדיקייט.

מיט מערדער, העסלעכע סאַדיסטן שפּילט מען זיך ניט מיט רחמנות. מיט זיי, דאַרף מען מקיים זיין „להממו ולאבדו!" ארץ אל תכסי דמם, דם קדושים וטהורים . . . אויף דעם פּסוק „זכור את אשר עשה לך עמלק, קאָמענטירן די בעלי התלמוד: „יכול בלב, כשהוא אומר לא תשכח, הרי בלב אמור, ומה אני מקיים זכור — בפה![98]

גרויס איז נקמה וואָס איז געגעבן געוואָרן צווישן צוויי אותיות, ווי רש"י[99] קאָמענטירט, אַז ווען מען דאַרף עס, איז נקמה אַ גרויסע זאַך.

און צום סוף, נאָך אַ וואָרט וועגן שלום:

אויפ׳ן פּסוק „ונתתי שלום בארץ"[100], און איך וועל געבן שלום אין לאַנד, קאָמענטירט רש"י אין זיין פּעדאַגאָגיש־סטיליסטישן קיצור: „שמא תאמרו הרי מאכל והרי משתה, אם אין שלום אין כלום! ת"ל אחר כל זאת: ונתתי שלום בארץ. מכאן, שהשלום שקול כנגד הכל, וכן הוא אומר: עושה שלום ובורא את הכל".

אין יידיש:

„טאָמער וועט איר זאָגן: מיר האָבן צו עסן און מיר האָבן צו טרינקען, אויב ס׳איז ניטאָ קיין פרידן, איז גאָרנישט ניטאָ! אויף דערויף ווערט געזאָגט: איך וועל געבן שלום אין לאַנד. דערפון איז צו זען, אַז שלום וועגט איבער אַלץ און אַזוי ווערט געזאָגט „ער מאַכט שלום און באַשאַפט אַלץ".

שלום, הייסט עס, דערגענצט די בריאה — אויב ס׳איז ניטאָ קיין שלום, האָט די גאַנצע בריאה און יצירה קיין האַפט און ווערט נישט . . .

ה ע ר ו ת

א.

1. וועגן דער ראָל פון דער קירכע אין דער וועלט מלחמה האָבן שרייבער זיך באמיט צו באווייזן מיט פאקטן, איבערהויפט דער שרייבער ה. אבראמס, וועלכער האָט אין זיין בוך „פריטשערס פרעזענט ארמס" ארויסגעבראכט די שטוינענדסטע פאקטן וועגן גייסטלעכע אין צייט פון קריג.
2. פרק השלום, מסכת דרך ארץ, דר. מיכאל היגער אויסג. ז"ז 248-264.
3. ברכות, ס"ד, ע"א.
4. ישעיה נ"ד, י"ג. און אלע דיינע קינדער וועלן זיין געלערנטע פון גאָט און גרויס וועט זיין דער פרידן פון דיינע קינדער.
5. גרויס פרידן איז פאר די ליבהאָבער פון דיין תורה . . . תהלים, קי"ט, קס"ה.
6. זאָל זיין שלום אין דיין מויער, שלווה אין דיינע פּאַלאַצן, דאָרט קכ"ב, ז'.
7. דאָרט, פסוק ח'.
8. דאָרט, כ"ט, י"א, גאָט וועט געבן זיין פאָלק שטארקייט; גאָט וועט בענטשן זיין פאָלק מיט שלום.
9. זכרי' ח', י"ט. האָט ליב אמת און שלום.
10. אבות א', י"ב. „א ליבהאָבער פון שלום און נאָכיאָגער פון שלום . . . ליב האָבן אין הארצן איז ניט גענוג, מ'דאַרף זוכן און נאָכיאָגן דעם שלום אין דער פּראַקטיק"
11. דאָרט, י"ח. זעז, פרקי אבות אנטאָלאָגיע פון ג. קראַוויץ.
12. זוהר מקץ, ר' ע"ב.
13. דאָרט, וארא, כ"ג, ע"ב.
14. משלי, ג', י"ז, זוהר, קע"ו, ע"ב.
15. זע, דאָרטן באריכות.
16. מדרש רבה, צו, פ' ט'; נשא י"א; ט"ז; עוקצין פ"ג — פאַרשיידענע אויסדרוקן אָבער געמיינט דאָס זעלביקע.
17. נ"א, דאָרט, י"ח א"א מקורים.
18. צו, ט', י"ח; שבת י', ע"ב.
19. ראש השנה י"ז, ע"א.
20. יבמות ס"ה, ע"א.
21. דרך ארץ זוטא, פרק ט'; עדויות פרק ח'. ספרי, נשא.
22. ומה אבנים ע"י שמטילות שלום בין ישראל למקום אמרה תורה לא תניף עליהן ברזל, המטיל שלום בין אדם לחברו בין אומה לחברתה על אחת כמה וכמה שלא תבא עליו פרענות".
23. ספרי האזינו, אויפ'ן פסוק יצב גבולות עמים; ע"ז ב' ע"ב: „אל תכנסו לפני בערבוביא", באריכות, דוד ש. שפירא, יסודי הדת האוניברסלית, ז"ז 42-46.
24. ספרי בהעלותך; תוספתא סוף קדושין; תפלת עלינו.
25. נחום ג', ד'.
26. דאָרט, ד'-ה'.
27. ישעיהו י', י"ג. סנהדרין ל"ח, שמו"ר פ"י, ב'; ספרי דברים א', ט"ו און אנד. מקומות.
28. דברים כ"ג, ד'-ז', ח'-ט'.
29. שטודיעס וועגן מלחמה און שלום:

The Jewish Attitude Towards Peace and War, by David S. Shapiro, New York, 1949. Maurice Lamm, "Red or Dead"; Rejoinders: Immanuel Jacobovitz, Michael Wyschogrod, Tradition, Vol. 4, No. 2, Spring, 1962, pp. 165-209, Ed. Walter S. Wurzburger

אין דער שטודיע פון די דריי רבנים ווערט באהאַנדלט דאָס פּראָבלעם מלחמה אדער שלום אויספירלעך, סיי וואָס שייך הלכה און סיי יהדות־השקפה — און וועגן יידיש רעליגיעזער באציאונג צו אָט דער געפאַר אין אונזער אַטאָמישער תקופה — געפאַר פון טאָטאַלער פאַרניכטונג.

ב.

1. במדבר רבה י"א, ט"ז.
2. ישעיה ב', ד'.
3. שמות כ', כ"ב.
4. דברים, כ', י'. תנחומא, שופטים י"ח: „שאפילו לשונאים אמר הקב"ה לפתוח להם לשלום".
5. בראשית י"ח, כ"ה.
6. ישעיה ל"ג, ט"ו.
7. דאָרט, ט"ו, ה'; ט'.
8. ירמיה מ"ח, ל"א-ל"ב.
9. ישעיה י"ט, כ"ה.
10. דאָרט, נ"ו, ז'.
11. מלכים א', ח', מ"א-מ"ג.

12. ירמיה מ"ח, מ"ז.
13. דארט, מ"ט, ל"ט.
14. צפניה ג', ט'.
15. ילקוט ישעיהו נ"ח.
16. אבות פרק א', י"ב.
17. דארט, י"ח.
18. בראשית רבה, ל"ח.
19. דרך ארץ זוטא, פרק ט'. אין ספרי (נשא), אין נאמען פון ר' אליעזר הקפר, איז דער נוסח א ביסל אנדערש. זע, אלי' כי טוב, „איש וביתו", ז' מ"ד.
20. ברכות ט"ז, ע"ב.
21. ירושלמי ר"ה, פרק ב'.
22. מנשה אונגער, „די חסידישע וועלט", ניו־יארק, 1955, ז' 201.
23. במדבר רבה, י"א, י"ז.
24. סנהדרין ס"ד, ע"ב.
25. במדבר רבה, י"א, י"ח.
26. בראשית מ"ג, כ"ז.
27. ברכות נ"ד, ע"א.
28. דארט י"ז.
29. פאה, פרק א'.
30. מסכת דרך ארץ, י', ה'.
31. תוספתא דרך ארץ, י'.
32. תהלים קכ"ב, ז־ח', יהואש, איבערז.

ג.

1. בראשית ט', ו'.
2. דארט, כ"א, כ"ב.
3. דברים, י"ט, כ'.
4. זע, הרב דר שמעון פעדערבוש, משפט המלוכה בישראל, מוסד הרב קוק, תשי"ב.
5. שמואל ב', א', י"ח.
6. נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, אחר תאסף אל עמיך, במדבר ל"א, ב'.
7. יהושע י', י"ג, די זון איז שטיל געבליבן און די לבנה האט זיך אפגעשטעלט, ביז דאס פאלק האט זיך נוקם געווען אין זיינע פיינט.
8. שמואל א', ט"ו, ל"ג — אזוי ווי דיין שווערד האט פרויען אן קינדער געלאזט, זאל צווישן פרויען דיין מוטער אן קינדער בלייבן און שמואל האט צעהאקט אגגן.
9. זע, נחום פרק א'
10. ירמיה י', כ"ה.
11. דארט, י"א, כ'; נ', כ"ח.
12. יחזקאל כ"ה, י"ד, י"ז.
13. אל קנא ונוקם . . . נוקם ד' לצריו . . .
14. יואל ג', ד'.
15. דארט, ד' כ"א.
16. תהלים נ"ח, י"א.
17. זען, רמב"ם, הלכות יסודי התורה, פרק ה', א', ב' ד': הרב אברהם חן, במלכות היהדות, ירושלים תשי"ט, ז"ז 32־38: הרב שמעון פעדערבוש, המוסר והמשפט בישראל, ז"ז 181־182; זע אויך, משפט המלוכה בישראל.
18. סנהדרין ל"ז, ע"א.
19. אבות דרבי נתן, פרק ל"א.
20. זע, שו"ת הרמ"א, המהר"ם מלובלין, שואל ומשיב למהרי"ש נתנזון; א. י. ברומברג, רבי יוסף שאול נתנזון מלבוב, השואל ומשיב, ירושלים, תש"ד, ז"ז ע"ה־צ"ג.
21. רמב"ם, הלכות רוצח, ד' ט'.
22. שופטים ו', כ"ד: שבת י', ע"ב און תוספות סוטה י' ע"א, אז שלום איז פון די געטלעכע נעמען, וואס מ'טאר זיי ניט אויסמעקן. אויך זען, שלחן ערוך יורה דעה, סימן רע"ו, י"ג, הג"ה דארט.
23. דברי הימים א', כ"ב, כ"ח.
24. הלכות מלכים, פרק ח', הלכה ד'.
25. ספר המצוות, ל"ת, מ"ט, הערת ר"ח הליר.
26. ר' מאיר שמחה, דער גאון פון דווינסק, דערקלערט דערמיט אין זיין ספר „משך חכמה" (סוף פ' תצא), דאס וואס דוד האט געאורטיילט דעם גר עמלקי מיט טויט־שטראף, ווייל ער האט ניט אנגענומען זיין גרות און אלס בן־נח איז אים געקומען טויט, צוליב זיין אייגענעם דערציילן, אז ער האט געטויט דעם קעניג שאול (זע, ירושלמי, קדושין פרק א', הלכה א').
דער רמב"ם (הלכות סנהדרין, סוף פרק י"ח) שרייבט, אז דאס איז געווען א גזירת הכתוב, בלויז פאר יענעם מאמענט (זע אויך, משלם ראטה, אזכרה, ירושלים תש"ה, ז' רנ"ט).
27. ז', ט"ו.

28. יומא כ"ב, ע"ב. 29. זכריה ט'. 30. ישעיה נ"ח.
31. מוהר"נ מברסלב, לקוטי עצות.
32. זעז, פעדערבוש, משפט המלוכה בישראל, ז"ז 184־190.
32א. נדרים, ל"ב, ע"ב, דרשענט דעם פסוק, וירק את חניכיו — בראשית, י"ד, י"ד.
33. זע, פריער.
34. זעז, שמואל א', ח'; סנהדרין כ"א, ע"א; רמב"ם הלכות מלכים פרק ד'; רמב"ן, סוף ספר המצוות און אנד. מקומות.
35. פעדערבוש, דארט ז"ז 191־192; וועגן פרויען אין דער ארמיי — אין א באזונדער ארבעט.
36. רמב"ם, הלכות מלכים, ה', א'.
37. דארט, דארט.
38. זע: הרב כ. פ. טכורש, הרב אפרים וויינבערגער, התורה והמדינה, ב', אייר, תש"י.
39. סוטה, ל"ד, ע"ב.
40. אנהויב מלכים. זע אויך, הרב וויינבערגער, התורה והמדינה, דארט, ז' צ"ט.
41. תוס', סוף כתובות. אין ווייטערן קאפ. אויספירלעך.
42. מצוה, תקכ"ז.
43. ירושלמי, שביעית פ"ו ,א. א. מקומות.
44. הלכות מלכים, ו', ד'
45. משלי ג', י"ז. אירע וועגן זיינען וועגן פון ליבלעכקייט ,און אלע אירע שטעגן זיינען שלום — יהואש איבערזעצונג.
46. מכות ז' ע"א.
47. אבות דרבי נתן.
48. ישעיה ב', ד'; ד', ג'.
49. דארט, י"א, ט'.
50. ירמיה ל"א, ל"ג.
51. תנא דבי אלי', פרק ז'.
52. זע, הרב משה חיים בלאך, „הפרדס", ניסן, תש"ך, שנה ל"ד, נומ' ז', ז"ז 39־42.
זע אויך, דוד שלמה שפירא, תשובת הרמב"ם לחכמי צרפת, הדואר, י"ד חשון תשכ"א, ז"ז 9־10, זוכנדיק אויפצוקלערן די שווערע שטעלע אין רמב"ם.
53. אין „נייעם וויענער זשורנאל".
54. הלכות מלכים, פרק י"ב, ד'; הלכות תשובה, פרק ט', ב' און אין זיין פירוש צום פרק חלק אין סנהדרין.
55. וועגן ענין משיחיזם — אין א ווייטערן פרק.
55א. הלכות מלכים, ד', א־ד'. זע, אבני נזר, או"ח, סימן תק"ח.
55ב. סוף פרשת בשלח.
55ג. זע, הרב יהודה גרשוני, בענין מצות מחיית עמלק, הפרדס, חוב' ז' שנה ל"ו, ניסן תשכ"ב.
56. זע, מלכים א', ה', י"ט; דברי הימים א', כ"ב.
57. שמות כ', מכילתא, דארט, מזבח נברא, להטיל שלום.
58. סנהדרין ע"ב, ע"א. זע אויך, רש"י, משפטים, כ"ב, א'.
59. לויט מארקום אריליום. זעז, ל. לעהרער, „יידישער קעמפער", ראש השנה תש"ו, ז"ז 17־27 — באריכות.
60. מכות פרק א', משנה י': סנהדרין ההורגת . . . א סנהדרין (בית דין פון 23 אדער 71 דיינים), וואס הרג'עט (פסקנט טויט־שטראף) איינמאל אין א שמיטה (בשבוע, זיבן יאר) הייסט עס א שלאגנדיקער (חובלנית); ר' אלעזר בן עזריה זאגט: איין טויט־שטראף אין זיבעציק יאר. ר' טרפון און ר' עקיבא זאגן: ווען מיר וואלטן געווען אין סנהדרין, וואלט קיין מענטש ניט גע'הרג'עט געווארן (זיי וואלטן אויסגעזוכט אזעלכע טעמים, אז מען זאל ניט קענען פסק'ענען טויט־שטראף). ר' שמעון בן גמליאל איז ניט מסכים מיט זיי און זאגט: „אויך זיי וואלטן געמערט בלוט־פארגיסער צווישן יידן. אויב זיי וואלטן דערפירט, אז מען זאל ניט ארויסגעבן קיין טויט־פסק־דין אויף רוצחים, וואלט זיך פארגרעסערט די צאל רוצחים . . . זע אויך, מכות ז' ע"א און מפרשים.
שמעון בן שטח דערציילט פון זיין דערפארונג: „איך האב געזען א מענטש נאכיאגנדיק אן אנדערן אין א חורבה; איך בין געלאפן נאך אים און געזען ווי זיין שווערד איז איינגעטונקען אין בלוט און יענער גוססט. איך האב געזאגט צו אים: דו רשע! ווער האט דערמארדעט דעם מענטשן? אבער וואס קען איך טאן? דיין לעבן איז ניט אין מיינע הענט, ווארים די תורה זאגט, אז דורך צוויי עדות, זאל דער וואס דארף שטארבן פאראורטיילט ווערן צום טויט . . . "
סנהדרין ל"ז, ע"ב.
61. פארבאט פון גניבה, רציחה, עבודה זרה, אבר מן החי, פארבאטענע הייראט, ניט לעסטערן גאט'ס נאמען און געריכט משפט.
62. משלי ג', י"ז.
63. שלום פאר דעם קערפער, פאר דער הויז און פאר'ן לאנד, ווי מ'זאגט אין ענגליש „פיס אף מיינד"
64. אין זיינע ווערק, היסטורי' ישראלית און בימי בית שני, ברלין, תרפ"ג.
65. תהלים, ט', י"ט, „ווייל ניט אויף שטענדיק וועט פארגעסן זיין דער אביון, די האפנונג פון די ארימע וועט ניט פארלוירן זיין אויף אייביק".

66. אין „שחיטה שטאט" לויט י. י. שווארצ'עס איבערזעצונג:

און וויי, און וואונד און וויי אין אלע וועלטן
און לאזן אלע הימלען ברומען פאר רחמנות!
אזעלכע קרבנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אזוי געלעבט, אזוי געשטארבן,
ניט וויסנדיק צו וואס, פאר וואס, פאר וועמען?
אין וואלקן איינגעהילט איר קאפ וועט אייביק
מיין אלטע שכינה וויינען שטיל פאר בושה,
און נאכט אויף נאכט וועל איך אראפ פון הימל
באוויינען זיך אויף זייער קבר . .
די שאנד איז זייער גרויס, און זייער גרויס דער ווייטאג —
און וואס איז גרעסער? — זאג שוין דו, בן אדם!
ניין, שוויג בעסער, און זיי א שטומער עדות,
אז דו האסט מיך אין ארימקייט געפונען
און צוגעזען מיין עלנט און מיין טרויער
און גייענדיק צוריק — נעם מיט, בן אדם,
א טייל פון צער מיינעם, פון שטילן ווייטאג,
און מיש אים אוים מיט צארן־גיפט און וואַרף אים
אין שוים פון די נאך לעבעדיקע מתים.

אזוי קלאגט נאר א פאלק, וואס איז פארלוירן,
וואס אש און רויך איז זיין נשמה, און א מדבר,
א וויסטער מדבר ,איז זיין האר געווארן;
קיין איינציק גרעזל האס, קיין קערנדל נקמה!

א פויסט וואו איז? וואו איז א גרויסער דונער,
וואס זאל זיך אפרעכענען פאר אלע דורות,
און איינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען,
מיין שטול, מיין כסא־כבוד, איבערקערן! . . .

67. במדבר, פ' פינחס.
68. תהלים צ"ד, א'־ב' און אין אנדערע ספרי תנ"ד, געפינען מיר אומצייליקע מאל דעם אויסדרוק פון אל קנא ונוקם, בעל מלחמות, איש מלחמה, בעל נקמות אא"וו. זעז נחום א', ב'. „לי נקם ושלם" (דברים ל"ב, ל"ה) „כי דם עבדיו יקום" דברים ל"ב, מ"ג). „יום נקמה" (ירמיה מ"ו,י') און אנדערע.
69. סוף פ' בלק און אנהויב פינחס. 70. סנהדרין כ' א"א מקומות. **71. שמואל א' י"ד.**
72. תהלים קל"ט, כ"א־כ"ב. 73. תהלים; צ"ד, ג־ד'. **74. חבקוק א', י"ג־י"ד.**
75. ירמיה י"ב, א'־ב'. 76. מועד קטן, ט"ז, ע"ב; בראשית רבה און דברים רבה, פ' שופטים.
77. ונכרתה קשת מלחמה . . . זכרי' ח',ט"ז; ודבר שלום לגויים, דארט ט', י'. מה נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע שלום, מבשר טוב, ישעי' נ"ב, ז'; הנני נוטה עליה כנהר שלום, ישעי' ס"ו, י"ב; וכתתו חרבותם לאתים . . . ישעיה ב', ד'; י"א, ו',ט'. כי שלום אמת אתן לכם, ירמיה י"ד, י"ג.
78. מדרשים, בראשית י"ח; באזירט אויף תהלים כ"ט.
79. סוטה, א מאנ'ס פרוי, וועלכע איז אונטער חשד אז זי האט פארקערט מיט אן אנדערן.
81. ויקרא כ"ו, י'; במדבר י', כ"ו.
82 תהלים ל"ד, ט' 83 ויקרא ו', ד'; שופטים ו' 84. במדבר כ"ה, י"ב.
85. זעז, שבת פ"ט, ע"א; ברכות ו', ע"ב; זע אויך, עוקצים ג', י"ב; דברים רבה, פ"ה, ט"ו; ירושלמי ברכות ד', ט'. 86. גיטין נ"ט־ס"א.
87. F. Sternberg - Capitalism and Socialism on Trial, London, 1915.
88. Albert Einstein - Cosmic Religion, Covici-Friede, New York, 1931.
זע אויך, וו. נאטאנסאן, די געשטאלט און די פערזענלעכקייט אלבערט איינשטיין, „ייד. קעמפער" פסח, תשי"ז, ז"ז 57-53.
89. ירושלמי, פסחים ג', ז'; מסכת דרך ארץ, פרק השלום; מדרש רבה, במדבר י"א.
90. דברים כ', י', באזירט אויפן ספרי. 91. דארט.
92. „ונוהג מצוה זו מחיית עמלק בכל מקום ובכל זמן, חנוד, מצוה תר"ג. **93. מלכים ב', ו', כ"א.**
94. סנהדרין ל"ט ,ע"ב; טו"ז, הלכות פסח, סימן ת"צ, סק"ג. ווען דער שונא פאלט, זאלסטו דיך ניט פרייען (משלי כ"ד, י"ז) . . . און אזוי האט גאט געזאגט: די ווערק פון מיינע הענט, טרינקען זיך און איר וועט זאגן שירה? . . . זעז: פסיקתא דר"כ דף קפ"ט; תורה שלמה, וארא; הגדת פסח, ארצישראלית, ז' 78. מ'זאגט ניט גאנץ הלל פסח . . . ווייל עס איז געשריבן,
95. זעז, מלכים א', כ' און כ"ב; אחאב, דער זינדיקער צוליב זיין פרוי איזבל, האט זוכה געווען צו זיין קעניג 22 יאר, כ"ב שנה, ווייל — זאגן די חז"ל — ער האט מכבד געווען די תורה, וועלכע איז געגעבן געווארן מיט כ"ב אותיות, סנהדרין ק"ב.
96. סיני, ניו־יארק, תש"ט, ז"ז רכ"ח־רכ"ט. 97. ילקוט שמעוני, שמואל א' קכ"א
98. ספרי תצא, מגילה י"ח, ע"א. 99. רש"י, ברכות ל"ג, ע"א. 100. ויקרא כ"ו, ו'.

קאַפּיטל זעבצן

בענקשאַפט דורך דורות

א. אידעאַל און קאָנצעפּציע. — נביאישער אַחרית הימים.—גאולה פאַר יחיד און וועלט.—פאַר ייד און מענטשהייט.

איצט מער, ווי ווען עס איז פריער האָפט און שטרעבט די יידישע וועלט, ספּעציעל די רעליגיעזע, אויף משיח'ן, וועלכער זאָל זיך באַווייזן מיט זיין גרויס ליכט און באַלייכטן אונזער וועלט־חשכות. דער יידישער גייסט ווערט געפירט פון א משיחישער טרייב־קראַפט וואָס גיט אים כח אויסצוהאַלטן אַלע עינויים קשים. מען האָפט אויף משיחישער גאולה, משיחישע דערהויבונג פונם כלל, ניט בלויז פונם יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט: דערהויבונג פון יחיד און פון קאָלעקטיוו. דער ייד גלויבט, אז אונזער דור וואָס האָט אזויפיל געליטן און ווייזט ארויס אזויפיל תשוקה צו גאולה און באַפרייאונג, איז דער דור פון משיח־אַנטפּלעקונג; דער דור וואָס וועט דערלעבן פאָלקאָמענע גאולה פאַר אַלע פעלקער.

„אין יעדן דור — זאָגט דער האר"י זצ"ל — שיקט דער אויבערשטער א משיח־פונק, אז אויב מיר וועלן זוכה זיין, זאָל ער אונז אויסלייזן[1]. דער רבי ר' שמחה בונם פון פשיסכע זאָגט אז, די נשמה פון משיח געפינט זיך אין יעדן דור, אין כלל ישראל, „בכללות ישראל בחינת משיח". און ווען ס'וועט זיין גאָט'ס רצון, וועט ער אַנטפּלעקן די ליכט פון משיח'ן אויף איינעם פון די יידן.

פאַראַן א מאמר אין תלמוד, אז רבי יהושע בן לוי האָט געוואָגט א פרעג טאָן ביי משיח'ן, „לאימת אתי מר", ווען קומסטו צו אונז — און משיח'ס ענטפער איז געווען: ה י ו ם אם בקולי תשמעו, היינט קאָן איך קומען, אויב איר וועט מיך פאָלגן. דאָס הייסט, אז מ'מוז פריער מאַכן הכנות פאַר משיח'ס אָנקום; דער דור מוז זיין ראוי צו א משיח עפּאָכע; מען מוז אליין שאַפן משיחישע אידעאַלן אלס פאָרבאַדינג פאַר זיין אמת'ער און פאָלקאָמענער אַנטפּלעקונג.

עס איז גאַנץ מעגלעך אז דאָס, וואָס די חז"ל רעדן אזויפיל וועגן די „חבלי משיח", איז עס טאַקע צוליב דעם, ווייל די „חבלי משיח" ברענגען מיט זיך א התעוררות אין יידישן לעבן. מען פאַנגט אָן רעווידירן טעאָריעס און מעשים און ס'שאַפט זיך א נייע עפּאָכע פון געטלעכער בענקשאַפט, ווי ר' אייזיקל קאַליווער, איינער פון די באַרימטסטע פאָלקס־רביים דריקט עס אויס אין א פאָלקס־ניגון:

גלות, גלות, אַך ווי גרויס ביזטו!
שכינה, שכינה, אַך ווי ווייט ביזטו!
וואָלט דער גלות ניט אַזוי גרויס געווען
וואָלט די שכינה ניט אַזוי ווייט געווען
וואָלט די אויסלייזונג אַזוי נאָענט געווען.

דער באַדינג פאַר משיח'ס קומען, איז דאָס גאַרען פטור צו ווערן פון גלות.

אין „פסיקתא רבתי", ווערט געזאָגט וועגן ימות המשיח" דאָס פאָלגנדיקע:

„אין צייט ווען גאָט וועט אויסלייזן די יידן, וועט ער פריער שיקן אליהו הנביא, וועלכער וועט שטיין אויף די ארץ־ישראלדיקע בערג און וויינען און קלאָגן. ער וועט זאָגן: בערג פון ארץ ישראל! ווי לאַנג וועט איר שטיין אַזוי וויסט און ליידיק? און זיין קול וועט געהערט ווערן פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער און נאָכדעם וועט ער זאָגן: ס'איז געקומען שלום אויף דער וועלט, ס'איז געקומען גוטס אויף דער וועלט, ס'איז געקומען די הילף צו דער וועלט! ווען דער מלך המשיח וועט זיך אַנטפּלעקן, וועט ער שטיין אויפ'ן דאַך פון בית המקדש און אויסרופן צו די יידן: איר באַשיידענע, ס'איז געקומען דער מאָמענט פון אייער אויסלייזונג און אויב איר גלויבט ניט, זעט מיין ליכט, וואָס שיינט אויף אייך. אין יענער צייט וועט גאָט מאַכן אַרויסשטראַלן די משיח־ליכט אַזוי שטאַרק, אַז אַלע פעלקער וועלן גיין נאָך זיין ליכט . . .

אַזוי גאַרט דאָס יידישע פאָלק אויפ'ן קומען פון אליהו הנביא, וועלכער דאַרף אָנזאָגן די בשורה פון „גרויסן טאָג" ווי דער נביא מלאכי דריקט זיך אויס: „הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בא יום ד' הגדול והנורא"[2]. ער, אליהו הנביא, דער באַקעמפער פון אחאָב'ן און זיינע פאַלשע נביאים, דער, וואָס האָט אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די האַלב־יידן פון זיין צייט, דער, וועמענס פייערדיקער אויסרוף: „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים"[3], האָט אָפּגעקלונגען אין גאַנץ ארץ ישראל. ער, דאַרף פאַראויסגיין דעם אָנקומענדיקן גרויסן טאָג.

ב. אמונה אויף משיח'ס קומען. משיח תקופה. — ווי פייטנים האָבן באַזונגען משיח־תקופה. — גייסטיקע פערספּעקטיוון דורך משיחישע אויסשטראַלונגען.

די **אמונה** אין משיח'ס אָנקום און די האָפענונג אויף דער משיחישער תקופה האָט אָנגעפילט דעם גרעסטן טייל פון אונזער ליטעראַטור און מיטגעגאַנגען מיט'ן יידישן פאָלק אין אַלע זיינע גלגולים און אין אַלע זיינע גלות'ן. אומעטום און שטענדיק האָבן יידן דערוואַרט משיח'ס קומען, וואָס וועט ברענגען מיט זיך אַ תקופה פון ליבע און שלום, פון יושר און גערעכטיקייט און מאָראַלישער דערהויבונג.

דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט באַפרידיקט מיטן מאַטעריאַליסטישן קערפּערלעכן וואוילזיין און פאַרגעניגן, וואָס האָט שטענדיק געזוכט העכערס און שענערס אינם לעבן, האָט געגלויבט אין דער צוקונפט־וועלט אין דער נבואה פון „אחרית הימים", ווען עס וועט רעגירן, די „מלכות שדי", ווי די נביאים אונזערע האָבן איר פאַראויסגעזען.

דער משיח אליין, ווערט פאַרגעשטעלט אלס מענטש פון אונזער ערדישער וועלט וואָס ציט זיין יחוס, זיין גענעאַלאָגיע, פון מלכות בית דוד דינאַסטיע; ער איז אָבער הימל־מענטש צוליב דעם, וואָס ער ברענגט צו אונז די הימלישע אידע־אַלן. ער, דער בשר ודם דאַרף עס זיין דער, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען די ערדיש־מענטשלעכע געזעלשאַפט אין א הימלישער, אין וועלכער עס זאָל מער ניט הערשן קיין שנאה צווישן מענטש און מיט־מענטש און אפילו ניט צווישן מענטש און חיה. ער דאַרף אָפּשאַפן די קאָנפליקטן אין דער מענטשהייט. ער דאַרף אויס־וואָרצלען רשעות און טיראַניי. ער דאַרף ברענגען דעם לאַנג געגאַרטן „יום ה׳", גאָט׳ס טאָג פון משפט, ווען רשעות וועט פאַראורטיילט ווערן צו טויט און אויס־ראָטונג און די גאַנצע וועלט וועט באַהערשט ווערן פון לויטער גוטסקייט, פון דעת און יראת ד׳.

די משיח׳ישע קאָנצעפּציע איז, ווי ישעיה הנביא זעט דעם דאַזיקן משיח וואָס וועט ארויסקומען פון ישי׳ס אָפּשטאַם. אויף אים וועט רוען דער „רוח ד׳, רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד׳ . . . ושפט בצדק דלים, והוכיח במישור לענוי ארץ . . . וגר זאב עם כבש . . . לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, כי מלאה הארץ דעה את ד׳ כמים לים מכסים . . ."[1]

אויף אזא משיח׳ן, האָפן יידן שוין טויזנטער יאָרן און קיינמאָל ניט אויפ־געגעבן די דאָזיקע האָפנונג. אדרבה, אין צייט פון לייד און פּרענות האָט זיך די האָפענונג געשטאַרקט.

די האָפענונג אויף משיח׳ס אָנקום האָט אויך געפונען אויסדרוק סיי אין אונזער מיטלאַלטער־ליטעראַטור און סיי אין אונזער ליטעראַטור פון זינט דער רענעסאַנס עפּאָכע.

מיר הערן פון משיחישע געגועים ביי ר׳ שלמה אבן גבירול (1020-1070):

שרש בנו ישי, כי הסתו עבר אדמה בתוך גלות לקאת בתוך מדבר
עד אן תהי נקבר? מני זמן אלף האין לבוש בדים לשאול? ואיך יגלה
הוצא לך פרח שנים אני נעבד הקוץ — ואל צוה סתום, התום דבר

— —

ר׳ אברהם בן עזרא (1092-1167):

אבי, אבי, מתי תביא
את אליהו הנביא?
בלב נשבר אקדמך
ואמצא חן בעינך . . .

ראה: נשאר מעט מזער
ולא כביר, אבל נער.
— מנעי קולך מבכי,
והטי, בת ולכי!

ר׳ שמואל הנגיד (993-1055):

לבבי בקרבי חם
ועיני מדמעת
למען אני נכסף

לחמת ומיפעת
ולראות עדת שריון
מביאה למוריה

אינטערעסאנט און ביז גאָר מערקווירדיק איז, דער יידישער גלויבן אין משיח׳ס אָנקומען. ניט געקוקט דערויף וואָס יידן האָבן אַזויפיל געליטן פון זייערע שכנים און ניט געקוקט דערויף וואָס יידן האָבן אַזוי געהאָפט אויף ציונס אויס-לייזונג, געוואַרט ממש אויף משיח׳ס טריט אין ירושלים, איז משיח נישט קיין העלדישער מלחמה פירער, וועלכער זיגט מיט דער שווערד. זכריה הנביא, ריידנדיק וועגן דער צוקונפטיקער גאולה, זעט משיח׳ן אין אומגעוויינטלעכן באַשיידענעם געשטאַלט:

„גילי מאד בת ציון, הריעי בת ירושלים הנה מלכך יבא לך, צדיק ונושע הוא, עני ורוכב על חמור . . . ודבר שלום לגוים. . . ״

משיח איז דער „עומד לנס עמים״, דער, צו וועמען „גוים ידרושו״, לויט ישעיה הנביא׳ס אחרית הימים. די נביאים פונעם פאָלק וואָס „לבדד ישכון״ האָבן געשטרעבט צום אַלוועלטלעכן יושר, אַלוועלטלעכן גליק, צו אוניווערסאַלער גאולה. זייער אחרית הימים איז פון פעלקער גליק און שלום פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די יידישע תפלה, דורך וועלכער דער ייד ווערט באַהאָפטן מיט דער הימלישער וועלט, די דבקות וואָס איז בכח אים אַרויסצונעמען פון דער ערדישער וועלט — אָט די תפלה, די קאָלעקטיווע תפלה פון דורות איז פול מיט געבעט פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אין די ימים נוראים׳דיקע תפלות בעטן מיר „ובכן תן פחדך ד׳ אלקנו על כל מעשיך . . . ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלום . . . ״ מיר בעטן, אַז אַלע פעלקער זאָלן ווערן פאַראייניקט צו טאָן גאָט׳ס ווילן. דאָס איז אַ הויפּט-מאָטיוו אינעם יידישן גאולה-אידעאַל. די נביאים האָבן אָבער געוואוסט, אַז ביז יענעם אייביקן שלום מוז פריער רשעות פאַרניכטעט און אויסגעראָטן ווערן. זיי האָבן אויך געזען די העכערע געטלעכע קראַפט, וואָס וועט פאַרניכטן דאָס רשעות כדי צו באַפעסטיקן די הימלישע מלוכה אויף דער ערד. יחזקאל הנביא, וואָס האָט געזען זעאונגען ביים טייך כבר שוין נאָך חורבן בית ראשון, אין גלות בבל, האָט געזען די קומענדיקע קאַמפן צווישן די צוויי כוחות, די כוחות פון קדושה קעגן די כוחות פון דער „סטרא אחרא״. ער האָט געזען די מלחמות גוג ומגוג; די שרעקלעכע „חבלי משיח״, די שווערע עפּאָכע פון „חרב איש באחיו,״ וואָס וועט ברענגען די גאולה. ווי זאָגט יחזקאל הנביא: „ונשפטתי אתו בדבר ובדם וגשם שוטף ואבני אלגביש, אש וגפרית אמטיר עליו ועל אגפיו ועל עמים רבים אשר אתו״.

ווי צוגעפּאַסט די ווערטער זיינען פאַר אונזער צייט! אַז מ׳לערנט דורך און מ׳פאַרטיפט זיך אין די דאָזיקע ווערטער און ניט בלויז אין די ווערטער, נאָר אין דער גאַנצער נבואה וועגן גוג ומגוג, דוכט זיך ממש, אַז יחזקאל האָט נביאות גע-זאָגט וועגן אונזער עפּאָכע, וועגן אונזערע ליידן און וועגן דעם סוף פון אונזערע היינטיקע שונאים.

אין אַלע צייטן זענען געווען „דורשי רשומות", וואָס האָבן פון פּסוקים, אַרויסגעלערנט רמזים וועגן דער צייט פון משיח'ס קומען. אונדז איז גוט באַקאַנט די טייטשן אויף די לעצטע צוויי פּסוקים פון נביא דניאל: „אשרי המחכה ויגיע לימים אלף שלש מאות, שלשים וחמשה . . . ותעמוד לגורלך לקץ הימין"[4] אין יידיש „וואַרום איז צו דעם וואָס גאַרט און ער וועט דערגרייכן ביז טויזנט דריי הונדערט און פינף און דרייסיק טעג. און דו, גיי, ביז צום קץ; און וועסט אויפשטיין צו דיין גורל אין סוף פון די טעג".

דער מלבי"ם (ר' מאיר ליבוש בן יחיאל מיכל, 1809—1879) האָט זיך אונטערגענומען צו אַנטפּלעקן דעם טייטש פון דער דאָזיקער נבואות ניט געקוקט דערויף וואָס דניאל אַליין זאָגט „כי סתומים וחתומים הדברים עד עת קץ"[5].

לויט זיין טייטש, האָט משיח געדאַרפט קומען אין יאָר תרפ"ה. אויך אין „זוהר" געפינט זיך אַ רמז וועגן משיח'ס צייט און פיל האָבן פּרובירט אויסטייטשן דעם מיסטישן רמז. אין זוהר פּ' בלק ווערט געזאָגט וועגן משיח'ס קומען „דבשעתא דיזדמנון לפום מנין שנין דיובל ושמטה כחדא, דאיהו רעד מן יומא שתיתאה".

ר' יהודה ראָזענבערג אין זיין זוהר איבערזעצונג, באַמערקט עטלעכע מאָל וועגן דעם[6] אַז דאָס מיינט, ווען עס וועט בלייבן רע"ב שנים פונם אלף הששי וועט משיח קומען. (אַנשטאָט רע"ד דאַרף זיין רע"ב), ווען עס וועט ניט בלייבן פון זעקסטן טויזנט פון אונדזער צייט-רעכענונג מער ווי 272, וועט משיח קומען אויסלייזן די יידן און די וועלט. דאָס הייסט, קומען קאָן ער יעדן טאָג, נאָר דעמאָלט, וועט ער זיך מוזן אַנטפּלעקן. מיר האָבן דעריבער צו וואַרטן נאָך אַ פינף יאָר ווען משיח וועט זיך, לויט זיין מיינונג, מוזן באַווייזן. ער קאָן אָבער זיך באַווייזן פריער, אומגערעכט, פּלוצלונג.

איינער פון די שפּאַנישע פּליטים ר' יוסף אבן יחייא פון דער באַרימטער ספרדישער פאַמיליע יחייא, פאָטער פון גדליה אבן יחייא, מחבר פון באַקאַנטן ספר „שלשלת הקבלה" (כראָנאָלאָגיע, און ביאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן גדולי ישראל ביז זיין צייט), אין זיין פירוש אויף דניאל, מאַכט ער די צייט אַביסל פריער. ער ווייזט אָן פון פּסוקים אין דניאל אַז משיח דאַרף קומען אין אָנהויב פון די ת"ש יאָרן פון אלף הששי. ער שטיצט זיך אויף אַ פריערדיק קאַפּיטל אין ספר דניאל, אויפ'ן אכטן קאַפּיטל וואָס איז כלו מיסטיק. דאָרט איז פאַראַן אַזאַ פּסוק וועגן דער קומענדער גאולה: „עד ערב בקר, אלפים ושלש מאות ונצדק קודש" (ביז נאָכט פרימאָרגן צוויי טויזנט און דריי הונדערט און די הייליקייט וועט זיין גערעכט) מאַכט אבן יחייא אַ פּשוט'ן רעכענונג אַז זינט דניאל'ס נבואה דאַרף נעמען נאָך 2,300 יאָר ביז משיח'ס קומען. ער באַווייזט אויך מיט פאַקטן אין וועלכן יאָר דניאל האָט די נבואה געזאָגט, אַזוי אַז ס'קומט אים אויס אַז די גאולה דאַרף קומען אין אונדזערע טעג.

בכלל האַלטן פיל מקובלים אַז די לעצטע מלחמה מיט איר פאַרנעם איז געווען די מלחמת גוג ומגוג און אַז נאָך איר דאַרף קומען די גאולה שלמה.

אונדז איז באַקאַנט דעם ליובאַוויטש׳ער רבינ׳ס דעוויז: „לאלתר לגאולה״, אַז מיר לעבן איצט אין אָנהויב פון דער משיח עפּאָכע און אַז מיר מאַכן דורך די לעצטע „חבלי משיח״.

דער באַרימטער ליובאַוויטשער רבי אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן זצ״ל (דער זעקסטער פון דער דאַזיקער דינאַסטיע) וואָס ציט דעם יחוס פון בעל „התניא״ ושולחן ערוך הרב (ר׳ שניאור זלמן מליאדי זצ״ל) האָט גערופן אומאויפהערלעך צו תשובה, ווייל מיר לעבן אין דער משיחישער עפּאָכע און מיר דאַרפן זיך גרייטן מקבל זיין משיח׳ן במהרה בימינו.

אין ארץ ישראל האָבן די בעלי קבלה אויסגעפונען פאַרשיידענע רמזים צו „באַווייזן״ אַז מיר לעבן אין די יאָרן פאַר דער גאולה שלמה און אַז די לעצטע מלחמה, איז די מלחמת גוג ומגוג, וואָס דאַרף קומען פאַר דער גאולה. זיי שטיצן זיך אויף די פּסוקים אין דניאל וועגן „חזון הימים״ און אויף די מאמרים אין זוהר, וועגן די „ימות המשיח״.

רבנים מתנגדים, האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעלאַכט די כל־מיני רמזים און זיך פעסט געהאַלטן ביים עיקר־פּרינציפּ פון „אחכה לו בכל יום שיבא״.

ר׳ יעקב עמדין (1696־1776), אין זיין קאַמף קעגן די מיסטישע לערעס, האָט אויך אַטאַקירט די וואָס פאַרלאָזן זיך אויף רמזים און געקוקט מיט חשד אויף די דורשי רשומות, פּאַראויסזאָגער פון משיח־צייט, לויט אַ טייטש פון אַ פּסוק. ווי זיין פאָטער ר׳ צבי אשכנזי (מחבר פון „חכם צבי״), האָט ער שטאַרק זיך געהיטן פאַר דער כ ת , ווי ער רופט די נאָכפאָלגער פון שבתי צבי שר״י און זיך שטאַרק סומך געווען אויף ר׳ שמואל בר נחמני וואָס האָט פּשוט געשאָלטן די „מחשבי קצין״, אַז דאָס ברענגט חלילה כפירה . . . ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף תמיד, אומאויפהערלעך, האָפן אויף משיח׳ס קומען, יעדן טאָג, יעדער שעה . . .

פון די פאַרשיידענע באַדינגונגען פאַר משיח׳ס קומען איז דאָ אַ דעה וואָס זאָגט „אין בן דוד בא עד . . . ״ משיח וועט ניט קומען, ביז יידן וועלן אַזוי ליידן און זיין אַזוי דערנידעריקט, אַז זיי וועלן שוין אויפגעבן די האָפנונג דערלייזט צו ווערן, ערשט דעמאָלט וועט זיך פּלוצלונג באַווייזן משיח און זיי אויסלייזן.

ר׳ זירא האָט געטראָפן רבנן וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין משיח׳ס קומען, האָט ער זיי געזאָגט: כ׳בעט אייך, דערווייטערט אים ניט, מיט פאַר־אויסזאָגונגען וועגן זיין קומען, מיר האָבן געלערנט אַז דריי זאַכן קומען מיט היסח הדעת (אומגעריכט). איינס פון זיי, איז משיח . . . 8

דער רמב"ם אין זיין „אגרת תימן" זאָגט, אַז פאַר משיח'ס אָנקומען וועט אומגעקערט ווערן צו יידן דער נבואה־גייסט (אין ספק שחזרת הנבואה היא הקדמת משיח), ווען מ'וועט זען אַז נבואה ווערט נתגלה און יידן דערהויבן זיך צו אַ העכערער מעלה, דאַן וועלן מיר זיכער זיין, אַז משיח'ס טעג דערנענטערן זיך[9].

וואָס שייך „דוחק זיין דעם קץ", צווינגען אים קומען, האָבן די בעלי התלמוד געזען אַז דאָס ברענגט מיט זיך געפאַרן. רבי אוניא האָט דערציילט, אַז פיר האָבן געוואָלט צואיילן דאָס קומען פון משיח'ן און זיי זענען געשטרויכלט געוואָרן[10].

ר' יוסי ב"ר חנינאָ און ר' לוי דריקן זיך אויס אַז יידן האָבן געשוואוירן אויף דריי זאַכן: שלא יעלו בחומה . . . שלא יגלו את הקץ, שלא ידחקו את הקץ ושלא יגלו את הסוד לאומות העולם[11].

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז פונקט יאָר שפּעטער, בדורו של שמד, ווען דער געפאַר פון פאַרצווייפלונג האָט אַרומגעכאַפּט דעם שארית פונם יידנטום אין ארץ ישראל, האָבן די תנאים, ר' יוסי בן חלפתאָ און ר' שמעון בן יוחי, דווקאָ יאָ דוחק געווען דעם קץ[12].

ס'זענען אויך געווען אַנדערע צווישן די תנאים און אמוראים, וועלכע האָבן יאָ געהאַלטן אין איין רעכענען און חשבונען דעם „קץ", ווי ר' שמלאי[13], ר' אחאָ[14], ר' חנינאָ דער זון פון ר' אבהו[15] און ר' אליעזר ב"ר אבינאָ[16]. דער לעצטער גיט אויך אַ סימן: „אם ראית מלכיות מתגרות אלו באלו, צפה לרגלו של משיח[17].

די מערסטע תנאים און אמוראים, האָבן זיך אָבער ארויסגעזאָגט, קעגן די „מחשבים פונם קץ", ווייל ס'טראָגט מיט זיך גרויסע געפאַרן[18]. זיי זענען אויך געווען איבערצייגט, אַז משיח'ס קומען וועט זיין פּלוצלונג, דורך אַ נס[19].

ג. משיח מאָטיוון. — די שטרעבונג צו באַנייאונג און דערלייזונג. — גאולה־טרוימען אין דער אגדה און אינעם קינסטלערישן שאַפן.

דער משיח־מאָטיוו איז צווישן די הויפּט־מאָטיוון אין אונזער קינסטלעריש שאַפן. דער מאָלער אין זיין בילד, דער פּאָעט אין זיין ליד, דער בעלעטריסט אין זיין דערציילונג און דער עסייאיסט אין זיין עסיי — אַלע באַמיען זיך ארויסצוברענגען די משיחישע בענקשאַפט און די גאולה טרוימען פון אונזער פאָלק. יעדער, לויט זיין טאַלאַנט און פּאָעטישן געפיל; יעדער, לויט זיין סטיל און שאַפונגס־כח, באַמיט זיך צו אַנטפּלעקן אָט די „געגועים" און פאַרהוילענע ליכט־פונקען אין דער טרויעריק־יידישער נשמה.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס גראָד אין די ערגסטע טעג אין אונזער געשיכטע האָבן אונזערע קינסטלער און מאָלער

זיך גענומען זוכן אַ טרייסט; געוואַלט אַריינברענגען אַביסל מוטיקייט און אויפלעבונג אינם שאָטן פון טרויער וואָס האָט באַדעקט אונזער פאָלק. די יידישע נשמה איז געווען אַזוי אַנגעווייטאָגט, פאַרביטערט, מעלאַנכאָליש און עס איז געווען אַ געפאַר פון יאוש, פון רעזיגנאַציע און פּאַסיווקייט — האָבן זיי געוואָלט שטאַרקן אונזער פאָלק, ווייזן אין דער נאַכט־פינסטערניש דעם אָנקומענדיקן פרימאָרגן, זאָלן יידן אויפן וואַנדער־וועג דערזען ליכט, מאָרגן־ליכטיקייט . . . אינם גרויסן צער, דערזען חבלי־לידה, חבלי־גאולה, און פילן, אַז דאָס זענען יסורים פון באַנייאונג און אויפלעבונג.

האָפנונג און שטרעבונג איז אַ גרויסע זאַך אין דער עקזיסטענץ פון אַ יחיד און אוודאי אין דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק. אונזערע עיקר־תפלות זענען באַזירט אויף האָפנונג: ווען מען נעמט דעם מענטש פאַרן בית־דין־של מעלה, דערציילט אונז די אגדה, פרעגט מען אים „צפית לישועה”, האָסטו געהאָפט אויף דער הילף פון גאָט . . . דער נביא זאָגט אונז וועגן דער פאַר־משיחישער עפּאָכע „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע שלום, מבשר טוב” . . .[1] דאָס יידישע פאָלק איז קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלן אין קיין יאוש, תמיד געלעבט מיט האָפנונג און בטחון.

ר' נחמן בראַסלאַווער (1772-1811) אין זיין ספר „לקוטי עצות”, שרייבט אַז אין „אחרית הימים”, פאַר דער משיחישער עפּאָכע, וועלן אַ סך יידן געשטרויכלט ווערן אין דער אמונה וואָס וועט דאַן געשטעלט ווערן אין אַ נסיון וואָס ניט יעדער וועט קענען ביישטיין. אָבער די קלוגע וועלן אויסהאַלטן די פּראָבע און דערלעבן די גאולה[2].

דער משיחישער געדאַנק האָט תמיד געשטאַרקט די אַלע וואַנדערער וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַ מנוחה'דיק לעבן און געטרוימט פון אַ נאַציאָנאַלער היים אויף די בערג פון גליל און יהודה, ביי דעם ברעג פון ירדן און אינם עמק יזרעאל. דער משיח־אידעאַל האָט געקרעפטיקט זייער גלויבן אין בנין הארץ און פאַרטריבן פון זיי די פינסטערע, שווערע און טרויעריקע מחשבות.

ביים באַאַרבעטן די משיח־מאָטיוון, דאַרפן אָבער אונזערע קינסטלער זיין ביז גאָר פאָרזיכטיק, ניט צו שאַפן קיין פאַלשן משיח און אים אַריינוועבן אין יידישער בענקשאַפט. האָבן מיר דאָך שוין געהאַט גענוג פאַלשע משיחים, וועלכע האָבן אויסגענוצט היסטאָרישע סיטואַציעס און געווירקט אין גלות, אין אונזער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט און פאַרענדיקט מיט אַנטוישונג און צעפאַלנקייט.

דער גאָר לעצטער פאַלשער משיח, שבתי צבי (1626-1676), האָט געשאַפן די גרעסטע משיחישע מאַסן־באַוועגונג ביי יידן און ווי אַזוי ער האָט פאַרענדיקט איז דאָך אונז גוט באַקאַנט. זיין סוף איז געווען אַזוי טראַגיש, אַזוי שווינדעלדיק אַז ביז'ן היינטיקן טאָג, פילט מען נאָך אין דער יידישער געשיכטע די נאָכווייען פון דעם פאַררעטערישן משיח.

אין שבתי צבי׳ן, אַלס משיח, האָבן געגלויבט די יידישע מאַסן פון טערקיי, איטאַליע, פּוילן, אוקראַינע, דייטשלאַנד און האָלאַנד. און ניט בלויז דער המון, די מאַסן, האָבן אין אים געגלויבט, אויך גרויסע געלערנטע, גדולי ישראל און מנהיגי ישראל האָבן געמיינט אַז ער איז אַ משיח־אמת. אַרום אים האָבן זיך געוועבט פאַרשיידענע לעגענדעס, ספּעציעל די לעגענדע וועגן זיין געבורט, וואָס דער גורל האָט דווקא געוואָלט, ס׳זאָל זיין אין תשעה באָב, אינם טאָג פון חורבן, וואָס איז, לויט דער אגדה, אויך דער טאָג פון געבורט פונם משיח־אויסלייזער, „ביום שנחרב בית המקדש נולד המשיח״.

יידן האָבן געהאָפט אין יענער צייט אויף משיח׳ס אָנקומען. מיטמאַכנדיק די גזרות ת״ח און ת״ט, ליידנדיק אַזויפיל דערנידערונגען און פּיין, האָבן זיי געמיינט, אַז עס איז געקומען משיח׳ס צייטן, אַז עס האַלט ביים פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל גלות־ליידן . . .

דער פאַלשער משיח האָט ביי די ליידנדיקע מאַסן אָנגעצונדן דאָס פייער פון בענקשאַפט צו גאולה. דער כוס פון יסורים איז געווען איבערפולט און ווען אַ מאַן, מיט פאַנטאַזיע, האָט אויסגעשריען אַז דער דערלייזער איז געקומען און געלאָזט זיך קרוינען אַלס משיח, האָבן יידן געגלויבט אין אים. געמיינט, אַז ער איז טאַקע דער אויסדערוויילטער, גאָט׳ס געבענטשטער מאַן, דער משיח! . . . אָבער ווי אַנטוישט איז די יידישע וועלט געוואָרן (און ניט ווייניקער אַ סך פון דער קריסטלעכער וועלט, וועלכע האָבן געגלויבט אַז ער איז דער אויסלייזער פון די יידן, פּונקט ווי דער נוצרי איז זייער אויסלייזער), ווען ער האָט זיך אָפּ׳געשמד׳ט און איבערגעגאַנגען צום מאַכמעדאַנישן גלויבן[3].

אין אונזער גלות געשיכטע האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע משיחים וועלכע האָבן געוואָלט ברענגען די פּערמאַנענטע גאולה, אַזוי די שלמה מולכוס, אַזוי די דוד ראובנים און אַנדערע. מיר לעבן איצט, נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, אין אַ תקופה פון אתחלתא דגאולה. פאַר דער פולקאָמענער גאולה וואַרטן מיר נאָך. אמתער משיח זיצט נאָך אַלץ ביי די טויערן פון רוים און וואַרט אויפן באַפעל אויסצולייזן פולשטענדיק דאָס פאָלק ישראל און צו שאַפן זיין משיחישע מלוכה אין ציון. דער יידישער מענטש מוז זיך נאָך אַלץ באַגנוגענען מיט דער אמונה אין משיח׳ס שנעלן קומען וואָס איז איינער פון די דרייצן עיקרים, און האָפן אויף דעם „אחרית הימים״ — די וויזיע פון משיח־עפּאָכע. „ואף־על־פי שיתמהמה, אחכה לו בכל יום שיבא״. דער דאָזיקער גלויבן האָט דערהויבן דעם ייד פון זיין שפּל׳דיקן געפיל; האָט געראַטעוועט דעם ייד פון יאוש, פון פאַרלוירנקייט, אַזוי, אַז דאָס הייליקע יידישע פייער, זאָל קיין ווינט אין דער וועלט ניט קענען רירן „ועשן המערכה אפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו[4].

„די שטרעבונג צו אַ משיח־אויסלייזער איז אַן אַלגעמיינע, וואָס קוועלט

ארוים פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיטן „צלם דמות אלקים" און האָפט אויף אַ געטלעכע אָרדנונג. אַן אָרדנונג וועלכע וועט מתקן זיין אַלע פאַרדאָבענקייטן און אומרעכטן אינם לעבן. דאָס איז אַן אינערלעכער געפיל וואָס באַגלייט דעם מענטשלעכן לעבן".[15]

משיחיזם איז דער אוניווערסאַלער אידעאַל פון דער ליידנדער מענטשהייט, פון דער זוכענדער מענטשהייט, פון דעם טייל מענטשהייט וואָס זוכט זיך צו באַפרייען פון פאַרשיידענע ליידן און פּיין, פון פאַרשיידענע אונטערדריקונגען און פרייהייט־באַגרעניצונגען.

ש. ז. שרגאי שטעלט זיך אָפּ אין איינעם פון זיינע לעצטע ווערק[5א], וועגן ענין „חבלי משיח", פאַרוואָס ס'מוז קומען צרות פאַר משיח'ס קומען — און ער דערקלערט עס, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיין אַנטפּלעקן זיך איז מחייב אַן ענדערונג אינעם עקזיסטירנדיקן מצב, און דאָס איז נאָר מעגלעך, דורך ליידן, דורך מסירת נפש, דורך קרבנות.

ניט ביי אַלע פעלקער, און ניט אין אַלע עפּאָכעס, איז אָבער דער משיח אידעאַל, אַלס אינטעגראַלער טייל פון מענטשלעכער שטרעבונג, אויפן זעלבן אופן אויסגעטייטשט און טראַנספאָרמירט געוואָרן. די משיחיסטישע אידייען, קאָן מען זאָגן זענען רעלאַטיוו ביז גאָר און האָבן ניט קיין באַשטימטן אָנגענומענעם גלייכן פאָרם ביי יעדן פאָלק. דאָס איז דערפאַר ווייל אויך די נויטן פון יעדן פאָלק זענען ניט גלייך. ניט יעדנס „וויי" איז גלייך. ניט יעדנס שטרעבונג איז גלייך.

אין דער גריכישער פילאָזאָפיע, אין וועלכער פאַטאַליזם שפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע, איז מאַטעריעלער צופרידנקייט און וואוילזיין, געווען דער הויפּט ציל אין לעבן. אָנהייבנדיק פון טאַלעס דעם בירגער פון מילעט (גרינדער פון דער ערשטער פילאָזאָפישער שול אין גריכענלאַנד וועלכע האָט געגלויבט אין פיל־געטעריי) הערעקליט דער גרויסער אַסטראָנאָם פון דער זעלביקער שטאָט ביז צו די שפּעטערע אַטענער ווי עמפּעדאָקלעס, סאָקראַטעס, פּלאַטאָ, אַריסטאָטעל און אַנדערע— האָבן אַלע געזוכט מאַטעריעלער באַפרידיקונג פאַר דעם מענטש, וואָס איז אַגב, לויט זייער אַלעמענס מיינונג, דער לעצטער אין דער וועלטס יצירה.

אין דער העלעניסטישער עפּאָכע, וואָס איז די גאָלדענע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון גריכענלאַנד, זעען מיר ווי זייער גאַנצער שטרעבונג איז די אינדיווידועלע, חומריותדיקע באַפרידיקונג. דער מענטש זאָל זיין דער באַהערשער פון דער יצירה און זיך קענען נאָכגעבן אַלע פאַרגעניגנס, אומגעשטערט פון וועלכע ס'איז אויסערלעכע אָדער אינערלעכע שטערונגען.

נאָכדעם איז געקומען די עפּאָכע פון קריסטלעכן משיח, וועמעס עצם געדאַנק איז דער יידישער, יעדנפאַלס גענומען פון יידישן גלויבן אָבער געענדערט,

אָננעמענדיק אַ גלויבן פון אַ „טרינִיטי", אַז משיח איז לכל הפחות האַלב־גאָט... ביי יידן איז ניטאָ קיין פאַרקערפּערונג פון דער געטלעכקייט. דער גרעסטער מענטש, בלייבט אַלץ מענטש.

דער משיח זייערער, האָט זיי געגעבן גלויבן. דערהויבן די פעלקערם מאָראַל און עטיק — אָבער ניט געבראַכט די פולשטענדיקע אויסלייזונג, טאַקע דערפאַר, ווייל ביי די פעלקער אַליין הערשט נאָך ניט משיחיסטישע וויזיע און שטרעבונג. די בעסערע, וועלכע פּאַסן ריכטיק אויף זייער גלויבן, האָפן נאָך אַלץ, אויף משיחס צייטן...

דער משיח אידעאַל ביי יידן איז ניט קיין קערפּערלעך־אינדיווידועלע באַפרידיקונג. אפילו אין די ערגסטע עפּאָכעס, איז דער פאַרלאַנג און די האָפנונג פאַר משיח ביי יידן, קיינמאָל ניט געווען, דער אויסדרוק פון זעלבסט־באַפרידיקונג און אייגענעם גענוס. שטענדיק, און אין אַלע צייטן, האָט עס באַדייט אַ גייסטיק־עטישע געזעלשאַפטלעכע, אוניווערסאַלע גאולה; אַ משיח וועלכער וועט באַפרייען דעם מענטש פון זיינע קערפּערלעכע פאַרלאַנגען און גייסטיק אים דער־הויבן; משיח אידעאַל באַדייט די שטרעבונג צו וויסן און דערקענטעניש, („ומלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים"), געטלעכער דערקענטעניש, אהבת ד' און אהבת האָדם; ליבשאַפט זאָל געבן דעם עקזיסטענץ־כח דער וועלט.

אין משיחישער וויזיע — אַ וועלט פון לויטערער „ממלכת כהנים", אַ רעגירונג, וואָס זאָל געפירט ווערן לויט פּרינציפּן און זיין באַהויכט פון הייליקע אידעאַלן וועלכע באַלויכטן דעם גייסטיקן פּרצוף פון דער מענטשהייט. — די פאַרפאָלקאָמענהייט פון אַ קעניגרייך וואָס וועט זיך אָפּגעבן מיט הויכע אידעאַלן וועלכע גיבן דעם לעבן אַ זין, אַן אינהאַלט.

די תקופה פון משיחיזם, לויט תורה, נביאים, תלמוד און יידישע דענקער, וועט זיין די גאָלדענע עפּאָכע פאַר ישראל און וועלט, פאַר ייד און מענטש, פאַר'ן יחיד ווי פאַר'ן כלל, פאַר'ן אינדיווידועלן מענטש, ווי פאַר דער געזעלשאַפט... עס וועט זיין די אמת'ע גאולה פאַר פעלקער ווי פאַר יחידים־מענטשן! און בעיקר פאַר'ן פאָלק ישראל, וואָס ליידט זיך אַזויפיל אָן און האָפט אַזוי שטאַרק אויף משיח'ס אָנקומען:

„הודיענו ד' אלקינו על־פי נביאים שיגאלנו, קהל בני ישראל, מן העוני אשר אנחנו בו, ויקבץ נפוצותינו, ויביאנו אל עיר קדשינו, וישכיננו שם, ונהיה סגולתו ונחלתו..."[6].

„המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה, לממשלה הראשונה, ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל, וחוזרין כל המשפטים בימיו כשהיו מקדם; מקריבין קרבנות, ועושין שמיטין ויובלות ככל מצותה האמורה בתורה... שנאמר ושב ד' אלקיך את שבותך... ואלו הדברים המפורשים בתורה הם כוללים כל הדברים שנאמרו ע"י כל הנביאים. אף בפרשת בלעם נאמר, ושם

ניבא בשני המשיחים: במשיח הראשון שהוא דוד, שהושיע את ישראל מיד צריהם, ובמשיח האחרון שעומד מבניו שמושיע את ישראל באחרונה, ושם הוא אומר (במדבר כ"ד) אראנו ולא עתה זה דוד; אשורנו ולא קרוב זה מלך המשיח" . . . .[7]

די צוקונפטיקע גליקלעכע, אידעאַלע געזעלשאַפט, דער גאָלדענער עתיד, וועט זיין אזעלכער, אַז עס וועט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן די הערשאַפט פון יצר הרע[8]. דער רמב"ם, זאָגט וועגן דער גליקלעכער משיח־וועלט:

„לא נתאוו החכמים והנביאים לימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם, ולא כדי שירדו בעכו"ם, אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה, ולא יהיה להם נוגש ומבטל, כדי שיזכו לחיי העולם הבא . . . ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ד' בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת קוראים כפי כח האדם שנאמר כי מלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים" . . . .[9]

דער רמב"ם פּסק'ענט להלכה ווי שמואל (ווערט גערופן שמואל ירחינאה — דער אַסטראָנאָם[10]), וואָס דריקט זיך אויס אַז עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן דער איצטיקער וועלט און די טעג פון משיח ווי נאָר די אונטערטעניקייט צו די מלוכות[11]. ער זעט דעריבער אַן אַנאַלאָגיע און אידענטיפיצירונג פון מלכות משיח, צו מלכות בית דוד, די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון פאָלק ישראל. ער איז אָבער מצרף די אַנדערע „יעודי הנביאים", וועגן די „קומענדיקע טעג", און זעט זייער רעאַליזירונג אין דער משיחישער רעגירונג. אַזוי אַרום ווערט דער משיח אידעאַל אַן אוניווערסאַלער אידעאַל פון און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אונזערע נביאים האָבן דאָך באַקלאָגט, ווי מיר האָבן שוין באַטאָנט אין די פריערדיקע פּרקים יעדן פעלקס ליידן. ישעיה הנביא זאָגט: „לבי למואב יזעק"[12]. „על־כן אבכה בבכי יעזר"[13]. ירמיה הנביא זאָגט: „מבכי יעזר אבכה לך"[14]. און אַזוי די אַנדערע נביאים האָבן באַוויינט דעם גורל פון די זינדיקע פעלקער, וועמעס פירער האָבן זיי פאַרפירט צום תהום פון זינד. ניטאָ ביי אונז ענגער נאַציאָנאַליזם. אַלץ איז אין איינקלאַנג מיט'ן הויכן אידעאַל פון אַ פאַר־אייניקטער שלום'דיקער מענטשהייט. דאָס איז פונדאַמענטאַל!

דאָס ברייטהאַרציקייט פון שלמה המלך ביים אויפשטעלן דאָס בית המקדש, איז דאָך פשוט צו באַוואונדערן: „וגם אל הנכרי אשר לא מעמך ישראל הוא, ובא מארץ רחוקה — אתה תשמע השמים . . . ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי . . .[15]. דאָס בית המקדש וואָס איז מיט אַזוי פיל מי געבויט געוואָרן, דאָס הייליקסטע ביי יידן, דער רעליגיעזער צענטער, איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. אַלע האָבן דאָרט געקענט קומען בעטן צו גאָט און מקריב זיין קרבנות.

ישעיה הנביא'ס וויזיע איז דער אַלוועלטלעכער וואוילשטאַנד, צופרידנקייט און שלום — „והיה באחרית הימים . . . וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם

למזמרות, לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה". דאָס איז, אין נעגאַטיוון זין. די פּאָזיטיווע זייט פון מלך המשיח וועט זיין דאָס, וואָס „ושפט בצדק דלים והוכיח במישור לענוי ארץ והכה ארץ בשבט פיו וברוח שפתיו ימית רשע. והיה צדק אזור מתניו . . . [16].

פאַראַן נאָך אַ סך אויסדרוקן אין די ספרי הנביאים וועגן דער אוניווערסאַלער גאולה ווי „כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים" [17] „ושבתי את שבות מואב" „אשיב את שבות עילם" [18] און דער נביא צפניה זעט די צייט ווען אַלע פעלקער וועלן רעדן איין שפּראַך „כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה" [19].

די האָפנונג אויף משיח'ן, דער גלויבן אין דער אוניווערסאַלער גאולה, אין מענטשלעכער דערהויבונג, האָט געגעבן כח דעם יידנטום אויסצוהאַלטן און איבערצולעבן אַלע צרות און פּיינען. דאָס האָט געשטאַרקט צעבראָכענע הערצער, זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין יאוש, „קרוב ד' לנשברי לב", זיי זאָלן קענען לעבן מיטן גלויבן אינם וויזיאָנישן משיח וואָס איז געוואָרן היסטאָריש, אַ משיח וועלכער קומט פון גאָט מיטן „חותם אלקי", אויסלייזן די, וועלכע זענען באַשאַפן געוואָרן מיט'ן „צלם און דמות אלקים", אַ משיח וואָס קומט אויסלייזן דעם מענטש פון די אייזערנע קייטן וואָס דריקן אים און פאַרוויסטאָגן זיין לעבן.

די יידישע פילאָזאָפיע וועגן יצירה איז דאָך די פון „בראשית ברא", אַז „ויברא את האדם בצלמו", אַז איין איינציקער מענטש איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן, און פון אים שטאַמט אָפּ די גאַנצע מענטשהייט, אַלע פעלקער, אַלע קאָלירן, אַלע ראַסן.

דער תמצית פון אונזער גלויבן און דער ציל פון אונזער שטרעבונג איז, אַז דער „אָדם הקדמון" זאָל צוריק ווערן פאַראייניקט און זאָל באַהערשן דעם „גן עדן", וואָס געפינט זיך אין דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן. דאָס איז די מיסטעריע פון יצירה, וואָס מענטשלעכער געדאַנק, קען ניט באַגרייפן און איבער וועלכער עס שוועבט משיח אידעאַל, זינט מענטש איז געוואָרן באַוואוסטזיניק צו הכרת אלקית . . .

ד. די צוויי אופנים פון משיח'ס קומען. — „קץ" און תשובה. — פלוצלונג און אין צייט.

לויט אונזער „אני מאמין" זענען דאָ צוויי אופנים וועגן משיח'ס קומען און דערלייזונג: 1) „זמן התשובה", דאָס הייסט, אַז משיח'ס קומען איז אָפּהענגיק אין אונזער תשובה טאָן וואָס וואָלט צוגעאיילט די גאולה און 2) „זמן הקץ" דער סוף פון אונזערעליידן, די ענד, פון משיח'ס אָפּהאַלט. אין זיין דערמאָנטן ספר „האמונות והדעת" שרייבט רבנו סעדיה גאון וועגן די דאָזיקע צוויי צייטן (זמנים) און פירט אויס „אם נשוב קודם הזמן יגאלנו קודם, ואם לאו מוכרחין אנו לעמוד בגלות עד זמן הקץ, ואז יבריח אותנו עד שנשוב אליו. ואמרו

רבותינו ז"ל[1]. אם ישראל עושין תשובה נגאלין ואם לאו הקב"ה מעמיד מלך קשה יכי׳ וישראל עושין תשובה ונגאלין. ואמרו: „אני ד׳ בעתה אחישנה[2], — זכו אחישנה; לא זכו בעתה"[3].

אין זיין ספר „ברכת ישועה"[4], שרייבט דער באַוואוסטער ראַכאָווער רב ר׳ חיים ישעיה הכהן ז"ל, אַז דער חילוק צווישן דעם „זכו־אחישנה" און „לא זכו־בעתה" באַשטייט אויך אין דעם וואָס אין ערשטן פאַל, אויב מ׳וועט זוכה זיין, וועט די גאולה זיין וואונדערלעך, וועט קומען אויף אַ הערלעכן אופן, מיט גרויס כבוד, פּראַכט און גלאַנץ; אויב אָבער מ׳וועט וואַרטן ביז׳ן „קץ", ביז „בעתה", דאַן וועט עס זיין „עני ורוכב על חמור" . . . דעריבער האָבן אַלע אונזערע חכמים און נביאים געהאָפּט אויף דער גאולה וואָס זאָל קומען דורך תשובה, ספּעציעל משה רבנו, דער גרויסער אוהב ישראל, וועלכער האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון ערשטן גלות, פון גלות מצרים, האָט זיך געבעטן ושבת עד ד׳ אלקיך; אַזוי אויך אַלע אַנדערע נביאים האָבן געוואָלט משיח׳ס קומען דורך „תשובה מאהבה", דורך „אחישנה". בלעם איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געוואָלט דעם „בעתה"־אָנקום פון משיח, דעריבער האָט ער געזאָגט „אשורנו ולא קרוב" . . . ער האָט אָנערקענט משיח׳ס קומען, אָבער געוואָלט לכל־הפּחות אים דערווייטערן און צוריקהאַלטן ביז׳ן „קץ"!

יידן גלויבן אָבער, ווי עס ווערט געזאָגט אין תלמוד, אַז די גאולה קאָן קומען יעדן טאָג, יעדער שעה חוץ שבת און יום־טוב[5]. משיח מיט אליהו הנביא דעם מבשר, האָבן דאָך געענטפערט צו ר׳ יהושע בן לוי, אויף זיין פראַגע ווען וועט משיח קומען?: — „היום־אם בקולי תשמעו", יעדן טאָג קאָן ער זיך באַווייזן אויב יידן טוען תשובה.

אין „תנא דבי אליהו רבא"[6], ווערט געזאָגט: „מעיד אני עלי שמים וארץ שהקדוש ברוך היא יושב ומצפה להן לישראל יותר ממה שמצפה האב לבנו והאשה לבעלה שיעשו תשובה, כדי שיגאל אותם ויבנה להם בית המקדש שלא יחרב לעולם". דער רמב"ם[7] זאָגט צווישן אַנדערעס: „וכבר הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה, בסוף גלותן, ומיד הן נגאלין, שנאמר והי׳ כי ובאו עליך כל הדברים וכו׳ ושבת עד ד׳ אלקיך וגו׳ ושב ד׳ אלקיך את שבותך וגו׳. אויך אין זהר הקדוש רעדט זיך אַ סך וועגן תשובה ביי יידן, פאַר דער גאולה, וואָס וועט העלפן דערנענטערן און פאַרשנעלערן די גאולה.

דער „קץ" פון „בעתה" איז באַשטימט פון גאָט אַליין, און די צייט מוז קומען אפילו, ווען ס׳איז חלילה ניטאָ קיין „התעוררות" פון אונטן. די צייט ווערט פאַראויסגעזען פון בלעם, הושע און דניאל, די צייט מוז קומען! . . .

ס׳איז פאַראַן נאָך אַ צייט פאַר משיח׳ס אָנקום, דאָס איז די צייט פון „פקודות", די צייט ווען יידן ווערן דערמאָנט אין הימל אויסגעלייזט צו ווערן, ווי די פּקידה פון „פקוד פקדתי אתכם". אין אַזאַ צייט איז גענוג, יידן זאָלן

אביסל תשובה טאָן און די גאולה וואָלט געקומען, ס'זאָל זיין אַ וואָסערער ס'איז „התעוררות מלמטה", לויטן באַגריף פון „פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם".

דער ענין תשובה אלס פאַרבאַדינג צו דער גאולה, מיינט פשוט, צוגרייטן דעם יידישן מענטש צו אַ משיחישער עפּאָכע. די תשובה איז אַ גאָר לייכטע, אַ פשוטע, ניט פאַרבינדן מיט קיין „סגופים", פייניקונגען אָדער תעניתים. דער וועג וואָס פירט צום משיחישן ציל, איז דער תורה־וועג, דער תורה אידעאַליזם וואָס באַווירקט די מענטשלעכע נשמה, וואָס הייליקט דאָס מענטשלעכע לעבן און וואָס פירט צו דער אידעאַלער תקופה, צו דעם באַשטימטן עתיד און משיחישער עפּאָכע.

דאָס תורה לעבן פאָדערט קדושה אין טעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן: ביי דער אַרבעט, אין געשעפט, ביים עסן און טרינקען און ביי אַלע איבערלעבענישן אין באַצוג צום באַשאַפער, צו זיך, צום מיטמענטש און צו דער געזעלשאַפט. אַזאַ תשובה פאָדערט גאָר קליינע קרבנות, וועלכע קענען זיך לייכט אריינפּאַסן אין די גרעניצן פון וואָכעדיקן מאַטעריעלן לעבן — און אָט די קרבנות, הייליקן און רייניקן דאָס מענטשלעכע הארץ, די מענטשלעכע נשמה און מוח; זיי גרייטן אים צום אייביקן ציל פון אַ העכער געטלעך לעבן אויף דער ערד — צו פאַר־וואַנדלען דעם מענטש אין אַ מלאך וואָס הייליקט דאָס ערדישע לעבן — „ותחסרהו מעט מאלקים וכבוד והדר תעטרהו . . . " צו דערהויבן דעם מענטש, צו דער העכסטער שטופע פון גייסטיקער אַנטוויקלונג, עס זאָל זיך בולט ארויסווייזן פון אים דער „צלם אלקים".

די תורה, און אירע מצוות זענען דאָך ניט געגעבן געוואָרן צו מאַכן שווער דאָס לעבן, צו פאַרביטערן דאָס לעבן; אדרבה, די תורה זאָגט אונז וועגן קיום המצוות „וחי בהם ולא שימות בהם". די מצוות לעבן אויף דעם מענטש צו געזעלשאַפט און גרייטן אים צו אַ העכער עטיש, מאָראַליש און פרינציפּיעל לעבן. די תורה שאַפט ביים מענטש די העכערע באַפרייאונג. זי באַפרייט אים פון אַלע ערדישע שקלאַפערייען און פאַרוואַנדלט אים אין אַן „אדם עילאה", אין אַ „בן חורין", ווי דער דרש לויטעט אויפן פסוק חרות על הלוחות — אל תקרא חרות אלא חירות, שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה[8].

אין אָנהויב קומט עס אָן שווערלעך אָט די דערהויבונג פונם ערדישן לעבן צו אַ תורה לעבן. דער אָנהויב דאַרף זיין „מעט בתענוג, פת במלח, ומים במשורה ועל הארץ תישן", מ'דאַרף זיין אַ מקבל יסורין לויט דעם באַגריף פון „אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה — שנאמר וזאת התורה אדם כי ימות באהל"[9]. אָבער נאָכדעם קומט עס אָן זייער לייכט דאָס איבערגיין צו דער העכערער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. דער מענטש איז געהייליקט, די נשמה איז געהייליקט, דער מוח איז גערייניקט, דער קערפּער איז געלייטערט: „וכל הנזהר

בדברים אלו מביא קדושה וטהרה יתירה לנפשו וממרק נפשו לשם הקב"ה[10].

דער מענטש איז באשאפן געוואָרן צו תורה און מעשים טובים. ווען א מענטש לערנט תורה, רוט די הייליקייט אויף אים: „שנים שיושבים ויש ביניהם דברי תורה שכינה שרויה ביניהם"[11]. דער טיש ביי וועלכן מ'זאָגט דברי תורה, איז דער טיש וואָס שטייט פאר גאָט[12].

די תורה קען קיין פלאץ ניט געפינען ביי א מענטש וואָס זוכט קערפערלעכע באפרידיקונג און וועט אויף זיי קיינמאָל ניט מוותר זיין, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש תנחומא: לא תמצא תורה . . . אצל מי שמבקש תאוה, כבוד וגדולה . . . " די תורה פאָדערט פון יעדן מענטש קדושה, הייליקייט פון נשמה, מוח און גוף ווי עס ווערט געזאָגט אין תלמוד[13] אז, דער „והתקדשתם" איז א מצות עשה. ר' צדוק הכהן פון לובלין (תקפ"ג—תרס"א) זאָגט צווישן אנדערן, אז אלע מצוות ברענגען אריין קדושה אינם יידישן הארץ און דער תכלית פון דער בריאה איז געווען די הייליקונג פונם מענטש „להתדמות אליו יתברך, שהוא קדוש ומשרתיו קדושים, ונאמר קדושים תהיו כי קדוש אני . . . ועיקר הקדושה, מה שאדם מקדש עצמו מלמטה הוא ע"י שפורש מתאותיו המותרות"[14].

דאָס מיינט אָבער ניט, אז דער מענטש דאַרף זיך אָפּזונדערן אין אן אסקעטיש לעבן.

ר' חיים משה לוצאטו (תס"ז-תק"ז) אין זיין בארימטן ספר „מסילת ישרים"[15], שרייבט: „הפרישות הרע הוא כדרך הסכלים אשר לא די שאינם לוקחים מן העולם שאין להם הכרח בי' אלא שכבר ימנעו מעצמם גם את המוכרח . . . "

„גאָט וויל ניט מענטשן זאָלן זיך פייניקן אין יסורים. די חכמים זאָגן: אָסור לאדם שיסגף עצמו[16]. וועגן צדקה האָבן די חכמים געזאָגט: ווער עס נויטיקט זיך אין שטיצע און נעמט ניט, הייסט ער א „שופך דמים"[17]. אין דער גמרא תענית ווערט אויך געדרש'ענט אויפן פסוק „לנפש חיה" — די נשמה וואָס כ'האָב דיר, מענטש, געגעבן, זע איר אויפצוהאלטן. און נאָך מער, ווער עס פייניקט זיך, איז א זינדיקער „כל היושב בתענית נקרא חוטא".

אין חסידות, ווערט ניט איינמאָל קריטיקירט די „סגופים" פון מענטשן, (ניט געקוקט דערויף וואָס א סך רביים, האָבן זיך מסגף געווען, געפראַוועט „גלגול שלג" און נאָך אזעלכע „פארגעניגענס"). באקאנט איז, אז דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, האָט אמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים „ווער ס'זאָגט דריי מאָל גאנץ תהלים אין איין טאָג, איז גערעכנט פאר אים ווי ער וואָלט געפאסט א תענית פון שבת צו שבת"[18].

ס'ווערט דערציילט, אז דער בארימטער גאון און צדיק ר' מרדכי בנעט (התקי"ג-התקפ"ט) א תלמיד פון רבי'ן ר' בער, (מעזריטשער מגיד) האָט זיך מסגף געווען מיט תעניתים און זיך געפייניקט מיט אנדערע עינויים. זיצנדיק

אַמאָל אין רבינ׳ס בית המדרש, פאַרטיפט אין לערנען, ניט וויסנדיק אפילו, אַז ער פאַסט דעם טאָג, אַז ער איז אַ „יושב בתענית", קומט אַריין דער רבי ר׳ זושא (וועמען ער האָט נאָך ניט געקענט) און לויפט צו אים צו, מיט די ווערטער: „יונגערמאַן! טו תשובה!".

ר׳ מרדכי בנעט, האָט זיך שטאַרק צעוויינט און אויפגעציטערט פון די ווערטער. ער איז תיכף אַרויף צום מגיד בעטן פון אים אַ תשובה. דער מגיד האָט באַלד פאַרשטאַנען, ווער דער מענטש איז געווען און אים געזאָגט, אַז דאָס איז געווען, דער רבי ר׳ זושאַ, און אַז דעם חטא וואָס ער האָט אין אים דערזען, איז, וואָס ער זיצט שוין דריי טעג אין תענית, און פייניקט זיך איבער די כחות (ר׳ מרדכי בנעט איז פון זיין יוגנט אָן, געווען אַ שוואַכער מענטש) און דאָס איז אים גורם ביטול תורה און ביטול עבודה. „גייט אַהיים עסן, האָט דער מגיד אים אָנגעזאָגט, פירט זיך ווי יעדער מענטש, וועט איר קענען לערנען מיט אַ קלאָרן שכל, מחדש זיין חדושים און פלפולים פאַר אייער כבוד און פאַר דעם כבוד התורה". ר׳ מרדכי בענעט האָט אויסגעפאָלגט זיין רבי׳ן און זיך מער ניט מסגף געווען אין סיגופים וועלכע זענען אַ שטערונג צום למוד התורה.

עס איז אונז אויך באַקאַנט די מעשה פון ר׳ ישראל ריזשינער, וועלכער האָט אַמאָל פאַרגליכן אַ יונגערמאַן וואָס פייניקט זיך, צו אַ פערד וואָס נעמט אויך ניט קיין שום משקה, אַחוץ וואַסער, האָט אויך טשוועקעס אין די שיך, פראַוועט אויך גלגול שלג, קריגט פון בעל־הבית מער ווי פערציק מלקות אַ טאָג — און נאָך אַלעמען איז עס פאָרט אַ פערד![19].

דערהויבן אַ מענטש קאָן מען נאָר דורך תורה, ווי עס ווערט געזאָגט אין תנא דבי אליהו, אַז די תורה איז גלייך ווי וואַסער, אַזוי ווי וואַסער רייניקט דעם מענטש, אַזוי אויך תורה, רייניקט דעם מענטש גייסטיק און קערפערלעך „נמשלה התורה למים, מה מים מקוה טהרה לישראל . . . כך דברי תורה מקוה טהרה לישראל . . . שנאמר וזרקתי עליכם מים טהורים ואין מים אלא תורה".

תורה לערנען איז גרעסער אפילו פון עבודה אין בית המקדש. „גדול תלמוד תורה יותר מהקרבת תמידין שנאמר עתה באתי — על תלמוד תורה שבטלתם אותו עתה"[20].

און צוריק וועגן ענין משיח. רעדנדיק וועגן צווייטן זמן, וועגן „ב ע ת ה", איז כדאי צו באַמערקן אַז אַט אויף דעם זמן, האָבן די חכמי התלמוד אָנגעוויזן די שוועריקייטן פאַר׳ן דאָזיקן קץ, וועגן די „חבלי משיח", וועלכע זענען פאַרבונדן מיט שרעקלעכע יסורים און ליידן פאַר דעם ב ע ת ה ׳ ד י ק ן „אחרית הימים". משיח, קען ניט קומען, איידער די וועלט מאַכט ניט דורך די „חבלי משיח" — די שרעקלעכע עפּאָכע פאַר זיין אָנקומען, פאַר זיין ברענגען די פולשטענדיקע ליכטיקע וועלט. פאַר ליכט, האָבן אונז די חכמים געלערנט, מוז קומען פינסטערניש.

ווענן דער דאָזיקער שווערער עפּאָכע, זאָגן אונזערע חכמים: „הקב״ה מעמיד להם מלך שגזרותיו קשות כהמן וישראל עושין תשובה ומחזירים למוטב״. די יסורים און צרות זענען געוואָרן די סימני הגאולה און די „עקבות המשיח״ („עקבתא דמשיחא״) — ווי ר׳ יוחנן זאָגט: „אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר — חכה לו, שנאמר, כי יבא כנהר צר וסמוך לו ובא לציון גואל״.[21]

די געדאַנקען וועגן „עקבתא דמשיחא״, וועגן די ליידן אין דער פאַר משיחישער עפּאָכע, ווערן ווידערהאָלט אין מדרשות און ילקוטים און דאָ איז ניט דאָס פּלאַץ מאריך צו זיין. דאָ איז בלויז כדאי צו באַמערקן, אז דאָס איז די סיבה וואָס אַ סך האָבן אין דער צייט פונם נאַצי־קריג אָנגעוויזן אז מיר זענען פאַר דער משיחישער עפּאָכע, אז דערפאַר אַזאַ חשכות, דערפאַר איז אַזוי גרויס די צרה פאַר׳ן יידישן פאָלק.

אויך אין אַן אַנדערער ברוינזנדער עפּאָכע, האָבן גרויסע רביים און רבנים, געגלויבט, אַז עס איז די פאַר משיחישע עפּאָכע; ממש געהערט משיח׳ס טריט״.[22]

אין יאָר תקע״ג, אין צייט ווען נאַפּאָלעאָנ׳ס אַרמייען האָבן מאַרשירט אויף מאָסקווע האָבן פיל רביים געזען אַ שעת הכושר פאַר דער גאולה. אייניקע רביים האָבן געבעטן אויף נאַפּאָלעאָנס זיג. ר׳ אהרן קאַרלינער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן, זייענדיק פאַרדעכטיקט אין אומלאָיאַליטעט צו דער צאַריסטישער מאַכט.

די באַרימטע גדולי הרביים אין יענער צייט ווי דער „חוזה״ פון לובלין (ר׳ יעקב יצחק הורוויץ) דער קאָזעניצער מגיד (ר׳ ישראל) און ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער האָבן יענער מלחמה באַטראַכט אַלס די מלחמת גוג ומגוג וואָס דאַרף ברענגען די גאולה און געבעטן אַז נאַפּאָלעאָנן זאָל מצליח זיין. דער איינציקער וואָס האָט געבעטן פאַר רוסלאַנד׳ס זיג איז געווען דער ר ב (ר׳ שניאור זלמן, בעל התניא והשו״ע). ער האָט מורא געהאַט, אַז נאַפּאָלעאָנס זיג וועט ברענגען אפּיקורסות צווישן יידן. אין זיינעם אַ בריוו, שרייבט ער:

„ביום א׳ דר״ה קודם מוסף הראו לי אם ינצח באָנאַפּאַרט, שר חיל צרפת, יתרבה העושר בישראל ויורם קרן ישראל, אבל יתפרדו ויתרחקו לבן של ישראל לאביהם שבשמים, ואם ינצח אדוננו אלכסנדר אם כי ירבה העוני בישראל וישפל קרן ישראל, אבל יתקשרו ויתחברו ויתעבדו לבן של ישראל לאביהם שבשמים . . . ״

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער זצ״ל אַ תלמיד פון „חוזה״ און אַ תלמיד־חבר פון ר׳ מענדעלי רימאַנאָווער, האָט אויך זיך אַרויסגעשטעלט פאַר רוסלאַנד׳ס זיג. ביים מוסף׳דיקן דאַוונען פון יום־כפּור תקע״ד — ווערט דערציילט — אַז ר׳ מענדעלי זאָל אים געווען זאָגן, אינזינען צו האָבן ביים דאַוונען „נאַפּאָלעאָנס זיג״ (ער איז געווען דער שטענדיקער ימים־נוראים ש״ץ), האָט דער ראָפּשיצער זיך מתווכח

געווען מיט זיין רבין. נאָך יום־כפור, איז ער צוליב דעם געפאָרן קיין לובלין ווירקן אויפ׳ן „חוזה״, דער לעצטער האָט אים געשיקט קיין קאָזשעניץ צום מגיד וואו ער האָט יאָ געפועלט.

ביים שבת׳דיקן דאַווענען, ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט אָנגעפאַנגען זאָגן מזמור שיר ליום השבת, האָט ער געזאָגט אין יידיש: „מ׳זאָגט, אַז די פראַנצויזן זענען שוין אריבער פון מאָסקווע קיין בערעזינע, אָבער מיר זאָגן „להשמדם עדי עד ואתה מרום לעולם ד׳ . . . ״ אויף מאָרגן ביי קריאת התורה, האָט ער אויסגערופן: „נבול תבול — נפוליון תפול״. אַזוי, אַז דער קאָזיניצער האָט זיך צוריקגעצויגן און מסכים געווען מיט׳ן רב בעל התניא.

דער באַרימטער גאון ר׳ רפאל הכהן ז״ל, דער הויפט־רב פון האַמבורג, מחבר פון ספר תורת יקותיאל, האָט אין יענער צייט דערוואַרטעט משיח׳ס קומען. ווען נאַפּאָלעאָן האָט געזיגט, האָט ער זיך גענומען פּלייסן צו לערנען „סדר קדשים״, באַהויפּטנדיק אַז ער טוט דאָס, זיך גרייטנדיק צו משיח׳ן, צו קענען טאָן די עבודה אין בית המקדש.

דאַכט זיך, אַז קיין ערגערע יסורים דאַרף מען שוין מער ניט ווי די וועלכע די וועלט האָט דורכגעמאַכט אינם קאַמף מיט די באַרבאַריש ברוטאַלע נאַציס. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז יידן מאמינים בני מאמינים זאָלן געווען אָנהייבן שטאַרק גלויבן, אַז מיר האַלטן פאַר דער משיחישער תקופה, אַז דער „אבי יתומים״ און „דיין אַלמנות״ וועט זיך דערמאַנען אין זיין פאַריתומט און פאַרוויסט פאָלק; אַז ער וועט זיך מרחם זיין איבער זיי, אויסלייזן די „בנים שגלו״ פון זייער לאַנגן גלות, וואָס איז דער גרעסטער עונש אינם לעבן פון פאָלק.

מיט דער עטאַבלירונג פון ישראל איז געשטאַרק געוואָרן די האָפענונג, אַז ס׳קומט די „גאולה שלמה״ פאַר׳ן יידישן פאָלק, די וויזיאָנישע זעאונגען פונם אחרית הימים, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע גאולה, פרייהייט פון יידישן פאָלק און אַ באַפרייטער מענטשהייט בכלל.

אין תנא דבי אליהו ווערט געזאָגט: „די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אויף זעקס טויזנט יאָר: צוויי טויזנט יאָר וויסטקייט און ליידיקייט — אומוויסנקייט; צוויי טויזנט יאָר, תורה — די יידן האָבן גענומען אויף זיך די תורה און איר אויסגעטייטשט; און צוויי טויזנט יאָר חורבן — חורבן בית המקדש, מיטלאַלטער און כסדר׳דיקע צרות. ביים סוף פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר וועט קומען די גאולה . . . האַלטן מיר דאָך איצט ביי אָט דער משיחישער צייט!

אַ ייד גלייבט באמונה שלימה אין די דרייצן עיקרים, אין די „אני מאמינס״ פון וועלכע, איינער איז, דער גלויבן אין משיח׳ן. דער באַוואוסטזיניקער ייד, ווייסט

אָבער אויך, הלל׳ס אויסדרוק, אַז משיח׳ן האָבן יידן אויפגעעסן אין די צייטן פון חזקיהו.

ה. משיחיזם און אָפּטימיזם — באַדינגונגען פאַר זיין קומען. — דרייצן עיקרים. — אויסגעבענקטע שעה. — סומירנדיקע אויספירן.

אין תלמוד[1] ווערט געזאָגט: רבי הלל אומר, אין להם משיח לישראל, שכבר אכלוהו בימי חזקיהו. רש״י[2] קאָמענטירט, אַז דאָס מיינט, אַז פון איצט אָן, וועט דער רבונו של עולם אַליין אויסלייזן די יידן. דאָס מיינט, אויב מ׳זאָל דאַרפן דורכגיין די אַלע שווערע חבלי משיח, ווי זיי ווערן אויסגערעכנט אין דער גמרא, וועט השי״ת מוזן אַליין קומען זיי אויסלייזן.

לויט רבי יהושע, וועט משיח קומען, ערשט נאָכדעם, ווען מענטשן וועלן זיין פאַרדאָרבן, חוצפה׳דיק, אויסגעלאַסן . . . און לויט ר׳ יהודה, וועט דער דור אין וועלכן משיח וועט זיך אַנטפּלעקן האָבן אַ הינטיש פּנים („פני הדור כפני הכלב״) און לויט ר׳ יוחנן, וועט משיח קומען בלויז צו אַ דור וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון רשעים אָדער אינגאַנצן פון צדיקים „אין בן דוד בא, אלא בדור שכולו זכאי או בדור שכלו חייב״. אַן אַנדער שטעלונג אין תלמוד, שטעלט נאָך אַ שווערערן באַדינג: אַז משיח וועט קומען בלויז דעמאָלט, ווען קיינער וועט ניט האָבן אַ פּרוטה אין קעשענע „אין משיח בן דוד בא, עד שכלה פרוטה מן הכיס״[3].

נאָך מער, אַז „כלו כל הקצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה ומעשים טובים״. דאָס זענען שווערע באַדינגונגען; — זיי פאַרלענגערן משיח׳ס קומען. יידן גלויבן דאָך אַז אַט־אַט און משיח קומט. גוטע און פרומע יידן פלעגן זיך גרייט מאַכן אַנטקעגנצוגיין משיח׳ן. דער „חפץ חיים״ האָט דאָך זיך אַפילו געהאַט צוגעגרייט זיינע מלבושים, און אַזוי אַ סך אַנדערע צדיקים.

אָבער אויך דאָס האָבן אונזערע חכמים דערקלערט גאַנץ איינפאַך. די גמרא[4] דערציילט אונז, אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געפרעגט ביי אליהו הנביא און ביי משיח׳ן אַליין, ווען ער וועט קומען. האָבן זיי אים געענטפערט: „ה י ו ם — אם בקולו תשמעו״, אויב יידן ווילן טאָן תשובה קאָן ער שוין ה י י נ ט ק ו מ ע ן ! די גמרא פירט אויס, „אויב יידן וועלן תשובה טאָן, וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן, און אויב ניט חלילה וועט גאָט אויפשטעלן אַ צורר . . . און וועט זיי אונטערדריקן אַזוי, אַז זיי וועלן מוזן תשובה טאָן, באַזירנדיק אויפ׳ן פּסוק[5] „אני ה׳ בעתה אחישנה״ וועלן יידן זוכה זיין, וועט ער קומען לויט׳ן באַגריף פון אחישנה, פאַר דער צייט, פלוצלונג. וועלן זיי חלילה ניט זוכה זיין וועט ער קומען אין צייט „זכו אחישנה; לא זכו — בעתה״. אין שפּעטערע ספרים ווערן געשילדערט די אַלע שרעקלעכע באַדינגונגען פאַר משיח׳ס קומען און די פאַרשטעלונג פון משיח׳ן אַלס „עני ורוכב על חמור . . . ״ —

דאָס אַלץ איז, אויב יידן וועלן זיך ניט פאַרדינען אַז ער זאָל קומען פאַר דער צייט, און ער וועט זיין געצוואונגען צו וואַרטן ביז'ן ב ע ת ה . . .

ווי אַזוי וועט אויסזען משיח? וואָס וועלן זיין זיינע פאָדערונגען?

משיח, ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט אין תלמוד, מדרש און אין אַלטע ספרים איז אַ שטרענג יידיש־נאַציאָנאַלער. ער קומט ניט ספּעציעל אויסלייזן די וועלט, נאָר דאָס י י ד י ש ע פ אָ ל ק . ער וועט באַזיגן די פעלקער פון גוג ומגוג, וועט צונויפנעמען אַלע יידן פון גלות און זיי ברענגען קיין ארץ ישראל, דאָרט וועט ער פאַר זיי אויפבויען דאָס בית המקדש, די געטלעכע מלוכה אין ירושלים וואו ער וועט קעניגן.

נאָכדעם, ווען די יידישע מלוכה וועט זיין געזיכערט, די וועלט־פעלקער וועלן געוואויר ווערן פון זיין פירערשאַפט וואָס איז געבויט אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט, וועלן זיי אָנהויבן צו ציען אים קיין ציון — „ונהרו אליו כל הגוים” און דאַן וועט ער ווערן דער „אַלוועלטלעכער גואל”, דער אויסלייזער פון אַלע אונטערדריקטע און דערנידעריקטע.

פאַראַן אין תלמוד פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דער צייט פון משיח'ן, וועגן זיין הערשן. אָבער וועגן דעם האָבן מיר שוין פריער געשריבן. איין מיינונג, איז אַ ניכטערע און אויסגעהאַלטענע. די מיינונג פון שמואל ירחינאה, אַז דער חילוק פון משיח'ס צייטן ביז דער היינטיקער, וועט בלויז באַשטיין אין דעם וואָס יידן וועלן באַפרייט ווערן פון זייער אונטערטעניקייט צו פרעמדע פעלקער. אָמר שמואל: „אין בין העולם הזה לימות משיח אלא שעבוד מלכיות בלבד”[6] — אַ גאַנץ רעאַליסטישער געדאַנק און פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעך.

דער רמב"ם שרייבט[7]: „המלך המשיח עתיד לעמוד, ולהחזיר מלכות דוד ליושנה, לממשלה הראשונה, ובונה המקדש, ומקבץ נדחי ישראל, וחוזרין כל המשפטים בימיו כשהיו מקדם . . . ” דער קעניג־משיח וועט אויפשטיין און אומקערן דאָס קעניגטום פון דער דוד דינאַסטיע; ער וועט אויפבויען דאָס בית המקדש, איינזאַמלען די יידן פון זייער צעשפּרייטקייט, צוריק איינפירן די יידישע געזעצן ווי אַמאָל.

ווי מיר זעען, איז משיח קודם־כל אַ י י ד י ש ע ר , וואָס קומט אויסלייזן בלויז דאָס יידישע פאָלק, ערשט נאָכדעם קומט דער „אחרית הימים”, משיח ווערט אַ וועלט־אויסלייזער; אַ וועלט־פאָרמירער; אַ שאַפער פון אַ וועלט אַ גערעכטע, אַ ליכטיקע, אַ קלוגע, ווען פון ציון וועט אַרויסגיין תורה און פון ירושלים גאָט'ס וואָרט. ווען אַלע פעלקער וועלן ווערן אַנטוואָפנט, וועלן אויפהערן זיך לערנען פירן מלחמה און וועלן זיך יאָגן נאָך דעם באַרג פון גאָט'ס הויז. ווען אַלע פעלקער וועלן ווערן איבערפולט מיט וויסן—ומלאה הארץ דעה . . . ווען לייב, וועט ווי קו עסן גראָז, ווען דער וואָלף וועט זיך פיטערן צוזאַמען מיט אַ שעפעלע און אַ קליין אינגל וועט זיי אין פעלד אַרויספירן. דאַן וועלן זיך, ווי דער זוהר

דערציילט, עפענען די טויערן פון חכמה[8] („יפתחו תרעי דחכמתא״) — און די נבואה וועט באַנייט ווערן ביי יידן.

די גמרא זאָגט אויך גאַנץ שאַרף „תיפח עצמן של מחשבי קצין״ — פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די, וואָס רעכענען די צייטן. קאָמענטירט אויף דעם דער רמב״ם, אַז זיי האָבן געזאָגט, אויב ער איז נאָך ניט געקומען, וועט ער שוין זיכער ניט קומען, נאָר מען דאַרף שטענדיק האָפן: „אם יתמהמה חכה לו״.

די האָפנונג פאַר׳ן מאָרגנדיקן טאָג, האָט אונז געגעבן כח אויסצוהאַלטן אין אַלע ערגסטע צייטן.

ניט קיין וואונדער דעריבער, וואָס ביי אונז יידן, האָט געקענט פּאַסירן, אַז אין די ־סאַמע טרויעריקסטע מאָמענטן פון היטלער־נצחונות און נאַצי אכזריות, בעת דעם אומקום פון מיליאָנען יידן אויפן אייראָפּייאישן קאָנטינענט, זאָל אַ יידישער דיכטער, רופן צו מוט, און אָנזאָגן, אַז „קומען וועט נאָך די אויסגעבענקטע שעה . . . ״

הירש גליק (געבוירן ווילנע, 1920; אומגעקומען אין 1943) איז בעת׳ן אויסברוך פון לעצטן קריג, נאָך געווען אומבאַקאַנט[9] און אַט דער יונגער בחור, האָט עם פאַרפאַסט דאָס שטורעם־ליד, „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״ און מיטאַמאָל איז דאָס ליד געוואָרן, כמעט דער נאַציאָנאַלער הימן דורך וועלכן מען הייליקט דעם אָנדענק פון די קדושים העראָישע קעמפער.

די יידישע מאַסן פון שארית הפליטה, און פון די, וואָס האָבן בלויז געהערט פונם אומקום און פונדערווייטנס דורכגעלעבט דעם אומגליק — זיי האָבן געזען אינם ליד, אַן אויסדרוק פון צער און צאָרן, פּראָטעסט, מוט און האָפנונג און ניט אומזיסט, איז דאָס ליד איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ צאָל שפּראַכן.

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונזער טראָט: מיר זענען דאָ!

— — — — — — — — — — — — —

ס׳וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונז דעם היינט,
אונזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיט׳ן פיינט;
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד איז איבערזעצט אין מער פון אַ טוצן שפּראַכן[10], אין העברייאיש דורך א. שלונסקי:

אל נא תאמר: הנה דרכי האחרונה,
את אור היום הסתירו שמי העננה
זה יום נכספנו לו עוד יעל ויבא
ומצעדנו עוד ירעים: אנחנו פה!

גאַר פּאָפּולער איז געוואָרן אין יענע יאָרן דער „אני מאמין בביאת המשיח". אינם שאָטן פון טויט האָט אינספּירירט די וויזיע פון משיח, די וויזיע פון אחרית הימים, די זעאונג פונם טאָג, ווען שלום וועט באַהערשן די וועלט און נקמה וועט זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגנהייט.

די יידישע פילאָזאָפישע און רעליגיעזע אנשויאונג, איז ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן אַן אָפּטימיסטישע[11], אַ העל־זעעוודיקע און די עיקר אידייע פון משיח איז, שלום און וואוילזיין פאַר יעדן. ווערט טאַקע געזאָגט אין תלמוד[12], אַז „לימות המשיח וועט בטל ווערן כלי זין, אפילו דורך תכשיטין" און די משנה לערנט, אַז אליהו הנביא'ס קומען, איז בלויז און אויסשליסלעך צו מאַכן שלום: „אין אליהו בא אלא לעשות שלום בעולם"[13].

דער משיח געדאַנק, שטעלט מיט זיך פאָר די גאַרונג פון גייסטיקער שלימות ביים מענטש, פון אַבסאָלוטן צדק ביי פעלקער — די קאָסמישע, אוניווערסאַלע אידייען פון באַזייטיקן די סיבות וועלכע פירן דער מענטשהייט אינם תהום פון שלעכטס און זיי אַרויפפירן צום הר בית ד', וואָס מיינט צום באַרג פון דערהויבנקייט און די זיכערקייט פון די „פיר פרייהייטן"[14]. וואָס מיינט במילא, ליקווידירונג פון סובווערסיווע רשעותדיקע מאַכט און אין רמב"ם'ס ווערטער, וועט עס זיין משיח, וועלכער וועט לערנען תורה, מקיים זיין מצוות און זיין אַ מוסטער פון אַ תורה־מנהיג און תורה־ווערטן.

ה ע ר ו ת

א.

1. בכל דור ודור הקב"ה שולח ניצוץ משיח, שאם נזכה — יגאלנו. („לקוטי גורי האר"י").
2. מלאכי ג', כ"ג.
3. מלכים א', י"ח.

ב.

1. ישעיה י"א א'־י'.
2. זכריה ט', ט'־י'.
3. און איך וועל זיך משפטן מיט אים, מיט פעסט און מיט בלוט; מיט פלייציקן רעגן און האָגל־שטיינער, פייער און שוועבל, וועל איך מאַכן רעגענען אויף אים און אויף זיינע מחנות . . . יחזקאל ל"ח, כ"ג.
4. דניאל י"ב, י"ב־י"ג.
5. דאָרט, ט'.
6. זהר, במדבר, זהר תהלים און זוהר שיר השירים.
7. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן תיפח עצמן של מחשבי קיצין, שהיו אומרים, כיון שהגיע את הקץ ולא בא, שוב אינו בא; אלא חכה לו . . . און רב זאָגט: אַז ס'האָבן זיך געענדיקט אַלע „קצים" און אַז משיח'ס קומען איז אָפּהענגיק אין תשובה . . . זע, סנהדרין צ"ז, ע"א־ע"ב און רש"י דאָרט.
8. סנהדרין צ"ג, ע"א. — רש"י, דאָרטן.
9. מער וועגן דעם, אין מיינעם אַ מאמר אין „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, אַפּריל 24, 1940.
10. זען, שיר השירים רבה, ב', י"ח; מדרש תהלים, קהלת, מכילתא כ"ד, ע"א־מ"ג, ע"א; א. מרמור־שטיין, העברי שנה י', גליון מ"ד, ז' 12.
11. כתובות קי"א, ע"א
12. דאָרט — באַריכות.

13. סנהדרין צ"ח, ע"ב.
14. עבודה זרה ב', ע"א-ג', ע"א.
15. בראשית רבה סי"ג, י"ח.
16. בראשית רבה, צ"ח, ג' א.א. מקומות.
17. ב"ר, מ"ב, ב'
18. סנהדרין צ"ג, ע"ב; צ"ט, ע"א; מארמארשטיין, דארט.
19. מדרש תהלים, הוצ' בובר, ז"ז 61, 250, 287; 487; מארמארשטיין, דארט, העברי, ז' 13, באריכות.

ג.

1. ישעיה נ"ב, ז'.
2. מה שהתנבאו כל הנביאים, בפרט מה שמבואר בדניאל מעניין הבירור והצירוף שיהי' באחרית הימים . . . כל כוונתם הי' שבאחרית הימים האלה יתנסו ויצטרפו ישראל בעניין האמונה הקדושה כי יעמדו ויקומו רבים שירצו להטעות אותם בהאמונה . . . וזה יהי' עיקר הנסיון של ישראל באחרית הימים ורבים יכשלו ויפלו עי"ז ח"ו והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע . . .
3. וועגן די נאכווייען פון שבתי צבי, נחמי' חיון און יעקב פראנק און וועגן די חרמים קעגן די שבתי צבי נאכפאלגער אין די פארשיידענע ספרדישע און אשכנזישע קהלות, האבן מיר שוין גאר א רייכע ליטעראטור און דא איז ניט דער פלאץ זיך אפצושטעלן באריכות'דיק. צווישן די מחרימים, זיינען געווען די גדולי ישראל פון זיבעצעגטן און אכצעגטן יארהונדערט. אינ'ם „הצופה לחכמת ישראל" געפינט זיך א זייער אינטערעסאנטער און ביז גאר באלערנדיקער מאמר א.נ. „תוספות לקורות שבתי צבי וכת פראנק בפראג", אין וועלכן דער מחבר א פריימאן פון פראנקפארט דמיין, האט פארעפנטלעכט און איבערגעדרוקט דעם חרם קעגן זיי פון ר' יהונתן אייבישיץ (בעל ה„תומים" ו„יערות דבש"), וואס איז אויסגערופן געווארן דעם יום כפור פון יאר 1725. און דעם חרם פון ר' יחזקאל לאנדא (בעל ה„נודע ביהודה") אין דער נאכט פון הושענא רבה 1738 — אבער מערער וועגן דעם אין מיינע ספרים „באציאונג צום פרעמדן", „לובלין" און דאס „געזאנג פון חסידות".
4. יומא כ"א, ע"א.
5. ש. ז. כהנא, מאורעות העולם לאור השקפת היהדות, „במיצר", תל-אביב, תש"ב, מ"ח-מ"ט. איז דאך אונז באקאנט דאסטאיעווסקי'ס כאראקטעריסטיק, אין זיין בארימט און קלאסיש ווערק „די ברידער קארמאזאוו", אין וועלכן דער גרויסער אינקוויזיטאר דריקט זיך אויס, אז אפילו ווען דער נוצרי אליין קומט ווייזן דאס פאלק דעם ריכטיקן וועג, וואלט דאס פאלק אים באווארפן, פארשטיינט און נאכגעפאלגט דעם אינקוויזיטאר.

5א. „שעה ונצח", הוצ' מוסד הרב קוק, ירושלים, תש"ד, ז"ז 33-39; זע אויך זיין „אין גערانגל פאר יידישקייט", ז"ז 119-121.

6. רבנו סעדיה גאון, האמונות והדעות, מאמר ח'.
7. רמב"ם, הלכות מלכים פרק י"א, ג'-ד'.
8. בראשית רבה, פרשה מ"ח.
9. רמב"ם, הלכות מלכים פרק י"ב, הלכה ד' און ה'.
10. בבא מציעא פ"ה, ע"ב; ירושלמי, פאה, פרק ד', הלכה ה'.
11. ברכות ל"ד, ע"ב; שבת ס"ג, ע"א; פסחים ס"ח, ע"א; סנהדרין צ"א, ע"ב.
12. ישעיה ט"ו, ה'.
13. דארט, דארט, א'.
14. ירמיה מ"ח, ל"א.
15. מלכים א', ח'.
16. ישעיה ב', ג'-ט'.
17. דארט, נ"ו, ז'.
18. ירמיה מ"ח, מ"ז; מ"ט, ל"ט.
19. צפניה ג', ט'.

ד.

1. סנהדרין צ"ז, ע"ב.
2. ישעיה ס', כ"ב.
3. סנהדרין צ"ח.
4. לובלין, תרס"ו, 1905.
5. ערובין מ"ג, ע"ב; סנהדרין צ"ח, ע"א.
6. פרק ל"א.
7. הלכות תשובה, פרק ז'.
8. אבות פרק ו'.
9. זע, ברכות ס"ג, ע"ב.
10. רמב"ם, הלכות מאכלות אסורות, י"ז, ל"ב.
11. אבות, ג', ג'.
12. דארט, ד'.
13. יבמות, כ', ע"ב.

14. ישראל קדושים, לובלין תרפ"ח, א"ג׳. זע אויך פריערדיקע קאַפּיטלען אויספירלעך.
15. וואַרשא, תר"ד, פרק י"ג.
16. תענית כ"ב.
17. ירושלמי סוף פאה.
18. „בית מנחם", פרק ו׳.
19. זע, יאָושזאָן (יוסטמאַן) „פון אונזער אַלטן אוצר"
20. מגילה ג׳, ע"ב.
21. סנהדרין צ"ח.
22. וועגן דער גרויסער „נפילה" פון לובלינער רבי׳ן שמחת תורה תקע"ה ,און זיין פטירה תשעה באב פון זעלבן יאָר, זיינען פאַראַן פאַרשיידענע לעגענדעס, פונקט ווי עס זיינען פאַראַן מעשיות וועגן דער פאַר׳עקשנ׳טקייט פון די דריי צדיקי הדור צו ברענגען משיחן. זע נ. בוימאייל (נ. שמן): „הרב ר׳ יהודה ראָזענבערג ז"ל", יובילייבוך ת"ת עץ חיים (1943), זייט 114; לובלין, דאָס געזאַנג פון חסידות א.א.

ה.

1. סנהדרין פרק חלק, צ"ח, ע"ב.
2. אויפן אָרט.
3. דאָרט, צ"ז־צ"ח — גאָר אינטערעסאַנטע מאמרים.
4. דאָרט, צ"ז, ע"ב.
5. ישעיה ס׳.
6. סנהדרין צ"ח, ע"א.
7. סוף הלכות מלכים, פרק י"א.
8. זוהר, וירא.
9. זען, ש. קאַטשערגינסקי, הקדמה, „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ", פּאַריז, 1947; דאָרט ז׳ 52; חורבן ווילנע, ציק"אָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947; דר. מאַרק דוואָרזשעצקי, ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום, פּאַריז 1948, ז"ז 282-283.
10. אין ענגליש האָבן מיר צוויי, און ביידע גוטע, איבערזעצונגען אָבער ניט דאָס זיינען מיר אויסן; מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנווייזן אויף דעם בטחון און אָפּטימיזם ביי יידן אפילו אין די ערגסטע מאָמענטן.
11. זען, פריער, פרק 6, סוב־קאַפּ 3.
12. שבת ס"ג.
13. עדיות פרק ח׳, משנה ז.
14. אויסדרוק פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט — קלאָרע דעפיניציע פון פרייהייט: פרייהייט פון שרעק, פון הונגער, פון וואָרט און שריפט.

קאַפּיטל זיבעצן

גאולה און שיבת ציון

א. בענקשאַפט פון נאַציאָ־נאַלער גאולה. — טרוים פון סאָציאַלן יושר. — באַ־פרייאונג פון פאָלק, קלאַס און לאַנד.

די שטרעבונג פון שיבת ציון, איז געווען דער הויפּט־אידעאַל ביי די גייסטיקע פירער פון אַלע דורות, זינט חורבן בית המקדש. גאולה און סאָציאַלער יושר איז געווען דער מאָטיוו פון נבואה און איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון תנאים און אמוראים — און שפּעטער דורך אַלע דענקנדיקע און דיכטערישע פּערזענלעכקייטן. גאולה, האָט באַטייט, שיבת ציון, אומקער צום לאַנד פון די אָבות.

דאָס האָט געוועקט די יידישע פאַנטאַזיע; דאָס האָט געשטאַרקט די אמונה; דאָס האָט צעמענטירט די גאַנצקייט פונעם פאָלק; דאָס האָט געגעבן כח פאַר׳ן אויפהאַלט פון קיום און אין געוויסע תקופות, אַרויסגערופן צו רעאַלע מעשים פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

מיר האָבן אין די פריערדיקע פּרקים שוין באַהאַנדלט דעם סאָציאַל־נאַציאָנאַלן מאָטיוו ביי די נביאים, ביי די תנאים, אמוראים — און זייערע נאָכפאָלגער. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אויף די שטעלן אין דער רבנות ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער טאָפּלטער באַשטרעבונג. וואָס שייך „חסידות און גאולה״, האָבן מיר שוין אויספירלעך געשריבן[1] און ווידערהאָלונג איז ניט נויטיק.

ווי אַזוי האָבן די חכמי התלמוד געזען דעם אָנקום פון גאולה?

וועלן מיר דאָ ברענגען אַ ירושלמי[2] וואָס דערציילט:

רבי חייא דער גרויסער און רבי שמעון בן חלפתא[3], דער משלים־זאָגער זענען אַרומגעגאַנגען אין טאָל ארבל און דערזען דעם מאָרגנרויט, וואָס זיין ליכט האָט זיך דורכגעשלאָגן. האָט רבי חייא געזאָגט צו רבי שמעון: רבי! אַזוי איז די גאולה פון ישראל — פון אָנהייב, צו ביסלעך . . . וואָס ווייטער, אַלץ גרעסער . . .

וואָס מיינט נאַציאָנאַלער גאולה?

האָבן מיר וועגן דעם שוין קלאָרע דעפיניציעס. וואָס מיר ווילן צוגעבן, איז אַז דער באַטייט פון די צוויי ווערטער שליסט איין אויך סאָציאַלע גאולה און זאַלבע־דריט, ווערט עס דער אידעאַל וואָס דאָמינירט אי אינעם תנ״ך, אי אין תלמוד און אי אין דער רבנישער ליטעראַטור. דער נביאישער רוף פאַר יושר, האָט דערגרייכט זיין קלימאַקס אין די רייד פון אליהו הנביא, דעם „מבשר טוב, משמיע ישועה״ . . .

אויב דעם נביא׳ס ווערטער, זענען אין משך פון דורות פאַרבלאַסט געוואָרן, זענען געקומען די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם און באַלעבט דעם דאָזיקן אידעאַל און וועלט־באַנעם. טראָגנדיק מיט זיך די וואָלאַרן פון שפּעריש־

בויענדיקע כחות, האָבן זיי באַנייט דעם סינטעז פון נאַציאָנאַל־סאָציאַלע אַספּיראַציעס אין דעם טראַנספאָרמיר־פּראָצעס פון יידישער בענקשאַפט און יידישע נויט און געהאָלפן אָנהייבן די בראשיתדיקע באַפרוכפּערונג פונעם יידישן באָדן — אין צוגרייטן די מעגלעכקייט פאַר אַ יידישער מדינה און אין באַשאַפן דעם „משטר צבורי מתוקן".

זיי זענען אוועק פון דער זאַטער אַפּאַטישקייט. זיי האָבן באַגריפן דעם רעוואָלט־געפיל ביים היינטיקן מענטשן; זיי האָבן דעם דינאַמישן ניצוץ און התלהבותדיקן פאַרנעם אויסגענוצט — אויף אַן אינטענסיוון טאַקט — פאַר דער קאָנטינואירנדיקער טראַדיציע און פאַר דער אויפלעבונג פון די מצוות און די סאָציאַל־עטישע פּראַקטיק אינעם לאַנד און דערמיט באַאיינפלוסט דעם בנין הארץ אויף געזונטע, תורה'דיקע יסודות.

אַנשטאָט אַבסטראַקט־טעאָרעטישע פּראָזעלאָגיע, זענען זיי אַרויסגעקומען מיט קאָנקרעטע פּלענער פאַר אָט דעם „שיבת ציון" וואָס האָט געמיינט „שיבה ליהדות" (אומקער צו יידישקייט) און דאָס געטאָן „מוטיק ווי אַ לעמפּערט און גרינג ווי אַן אָדלער; פלינק ווי אַ הירש און שטאַרק ווי אַ לייב, צו טאָן דעם ווילן פון דיין פאָטער אין הימל"[4].

ב. חלוקי־דעות וועגן מצוה פון ישוב ארץ ישראל. — וואָס הייסט דוחק זיין דעם „קץ". —רמב"ן אלס ערשטער חלוץ.

וועגן דער מצוה פון ישוב ארץ ישראל, וועגן דער פליכט פון יעדן יידן צו וואוינען און העלפן אויפצובויען דאָס לאַנד, זענען געווען חלוקי־דעות, אפילו צווישן די, וואָס האָבן שטענדיק באַטאָנט דעם ריין־רעליגיעזן מאָמענט אין יידישקייט — און דאָ רעדט זיך ניט פון סתם אַזוי חלוקי־דעות אין דער וועלט פון טעאָלאָגיע, טעאָרעטישע ויכוחים. עס איז אַ פראַגע פון פּרינציפּן און ניט סתם אַזוי דאָגמאַטישע פּרינציפּן הינטער וועלכע ס'זענען געווען אָפּהענגיק סאָציאַלע מאָטיוון און היסטאָריש־יורידישע נאָרמען פון דער יידישער טראַדיציע.

די חלוקי־דעות זענען אַנטשטאַנען באַלד ביים אָנהויב פון יידישן גלות, ביים באַגין פון דער פאָרמירונג פון דער יידישער מענטאַליטעט אין דער אַנדערשקייט פונעם אַרום און אין דער סאַנקציאָנירונג פון אַ נייעם שטייגער לעבן.

דאָס פּראָבלעם איז שאַרפער און בולטער אַרויסגעקומען אויף דער יידישער גאַס מיט דער אַנטשטייאונג פון דער חיבת ציון באַוועגונג, מיט'ן באַווייזן זיך פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, מיט דער אָרגאַניזירונג פון „מזרחי" און „שלומי אמוני ישראל".

אַרום פערציק יאָר צוריק (20 יאָר נאָך דער גרינדונג פון „מזרחי", ווילנע, תרס"ב; 11 יאָר נאָך דער גרינדונג פון אגודת ישראל, קאַטאָוויץ,

תרע"ב), איז פארגעקומען די גרויסע וועלט־אסיפה, „כנסיה הגדולה" פון דער עקסטרעם ארטאדאקסישע באוועגונג, אגודת ישראל, אין ווין (ג' אלול, תרפ"ג).

דאס איז געווען א גרויסע געשעעניש אין דער ארטאדאקסישער וועלט, אין א געוויסן זין, אויך אין דער אלגעמיינער יידישער וועלט. צו דער דאזיקער הויכער אסיפה זענען געקומען: גדולי האדמו"רים (גער, טשארטקאוו, סאקאלאוו, וויזניץ, סאדיגורע, א.א.) גדולי הרבנים: חפץ חיים, ר' חיים עוזר גראדזענסקי, ר' אלי' קלאצקין, ר' מאיר דן פלאצקי, רבי אברהם צבי פערלמוטער, דעפוטאט אין פוילישן פארלאמענט, רבי צבי חנוך הכהן, בענדינער רב, שוואגער און מחותן פון גערער רבי'ן, רבי מאיר שאפירא, רבי אהרן לעווין, רבי משה מרדכי עפשטיין, סלאבאדקע, רבי איסר זלמן מעלצער, דאן אין סלוצק, רבי יוסף־ליב בלאך פון טעלז, רבי יוסף כהנמאן, פאניעוויעזש, רבי אהרון כ"ץ, נייטרא, הרב הערשלער פון פרעשבורג, רבי שלמה זלמן ברויער, פראנקפורט, רבי ישעיה פירשט פון ווין און נאך אנדערע באריטמטע רבנים פון פארשידענע לענדער.

די ארץ ישראל דעלעגאציע איז באשטאנען פון רבי מרדכי ליב רובין (שליח מיוחד פון ר' יוסף־חיים זאנענפעלד און ר' יצחק ירוחם דיסקין), רבי יונתן בנימין הורוויץ, רבי משה בלוי, רבי רפאל קאצענעלבויגן, רבי משה אורבאך (פתח תקוה) ר' יוסף לוי חגיז, א ספרדישער שליח רבי ניסים נחום פון באגדאד און אנדערע.

עס זענען געזעסן אויף דער גרויסער פלאטפארמע די ארטאדאקסישע מנהיגים און דיפלאמאטן: רבי יעקב ראזענהיים, דר. פנחס כהן, רבי וואלף פאפענהיים, רבי יצחק מאיר לעווין און אין זאל, צווישן די פינף טויזנט פארזאמלטע (אזוי האט מען געשאצט די צאל אנוועזנדע) האט געהערשט גוואלטיקע התעוררות, הייליקע מאמענטן! גייסטיקע ריזן פון וועלט־יידנטום זענען זיך צוזאמענגעקומען שאפן די וועלט־באוועגונג וועמענס אויפגאבע זאל זיין: „להחזיר עטרה ליושנה!".

פון די פראבלעמען וואס זענען באהאנדלט געווארן אין גייסט פון תורה, איז אויך געווען דאס פראבלעם „ישוב ארץ ישראל ברוח התורה". נאך די שטורמישע אוואציעס, נאך די ענטוזיאסטישע ברכות, האט דער ירושלימ'ער הויפט־דעלעגאט געשטעלט די פראגע פון ישוב ארץ ישראל. ער האט אנגעפאנגען מיט די ווערטער: אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני . . . ארץ ישראל היא לב האומה. און ער האט אפעלירט צו פארשטארקן דעם ישוב החרדי בארץ ישראל.

אויך אנדערע האבן גערעדט וועגן אריענטאציע פאר ישוב הארץ. ס'זענען אנגענומען געווארן באשטימטע רעזאלוציעס, וועלכע זענען גוטגעהייסן געווארן פון דער מועצת גדולי התורה, די העכסטע אינסטאנץ אין אגודת ישראל. פונדעסטוועגן האט זיך געפילט א קאלטקייט בנוגע בנין הארץ; דער גורם דערצו: 1) דער ציוניזם; 2) די מורא, אז מען איז דוחק את הקץ און נאך און נאך מורא'ס.

דער דאָזיקער טייל פון רעליגיעזן יידנטום, האָט זיך דעריבער ניט אָנגע־שטרענגט ווי געהעריק פאַר דער מצוה ישוב הארץ. די באַציאונג איז געווען ווי ס'האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט איינער פון די פירער: „וואָס האָבן זיי זיך דווקא אָנגעטשעפּעט אין דער איינער מצוה, ישוב הארץ און ניט אין אַנדערע פון די תרי"ג מצוות?

די דאָזיקע אינערלעכע געפילן, די מורא פאַר דעם וועלטלעכן ציוניזם, האָט באַהערשט די דעלעגאַטן אין תרע"ב, די גרויסע פאַרזאַמלונג אין קאַטאָוויץ, אונטער דער השפעה פון בריסקער רב, ר' חיים סאָלאָווייטשיק און ר' יצחק אייזיק הלוי, דעם מחבר פון „דורות הראשונים" און די זעלביקע מורא האָט באַהערשט די פאַרזאַמלטע ביים קאָנגרעס אין ווין אין יאָר תרפ"ב.

ר' יצחק אייזיק הלוי (ראַבינאָוויטש), דער ווילנער גרויס־געלערנטער און פאָרשער, תלמיד פון וואָלאָזשינער ישיבה (געלערנט ביים נצי"ב און ביי ר' יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, בריסקער רב), האָט זיך פאַרפּאַלקאָמט אין וועלטלעך וויסן אין דייטשלאַנד, איז געווען פאַרערט ביי די גדולי הדור צוליב זיינע ווערק אין געשיכטע, לויט דער מסורה.

ווי איינער פון די ערשטע, אַרויסצוקומען מיטן געדאַנק, וועגן אָרגאַניזירן דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום, האָט ער געקראָגן די געהעריקע שטיצע סיי מצד די פירער פון מערב־אייראָפּיאישן יידנטום און סיי פונעם מזרח־אייראָפּיאישן. אין קאַטאָוויץ, דאָס שטעטל אין פּוילן, ביים דייטשישן גרעניץ, האָט מזרח און מערב זיך פאַר־אייניקט, ביים צוזאַמענפאָר י"ב סיון תרע"ב, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון תורה־יידישקייט.

ר' יצחק אייזיקן איז אָבער ניט געלונגען משפּיע צו זיין אויף די מנהיגים פון שלומי אמוני ישראל, צו שאַפן א פאַריינינקטע אָרגאַניזאַציע מיט מזרחי, וואָס שייך די טעטיקייטן אויפן געביט פון ישוב הארץ.

דאָס וויגעלע פון אגודת ישראל איז געשטאַנען אין פראַנקפורט, דייטשלאַנד, אָבער דער יסוד איז געשטעלט געוואָרן אין פּוילן און אויסשליסלעך קעגן מיטאַרבעט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען אין די שפּעטערע יאָרן, דער דאָזיקער טייל האָט אָנגעהויבן אַן אַקטיוו פאַר ישוב הארץ און „עליה", איז עס געווען א שטאַרק רעזערווירטער אַקט, ניט אידענטיפיצירט צו ווערן מיט'ן ציוניזם, ניט כלפי חוץ און אויך ניט כלפי פנים, זיך היטענדיק פון וועלכן ניט איז חשד פון רצון צו מלוכה'שאַפט. „סואווערעניטעט", האָט געמיינט דוחק זיין דעם „קץ".

דער מזרחי, ווי דער הפועל המזרחי, האָט גראָד אין דעם גאָרנישט ניט געזען קיין פאַרלעצונג פון דת, קעגן דער אידישער טראַדיציע. זיי האָבן דערויף געבראַכט ראיות פון חז"ל און פסוקים, אַז עס איז אפילו נישטאָ קיין שמץ פון איסור אויף דעם פּאָליטישן ציוניזם. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט'ן באַקאַנטן רמב"ם

וועגן „ימות המשיח": „שהמלכות תחזור לישראל"[1]. און אין הלכות מלכים[2], שרייבט ער:

„בימי המלך המשיח כשתתישב ממלכתו ויתקבצו אליו כל ישראל . . . ",

דאָס מיינט, אַז אין משיח'ס ציימן, וועלן יידן דערגרייכן מלוכה'שאַפט. מזרחי פירער האָבן ניט געזען קיין פאַרבאָט אויף שטרעבונג צו מלוכה'שאַפט אין דער עפּאָכע — ווי זיי באַצייכענען איר — פון אתחלתא דגאולה.

מערקווירדיק איז די דיסקוסיע וועגן דער מצוה פון ישוב הארץ נאָכ'ן חורבן פון צווייטן בית המקדש — אַ פּאָלעמיק וואָס איז אָנגעגאַנגען זינט יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות.

אין דער גמראָ[3] ווערט אינטערפּרעטירט דער פּסוק אין שיר השירים[4] השבעתי אתכם . . . „שלא יעלו בחומה" און פאַר ר' יהודה ווערט דאָרט געזאָגט, אַז ווער ס'גייט אויף קיין ארץ ישראל, איז ער עובר אויף אַ מצוות עשה, ווי דער פּסוק לויטעט, „קיין בבל זאָלן זיי קומען און דאָרטן זיין . . . " („כל העולה מבבל לא"י עובר בעשה, שנאמר „בבלה יבאו יהיו עד יום פקדי אותם נאום ד'")[5].

תוספות אין כתובות[6] ברענגט אין נאָמען פון ר' חיים, אַז איצט איז ניט קיין מצוה צו וואוינען אין ארץ ישראל (שעכשיו אינו מצוה לדור בא"י).

דער רמב"ם רעכנט אויך ניט אין צאָל פון די תרי"ג מצוות, די מצוה פון ישוב הארץ.

דער רמב"ן, אין ספר המצוות, פרעגט אָפּ, און פירט אויס, אַז דאָס איז אַ מצוה לדורות, אויף אייביק, זיך באַנוצנדיק מיט דעם מאמר חז"ל אויפ'ן פּסוק „וירשתם אותה וישבתם בה":—שהיו יוצאים חוצה לארץ וזכרו ארץ ישראל, זלגו דמעותיהם, על המקרא הזה, „וירשתם אותה וישבתם בה" אמרו דישיבת א"י שקולה כנגד כל המצוות".

דער רמב"ן האָט אויך אלס באַווייז צו זיין באַהויפּטונג פון דער גמראָ[7] וועגן קנין ארץ, „ובחזקה מנלן? אמר קרא: ושבו בעריכם אשר תפשתם[8], במה תפשתם בישיבה; דבי ר"י תנא וירשתם אותה וישבתם בה[8] במה ירשתם — בישיבה". דער מהרי"ט (ר' יוסף די טראַני, געב. צפת, 1573, נפטר, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 1644) באַ־רירנדיק דעם דאָזיקן רמב"ן, דריקט זיך אויס, אַז פונדאַנען איז גראָד ניט קיין באַווייז צום רמב"ן: „ומכאן תשובה לדברי הרמב"ן, דהרי מהך קרא דוישבתם בה דרשינן הכא לענין חזקה ודינא הוי ולא מצוה". ער איז אָבער שטאַרק מיט דער מיינונג פונעם רמב"ן.

זיין זון, דער מבי"ט איז אויך אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ישוב ארץ ישראל. די מצוה — האַלט ער — איז חל אויף אייביק. ווי אַ רב אין צפת, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך שאלות אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער מצוה און ער ענטפערט פּאָזיטיוו מיט דעם עקסטרעמען חובב־ציון־צוגאַנג.

איין שאלה געפינען מיר[9], וואו אַ ייד פרעגט ביי אים, וועגן אַ נדר, וואָס ער האָט געמאַכט, אַז אויב ער וועט האָבן אין פאַרמעגן אַ גרעסערן סכום געלט אויף צו קענען זיך באַזעצן אין צפת, זאָל ער דאָס מוזן טאָן. דער וואונטש איז מקויים געוואָרן אָבער די דערפילונג פונעם נדר האָט אַנגעטראָפן אויף שוועריקייטן: די עלטערן פון דעם באַטרעפנדן פערזאָן, אויך זיין פרוי, זענען געווען קעגן דער נסיעה. דער מבי״ט האָט גע׳פסק׳נט: ניט פאָלגן עלטערן און פרוי און זיך אריבערציען קיין ארץ ישראל. דער מאָטיוו: „הוא ואביו חייבים לדור בא״י; נאָך אַ טעם: צוויי מצוות עשה, ישיבת ארץ ישראל און קיום הנדר, זענען שטאַרקער ווי די מצוה פון כבוד אָב ואם. ער קאָן אויך צווינגען זיין פרוי, זי זאָל מיט אים פאָרן, אויב ס׳איז ניט קיין סכנה צו וואוינען אין ארץ ישראל[10].

דער מהרי״ט (ר׳ יוסף מטראַני) באמערקט, אַז די ווערטער פון תוספות[11] „עכשיו אין מצוה לדור בא״י, זענען פון אַ שפּעטערער צושריפט, „אינה מיסוד התוספות״[12]. ער מאָטיווירט עס דערמיט„ עיקר הטעם משום קדושת ארץ ישראל ומצות ישיבתה הוא אפילו בזמן הזה בחרבנה.

דער מהרי״ט ווייזט זיך ארויס צו זיין אַ גוואַלטיקער ענטוזיאַסט פאַר חיבת הארץ און איז אַ נאָכפאָלגער פונעם רמב״ן, וואָס האַלט אַז דאָס איז אַ מצות עשה. ער איז מבטל די דערמאָנטע דעה פון ר׳ חיים אין תוספות, אַז עס איז ניט קיין מצוה היינטיקע צייטן צו וואוינען אין ארץ ישראל. נאָך מער, די מצוה פון ישוב ארץ ישראל, מיינט ניט בלויז דאָס קומען אין לאַנד, ניט געקוקט וואָס דאָס אליין גיט אַ חלק עולם הבא, „כל המהלך ד׳ אמות בארץ ישראל מובטח לו שהוא בן עולם הבא . . . ״ די עיקר מצוה, האַלט ער, איז דאָס מקיים זיין די מצוה מיט וואוינען און שאַפן: „אין עיקר המצוה אלע בישיבה והדירה שמה . . . ״

פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט ווי עס זענען געווען חלוקי־דעות וועגן ישוב הארץ, ביי די אמוראים, ווי ר׳ זירא און ר׳ יהודה[13] און פאַרשיידענע מיינונגען וועגן „דוחקיב את הקץ״, וואָס לויט אייניקע בעלי אגדה, דאַרף מען זיי ניט אזוי מרחק זיין[14], אזוי זענען די ויכוחים אָנגעגאַנגען אין אלע דורות און גאָר באַזונדערס אין די רבנישע שו״ת־ליטעראַטור: אין די פריער דערמאָנטע, מבי״ט און מהרי״ט ספרים, אין די שו״ת רדב״ז[15], רשד״ם[16] און אַנדערע, ביז די ספרי האחרונים, ווי מיר וועלן עס וייטער זען.

פון רמב״ם, האָבן מיר געזען, אַז ער האַלט ניט, אַז ישוב א״י בזמן הזה (אין אונזערע טעג, געמיינט נאָכ׳ן חורבן בית המקדש) זאָל זיין מן התורה. ער שרייבט גאַנץ קלאָר[17]: „מצות עשה להחרים שבעה עממין והיא מצוה על כל או״א זה היה מצוה של כיבוש א״י . . . און אין ספר המצוות[18]: מ׳טאָר ניט ארויסגיין פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ סיידן צו לערנען תורה אָדער ווען ער דאַרף הייראַטן...״ ער ברענגט דאָרט די באַקאַנטע מאמרי חז״ל וועגן ליבשאַפט צו ארץ ישראל,

אז זיי האָבן געקושט די גרעניצן פון הייליקן לאַנד און ער ציטירט דעם מאמר: „כל השוכן בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלהי" . . .

אויף אַן אַנדער אָרט[19] זאָגט ער: „לעולם ידור אדם בא"י אפילו בעיר שרובה עכו"ם" . . .

פון די אַלע לשון־פּאָזיטיוויטעטן און ווי זיין שטייגער איז, מעסטן און וועגן יעדן אויסדרוק, איז צו דרינגען, אַז דער רמב"ם מאַכט אַ חילוק צווישן כבוש וואָס איז אַ מצוה פון דער תורה און ישוב א"י נאָכ'ן חורבן, וואָס איז בלויז אַ תקנה פון די חכמים, ווי ער זאָגט עס אין זיין לשון: „אמרו חכמים שהיו מפליגים בשבח של א"י". שווער איז בלויז דאָס לשון „אסור לצאת מא"י לחוץ לארץ", וואָס קוקט ניט אויס צו זיין אַן איסור פון די רבנן.

דער רמב"ן דאַקעגן — ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — האַלט דווקא, אַז די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז פון דער תורה, אויך אין אונזערע טעג. ער שרייבט קלאָר:

„בזכות של ירושתם תזכו לישב בה והמצוה חלה ע"כ או"א, כל דור ודורות ואין לה הפסק[20].

אמת, דאָ רעדט זיך בעיקר וועגן כ י ב ו ש און ערשט ווייטער רעדט ער וועגן „דירת א"י", אָבער פונעם לשון — ניט אַכטנדיק וואָס אויך ער, ברענגט „שהחכמים מפליגים בשבחה" . . . זעט מען, אַז ער איז איבערצייגט, אַז ישוב ארץ ישראל איז אַ מצוה פון דער תורה און ניט אומזיסט ברענגט ער די מעשה פון רבי יהודה בן בתירה . . . און דעם אויספיר, אַז „ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצות[21].

די קדושה פון ארץ ישראל איז גרויס. אין דעם איז ניטאָ קיין מיינונג־פאַרשיידנהייטן. די שכינה רוט דאָרט שטענדיק און טוט אַכטונג אויף דעם הייליקן לאַנד. נאָר אינם הייליקן לאַנד, האָט דער נביא געזען די טריט פונעם בשורה־אָנזאָגער: „על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום"[22]; נאָר דאָרט, שרייט אַפילו אַ שטיין אַרויס די שאַנד פונעם זינדיקער[23]. דאָס לאַנד איז איינגעהילט אין די מיסטישע סודות פון קדושה — „ווילסטו זען דאָס פנים פון דער שכינה — האָט ר' יוסי בן חלפתא געזאָגט צו זיין זון ר' ישמעאל — לערן תורה אין ארץ ישראל"[24]. ס'איז דאָך דאָס לאַנד, וואו „גאָטס אויגן זענען אין איר פון אָנהייב יאָר ביז צום סוף יאָר"[25].

וועגן רש"ים צוגאַנג צו ישוב ארץ ישראל, איז דאָך ניט שייך. דער לערער און פוסק פון פאָלק האָט געהאַט די מערסט באַגייסטערטע באַציאונג צו כבוש, בנין און ישוב הארץ. רש"י פאַנגט אָן זיין פירוש אויף דער תורה מיט'ן מאמר פון רבי יצחק[26] אַז דעריבער פאַנגט זיך אָן די תורה מיט „בראשית" צו ווייזן, אַז גאָט האָט געגעבן די יידן ארץ ישראל. נאָכדעם קומט אַ ריי סופּערלאַטיווע אויסדריקן (אין תנ"ך־פירוש, אין תלמוד און אין ספר האורה פון רש"י) וועגן

לאַנד, ווענן די ליבע צום לאַנד[27], ווענן דער גרויסקייט פונעם לאַנד[28], ווענן די זאָרג פאַר ישוב הארץ[29] און אַז ארץ ישראל בלייבט אייביק אין דער חזקה פון יידישן פאָלק[30].

מיין רבי, דער מהרי״ל גרויבאַרט ז״ל, באַרירנדיק אָט דעם ענין ישוב ארץ ישראל פון הלכה׳שן שטאַנדפונקט[31] ציטירט דעם דערמאַנטן רמב״ן, ביים סוף פון מצוות עשה, מצוה לכבוש ארץ ישראל ולשבת בה, והיא שהחכמים קוראים לה מלחמת מצוה[32].

ער ברענגט, אַז דער מחבר פון ספר „מגילת אסתר״ (אַ פירוש אויף דעם ספר המצוות) איז מחולק אויפ׳ן רמב״ן, האַלט פון דער מיינונג, אין תוספות, אַז די מצוה פון ישוב הארץ איז ניט לדורות און איז בלויז געווען אַ גרויסע מצוה איידער די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות.

ער פאַרענטפערט אָבער אַלע נעגאַטיווע שטעלן אין תלמוד, מיט וועלכע דער מחבר פון מגילת אסתר באַנוצט זיך. ער פאַנגט אָן מיט די פאָלגנדיקע גאָר שאַרפע ווערטער: „ועל כל ראיותיו יש תשובה . . . ״ די שבועה „שלא יעלו בחומה״, האַלט ער, איז געמיינט געוואָרן בלויז אויב ס׳איז פאַראַן אַ גרויסע סכנה, דאַרפן יידן דאָס ניט טאָן, אַפילו ווען די מצוה פון ישוב איז אַזוי גרויס, אַז זי איז „שקולה כנגד כל המצוות״[33]. ער איז אויך איבערצייגט אַז ר׳ חיים אין דערמאָנטן תוספות פון כתובות, פון וועלכן דער „מגילת אסתר״, ברענגט זיך די ראיה, האָט אויך געמיינט בלויז ווען ס׳איז דאָ אַ סכנה און אַן אוממעגלעכקייט מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ, אָבער אין אונזער צייט, ווען אַ ייד האָט אַ מעג־לעכקייט זיך צו באַזעצן אין לאַנד און איר אַנטוויקלען אומגעשטערט איז די מצוות פון ישוב „בתקפה״, אין איר פולער קראַפט.

הרב גרויבאַרט שטעלט זיך אויך אָפּ אויף די ראיות פון דעם מחבר פון „מגילת אסתר״, איבערהויפּט אויף דער ראיה פון ר׳ יהודה[34] אין זיין אינטערפּרעטירונג פונעם פסוק „ושמה יהיו״. דעם פשוט׳ן טייטש, ווייזט ער אָן, איז דאָך געמיינט, אַז די כלי השרת וועלן דאָרט בלייבן, ווי ר׳ זירא זאָגט עס אויפ׳ן אָרט. דער כלל איז דאָך: „אין המקרא יוצא מידי פשוטו״.

עס וואונדערט אים, שרייבט ער, וואָס גראַד ר׳ יהודה, אויף וועמען מען זאָגט אין דער גמרא[35], אַז אים איז ליב געווען ארץ ישראל (חביבה לי׳ ארץ ישראל) אַז גראַד ער, זאָל חלילה מזלזל זיין אין דער מצוה פון ישוב הארץ. מילא, שמואל, זיין רבי, גייט ער ווייטער, האָט ניט געהאַלטן פון פאַרלאָזן בבל און זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, ווייל דאָס האָט דאַן געמיינט ביטול תורה. אין בבל זענען דאַן געווען די גרויסע ישיבות און אין ארץ ישראל איז דאָס דעמאָלט ניט געווען[36].

אָבער — פירט ער אויס — מ׳קען אויפן רמב״ן ניט פרעגן פון דעם מאמר פון ר׳ יהודה, ווייל ס׳זענען געווען אַנדערע אמוראים און פריער תנאים, וואָס

האָבן געזאָגט דעם היפּוך פון רבי יהודה. ס׳האָבן זיך אין אַלע צייטן פון גלות בבל, געפונען תנאים און אמוראים וועלכע האָבן פאַרלאָזט בבל און זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, אָדער לכל הפּחות עולה געווען און דאָרט געוואוינט אַ שטיקל צייט. גענוג צו דערמאָנען: הלל הבבלי[37]; ר׳ נתן הבבלי[38]; רבי חייא[39]; זיין פּלימעניק רב אבא אריכא, געב. כפרי, בבל[40]. רב האָט געלערנט אין ארץ ישראל ביי רבי אלעזר בן ר׳ שמעון און ביי רבי יהודה הנשיא[41]. אויך שמואל, דער גרויסער געלערנטער אין וועלטלעכער וויסנשאַפט, רב יהודה׳ס רבי, אויך ער, האָט געלערנט ביי רבי יהודה הנשיא אין ארץ ישראל און געווען רבי׳ס דאָקטאָר[42], און רבי זירא[43] וואָס האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון דער מצוה צו וואוינען אין ארץ ישראל.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס דער רמב״ם האָט אין זיין ספר המצוות דורכגעלאָזן די מצוה פון ישוב הארץ, ציטירט הרב גרויבאַרט אַן ענטפער פון זיין עלטערן ברודער ר׳ ישכר[44], אַז די מצוה איז ניט אַ באַזונדערע מצוה, נאָר איז פאַרבונדן מיט די מצוות התלויות בארץ, ווי עס ווערט אויסגערעכנט אין דער פרשה פון בכורים, „וירשת וישבת בה״, דאָס מיינט: דעראָבערן אויף מקיים צו זיין אירע מצוות. ער ברענגט אַ באַוויז פון דער גמרא סוטה[45]: פאַרוואָס — זאָגט די גמרא — האָט משה רבנו אַזוי שטאַרק געבעטן, מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אין לאַנד? — צוליב די מצוות! אויב דאָס בלויז וואוינען אין הייליקן לאַנד איז אַ מצוה, וואָלט עס דאָך באַלד קיין פראַגע נישט געווען: „מצוה שבאה לידי אקיימנה . . . ״

אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז דער רמב״ן ברענגט ניט דעם פריער דערמאָנטן פּסוק, נאָר גאָר דעם פּסוק פון פרשה ראה[46]: וירשתם אותה וישבתם בה״ און דאָרט איז שוין ניטאָ די אָפּהענגיקייט פון מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ. דער רמב״ן, ווייזט אויס, האָט בכיוון אויסגעקליבן יענעם פּסוק און דווקא געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס וואוינען אין לאַנד, דאָס אַליין איז אַ מצוה.

דער מהרי״ל גרויבאַרט, דער אויסערגעוויינלעכער פאַרערער פון זיין עלטערן ברודער, איז דאָ ניט מסכים מיט זיין ברודער (באמת אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, אהבת ארץ ישראל האָט דאָ דעצידירט) און ער פרעגט אָפּ די מיינונג פון זיין ברודער אין פאַרטיידיקן דעם רמב״ם. די מצוה פון ישוב הארץ, ווייזט ער אָן, איז אַ מצוה אין דער תורה. אפילו דער מחבר פון ספר מגלת אסתר, גיט דאָך צו, אַז דאָס איז אַ מצוה, געצעכנט צווישן די תרי״ג מצוות, ער זאָגט בלויז אַז דאָס איז געווען אַ מצוה בלויז אין צייט פון יהושע, אין צייט פון ערשטן כבוש. די גמרא[47] וואָס פרעגט, פאַרוואָס משה רבנו, האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט קומען אין לאַנד אַריין, איז דעריבער געפרעגט געוואָרן, ווייל אויב גאָט, וויל ניט, ער זאָל זיין אין לאַנד, פאַלט דאָך שוין במילא אָוועק די מצוה פון ישוב הארץ. דאַרף די גמרא דערקלערן, אַז ס׳איז געווען משה׳ס רצון און חשק מקיים זיין

די מצוות און במילא אויך די מצוה פון ישוב הארץ, ווען השי"ת וועט אים באַוויליקן.

ער איז אויך ניט מסכים מיט'ן ברודער'ס באַהויפּטונג וועגן דער כוונה פון מחבר פון ספר מגילת אסתר: „שאין מצוה זו עד ימות המשיח . . . " דאָן, זאָגט ער, וועט קיין כבוש ניט זיין, ווייל אַלץ וועט דאַך קומען שלא כדרך הטבע . . . ער איז מיט דער מיינונג, אַז אפילו ס'זאָל קיין כבוש ניט זיין, וועט דאַך נאָך אַלץ זיין אַ מצוה פון ישוב ובנין הארץ און באַזונדערס, ווער קען דען וויסן ווי אַזוי דאָס לאַנד וועט ווערן דעראָבערט דורך משיח'ן. צום סוף ציטירט ער פון אבני נזר[48] פּסק'ענט ווי דער רמב"ם[49] אַז „אפילו בזמן הזה כופה עבד את רבו לעלות לארץ ישראל".

דער רמב"ן, ווי באַקאַנט, איז געווען ניט בלויז אַ נאָה דורש, נאָר אויך, אַ נאה מקיים און אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, איז ער פאַרצייכנט, ווי דער ערשטער חלוץ, וועלכער האָט עולה געווען און זיך פאַרנומען מיט שאַפן אַ ישוב אין ירושלים, אין דעם קריטישסטן מאָמענט פון אָרטיקן ישוב[50].

ער האָט עולה געווען אין יאָר ה' אַלפים, כ"ז, לויט דער יידישער צייט־רעכענונג, בעת די יידן אין ירושלים, האָבן דורכגעמאַכט אַ שרעקלעכן קריזיס צוליב דער מאָנגאָלן־מלחמה וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם ישוב, אַזוי אַז אין גאַנץ ירושלים, זענען געבליבן בלויז צוויי יידן. דער רמב"ן, ווי אַ מלאך־מושיע און גואל, האָט צונויפגענומען די רעשטלעך פון ארום און באַנייט דעם ישוב, אויפגעבויט אַ שול, אין געגנט וואָס איז באַקאַנט אַלס חורבה פון ר' יהודה החסיד — אָבער דאָס געהערט ניט צו אונזער איצטיקער אַרבעט.

ג. ר' צבי הירש קאַלישער. — אהבה ביי חובבי ציון. — ר' עקיבא איגר און איידעם ר' משה סופר. — ראַטעוועט דעם תלמיד פון „חרם"־געפאַר.

די ליבשאַפט צו ארץ ישראל איז — ווי געזאָגט — אַלעמאָל געווען גרויס ביי די תנאים און אמוראים. ר' זירא האָט זיך אָנגעהאַלטן אין אַ שטריק און אַזוי אריבער דעם ירדן. ר' אבא האָט געקושט די שטיינער פון עכו („מנשק כיפי דעכו") און רבי חייא בר גמדא האָט זיך געוואָרפן אין דער הייליקער ערד פון ארץ ישראל (מגנדר בעפרא).

„במשך כ 1800 שנה — שרייבט ראובן גפני[1] — מאז נחרבה הארץ והיהודים הגלו מתוכה, קיים קשר אמיץ בין היהודים לארץ ישראל. על אף גזירות־הרשע והרדיפות, — תמיד התקיים ישוב יהודי בארץ, המלא תמיד כמיהה לשחרור ולפדות, כהבטחת חוזיהם ויעודי נבואיהם. יהודי הגולה היו תמיד קשורים לא"י קשר רוחני אמיץ שבא לידי בטוי בגעגועים לראותה ולחיות בה. התקוה היהודית לשוב לארץ באה לידי בטוי גם ע"י תנועות משיחיות רבות. התרבות היהודית המקורית נוצרה בא"י ובקשר אתה

ובאה לידי בטוי בתנ"ך, במשנה, בספרות התלמודית הגדולה שלאחרי־בן, בקבלה ובחסידות . . . "

פרומע יידן, תורה־יידן, האָבן אָט די ליבשאַפט און באַציאונג צו ארץ ישראל קיינמאָל ניט געענדערט. די דאָזיקע ליבשאַפט־באַציאונג איז ניט געווען אָפּהענגיק פון וועלכער ניט איז קאָניוקטור, פּאָליטישער אָדער ווירטשאַפטלעכער גורם. עס איז געווען אַן אייביקע ליבשאַפט, וואָס האָט יידן געגעבן די יורידיש־היסטאָרישע רעכט אויף ארץ ישראל.

די רעליגיעזע חובבי ציון זענען געווען באַהויכט פון אָט דער דאָזיקער געהייליקטער אהבה, שאינה תלויה בדבר, אַן אהבת הארץ וואָס האָט אַ שייכות צום ואהבת את ד' אלקיך, אין דער בחינה פון „הדר בארץ ישראל—דומה כמי שיש לו אלהי".

איינער פון די „ראשונים לציון", רצ"ה קאַלישער (ליסע, ב' ניסן, תקנ"ה; נפטר ה' מרחשון, תרל"ח), די אידעאַלע פּערזענלעכקייט, אוהב ישראל און ארץ ישראל, תלמיד פון רבי יעקב ליסער און רבי עקיבאַ איגר, האָט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן געווידמעט חיבת ציון און ישוב הארץ. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ספר אונטערן נאָמען „דרישת ציון[2] אין וועלכן ער אַגיטירט פאַר דעם פּראַקטישן שיבת ציון און אין וועלכן ער ווייזט אָן, אַז קרבנות קענען זיין דערלויבט אין אונזער צייט, פאַר'ן קומען פון משיח. ער דריקט זיך אויס:

„גאולת ישראל אשר אנחנו מחכים לה אל יחשוב החושב, כי פתאום ירד השם ית' משמים ארץ לאמור לעמו צאו, או ישלח ברגע מן השמים לתקוע בשופר גדול אל נצח ישראל . . . לא כן. ודאי כל יעודי הנביאים יקיימו באחרית הימים, ולא במנוסה נלך, ולא בחפזון יום אחד, כי אם מעט מעט תבוא גאולת ישראל... ראשית הגאולה תהי' על־ידי התעוררות רוח נדיבים וע"י רצון המלכיות לקבץ . . . פזורי ישראל לאדמת קודש . . . "

זיין ספר, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. משה העס דערמאַנט אים מיט גרויס כבוד און רעכנט זיך מיט זיינע געדאַנקען[3]. די גרויסע שטיצע און הילף האָט ער געקראָגן פון זיין חבר דעם גרויסן גאון־מקובל ר' אליהו גריידיצער (אויך אַ תלמיד פון ר"ע איגר, געב. תרנ"ו, געווען רב 54 יאָר, אין גריידיץ — 34 יאָר), אין זיין הסכמה אויפ'ן ספר „דרישת ציון", שרייבט ער:

„שפטו נא אתם חרדי ה' והמאמינים בעיקרי דתנו הקדושה, וגם אבירי הלב אשר נמו שנתם, ראו ההיתה כזאת עד עתה להשיב שבותנו . . . חסדי המלכים השרים והחושבים עלינו בתשועת ד' ית' לאהוב אותנו ולהרים דגלנו בין דגליהם . . . וגם זיכה ה' לעמנו אשר נמצא בינינו אדירים אשר לא היה כזאת מיום גלויתנו . . .

ולכן גם עלינו לאמר קמתי אני לפתוח לדודי . . . ועצת המחבר בדרישת

ציון וארץ נושבת הם כראי מוצק ועושו לזה . . . כי רק אז יאיר אור הטוב בעולם . . . ״

אין זיינע בריוו צום טשעכאַנאָווער רב ר׳ אברהם לאַנדא, און צום קאַלישער רב ר׳ חיים אלעזר וואקס ברייטערט ער אוים דעם דאָזיקן געדאַנק[4] אַז די גאולה וועט קומען אויף אַ נאַטירלעכן וועג. צום לעצטן שרייבט ער:

„הנה אם היה בכחי לעשות פעם נסיעה להשתעשע עם כבוד גאונו ובצרוף רבני פאַלען לפקח על עסק הקדוש ישוב ארץ ישראל הייתי מדלג על ההרים לבא שם אבל תש כחי, ולבקש את כבוד גאונו למצוא מבוא לבוא לכאן ארחיב לבי, על כן אניח הכל לרצון הבורא ית׳ ואצלי דבר ברור שאם יקיימו ישראל שיתחילו לעבוד אדמת הקדוש בסך ק״ל משפחות שתהי׳ אז התחלת הגאולה גם כשלא יהיו ראויים לכך . . . ״

ר״א גוטמאַכער, דער גריידיצער רב, איז נפטר געוואָרן אסרו חג סוכות, תרל״ה, צוויי וואָכן פאַר רצ״ה קאַלישער — און זיין נשמה איז אויסגעהויכט געוואָרן מיט׳ן לעצטן וואונטש זיינעם, אַז יידן פאַרבינדן זיך אויפס׳ניי מיט ארץ ישראל און עס פאַנגט זיך אָן די תקופה פון אתחלתא דגאולה.

רב צבי הירש קאַלישער האָט געהאַט אַ סך קעגנער צו זיינע עקסטרעמע שיבת־ציון געדאַנקען.

מיט אַ צייט צוריק, האָט ר׳ חיים אפרים בלאָך פאַרעפּנטלעכט אַ בריוו[5] פון ר׳ צבי הירש חיות צו ר׳ אלי׳ גוטמאַכער, אין וועלכן ער ווענדט אָפּ די מיינונג, אַז „ס׳איז אַ חוב פון דער תורה עולה צו זיין קיין ארץ ישראל״ און ער בעט פון ר׳ אליהו׳ן, ער זאָל משפיע זיין אויף הרב קאַלישער, זיין פריינט און שכן, אַז ער זאָל אָפּשטעלן זיין פריידיקן לטובת ישוב ארץ ישראל.

ר״ח בלאָך האָט פאַרעפּנטלעכט נאָך אַ בריוו, געשריבן פון ליסער רב, ר׳ יעקב לאָרבערבוים, קעגן דער אַגיטאַציע פאַר דער באַנייאונג פון ישוב ארץ ישראל[6].

די בריוו האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם אין רעליגיעזע (באַזונדערס אין מזרחי) קרייזן אין ישראל.

שמואל הכהן וויינגאַרטן[7] פרעגט אָפּ די אויטענטישקייט פון די דאָקומענטן. ער באַשולדיקט, אַז די בריוו זענען פאַלשע און אַלס באַוויז, אַז עס קען ניט זיין אַז רצ״ה חיות זאָל זיין קעגן ישוב ארץ ישראל, ברענגט ער פון זיין ספר „תורת הנביאים״ (פרק ז׳) וואו ער זאָגט אָפן און קלאָר: „שמצות ישוב ארץ ישראל היא מדאוריתא״, אַז די מצוה פון וואוינען אין הייליקן לאַנד, איז פון דער תורה. נאָך מער: מ׳האָט ניט גערעכנט עס פאַר אַ מצוה, דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אין פסוק „בבלה יבואו ושמה יהיו עד יום פקדי אותם, כי מצוה זאת היא היפך ממצות התורה, שנצטוינו בשעת מתן תורה לרשת את הארץ ולהאחז בה״.

וו. באַווייזט, אַז ר׳ צבי הירש חיות האַלט ווי דער רמב״ם, אַז מצות ישוב א״י איז דאוריתא (? — נ. ש.) און אַז דער רמב״ם[8] איז גאָר גורס „העולה מבבל לשאר הארצות" און ניט ווי דער לשון איז, „מבבל לא״י".

י. ד. בית הלוי, אין זיין מאָנאָגראַפיש ווערק וועגן ר׳ צבי הירש חיות[9] שרייבט צווישן אַנדערן:

איך האָב נאָך אַ באַוויז, אַז דער אינהאַלט פון בלאָכ׳ס פאַרעפנטלעכטן בריוו, איז אין קעגנזאַץ צו דער שיטה פון הרב חיות, פון זיין אייגן ספר שו״ת[10] און הוראה־ספר[11] אין וועלכן ער ווייזט אָן, אַז די תנאים האָבן זיך נוהג געווען, אַז אַפילו נאָכ׳ן חורבן פונעם צווייטן בית המקדש, האָבן זיי עולה רגל געווען קיין ירושלים און האָבן דאָרט מקריב געווען קרבנות און ער פירט אויס להלכה, אַז אויך היינט דאַרף מען מקריב זיין דעם קרבן פסח אין ירושלים[12].

ר״ח בלאָך באַשטייט אָבער אויף דאָס זייניקע און אין זיינע ספרים, באַמיט ער זיך צו באַווייזן די אויטענטישקייט פון די בריוו.

ס׳האָט אים אָבער, רצ״ה קאַלישער׳ן, ניט געפעלט קיין קעגנער צו אָט דעם אידעאַל זיינעם פון פּראַקטיצירנדיקן שיבת ציון. די קעגנער זיינע, האָבן אים אָנגעוויזן, אַז ניט איינער פון די גדולי ישראל פאַר אים, האָט זיך ארויס־געזאָגט קעגן פאַרלאָזן די גלות־לענדער און זיך באַזעצן אין ארץ ישראל.

אין זיין אינטערעסאַנטער שטודיע וועגן יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד, ציטירט שמעון הובערבאַנד[13] הי״ד פון רבי אברהם פליפ (געלעבט אין צפת אין 16־טן יאָרהונדערט) וועלכער האָט געשריבן צו רבי יהודה אין ווענעציע: „כמר דוד קאפליש אמר לי, שאדוני אמר לו, שידבר עמי איך דעתי נוטה אם יבוא לארץ ישראל או לא? ידוע למכ״ת שיותר נ״ל לשבת בארץ רוסיא ולהרביץ תורה בישראל מאשר יבואו לארץ ישראל כי לעת עתה ארץ ישראל מבולבלת מאד[14].

ר׳ דוד קאַפּליש האָט מיר דערציילט, אַז איר, מיין הער, האָט אים געהייסן מיט מיר איבעררעדן, צי איז מיין מיינונג, אַז איר זאָלט קומען קיין ארץ ישראל. זייט וויסן, אַז מיר איז ליבער צו זיצן אין לאַנד רוסיא, צו פאַרשפּרייטן תורה צווישן יידן, ווי צו קומען קיין ארץ ישראל, ווייל ביים איצטיקן מאָמענט איז ארץ ישראל צעטרייסלט.

איינער פון די קעגנער פון ר׳ צבי־הערש קאַלישער׳ס שיטה פון שיבת ציון, איז געווען דער לעמבערגער רב, ר׳ מרדכי זאב איטינגא (מחבר פון מפרשי הים אויף ש״ס). ער האָט פאַרלאַנגט פון די גדולי הרבנים און רביים אין גאַליציע און פּוילן, מ׳זאָל עפנטלעך ארויס קעגן די צוויי „דייטשע" גדולים ר׳ צבי קאַלישער און ר׳ אלי׳ גריידיצער. ער האָט פאַררופן אַן אסיפה אויף וועלכער ס׳זענען געווען אַנוועזנד: דער סאַנדזער רב, רבי חיים האַלבערשטאַם, רבי צבי־הירש רימאַנאָווער, ר׳ צבי אלימלך שפּירא פון דינאָוו, ר׳ מאיר׳ל פּרעמישלאַנער, דער בראָדער רב און מגיד ר׳ שלמה קלוגער און אַנדערע. עס

האָט געהאַלטן ביי אַ חרם, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן. אָבער רמ"ז איטינגא, דער פאַררופער פון דער דאָזיקער כנסיה לשם שמים, האָט זיך איינגעשטעלט קעגן אַרויסרופן אַ חרם און פאַרלאַנגט מ'זאָל פריער אָנפרעגן ביים גדול־הדור ר' עקיבא איגר און ביי זיין איידעם ר' משה סופר, (דער חתם סופר), זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם ענין און אַז זיי זאָלן אויך ענטפערן, צי מען מעג מקריב זיין קרבנות, ווען דער בית המקדש איז ניט אויפגעבויט; צי מען מעג זיך אומקערן קיין ארץ ישראל און אַרויסרופן אַ מאַסן־באַוועגונג פאַר אַזא עליה, ווען משיח איז נאָך ניט געקומען, ווי עס האָבן פּראָפּאַגירט די צוויי פירענדע פּערזענלעכקייטן, חובבי ציון[15].

דער חתם סופר, איז געווען, ווי באַקאַנט, אַן אומגעוויינטלעכער חובב ציון און אין אַלע זיינע ספרים, אַזוי אין הלכה און אַזוי אין דרוש, רעדט ער אַלץ וועגן ישוב ארץ ישראל. ער פאַרבינדט זיין לעבן, זיין נשמה מיט ארץ ישראל און האָפט זוכה צו זיין צו געפינען זיין אָרט אין ירושלים: „מי יתן ויזכני הי"ת להיות ממישבים של ירושלים"[16]. ער איז איבערצייגט, אַז נאָר אין ארץ ישראל קען מען ריכטיק פאַרשטיין תורה[17].

ס'איז ניט קיין וואונדער וואָס ער האָט פולהאַרציק אונטערשטיצט ר' צבי הירש קאַלישער'ס פּלאַן, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין הלכה ספר[18] און ער האַלט, אַז דער „ואספת דגנך" איז געמיינט בלויז ארץ ישראל, ווייל ערד־אַרבעט אין הייליקן לאַנד, איז אַ מצוה צוליב ישוב א"י און אַ מענטש האָט ניט קיין רעכט צו זאָגן, איך בין פאַרנומען מיט לערנען, קען איך זיך ניט פאַרנעמען מיט באַאַרבעטן פעלדער. דאָס עוסק זיין אין ישוב איז וויכטיקער און האָט פּריאָריטעט.

הרב יקותיאל גרינוואַלד, שרייבט[19], צווישן אַנדערן:

בשנת תקס"ג כבר ישבו כמה תלמידים של בעל חת"ם בירושלים . . . הוא דאג להם כל הזמן וכשקם רב אחד (יונתן אלכסנדרזאן, רב בטשאבא באונגאריה) והלשין על בעל חת"ם לפני שופטי עיר מישקולץ שהוא שולח מעות לחוץ לארץ לזוללים וסובאים, לנבזים ולרמאים, שילם לו כמדתו בכל תוקף ועוז והגין בכל כחו על כסף זה ותמך בעולים . . . "

נאָך איינער פון די באַרימטע פּוסקים אין לעצטן דור, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די חובבי ציון, איז געווען דער ווילנער מורה הוראה, ר' שלמה הכהן, צו וועמען ס'האָט זיך געווענדט מיט אַ שאלה ר' משה כ"ץ פון אָמסק, רוסלאַנד, וועלכער האָט געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע „נס ציונה" (די געהיימע אָרגאַניזאַציע אין וואָלאָזשינער ישיבה) און באַקומען אַן ענטוזיאַסטישן בריוו.

„זייט געבענטשט — שרייבט ער צווישן אַנדערן — וואָס איר באַטייליקט זיך אין דער דאָזיקער מצוה וואָס האָט נישט איר גלייכן זינט מיר זענען

פאַרטריבן געוואָרן פון אונזער לאַנד . . . צו זעליקן די ציון־ערד און צו באַזעצן אונזער הייליקן באָדן . . . און מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ . . . ״ ער איז טאַקע געווען איינער פון די גרינדער פון די חובבי ציון באַוועגונג אין ווילנע, אין יאָר תרמ״ב (1882).

אז מ׳זאָגט „אלף״ — זאָגט מען שוין „בית״ און רבי שלמה הכהן, דער פוסק און זקן־ההוראה פון ווילנע, האָט זיך שפּעטער איינגעשטעלט פאַר דער דאָזיקער שיטה און אפילו אַרויסגעקומען מיט אַ „גלוי דעת״[20] קעגן די קעגנער פון חיבת ציון. ער האָט אַרויסגעוויזן גוואַלטיקע סימפּאַטיע — ווי הרב מימון ניט איבער אין זיינע זכרונות — צום פּאָליטישן ציוניזם.

אין זיין שטודיע וועגן עליה קיין ארץ ישראל, באַשרייבט הרב מיימון[21] די פאַרשיידענע עליה עפּאָכעס: ער דערמאָנט די עליה באַוועגונג אין ענגלאַנד מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, אָנגעפירט פונעם לאָנדאָנער רב, ר׳ יעקב, האָבנדיק מיט זיך, דריי הונדערט באַוואוסטע רבנים, צווישן זיי, ר׳ יונתן מלוניל, בן־דור און תלמיד פונעם רמב״ם; ר׳ שמשון בן אברהם (הר״ש משאנץ) קעגנער פון רמב״ם.

שפּעטער, איז אַן עליה־באַוועגונג אָנגעגאַנגען אין די לענדער פון דייטשן פּראָטעקטאָראַט, און דער הויפּט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, איז געווען דער באַרימטער פּוסק און קדוש רבי מאיר מרוטנבורג. ער איז אַרויס מיט זיין בני בית, דערגרייכט ביז לאָמבאַרדיע, וואַרטנדיק אויף אַ שיף. דערווייל האָט מען אים גע׳מסר׳ט און ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער ענזיסהיים־פעסטונג און דער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן[22].

די גרעסטע עליה פון ספרדישע יידן, איז געווען נאָכ׳ן גירוש שפּאַניע אין 1942. דאָס איז געווען 200 יאָר נאָך דער גרינדונג פונעם נייעם ישוב אין ירושלים, דורכ׳ן רמב״ן[23].

הרב מימון שילדערט[24] דעם מאַטעריעלן מצב אין לאַנד, בעת יענער גרויסער עליה. די יידישע באַפעלקערונג איז דאַן געווען פאַרנומען ביי פּרימיטיווע אַרבעטן, ביי שמידעריי, סטאָלעריי און צוליב דעם קריזיס און געדריקטן מצב האָבן זיי געהאַט גענוג אויסצושטיין פון די אָרטיקע תושבים[25].

דאָס — האַלט ער — האָט צוריקגעהאַלטן אשכנזישע רבנים עולה צו זיין. ניט אומזיסט שרייבט ר׳ ישראל ב״ר פתחיה איסרלין (באַוואוסט אין דער רבנישער און הלכהשער וועלט אַלס בעל „תרומת הדשן״) אַז כאָטש עס איז אַ מצוה עולה צו זיין, זאָל מען זיך צוריקהאַלטן צוליב די אָרטיקע שלעכטע מענטשן: „בודאי, שבח גדול ומעלה יתרה יש לו לאדם הדר בארץ ישראל, אמנם שמענו כמה פעמים שיש שם בני ברית מערביים נחשבים לרשעים גמורים, מוסרים מפורסמים, והם טורדים ומבלבלים האשכנזים שהם שומרי תורה[26].

איז דאָ ניט דער פּלאַץ זיך אָפּשטעלן וועגן די עליות ארץ ישראל. מיר ווילן אָבער ברענגען אין שייכות מיט דער מעלה פון ארץ ישראל, נאָך עטלעכע פאַקטן.

ווי באַקאַנט, זענען אין מיטלאַלטער געווען די צוויי גרויסע צענטערן, ירושלים און צפת. די לעצטע, איז געוואָרן דער צענטער פון די מקובלים און מיסטיקער־פילאָזאָפן.

די צוויי גדולי הדור אינם פופצענטן יאָרהונדערט, זענען געווען ר׳ יעקב בי רב און ר׳ לוי בן חביב (הרלב״ח)

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, ווערנדיק פאַרטריבן פון קאַסטיליע, איז מהר״י בי־רב אָנגעקומען אין ארץ ישראל. ער ווערט טיטולירט: „יחיד בדור, עמוד גולת אריאל, צדיק יסוד עולם״. ר׳ לוי בן חביב, ווידער איז צוזאַמען מיט זיינע עלטערן פאַרטריבן געוואָרן פון פּאָרטוגאַל[27] און דעם גאַנצן לעבן געוואַנדערט, ביז ער האָט דערגרייכט אין עלטער פון פופציק יאָר, די מקובלים־שטאָט צפת, וואו זיין בן־דור ר׳ יעקב בי־רב, האָט זיך פאַרנומען מיט באַנייען סמיכה אין ארץ ישראל, געפינענדיק דערויף אַ קלאָרן באַווייז אין רמב״ם[28]. ווי ר׳ לוי שילדערט, האָבן זיך פאַרזאַמלט פינף־און־צוואַנציק חכמי צפת אין יאָר „המשת אלפים, מאתים ותשעים ושמונה שנה לבריאת העולם, וברּרו לגדול שבהם בחכמה ובמנין, החכם השלם הרב הגדול מהר״י יעקב בי־רב שיהי׳ סמוך וראש ישיבה ורב יתקרי״ . . .[29].

דער מהר״י בי־רב איז אויפ׳ן דאָזיקן סמך, געוואָרן דער הויפּט פון דער באַנייטער סנהדרין און ערשטער מוסמך.

זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן דער געשעעניש צו די רבנים אין ירושלים, באַזונדערס צום מהרלב״ח — און דער לעצטער איז אַרויס אין מחלוקה קעגן מהר״י בי־רב און זיך פאַרמאָסטן מבטל צו מאַכן סמיכה און דער קאַמף האָט געפלאַקערט אין דער גאַנצער יידישער וועלט[30].

וועגן דער דאָזיקער באַרימטער מחלוקה, האָבן אַלע פאָרשער געשריבן און אַלס סמך פאַר זייער פאָרשונג האָבן זיי אויסגענוצט די ווערק פון די צוויי באַרימטע ספרדישע גדולים[31] און ביז היינט הערט מען אַלע מאָל וועגן באַנייען סמיכה, שאַפן אַ סנהדרין און מאַכן ישראל אַלס מקום „שמשם תצא ההוראה לישראל״.

איינער פון די הויפּט־פּראָפּאַגירער פון דער סנהדרין באַנייאונג איז געווען הרב י. ל. הכהן מימון (פישמאַן) דער וועטעראַן מזרחי־פירער, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין איינער פון די גרינדער פון מדינת ישראל[32].

ארץ ישראל האָט תמיד געהאַט חשיבות און ווערט אָנגערופן „גאָט׳ס נחלה״ אינ׳ם פשוט׳ן און אינעם העכערן זין פון די ווערטער: איינפאַך און סימבאָליש און ניט אומזיסט זענען פאַראַן אַזויפיל הלכות וואָס שטעלן אַזוי הויך

דעם ישוב ארץ ישראל, אז אפילו צוליב כבוד פון א מוטער טאָר מען נישט ארויס פון לאַנד[33] און די משנה[34] לערנט, אז מען דאַרף עולה זיין, אפילו פון א בעסערער צו אַן ערגערער וואוינונג און סיי מאַן און סיי פרוי קענען צווינגען איינער דעם אַנדערן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל.

דער תלמוד גייט אַזוי ווייט צו דערקלערן, אַז דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, איז, ווי ער וואָלט געהאַט א גאָט[35] און ווער ס'איז באַערדיקט אין ארץ ישראל, איז ווי ער וואָלט געליגן הינטער דעם מזבח.

אין א לענגערן מאמר וועגן ארץ ישראל[36], באַרירט הרב בן ציון מאיר חי עוזיאל, די מצוות וואָס גייען אָן בלויז אין לאַנד (מצוות התלויות בארץ) און די מצוות וועלכע זענען א חובת הגוף . . .[37].

חובת קרקע, רופט ער אַזעלכע פליכטן צו וואָס דאָס פעלד איז פאַרפליכטעט און די תבואה איז ניט דערלויבט, ביז דער חוב ווערט דערליידיקט. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן: תרומות און מעשרות; מעשר שני; מעשר עני[38] און ניט בלויז אין ארץ ישראל, נאָר אויך די לענדער אַרום ישראל, ווי בבל, אדום, עמון, מואב, סיריע, מצרים[39] און אַנדערע.

די מצוה האָט צו טאָן מיט ישוב הארץ און מיט דער פאַרשטאַרקונג פונעם קאָלאָניזירונג.

די פאַרהייליקונג פון ארץ ישראל האָט אויך געבראַכט, אַז דער תלמוד ירושלמי, די מחברים פון ירושלמי, זאָלן אפילו פון די חכמי בבל, (אַמוויינציקסטנס ביי אייניקע פון זיי), ווערן געהאַלטן העכער און הייליקער[40]. רבי זירא, נאָכ'ן עולה זיין קיין ארץ ישראל, איז געזעסן הונדערט תעניתים צו פאַרגעסן די בבלישע גמרא[41]. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פאַר זיך. דאָס האָט צו טאָן, צי מיר פּסק'ענען בלויז ווי דער תלמוד בבלי, אָדער אויך ווי דער ירושלמי, כאָטש דאָרט פעלט די דיסקוסיע און פאָלעמיק־פאָרם, אָבער דאָך די מעלה פון תורת ארץ ישראל.

ד. תלמוד בבלי און ירושלמי. — מצוות התלויות בארץ. — סנהדרין. — ווער איז באַרעכטיקט צו מאַכן עיבור־יאָר.

איינער פון די רבנישע פאַרשער, ר' יקותיאל יהודה גרינוואַלד ז"ל, גראָד א שטאַרקער קעגנער פון באַנייען די סנהדרין־סיסטעם אין אונזער דור, גראָד ער, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט א ספר אין וועלכן ער באַמיט זיך צו שטעלן גאָר הויך דעם תלמוד ירושלמי[1], אין א געוויסן זין, העכער פונעם בבלי און ער באַווייזט, אז די ראשונים אין הלכה, האָבן א סך מאָל געפּסקנט ווי דער ירושלמי, אפילו ווען עס איז געווען אין קעגנזאַץ צום פּסק־הלכה פון אמוראים אין בבל, און דאָס — לויט זיין מיינונג,

— צוליב תורה מציון . . .

ער ברענגט דעם באַקאַנטן מאמר[2], אַז די תורה איז שוין געהאַט פאַרגעסן געוואָרן אין ארץ ישראל, זענען געקומען רבי חייא מיט זיינע קינדער און איר באַנייט . . . פונדעסטוועגן, איז רבי זירא געזעסן פערציק תעניתים צו פאַרגעסן תלמוד בבלי, „דלשתכחא תלמוד בבלאה מיניה"[3]. דער כלל איז אָנגענומען געוואָרן אַז „אין תורה כתורת ארץ ישראל" . . . ארץ ישראל, די קדושה פון ארץ ישראל, די „אוירא דארץ ישראל" איז „מחכים".

ווי עס איז באַקאַנט, איז אין דער צייט פון רבי זירא אַרויסגעגעבן געוואָרן שלעכטע גזירות אויף יידן אין בבל און דאַן איז אָנגעפירט געוואָרן אַ העפטיקע אַגיטאַציע צו באַנייען לימוד התורה אין הייליקן לאַנד. מען איז אַרויסגעקומען מיט לאָזונגען, אַז בבל מיינט פינסטערניש און אין פינסטערניש ווערן געשאַפן די הלכות[4]. אין צייט פון רבינא און רב אשי — די פאַרפאַסער פון תלמוד בבלי, איז אין בבל צוריק איינגעשטעלט געוואָרן שלום און פאַרקערט אין ארץ ישראל, זענען אַרויסגעקומען די שווערע גזירות, האָט מען געענדערט די דאָזיקע איינשטעלונג, די חכמים פון יענע דורות, האָבן אויסן געווען דורך אַלע מעגלעכסטע אופנים שטאַרקן תורה לערנען, תורה וויסן ... דאַן איז בבל געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, „מימות רבי עד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד"[5]. בבל איז ווידער געוואָרן די „אַכסניאָ של תורה" און ווי פריער, האָבן איניקע חכמים פאַרלאָזט ארץ ישראל און געפאָרן קיין בבל לערנען תורה[6].

דער קשר צווישן ארץ ישראל און די גלות לענדער האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן נאָכ'ן חורבן דורך פאַרשיידענע אופנים און גאָר באַזונדערס וואָס שייך „קידוש החודש" און „עיבור שנים" — דאָס דערקלערן דעם טאָג אַלס ראש־חודש, און דאָס אַרויסשיקן די שליחים, איז געקומען דירעקט דורך דעם בית־דין הגדול אין ירושלים. ווען דאָס איז געוואָרן אוממעגלעך, האָט מען דאָס מעבר זיין יאָרן, דערגרייכט צו גלות־לענדער דורך בריוו[7]. אין איניקע אויסעראָרדנטלעכע פאַלן, ווען אין ארץ ישראל, האָט מען ניט געקענט מעבר זיין, האָט מען דאָס געטאָן אין חוץ לארץ.

ירמיה — ווערט דערציילט — „עיבר בחוץ לארץ", יחזקאל עיבר בחוץ לארץ, ברוך בן נריה עיבר בחוץ לארץ . . . און וועגן רבי עקיבא, ווערט געזאָגט: „רבי עקיבאָ הלך לנהרדעא לעבר השנה"[8]. רבי מאיר[9], אויך ר' חייא בר זרנוקאָ און ר"ש בן יהוצדק האָבן דערקלערט אַן עיבור־יאָר אין אויסלאַנד, אין אסיאָ[10]. דער ברודער'ן־זון פון רבי יהושע, גיט איבער רבי אבהו, איז געגאַנגען אין גלות, כדי צו קענען מאַכן עיבור אַ יאָר און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פראָטעסטן מצד די ארץ ישראל רבנים, וועלכע האָבן געשיקט צו אים צוויי תלמידי חכמים, אים צו שטערן דורכפירן עיבור אין גלות[11].

אין אכטן פרק פון פרקי דרבי אליעזר, ווערט איבערגעגעבן גאר אינטערעסאנטע ענינים, בנוגע עיבור־שנים אין חוץ לארץ. ס'ווערט דערציילט, אז סיי אברהם אבינו און סיי יצחק, האבן געמאכט עיבור־יארן. ווען יעקב האט געוואלט מאכן אן עיבור־יאר אין גלות, האט אים אבער גאט זאפארט אפגעשטעלט און אים געווארנט, אז ער האט ניט קיין דערלויבעניש צו דערקלערן ע י ב ו ר אין חוץ לארץ.

דער רמב"ם[12] פסקענט, אז „אין מחשבין וקובעין חדשים ומעברים שנים אלא בארץ ישראל, שנאמר כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים. ואם היה אדם גדול וקובע חדשים ומעבר שנים בחוץ לארץ, ואם נודע לו שנעשה בארץ ישראל אדם גדול כמותו ואין צריך לומר גדול ממנו הרי זה אסור לקבוע ולעבר בחוץ לארץ ואם עבר וקבע ועיבר לא עשה ולא כלום".

דער רמב"ם שטיצט זיך דא אויף דעם מאמר אין תלמוד[13], אז ווען ר' חנינא דער ברודער פון ר' יהושע איז געקומען אין גלות האט ער דורכגעפירט עבור יארן און באשטימט די טעג פון חודש . . . האט מען צו אים געשיקט צוויי תלמידי חכמים, ר' יוסי בן כפר און אייניקל פון זכריהו בן קבוטל . . . און אים מוכיח געווען, האט ער זיך פאררופן אויף רבי עקיבא בן יוסף, אז ער האט אויך מעבר געווען אין גלות, האבן זיי אים געענטפערט: הנח לר' עקיבא שלא הניח כמותו בארץ ישראל . . . האט ער גע'טענה'ט, „אף אני לא הנחתי . . . האבן זיי אים געענטפערט: „גדיים שהנחת נעשו תיישים . . .

אינטערעסאנט איז, וואס אין פרקי דרבי אליעזר ווערט געזאגט, אז אפילו ווען ס'איז ניט געבליבן אין ארץ ישראל א גדול כמותו, האט ער אלץ ניט קיין רעכט מעבר שנים צו זיין אין חוץ לארץ[14]. אין תוספות[15], ווערט געזאגט, אז אויב מ'קען ניט מעבר זיין אין ארץ ישראל מעג מען דאס טאן אין בבל . . . ווי דאס האבן געטאן די נביאים, ירמיהו, יחזקאל און אנדערע. (תוספות פרעגט אויך, פארוואס אין דער גמרא ברכות, לערנט מען ארוים פונעם פסוק: „כי מציון תצא תורה" . . . און אין סנהדרין פונעם פסוק „לשכנו תדרשו". דער מהרש"א דערקלערט דאס, אז פונעם לשכנו תדרשו . . . לערנט מען ארוים, נאר ווען דער בית המקדש איז אויפגעשטעלט און פון כי מציון . . . אפילו בזמן שאין בית המקדש[16]).

פארשטייט זיך, אז דאס אלץ איז א רעזולטאט פון דער גרויסער ליבשאפט צום לאנד מצד די חז"ל. זיי האבן אלץ געטאן „כדי לחבבה" . . . צו מאכן דאס לאנד ליב און טייער ביי יידן און ווירקן אויף יידן, ניט צו פארלאזן דאס הייליקע לאנד.

ניט אומזיסט איז געקומען אט דער מוראדיקער שטרענגער אנזאג, וואס מיר האבן פריער ציטירט, אז „ווער ס'וואוינט אין חוץ לארץ, איז געגליכן ווי ער וואלט קיין גאט חלילה ניט געהאט", אדער „ווי ער וואלט געדינט צו די

אָפּגעטער[17], אַז עס איז גלייכער, אַ ייד זאָל וואוינען אין ארץ ישראל, אַפילו ווען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג, איז ניט קיין יידישע, איידער אַ שטאָט אין חוץ לארץ, וואָס איז אינגאַנצן באַוואוינט פון יידן און נאָך מער, אַז די מצוה פון ישיבת ארץ ישראל איז „שקולה כנגד כל המצוות"[18]. אַפילו אין הונגער־יאָרן ווערט געזאָגט — אויב מ'קריגט נאָר עסן, ווי טייער ס'זאָל ניט זיין אַפילו ביז אַ סאה פאַר אַ סלע, טאָר מען ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד[19].

באַרימטע תנאים און אמוראים האָבן פאַרלאָזט בבל און זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, צווישן זיי: הלל הבבלי; ר' נתן[20]; ר' חייא. ר' שמעון בן יוחי האָט ניט געלאָזט זיינע תלמידים פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זוכן גליק אין אויסלאַנד, געהאַלטן, אַז דאָס ברענגט שטראָף און אַפילו זכות אָבות וועט דאָ ניט העלפן[21]. ווען רבי חנינא האָט — ניט ווילנדיק — דערלויבט רבי שמעון בר אבא צו פאָרן אין אויסלאַנד, האָט דער לעצטער ניט מצליח געווען און ער האָט אים געשיקט אויף הוצאות צוריקצוקומען[22].

די חז"ל זענען געגאַנגען אַזוי ווייט אין לויבן דעם מענטש וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, אַז זיי דריקן זיך אויס, אַז דער וואָס וואוינט אין הייליקן לאַנד, ווערן אים זיינע זינד פאַרגעבן און ער האָט עולם הבא[23] און דער וואָס שפּאַצירט אַפילו אַ שעה אויפ'ן הייליקן באָדן, איז אים געזיכערט עולם הבא[24].

אַפילו צו ווערן באַערדיקט אין ארץ ישראל איז געווען פאַר זיי וויכטיק, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז ס'איז פונקט ווי ער וואָלט נקבר געוואָרן אונטערן מזבח[25]. אומצעליקע דינים זענען געשאַפן געוואָרן אויף צו שטאַרקן ישוב ארץ ישראל און אויף צו באַווייזן די הויכקייט פון קדושת ארץ ישראל.

ס'זענען געווען וואָס אַן אמת צייטן, ווען בבל איז געשטאַנען העכער אַלס תורה און קולטור־צענטער, אָבער קיינמאָל ניט געהאַט די קדושה פון ארץ ישראל.

די חז"ל דרשענען אויפ'ן פסוק „לא יסור שבט מיהודה" — אלו ראשי גלויות שבבל[26], אַז פון בבל האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן די תורה. צו רב הונא'ען זענען געווען כפוף אַפילו רבי אמי ורבי אסי די „כהני דארץ ישראל"[27] און ביי רב אשי'ן, דעם מסדר פון תלמוד בבלי, האָט זיך געפונען „תורה וגדולה במקום אחד", פונקט ווי ביי רבי יהודה הנשיא . . . פונדעסטוועגן, האָבן די חכמי בבל תמיד אנערקענט און זיך אַפילו געבויגן פאַר די חכמי ארץ ישראל, ווי איינער פון די חכמי התלמוד דריקט זיך אויס: „חביבה עלי כת קטנה שבארץ ישראל מסנהדרין גדולה שבחוץ לארץ[28], ווייל „אין תורה כתורת א"י ואין חכמה כחכמת א"י"[29]. און ניט בלויז אין ירושלמי, נאָר אַפילו אין בבלי, געפינען מיר אַזעלכע אויסדריקן.

פון די תנאים און אמוראים וואָס האָבן פאַרלאָזט בבל און עולה געווען קיין ארץ ישראל, איז וויכטיק נאָכאַמאָל צו דערמאָנען ר' זירא'ן, וועמען מ'האָט געזאָגט: „דוכתא דמשה ואהרן לא זכו, אנא מי יאמר דזכינא לה"[30]. רבי אבא

האָט געקוקט די „כיפי דעכו"[31] און רבי יוסף בן חנינא די „כיפתא דעכו"[32] און נאָך און וועלכע האָבן אויף דעם אָדער אַנדערן אופן, אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג.

איינער פון די גרעסטע אמוראים אין בבל, דער גרינדער פון דער ישיבה אין סורא, דער ערשטער פון דער אמוראים־פּעריאָדע, וועמען מען באַטראַכט פאַר אַ תנאַ, איז געווען ר ב אָדער, ווי זיין פולער נאָמען איז געווען ר' אבאַ אָדער „אבאַ אריכאַ". ער איז געווען דער זון פון אייבו בר אחאַ פון כפרי און רבי יוחנן דערציילט וועגן אים אַלס תלמיד פון רבי יהודה הנשיא, אַז ער איז געזעסן זיבעצן שורות הינטער רב'ן פאַר רבי'ן און פייער־פונקען פלעגן גיין פון רב'ס מויל צו רבי'ן און צוריק און ער האָט ניט געוואוסט וואָס זיי רעדן . . . רב האָט באַקומען די העכסטע סמיכה פון רבי.

אויך זיין קוזין, רבה בר חנא, זון פון אבאַ בר אחאַ פון כפרי (בבל), תלמיד פון זיין פעטער רבי חייא, האָט אויך באַקומען סמיכה פון רבי'ן: „יורה, יורה, ידין, ידין"[33]. בלויז שמואל ירחינאה, האָט דאָס ניט באַקומען און ווי רבי, האָט אים געזאָגט: „לדידי חזי לי ספרא דאדם הראשון, וכתב בי' שמואל ירחינאה חכים יתקרי ורבי לא יתקרי"[34].

דאָס פאַרן הין און צוריק פון די חכמים פון דור, איז געווען אַ געוויינטלעכע דערשיינונג און „שלחו מתם" אָדער „אמרי במערבא" האָט געהאַט אַ דעציזדירנדיקע דאָמינירנדיקע מיינונג[35].

סמיכה, ווי געזאָגט, האָט געמוזט זיין אין ארץ ישראל[36], אפילו אין דער צייט, ווען בבל האָט איבערגעשטיגן מיט תורה די חכמי ארץ ישראל[37], ווייל — האָבן זיי געהאַלטן — דער וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, איז ער מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים[38]. ארץ ישראל איז, ווי אַ גוטער לבוש איבער דער יידישער נשמה.

ניט געקוקט, וואָס די יידישע וועלט פאָלגט נאָך די מיינונג פון רב האי גאון אַז דער תלמוד בבלי איז ע י ק ר , און ס'איז דאָ סיבות פאַר אָט דער שטעלונג[39], איז דאָך „תורה מציון" געווען דער אידעאַל אַלע צייטן און אַלע דורות[40]. חיבת און ישוב הארץ, איז געווען אַ פאַקטאָר ניט בלויז אין פיזישן זין, נאָר אויך — און אפשר בעיקר — אין גייסטיקן זין[41] ווייל אין ארץ ישראל, האָבן די חז"ל געזען די וועלט, די „תבל", ווי רבי שמעון בן יוחאי און אַנדערע דריקן זיך אויס. אין דער לופט פון ארץ ישראל — האָבן זיי געזען אַ קלימאַט פון חכמה: „אוירא דישראל מחכים"[42].

ר' זירא דער געבוירענער אין בבל, האָט — ווי מיר האָבן געזען — גאָר שטאַרק געהאַלטן פון ארץ ישראל, אַז אפילו די שמועסן פון די יידן אין ארץ ישראל איז תורה[43]; ער האָט געפאַסט תעניתים צו פאַרגעסן די לערע פון בבל[44] און די חכמי בבל גערופן „בבלאי טפשאי", נארישע בבליער[45] און נאָך אַזעלכע

אויסדריקן. ניט אומזיסט האָבן אים די חכמי ארץ ישראל באַוויינט: „ארץ שנער הרה וילדה, ארץ צבי גדלה שעשועיה"[46].

נאָר אין ארץ ישראל, האָבן זיי געזען קען קומען די גאולה פון ישראל[47].

אין אַ באַזונדער ארבעט[1] וואָס קאָן צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט אַריינגענומען ווערן, באַהאַנדלען מיר אויף אַן אויספירלעך־אַנאַליטישן אופן, די מצוה פון ישוב ארץ ישראל אין אונזערע טעג, אין דער תקופה פון מדינת ישראל. מיר באַנוצן

ה. אין אונזער תקופה. — קדושה פון א"י. — אין הלכה און אין חסידות.

זיך מיט'ן פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון די פוסקים אין אונזער דור, אין ישראל און אין תפוצות ישראל, אַנגעזעענע תורה־פּערזענלעכקייטן[2א] האָבן אַרויסגעטראָגן דעם פּסק, אַז ישוב ארץ ישראל אינעם פּעריאָד פון אתחלתא דגאולה, איז מן התורה.

נאָך מער: אַז אויך דער רמב"ם, איז מיט דער מיינונג, אַז ישוב ארץ ישראל בזמן הזה איז מן התורה (אַז ס'זענען גאָר נישטאָ קיין חלוקי־דעות צווישן אים און דעם רמב"ן) — אָבער, דאָס מוז וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט אין צוזאַמענהאַנג, מיט אַן ענלעכער שטודיע און געגנשטאַנד.

מיר ווילן אָבער אין סומירונג באַטאָנען, אַז סיי אין חסידות און סיי אין רבנות איז די אהבה צו ארץ ישראל און די געגועים זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, געווען זייער גרויס, ווי מיר האָבן דאָס שוין אַרויסגעבראַכט אויף אַ סך אַ ברייטערן אופן[2]. ס'וועט אָבער ניט זיין איבעריק צו דערמאָנען, וואָס ר' שניאור זלמן, דער באַגרינדער פון חב"ד, שרייבט אין זיין „אגרת הקודש" (פּ"ד):

„ד' בחכמה יסד ארץ, שיסוד הארץ העליונה היא בחינת ממלא כל עלמין . . . ונקראה על שמה ארץ החיים.

„הנה היא נמשכת מהמשכת והארת חכמה עילאה מקור החיים . . . וזהו שכתב: תמיד עיני ד' אלקיך בה, שהעינים הם כינויים להמשכת והארת אור החכמה שלכן נקראו חכמים עיני העדה ואוירא דארץ ישראל מחכים"[3].

אין אַן אַנדערן בריוו (אגרת הקודש פי"ד) דריקט ער זיך אויס:

„לעורר את האהבה הישנה וחבת ארץ הקדושה להיות בוערת כרשפי אש מקרב איש ולב עמוק כאלו היום ממש נתן ד' רוחו עלינו רוח נדיבה . . . "

און נאָכאַמאָל:

„לעשות צדקת ד' עם ארצנו הקדושה, לתת מדי בשנה חלק הקצוב מעות ארץ הקדושה תיבנה במהרה בימינו. לזרז לזריזים ולחזק ידים רפות במתן דמים מעות ארץ ישראל מדי שבת בשבתו ולפחות מדי חודש בחדשו, מערכו הקצוב לערך שנה — וכל כסף הקדשים אשר עלה על לב איש להתנדב בלי נדר לפרנסת אחינו יושבי הקדושה מדי שנה בשנה"[4].

ניט דאָ, איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן וועגן די עליות קיין א"י נאָך דער רמב"ן־תקופה. דאָס גייט ניט אַריין אינעם תחום פון דער טעזע, וואָס מיר ווילן — און האָפן — בשלימות צו דערפילן. מיר וועלן דעריבער זיך ניט אָפּשטעלן וועגן דער באַקאַנטער עליה פון ר' יהודה החסיד[5], אין יאָר תס"א (1701) און ענלעכע עליות נאָך אים.

מיר וועלן זיך אויך ניט אָפּשטעלן וועגן די עליות קיין ארץ ישראל, פון ווילנער גאונ'ס תלמידים און בכלל, די מתנגדיש־אשכנזישער עליה אין די פאַרשיידענע עפּאָכעס.

מיר ווילן בלויז, פאַר דערגענצונג־מאָטיוון, אָנמערקן אויף דער ראָל פון אהבת, חיבת און ישוב ארץ ישראל ביים באַגרינדער פון נייעם חסידות און קבלה לערעס, ביים בעש"ט און זיינע נאָכפאָלגער[6].

ארץ ישראל איז געווען דער יסוד אין חסידות נאָך פון דער צייט פון בעש"ט (ר' ישראל בעל־שם־טוב, נפטר שבועות, תק"ך). דער צענטראַלער פּונקט אין מעזשביזשער חסידות, איז ארץ ישראל[7]. ווי מיר ווייסן פון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן בעש"ט און זיין שוואָגער ר' גרשון פון קיטעוו (עולה געווען אין יאָר תק"ז), האָט דער בעש"ט געהאַט גוואַלטיקע געגועים עולה צו זיין און זיך שטאַרק געפרייט מיט די מתנות פון זיין שוואָגער: בשמים פאַר הבדלה; תפלין שיידלען און אַנדערע קדושה־באַנוצונג־כלים, תשמישי קדושה.

אייניקע פון די אָבות החסידים זענען טאַקע עולה געווען:

ר' מנחם מענדל וויטעבסקער, ר' ישראל פּאָלאָצקער, ר' נחמן פון הורודנקאָ, ר' מנחם פון פּרימישלאַן, ר' צבי קאַמינקער, ר' יעקב שמשון שעפּיטעווקער, ר' דוד שלמה אייבעשיץ, פון סאָראָקאָ, ר' ארי' לייב סגל פון מאָלאָטשינסקי, ר' חיים טשערנאָוויצער, ר' משה לעלעווער, ר' אברהם דוב פון אוורוטש, ר' צבי ארי' אָליקער און נאָך און נאָך באַרימטע פּערזענלעכקייטן אין דער חסידישער באַוועגונג, וואָס האָבן באַשלאָסן עולה צו זיין אונטער אַלע אומשטענדן און אין הייליקן לאַנד געשאַפן אַ נייע חסידישע באַוועגונג.

וועגן ר' חיים קראָסנער דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז ער האָט אָנגעזאָגט, ניט אָנצושרייבן קיין וואָרט אויף זיין מצבה, ווייל ער איז באַערדיקט אין ערד מחוץ לארץ און ניט זוכה געווען צו עליה.

מיט דער חסידישער עליה פון יאָר תקי"ז, האָבן עולה געווען זעקס הונדערט חסידים אונטער דער פירערשאַפט פון ר' מנחם מענדל פון וויטעבסק, ר' אברהם קאַליסקער און ר' ישראל פּאָלאָצקער.

ר' נחמן בראַסלאַווער, דעם בעש"ט'ס אייניקל, האָט, ווי באַקאַנט, מתפלל געווען יעדן טאָג, אַ ספּעציעלע תפילה, ער זאָל האָבן די זכיה זיך צו באַזעצן אין הייליקן לאַנד, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין ספרים, האָט ער געזאָגט די דאָזיקע תפלה:

„ד׳ ד׳ אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת, זכני ברחמיך הרבים שיהי׳ לי ולכל ישראל כסופים וגעגועים, השתוקקות, משך אמתי לבוא לא״י״[8].

חסידות חב״ד האָט פאַר עיקר פּרינציפּן, אַריינגענומען אהבת און ישוב הארץ, אין דער דאָזיקער מיסטיש־פּילאָזאָפישער שיטה אין חסידיזם. און ניט בלויז אָנגעקומען מיט טעאָרעטישע טעזיסן; נאָר געטאָן ממשות צו שאַפן אַ צענטער פאַר חסידות ליובאַוויטש אין ארץ ישראל.

ס׳וועט גענוג זיין צו דערמאָנען „כפר חב״ד״ — אַ דאָרף, וואו עס לעבן און עס שאַפן ליבאַוויטשער חסידים — וואו ס׳שטיין וואַרשטאַטן פאַר פאַרשיידענע צווייגן פון אַגריקולטור און האַנטווערקעריי.

כפר חב״ד האָט געבראַכט כבוד דעם חסידיזם. חבד׳ער יידן אין יענעם דאָרף, פּראַקטיצירן ישוב ארץ ישראל מיט אַלע פּרטים און דקדוקים[9].

און וואָס מיט די אַנדערע חסידישע דינאַסטיעס?

גענוג צו דערמאַנען די באַרימטע אדמו״רים פון אונזער תקופה: ר׳ אברהם מרדכי אַלטער (גערער רבי); ר׳ אהרן רוקח (בעלזער רבי); ר׳ יעקב פרידמאַן (הוסיאַטין־טשאָרטקאָוו); אַמשינאָווער חסידות, מאָדזשיצער, וויזשניצער, צאנז, באבעוו, קלויזנבורג און נאָך און נאָך.

דערביי דאַרף דערמאָנט ווערן די „אגודה לישוב הארץ״ פון ר׳ חיים מאיר יחיאל שפּירא (דראָהיביטשער רבי); די עליה פון קאָזשעניצער חסידים, דורך דער מיטווירקונג פון זייער רבי׳ן ר׳ ישראל האָפּשטיין; די עליה פון אַמשינאָווער חסידים — און דער עיקר די עליה דורך ר׳ יצחק גערשטנקאָרן, דעם גרינדער פון בני ברק; די עליה פון יאַבלאָנער רבי און זיין עדה — און פאַרוואָס נישט דערמאָנען, אַז ר׳ ישעיה׳לע שפּירא, דער זון פון גראָדזשיסקער רבי, איז געווען איינער פון די וואָס האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער תו״ע באַוועגונג (נפטר ערב שבועות תש״ה).

ס׳זענען אויך געווען רביים און חסידישע מנהיגים, וואָס האָבן ממש געהאָלפן טעאָרעטיש און פּראַקטיש־קאָנקרעט דעם ציוניזם. איינער פון זיי, איז געווען דער פּילעווער רבי, ר׳ חיים ישראל מאָרגנשטערן (אייניקל פונם קאָצקער), וואָס האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק, אַ סך געטאָן פאַר ישוב און בנין הארץ, געשטיצט די ציוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן[10].

אין די יאָרן תרפ״ד־תרצ״ב איז אין פּוילן אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאָר נייע עליה — די עליה פון כפר חסידים און בני ברק, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ גרויסן רושם.

וואָס שייך די מקובלים, איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

ר׳ ישעיה הורוויץ (השי״ח־שפ״ח; 1558-1628) שרייבט (של״ה רע״ח, א): „ארץ הקדושה מעין קדושת גן עדן, ואף עתה בחרבנה, מכל מקום היא בקדושתה והיא ארץ אשר ד׳ דורש אותה . . . ״ (דאָס הייליקע לאַנד פאַרמאָגט די קדושה

פון גן עדן און אויך איצט, כאָטש עס איז חרוב, איז עס דאָך הייליק און דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס דער אויבערשטער וויל עס האָבן).

דער בעל השל"ה, האָט זיך סומך געווען אויף דעם „זוהר" וואָס זאָגט „ווער עס איז זוכה, אז זיין נשמה זאָל אויסגיין אין ארץ ישראל, דעם ווערן זיינע זינד פאַרגעבן און זיין נשמה באַהעפט זיך מיט דער שכינה . . . "[11].

ער שרייבט צו זיין זון: „ונפלתי על הארץ ונשקתי את האבנים . . . לבי הי' בוער תמיד כשראה ראיתי בני ישראל בונים בתים כמו מבצרי השרים, עושים דירת קבע בעולם הזה, בארץ הטמאה, וזה נראה ח'ו כהיסח הדעת מהגאולה . . . "

ניט קיין וואונדער די תשוקה פון ר' נחמן בראַסלאַווער, וואָס האָט ממש געחלשט נאָך ארץ ישראל לופט און זיך געלאָזט אויף דעם סכנותדיקן וועג, דורכמאַכנדיק די נסיעה צום הייליקן לאַנד.

ער איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין אויסנאַם. די גדולי הרבנים און גדולי החסידות האָבן אַלע געשטרעבט צו עליה — און אין דעם זין, ניט ווייניקער די גדולי המתנגדים.

„ווער ס'האָט עלטערן אין חוץ לאָרץ וואָס לאָזן אים ניט פאָרן קיין ארץ ישראל, זאָל ער זיי ניט פאָלגן . . . "[12]. יעדער איינער, וואָס האָט געזאָגט מיט דער כוונה דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" איז געווען דורכ־געדרונגען מיט אָט די גאולה טרוימען און בענקשאַפטן . . .

אָבער ניט בלויז פון חסידות איז געקומען דער הייסער דראַנג נאָך ישוב האָרץ. אין זיין אַרבעט וועגן די „ראשונים לציון"[13], באַשרייבט יצחק ניסנבוים די גדולי הרבנים וגדולי הישיבות וואָס האָבן געהאָלפן די באַוועגונגען פון חיבת האָרץ און „בילו" בעת זייער אָנהייב אין רוסלאַנד, פוילן און ליטע. אין אָדעסער קאָמיטעט, איז געווען באַטייליקט אַזאַ וויכטיקע פערזענלעכקייט, ווי ר' שלמה סלושץ (תרי"א־תרס"א), איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים אין וואָלאָזשין, מחבר פון ספר „ראשית דוד". ער האָט גאָר אַ סך אויפגעטאָן פאַר'ן ציוניזם.

דער הויפּט פון וואָלאָזשין, ר' נפתלי צבי יהודה ברלין (נצי"ב), האָט אַ סך געטאָן פאַר עליה צוזאַמען מיט ר' שמואל מאָהיליווער און ר' מרדכי עליאשבערג[14].

ניסנבוים גיט אונז אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועגן זיין רבי און חבר ר' שמואל מאָהיליווער (געב. גאָלובקע, קאָוונער גובערניע, כ"ז ניסן תקפ"ד) ווען סעקרעטאַר ער איז געווען. ער איז געווען איינער פון די ראשונים פון דער חיבת ציון באַוועגונג און מיטגרינדער פון מזרחי. דורך אים, איז אין וואַרשע אין יאָר תרמ"ב, געגרינדעט געוואָרן די אָרטיקע ערשטע „חיבת ציון באַוועגונג".

זייענדיק רב אין ראַדאָם, פוילן, האָבן די אָרטיקע יידן אים געוואָלט הייליקן מיט דער קדושה פון אדמו"ר . . . רבי אלי' חיים מייזעל, דער לאָדזשער רב, האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל מתפּלל זיין פאַר

א חולה . . . אין יאָר תרמ״ג, איז ער געוואָרן רב אין ביאַליסטאָק, וואו ס׳איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון פוילן און רוסלאַנד

ניט מיט ווייניקער באַגייסטערונג, רעדט ער וועגן רבי מרדכי עליאַשבערג (ר״ח אדר, תקע״ז — נפטר י״ח כסלו, תר״ן אין בויסק) וועלכער האָט שטאַרק אַגיטירט פאַר דער חיבת ציון באַוועגונג און מצוה פון ישוב און בנין הארץ[15], אָנווייזנדיק אויף איר טאָפּלטן באַגריף: מצוה מעשית (קויפן ערד און וואוינען אין לאַנד) און מצוה רוחנית (מאַכן ארץ ישראל דאָס תורה לאַנד). ער איז געווען דער עסקן ולוחם!

אין יאָר תרמ״ח, איז ער געוואָרן דער מלחמה־טריבון פאַרטיידיקנדיק די רבנים ר׳ יהושעלע קוטנער, ר׳ יצחק אלחנן קאָוונער, ר׳ בן ציון ביעלסקער וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט א היתר צו אַקערן און פאַרזייען די פעלדער פון יידישע קאָלאָניעס, ניט רעכענענדיק זיך און ניט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר די חרפות און בזיונות מצד די קנאים פון ירושלים וואָס האָבן באַקעמפט און שטאַרק אַרויס־געטרעטן קעגן דעם היתר.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער מלבי״ם (ר׳ מאיר לייבוש בן יחיאל מיכל, נפטר א׳ ראש השנה, תר״ם, אין קיעוו) שרייבט צו ר׳ צבי קאַלישער[16]:

„הנה התמהמהתי עד כה ולא השבתיו על מכתבו היקר כי רציתי להאריך ולהציע את מחשבותי הרבים בענינים האלה, ועד עתה לא נתתי הזמן למצוא דברי חפץ בחפצי וכראוי לאיש גדול כמוהו . . . ובעיקר הדבר דבריו אמתים וכנים, ויש לי כמה ראיות מפשוטי הכתובים כפי פירושי, כי הגאולה תצמח לאט לאט . . . ושתחלה יחשבו אנשים מבני ישראל בא״י ברשיון מלכי הארץ הישרים והחסידים ויהיה ישוב א״י קודם ביאת משיח, וכמ״ש בפירוש ישעיהו על פסוק „בטרם תחיל ילדה״[17] ומי יתן ויעלה חפצו בידו ושיהי׳ הזמן לזה עת רצון . . . ״.

דער מלבי״ם האָט גאָר א סך געשריבן און גערעדט וועגן דער מצוה פון ישוב הארץ, וועגן דער תקופה פון אויפלעבונג פאַר דער משיח תקופה. און ער איז ניט געווען דער ערשטער. פאַר אים האָבן די גדולי הפוסקים געשריבן וועגן די ימות המשיח און עקבתא דמשיחא.

ביי יעדער געלעגנהייט, האָבן די חכמי התלמוד זיך אַרויסגעזאָגט וועגן חיבת און קדושת הארץ, אַז אַפילו די ערד פון ארץ ישראל איז מכפר אויף דעם ענטשנס זינד. רבי ברוקא און ר׳ אלעזר בן פדת, ווערט דערציילט, האָבן אַמאָל שפּאַצירט ביים טויער אַרויס פון טבריה און געזען די „ארונות״ וואָס מ׳האָט עבראַכט פון אַנדערע לענדער, האָט ר׳ ברוקא געזאָגט צו ר׳ אלעזר׳ן: „וואָס אָבן זיי אויפגעטאָן? ביים לעבן האָבן זיי איר פאַרלאָזט און נאָכ׳ן טויט, קומען יי צו איר! האָט אים ר׳אלעזר געענטפערט: „ווייל זיי קומען צו קבורה אין ארץ ישראל, איז דאָס אליין מכפר״[18].

איינער פונעם ערשטן דור אמוראים, רבי חנינא בר חמא, א געבוירענער אין בבל, האָט ער פאַרלאָזט צוזאַמען מיט זיין זון, זיין געבוירן־לאַנד און געפאָרן לערנען תורה ביי רבי יהודה הנשיא אין צפורי — און שוין געבליבן א דאָרטיקער תושב. ער האָט געקוקט אויף יעדן וואָס פאַרלאָזט ארץ ישראל ווי א זינדיקער.

ווען רבי נתן, דער הויפט פון אושא, האָט אין גרויס התפעלות פאַר די לומדים פון בבל, זיך אויסגעדריקט אין פאַראַפראַזירן א תלמודישן זאָג: „כי מבבל תצא תורה ודבר ד׳ מנהר פקוד״, האָט מען אים אָפּגעענטפערט, ווי שוין דערמאָנט, גאָר שאַרף: „חביבה עלי כת קטנה בא״י מסנהדרין גדולה בבבל״ . . .

ווען מ׳האָט געפרעגט ביים מהר״ם מרוטנבערג (רבי מאיר ב״ר ברוך, דער רבי פון רא״ש) וועגן דער מצוה פון ישוב ארץ ישראל[19], האָט ער געענטפערט:

וששאלתם עיקר המצוה ההולך ישראל, איני יודע אלא כמו שמפורש בסוף כתובות . . . ואם מוחלין לו כל עוונותיו הרי מפורש התם[20] ובלבד שיהא פרוש מכאן ואילך ויזהר מכל מיני עון ויקיים כל המצוות התלויות בארץ שאם יחטא שם בא״י יענש יותר מכל עבירות שיחטא בחוצה לארץ, כי השם דורש אותה תמיד ועיני השם בה והשגחתו תדיר ואינו דומה מורד במלכות בפלטין למורד מרחוק חוץ לפלטין והיינו ארץ אוכלת יושביה היא וכתיב נמי ולא תקיא הארץ אתכם כאשר קאה את הגוי[21]. לפי שמקיאה עוברי עבירות וע״כ ארץ ישראל עכשיו שממה היא ואין בה עיר מוקפת חומה כשאר מדינות ואותם שהולכים לשם ורוצים לנהוג בה קלות ראש בפחזותם ולהתקוטט שמה קורא אני עליהם ותבואו ותטמאו את ארצי, אבל מי שהולך לשם שמים ומתנהג בה בקדושה ובטהרה אין קץ לשכרו ובלבד שיוכל להתפרנס שם דכל דסליק, אדעתי למידר כו׳ בדאיתאָ פ׳ האיש מקדש . . .[22].

דער חתם סופר, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט שרעקלעך פיינט געהאַט דעם גלות, פאַרגלייכענדיק אים צו א קבר[23], האַלטענדיק, אַז „קרקע ארץ ישראל קדושה יותר משמים של חוץ לארץ[24]. ארץ ישראל ערד איז הייליקער פון גלותדיקן הימל.

ביי יעדער געלעגנהייט, באַמערקט דער חתם סופר, וועגן דער קדושה פון ארץ ישראל, האַלטענדיק אויך, אַז עבודה בכלל און עבודת אדמה בפרט איז א פליכט פאַר יעדן יידן אין ארץ ישראל[25].

ר׳ יהודה אלקלעי[26] האָט טאַקע אַזוי, אַז בלויז דורך ערד־אַרבעט ברענגט מען די גאולה, ווי דער פסוק זאָגט[27]: „ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל, כי קרבו לבא, כי הנני עליכם ופניתי אליכם ונעבדתם ונזרעתם״. (און איר, בערג פון ישראל, וועט געבן אייערע צווייגן, און טראָגן אייער פרוכט, פאַר מיין פאָלק ישראל . . . און איר וועט באַאַרבעט ווערן, און פאַרזייט ווערן).

„ווער עס איז זוכה צו וואוינען אין דעם הייליקן לאַנד ווערט געזאָגט אין זוהר[28], דער איז זוכה, ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט די אויבערשטע הייליקייטן".

די דאָזיקע השפעה פילט זיך אין די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, באַזונדערס אין די רעליגיעז־סאָציאַלע באַוועגונגען — און וועגן דעם ווייטער.

תו"ע, פאַ"י „העובד הדתי". אַלע דאָזיקע באַוועגונגען, האָבן פאַרשטאַנען די אידעאַלן פון ציון ליבשאַפט, באַגלייט מיט מעשים פון מסירת נפש'דיקן חלוציזם, מסירת נפש פאַר תורה־יידישקייט אין מדינת ישראל.

די רעליגיעזע חלוצים האָבן געבראַכט אַט דעם טעאָרעטיש־אידעאָלאָגישן טראַדיציאָנאַליזם פון חיבת־ציון צו אַ פּאַלקיש־קאָנסטרוקטיוו קרעאַטיוו־פּאָזיטיוון כח אין יידיש־לעבן פון אונזער דור. זיי האָבן אַט די היסטאָרישע פאַרוואָרצלטקייט פון אהבת ציון געבראַכט צו דער בולט'קייט, אין נאַציאָנאַל שאַפנדיקן פּראָצעס און פאַקטאָר אין באַנייטן יידישן מלוכה־לעבן.

ס'דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז דעם גרעסטן איינפלוס פאַר עליה און ישוב הארץ אין ישראל, איז געקומען דורך הרב קוק, דעם רב־ראשי, וואָס האָט תמיד מעורר געווען פאַר דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה, זיך אויסדריקנדיק ביי איינער פון די געלעגנהייטן, אַז „מדינת ישראל איז דער יסוד כסא ה' בעולם" און אין זיינע ווערטער:

„יתפתח הישוב בא"י, יבנה הבית הלאומי, מתוכו יפוח רוח גדול נשמת האומה תתעורר לתחיה . . . הרוח המיוחד של האומה יכונן, אמונת ה' אלקי ישראל בעולם" . . .

פון הרב קוק האָט אַרויסגעקוועלט די ליבשאַפט צו ארץ ישראל, ווי געלערנט פון רבי יהודה הלוי אין זיין ספר הכוזרי, דורך די מקובלים, ספּעציעל פון רבי ישעיה הלוי הורוויץ (של"ה הקדוש), וועלכער האָט תמיד מתפלל געווען אַז גאָט זאָל העלפן דעם ייד ליב צו האָבן ארץ ישראל מיטן גאַנצן הארץ און נשמה[29] — און זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז הרב קוק איז געווען אונטערן איינפלוס פון איינעם פון די גדולי החסידות מיט אַ תקופה פריער — פון ר' צדוק הכהן מלובלין, וואָס האָט אין אַלע זיינע ספרים, תורה־שמועסן גערעדט וועגן דער קדושה פון עם ישראל און ארץ ישראל — אָבער דאָס געהערט שוין צו אַן אַנדער אַרבעט.

ה ע ר ו ת

א.

1. זע, „דאָס געזאַנג פון חסידות", באַנד 1, ז"ז 80־128.
2. ברכות פרק א'
3. גרויסער משלים־זאַגער און אגדה־קענער, שמות רבה, י"ט, ו'; דברים רבה, ג', א'.
4. רבי יהודה בן תימאָ'ס לערע אין אבות, ה', כ"ב. זע, ישעיה בערנשטיין, הציונות הדתית עם תקומת המדינה (ירושלים תש"י); ש. דניאל, נוער תורה ועבודה, מזרחי, קובץ יובל, ז' 144.

ב.

1. הלכות תשובה, ט׳, ב׳
2. י״ב, ג׳
3. כתובות ק״י, ע״ב־קי״א, ע״א; ברכות, כ״ד, ע״ב; שבת, מ״א, ע״א.
4. ב׳, ז׳; ג׳, ה; ה׳, ח׳
5. ירמיה, כ״ז, כ״ב.
6. ק״י, ע״ב, אנהויב־ווארט, „הוא״.
7. קדושין כ״ו, ע״א.
8. ירמיה, מ׳, י׳. 8א. דברים, י״א, ל״א.
9. שו״ת מבי״ט, ב׳, סימן קל״ט.
10. דארט, באריכות; זע אויך, שו״ת מבי״ט, ב׳, סימן ר״י און רי״ו.
11. כתובות, דארט.
12. זע, שו״ת מהרי״ט, א׳, סימן מ״ז, ב׳, סימן כ״ח.
13. כתובות ק״י, ע״א־קי״א, ע״ב.
14. זע, שמות רבה, בשלח: סנהדרין צ״ב.
15. שו״ת תנ״ד; חלק ג׳, תמ״ט.
16. שאלות ותשובות מהרשד״ם, מהר״ר שמואל די מודינה, חיו״ד, רע״ג.
17. הלכות מלכים, ה׳, ג׳
18. דארט, ט׳: ספר המצוות, מצוה קפ״ז־ק״צ און די הערות פון רבי חיים העליר, הוצ׳ מוסד הרב קוק, תש״ו
19. הלכות מלכים, י״ב
20. ספר המצוות, ד׳
21. ספרי ראה, ירושלמי, שבת א׳, ה׳, אז די מצוה פון באוואוינען דאס לאנד, איז אזוי חשוב ווי אלע מצוות צוזאמענגענומען.
22. נחום ב׳, א׳ — אויף די בערג הערן זיך די טריט פונם מבשר, וואס זאגט אן די בשורה פון שלום.
23. אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה, הבקוק ב׳, י״א — דער שטיין פון וואנט און שפענדל פון בוים, שרייט ארוים די שאנד . . .
24. מדרש תהלים, ק״ה און אנדערע מקומות.
25. עיני ד׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה — דברים, י״א, י״ב.
26. טייל זאגן, אז ער האט געוואלט דערמאנען זיין פאטער ר׳ יצחק; אנדערע זאגן, אז ער האט אויך מכוון געווען צום אנדענק פון זיינע לערער, ר׳ יצחק הלוי און ר׳ יצחק בר יהודה.
27. „כדי לחבבה בעיניו״ — בראשית י״ב, ב׳
28. דארט, ט״ו, י״ח.
29. ערכין ל״ג, ע״א; תמיד כ״ט, ע״ב.
30. ספר האורה, קנ״ה — „וארץ ישראל בחזקתנו עומדת לעולם ועד״ . .
31. חבלים בנעימים, חלק ה׳, סימן מ״ח (סט. לואיס, תרצ״ט).
32. סוטה, סוף פרק ח׳
33. ספרי, ראה, כ״ג; תוספתא עבודה זרה, פרק ה׳
34. כתובות, קי״א.
35. ברכות, מ״ג, ע״א.
36. זע, רש״י, כתובות קי״א, ע״א — אנהויב־ווארט „כך״.
37. פסחים, ס״ו, ע״א.
38. הוריות, י״ג, ע״ב.
39. סוכה, כ׳, ע״א; מנחות, פ״ח, ע״ב; חולין, פ״ז, ע״א.
40. סנהדרין, ה׳, ע״א; בבא מציעא, ו׳, ע״ב; יומא, פ״ז, ע״ב.
41. זבחים, ק״ב, ע״ב; ברכות, מ״ג, ע״א.
42. בבא מציעא, פ״ה, ע״ב.
43. כתובות, ק״י, ע״ב
44. זע, דברי ישכר, סימן קמ״ט.
45. י״ד, ע״א.
46. י״א, ל״א.
47. אין סוטה.
48. יו״ד, תנ״ד.
49. הלכות עבדים, הלכה ט׳.
50. זע, י. ל. מימון־פישמאן, הציונות הדתית והתפתחותה, פרק י״ח; אויך, סיני, שנה כ׳, כרך מ׳. חוב׳ ג׳ (ר״מ), כסלו, תשי״ז, ירושלים, ז״ז קנ״ב־קנ״ג.

ג.

1. זע, „זכותנו הלאומית ההיסטורית על ארץ ישראל", ז"ז 89-87.
2. דזימיטובסקי אויסג. 1917, געטיילט אין צוויי טיילן: 1. ראשון לציון, חביבת אר"י; מצות ישיבת הארץ עפ"י דין התורה. 2. העבודה: בענין אפשרות הקרבת קרבנות. דאָס זיינען רעספּאָנסע און קאָרעספּאָנדענץ צווישן אים און די גאוני הדור: ר' עקיבא איגר, חתם סופר, ר' אליגוטמאַכער און אַנדערע. צום סוף — צוויי קונטרסים: פון רבי צבי פסח פראַנק, ניט-לאַנג נפטר געוואָרענעם הויפּט-רב פון ירושלים און א קונטרס וועגן סמיכה אין ארץ ישראל.
וועגן ר' צבי הירש קאַלישער, זע: ש. ל. ציטרון, „תולדות חיבת ציון", אודיסה, תרע"ד, ז' 10; פּ. לחובר, קדושת א"י, ספר השנה של א"י; סאָקאָלאָוו, „אישים"; יצחק רפאל, ארשת א', ז' רע"ב; הורודצקי, ספר השנה לשנת תרצ"ד;
Aryeh Newman, Zvi Hirsch Kalischer, Father of the Third Return to Zion, Tradition, Fall, 1962, P.P. 76-89.
3. אין זיין ווערק „רוים און ירושלים", דערשינענע אין דעם זעלביקן יאָר, תרכ"ב.
4. דער בריוו צום טשעכאַנאָווער רב איז דאַטירט, פּורים קטן תרכ"ז און דער בריוו צום קאַלישער רב, איז דאַטירט תרל"ד, ד.ה. מיט זיבן יאָר שפּעטער.
5. אין „הפוסק", ירחון לעניני הלכה ואגדה היו"ל ע"י הרב הלל פּוסק, חוב' קמ"א, טבת תשי"ב.
6. אויך געדרוקט אינם אָרגאַן פון די נטורי קרתא, „אום אני חומה", אין ירושלים. זע אויך זיין ספר „מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים", תשי"ז — א שטאַרק און שאַרף אַנטי-ציוניסטיש ווערק. מער אין מיין ספר „דאָס געזאַנג פון חסידות".
7. אין א מאמר אין „סיני", חודש-אָרגאַן, אונטער דער רעדאַקציע פון הרב י. ל. מימון, תשרי-חשון, תשי"ג.
8. סוף הלכות מלכים, פּרק ה'
9. תל-אביב, תשט"ז, ז"ז 74-73.
10. שו"ת מוהר"ץ, סימן ק'
11. דרכי הוראה, סימן ב'
12. דאָרט — אויספירלעך.
13. בלעטער פאר געשיכטע, ז' 112.
14. זע „לחם הפנים" חלק ב' הלכות נדרים, רכ"ח, פל"ו. זע אויך, סטראַשון, באַמערקונגען צום ספר „קריה נאמנה" פון רשי"פ, הערה י"א.
15. זע, באריכות: „דרישת ציון" פון רצ"ה קאַלישער און „האלף לך שלמה" פון ר"ש קלוגער; ג. קרעסל, „רבי יהודה אלקלעי, רבי צבי הירש קאַלישער", תל-אביב, תשי"ג, ז"ז 42-38.
16. זע: שו"ת יור"ד, סימן רל"ג רל"ד, ש"א; או"ח, ר"ח.
17. דרשות חת"ס, לולב הגזול; חלק ב', דף ש"ו; שו"ת חו"מ, קצ"ג.
18. שו"ת, חלק ו' צ"ח.
19. אין זיין מאמר, „רבני אונגאריה שעלו לארץ ישראל", סיני, בעריכת הרב י.ל. הכהן מימון, שנה שלש עשרה, חוב' א' (קנ"ג וקנ"ח), תשרי-אדר, תש"י, ז"ז רכ"א-רכ"ב.
20. „המליץ", תר"ם, נומ' 65.
21. הרב י. ל. הכהן פישמאַן (מימון), העברי, ניו-יאָרק, שנה תשיעית, תרע"ט, גליון י"ט, ז"ז 9-6.
22. גרעץ, דברי ימי ישראל, ז"ז 167-116.
23. זע, פישמאַן, העברי, שנה שביעית, גליון כ"ח-כ"ט.
24. דאָרט — אויספירלעך.
25. זע, מ. א. שולוואַס, רומא וירושלים, בריוו פון ר' אליה די פּירדה (צו זיין משפחה אין איטאַליע) און פון רבנו עובדיה מברטנורא (צו זיין פאַטער), אַז די 300 ירושלימער בעלי בתים זיינען נזהר אין מצוות שבין אדם למקום, אבער זייער ווייט אין הלכות עטיק.
26. תרומת הדשן, פסקים סימן פּ"ח.
27. הרב אלגזי אין זיין הסכמה צו די שו"ת מהר"י בי-רב; ער ווערט אויך שטאַרק געלויבט פון מבי"ט, אין שו"ת חלק א', סימן מ"א.
28. הלכות סנהדרין, פּרק ו', הלכה ד'; פּירוש המשנה, סנהדרין פּרק א'.
29. זע, שו"ת הרלב"ח, סימן ק"ה; תשובות מהר"י בי-רב, סימן נ"ח.
30. וועגן לשון פון כתב-סמיכה צום רלב"ח, זע, שו"ת ע"ז, ע"ב; ש"י, ע"ב; ש"כ. פון די פיר מוסמכים דורכ'ן מהר"י בי-רב, זיינען ר' יוסף קארו, ר' משה טראַני (מבי"ט), ר' משה קורדיווירו (רמ"ק), ר' יוסף סאַגיס. דער חיד"א גיט צו ר' משה אלשיך און נאָך אייניקע פון יענער פּלעיאַדע רבנים און מקובלים.
31. הרב מימון האָט פאַרעפנטלעכט א גרעסערע צאָל מאמרים. אויך ר' אברהם מימון אין סיני, שנה י"ח, כרך ל"ו און ל"ז, אב, אלול תשט"ו און שנה י"ט, כרך ל"ה, תשרי תשט"ז, שרייבט וועגן „חידוש הסנהדרין לפי דעת הרמב"ם", אויך וועגן די פּראָבלעמען פון עיבור השנה אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ.
32. זע, קדושין ל"א, ע"ב, תוס' ר"י הזקן, מהרש"א, דאָרט.
33. כתובות ק"י, ע"א.

וועגן גרינדן און באַנייען דאָס סנהדרין, סמיכה און עיבור שנים, נאָכקוקן: דר. אלפרד נאָסינג און ר. ברייניז, אחיאסף און לוח אחיאסף, תרס"ג-1902; הרב ג פעלדער, „יסודי ישרון", חלק ד', מערכת ברכת החודש, ז"ז תכ"ח-תכ"ט; הרב קלמן כהנא, „חקר ועיון", ז"ז קפ"ד-קצ"ו.

34. דאַרט, פאַרשיידענע פאַלן; זוהר, בהר, ק"ט.
35. כתובות קי"א קי"ב; ירושלמי כלאים פרק א', הלכה ד'; בבא בתרא צ"א, תורת כהנים, ה'; רמב"ם, מלכים ס"ה, ט'; שדה חמד, מערכת כ', כלל ע"ה; הרב פּרופ ש. קליין, הליכות תו שין כף, היכל שלמה, ז"ז 33-21
36. אזכרה, ירושלים, תרצ"ז.
37. קדושין ל"ז.
38. מורה נבוכים, ג', ל"ט; תוספות יבמות פ"ו, ע"א, אָנהויב־וואָרט, אי מהתם.
39. רמב"ם, הלכות תרומות, א', כ"ו, שו"ע יו"ד סימן של"א, סעיף י"ב; יחיאל מיכל טיקוצינסקי, ספר ארץ ישראל, חלק א', דיני ומנהגי א"י, חלק ב', מצוות התלויות בארץ . . .
40. זע, מהרי"ד דזשאבערס, „מיקירי ירושלים", קול ירושלים, העורך מ. הירשברג, חוב א, שנה א', שבט, תשי"ג, ז"ז 44-31. זע אויך, הרב חיים דוד רגנסברג, עריכת הבבלי וירושלמי, דאַרט, ז"ז 52-45.
41. סנהדרין כ"ד, ע"א; בבא מציעא פ"ה, ע"א.

ד.

1. יקותיאל יהודה גרינוואלד, הראו מסדרי הבבלי את הירושלמי, ירושלים־ניו־יאָרק, תשי"ד. זעז, באזונדערס ז"ז 15-14.
2. סוכה כ'
3. ב"מ, פ"ה.
4. „במחשכים הושיבני — זה תלמוד בבלי"; „הני בבלאה טפשאה דיתבי בארעא דחשוכא אמריתון שמעתא דמחשכי . . . " חולין מ"ו, ב"מ פ"ו, ב"ב קנ"ח.
5. גרינוואלד, דאַרט, ז' 17.
6. חולין צ"ה, ע"ב.
7. נוסח פון בריוו־זען, ירושלמי סנהדרין, פּרק א', הלכה ב'; מגילה פּרק א', סוף הלכה ד' און בבלי, י"א, ע"א; וועגן שלוחים אויף קידוש החודש — ראש השנה, פּרק א', משנה ג' און ד'.
8. ברכות ס"ג, יבמות קט"ז, ע"א.
9. מגילה י"ח, ע"ב.
10. סנהדרין כ"ו.
11. זע, גרינוואלד, ארץ ישראל, בבל וארצות הגולה, ז' 13, הערה 18, פאַרשיידענע ווערסיעס און מראה־מקומות און אז שמואל ירחינאה, דער גרעסטער בקי אין די ענינים, איז גענעש געוואָרן מיט טעכטער, דערפאַר, ווייל ער האָט געמאכט עיבורים און חשבונות וועגן עיבור, אין בבל — דאַרט ז"ז 25-24, און נאָכבאַמערקונגען.
12. הלכות קידוש החודש, פּרק א', הלכה ח'.
13. ברכות ס"ג, ע"א. 14. פּרקי דרבי אליעזר, פּרק ח' 15. סנהדרין י"א, ע"ב
16. מיר וועלן זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין פּלפּול, צו פאַרענטפערן די צוויי שיטות אָדער דריי שיטות, מאכן א חילוק פון ב ז מ ן בית המקדש אָדער א י ן בית המקדש, פּונקט ווי מיר וועלן זיך דאָ ניט אריינלאָזן אין חקירה, דעם חילוק פון בבל צו אנדערע לענדער — וויכטיק איז בלויז די חשיבות פון ארץ ישראל.
17. כתובות ק"י, ע"ב. 18. תוספתא, עבודה זרה פּרק ה', הלכה ב'.
19. תוספתא, דאַרט; ב"ב צ"א; ספרי, דברים י"ב, כ"ט; גרינוואלד, האם ראו . . . ז"ז 27-26; ארץ ישראל, בבל . . . ז' 18.
20. מכילתא, פּ' יתרו.
21. שמות רבה, כ"ב, ג'; ב"ב, צ"א.
22. ירושלמי, אָנהויב פּרק ג', מועד קטן; בכורים ג', ג'. אות קי"ט. ירושלמי, סנהדרין ג', ט'; גרינוואלד, דאַרט, ז' 29.
23. ספרי, האזינו ל"ב, מ"ג; פּסחים קי"ג ע"א.
24. מדרש משלי פּרק י"ז.
25. כתובות קי"א, ע"א; מכות י"א, ע"ב; עבודה זרה, ג', ב'; זע אויך, מ. כשר, תורה שלימה, ויחי,
26. סנהדרין ח', ע"א. בזכותו של הראש גלותא הי' למנות שופטים—דאַרט, י"ז, ע"ב; ב"ב, נ"ח, ע"ב.
27. מגילה כ"ב ע"ב.
28. ירושלמי, סנהדרין א', ב'
29. ב"ר, ט"ג.
30. שבת קמ"ה ע"ב; ב"מ, פּ"ה; סנהדרין כ"ד, ע"א; פּסחים ל"ד; כתובות ע"ה א.א.
31. כתובות קי"ב זע ,גרינוואלד, דאַרט, ז"ז 56-36, רשימה פון תנאים און אמוראים, וואָס האָבן עולה געווען פון בבל קיין א"י.
32. דאַרט, דאַרט.
33. ירושלמי, שביעית פּרק ד' הלכה ז'
34. חולין קל"ז: „נהירנא כד הוה יתיבנא אחרי שבסרי שורין אחורי דרב קמי דרבי ונפקו זקוקין דנורא מפומיה דרב לפומי' דרבי ומפומי דרבי לפומי דרב ולית אנא ידע מה הן אומרין". סנהדרין ה'.

35. ב"מ, פ"ה; סנהדרין ה', סנהדרין י"ז.
36. סנהדרין, י"ד; ירושלמי, בכורים, ג'.
37. פסחים, נ"א, ע"א: „דאנן כפינן להו עבדינן כוותיהו" (רש"י גיט צו: „דאינהו סמיכו ובבל לא סמיכו".
38. זע, תורת כהנים, פרשתא ה'; תוספתא, ע"ז פרק ה' א.א. מקומות.
39. זעז, הרב י. ל. הכהן מימון, מרי חודש בחדשו, סיני, ניסן תשט"ז (רי"ט, כרך ל"ט, חוב' א', רל"ב) ז"ז י"ט-כ'.
40. זע תורה מציון, הרב יצחק כ"ץ, חידושים, הארות והערות על הירושלמי . . . ובסופו קונטרס חלקי בנימין, הערות והשגות על הספר „תורה מציון", מאת הרב ר' אברהם בנימין גלאוויטשאווער מפראגא, הערד והמו"ל „יגדיל תורה", פיעטרקוב, תרפ"ט.
41. זע, אליעזר לביא, סיני, אייר, תש"ד.
42. בבא בתרא, קנ"ח. 43. ויקרא רבה, ל"ד, ז'
44. פריער דערמאנטן מאמר אין ב"מ, פ"ה.
45. ביצה ט"ז, ע"ב.
46. מועד קטן, כ"ה.
47. בראשית רבה א'; ויקרא רבה, י"ג.

ד.

1. נאך אין מאנוסקריפט.
2. אין מיין ווערק „דאס געזאנג פון חסידות" אין ביידע בענדער.
2a. וועגן דעם אויספירלעכער אין באזונדערן מאמר, וואס איז געבליבן בכתב־יד.
3. בבא בתרא, ק"ה, ע"א.
4. אגרת הקודש, פרק כ"א.
5. זעז, ישראל היילפרין, העליות הראשונות של החסידים לארץ ישראל, הוצ' שוקן, ירושלים־תל־אביב, תש"ז.
6. זע, י. ורפל, החסידות וארץ ישראל, ירושלים, ת"ש.
7. זע, הורודצקי, החסידים והחסידות, חלק ד', ז' קל"ח; החסידות ותורתה, דביר, תש"ד, ז"ז 35־37; ש. דובנאוו, תולדות החסידות; אין מיין ווערק, „דאס געזאנג פון חסידות", ז"ז 80־128 און אין אנדערע מקומות.
8. וועגן דער חסידישער עליה אין אונזערע טעג, זע: ש. אבידור, „החסידות מכה שרש שרשים בארץ ישראל", פנים אל פנים, שבועון מצוייר, ירושלים, חוב' כ"ב, ד' סיון, תשט"ו.
9. באריכות אין מיין ספר „דאס געזאנג פון חסידות".
10. וועגן חסידות און שיבת ציון, זע: זלמן שזר, כסופי הגאולה ורעיון העליה החסידות, ספר הבעש"ט, בעריכת הרב י. ל. הכהן מימון, מוסד הרב קוק, ירושלים, תש"ד ז"ז צ"ג־ק"ו; ש. ז. שרגאי, חסידות הבעל שם טוב בתפיסת איזבצה־ראדזין, דארט, ז"ז קנ"ג־ר"ב, באזונדערס, ז"ז ק"ס־קס"ב; קע"ד, רא; דארט, צבי מאיר רבינוביץ, גלות, גאולה וארץ ישראל בתורת ר' שלמה הכהן מרדומסק, זז רנ"ט־רס"ד.
שרגאי, פאראפנטלעכט צום ערשטן מאל א בריוו פון לעצטן ראדזינער רבי'ן, ר' שמואל שלמה ליינער הי"ד פון יאר תרצ"ה, אין וועלכן ער בעט אים, צו העלפן א באקאנטן חסיד, עולה זיין קיין ארץ ישראל: „שתעשה כל אשר ביכלתך שיוכל לנסוע לארץ ישראל ולמצוה רבה יחשב".
זע אויך, הרב מאיר שווארצמאן, „אש תמיד", פרק ל"ט, כיסופיו של הבעש"ט לארץ ישראל, בני ברק, תשכ"ב, ז"ז קצ"ד־קצ"ט.
11. זוהר, חלק ב', ע"א־ע"ב.
12. זע, אברהם מרמורשטין, לקורות היהודים בא"י, ירושלים, תרפ"ח, ז"ז מ"א־נ'.
13. העברי, גליון ל"ט, ז"ז 7־9.
14. דארט, 10, גליון י"ח, ז"ז 9־10; גליון מ"ו, ז' 10.
15. דארט, 10, ט"ז, ז"ז 8־10; י"ז, 10־11. 16. שיבת ציון, חלק ב' 17. ישעיה ס"ו.
18. כיון שהם נקברים בארץ ישראל, וניתן להם גוש מעפרה של ארץ ישראל, מכפר להם . . . לויט די חז"ל האט דאך אפילו א שפחה כנענית, א כנעניש דינסטמיידל, וואס וואוינט אין ארץ ישראל, איז זי געזיכערט מיט עולם הבא.
19. שו"ת מהר"ם מרוטנבורג, סימן י"ד.
20. ק"י, ע"ב. 21. דארט, קי"ט, ע"ב. 22. נ', ע"א.
23. זע, תורת משה, א', וישב. 24. דרשות חת"ס, חלק ב', דף שכ"ד.
25. זע, חדושי חת"ס, לולב הגזול, אתרוג הכושי; תורת משה, שופטים; תשובות, יו"ד, רל"ד.
26. „כתבי הרב אלקלעי", הוצ' ורפל, חלק ב', תר"א.
27. יחזקאל, ל"ו, ח'. 28. חלק ג' ב'
29. זע, מ. בובער, רעיון הגאולה בחסידות, ירושלים תש"ו, 12 ז"ז, ארויסגעגעבן ספרות המכון למדריכים של המחלקה לעמנו הנוער; כתבי צבי הירש קלישר, הוצ' י. וורפל (רפאל); ביבליאגראפיע, ספרות ציונית דתית.
אין זיין סעריע: „גדולי ישראל וועגן ארץ־ישראל", האט הרב י. י. וואהלגעלערנטער אין אומצאליקע מאמרים, געבראכט צום אויסדרוק די געגועים, אינערלעכע שטרעבונגען פון גדולי ישראל צו לעבן און שאפן אין ארץ ישראל.

קאַפּיטל אַכצן

חיבת ציון און די רעליגיעז-סאָציאַלע באַוועגונגען

אין אַ ווייטערן טייל וועלן מיר זיך באַמיען צו געבן אַן אידעאָלאָגישן הינטערגרונט די מאָדערנע רעליגיעז-סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן; הפּועל המזרחי, פּועלי אגודת ישראל און עובד הדתי (פריער זיך גערופן, דת ועבודה). זייער חידוש אין עולם המחשבה און זייער חידוש אין

קדושה דורך תורה. — עולם המעשה.

טהרה דורך עבודה. — אין אונזער צייט, די צייט פון דער שטייגנדיקער מעכאַניזירונג, האָבן דאָך אָן ספק, די רעליגיעז-סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, אַ סך בייגעטראָגן אויך אויסער'ן תחום; אַ סך משפיע געווען

השפעה פון חסידות. — הרב קוק.

אין אַנדערע ספערן, אין צוגרייטן דעם מענטשן צו העכערע אינטערעסן אין לעבן, ער זאָל אינטואיטיוו דערשפירן זיין פולער וויכטיקייט פאַר די אידעאַלן פון דער געזעלשאַפט; ער זאָל אַלס יחיד זיין פאַרבונדן מיט דעם צוזאַמענגעהאַלטענעם קיבוץ-מענטשן וואָס באַנעמען די פרינציפּן פון אָט די פילאָזאָפיש סאָציאָלאָגישע דערקענטענישן און די אמת'ן וואָס טראָגן דעם חותם און דעם כאַראַקטער פון רעליגיעזע באַפעלן און אָבליגאַציעס. אַלס יחיד נישט בלייבן איינגעמויערט אין די אייגענע דלד אמות, נאָר גייסטיק זיך צוזאַמענלעבן און באַאיינפלוסן דעם קאָלעקטיוו, די סביבה אַרום; ווי אַן „עולם קטן", ווירקן אויפ'ן „עולם גדול", אויף דעם טייל פון דער מענטשהייט, וואָס טראָגט אויף זיך דעם „צלם אלקים".

דער עיקר זיינען די דאָזיקע באַוועגונגען געווען וויכטיק אין יידישן קאָלעקטיוו, וואו זייער השפעה איז אָנזעעוודיק געגוג אפילו פאַר די וואָס ווילן דאָס ניט זען און ווילן דאָס ניט צוגעבן.

אין וואָס אייגנטלעך איז באַשטאַנען זייער חידוש?

אין די ווייטערע פּרקים וועלן מיר אַרויסברענגען זייער נייעם צוגאַנג צו די פאַרשיידענע סאָציאַלע פּראָבלעמען און דעם אופן פון לייזן זיי אויפן באַזיס פון תורה. מיר ווילן דאָ בלויז סומירן די אידעאָלאָגיע פון שיבת ציון אין אירע יסודות.

די תו"ע למשל, האָט אָנגענומען די פּראָגראַם פון מזרחי (געגרינדעט כ"ה אדר, תרס"ב אין ווילנע, דורך ר' יצחק יעקב ריינעס, ערשטער פּרעזידענט), וואָס שייך דעם רעליגיעזן ציוניזם, ווי געלערנט דורך די ציוניסטיש-באַוויכטע גאונים און ערשטע רבנישע מבשרי ציון, ווי ר' צבי הירש קאַלישער (תקנ"ה-תרל"ה); ר' אלי' גוטמאַכער (תקנ"ה-תרל"ה); ר' יהודה אלקלעי (תקנ"ה-תרל"ח) ר' מרדכי

עליאשבערג (תקע"ז־תר"ן, בויסקער רב); דער נצי"ב; הרב שלמה סלושץ (תרי"א־תרס"ו); ר' שמואל מאָהילעווער (תקפ"ד־תרנ"ח) און אנדערע גאוני התורה והיראה, וועלכע האָבן ארויסגעבראכט דעם רעיון פון אלגעמיינער לייזונג פון יידישע פראָבלעמען דורך אויפבויען די חורבות ציון און שאפן א גרויסן ישוב אין ארץ ישראל.[2]

דער הפועל המזרחי איז אויך באהויכט געוואָרן פון די אידעאלן ארויסגע־בראכט דורך שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געזען אין ישוב ארץ ישראל אן עיקר־דיקע לייזונג צו די גלות־צרות, ווי דאָס ווערט אזוי קלאָר דערקלערט דורך משה העס (תק"ע־תרל"ה) אין זיין בארימט ווערק „רוים און ירושלים"; דורך ל. פינסקער (תקפ"ב־תרנ"ב) אין זיין „אויטאָעמאנסיפאציע" (דערשינען, תרמ"ב) און אנד. זיי זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיט די אידעאלן פון דער „חיבת ציון" באוועגונג (געגרינדעט אין רוסלאנד נאָך דעם טויט פון אלעקסאנדער דעם צווייטן און די פאָגראָמען, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט זיין טויט).

אין דער ערשטער תקופה פון די חובבי ציון, איז אין דער גאנצער לענג און ברייט פון דער „הייליקער" צארישער אימפעריע אָנגעפירט געוואָרן אן אגיטאציע פאר ציון־אידעאלן און ציון־פראקטיק. פאר דעם רעליגיעזן יידנטום איז דאן דערשינען דאָס גרויסע ווערק „שיבת ציון" (רעד. פונ'ם קדוש ר' אברהם יעקב סלוצקי, אומגעקומען דורך די דעניקין באנדיטן) אין וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל געקומען צום אויסדרוק די מיינונג פון די גדולי ישראל, וועגן אומקער קיין ציון. ר' מרדכי עליאשבערג ברענגט ארויס דעם הערלעכן געדאנק וועגן דער גרויסקייט פונ'ם עובד האדמה, רועי צאן, שטייענדיק אויף א גרעסערער מדרגה פונ'ם בעל מסחר.[3]

פירער פונ'ם רעליגיעזן יידנטום האָבן אָנגעהויבן נעמען א גאָר אקטיוון אָנטייל אין דער חיבת ציון באוועגונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין כאַרקאָוו און וועמענס ערשטע חלוצים פון דער אָרג. ביל"ו (בית יעקב לכו ונלכה), זיינען באַ־שטאַנען פון סטודענטן, וואָס האָבן עולה געווען און געגרינדעט די ערשטע קאָלאָניע „גדרה". נאָכדעם איז געשאפן געוואָרן דער ועד פאר ישוב ארץ ישראל (אין יאָר תר"ן) און עס איז באַלד ארויף אויף דער ארענע דער מרכז רוחני, געגרינ־דעט דורך ר' שמואל מאָהילעווער, וועמענס סעקרעטאר ר' יצחק ניסנבוים איז שפעטער געוואָרן טריבון פון מזרחי, אונטער דער פירערשאפט פון הרב ריינעס, דעם גרויסן סיסטעמאטיקער, פעדאגאָג, גרינדער פון ישיבות און עסקן.

גדולי תורה ביים פויליש־ליטווישן יידנטום האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט'ן ערשטן קול קורא (אדר שני, תרס"ב), וואָס האָט געלויטעט:

„כי בארצות הגולה אי־אפשר עוד לנשמת האומה שהיא תורתנו הקדושה להתקיים במלוא כוחה, ולמצוותיה, שהן לבדן כל חיי רוחה, להשתמר בעצם טהרתן . . . אין אנחנו מוצאים מעוז לאומתנו שתתקיים ומבטח אחר לציון

שתתכונן בלתי אם משמרת היהדות הנאמנה בכל תקפה ובכל טהרתה. כי ציון ותורה הם שתי קדושות המשלימות זו את זו והצריכות זו לזו . . . "[4]

די צאָל רבנים און גדולי תורה, וואָס זיינען געווען טעטיק אויפ'ן געביט פון ישוב הארץ און געוועקט פאר'ן ציון אידעאַל, גרייכט ווייט אריבער די צאָל פון די, וואָס אפילו מזרחי שרייבער דערמאָנען.

מיר האָבן פריער דערמאָנט ר' צבי הירש קאַלישער. ער איז ניט געווען איינער, ער האָט געהאט די שטיצע פון אנדערע באַרימטע רבנישע פערזענלעכקייטן. ער איז געשטיצט געוואָרן פון זיין רבי'ן, דעם גאון הדור ר' עקיבא איגר, פון ר' עזריאל הילדעסהיימער, פון ר' מאיר אוירבאך, פון ר' יצחק אלחנן ספעקטאָר (קאָוונער רב) און פון אנדערע, ווי ער דערציילט אין זיין בריוו צום קאָוונער רב: „אכן זה יותר משלשים שנה השתדלתי בזה ביגיעה רבה בעוד רבנו הגדול הקדוש רבנו עקיבא איגר זצ"ל בחיים, והיה מסכים עם דרכי וכו'. גם הגאון השלם אויערבאך, אב"ד דק"ק האלבערשטאט, הסכים לדרכנו בהיותו עמי יחדיו, וגם מר ידידי מאז כתב אלי שנכון דרך הקודש הזה בעיניו וכו'[5]

הרב י. ל. הכהן מימון (פישמאן) אין זיינע „פרקי זכרונות על הציוניות"[6] שרייבט וועגן ר' יצחק אלחנן:

„לפני חמשים שנה ויותר בשעה שהיהדות הרוסית, המקורית, התורנית והמ־סורתית, היתה נתונה בצרה ובמצוקה נוראה המעיקים והגזירות הרעות שגזרה עליה הממשלה הצאריסטית, צדקה עשה הקדוש ברוך הוא עם כנסת ישראל בגולה, כי נתן לנו את רבי יצחק אלחנן, אשר מלבד גאוניותו, נדמה היה לכל כי הוא מלאך מושיע . . . " ער איז געווען פון די שטענדיקע אונטערשטיצער פון ישוב הארץ, חיבת ציון און געוועקט פאר דעם גאולה אידעאַל, ניט ווערנדיק באַאיינפלוסט פון זיין סעקרעטאר דעם באַוואוסטן קנאישן קעמפער קעגן ציוניזם ר' יעקב ליפשיץ, וועגן וועמען הרב מימון שרייבט: „אגב: מר. יעקב ליפשיץ, שהכרתיו פנים אל פנים, הי' איש בעל כשרונות מצויינים, אבל יצר הפירוד שהי' קבוע בתוך לבו הי' בעוכריו וכשרונותיו יצאו לבטלה . . . "

וועגן דער גאָלדענער עפּאָכע אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, שרייבט הרב מימון בעיקר וועגן דעם גאון און צדיק הדור אברהם יצחק הכהן קוק זצ"לק, דער וואָס האָט זוכה געווען צו זיין דער „רבה הראשי הראשון של ארץ ישראל ושלא היה כמוהו בין כל גדולי ישראל בזמנו שהיה מסור לחיבת הארץ ולקנינה . . . "

און ווייטער:

„האהבה לארץ ישראל שהיתה קבועה בתוך לבו מימי הפעוטות והילדות והבחרות הלכה ונתחזקה ונתגברה וחדרה לתוך תוכו ונזתמזגה עם הווייתו הפנימית וכבשה את פרטיותו — משעה שזכה לעלות ולהתיישב על אדמת הקודש. כפעם בפעם כשהיה מדבר על ארץ ישראל היו פניו מאירות ומזהירות מתוך רטט הת־פעלות של חדוה והתרוממות הרוח, והתנשאות הנפש ועלית נשמה, וכולו היה קודח

ולוהט בלהט שלהבת יה כשהיה נושא את מדברותיו על ארצנו היקרה, האהובה והקדושה, אשר לפי דעתו „קדושת ארץ ישראל, יש בכוחה להפוך את התוכן היותר רע והיותר מקולקל — לטובה ולברכה" (פון זיין פירוש אויפ'ן סידור).

אין יענער צייט איז אין דער וואָלאָזשינער ישיבה געגרינדעט געוואָרן די חברה „נס ציונה" און די חברים האָבן געדאַפט געבן א שטרענגע שבועה צו זיין געטריי דער אָרגאַניזאַציע. הרב פישמאַן גיט איבער דעם נוסח פון דער כאַראַקטעריסטישער שבועה, וואָס האָט זיך געלייענט:

„בשם ה' אלקי ישראל, בשם ארצנו הקדושה ובשם כל היקר והקדוש לי הנני נשבע שבועת אמונים, שבועת ה', להיות נאמן למטרת חברתנו ולהשתדל בכל ימי חיי להוציא את רעיון ישוב ארץ ישראל לפעולות ידים ולבלתי גלות סוד החברה לאיש בטרם יכנס גם הוא בבריתה בשבועה"[8].

הרב קוק האָט ניט געהערט צו דער חברה נס ציונה, ער איז אָבער געווען אינגאַנצן איבערגעגעבן צום אידעאַל פון ציון און צו דער ליבשאַפט פון ארץ ישראל.

די וואָלאָזשינער ישיבה איז בכלל געווען אונטער דער השפעה פון חיבת ציון און ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס די גרעסטע ציוניסטישע פירער, שרייבער און פּאָעטן אריינגערעכנט דעם נאַציאָנאַלן דיכטער פון אונזער דור, חיים נחמן ביאַליק, זיינען געקומען פון דער וואָלאָזשינער ישיבה—און ווי זאָגט זיך דער תלמודישער אַפאָריזם, „הכל בתר רישא גרירא" . . . דער נצי"ב, ר' נפתלי צבי יהודה ברלין, מנהיג־רוחני פון דער ישיבה, איז געווען איבערגעגעבן צום אידעאַל פון חיבת ציון[9]. הרב מימון, אין זיינע זכרונות, שרייבט וועגן זיין באַציאונג צום ציוניזם:

„מכל הרבנים הגדולים שנתנו ידם לחיבת ציון לא היה מפורסם כל־כך בס־ביבותנו כמו ראש הישיבה של וואָלוזין, רבי נפתלי צבי יהודה ברלין, מי שנת־פרסם אח"כ בתור הנצי"ב מוולוזין . . . "[10]. ער ציטירט פון נצי"ב'ס בריוו וועגן חיבת ציון, וואָס האָט בשעתו געמאַכט א קאָלאָסאַלן רושם. דער לענגערער בריוו ענדיקט זיך: „וביחוד חובה על גדולי ישראל, יברכם ה', להשתתף לרצון ה' ע"י עצות ליחידים אשר ברכם ה' להפריז על זה איזה סך מסויים, או לנדב לחברה הקדושה אשר לישוב הארץ נוסדה, ובזה יזכו גם המה לראות את ישראל בנויהם בארץ ה' שמה, ויהיו מאירים ככוכבים, דרך ארץ הקודש לרבים, וזכות הרבים יהא תלוי בהם, וימצאו חיים צדקה וכבוד כמשמעו ומדרשו, וכנפש העמוס בעבודה. הבא עה"ה, היום יום ששי לימי תשובה, תרנ"א פעה"ק וואָלוזין. נפתלי צבי יהודה ברלין".

ר' יצחק ניסנבוים[11] ברענגט אין זיין שטודיע, א גאָר לאַנגען רייסטער פון רבנים, וועלכע האָבן געהאָלפן אין דער שאַפונג פונם רעליגיעזן ציוניזם, צווישן זיי שוין לאַנג־פאַרגעסענע, ווי ר' נתן פרידלאַנד (געב. קאָוונע, תקס"ח; נפטר ארץ

ישראל, תרנ״ז), תלמיד פון ר׳ זונדל סאַלאַנטער, תלמיד פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, מחבר פון באַקאַנטע ספרי דרוש. א לענגערע באַשרייבונג וועגן ר׳ יהודה אלקלעי (תקנ״ח־תרל״ח) און זיינע חיבת־ציון דעקלאַראַציעס. ער דערציילט וועגן די אויפטועך פון אדאָלף קרעמיע און זיין „כל ישראל חברים״ אָרגאַניזאַציע, וועמענס נאָכפאָלגער האָבן געגרינדעט די קאָלאָניע פתח תקוה אין יאָר תרל״ח.

אויך אין קאָנגרעס פוילן האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַרענע גדולי הרבנים וועלכע האָבן בלב ונפש געטאָן פאַר ישוב הארץ, איינער פון זיי איז געווען דער גאון הדור, ר׳ ישראל יהושע מקוטנא, באַרימט אלס ר׳ יהושע׳לע קוטנער און ווי ער ווערט טיטולירט אלס דער „ראש וראשון לגאוני פולין״[12] ער האָט א סך געהאַלטן פון זיין פריינט ר׳ שמואל מאָהילעווער, זיך דורכגעשריבן מיט אים, און אָפן צוגעטראָטן צו דער באַוועגונג פאַר ישוב ארץ ישראל, גייענדיק א שריט ווייטער פון זיין איידעם ר׳ חיים אליעזר וואַקס (קאַלישער רב, מחבר פון ספר „נפש חיה״), וועלכער האָט געטאָן גאָר ממשותדיקס פאַר בנין הארץ.[13]

נאָך אין די זיבעציקער פון פאָריקן יאָרהונדערט שרייבט ער צו ר׳ צבי הירש קאַלישער:

„שמחתי בראותי גודל התאמצותו, בדבר חברת ישוב ארץ ישראל, עשה תעשה וגם יכול תוכל, בל יפול לבבו ואל ירך מדברי המתנגדים, כי לא בהשכל ידברו. אשרי חלקם של המתאמצים בזה. כי מצוה גדולה היא להחזיק את המת־יישבים בארץ ישראל והיה ראשיתם מצער ואחריתם ישגה מאד״ . . .

ער שרייבט אויך צום קאָצקער רבין, ר׳ ישראל מאָרגענשטערן:

„הרב הגדול בוצינא קדישא מגזע תרשישים . . . האדמו״ר רבי ישראל מקוצק . . . אין ספק שהוא (ישוב ארץ ישראל) מצוה גדולה, כי הקבוץ (לא״י) הוא אתחלתא דגאולה ובפרט מה שראינו עתה התשוקה הגדולה, הן באנשים פחותי ערך, הן בבינונים, והן בישרים בלבותם — קרוב לודאי שתתנוצץ רוח הגבורה . . . ובזמן הזה שנשתנה בעזה״י לטובה הן בסכנת הדרכים והן מצד עניות, בודאי היא מצוה גדולה . . .״[14]

אין איינער פון זיינע תשובות אין ישועות מלכו (ווארשה, תרפ״ז) רעדט ער וועגן עזה און עבר הירדן, באַהויפּטנדיק, אז זיי זיינען א טייל פון ארץ ישראל, האָבן די קדושה ראשונה און קדושה לעתיד לבא . . . ער שטעלט זיך אויך זייער שטאַרק אויף דער זייט פון זיין איידעם רח״א וואַקס וועגן די אתרוגי קורפו, אז זיי זיינען אונטער׳ן חשש מורכבים און אז מ׳זאָל בעסער בענטשן אתרוג פון תוצרת ארץ ישראל, אפילו ווען זיי זיינען ניט אזוי מהודרים ביותר.[15]

אין חודש אב, תרמ״ו, האָט ער צוזאַמען מיט זיין איידעם באַזוכט ארץ ישראל, א סך אויפגעטאָן אין ישוב און פאַר׳ן ישוב און געקראָגן די שענסטע אויפנאַמע, ווי עם פאַסט פאַר אזעלכע צוויי גדולי ישראל. ער האָט אויך א סך פאַרדינסטן פאַר דעם ישוב החדש, זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט ר׳ שמואל מאָהילעווער און

ר' יצחק אלחנן קאָוונער איז'ם אויסגעארבעטן היתר אויף ארבעט אין א שמיטה יאָר, גע'פסקנ'ט אז דאָס פּראָבלעם דאַרף געלייזט ווערן דורך די אָרטיקע רבנים, בעלי הוראה. אין זיין צוואה, זאָגט ער אָן מ'זאָל קארגן אין הוצאת הקבורה, ניט אויפצושטעלן קיין אוהל און אז מ'זאָל פאַרקויפן זיין אייגן ש"ס און דאָס געלט שיקן קיין ארץ ישראל...[16]

רח"א וואקס, ווי באַקאַנט האָט זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט הסכמה אויף חיבת ציון טעטיקייט, נאָר געטאָן ממשות'דיקעס, „למעשה" פאַר ישוב הארץ. אין תרל"ו געקויפט א פּרדס און דאָרט פאַרפלאַנצט אתרוגים; אין יאָר תרמ"ו ווען ער איז שוין געווען קראַנק און צעבראָכן האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד כדי צו זען וואָס מ'קען אויפטאָן פאַר ישוב הארץ, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער קריטיק פון די קעגנער.

רח"א וואקס (געבוירן תקפ"ב, נפטר א' תמוז, תרמ"ט) איז אויך יאָרן לאַנג געווען נשיא פון „כולל פּוילן רמבעה"נ" און שטאַרק געווירקט אין פּוילן, ספּעציעל אין רבנישע קרייזן פאַר חיבת ציון, זאָל זיין אויף אַן אומדירעקטן אופן, ווי עס זאָגן עדות די בריוו פון ר' צבי הירש קאַלישער. ער איז געווען פון די הויפּט מתירים אויף די אתרוגי ארץ ישראל, אַרויסרופנדיק קעגן זיך די קעגנערשאַפט פון זיין פריינט, דעם באַרימטן ראַדזינער רבין און גאון ר' גרשון העניך ליינער.[17]

גדולי הרבנים אין פּוילן, פּונקט אזוי ווי גדולי הרבנים אין ליטע, האָבן געשטיצט דירעקט אָדער אומדירעקט די אידייע פון רעליגיעזן ציוניזם און אין דער שפּעטערער נאָך־מלחמה'דיקער פּוילן, געהאָלפן דער אנטוויקלונג פון מזרחי אין פּוילן, דער לעבעדיקסטער צווייג פון דער באַוועגונג, האָבנדיק אין דער פירערשאַפט אזעלכע רבנים ווי דעם גאון הרב יהודה לייב גרויבארט, הרב י. ל. קאָוואַלסקי, הרב ש. בראָדט, הרב י. י. טרונק, הרב י. ל. זלאָטניק און אנדערע.

אמת איז, ווי י. נחמני ווייזט אָן אין „לחשבונה של תקופה"[18], אז אייניקע רבנים, ווי ר' אלי' חיים מייזל, לאָדזשער רב און אנדערע שטיצער פון דער חיבת ציון, האָבן זיך שפּעטער צוריקגעצויגן און אַרויסגעוויזן שטאַרקע קעגנערשאַפט דעם וועלטלעכן ציוניזם. אפילו ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר האָט אין די שפּעטערע יאָרן אויף אַן אומדירעקטן אופן (לויט נחמני'ן, דירעקטן) געשטיצט די „לשכה שחורה" (נחמני רופט איר „לשכה טהורה") אָנגעפירט אין קאָוונע פון דעם פריערדערמאָנטן שרייבער און עסקן ר' יעקב הלוי ליפשיץ (סעק. פון ר' יצחק אלחנן).

עס זיינען אויך אוועק פונ'ם ציוניזם, רבנים וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (תרנ"ז—1897), הרב ר' יהודה לייב צירלסאָן, שפּעטער קעשענעווער רב, ר' אלי' עקיבא ראַבינאָוויטש, דער פּאָלטאַווער רב און שפּעטער אָנפירער פון דער אַגיטאַציע קעגן ציוניזם; הרב דר. מיכאל כהן, רב אין באַזעל, ר' אהרן מארקוס, דער היסטאָריקער פון חסידות און א סך אנדערע. ער איז אויך גערעכט מיט זיין אויסזעצונג קעגן דעם צו שאַרפן אויסדרוק

פון הרב ש. בראָדט, אין זיין מאמר וועגן דער נעגאַטיווער באַציאונג פון די פוילישע רבנים צום ציוניזם און מזרחי[19], ווייל, ווי ער באַהויפּטעט: „שאין כל ספק שיחס רבני פולין ברובם המכריע אל תנועת המזרחי ואל פעולתה היה שלילי בהחלט" און ווי ער גיט אָן די סיבה: „שיחס שלילי זה לא בא מתוך הישוב ושיקול הדעת להביא בחשבון את כלל צדדי החיוב וחשליליה שבארגוני התנועה. מסופקני אפילו אם היו מוכשרים לכך".

דאָס איז אַ שאַרפער אויסדרוק. צווישן די פוילישע רבנים און רביישע מנהיגים זיינען געווען געניג פּערזענלעכקייטן מיט אַ ברייטערן וועלטלעכן בליק. זיי זיינען אָבער, ווי די נאָכפאָלגער פון פויליש ליטווישן יידנטום, געווען פאַר־אינטערעסירט, בעיקר, אין שאַפן יידן, היטן פרומקייט, ווי עס איז געווען זיין רבי, דער גאון פון אָסטראָווצע, ר' יחיאל מאיר הלוי.

דער פאַקט איז דאָך, אַז אויך אין דער ליטע האָט דער מזרחי ניט צופיל מצליח געווען, ווי הרב מימון גיט איבער אין זיין מאמר „הצעדים הראשונים"[20], און גיט אָן די פאַרקערטע סיבה: ליטווישע קאַלטקייט, אויסגערעכנטקייט . . . : „כידוע נוסדה הסתדרות המזרחי בתוך מרכזה של היהדות הליטאית . . . אבל אודה ולא אבוש, כי דווקא בליטא זו לא הצליח המזרחי למצוא כר נרחב לעבודתו... הקרירות של היהודי ליטה . . . שגרמה גם להתנגדותם של גדולי ליטה וחכמיה כלפי המזרחי . . . " גדולי ישראל האָבן פאַרזען דעם מזרחי אידעאַל, דעם גרויסן אידעאַל פון פּראַקטישן שיבת ציון, דורך וועלכן מ'האָט געקענט אָפּראַטעווען אַ גרויסן טייל פון אונזער פאָלק און מיר וואָלטן אַנדערש אויסגעזען אין דער באַנייטער מדינת ישראל.

די „מתנגדי הציונות", סיי די דרשנים און סיי די סופרים, זיינען ווייט ניט גערעכט געווען מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע, ווי זי איז געקומען צו דער עפנטלעכקייט דורך דעם ספר „אור לישרים" (קבוץ מאמרים ומכתבים של מתנגדי הציונות), דורך דעם חודש'לעכן „הפלס", וועכנטלעכן „המודיע" און אַנדערע.

זיי האָבן אפשר געהאַט די בעסטע און ערלעכסטע כוונות, ווי דער באַרימטער בריסקער מגיד ר' אליקים געצל לעוויטאַן (תרכ"ה־תרע"ב), אַ גוואַלטיקער בעל כשרון און ערלעכער ייד, מחבר פון אַ ספר „רמת שמואל" (הספד על מות רבי שמואל מאַהילעווער) און נאָך אַנדערע מגידים פון דעם טיפּ, וואָס האָבן פּראָפּאַגירט דעם „אַנטי ציוניסמוס" פון די בימות בתי כנסיות . . .[21]

זיי האָבן אָבער, ווי מיר וויסן, געמאַכט דעם פאַטאַלן טעות און אפשר איז עס געווען דער גורל פון אונזער פאָלק, אַז די גדולי האומה זאָלן פאַרזען אָט דעם ערלעכן אידעאַל, וועלכן עס האָט גראָד יאָ דערזען דער גדול הדור, חובב ציון וחובב האומה, דער „נשיא הראשון" פון דער רבנות הראשית בארץ ישראל אין דער תקופה פון שיבת ציון, רבי אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל (תרכ"ה־תרצ"ב), וועל־כער האָט סיי מיט וואָרט, סיי מיט שריפט אַרויסגעבראַכט אָט דעם אייביק הייליקן

בונד פון די דריי הערלעכע באַגריפן: ישראל, תורה און לאַנד; אצילות פון פאָלק, דערהויבנקייט פון דער תורה און קדושה פון לאַנד. דאָס זיינען די יסודות אויף וועלכע ס'זיינען באַזירט אַלע זיינע מחשבות, אַלע זיינע טראַכטונגען און אַלע זיינע שריפטן.[22]

די אידעאָלאָגן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם זיינען באַהויכט געוואָרן פון די גערדאַנקען, וואָס עס האָבן אַרויסגעבראַכט די אבות פון דער חיבת ציון באַוועגונג ביז דעם רבי'ן פון דער באַוועגונג, הרב קוק, וועלכער דריקט זיך אויס: „חיבת ארצנו הקדושה היא יסודה של תורה" . . . די ליבע צום הייליקן לאַנד, איז דער פונדאַמענט פון אונזער תורה . . .[23]

אָט די קדושה האָבן זיי געוואָלט אויפסניי פאַרפלאַנצען אינם לאַנד פון „מחמד העם" און „ארץ המולדת" . . . זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם שטאַרקן רצון פונעם פאָלק צו לעבן אין אייגענעם לאַנד; צו באַלעבן די אייביקע ווערטן; צו ווערן דער „ממלכת כהנים וגוי קדוש" . . .

איינער פון די אבות, דער היסטאָריקער זאב יעב"ץ (געבוירן קאַלנאַ־קויל, פּוילן, ט"ו תשרי, תר"ח — נפטר, לאָנדאָן, י"ח שבט, תרפ"ד) איינער פון דעם „רוח החיה" ביי דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג, האָט געזען אין מזרחי אַלס באַוועגונג, וואָס וועט זיין בכוח צו פאַרוואַנדלען פאָלק און תורה אין איין גוף און נשמה — אַ פולער נפש חיה . . .[24]

די תו"ע האָט זיך געלאָזט גיין אויפן וועג פון דער מזרחי אין קאַמף פאַר ארץ ישראל, אין קאַמף פאַר דער סאָוועריינער יידישער מדינה, געטריי צו די טראַדיציעס פון אונזער פאַרגאַנגנהייט, צו די קעגנוועריטיקע פאָדערונגען און צוקונפט פּערספּעקטיוון, אויפצובויען אַ געזונטע עקאָנאָמישע און גייסטיק נאַציאָנאַלע ארץ ישראל אויף די יסודות פון תורה און סאָציאַלן פּראָגרעס.

אין דעם ליגט אייגנטלעך דער חידוש פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, די אַנטפּלעקונג דורך מעשים די יצירה־קראַפט פונ'ם יידישן מענטשן אין זיין לאַנד; די עפנונג פונ'ם קוואַל פון יידישן יושר וואָס איז אָרגאַניש פאַרוואָרצלט אין יידישן וויסן און אינ'ם יידישן שאַפן.

די אידעאָלאָגן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, האָבן געעפנט די ברייטע האָריזאָנטן פון אָט דעם יושר. זיי האָבן דאָס געטאָן הצנע־לכתדיק. אויף דעם שטייגער גערופן צום אומקער צו דער אייגענער גייסטיקער דערהויבנקייט, צו די אייגענע טראַדיציאָנעלע ווערטן, דער פאָלקישער שוץ־פאַנצער פאַר טויזנטער יאָרן. אין דער שטיל האָבן זיי געווירקט פענאָמענאַל אויף דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער מדינה. זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט רייד, סימבאָלן, אַבסטראַקטע טעאָריעס . . . זיי האָבן געטאָן מעשים און מיט לאָגישן אַנאַליז פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט מענטשלעכע באַציאונגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ה ע ר ו ת

1. הרב רייגעס (תר"א־תרע"ה איז געווען רב אין א צאָל ליטווישע קהלות: שיקמאַן, קאָוונער גוב.; שווענציאַן, ווילנער גוב'; לידא. ווי גליקסבערג באַצייכנט אים, איז ער געווען פון די געציילטע אין דור מיט א קלאָרן סטיל און טיפן דענקען, סיי אין שריפט און סיי אין וואָרט, גרויסער אָראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר (זע, הדרשה בישראל, ז"ז תע"ז־תע"ח). ער איז דער מחבר פון צען ספרים: עדות ביעקב, שו"ת חלק א'; דרוש וחדוש חלק ב'; חותם תכנית, ב' חלקים; שערי אורה, אורים גדולים, נאָד של דמעות, אור שבעת הימים, אורה ושמחה, אור חדש על ציון, אור לארבעה עשר, שני המאורות און אנד. זע, „מצפה", שנתון, „הצופה" לשנת תשי"ג, מוקדש ליובל החמשים של תנועת המזרחי העולמית, ירושלים, אדר תשי"ג — וויכטיקע ציטאַטן פון רייגעס' געדאַנקען וועגן רעליגיעזן ציוניזם, באַזונדערס דעם מאמר פון הרב זאב רבינר, „מבית היוצר", מדבריו של רבי ומורי . . . (ז"ז כ"ו־ל').

2. זען: י. ל. הכהן פישמאַן (מימון), הציונות הדתית והתפתחותה; יצחק ניסנבוים ראשונים לציון, העברי גליון, מ', (ז"ז 7־9) רשימה באַגלייט מיט ביאָגראַפיש מאַטעריאַל פון רבנים, וועלכע האָבן געהאָלפן חיבת ציון באַוועגונג: ר' מרדכי גימפל יפה, רב אין ראַזינוי, גראָדנער גוב'; ר' פּינחס ראַזאָווסקי, מחבר און פּוסק, געב. אין נעשוויז, תר"ג, רב אין שווענציאַן, וואו נפטר געוואָרן י"ד טבת תרס"ד; ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר, באַרימטער קאָוונער רב; ר' דוד פרידמאַן, קאַרלינער רב, האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער אסיפה פון „חובבי ציון" אין קאַטאָוויץ, אין יאָר תרמ"ד. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, איז ער געווען א פאַרביסענער קעגנער פון ציוניזם ;ר' אלכסנדר משה אבן לפּידות, רב אין ראַסיין, זיך באַטייליקט אין דער חובבי ציון פאַרזאַמלונג אין יאָר תרמ"ז; ר' יונתן עליאַשבערג פון ווילקאָוויסק; ר' שלמה הכהן פון ווילנע; ר' יעקב יצחק ריינעס, ר' אליעזר סטראַשון און אַנדערע. ניסנבוים, אין זיינע זכרונות (העברי, גליונות מ־ה־מ"ו) גיט איבער אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די ראשונים אין דער באַוועגונג, וועגן דער באַטייליקונג פון רבנים און אפילו רביים. דער קדוש אברהם יעקב סלוצקי (אומגעקומען דורך כוליגאַנעס אין נאָוואָגראָד, סיווירסקי) איז דער שאַפער פונם נאָמען „מזרחי". מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג רעדט ער וועגן זיין מורה־דרך, ר' שמואל מאָהיליווער.

3. זע, גליקסבערג, דאָרט, באַריכות, ז' תע"ח; יצחק ריבקינד, לחקר תולדות המזרחי והתפּתחותו, וואַרשע תרע"ח י. ל. זלאָטניק, אונזערע פליכטן אינם איצטיקן מאָמענט, די שלוס־רעדע פונעם גאָמבינער רב . . . אויף דער ערשטער מזרחי־קאָנפערענץ אין פּוילן, וואַרשע, י"ג־ט"ו תמוז, תרע"ז־1917; רעליגיעזער נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, וואַרשע תרע"ח און אנד. בראשורן און רעפעראַטן; זע אויך; מצפּה, שנתון הצופה לשנת תשי"ג, בעריכת י. ברנשטין, דאָרט, ערשטער קול־קורא, בריוו און אַנדערע דאָקומענטן.
זע אויך, דר. ש. ב. פעלדמאַן „אין קאַמף פאַר'ן רעליגיעזן ארץ ישראל", וואַרשע, תרצ"ד.

4. זען, מצפּה, דאָרט, וויכטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, צוו"א: ערשטער מזרחי קול־קורא פון אדר שני, תרס"ב (ז"ז י"א־י"ד), פּסיעות ראשונות, צרור מכתבים (י"ז־כ"ה), א בריוו, געחתמעט פון יוסף דובער הלוי, שמואל בהרב מהר"י מאָהיליווער, אלי' חיים מייזל, חופ"ק לאָדזש וועגן חיבת ציון און ערד־אַרבעט; בריוו פון נצי"ב, פון ר' יצחק אלחנן און אַנדערע. זע אויך, יצחק ניסנבוים, העברי גליונות כ', ל"ה־ל"ח שנה עשירית, ז"ז 9־11 וועגן אייניקע ראשונים לציון, ווי ר' יחיאל מיכל פינעס (געב. תר"ד, נפטר תרע"ו), משה מאָנטעפיאָרע, באַראָן ראָטשילד און אַנדערע.

5. יוסף חן, לר"ן פרידלאַנד, ז' 174.

6. הצופה, יום ששי, כ"ז תמוז, תשי"ג, 10.7.53. אלס פאַקט, אז ר' יצחק אלחנן האָט געהאַט א פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער חיבת ציון באַוועגונג, גיט ער אָן, אז ער פלעגט שיקן זיין יאָרלעכן מס־חבר צו דער דאָזיקער חברה.
הרב אהרן בן ציון שורין, אין א מאמר א.ג. „יחסו של ר' יצחק אלחנן זצ"ל לישוב החדש בארץ ישראל" (תדפיס מ„תלפיות", שנה ג', נ. י., תש"ז) שרייבט אויספירלעך וועגן ר' יצחק אלחנן'ס באַציאונג צום נייעם ישוב. י. ריבקינד (אין זיין „דיסרטציה על ר' יצחק אלחנן", תדפיס מן „הדואר", גליון כ"ד, עם תוספות) באַרירט דעם ענין (ז' 6) און ווייזט אָן אויף די צוויי באַזונדערע באַוועגונגען: „שיבת ציון" און „חיבת ציון". די ערשטע איז געקומען א סך פריער.

7. זכרונות, פּרק עשרים ואחד, הצופה, יום ששי, ג' באלול, תשי"ג, 14.9.53.

8. דאָרט, באַריכות.

9. זע, יצחק ריבקינד, „הנצי"ב ויחסו לארץ ישראל", לאָדזש, תרע"ט.
נפתלי צבי יהודה ברלין (נצי"ב) איז געבוירן געוואָרן אין מיר, 1817; נפטר, וואַרשע, י"ז אב תרנ"ג - 1893. זיין דרך הלימוד איז ווי דעם גאון'ס. פון זיינע ספרים: „העמק שאלה" (אויפן שאלתות), „העמק דבר" (אויף תורה), „מיטב השיר" (אויף שיר השירים), „משיב דבר" (שו"ת, צוויי חלקים) וואַרשע, 1894.
וועגן אים, זע, מימון, סיני, מנחם אב, תשט"ו.

10. פּרקי זכרונות, י"ח, הצופה, יום ששי, י"ב מנחם־אב, תשי"ג. 24.7.53.

11. העברי, גליונות, י"ב, י"ג, י"ה.

12. נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט זיך תמיד באַטראַכט פאַר זיין תלמיד, דריקט זיך אויס וועגן אים: „כל התורה כולה מסיני ועד ליסא (געמיינט די ישיבה פון ר' יעקב ליסער־לאָרבערבוים, דעם בעל „הנתיבות", „חוות דעת" און אַנד.) כל המקרא והמשנה ופירושיהם כל הספרות התלמודית הרחבה מני ים — הכל מצא קן לה, במוח האיש האחד הזה, ושמו היה נשוא תמיד בהדרת קודש על שפת כל אחינו בפולין . . . " און ווייטער: למעלה משבעים שנה לא פסק פומי' מגירסא ואין כל ספק, כי למד גם בחלום . . . שעה אחת בחברתו טובה היתה מקריאת ספר שלם. שיחה אחת משיחותיו, היתה דיה לעשות ממנה דרוש יקר".

13. זע, י. ד. בית הלוי, תולדות רבי חיים אלעזר וואַקס, הרב מקאליש, טרנוגרוד ופיטרקוב, מחבר ספר „נפש חיה", אבי רעיון חיבת ציון הדתית בפולין, תל־אביב, תש"ז; יצחק גרשטנקורן, זכרונותי על בני ברק, ב', ז"ז ק"מ־קמ"ג; נ. שמן: די ביאָגראַפיע פון וואַרשעווער רב, ז"ז 42־43; דאָס געזאַנג פון חסידות, בוענאָס־איירעס, 1959, באַנד 1, ז' 114, נאָכבאַמערקונגען; באַנד 2, ז"ז 110־111.

14. זע, י. מ. יוסיפון, ר' יהושע מקוטנה (נפטר בן ע"ד (? - נ. ש.), כ"ה תמוז, תרנ"ג), הצופה, יום ששי, מנ"א, תשי"ג (17.7.53).

15. דאָרט, באַריכות. ציטירט בריוו פון ר' אלי' גריידיצער צום מחבר פון „נפש חיה" (געד. או"ח, סימן א') פול מיט התלהבות וועגן ישוב ארץ ישראל.

16. זע, י. ל. גרויבאַרט, ספר זכרון, לודז, תרפ"ו, ז' 173.

17. זעז, אבני מילואים, לההבורת היתר על אתרוגי ארץ ישראל, נפש חיה, או"ח, י"ב, ס"ב; יצחק וורפל רפאל, ספרות ציונות דתית, ביבליוגרפיה, ירושלים, תש"ה, ז"ז ל"ד־ל"ה.

18. אין „המודיע" קריטיק אויף הרב בראַדט'ס מאמר וועגן מזרחי אין פוילן.

19. הרב ש. הלוי בראַדט, יחס רבני פולין למזרחי, מצפה, דאָרט, ז"ז ת"ל־תל"ה.

20. דאָרט, ז"ז שנ"ט־שס"ו.

21. זע, גליקסברג, הדרשה בישראל, ז"ז תפ"ב, תפ"ה־תפ"ו, תצ"ט.

22. הרב פישמאַן (מימון) אין זיין תולדות הרב, דריקט זיך אויס וועגן אים: „הוא היה איש שכולו טוב וחסד במלוא מובנן של המלים האלה. לבו היה מלא אהבה רבה, טהורה ועמוקה לכל אדם מישראל ובמדת־טובו וטוהר לבו לא ראה כל עמל בישראל . . . "
זע אויך, הרב צבי טאַבאָרי, דאָס ליכט פון ישראל, ג' אלול, תש"ד;
Leonard B. Gewirtz, Elements in Rav Kook's Legacy, Tradition, Vol. 5, No. 1, 1962, PP. 42-44.

23. וועגן דער השפעה פונעם רעליגעזן ציוניזם אין דער אַנטוויקלונג פון הפועל המזרחי, זעז מצפה, דאָרט, ז"ז ל"ה־ס"ה: י. תירוש (ווינער), הציונות הדתית; יצחק גוש זהב, מווילנא עד ירושלים . . . ז"ז שצ"ז־תר"ב; הרב ניפלד, במקום הורתה של התנועה, לתולדות המזרחי בפולין, ז"ז תר"ג־תר"ט; הרב צבי יהודה קוק, המדינה כהתקיימות חזון הגאולה, ז"ז ס"ט־ע"ה.

24. זע אויך, אזכרה, ירושלים, תרצ"ז, ז"ז פ"ב־פ"ג.

זוכצעטל (נעמען-רעגיסטער)

א

ר' אבא — 74, 298, 442, 452
אבא אושעיא — 202, 298
אבא בר אחא — 453
אבא גוריא — 292
אבא גורין — 292
אבא בר זמינא — 202, 298
אבא חלקיה — 296
אבא יוסף — 202
אבא נגרא — 202
אבא שאול — 298
ר' אבהו — 41, 295, 390, 450
אבטליון — 178, 233, 335
אבידור, ש. — 464
אביי — 87, 295, 328
ר' אבין — 298
אבן עזרא, אברהם — 33, 57, 63, 72, 76, 410
אבן עזרא, משה — 57
אבן שמואל, יהודה — 236
אבראמס, ה. — 404
אברבנאל, יצחק — 28
אברהם אבינו — 53-19, 62, 67, 75, 89, 113, 145, 163, 168, 174, 189, 193, 218, 245, 247, 251, 260, 272, 278, 292, 328, 333, 339, 381, 390, 454
אברהם דוב — 455
ר' אברהם המלאך — 316
ר' אברהם יהושע העשל — 317
ר' אברהם קאליסקער — 316
אגאם, ארכידעס — 361
אגג — 387, 389, 402-3
רב אדא — 202, 298
אדאמס — 243
אדם הראשון — 32, 36, 50, 70-73, 77, 78, 83, 109, 111, 327-28
אדריאנוס — 238
אהליאב — 300
אהרן הכהן — 67, 379, 383, 385, 452
אהרן ירוחם — 403
אהרן קארלינער — 317, 425, 455
אונגער, מנשה — 340, 405
אונטערמאן, יצחק — 76
ר' אוניא — 414
אוירבאך, מאיר — 467
אוסישקין, מ. — 342
אורבאך, משה — 435
אוריפודאס — 118
אושעיא — 298
אושעיא איש טריא — 225
רב אחא — 336, 414
אחאב — 128, 136-38, 140-41, 253, 388, 402, 409
אחד העם (אשר גינצבורג) — 50, 249, 322, 362
אחיה השלוני — 128, 137
אחר (אלישע בן אבויה) — 54-55, 177, 193, 221, 230-31, 240
איגר, אלתר עזריאל מאיר — 308
איגר, יהודה לייב — 308
איגר, עקיבא — 439, 442-43, 446, 462, 467
איוב — 65, 83, 88, 98, 131, 182-83, 245, 247, 260, 294
איזבל — 137-38, 140-41, 253
איטינגא, מרדכי זאב — 445-46
אייבו בר אחא — 453
אייבעשיץ, דוד שלמה — 455
אייבעשיץ, יהונתן — 431
אייזעקס, שמואל — 270
ר' אייזיקל קאליווער — 408
אייזנשטאדט, ש. — 169
אייזנשטיין, י. ד. — 50, 237, 330-31
איינהאָרן, דוד — 268, 270
איינשטיין, אלבערט — 401, 407
ר' איסי — 262
אכילעס — 118
אלטער, אברהם מרדכי (אדמו"ר) — 456
אלטער יהודה ארי' (אדמו"ר) — 51
אלי' חסיד — 343
אלי' דע ווידאש — 111
אלי' די פירדה — 462
רבנו אליהו (הגר"א) — 177, 210, 316, 343-46, 349
אליהוא — 65, 182, 294
אליהו הנביא—14, 96, 128, 136-38, 140-42, 151, 222-23, 262-63, 379, 385, 399, 409, 421, 430, 433

אלימלך ליזשענסקער — 317, 423
אליעזר עבד אברהם — 241, 251, 272
אליעזר בן הורקנוס — 55, 186, 217-21, 236, 275, 289, 294
אליעזר ב"ר אבינא — 414
ר' אליעזר — 263, 266
אליעזר בן חרסום — 275, 292, 375
אליעזר הרוקח — 78
ר' אליעזר בן פדת — 458
אליעזר בר צדוק — 298
אליפז — 294
אליצקי, ל. — 111
אלכסנדר ינאי — 198
ר' אלכסנדרי — 184
אלכסנדר דער גרויסער — 27
אלכסנדרזאָן, יונתן — 446
אלישע הנביא — 96, 385, 392, 402
אלמי, א. — 296, 303
ר' אלעזר — 336-37
ר' אלעזר איש ברתותא — 167
אלעזר הקפר — 405
אלעזר בן עזריה — 182, 189, 193, 220-21, 228, 237, 275, 292, 302, 406
אלעזר ב"ר שמעון — 441
אלעקסאנדער, צווייטער — 466
אלפערסאן, מ. — 342
אלקביץ, שלמה — 359
אלקלעי, י. — 462, 465, 469
אמודאי — 298
ר' אמי — 298, 327, 452
אמסטערדאם, נפתלי — 349
אמציה, המלך — 143, 394
אנטאניום — 266
אנטונינום — 232
רב אסי — 327, 452
אפרתי, מ. צ. — 235
אפטייקער, יעקב — 255-57, 272
אפרים מקשאה — 295
אפרים ספרא — 298
אפּאטאשו, יוסף — 340
אר"י הקדוש — 316, 408
אריסטאָטל — 59, 99, 103, 117-18, 120, 125, 242, 268, 301, 417
ארכימעדעס — 59
רב אשי — 370, 450, 452
אש, שלום — 50, 238
אשכנזי, צבי — 312, 413

ב

באדער, גרשם — 283
באדן, זשאן — 362
באומגארט — 37
באטטען, לאָרינג — 168-70
באָלעסלאוו — 310
באָקונין — 133
באראן ראָטשילד — 473
באָראָכאָוו, בער — 133-34
בארט, אהרן — 375
באָרנשטיין, אברהם (אדמו"ר) — 372
בובער, מ. — 464
בובער, שלמה — 431
ב"ח (ר' יואל יפה־סירקיש) — 213
רבנו בחיי — 36-39, 58-59, 142, 348
ביאליק, ח. נ. — 111, 169, 178-79, 191, 219, 271, 362, 398, 468
רב ביבי, בר אביי — 298
ביהמא — 37
בייקאָן, פרענצים — 14
ביק, אברהם — 340
בית הלוי, י.ד. — 445, 474
בכר — 236, 238
בלאָך, חיים — 191, 306, 373, 393, 406, 444-45
בלאָך, יוסף־לייב — 435
בלאָזער, יצחק — 346-50
בלוי, משה — 435
בלום, ש. — 284
בלומענבערג, לעאָפּאָלד — 269
בלומענפעלד, שמואל מ. — 353
בלעם — 182, 207, 418, 421
בנעט, מרדכי — 423-24
בן־גוריון, דוד — 110
בן הדד — 402
בן זאב, ישראל — 134, 301
בן זומא — 44-55, 109, 123, 188, 220-21, 230-31, 291
בן עזאי — 44-45, 200-01, 220-21, 223, 230, 239, 337
בן מנחם, נפתלי — 373
בן פטורא — 129-30, 223, 249-250
בן ציון ביעלסקער — 458
בן ציצית הכסת — 295
בענדזשאמין, יהודה — 269
בערדיטשעווסקי, מ. — 304
רבי ר' בער — 316, 423-24
בערנשטיין, י. — 375, 460, 473

בערנשטיין, מרדכי וו. — 50, 211, 216, 284, 300
בעש"ט — 67, 100, 316, 346, 455
בצלאל — 300
בראדט, ש. — 470, 474
בראמבערג, א. י. — 273, 405
בראנדייס, ל. ד. — 269
בראקאזש, חיים — 216
ברויער, יצחק — 332, 339, 342
ברויער, שלמה־זלמן — 435
ברוך בן נריה — 155, 450
ברוך, י. ל. — 372
ברון, י. ל. — 302
ר' ברוקא — 458
ברוריה — 183-84, 192, 234, 240
בריינין, ר. — 462
ברימאן, אהרן — 392
בר־אדון, שמואל — 276, 284
ר' ברכיה — 27
בר־כוכבא — 61, 218, 220, 229
ברלין (בר אילן), מאיר — 171, 192, 372
ברלין, נפתלי צבי יהודה (נצי"ב) — 43, 365, 374, 436, 457, 466, 468, 473
בר קפרא — 199, 295
בר שאול, א. — 284
בתואל — 36
בתיה — 251

ג

גאלאמב, א. — 173, 342
גארדאן, א.ד. — 110, 330
גארדאן, י. ל. — 304, 350
גארדין, אבא — 78, 110, 135
גבירול, שלמה — 410
גדלי' אבן יחיא — 412
גדעון — 89, 111
גוטמאכער, אלי' (גריידיצער) — 443-45, 462, 465, 474
גוטמאן, יוסף — 340
גוש זהב, יצחק — 474
גחזי — 385
גלאוויטשאווער, אברהם בנימין—464
גליק, הירש — 439
גליקסבערג, שמעון יעקב — 191, 473-74
גלען, מנחם ג. — 364, 353
גלית — 390
רבן גמליאל — 100, 189, 209, 217, 228-29, 254, 260, 263, 288, 298
רבן גמליאל דיבנה — 254, 260, 275
געסנער, מאיר וו. — 15
געווירץ, לעאָנארד ב. — 474
גערשטנקאָרן, יצחק — 42, 169, 456, 474
גפני (וויינשענקער), ר. — 375
גראָדזענסקי, חיים עוזר — 435
גרויבארט, ד. — 270
גרויבארט, יהודה לייב — 41, 123, 218, 229, 304, 331, 373, 440-41, 470, 474
גרויבארט ,ישכר דוב — 441
גרינבערג, חיים — 98, 237, 248, 250
גרינוואלד, יקותיאל יהודה — 216, 229, 235, 240, 446, 449, 463
גרינשפאַן, נ. ש. — 342
גרעץ, היינריך — 238, 314
גרשוני, יהודה — 406
ר' גרשון קיטעווער — 455
גשורי, מ. ש. — 19, 49, 52, 195, 284, 338, 341

ד

דאנטע — 103
דאנציק, אברהם — 306, 308
דאָסטאָיעווסקי — 431
דארווין, טשארלס — 102-03
דארמשטעטער — 270
דבורה הנביאה — 94
דובנאָוו, ש. — 314, 464
דוד המלך — 35, 75, 79, 114, 129, 181, 291, 305, 313, 317, 325, 385-86, 388, 390, 393-94, 419
דוד ראובני — 416
דונש — 360
ר' דוסא בן הרכינס — 218
דייוויס, משה — 273
דזשאָרדזש, הענרי — 286, 301
דזשאבערס, י. ד. — 463
דזשאספער, קארל — 76
דיואי, דזשאן — 347, 353
דיסקין, יצחק ירוחם — 435
דניאל — 41, 99, 121, 412, 421
דניאל ש. — 466
דעמביץ, לואיס נפתלי — 269
דזשעפערסאָן, טאָמאס — 243, 254
דרייזין, נ. — 77
דרייפוס — 401

ה

האי גאון — 55, 337, 453
האלבערשטאם, חיים (אדמו"ר) — 42, 322, 445
האלשטאק, מאיר יחיאל הלוי (אדמו"ר) — 220, 236
האמילטאן, אלכסנדר — 254
האמוראבי — 46, 57-255, 272
האמער — 103, 117-20
האנאווער, נתן נטע — 394-95
האפשטיין, ישראל (אדמו"ר) — 456
הבל — 19, 57, 74, 75, 79, 402
הגר — 42
הובערבאנד, שמעון — 445
רב הונא — 25, 31, 178, 188, 295, 452
הורודוצקי, א. — 462, 464
הורוויץ, בנימין — 435
הורוויץ, י. — 53
הורוויץ, ישעיה (של"ה) — 356, 456, 460
הורקנוס — 198
הושע הנביא — 154, 159, 160-62, 421
היגער, מ. — 302, 404
היילפרין, י. — 464
היילפרין, מיכל — 270
היינמאן, יצחק — 373
היינע, היינריך — 92
הילדעסהיימער, עזריאל — 467
הילקוויט, מ. — 301
הירש, שמשון רפאל — 95, 342, 355-56, 360-61
הירשבערג, מ. — 463
הלל הנשיא — 145, 174, 179-81, 185, 189, 197, 202, 218-21, 332, 233, 236, 291, 296, 333-36, 370, 427, 441, 452
המן — 389
רב המנונא — 87, 355
העליר, חיים — 338, 405, 461
העללער, זעליק — 373
העסיאד — 118-19
העס, משה — 466
העראקליט — 242, 417
הערשלער — 435
הערש רימאנאווער (אדמו"ר) — 321
הערש קאמינקער — 455
ר' העשל — 317, 323

וו

וואהלגעלערנטער, י. י. — 464
וואהלמאן, מ. — 239
וואלטעיר — 254
וואלף, סימאן — 273
וואלפסבערג, י. — 341
וואורצבערגער, וו. ש. — 191, 404
וואקס, חיים אלעזר — 444, 469, 470, 474
וואקסמאן, מ. — 193, 236, 372
ווידנפעלד, שלמה — 269
וויז, אייזיק מ. — 269
וויינבערגער, אפרים — 406
וויינגארטן, שמואל — 444-45
וויס, א. ה. — 237, 239
וויס, שבתי — 52
ווילן — 401
ווישאגראד, מיכאל — 404
ווענהויזן — 256
וועררדיגער, ישראל חנוך — 135

ז

זאלא, עמיל — 401
זאנענפעלד, יוסף חיים — 435
זאק, חיים — 280, 284
זאקהיים, אברהם — 284, 292, 302
זונין — 225
ר' זושא — 424
זינגער, י. י. — 338
ר' זירא — 413, 438, 440-42, 449-50, 452-53
זכרי' הנביא — 151, 162, 400-01
זכרי' בן קבוטל — 451
ר' זכרי' — 298
זלאטניק, י. ל. — 470, 473
זמרי — 399
זעווין, שלמה יוסף — 285, 374
זרובבל — 397
זשארעס, זשאן — 401

ח

חאנעס, שמעון משה — 50
חבקוק — 62, 92, 168, 270, 399
חגי — 151, 400
חגיז, יוסף — 435
חגיז, משה — 302
חוה — 50, 70, 73, 328
חוזה מלובלין — 425-26
חוצפית המתורגמן — 231

חזקיה — 385
ר' חזקיה — 87
חיד"א — 462
חיות, צבי הירש — 236, 444-45
ר' חייא — 27-26, 50, 197, 202-04,
283, 295, 433, 441, 450-53
חייא בר גמדא — 442
חייא בר זרנוקא — 450
ר' חיים — 391, 437-38, 440
ר' חיים וואלאזשינער — 94, 343-46,
349, 469
ר' חיים וויטאל — 312
חיים ישעיה הכהן — 421
חיים טשערנאוויצער — 455
חיים קראסנער — 455
חירם — 71, 394
חם — 257
חן, אברהם — 76-77, 405
חן, יוסף — 473
חנניה — 23, 41
חנינא ב"ר אבהו — 414
חנינא בן דוסא — 77, 187, 203
ר' חנינא — 295, 289
חנינא בר פפא — 182, 459
חנינא בן תרדיון — 192, 234
רב חסדא — 199, 202, 298, 327-8
חסיד, ל. — 341
חפץ חיים (ר' ישראל מאיר הכהן) —
347, 352, 427, 435
חרטום, א. ש. — 285

ט

טאבארי, צבי — 474
טאינבי, ארנאלד — 198
טאלער — 417
טאציטוס — 134
טארקוועמאדא — 212
טבי — 189, 254, 260
טביומי, טובי' — 301
טברסקי, יוחנן — 353
טויב, יחזקאל — 29
טויב, שאול ידידי' אלעזר (אדמו"ר)—
373
טורא, יהודה — 269
טורנוסרופוס — 221, 223, 229
טורש, דובעריש — 273, 339
טיבעריוס — 134
טיטוס — 225
טייטאצק, יוסף — 359-60
טיקאטשינסקי, יחיאל מיכל — 463
טכורש, כ. פ. — 406
טרונק, ישראל יהושע (קוטנער רב) —
365, 374, 458, 469-70
טרונק, י. י. — 220
ר' טרפון — 55, 189, 193, 202,
217-18, 221, 226-27, 236-37,
289-94, 392, 406

י

יאושזאן, ב. — 51, 432
יאקובאוויטש, י. — 404
ידעיה הפניני — 57-59
יהואש — 310
ר' יהודה — 140, 230, 235, 283,
289-90, 292, 301, 328
רב יהודה — 237, 270, 298, 307,
339, 427, 437-38, 440-41
ר' יהודה בן בתירא — 201, 439
ר' יהודה בן תימא — 460
ר' יהודה בר אלעאי — 74, 202, 237
ר' יהודה החסיד — 325, 312, 431
ר' יהודה הלוי — 34, 55, 59, 76,
100, 125, 360, 460
ר' יהודה הנשיא—174, 185, 201-05,
216, 227-28, 232-34, 240, 288,
293, 306, 334-5, 375, 441, 450,
453, 459
יואל הנביא — 377, 387
יובל — 328
ר' יודן — 27
יהויקים המלך — 155-56
יהושע — 67, 181, 387, 391-92
ר' יהושע — 87, 202, 217, 219,
229, 238, 247, 275, 289, 427
ר' יהושע הגרסי — 222
ר' יהושע בן חנניה — 55, 235, 296,
298
ר' יהושע בן לוי — 403, 408, 421,
427
ר' יהושע פאלק — 339
יהושפט המלך — 137
ר' יוחנן — 453
ר' יוחנן — 9, 145, 176, 191, 202,
204-5, 208, 216, 248, 282,
335, 425, 427
ר' יוחנן בן זכאי — 181, 219, 220,
261, 385
ר' יוחנן בן מתיא — 163, 278
ר' יוחנן הסנדלר — 296

ר' יוחנן בן נפחא — 298
יולי, דוד — 269
יונג, לעא — 191
יונה הנביא — 163, 166, 382
ר' יונתן — 103, 137, 430
יונתן בן עוזיאל — 181
ר' יונתן בן עמרם — 203, 216
ר' יונתן מלוניל — 447
ר' יוסי — 74, 76, 201-2, 226-7, 298, 335, 337
ר' יוסי בן חלפתא — 202, 298, 414, 439
ר' יוסי בן כפר — 451
ר' יוסי ב"ר חנינא — 444
ר' יוסי בר יהודה — 306
יוסיפון, י. מ. — 474
יוסף — 15, 24, 45
ר' יוסף — 298
ר' יוסף אבן יחיא — 412
ר' יוסף בר חנינא — 453
יוסף גר צדק — 186
ר' יוסף דובער הלוי — 473
ר' יוסף הכהן — 28
יוסף הצדיק — 99, 384
ר' יוסף זונדל סאלאנטער — 349, 353, 469
ר' יוסף מטראני — 374, 437-38
ר' יוסף סאגים — 462
ר' יוסף תאומים — 316
יורם בן אחאב — 392
יחזקאל הנביא — 136, 145, 157, 377, 382, 387, 411, 450-51
ר' יחזקאל לאנדא — 210, 431
ר' יחזקאל קאצענעלנבויגן — 318
ינאי המלך — 259
ר' ינאי — 178, 199, 336
יעב"ץ, זאב — 355, 472
יעקב אבינו — 21-51, 62, 80, 101, 163, 168, 177, 183, 190, 200, 211, 218, 278, 280, 287, 289-90, 313, 382, 384, 451
ר' יעקב עמדין — 31, 78, 317-18, 413
יעקב פראנק — 315, 431
ר' יעקב שמעון שיפיטעווקאווער — 309-10, 455
ר' יעקב יוסף אסטראער — 317
ר' יעקב בי רב — 448
ר' יעקב מלאנדאן — 447
ר' יעקב פאלאק — 317
יפה, מרדכי גימפל — 473
יפת — 251, 271
ר' יצחק — 185, 202, 369
יצחק אבינו — 21-51, 62, 168, 182-83, 218, 278, 382, 451
ר' יצחק אייזיק הלוי — 191, 461
ר' יצחק בר יהודה — 461
ר' יצחק וואורקער — 41
ר' יצחק נפחא — 296
יצחק בהרב ר' שמעון סובאלק — 284
ר' יצחק מווינא — 237
ירבעם בן יואש — 150
ירבעם בן נבט — 136-37, 140, 143, 158
ר' ירמיה — 71, 287
ירמיה הנביא — 86, 140, 144-5, 149-51, 154-57, 162, 165-66, 259, 265, 356, 371, 383, 387, 400, 419, 450-51
ר' ישבב — 191
ישו מנצרת — 227, 410
ר' ישכר בער זלאטשעווער — 316
ישעיה הנביא — 27, 66, 132, 144-7, 161-51, 168, 195, 209, 228, 294, 322, 356, 377, 382, 387, 400, 410-11, 419
ישמעאל — 38, 42, 51
ר' ישמעאל — 86-87, 178, 188, 230, 439
ר' ישמעאל בר נחמן — 203, 216
ר' ישראל איסרליין — 447
ר' ישראל נאגארה — 360
ר' ישראל סאלאנטער — 100, 142, 346-50, 353
ר' ישראל פאליצקער — 316, 455
ר' ישראלטשע ריזשינער — 322, 424
ישראלי, שאול — 374-75
יתרו — 228

כ

רב כהנא — 205, 298
כהנא, דוד — 340
כהנא, קלמן — 191, 374, 462
כהנא, שמחה — 342
כהנא, ש. ז. — 111, 431
כהן, הערמאן — 361
כהן, מיכאל — 470
כהן, פינחס — 435
כהן, צבי — 169-70
כהנמאן, יוסף — 435
כי טוב, אלי' — 111, 405

כלבא, שבוע — 218, 221, 227-28, 238, 295
כמעלניצקי, באגדאן — 29, 212, 322, 394
כנען — 251, 260, 271
כ"ץ, אהרן — 435
כ"ץ, דוב — 346, 353
כ"ץ, יצחק — 110, 340, 464
כ"ץ, מרדכי — 271
כ"ץ, משה — 446
ר' כרוספדאי — 298
כשר, מנחם מ. — 59, 135, 193, 463

ל

לאה — 46
לאם, מאורים — 404
לאנדא, אברהם (אדמו"ר) — 135, 444
לאנדא, מנחם מענדיל חיים — 135
לאסאל — 133
לארבערבוים, יעקב — 11, 443-44, 474
לארד, דזשאן — 254, 271
לביא, אליעזר — 464
לבן — 36, 43, 46-47, 280, 287, 289
לוט — 51, 390
לוטער, מארטין — 362
ר' לוי יצחק בארדיטשעווער — 171, 316, 360
לוי, אליעזר — 171, 190-92, 373
ר' לוי — 15, 137-38, 414
לוי, ש. — 10
לוי בן חביב — 448
לונטשיץ, שלמה אפרים — 367
לוצאטו, משה חיים — 423
לחובר, פ. — 462
ליבערמאן, חיים — 238
לייוויק, ה. — 52, 182
ר' לייב שרה'ס — 309-10, 315
לייטער, משה — 215, 226, 233, 236-37, 239, 301-3, 373
ליינער, גרשון חנוך העניך (אדמו"ר) — 470
ליינער, שמואל שלמה (אדמו"ר) — 464
ליכטנפעלד, יעקב יצחק — 235
לינקאלן, אברהם — 261, 267, 269
ליעסין, אברהם — 353
ליפסאן, מ. — 339
ליפקין, חיים יצחק — 346-47, 353
ליפקין, יו"ט (ליפמאן) — 353
ליפשיץ, חיים — 110
ליפשיץ, יעקב — 467, 470
לעאנארד, וואלי — 40
לעארסי, רופוס — 267, 273
לעבערדעוו, נ. — 110
לעוויטאן, נעציל — 471
לעווין, אהרן — 435
לעווין, יוסף — 15
לעווין, יצחק מאיר — 435
לעווין, יצחק — 310
לעווינשטיין — 76
לענין — 250
לערער, לייבוש — 112, 171, 406
לעשצינסקי, יעקב — 314, 340
לפידות, אלכסנדר משה — 473

מ

מאהיליווער, שמואל — 365, 374, 457, 466, 469, 471, 473
מאהלער, רפאל — 191, 193, 314, 340
ר' מאיר — 9, 74, 77, 93, 98-99, 177, 184, 187, 226, 230-35, 240, 288, 289, 291, 297, 301-2, 318-319, 336, 342, 450
ר' מאירל פרעמישליאנער — 318-19, 445
ר' מאיר שמחה — 405
מאלטום — 107
מאנטעפיארע, משה — 473
מאנטעפיארע, קלאוד — 250
מאראים, שבתי — 269-70
מארגאן, לאיד — 103
מארגעל — 266
מארגענשטערן, ישראל (אדמו"ר) — 456, 469
מארקום, אוריליום — 406
מארקום, אהרן — 470
מארקס, קארל — 132-33, 135, 250, 301, 339
מהר"י בי רב — 462
מהר"ל מפראג — 76, 130, 245, 383
מהר"ם מרוטנבורג — 29, 50, 447, 449
מהר"ם מלובלין — 405
מהרש"א — 237, 316, 326
ר' מונא — 280
מונבז המלך — 177

מוסנזון, בן ציון — 189
מיטלבערג, אברהם — 216
מיכה הנביא — 144, 146, 152, 162, 164-8
מיכיהו — 141
מייזל, אלי' חיים — 457, 470, 473
מילנער, י. — 338
מימון — 20
מימון, אברהם — 462
מימון, י. ל. — 191, 222-223, 235, 271, 340, 342, 374, 8-447, 2-461, 464, 8-467, 741, 4-473
מיעלניצער, משה — 273
מירקין, ח. — 341
מישאל — 23, 41
מלאכי הנביא — 144, 151, 166, 175, 382, 409
מלאכי, א.ר. — 353
מלבי"ם — 396, 412, 458
ר' מנחם מענדל וויטעבסקער — 316, 455
ר' מנחם מענדל פרעמישליאנער—455
ר' מנחם המאירי — 326
מנשה — 152
מעלצער, איסר זלמן — 435
ר' מענדעלע רימאנאווער—214, 321, 384, 425
מענעס, א. — 84, 112, 191, 278, 284
מעקדוגעל, וויליאם — 107
מעקלענבורג, יעקב צבי — 40, 191, 270
מעריסאן, י. — 110
מרגלית, מאקס — 170
מר זוטרא — 199
מרמורשטיין, א. — 31-430, 464
מרמר, קלמן — 40-138, 70-169
מר עוקבא — 237
משה רבינו — 22, 36, 61, 66, 67, 75, 77, 89, 90, 97-92, 27-124, 151, 168, 76-174, 179, 182, 199, 19-217, 224, 57-256, 313, 387, 400, 421, 441, 452
ר' משה אלשיך — 462
ר' משה לעלעווער — 455
ר' משה מטראני — 374, 38-437, 462
ר' משה קארדאווערא (רמ"ק) — 87, 111, 122, 462
ר' משה רבקה'ש — 26-325, 343
ר' משולם פייביש זבארזשער — 317
ר' מתיא בן חרש — 385

נ

נאטאנסאָן, וויליאם — 76, 135, 407
נאטאנסאָן, יוסף שאול — 273, 405
נאסינג, אלפרעד — 462
נאפּאָלעאָן — 26-425
נארדוי, מאקס — 304
נבוכדנאצר — 23, 71, 299
נבות היזרעאלי — 41-137, 253, 388
נבל — 385
ר' נהוראי — 9-288, 292, 19-318, 342
נח — 131, 134, 251
נחום הנביא — 387
נחום איש גם זו — 18-217
נחום איש קודש הקדשים — 309
ר' נחום טשערנאָבילער — 316, -322 320
נחום, נסים — 435
ר' נחוניה בן הקנה — 13
נחמיה — 143, 333, 357, 397
ר' נחמיה — 230
נחמי' חיון — 431
רב נחמן — 177
ר' נחמן בראסלאווער — 319, 340, 360, 406, 415, 455, 457
ר' נחמן הארדאנקער — 455
נחמני, י. — 470
נחש העמוני — 325
ניומאן, ארי' — 462
נייפעלד, אלימלך — 474
ניסנבוים, יצחק — 457, 68-466, 473
ניצשע — 65, 14-313
נירון קיסר — 235
נמרוד — 23, 51, 70, 77
נעמיאָווסקי ,אנדזשיי — 266
ר' נפתלי ראפשיצער — 35, 26-425
נקדימון בן גוריון — 295
נריה, צבי — 364, 374
נתן הנביא — 79, 128
ר' נתן הבבלי — 441
ר' נתן — 452, 459

ס

סאלאווייטשיק, חיים — 436
סאלאווייטשיק, יוסף דוב — 239, 437
סאפאקלעס — 18-117, 242

סאקאלאוו, נחום — 76, 191, 342, 362, 464, 474
סאקראטעס — 242, 417
סגל"י, ארי' לייב — 455
סולומון, נסים — 192, 216, 235-37, 240, 303
סופר, אברהם שמואל בנימין — 67
סטאלניץ, נתן — 52
סטראשון, אליעזר — 473
סטערנבערג, פ. — 407
סידארסקי, דוב — 346
סט. אוגוסטין — 118
סיימאן, שלמה — 135, 168-70
ר' סימון — 77
ר' סימי בר אשי — 298, 303
סיסרא — 224
סלוצקי, אברהם יעקב — 466, 473
סלושץ, שלמה — 457, 466
סמיט, ג. א. — 710
סעגאלאווסקי, מארטין — 393
ר' סעדיה גאון — 63, 157, 270, 420, 431
סענעקא — 117-20, 134, 361
ספענסער, ה. — 102
ספעקטאר, יצחק אלחנן — 65, 365, 374, 458, 467, 470, 473

ע

רבנו עובדיה מברטנורא — 462
עוזיה המלך —150, 158
עוזיאל, ב. צ. — 214, 449
עולא — 202
עזרא הסופר — 61, 143, 181, 333, 397
עזריה — 23, 41
עכילעס — 242, 270
עלי — 36
עליאשבערג, יונתן — 473
עליאשבערג, מרדכי — 365, 374, 457-58, 465-66, 473
עליאשעוו, דר. איזידאר (בעל-מחש-בות) — 362-63
עמוס — 144, 146, 148, 150, 161-158, 164, 313, 357, 382, 400
עמיאל, משה אביגדור — 128, 135, 192, 354
עמלק — 386, 388, 390-93, 397, 399, 402-3
עמפידאטום — 242
עמפידאקלום — 417
ענגעלס, פרידריך — 133, 311, 339
עפיפאנעס, אנטיוכוס — 357
עפיקור — 117
עפשטיין, ברוך — 15, 53, 177, 191, 273
עפשטיין, משה מרדכי — 435
ר' עקיבא בן יוסף — 25, 28, 50, 54-55, 61-62, 82, 95, 123, 130-129, 179, 182, 186, 191-93, 200-2, 217-40, 249-50, 270, 275, 292, 298, 296, 316, 334, 392, 406, 450-51
עריק, מאקס — 340
עשו — 32, 36, 46, 47, 80

פ

פוטשמאן, חיים (רמבני) — 341
פיכמאן, יעקב — 192
פילא — 243, 362
פילעניום — 117
פינקל, נתן צבי — 351
פירשט, ישעי' — 435
פלאוויוס, יוסף — 198, 274, 342
פעדערבוש, שמעון — 110, 263, 270-71, 284, 339-42, 405-6
פעלדער, גדלי' — 51, 272, 285, 339, 372, 462
פעלדמאן, ש. ב. — 284
פראנץ, יוזעף — 315
פראנק, צבי פסח — 374, 462
פרידמאן, א. — 431
פרידמאן, אלכסנדר זושא—184, 192
פרידמאן, דוד — 473
פרידמאן, יעקב (אדמו"ר) — 456
פרידמאן, נתן — 468
פרענקלין, בענדזשאמין — 243, 254
פרענקל, איסר — 236

פּ

פּאפּענהיים, וואלף — 435
פּוסק, הלל — 462
פּינחס — 399-400
פּינחס הסתת — 202, 296
ר' פּינחס בן יאיר — 26, 28, 94
ר' פּינחס קארעצער — 309-10
פּינסקער, ל. — 466
פּינעס, יחיאל מיכל — 473
פּלאטאָ — 59, 103, 117-20, 125, 242, 246, 301, 417
פּלאצקי, מאיר דן — 435

פעטרושקא, שמחה — 110, 302, 334, 342, 375
פערלא, סלמן אבינדור — 341
פערלמוטער, אברהם צבי — 435
רב פפא — 202, 264, 298
פראמעטעאום — 270
פרודאן — 133, 361
פשחור בן אימר — 265

צ

ר' צבי ארי' אליקער — 455
ר' צבי הירש רימאנאָווער — 445
ר' צבי חנוך הכהן — 435
ר' צדוק הכהן מלובלין — 85, 112, 235, 271, 423, 460
צדקיה בן כנענה — 141
צדקיהו — 259
צונץ, יו"ט — 78
ציגלער, טעאָדאָר — 73
ציטרון, ש. ל. — 462
צייטלין, הלל — 32, 57-59, 76, 135, 165, 224, 270, 359, 368
ציצערא — 121, 266
צירלסאָן, י. ל. — 470
צפניה — 362, 420

ק

קאוואלסקי, י. ל. — 470
קאָזשעניצער מגיד (ר' ישראל) — 53, 77, 425-26
קאטשערגינסקי, ש. — 432
קאלישער, צבי הירש — 364, 446-442, 458, 462, 465, 467-70
קאמינקא, א. — 240
קאנט, עמנואל — 347
קאסאווסקי, חיים יהושע — 347
קאסאטא, מ. ד. — 285
קאסיום — 134
קאפין, הענרי סלאון — 46
קאפלאן, ה. א. — 52
קאפליש, דוד — 445
קאצנלבוינגן, רפאל — 338, 435
קארו, יוסף (בעל השו"ע) — 191, 374, 462
קארליבאך, ד. — 372
קארלין, א. — 110, 375
קארעליץ, אברהם ישעי' (חזון איש) — 366
קארקאסאני, דוד — 29
קויפמאן, יהודה אבן שמואל — 50
קויפמאן, סיגמונד — 269
קולער, מאקס — 104
קוק, אברהם יצחק (רב ראשי) — 82, 110, 277, 284, 355, 365-66, 374, 460, 467-68, 471-72
קוק, צבי יהודה — 474
קיידנאווער, צבי הירש — 309
קין — 19, 57, 70, 74-75, 244, 402
קירקערגארד — 37
קירשענבוים, דוד — 52-53
קלאצקין, אלי' — 435
קלוגער, שלמה — 445, 462
קלויזנער, יוסף — 198, 271, 275, 397
קליין, ש. — 463
קעלמער מגיד — 348, 350
קאָצקער רבי (רבי מנחם מענדל)—130
קראוויץ, נ. — 285, 404
קראטשע — 65
קראכמאל, מנחם מענדל — 323-24
קראנץ, יעקב (דובנער מגיד) — 343, 345
קראפאטקין, פעטער — 83, 133
קרעמער, משה — 343
קרעמיע, אדאלף — 469
קרעסל, ג. — 462

ר

ראובן — 15
ראב"ד — 339
ראבינאָוויטש, יצחק אייזיק הלוי — 436
ראבינאָוויטש, מ.ד. — 110, 193
ראבינאָוויטש, עקיבא יוסף — 470
ראבינאָוויטש, צבי יהודה — 169, 237
ראבינער, זאב — 473
ראווניצקי, י. ח. — 111, 169, 271
ראזאווסקי, פינחס — 473
ראזנבערג, יהודה — 412, 432
ראָזנצווייג, ל. — 52
ראָזנבערג, ש. — 235
ראָזנהיים, יעקב — 142, 435
ראָזנטאל, יהודה — 191, 193, 306, 338, 372
ראָזנטאל, אברהם דוד — 374
ראזמארין, א. — 46, 110, 236
ראטה, משולם — 405
ראטשילד — 311

ראסל, בערטראנד — 87
ראקער, רודאלף — 76
ראפאל, מארים יעקב — 269-70
רא"ש — 266
רב (אבא אריכא) — 53, 87, 184-85, 193, 203-04, 216, 237, 274, 283, 287, 298, 320, 430, 441, 453
רבא — 53, 87, 175, 264, 295, 305, 329, 336, 370
רבה בר נחמני — 65, 327-8
רבה בר חנא — 320, 453
רבינא — 185, 450
רבינוביץ, צבי מאיר — 236, 464
רבקה — 36, 46-47
רדב"ז — 438
רד"ק — 33, 51, 141
רובין, מרדכי לייב — 435
רובינשטיין, ש. ת. — 110
רוזוועלט, פ. ד. — 432
רונס, דאגבערט ד. — 76
רוסא — 254
רופין, א. — 314
רוקח, אהרן (אדמו"ר) — 456
רחל — 46
רחל (טאָכטער פון כלבא שבוע) — 218
ריבקינד, יצחק — 172, 216, 308-10, 373
ריב"ש — 317
ריינעס, יצחק יעקב — 465-66, 473
רינגעלבלום, עמנואל — 314, 340
ריש לקיש — 9, 72, 77, 204-05, 336
רלב"ח — 462
רמ"א — 14, 238, 405
רמב"ם — 20, 23, 26, 28, 31, 39, 50, 53, 55, 6 ,59-745, 76, 81, 82, 110, 135, 143, 157, 179, 186, 191, 204, 219, 228, 238, 24, 252, 260, 267, 271-72, 280-279, 306-07, 325, 334-7, 355, 362-64, 368, 371, 388, 390-93, 397, 402, 405-6, 414, 419, 421, 428-31, 436-39, 441-42, 445-50, 454
רמב"ן — 33, 39, 51, 63, 132, 245, 308, 391, 402, 406, 434, 437-42, 447, 454
רמון, י. צ. — 171
רמח"ל — 170
ר' רפאל הכהן — 426
רפאל (וורפל) יצחק — 191, 307, 462, 464, 474
רשב"א — 15, 65, 135, 221
רשב"ם — 65
רשד"ם — 438
ר"ש משאנץ — 447
רש"י — 30, 33, 51-53, 77, 239, 243, 254, 261, 271, 360, 369, 402-3, 427-40

ש

שאול המלך — 35, 80, 144, 163, 186, 386, 389, 393, 399, 402
שאפירא, מאיר — 435
שאפענהויער — 313
שאצקי, יעקב — 314
שבתי צבי — 315, 413, 415-16
ר' שבתי הכהן (ש"ך) — 213, 308, 323
שווארץ, י. י. — 372, 407
שווארצמאן, מאיר — 52, 464
שוים, חיים — 71, 169
שולוואס, מ. א. — 338, 462
שורין, אהרן בן-ציון — 473
שזר, זלמן — 464
שחראי, א. א. — 341
שטיין, ל. מ. — 353, 373
שטיינמאן, אליעזר — 338
שטערנבערג, ש. ל. — 110, 170
שטראשון, אדם — 76, 192, 302
שטרייכער, יוליוס — 212
שיפער, יצחק — 314, 340
שלונסקי, א. — 42
ר' שלמה אבן גבירול — 57
ר' שלמה הכהן — 446-47, 473
ר' שלמה הכהן (אדמו"ר) — 464
שלמה המלך — 102, 145, 275-78, 296, 299, 305, 382, 388, 394, 419
שלמה מולכו — 416
שלמה מיימון — 314
שלמנאסר — 154
ר' שלמה זלמן — 343
שלעזינגער, אברהם — 373
שלעזינגער, עקיבא יוסף — 330
שם — 251, 271
שמאי — 181, 185, 202, 218, 296
ר' שמלאי — 30, 192, 414

שמואל הנביא — 144-45, 151, 154, 166, 387, 399, 403
ר' שמואל בר יצחק — 264
ר' שמואל בר נחמני — 86, 335-6, 392, 413, 430
ר' שמואל בר שילת — 274, 283
ר' שמואל הנגיד — 360, 410
שמואל ירחינאה — 72, 185, 197, 252, 270, 307, 339, 419, 440-41, 453, 463
ר' שמחה בונם — 27, 42, 249, 408
ר' שמחה זיסל — 347-48, 351
שמחוני, י. נ. — 303
שמעיה — 282, 288, 291, 335
שמעיה הנביא — 155, 179, 233
ר' שמעון — 230, 240, 293, 328
ר' שמעון בן גמליאל — 71, 124, 185, 235, 324, 389, 406
ר' שמעון בן אלעזר — 88, 195
ר' שמעון בר אבא — 452
ר' שמעון בן חלפתא — 381, 433
ר' שמעון בן יהוצדק — 450
ר' שמעון בן יוחאי — 14, 28, 56, 73, 127, 195, 220, 225, 232-34, 307, 316, 414, 452-53
ר' שמעון בן מנסיה — 297
ר' שמעון בן רבי — 203, 216
ר' שמעון בן שטח — 202, 259, 396, 406
ר' שמעון הפקולי — 202, 295-96
שמשון — 390
ר' שמעלקע הורוויץ — 316
ר' שניאור זלמן — 316-20, 344, 347, 413, 425, 454
שניאורסאָן, יוסף יצחק (אדמו"ר) — 413
שעקספיר, וויליאם — 304
שפינאָזע, ברוך — 66, 76, 83, 86-7, 135, 175, 191
שפירא, חיים מאיר יחיאל (אדמו"ר) — 456
שפירא, דוד ש. — 135, 272, 404, 406
שפירא, ישעי' — 456
שפירא, צבי אלימלך (אדמו"ר) — 445
שפעטמאַן, יהושע — 216, 285
שרגאי, ש. ז. — 110, 134, 190, 215, 284, 332, 375, 417, 464
שרה — 27, 32, 38, 42, 51, 113, 381
ר' שרירא — 337
רב ששת — 298, 300

ת

תאומים, זירא — 170
תאומים, יוסף — 170
תאומים־ראבינאָוויטש, בנימין — 372
תובל קין — 75, 328
תירוש, י. — 474
ר' תנחומא — 200
תרח — 19, 48

באמערקטע דרוק־פעלערן

זייט		געדרוקט	דארף זיין
80		פיינטשאסט	פיינטשאפט
82		אלעזר	יוחאי
94		תלמוד	תלמיד
124		צערפעלטקייט	צעפערטלטקייט
125		דער גייסטיקער	די גייסטיקע
125		באוואסוזיין	באוואוסטזיין
135		פנוך	חנוך
135		דע״ב	רע״ב
136		חשבותם	השבותם
139		קלאסן	קלאסן
140		קאמף	קאמף
142		רבונו	רבנו
165		וועטר	ווערט
171		יל	לי
182		אילו קרא	אילו לא קרא
182		רווחים	ריווחים
201		פארליכט	פארלירט
202		ווית קומען	וועט
202		אב אושיעא	אבא אושיעא
216		לפומי	לפומי׳ דרב
227		נוצרת	נצרת
245		(1194	אן קלאמערן
265		ער	עס
266		או ן	און
273		וכבושה	וכבשוה
284		היסטאירשע	היסטארישע
295		טאפל בר קפרא	איין מאל
301		י. הילקוויט	מ. הילקוויט
317	שורה 20	פיביש — איבעריק, ס׳פעלט איין קלאמער (דער גרויסער . .	
317	שורה 21	סון	פון
327		באהנדלען	באהאנדלען
340	שורה 45	הערות — ארויסגעלאזט ווארט פיינט און ס׳דארף זיך לייענען פיינט געהאט געלי	
341		האידלוגיה	האידיאולוגיה
342	הערה 36	הצבור	הצבורי
357	ערשטע שורה	מחללי	מחללו
363	שורה 20	איין מאל	איין יאר
374	הערה 11	ארויסגעלאזט שורה 7, וואס לייענט זיך: דער דעה פון רמב״ם, אי שמיטה בזמן הזה, מן התורה, די מיינונג פון מערסטע . .	
374	שורה 10	טאפל	
383		קלאמער נאכן ווארט לעיסה	איבעריק
397	שורה 9, אונטן	עטניש	עטיש
406	הערה 63	שלם	שלום
420		והדעת	והדעות
421		יכי׳	וכו׳
449		הונדערט	פערציק
462	הערה 25	מברטנורא	מברטנורא

N. SHEMEN

JEWISH ATTITUDE TOWARD LABOUR

Social Justice, Based on Biblical, Talmudic and Rabbinic Studies

VOLUME I

TORONTO, CANADA
1963